STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04705

# YIDISHE FOLKS-ENTSIKLOPEDYE

Symcha Pietruszka

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Hugo & Elaine (Raboy) Kuntz*
*in memory of*
*Isaac Raboy, a wonderful Yiddish writer*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידישע
# פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע

פאַר יידישע רעליגיע, געשיכטע,
פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, ביאָגראַפיע,
לענדער־קיבוצים און אַנדערע ענינים

— פון —

**שמחה פּיעטרושקא**

צווייטער באַנד

י — ת

מאָנטרעאל 1943

PRINTED IN CANADA

דרוקעריי פון „קענעדער אדלער“

Book Store
91 Water St.

THE JEWISH POPULAR ENCYCLOPEDIA

*copyright by*

SYMCHA PIETRUSZKA

Montreal, 1943

*Printed by*

THE EAGLE PUBLISHING CO. LIMITED

MONTREAL, CANADA

# הקדמה

אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד פון דער דאָזיקער יידישער פאָלקס-ענציקלאָפעדיע, וועלכער איז געדרוקט געוואָרן מיט 9 חדשים צוריק, אין יאַנואַר 1943, איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די האָזיקע ענציקלאָפעדיע איז צוליב פאַרשידענע סיבות שטאַרק פאַרקירצט געוואָרן. נאָכמער בין איך געצוואונגען געוואָרן מקצר צו זיין אין דאָזיקן 2טן באַנד, אַזוי אַז דאָס מאַטעריאַל וואָס ווערט דאָ פאַרעפנטלעכט פאַרנעמט ניט מער ווי אַ דריטל פון דעם וואָס איך האָב געהאַט אָנגעשריבן. דאָס איז דעריבער אַ „קיצור-ענציקלאָפעדיע״. אָבער אין דאָזיקן קיצור האָב איך מיך באַמיט צו געבן די עלעמענטאַרע ידיעות וועגן די הויפּט-ענינים פון יידנטום, און איך האָב מיך אויך באַמיט צו געבן דעם האָזיקן קיצור אַ פּאָפּולערן כאַראַקטער, סיי אין סטיל, אין זאַץ-בוי, סיי אין צוקלייב פון די ווערטער, אויסמיידנדיק ווי ווייט מעגלעך די פאַרשידענע שווערערע ניט-פּאָפּולערע ווערטער, און סיי אין צוקלייב פון מאַטעריאַל זעלבסט.

צוליב דער אַרבעט פון מקצר זיין דאָס אָנגעשריבענע מאַטעריאַל און צוליב דעם וואָס איך האָב ניט געקאָנט אָפּגעבן גענוג צייט אויף קאָרעגירן דעם מאַנוסקריפּט און די דרוק-בויגן, זענען אַריינגעפאַלן אַ סך פעלערן, אַם-מייסטנס דרוק-פעלערן, באַזונדערס אין דער פּונקטואַציע, און נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי, פון 1טן באַנד, האָב איך פאַראָכטן צום סוף פון 2טן באַנד.

איך וויל נאָכאַמאָל דערקלערן (וואָס איך האָב שוין געטאָן אין דער הקדמה צום 1טן באַנד), אַז זייער אַ סך גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, סיי פון די פריערדיקע דורות, סיי פון דער היינטיקער צייט, גרויסע לומדים, מחברים, געלערנטע וויסנשאַפטס-מענער, עסקנים, שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, זענען ניט אַריינגעקומען אין דער דאָזיקער ענציקלאָפעדיע, ניט חלילה צוליב אונטערשאַצונג פון זייער ווערט, נאָר וויל איך האָב געמוזט שטאַרק פאַרקלענערן אויך די צאָל פון די זכווערטער. מסתמא זענען באַבאַנגען געוואָרן דורך מיר פעלערן בײַם אָנטשיידן וועמען יאָ אַריינצוגעבן און וועמען ניט.

דורך דער צייט פון דרוקען דעם 2טן באנד זענען פארגעקומען גרויסע ענדערונגען אין לעבן פון יידישן פאלק. פון איין זייט איז באזייטיקט געווארן די פארניכטונגס-געפאר, וועלכע האט געדראט ארץ-ישראל, דעם גאנצן דארטיקן ישוב, איבער א האלבן מיליאן יידן, דורך די נאציסטיש-דייטשע חיילות אין צפון-אפריקע. די דייטשע ארמייען אין צפון-אפריקע און סיציליע זענען פארניכטעט געווארן און די שלאכטפעלדער זענען אפגערוקט געווארן ווייט פון ארץ-ישראל, א וואונדערלעכע ישועה-פאסירונג. אבער פון דער צווייטער זייט באשטעטיקן זיך די שוידערלעכע ידיעות וועגן דער אויסמארדונג פון מיליאנען יידן דורך די נאצים אין מזרח- און מיטל-אייראפע. ווען איך שרייב די דאזיקע הקדמה זענען נאך אלץ ניט פאראן קיין קלארע ידיעות פון פוילן, רומעניע, ליטע, באלטישע לענדער, אוקראינע, ווייס-רוסלאנד, טשעכאסלאוואקיע און אפילו דייטשלאנד זעלבסט. לויט טייל מעלדונגען זענען אומגעקומען איבער 4 מיליאן יידן. לויט אנדערע ידיעות 2 מיליאן יידן. אזעלכע יידישע קהלות ווי ווארשע, לאדז, ווילנע, לעמבערג און הונדערטער גרויסע און קליינע קהלות זאלן זיין אינגאנצן אפגעמעקט. דאס איז די שרעקלעכסטע פאסירונג אין דער גאנצער יידישער געשיכטע, און איר איינפלוס אויף די קומענדע יידישע דורות איז זיך קוים מעגלעך פארצושטעלן. די פארניכטונג פון קאלאסאלע צאלן יידישע מאסן, דאס אומקומען פון די באדייטנדסטע יידישע אינטעלעקטועלע כחות, דער חורבן פון די גרעסטע צענטערס פון יידישן לעבן, לערנען, קולטור, געזעלשאפטלעכקייט, דאס איז דער גרעסטער חורבן אויפן גאנצן שטח פון דער געשיכטע פון יידישן פאלק. אין דער דאזיקער ענציקלאפעדיע האט ליידער ניט געקאנט געגעבן ווערן דער פולער אויסדרוק צו די אלע פאסירונגען, און איך האב מיך באמיט צו געבן, וויפל איך האב געהאט די מעגלעכקייט, אין פארשידענע זוכווערטער, עטוואס דערפון.

דורך דער צייט פון דרוקען די ענציקלאפעדיע זענען פארגעקומען טויטפאלן פון טייל פערזענלעכקייטן, וועלכע ווערן אין דער דאזיקער ענציקלאפעדיע דערמאנט (ווי משה נאדיר און אנדערע), אבער צוליב דעם וואס די בויגנס זענען שוין געווען געדרוקט, איז געווען אוממעגלעך צו מאכן ענדערונגען.

איך האלט פאר נויטיג אפצוצאלן דא א הייליקן חוב און אויסצודריקן א דאנק הער לאזארוס פיליפס פון מאנטרעאל, וואס א דאנק זיינע באמיאונגען זענען מיר, איך און מיין פאמיליע, ארויסגעראטעוועט געווארן פון פוילן, פון דעם לאנד, וואס איז פארוואנדלט געווארן דורך די נאצים אין

אַן ארץ הדמים פֿאַר מיליאָנען יידן, צווישן וועלכע עס זענען אומגעקומען פיל פֿון מיינע פריינט, שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט אין דער יידישער פרעסע צענדליקער יאָרן, ועל אלה אני בוכיה.

איך וויל דאָ דערמאָנען מיין ליבע שוועסטער טויבע־רחל און מיין שוואָגער יצחק בלומבערג און זייערע קינדער, וועלכע זענען געווען אין געטאָ אין וואַרשע, און מיר האָבן ניט פֿון זיי קיינע ידיעות.

אין דער צייט פֿון דרוקן דעם 2טן באַנד איז מיר אָנגעקומען פֿון ארץ־ישראל די ידיעה, אַז דאָרט, אין תל־אביב, איז געשטאָרבן אין טאָג י״ג סיון תש״ג, אין עלטער פֿון 76 יאָר אמי מורתי, מיין טייערע, גוטע מוטער, חיה דינה פּיעטרושקאַ זכרונה לברכה, וועלכע איז געווען פֿאַר מיר און פֿאַר אונזער גאַנצער פֿאַמיליע אַ קוואַל פֿון ליבשאַפֿט און איבערגעבנקייט און גוטער דערציאונג. דעם אָנדענק פֿון מיינע עלטערן, מיין פֿאָטער ר׳ ישראל יצחק ז״ל און מיין מוטער חיה דינה ז״ל ווידמע איך מיין דאָזיקע אַרבעט.

מאָנטרעאָל, ענדע מנחם אב תש״ג, אויגוסט 1943.

שמחה פּיעטרושקאַ

# ואלה יעמדו על הברכה

אין ערשטן באַנד האָבן מיר געגעבן די נעמען פון נדבנים, וועלכע האָבן פינאַנציעל מיטגעהאָלפן אַרויסצוגעבן די פאָלקס-ענציקלאָפּעדיע. מיר געבן דאָ די רשימה פון נאָך נדבנים, וועלכע האָבן געהאָלפן פינאַנציעל צו דער ענציקלאָפּעדיע-אויסגאַבע און עס ווערט זיי אויסגעדריקט דורך דעם מחבר דעם האַרציקסטן דאַנק.

תורה ועבודה, טאָראָנטאָ.

הרב משה ישר, ניו-יאָרק.

הרב מ. גאָרדאָן, ניו-יאָרק.

הערץ לעוואַזער, ניו-יאָרק.

הרב י. מ. גאָרדאָן, ניו-יאָרק.

קרויסהאַר פונדאַציע, ניו-יאָרק.

ח. י. זייפּמאַן, טאָראָנטאָ.

ע. סאָקאָל, טאָראָנטאָ.

אדאָלף העלד, ניו-יאָרק.

„ליטל מים״.

לאַזאַרוס פיליפּס, מאָנטרעאַל.

י. ל. געווירץ, מאָנטרעאַל.

פירמע „האַנטינגדאָן וואולען מילס״, דורך אברהם וויינטרויב און ברידער האַסקעס.

ח. מ. קייזערמאַן, מאָנטרעאַל.

א. סאַדלער, מאָנטרעאַל.

א. סאַנדערסאָן, מאָנטרעאַל.

ברידער סיגעל, פון דער פירמע „פירלעס קלאָדינג״, מאָנטרעאַל.

„דאָמיניאָן גאַרטער״, מאָנטרעאַל.

א. י. ראָס, מאָנטרעאל.

אב. פליישער, מאָנטרעאל.

סעם וועגנער, פון פירמע „וועגנער לימיטעד“, מאָנטרעאל.

אַלעקסאַנדער וויין, ניו־יאָרק.

מאָריס וויין, מאָנטרעאל.

מר. מעסינג, ניו־יאָרק.

מ. גינזבורג, מאָנטרעאל.

דוד ניומאַן, טאָראָנטאָ.

ליפערט און ריטשער פון „סטאַנדאַרד ספּאָרט“, מאָנטרעאל.

פּסח מילשטיין, ניו־יאָרק.

טשאַרלס פּיש, מאָנטרעאל.

מאַקס טייטלבוים, קאסטא ריקאָ.

יחיאל און רבקה כספּי, תל־אביב.

**י (יוד)** צענטער בוכשטאב אין העברעאיש און יידישן אלף-בית; אלס ציפער האט ער די באדייטונג פון 10; צוליב דעם וואס מען האט נים געוואלט ארויסשרייבן דעם נאמען פון גאט אין פולער פארם (יהוה) פלעגט מען אין שריפט און דרוק, צום אויסדרוק פון גאטס נאמען, אויך זיך באנוצן מיט צוויי בוכשטאבן יוד, י"י; די קליינקייט פון בוכשטאב יוד, וואס זעט אויס ווי א פינטל, און אויך ווייל „יוד" האט געקלונגען „ייד", איז געשאפן געווארן דער אויסדרוק „פינטעלע ייד".

**יאזעפוס פלאוויוס** זע „פלאוויוס".

**יאיר** זון פון מנשה; אין חומש במדבר ל"ב ווערט דערציילט אז ער האט איינגענומען א געגנט אין עבר הירדן, אין גלעד און ער האט איר א נאמען געגעבן „חות יאיר"; אין דברי הימים ב' כ"ב ווערט געזאגט, אז יאיר איז געווען א זון פון שגוב; אין שופטים י, ווערט דערציילט וועגן א יאיר הגלעדי וועלכער האט געהערשט איבער ישראל 22 יאר און האט געהאט 30 זין, און אויך מיט זיין נאמען איז דארט פארבונדן די געגנט „חות יאיר".

**יאמאיקא** אינזל פון די וועסטאינדישע אינזלען ביי אמעריקע, געהערט צו דער בריטישער אימפעריע; יידן וואוינען דא פון אנהויב 17טן יארהונדערט, אמייסטן ספרדישע (פארטוגעזישע); איצט געפינען זיך אין יאמאיקא ביי 3,500 יידן, אמייסטן אין דער הויפטשטאט, קינגסטאן.

**יאסט, יצחק מרדכי** (1793—1860 אין דייטשלאנד), יידישער געשיכטעפארשער, דער ערשטער וואס האט געשריבן א פולשטענדיקע יידישע געשיכטע („געשיכטע דער איזראעליטן", אין 9 בענדער, דערשינען אין בערלין 1820-8); ער האט געשריבן „געשיכטע פון יידנטום און זיינע סעקטן" (לייפציג 1857-9); ער האט אויך ארויסגעגעבן א העברעאישן זשורנאל „ציון"; אין ערש און גרובערס ענציקלאפעדיע האט ער געשריבן וועגן דער יידישער שפראך מיטן נאמען „יודענטייטש".

**יאסטראוו, מרדכי** (1829 אין פרייסיש-פוילן — 1903 אין אמעריקע); געווען צוערשט פרעדיקער אין דער אסימיליאטארישער סינאגאגע אין ווארשע; אין דעם פוילישן אויפשטאנד 1861 איז ער ארעסטירט געווארן דורך די רוסן און נאך דער באפרייאונג איז ער אוועק צוערשט קיין דייטשלאנד, נאכער קיין אמעריקע, וואו ער איז געווען רעפארם-ראבינער אין פילאדעלפיע; זיין וויכטיקסט ווערק איז דאס אראמעאיש-תלמודיש ווערטערבוך אין ענגליש 1903-1886).

**יאפאן** לאנד און אימפעריע אין וויטן אזיע, אויף אינזלען; פארנומען אין דער לעצטער צייט מאנדזשוריע און אנדערע טיילן פון כינע; ווי אויך די פיליפינען, האלענדיש אינדיע און א ריי אנדערע לענדער. דאס אייגנטלעכע יאפאן האט 70 מיליאן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 20 טויזנט יידן, וועלכע זענען געקומען מייסטנס פון פוילן, ליטע און רוסלאנד, אין די מלחמה יארן 1939-1941; דער גרעסטער טייל פון די יידן וואוינט אין קאבע; טייל וואוינען אין דער הויפטשטאט טאקיא. מיטן פארנעמען מאנדזשוריע און אנדערע טיילן פון כינע זענען אונטער דער יאפאנישער הערשאפט

נאָך צענדליקער טויזנטער יידן. די באַציאונג פון יאפּאַן צו יידן איז לעצטנס געווארן אַ פיינטלעכע, אונטער דעם איינפלוס פון איר שותּף אין דער מלחמה, נאַצי־דייטשלאַנד.

**יאָר** דאָס יידישע יאָר הויבט זיך אָן לויטן תנ"ך פון חודש ניסן (שמות י"ב, „החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה"); ערשט שפּעטער, ווארשיינלעך נאָך גלות בבל, האָט מען איינגעפירט צו ציילן דעם אָנהויב פון יאָר פון חודש תשרי. דאָס יאָר האָט 12 לבנה־חדשים, נאָר כדי אויסצוגלייכן דאָס יאָר פון דער לבנה (שנת הלבנה) מיט דעם יאָר פון דער זון (שנת החמה) וואָס איז גרעסער מיט לערך 11 טעג, האָט מען איינגעפירט עבור יאָרן, וועלכע האָבן צו 13 מאָנאַטן; וועגן דעם אַלעם אויספירלעכער אין זוכווערטער „אדאם תקופה", „חדש", „קאַלענדאַר", „ראש השנה".

**יאָרצייט** טאָג אין יאָר, אין וועלכן עס איז געשטאָרבן אַ פּערזאָן; מען זאָגט למשל „אין 7טן אדר איז די יאָרצייט פון משה רבנו", דאָס הייסט, אַז 7 טעג אין אדר איז משה רבנו געשטאָרבן. עס איז אַ מנהג צו פייערן דעם יאָרצייט פון עלטערן, פון פאַרשטאָרבענעם פאָטער און מוטער. אין דאָזיקן טאָג (פון דער נאַכט פריער) צינדט מען אָן אַ ליכט אָדער אַ לעמפּל, וואָס ברענט דעם גאַנצן מעת־לעת, און דער בעל היאָרצייט דאַווענט יענעם טאָג פאַרן עמוד און זאָגט קדיש. יעדנפאַלס, אפילו די יאָרצייט לייט וואָס דאַווענען נישט פאַרן עמוד, זאָגן אויך קדיש; געוויינלעך באַקומט דער בעל־היאָרצייט אַן עליה צום ספר. דער מנהג פון יאָרצייט איז זייער אַלטער. אין דער גמרא נדרים י"ג איז פאַראַן, אַז מען פלעגט יענעם טאָג זיין אין אַ געוויסן טרויער. רש"י אין יבמות קכ"ב ברענגט די תשובות הגאונים, אַז אין יאָרצייט פון גרויסע מענטשן פלעגט מען לערנען פאַר זייער אָנדענק. דער ערשטער וואָס ברענגט דעם אויסדרוק „יאָרצייט" איז רבי אייזיק טירנאַ (זע „טירנא") אין זיין „מנהגים"; די ספרדים רופן יאָרצייט „נחלה"; עס איז אַ מנהג צו לערנען אין יאָרצייט משניות, פּרקים, וואָס הויבן זיך אָן מיט די אותיות פון נאָמען פון נפטר און לויט דער קבלה איז דאָס אַ תיקון פאַר דער נשמה, ווייל משנה האָט די זעלבע אותיות וואָס נשמה. די ספרדים זענען זיך נוהג צו לערנען זוהר אין יאָרצייט. אין שלחן ערוך יורה דעה ת"ב און די מפרשים ש"ך און ט"ז ווערן געבראַכט די חלוקי דעות צי אויך די ערשטע יאָרצייט דאַרף זיין לויטן טאָג פון שטאַרבן צי לויטן טאָג פון קבורה. באַקאַנט זענען אויך די יאָרצייטן פון גרויסע יידישע קדושים און פיהרער ווי ז' אדר פון משה רבנו, ל"ג בעומר פון רבי שמעון בן יוחאי און אַנדערע. חסידים פייערן די יאָרצייטן פון די רביים נפטרים; מען גייט אויפן אוהל פון נפטר און מען זאָגט תהלים און מען לייגט אַוועק „קוויטלעך", און אין זעלבן טאָג פּראַוועט מען אַ סעודה, ווייל מען האַלט, אַז אין זעלבן טאָג איז די נשמה פון נפטר נתעלה געוואָרן. מען רופט דעם יאָרצייט פון אַ צדיק אויך „הילולא", נאָך דער „הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי". — וועגן יאָרצייט איז פאַראַן אין העברעאיש שטראַשונס „לקוטי שושנים" און אין דייטש קייזערלינגס „שטערבעטאָגען פון אַלטער און נייער צייט".

**יאשיהו** מלך אין יהודה אָנגעהויבן צו קעניגן 51 יאָר פאַרן חורבן פון ערשטן בית המקדש; ער האָט געהערשט 31 יאָר; דער ספר מלכים ב' כ"ג דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ פרומער מלך.

האט פארניכטעט די געצנדינעריי און צעשטערט די במות (באזונדערע ערטער וואו מען האט מקריב געווען קרבנות אויסער ירושלים) אין גאנצן לאנד; ער האט אויך איינגעפירט צוריק די פסח־פייערונג אין ירושלים. אין מלכים ב׳ כ״ב ווערט אויך דערציילט, אז אין זיין צייט האט מען געפונען אין בית המקדש די ספר תורה; וועגן דער האזיקער פאסירונג זענען געשריבן געווארן דורך די תנ״ד־פארשער פיל אפהאנדלונגען. טייל געלערנטע מיינען אז דאס איז געווען דאס ספר דברים, און ציען דערפון ארויס פארשידענע תנ׳ד־קריטישע מיינונגען. אין מלכים ב׳ כ״ג ווערט דערציילט, אז אין דער מלחמה צווישן אשור און מצרים איז יאשיהו געקומען צוהילף דעם מלך אשור, און צווישן יאשיהו און זיין מיליטער און דעם מיליטער פון מצרים אונטער דער פירונג פון פרעה נכה איז פארגעקומען א שלאכט ביי מגדו, אין וועלכער יאשיהו איז געפאלן טויט. אין דברי הימים ב׳ ל׳ה ווערט געזאגט אז ירמיהו האט געשריבן קלאג־לידער (קנות) אויף יאשיהוס טויט; עס איז פאראן א מיינונג, אז טייל שטעלן פון מגלת איכה באציען זיך אויף יאשיהוס טויט.

**יבום** אין חומש דברים כ׳ה ווערט געזאגט אז אויב א מאן שטארבט און קינדער דארף דער ברידער פון פארשטארבענעם חתונה האבן מיט דער אלמנה און דאס ערשטע קינד, וואס זיי וועלן געבוירן זאל אנגערופן ווערן מיטן נאמען פון פארשטארבענעם; דאס ווערט אנגערופן „יבום". אויב דער ברודער וויל נישט מייבם־זיין, חתונה האבן מיט דער אלמנה, דארף ער איר געבן „חליצה" (זע וועגן דעם ביים זוכווארט „חליצה). דער מנהג פון יבום איז געווען איינגעפירט שוין אין די גאר אלטע צייטן איידער עס איז געגעבן געווארן די תורה אויפן בארג סיני; אין בראשית ל״ח ווערט דערציילט דער ספור מיט תמר דער שנור פון יהודה, וועמענס מענער זענען געשטארבן אן קינדער און זי האט חתונה געהאט מיט זייערע ברידער, און אויך דארט איז פאראן דער אויסדרוק „ויבם"; אויך אין ספר רות זעען מיר דעם מנהג אז א קרוב זאל חתונה האבן מיט דער אלמנה פון פארשטארבענעם קרוב, אויב ער האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער; דארט איז פאראן דערויף דער אויסדרוק „גאל" און „גאולה" (אויסלייזן); אין דער מסכתא יבמות זענען פאראן די דינים וועגן יבום; דער רבנו גרשם (זע „גרשם") האט מתקן געווען, אז מען זאל נישט מייבם זיין נאר געבן חליצה; ביי די ספרדישע יידן טרעפן זיך יא פאלן פון יבום. — זע „חליצה".

**יבוסי** נאמען פון איינעם פון די פעלקער וואס האבן לויטן תנ״ד (בראשית ט״ו און פיל אנדערע ערטער) געוואוינט אין ארץ ישראל איידער די יידן האבן פארנומען דאס לאנד. פון יהושע ט״ו און אנדערע ערטער איז צו זען, אז די יבוסים האבן געוואוינט אין ירושלים.

**יבמות** נאמען פון מסכתא משניות תוספתא און גמרא, בבלי און ירושלמי, אין סדר נשים; האט 16 פרקים; באהאנדלט די דינים פון יבום און חליצה.

**יבנה** שטאט אין ארץ־ישראל, וועלכע האט געהאט א גרויסע באדייטונג אין דער אידישער געשיכטע; ווערט דערמאנט אין דברי הימים ב׳ כ״ו; טייל מיינען, אז דאס איז יבנאל אין יהושע ט״ו; די שטאט האט זיך געפונען אין דרום פון לאנד, ביים ים צווישן יפו און אשקלון; טייל געלערנטע מיינען, אז עס זענען געווען צוויי יבנהס און אז די יבנה פון דער שפעטערער יידישער געשיכטע איז געווען

אין גליל; די מיינונג איז ווארשיינלעך נישט ריכטיק; אין פלאוויוסעס ביכער הייסט זי „יאמניא"; היינט הייסט דאס ארט אויף אראביש „ייבנע"; אין דער צייט פון דער באלאגערונג פון ירושלים ביים חרבן בית שני איז פארגעקומען די פאסירונג, וועגן וועלכער עס ווערט דערציילט אין דער גמרא גטין נ"ו, אז רבן יוחנן בן זכאי האט געבעטן ביים רוימישן קייסר, אז ער זאל אים געבן „יבנה וחכמיה", די דערלויבעניש איינצוארדענען די ישיבה אין יבנה. דארט האט זיך נאכן חרבן אריבערגעטראגן דער צענטער פון לימוד התורה צוזאמען מיטן סנהדרין און דעם נשיא רבן גמליאל דיבנה (ראש השנה ל"א); אין פיל ערטער אין דער גמרא געפינען מיר וועגן די חכמים אין יבנה, און די ישיבה ווערט אנגערופן „כרם ביבנה" דער וויינגארטן פון יבנה (שבת קל"ח); אין יבנה זענען פעסטגעשטעלט געווארן פיל הלכות, און ווארשיינלעך איז א גרויסער טייל פון אונדזער משנה רעדאגירט געווארן אין יבנה. דאס ווארט יבנה איז געווארן אין דער מאדערנער העברעאישער ליטעראטור און געשיכטע-אויפפאסונג דער באגריף פון גייסטיקייט אין יידנטום, און עס הייסט, אז רבן יוחנן בן זכאי זעענדיק אז דאס יידישע פאליטישע לעבן ווערט פארשוואונדן, האט אוועקגעשטעלט די נאציאנאלע עקזיסטענץ פון יידישן פאלק אויף די גייסטיקע יסודות פון ווייטער לערנען תורה; עס זענען פאראן א ריי אינסטיטוציעס מיטן נאמען יבנה (די מזרחי - דערציאונגס - ארגאניזאציע אין פוילן און אנדערע); דאס ארט יבנה איז אפגעקויפט געווארן דורך א יידיש-אמעריקאנער געזעלשאפט, וועלכע האט דארט געגרינדעט די קאלאניע „גן יבנה". לעצטנס ווערט געפלאנט דורכן קרן קימת און מזרחי ווידער אויפצושטעלן די גרויסע ישיבה אין יבנה.

**יבק** נאמען פון א קליינעם טייך אין עבר הירדן, ווערט דערמאנט אין עטלעכע ערטער אין תנ"ך; איז בראשית ל"ב ווערט דערציילט ווי יעקב אבינו איז אריבער דעם מעבר יבק ((מעבר" הייסט דאס ארט פון א טייך, וואו מען קאן אריבערגעהן דאס וואסער צופוס); פאראן א ספר „מעבר יבוק" וועגן די דינים ווי נוהג צו זיין זיך מיט א מת, קבורה וכדומה.

**יד** אין העברעאיש „האנט"; פאראן א סך רעליגיעזע באגריפן וואס זענען פארבונדן מיטן ווארט יד, ווי „נטילת ידים" (זע זוכווערטער „וואסער" און „נטילת ידים"), „תפלין של יד" (זע זוכווארט תפלין); וועגן „חכמת היד" (דערקענען לויט די שטריכן פון מענטשנס האנט דעם מזל פון מענטש) געפינען מיר אין זהר יתרו.

**ידים** מסכתא משניות און תוספתא (גמרא איז נישטא) אין סדר טהרות, האט 4 פרקים, באהאנדלט די פראגע פון „טומאת ידים", דאס הייסט, ווען נאר די הענט פון מענטש ווערן טמא, און דער גאנצער קערפער איז טהור, און מען דארף נאר וואשן די הענט; צווישן אנדערע זאכן איז מטמא די הענט דאס אנרירן איינעם פון די ספרים פון תנ"ך און תפלין; די דערקלערונג צו דעם דאזיקן דין איז, כדי מען זאל נישט אנרירן הייליקע זאכן אן א גענוגנדער סיבה. אין ידים זענען פאראן וויכטיקע היסטארישע פרטים וועגן תרגומים. וועגן מחלוקת פון פרושים און צדוקים, וועגן ספרים פון תנ"ך.

**ידיעה ובחירה** העברעאישער אויסדרוק פאר איינעם פון די הויפט-פראבלעמען אין דער יידישער טעאלאגיע און מיטלאלטער-פילאזאפיע; דאס ווארט

ידיעה איז דער טייטש „וויסן" און דאס ווארט בחירה איז דער טייטש „פריי אויסוויילן". דאס פראבלעם באשטייט אין פאלגנדעם: ווי אזוי קאן מען אנעמען אז גאט ווייסט אלץ וואס עס וועט געשען מיטן מענטש אין דער צוקונפט און וואס דער מענטש וועט טאן, און גלייכצייטיק זאל דער מענטש האבן דעם פרייען ווילן. קאנען זיך אויסקלויבן וואס צו טאן, מצוות צי עבירות, גוטע טאטן צי שלעכטע טאטן? זאל מען אנעמען, אז גאט ווייסט די צוקונפט, איז דאך דערמיט אליין שוין באשטימט פון פארויס, ווי אזוי דער מענטש וועט זיך אויפירן, ווייל גאט ווייסט דאך שוין איצט ווי דער מענטש וועט זיך אויפירן; קומט האך אויס, אז דער מענטש האט נישט קיין פרייען ווילן, קיין בחירה, נאר מוז טאן וואס ער טוט. אין אזא פאל איז דאך די פראגע, פאר-וואס קומט דעם מענטש צו באשטראפן פאר זיינע שלעכטע מעשים, קנים איז ער געצוואונגען צו טאן דאס וואס ער טוט? — דאס דאזיקע פראבלעם וועגן דער סתירה צווישן דער „ידיעה" (אל-וויסן פון גאט) און דער „בחירה" פון מענטש איז באהאנדלט געווארן דורך די יידישע פילאזאפן אין מיטלאלטער, ווי רב סעדיה גאון אין „אמונות ודעות", רמב"ם אין „מורה נבוכים" (חלק ג' פרק י"ט) און אין משנה תורה הלכות תשובה און אנ-דערע; זייער דערקלערונג איז אז מיר וויסן נישט וואס עס מיינט די „ידיעה" פון גאט, וועלכע איז נישט ווי דעם מענטשנס ידיעה און דעריבער קאנען מיר נישט אורטיילן וועגן דעם; טייל ווילן האבן, אז די פראגע ווערט באריהרט אין דער משנה אבות ג' אין די ווערטער פון תנא רבי עקיבא „הכל צפוי והרשות נתו-נה" (אלץ איז פאראויסגעזען און די דער-לויבעניש איז געגעבן . — וועגן פרא בלעם פון „ידיעה ובחירה" און אויך וועגן דעם אלגעמיין פילאזאפישן פראב-בלעם פון דעטערמיניזם און פרייען ווילן זע אין כהנם „על התזון לעתיד" (ירוש-לים תרצ"ה).

**יהדות** העברעאישער אויסדרוק פאר „יידישקייט", „יידנטום"; זע זוכווארט „ייד".

**יהוא** מלך אין לאנד ישראל; אין מלכים ב' ט' ווערט דערציילט אז אין פאר-שטענדיקונג מיטן נביא אלישע האט יהוא, וועלכער איז געווען א גענעראל, געמאכט דעם אויפשטאנד קעגן לעצטן מלך פון דער עמרי-דינאסטיע, יורם דעם זון פון אחאב. וועלכער האט געהאלטן פון דער געצנדינערייי פון אפגאט בעל; יורם און זיין מוטער איזבל, ווי אויך אלע מיטגלידער פון דער דינאסטיע און אויך אלע כהנים און דינער פון בעל זענען דורך יהוא געטויט געווארן, און יהוא איז געווארן מלך אין ישראל; עס ווייזט אוים אז טייל נביאים האבן נישט גע-האלטן פון דער דאזיקער מאסן-דערמאר-דונג, און הושע א' זאגט „ופקדתי את דמי יזרעאל על בית יהוא" (איך וועל נקמה נעמען פאר דעם בלוט אין יזרעאל אויף דער דינאסטיע פון יהוא); יעדנ-פאלס, פון יהוא אן איז צוריקגעשטעלט געווארן אין ישראל אלס אפיציעלע רע ליגיע די דינסט צום יידישן גאט.

**יהואחז** — 1) מלך אין ישראל, זון פון יהוא; וועגן אים ווערט דערציילט אין מלכים ב' י"ג, אז ער האט געליטן א מי-ליטערישע מפלה אין זיין מלחמה קעגן מלך פון ארם. — 2) מלך פון יהודה, ווערט דערמאנט אין מלכים ב' כ"ג, ער האט געהערשט נאר 3 מאנאטן, און פרעה מלך מצרים האט אים אראפגעזעצט פון זיין טראן און אים אוועקגעפירט קיין מצרים; פאראן א מיינונג אז מיט „שלם בן יאשיהו" וואס ווערט דערמאנט אין ירמיה כ"ב מיינט מען יהואחז.

**יהואש (יואש)** — 1) מלך אין יהו־
דה, זון פון אחזיהו; אין מלכים ב' י״א
ווערט דערציילט, אז ווען אחזיהו איז
אומגעקומען, האט זיין מוטער עתליה
דערמארדעט אלע קינדער פון מלך און
זי איז געווארן די הערשערין אין לאנד;
אבער די שוועסטער פון אחזיה האט באַ־
האלטן איין קינד פון אחזיה יואש 6 יאר
אין בית המקדש; נאך דער דאזיקער צייט
האט יהוידע, דער כהן, געלאזט אויסרופן
אלס מלך דאס קינד יואש און דערהרגעט
עתליהן; אין דברי הימים ב' כ״ד ווערט
דערציילט אז יואש האט געלאזט דער־
מארדן יהוידעס זון, זכריה, ווייל ער האט
געשטראפט די יידן פאר זייער געצנדי־
נעריי; אין מלכים ב' י״ב ווערט דער־
ציילט אז יואש איז אומגעקומען דורך
זיינע צוויי דינער; עס איז צו באמערקן,
אז עס איז שפעטער ארומגעגאנגען א
מיינונג, אז יואש איז נישט געווען
אחזיהס זון, און אז ווירקלעך זענען אלע
קינדער פון דאזיקן מלך אומגעקומען און
דערמיט איז אומגעקומען די גאנצע די־
נאסטיע וואס האט געשטאמט פון שלמה
המלך און אז יואש איז געווען אן אונטער־
געשטעלט קינד וואס האט אפגעשטאמט
פון דוד המלכס אן אנדערן זון, נתן; דער
קלאנג ווערט געבראכט אין ספר „העי־
תים״; זע וועגן דעם אין ראפאפארטס
ערך מלין (ווארשע, תרע״ד, ערך
„נשיא״). — 2) יהואש מלך ישראל,
ווערט געבראכט אין מלכים ב' י״ג, ער
האט געפירט א זיגרייכע מלחמה קעגן
ארם; ער האט אויך באזיגט דעם מלך
פון יהודה, וועמען ער האט פריער גע־
ווארנט נישט צו גיין מלחמה האלטן און
האט אים געשיקט זאגן דעם באקאנטן
משל וועגן דעם קליינעם דארן־בוימעלע
וואס האט זיך געוואלט פארמעסטן מיטן
גרויסן טענענבוים אין לבנון (מלכים ב'
י״ד).

**יהואש** (1871 אין רוסלאנד — 1927
אין אמעריקע), פסעוודאנים פון יהואש
שלמה בלומגארטן, יידישער דיכטער,
איבערזעצער פון תנ״ך אויף יידיש; פר־
טים וועגן יהואש אין רייזנס „לעקסיקאן״.

**יהודאי גאון** גאון אין סורא אין די
יארן 760 — 764 נאך מר יוחא גאון; ער
איז געווען בלינד; פון אים זענען גע־
בליבן א סך תשובות; ער האט מחבר גע־
ווען „הלכות״, ארויסגענומען פון דער
גמרא דעם פסק דין פון יעדער הלכה,
און זיי צונויפגעזאמלט; זיי זענען באַ־
קאנט אונטער פארשידענע נעמען, „הל־
כות פסוקות״, „הלכות קטנות״ און אנ־
דערע; די מיינונג אז ער איז געווען דער
מחבר פון „הלכות גדולות״ איז נישט
ווארשיינלעך; זע זוכווארט „הלכות גדו־
לות״.

**יהודה** פערטער זון פון יעקב אבינו,
געבוירן פון לאה; אין חומש בראשית
אין דעם ספור המעשה פון מכירת יוסף
(פון ל״ז און ווייטער) ווערט אנגעוויזן
אויף יהודה אלס דעם טעטיקסטן צווישן
יעקבס קינדער; ער האט נישט געלאזט
יוספן טויטן; ער האט זיך ארויסגע־
שטעלט פאר יעקב אבינו, אז ער זאל
מיטגעבן קיין מצרים בנימין, ער האט
גערעדט מיט יוסף נאכן פארהאלטן בני־
מינען („ויגש אליו יהודה״, בראשית
מ״ד); וועגן יהודה ווערט אויך דערציילט
(בראשית ל״ח), אז ער האט געהאט דריי
קינדער, ער, אונן און שלה, פון וועלכע
די ערשטע 2 זענען געשטארבן אן קינדער
און אז יהודה האט געלעבט מיט זייער
אלמנה תמר און מיט איר געבוירן די
צוויי קינדער פרץ און זרח; פון פרצעס
קינדער איז לויט דעם ספור אין ספר
רות ד', געבוירן געווארן דוד המלך, און
אזוי ארום איז די דוד־דינאסטיע, דאס
מלכות בית דוד, געווען אן אפשטאמענ־

דע פון יהודה; אין דער ברכה פון יעקב (בראשית מ"ט) ווערט אנגעוויזן אויף דער ערשאפט פון יהודה איבער די אנ־דערע שבטים (ישתחוו לך בני אביך, — לא יסור שבט מיהודה). — פון יהודה האט אפגעשטאמט דער שבט יהודה, וועלכער האט געשפילט די באדייטנדסטע ראלע אין דער יידישער געשיכטע, און פון אים שטאמט אויך אפ דער אלגעמיי־נער נאמען „יהודי" (אויך אין אנדערע שפראכן) אלס באצייכענונג פארן יידישן פאלק אין אלגעמיין; די דאזיקע אנפי רנדע באדייטונג האט דער שבט יהודה באקומען מיט דער גרינדונג פון דער קע־ניגלעכער דינאסטיע דורך דוד המלך, דעם אפשטאמענדן פון יהודה; דאס האט אויך נעדויערט דורך דער צייט פון שלמה המלך; ערשט נאך שלמהס טויט אין פאר־נעקומען די שפאלטונג, און ארץ־ישראל האט זיך צעטיילט אין צוויי מלוכות: די צפון־שבטים מיט אפרים בראש, וואס האט באקומען דעם נאמען מלכות ישראל און געהאט אייגענע מלכים (מלכי ישר־אל) פון פארשידענע דינאסטיעס, און די צוויי דרום־שבטים יהודה און בנימין מיט דער הערשנדער דינאסטיע פון מלכי בית דוד און רעזידענץ ירושלים, און האט גע־טראגן דעם נאמען „מלכות יהודה". די מלכות יהודה איז געווען אין אלגעמיין שוואכער פון מלכות ישראל ווי מיר זעען עס אין ספר מלכים; אבער דעם גייסטיקן איינפלוס האט מלכות יהודה געהאט אויף דער געשטאלטונג פון יידישן פאלק; דא איז דער יידישער גאטעס־דינסט געווען ריינער, דא האבן געווירקט מער נביאים. די מלכות יהודה האט אויך געדויערט לענגער, און איר ענדע איז געקומען אין דער צייט פון לעצטן מלך צדקיהו מיטן חרבן פון ערשטן בית המקדש (זע „חרבן"); עס איז אנגענומען, אז דאס שפעטערע יידישע פאלק, אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, האט אפגעשטאמט אמייסטן פון יהודה. — דער שבט יהודה האט פארנומען די געגנט אין ארץ־ישר־אל צו דרום פון ירושלים מיט דער הויפטשטאט חברון; אבער אין דער צייט פון 2טן בית המקדש און שפעטער האט מען מיטן נאמען יהודה באצייכנט גאנץ דרום ארץ־ישראל (משנה שביעית פרק ט' און אויך אין די ווערק פון פלאוויוס). צווישן די איינוואוינער אין יהודה און די איינוואוינער אין גליל זענען געווען מיינונגס־פארשידנקייטן וועגן געוויסע מנהגים (פסחים נ"ה און אנדערע ער־טער); אין עירובין נ"ג ווערט געזאגט, אז די איינוואוינער פון יהודה האבן גע־קענט מער לערנען; אין מדרש אסתר א' ווערט געזאגט, אז די יהודה־לייט זענען געווען גבורים; אין ספר הישר ווערן דער־ציילט גבורות וועגן יהודה, יעקבס זון, זעלבסט. — זע „דוד", „יהודי".

**יהודה בר אילעאי** תנא אין ארץ־ישראל אין 3טן דור פון תנאים, ווערט געבראכט אין דער משנה און ברייתות מיטן סתם נאמען „רבי יהודה"; ער איז געבוירן געווארן אין אושא אין גליל; ער האט געלערנט ביי רבי עקיבא און רבי טרפון (מגילה כ') און באקומען סמיכה פון רבי יהודה בן בבא; אין שבת ל"ג ווערט דערציילט, אז ער איז געווען פון די מעסיקע פאליטיקער אין באצוג צו רוים און ער האט געהאט דעם טיטל „ראש המדברים"; אין נדרים מ"ט ווערט דערציילט אז ער איז געווען זייער ארעם, און ער האט געלערנט תורה פירנדיק אן ארעם לעבן; זיינע הלכות זענען פאראן אין דער משנה און ברייתות זייער פיל; מייסטנס זענען זיינע מחלוקות מיט רבי מאיר און רבי שמעון; אין נדרים מ"ט זאגט ער „גדולה המלאכה שמכבדת את בעלה" (גרויס איז ארבייט, ווייל זי גיט כבוד צום ארבייטער); אין דער גמרא בבא קמא ק"ג און אנדערע ערטער ווערט

ער אנגערופן „חסיד“; אין קידושין ב"ט זאגט ער „ווער עס לערנט נישט זיין זון קיין מלאכה איז ווי ער וואלט אים גע-לערנט ליסטות, רויבעריי“; אין שבת קל"ז ווערט געזאגט אז ער האט מסדר געווען דעם ספרא („תורת כהנים“ אויף ויקרא); זע „תולדות תנאים ואמוראים“ פון היימאן.

**יהודה איש קריות** איינער פון די 12 תלמידים פון ישו הנוצרי; לויט דעם סיפור אין עוואנגעליום האט ער פאראטן ישו באקומענדיק דערפאר 30 שטיק זיל-בער; נאכער זאל ער האבן חרטה געהאט און באגאנגען זעלבסטמארד.

**יהודה בן בבא** תנא אין 2טן דור פון תנאים, חבר פון רבי עקיבא (משנה עירובין ב'); פון אים ווערן געבראכט אין דער משנה א ריי הלכות (עדיות ו' און אנדערע ערטער). מען האט אים גערופן חסיד (בבא קמא ק"ג); ער איז אומ-געקומען אויף קידוש השם און ער ווערט גערעכנט צווישן די עשרה הרוגי מלכות: אין סנהדרין י"א ווערט דערציילט, אז דאס איז געווען באלד נאך חרבן ביתר און די רוימישע רעגירונג האט גוזר גע-ווען אז מען טאר נישט געבן סמיכה תלמידים; דעמאלט האט רבי יהודה בן בבא יא געגעבן סמיכה צו 6 תלמידים (רבי מאיר, רבי יהודה, רבי יוסי, רבי שמעון, רבי אלעזר בן שמוע און רבי נחמיה) און האט זיי געהייסן אנטלויפן; רבי יהודה בן בבא איז געכאפט געווארן דורך די רוימער און זיי האבן אים דער-שטאכן צום טויט; פרטים אין ווייס „דור דור ודורשיו“, 1טער טייל, און „תולדות תנאים ואמוראים“ פון היימאן.

**יהודה בן ברזילי** אויך באקאנט מיטן נאמען „הברצלוני“, „אלברצלוני“, „אלברגלוני“; מחבר אין שפאניע (אין בארצעלאנע) אין אנהויב 12טן יארהונ-דערט; ער ווערט אויך טיטולירט „הנשיא“; ער האט מחבר געווען א ריי ספרים פון וועלכע די באקאנטסטע זענען „ספר השטרות“ און ספר „העתים“; ער האט אויך געשריבן א פרוש אויפן „ספר יצירה“.

**יהודה בן בתירה** זע „בן בתירה“.

**יהודה החסיד** איינער פון די הייליק-סטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע, געלעבט אין ענדע פון 12טן יארהונדערט אין דייטשלאנד, מייסטן אין רעגענסבורג, געשטארבן אין יאר 1217; ער האט געשטאמט פון א פאמיליע זייער פרומע יידן. זיין פאטער ר' שמואל האט אויך געהייסן „החסיד“; רבי יהודה האט געהאט א ישיבה אין רעגעשבורג. און זיי-נע תלמידים זענען געווען רבי אלעזר פון ווארמס (מחבר פון „רקח“); רבי יצחק פון ווין (מחבר פון „אור זרוע“) און אנ-דערע; ער איז געווען דער פירער פון אן אייגנארטיקער חסידישער באוועגונג און גרופע וועלכע מען רופט „חסידי אשכ-נז“, וועלכע האבן עוסק געווען אין קבלה, געהאט „רביים“ און געפירט א זייער הויך עטיש און פרום לעבן. די אידע-אלן פון די דאזיקע חסידי אשכנז זענען פאראן אין „ספר חסידים“, וואס איז לויט דער טראדיציע געשריבן געווארן דורך רבי יהודה החסיד זעלבסט. עס איז אנצונעמען, אז א סך ווערטער פון ספר חסידים זענען פון רבי יהודה החסיד, אבער א גרויסער טייל פון דעם ספר שטאמען פון זיינע תלמידים און חברים. די מיינונג, אז דער ספר חסידים איז פארפאסט געווארן דורך רבי יהודה מסיר ליאון פון פאריז האט זיך ארויסגעוויזן פאר נישט ריכטיק; אין ספר חסידים זע-נען פאראן הויכע עטישע לערעם פון חסי-דות ווי אויך סיפורי מעשיות און פרומע

מנהגים; אין דאזיקן ספר זענען אויך פאראן פיל פאלקס גלויבונגען פון די יידן אין די דייטשע לענדער אין יענער צייט, און דעריבער ווערט דער ספר חסידים אויך באטראכט אלס וויכטיקער קוואל אויסצופארשן די יידישע מנהגים און פאלקס־גלויבונגען אין מיטלאלטער. דער ספר חסידים איז געדרוקט געווארן האס ערשטע מאל אין 1538. און דערנאך פיל מאל; עס איז דערשינען דורך די „מקיצי נרדמים" אין 1891 א פולשטענדיקע אויסגאבע פון ספר חסידים (השלם). פון ספר חסידים איז צו זען, אז רבי יהודה החסיד האט מחבר געווען אויך א ספר „הכבוד" וועגן דער געטלעכקייט; ער זאל אויך האבן מחבר געווען א ספר „החכי מה"; פאראן אויך פון אים תוספות אויף ברכות (געדרוקט ווארשע 1863); לויט דער מיינונג פון צונץ זאל רבי יהודה החסיד זיין דער מחבר פון בארימטן „שיר היחוד" און „שיר הכביד" ווי אויך פון א ריי סליחות און פיוטים; לויט דער טראדיציע זאל ער זיין אויך דער מחבר פון דער בארימטער „צוואות ר' יהודה החסיד" (געדרוקט 1583). אין וועלכער ס'זענען פאראן פארשידענע אנווייזונגען. ווי למשל, אז עס זאלן זיך נישט משדך זיין שטיף־קינדער פון איין שטיף־פאטער און איין שטיף־מוטער. אז א שווי־גער זאל נישט האבן דעם זעלבן נאמען וואס די שנור, און אנדערע מנהגים; וועגן רבי יהודה החסיד זענען פאראן אין בארימטן ספר המעשיות און אין „מעשה־בוך" פארשידענע מופתים און לעגענדעס; פרטים וועגן רבי יהודה החסיד אין מבוא צום ספר חסידים פון דער מקיצי נרדמים אויסגאבע, רייפמאנס „אוצר טוב", ווערטהיימער „לשון חסידים"; זע אויך גידעמאנס „התורה והחיים".

## יהודה החסיד דער 2טער

ער האט געלעבט אין סוף פון 17טן יארהונדערט, צוערשט אין פוילן (לויט איין מיינונג אין שידלאווצי, לויט אן אנדערער מיינונג אין שעדלעץ) און דערנאך געוואנדערט אין דייטשלאנד, עסטרייך, איטאליע; געווען בארימט אלס הייליקער. אין אלע שטעט, וואו ער איז געקומען, האט ער מיט זיינע דרשות מעורר געווען צו תשובה; ער האט געהאט א גרופע תלמידים מיט'ן נאמען „חסידים"; אלע געקליידעט אין ווייסן; צוזאמען האבן זיי באשלאסן צו באזעצן זיך אין ארץ־ישראל, און האבן דורכגעמאכט די רייזע אין יאר ת"ם (1700); ווען זיי זענען אנגעקומען אין ירושלים האבן זיי אפגעקויפט אלס שול צום דאווענען און לערנען די געביידע אין אלטשטאט, וואס איז באקאנט מיטן נאמען „חורבת רבי יהודה החסיד" און איז היינט די צענטראלע שול אין ירושלימער אלט־שטאט; רבי יהודה איז געשטארבן באלד אין עטלעכע טעג נאכן אנקומען אין ירושלים (ג' חשון תס"א). זיינע תלמידים, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען אנהענגער פון שבתי־צבי־גלויבן, באזונדערס דער פייאיקסטער פון זיי חיים מלאך, זענען אויסגעשטאנען גרויסע רדיפות און האבן אין גרעסטן טייל פארלאזט ארץ־ישראל און צוריקגעפארן קיין אייראפע; די פראגע צי רבי יהודה החסיד איז אויך געווען אונטער דעם איינפלוס פון די שבתי צבי גלויבונגען איז נישט אנטשידן; איינער פון זיינע תלמידים ר' גדליה פון סעמיאטיטש, האט פארעפנטלעכט וועגן דעם אנקומען פון זיין רבי אין ארץ־ישראל דאס ספרל „שאלו שלום ירושלים" (פארעפנטלעכט אין זאמלבוך „רשומות"); פרטים וועגן רבי יהודה החסיד און זיינע תלמידים אין דוד כהנאס „תולדות המקובלים והשבתאים", הגם ער באהאנדלט הארט דעם ענין טענדענציעז.

**יהודה בן טבאי** תנא, פון די „זוגות" (זע „זוגות") אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, חבר פון שמעון בן שטח; פון אים איז פאראן אין משנה אבות פרק א' אז ווען בעלי דינים קומען פאר א דיין זאל ער זיי צוערשט ביידע באטראכטן פאר שולדיגע, דאקעגן נאכן פסק דין, אויב זיי האבן אים אנגענומען, זאל ער זיי ביידע באטראכטן פאר ערלעכע.

**יהודה בר יחזקאל** אמורא אין בבל, אין 2טן דור פון די אמוראים, אין דער 2טער העלפט פון 3טן יארהונדערט; באַקאנט מיטן סתם נאמען „רב יהודה"; געווען א תלמיד פון רב און שמואל, אין וועמענס נאמען ער ברענגט א סך הלכות „אמר רב יהודה אמר רב", אדער „אמר רב יהודה אמר שמואל"; אין בבא קמא ל' זאגט ער, אז ווער עס וויל זיין א חסיד זאל מקיים זיין די ווערטער פון „נזיקין". דאס הייסט, אפגעהיטן זיין נישט צו ברענגען שאדן קיינעם.

**יהודה הלוי** (געבוירן אין טאלעדא אין שפאניע אין סוף פון 11טן יארהונדערט לערך 1086.—געשטארבן אין ארץ-ישראל אדער אין אנדער מזרח-לאנד נאכן יאר 1140); בארימטסטער העברעאישער דיכטער, פילאזאף און דענקער אין מיטלאלטער, מחבר פון די שענסטע העברעאישע לידער און פון פילאזאפישן ספר „הכוזרי"; זיין פאטער, רבי שמואל, האט אים געשיקט לערנען אין די ישיבות פון אראבישן שפאניע (דעמאלט האט טאלעדא שוין געהערט צו קריסטן), באַזונדערס אין דער ישיבה פון רבי יצחק אלפסי (רי"ף). ער האט אחוץ תלמוד געלערנט אויך וויסנשאפטן, פילאזאפיע, מעדיצין, אראבישע ליטעראטור. ער האט זיך באזעצט צוערשט אין טאלעדא און דערנאך אין קארדאווא, וואו ער האט זיך באשעפטיגט מיט מעדיצין. ער האט אויך געגרינדעט א ישיבה פאר תלמוד, העברעאישער שפראך, תנ"ך. אין עלטער פון לערך 54 יאר האט ער פארלאזט שפאניע, וועלנדיק זיך באזעצן אין ארץ-ישראל, אין לאנד, צו וועלכן ער האט אויסגעדרוקט זיין ברענענדע בענקשאפט אין פיל שירים און אויך אין זיין ספר הכוזרי. ער איז אנגעקומען קיין אלעקסאנדריע אין עגיפטן, וואו ער איז געווען לערך א יאר, און פון דארט איז ער אוועק אויפן וועג קיין ארץ-ישראל; ער איז געווען צוערשט אין דמשק (סיריע), אבער פון דעמאלט אן איז פארשוואונדן געווארן יעדער שפור פון אים. די לעגענדע (אין ספר „שלשלת הקבלה") דערציילט, אז ווען ער איז אנגעקומען פאר די טויערן פון ירושלים, האט ער געריסן קריעה, און איז געווארן אזוי איבערגענומען מיט זיינע בענקשאפט-געפילן, אז ער האט גענומען זינגען זיין בארימט ליד „ציון הלא תשאלי"; דעמאלט איז דורכגעריטן אן אראבער, וועלכן עס האט פארדראסן דעם יידס זינגען, און ער האט אים געטויט. — רבי יהודה הלוי האט שוין אין דער יוגנט געשריבן שירים אין העברעאיש אויף פארשידענע טעמעס: איבער ליבע, פריינטשאפט, לעבנס-לוסטיקייט, עפיגראמען לכבוד נדבנים; אבער די העכסטע מדרגה אין דער העברעאישער פאעזיע האט רבי יהודה הלוי דערגרייכט אין זיינע רעליגיעזע שירים, און באזונדערס אין זיינע ציון-לידער, אין וועלכע ער האט געבראכט צום טיפסטן און אינערלעכסטן אויסדרוק די בענקשאפט צו ארץ-ישראל, דעם צער אויפן גורל פון יידישן פאלק און די בענקשאפט צו דער געטלעכקייט. די רעליגיעזע שירים פון רבי יהודה הלוי זענען פאראן אין די פיל מחזורים פון אלע נוסחאות. גרעסערע זאמלונגען פון זיינע שירים, וועלטלעכע און רעליגיעזע, זענען דערשינען עטלעכע מאל. באזונדערס וויכטיק איז די

זאַמלונג דורך דר. בראַדי אין 4 בענדער (בערלין 1904) מיט באַמערקונגען פון בראַדי, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף די פעלערן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די איבערשרייבער און אויך אין דרוק אין הלוים שירים. צו די שיינע שירים פון הלוי געהערן זיינע ים־לידער; אָבער דאָס שענסטע איז זיין באַרימט ציון־ליד, דאָס דערמאָנטע „ציון הלא תשאלי", וואָס ווערט געזאָגט אין די קינות אין תשעה באב. דאָס דאָזיקע ליד איז איבערזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן (דורך ביאַליק אין יידיש). רבי יהודה הלוי איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער פיינסטער העברעאישער דיכטער שוין דורך די אָנגעזעענסטע יידישע פּערזענלעכקייטן אין דער שפּאַנישער עפּאָכע, און רבי יהודה אלחריזי שרייבט וועגן אים, אַז דער רוח הקודש באַהויכט זיינע שירים. דער גרעסטער יידישער ליריקער היינריך היינע אין זיין „יהודה בן הלוי" שרייבט, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפן די נשמה פון יהודה הלוי האָט ער איר אַ קוש געגעבן, און מיט דעם דאָזיקן געטלעכן קוש איז באַהויכט הלוים דיכטונג. צוזאַמען האָט רבי יהודה הלוי איבערגעלאָזט איבער 700 שירים. — אַחוץ אַלס דיכטער איז רבי יהודה הלוי אויך באַרימט אין דער יידישער געשיכטע אַלס דענקער, און זיין ספר „הכוזרי" געהערט צו די פונדאַמענטאַלע ספרים אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. הלוי האָט געשריבן זיין דאָזיקן ספר אין אַראַביש, אים אַ נאָמען געגעבן „דאָס ספר צו באַווייזן די פאַרטיידיקונג פון דער דערנידעריקטער אמונה". דאָס ספר איז איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש דורך רבי יהודה אבן תבון (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1506, און נאָכער פיל מאָל, מיט פאַרשידענע פרושים ווי „קול יהודה" און אַנדערע), וועלכער האָט אים אַ נאָמען געגעבן „הכוזרי". דער אינהאַלט פון ספר באַשטייט אין פאָלגנדן: דער מלך פון פאָלק כוזרים (זע „כוזרים"), האָט געוואָלט אָננעמען אַ נייע אמונה און ער האָט געשיקט רופן פאַרשטייער פון קריסטן, פון מאַכמעדאַנער און פון יידן, און זיך מתווכח געווען מיט זיי וועגן זייערע אמונות. דער פאַרשטייער פון די יידן, דער חבר ר' יצחק סינגארי, האָט אים אין פאַרשידענע געשפּרעכן אויפגעוויזן, אַז הגם די יידישע אמונה איז אַזוי דערנידעריקט, איז זי אָבער די ריכטיקע. די באַווייזן און די געדאַנקען פון יידישן חכם האָבן דעם מלך אַזוי איבערצייגט, אַז ער און זיין פאָלק האָבן זיך מגייר געווען. אין ספר „הכוזרי" גיט רבי יהודה הלוי די באַגרינדונג ניט נאָר פון דער יידישער אמונה, פון אינטואיטיווען יידנטום, וואָס באַשטייט דער עיקר אין מקיים זיין די מצוות, און נישט נאָר פון אמונה בכלל קעגן דער פילאָזאָפישער חקירה, נאָר ער זאָגט אויך אַרויס זיינע מיינונגען איבער דעם יידישן פאָלק און זיין געשיכטע און זיין שטעלונג צווישן פעלקער. הלוי איז דאָ דער טיפער רעליגיעזער נאַציאָנאַליסט, און ער האַלט אַז דאָס יידישע פאָלק איז דאָס האַרץ פון דער מענטשהייט, און אַז די יידן ליידן מער פון אַלע, פונקט ווי דאָס האַרץ ליידט מער פון די אַנדערע גלידער. אין „הכוזרי" ווייזט אָן הלוי אויך אויף דער הייליקייט פון העברעאיש און פון ארץ־ישראל. אין הכוזרי ווערן אויך באַהאַנדלט אַ ריי רעליגיעז־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען וועגן נבואה, ידיעה און בחירה, די געטלעכע תארים, דאָס וועזן פון דער נשמה און אַנדערע פּראָבלעמען. אַ וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון „הכוזרי" לויטן אַראַבישן טעקסט איז דערשינען אין ארץ־ישראל דורך דר. צפרוני. גרינטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן רבי יהודה הלוי זענען פאַראַן ביי שמואל

דוד לוצאטו („כרם חמד", חלק ד'), קויפמאנס „יהודה הלוי", אין הורוויצעס „מאין ולאן" (וועגן הלוי אלס נאציאנאלן דענקער), אין יידיש אין צינבערגס „געשיכטע פון דער ליטעראטור ביי יידן". טייל שירים פון הלוי זענען איבערזעצט געווארן אין יידיש דורך י. י. שווארץ. זע אין „כנסת", באנד 7 די ארבעט פון בנעט וועגן דעם איינפלוס פון אראבישן אנטי־ראציאנאליסטישן דענקער אלגאזאלי אויף רבי יהודה הלוי.

**יהודה ליווא בן בצלאל** (מהר"ל פון פראג), רב אין פראג, באקאנט אויך אלס בעל מופת; געבוירן לערך 1515 אין פויזן, געשטארבן אין פראג י"ח אלול שס"ט (1609); ער האט מחבר געווען פיל ספרים, פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען „גור אריה", א פירוש אויף רש"י פון חומש (דערפון איז ער אויך באקאנט אלס „דער גור אריה"), „נתיבות עולם" אויף מוסר, „באר הגולה" אויף די אגדות פון דער גמרא, „דרך חיים" אויף פרקי אבות און אנדערע. אחוץ אלס גרויסער למדן איז דער מהר"ל אויך באקאנט געווען דורך די תקנות וואס ער האט איינגעפירט אין פראג; ער האט געגרינדעט די חברה קדישא, חברה משניות און אנדערע; דער מהר"ל האט אויך געלערנט וועלטלעכע וויסנשאפטן, באזונדערס אסטראנאמיע, געאגראפיע און אין זיין ספר „נתיבות עולם" זאגט ער, אז יידן דארפן לערנען וועלטלעכע וויסנשאפטן. דעם 16טן פעברואר 1592 איז דער מהר"ל גערופן געווארן אויף א באזוך צום עסטרייכישן קייזער, מיט וועמען ער האט געהאט א געהיימען געשפרעך. דער מהר"ל האט אויך עוסק געווען אין קבלה, און אין דער פאלקס־לעגענדע איז ער בארימט געווארן אלס שעפער פון גולם, לויט דער לעגענדע האט דער מהר"ל געשאפן מיט שמות פון קבלה א גולם, וועלכער האט געראטעוועט די יידן פון די בלוט־בלבולים. דער גולם פלעגט אריינדרינגען אין די קריסטלעכע גאסן און נישט דערלאזן מאכן בלבולים אדער אנפאלן אויף יידן. וועגן מהר"ל ווערן דערציילט נאך אנדערע מופתים. — פרטים וועגן מהר"ל קאן מען געפינען אין ליבענס „גלעד" און דער הקדמה פון ראפאפארט צום דאזיקן ספר וועגן פראג. — זע „גולם".

**יהודה המכבי** זע „מכבי".

**יהודה הנשיא** באקאנט אויך מיטן סתם־נאמען „רבי", און אויך „רבנו הקדוש" (אונזער הייליקער רבי); פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע; תנא אין לעצטן דור פון די תנאים אין ארץ־ישראל, נשיא, מסדר פון דער משנה; אין דער גמרא קידושין ע"ב איז פאראן די טראדיציע, אז אין טאג ווען רבי עקיבא איז געשטארבן, איז געבוירן געווארן רבי; ווי באוואוסט איז רבי עקיבא געשטארבן באלד נאך דער מלחמה פון בר כוכבא, אלזא לערך יאר 137, קומט אויס, אז רבי איז געבוירן געווארן אין דאזיקן יאר, הגם טייל געלערנטע היסטאריקער דענקען, אז ער איז געבוירן געווארן פריער; זיין פאטער איז געווען רבן שמעון בן גמליאל, דער נשיא פון דער משפחה פון הלל הנשיא, וועלכע האט זיך מתייחס געווען צו דוד המלך (שבת נ"ו). אלס נשיא איז ער געווען נאענט צום רוימישן קייזערלעכן הויף, וועלכער האט דעמאלט געהערשט איבער ארץ־ישראל, און אין פיל ערטער אין דער גמרא ווערט דערציילט, אז ער איז געווען א פערזענלעכער פריינט פון רוימישן קייסער אנטונינוס. מיט וועמען ער האט געפירט געשפרעכן און וועמען ער האט געגעבן עצות אין דער מלוכה־פירונג (עבודה זרה י', סנהדרין צ"א און

אנדערע ערטער ווי אויך אין טייל מדרשים); וועגן דער פראגע ווער עס איז געווען דער דאזיקער אנטונינוס קיסר זע זוכווארט „אנטונינוס". — רבי האט פארמאגט גרויס רייכטום, און אין שבת קי"ג ווי אויך אין אנדערע ערטער אין דער גמרא ווערט דערציילט וועגן זיין גרויסער עשירות. אין משנה אבות פרק ו' ווערט געזאגט אז ער האט געהאט עושר און כבוד און חכמה. אין גטין נ"ט ווערט געזאגט אז ביי אים איז געווען „תורה וגדולה במקום אחד". געוואוינט האט רבי צוערשט אין אושא, דערנאך אין שפרעם, נאכער אין בית שערים, און דערנאך א געוויסע צייט אין טבריה און צום סוף איו צפורי. אין זיין הויז האט מען גערעדט לשון קודש, הגם דער גרעסטער טייל יידן האט דעמאלט גערעדט אראמעאיש; און זאגאר זיין דינסט, די „אמתא דבי רבי" האט געקענט לשון קודש (מגילה י"ח). אין דער ישיבה פון רבי האבן געלערנט די אנגעזעענסטע לעצטע תנאים און די אנגעזעענסטע ערשטע אמוראים, צווישן זיי בר קפרא, רבי חייא, רב, רבי חנינא, לוי, און אנדערע. אין דער משנה און ברייתא זענען פאראן פיל הלכות פון רבי. אבער זיין גרעסט ווערק, מיט וואס ער ווערט פארעכנט פאר איינעם פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע, איז דאס מסדר זיין די משנה. וועגן דער משנה און אין וואס איז באשטאנען די ארבעט פון רבי און זיינע חברים און תלמידים זע זוכווארט „משנה". פון רבי זענען אויך פאראן אין משנה און גמרא פיל אגדה-ווערטער און מנהגים. אין דער משנה אבות פרק ב' זאגט רבי: וואס איז דער גלייכער וועג, וועלכן דער מענטש זאל זיך אויסוויילן? כל שהיא תפארת לו לעושיה ותפארת לו מן האדם, דאס וואס איז שיין פאר דעם מענטש, וועלכער טוט עס, און אויך די ארומיקע מענטשן האלטן עס פאר שיין. ער זאגט אין מכות י' אז א סך האט ער געלערנט פון זיינע רביים און חברים, אבער פון זיינע תלמידים האט ער געלערנט אמייסטן. אין בבא בתרא ח' און אנדערע ערטער ווערט דערציילט, אז ער פלעגט טיילן א סך צדקה. אין בבא מציעא פ"ה ווערט דערציילט, אז אליהו הנביא פלעגט קומען צו אים. וועגן דעם יאר ווען רבי איז געשטארבן איז אויך פאראן א מיינונגס-פארשידנקייט ביי די געלערנטע היסטאריקער. ראפאפארט אין זיין „ערך מלין" (זוכווארט „אנטונינוס") ברענגט דעם גרעסטן טייל מיינונגען און די באגרינדונגען. מען נעמט אן אז ער איז געשטארבן לערך דעם יאר 210. אין דער גמרא כתובות ק"ג ווערט דערציילט אויספירלעך וועגן דעם ווי אזוי רבי איז געשטארבן און אויך וועגן זיין צוואה. פארן שטארבן האט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאגט: רבונו של עולם, דו ווייסט, אז איך האב נישט נהנה געווען פון דער וועלט. מען האט אים געבראכט צו קבורה אין מאה שערים. צום סוף מסכתא סוטה ווערט געזאגט „משמת רבי בטלה קדושה" (ווען רבי איז געשטארבן איז פארשוואונדן געווארן הייליקייט). רבי האט איבערגעלאזט צוויי זין, רבן גמליאל, וועלכער איז געווארן נשיא אויף זיין פאטערס ארט, און רבי שמעון, ווי אויך עטלעכע טעכטער. — וועגן דער משנה זע זוכווארט „משנה". וועגן רבי האט געשריבן רבי משה קוניץ א ספר „בית רבי" (ווין 1805); זע פראנקעל „דרכי המשנה" און ראפאפארט „ערך מלין" (זוכווארט „אנטונינוס").

**יהודה נשיאה** עס זענען געווען אין ארץ-ישראל אין דער צייט פון די אמוראים 3 פערזענלעכקייטן נשיאים מיטן נאמען רבי יהודה נשיאה. — 1) רבי יהודה

נשיאה דער ערשטער איז געווען א זון פון רבן גמליאל און אן אייניקל פון רבי יהודה הנשיא „רבי'', מסדר פון משנה. ער האט געלעבט אין צפורי אין דער מיט פון 3טן יארהונדערט, האט אנגעפירט מיט דער ישיבה; זיינס א תקנה וועגן שמן של גויים ווערט געבראכט אין עבודה זרה ל''ח; ער ווערט געבראכט פיל מאל אין דער גמרא, און לויט דער מיינונג פון פראנקל אין „דרכי המשנה'' האט מען אים גערופן אויך „רבי דער קלענערער'', רבי זעירא, כדי אים אונטערצושיידן פון זיין זיידן. — 2) רבי יהודה נשיאה דער 2טער, אן אייניקל פון ערשטן, ער האט געלעבט אין צפורי צום סוף פון 3טן יארהונדערט, אין דער צייט פון רבי יוחנן און ריש לקיש (בבא בתרא ז' און אנדערע ערטער). — 3) רבי יהודה נשיאה דער 3טער האט געלעבט אין קיסרין אין 4טן יארהונדערט, אן אייניקל פון 2טן. ער ווערט דערמאנט נאר אין ירושלים, אלס „רבי יודן נשייא''; אין בבלי ווערט ער ניט דערמאנט.

**יהודי, יהודים** נאמען פון יידן אין די שפעטערע צייטן פון תנ''ך און אויך נאכער. אין די ערשטע צייטן האט מען דערמיט באצייכנט נאר אזעלכע וואס האבן געהערט צום שבט יהודה, אבער שפעטער נאכדעם ווי עס איז חרוב געווארן דאס מלכות ישראל און עס איז געבליבן נאר דאס מלכות יהודה האט מען גערופן דערמיט יעדן ייד. אין מלכים ב' י''ח ווערט די העבראישע שפראך, אויף וועלכער יידן האבן גערעדט אין דער צייט פון חזקיה המלך, אנגערופן „יהודית''. אין מלכים ב' ט''ז איז פאראן דאס ווארט ‚יהודים''. אין מגילת אסתר ב' ווערט מרדכי אנגערופן „איש יהודי'', און אין די אנדערע ערטער אין מגלת אסתר ווערן אלע יידן אנגערופן „יהודים''. אין דער גמרא און מדרש ווערן יידן זייער אפט אנגערופן ‚יהודי'', ווי מגילה י''ג „כל הכופר בעבודה זרה נקרא יהודי'' (ווער עס לייקנט אין געצנדינעריי הייסט א ייד) און אין פיל אנדערע ערטער. אויף אראמעאיש הייסן יידן אין דער גמרא און מדרש „יהודאי'' און א יידישע פרוי „יהודייתא'' (עבודה זרה כ''ז); אויך געפינען מיר „יודאי'' (ירושלמי ברכות פרק ב' עובדא הווה בחד יודאי'', עס איז געווען א מעשה מיט א ייד); פון ווארט „יהודי'' איז אויך אין די אנדערע קלאסישע שפראכן. גריכיש און לאטיין, געווארן דאס ווארט „ייד'' אין פארשידענע פארמען, און דערפון איז פאראן דאס ווארט „ייד'' מיט ענדערונגען אין די פארשידענע אייראפעאישע שפראכן, אין דייטש „יודע'', אין פראנצויזיש „זשואיף'', אין ענגליש ‚דזשו'', אין די סלאווישע שפראכן „זשיד''. פון דעם ווארט יהודי איז געווארן אויך דער אויסדרוק פאר ‚יידנטום' אין העבראיש „יהדות'' (לויט טייל מיינונגען זאל דאס ווארט שוין זיך געפינען אין מדרש אסתר „והחזיקו ביהודתן''); וועגן דעם יידישן אויסדרוק „ייד''. זע ביים זוכווארט „ייד''.

**יהודית** נאמען פון א ספר, און פון דער העלדין פון ספר, וואס געהערט צו די כתובים אחרונים (אפאקריפן). אנטהאלט 16 קאפיטלעך; די דערציילונג פון ספר איז פאלגנדע: האלאפארנעס, דער שני למלך פון קעניג נבוכדנאצר, האט מארשירט מיט אן ארמיי אויף ארץ־ישראל, איינגענומען דאס לאנד און באלאגערט די שטאט בתול. די לאגע פון די יידן איז געווען זייער א שלעכטע. אין דער שטאט האט געלעבט אן אלמנה מיטן נאמען יהודית, זייער א שיינע. זי האט באשלאסן צו ראטעווען די יידן. צוזאמען מיט איר דינסט איז זי ארוים פון שטאט און געקומען אין לאגער פון האלאפאר־

נעם, וועלכער האט די שיינע יידישע פרוי איינגעלאדן צו זיך אין צימער צו עסן און טרינקען מיט אים. ווען האלאפארנעם איז געפאלן שיכור און אנטשלאפן געווארן, האט יהודית אים אפגעהאקט דעם קאפ, און צוריקגעקערט אין שטאט און דערציילט וועגן דעם די יידן. באלד זענען אלע יידן ארויס און באפאלן זייערע שונאים, וועלכע זענען געווארן שטארק צעטומלט צוליבן טויט פון זייער פירער און זענען אנטלאפן. די יידן זענען ניצול געווארן. — די קריטיקער מיינען, אז דאס ספר איז געשריבן געווארן אין דער צייט פון די חשמונאים, אין קאמף פון יידן פאר זייער פרייהייט. — דאס ספר יהודית איז געבליבן נאר אין גריכישן טעקסט, אבער עס איז באוויזן געווארן, אז דאס ספר איז געשריבן געווארן אין העבראיש. אין די שפעטערע צייטן זענען געבליבן אין די יידישע קוואלן פארשידענע נוסחאות פון דער מעשה יהודית, וועלכע מען האט פארבונדן מיטן נס פון חנוכה. — די מעשה יהודית איז גענומען געווארן אלס טעמע פאר א ריי קינסטלער, דראמאטורגן. — פרטים וועגן ספר יהודית און אויך די לעצטע העבראישע איבערזעצונג איז פאראן אין אברהם כהנאס אויסגאבע „הספרים החצונים“.

**יהוה** דער נאמען פון גאט, אין תנ״ך, וואס ווערט שפעטער באצייכנט מיטן אויסדרוק „שם המפורש“. ווי אזוי דאס דאזיקעווארט איז געווארן אויסגעדריקט איז נישט קלאר, לויט דער מסורה איז עס „יעהאווא“ (אין דער ספרדישער אויסשפראך); יידן האבן דעם דאזיקן נאמען נים געוואלט ארויסזאגן, און אנשטאט דעם האט מען געזאגט „אדני“ אדער השם, און די גמרא אין קידושין ע״א זאגט „נכתב אני ביוד הא ונקרא באלף דלת“ („מיין נאמען ווערט געשריבן מיט י״ה, און ווערט אויסגעדריקט מיט אלף דלת, דאס הייסט אדני); נאר דער כהן גדול און יום כפור ביי זיין וידוי אין קדש הקדשים האט יא אויסגעדריקט דעם דאזיקן נאמען בפירוש (משנה יומא); אויך אין שרייבן ווערט באנוצט „ה׳“, „ד׳“, „יי׳“; אין די קבלה און חסידות־ספרים ווערט ער אנגערופן „שם הויה“; דער דאזיקער געטלעכער נאמען ווערט אויך באצייכנט אלס די „מידת הרחמים“ (זע זוכווארט „דין“); זע זוכווארט „תנ״ך־קריטיק; זע אויך זוכווערטער: „אדני“, „אלהים“, „גאט“, „שמות“.

**יהוידע** כהן גדול אין ירושלים אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש, ווען די קעניגין־מוטער עתליה האט דערמארדעט אלע מיטגלידער פון דער מלכות בית דוד, ווערנדיק הערשערין אין לאנד. עס איז געראטעוועט געווארן איין קינד יהואש, און יהוידע האט דורכגעפירט נאכער דעם אויפשטאנד קעגן עתליהו און אויסגערופן יהואש אלס קעניג. יהוידע האט אויך דורכגעפירט תקנות אין בית המקדש (מלכים ב׳ י״א און י״ב, דברי הימים ב׳ כ״ג).

**יהויכין** (אויך גערופן „יכניה“), קעניג אין ירושלים (לערך 597 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג); געקעניגט נאר 3 מאנאטן; אין זיין צייט האט נבוכדנאצר מלך בבל איינגענומען ירושלים; און אוועקגעפירט יהויכין קיין בבל און אויף זיין ארט באשטימט אלס קעניג אין ירושלים צדקיהו; דער סיפור ווערט דערציילט אין מלכים ב׳ כ״ד. אין מלכים ב׳ כ״ה ווערט דערציילט, אז נבוכדנאצרס זון, אויל מרודך, האט באפרייט יהויכין פון תפיסה און אים געגעבן א זייער הויכן אמט. פון יהויכין האבן אפגעשטאמט די אלע פאמיליעס וואס האבן זיך נאכער

מתייחס געווען, אז זיי קומען ארויס פון מלכות בית דוד, ווי די ראשי הגולה אין בבל און אנדערע. וועגן די אפשטאמענדע פון יהויכין איז פאראן אין דברי הימים ב׳ א׳ ג׳.

**יהויקים** מלך אין ירושלים אין די יארן 609—597 פאר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג. אין מלכים ב׳ כ״ג און כ״ד ווערט דערציילט אז יהויקים איז געווארן מלך דורך פרעה נכה מלך מצרים, און אז יהויקים האט געוואלט פירן א קאמף קעגן בבל, אבער ער איז באזיגט געווארן דורך בבל. אין ירמיה כ״ו ווערט דערציילט ווי לויטן באפעל פון יהויקים איז דערמארדעט געווארן דער נביא אוריהו, און אז אויך דער נביא ירמיהו איז געווען אין געפאר דערמארדעט צו ווערן, ווייל ער האט געווארנט דעם קעניג קעגן זיינע מעשים און ער האט נביאות געזאגט, אז ירושלים און דאס בית המקדש וועלן חרוב ווערן.

**יהונדב בן רכב** אין מלכים ב׳ י׳ ווערט דערציילט, אז ווען יהוא דער מלך פון ישראל האט אומגעבראכט די אלע דינער פון אפגאט בעל האט אים מיטגע־האלפן דערצו יהונדב בן רכב. אין ירמיה ל״ה ווערט דערציילט, אז יהונדב האט אנגעזאגט זיינע קינדער, אז זיי זאלן ניט טרינקען קיין וויין און נישט זיצן אין הייזער, נאר פירן א וואנדער־לעבן און וואוינען אין געצעלטן. דארט אין ירמיה ווערן די אפשטאמענדע פון יהונדב אנגערופן די „בית הרכבים“, און עס ווייזט אויס, אז דאס איז געווען שפעטער א סעקטע פון נזירים. לויט טייל מיינונגען זאלן פון זיי האבן געשטאמט שפעטער די „איסיים“. לויט אן אנדערער לעגענדע זאלן פון זיי האבן געשטאמט יידיש־אראבישע שבטים, וואס האבן געוואוינט אין אראבישן מדבר. זאגאר איז 19טן יארהונדערט, און האבן געהאלטן פון דער יידישער רעליגיע. מיט זיי זאל זיין פארבונדן די לעגענדע וועגן די יידיש־אראבישע שבטים פון „חיבר“. זע „חיבר“.

**יהונתן** זע „יונתן“

**יהורם (יורם)** — 1) יהורם, מלך אין יהודה, 860—843 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, זון פון יהושפט מלך יהודה. אונטער דעם איינפלוס פון זיין ווייב עתליה, דער טאכטער פון אחאב מלך ישראל, האט ער איינגעפירט דעם בעל־קולט אין יהודה (מלכים ב׳ ג׳). — 2) יהורם, מלך אין ישראל אין 853—842, זון פון אחאב; קעגן אים האט געמאכט אן אויפשטאנד זיין מיליטער־פירער יהוא און אים געטויט און צוזאמען מיט אים אויך געטויט די גאנצע אחאב־דינאסטיע (מלכים ב׳ ט׳).—זע „יהוא“.

**יהושע**, זון פון נון, דינער פון משה רבנו, שפעטער פירער פון די יידן, איינ־נעמער פון ארץ־ישראל. אין שמות י״ז ווערט צום ערשטן מאל דערמאנט דער נאמען פון יהושע, וועמען משה רבנו האט געהייסן מלחמה האלטן קעגן עמלק. אין שמות כ״ז ווערט ער אנגערופן דער „משרת“ (דינער) פון משה. אין במדבר י״ז ווערט דערציילט, אז ער האט געהייסן „הושע בן נון“, און משה האט אים אנגערופן יהושע. דארט ווערט דערציילט אז ער האט געשטאמט פון שבט אפרים און אז ער איז געווען איינער פון די מרגלים וואס זענען געשיקט געווארן אויסצוקוקן ארץ־ישראל, נאר אין דער צייט וואס די אנדערע מרגלים האבן גערעדט שלעכט וועגן דעם לאנד, האט יהושע צוזאמען מיט כלב בן יפונה גערעדט גוט וועגן ארץ־ישראל. אין במדבר כ״ז ווערט געזאגט, אז גאט האט געהייסן

משהן באשטימען יהושען אלס זיין נאכפאלגער. אין דברים ל״א ווערט דערציילט, אז משה רבנו האט פאר זיין טויט איבערגעגעבן די פירונג פון יידישן פאלק צו יהושע. אין ספר יהושע א׳ ווערט דערציילט ווי יהושע האט נאך משהס טויט איבערגענומען די פירונג פון יידישן פאלק, און דאס גאנצע ספר יהושע איז דער סיפור המעשה ווי יהושע האט אריינגעפירט די יידן קיין ארץ־ישראל, געפירט מלחמות קעגן די פעלקער פון ארץ־ישראל און זיי באזיגט און דאס לאנד פאנאדערגעטיילט צווישן די יידישע שבטים. אין יהושע כ״ד ווערט דערציילט, אז ער איז געשטארבן אין עלטער פון 110 יאר און מען האט אים קובר געווען אין תמנת סרח אין בארג אפרים. אין דער משנה, גמרא און מדרשים ווערט יהושע באטראכט נישט נאר אלס וועלטלעכער און מיליטערישער מנהיג פון יידישן פאלק, נאר אויך אלס דער וואס האט איבערגענומען די תורה און רעליגיעזע טראדיציע פון משה רבנו און זיי איבערגעגעבן ווייטער צו די יידישע פירער. אין דער ערשטער משנה פון אבות ווערט געזאגט „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים״ (משה האט גענומען די תורה אויפן בארג סיני און איר איבערגעגעבן צו יהושע, און יהושע צו די זקנים). אין דער גמרא בבא קמא פ״א ווערן געבראכט תקנות, וואס יהושע האט איינגעפירט כדי אפצוהיטן דעם וואויל פון ארץ־ישראל. אין בבא בתרא י״ד ווערט געזאגט אז יהושע האט געשריבן זיין ספר (יהושע) און די לעצטע 8 פסוקים פון חומש דברים (פון וימת משה ביז צום סוף. — דאס ספר יהושע איז דאס ערשטע ספר פון די נביאים הראשונים און האלט 24 קאפיטלעך. עס ווערט אין אים דערציילט וועגן די מלחמות וואס יהושע האט געפירט ביים איינעמען ארץ־ישראל, און עס ווערט אויך געגעבן (אין די קאפיטלעך י״ג—כ״א) די געאגראפישע איינטיילונג פון לאנד. צום סוף ווערט דערציילט וועגן טויט פון יהושע. אין דער גמרא נדרים כ״ב ווערט געזאגט אז ווען יידן וואלטן נישט געזינדיקט וואלטן זיי געהאט נאר די 5 חומשים און ספר יהושע; דערפון איז צו זען, אז דער ספר יהושע איז באטראכט געווארן אלס הייליק באלד נאכן חומש. די מאדערנע תנ״ך־קריטיקער ווילן פאראייניקן דעם ספר יהושע צו די 5 חומשים און רופן זיי צוזאמען „העקסאטעאוך״. דאס הייסט „די 6 ספרים״. די שומרונים, וועלכע האבן נישט קיינע אנדערע ספרים פון די נביאים, האבן נאר דעם חומש און דעם ספר יהושע, איז וועלכן עס זענען פאראן א סך קלענערע ענדערונגען פון אונדזער ספר יהושע און נאכער צוגאבן אויך פון שפעטערע געשעענישן (וועגן ספר יהושע פון די שומרונים זע ביים זוכווארט „שומרונים״).

**יהושע** עס זענען געווען א ריי אנגעזעענע רבנים מיטן נאמען „יהושע״. — מיר געבן דא די אנגעזעענסטע פון זיי. — 1) יהושע בועז (געשטארבן אין יאר 1555), מחבר פון „מסורת הש״ס״ און „נר משפט״ אויף ש״ס; אין „נר משפט״ ווייזט ער אן וואו עס געפינט זיך אין רמב״ם און טורים די הלכה פון דער באטרעפנדער גמרא; אויך שלטי הגבורים אויף דעם אלפס. — 2) יהושע העשל בן יוסף, רב אין לעמבערג, נאכער אין קראקע (געשטארבן 1648) מחבר פון „מגיני שלמה״. — 3) יהושע העשל בן יעקב, באקאנט אויך מיטן נאמען „רבי ר׳ העשל״, רב אין קראקע (געשטארבן 1663). בארימט אלס גרויסער גאון און ראש ישיבה זיינע תלמידים זענען געווען רבי דוד, מחבר פון ט״ז, רבי שבתי, מחבר פון ש״ך און אנדערע. — 4) יהושע ולק; זע

זוכוואָרט „וואָלק". — 5) יעקב יהושע, רב אין פראַנקפורט (געשטאָרבן 1754), מחבר פון ספר „פני יהושע" אויף ש"ס (געדרוקט פראַנקפורט 1752), פאַררעכנט אַלס איינער פון די גאונים אין 18טן יאָר־הונדערט, געווען אַ קעגנער פון רבי יונתן אייבעשיץ.

**יהושע בן גמלא** כהן גדול אין 2טן בית המקדש אין דער צייט פון אַגריפּס דעם 2טן. אין יומא י"ח ווערט דער־ציילט אַז זיין רייכע פרוי האָט געגעבן דעם מלך ינאי (לויט דער מיינונג פון היסטאָריקער דאַרף זיין אַגריפּס) אַ סך געלד, כדי איר מאַן זאָל ווערן כהן גדול. אין בבא בתרא כ"א ווערט דערציילט אַז ער האָט געגרינדעט אין יעדער שטאָט חדרים מיט מלמדים, און אַזוי אַרום גע־לערנט קינדער תורה. אין פלאַוויוסעס „מלחמות", ווערט דערציילט, אַז ער איז אומגעקומען דורך די קנאים אין דער צייט פון חורבן ירושלים.

**יהושע בן חנניה** תנא אין ארץ־ישר־ראל אין דער צייט פון חורבן בית שני און שפּעטער; באַקאַנט אין דער משנה אויך מיטן סתם נאָמען רבי יהושע; ער איז געווען אַ לוי און אין בית המקדש האָט ער געזונגען צוזאַמען מיט די לויים די משוררים (ערכין י"א); ער איז גע־ווען איינער פון די 5 אָנגעזעענע תלמידים פון רבן יוחנן בן זכאי; און אין דער משנה אבות פרק ב' זאָגט אויף אים זיין רבי „אשרי יולדתו" (וואָויל איז דער מוטער וואָס האָט אים געבוירן). אין ברכות כ"ח ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ בעל מלאכה, אַ שמיד, און פון דער דאָזיקער מלאכה זיך מפרנס געווען אין אָרעמקייט; אין אבות פרק ב' ווערן פון אים געבראַכט די ווערטער „עין הרע ויצר הרע ושנאת הבריות מוציאין את האדם מן העולם" (אַ שלעכט אויג און דער שלעכטער ווילן און שנאה צו מענ־טשן ברענגען אים דעם מענטש פון דער וועלט). ביים חרבן ירושלים האָט ער צוזאַמען מיט רבי אליעזר אַרויסגעפירט זיין רבי רבן יוחנן פון באַלאַגערטן ירו־שלים (גטין נ"ו); רבי יהושע האָט זיך באַזעצט אין פקיעין (סנהדרין ל"ב). ער פלעגט קומען אָפט קיין יבנה צו דער גרויסער ישיבה, וואו ס'האָט געוואוינט דער נשיא רבן גמליאל. די הלכות פון רבי יהושע געפינען זיך אָפט אין משנה און ברייתות. אין הוריות י' ווערט דערציילט אַז ער האָט געקענט אַסטראָנאָמיע. אין ברכות נ"ו און אַנדערע ערטער אין גמרא און מדרש ווערט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט ויכוחים מיט דעם רוימישן קיסר אַדריינוס; אין בכורות ח' ווערן געבראַכט זיינע ויכוחים מיט די גריכישע חכמים פון אַטען (סבי דבי אתונא); ער איז גע־ווען באַקאַנט אַלס חכם (תענית ז', ערו־בין נ"ג); אין מדרש רבה בראשית ס"ד ווערט דערציילט ווי די יידן האָבן גע־וואָלט מורד זיין אין רוים און רבי יהושע האָט זיי באַרואיקט, דערציילנדיק אַ משל. ער איז געשטאָרבן פאַר דעם אויסברוך פון דער בר כוכבא־מלחמה. אין סוף סוטה ווערט געזאָגט, אַז זינט רבי יהושע איז געשטאָרבן איז פאַרשוואונדן געוואָרן עצה ומחשבה. פון זיינע אגדה־ווערטער וועלכע זענען פאַראַן פיל, זענען צו פאַר־צייכענען: „אויך גוטע ניט־יידן האָבן חלק לעולם הבא" (סנהדרין ק"ה); דער בעסטער וועג פאַר אַ מענש איז צו האָבן אַ גוטן חבר (אבות פרק ב'); מער ווי דער געלט־געבער טוט דעם אָרעמאַן, טוט דער אָרעמאַן דעם געלט־געבער (ויקרא רבה ל"ד).

**יהושע בן לוי** אמורא אין ארץ־ישר־אל אין ערשטן דור פון אמוראים (אין אָנהויב 3טן יאָרהונדערט); ווערט אָנ־גערופן אויך „בר לואי" (סנהדרין צ"ח);

געוואוינט אין דרום, אין דער שטאט לוד; אין דער גמרא זענען פאראן פון אים פיל הלכות און אגדה־ווערטער; אין 6טן פרק פון פרקי אבות איז פאראן פון אים דער מאמר אז יעדן טאג גייט ארויס א בת קול פון הר חורב, אז ווי איז צו מענטשן דערפאר וואס זיי לערנען נישט קיין תורה; דארט זאגט ער אויך אז „אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה (א מענטש איז נישט פריי נאר ווען ער איז עוסק אין תורה), א געדאנק וואס דערמאנט דעם געדאנק פון די אלטע פילאזאפן סטאאיקער וועגן דער „פרייהייט פון חכם“; אין סנהדרין מ״ג זאגט ער אז ווער עס האט א צעבראכן הארץ איז אזוי ווי ער וואלט מקריב געווען קרבנות; אין ברכות י״ט זאגט ער, אז מען טאר נישט ארויסכאפן זיך מיט קיין קללה ווייל „אל יפתח אדם פיו לשטן“; אין כתובות ע״ז ווערט דערציילט וועגן אים אז דער מלאך המות האט אים נישט געטויט נאר ער איז אריין לעבעדיקערהייט אין גן עדן.

**יהושע בן פרחיה** תנא, נשיא פון סנהדרין, איינער פון די „זוגות“ (זע „זוגות“) אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, ווארשיינלעך אין דער צייט פון מלך אלכסנדר ינאי; אין אבות פרק א׳ ווערט פון אים געבראכט דאס ווארט „עשה לך רב וקנה לך חבר והוה דן את כל האדם לכף זכות“ (שאף זיך א רבי, קויף זיך א חבר, און אורטייל יעדן מענטש צום גוטן); אין מנחות ק״ט ווערט דערציילט אז צוליב די רדיפות אויף די יידישע חכמים דורכן מלך ינאי איז יהושע בן פרחיה אנטלאפן קיין מצרים; נאר נאכער איז ער צוריקגעקומען. אין סנהדרין ק״י ווערט וועגן אים געזאגט אז ישו הנוצרי איז געווען זיין תלמיד, און אז יהושע בן פרחיה האט ישון פארשטויסן פון זיך; די דאזיקע שטעלע פון דער גמרא האט ארויסגערופן שוועריקייטן ביי פיל היסטאריקער, ווייל געווינלעך ווערט אנגעגעבן אז ישו הנוצרי האט געלעבט א סך שפעטער אין דער צייט פון הורדוס המלך; זיין חבר אין די זוגות איז געווען נתאי הארבלי.

**יהושע בן קרחה** תנא אין דער 2טער העלפט פון 2טן יארהונדערט אין ארץ ישראל, געהאט אריכת ימים; פאראן פון אים אין תלמוד א ריי הלכות און אגדות; אין סנהדרין ק״ח זאגט ער, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן פאר דעם מענטש; אין מדרש (בראשית רבה י״ג, כ״ז, שמות רבה ב׳ און אנדערע) זענען פאראן זיינע ויכוחים מיט די מינים.

**יהושע (ישוע) בן יהוצדק** ערשטער כהן גדול אין דער צייט ווען יידן זענען צוריקגעקומען פון גלות בבל קיין ארץ־ישראל; ער צוזאמען מיט זרובבל זענען געשטאנען אין דער שפיץ פון די צוריקערנדע יידן פון בבל. אין די לעצטע נביאים ספרים, חגי און זכריה ווי אויך אין עזרא און נחמיה און דברי הימים ווערט ער געבראכט עטלעכע מאל. ער צוזאמען מיט זרובבל האבן געבויט דעם נייעם מזבח און אנגעהויבן בויען דאס בית המקדש. פון זכריה ג׳, ד׳ און ו׳ איז צו זען, אז צווישן יהושע און זרובבל איז אנטשטאנען די מחלוקה וועגן דער הערשאפט אין ארץ־ישראל; דאס איז געווען די מחלוקה, צי די הערשאפט זאל געהערן צום כהן גדול און זיין א רעליגיעז־טעאקראטישע, אדער זי זאל געהערן צום אייניקל (זרובבל) פון די מלכי בית דוד און זאל זיין א וועלטלעכע. דער נביא זכריה וויל אויסגלייכןביידע („ועצת שלום תהיה בין שניהם“). אין נחמיה ווערן זיינע אייניקלעך געטאדלט פאר חתונה האבן מיט פרעמדע פרויען.

**יהושפט** מלך אין יהודה אין די יארן 874—850 פאר דער געוויינלעכער צייט־

רעכענונג; זון פון מלך אסא; אין מלכים
א' כ"ב ווערט דערציילט וועגן אים, אז
ער האט געהערט צו די פרומע מלכים;
ער האט געפירט צוזאמען מיט די מלכים
פון ישראל מלחמות קעגן מואב און ארם;
ער האט געשיקט שיפן קיין אופיר צו
ברענגען גאלד, נאר די שיפן זענען צע־
בראכן געווארן אין עציון גבר (מלכים
א' כ"ב); אין דברי הימים ב' י"ט און
כ' ווערט ער געשטראפט דורך די נביאים
דערפאר וואס ער האט זיך מתחבר געווען
צו די זינדיקע מלכים פון ישראל; אין
דברי הימים ב' כ' ווערט געבראכט פון
אים א תפילה, און אין קאפיטל י"ט
ווערט דערציילט, אז ער האט באשטימט
שופטים (ריכטער) אין גאנצן לאנד און
האט זיי אנגעזאגט, אז זיי זאלן נישט
נעמען קיין שוחד און נישט חנפענען קיי־
נעם.

**יהושפט, עמק** נאמען פון א טאל
וואס געפינט זיך צופוסנס פון הר הזיתים
אין ירושלים, א טייל פון נחל קדרון; אין
יואל ד' ווערט געזאגט, אז אלע פעלקער
וועלן צונויפגעזאמלט ווערן אין עמק יהו־
שפט און דארט ווערן געמשפט; לעבן
עמק יהושפט איז פאראן דער יידישער
בית עלמין.

**יהרג ואל יעבור** דאס איז אן אויס־
דרוק אין דער גמרא, וואס איז דער
טייטש: „געטויט ווערן און נישט עובר
זיין", און דער זין דערפון איז צו ענט־
פערן אויף דער פראגע: ווען מען וויל
צווינגען א ייד עובר צו זיין אויף א גע־
באט פון דער רעליגיע, צי זאל ער זיך
לאזן טויטן און נישט עובר זיין אויפן
געבאט, אדער ער מעג יא עובר זיין און
זיך ראטעווען דאס לעבן. אין דער גמרא
סנהדרין ע"ד ווערט די פראגע באהאנדלט
אויספירלעך; עס ווערן דארט געבראכט
פארשידענע מיינונגען; עס ווערט דארט
געזאגט, אז אין דער עליה פון בית נתזה
אין לוד, ווייזט אויס אין דער צייט פון
גזרת שמד אין ארץ־ישראל נאך דער בר
כוכבא־מלחמה, האט מען באשלאסן, אז
אויף אלע געבאטן מעג מען יא עובר זיין,
כדי צו ראטעווען זיך דאס לעבן, דאקעגן
אויף די דריי עבירות, פון עבודה זרה
(דינען אפגעטער), גלוי עריות (זנות) און
שפיכת דמים (הרגענען מענטשן), זאל
מען זיך לאזן טויטן און נישט עובר זיין
אויף זיי, יהרג ואל יעבור. די פראגע
האט געהאט א גרויסע באדייטונג אין
דער יידישער געשיכטע צוליב די גזרות
שמד, און זי איז באהאנדלט געווארן דורך
די גרעסטע יידישע רעליגיעזע אויטאריי־
טעטן, ווי דער רמב"ם און אנדערע.

**יואב בן צרויה** מיליטער־פירער פון
דוד המלך; וועגן זיינע גבורות ווערט דער
ציילט אין ספר שמואל ב'; ער האט מל־
חמה געהאלטן קעגן א ריי פעלקער (עמון
און אנדערע) און זיי אלע באזיגט; ער
האט אויך אונטערדריקט די אויפשטאנדן
פון אבשלום און שבע בן בכרי; אין מל־
כים א' ווערט דערציילט, אז ער האט
געוואלט מאכן אלס מלך, נאכדעם ווי דוד
וועט שטארבן, דודס זון אדוניה; אבער
אלס מלך איז אויסגערופן געווארן שלמה,
וועלכער האט געלאזט טויטן יואבן. פון
די סיפורים אין שמואל ב' און מלכים א'
איז צו זען, אז צווישן דוד המלך און יואב
זענען כסדר געווען מיינונגס־פארשידנ־
קייטן און אז יואב האט דורכגעפירט וואס
ער האט געוואלט. לויט דעם ספור אין
מלכים א' האט דוד פאר זיין טויט אנ־
געזאגט שלמהן צו טויטן יואב.

**יואל** נביא, זיינע נביאות זענען פאראן
אין ספר יואל פון תרי עשר; אין ספר
יואל ווערט אנגעגעבן זיין פאטערס נא־
מען פתואל; עס ווערט נישט אנגעגעבן
אין ספר וואו דער נביא האט געוואוינט

און ווען ער האט געלעבט. אין דער נביאות דערציילט ער וועגן א היישעריק וואס האט חרוב געמאכט דאס לאנד; אין קאפיטל ד׳ דערציילט ער וועגן די בני יהודה און בני ירושלים וואס זענען פארקויפט געווארן צו די בני היונים. דאס ספר האט 4 קאפיטלעך.

**יואל סירקיש** זע „סירקיש״.

**יואש** זע „יהואש״.

**יובל** אין חומש ויקרא כ״ה ווערט געזאגט, אז יעדעס 7טע יאר ווערט אנגערופן שמיטה, און יעדעס 50טע יאר ווערט אנגערופן יובל; וועגן די דינים פון שמיטה זע ביים זוכווארט „שמיטה״. אין יובל האט מען נישט געטארט באזייען די פעלדער; אלע פעלדער וואס זענען געקויפט געווארן, זענען צוריק געווארן דאס אייגנטום פון די פריערדיקע בעלי בתים, (ושבתם איש אל אחוזתו); אלע יידישע קנעכט זענען געווארן באפרייט („דרור״) ווען דאס יובל־יאר איז אנגעקומען, און דער חומש גיט צו, אז דאס איז ווייל מען קאן נישט קויפן א ייד אלס קנעכט אויף אייביק („ממכרת עבד״). דאס יובל־יאר איז באטראכט געווארן אלס הייליק (וקדשתם את שנת החמשים), און אלס צייכן דערצו האט מען אין 10טן טאג פון חודש תשרי, אין יום כיפור, געבלאזן שופר אין לאנד. אין יחזקאל מ״ו ווערט דאס יובל־יאר אנגערופן „שנת הדרור״ (פרייהייט־יאר); אויך אין ירמיה ל״ד ווערט דאס באפרייען די קנעכט אנגערופן „דרור״, און די חכמי התלמוד (ערכין ל״ב) מיינען, אז דאס האט ירמיהו געמיינט דאס יובל־יאר. די גמרא אין ערכין ל״ב זאגט אויך אז נאכדעם ווי דאס בית המקדש איז חרוב געווארן איז בטל געווארן דאס יובל־יאר.— דאס ווארט יובל זאל שטאמען פון בלאזן שופר מיט דעם הארן פון שעפסן („שופרות היובלים״, יהושע ו׳). — דאס ווארט יובל איז אנגענומען געווארן אין די אייראפעאישע שפראכן צו געדענקען א צייט־פייערונג, „יובילעאום״.

**יובלים** נאמען פון אן אלט ספר, געשריבן אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, געהערט צו אפאקריפן, „כתובים אחרונים״, און איז געווען פארלוירן א לאנגע צייט. דאס ספר ווערט דערמאנט אין פלאוויוסעס ווערק מיטן נאמען „יובלות־בוך״. אין פירוש צו דברי הימים פון רב סעדיה גאונס א תלמיד (10טן יארהונדערט) ווערט דערמאנט א ספר „היובלות״ אין העברעאיש; דאס ספר זאל אויך האבן באקאנט געווען מיטן נאמען „בראשית זוטא״ און אויך „ספרא דאדם הראשון״. סיווי, דאס ספר איז געווען פארלוירן א לאנגע צייט, און ערשט אין 19טן יארהונדערט האט מען עס געפונען אין דער אלט־אביסינישער שפראך, נאכער האט מען אויך געפונען פראגמענטן אין לאטיין, און מען האט עס איבערזעצט אין פיל שפראכן. דר. שלמה רובין האט עס דער ערשטער איבערזעצט אין העברעאיש (געדרוקט אין „השחר״ תרכ״ט מיט אן איינלייטונג). — דער מחבר דערציילט אז דאס ספר איז אייבערגעגעבן געווארן דורך א מלאך צו משה רבנו ווען ער איז געווען אין הימל. דאס בוך טיילט איין די געשיכטע אין יובלות, יעדע עפאכע צו 50 יאר, און עס ווערן איבערגעגעבן פארשידענע לעגענדעס און סיפורים וועגן די געשעענישן וואס ווערן געבראכט אין חומש פון אדם וחוה אן ביז אין מיטן שמות. אסך פון די דאזיקע אגדות געפינט מען אין די מדרשים. עס ווערן דא אויך געבראכט די גלויבונגען אין משיח. טייל הלכות וואס ווערן געבראכט אין ספר היובלים זענען אין סתירה צו די אנגענומענע יידי

שע דינים. לויט דער מיינונג פון גרעסטן טייל געלערנטע (פראנקעל און אַנדערע) איז דאָס ספר געשריבן געווארן אין העברעאיש. יעלינעק האַלט, אַז דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן דורך די איסיים (זע „איסיים"). טייל היסטאָריקער מיינען, אַז דער יובלים איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון יוחנן הורקנוס (אין די יאָרן 105—135 פאַר דער געווינלעכער צייטרעכענונג). זע רובינס „ספר היובלים" און זיין איינלייטונג; אויך כהנאס „ספר היובלים" אין זיין אויסגאַבע פון „הספרים החצונים".

**יודגאַן אל רעי** נאָמען פון אַ גרינדער פון אַ יידישער סעקטע אין פערסיע און אין אַראַבישן קאַליפאַט אין 8טן יאָרהונדערט; ער איז געהאַלטן געוואָרן דורך זיינע אָנהענגער אַלס נביא און משיח (דערפון שטאַמט זיין צונאָמען „אל רעי", „דער פאַסטוכער"). — ער האָט געהייסן פאַסטן און זיין נזירים, נישט עסן פלייש און נישט טרינקען וויין; וועגן מצוות פון דער תורה האָט ער געהאַלטן, אַז זיי פאַרפליכטן נאָר אין ארץ ישראל, ווען דאָס בית המקדש עקזיסטירט. לויט טייל מיינונגען זאָל ער זיין דער זעלבער יהודה הפרסי וואָס ווערט געבראַכט אין פירוש פון ר' אברהם אבן עזרא אויף תורה. זיינע אָנהענגער האָבן זיך ביסלעכווייז אַסימילירט מיט די קאַראַאימער.

**יוגאָסלאַוויע** לאַנד אין דרום אייראָפּע, לערך 15 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי איבער 50 טויזנט יידן (20 פראצענט ספרדים), מייסטנס אין דער הויפּטשטאָט בעלגראַד; די קהלות (110) זענען פאַרייניקט אין אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע; געבן אַרויס צייטשריפטן. אַ גרויסע ציוניסטישע באַוועגונג. — די היטלעריסטישע אַרמייען האָבן אין די יאָרן 1941—1942 חרוב געמאַכט די יידישע קהלות און דערמאָרדעט פיל יידן.

**יודעים** זע זוכוואָרט „גנאָסטיקער".

**יאָזעלמאַן, יוסף** (לערך 1480—1554) באַרימטער יידישער שתדלן אין דייטשלאַנד פון דער שטאָט ראָסהיים; ער איז געווען דער פרנס און מנהיג פון אַלע יידישע קהלות אין דייטשלאַנד און האָט פיל געווירקט לטובת יידן ביי די דייטשע קייסאָרים מאַקסימיליאַן דעם ערשטן און קאַרל דעם 5טן. ער האָט מחבר געווען די ספרים „דרך הקודש", „אגרת נחמה". „המקנה" און אויך געשריבן זכרונות; וועגן אים האָט שאול פנחס ראַבינאָוויטש געשריבן אין העברעאיש „ר' יוסף איש רוסהיים"; דר. לעהמאַן הנט געשריבן וועגן אים אַ ראָמאַן „ר' יאָזלמאַן" (איבערזעצט אין יידיש).

**יוחנן פון גוש חלב** פירער פון די קנאים, קעמפער קעגן די רוימער אין דער צייט פון חרבן בית שני; ער האָט געשטאַמט פון גוש חלב אין גליל און האָט פאַרטיידיקט די שטאָט קעגן די רוימער; ער האָט אויך געוואָרנט די סנהדרין אין ירושלים קעגן דעם יידישן קאָמאַנדיר פון גליל יוסף בן מתתיהו (פלאוויוס), האַלטנדיק אים פאַר אַ בוגד. יוחנן איז מיט זיינע אָנהענגער אַוועק קיין ירושלים, וואו ער האָט צוזאַמען מיט די אַנדערע קנאים־פירער געפירט די מלחמה קעגן די רוימער, ביז די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן. די רוימער האָבן אים פאַראורטיילט צו אייביקער געפענגעניש. פלאַוויוס דערציילט וועגן אים אין זיינע ביכער „מלחמות" און „אויטאָביאָגראַפיע"; דאָרט דערציילט ער, אַז רבן שמעון בן גמליאל איז געווען יוחננס פריינט.

**יוחנן המטביל** פאַרהייליקט ביי קריסטן (אַלס „יוחנן דער טויפער"), אַלס רבי פון ישו הנוצרי. אין פלאַוויוסעס „קדמוניות" ווערט ער פאַרגעשטעלט אַלס

הייליקער יידישער נזיר, וועלכער האט גערופן דאס פאלק צו תשובה און איז אומגעקומען דורך הורדוס אנטיפאס. אין יידישע קוואלן (אחוץ פלאוויוס) ווערט וועגן אים גארניט געבראכט. ווארשיינלעך איז ער געווען פון די „איסיים" (זע „איסיים"). פאראן טייל קריטישע מיינונגען, אז דער גאנצער סיפור ביי פלאוויוס איז צוגעגעבן געווארן שפעטער דורך קריסטן. — זע קלויזנער „ישו הנוצרי".

**יוחנן בן זכאי, רבן** בארימטער תנא אין ירושלים אין דער צייט פון חרבן בית שני. לויט דער משנה אין אבות ב' איז ער געווען א תלמיד פון הלל און שמאי; אבער הויפטזעכלעך איז ער געווען א תלמיד פון הלל. די גמרא אין סוכה כ"ח זאגט וועגן אים, אז ער האט געקענט די גאנצע תורה שבכתב ושבעל פה און אויך מעשה מרכבה (געהיימע לערע וועגן געטלעכקייט). הלל האט פאר זיין פטירה געזאגט וועגן אים, אז ער איז „אב לחכמה ואב לדורות" (ירושלמי נדרים ה'); ער האט, לויט דער טראדיציע, געלעבט 120 יאר (ראש השנה ל"ב); לויט טייל מיינונגען זאל ער האבן געווען נשיא (ספרי דברים). ווען ירושלים איז געווען באלאגערט דורך די רוימער האט רבן יוחנן געהערט צו די וואס האבן געהאלטן, אז מען דארף מאכן שלום מיט די רוימער, ווייל מען וועט זיי נישט קאנען באזיגן (גטין נ"ו). מיט דער הילף פון זיין שוועסטרן־זון, דעם קנאים־פירער אבא סיקרא (זע זוכווארט „אבא סיקרא") איז רבן יוחנן ארויס פון דעם באלאגערטן ירושלים און געקומען צום רוימישן גענעראל אספסינוס און אים נביאות געזאגט, אז ער וועט ווערן רוימישער קיסר, און האט ביי אים געבעטן צו שאנעווען „יבנה וחכמיה" (די שטאט יבנה און אירע חכמים) ווי אויך לאזן לעבן די נשיאים־דינאסטיע פון רבן גמליאל. אין יבנה האט רבן יוחנן מיט זיינע תלמידים געגרינדעט די ישיבה, וועלכע איז געווארן דער נייער תורה־צענטער נאכן חרבן ירושלים, און האט אזוי ארום דערהאלטן די גייסטיקע עקזיסטענץ פון יידישן פאלק. אין יבנה האט רבן יוחנן מתקן געווען א סך תקנות (ראש השנה כ"ט און אנדערע ערטער). דארט האט ער איבערגעגעבן דאס נשיאות צו רבן גמליאל (דיבנה) און אליין זיך באזעצט אין ברור חיל. אין ברכות כ"ח ווערט דערציילט, אז איידער ער איז געשטארבן האט ער געזאגט צו זיינע תלמידים. אז זיי זאלן מורא האבן פאר גאט אזוי פיל ווי זיי האבן מורא פאר מענטש. — אין אבות ב' ווערט געזאגט, אז ער האט געהאט 5 אנגעזעענע תלמידים, צווישן זיי רבי אליעזר בן הרקנוס, רבי יהושע, רבי אלעזר בן ערך. — פון רבן יוחנן ווערן געבראכט אין משנה און גמרא א סך הלכות ווי אויך אגדה־ווערטער און אויך ויכוחים וואס ער האט געהאט מיט די צדוקים און ביתוסים (מנחות ס"ה און אנדערע). אין אבות ב' ווערט געבראכט זייןווארט „אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת" (אויב דו האסט געלערנט א סך תורה, באטראכט עס נישט אלס דיין פארדינסט, ווייל דערצו ביזטו באשאפן געווארן). אין סוכה כ"ח ווערט דערציילט. אז ער האט קיינמאל נישט גערעדט קיין שיחת חולין און שטענדיק געלערנט. אין בבא בתרא י' זאגט ער, אז צדקה איז מכפר אויף די פעלקער. אין ברכות י"ז ווערט דערציילט, אז ער האט שטענדיק באגריסט פריער מענטשן אין גאס, זאגאר נישט־יידן. א זאמלונג פון זיינע אגדה־ווערטער איז פאראן אין באבערס „אגדות התנאים". אין דער אלטשטאט איז ירושלים איז פאראן א בית המדרש וואס איז מיוחס צו רבן יוחנן בן זכאי. לויט

דער טראַדיציע געפינט זיך זיין קבר אין מרון נישט ווייט פון רבי שמעון בן יוחאים קבר. — זע „תולדות תנאים ואמוראים" פון היימאַן.

**יוחנן כהן גדול** זע „הורקנוס".

**יוחנן בן נפחא** באַרימטער אמורא אין ארץ־ישראל, באַקאַנט אין דער גמרא מיטן סתם נאָמען „רבי יוחנן". וועגן דער צייט ווען ער האָט געלעבט זענען פאַראַן מיינונגס־פאַרשידנקייטן ביי די היסטאָריקער פראַנקעל (אין „מבוא הירושלמי"). גרעץ (אין זיין „געשיכטע"), וויים („דור דור ודורשיו") און הלוי („דורות הראשונים"). מען נעמט אָן אַז ער איז געבוירן געוואָרן לערך דעם יאָר 180 און געשטאָרבן 270. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי יהודה הנשיא (חולין קל"ז); זיין הויפּטדערציער איז געווען רבי אושעיא רבה (ערובין נ"ג). זיין ישיבה האָט ער געהאַט אין טבריה, און זיינע תלמידים זענען געווען די אָנגעזעענסטע אמוראים פון ארץ ישראל (רבי אלעזר בן פדת און אַנדערע); זיין חבר און תלמיד און שוואָגער איז געווען ריש לקיש. זיינע הלכות זענען פאַראַן זייער פיל אין דער גמרא. פון אים זענען אויך פאַראַן אגדה־ווערטער. אין מגילה י' זאָגט ער, אַז די מלאכים האָבן ביי קריעת ים סוף געוואָלט זאָגן שירה צוליב דער רעטונג פון יידן, אָבער גאָט האָט נישט געלאָזט, ווייל „מעשי ידי טובעים בים" (ווייל די מצריים, די באַשעפענישן פון גאָט, זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים). אין ירושלמי בבא קמא ח' ווערט דערציילט, אַז ווען ער האָט געטרונקען וויין האָט ער געגעבן אויך זיין קנעכט, זאָגנדיק דעם פסוק „הלוא בבטן עושני עשהו" (דער קנעכט איז געבוירן געוואָרן פונקט ווי איך). אין קידושין ל"ג ווערט דערציילט אַז ער פלעגט זיך אויפשטעלן פאַר אַלטע לייט אפילו פאַר נישט־יידן („סבי דארמאי"). ער האָט געהאַט 10 זין און זיי זענען אַלע געשטאָרבן ביי זיין לעבן, אָבער ער האָט נישט מתרעם געווען אויף גאָט (ברכות ה'). ער האָט געזאָגט „ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא", נישטאָ קיין זאַך וואָס דערצו איז נישטאָ אַ רמז אין דער תורה (תענית ט'). לויט דער טראַדיציע זאָל ער האָבן געווען דער ערשטער מסדר פון דעם תלמוד ירושלמי, הגם זיינע תלמידים און תלמידים פון תלמידים האָבן שפּעטער צוגעגעבן צום ירושלמי הוספות. פּרטים וועגן זיין לעבן אין די דערמאָנטע ביכער פון די היסטאָריקער און אויך אין „תולדות תנאים ואמוראים" פון היימאַן.

**יוחנן הסנדלר** תנא אין ארץ־ישראל אין 2טן יאָרהונדערט, תלמיד פון רבי עקיבא (ברכות כ"ב). דער ספר יוחסין זאָגט, אַז ער האָט געהייסן „הסנדלר" ווייל ער איז געווען אַ שוסטער (געמאַכט סנדלים); ער האָט געשטאַמט פון אלכסנדריה של מצרים (ירושלמי חגיגה ג'); אין אבות ד' זאָגט ער „כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקיים (נאָר אַ פאַרזאַמלונג וואָס איז לשם שמים האָט אַ קיום).

**יוחנן בן קרח** אידישער מיליטער־פירער אין דער צייט פון חרבן פון 1טן בית המקדש; ער האָט געוואָרנט גדליה בן אחיקם, דעם יידישן הערשער אין יהודה נאָכן חרבן, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורך נבוכדנאצר מלך בבל, אַז ישמעאל בן נתניה וויל אים אומבּרענגען. נאָכן טויט פון גדליה איז יוחנן בן קרח אַנטלאָפן צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידן קיין מצרים. דער סיפור וועגן אים איז פאַראַן אין ירמיה מ'—מ"ג.

**יוחסין** אין דער גמרא (יבמות מ"ט, ירושלמי תענית ד', פּסחים ס"ב) ווערט

געזאָגט, אַז אין די אַלטע צייטן איז געווען ביי יידן אַ בוך פון גענעאַלאָגיע (יחוס) פון יידישע פאַמיליעס, מיטן נאָמען „מגילת יוחסין'' און „ספר יוחסין''. פון נחמיה ז' איז צו זען אַז דעמאָלט איז געווען אַ „ספר היחש''; אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט ביי יידן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דער יחוס פון דער פאַמיליע, באַזונדערס ביים טאָן שידוכים (תענית ל''א). אויך אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט האָט מען ביי יידן זיך גערעכנט מיט יחוס, און עס איז געוואָרן אַ מעלה, אַז מען איז אַ „מיוחס'' — זע זוכוואָרט „אַדעל''.

**יויריב (יהויריב)** זע זוכוואָרט „משמרות''.

**יוכבד** ווייב פון עמרם, מוטער פון משה רבנו, אהרן הכהן און מרים (שמות ו' און אַנדערע ערטער אין חומש); אין דער גמרא און מדרש זענען פאַראַן אַ סך אגדות וועגן יוכבד.

**יולדת** זע „קימפּעטאָרן''.

**יום** אין העברעאיש איז „יום'' דער טייטש „טאָג''; דערפון איז דאָס וואָרט „יום'' אַריין אַלס וואָרט־טייל פון אַ סך באַגריפן און נעמען אין דער יידישער רעליגיע און אויך אין לעבן, ווי למשל יום־טוב, יום כפור, יום הדין (אַלס באַדייטונג פאַר ראש השנה און יום כפור), דער פערזאָנען־נאָמען „יום־טוב'' פאַר מענטשן. מען באַצייכנט אין יידיש מיטן נאָמען „יום'' דאָס אַנטשפּרעכנדע קאַפּיטל תהלים וואָס מען זאָגט יעדן טאָג נאָכן דאַוונען, פאַר יעדן טאָג פון דער וואָך אַן אַנדער קאַפּיטל תהלים, און פריער זאָגט מען „היום יום ראשון'' אָדער „שני'' און אַזוי פאַר יעדן באַזונדער; דאָס שטאַמט פון שיר פון די לויים אין בית המקדש, ווי עס איז פאַראַן אין משנה סוף תמיד י'; מיטן וואָרט „יום תהלים'' מיינט מען אויך אַ גאַנצן חלק פון תהלים, און דאָס גאַנצע ספר ווערט איינגעטיילט אויף 7 חלקים, און גאָר פרומע יידן זאָגן יעדן טאָג פון דער וואָך אַ גאַנצן חלק פון תהלים.

**יום טוב** (גוטער טאָג), נאָמען פאַר די יידישע פייערלעכע טעג (אַחוץ שבת און יום כפור) ווען מען טאָר נישט טאָן קיין אַרבעט, אָבער קאָכן און באַקן און באַנוצן זיך מיט פייער מעג מען. אין לשון רבים איז עס „ימים טובים''. אַזעלכע זענען ראש השנה, סוכות, פּסח און שבועות. דאָס וואָרט יום־טוב ווערט שוין געבראַכט אין תנ''ך (שמואל א' כ''ה, מגילת אסתר ט'), הגם אין אַלגעמיין באַנוצט דער תנ''ך דערצו דאָס וואָרט „מועד'', „חג''. — וועגן די דינים פון יום טוב איז פאַראַן אין דער מסכתא „ביצה'', וואָס ווערט אָנגערופן דעריבער אויך מסכתא „יום טוב''. וועגן די ימים טובים זע ביי די אַנטשפּרעכנדע זוכווערטער „ראש השנה'', „סוכות'' און אַזוי ווייטער.—מיטן וואָרט „יום טוב שני של גליות'' (דער צווייטער טאָג יום־טוב פון די גלות לענדער) באַצייכנט מען דעם 2טן טאָג יום־טוב פון שבועות, פּסח, און סוכות (סיי פון די ערשטע טעג און סיי פון די אַנדערע טעג פּסח און סוכות). ווייל לויט דער תורה דאַרף מען פייערן נאָר איין טאָג יום־טוב; נאָר ווייל אין די אַלטע צייטן האָט מען ביי יידן באַשטימט דעם ראש חודש אין ירושלים, לויט דער נייער לבנה, און מען האָט מורא געהאַט, אַז אין די ווייטע גלות־לענדער וועט מען אַ טעות האָבן אין פעסטשטעלן לויט דעם ראש חודש די ימים טובים, האָט מען איינגעפירט פאַר אַלע לענדער, אַחוץ ארץ־ישראל, צו פייערן אַ צווייטן טאָג יום־טוב. אַן אויסנאַם איז נאָר ראש הש־

נה, וועלכער איז אויך אין ארץ־ישראל געפייערט געווארן 2 טעג, ווייל ראש הש־נה איז גלייכצייטיק ראש חודש און מען האט מורא געהאט, אז מען וועט א טעות האבן אין ארץ־ישראל זעלבסט. דער דא־זיקער מנהג פון 2 טעג ימים טובים אין די גלות־לענדער (חוץ לארץ) און איין טאג יום־טוב אין ארץ־ישראל (מיטן אויסנאם פון ראש השנה) ווערט געהאל־טן ביז היינט, הגם מיר שטעלן היינט פעסט דעם ראש חודש נישט לויטן זען די נייע לבנה (על פי ראייה) נאר מיר האבן אן אויסגערעכנטן קאלענדאר (על פי חשבון). עס איז אנגענומען, אז דער 2טער טאג יומטוב איז לייכטער אין גע־וויסע זאכן. ווי למשל אין קובר זיין א מת. די רעפארם־באוועגונג האט אין טייל ערטער אפגעשאפט דעם 2טן טאג יום־טוב. דאקעגן די ארטאדאקסישע יידן האלטן ביז היינט דעם יום־טוב שני.

**יום טוב** פערזאנען־נאמען ביי יידן. דעם דאזיקן נאמען יום־טוב פאר מענטשן געפינען מיר שוין אין די עלטערע צייטן אין שפאניע. אין די לענדער פון דייטש־לאנד און פוילן האט מען באנוצט דעם נאמען אמייסטן צוזאמען מיט „ליפמאן" אדער „ליפע"; וועגן רבי יום־טוב ליפמאן מילהויזן זע „מילהויזן"; וועגן רבי יום־טוב העלער זע „העלער".

**יום טוב בן אברהם אישבלי** בא־קאנט אויך מיטן ראשי־תבות־נאמען „ריטבא"; געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 14טן יארהונדערט אין שפא־ניע אין דער שטאט סעווילא (דערי־בער הייסט ער „אישבלי"); תלמיד פון רבי שלמה בן אדרת (רשב"א) און רבי אהרן הלוי (רא"ה); באקאנט מיט זיינע ספרים אויף ש"ס „חידושי הריטב"א; ער האט אויך מחבר געווען א ריי אנדע־רע ספרים, צווישן זיי דעם „ספר הזכ־רון" צו פארענטפערן די השגות פון ראב"ד אויפן רמב"ם.

**יום כפור (יום הכפורים)** הייליק־סטער יידישער פייערטאג און תענית, דעם 10טן טאג אין חודש תשרי. הויבט זיך אן מיט דער נאכט פון 9טן אויפן 10טן פון תשרי. אין חומש ויקרא כ"ג ווערט וועגן דעם געזאגט אז דער 10טער טג אין 7טן חודש (תשרי) איז יום הכפו־רים, דער טאג פון פארגעבן די זינד. ועניתם את נפשותיכם, מען דארף זיך פייניקן אין דעם טאג, מען טאר נישט טאן קיין ארבעט, שבת שבתון, דער העכ־סטער רו־טאג. אין חומש ויקרא ט"ז ווערט געזאגט, אז אין דאזיקן טאג איז דער כהן גדול אריינגעגאנגען אין קודש הקדשים צו בעטן פאר זיך און פארן פאלק ישראל, און מען האט געבראכט אחוץ קרבנות אויך צוויי ציגן (שעירים). איינעם אויף מקריב צו זיין פאר גאט און איינעם אוועקצושיקן אין די מדבר וואו מען האט אים אראפגעווארפן פון א הויכן בארג און געטויט; דאס האט גע־הייסן „שעיר לעזאזל" (זע „עזאזל"). מיט יום כפור זענען פארבונדן אין דער יידישע רעליגיע און יידישן לעבנס־שטייגער פיל דינים און מנהגים און גלוי־בונגען, ווייל יום כפור ווערט פארעכנט אלס דער טאג ווען אין הימל ווערן פאר־געבן די זינד פון מענטש („כפר" הייסט „זינד־פארגעבונג") און אין דאזיקן טאג ווערט אין הימל באשלאסן, נחתם, דער גורל פון יעדן מענטש, וואס מיט אים זאל געשען אין פארלויף פון נייעם יאר. שוין דער טאג פאר יום־כפור, ערב יום כפור, האט א געוויסע פייערלעכקייט. א נאכט פריער ווערט געשלאגן כפרות (זע זוכוואָרט „כפרות"), ערב יום כפור איינ־דערפרי זענען פרומע יידן זיך טובל אין מקוה, און טייל יידן לאזן זיך שלאגן מל־קות אין שול אדער אין בית המדרש, כדי

טאָמער האָבן זיי געזינדיקט זאָלן זיי אָפּקומען דערמיט פאַר די זינד. בייטאָג, געוויינלעך אַרום 12 אַזייגער, עסט מען אַ פייערלעכע סעודה, און אַחוץ פיש און פלייש איז דער מנהג צו עסן קרעפּלעך. איבערהויפּט איז דאָס עסן אין ערב יום־כפור אַ מצוה, און די גמרא ראש השנה ט׳ זאָגט, אַז עסן ערב יום כפור איז אַזוי גלייך ווי געפאַסט אין יום כפור. אין ערב יום כפור גייט מען צו באַקאַנטע און באַזונדערס צו אַזעלכע, מיט וועלכע מען איז געווען צעקריגט, און מען בעט זיך איבער, און מען ווינטשט זיך אַ „חתימה טובה" (אַ גוטן באַשלוס אין הימל). פאַרנאַכט דאַוונט מען מנחה אין שול, און צו מנחה זאָגט מען שוין די יום־כפור וידוי פון „אשמנו" און „על חטא". נאָכער גייט מען אַהיים און מען עסט פאַרנאַכט אַ לייכטן מאָלצייט, וואָס מען רופט די „סעודה המפסקת" (וואָס ענדיקט דאָס עסן און עס הייבט זיך אָן דאָס פאַסטן). נאָך דער סעודה צינדט אָן די פרוי ליכט, צווישן וועלכע עס איז פאַראַן איין גרויסע ליכט, וואָס זאָל זיך ברענען אַ גאַנצן מעת־לעת ביז מוצאי יום כפור; אַזאַ לאַנגע ליכט שיקט מען אויך אין שול און מען רופט איר „די נשמה־ליכט". דער מאַן און די פרוי בענטשן דעמאָלט זייערע קינדער און מען גייט אין שול. דער מאַן נעמט אויך מיט דעם טלית, ווייל אין אויסנאַם פון אַ גאַנץ יאָר ווערט יום כפור אויך ביינאַכט געדאַוונט אין טלית. גאָר פרומע יידן נעמען מיט אַ קיטל, אַ ווייס העמד, וואָס דערמאָנט די תכריכים פון אַ מת; דאָס איז כדי צו דערמאָנען זיך אין טויט, און אויך ווייל אין יום כפור זאָל מען גיין אָנגעטאָן ווייס, דעם סימבאָל פון ריינקייט. די נאַכט פון יום כפור ווערט אָנגערופן די „כל נדרי־נאַכט", ווייל אין שול הייבט זיך אָן די תפלה מיט „כל נדרי", וואָס ווערט געזונגען מיט דער באַקאַנטער טרויעריקער ריירנדער מעלאָדיע (זע „כל נדרי"). פאַר דער תפלה זאָגט מען נאָך אַנדערע תפילות, ווי „תפלה זכה". פסוקים, און מ׳רופט אויס דעם „על דעת המקום", אַ „דערקלערונג" צו מעגן דאַווענען צוזאַמען מיט די „עבריינים", מיט זינדיקע. נאָך כל נדרי ווערט געדאַוונט מעריב און מען זאָגט סליחות. אַ סך פרומע יידן זענען זיך נוהג אויף צו זיין אַ גאַנצע נאַכט אין שול און זאָגן תהלים. צומאָרגנס קומען אַלע אין שול. מען דאַוונט אַ גאַנצן טאָג און אַחוץ די געוויינלעכע תפילות (שחרית, מוסף און מנחה) ווערט יום כפור געדאַוונט פאַרנאַכט אויך די תפלה פון „נעילה" (שליסן). צו מוסף ווערט געזאָגט אַ פיוט, וואָס הייסט „עבודה" און אין וועלכן עס ווערט באַשריבן ווי דער כהן גדול האָט אין בית המקדש מקריב געווען די יום כפור קרבנות (זע „עבודה"). נאָך נעילה ווערט געבלאָזן איין תקיעה מיטן שופר. נאָכער דאַוונט מען אַ וואָכנדיקן מעריב און מען גייט אַהיים עסן נאָך פאַסטן אַ גאַנצן מעת־לעת. — אין דער מסכתא יומא ווערן געבראַכט אַלע דינים פון יום כפור. לויט די דינים טאָר מען נישט אין יום כפור נישט נאָר עסן און טרינקען נאָר אויך נישט טראָגן לעדערנע שיך, וואַשן זיך וכדומה. אין דער משנה און גמרא פון יומא ווערן באַטראַכט די פראַגן וועגן קראַנקע מענטשן, ווען זיי מעגן יאָ עסן אין יום כפור. — אין דער זעלבער משנה און גמרא ווערט אויך אָנגעוויזן, אַז נישט אַלע זינד ווערן אין יום כפור פאַרגעבן, און אַז זינד וואָס איין מענטש באַגייט קעגן צווייטן מענטש (שבין אדם לחברו) איז יום כפור נישט מכפר, סיידן מען בעט פריער איבער דעם צווייטן מענטש (יומא פרק ח׳). אין דער משנה און גמרא ווערט אויך באַשריבן ווי דער כהן גדול האָט אין בית המקדש דורכגעפירט די אַלע יום־כפור־פייערונגען

און קרבנות און מתפלל געווען פאר זיך און פאר דעם פאלק ישראל, און ווי ער האט אין קדש הקדשים ארויסגעזאגט גאטס נאמען בפירוש. אין דער משנה סוף מסכתא תענית זאגט דער נשיא רבי שמעון בן גמליאל, אז יום כפור איז געווען א יום־טוב, אין וועלכן די יידישע טעכטער פלעגן זיך אנטאן אין ווייסן און ארויסגיין אין די גערטנער און טאנצן און דעמאלט זענען געשלאסן געווארן שידוכים.—זע זוכווערטער „כל נדרי‟, „כפרות‟, „נעילה‟, „עבודה‟. — אין דער הסידישער וועלט איז דער מנהג צו פארן אויף יום כפור צום רבין, וועלכער ווערט באטראכט ווי אמאל דער כהן גדול; מוצאי יום כפור נאך דער סעודה טאנצן די חסידים צוזאמען מיטן רבין און דער רבי ווינטשט אלעמען צו אז זיי זאלן האבן זיך אויסגעבעטן א גוט יאר. — פרטים וועגן מנהגים פון יום כיפור זע „ימים נוראים‟ פון עגנון.

## יום כפור קטן (קליינער יום כפור),

דער מקובל רבי משה קורדובירו, וועלכע האט געלעבט אין צפת אין 16טן יארהונדערט, האט איינגעפירט צו פאסטן יעדן ערב ראש חודש, און ער האט דעם תענית אנגערופן יום כפור קטן. רבי ישעיה הורוויץ ברענגט אין של״ה אז די „חסידי עליון‟ זענען זיך נוהג צו פאסטן ערב ראש חודש, טאן תשובה, זענען זיך מתוודה מיט גרויס געוויין און עס איז ביי זיי ווי יום כפור. עס זענען פאראן אויף יום כפור קטן אויך פיוטים און סליחות צום זאגן. אויך היינט זענען פאראן גאר פרומע יידן, וואס פאסטן ערב ראש חודש אלס יום כפור קטן.

## יומא

מסכתא אין סדר מועד, באשטייט פון משנה, תוספתא און גמרא בבלי און ירושלמי, האט 8 פרקים (אין דער תוספתא נאר 5); באהאנדלט די דינים פון יום כפור, און אין די ערשטע פרקים ווערט דערציילט ווי דער כהן גדול האט דורכגעפירט אין בית המקדש די יום כפור עבודה. דער נאמען „יומא‟ איז ווייל יום כפור האט אין אראמעאיש געהייסן „יומא רבא‟ (דער גרויסער טאג).

## יון

זע „גריכנלאנד‟, „העלעניזם‟.

## יונה

נאמען פון נביא און אויך פון תרי־עשר־ספר אין תנ״ך; זון פון אמתי; אין מלכים ב׳ י״ד ווערט דערציילט אז ער איז געווען פון גת חפר און אז ער האט נביאות געזאגט אין דער צייט פון מלך ישראל ירבעם דעם 2טן. — דאס ספר יונה האט 4 קאפיטלעד, און איז לויט זיין אינהאלט איינער פון די מערקווירדיקסטע תנ״ך־ספרים. עס ווערט דארט דערציילט ווי גאט האט געזאגט צו יונה אז ער זאל גיין צו די איינוואוינער פון דער גרויסער שטאט ננוה (הויפט־שטאט פון אשור) און זיי שטראפן און ווארנען פאר זייערע זינד. יונה האט דאס נישט געוואלט טאן. ער איז אוועק צו דער ים־שטאט יפו און זיך אריינגעזעצט אין א שיף צו „אנטלויפן פאר גאט‟ קיין תרשיש. ווען די שיף איז שוין געווען אויפן ים איז געווארן א שטארקער שטורעם־ווינט און די שיף האט געהאלטן ביים אונטערגיין, דער שיפס־קאפיטאן (רב החובל) און די מאטראסן (מלחים) האבן געווארפן גורל צו וויסן וועמענס שולד דאס איז, און דער גורל איז געפאלן אויף יונה, וועלכער האט זיך מודה געווען אין זיין אנטלויפן פון גאט, און ער האט געהייסן די מאטראסן אים אריינווארפן אין וואסער. זיי האבן אזוי געטאן. אין ים האט א פיש איינגעשלונגען יונה, וועלכער האט זייענדיק אין בויך פון פיש מתפלל געווען צו גאט; דער פיש האט דעמאלט אויסגעשפיגן יונה צוריק אויף דער יב־

שה. יונה איז דעמאָלט אוועק קיין נגוה און געזאָגט די איינוואוינער אין נאָמען פון גאָט, אַז נגוה וועט אין 40 טעג ווערן פאַרניכטעט. די נגוה־איינוואוינער הערנ־דיק די שלעכטע בשורה, האָבן תשובה געטאָן, און גאָט האָט נישט אויסגעפירט די גזרה. דאָס האָט יונה פאַרדראָסן. ער איז אַרויס אונטער דער שטאָט, וואו די זון האָט שטאַרק געברענט. גאָט האָט געלאָזט אַרויסשפּראָצן אַ גרויסן בלאַט (קקיון) איבער יונהס קאָפּ, ער זאָל האָבן שאָטן צו פאַרשטעלן אים קעגן דער זון־היץ. יונה האָט זיך דערמיט דערפרייט. אָבער צומאָרגנס איז דאָס בלאַט פאַר־וועלקט געוואָרן, און די זון־היץ האָט יונהן געפּייניקט, און דער נביא האָט זיך דערפון געערגערט. דערויף האָט גאָט געזאָגט צו יונה: „דו האָסט רחמנות אויף דעם בלאַט, אויף וועלכן דו האָסט נישט געהאָרעוועט און וואָס עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט, איבער נאַכט, און ווי זאָל איך ניט רחמנות האָבן אויף דער גרויסער שטאָט נגוה וואָס האָט אַ סך מענטשן און אַ סך בהמות?". — עס ווערט אָנגעוויזן אַז דער זין פון ספר יונה איז צו ווייזן: ערשטנס, אַז דער מענטש קאָן נישט אַנטלויפן פאַר גאָט. צווייטנס, אַז גאָט וויל נישט די פאַרניכטונג פון זינדיקע מענטשן, אפילו זיי זענען ניט קיין יידן (נגוה איז געווען אַ ניט־יידי־שע שטאָט), נאָר וויל, אַז זיי זאָלן תשובה טאָן, און אַז אויך אויף בהמות האָט גאָט רחמנות. — עס איז אַ מנהג צו זאָגן יום כפור צו מנחה אַלס מפטיר דעם ספר יונה, און מען רופט עס דעריבער מפטיר־יונה (דאָס ווערט געבראַכט שוין אין דער גמרא מגילה ל"א); עס איז פאַראַן דער גלויבן, אַז דאָס זיין דער בעל מפטיר יונה איז אַ סגולה צו האָבן קינדער. — לעבן יפו אין ים איז פאַראַן אַ שטורמיש אָרט און די לעגענדע איז, אַז דאָ האָבן די מאַטראָסן אַריינגעוואָרפן יונה אין ים. — אין גת החפר (היינט הייסט עס „מאַסהאַד") ווייזט מען דעם קבר פון יונה הנביא. לויט אַן אַנדערער לעגענדע געפינט זיך זיין קבר לעבן דער אַמאָליקער שטאָט נגוה (ביי מאָסול). — וועגן ספר יונה זע אין מבוא צו דער אויסגאַבע פון ספר יונה פון אברהם כהנא (קיעוו, 1907).

## יונה אבן גנאח זע זוכוואָרט „גנאח".

**יונה, רבי** אמורא אין ארץ־ישראל אין 4טן דור פון די אמוראים, דער פאָטער פון רבי מני, תלמיד פון רבי יוחנן; פאַראַן אַ מיינונג אַז ער איז געווען דער מסדר פון ירושלמי; זיינע הלכות ווערן גע־בראַכט אין ירושלמי אין פיל ערטער; די גמרא אין תענית כ"ג רופט אים „תקיפי דארץ־ישראל" און דערציילט, אַז ווען ער האָט מתפלל געווען איז געקומען רעגן.

**יונה החסיד, רבנו** (געשטאָרבן אין טאָלעדאָ, אין שפּאַניע, 1263), פּוסק, בעל מוסר, ווערט אויך גערופן „רבנו יונה מגירונדי" ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין גיראָנאַ. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה; איינער פון זיינע תלמידים איז געווען רבי שלמה בן אדרת (רשב"א). ער איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון פילאָזאָפיע און איז אַרויסגעטרעטן קעגן די וואָס לערנען דעם רמב"מס פילאָזאָ־פישן ספר מורה נבוכים. פאַראַן אַ מיי־נונג, אַז ער האָט גורם געווען צו דער פאַרברענונג פון מורה נבוכים דורך די גלחים, אין פּאַריז 1244. נאָכער האָט רבנו יונה חרטה באַקומען, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין קיין ארץ־ישראל און בעטן מחילה אויפן רמב"מס קבר. אָבער ער האָט נישט באַוויזן אויסצופירן זיין באַשלוס. ער האָט מחבר געווען דעם פּי־רוש אויפן רי"ף (געדרוקט נאָר אויף ברכות); „שערי תשובה" און „אגרת

התשובה" ווי אויך „ספר היראה" אויף מוסר; פירוש אויף מסכתא אבות. זיינע דאזיקע מוסר־ספרים געהערן צו די וויכ־טיקסטע אין דער מוסר־ליטעראטור.

**יונתן** זון פון שאול המלך; וועגן זיינע העלדישע מעשים ווי ער האט באזיגט די פלשתים ווערט דערציילט אין שמואל א' י"ד; ווען שאול האט גערודפט דודן איז יונתן געווען אויף דודס זייט און מיט אים געשלאסן פריינטשאפט, וואס איז געווארן א סימבאל, „אהבת דוד ויונתן"; אין דער לעצטער מלחמה קעגן די פלש־תים ביים הר הגלבוע איז ער צוזאמען מיט זיין פאטער שאול געפאלן טויט אויפן שלאכטפעלד (שמואל א' ל"א); אין שמואל ב' א' איז פאראן די קינה פון דוד אויף דעם טויט פון יונתן: „צר לי עליך אחי יונתן!".

**יונתן חשמונאי** זון פון מתתיהו, ברודער פון יהודה המכבי; ווען יהודה איז געפאלן אין דער שלאכט קעגן דער ארמיי פון אנטיוכוס דעם מלך פון סיריע, (יאר 161 פאר דער געוויינלעכער צייט רעכענונג) איז יונתן געווארן יידישער מיליטער־פירער אויף זיין ארט, און ער האט געפירט דעם באפרייאונגס־קאמף קעגן סיריע. ער האט אויסגענוצט די אינערלעכע דינאסטיע־מחלוקות אין סי־ריע און ער האט באפרייט ארץ־ישראל; ער איז אויך געווארן כהן גדול און פי־רער פון יידן; דער סירישער הערשער טריפאן האט אים אריינגענארט צו זיך און אים דערמארדעט (אין יאר 140); יונתן האט געהערשט 20 יאר, און ער האט פאקטיש באפעסטיקט די יידישע פרייהייט אין חשמונאים־קאמף. ער איז אויך געווען דער ערשטער כהן גדול פון דער חשמונאים־דינאסטיע (לויט טייל מיינונגען איז עס געווען יהודה המכבי). נאך יונתנס טויט איז געווארן כהן גדול און יידישער פירער זיין ברודער שמעון.

**יונתן בן עוזיאל** דער גרעסטער פון די תלמידים פון הלל הזקן (לערך 50 יאר פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג); אין סוכה כ"ח ווערט דערציילט וועגן אים, אז ווען ער האט עוסק געווען אין תורה איז יעדער פויגל וואס איז פאר־ביי געפלויגן איבער אים פארברענט גע־ווארן; קיין הלכות איז פון אים נישט געבליבן, אויסער אין איין ארט, אין בבא בתרא קל"ד וועגן א ירושה; די גמרא אין מגילה ג' זאגט, אז ער האט געמאכט דעם אראמעאישן תרגום אויף נביאים; וועגן תרגום יונתן בן עוזיאל זע זוכווארט „תרגום".

**יונתן פון לונעל** (געשטארבן איז פראנקרייך לערך 1205); אנהענגער פון רמב"ם, מיט וועמען ער איז געשטאנען אין שאלות־ותשובות־פארבינדונג (דעם רמב"מס „תשובות לחכמי לוניל"); אונ־טער זיין איינפלוס האט רבי שמואל אבן תבון איבערזעצט דעם „מורה נבוכים" אויף העברעאיש; ער האט צוזאמען מיט 300 חכמים פון פראנקרייך זיך באזעצט אין ארץ־ישראל; פאראן פון אים דער פירוש אויפן רי"ף צו עירובין און חולין, געדרוקט צוזאמען מיטן רי"ף.

**יוסטוס פון טבריה** יידישער הי־סטאריקער און קנאים־פירער קעגן די רוימער אין דער צייט פון דער מלחמה פון חרבן בית שני; ער איז געווען א קעגנער פון יוסף פלאוויוס, וועלכער שרייבט וועגן אים אין זיין „אויטאביא־גראפיע"; ער האט פארפאסט א יידישע געשיכטע, וועלכע איז פארלוירן געגאנ־גען און ווערט דערמאנט ביי פלאוויוס און אויך ביי די קריסטלעכע קירכן־פא־טערס אייזעביוס און היעראנימוס; ער האט ווארשיינלעך געהייסן אין העברע־איש „צדוק", וואס איז אין לאטיין „יוסטוס".

**יוסי, רבי** אמורא אין ארץ־ישראל אין 4טן דור פון אמוראים, וועמענס הלכות זענען פאראן אין זייער פיל ערטער אין ירושלמי און טיילמאל אויך אין בבלי; זיין חבר איז געווען רבי יונה; אין ירושלמי קדושין ג׳ ווערט דערציילט, אז ער האט געשיקט קיין אלעקסאנדריע דעם חשבון פון קידוש החודש (סדרי מועדות); לויט טייל מיינונגען זאל ער האבן מסדר געווען דעם תלמוד ירושלמי; זע וויים „דור דור ודורשיו״ חלק ג׳.

**יוסי הגלילי, רבי** תנא אין ארץ־ישראל, אין אנהויב פון 2טן יארהונדערט, חבר פון רבי אליעזר און רבי יהושע; זיינע הלכות זענען פאראן אין דער משנה און ברייתות; אין חולין קי״ג זאגט ער, אז בשר עוף בחלב איז מותר (דער איסור פון נישט קאכן און נישט עסן פלייש מיט מילכיקס איז נישט גילטיק אויף עוף־פלייש); אין מדרש ויקרא ט׳ לערנט ער וועגן דער גרויסקייט פון שלום.

**יוסי בן חלפתא, רבי** תנא אין דער 2טער העלפט פון 2טן יארהונדערט; תלמיד פון רבי עקיבא; באקאנט אין דער משנה און ברייתות מיט זיין סתם נאמען „רבי יוסי״; חבר פון רבי מאיר, רבי יהודה און רבי שמעון; ער האט געשטאמט פון בבל (יומא ס״ו); די רוימישע רעגירונג האט אים פארטריבן קיין צפורי (שבת ל״ג) וואו ער האט נאכער געפירט א ישיבה (סנהדרין ל״ב); עס ווערט דערציילט, אז אליהו הנביא פלעגט קומען צו אים (סנהדרין קי״ג); זיינע הלכות זענען פאראן אין משנה און ברייתות; אין ברכות ג׳ דערציילט ער אז ער איז אריינגעגאנגען אין איינער פון חורבות פון ירושלים און ער האט געהערט א בת קול, וואס האט געקלאגט אויף די ידן, וואס זענען פארטריבן געווארן; אין אבות ד׳ זאגט ער אז ווער עס איז מכבד די תורה ווערט געערט פון מענטשן; אין סוכה ה׳ איז פאראן זיין ווארט, אז קיינמאל איז די שכינה נישט אראפ אויף דער ערד און משה און אליהו זענען נישט ארויף אין הימל (די גמרא האט טייטשט איין דאס דאזיקע ווארט); אין תענית כ״א זאגט ער „נישט דאס ארט איז מכבד דעם מענטש, נאר דער מענטש איז מכבד דאס ארט״ אין יבמות פ״ב ווערט געזאגט וועגן אים, אז ער האט מחבר געווען דאס אלטע היסטארישע כראניקספר „סדר עולם״ (זע זוכווארט „סדר עולם״); אין מדרש ווערן געבראכט ויכוחים וואס ער האט געהאט מיט א נישט־יידישער פרוי, א מטרונא; ער איז געווען דער פאטער פון 5 זין (שבת קי״ח), דער אנגעזעענסטער איז געווען רבי ישמעאל ברבי יוסי.

**יוסי בן יוחנן** איינער פון די ערשטע „זוגות״ (זע זוכווארט „זוגות״), גייסטיקער פירער פון יידישן פאלק, אין דער צייט פון חשמונאים־אויפשטאנד; חבר פון יוסי בן יועזר איש צרדה; ער ווערט גערופן איש ירושלים; אין אבות א׳ ווערט געזאגט אז זיין רבי איז געווען אנטיגנוס איש סוכו; אין אבות א׳ ווערט געבראכט פון אים דאס ווארט „יהי ביתך פתוח לרוחה ויהי עניים בני ביתך ואל תרבה שיחה עם אשה״ (דיין הויז זאל זיין אפן ברייט, די ארעמעלייט זאלן זיין די אריינגייער אין דיין הויז, און זאלסט נית רעדן א סך מיט דער פרוי).

**יוסי בן יוסי היתום** פון די ערשטע פיוטים־מחברים; ער האט געלעבט אין אנהויב פון 7טן יארהונדערט אין ארץ־ישראל; ער זאל זיין דער מחבר פון דעם פיוט עבודה װאס מען זאגט צו מוסף יום כפור „אתה כוננת״; מען שרייבט אים צו נאך אנדערע פיוטים („אמנם אשמינו עצמו״ צו וידוי יום כפור ביי־

נאכט און אנדערע). אין שפּעטערע קוואַלן ווערט געבראַכט, אַז ער איז געווען אַ כהן.

**יוסי בן יועזר** פון די ערשטע „זוגות" (זע זוכוואָרט „זוגות"), גייסטיקער פירער פון יידישן פאָלק אין צייט פון יוסי בן יוחנן, תלמיד פון אנטיגנוס איש סוכו; ער איז געווען פון אָרט צרדה (איש צרדה); אין אבות א' זאָגט ער: „יהי ביתך בית ועד לחכמים והוה מתאבק בעפר רגליהם והוה שותה בצמא את דבריהם" (דיין הויז זאָל זיין אַ צוזאַמענקונפט־אָרט פאַר תלמידי חכמים, זאָלסט זיך באַשטויבן מיט דעם שטויב פון זייערע פיס, און זאָלסט טרינקען מיט דורשט זייערע רייד). אין עדיות ח' ווערן געבראַכט פון אים דריי הלכות אין טומאה וטהרה; אין בבא בתרא קל"ג ווערט דערציילט וועגן זיינעם אַ זון וועלכער איז געווען זינדיק און האָט תשובה געטאָן; אין סוטה מ"ז רופט מען אים „איש אשכולות"; אין מדרש בראשית רבה ס"ה ווערט דערציילט, אַז יוסי בן יועזר איז געטויט געוואָרן אויף קידוש השם. וואַרשיינלעך אין העַר גזרות צייט פון דער סירישער הערשאַפט אין די חשמונאים־קאַמפן; דאָרט ווערט אויך דערציילט וועגן זיין ברידער־זון יקים איש צרורות, אין וועמען טייל היסטאָריקער ווילן זען דעם העלעניזירטן כהן גדול אַלקימאָס.— זע וויים, „דור דור ודורשיו". ערשטער טייל.

**יוסי בן קסמא** תנא אין ארץ־ישראל, אין דער צייט פון דער בר־כוכבא־מלחמה, אין מיט פון 2טן יאָרהונדערט; אין דער ברייתא קנין תורה (6טער פרק פון פרקי אבות) זאָגט ער, אַז אפילו מען גיט אים די גרעסטע רייכטימער וואָלט ער נישט געוואוינט נאָר אין אַן אָרט פון תורה; פון עבודה זרה י"ז איז צו זען אַז ער איז געווען אַ חשוב ביי דער רוימישער רעגירונג.

**יוסיפון** נאָמען פון אַ ספר וועגן יידישער געשיכטע, געשריבן אין אַ שענעם העברעאיש, און דער מחבר ווערט אָנגעגעבן אַלס יוסף בן גוריון הכהן פון ירושלים אין דער צייט פון חרבן בית שני; דאָס ספר באַשרייבט די יידישע געשיכטע ביז דער צייט פון חרבן בית שני, און עס זענען דאָרט אויך צוגעגעבן ספּורים און לעגענדעס וועגן אַלעקסאַנדער מוקדון, אַנטשטייאונג פון רוים. די מלחמות פון רוים, די מלחמות פון האַניבאַל; עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן אַ סך שפּעטער, וואַרשיינלעך אין 8טן אָדער 9טן יאָרהונדערט דורך אַ ייד אין איטאַליע, וועלכער האָט די הויפּט־ספּורים גענומען פון די ווערק פון יוסף פלאַוויוס, און על פי טעות איז אין דער הקדמה אָנגעגעבן געוואָרן פלאַוויוסעס נאָמען אַלס יוסף בן גוריון (וועלכער איז אויך געווען אַ יידישער מיליטער־פירער בעת דעם חרבן), בשעת ער האָט געהייסן באמת יוסף בן מתתיהו; עס איז אויך באַוויזן געוואָרן אַז דער מחבר האָט געשעפּט פון דער לאַטיינישער באַאַרבעטונג פון פלאַוויוסעס ווערק מיטן נאָמען „עגעסיפּוס"; און אַז טייל פּרקים זענען גענומען געוואָרן פון פריערדיקע העברעאישע קוואַלן. דער געלערנטער ראַפּאַפּאָרט (שי"ר) האָט באַוויזן, אַז דער לעצטער פּרק און די קינה פון יוסף הכהן איז פאַרפאַסט געוואָרן פון רבי אברהם בן דוד אין שפּאַניע אין 12טן יאָרהונדערט און אַז עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע צוגאַבן פון 12טן יאָרהונדערט; צונץ אין זיין „גאָטעסדינסטלעכע פאָרטרעגע" מיינט אַז שוין רבי אלעזר הקליר האָט געוואוסט פון „יוסיפין", און אויב די דאָזיקע מיינונג איז ריכטיק איז דאָס ספר פאַרפאַסט געוואָרן פאַר דעם 8טן

יארהונדערט; יעדנפאלס דער גראמאטי-
קער דונש בן תמים (10טן יארהונדערט).
דער „ערוך", רש"י און אנדערע שפּעטער-
דיקע מפרשים ברענגען אים. זע פּרטים
אין ווייס „דור דור ודורשיו", חלק ד',
וועלכער ברענגט די מיינונגען פון די
היסטאריקער וועגן דער אנטשטייאונגס-
צייט פון יוסיפון. — זע זוכווארט „פלא-
וויוס".

**יוסף** זון פון יעקב אבינו, און פון רחל
(בראשית ל'); אין בראשית, סדרות
וישב, מקץ, ויגש און ויחי, ווערן דער-
ציילט די פּאסירונגען פון יוסף, ווי דער
פאטער האט אים ליבער געהאט פון אלע
קינדער, און ווי זיינע ברידער האבן אים
פארקויפט אלס קנעכט און ווי ער איז
אנגעקומען קיין מצרים אלס קנעכט צו
פוטיפר, א שר פון פרעה מלך מצרים.
נאכער ווערט דערציילט ווי צוליב דעם
בלבול פון פוטיפרס ווייב איז יוסף גע-
ווארפן געווארן אין געפענגעניש און
דארט האט ער ארויסגעוויזן קענטעניש
אין פותר זיין חלומות און ווי פרעה מלך
מצרים האט אים באפרייט צוליבן בא-
שיידן זיין חלום אז עס וועלן קומען צו-
ערשט 7 גוטע יארן און נאכער 7 הונגער-
יארן אויף מצרים. יוסף איז געווארן
משנה למלך אין מצרים, און זיינע ברי-
דער זענען צוליבן הונגער געקומען קיין
מצרים קויפן תבואה און נאך א גאנצער
ריי פאסירונגען האט יוסף זיך געגעבן
זיי צו דערקענען, און אזוי ארום זענען
יעקב און זיינע קינדער געקומען קיין
מצרים. יוסף איז געשטארבן אין מצרים
און נאך זיין טויט האט זיך אנגעהויבן
די פארקנעכטונג (שעבוד) פון די בני
ישראל (שמות א'). ווען די יידן זענען
ארויס פון מצרים האט משה רבנו מיט-
גענומען די ביינער פון יוסף (שמות י"ג)
און מען האט זיי קובר געווען אין שכם
(יהושע כ"ד). אויך היינט ווייזט מען
ביי שכם דעם קבר פון יוסף; דער קבר
איז פארהייליקט דורך מאכמעדאנער און
יידן. — אין דברי הימים א' ה' ווערט
דערציילט, אז יעקב האט צוגענומען די
בכורה ביי זיין עלטסטן זון ראובן און
איר אוועקגעגעבן צו יוסף. יוסף איז דער
פאטער פון די צוויי שבטים אפרים ומנ-
שה, און עס איז צו זען, אז דער קאמף
וואס איז געפירט געווארן אין דער צייט
פון ערשטן בית המקדש צווישן מלכות
יהודה און מלכות אפרים (ישראל) איז
געווען דער קאמף וועגן דער הערשאפט
איבער יידן פון די אפשטאמענדע פון
יוסף. אפילו שפעטער, אין דער גמרא
סוכה נ"ב, ווערט געבראכט אז עס וועלן
זיין צוויי משיחן, א משיח בן דוד און
משיח בן יוסף. — ארום די ספורים פון
מכירת יוסף זענען שפעטער אנטשטאנען
פיל אגדות און מעשיות, וועלכע ווערן
געבראכט אין גמרא, מדרש און אויך אין
ספר הישר. — יוסף ווערט אנגערופן
„יוסף הצדיק" (כתובות קי"א) ווייל ער
האט נישט געלאזט זיך אנרעדן צו זינד
דורך פוטיפרס ווייב. אין די הקפות פון
שמחת תורה איז פאראן די הקפה פון
יוסף הצדיק. — פון די אגדות ארום יוסף
זענען אנטשטאנען פורים-שפילן מיטן
נאמען „מכירת יוסף", וועלכע זענען אין
פארשידענע נוסחאות געווען זייער פא-
פולער ביי יידן.

**יוסף, רב** אמורא אין בבל אין 3טן
דור פון אמוראים, ראש ישיבה אין פומ-
בדיתא; זיינע הלכות און אגדות זענען
פאראן אין תלמוד בבלי און ירושלמי; ער
איז געווען בלינד (בבא קמא פ"ז); ער
האט געמאכט א תרגום פון תנ"ך (לויט
טייל נאר פון דברי הימים); ער האט גע-
לערנט אויך מעשה מרכבה (חגיגה י"ג);
פון אים זענען פאראן א סך אגדה-ווער-
טער: „פוק חזי מאי עמא דבר" (זע ווי
די מאסנמענטשן פירן זיך, ברכות מ"ה),

„יאה עניותא לישראל" (פאר יידן איז שען ארעמקייט, חגיגה ט') און אנדערע.

**יוסף, רב** פון די לעצטע אמוראים און די ערשטע רבנן סבוראי אין בבל אין 6טן יארהונדערט; ווערט געבראכט אין דער גמרא (תענית י"ח און אנדערע ערטער); ער זאל האבן געשלאסן דעם תלמוד בבלי; ווערט געבראכט אין דעם בריוו פון רב שרירא גאון.

**יוסף הכהן** (1496 — 1575) אין איטאליע), היסטאריקער, אליין דורכגעמאכט פיל גרושים, געווען דאקטאר, איבערזעצער און שריפטשטעלער; זיין הויפט-ספר איז דער „עמק הבכא" כראניק פון יידישער געשיכטע ביז זיין צייט (געדרוקט ווין 1852 מיט באמערקונגען פון לוצאטו); ער האט אויך געשריבן „דברי הימים למלכי צרפת ומלכי בית אוטומאן" (געדרוקט וועניציע 1554).

**יוסף אבן כספי** (1297 — 1340), פילאזאף און מפרש אין פראנקרייך. ער האט פיל גערייזט אין שפאניע, מאראקא, פעץ און אין מצרים, וואו ער האט געדענקט צו טרעפן דעם רמב"מס אייניקלעך עוסק זיין אין פילאזאפיע. ער האט איבערגעלאזט אחוץ די פיל ספרים, מייסטנס אין כתב-יד, אויך א צוואה „ספר המוסר" פאר זיין זון שלמה; אין דאזיקן ספר גיט ער איבער זיינע מיינונגען איבער יידנטום; די צוואה איז געדרוקט דורך אייבראהאמס.

**יוסף מוקיר שבא** אין דער גמרא שבת קי"ט ווערט דערציילט וועגן אים אז ער האט זייער אפגעהיטן שבת און אין דעם זכות איז ער רייך געווארן.

**יוסף הנשיא פון נאקסאס** זע זוכווארט „נשיא".

**יוסף אבן צדיק** (געשטארבן אין קארדאווא שפאניע 1149), דיין אין קארדאוא; דיכטער און פילאזאף; זיין הויפט-ספר איז „עולם קטן" (געשריבן אין אראביש, איבערזעצט אין העברעאיש) וועגן דער געטלעכקייט און דער וועלט און דעם מענטש, וועלכן דער מחבר באטראכט אלס „עולם קטן", קליינע וועלט (דערשינען לייפציג 1854).

**יוסף קארו** זע „קארו".

**יוסף שלמה קנדיא** (ישר), זע „דעלמדיגו".

**יוסף ראזן** באריממטער גאון, רב אין דינאבורג, פענאמענאלער בקי אין ש"ס בבלי און ירושלמי און ראשונים, מחבר פון „צפנת פענח" אויפן רמב"ם, געשטארבן 1937.

**יוסף בן שם טוב** (לערך 1400—1460 אין שפאניע), פילאזאף און דרשן, צוערשט יועץ ביים קעניג פון שפאניע, נאכער באזייטיגט געווארן פון קעניגלעכן הויף, אומגעקומען אויף קידוש השם; זיינע ספרים „כבוד אלהים" (איבער פילאזאפיע), און אנדערע.

**יוצר** מיטן נאמען יוצר ווערן אנגערופן די תפילות און אויך די פיוטים צו די תפילות פון שחרית פון דער ברכה יוצר אור ביז שמונה עשרה. די פיוטים רופט מען „יוצרות". זע זוכווארט „פיוטים".

**יורה דעה** נאמען פון צווייטן טייל פון די „טורים" און „שלחן ערוך"; באהאנדלט אמייסטן פראגן פון איסור והיתר; זע זוכווארט „שלחן ערוך".

**יורם** זע „יהורם".

**יותם** — 1) נאמען פון אינגסטן זון פון שופט גדעון, וועלכער האט געהאט 70 זין. אין שופטים ט' ווערט דערציילט, ווי זיין ברודער אבימלך, דער הער-

שער פון שכם, האט געטויט אלע גדעונס זין, און עס איז געבליבן בלויז יותם. וועלכער האט זיך געראטעוועט דורך אנטלויפן און ער האט געזאגט דעם משל מיט די ביימער וואס זענען געקומען צוערשט צו פארשידענע ביימער מיטן פארשלאג צו הערשן איבער זיי, און ווען קיינער האט נישט געוואלט מסכים זיין האבן זיי זיך געווענדט צום דארן־בוים. — 2) יותם מלך אין יהודה אין די יארן 751—735 פאר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג, זון פון עוזיה. דער ספר מלכים ב' ט"ו דערציילט וועגן אים, אז ער איז געווען א פרומער מלך; אין דברי הימים ב' כ"ז ווערט דערציילט אז ער האט געבויט פעסטונגען און הייזער; אין זיין צייט האט ישעיה הנביא געזאגט נביאות (ישעיה א').

**יזכור** זע „הזכרת נשמות".

**יזרעאל** נאמען פון אן אלטער שטאט אין ארץ־ישראל, און צוליב איר האט אויך דער גאנצער טאל אין יענער געגנט געהייסן „עמק יזרעאל" (יהושע י"ז און אנדערע ערטער). די שטאט יזרעאל (היינט איז עס א קליין דארף מיטן נאמען „זרעון" לעבן עפולה) איז געווען די צווייטע רעזידענץ פון די מלכים פון דער אחאב־דינאסטיע (די ערשטע איז געווען שומרון), און דארט האט יהוא בן נמשי אויסגעקוילעט די אחאב־דינאסטיע (מלכים ב' ט'). — דער „עמק יזרעאל", וועלכער ווערט היינט גערופן אויך סתם „עמק" האט געהאט פיל אלטע ישובים פון דער צייט פון יהושע און פריער. אין דער געשיכטע האט ער געהאט א גרויסע באדייטונג; דארט זענען פארגעקומען פיל מלחמות: ברק קעגן סיסרא, די מלחמות צווישן די אראבער און די ארמייען פון ביזאנץ, די נוסעי הצלב־שלאכטן, די מלחמה צווישן נאפאלעאן און טערקן. שלאכטן אין דער וועלט־מלחמה פון 1914—1918. די ערד איז א זייער פרוכטבארע, אבער זי איז אפגעלאזט געווען אין פארלויף פון טויזנטער יארן, און עס זענען דארט אנטשטאנען געפערלעכע זומפן. אין יאר 1920 האט דער קרן קימת און אויך אנדערע יידישע חברות געקויפט גרויסע טיילן ערד פון עמק יזרעאל, און מיט דער צייט איז דער גרעסטער טייל פון עמק אריבער אין יידישע הענט. איצט זענען דארט פאראן איבער 30 יידישע קאלאניעס און נקודות, צווישן זיי עין חרוד, תל יוסף, כפר יחזקאל, בית אלפא, מרחביה און אנדערע. און דער עמק ווערט באטראכט אלס דער סימבאל פון ארבעטנדן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. ארום דעם יידישן ישוב פון עמק זענען אנטשטאנען פיל העברעאישע לידער ווי „עמק, עמק, עבודה", „באה מנוחה ליגע" און אנדערע.

**יחוד** דער טייטש פון דאזיקן ווארט אין העברעאיש איז „ווערן איינס' (פון ווארט „אחד"); אין דער יידישער רעליגיע האט דאס ווארט באקומען צוויי באגריפן. איינס איז דער „יחוד ה'", דאס הייסט, דער גלויבן, אז עס איז פאראן נאר איין גאט, מאנאטעאיזם, און דער דאזיקער גלויבן ווערט אין דער יידישער מיטלאלטער־חקירה אנגערופן „אמונת היחוד". — דער צווייטער באגריף איז דאס געפינען זיך פון א מאנספערזאן און א פרוי אין אן אפגעזונדערט ארט, וואו קיינער שטערט זיי נישט, אין א באזונדערן צימער וכדומה. לויט דעם יידישן דין איז יחוד, דאס געפינען זיך אפגעזונדערט מיט א פרעמדער פרוי, פארבאטן צוליב דער מורא פאר דער עבירה פון זנות. אין דער משנה סוף מסכתא קידושין און אויך דארט אין דער גמרא זענען פאראן די דינים פון יחוד, ווען עס איז פארבאטן און ווען מען מעג יא.

**יחוס** זע „יוחסין".

**יחזקאל** נאָמען פון נביא און אויך פון ספר נביאות פון דעם נביא יחזקאל אין תנ"ך. דער נביא האָט געהייסן יחזקאל בן בוזי הכהן און ער איז געקומען פון ארץ־ישראל קיין בבל נאָך איידער דאָס ערשטע בית המקדש איז חרוב געוואָרן, וואָרשיינלעך צוזאַמען מיטן מלך יהויכין (לערך 597 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג). דאָס ספר יחזקאל האַלט 48 קאַפּיטלעך, דאָס זענען שאַרפע שטראָפרייד סיי צו יידן סיי צו אַ ריי אַנדערע פעלקער. אין די ערשטע קאַפּיטלעך דערציילט יחזקאל וועגן די מראות הנבואה, ווי ער האָט געזען גאָט זיצן אין הימל אויף אַ מרכבה מיט הייליקע חיות. אין זיינע ווייטערדיקע נביאות שטראָפט ער די יידן פאַר זייער דינען אָפּגעטער און ער זאָגט, אַז ירושלים און דאָס בית המקדש וועלן חרוב ווערן. ער זאָגט אויך נביאות, ווי ארץ־ישראל וועט ווערן צוריק אויפגעבויט און שילדערט די אידעאַלע עטישע אָרדענונג וואָס וועט הערשן אין לאַנד. אין די קאַפּיטלעך כ"ה — ל"ב זאָגט ער נביאות אויף דעם חורבן פון עמון, צור, צדון און מצרים. דאָס קאַפּיטל ל"ז איז די שילדערונג ווי ער האָט געזען אין אַ טאָל טרוקענע ביינער פון מענטשן און ווי די ביינער האָבן צוריק אויפגעלעבט; דאָס איז די וויזיע ווי דאָס יידישע פאָלק וועט צוריק אויפלעבן. דאָס קאַפּיטל ל"ח איז די נביאות אויף גוג ארץ המגוג, וואָס די גמרא און מדרש באַטראַכטן אַלס אַ נבואה אויף די צייטן פון משיח און מלחמת גוג ומגוג (זע זוכוואָרט „גוג ומגוג"). פון קאַפּיטל מ' ביז צום סוף זענען די נביאות וועגן דער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל, ווי עס וועט אויסזען דאָס צוריק־אויפגעבויטע בית המקדש, די דינים פון קרבנות, פון די כהנים, וועלכע ער רופט אָן „הכהנים הלוים מזרע צדוק", וועגן דער פאַרטיילונג פון ארץ־ישראל צווישן די שבטים און וועגן דעם נשיא וואָס וועט הערשן איבער יידן. אין ספר יחזקאל זענען אויך פאַראַן פיל מיינונגען וועגן זינד און שטראָף און תשובה, און באַזונדערס די מיינונג אַז „איש בחטאו ימות" (יעדער שטאַרבט נאָר פאַר זיין אייגענע זינד), אַז קינדער ליידן נישט פאַר זייערע עלטערן. עס זענען אין אים אויך פאַראַן משלים (וועגן „נשר הגדול" קאַפּיטל י"ז און אַנדערע). — אין דער גמרא שבת י"ג ווערט דערציילט, אַז אין דער צייט פון סוף בית שני האָט מען געוואָלט „גונז־זיין" (אַרויסנעמען פון תנ"ך און אָוועקלייגן אים אַלס נישט־הייליקן ספר) דעם ספר יחזקאל, ווייל מען האָט געפונען, אַז עס זענען פאַראַן אין אים ווערטער און דינים וואָס זענען סותר די ווערטער און דינים פון חומש. אָבער חנניה בן חזקיה האָט גענומען צו זיך אין הויז די חכמים און מען האָט אויסגעטייטשט דאָס ספר, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין סתירות, און אַזוי אַרום איז דאָס ספר יאָ געבליבן אין תנ"ך. — די ערשטע קאַפּיטלעך פון יחזקאל וועגן דער מרכבה זענען אויסגעטייטשט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן אין זין פון געהיימער געטלעכער לערע, און די משנה חגיגה פרק ב' רופט אָן די דאָזיגע געהיימע לערע, „מעשה מרכבה". אין דער קבלה האָט מעשה מרכבה פון יחזקאל באַקומען אויסטייטשונגען לויט דער לערע פון דער קבלה. דער רמב"ם אין מורה נבוכים און אין משנה תורה (ספר המדע) טייטשט אויס די מעשה מרכבה אין זין פון פילאָזאָפישע לערעס. — אין בבל (היינט „איראַק") ווערט געוויזן דער קבר פון נביא יחזקאל, לעבן וועלכן עס איז פאַראַן אַ שול אויפן נאָמען פון נביא.

רבי בנימין פון טודעלא אין זיין „מסעות בנימין'' (12טן יאָרהונדערט) ברענגט אגדות וועגן דעם קבר.

**יחזקאל לאַנדוי** זע „לאַנדוי''.

**יחיא אבן** אַנגעזעענע יידישע פאַמיליע אין שפאַניע (נאָכן גרוש, געוואוינט אין איטאַליע), וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַנגעזעענע פערזענלעכקייטן. — גדליה בן יוסף אבן יחיא (1515 אין איטאַליע—1587 אין אַלעקסאַנדריע), מחבר פון היסטאָרישן ספר „שלשלת הקבלה'', וועלכער נעמט אַרום יידישע געשיכטע און אויך מאָמענטן פון אַלגעמיינער געשיכטע, פון אדם הראשון ביז דער צייט פון מחבר. אין ,שלשלת הקבלה'' זענען פאַראַן אַ סך אַבערגלויבונגען און נישט־ריכטיק־אָנגעגעבענע סיפורים; אָבער זיין ספר האָט אַ גרויסן פאַרדינסט דערמיט, וואָס ער האָט איבערגעגעבן אויך די פאַרשידענע לעגענדעס וועגן גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, פאַר וועלכע דאָס דאָזיקע ספר איז די איינציקע קוועלע.

**יחיאל פון פּאַריז** (אין 13טן יאָרהונדערט), פון די בעלי תוספות, געווען ראש הישיבה אין פּאַריז, רבי פון רבנו מאיר פון רוטענבערג; געווען געצוואונגען צו האַלטן אַ ויכוח מיט דעם משומד ניקאָליי דונין וועגן יידישער און קריסטלעכער רעליגיעס, און דער ויכוח איז אָפגעדרוקט אין „ספר ויכוח רבנו יחיאל מפאריס'' (טאָרן 1873); דער ויכוח איז פאָרגעקומען 1240; אין יאָר 1244, ווען עס איז געווען די גזרה צו פאַרברענען דעם תלמוד איז רבי יחיאל און זיינע תלמידים אַוועק קיין ארץ־ישראל און פאַרלייגט די ישיבה אין עכו; ער איז געשטאָרבן אין יאָהר 1286 און געקומען צו קבורה אין חיפה. עס ווערן פון אים דערציילט פיל מופתים.

**ייד, יידן, יידיש פאָלק, יידנטום** מיטן נאָמען „יידן'' ווערן אָנגערופן די אָנגעהעריקע צום יידישן פאָלק, אָדער צו דער יידישער רעליגיע, וועלכע זענען היינט צעשפרייט כמעט אין אַלע לענדער פון דער ערד. דער נאָמען „ייד'' שטאַמט פון וואָרט „יהודי'', וואָס האָט צוערשט באַצייכנט די אָנגעהעריקע צום מלכות יהודה; וועגן דעם זע זוכוואָרט „יהודי''. עס איז שווער צו זאָגן זיכערעס וועגן דער פראַגע, וויפל יידן זענען פאַראַן אויף דער וועלט. ביז דעם מלחמה־אויסברוך אין סעפטעמבער 1939 האָט מען אָנגענומען, אַז עס זענען פאַראַן לערך 16 מיליאָן יידן, פון זיי ביי 5½ מיליאָן אין אַמעריקע, 8 מיליאָן אין אייראָפּע און די איבעריגע 2½ מיליאָן אין אַזיע (איינשליסנדיק אַ האַלבן מיליאָן אין ארץ־ישראל), אַפריקע און אויסטראַליע. אָבער זינט דעם מלחמה־אויסברוך איז די צאָל יידן פאַרקלענערט געוואָרן און באַזונדערס סימט פאָר אַ גרויסע מיגראַציע, איבערוואַנדערונג פון איין לאַנד אין אַ צווייטן.

לויט דער טראַדיציע שטאַמען אָפּ די יידן פון אברהם, יצחק און יעקב, די אבות, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אין חומש בראשית, אַז זיי האָבן געוואוינט אין ארץ־ישראל, און אַז נאָכדעם ווי יעקב און זיינע קינדער האָבן זיך באַזעצט אין מצרים און זייערע אָפּשטאַמענדע איינעקליך און אור־אייניקלעך האָבן געליטן דעם גלות מצרים, זענען זיי באַפרייט געוואָרן פון דאָרט און ווידער זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, און נאָכער, ווען דאָס לאַנד איז איינגענומען געוואָרן עטלעכע מאָל דורך פרעמדע פעלקער (ערשטער חורבן ירושלים דורך בבל, צווייטער דורך רוים), האָבן די יידן זיך צעשפרייט איבער דער וועלט, און פון זיי שטאַמען אָפּ די היינטיקע יידן. די יידן זענען דעריבער, לויט דער טראַדיציע,

אפשטאמענדע פון דער סעמיטישער ראסע, בני שם. עס זענען אבער פאראן טייל געלערנטע פארשער, וועלכע האלטן אז הגם אין אלגעמיין שטאמען יידן אפ פון דער סעמיטישער ראסע, זענען אבער צו יידן דורך די טויזנטער יארן פון גלות צוגעקומען פיל עלעמענטן פון אנדערע פעלקער, ניט־סעמיטישע, דורך מגייר זיין זיך. אזעלכע פאלן פון מגייר זיין זיך פון פעלקער זענען אונדז באקאנט עטלעכע (כוזרים און אנדערע). לויט דער מיינונג פון די דאזיקע געלערנטע זאלן, למשל, דער גרעסטער טייל יידן פון פוילן, אוקראינע, אפשטאמען פון ארטיקע פעלקער וועלכע האבן אנגענומען די יידישע אמונה אונטער דעם איינפלוס פון די כוזרים (מיינונג פון גומפלאוויטש). און למשל די שפאנישע יידן, די ספרדים, זאלן שטאמען פון די אלט־פעניצישע שבטים, וועלכע האבן אמאל באוואוינט די בארימטע נארד־אפריקאנישע אימפעריע קארטאגע און האבן קאלאניזירט שפאניע. לויט דער יידישער טראדיציע האט די ראסע־אפשטאמונג ניט געהאט קיין באדייטונג, און ווער עס האט אנגענומען די יידישע רעליגיע איז געווארן ממילא א מיטגליד פון יידישן פאלק. די דאזיקע פראגע, ווי ווייט עס איז פארגעקומען אן אסימילאציע פון אנדערע פעלקער מיטן יידישן פאלק, איז ביז איצט ניט אנטשידן. וועגן די באזונדערע קערפערלעכע שטריכן פון יידן זע זוכווארט „אנטראפאלאגיע”.

איינע פון די הויפטפראגן, ארום וועלכער עס קומען פאר שארפע חלוקי דעות צווישן פארשידענע גייסטיקע און פאליטישע ריכטונגען, איז: וואס זענען יידן, א פאלק צי א רעליגיע? וועגן דער דאזיקער פראגע זענען פאראן ניט צוויי מיינונגען (פאלק אדער רעליגיע) נאר פיל מיינונגען. פון תנ"ך און די שפעטערע רעליגיעזע ספרים איז קלאר אז לויט דער יידישער טראדיציע איז דאס יידנטום אויפגעפאסט געווארן אלס ביידע צוזאמען: פאלק און רעליגיע. דער תנ"ך שטרייכט אונטער פיל מאל דעם פאלקסטום פון יידן, און באטראכט די יידן אלס א העברעער פאלק, א הייליק פאלק („גוי קדוש”, שמות י"ט). אבער גלייכצייטיק איז דורך די טויזנטער יארן פון דער יידישער געשיכטע, ביז דער נייער צייט, געווען אנגענומען, אז טאר דער וועלכער געהערט צו דער יידישער רעליגיע, איז א ייד. מען האט צוגעלאזט דעם געדאנק, אז א ייד וואס איז עובר אויף די רעליגיעזע מצוות, איז אויך א ייד, הגם א פושע ישראל, א זינדיקער („ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא”); אבער ער האט געמוזט גלויבן אין דער יידישער רעליגיע, כאטש אין איר הויפט־עיקר, און ניט גלויבן אין געצנדינסט („כל הכופר בעבודה זרה נקרא יהודי”, מגילה י"ג). דאקעגן אין דער נייער צייט זענען אנטשטאנען אין יידנטום נייע ריכטונגען, וועלכע פאסן אויף דאס דאזיקע פראבלעם אנדערש. פון איין זייט איז זינט מענדלסאנס צייט אין 18טן יארהונדערט אין דייטשלאנד אנטשטאנען די אסימילאטארישע שיטה, וועלכע האלט, אז יידן זענען ניט קיין באזונדער פאלק נאר מיטגלידער פון פאלק, צווישן וועלכן זיי וואוינען, און די יידן האבן נאר זייער באזונדערע רעליגיע. די אנהענגער פון דער דאזיקער שיטה האבן זיך גערופן ניט „יידן” נאר „דייטשן פון מאזאאישן גלויבן” (פון משה רבנוס אמונה), און זיי האבן געזאגט, אז פונקט ווי עס זענען פאראן דייטשן־קאטאליקן, דייטשן־פראטעסטאנטן אזוי קאנען זיין „דייטשן פון מאזאאישן גלויבן”. די דאזיקע שיטה האט געפונען פיל אנהענגער אויך אין אנדערע לענדער. די צווייטע שיטה איז געווען דער מאדערנער יידישער נאציאנאליזם, וועלכער איז ניט

אז איינהייטלעכע שיטה און וועגן וועלכן עס זענען פאראן פיל חלוקי דעות. די גרונט־מיינונג פון דער שיטה איז, אז יידן זענען א פאלק, ווי אנדערע פעלקער, און טייל אנהענגער פון דער שיטה (ווי דר. חיים זשיטלאווסקי, און אנדערע) גייען אזוי ווייט, אז זיי האלטן, אז אויך איינער וואס געהערט אפיציעל צו אן אנדערער רעליגיע, למשל, א גלויביקער אין קריסטנטום, קאן זיין אין נאציאנאלן זין א ייד, אויב ער אנערקענט זיך אלס נאציאנאלער ייד. טייל אידעאלאגן פון יידישן נאציאנאליזם האלטן, אז די אפיצילע אנגעהעריגקייט צו דער יידישער רעליגיע איז יא א מוז־תנאי פון אנגעהעריגקייט צום יידישן פאלק, אבער מען קאן זיין אינגאנצן א פריידענקער, אן אטעאיסט, און ניט מקיים זיין קיינע פון די רעליגיעזע געבאטן און זיין א גוטער נאציאנאלער ייד (אחד העם אין די פיל מאמרים אין „על פרשת דרכים", ש. י. איש הורוויץ אין „מאין ולאן" און אנדערע). אבער אויך וועגן דעם נאציאנאלן וועזן פון יידישן פאלק איז פאראן א שארפע חלוקי דעות צווישן ציוניזם און זיינע פארשידענע אידעאלאגישע שטרעמונגען פון איין זייט און טייל אנדערע נאציאנאלע גרופירונגען (פאלקיזם, „בונד" און אנדערע). דער ציוניזם האלט, אז דאס וועזן פון יידישן פאלק איז פארבונדן מיט זיין היסטארישן לאנד, ארץ־ישראל, און זיין היסטארישער שפראך העברעאיש, און אז הגם יידן האבן עקזיסטירט אין די גלות־לענדער, און גערעדט אנדערע שפראכן, איז דאס געווען א ניט־נארמאל לעבן און א ניט־נארמאל יידנטום. די אנדערע נאציאנאלע גרופן האלטן, אז דאס יידישע פאלק איז א עטנישע גרופע מיט אייגענע נאציאנאלע כאראקטער־שטריכן, באטראכטן מייסטנס די יידישע שפראך אלס נאציאנאלע שפראך, און די לענדער, וואו יידן וואוינען, אלס די היימלענדער וואו דאס יידישע נאציאנאלע לעבן דארף און קאן זיך אנטוויקלען. צו די נאציאנאלע גרופירונגען דארף מען אויך צורעכענען דעם „מזרחי" (נאציאנאל־רעליגיעז־ציוניסטיש), „אגודת ישראל" (הויפט־גרונט רעליגיע, און דאס נאציאנאלע איז נאר א טייל פון דער רעליגיע).

וועגן די אלע פראגן זע „אגודת ישראל", „אויסדערוויילט פאלק", „אסימילאציע", „ארטאדאקסיע", „בונד", „מזרחי", „נאציאנאליזם", „ציוניזם", „רעפארם", ווי אויך „עקרים" (וועגן די יסודות פון דער רעליגיע). זע אויך „אחד העם" און „מענדלסאן". וועגן דער יידישער געשיכטע און אנטוויקלונג פון יידנטום זע זוכווארט „געשיכטע". איבערהויפט וועגן פארשידענע פראגן וואס האבן א שייכות מיט די הויפטשטריכן פון יידנטום ווי שפראך, אנטראפאלאגיע, פאלקלאר, ליטעראטור, פילאזאפיע, זע ביי די אנטשפרעכנדע זוכווערטער („אנטראפאלאגיע", „העברעאיש", „יידיש", „פילאזאפיע" וכדומה). וועגן די טיפן יידן זע „אשכנזים", „ספרדים", „תימן" און אנדערע.

## יידיש, יידישע שפראך

„יידיש" הייסט די יידישע שפראך, אויף וועלכער עס רעדט איצט לערך 8-9 מיליאנען יידן אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער (פוילן, ליטע, רוסלאנד, רומעניע, אונגארן), פיל יידן אין די מערב־אייראפעאישע לענדער, אמעריקע, אזיע, אפריקע, אויסטראליע. יידיש באשטייט פון מייסטנס גערמאנישע (דייטשע) ווערטער, און אנטהאלט אויך א גרויסע צאל העברעאישע ווערטער (לערך 20 פראצענט), און סלאווישע ווערטער (לערך 10 פראצענט), און אין טייל ענגליש־רעדנדע לענדער (צפון־אמעריקע, ענגלאנד און אנדערע) אויך פיל ענגלישע ווערטער

און ענגלישן זאַץ־בוי. אין די עלטערע שריפטלעכע קוואַלן געפינט מען ניט דעם נאָמען „יידיש" אויף צו באַצייכענען די יידישע שפּראַך; מען האָט איר געוויינלעך גערופן „עברי־טייטש", „לשון אשכנז", „טייטש", און אין 19טן יאָרהונדערט האָבן זאָגאָר יידישע שריפטשטעלער איהר גערופן „זשאַרגאָן". טייל „מאַמע־לשון", און דער נאָמען „יידיש" איז אָנגענומען געוואָרן ערשט אין 20טן יאָרהונדערט. כאָטש עס זענען פּאַראַן מיינונגען אַז שוין אין טייל טעקסטן פון 15טן יאָרהונדערט געפינט מען דאָס וואָרט „יידיש" אַלס באַצייכענונג פאַר דער יידישער שפּראַך (ריוואָקינד אין „צוקונפט" פון יאָר 1931 אין אַרטיקל „ווי אַלט איז דער נאָמען יידיש"). אין יידיש ווערט באַנוצט דער העברעאישער אלף־בית, אָבער מיט דעם אונטערשיד, וואָס אין יידיש זענען איינגעפירט געוואָרן צווישן די בוכשטאַבן זעלבסט „וואָקאַלן", (די אַ, אָ, או, אי, ע, איי), דאַקעגן אין העברעאיש, ווען מען באַנוצט שוין יאָ וואָקאַל־צייכנס זענען זיי אין דער פאָרם פון נקודות, אונטען אָדער אין דער הויך פון די בוכשטאַבן (מיטן אויסנאַם פון מלופּים). אין די פריערדיקע צייטן איז יידיש געדרוקט געוואָרן מיט אַ באַזונדערן אלף־בית, וועלכער איז מיט זיין שפּיציקער פאָרם געווען אַביסל ענלעך צו דער געשריבענער גאָטישער שריפט. אָבער איצט ווערט באַנוצט אין יידיש דער זעלבער אלף־בית וואָס אין העברעאיש. — אויף דער פראַגע וועגן דער צייט, ווען יידיש איז ענטשטאַנען, איז ביז איצט ניט געפונען געוואָרן קיין זיכערער ענטפער. דר. יצחק שיפּער, אין דעם זשורנאַל „יידישע פילאָלאָגיע" (1923) וויל אויפן יסוד פון אַלטע יידישע נעמען אַרויספירן די מיינונג, אַז יידן האָבן אין טייל דייטשע פּראָווינצן געהאַט זייער אייגענעם „יידיש" שוין אין 10טן אָדער 11טן יאָרהונדערט. אָבער דער דאָזיגער באַווייז איז אַ זייער אומזיכערער. די געלערנטע צונץ און גידעמאַן (זע אין גידעמאַנס „געשיכטע פון דערציאונגסוועזן", אין העברעאיש „התורה והחיים" ערשטן טייל צום סוף אין די צוגאָב־באַמערקונגען) גייען זיך פאַנאַנדער אין דער פראַגע, צי האָבן די יידן, וועלכע האָבן אין 10טן און 11טן יאָרהונדערטער געוואוינט אין דער פּראָווינץ פון לינקן ריין־ברעג, גערעדט אַ גערמאַנישן דיאַלעקט אָדער זיי האָבן גערעדט אַלט־פראַנצויזיש. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז די האַרטיקע יידן (און זיי זענען געווען אין יענער צייט דער הויפּט־יידישער ישוב אין די פּראָווינצן פון דייטשלאַנד) האָבן גערעדט אַ גערמאַנישן דיאַלעקט, וועט עס הייסן, אַז שוין דעמאָלט האָבן מיר געהאַט די ערשטע שפּורן פון יידיש, וועלכער איז, נאַטירלעך, געווען זייער אַנדערש פון אונדזער היינטיקן יידיש, אָבער וועלכער האָט שוין אַנטהאַלטן די גרונט־יסודות פון דער יידישער שפּראַך: אַ באַזונדערן בוי פון זאַץ, אַ גרויסע צומישונג פון העברעאישע ווערטער, הויפּטזעכלעך בונגע רעליגיעזע און צערעמאָניאַלע טערמינען און באַגריפן (בטחון, חתונה, שבת, בית המדרש, בית עלמין, השגחה און אַזוי ווייטער), וואַרשיינלעך אויך אַ געוויסע צומישונג פון ווערטער פון שפּראַכן פון אַנדערע לענדער (אַלט־פראַנצויזיש, איטאַליעניש, מעגלעך לאַטיין, גריכיש). וואָס מער דער יידישער ישוב האָט זיך איבערגערוקט פון מערב־אייראָפּע ווייטער צו מזרח אין דייטשלאַנד, און נאָך ווייטער אין די סלאַווישע לענדער (בעמען, פּוילן, אוקראַינע), אַלץ מער האָט זיך אַנטוויקלט און אָפּגעזונדערט „יידיש" פון דער אַרומיקער לאַנד־שפּראַך, און ביים אָנקומען אין די סלאַווישע לענדער האָט יידיש אָנגעהויבן אַריינעמען אין זיך

סלאווישע ווערטער־עלעמענטן. גראד אין די סלאווישע לענדער האט יידיש באקומען א מער אפגעזונדערטע פארם, ווייל דא איז יידיש געווען שטארק אפגעזונדערט פון דער דייטשער שפראך. — אויך אויף דער פראגע, ווי אזוי האט יידיש זיך אנגענומען ביי דער יידישער באפעלקערונג אין די סלאווישע לענדער איז ניטא קיין זיכערער ענטפער. טייל דענקען, אז אין די עלטערע צייטן האבן יידן אין פוילן און אוקראינע גערעדט ניט יידיש נאר א סלאווישע שפראך, א געמיש פון פויליש און אוקראיניש (זע אין הארקאווי'ס „היהודים ושפת הסלבים"), און נאר מיטן גרויסן צופלוס פון דייטשע יידן אין די סלאווישע לענדער (צוליב די קרייץ־פארער־גזרות און דער שווארצער מגפה פון 12טן ביזן 15טן יארהונדערט) און אויך צוליב דעם וואס בכלל האבן אין די פוילישע שטעט נאך דעם חורבן פון אוקראינע און פוילן דורך די טאטארן אין 13טן יארהונדערט זיך באזעצט דייטשע שטאטישע קאלאניסטן, האט יידיש באזיגט די ארטיקע סלאווישע שפראך פון די יידן און פארנומען איר ארט. דער יונג־פארשטארבענער פוילישער היסטאריקער (געשטאמט פון יידן) מאקסימיליאן גומפלאוויטש אין זיין בראשור אויף פויליש „איבער די אנפאנגען פון דער יידישער רעליגיע אין פוילן" מיינט גאר, אז דייטשע שבטים האבן בכלל באוואוינט דרום־אוקראינע און קרים זינט אלטע צייטן און אז א דאנק דעם האבן יידן אין די סלאווישע לענדער זיך דערווארבן דעם גערמאנישן דיאלעקט וואס הייסט „יידיש". עס איז, נאטירלעך, קלאר, אז דער יידיש, וואס האט זיך בסדר געהאלטן אין איין פארמירן אין די פארשידענע דייטשע פראווינצן, וואו די גערמאנישע דיאלעקטן זעלבסט זענען געווען גאנץ פארשידן, ווי הויך־דייטש און מיטל־דייטש און אויך אנדערע לאקאלע דייטשע פארמען, האט אויך אליין אנגענומען פארשידענע פארמען און ווען ער האט אריבערגעוואנדערט אין די סלאווישע און אנדערע מזרח־אייראפעאישע לענדער, איז ער שוין דערשינען אין פארשידענע דיאלעקטן. אזוי ארום זענען אנטשטאנען דער פוילישער יידיש, דער ליטווישער, דער אוקראינישער, דער אונגארישער. אויך מיט דער צייט האט זיך די יידישע שפראך שטארק געענדערט, און בפרט זינט דער עלטערער ליטעראטור פון 15טן און 16טן יארהונדערט. איבערהויפט איז צו זען אז וואס פריער איז יידיש, סיי אין ווארט־אוצר סיי אין זאץ־בוי, געווען אלץ מער ענלעך צו דייטש, און די פארשונג פון דער געשיכטע פון דער יידישער שפראך מאכט אן אונטערשיד צווישן „אלט־יידיש" (אומגעפער ביזן 16טן יארהונדערט). „מיטל־יידיש" (פון 17טן ביז מיט 18טן יארהונדערט), און „ניי יידיש" (פון מיטן 18טן ביז דער מיט פון 19טן יארהונדערט), און לויט טייל אויך „מאדערנער־יידיש", וואס איז אונדזער היינטיקע יידישע שפראך. — וועגן דער ליטעראטור אין יידיש, וועמענס אנהויבן זענען זיכער גאר אלטע, ווארשיינלעך שוין אין 13טן און 14טן יארהונדערט, זע ביים זכווארט „ליטעראטור". — אין 20טן יארהונדערט האבן א ריי געלערנטע יידישע פארשער און שריפטשטעלער (כאטש אויך פריער זענען געווען טייל פארשער וועלכע האבן זיך דערמיט באשעפטיקט) זיך אפגעגעבן באזונדערס מיט דער פארשונג פון יידיש און עס איז אנטשטאנען א רייכע וויסנשאפט, „יידישיסטיק", וועלכע ווערט באזונדערס געפלעגט דורך די געלערנטע, וועלכע קאנצענטרירן זיך ארום „ייווא" („יידיש וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט", זע „ייווא"). עס זענען צונויפגעשטעלט געווארן האנטביכער פון יידישער גראמא־

טיק (זלמן רייזען „גראמאטיק פון דער יידישער שפראך" און אנדערע). עס זענען דערשינען א ריי זשורנאלן פאר דער פילאלאגישער און עטימאלאגישער פארשונג פון יידיש (בענדער פאר פילאלאגיע פון „ייווא", „יידישע פילאלאגיע", „ארכיוו פאר יידישער שפראך־וויסנשאפט", „יידיש" און אנדערע). אין ווילנער „פנקס" 1913 האט בער באראכאוו פארעפנטלעכט די ערשטע וויסנשאפטלעכע צונויפשטעלונג פון א ביבליאגראפיע פאר דער יידיש פארשונג מיטן נאמען „די ביבליאטעק פון „יידישן פילאלאג". מיט יידיש פארשן האבן זיך פארנומען די געלערנטע א. לאנדוי, ב. באראכאוו, נ. שטיף, זלמן רייזן, מ. ווינרייך, נ. פרילוצקי, י. שאצקי, ז. קאלמאנאוויטש און אנדערע. — א גרעסערע ארבעט איבער יידיש מיט א רייכער ביבליאגראפיע האט פארעפנטלעכט אין 2טן באנד „יידן" מ. ווינרייך. — זייער וויכטיק איז דאס פראבלעם פון יידיש אלס נאציאנאלע שפראך פון יידישן פאלק. אין דער דאזיקער הינזיכט זענען פאראן פארשידענע שטעלונגען פון פארשידענע פארטייען און ריכטונגען אין יידנטום. די אסימילאציע, אין אלע אירע פארמען, איז געווען און איז אין אלע לענדער קעגן יידיש, און איינע פון אירע הויפט־שטרעבונגען איז אנצונעמען די לאנד־שפראך און אפצוזאגן זיך פון יידיש. די שטעלונג פון דער העברעאישער קולטור־וועלט צו יידיש אלס נאציאנאלע שפראך פון יידישן פאלק איז א דורכאוים נעגאטיווע. אזוי איז געווען די שטעלונג פון אחד־העם (אין זיין „ריב לשונות" און אנדערע ארטיקלען) און אזוי אויך פון אנדערע העברעאישע שריפטשטעלער און ווארטפירער. א טייל פון די חאזיקע העברעאישע קולטור־ווארטזאגער האלטן נאר אז אין די גלות־לענדער, וואו עס דראעט די געפאר פון אסימילאציע, דארף מען יידיש יא אונטערהאלטן, הגם אויך דא דארף מען זען צו פארשפרייטן וואס מער העברעאיש אלס רעד־ און לערן־שפראך פון יידן. וואס אנבאלאנגט ארץ־ישראל איז די שטעלונג פון דער העברעאישער קולטור־וועלט צום באנוצן זיך מיט יידיש ווי אויך מיט אנדערע שפראכן א נעגאטיווע, און דער „גדוד מגיני השפה" קעמפט זייער שטארק קעגן באנוצן זיך מיט יידיש אין ארץ־ישראל באזונדערס עפנטלעך (אין שולן, פרעסע, טעאטער, אויף פארזאמלונגען וכדומה). עס איז פאראן אויך א ריכטונג אין יידישן לעבן, וועלכע אנערקענט יידיש אלס נאציאנאלע שפראך פון יידישן פאלק, און די דאזיקע ריכטונג האט אויף דער קאנפערענץ אין טשערנאוויץ אין יאר 1908 פראקלאמירט יידיש אלס די יידישע נאציאנאלע שפראך. נאענט צו דער דאזיקער ריכטונג זענען דער „בונד", די פאלקס־פארטיי, טייל פון די לינקע פועלי־ציון און טייל פון די קאמוניסטן. די טיילן פון דער ארטאדאקסישער יידישער וועלט, וועלכע שטייען מחוץ דער ציוניסטישער מחנה, האט ניט אנגענומען קיין שטעלונג צו דער גאנצער פראגע, הגם אין ארץ־ישראל קעמפן טייל פון די פירער פון דער אגודת ישראל פאר יידיש אלס רעד־ און לערן־שפראך.

**ייווא** (ראשי תבות פון „יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט"), אינסטיטוט פאר יידישער וויסנשאפט, געגרינדעט 1923 אין ווילנע דורך נ. שטיף, מ. ווינרייך, זלמן רייזן און אנדערע. פארנעמט זיך מיט זאמלען יידישע היסטארישע, פילאלאגישע, עטנאגראפישע, עקאנאמיש־סטאטיסטישע מאטעריאלן, גיט ארויס שריפטן (היסטארישע, פאלקלאריסטישע, עקאנאמיש־סטאטיסטישע, פסיכאלאגיש־פעדאגאגישע), „ייווא־ידיעות", „ייווא־

בלעטער''; ביז 1940 איז דער צענטער פון ייווא געווען אין ווילנע און האט געהאט אפטיילונגען אין די פאריייניקטע שטאטן און ארגענטינע. אין ווילנע האט דער ייווא געהאט א רייכן ארכיוו. איז 1940 האט דער צענטער פון ייווא זיך איבער־געטראגן (צוליב דער מלחמה) קיין ניו־יארק; ייווא האט פיל מיטגעהאלפן צו דער פארשונג פון דער יידישער שפראך און יידישן פאלקלאר.

**ייטא** (ראשי תבות פון „יידישע טע־לעגראפן־אגענטור''), געגרינדעט 1919 אין לאנדאן דורך מאיר גראסמאן און יעקב לאנדא; איצט צענטראלע אין ניו־יארק; באדינט די יידישע פרעסע מיט טעלעגראפישע ידיעות וועגן יידישן לעבן אין דער גאנצער וועלט.

**ייטא** (ראשי תבות פון „יידישע טע־ריטאריאליסטישע ארגאניזאציע''), גע־גרינדעט 1905 דורך ישראל זאנגוויל; איר פראגראם איז געווען צו געפינען א טע־ריטאריע, וואו מען זאל קאנען באזעצן יידן אין א גרויסער צאל און שאפן אן אויטאנאמיש יידיש לאנד; דער אונטער־שיד צווישן דער טעריטאריאליסטישער און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע באַ־שטייט אין דעם, וואס דער טעריטאריא־ליזם גלויבט נים אז אין ארץ־ישראל זאל קאנען באשאפן ווערן א יידישער אוי־טאנאמישער קיבוץ וואס זאל קאנען ארייננעמען דעם גרעסטן טייל יידן פון דער וועלט; צום טעריטאריאליזם זענען צוגעטראטן א ריי געוועזענע ציוניסטי־שע פירער; נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918) און דער גרויסער עליה קיין ארץ־ישראל איז דער טערי־טאריאליזם אפגעשוואכט געווארן; ערשט זינט דער היטלער־רעגירונג אין דייטש־לאנד (1933) זענען ווידער ארויפגע־שוואומען פארשידענע טעריטאריאליסטי־שע פלענער (אויסטראליע, אלאסקא, סאן דאמינגא און אנדערע). און טייל יידי־שע גרופן פרואוון באנייען דעם טערי־טאריאליזם.

**יין המשומר** אין דער גמרא ברכות ל''ד זאגט רבי יהושע בן לוי, אז די צדי־קים וועלן אין עולם הבא, אין יענער וועלט, האבן „יין המשומר בענביו מששת ימי בראשית'' (ווייַן וואס איז געהאלטן אין טרויבן פון ששת ימי בראשית אן); אין טייל שפעטערדיקע ספרים איז דער־פון אנגענומען געווארן אז אויף „יענער וועלט'' וועלן צדיקים טרינקען יין המשו־מר, און עס זענען פאראן לעגענדעס וועגן פארשידענע צדיקים, וואס האבן זוכה גע־ווען שוין אויף דער וועלט צו פארזוכן פון יין המשומר. דער רמב''ם אין פירוש המשניות צו דער משנה חלק אין סנהד־רין טייטשט איין די אלע ווערטער פון דער גמרא וועגן עסן און טרינקען אויף יענער וועלט בדרך משל.

**יין נסך** זע „ווייַן''.

**ייקא** („יידישע קאלאניזאציע־אסאסי־איישאן), נאמען פון דער געזעלשאפט צו העלפן קאלאניזירן און באזעצן יידן פון מזרח־אייראפעאישע לענדער אויף לאנד אין אמעריקאנער לענדער ווי אויך אין טייל אנדערע לענדער. דער נאמען פון דער געזעלשאפט איז אין ענגליש „דזשו־איש קאלאניזיישאן אסאסיאיישאן''. זי איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1891 דורך באראן משה דע הירש (זע זוכוואָרט „הירש משה''), וועלכער האט צוערשט אוועקגעגעבן דער ארגאניזאציע א סומע פון 10 מיליאן דאלאר, און ווען ער איז געשטארבן אן קינדער האט ער איר אי־בערגעלאזט זיין גאנץ פארמעגן, אזוי אז דער קאפיטאל פון ייקא איז דעמאלט גע־ווען 30 מיליאן דאלאר. די טעטיקייט

פון ייקא צו קאלאניזירן יידן איז געווען און איז נאך ביז איצט א זייער פאר־צווייגטע. ייקא האט געגרינדעט קאלא־ניעס אין ארגענטינע („מויריציא", „מאיסוויל", „קלארא"), קאנאדע („הירש", „יידנדארף" און אנדערע), און האט אויך פיל געהאלפן דער קאלאניזאציע פון יידן אין ארץ־ישראל, העלפנדיק די קאלאני־סטן פון רחובות, גדרה און אנדערע; זי האט אויך געהאלפן לאנדווירטן אין גא־ליציע און רוסלאנד, לאנדווירטשאפטלע־כע שולן. דער הויפטזיץ פון דער געזעל־שאפט איז געווען ביז 1940 (ווען די היט־לעריסטישע חיילות האבן פארנומען פא־ריז) פאריז. איצט, אין 1942, איז ניט באקאנט גענוי וואס איז געווארן מיט די געלטער פון ייקא, און לויט טייל מיינונ־גען זענען גרויסע טיילן פון די ייקא־פאנדן געראטעוועט געווארן קיין לאנ־דאן. — די ייקא־פירער זענען אין אל־געמיין געווען ווייט פון נאציאנאל יידישן לעבן און פון דער ציוניסטישער באווע־גונג, הגם גרויסע פראקטישע ארבעט האבן זיי אין ארץ־ישראל יא געטאן. די ייקא פלעגט ארויסגעבן יערלעך אין ענג־ליש און פראנצויזיש באריכטן וועגן איר טעטיקייט. )

**יכיני, אברהם** (1611 — 1675) פון חברים און תלמידים פון שבתי צבי; גע־פעלשט אן אלטן דאקומענט, אז שבתי צבי איז משיח; מחבר געווען „אשל אב־רהם", „תוספת מרובה" אויף תוספתא; רבי חיים יוסף דוד אזולאי ברענגט אים אין „שם הגדולים", און דאס ווייזט, אז מען האט שפעטער געהאלטן אים פאר א אנגעזעענעם מאן.

**יכניה** זע „יהויכין".

**ילמדנו** זע „מדרש".

**ילקוט** (זאמלונג) נאמען פון ספרים, זאמלונגען פון מדרשים. עס איז פאראן „ילקוט שמעוני", אויף תנ"ך, אנטהאלט צוזאמען ביי 2,000 קאפיטלעך (סימנים), א גרויסע זאמלונג פון ווערטער פון אל־טע מדרשים; דער מחבר זאל האבן גע־ווען רבי שמעון אשכנזי פון פראנקפורט (אין 13טן יארהונדערט) און לויט אנדע־רע רבי שמעון קרא (געשטארבן 1170). דאס ערשטע מאל איז ער געדרוקט גע־ווארן אין סאלאניקי 1521 — 1526. אין „ילקוט שמעוני" זענען פאראן פראג־מענטן פון מדרשים, וואס זענען פאר אונדז פארלוירן געגאנגען. — פאראן אויך א ספר „ילקוט ראובני" אויף תורה, לי־קוטים פון קבלה־ספרים און מדרשי פלי־אה; דער מחבר איז רבי ראובן כץ אין פראג (געשטארבן 1673).

**ים** אין תנ"ך געפינען מיר דערמאנט די נעמען פון עטלעכע ימען. — 1) „ים הג־דול" (במדבר ל"ד), „דער גרויסער ים", ווערט אנגערופן דער מיטלענדישער ים, וואס ליגט צו מערב פון ארץ־ישראל. דער־ריבער הייסט אויך אין תנ"ך די מערב־זייט „ים". — 2) „ים המלח", דער גע־זאלצענער ים, הייסט (במדבר ל"ד) די יעזשארע, דאס גרויסע שטייענדיקע וואַ־סער, וואס ליגט אין דרום־מזרח פון ארץ־ישראל. דער דאזיקער ים איז א סך נידע־ריקער (מיט לערך 400 מעטער) פון דעם ים־פלאך; ער איז לאנג ביי 73 קילאמע־טער; אין ים המלח פאלט אריין דער טייך ירדן. זע זוכווארט „ארץ־ישראל". — 3) „ים סוף", מען רופט אים אויך „דער רויטער ים", דאס איז דער ים וואס ליגט צו דרום־מזרח פון סיני האלב־אינזל, און וועלכער איז געשפאלטן געווארן פאר די יידן, ווען זיי זענען ארויס פון מצרים (שמות י"ד). היינט איז דער ים־סוף פארבונדן מיטן מיטלענדישן ים דורכן סועץ־קאנאל. נאר איין פונקט ברעג פון

ים־סוף געהערט היינט צו ארץ־ישראל ביים פארט אקאבא. — 4) ים כנרת. — זע „ארץ־ישראל"; „כנרת".

**ימים נוראים** (פארכטיקע טעג), מיטן דאזיקן נאמען ווערן אנגערופן די טעג פון ראש השנה ביז איבער יום כפור, ווען אין הימל ווערן געמשפט די מענטשן און זייערע מעשים. טייל רופן אויך אן ימים נוראים די טעג פון די ערשטע סלי־חות (די וואך פאר ראש השנה) און אפילו פון ראש חודש אלול אן, ווען מען הויבט אן בלאזן שופר. גאר פרומע יידן זענען זיך נוהג אין די דאזיקע ימים נור־אים נישט צו עסן טייל זאכן, וועלכע זיי זענען זיך מתיר א גאנץ יאר; מען זאגט דעמאלט מער תהלים, מען לערנט מער און מען גיט זיך אפ א דין וחשבון וועגן דעם תכלית פון לעבן. די ימים נוראים קאן מען איינטיילן אין: 1) די טעג פון חודש אלול; 2) די טעג פון סליחות פאר ראש השנה; 3) ראש השנה; 4) די טעג צווישן ראש השנה און יום כפור, וועלכע מען רופט אויך „בין כסא לעשור", און אויך „עשרת ימי התשובה" (אין די 10 טעג גייען אייגנטלעך אריין אויך ראש השנה און יום כפור); 5) יום כפור. — ביי גרויסע חסידים און מקובלים ענדיקן זיך די ימים נוראים ערשט אין הושענא רבה ווען עס קומט פאר דער לעצטער יום הדין איז הימל. — ענגנון האט ארויס־געגעבן א ספר „ימים נוראים", א זאמ־לונג פון ווערטער און סיפורים צו די דא־זיקע טעג.

**ינאי** זע „אלכסנדר ינאי".

**ינאי רבי** אויך „ינאי רבה", ארץ־יש־ראל אמורא, אין ערשטן דור פון די אמו־ראים (סוף 2טן יארהונדערט). תלמיד פון רבי יהודה הנשיא; געוועזן זייער רייך (בבא בתרא י"ד); געגרינדעט א ישיבה אין עכבראי, וועלכע איז באקאנט געווארן מיטן נאמען „דבי רבי ינאי" און ווערט דערמאנט אין פיל ערטער אין גמרא בבלי און ירושלמי; ער האט אויסגעהאלטן זיי־נע תלמידים, וועלכע האבן געארבעט אויף זיינע פעלדער (ירושלמי שביעית ח'); ער איז אויך געווען א גבאי פון צדקה (ער־כין ו').

**ינאי פייטן**, אויך „ינײי", מחבר פון פיוטים אין 7טן יארהונדערט אין ארץ־ישראל, דער רבי פון רבי אלעזר הקליר; א לאנגע צייט האט מען נישט געוואוסט פון דאזיקן פייטן; ראפאפארט האט דער ערשטער באמערקט, אז אין די אלטע תשובות פון רבנו גרשום ווערט דערמאנט א פייטן ינאי, און אויך צונץ האט נאכער געפונען שפורן פון דאזיקן פייטן אין אנ־דערע אלטע קוואלן. מען איז דערגאנגען אז דער באקאנטער פיוט פון פסח „אז רוב נסים הפלאת בפסח" וואס מען זאגט אויך צום סוף פון דער הגדה ביים סדר, איז געשריבן געווארן דורך ינאי. נא־כער האט מען געפונען פון אים אנדערע פיוטים. לעצטנס האט מען געפונען פראג־מענטן פון „מחזור ינאי" אין די כתבי יד פון דער „גניזה" (זע זוכווארט „גני־זה"); ישראל דאווידסאן האט ארויס־געגעבן דעם „מחזור ינאי" מיט אן איינ־לייטונג. זע אויך דאווידסאנס „אוצר הפיוטים".

**ינוקא** אין אראמעאיש איז עס דער טייטש „א יונג קינד". אין דער גמרא ווערט דער אינגערער זון פון אמורא רב חסדא אנגערופן מר ינוקא אין קעגנזאץ צום עלטערן, וועלכער הייסט מר קשישא. — אין זהר זענען פאראן סיפורים פון הייליקע קינדער, וועלכע הייסן ינוקא, וואס האבן מגלה געווען סודות התורה און געזאגט נביאות; דער בארימטסטער פון זיי איז פאראן אין זהר פרשת בלק;

אין די שפעטערע צייטן, אין 16טן יאָרהונדערט, האָט מען דערציילט וועגן אַ „ינוקא" מיטן נאָמען נחמן וואָס האָט זיך באַוויזן און געזאָגט נביאות און ער איז יונג געשטאָרבן. לעבן צפת ווייזט מען דעם קבר פון „ינוקא"; דער באַקאַנטער מקובל אברהם בן אליעזר אין ירושלים (שוואָגער פון רבי אברהם זכותא) האָט אַרויסגעגעבן „נבואת הילד" פון דעם ינוקא נחמן חטופה (געדרוקט צום סוף נגיד ומצוה, קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1726).

## יסורים (ליידן)

די פראַגע, פאַרוואָס קומען ליידן אויף דעם מענטש, ווערט אין דער יידישער רעליגיעזער חקירה באַהאַנדלט זינט די עלטסטע צייטן אָן. דאָס גאַנצע ספר איוב איז אייגנטלעך די באַמיאונג צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון ליידן (זע זוכווערטער „אומגליק", „איוב", „גוט און שלעכט"). אין תלמוד ברכות ה' ווערט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן סתם ליידן און „יסורים של אהבה", וועלכע דער פרומער מענטש איז מקבל אויף זיך מיט ליבשאַפט. אין קידושין מ' ווערט געזאָגט, אַז צדיקים האָבן יסורים, כדי זייער שכר זאָל זיין גרעסער אויף יענער וועלט. אין ברכות ס"ב איז פאַראַן „קבלה דיסורי שתיקותא", אַז ליידן דאַרף מען אויפנעמען מיט שווייגן. אין פרקי אבות ו' אין דער ברייתא פון קנין תורה ווערט געזאָגט, אַז די תורה קאָן מען דערווערבן דורך „קבלת יסורים", ווען מען נעמט אויף ליידן מיט היבשאַפט. אין דער ברייתא שבת פ"ח איז פאַראַן אַ לויב פאַר „השמחין ביסורין", די וואָס נעמען אויף זייערע יסורים מיט פרייד. אין שבת נ"ה ווערט געזאָגט די מיינונג אַז „אין יסורין בלא עון" (נישטאָ קיין ליידן אָן אַ פריער־באַגאַנגענע זינד) און עס ווערט אויך דאָרט געזאָגט אַז ליידן פאַרווישן די זינד פון מענטש. — אין די שפעטערע צייטן פון דער קבלה האָט מען געפּרוּווט געפינען אַן ענטפער אויף דעם יסורים־פּראָבלעם אין דעם גלגול. עס הייסט, אַז דער מענטש האָט אין זיין פריערדיקן גלגול (זע זוכוואָרט „גלגול") געטאָן עבירות, און ער איז דאָס איצטיקע מאָל אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט אָפּצוליידן פאַר זיינע יענע זינדיקע מעשים. — זע „אומגליק".

## יעבץ

זע „עמדין".

## יעבץ, זאב

(1847 אין פוילן — 1924 אין לאָנדאָן), העבּרעאישער שריפטשטעלער און היסטאָריקער, פון די ערשטע חובבי ציון, גרינדער פון מזרחי, שטרענג פרומער ייד; אין די יאָרן 1891—1897 געווען אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן זאַמלביכער „הארץ"; זיינע וויכטיקסטע ספרים זענען 12 בענדער פון יידישער געשיכטע („תולדות ישראל") אין אָרטאָדאָקסישן גייסט, „מקור הברכות" וועגן דער אָפּשטאַמונג פון פאַרשידענע תפילות, „סידור עבודת הלבבות" אַ סידור מיט פירושים; ער האָט אויך אַרויסגעגעבן פאַרשידענע ספרי לימוד.

## יעבץ, יוסף

(סוף פון 15טן אנהויב 16טן יאָרהונדערט), דרשן און מקובל צוערשט אין פּאָרטוגאַל און נאָך דעם גרוש אויף יידן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זיך באַזעצט אין איטאַליע. באַקאַנט זענען זיינע ספרים „אור החיים" (קעגן פילאָזאָפיע), פירוש אויף אבות און אַנדערע. אין זיין הקדמה צו „אור החיים" גיט ער ווערטפולע ידיעות וועגן גייסטיקן צושטאַנד פון יידן אין שפּאַניע.

## יעווסעקציע

(יעווריעיסקאַיאַ סעקציאַ, יידישע סעקציע), די יידישע אָפּטיילונג

פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין ראטן־פארבאנד אין רוסלאנד, געגרינדעט 1918. זי האט פארפאלגט די יידישע רע־ליגיע, ציוניזם, דאס לערנען די העברע־אישע שפראך. אונטער איר איינפלוס איז אנטשטאנען דער פלאן צו באזעצן יידן אין בירא־בידזשאן. זינט 1930 איז די יעווסעקציע אפגעשאפט געווארן.

**יעל** אין שופטים ד' ווערט דערציילט, אז ווען די יידן אונטער דער פירונג פון ברק און דבורה, האבן מלחמה געהאלטן קעגן זייערע באדריקער די כנעניים אונ־טער דער פירונג פון סיסרא, איז סיסרא נאך א מפלה אנטלאפן און איז געקומען צום געצעלט פון א פרוי יעל, ווייב פון חבר הקיני. יעל האט סיסראן איינגע־לאדן צו זיך אין געצעלט, אים געגעבן צו טרינקען מילך און ווען ער איז אנט־שלאפן געווארן האט זי אים געטויטן; דאס האט געהאלפן יידן צום זיג. אין דער שירה פון דבורה הנביאה (שופטים ה') ווערט זי געריטמט פאר איר טויטן דעם שונא.

**יעלה ויבוא** („זאל אויפגיין און קו־מען" אונדזער זכרון פאר גאט), תפילה, וואס מען זאגט אין ראש חודש און ימים־טובים, ראש השנה און יום כפור און חול המועד אין שמונה עשרה ווי אויך אין בענטשן נאכן עסן. אין דער תוספתא ברכות ג' הייסט עס „קדושת היום". די ווערטער „יעלה ויבוא" ווערן דערמאנט דאס ערשטע מאל אין מסכתא סופרים י"ט.

**יעלין, דוד** (1864 — 1942 אין ירו־שלים), העברעאישער שריפטשטעלער, היסטאריקער און מפרש התנ"ך, גרינדער פון דער לערער־ארגאניזאציע (הסתדרות המורים) אין ארץ־ישראל, פרעזידענט פון „ועד הלאומי", לייטער פון לערער־סע־מינאר; פארעפנטלעכט צווישן אנדערע אויך א פירוש אויף איוב.

**יעקב אבינו** אינגערער זון פון יצחק אבינו און רבקה, דער דריטער פון די אבות. דער חומש בראשית (פון כ"ה ביז צום סוף) דערציילט וועגן לעבן פון יעקב אבינו. ער איז געבוירן געווארן אין א צווילינג צוזאמען מיט זיין עלטערן ברודער עשו, ביי וועמען ער האט אפגע־קויפט שפעטער די בכורה פאר א גע־קעכטס פון לינזן. נאכער האט ער פאר־שטעלנדיק זיך אלס זיין עלטערער ברו־דער באקומען ביי יצחקן די ברכה, און צוליב דעם איז אויסגעבראכן א שנאה צווישן יעקב און עשו. יעקב איז אוועק פון ארץ ישראל קיין חרן אין ארם נה־רים און דארט האט ער געדינט ביי זיין מוטערס ברודער, לבן, אלס פאסטוך און ער האט חתונה געהאט מיט לבנס צוויי טאכטער לאה און רחל און ער האט אויך גענומען אלס פרויען די שפחות בלהה און זלפה. פון זיי האט ער געבוירן 12 זין, דאס זענען די פאטערס פון די שבטים, דעם יידישן פאלק, ווי אויך א טאכטער דינה. דערנאך ווערט דער־ציילט אין חומש די פארשידענע ליידן פון יעקב, וועלכער איז אוועק פון לבן צוריק קיין ארץ־ישראל, און באזונדערס די ליידן צוליב זיין זון יוסף, וועלכער איז שפעטער געפונען געווארן אלס שני למלך אין מצרים. צוליב דעם איז יעקב מיט זיינע קינדער און קינדס־קינדער אוועק קיין מצרים, און דארט זענען זיי אויסגעוואקסן אין א גרויס פאלק. יעקב האט פאר זיין טויט געבענטשט זיינע קינדער. יעקב איז געשטארבן אין מצ־רים אין עלטער פון 147 יאר, און זיין קערפער איז געבראכט געווארן קיין ארץ־ישראל, וואו מען האט איהם געבראכט צו קבורה אין דער מערת המכפלה אין חברון; אין חומש בראשית ל"ב ווערט

דערציילט, אז יעקב האט זיך געראנגלט מיט א מלאך, וועלכער האט אים דערנאך געבענטשט און אים א נאמען געגעבן ישראל, און דערפון שטאמט זיין נאמען ישראל. דאס יידישע פאלק וואס שטאמט אפ פון יעקב הייסט דעריבער „ישראל'' און „בני ישראל'', טיילמאל אויך „בית יעקב'' (שמות י''ט און אנדערע ערטער אין תנ''ך). אין דער גמרא און מדרש זענען פאראן פיל אגדות וועגן יעקב און זיינע ליידנספולע לעבנס־פאסירונגען. אין תענית ה' זאגט די גמרא „יעקב אבינו לא מת'' (יעקב איז נישט געשטארבן), אין פסחים נ''ו זאגט די גמרא, אז ווען יעקב אבינו האט פאר זיין טויט געבענטשט זיינע קינדער און ער האט געזען אז זיי זענען אלע גוטע, גלויביקע (נישט ווי פון אברהם איז געווען ישמעאל און פון יצחקן עשו) האט ער געזאגט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. אין ספר הישר ווערן די בני יעקב פארגעשטעלט אלס גרויסע גיבורים. עס איז צו באמערקן, אז אויך אין דער אראבישער טראדיציע אין ארץ־ישראל, וועלכע האט עלעמענטן פון גאר אלטע צייטן, באמערקט מען דאס ווארט יעקב (יעקוב) און טייל ערטער אין ארץ־ישראל ווערן ביי זיי אנגערופן מיטן באשטאנד־טייל־נאמען פון „יעקב''. זע זוכווארט „ישראל''.

## יעקב בן אשר, מחבר פון טורים

פוסק אין 14טן יארהונדערט, צוערשט אין דייטשלאנד, נאכער אין שפאניע. ער איז געווען א זון פון פוסק און מפרש התלמוד רבנו אשר, באקאנט מיטן נאמען דער רא''ש. צוזאמען מיט זיין פאטער איז ער געקומען קיין שפאניע אין יאר 1305. ער איז געווען א קראנקער מענטש און האט אויך געליטן דחקות אין פרנסה. געשטארבן איז ער אין טאלעדא אין י''ב תמוז; דאס יאר ווערט נישט אנגעגעבן; עס זענען פאראן געוויסע באווייזן אז ער איז געשטארבן 1340. רבי יעקב האט מחבר געווען פיל ספרים, צווישן זיי אויך דעם פירוש אויף תורה וואס איז באקאנט מיטן נאמען „בעל הטורים'' און וועלכער אנטהאלט אויך א סך גימטריות; א קיצור דערפון איז געדרוקט מיט די חומשים אין גרעסטן טייל חומשים־אויסגאבן. אבער זיין פונדאמענטאל־ספר איז דאס גרויסע ספר „טורים'', וואס איז געווארן דער יסוד פאר דעם שפעטערדיקן „שלחן ערוך''. ער האט צוזאמענגענומען אלע אקטועל־גילטיקע דינים און פסקים פון ש''ס בבלי און ירושלמי ווי אויך פון אלע פריערדיקע פוסקים, צווישן זיי פון זיין פאטער דעם רא''ש, און ער האט זיי קלאסיפיצירט און געטיילט אין 4 חלקים, 4 „טורים''; 1) „טור ארח חיים'', וועלכער נעמט ארום די דינים וועגן השכמת הבוקר, תפילות. ברכות, שבת. ימים טובים. תעניתים; 2) „טור יורה דעה'' וועלכער נעמט ארום די דינים פון שחיטה, טריפות. זאלצן פלייש, בשר וחלב, אנדערע זאכן וואס מען טארנישט עסן, דיני נדה, אבלות און אנדערע דינים; 3) „טור אבן העזר''. וועלכער נעמט ארום די דינים צווישן מאן און פרוי ווי קידושין, גטין, חליצה און אנדערע; 4) „טור חושן משפט'' וועלכער נעמט ארום די דינים פון ציוויל־רעכט ווי עדות, דיינים, געלט־טענות צווישן איין מענטש און צווייטן וכדומה. די „טורים'' זענען געווען דער יסוד פאר דעם שלחן ערוך, וואס איז שפעטער פארפאסט געווארן דורך רבי יוסף קארו, וועלכער האט אויך געשריבן א פירוש צו די טורים מיטן נאמען „בית יוסף''. צו די טורים זענען געשריבן געווארן פירושים דורך רבי משה איסערלים (רמ''א) „דרכי משה'' און אנדערע. די טורים זענען געווען איינע פון די ערשטע (לויט טייל מיינונגען דאס ערשטע) העברעאישע געדרוקטע ספרים;

זיי זענען געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין פּיעווע דע שאַקאַ 1475. זע זוכוואָרט „שלחן ערוך‟.

**יעקב יצחק הורוויץ פון לובלין** (געבוירן לערך 1750, געשטאָרבן תשעה באב תקע״ה 1815), באַרימטער חסידי־שער רבי, באַקאַנט אַלס „דער חוזה פון לובלין‟, אָדער „דער רבי פון לובלין‟. מען האָט אים גערופן „דער חוזה‟ (זע־ער) ווייל מען האָט דערציילט פון אים פיל מופתים וועגן זען עתידות. זיינע תלמידים זענען געווען די אָנגעזעענסטע רביים אין פּוילן און גאַליציע, וועלכע האָבן פּאַקטיש פאַרשפּרייט דאָס חסידות צווישן די יידישע מאַסן אין פּוילן, ווי רבי יעקב יצחק דער ייד פון פּשיסכע, רבי שמחה בונם פון פּשיסכע, רבי נפתלי ראָפּשיצער, רבי צבי הירש פון זידוטשאָוו און אַנדערע. ער האָט מחבר געווען די ספרים „זאת זכרון‟, „זכרון זאת‟, „דברי אמת‟. די באַשרייבונגען וועגן אים זענען פאַראַן אין „אהל הרבי‟, „נפלאות הרבי‟ און אַנדערע חסידישע ספרים.

**יעקב יצחק, ייד הקדוש פון פּשיסכע** (געבוירן לערך תקכ״ב—געשטאָרבן חול המועד סוכות תקע״ה 1815) באַרימטער חסידישער רבי, צוערשט תל־מיד פון רבי יעקב יצחק פון לובלין, נאָך בחייו פון זיין רבי גענומען פירן אַליין מיט אַן עולם. ער איז געווען אויך אַ גרויסער למדן. זיין הויפּט־תלמיד איז געווען רבי שמחה בונם פון פּשיסכע. וואונדערלעכע זאַכן וועגן זיין לעבן ווי אויך דברי תורה פון אים זענען פאַראַן אין ספר „נפלאות היהודי‟.

**יעקב פון ליסאַ** (געבוירן לערך 1770 — געשטאָרבן 1832 אין סטרי, גאַליציע). רב, למדן און פּוסק; געווען רב אין קאַ־ליש, ליסאַ, נאָכער סטרי; ער האָט אויך אָנגעפירט מיט ישיבות. ער האָט מחבר געווען אַ סך ספרים; די באַרימטסטע זע־נען „חות דעת‟ אויף יורה דעה, „נתיבות המשפט‟ (באַקאַנט סתם „נתיבות‟) אויף חושן משפט, וועלכע זענען שטאַרק אָנגענומען אין דער למדישער וועלט. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ סידור „דרך החיים‟, וועלכער איז זייער פאַרשפּרייט.

**יעקב מולין הלוי, מהרי״ל** (1365 אין מאַינץ — 1427 אין וואָרמס), פּוסק, רב אין דייטשלאַנד, ראש ישיבה; פון די ערשטע וואָס זענען געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל „מורנו‟; באַקאַנט אַלס דער „מהרי״ל‟ (מורנו הרב רבי יעקב לוי); ער האָט צונויפגעזאַמלט די דינים און מנהגים פון יידן, און זיי זענען אַרויס־געגעבן געוואָרן נאָך זיין טויט דורך זיי־נע תלמידים מיטן נאָמען „מנהגים‟; פאַ־ראַן אַ קונטרס וועגן גוזר תענית זיין דורך דעם מהרי״ל צוליב דער מלחמה פון די הוסיטן קעגן עסטרייכישן קייסער אין 1420 (געבראַכט אין „דברי ימי יש־ראל‟ פון גרעץ אין דער העברעאישער איבערזעצונג). דער ספר „מנהגים‟ פון מהרי״ל האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון יידישן פאָלקלאָר און לעבנס־שטייגער אין דייטשלאַנד. פאַראַן פון אים אויך ,שאלות ותשובות מהרי״ל׳. דער „מנהגים‟ איז געדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל אין סאַביאָנעטאַ 1556; די „תשובות‟ אין ווענעציע 1549. זע „התורה והחיים‟ פון גידעמאַן (3טן טייל אין העברעאישער איבערזעצונג, אויך אין יידיש דורך שטיף).

**יעקב פאָלאַק** (לערך 1470 — אין לובלין 1541), פּוסק און למדן, דער אָנהענ־גער פון פּשעטלעך־סיסטעם אין לערנען, און דעריבער האָט מען אים גערופן „בעל החלוקים‟. צוערשט איז ער געווען רב

און ראש ישיבה אין פראג. נאר צוליב א מחלוקה מיט רבנים וועגן א דין איז ער אוועק קיין פוילן און זיך באזעצט אין קראקע, וואו ער איז געווען רב לערך 20 יאר. אין יאר 1522 איז ער אוועק קיין ארץ ישראל, פון דארט איז ער איבער טערקיי צוריקגעקומען קיין פוילן און זיך באזעצט אין לובלין, וואו ער איז געשטארבן. זיין קבר אין לובלין איז זייער פארהייליקט. זיין באדייטונג באשטייט אין דעם וואס ער האט אריבערגעבראכט דעם פשעטל־סיסטעם (פלפול) פון די דייטשע ישיבות קיין פוילן.

## יעקב קראנץ, דובנער מגיד

(1740 — 1804 אין זאמאשטש), בארימטער דרשן, וועמענס דרשות און משלים זענען פאפולער ביי יידן ביז אויף היינטיקן טאג. ער האט געלעבט אין דובנא 18 יאר, און דערפון איז זיין נאמען „דער דובנער מגיד"; פלעגט קומען צום ווילנער גאון און אים מבדח זיין מיט זיינע משלים. זיינע ספרים זענען ארויסגעגעבן געווארן דורך בעריש פלאם. די ספרים זענען „אהל יעקב", „כוכב מיעקב", „ספר המדות". א סך פון זיינע משלים זענען באארבעט געווארן אין יידיש און דערשינען צוזאמען מיט חומשים סידורים, הגדות, ווי אויך באזונדער.

**יעקב תם, רבנו** באקאנט מיטן נאמען „רבנו תם"; דער גרעסטער פון די בעלי תוספות אין פראנקרייך; געבוירן אין רומרוג (ראמרופט) אין יאר 1100 און געשטארבן אין טרויש ד' תמוז תתקל"א, 1171. זיין מוטער איז געווען די טאכטער פון רבי שלמה יצחקי (רש"י). דער רבנו תם האט אין דער שטאט רומרוג געפירט א גרויסע ישיבה. עם 2טן טאג שבועות תתק"ז (1147) אין דער גרויסער שחיטה אויף יידן דורך די נוסעי הצלב איז אויך דער רבנו תם באפאלן געווארן דורך די נוסעי הצלב. א דאנק א באקאנטן ריטער איז ער געראטעוועט געווארן און איז אוועק אין טרויש (אין שטאט פון זיין זיידן, רש"י) און האט דארט געלעבט און אנגעפירט מיט ישיבות, און איז איבערהויפט געשטאנען אין שפיץ פון גאנצן פראנצויזישן יידנטום. ער האט איינגעפירט א גאנצע ריי תקנות, וועלכע זענען באקאנט אלס די תקנות פון רבנו תם. אין כ' סיון תתקל"א (1171) זענען צוליב דעם ערשטן בלוט־בלבול אויף יידן אין בלוא פארברענט געווארן 3 יידן צדיקים און דער רבנו תם האט גוזר געווען אויף דעם טאג כ' סיון א תענית. אין עטלעכע וואכן ארום איז אויך ער נפטר געווארן. דער רבנו תם האט איבערגעלאזט פיל תלמידים, וועלכע האבן ממשיך געווען זיין דרך הלמוד, וואס איז באקאנט אלס דער סיסטעם פון לערנען פון די בעלי תוספות: די גלייכע סברא, גרינטלעך אנאליזירן די שיטה פון דער גמרא. ער האט איבערגעלאזט אחוץ די פיל חידושים, וואס געפינען זיך אין די תוספות אויך א „ספר הישר" אויף גמרא. צום דאזיקן ספר זענען שפעטער צוגעגעבן געווארן זאכן פון זיינע תלמידים. דאס ערשטע מאל איז ער געדרוקט געווארן אין ווין 1811; די בעסערע אויסגאבע איז בערלין 1898. דאס קליינע „ספר הישר" אין דברי מוסר וואס איז מיוחס צום רבנו תם, איז נישט פון רבנו תם. דער רבני תם איז אויך באקאנט אין דער יידישער וועלט צוליב זיין מיינונג אז מען דארף די תפילין־פרשיות איינארדענען אנדערש ווי זיין זיידע רש"י האט געהייסן. נאר פרומע יידן זענען זיך דעריבער נוהג צו לייגן אחוץ די געוויינלעכע רש"י־תפילין אויך „תפילין פון רבנו תם". — וועגן רבנו תמס לעבן און זיין דרך הלמוד זע אין ווייסעס „דור דור ודורשיו", חלק ד'.

**יפה, מרדכי** (1530 — 1612), למדן און פוסק, באקאנט אלס דער „לבוש", צוליב זיין ספר „לבושים"; תלמיד פון רבי משה איסערלים (רמ"א) און רבי שלמה לוריא (מהרש"ל); צוערשט געווען ראש ישיבה אין פראג, נאכער צוליבן גרוש אויף יידן אוועק קיין ווענעציע, דערנאך רב אין גראדנע, נאכער אין לובלין, ווידער אין פראג, און צום סוף פון זיינע יארן געווען רב אין פויזן. ער איז געווען איינער פון די הויפט־פירער פון „ועד ארבע ארצות" (זע זוכווארט „ועד ארבע ארצות"). זיין הויפט־ספר זענען די „לבושים", 10 ספרים, פון זיי 5 אין הלכה צונויפגעשטעלט לויט די 4 חלקים שלחן ערוך. און 5 זענען דרושים, פרושים אויף תורה, פירושים צו הלכות קידוש החודש פון רמב"ם, הגהות צום פילאזאפישן ספר „מורה נבוכים" פון רמב"ם. די „לבושים" זענען געדרוקט געווארן נישט אלע מיטאמאל. דער ערשטער „לבוש" אויף די דינים פון אורח חיים איז געדרוקט געווארן אין לובלין 1590. טייל פון די לבושים זענען נאר אין כתב־יד. רבי מרדכי יפה האט אין זיינע ספרים ארויסגעוויזן קענטעניש אין אסטראנאמיע, פילאזאפיע און קבלה. פון אים שטאמט די פאמיליע יפה.

**יפו** אלטע פארטשטאט אין ארץ־ישראל, ביים מיטלענדישן ים, ווערט דערמאנט אין תנ"ך (יהושע י"ט, יונה א' און אנדערע), ווערט דערמאנט אויך אין אלט־עגיפטישע און אסירישע דאקומענטען. דער נייער יידישער ישוב האט זיך אנגעהויבן אין יאר 1820; לעבן יפו איז אין יאר 1908 געשאפן געווארן דער יידישער שטאט־טייל תל־אביב, וועלכער איז געווארן נאכער א באזונדערע שטאט. יפו האט פאר די אומרוען אין יאר 1936 געציילט ביי 85 טויזנט איינוואוינער, צווישן זיי 18 טויזנט יידן; צוליב די אומרוען זענען כמעט אלע יידן אוועק פון יפו. — זע זוכווארט „תל־אביב".

**יפת** דער דריטער זון פון נח (בראשית ה'); לויט דעם „פעלקער־לוח" אין בראשית י' האבן אפגעשטאמט פון יפת דער גרעסטער טייל ארישע פעלקער; אין דער גמרא מגילה ט' ווערט געזאגט וועגן דער גריכישער איבערזעצונג פון תנ"ך „יפיפותו של יפת באהלי שם".

**יפתח** נאמען פון איינעם פון די שופטים (הערשער) ביי יידן אין די גאר אלטע צייטן פאר דעם ערשטן קעניג שאול המלך; ער האט געשטאמט פון גלעד אין עבר הירדן. דער סיפור וועגן אים ווערט דערציילט אין ספר שופטים י"א—י"ב. ער האט געפירט מלחמות קעגן עמון און אפגעהאלטן א גרויסן זיג און באפרייט די יידן. גייענדיק צו דער מלחמה האט ער א נדר געטאן, אז די ערשטע זאך וואס וועט אים אנטקעגנקומען, וועט ער ברענגען פאר א קרבן. צופעליק איז אים אנטקעגנגעקומען זיין איינציקע טאכטער, און יפתח האט מיט איר הסכמה איר געבראכט אלס קרבן; לויט שפעטערע מיינונגען, האט ער איר ניט געטויט נאר זי איז געבליבן א מיידל איר גאנץ לעבן. די טעמע פון בת יפתח האט געדינט אלס שטאף אויך פאר ענלעכע סיפורים ביי אנדערע פעלקער (דער נדר אז די ערשטע לעבעדיקע זאך וואס וועט אנטקעגנקומען זאל געבראכט ווערן אלס קרבן). יפתח האט אויך געפירט אבלוטיקע מלחמה קעגן שבט אפרים. אין סיפור פון יפתח ווערן אויך געבראכט די דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען־דאקומענטן צווישן יפתח און דעם מלך פון עמון (שופטים י"א).

**יצחק אבינו** דער צווייטער פון די אבות, אברהם, יצחק און יעקב; זון פון אברהם אבינו און שרה. דער סיפור וועגן

יצחק געפינט זיך אין חומש בראשית פון קאפיטל כ"א ביז ל"ה. עס ווערט דער־ציילט, אז אברהם און שרה זענען שוין געווען ביידע אלט און האבן נישט גע־האט קיין קינדער; אברהם האט געהאט א זון ישמעאל פון זיין מצרישער שפחה הגר. גאט האט דורך א מלאך אנגעזאגט אברהם און שרה די בשורה, אז אין א יאר ארום וועלן זיי האבן א זון וועמענס קינדער וועלן ירשענען ארץ־ישראל. צום יאר האבן זיי געבוירן א זון און אים א נאמען געגעבן יצחק ווייל „צחוק עשה לי ה'" (גאט האט מיר פארשאפט פרייד). דערנאך ווערט דערציילט ווי גאט האט געפרואווט אברהם און אים געהייסן מק־ריב זיין יצחקן אלס א קרבן עולה. ווען אברהם האט שוין געהאט אויסגע־שטרעקט דאס מעסער צו שעכטן יצחקן איז געקומען א מלאך פון הימל און האט אים אפגעהאלטן דערפון, זאגנדיק אז דאס איז געווען נאר א פראבע פון גאט (עקדת יצחק). נאכער ווערט דערציילט ווי אב־רהם האט געשיקט זיין קנעכט (לויט דער שפעטערער טראדיציע איז עס געווען אליעזר) קיין פדן ארם צו זיין פאמיליע צו נעמען א ווייב פאר זיין זון. דער קנעכט האט געבראכט מיט זיך רבקה, די שוועסטער פון לבן, אן אייניקל פון אב־רהמס ברודער נחור. יצחק האט מיט רבקה געבוירן צוויי קינדער עשו און יעקב. עס ווערט דערנאך דערציילט ווי יצחק איז אויף דער עלטער בלינד גע־ווארן און ווי ער האט אנשטאט צו עשו געגעבן די ברכה צו יעקב. יצחק איז געשטארבן אין עלטער פון 180 יאר און איז געקומען צו קבורה אין חברון אין דער מערת המכפלה. אין דער יידישער רעליגיע און אין די תפילות, באזונ־דערס אין די ימים נוראים, פארנעמט די מעשה פון „עקדת יצחק" (דאס וואס אב־רהם אבינו האט מסכים געווען צו גאטס באפעל צו ברענגען יצחקן פאר א קרבן, „עקדה" איז דער טייטש „בינדן", ווייל דעם קרבן האט מען פריער געבונדן), א זייער גרויס ארט. מען דערמאנט פאר גאט דעם גרויסן קרבן, וואס אברהם און יצחק זענען גרייט געווען צו ברענגען, און מען בעט אין דעם זכות פאר זייערע קינדער די יידן. אין די סליחות איז פאראן א סליחה „זכור ברית אברהם ועקדת יצחק". די גמרא ראש השנה ט"ז זאגט אז דאס בלאזן שופר דערמאנט די עקדת יצחק. — עס איז צו באמערקן אז אויך ביי די מאכמעדאנישע אראבער אין ארץ־ישראל איז יצחק זייער פארהיי־ליקט; זיי האלטן אים פאר א גרויסן קפדן. און ווען אן אראבער אין דער געגנט פון חברון שווערט ביי יצחק (איסכאק) איז ער זיכער מקיים די שבועה.

**יצחק בר אבא מרי** (לערך 1122—1193 אין דרום־פראנקרייך), בארימטער פוסק, מחבר פון ספר „העיטור" (אויך „עיטור סופרים"), אויך הלכות, געדרוקט דער ערשטער טייל 1608 אין ווענעציע, און די לעצטע טיילן ערשט 1860 אין לעמבערג; ער האט אויך מחבר געווען „מאה שערים" אויפן רי"ף. ער ווערט פארעכנט אלס אויטאריטעט דורכן מחבר פון שלחן ערוך.

**יצחק אלפסי (רי"ף)** (געבוירן 1013 אין פעז אין צפון־אפריקע, דערפון זיין נאמען „אלפסי" „דער פון פאס, פעז". — געשטארבן אין לוסענא, שפא־ניע 1103), בארימטער פוסק און למדן, באקאנט מיטן נאמען רי"ף (רבי יצחק פסי); ער איז געווען א תלמיד פון רבנו חננאל (זע זוכווארט „חננאל"); האט אנגעפירט אין צפון־אפריקע מיט א גרוי־סער ישיבה. אין יאר 1088, ווען ער איז אלט געווען 75 יאר, האט ער צוליב א מסירה, געמוזט אנטלויפן פון צפון־אפ־

ריקע קיין שפאניע און זיך באזעצט צוערשט אין קארדאווא, נאכער אין גראנאדא, און צום סוף אין לוסענא, וואו ער האט אנגעפירט מיט ישיבות; ער איז געשטארבן אין עלטער פון 90 יאר. — דער רי"ף האט מחבר געווען עטלעכע ספרים (שאלות ותשובות אין אראביש), אבער אמבארימטסטן זענען זיינע „הלכות". דאס איז א קיצור פון דער גמרא בבלי, פון וועלכער ער האט ארויסגענומען בלויז די פסקי־הלכות, אן די שקלא וטריאס; די „הלכות" פון רי"ף זענען איינגעארדנט לויט די מסכתות, און דאס ספר איז באקאנט מיטן נאמען „רי"ף" אדער דער „אלפס". ער באנוצט זיך אין זיי אויך מיטן תלמוד ירושלמי. דער רי"ף איז אנגענומען געווארן אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט אלס פוסק ראשון, און די שפעטערע פוסקים פארופן זיך אויף אים. מען האט געהאלטן, אז ווען ער האט מחבר געווען דאס ספר „השכינה היתה שרויה עליו", האט גערוט אויף אים די שכינה (רבי מנחם בן זרח אין זיין „צדה לדרך" ברענגט עס אין נאמען פון די ראשונים). אויפ'ן רי"ף זענען געשריבן געווארן סיי פירושים, סיי השגות (קעגן־באמערקונגען). דער הויפט־פירוש אויפן רי"ף איז פון רבנו נסים (ר"ן), און די הויפט־השגות זענען פון רבנו זרחיה („המאור"). דער הויפט־תלמיד פון רי"ף איז געווען רבי יוסף אבן מיגש (זע „מיגש"). — וועגן רי"ף זע ווייס „דור דור ודורשיו" חלק 4.

### יצחק (קאליש), רבי פון ווארקע

(געבוירן לערך 1779 — געשטארבן 1848), אנגעזעענער חסידישער רבי אין פוילן; פון אים און זיינע תלמידים שטאמען אפ די שפעטערע רביים פון ווארקע, אלעקסאנדער, אמשינאוו, אטוואצק, סקערנעוויץ; וועגן זיינע דברי תורה און לעבנס־באשרייבונג איז פאראן אין „אהל יצחק" פון וואלדען.

### יצחק פון ווין

(לערך 1200 אין בעמען — געשטארבן לערך 1270); פוסק, ראש ישיבה אין ווין, מחבר פון ספר „אור זרוע", רבי פון רבנו מאיר פון ראטענבערג. זיין ספר איז אויף הלכות, און איז שטארק אנגענומען געווען ביי די פוסקים. דער „אור זרוע" איז געווען א לאנגע צייט אין כתב־יד און איז געדרוקט געווארן ערשט 1862 אין זשיטאמיר. אין „אור זרוע" זענען פאראן אויך וויכטיקע מאטעריאלן פאר דער פארשונג פון יידישער געשיכטע און פאלקלאר אין מיטלאלטער.

### יצחק לוריא

זע „לוריא יצחק".

### יצחק פון קארבייל (קורביל)

(ענדע 13טן יארהונדערט אין פראנקרייך), פוסק, מחבר פון „ספר מצוות קטן" (סמ"ק), הלכות און דברי מוסר און משלים אויף מצוות, אנגענומען געווען ביי די פוסקים.

### יצחק בר ששת, ריב"ש

(געבוירן אין שפאניע 1326 — געשטארבן 1408 אין אלזשיר צפון־אפריקע), רב און פוסק אין שפאניע און צפון־אפריקע, בארימט דורך זיין ספר „שאלות ותשובות הריב"ש" אנטהאלט 517 (ווי עס באטרעפט הריב"ש) תשובות. דאס ספר איז זייער וויכטיק ניט נאר פאר די הלכות נאר אויך פאר דער יידישער געשיכטע און לעבנס־שטייגער אין שפאניע 100 יאר פאר דער צייט פון גרוש שפאניע, ווען עס זענען שוין געווען די גרויסע פארפאלגונגען און עס האט זיך פארגרעסערט די צאל אנוסים, באזונדערס נאך דער שחיטה אויף יידן אין שפאניע אין יאר קנ"א (1351). אין דאזיקן יאר

זענען אומגעקומען צענדליקער טויזנטער יידן, און פיל יידן האָבן זיך געשמדט און זענען געוואָרן אנוסים. דער ריב״ש איז דעמאָלט אַנטלאָפן קיין אַלזשיר. די מצבה פון ריב״שעס קבר אין אַלזשיר האָט מען געפונען אין יאָר 1896. — אַ גרינטלעכע אַרבעט וועגן ריב״ש און די אַנדערע רבנים אין יענער צייט אין שפּאַניע האָט פאַרעפנטלעכט אלעזר אַטלאַס אין זיין זאַמלבוך „הכרם״ מיטן נאָמען „הירח והכוכבים״.

**יציאת מצרים** (דאָס אַרויסגיין פון מצרים), דאָס איז די ערשטע גרעסטע היסטאָרישע פּאַסירונג אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, דאָס באַפרייט ווערן פון גלות פון מצרים, און ווערט דערציילט אין חומש שמות אין די ערשטע גרעסטע קאַפּיטלעך. צום אָנדענק פון יציאת מצרים זענען פאַראַן ימים טובים און מצוות (פּסח און אַנדערע), און דער חומש זאָגט אָן (שמות י״ג און אַנדערע ערטער) אַז מען זאָל געדענקען די יציאת מצרים. דעריבער זאָגט מען אויך אין קריאת שמע די פּרשה „ויאמר״, וואו עס איז פאַראַן דער זכר ליציאת מצרים. — וועגן דער פראַגע, ווען איז פאָרגעקומען די יציאת מצרים זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען ביי די היסטאָריקער, געוויינלעך איז אָנגענומען אין דער טראַדיציע. אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר ב׳ אלפים תמ״ח זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, דאָס הייסט 1312 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, אויב מען נעמט אָן דעם טראַדיציאָנעלן צייט־חשבון פון די פּאַסירונגען פון גלות בבל ביז אין מיטן פון 2טן בית המקדש (זע זוכוואָרט בית המקדש). פּראָפעסאָר מאַלער האָט וועגן די וויסנשאַפטלעכע חקירות פון יציאת מצרים געשריבן זיין אָפּהאַנדלונג אין 1טן טייל פון זאַמלבוך „דביר״. — זע ראַפּאַפּאָרט „ערך מילין״ זוכוואָרט „אלכסנדר מוקדון״. — די סיפּורים ווי אַזוי די יידן זענען אַרויס פון מצריים, ווי משה און אהרן זענען געקומען צו פּרעה מלך מצרים און אים געצוואונגען דורך די 10 מכות אויסצולייזן די יידן, און אויך נאָכער ווי פּרעה האָט נאָכגעיאָגט די יידן און עס איז געשען דער נס פון „קריעת ים סוף״, די יידן זענען אַריבער דעם ים און פּרעה מיט זיין מצריש מיליטער איז דערטרונקען געוואָרן, — דאָס אַלץ ווערט דערציילט אין חומש שמות, וארא, בא און בשלח. דער הויפּט יום־טוב וועלכער איז פאַרבונדן מיט יציאת מצרים איז פּסח. — זע זוכווערטער „זכר״, „מצרים״, „פּסח״.

**יצירה, ספר** זייער אַלט ספר, וואָס לויט דער טראַדיציע זאָל זיין מחבר האָבן געווען אברהם אבינו; איינער פון די עלטסטע ספרים אין דער יידישער מיסטיק; לויט דער מיינונג פון די היסטאָריקער זאָל ער האָבן פאַרפאַסט געוואָרן אין דער צייט פון תלמוד, יעדנפאַלס ניט שפּעטער פון 6טן יאָרהונדערט. שוין אין דער גמרא סנהדרין ס״ז ווערט דערציילט וועגן די אמוראים רב הנינא און רב אושעיא, אַז זיי האָבן מיט דעם „ספר יצירה״ באַשאַפן לעבעדיקע זאַכן; אין סנהדרין ס״ז הייסט עס „הלכות יצירה״. אין ירושלמי סנהדרין ז׳ ווערט דערמאָנט דער ספר יצירה דורך דעם תנא רבי יהושע בן חנניה. צי דאָס איז געווען דער ספר יצירה וואָס מיר האָבן איז ניט באַוואוסט. דער גאַנצער ספר האָט ניט מער ווי לערך 1,500 ווערטער, אַנטהאַלט פילאָזאָפיש־מיסטישע געדאַנקען, וועלכע זענען איינגעהילט אין אומפאַרשטענדלעכע זאַצן. די שפּראַך איז אַ ריין העברעאישע. דאָס ערשטע מאָל ווערן דאָ דערמאָנט די „עשר ספירות״, די 10 מיסטישע עלעמענטן, וואָס זענען דער יסוד פון דער קבלה־לערע. דאָס ספר גיט אויך

דעם רעכענונג ווי אַזוי פון דער קאָמבינאַציע פון די 22 בוכשטאַבן אין העברעאיש (פון א׳ ביז ת׳) קאָן מען אַרויסבאַקומען הויכע צאָלן. עס זענען דאָרט פאַראַן ציפערן פון די מזלות אין הימל. איבערהויפּט איז דאָס גאַנצע ספר פול מיט ציפערן. דאָס הויפּט־פּראָבלעם, מיט וועלכן חאָס ספר באַשעפטיקט זיך איז דאָס אַלטע פילאָזאָפישע פּראָבלעם (אויך אין דער קבלה) ווי אַזוי האָט פון דער געטלעכער גייסטיקער איינהייט געקענט אַנטשטיין די מאַטעריעלע וועלט פון פאַרשידענע דערשיינונגען, און דער ענטפער איז די עמאַנאַציע, די אויסשטראַלונג, הגם קלאָר איז דאָס ניט געזאָגט אין ספר יצירה. — דאָס ספר האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף אַ סך יידישע פילאָזאָפן אין מיטלאַלטער (רבי שלמה אבן גבירול און אַנדערע) און באַזונדערס אויף דער קבלה. צום ספר יצירה זענען געשריבן געוואָרן פירושים פון רב סעדיה גאון (לויטן דרך החקירה), רבי שבתי דונולו, רמב״ן און אַנדערע. רבי יהודה הלוי אין „כוזרי״ דערמאָנט אים און זאָגט אַז ער איז פון אברהם אבינו. טייל שפּעטערע האָבן אים צוגעשריבן דעם תנא רבי עקיבא. דאָס ערשטע מאָל איז דער ספר יצירה געדרוקט געוואָרן אין מאַנטואַ 1562. — זע גראָסבערגס אויסגאַבע „ספר יצירה״, לאָנדאָן 1902; זע אויך וויס, „דור דור ודורשיו״, חלק 4.

**יצר טוב, יצר הרע** (שלעכטע נייגונג, גוטע נייגונג). אין דער יידישער רעליגיעז־עטישער וועלט איז אָנגענומען, אַז אין מענטש זענען פאַראַן צוויי ווילנס, צוויי „יצרים״, צוויי נייגונגען, די גוטע און די שלעכטע, דער יצר טוב און יצר הרע. שוין אין חומש בראשית ו׳ ווערט געזאָגט אויפן מענטש „וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום״ (און דער ווילן פון די געדאַנקען פון זיין האַרץ איז שטענדיק שלעכט). אין בראשית ח׳ ווערט געזאָגט „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״ (דער ווילן פון האַרץ פון מענטש איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן). אין דער משנה סוף ברכות, ווערט געזאָגט אַז דער מענטש האָט אַ יצר טוב און אַ יצר הרע, אַ ווילן צו טאָן גוטס און אַ ווילן צו טאָן שלעכטס. אין דער גמרא (סנהדרין צ״א און אַנדערע) זענען פאַראַן וועגן דעם אַ סך דברי אגדה. אין שבת ק״ה ווערט געזאָגט, אַז דער שטייגער פון יצר הרע איז, אַז ער רעדט צו דעם מענטש צוערשט צו אַ קליינער עבירה, און דערנאָך צו אַ גרעסערע עבירה ביז ער דערפירט אים צו עבודה זרה. אין די תפילה איז פאַראַן „ותצילני מיצר הרע״, זיי מיך מציל פון יצר הרע (ברכות ט״ז). די פראַגע, צו וואָס האָט גאָט איבערהויפּט באַשאַפן דעם יצר הרע, האָט שוין באַשעפטיקט די בעלי מדרש, און זיי האָבן עס דערקלערט דערמיט, וואָס גאָט האָט געוואָלט געבן דעם מענטש די בחירה, די מעגליכקייט אַליין זיך אויסצעוויילן דאָס גוטע פון שלעכטן. און אַז ווען ניט דער יצר הרע וואָלטן מענטשן ניט געבויט הייזער, ניט חתונה געהאַט און ניט געהאַט קיין קינדער (מדרש בראשית רבה ט׳). דער רמב״ם אין מורה נבוכים חלק ב׳ באַשעפטיקט זיך מיט דעם פּראָבלעם פון יצר טוב און יצר הרע.

**יראה** אין דער יידישער רעליגיע ווערט יראה, דאָס מורא האָבן פאַר גאָט, באַטראַכט אַלס אַ קלענערע מדרגה פון אהבה, פון ליב האָבן גאָט. אָבער אויך אויף יראה ווערט געלייגט גרויס אַכט. אין חומש און בכלל אין תנ״ך ווערט די פליכט מורא צו האָבן פאַר גאָט אונטערגעשטראָכן פיל מאָל; אין דברים איז פאַראַן „את ה׳ אלהיך תירא״, זאָלסט מורא

האָבן פאַר דיין גאָט; אין ויקרא י״ט „ויראת מאלהיך״; דאָס זעלבע געפינט מען אין אַנדערע ערטער אין חומש. אויך אין אַנדערע תנ״ך ספרים ווערט יראה זייער געלויבט. איוב כ״ח זאָגט „הן יראת ה׳ היא חכמה״, דאָס מורא האָבן פאַר גאָט איז די חכמה פון מענטש. אין דער משנה אבות א׳ זאָגט אַנטיגנוס איש סוכו „ויהא מורא שמים עליכם״ (עס זאָל זיין אויף אייך די מורא פאַר הימל, דאָס הייסט פאַר גאָט). אין אבות ג׳ ווער געזאָגט „אם אין יראה אין חכמה״ (ווען עס איז נישטאָ קיין מורא פאַר גאָט, איז נישטאָ קיין געלערנזאמקייט). אין דעם זעלבן פּרק פון אבות ווערט גע־רימט „יראת חטא״, מורא האָבן צו זינ־דיקן. אין ברכות ל״ג זאָגט די גמרא „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״ („אַלץ איז אין רשות פון גאָט, אַחוץ יראת שמים, וואָס נאָר דער מענטש אַליין קאָן אויסוויילן צי ער זאָל עס האָבן אָדער נישט). די שפּעטערע יידישע בעלי מוסר און חוקרים האָבן דורכגעפירט אַן אונ־טערשיד אין יראה זעלבסט, נעמלעך, צווישן „יראת העונש״, די מורא פאַר באַשטראָפט ווערן פאַר דער באַגאַנגענער עבירה, און דאָס איז אַ קליינע מדרגה, און „יראת הרוממות״, דאָס מורא האָבן פאַר דער דערהאַבנקייט פון גאָט. אייגנט־לעך „ערפורכט״. — אין דער יידישער רעליגיע זענען פאַראַן אַנדערע פליכטן פון יראה. אין ויקרא י״ט ווערט גע־זאָגט „איש אביו ואמו תיראו״ (יעדער זאָל מורא האָבן פאַר זיין פאָטער און מוטער); די גמרא פּסחים כ״ב ברענגט אַז רבי עקיבא האָט געדרשנט „את ה׳ אלהיך תירא, לרבות תלמידי חכמים״, און די משנה אבות ד׳ זאָגט „ומורא רבך כמורא שמים״ (די מורא פאַר דיין רבין זאָל זיין אַזוי חשוב ווי די מורא פאַר גאָט). — זע „אהבה״.

**ירבעם בן נבט** דער ערשטער מלך איבער מלכות ישראל, נאָכדעם ווי ארץ־ישראל האָט נאָך שלמה המלכס טויט זיך צעטיילט אין 2 מלוכות: יהודה און יש־ראל (אפרים); זיין הערשן האָט אַרומ־גענומען 930 — 910 פאַר דער געוויינ־לעכער צייטרעכענונג. אין מלכים א׳ י״א, י״ב, י״ג, ווערט דערציילט אַז ירבעם איז געווען אַ גבור חיל, אַ העלד, און שלמה המלך האָט אים געמאַכט פאַר אַ הויכן באַאַמטן איבער „בית יוסף״, דאָס הייסט איבער די צפון־שבטים פון אפרים ומנשה און אַנדערע. אָבער שוין ביים לעבן פון שלמה האָט דער נביא אחיה השילוני געזאָגט צו ירבעם, אַז ער וועט ווערן מלך איבער די 10 צפון־שב־טים (אַחוץ יהודה און בנימין). ווען שלמה איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער אים געוואָלט טויטן. ירבעם איז אַנט־לאָפן קיין מצרים. נאָך שלמהס טויט איז ירבעם צוריקגעקומען און האָט זיך גע־שטעלט אין שפּיץ פון די 10 יידישע שבטים און פאַרלאַנגט פון שלמהס זון רחבעם, אַז ער זאָל פאַרקלענערן דעם עול פון די שטייערן. רחבעם האָט ניט גע־וואָלט מסכים זיין, און דעמאָלט האָבן די 10 שבטים זיך אָפּגעריסן און געשאַפן אַ באַזונדערע מלוכה מיט דער הויפּט־שטאָט אין שכם און דערקלערט ירבעם אַלס זייער קעניג. רחבעם איז געוואָרן קעניג נאָר איבער יהודה ובנימין מיט דער הויפּטשטאָט אין ירושלים. אַזוי אַרום זענען אַנטשטאַנען די 2 מלוכות: מלכות ישראל און מלכות יהודה. כדי אָפּצו־ציען די 10 שבטים פון בית המקדש אין ירושלים, האָט ירבעם אַוועקגעשטעלט צוויי גאָלדענע קעלבער, איינעם אין בית אל און איינעם אין דן און דאָרט אויך אַוועקגעשטעלט מזבחות מקריב צו זיין; ער האָט אויך איינגעפירט נייע ימים טובים. — אין דער משנה און גמרא ווערט ירבעם פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן

רשע וואס האט אליין געזינדיקט און געפירט אנדערע צו זינד, חוטא ומחטיא את הרבים (אבות ה׳), און ער געהערט צו די וואס האבן ניט קיין חלק לעולם הבא (סנהדרין צ׳).

**ירבעם דער צווייטער** מלך אין ישראל אין די יארן 784 —744 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; אין מלכים ב׳ י״ד ווערט דערציילט אז ער האט צוריקגעוואונען פון ארם די פארלוירענע צפון־פראווינצן ביז חמת, און אז אין זיין צייט האט נביאות געזאגט יונה בן אמתי. אין הושע א׳ און עמוס א׳ ווערט געזאגט, אז די 2 נביאים זענען געווען אין דער צייט פון ירבעם.

**ירדן** דער גרעסטער טייך אין ארץ־ישראל, טיילט אפ דאס אייגנטלעכע ארץ־ישראל פון עבר הירדן („יענע זייט פון ירדן״), גייט פון צפון צו דרום, קומט פון די סירישע וואסערן, פליסט אדורך דעם ים כנרת. קומט ארויס פון דארט און פליסט אין טאל (עמק הירדן) ביז ער פאלט אריין אין ים המלח. דער נאמען ירדן ווערט דערמאנט. אחוץ אין חומש און אנדערע תנ״ך־ספרים (דאס ערשטע מאל בראשית י״ג „ככר הירדן״) אויך אין אלט־עגיפטישע דאקומענטן. דאס ווארט „ירדן״ זאל זיין פון ווארט „ירד״. אראפגידערן, אראפפליסן פון דער הויך אין די נידער. אין תנ״ך און אלטער יידישער געשיכטע פארנעמט דער ירדן א גרויס ארט. ביים איינעמען ארץ־ישראל אין דער צייט פון יהושע בן נון (יהושע ג׳) זענען די יידן אריבער דעם ירדן און דאס וואסער איז געשפאלטן געווארן פון ביידע זייטן. ארום דעם ירדן זענען פארגעקומען: די וואונדער־ספורים פון די נביאים אליהו און אלישע (מלכים ב׳ ב׳, ה׳ ו׳). די לענג פון ירדן איז ביי 150 קילאמעטער, און די ברייט נאר עטלעכע מעטער. ביים ירדן זענען לעצטנס אנטשטאנען א ריי יידישע מאדערנע קאלאניעס ווי אויך די עלעקטרישע רוטענבערג־סטאנציע. — זע זוכווארט „ארץ־ישראל״.

**ירושה** די יידישע דינים פון ירושה געפינען זיך אין חומש במדבר כ״ז. דארט ווערט געזאגט. אז אויב איינער שטארבט און לאזט ניט איבער קיין זון, געהערט זיין פארמעגן זיין טאכטער; אויב ער האט ניט קיין טאכטער, געהערט עס צום ברודער; אויב ער האט ניט קיין ברודער, געהערט עס צום פאטערס ברידער, נאכער גייען ווייטערע קרובים. אין דברים כ״א ווערט געזאגט אז דער עלטסטער זון, דער בכור, באקומט א דאפלטן טייל פון דער ירושה. ירושה־דינים אין משנה און גמרא געפינען זיך אין בבא בתרא פרק ח׳ „יש נוחלין״.

**ירושלים (ירושלם)** נאמען פון דער הויפטשטאט פון ארץ־ישראל, הייליקסטע שטאט פאר יידן און הייליק אויך פאר קריסטן און מאכמעדאנער. פאראן א מיינונג, וועלכע שטיצט זיך אויף דעם פסוק אין תהלים ע״ו, אז דאס איז די שטאט שלם, וואס ווערט דערמאנט צום ערשטן מאל אין בראשית י״ד. אין יהושע י׳ געפינט מען דאס ערשטע מאל דעם נאמען „ירושלם״ (אין תנ״ך איז אומעטום ירושלים אן א יוד נאך דער למד מיטן אויסנאם פון 6 מאל). אין די אלטע אסירישע דאקומענטן הייסט זי „אורסאלימו״; אין די אלט־עגיפטישע קוואלן הייסט זי „אורושאלים״. אויף די אלטע העבּרעאישע מטבעות פון די חשמונאים הייסט זי „ירושלם הקדושה״. אלס הויפטשטאט פון ארץ־ישראל איז ירושלים געווארן אין דער צייט פון דוד המלך און באזונדערס אין דער צייט פון שלמה המלך (סוף שמואל ב׳ און אנהויב

מלכים א׳), ווען עס איז דארט אויפגעשטעלט געווארן דאס בית המקדש און איז געווארן דער רעליגיעזער הייליקער צענטער פון יידישן פאלק. ירושלים האט זינט דעמאלט דורכגעמאכט פיל פאסירונגען, מלחמות, איינגענומען געווארן דורך אנדערע פעלקער פיל מאל, און די וויכטיקסטע מאמענטן זענען דער ערשטער חרבן ירושלים און דער צווייטער חרבן ירושלים (זע זוכווארט „חרבן״). ווען די רוימער האבן פארנומען און חרוב געמאכט די שטאט (שפעטער האבן זיי איר באזעצט מיט ניט־יידן און איר א נאמען געגעבן, „עליא קאפיטאלינא״); נאכער דאס פארנעמען ירושלים דורך דעם מאכמעדאנישן קאליף אמאר (יאר 637), נאכער דאס פארנעמען דורך די קריסטלעכע נוסעי הצלב (קרייץ־פארער) אין יאר 1099, נאכער דאס פארנעמען צוריק דורך די מאכמעדאנער אין 1187, און לעצטנס דאס פאנעמען דורך די ענגלענדער אין 1918. אויך די געשיכטע פון יידישן ישוב אין ירושלים האט אין פארלויף פון די 3,000 יאר דורכגעמאכט פארשידענע ענדערונגען. אין דער צייט פון ערשטן און 2טן בית המקדש האט אין ירושלים געוואוינט ביי א פערטל מיליאן יידן (אין געוויסע צייטן). נאכן חרבן פון 2טן בית המקדש און באזונדערס נאכן חרבן פון ביתר איז די שטאט געווארן אינגאנצן פארלאזט פון יידן, וועלכע האבן דארט ניט געטארט וואוינען. זינט די מאכמעדאנער האבן פארנומען די שטאט האבן יידן זיך ווידער באזעצט אין ירושלים. די נוסעי הצלב האבן ביים פארנעמען די שטאט דערמארדעט אלע יידן. רבי בנימין פון טודעלא (מחבר פון „מסעות״) האט לערך 1170 געטראפן אין ירושלים עטלעכע יידן; דער רמב״ן (רבי משה בן נחמן) אין יאר 1267 האט געטראפן דארט נאר 2 יידן, און ער, דער רמב״ן, האט גענומען פארגרעסערן דעם יידישן ישוב. פון דעמאלט אן טרעפן מיר כסדר אלץ מער יידן אין ירושלים. באזונדער האט זיך פארגרעסערט דער יידישער ישוב נאכן גרוש שפאניע (1492). עס האבן נאכער זיך באזעצט אין ירושלים אמייסטן עלטערע יידן, וואס האבן געוואלט קומען צו קבורה ביי דער הייליקער שטאט. אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יארהונדערט האט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען אויך דאס מאדערנע יידישע לעבן אין ירושלים. עס האט זיך אנטוויקלט דער יידישער האנדל, עס זענען אנטשטאנען גרעסערע ישיבות און שולן. היינט (אין יאר 1942) געפינען זיך אין ירושלים לערך 150 טויזנט איינוואוינער, פון זיי זענען פאראן ביי 100 טויזנט יידן, 25 טויזנט מאכמעדאנער און 25 טויזנט קריסטן. ירושלים באשטייט היינט פון 2 טיילן: 1) אלטשטאט, וועלכע איז ארומגערינגלט מיט אן אלטער מויער, און וואו עס געפינען זיך דער הר הבית, די כותל המערבי און די אלטע יידישע שולן; 2) די נייע שטאט, וועלכע באשטייט אויך פון פארשידענע יידישע קווארטאלן: ווי מאה שערים, זכרון משה, רחביה, תלפיות און אנדערע. די יידן וואוינען כמעט אלע (מיטן אויסנאם פון עטלעכע הונדערט) אין דער נייער שטאט. אין ירושלים, וואס איז די הויפטשטאט פון דער ענגלישער מאנדאט־פארוואלטונג אין ארץ־ישראל, געפינען זיך ניט נאר די צענטראלע רעגירונגס־אנשטאלטן פון לאנד, נאר אויך די צענטראלע יידישע אנשטאלטן: דער ועד הלאומי, די יידישע אגענץ־עקזעקוטיווע, די העכסטע רבנים פון לאנד (הרבנות הראשית), די צענטראלע פון קרן היסוד, קרן קימת, דער העברעאישער אוניווערסיטעט, די גרעסטע ישיבות, לערער־סעמינארן, שפיטאלן, געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, די כוללים פון דער חלוקה, די גרעסטע

יידישע ביבליאָטעק, בצלאל־שולע. אין ירושלים זענען פון שטענדיק אָן געווען די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן אַלס רבנים און איינוואוינער; עס זענען אויך געקומען אַהין אָנגעזעענע יידן אַלס באַזוכער; פון מיטלאַלטער זענען אונדז באַקאַנט די באַזוכער פון ירושלים, דער רמב"ם, רמב"ן, רבי אישתורי הפרחי (ערשטער ארץ־ישראל־פאָרשער, מחבר פון „כפתור ופרח"), רבי עובדיה ברטנורא, דוד הראובני, רלב"ח, רדב"ז, רבי יעקב חאגיז, רי"ט אלגזי און אַנדערע. אין דער לעצטער צייט זענען געווען פון דער רבנישער וועלט רבי שמואל סאַלאַנט, רבי מאיר אורבאַך, רבי יהושע לייב דיסקין, רבי אברהם יצחק קוק, רבי יעקב מאיר, רבי חיים יוסף זאָנענפעלד, הרב דר. הערצאָג, הרב עוזיאל. — אין תנ"ך ווערט וועגן ירושלים געזאָגט (תהלים קל"ז) „אם אשכחך ירושלם תשכח ימיני", און אין דער משנה און גמרא איז ירושלים זייער הייליק (משנה כלים א'). ווען מען זעט ירושלים נאָכן חרבן דאַרף מען רייסן קריעה (מועד קטן כ"ו); תלמידי חכמים פלעגן טראָגן שוואַרצע מלבושים אין טרויער נאָכן ירושלים (בבא קמא נ"ט). עס איז געווען זאָגאַר אַ סעקטע „אבלי ירושלים" (זע „אבלי ציון"). אין דער שמונה עשרה־תפלה איז פאַראַן די תפלה „בונה ירושלים". מיר זאָגן אויך „לשנה הבאה בירושלים". די גמרא בבא בתרא ע"ה זאָגט אַז ווען ירושלים וועט צוריק אויפגעבויט ווערן וועט זי זיין אומגעוויינלעך גרויס. די גמרא דאָרט בבא בתרא ע"ה און אויך תענית ה' זאָגט אַז פונקט ווי עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ ירושלים, ירושלים של מטה, אַזוי איז פאַראַן אויף יענער וועלט אַ ירושלים של מעלה. — ירושלים איז אויך זייער הייליק ביי די מאַכמעדאַנער (די צווייטע הייליקסטע שטאָט נאָך מעקא) און באַזונדערס ביי די קריסטן, ווייל לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע געפינט זיך דאָרט דער קבר פון ישו הנוצרי. די קריסטלעכע פעלקער האָבן כמעט אַלע אין ירושלים זייערע רעליגיעזע געמיינדעס. — וועגן ירושלים זענען געשריבן געוואָרן פיל ספרים און ביכער. פרטים זע לונצעס „לוחות ירושלים", זוטאס „ארצנו"; וועגן גדולים אין ירושלים „תולדות חכמי ירושלים" פון פרומקין.

**ירושלמי, תלמוד** זע זוכוואָרט „תלמוד".

**ירושלמי־ייד** מיט דעם נאָמען פלעגט מען רופן אין די אַמאָליקע צייטן אַ ייד וואָס איז געקומען צו פאָרן פון ארץ־ישראל און האָט געטראָגן די ספּעציעלע אַלטמאָדישע יידישע ירושלים־מלבושים.

**יריחו** נאָמען פון אַן אַלטער שטאָט אין ארץ־ישראל ניט ווייט פון ים המלח, ווערט דערמאָנט פיל מאָל אין תנ"ך; אין יהושע ב' און ו' ווערט דערציילט ווי די יידן האָבן געשיקט צוויי מרגלים קיין יריחו, און נאָכער האָבן די יידן באַלאַגערט די שטאָט און דורך בלאָזן שופר זענען די מויערן איינגעפאַלן און די שטאָט איז געוואָרן איינגענומען. יהושע האָט דערמאָלט אויסגערופן אַ חרם אויף דעם וואָס וועט אויפבויען יריחו. די שטאָט איז שפּעטער עטלעכע מאָל צוריק אויפגעבויט געוואָרן. היינט זענען אין יריחו אינגאַנצן ניטאָ קיין יידן. עס ווערט אָנגענומען, אַז די אַלטע שטאָט האָט זיך געפונען ביי 2 קילאָמעטער ווייטער פון דער היינטיגער יריחו. עס זענען דאָרט געמאַכט געוואָרן אויסגראָבונגען און מען האָט געפונען שפּורן פון די אַלטע מויערן.

**ירמיהו** נאָמען פון נביא און פון ספר פון זיין נביאות, אין דער צייט פון חרבן

פון ערשטן בית המקדש (געלעבט לערך 650 — 585 פאר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג). ער איז געווען איינער פון די דריי גרויסע נביאים ישעיהו, ירמיהו און יחזקאל. זיין פאטער האט געהייסן חלקיהו און איז געווען א כהן. געוואוינט אין ענתות אין לאנד פון שבט בנימין, ניט ווייט פון ירושלים. ווי דאס ספר ירמיהו א׳ דערציילט האט ער אנגעהויבן זיין נביאות אין 13טן יאר פון דער הערשאפט פון מלך יאשיהו און האט נביאות געזאגט אין דער צייט פון די מלכים יהויקים, יהויכין און צדקיהו ביז ירושלים איז חרוב געווארן, און אויך שפעטער האט ער נביאות געזאגט א געוויסע צייט. ירמיהו איז שארף ארויסגעטרעטן קעגן די זינד פון די איינוואוינער פון יהודה און ירושלים און קעגן זייערע פאלשע איינרעדענישן, אז ווען זיי וועלן שליסן א בונד מיטן מלך מצרים קעגן מלך בבל וועלן זיי געראטעוועט ווערן. ער האט אין זיינע נביאות, מיט די העפטיקסטע אויסדריקן און פחד, געווארנט קעגן דער דאזיקער פאלשער איינרעדעניש און זיי געזאגט, אז זיי מוזן זיך אונטערווארפן דעם מלך פון בבל, ווייל אין קעגנטייל וועט ירושלים חרוב ווערן. ער איז דאדורך פארפאלגט געווארן דורך די פאטריאטישע שרים, וואס זענען געווען ארום די מלכים יהויקים און צדקיה. פיל מאל איז זיין לעבן געווען אין געפאר; די שרים און די כהנים און די פאלשע נביאים האבן געפאדערט פאר אים טויט־שטראף (ירמיה כ״ו, ל״ח און אנדערע קאפיטלעך). אבער ער איז ניצול געווארן. די מלכים זעלבסט האבן געהאט פאר אים אכטונג און האבן געשפירט, אז די אלע פאלשע נביאים וואס געבן פאלשע האפענונגען נארן אפ און אז דער אמת איז מיט ירמיהו. ער איז איינמאל אריינגעווארפן געווארן אין א ליים־גרוב, אין דער „חצר המטרה״ (אויך היינט ווערט ער געוויזן אין ירושלים), אבער ער איז פון דארט ארויסגעראטעוועט געווארן. נאכן חורבן ירושלים האט אים דער מיליטער־פירער פון בבל, נבוזראדן, פארגעלייגט, אז ער זאל גיין מיט אים קיין בבל און עס וועט אים דארט גוט זיין, אבער ירמיהו האט געוואלט בלייבן מיט דעם אומגליקלעכן „דלת העם״ אין ארץ־ישראל. נאכדעם ווי עס איז דערהרגעט געווארן גדליה בן אחיקם, און די איבעריקע יידישע שרים זענען אנטלאפן קיין מצרים האבן זיי מיטגענומען ירמיהו קיין קיין מצרים. דארט האט ירמיהו געזאגט נביאות (קאפיטל מ״ד) וועגן יידן אין מצרים. וועגן ירמיהוס טויט איז גארניט באקאנט. — דאס ספר ירמיהו אנטהאלט 52 קאפיטלעך און מיטן אויסנאם פון עטלעכע קאפיטלעך צום סוף ספר מיט נביאות וועגן אנדערע פעלקער, איז דאס גאנצע ספר די נביאות איבער דעם סוף פון מלכות יהודה און ירושלים און בית המקדש. די אויסדריקן זענען זייער שארפע און ברענענדע. טיילמאל פארשעלט זיך דער נביא פארוואס ער איז געבוירן געווארן, און ער זאגט (קאפיטל כ׳) אז ער האט געפרואווט ביי זיך באשליסן נישט מער צו זאגן נביאות, אבער עס ברענט אין זיין הארץ ווי א ברענענדער פייער און ער קאן עס ניט איבערטראגן: ער פארשעלט דעם טאג פון זיין געבוירן ווערן (ארור היום אשר ילדתי בו). אין ספר ירמיהו זענען א סך פאראן טרייסט־ווערטער פון גאולה, און אמשטארקסטן איז דאס קאפיטל ל״א. די ווערטער פון גאט צו יידן „אהבת עולם אהבתיך״, „עוד תטעי כרמים״ די ווערטער צו דער וויינענדער מוטער רחל „מנעי קולך מבכי״, „ושבו בנים לגבולם״. אין קאפיטל י״ב דריקט אויס דער נביא זיין שארפע פארביטערונג קעגן דער וועלט־ארדענונג פון „צדיק ורע לו רשע וטוב״! פארוואס גוטע מענטשן גייט שלעכט און

שלעכטע מענטשן לעבן גוט. — לויט דער טראדיציע האָט ירמיהו אויך געשריבן דאָס קינות־ספר איכה (זע זוכוואָרט „איכה"), ווי אויך ספר מלכים. — ווי דאָס ספר ירמיהו דערציילט איז דער תלמיד פון ירמיהו געווען ברוך בן נריה (זע „ברוך בן נריה"). — אין דער גמרא און מדרש זענען פאראַן פיל אגדות וועגן ירמיהו, דעם נביא החורבן. אין די „כתובים אחרונים" זענען פאראַן טייל ספרים וואָס ווערן צוגעשריבן צו ירמיהו, אָבער זיי זענען ניט פון אים. — אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור און קונסטוועלט איז ירמיהו געווען די טעמע פאַר באַרימטע ווערק. די דראַמע פון סטעפאַן צווייג „ירמיהו" האָט אין ארץ־ישראל געהאַט גרויס דערפאָלג. — וועגן ירמיהו און ספר ירמיה זע גרעץ אין ערשטן טייל פון „דברי ימי ישראל", לאַצאַרוס „דער נביא ירמיהו" (פאַראַן אין העברעאישער איבערזעצונג).

**ירקון** נאָמען פון אַ טייך אין ארץ־ישראל, וואָס פליסט פאַרביי די יידישע קאָלאָניע פּתח תקוה און פאַלט אַריין ביי תל־אביב אין מיטלענדישן ים. ניט ווייט פון דאָזיקן ירקון־אַריינפאַל אין ים איז געבויט דער צייטווייליקער פּאָרט פון תל־אביב. אין אַראַביש הייסט דער טייך „אדזשא" (קרום); דער נאָמען ירקון ווערט דערמאָנט אין ספר יהושע י"ט.

**ישו הנוצרי** גרינדער פון דער קריסטלעכער רעליגיע, געבוירן אין ארץ־ישראל לערך 4 יאָר פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג אין דער שטאָט נצרת אין גליל, הגם די געוויינלעכע צייטרעכענונג איז לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע, זינט ישו'ס געבורט. לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע איז ער געבוירן געוואָרן אין בית לחם יהודה. זיין פאָטער איז געווען דער טישלער יוסף און זיין מוטער מרים. די קריסטלעכע טראַדיציע האָט אַרום זיין געבורט פאַרשידענע סיפּורים. עס ווייזט אויס, אַז שוין אין דער יוגנט האָט ער געהאַט געוויסע פאַרבינדונגען מיט די „איסיים" (זע זוכוואָרט „איסיים") און באַזונדערס מיט איינעם פון זיי, יוחנן המטביל, פון וועמען ער האָט איבערגענומען געוויסע לערעס וועגן מאָראַל און אויך מיסטישע מיינונגען. ער האָט אין גליל גענומען פאַרשפּרייטן די דאָזיקע לערע, וועלכע די איסיים האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיי ניט איבערגעבן אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט אַרום זיך געזאַמלט תלמידים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך מייסטנס געפונען מענטשן פון פשוטן המון, אויך פרויען, וועלכע זענען געווען פריער זינדיק. ביסלעכווייז האָבן אים זיינע תלמידים און אָנהענגער גענומען באַטראַכטן אַלס משיח, און זיי זענען מיט אים געגאַנגען קיין ירושלים. דאָ איז ער געוואָרן פאַרהאַלטן, באַזונדערס דורך דער רוימישער מאַכט, וועמענס גאָווערנאָר (פּראָקוראַטאָר) אין ארץ־ישראל איז געווען פּאָנטיוס פּילאַטוס, וועלכער האָט באַטראַכט ישו אַלס בונטאָווטשיק. דער רעזולטאַט איז געווען אַז ישו איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך צוגענאָגלט ווערן צום קרייץ, און ער איז געשטאָרבן אין יאָר 30 פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; דאָס איז געווען ערב פסח, וואָס איז אויסגעפאַלן ערב שבת. זיינע תלמידים האָבן שפּעטער פאַרשפּרייט זייער גלויבן, אַז ישו איז אויפן 3טן טאָג אויפגעשטאַנען תחיית המתים. און גאָר שפּעטער זענען אַנטשטאַנען די גלויבונגען וועגן זיין געבורט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן פון הייליקן גייסט. די סיפּורים וועגן ישו און זיינע לערעס זענען פאַראַן אין די 4 עוואַנגעליומס (וואָס זענען דורך די קריסטן אָנגערופן געוואָרן אויף העברעאיש אויך „ברית חדשה") מתי, לוקאס, מאַרקס און יוחנן. — אין

דער וויסענשאפטלעכער וועלט פון 19טן
און 20טן יארהונדערט זענען אנטשטאנען
ספקות, צי איז איבערהויפט געווען אזא
פערזאן ווי ישו הנוצרי. מען ווייזט או,
אז אין די ווערק פון בארימטן יידישן
היסטאריקער פון יענער צייט פלאוויוס,
וועלכער האט פארצייכנט מיט אלע איינ־
צלהייטן יעדע פאסירונג אין ארץ־ישר־
אל אין יענער צייט. איז כמעט גארנ׳ט
פאראן וועגן ישו הנוצרי. דער גרעסטער
טייל געלערנטע היסטאריקער האלטן, אז
די פאר ווערטער אין פלאוויוסעס ווע־ק
„אנטיקוויטאטעם” 18 וועגן ישו זענען
געפעלשט און צוגעגעבן געווארן שפעטער,
און אז אויך די דריי ווערטער אין אנ־
טיקוויטאטעם 20 וועגן ישו זענען גע־
פעלשט און צוגעגעבן שפעטער. אין דער
גמרא זענען יא פאראן געוויסע שטעלן
וועגן ישו (וועלכע זענען מייסטנס אויס־
געשטראכן געווארן דורך דער צענזור).
אבער זיי זענען פון שפעטערע צייטן און
טראגן דעם כאראקטער פון נישט־קלארע
אגדות. פראפעסאר קלויזנער אין זיין
„ישו הנוצרי” איז גענויגט צו דער מיי־
נונג אז ישו האט יא עקזיסטירט. לויט
דער מיינונג פון קלויזנער זענען די מא־
ראלישע לערעם פון ישו („זאלסט ליב
האבן דיינע שונאים”, „ווען מען גיט דיר
א פאטש אויף איין באק. שטעל אונטער
די צווייטע”, און אזוי ווייטער) גענומען
געווארן פון געוויסע אלט־יידישע סעק־
טעס, וועלכעס האבן היפער־אידעאליזירט
די פראקטישע מוסר־לערעס פון יידנטום.
און שפורן פון זיי געפינען מיר אויך אין
א סך אגדות און ברייתות אין גמרא.
דאס זעלבע איז אויך מיטן אידעאליזירן
ארעמקייט. דאס זעלבע איז אויך מיט
דער קורצער תפלה פון ישו, וועלכע איז
אנגענומען געווארן דורך דער גאנצער
קריסטלעכער וועלט, דער „אבינו שבש־
מים”; אויך זי איז, לויט דער מיינונג פון
קליוזנער, גענומען געווארן פון אן אלט־
יידישע סעקטע, ווארשיינלעך פון די אי־
סיים. אויך פראפעסאר גרעץ איז גע־
נויגט צו דער מיינונג אז ישו איז געווען
פון די איסיים, און אז אלע זיינע ווער־
טער זענען פון די איסיים־לערעס. —
וועגן דער באציאונג צווישן די לערעס
פון קריסטנטום און יידנטום זענען גע־
שריבן געווארן פיל ביכער און אפהאנ־
דלונגען. — זע גרעצעס „דברי ימי יש־
ראל” אין העבראישער איבערזעצונג
באנד 9 צום סוף אין דעם צוגאב־קונטרס
און אויך אין דער צוגאב־נאטע צום סוף;
קלויזנער „ישו הנוצרי”; אחד־העם, מאמר
„על שתי הסעיפים”, דער פארגלייך
צווישן די מאראלישע לערעס פן יידנטום
און קריסטנטום. עס האבן קורסירט ביי
יידן פון מיטלאלטער אן אין כתב־יד
בראשורן „תולדות ישו”, „מעשה תלוי”,
וועלכע האבן ניט קיין היסטארישן גרונט.
זע זוכווארט „קריסטנטום”.

**ישיבה** דאסווארט „ישיבה” איז דער
טייטש „זיצן” און שפעטער איז דאס
געווארן די באצייכענונג פאר העכערע
לערן־אנשטאלטן פאר לערנען; דאס
דערמאנט די משנה אין אבות ב׳
„מרבה ישיבה מרבה חכמה”. אין תל־
מוד געפינען מיר פיל מאל דעם אויס־
דרוק ישיבה אלס אן ארט פון לערנען;
אין יומא כ״ח זאגט די גמרא, אז שוין
אברהם אבינו איז געווען א זקן ויושב
בישיבה; אין דער משנה זבחים א׳ איז
פאראן „ביום שהושיבו רבי אליעזר בן
עזריא בישיבה”; אין סנהדרין ל״ב איז
פאראן „הלך אחר חכמים לישיבה” (גיי
נאך די חכמים אין דער ישיבה); אין דער
אראמעאישער שפראך איז דערפון גע־
ווארן „מתיבתא”, וואס איז פאראן אפט
אין דער גמרא (בבא קמא קי״ז און
אנדערע); אין דער גמרא איז פאראן
דער אויסדרוק „ישיבה של מעלה” (פס־
חים נ״ג) וואס באדייט אז אין הימל איז

אויך פאראן א ישיבה. — ישיבות האבן עקזיסטירט ביי יידן פון אלטע צייטן. עס איז זיכער, אז שוין אין דער צייט פון 2טן בית המקדש זענען געווען אין ארץ־ישראל ספּעציעלע ערטער וואו מען האט געלערנט תורה, באזונדערס אין דער צייט פון הלל ושמאי. נאכן חרבן איז די הויפּט־ישיבה געווען אין יבנה, וואו עס איז געזעסן דער נשיא, הגם אנדערע תנאים האבן דעמאלט געהאט זייערע אייגענע ישיבות אין פארשידענע ערטער. שפּעטער זענען געווען די ישיבות אין גליל (צפורי, טבריה און אנדערע ערטער). מיט דער צייט פון די אמוראים זענען אנטשטאנען ישיבות אין בבל, פון וועלכע די בארימטסטע זענען געווען אין סורא און פומבדיתא, וועמענס ראשי ישיבות האבן נאך דער צייט פון תלמוד און רבנן סבוראי געטראגן דעם טיטל גאון. די דאזיקע ישיבות אין בבל זענען געווען דער הויפּט־צענטער פון לערנען פאר כמעט אלע יידן אין דער וועלט אין פארלויף פון פיל הונדערטער יארן. עס זענען אנטשטאנען ישיבות אין צפון־אפריקע, שפּאניע, איטאליע, דייטשלאנד. ווען דער למוד התורה האט שפּעטער זיך איבערגעטראגן קיין אונגארן, בעמען, פוילן, ליטע, אוקראינע, זענען אין די דאזיקע לענדער אנטשטאנען די בארימטע ישיבות, פון וועלכע טייל האבן עקזיסטירט ביז דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה 1939. בארימט זענען געווען די ישיבות אין פּרעשבורג (געגרינדעט דורכן „חתם סופר”), וואלאזשין (דורך רבי חיים וואלאזשינער) טעלז, מיר, סלאבאדקע (קאוונע), ירושלים און אנדערע. אין די ישיבות זענען געווען עטלעכע ראשי ישיבות, וועלכע האבן געלערנט מיט די ישיבה־בחורים טיפערע שיעורים אין גמרא און פוסקים, אחוץ וואס די ישיבה־בחורים האבן געלערנט אויך פאר זיך. די לעקציע, וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן פאר די ישיבה־בחורים, האט געהייסן „שיעור”. מייסטנס זענען אין די ישיבות געווען עטלעכע כיתות, טיילמאל זאגאר 7 כיתות, איינגעטיילט לויט דעם מצב פון קענטעניש אין לערנען פון די ישיבה־בחורים. די בחורים זענען אדער אויסגעהאלטן געווארן דורך געלטער פון דער ישיבה אדער זיי האבן געגעסן „טעג” דאס הייסט יעדער פון זיי האט געגעסן יעדן אנדערן טאג ביי אן אנדערן בעל הבית פון דער שטאט. אין דער ישיבה פלעגט אפט אויך זיין א משגיח, וועלכער פלעגט אכטונג געבן אויף דער אויפפירונג פון די בחורים. באזונדערס אז זיי זאלן זיצן און לערנען, נישט עוסק זיין אין אנדערע לימודים און אין די „מוסר”־ישיבות פלעגט דער משגיח זאגן שיעורים, געדאנקען אין מוסר. די ישיבות פלעגן האבן משולחים, וואס זענען ארומגעפארן איבער פארשידענע שטעט און לענדער צו זאמלען געלט אויף אויסצוהאלטן די ישיבות. — אין גרעסטן טייל ישיבות האט מען געלערנט נאר גמרא און פוסקים. אין טייל ישיבות, ווי אין די „מוסר”־ישיבות פון סלאבאדקע און אנדערע און אין דער חסידישער ישיבה פון ליובאוויטש, האט מען אחוץ גמרא און פוסקים געלערנט אויך מוסר און חסידות, אין דער האלב־מאדערנער ישיבה פון לידע (געגרינדעט דורך הרב ר' יעקב יצחק ריינעס אין 1885) האט מען געלערנט אויך וועלטלעכע לימודים. מאדערנע ישיבות זענען פאראן אין די פאראייניקטע שטאטן אין אמעריקע, באזונדערס אין ניו־יארק, פון וועלכע די בארימטסטע איז די „ישיבת רבי יצחק אלחנן” (געגרינדעט 1897), אין וועלכער עס ווערט געלערנט אויך א הויכער קורס פון וועלטלעכע למודים. א גרויסער טייל פון די ישיבות האט געהאט א באזונדערן פּראגראם פון לערנען הוראה, דאס הייסט אז די תלמידים זאלן קאנען ווערן רבנים. — איבער ישיבות

איז פאראן א גרעסערע אפהאנדלונג אין זאמלבוך „הכרם". אין די זכרונות פון הרב מאיר בערלין „פון וואלאזשין קיין ירושלים"; הורוויץ „דרך עץ החיים".

**ישמעאל** זון פון אברהם און דער שפחה הגר (בראשית ט"ז). אין חומש בראשית ווערט דערציילט ווי אברהם האט צוויי מאל פארטריבן פון זיך ישמעאל און זיין מוטער הגר, מיט וועלכע עס האבן געטראפן ניסים ווען זיי האבן געוואנדערט אין דער מדבר, און אז ענדלעך האט ישמעאל זיך באזעצט אין דער מדבר (בראשית כ"א) און אז פון ישמעאל זענען ארויסגעקומען די שבטים נביות, קדר און אנדערע (בראשית כ"ה), אין וועמענס נעמען מען דערקענט אראבישע שבטים. אין דער אראבישער לעגענדע פארנעמט ישמעאל א גרויס ארט אלס דער פאטער פון אראבישן פאלק און אלס איינער פון די נביאים. אין דער העברעאישער מיטלאלטער ליטעראטור ווערן מיטן נאמען ישמעאלים אנגערופן די טערקן.

**ישמעאל בן אלישע, רבי** תנא אין 2טן יארהונדערט, דערמאנט אין משנה און ברייתות אפט צוזאמען מיט זיין חבר רבי עקיבא; כהן; אין גטין נ"ח ווערט דערציילט אז ער איז געפאנגען געווארן אלס קינד דורך די רוימער און רבי יהושע בן חנניה האט אים אויסגעלייזט; פאראן פון אים פיל הלכות, וועלכע ווערן געבראכט סיי אין זיין אייגענעם נאמען און אויך אין נאמען פון זיין ישיבה „תנא דבי רבי ישמעאל"; בארימט זענען די י"ג מידות, מעטאדן, לויט וועלכע רבי ישמעאל האט ארויסגעלערנט פארשידענע הלכות פון פסוקים פון דער תורה, ווי קל וחומר, גזרה שוה און אנדערע; די דאזיקע ברייתא פן י"ג מידות פון רבי ישמעאל ווערט געזאגט יעדן אינדערפרי אין דאווענען; עס איז פאראן א מיינונג, אז א טייל פון די הלכות-מדרשים אויף תורה (מכילתא דרבי שמעון בן יוחאי, ספרי), שטאמען פון דער ישיבה פון רבי ישמעאל (זע וועגן דעם אין האפמאנס „איינלייטונג צו די הלכות-מדרשים"); די הויפט-תלמידים פון רבי ישמעאל זענען געווען רבי שמעון בן יוחאי רבי יאשיהו, רבי יונתן, רבי מאיר. די הלכות און אגדות פון רבי ישמעאל און תנא דבי רבי ישמעאל זענען פאראן אין תלמוד אין א גרויסער צאל; אין אבות ג' זאגט ער „הוה מקבל את כל האדם בשמחה" (נעם אויף יעדן מענטש מיט שמחה); אין פסחים ג' „לעולם יספר אדם בלשון נקיה" (א מענטש דארף רעדן מיט א ריינער שפראך); אין יומא ל"ט „זינד איז מטמטם דאס הארץ פון מענטש"; אין בבא בתרא ס"ו „מען איז ניט גוזר קיין גזירה אויף יידן נאר ווען דער גרעסטער טייל פון יידן קאן איר האלטן"; אין ברכות ל"ה זאגט ער אז א מענטש דארף לערנען תורה אבער אויך ארבעטן אין פעלד צו פארדינען אויף פרנסה. — איינע פון די שוועריקייטן וואס די היסטאריקער האבן מיט רבי ישמעאל איז צוליב דער באקאנטער ברייתא אין ברכות אז ער איז געווען א כהן גדול און האט מקריב געווען אין קודש קדשים, און אויך צוליב דער מכילתא אין משפטים י"ח און אבות דרבי נתן ל"ח און אנדערע ערטער, אז ער איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות און איז אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די רוימער צוזאמען מיטן נשיא רבן שמעון בן גמליאל אין דער צייט פון חרבן. לויט טייל היסטאריקער זענען געווען צוויי רבי ישמעאל בן אלישעס. — זע הלוים „דורות הראשונים", היימאן, „תולדות תנאים ואמוראים".

**ישעיהו** נאמען פון נביא און פון ספר נביאות פון נביא ישעיהו בן אמוץ, וועל-

כּער האָט נביאות געזאָגט אין ירושלים אין דער צייט פון די מלכים עוזיהו, יותם, אחז און חזקיהו (לערך 740 — 701 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג), וועגן דעם ווערט דערציילט אין אָנהויב פון ספר ישעיהו. זיינע נביאות זענען אַמייסטן שטראָף־רייד קעגן דער אומגערעכטיקייט וואָס הערשט אין באַצוג צו הילפסלאָזע, אָרעמע, אומגליקלעכע; באַלד אין ערשטן קאַפּיטל זאָגט דער נביא צום פאָלק, וואָס האָט געמיינט, אַז בלויז מיט ברענגען קרבנות ווערט געטאָן דער ווילן פון גאָט: „למה לי רוב זבחיכם, יאמר ה׳, — הסירו רע מעלליכם, — דרשו משפט, — שפטו יתום, ריבו **אלמנה**" (וואָס טויגן מיר די מייסטנס פון אייערע קרבנות, זאָגט גאָט — הערט אויף צו טאָן אייערע שלעכטע מעשים, פירט איין גערעכטיקייט, שיצט דעם יתום און די אלמנה"), ישעיה זאָגט אויך אין קאַפּיטל ז׳ נביאות אויף דער מפּלה פון מלך אשור וועלכער האָט באַלאַגערט ירושלים אין דער צייט פון אחז המלך; אין די קאַפּיטלעך ב׳ און י״א און אַנדערע, זענען פאַראַן די נביאות וועגן דער אידעאַלער אָרדענונג וואָס וועט הערשן אין דער צוקונפט „באחרית הימים", דער „לא ישא גוי אל גוי חרב", איין פאָלק וועט ניט מלחמה האַלטן קעגן צווייטן פאָלק, דער „וכתתו חרבותם לאתים", זיי ווילן איבערשמידן זייערע שווערדן צו אַקעראייזנס, דער „וגר זאב עם כבש", דער וואָלף וועט וואוינען צוזאַמען מיטן שעפּסל. — דאָס ספר ישעיה האָלט 66 קאַפּיטלעך. לויט דער מיינונג פון טייל תנ״ך־פאָרשער, זאָגאַר פון די אָנגענומענע יידישע מפרשי התנ״ך (אבן עזרא און אַנדערע), זאָלן די קאַפּיטלעך פון מ׳ אָן שטאַמען פון אַ 2טן ישעיה, וועלכער האָט געלעבט אין בבל נאָך דעם חרבן פון 1טן בית המקדש און וועלכער זאָגט נביאות אַז ירושלים וועט צוריק געבויט ווערן (דער „נחמו, נחמו עמי"); דער באַווייז דערצו איז ערשטנס וואָס אין מ״ה איז פאַראַן בפירוש דערמאָנט דער נאָמען פון כורש, דעם מלך פון פרס, וועלכער האָט די יידן דערלויבט צוריקצוגיין קיין ארץ־ישראל; צווייטנס איז פון די אַלע נביאות צו זען, אַז זיי זענען געזאָגט געוואָרן ווען ירושלים איז געווען חרוב און די יידן פאַרטריבן און עס ווערט געזאָגט די בשורה פון דער גאולה. וועגן דער דאָזיקער מיינונג, אַז עס איז געווען אַ 2טער ישעיה (און לויט טייל תנ״ך־פאָרשער זאָגאַר אַ 3טער ישעיה) זענען געשריבן געוואָרן פיל אָפּהאַנדלונגען. די געלערנטע שד״ל (שמואל דוד לוצאַטו), דר. אהרן קאַמינקאַ האַלטן, אַז עס איז געווען נאָר איין ישעיה. — אין דער גמרא יבמות מ״ט ווערט געבראַכט די מיינונג אַז מנשה המלך, דער זון פון חזקיה האָט געטויט ישעיהן; די דאָזיקע טראַדיציע ווערט געבראַכט אויך אין אַנדערע קוואַלן. — זע קרויסעס פירוש ישעיה און זיין איינלייטונג אין דער תנ״ך־אויסגאַבע פון אברהם כהנא.

**ישעיה הורוויץ (של״ה)**, 1558 אין פּראַג — 1628 אין צפת; רב, מקובל, בעל מוסר; רב אין אַ ריי שטעט אין פּוילן, נאָכער אין פראַנקפורט, פּראַג; פון 1621 אין ארץ־ישראל, פון וואַנען ער האָט געשריבן צו זיינע קינדער בריוו, אין וועלכע ער שילדערט דאָס לעבן אין ארץ ישראל; געווען רב אין ירושלים; צוליב רדיפות פון אַן אַראַבישן שייך אבן פּאַרוק, איז ער אַוועק קיין צפת, נאָכער אין טבריה; מען נעמט אָן אַז ער איז געשטאָרבן אין צפת. — זיין הויפּט־ספר (וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אין ארץ־ישראל) איז דער „שני לוחות הברית" (של״ה), וואָס איז אײַגנטלעך געשריבן אַלס צוואה פאַר זיינע קינדער, ווי זיי זאָלן זיך אויפירן אין יידישקייט; דאָס

ספר באשטייט פון דברי מוסר, לערנט עקסטרעמע פרישות, געשריבן איז א פאלקסטימלעכער העברעאישער שפראך. דאס ספר איז געדרוקט געווארן צום ערשטן מאל דורך זיין זון רבי שבתי, אמסטערדאם 1648, און נאכער פיל מאל, און אויך קיצורים פון אים, און האט געהאט א גרויסע השפעה אויף די פרומע יידישע מאסן. מען האט אים גערופן „דער של"ה הקדוש". — זע האראדעצקים „מאה שנים של פרישות" אין דער „התקופה".

**ישר פון קאנדיע** זע „דילמדיגו".

**ישראל** אין חומש בראשית ל"ב ווערט דערציילט, אז ווען יעקב אבינו איז געווען אין וועג ביינאכט האט ער געטראפן א מאן, מיט וועלכן ער האט געקעמפט ביז אינדערפרי, און נאכער האט אים דער מאן געבענטשט און אים אנגערופן „ישראל"; פון דעמאלט הייסט יעקב אין חומש טיילמאל אויך ישראל. דערפון האבן יעקבס קינדער געהייסן בני ישראל, און דאס יידישע פאלק האט געהייסן „ישראל", אויך „עם ישראל", בית ישראל". ווען ארץ־ישראל איז געטיילט געווארן נאך שלמה המלכם טויט אין 2 מלוכות, האט די מלוכה מיט ירושלים אלס הויפטשטאט געהייסן מלכות יהודה, און די 10 שבטים מיט שכם (נאכער שומרון) אלס הויפטשטאט „מלכות ישראל". — ווענגן דעם זע זוכווארט „אפרים". — מיטן נאמען ישראל ווערט אויך באצייכנט א סתם ייד, וועלכער איז ניט קיין כהן און קיין לוי. — פון ווארט ישראל זענען אנטשטאנען פיל צונויפגעזעצטע ווערטער און באגריפן ווי „ארץ־ישראל", „כנסת ישראל" „פושעי ישראל", „שונא ישראל" און אנדערע. — אויך אין אנדערע שפראכן איז דער טערמין „איזראעל" די באצייכענונג פארן יידישן פאלק, און דערפון זענען אנטשטאנען אויך די באצייכענונגס־ווערטער „איזראעליטיש", באזונדערס אין דייטשלאנד, וואו א גרויסער טייל יידן האט נישט געוואלט אנרופן זיך מיטן נאמען יידן און האבן זיך בעסער געוואלט באצייכענען מיטן נאמען „איזראעליטן". זע אויך „בני ישראל".

**ישראל בעל שם טוב** זע „בעל שם טוב".

## ישראל מאיר הכהן (חפץ חיים)

ראש ישיבה און מחבר פון ספרי הלכה און מוסר, אין ראדין (ווייס־רוסלאנד), געשטארבן אין יאר 1937; זיינע הויפטספרים זענען „משנה ברורה" (שלח: ערוך אורח חיים), א קיצור פון דער גמרא קדשים (לויטן מוסטער פון רי"ף), „חפץ חיים" (קעגן לשון הרע). א ספר וועגן אים אין יידיש האט געשריבן הרב מ. מ. ישר.

**ישראל ריזשינער** חסידישער רבי. געשטארבן אין סאדיגורא 1850 (ג' חשון תרי"א); ער איז געווען צוערשט רבי אין ריזשין (רוסלאנד); צוליב א בלבול איז ער געווארן ארעסטירט, אנטלאפן פון תפיסה קיין עסטרייך, א לאנגע צייט געווען אין געפאר אויסגעליפערט צו ווערן צו דער רוסישער רעגירונג. באזעצט זיך אין סאדיגורא. פון אים שטאמען די רביים־דינאסטיעס פון סאדיגורא, טשארטקאוו, הוסיאטין, באיאן, און די אלע רביים (מיטן פאמיליע־נאמען פרידמאן) ווערן אנגערופן „די ריזשינער גזע". צווישן זיי און רבי חיים פון צאנז זענען פארגעקומען גרויסע מחלוקות. — זע „חיים פון צאנז".

**ישראל פון קאזשעניץ** (לערך 1745 אין אפטא — 1814, י"ד תשרי תקע"ה

אין קאָזשעניץ), חסידישער רבי, באַקאַנט מיטן נאָמען „קאָזשעניצער מגיד״; תלמיד פון רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו („קדושת לוי״); זיין הויפּט־חבור „עבודת ישראל״. עס ווערט איבערגעגעבן אויך וועגן זיין איינפלוס אויף פּוילישע קריסטן (פּירשט טשאַרטאָריסקי און אַנדערע).

**ישראל שקלאָווער** (לערך 1770 אין שקלאָוו, רוסלאַנד — 1839 אין טבריה). תלמיד פון ווילנער גאון, מחבר פון „פּאת השלחן״ (אויף מצוות התלויות בארץ); ער צוזאַמען מיט חברים געקומען קיין ארץ ישראל און פּאַקטיש געגרינדעט דעם מתנגדיש־אשכנזישן ישוב, פיל געהאָלפן אים מחזק צו זיין, באַזונדערס אין דער צייט פון דער ערד־ציטערניש אין 1837.

**ישראלי, יצחק** (אין 14טן יאָרהונדערט אין שפּאַניע), אַסטראָנאָם, תלמיד פון רבנו אשר (רא״ש), מחבר פון ספר „יסוד עולם״ (אַסטראָנאָמיע און יידישע כראָנאָלאָגיע).

**יששכר** (ווערט געלעזן ישכר), זון פון יעקב אבינו און לאה (בראשית ל׳), פאָטער פון שבט יששכר; לויט דער אגדה אין גמרא און מדרש (בראשית רבה ע״ב יומא כ״ו) האָט דער שבט יששכר עוסק געווען אין תורה און ער איז געשפּייזט געוואָרן דורכן שבט זבולון.

**יתום** אין תנ״ך און די שפּעטערע יידישע ספרים ווערט שטרענג געוואָרנט קעגן פּייניקן און שלעכטס טאָן אַ יתום, צוליב זיין הילפלאָזיקייט. אין חומש שמות כ ב ווערט געזאָגט „כל אלמנה ויתום לא תענון״ (איר זאָלט ניט פּייניקן אַן אלמנה און אַ יתום). גאָט ווערט באַטראַכט אַלס דער „אבי היתומים״ (דער פאָטער פון יתומים). אויך די נביאים (ישעיה א׳ און אַנדערע) וואָרענען קעגן טאָן שלעכטס יתומים. אין דער משנה און גמרא זענען פאַראַן דינים וועגן פאַרלייכטערן יתומים זייערע געלט־תביעות (ערכין כ״ב און אַנדערע). — דאָס דערציען יתומים אין בתי יתומים איז איינגעפירט ביי יידן זינט אַ סך הונדערטער יאָרן, און איינע פון די הויפּט־פילאַנטראָפּישע טעטיקייטן פון די גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציע איז געווען דאָס אויפהאַלטן בתי יתומים.

**יתרו** שווער פון משה רבנו (שמות ב׳ און י״ח). ער איז געקומען צו משה אין דער מדבר און האָט אים געגעבן עצות ווי צו פירן דאָס פאָלק ישראל אין זייערע משפּטים (חומש שמות י״ח). אויף זיין נאָמען איז פאַראַן די סדרה יתרו. דער מדרש (שמות רבה א׳) זאָגט, אַז יתרו האָט געהאַט 7 נעמען, ווייל מיר געפינען אין חומש עטלעכע מאָל אַנדערע נעמען פון משהס שווער.

# כ

**כ (כף)** דאָס 11טע אות אין העברע־אישן און יידישן אלף־בית; אלס ציפער באַדייט „כ'' 20; אויב אין כ איז פאַראַן אַ פּינטעלע ווערט עס געלעזן האַרט, „קאַף''; אויב אָן אַ פּינטעלע — ווייך, „כאַף''; צום סוף וואָרט ווערט געשריבן אַ לאַנגע ך.

**כבוד** אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק זענען פאַראַן פיל לערעס וועגן כבוד. עס ווערט געלערנט, אַז אַ מענטש זאָל זיך ניט נאָכיאָגן נאָך כבוד, און די משנה אין אבות ד' האַלט דאָס נאָכיאָגן זיך נאָך כבוד פאַר איינס פון די דריי זאַכן וואָס ברענגען אום דעם מענטש פון דער וועלט (הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם). אין פאָלק גייט אַרום דאָס העבּראַעישע וואָרט „כל הרודף אחר הכבוד הכבוד בורח ממנו'' (ווער עס יאָגט זיך נאָך כבוד, אַנטלויפט דער כבוד פון אים), און ענ־לעכס צו דעם איז פאַראַן אין דער גמרא ערובין י''ג „כל המחזר על הגדולה גדו־לה בורחת ממנו''. — דערפאַר ווערט גע־קלערט, אַז דאָס מיינט מען אַז מען דאַרף דערע מענטשן, און די משנה אבות ד' רימט דעם „מכבד את הבריות'', וואָס גיט אָפּ כבוד מענטשן. — עס זענען פאַ־ראַן נאָך אַנדערע באַגריפן וועגן כבוד, ווי: „כבוד הרב'', שעצן דעם רבי, דעם תלמיד חכם; „כבוד התורה'', שעצן די תורה; „כבוד שמים'', דעם כבוד פון גאָט; די גמרא אין בבא מציעא נ''ט זאָגט „לעו־לם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו'' (אַ מענטש דאַרף זיין נזהר אין אָפּגעבן כבוד זיין ווייב). די מצוה אָפּצוגעבן כבוד עלטערע מענטשן איז פאַראַן אין חומש (ויקרא י''ט).

**כבוד אב ואם** (שעצן דעם פאָטער און מוטער)׳ דאָס איז איינע פון די ער־שטע מצוות אין דער תורה, און געפינט זיך אין די עשרת הדברות, „כבד את אביך ואת אמך'' (שמות כ'). אין דער גמרא קידושין ל''א, ל''ב ווערט דער־קלערט, אַז דאָס ביינט בען אַז מען דאַרף די עלטערן געבן צו עסן, קליידונג, און עס ווערן דאָרט געבראַכט סיפורים וועגן דעם ווי ווייט עס דאַרף גיין כבוד אב ואם.

**כהינא דאהיא** נאָמען פון יידישער העלדין און קעניגין, וועלכן האָט גע־הערשט איבער פעלקער אין צפון־אפרי־קע אין 7טן יאָרהונדערט; זי האָט גע־קעמפט קעגן די אַריינדרינגנדע אַראַבער און איז אומגעקומען אין יאָר 694; פראַ־פעסאָר נ. סלושץ האָט געשריבן וועגן איר אַ בוך אין העברעאיש.

**כהן, כהנים** אין די תנ''ד־ספרים האָבן געהייסן כהנים די וואָס האָבן מק־ריב געווען קרבנות, ניט נאָר אין בית המקדש, נאָר אין יעדן אָרט. עס ווערן מיטן וואָרט כהן באַצייכנט זאָגאָר די וואָס האָבן מקריב געווען קרבנות צו אָפּ־געטער, ווי די כהנים פון מצרים; אין ״יפטים י''ז און י''ח ווערט דער וואָס האָט באַדינט דעם אָפּגאָט פסל מיכה גערופן כהן; דאָס זעלבע געפינען מיר אויך אין אַנדערע ערטער אין תנ''ד, און דעריבער ווערט דערקלערט „יתרו כהן מדין'' (שמות י''ח) אַז משהס שווער האָט געבראַכט קרבנות פאַר די אָפּגע־טער פון מדין. אָבער געוויינלעך ווערן אָנגערופן כהנים די וואָס האָבן מקריב געווען קרבנות אין די יידישע הייליקע ערטער, צוערשט אין משכן אין מדבר. דערנאָך אין די הייליקע ערטער אין ארץ־

ישראל, שפעטער אין בית המקדש. לויט דער יידישער טראדיציע האבן די אלע דאזיקע יידישע כהנים (וועלכע מען דארף אונטערשיידן פון די געצנדינערישע כהנים) געשטאמט פון איין פאמיליע, און זייער ערשטער פאטער איז געווען אהרן הכהן, דער ברודער פון משה רבנו. אין חומש שמות כ"ח ווערט וועגן דעם דערציילט, אז גאט האט געזאגט צו משה, אז זיי זאלן ביים מקריב זיין קרבנות מאכן זיי פאר כהנים („לכהנו לי"). און אז זיי זאלן ביים מקריב זיין קרבנות טראגן באזונדערע קליידער, וואס ווערן דארט אין חומש אנגערופן „בגדי קדש" (הייליקע קליידער) און שפעטער זענען זיי אנגערופן געווארן „בגדי כהונה". עס זענען פאראן אין תנ"ך געוויסע שטעלן וועגן די כהנים, וואס זענען ביז איצט נים אויפגעקלערט געווארן און די היסטאריקער פרואוון זיי דערקלערן לויט פארשידענע מיינונגען. אין חומש ספר ויקרא געפינען מיר אפט דעם אויסדרוק „הכהנים בני אהרן" (ויקרא ל"א און אנדערע); דאקעגן אין דברים (י"ז און אנדערע) געפינען מיר דעם אויסדרוק „הכהנים הלויים" (די כהנים די לויים); ווידער אין ספר יחזקאל מ' און ווייטערע קאפיטלעך טרעפן מיר דעם אויסדרוק „הכהנים הלויים בני צדוק" (די כהנים, לויים, די קינדער פון צדוק). לויט די מיינונגען פון טייל היסטאריקער (גייגער און אנדערע) זענען אין די שפעטערע צייטן אויפגעטרעטן צווישן די כהנים זעלבסט מיינונגס־פארשידנקייטן וועגן זייער אפשטאמונג. — די כהנים זענען געווען איינגעטיילט אין פארשידענע קלאסן. דער העכסטער האט געהייסן „כהן גדול", און ער איז געזאלבט געווארן מיט דעם שמן המשחה (זאלבונגאייל), און דער חומש ויקרא כ"א רופט אים „הכהן הגדול"; ער האט אויך געהייסן „הכהן המשיח" (ויקרא ד'); פון דברים כ' איז צו זען אז דער כהן האט אויך אנגעפירט מיט די מלחמות פון יידן, און דעריבער איז אנטשטאנען שפעטער דער אויסדרוק „כהן משיח מלחמה"; צי ער איז געווען אויך דער כהן גדול, צי אן אנדערער הויכער כהן איז ניט קלאר. די משנה אין הוריות ב' אגט אז דער כהן המשיח איז ניט געווען דער כהן גדול. אויך אין דער משנה סוטה ח' ווערט דער „כהן משוח מלחמה" ניט אנגערופן דער כהן גדול. נאכן כהן גדול איז געווען דער „סגן הכהנים", זיין געהילף; נאכער זענען געגאנגען די כהנים וואס האבן פארנומען העכערע אמטן ווי די „גזברים" (די ווירטשאפטלעכע פירער פון בית המקדש), די „ראשי המשמר" (זע זוכווארט „משמרות") און אנדערע. נאך זיי זענען געקומען די איינפאכע כהנים, וועלכע מען האט גערופן „כהנים הדיוטים", כהן הדיוט, אדער סתם „כהן". הגם אויך בנוגע דער הלכה האבן אלע כהנים, אחוץ דעם כהן־גדול, געהייסן הדיוטים. — די כהנים האבן געהאט זייערע איינקונפטן. פון די קרבנות האבן זיי גענומען געוויסע חלקים; זיי האבן אויך באקומען פון די תבואות א טייל, וואס מען האט גערופן „תרומה" (זע זוכווארט „תרומה"); צו זיי האט אויך געהערט דער געבוירענער בכור פון יעדער בהמה; ווען עס איז געבוירן געווארן ביי א ישראל (ניט קיין כהן און ניט קיין לוי) דער ערשטער זון, האט דער כהן באקומען 5 שקלים (זע „פדיון הבן"). — עס ווייזט אויס, אז אין דער יידישער געשיכטע זענען שטענדיג פארגעקומען קאמפן קעגן דער מיוחסדיקער שטעלונג פון די כהנים. אין חומש במדבר ט"ז ווערט דערציילט וועגן קאמף וואס קרח און זיינע חברים האבן געפירט קעגן אהרן הכהן און זיי האבן געטענהט אז „כל העדה כלם קדשים" (אלע יידן זענען גלייך הייליק) און יעדער דארף מעגן

מקריב זיין קרבנות. אין דער ברייתא פסחים נ״ז ווערן געבראכט שארפע אויסדרוקן קעגן טייל כהנים וואס נעמען צו דאס פארמעגן פון פאלק. אין אלגעמיין אבער איז דער כהן געשעצט געווארן. ער איז געווען דער ערשטער צו אלע ביכורים (מועד קטן כ״ח). אזוי איז געבליבן ביז היינט, הגם עס זענען פאראן מיינונגען זאגאר ביי די רבנים און פוסקים אז די היינטיקע כהנים זענען ניט קיין זיכערע כהנים („מגן אברהם אויף שלחן ערוך אורח חיים ת״ז, און אנדערע). די כהנים האבן אויך היינט געוויסע פריווילעגיעס און אויך געוויסע פארבאטן. א כהן טאר ניט חתונה האבן מיט א גרושה (געגטע פרוי); א כהן טאר זיך ניט צורירן צו א מת, און אפילו ניט זיין אונטער איין דאך מיט א מת, מיטן אויסנאם ווען דער מת איז איינער פון זיינע עלטערן, קינד, ברידער, ווייב און א מת מצוה. דער כהן איז פארפליכטעט צו בענטשן דאס פאלק ברכת כהנים (זע זוכווארט „דוכנען״); ער לייזט אויס די געבוירענע בכורים (זע „פדיון הבן״); אים קומט די ערשטע עליה צום ספר; ווען מען עסט צוזאמען קומט דעם כהן דאס בענטשן (מועד קטן כ״ח „לפתוח ראשון ולברך ראשון״). — אין פאלק איז אנגענומען, אז א כהן איז א כעסן און די מיינונג, וועלכע געפינט זיך שוין אין דער גמרא קדושין ע׳ שטיצט זיך אויף דעם פסוק אין הושע ד׳ „ועמך כמריבי כהן״. — זע זוכווערטער „אהרן״, „בית המקדש״, „דוכנען״, „פדיון הבן״, „קרבנות״.

**כהן** דאס ווארט כהן״ איז אין פארשידענע פארמען געווארן דער פאמיליענאמען פון א סך יידישע פאמיליעס: כהן, כ״ץ (כהן צדק), קאהן, קאהאן, קאגאן, קויגען, קאגאנאוויטש, קאהאנאוויטש, כהנא. זע זוכווערטער „כהנא״ „קאהען״ „קאהן״. דא געבן מיר וועגן „כהן״ און „כ״ץ״. — 1) כהן, אריה ליב (געשטארבן אין מעץ 1785), רבי, פוסק, מחבר, באקאנט פון זיינע ספרים „שאגת אריה״ און „טורי אבן״; צוערשט געווען ראש ישיבה אין מינסק, נאכער רב אין מעץ. — 2) כהן טוביה הרופא (1652 אין מעץ — 1729 אין ירושלים), יידישער דאקטאר, צוערשט אין פוילן דערנאך אין טערקיי דאקטאר פון סולטאן אכמעד דעם 3טן; זיין ספר מעשה טוביה (געדרוקט ווענעציע 1707) אנטהאלט ידיעות וועגן רפואות, אסטראנאמיע, מעטאפיזיק ווי אויך א קליין מעדיציניש ווערטערבוך אין לאטיין, העבראיש און טערקיש; ברענגט אויך ידיעות וועגן שבתי־צבי־באוועגונג. — 3) כהן יעקב (1881 אין סלוצק), העבראישער דיכטער, געוואוינט א לענגערע צייט אין פוילן, זינט 1934 אין ארץ־ישראל; זיינע שירים זענען דער אויסדרוק פון בונט קעגן גלות, און באקאנט איז זיין לאזונג „בדם ובאש יהודה נפלה, בדם ובאש יהודה תקום״; ער האט פארעפנטלעכט נאטור־לידער, דראמעס, ביבלישע ספורים, איבערזעצט א ריי ווערק פון געטע; רעדאגירט די „התקופה״, סנה, „כנסת״; דערשינען עטלעכע זאמלונגען פון זיינע ווערק „ספר השירים״, „נעורים ונדודים״, „בין החרבות״ און אנדערע. — 4) כ״ץ נפתלי (1649 — 1719), רב און מקובל, ראש ישיבה אין אסטראה, נאכער רב אין פויזן פראנקפורט; אין די לעצטע יארן געפארן קיין ארץ־ישראל, געשטארבן אויפן וועג אין קאנסטאנטינאפאל; צוערשט געגעבן הסכמה נחמיה חיון אויף זיין „מהמנותא דכלא״ און דערנאך אים מחרים געוועזן, געוואויר ווערנדיק אז דאס ספר אנטהאלט תורות פון שבתי צבי; וועגן אים איז פאראן א ספר „עטרת זהב״. — 5) כהן, שבתי, זע „שבתי כהן (ש״ך)״.

**כהן גדול** זע זוכוואָרט „כהן, כהנים“. — דער כהן גדול איז געווען דער איינציקער וועלכער איז יום כפור אריינגעגאַנגען אין קדש הקדשים מקריב זיין קרבנות און האָט דעמאָלט ארויסגעזאָגט ביי זיין ודוי דעם שם המפורש. אַ כהן גדול האָט ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט אַן אלמנה. דעם כהן גדול האָט מען אָפּגעגעבן באַזונדערן כבוד. פון פלאַוויוסעס ווערק („קדמוניות“ און „מלחמה“) איז צו זען, אַז דער כהן גדול האָט אין דער צייט פון בית שני באַזונדערס אין דער ערשטער צייט, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יידישן פאָלק און איז (ביז צו הורדוס המלך) געווען הערשער פון ארץ־ישראל און וואָרשיינלעך אויך דער ראש פון סנהדרין.

**כהנא** 1) אברהם (געבוירן 1874 אין אוקראַינע), פון 1923 אין ארץ־ישראל; געלערנטער אין חכמת ישראל; ארויסגעגעבן דעם „תנ"ך עם פירוש מדעי“ (תנ"ך מיט אַ וויסנשאַפטלעכן קאָמענטאַר), „ספרות ההיסטוריה הישראלית“, „ספר החסידות“, „כתובים אחרונים“ און אַנדערע ווערק פון וויסנשאַפטלעכן ווערט; 2) דוד (1838 — 1915 אין אדעס) פאָרשער פון קבלה און חסידות, מחבר פון „תולדות המקובלים והחסידים“, ארויסגעגעבן שירים פון רבי אברהם אבן עזרא און אַ מבוא וועגן אבן עזרא; אויך פאַרעפנטלעכט די אויטאָביאָגראַפיע פון רבי יעקב עמדין „מגלת ספר“.

**כוזרי** זע „יהודה הלוי“.

**כוזרים** נאָמען פון אַ פאָלק, פון מאָנגאָלישער אָפּשטאַמונג, אין 8טן, 9טן און 10טן יאָרהונדערט ביים טייך וואָלגא, ניט ווייט פון קאַספּישן ים, אין גרויסן טייל זיך מגייר געווען און אָנגענומען די יידישע רעליגיע. די כוזרים זענען גערופן געוואָרן אין אַראַביש „כאזאר“. די ידיעה וועגן דעם, אַז עס איז פאַראַן אַ פאָלק, וואָס האָט אָנגענומען די יידישע רעליגיע און אויך זיינע הערשער זענען יידן, האָט דערגרייכט קיין שפּאַניע אין 10טן יאָרהונדערט. דער יידישער מיניסטער אין שפּאַניע רבי חסדאי אבן שאפּרוט (זע „שאַפּרוט“) האָט געשריבן אַ בריוו צום כוזרישן מלך און פאַר אים אויסגעמאָלן זיין בענקשאַפט צו וועלן דינען אַ יידישן קעניג. דעם בריוו האָט ער געשיקט לערך דעם יאָר 960, דורך יידן סוחרים קיין דייטשלאַנד, אונגאַרן, איבער אוקראַינע קיין כוזרי־לאַנד. דערויף האָט ער באַקומען אַן ענטפער פון יוסף דעם כוזרישן מלך, וועלכער דערציילט אים, אַז עס איז אמת דער ספור וועגן דער יידישקייט פון די כוזרים און ער דערציילט אים אויך ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו. ער דערציילט, אַז מגייר געווען האָט זיך איינער פון זיינע עלטערזיידעס, דער מלך בולאַן, וועלכן אַ מלאך האָט אין חלום אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אָננעמען די ריכטיקע רעליגיע. ער האָט געשיקט נאָך דריי פאָרשטייער פון די 3 רעליגיעס: פון קריסטנטום, איסלאַם און יידן, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט פון זיינע געשפּרעכן מיט זיי, אַז די יידישע רעליגיע איז די ריכטיקע האָט ער און זיין הויף זיך מגייר געווען, און זיין ביישפּיל האָבן נאָכער נאָכגעטאָן פיל פון כוזרישן פאָלק. דאָס זאָל האָבן פאָרגעקומען לערך דעם אָנהייב פון 8טן יאָרהונדערט. עס איז געווען אַ צייט ווען די געלערנטע היסטאָריקער זענען געווען מסופק אין דער עכטקייט פון אבן שאַפּרוטס בריוו; אָבער לעצטנס איז באַוויזן געוואָרן, אַז דער בריוו איז אַ ריכטיקער. — די כוזרים זענען געווען אַ שטאַרק פאָלק און זיי האָבן געפירט פיל מלחמות, איינגענומען פעלקער. זייער באַשעפטיקונג איז געווען פישפאַנג, האַנדע־

ווען בהמות, האנדל מיט ווייץ. זייערע מלכים האבן געטראגן דעם טיטל „כא־האן" וואס זאל זיין ענלעך צו „כהן". אין יאר 969 זענען די כוזרים צעקלאפט געווארן דורך דעם גרויס־רוסישן פירשט סוויאטאסלאוו, און פון דעמאלט אן האבן זיי פארלוירן זייער מלוכה־זעלבסטשטענדיקייט. ביסלעכווייז האבן זיי זיך אויסגעמישט מיט די מאכמעדאנער, רוסישע קריסטן, און א גרויסער טייל פון זיי אויך מיט די יידן פון אוקראינע און פוילן. גומפלאוויטש אין זיין פויליש בוך „וועגן די ערשטע שפורן פון דער יידישער רעליגיע אין פוילן" וויל האבן אז די פוילישע יידן שטאמען איבערהויפט פון די כוזרים, וועלכע האבן א געוויסע צייט געהערשט איבער פוילן. פאראן א מיינונג, אז די פארשידענע „יודאאיזירנדע" סעקטעס וואס זענען שפעטער געווען ביי די רוסן, די „סאבאטניקעס" (שבת־האלטערס) און אנדערע, שטאמען פון די כוזרים. איינע פון די פראגעס, וועלכע איז ביז היינט ניט אויפגעקלערט, איז צי די כוזרים זענען געווען רבנים־יידן, וועלכע האלטן פון די גמרא, אדער זיי זענען געווען קאראאימער. די יידישע טראדיציע זאגט אז זיי זענען געווען רבנים־יידן. די קאראאימער האלטן, אז זיי זענען געווען קאראאימער, און אלס באווייז ברענגען זיי דעם פאקט, וואס א לאנגע צייט זענען געווען אין קרים קאראאימער וואס האבן אפגעשטאמט פון די כוזרים. — רבי יהודה הלוי האט זיך באנוצט מיט דעם סיפור וועגן די כוזרים און אנשריבן זיין ספר הכוזרי, וואס שטעלט פאר דאס געשפרעך צווישן דעם ערשטן כוזרישן מלך און דעם יידישן חכם (החבר) רבי יצחק סנגרי וועגן דער יידישער רעליגיע, באשטימונג פון יידישן פאלק. — זע „יהודה הלוי". — איבער די כוזרים זע אין דינאבורגס „תולדות ישראל", אין וועלכן עס זענען צונויפ־געזאמלט די מקורים און דאקומענטן וועגן די „כוזרים".

**כוונה** דאס אין זינען האבן, דאס קאנצענטרירן דעם געדאנק. אין דער יידישער רעליגיע ווערט געלייגט גרויס אכט נישט נאר אויף די מעשים פון מענטש, נאר אויך אויף דער כוונה, אויף דעם וואס דער מענטש מיינט מיט זיינע מעשים. אין טייל גמרא־ערטער (פסחים קי"ד און אנדערע ערטער) ווערט געזאגט אז „מצוות צריכות כוונה" (ווען מען טוט א מצווה דארף מען מכוון זיין אז מען טוט עס פאר דער מצווה). די משנה אין סוף מנחות זאגט וועגן ברענגען קרבנות „אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים" (עס איז אלץ איינס צי איינער ברענגט א גרויסן קרבן, צי איינער ברענגט א קליינעם קרבן. דער עיקר איז אז ער זאל מכוון זיין זיין הארץ צום הימל). — אין דער קבלה און חסידות ווערט געלייגט באזונדערן ווערט אויף די „כוונות" פון רבי יצחק לוריא (ר"י הקדוש), וועלכער האט מחבר געווען סודות פון כוונות צום דאווענען און בכלל צו אלע תפילות. עס זענען פאראן סידורים מיט די „כוונות על פי האר"י ז"ל".

**כוס, כוסות** מיטן ווארט כוס ווערט אפט באצייכנט אין דעם יידישן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער א „כוס וויין" אדער אן אנדערער משקה מיט וועלכער מען קאן מקיים זיין א געוויסע מצוה. למשל, „כוס של ברכה" מיינט דעם כוס וויין אדער אנדערער משקה מיט וועלכן מען בענטשט נאכן עסן; „כוס פון הבדלה" הייסט דער כוס אויף וועלכן מען מאכט הבדלה; דאס זעלבע דער כוס של קידוש. וועגן „ארבע כוסות" און „כוס של אליהו", זע זוכווארט „סדר"; זע אויך זוכווארט „וויין".

**כופר** זע „כפירה".

**כורש** מלך פון פרס ומדי, געהערשט 559 — 529 פאר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג; ער האט איינגענומען פיל לענדער אין אזיע, און צווישן זיי אויך בבל, וועלכע האט פריער געהאט באזיגט ארץ־ישראל (אין חרבן בית ראשון). אזוי ארום איז אויך ארץ־ישראל געווארן א טייל פון דער מלוכה פון כורש (אין יאר 538). כורש האט ארויסגעגעבן זיין באַרימטן באפעל, וועלכער דערלויבט די פארטריבענע יידן אין בבל צוריקצוקערן קיין ארץ־ישראל און אויפצובויען דאס בית המקדש (עזרא א׳ און סוף דברי הימים), דער „מי בכם מכל עמו אלהיו עמו ויעל". אין ישעיה מ"ה ווערט ער אנגערופן „למשיחו לכורש". אין דער יידישער געשיכטע איז ער פארצייכנט אלס גוטער מלך צו יידן, וועלכער האט אויסגעלייזט די יידן פון גלות בבל. אין דער גמרא ראש השנה ג׳ ווערט געזאגט „כורש מלך כשר היה".

**כוש** נאמען פון א לאנד, ווערט דערמאנט אין תנ"ך פיל מאל; מען האלט געוויינלעך, אז דאס מיינט מען אביסיניע, דאס לאנד אין אפריקע צו דרום פון מצרים. אין דברי הימים ב׳ י"ד ווערט דערציילט וועגן דער מלחמה פון מלך זרח הכושי קעגן יידן. דער כושי איז אין תנ"ך דער מענטש מיט א שווארצער, אפגעברענטער הויט („היהפוך כושי עורו„ ירמיה י"ג). וועגן אחשורוש מלך פרס ווערט דערציילט אין אסתר א׳ אז ער האט געקעניגט פון הודו ביז כוש.

**כותים** זע „שומרונים".

**כותים** נאמען פון א מסכתא ברייתות, אין די „קליינע מסכתות" (מסכתאות קטנות), האט 2 פרקים און באהאנדלט די פראגן וועגן דינים אין באציאונג מיט די שומרונים. זי איז געשריבן געווארן אין ארץ־ישראל, ווארשיינלעך אין 6טן יאַרהונדערט. זע קירכהיים „כרמי שמרון".

**כותל המערבי** (מערב־וואנט). די הייליקע וואנט ביי יידן, געבליבן פון דער מויער וואס האט ארומגערינגלט אמאל דעם בית המקדש־פלאץ (הר הבית); באַשטייט פון גרויסע, קאנטיק־שטיינער. די אונטערשטע שטיינער שטאמען פון דער צייט פון הורדוס המלך (לויט טייל מיינונגען נאך פון פריהער). די אויבערשטע פון שפעטערע צייטן. די וואנט איז הויך 18 מעטער, אבער אין דער ערד טיף ציט זיך די וואנט נאך ווייטער; די לענג אין 48 מעטער. זינט גאר אלטע צייטן אַן קומען צו דער וואנט אידן מתפלל זיין און וויינען אויפן חרבן און גלות השכינה; דאדורך הייסט די כותל המערבי אין אנדערע שפראכן „די וואנט פון געוויין". מען דאווענט דארט יעדן טאג, אבער באזונדערס שבתים און ימים טובים; פייערלעך איז די „הקרבה" ערב פסח, ווען עס קומען פיל מתפללים זאגן די דינים ווי אזוי מען האט מקריב געווען אמאל דעם קרבן פסח. וועגן דער כותל המערבי אז זי וועט ניט חרוב ווערן איז פאראן אין די מדרשים (שמות רבה ב׳, מדרש שיר השירים אויפן פסוק „מי זה עומד אחר כתלנו" און אנדערע), און שוין פון די אלטע צייטן אן האבן יידן געהאלטן דאס ארט פאר הייליק. די לעגענדע דערציילט אז די רוימער האבן דאס ארט געהייסן פארווארפן מיט מיסט, און ערשט ווען אמאר דער מאכמעדאנישער קאליף איז געקומען האט ער געלאזט אפרייניקן דאס ארט און דערלויבט די יידן צו קומען דאווענען. אויך די מאכמעדאנער באטראכטן דאס ארט אלס הייליק און זיי רופן עס „אל־בוראק" (אויפן נאמען פון לעגענדארן פערד מיט וועלכן

דער נביא מאכמעד איז געקומען צופליען צו דער כותל המערבי). אין די לעצטע יארן האבן ארום דער כותל המערבי די אראבער גערייצט קעגן יידן אין ארץ־ישראל און דאס האט דערפירט צו די אומרוען אין אב תרפ״ט. א קאמיסיע פון פעלקער־בונד האט ארויסגעגעבן דעם אורטייל, אז די כותל המערבי געהערט צו די מאכמעדאנער אבער יידן האבן דאס רעכט צו קומען דאווענען. — ארום דער כותל המערבי זענען אנטשטאנען פיל ספורים; זיי געפינען זיך אין „שערי ירושלים״, „אגדות ארץ־ישראל״.

**כזית** (אזוי גרויס ווי א זית׳ אז איילבירט). דאס איז אין די דינים וועגן עסנווארג דער באשטימטער מינימום־גרויס פון דעם וואס הייסט עסן. ווען מען עסט מצה די ערשטע נאכט פסח מוז מען עסן א „כזית״. דאס זעלבע אויך ווען מען טאר נישט עסן חמץ. טרפות, ווערט מען באשטראפט נאר ווען מען עסט א כזית.

**כינע** וועגן די גאר אלטע צייטן פון דער געשיכטע פון יידן אין כינע זענען פאראן פיל לעגענדעס; לויט איינער פון זיי זאל שוין דאסווארט ..סינים״ אין ישעיה מ״ט מיינען כני (רבי מנשה בן ישראל. אין „מקוה ישראל״); לויט דער דאזקער מיינונג זאלן די יידן אין כינע שטאמען פון די עשרת השבטים; לויט דער מיינונג פון ש. מ. פערלמאן (אין זיין ספר „הסינים. היהודים בסין״, לאנדאן 1911). וועלכער האט געלעבט אין כינע און געפארשט די עלטערע געשיכטע פון כינעזישע יידן, זענען די ערשטע זיכערע ידיעות פון יידן אין כינע פון 7טן יארהונדערט; די יידן זאלן האבן געקומען קיין כינע פון פערסיע איבער אינדיע; די כינעזער רופן זיי „די טרייבערער פון גיד הנשה״; עס זענען פאראן פיל יידישע מצבות מיט היסטארישע אויפשריפטן אין קאי־פונג־פו, פון וועלכע עס איז צו זען. אז די יידן אין כינע האבן געהאט אויסצושטיין אין 17טן יארהונדערט שרעקלעכע רדיפות. איצט געפינען זיך אין כינע ביי 4 טויזנט כינעזישע יידן, וועלכע זעען אויס ווי די כינעזער, האבן נאר געוויסע יידישע מנהגים, עסן נישט דעם גיד הנשה, קיין חזיר, האבן חתונה נאר צווישן זיך, טראגן נישט קיין שעטנז. אחוץ די כינעזישע יידן זענען געקומען לעצטנס קיין כינע יידן פון אייראפע. מייסטנס פון רוסלאנד. באזונדערס נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע אין 1918, און פון דייטשלאנד נאך דער אנטשטייאונג פון דער היטלער־רעגירונג אין 1933; די דאזיקע יידן, לערך 30 טויזנט, וואוינען אמייסטן אין כארבין און שאנכאי. — זע פערלמאן „הסינים. היהודים בסין״, לאנדאן 1911.

**כל ישראל חברים** זע „אליאנס״.

**כל נדרי** די תפלה, ריכטיקער געזאגט. הערקלערונג, וואס ווערט געזאגט יום כפור נאכט פארן דאווענען מעריב, און דער אינהאלט איז, אז די נדרים און שבועות וואס מען וועט מאכן א גאנץ יאר זענען בטל. דער כל נדרי ווערט געזונגען מיט דער באקאנטער רירנדער טרויערנדער מעלאדיע דריי מאל. מען האלט, אז דער מנהג צו זאגן כל נדרי שטאמט פון די צייטן פון די גאונים; ער ווערט דערמאנט אין סידור פון רב עמרם גאון. וועגן דער מעלאדיע איז פאראן א מיינונג אז זי שטאמט פון די צייטן פון די אנוסים אין שפאניע, וועלכע זענען געלעגן באהאלטן אין די קעלערם און מיט דעם כל נדרי האבן זיי אפגעלייקנט די אלע געצוואונגענע דערקלערונגען וועגן אננעמען די נייע רעליגיע; אין דער מעלאדיע קלינגט אפ דער טרויער און וויי־

טאָג פון די אנוסים. די דאָזיקע מיינונ־
גען שיינט ניט צו זיין ריכטיק. ווייל די
ספרדישע יידן, וואָס שטאַמען פון שפּאַ־
ניע, האָבן ניט די כל־נדרי־מעלאָדיע. די
רעפאָרם־יידן האָבן אָפּגעשאַפט דעם כל־
נדרי צוליב די אַנטיסעמיטישע אָנקלאַגן,
אַז אַ יידס שבועה האָט קיין ווערט ניט;
אַנשטאַט כל נדרי זאָגן זיי מיט דער
זעלבער מעלאָדיע אַ געוויסע תפלה. —
די נאַכט פון יום כפור הייסט „כל־נדרי־
נאַכט". — די כל־נדרי־מעלאָדיע איז
באַאַרבעט געוואָרן דורך ברוך. — זע „יום
כיפור".

**כלאים** אין חומש ויקרא י"ט זענען
פאַראַן עטלעכע פאַרבאָטן וועגן כלאים
(מישונג): 1) „כלאי זרעים", מען טאָר
ניט פאַרזייען צוויי מינים גרינוואַרג
איינס מיטן אַנדערן; 2) „כלאי כרם"
מען טאָר נישט פאַרפלאַנצן פרוכט־בוי־
מער צוזאַמען מיט תבואה און גרינוואַרג;
3) „כלאי בהמה", מען טאָר ניט איינ־
שפּאַנען צוויי מינים בהמות (אַן אָקס און
אַן אייזל) און אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען;
4) „כלאי בגדים", מען טאָר ניט טראָגן
אַ קלייד וואָס באַשטייט פון וואָל און
פלאַקס צוזאַמען; דער דאָזיקער קליי־
דונגס־כלאים איז אויך באַקאַנט מיטן נאָ־
מען „שעטנז". עס איז אויך פאַראַן
„כלאי בהמה".

**כלאים** נאָמען פון אַ מסכתא משניות
(אויף וועלכער עס איז פאַראַן תוספתא
און גמרא בלויז ירושלמי) אין סדר זר־
עים; האָט 9 פּרקים; באַהאַנדלט אַלע די־
נים פון כלאים.

**כלב בן יפונה** פון שבט יהודה, איי־
נער פון די מרגלים, וועלכע משה רבנו
האָט געשיקט אויסצושפּירן ארץ־ישראל
(במדבר י"ג); ער האָט גערעדט גוטס
אויף ארץ־ישראל, דעריבער האָט ער זוכה
געווען אַריינצוקומען אין לאַנד. אין
יהושע י"ד, ט"ו און שופטים א' ווערט
דערציילט, אַז ער האָט איינגענומען
חברון און אַז זיין ברודער עתניאל האָט
חתונה געהאַט מיט כלבס טאָכטער עכסה.

**כלבו** נאָמען פון אַ ספר פון דינים און
מנהגים פאַר אַ גאַנץ יאָר („כל־בו", „אַלץ
אין אים"), ווי אויך פאַרשידענע ספּורי
מעשיות און אגדות און טעמי המצוות.
דער מחבר איז ניט באַקאַנט. טייל האַלטן,
אַז רבי יצחק בן ששת (ריב"ש) האָט
אים מחבר געווען; לויט אַנדערע רבי
שמריהו ברכי שמחה; דאָס ערשטע מאָל
געדרוקט נעאַפּאָל 1490.

**כלה** זע „חתונה", „חתן כלה".

**כלה** נאָמען פון אַ מסכתא פון די
„קליינע מסכתות" (מסכתות קטנות),
אַנטהאַלט 10 פּרקים (געדרוקט געוויינ־
לעך צום סוף פון מסכתא סנהדרין) באַ־
האַנדלט די דינים פון חתונה האָבן ווי
אויך דיני מוסר און דרך־ארץ; די מסכתא
כלה ווערט דערמאָנט אין דער גמרא
קדושין מ"ט און אַנדערע ערטער. די
ראשונים האָבן געהאַט פאַר זיך נאָך איין
פרק.

**כלי־זמר** (קלעזמער) זע „מוזיק".

**כלים** די ערשטע מסכתא משניות אין
סדר טהרות, האָט 30 פּרקים (אין תוספ־
תא צעטיילט אויף 3 בבות, צוזאַמען 27
פּרקים), אָן גמרא; באַהאַנדלט די דינים
פון טומאה פון כלים; אין אָנהויב פון
דער מסכתא ווערן געגעבן די הויפּט־
כללים פון טומאה; עס ווערן דאָרט אויך
געגעבן די 10 הייליקסטע זאַכן (עשר
קדושות) אין דער וועלט.

**כמעלניצקי, באָהדאַן** זע „אוקראַי־
נע", „האַנאוער", „ת"ח ות"ט".

**כנסת הגדולה** (גרויסע פארזאמלונג), אין דער אלטער יידישער טראדיציע וואס ווערט דערמאנט צום ערשטן מאל אין דער משנה אבות פרק א׳, ווערט אנגעגעבן, אז נאך די נביאים, אין דער ערשטער צייט פון 2טן בית המקדש, האט עקזיסטירט ביי יידן די העכסטע רעליגיעזע אינסטיטוציע מיטן נאמען „כנסת הגדולה״, און אירע מיטגלידער האבן געהייסן „אנשי כנסת הגדולה״. די משנה אין אבות א׳ זאגט, אז די נביאים האבן איבערגעגעבן די תורה צו די אנשי כנסת הגדולה, און אז שמעון הצדיק איז געווען פון די „שיירי כנסת הגדולה״, דאס הייסט, פון די לעצטע מענער פון דער דאזיקער העכסטער אינסטיטוציע. די היסטאריקער האבן פארשידענע מיינונגען וועגן דער צייט און טעטיקייט פון דער דאזיקער אינסטיטוציע, וועלכע איז די וויכטיקסטע אין דער יידישער געשיכטע, ווייל זי איז געווען די פארבינדונג צווישן דער צייט פון תורה שבכתב, די נביאים, און דער צייט פון תורה שבעל פה, משנה. טייל האלטן, אז זי האט זיך אנגעהויבן אין דער צייט פון עזרא ונחמיה, און איז באשאפן געווארן אויף דער גרויסער פארזאמלונג (נחמיה ח׳) פון די „ראשי האבות״, און האט עקזיסטירט לערך 200 יאר ביז שמעון הצדיק; זי זאל האבן באשטאנען פון 120 מיטגלידער (ירושלמי ברכות ד׳); די משנה אבות א׳ זאגט, אז די אנשי כנסת הגדולה האבן געלערנט 3 זאכן: „הוו מתונים בדין, והעמידו תלמידים הרבה ועשו סייג לתורה״ (זייט געלאסן אין ארויסגעבן אן אורטייל, שטעלט אויף א סך תלמידים און מאכט א צוים ארום דער תורה). זיי האבן אזוי ארום איינגעפירט דאס פארשפרייטן צו לערנען תורה און נישט זי זאל זיין בלויז דאס אייגנטום פון געציילטע מענטשן, און אויך דאס מאכן גדרים, צוימען, צוגעבן געוויסע דינים וועלכע זאלן אפהיטן די מצוות פון דער תורה. אין בבא בתרא ט״ו ווערט געזאגט, אז זיי האבן געשריבן א ריי ספרים פון תנ״ך, און עס איז פאראן א טראדיציאנעלע מיינונג אז זיי האבן געשלאסן דעם תנ״ך, ניט לאזנדיק מער צוגעבן ספרים. אין דער גמרא ווערן געבראכט פיל זאכן, וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן איינגעפירט ווי די תפלות (ברכות ל״ג), פארשידענע מצוות דרבנן, וועלכע זענען באקאנט מיטן נאמען „דברי סופרים״ און אנדערע. — זע ווייס, „דור דור ודורשיו״ חלק א׳; „דרכי המשנה״ פון פראנקעל.

**כנסת ישראל** (די פארזאמלונג פון יידן), אין דער אגדה פון דער גמרא און מדרש איז פאראן דער אויסדרוק פון „כנסת ישראל״ צו באצייכענען דערמיט דאס יידישע פאלק (ברכות נ״ג און אנדערע), באזונדערס אין מדרש שיר השירים, וואו עס ווערט אויסגעטייטשט דער שיר השירים אלס דיאלאג צווישן דער כנסת ישראל און גאט.

**כנסת ישראל** אפיציעלער נאמען פון דער יידישער געמיינשאפט פון אלע יידישע קהלות אין ארץ־ישראל (מיטן אויסנאם פון די ארויסגעטרעטענע ווי „אגודת ישראל״), באשטעטיקט דורך ענגלאנד אין 1928. די כנסת ישראל באשטייט פון דערוויילטע 1) „אספת נבחרים״ (פארלאמענט), וועלכער ווײלט פון זיך אויס דעם „ועד הלאומי״; 2) רבנות הראשית (העכסטער ראבינאט); 3) „ועדי הקהלות״. די כנסת ישראל איז דורך אירע אינסטיטוציעס די אפיציעלע פארשטייערשאפט פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און זארגט פאר אלע ענינים פון יידישן ישוב, וועלטלעכע און רעליגיעזע. — זע „ארץ־ישראל״.

**כנען** נאָמען פון 4טן זון פון חם, נחס זון; נח האָט אים פאַרשאָלטן, אַז ער זאָל זיין אַ קנעכט (בראשית ט'). פון אים שטאַמט דאָס פאָלק כנעני, אַ סעמיטיש פאָלק (הגם לויט דער טראַדיציע שטאַמט עס פון חם), ווערט דערמאָנט אָפט אין תנ"ך צווישן די פעלקער וואָס האָבן באַוואוינט ארץ־ישראל איידער די יידן האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד. ארץ־ישראל הייסט דעריבער אין חומש „ארץ כנען". די כנעניים זענען געווען באַקאַנט אַלס סוחרים (הושע י"ב: כנען בידו מאזני מרמה) און באַזונדערס האָבן זיך מתייחס געווען צו די כנעניים די אָפּשטאַמענדע פון צור וצידון. זייער שפּראַך איז געווען ענלעך צו העברעאיש. — וועגן „לשון כנען" זע זוכוואָרט „טשעכאָסלאָוואַקיע".

**כנרת** נאָמען פון אַ וואַסער, אַן אָזיערע (לעיק) אין ארץ־ישראל ביי דער שטאָט טבריה, דערמאָנט אין חומש במדבר ל"ד, יהושע י"ב („ים כנרת"). דער נאָמען „כנרת" זאָל זיין דערפון וואָס דער ים זעט אויס ווי אַ האַרפע (כינור); אין דער גמרא הייסט ער „ים גינוסר"; געפינט זיך 208 מעטער אונטער דער פלאַך פון מיטלענדישן ים; האַלט 21 קילאָמעטער אין דער לענג און פון 8 און אַ האַלב ביז 12 קילאָמעטער אין דער ברייט. דאָס וואַסער איז זיס און האָט אַ סך פיש. אין דער צייט פון בית שני איז אַרום כנרת געווען אַ גרויסער יידישער ישוב. היינט געפינען זיך אַחוץ טבריה אויך די קאָלאָניעס כנרת, מצפה, מגדל און אַנדערע.

**כסא הכבוד** אויסדרוק אין דער יידישער מיסטיק צו באַצייכענען גאָטס טראָן אין הימל; נעמט זיך פון דער וויזיע אין יחזקאל א' „דמות הכסא" און „דמות כבוד ה'"; דער מדרש בראשית רבה א' זאָגט, אַז דער כסא הכבוד איז געשאַפן געוואָרן איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

**כסא של אליהו** זע „מילה".

**כסוי הדם** (צודעקן דאָס בלוט), עס איז דער דין, אַז ווען מען שעכט אַן עוף אָדער אַ חיה (ניט אַ בהמה) דאַרף מען פאַרדעקן דאָס בלוט מיט ערד; דער דין איז פאַראַן אין חומש ויקרא י"ז, און די פּרטים וועגן דעם זענען פאַראַן אין משנה און גמרא אין חולין פרק ו', כסוי הדם.

**כסלו** נאָמען פון 3טן חודש אין יידישן קאַלענדאַר, אויב מען רעכנט דעם 1טן חודש תשרי, און דער 9טער אויב מען רעכנט אַלס 1טן חודש ניסן; ווערט דערמאָנט אין זכריה ז' און נחמיה א'; דער נאָמען שטאַמט פון בבל; ער האָט טייל־מאָל 29 און טיילמאָל 30 טעג; אין כסלו זענען געווען (לויט מגילת תענית) אַ ריי פייערלעכע אָנדענק־טעג; די וויכטיקסטע פון זיי זענען חנוכה. — זע „חנוכה".

**כעס** אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק ווערט כעס באַטראַכט אַלס אַ זייער שלעכטע מידה; קהלת ז' זאָגט „אל תבהל לכעוס", ווערט ניט שנעל אין כעס (הגם „כעס" אין קהלת מיינט מען „ערגערן זיך"); אין משנה אבות ה' ווערט דער „נוח לכעוס", דאָס ווערן שנעל אין כעס, זייער געטאַדלט; פאַראַן אַ פאָלקסוואָרט „כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה" (ווער עס ווערט אין כעס איז ווי ער וואָלט געדינט צו אָפּגעטער); ענלעך צו דעם איז פאַראַן אין דער גמרא שבת ק"ה אַז ווער עס צעררייסט קליידער אָדער טוט אַן אַנדערן שאָדן זייענדיק אין כעס, איז ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה.

**„כף הקלע"** (די האַנט פון וואַרפן); דער אויסדרוק איז פאַראַן אין תנ"ך, שמואל א' כ"ה; אין דער גמרא שבת

קנ״ב ווערט מיט „כף הקלע״ אנגערופן דאס ארט אויף יענער וועלט ביים גיהנום וואו די מלאכים ווארפן איינער צום צווייטן די נשמות פון די רשעים; אין די מוסר־ספרים „שבט מוסר״ און „ראשית חכמה״ ווערט דער כף הקלע באטראכט אלס א גרויסער עונש פאר רשעים.

**כפירה** (לייקענען) מיטן ווארט „כפירה״ ווערט באצייכנט געוויינלעך דאס לייקענען אין דער עקזיסטענץ פון גאט, אין תורה מן השמים; דערפון איז געווארן דער באגריף „כופר בעיקר״; אין סנהדרין ל״ח און אין דער הגדה של פסח איז פאראן ביים רשע „כפר בעיקר״; פאראן אויך סתם „כופר״ (סנהדרין ל״ט). — זע „אטעאיזם״.

**כפר** (דארף), פאראן אין ארץ־ישראל א סך ערטער וואס האבן געטראגן דעם נאמען „כפר״ מיט נאך א צוגאב־נאמען; אין יהושע י״ח געפינען מיר כפר העמרני; אין דער משנה און גמרא זענען פאראן פיל אזעלכע „כפר״־נעמען־ערטער; אין די ספורים וועגן חרבן ירושלים (גטין נ״ו) ווערן דערמאנט 3 אזעלכע „כפר״־ערטער וואס זענען געווען גרויסע שטעט; דער „ערוך השלם״ ביים זוכווארט „כפר״ ברענגט א רשימה פון די דאזיקע „כפר״־ערטער אין תלמוד; ביי די אראבער איז דאס ווארט כפר פארוואנדלט געווארן אין „קאפר״; לעצטנס, זינט עס האט זיך אנגעהויבן די נייע יידישע קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל, זענען אנטשטאנען א דיי קאלאניעס מיט „כפר״־נעמען ווי כפר גלעדי, כפר חסידים (באזעצט דורך חסידים פון פוילן), כפר ילדים (קינדערדארף), כפר סבא און אנדערע; אין דער קריסטלעכער וועלט ווערן פארהייליקט די חורבות פון כפר נחום (ניט ווייט פון כנרת), און שוין אין מדרש קהלת איז צו זען אז דארט זענען אין דער אלטער צייט געווען קריסטן.

**כפרות** (פארגעבונגען), מנהג ביי יידן צו שלאגן כפרות. אין דער נאכט פאר ערב יום כפור אדער א טאג פריער. געוויינלעך נעמט מען פאר א מאנספערזאן א האן און פאר א פרוי א הון און מען דרייט מיט זיי איבערן קאפ און מען זאגט „זה כפרתי״, דאס איז מיין כפרה. דאס הייסט, אז דער האן וועט געשאכטן ווערן און דאס וועט זיין אן אויסטויש פארן מענטש, וועלכער וועט בלייבן לעבן. דעם האן שעכט מען און מען עסט אים ערב יום כפור און מוצאי יום כפור. מען זאגט ביים דרייען מיט דער הון אויך די תפלה פון „בני אדם״. און דערפון שטאמט דאס ווארט וועגן איינעם, וואס פארשטייט נישט א געשריבענע אדער געדרוקטע זאך, „ער קוקט ווי א האן אין בני אדם״. דער מנהג פון כפרות־שלאגן איז זייער אן אלטער; רש״י אין שבת פ״א ברענגט אין נאמען פון תשובות הגאונים, אז מען האט געשלאגן כפרות ערב ראש השנה מיט פלאנצונגען; אין אנדערע „תשובות הגאונים״ ווערט געבראכט שוין וועגן מנהג צו שלאגן כפרות מיט א הון; דער רמב״ם ברענגט ניט דעם מנהג; אין שלחן ערוך אורח חיים ווערט ער יא געבראכט דורכן רמ״א (רבי משה איסערלים); עס זענען געווען פוסקים וואס האבן ניט געהאלטן פון כפרות־שלאגן, באטראכטנדיק דאס פאר אן אבערגלויבן.

**כראנאלאגיע** זע „קאלענדאר״.

**כרובים** מיסטעריעזע פייגל, וועלכע ווערן דערמאנט צוערשט אין בראשית ג׳ אז גאט האט אוועקגעשטעלט ביים גן עדן די „כרובים״; אין שמות כ״ה ווערט דערציילט אז אין משכן (שפעטער אין בית המקדש) זענען אין קדש־קדשים געווען די כרובים מיט פליגלען; אין ישעיה ל״ז ווערט גאט אנגערופן „דער יושב

„הכרובים". אויך אין שמואל ב' כ"ב, תהלים י"ח, יחזקאל י' ווערן דערמאנט די כרובים אלס מיסטעריעזע פליענדע פייגל אין הימל; די גמרא סוכה ה' זאגט וועגן די כרובים פון בית המקדש אז זיי האבן געהאט דעם אויסזען פון קליינע קינדער; אין 2טן בית המקדש זענען קיין כרובים ניט געווען (יומא כ"א).

**כריתות** מסכתא אין משניות, די 7טע אין סדר קדשים, האט 6 פרקים (תוספתא 4 פרקים)' גמרא נאר בבלי; באהאנדלט די דינים ווער עס באקומט די שטראף פון כרת, ווער עס דארף ברענגען די זינד־קרבנות חטאת, אשם.

**כרמולי, אליקום** (1802 עלזאס — 1875 אין פראנקפורט), געלערנטער אין חכמת ישראל, ביבליאטעקאר אין דער נאציאנאל־ביבליאטעק אין פאריז; ארויסגעגעבן און באארבעט און דערקלערט פארשידענע אלטע כתבי יד, צווישן זיי „אלדד הדני", „סבוב רבי פתחיה", „ספר המסעות לארץ ישראל", „דברי הימים לבני יחיא" און אנדערע; ער האט אויך געשריבן אייגענע ווערק ווי „תולדות גדולי ישראל" (בלויז איין העפט), „געשיכטע פון יידישע דאקטוירים" (אין פראנצויזיש) און אנדערע.

**כרמל** נאמען פון בארג אין ארץ־ישראל, ציט זיך לענג אויס דעם מיטלענדישן ים פון חיפה צו דרום און אויך טיף אריין אין לאנד ביזן עמק יזרעאל; ווערט דערמאנט פיל מאל אין תנ"ך (יהושע י"ט); אויפן כרמל זענען פארגעקומען די וואונדער־ספורים פון אליהו הנביא ווי ער האט באקעמפט די נביאי הבעל (מלכים א' י"ח); די אראבישע קריסטן אין ארץ־ישראל רופן אים „דער בארג פון הער עליאס". אין איין ארט ווערט געוויזן די הייל וואו אליהו הנביא איז געווען; אין אן אנדער ארט ווערט געוויזן דאס ארט וואו אליהו הנביא האט מקריב געווען, און מען רופט עס „מאכרעיקא". היינט זענען אויפן כרמל פאראן גרויסע יידישע ישובים; אינדערמיט פון שפיץ פון בארג איז פאראן דער גרויסער יידישער שטאט־טייל פון חיפה „הדר הכרמל", וואו עס איז אויך פאראן דער העברעאישער טעכניקום; אויך איז דערביי פאראן דער יידישער קווארטאל „נוה שאנן"; אויפן בארג אין דער הויך זענען פאראן „כרמל מערבי", „וורדיה" („ווערדיא"), „אחוזת שמואל", „יערות הכרמל" און אנדערע. עס זענען אויפן כרמל פאראן עטלעכע דערפער פון די דרוזן.

**כרמל** יידישע געזעלשאפט צום פארקויף פון ארץ־ישראל־וויין געגרינדעט 1896; דערפון הייסט דער וויין פון ארץ־ישראל אין אלגעמיין „כרמל־וויין".

**כרפס** זע „סדר".

**כרת** (פארשניידונג), אין חומש ווערט געבראכט אלס איינער פון די שטראפן פאר עובר זיין אויף געטס געבאט „ונכרתה הנפש ההיא מעמיה" (פארשניטן ווערן פון פאלק). די גמרא מועד קטן כ"ח און אנדערע ערטער מיינט אז דער מענטש וועט שטארבן יונג; די דאזיקע שטראף הייסט „כרת", און זי איז שווערער פון מלקות (קריגן געשלאגן), אבער לייכטער פון „מיתה" (טויט־שטראף דורך מענטשן); אויב איינער איז עובר בשוגג אויף א כרת־עבירה דארף ער ברענגען א קרבן חטאת; די משנה אין מסכתא כריתות רעכנט אויס 36 עבירות, פאר וועלכע עס קומט כרת.

**כרתי ופלתי** מיליטערלייט פון דוד המלך (שמואל ב' ח'); די גמרא ברכות

ד׳ וויל דאָס פֿאַרבינדן מיטן „אורים ותומים“.

## כשדים זע „בבל“.

**כשוף** אין חומש ווערט עטלעכע מאָל אָנגעזאָגט, אַז מען טאָר ניט פֿאַרנעמען זיך מיט כישוף; אין דברים י״ח ווערט געזאָגט „לא ימצא בך — קוסם קסמים מעונן מנחש ומכשף“; שמות כ״ב זאָגט אַז „מכשפה לא תחיה“ (זאָלסט ניט לאָזן לעבן אַ מכשפה); די כשפים זענען געווען פֿאַרשידענע סאָרטן, ווי דער דערמאָנטער פּסוק אין חומש רעכנט אויס, צווישן זיי אויך „אוב וידעוני“ (זע זוכוואָרט „אוב“); פֿון באַקאַנטן ספּור פֿון שאול המלך, וועלכער איז געגאַנגען זיך נאָכפֿרעגן ביי דער בעלת אוב (שמואל א׳ כ״ח) איז צו זען, אַז מען האָט געהאַלטן אַז כישוף ווירקט יאָ, נאָר מען טאָר ניט טאָן. אין דער משנה און גמרא ווערט פֿיל געוואָרנט קעגן כישוף און עס ווערן געבראַכט ספּורי מעשיות וועגן מכשפים. און די גמרא אין סנהדרין י״ז זאָגט, אַז די סנהדרין האָבן געדאַרפֿט קענען כישוף — זע זוכוואָרט „אָבערגלויבן“.

**כשר** זע „טריפה“. — פֿון וואָרט „כשר“ איז געוואָרן אויך „הכשר“, אַ צייגעניש, וואָס רבנים געבן אַרויס אויף געוויסע זאַכן, אַז זיי זענען כשר און מען מעג זיי עסן. דערפֿון איז אויך געוואָרן דאָס וואָרט „כשרן“, דאָס הייסט כשר־מאַכן; למשל ווען אויף אַ פֿליישיג מעטאַלן געפֿעס האָט אַרויפֿגעשפּריצט אַ טראָפּן מילך, הייסט דער רב „כשרן“ דאָס געפֿעס, דורך אַריינלייגן עס אין קאָכעדיק וואַסער; אַמייסטן ווערט באַנוצט דאָס וואָרט „כשרן“ פֿאַר פּסח, ווען מען כשרט געפֿעסן פֿון חמץ אויף יום־טובדיק. מען זאָגט אויך „כשר מאַכן פֿלייש“, ווען מען זאַלצט דאָס פֿלייש לויטן דין. — זע „טריפה“.

## כתבי הקודש זע „תנ״ך“.

**כתובה** נאָמען פֿון שריפֿטלעכן דאָקומענט וואָס דער מאַן גיט דער פֿרוי ביים חתונה האָבן; אין דאָקומענט ווערן איינגעשריבן די אַלע פֿליכטן, וואָס דער מאַן נעמט אויף זיך אין באַצוג צו זיין פֿרוי, ווי אויך די געלטער וואָס די פֿרוי האָט אים אַריינגעבראַכט, און אויך וויפֿל זי דאַרף באַקומען געלט אין פֿאַל ווען ער גט איר אָדער זי ווערט אַן אַלמנה. אין דער גמרא יבמות קי״ז ווערט עס אויך גערופֿן „ספר כתובה“. די גמרא כתובות פּ״ב זאָגט, אַז שמעון בן שטח (געלעבט אין ירושלים אין דער צייט פֿון אַלכסנדר ינאי המלך אין 1טן יאָרהונדערט פֿאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האָט איינגעפֿירט די תקנה צו געבן אַ כתובה. אין משניות כתובות ווערן געבראַכט די דינים פֿון דער כתובה און אויך די פֿאַלן ווען די פֿרוי איז שולדיק אין באַקומען דעם גט און דעריבער קומט איר ניט קיין כתובה. דער נוסח פֿון דער כתובה איז אין דער אַראַמאַישער שפּראַך. דער עלטסטער כתובה־אָריגינאַל שטאַמט פֿון דער „גניזה“ (זע „גניזה“) פֿון 10טן יאָרהונדערט. די כתובה ווערט געוויינלעך פֿאַרגעלייענט נאָכן מסדר קדושין זיין. — אין יידיש איז פֿאַראַן פֿון דר. משה גאַסטער „די כתובה אין איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג“.

**כתובות** מסכתא משניות אין סדר נשים, אויף וועלכער עס איז פֿאַראַן תוספתא און גמרא בבלי און ירושלמי; אַנטהאַלט 13 פּרקים; באַהאַנדלט די דינים כתובות און די קעגנזייטיקע פֿליכטן פֿון מאַן און ווייב. די גמרא כתובות איז פֿיל געלערנט געוואָרן אין די ישיבות, וויל זי האָט אַ סך שווערע שיטות; מען האָט איר אויך גערופֿן „קליין ש״ס“.

**כתובים** נאָמען פון דעם דריטן טייל פון תנ"ך, אנטהאַלט די ספרים רות, תהלים, איוב, משלי, קהלת, שיר השירים איכה, דניאל אסתר עזרא ונחמיה, דברי הימים (בבא בתרא י"ד); דעם נאָמען „כתובים" טרעפט מען אין משנה, תוספתא און גמרא (ידים ג' „כל הכתובים קודש", בבא בתרא י"ד „סידרן של כתובים") אלס אַ טייל פון תנ"ך; די איבעריקע צוויי טיילן ווערן אָנגערופן תורה, נביאים; אין דער גריכישער שפּראַך און דערפון אויך אין אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן, ווערן כתובים גערופן „האגיאָגראַפן"; זע זוכוואָרט „תנ"ך".

**כתובים אחרונים** „די לעצטע כתובים"; פון גריכישן רופט מען זיי אויך „אַפּאָקריפן". מיט דעם נאָמען „כתובים אחרונים" באַצייכנט מען די יידישע ספרים, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, און זענען ניט אַריינגענומען געוואָרן אין תנ"ך; די דאָזיקע ספרים, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז געשריבן געוואָרן אין העברעאיש, זענען געבליבן אין איבערזעצונגען, אין דער גריכישער שפּראַך, ווי אויך אין טייל אָריענטאַלישע שפּראַכן (אַלט־אַבעסיניש, סיריש). צו די דאָזיקע „כתובים אחרונים" געהערן ספר בן סירא, „חשמונאים", „חכמת שלמה", „יהודית", ספר „היובלים", „צוואות השבטים", ספר „חנוך" און אַנדערע. די יידישע חכמים, וועלכע האָבן געשלאָסן דעם תנ"ך און ניט אַריינגענומען קיינע פון די דאָזיקע כתובים אחרונים, האָבן געהאַט פאַרשידענע גרונטן פאַרוואָס זיי האָבן עס געטאָן. אין אַ טייל פון די כתובים אחרונים זענען געווען מיינונגען קעגן די אָפיציעלע רעליגיעזע יידישע מיינונגען (ספר היובלים און אַנדערע). אין דער משנה ווערן די דאָזיקע כתובים אחרונים גערופן „ספרים חיצונים" און דער תנא רבי עקיבא האָט געזאָגט אַז ווער עס לייענט אין זיי האָט ניט קיין חלק לעולם הבא (סנהדרין צ'); פון דער גמרא אין סנהדרין ק' איז צו זען אַז אויך דאָס ספר בן סירא ווערט אַריינגערעכנט צו די ספרים חיצונים. אַנדערע חכמים האָבן יאָ מתיר געמאַכט צו לייענען אין די כתובים אחרונים. טייל פון כתובים אחרונים זענען איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש דורך זעקיל פרענקעל (לייפּציג, 1830); לעצטנס איז דערשינען אין תל־אביב אַ גרינטלעכערע, מער וויסנשאַפטלעכערע איבערזעצונג פון „כתובים אחרונים" אין העברעאיש (הספרים החצונים) דורך אברהם כהנא מיט דער באַטייליקונג פון אַ ריי געלערנטע; צו דער דאָזיקער אויסגאַבע זענען צוגעגעבן איינלייטונגען וועגן יעדן ספר. פּרטים אין מבוא צו דער כהנא־אויסגאַבע. — זע די זוכווערטער פון די באַזונדערע ספרים, ווי „בן סירא", „חכמת שלמה", „חנוך"; „חשמונאים", „יובלים" און אַנדערע.

**כתות** וועגן די כתות (סעקטעס) וואָס זענען אַנטשטאַנען ביי יידן, זע ביי די זוכווערטער פון די כתות ווי איסיים, חסידים, פּרושים, צדוקים, קראים, רעפאָרם, שבתי־צבי, שומרונים.

**כתיבה וחתימה טובה** (אַ גוטן פּסק דין, געשריבן און געחתמעט), אַ וואונטש, וואָס מען ווינטשט זיך איינער דעם צווייטן פון אלול ביז איבער יום כפור, ביי טייל ביז איבער „הושענא רבה"; פון ראש השנה ביז איבער יום כפור ווינטשט מען זיך אַ „גמר חתימה טובה"; ראש השנה ביינאַכט, נאָכן דאַווענען ווינטשט מען זיך „לשנה טובה תכתב ותחתם" (צו אַ גוט יאָר זאָלסטו געשריבן און געחתמעט ווערן). — זע „ימים נוראים", „ראש השנה".

**כתים** נאָמען פון אַ פאָלק אין תנ״ך, שטאַמט אָפּ פון יון דעם זון פון יפת (בראשית י׳); מען האָט געמיינט דער־מיט איינעם פון די גריכישע פעלקער וואָס האָט געוואוינט אויף אַן אינזל אין מיטלענדישן ים און פאַרנומען זיך מיט מסחר; מען גלויבט אַז דאָס איז דער אינזל קרעטאַ; לויט פלאַוויוס זאָל עס זיין קפריסין (ציפערן).

**כתר** (קרוין). — 1) אויף דער ספר תורה טוט מען אָן אַ קרוין און מען רופט איר „כתר״, אַן אָנדייטונג צו די ווער־טער אין דער משנה אבות ד׳ „כתר תורה״. — 2) אין דער קבלה ווערט „כתר״ באַטראַכט אַלס די העכסטע ספי־רה; זע „קבלה״. — 3) אין נוסח ספרד אָנגענומען דורך חסידים, זאָגט מען שבת און יום־טוב ביי דער קדושה פון מוסף „כתר״.

# ל

**ל (למד)** 12טער בוכשטאב אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; אלס ציפער איז די ל׳ 30; אין דער ספרדישער אויסשפראך ווערט די למד אויסגעדריקט ווייך.

**לא, לאו** אין העברעאיש איז „לא״ דער טייטש „ניט״, און דערפון זענען כמעט אלע פארבאטן אין חומש אויסגעדריקט מיטן ווארט „לא״, ווי אין די עשרת הדברות: לא תרצח (זאלסט ניט מארדן), און אזוי ווייטער. אין דער משנה און גמרא ווערן דעריבער די פארבאטן אנגערופן אויך „לא תעשה״ (זאלסט ניט טאן) און אויך „לאו, לאווין״, (מכות י״ג און אנדערע); טייל מאל רופט אן די גמרא „לאו״ נאר אזא עבירה פאר וועלכע מען קריגט מלקות (געשלאגן), אין אונטערשיד פון „כריתות״, פאר וועלכע עס קומט כרת, און „מיתה״ פאר וועלכע עס קומט טויט־שטראף. — אין יידיש איז פאראן דער אויסדרוק „לא מיט אן אלף״, ווען מען וויל אונטערשטרייכן פעסט דעם „ניט״, כדי אונטערצושיידן פון העברעאישן „לו״ מיט א ו׳ (וואוו), וואס איז דער טייטש „צו אים״. — זע „בל״.

**לאדז** שטאט אין פוילן, די צווייטע גרעסטע (נאך ווארשע) יידישע קהלה אין פוילן, האט געהאט פאר דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939 ביי 220 טויזנט יידן אויף אן אלגעמיינער באפעלקערונג פון לערך 700 טויזנט נפשות; פארמאגט פיל יידישע אינסטיטוציעס, קהלה, שולן, העברעאישע גימנאזיום; אין דער מלחמה זענען די יידן שטארק רואינירט געווארן, און פיל זענען דערמארדעט געווארן.

**לאה** דאס ערשטע ווייב פון יעקב אבינו, טאכטער פון לבן הארמי; אין חומש בראשית כ״ט ווערט דערציילט ווי יעקב האט געוואלט נעמען פאר א ווייב לאהס אינגערע שוועסטער רחל, נאר לבן האט אים אפגענארט און אים געגעבן לאהן; זי האט געבוירן צו יעקבן 6 זין: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר און זבולן, און איין טאכטער דינה; צווישן די אמהות ווערט לאה פארעכנט אלס די לעצטע, שרה, רבקה, רחל, לאה (ברכות ט״ז); לויט דער טראדיציע איז לאה געקומען צו קבורה אין דער מערת המכפלה אין חברון.

**לאטוויע** לאנד ביים באלטישן ים, האט ביי 100 טויזנט יידן אויף אן אלגעמיינער צאל פון 2 מיליאן איינוואוינער: אמייסטן וואוינען די יידן אין דער הויפטשטאט ריגע; די יידן וואוינען אין לאטוויע זינט 16טן יארהונדערט (געהייסן „קורלאנד״); אין 20טן יארהונדערט א שטארקע באוועגונג פון ציוניזם און אגודת־ישראל; דערשינען אין יידיש „אגודה״־צייטונג „היינט״. — זינט דער מלחמה פון היטלער־דייטשלאנד קעגן רוסלאנד זומער 1941, איז לאטוויע פארנומען דורך דעם היטלעריסטישן מיליטער, און פיל יידן זענען דארט אומגעקומען דורך די היטלעריסטן.

**לאנדא (לאנדוי)** בארימטע יידישע פאמיליע אין דייטשלאנד, בעהמען, פוילן, ארויסגעגעבן גרויסע פערזענלעכקייטן; פאראן וועגן דער אפשטאמונג פון דער לאנדא־פאמיליע דאס ספר פון פרידבערג „בני לנדא למשפחותם״ (פראנקפורט 1905). — אלפרעד 1850 אין בראד — 1935 אין ווין), פארשער פון דער יידי־

שער שפּראַך; צו זיין 75טן געבורטס־טאָג האָט „ייוואָ" אַרויסגעגעבן אַ „לאַנ־דוי־בוך", אין וועלכן עס איז פאַראַן אַ ביבליאָגראַפישע רשימה פון לאַנדויס אַר־בעטן. — יחזקאל בן רבי יהודה (געבוירן י"ח חשון תע"ד 1713, איז אַפּטע — געשטאָרבן י"ז אייר תקנ"ג 1793 אין פּראָג), רב, פּוסק, באַקאַנט מיטן נאָמען פון זיין הויפּט־ספר „נודע ביהודה"; צו־ערשט איז ער געווען רב אין יאַמפּאָלי (גאַליציע); פון 1755 איז ער געווען רב אין פּראָג; ער האָט דאָרט אויך אָנגעפירט מיט אַ גרויסער ישיבה און זיינע תל־מידים זענען געווען שפּעטער באַקאַנטע רבנים, ווי רבי אלעזר פלעקלעס, רבי דוד דייטש און אַנדערע; ער האָט אויך גע־האַט געוויסע ידיעות פון אַלגעמיינע ווי־סנשאַפטן, און ער האָט זיך אויך אויס־געצייכנט אַלס דרשן; אין דעם קאַמף קעגן רבי יונתן אייבעשיץ פון רבי יעקב עמדין איז רבי יחזקאל לאַנדאַ געשטאַנען אויף דער זייט פון רבי יונתן. ער איז אַרויסגעטרעטן שאַרף סיי קעגן חסידות און סיי קעגן מענדלסאָנס השכלה; ער האָט אָבער געגעבן זיין הסכמה אויף ווייזלס „יין לבנון"; זיינע ספרים זענען שאלות ותשובות „נודע ביהודה" אין צוויי מהדורות; „ציון לנפש חיה" (צל"ח) אויף עטלעכע גמרות; „דגול מרבבה" הגהות אויפן שלחן ערוך; „דורש לציון" דרשות אין פּלפּול און אַנדערע; אין זיין צוואה האָט ער אָנגעזאָגט אַז מען זאָל אים אין די הספּדים ניט אָנרופן צדיק און חסיד און מען זאָל ניט בויען קיין אוהל אויף זיין קבר, נאָר אַוועק־שטעלן אַן איינפאַכן מצבה־שטיין; וועגן אים איז פאַראַן אַ ביאָגראַפיע פון קאַ־מעלהאַר „מופת הדור".

**לאָנדאָן** הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד און בריטישער אימפּעריע; יידן געפינען זיך לערך 200 טויזנט (אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון לערך 9 מיליאָן); דער יידישער ישוב אין לאָנדאָן איז געווען שוין אין 11טן יאָרהונדערט; אין 1290 איז פאַרגע־קומען דער גרוש; אין 1636 איז מיט דער השפּעה פון רבי מנשה בן ישראל גע־גרינדעט געוואָרן די יידישע קהלה פון פּאָרטוגעזישע יידן; פון דעמאָלט אָן איז די געשיכטע פון יידן אין לאָנדאָן איינגע־לעך כמעט דאָס זעלבע וואָס די געשיכטע פון יידן אין ענגלאַנד. — זע זוכוואָרט „ענגלאַנד".

**לאַנדווירטשאַפט** דאָס יידישע פאָלק האָט אין די אַלטע צייטן, סיי פון תנ"ך, סיי שפּעטער, אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, זיך באַשעפטיקט אין ארץ־ישראל אין גרעסטן טייל מיט לאַנד־ווירטשאַפט, ערד־אַרבעט. די אַלע ברכות אין חומש (ויקרא כ"ו און אַנדערע) זע־נען, אַז עס וועט גיין רעגן, די ערד וועט געבן גוטע תבואות, גוטע פּרוכטן; אַ סך פון די מצוות אין דער תורה, ווי תרומה, מעשר, שמיטה, לקט, שכחה ופאה, זענען אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט; דער אידעאַל פון גליק און רו אין לאַנד איז „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו", יעדער אונטער זיין טרויבן־בוים און זיין פייגנבוים" (מלכים א' ה'). דאָס זעלבע איז אויך געווען אין דער צייט פון 2טן בית המקדש; יוסף פלאַוויוס אין זיין בוך „קעגן אַפּיאָן" זאָגט, אַז יידן באַשעפ־טיקן זיך כמעט אויסשליסלעך מיט ערד־אַרבעט, און פלאַוויוס האָט געלעבט אין דער צייט פון חרבן בית שני. אויך איז דער צייט פון דער משנה און גמרא איז צו זען, אַז אַ גרויסע צאָל יידן זענען גע ווען פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט; די מש־ניות סדר זרעים, די אַלע דינים אין דער גמרא בבא בתרא און אַנדערע גמרות וועגן קויפן פעלדער, אַרענדירן פעלדער, ווייזן אַז די יידן סיי אין ארץ־ישראל, סיי אין בבל זענען געווען אין גרעסטן

טייל לאַנד־אַרבעטער. אויך פיל תנאים און אמוראים האָבן געצויגן זייער פּרנסה פון לאַנדווירטשאַפט. ערשט אין מיטלאַלטער האָבן אָנגעהויבן זיך באַוויזן גזרות אויף יידן אין טייל אייראָפּעאישע לענדער, אַז זיי טאָרן ניט האָבן קיין ערד, און אַזוי אַרום זענען יידן ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון ערד־אַרבעט. אָבער ניט קוקנדיק דערויף האָבן יידן אויך אין דער נייער צייט אין פיל לענדער זיך פאַרנומען אויך מיט באַאַרבעטן די ערד, און די צאָל יידן אין פּוילן, אוקראַינע, גאַליציע, אונגאַרן און אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט איז געווען אַ באַדייטנדע. אָבער דער ווייט גרעסטער טייל יידן איז געווען אַ שטאָטישער עלעמענט. אין ענדע 19טן יאָרהונדערט איז איבערהויפּט פאָרגעקומען ביי יידן אַ גרויסע ענדערונג אין באַצוג צו שטאָטישע באַשעפטיקונגען און עס זענען אַנטשטאַנען באַוועגונגען צוריקצופירן יידן צו לאַנדווירטשאַפט. אַ גרויסע צאָל יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס זענען געגרינדעט געוואָרן אין אַרגענטינע דורך באַראָן הירש (יק״א); דאָס זעלבע האָט זיך אויך אַנטוויקלט יידישע פאַרמעריי אין אַמעריקע, קאַנאַדע. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט דער צוריקער פון יידן צו לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל. וואו די צאָל יידן אין קאָלאָניעס־אַרבעט איז ביי 30 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל יידן אין לאַנד. — וועגן פּרטים זע אין די באַזונדערע זוכווערטער „ייקאַ״, „אַרגענטינע״, „ארץ־ישראל״ און אַנדערע.

**לאַסאַל, פערדינאַנד** (1825—1864) באַרימטער אַרבעטער־פירער אין דייטשלאַנד, אַלזייטיקער ווויסנשאַפטסמאַן, פאָרשער פון אַלטער גריכישער פילאָזאָפיע (בוך: „די פילאָזאָפיע פון העראַקליט דעם טונקעלן״), חבר פון קאַרל מאַרקס, פּראַקטישער שעפער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, געפירט קאַמף קעגן ביסמאַרקן; געהאַט אַ דועל (צוליב אַ ראָמאַנטישער אורזאַך) מיטן רומענישן גראַף ראַקאָוויץ און פאַרוואונדעט געוואָרן און נאָך 3 טעג געשטאָרבן; געקומען צו קבורה אויפן יידישן בית עלמין אין ברעסלאַו; מיט יידישע ענינים זיך ווייניק פאַרנומען; אין דער יוגנט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער וועגן שאַפן אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל.

**לבוב** זע „לעמבערג״.

**לבן הארמי** ברודער פון רבקה (בראשית כ״ד) און פאָטער פון לאה און רחל (בראשית כ״ט), מיט וועלכע עס האָט חתונה געהאַט יעקב אבינו; לבן האָט געוואוינט אין פּדן ארם. אין חומש ווערט דערציילט ווי לבן האָט אָפּגענאַרט יעקבן און ווען יעקב איז אַנטלאָפן פון אים האָט ער אים נאָכגעיאָגט און געוואָלט אים טאָן שלעכטס, נאָר גאָט האָט געוואָרנט לבנען אין חלום נישט צו טאָן יעקבן קיין שלעכטס (בראשית ל״א); אין מדרש ווערט לבן באַטראַכט אַלס דער סימבאָל פון פאַלשקייט.

**לבנה** די לבנה האָט אין דער יידישער רעליגיע און ריליגיעזע סימבאָלן אַ גרויסע באַדייטונג; די יידן ציילן זייערע חדשים לויט דער לבנה, און ראש חודש איז דעמאָלט ווען עס באַווייזט זיך די נייע לבנה; די גמרא אין סוכה כ״ט זאָגט אַז ווען עס איז אַ ליקוי לבנה איז אַ שלעכטער סימן פאַר יידן. — עס איז אַ זייער אַלטער מנהג „מחדש צו זיין״ די לבנה, דאָס הייסט יעדן חודש, אין די ערשטע טעג פון חודש, ווען די לבנה ווערט גרעסער, גייט מען אַרויס אינדרויסן, עטלעכע יידן צוזאַמען, און מען זאָגט די אַנט־

שפּרעכנדע ברכה און תפילות; דער טעקסט פון דער ברכה „מחדש חדשים" געפינט זיך שוין אין דער גמרא סנהדרין מ"ב; אין מסכתא סופרים זענען פאַראַן די אַנדערע ווערטער און פּסוקים ווי „סימן טוב", „ברוך יוצרך" און אַנדערע, ווי אויך דער מנהג צו שפּרינגען 3 מאָל קעגן דער לבנה און זאָגן „אַזוי ווי איך שפּרינג קעגן דיר און קאָן דיר קיין שלעכטס ניט טאָן, אַזוי זאָלן מיינע שונאים מיר קיין שלעכטס ניט קאָנען טאָן". דאָס זאָגן „דוד מלך ישראל חי וקים" און די פּסוקים פון שיר השירים און דאָס זאָגן זיך „שלום עליכם, עליכם שלום", איז פון שפּעטערע צייטן; דער דין איז אַז מען איז מחדש די לבנה ערשט נאָכן 7טן טאָג אין נייעם חודש, און ניט שפּעטער פון 16 טעג אין נייעם חודש. מיט חידוש לבנה זענען פאַרבונדן פאַרשידענע פאָלקס־גלויבונגען: ווער עס איז מחדש די לבנה איז אַ סימן אַז ער וועט דעם חודש ניט שטאַרבן; מען שאָקלט אויס די טאַשן נאָכן מחדש זיין די לבנה.

**לבנון** נאָמען פון אַ קייט פון בערג צו צפון פון ארץ־ישראל, אין סיריע, ווערט דערמאָנט אין תנ"ך; דער נאָמען „לבנון" איז פון וואָרט „לבן", ווייס, ווייל אויף די העכסטע בערג־שפּיצן פון די בערג ליגט שטענדיק שניי. ווען משה רבנו האָט (דברים ג') געבעטן צו גאָט, אַז ער זאָל אַריבער דעם ירדן און זען ארץ־ישראל האָט ער אויסגערעכנט „ההר הטוב הזה והלבנון"; אין מלכים א' ה' ווערט דערציילט, אַז שלמה המלך האָט געבויט דאָס בית המקדש מיט די טאַנענבוימער פון לבנון, ארזי הלבנון; אין יהושע י"א ווערט דער טאָל וואָס ליגט צופוסנס פון די בערג אָנגערופן „בקעת הלבנון"; די גמרא אין גטין נ"ו און אַנדערע ערטער זאָגט, אַז דאָס בית המקדש האָט איז סימבאָל געהייסן „לבנון". — אין סיריע איז פאַראַן אַ באַזונדערע רעפּובליק „לבנון" אונטער דעם פראַנצויזישן מאַנדאַט; עס וואוינען דאָרט בייַ 900 טויזנט איינוואוינער, אַ גרויסער טייל קריסטן, צווישן זיי בייַ 4.000 יידן.

**ל"ג בעומר** (33טער טאָג צום ציילן די ספירה פון עומר), דאָס איז דער 18טער טאָג אין חודש אייר; דער טאָג ווערט גערעכנט פאַר אַ יומא דפּגרא, אַ האַלבער יום־טוב; די טרויער־מנהגים פון די ספירה־טעג זענען אין אים ניט גילטיק; מען מאַכט חתונות; קינדער גייען ניט אין חדרים און שולן; עס איז אַן אַלטער מנהג, אַז חדר־קינדער גייען אַרויס מיט זייערע מלמדים אונטער דער שטאָט, מען שפּילט זיך אין שיסן פון פייל־און־בויגן, מען נעמט זיך מיט אייער צום עסן. די יידישע טראַדיציע דערציילט וועגן אַ רייַ פּאַסירונגען וואָס זאָלן האָבן פּאַסירט געקומען אין האָזיקן טאָג. לויט דער גמרא יבמות ס"ב האָט דער תנא רבי עקיבא געהאַט 22 טויזנט תלמידים און זענען אַלע געשטאָרבן פון פּסח ביז ל"ג בעומר (לויט דעם נוסח „עד פרס העצרת"), און ל"ג בעובר האָבן זיי אויפגעהערט צו שטאַרבן; עס איז פאַראַן אַ מיינונג, וואָס וויל פאַרבינדן די דאָזיקע פּאַסירונג מיט די מלחמות פון בר כוכבא קעגן די רוימער, און רבי עקיבא און זיינע תלמידים זענען געווען מיט בר כוכבא. — די מקובלים געבן אָן, אַז רבי שמעון בן יוחאי איז געשטאָרבן אין ל"ג בעומר. און צוליב דער קבלה־טראַדיציע, אַז רבי שמעון איז געווען דער מחבר פון הייליקסטן קבלה־ספר „זהר" ווערט ל"ג בעומר געפייערט אַלס די „הילולא דרבי שמעון בן יוחאי"; באַזונדערס איז די פייערונג גרויס אויף רבי שמעונס קבר אין מירון, וואוהין עס קומען צו ל"ג בעומר טויזנטער מענטשן פון פיל לענ־

דער, און מען צינדט אַן בייַנאַכט בוימל און מען פאַרברענט טייערע זאַכן; מען רופט עס די „הדלקה״. מען טאַנצט און מען זינגט דערביי פאַרשידענע זמירות, טייל פון זיי אין אַראַביש; אויך שערט מען דאָרט אָפּ דאָס ערשטע מאָל יונגע קינדער; מען רופט עס „חלקה״; די „הי־לולא״ אין מירון ווערט דערמאָנט אין דאָקומענטן פון 16טן יאָרהונדערט, ווי אויך אין רבי חיים וויטאַלס שער הכוו־נות, דרוש ל״ג בעומר.

**ל״ו צדיקים** אין דער יידישער פאָלקס־לעגענדע ווערט דערציילט, אַז אין יעדן דור זענען פאַראַן 36 (ל״ו) צדיקים, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט; די דאָזיקע צדיקים זענען נסתרים; אויסערלעך מאַכן זיי ניט קיין איינדרוק פון צדיקים. מייַסטנס זענען דאָס פּשוטע בעלי מלאכות, אַ שוסטער, אַ שניידער. אַ דאָרפס־ייִד; און ווען דורך אַ צופאַל ווערן זיי אַנט־דעקט, פאַרשווינדן זיי. די לעגענדע שטיצט זיך אויף דער גמרא סוכה מ״ה „לא פחות עלמא מתלתין ושיתא צדיקי״ (די וועלט האָט ניט ווינציקער פון 36 צדיקים); אויך אין „תיקוני זהר״ כ״א איז פאַראַן וועגן ל״ו צדיקים אין חוץ לארץ און ל״ו צדיקים אין ארץ־ישראל; אין די חסידישע ספרים ווערט דערציילט אַז דעם מעזריטשער מגידס תלמיד, רבי לייב שרהס, פלעגט אַרומפאָרן זאַמלען געלט פאַר די ל״ו צדיקים. וועגן איינעם וואָס איז באַהאַלטענערהייט אַ צדיק, זאָגט מען, אַז ער איז אַ „למד־וואָווניק״.

**לובלין** שטאָט אין פּוילן. אַלטע ייִדי־שע קהלה; פאַר דער מלחמה אין 1939 געוואוינט ביי 45 טויזנט ייִדן אויף אַן אַלגעמיינער צאָל איינוואוינער פון 122 טויזנט; וועגן ייִדן אין לובלין ווערט דערמאָנט שוין אין 15טן יאָרהונדערט; שפּעטער איז דאָרט געווען דער צענטער פון „ועד ארבע ארצות״ (זע „ועד ארבע ארצות״); אין 16טן־17טן יאָרהונדערט זענען געווען די באַרימטע גאונים רבי יעקב פּאָלאַק, רבי שלום שכנא, רבי שלמה לוריה (מהרש״ל), רבי מאיר (מהר״ם). און אַנדערע; טייל שולן פון די גדולים ווערן היינט אויך אָנגערופן אויף זייער נאָמען; אין אָנהויב 19טן יאָרהונדערט איז געווען רבי יעקב יצחק, דער רבי פון לובלין; נאָכער זענען געווען רביים אין לובלין פון דער „אייגער״־דינאַסטיע, ווי אויך רבי צדוק הכהן; אין 1925 איז אויפ־געבויט געוואָרן דורך דעם רב רבי מאיר שאַפּירא די „ישיבת חכמי לובלין״; אין דער מלחמה פון 1939 האָט היטלער פאַר־טריבן אין דער לובלינער געגנט אַ סך ייִדן פון עסטרייך און טשעכיע און האָט אָנגעקינדיקט דעם פּלאַן צו שאַפן אין לובלין און אומגעגנט אַ „ייִדישן רעזער־וואַט״, אַ כלומרשט „ייִדיש לאַנד״, וואָס איז באמת געוואָרן אַ גרויסער קאָנצענ־טראַציע־לאַגער פאַר ייִדן. לויט די לעצ־טע ידיעות זענען דער גרעסטער טייל ייִדן אומגעקומען דורך היטלערס חיילות.

**לוז** שטאָט אין ארץ־ישראל וועלכע יעקב אבינו האָט אַ נאָמען געגעבן „בית אל״ (בראשית כ״ח). אין דער גמרא (סוטה מ״ו און אַנדערע ערטער) ווערט דער־ציילט וועגן אַ שטאָט לוז וואו די מענטשן שטאַרבן ניט, און ווען איינער וויל שטאַרבן גייט ער אַרויס פון שטאָט און דעמאָלט האָט דער מלאך המות אויף אים שליטה.

**לוח** זע „קאַלענדאַר״

**לוחות** (טאָוולען), אין חומש שמות כ״ד ווערט דערציילט. אַז גאָט האָט גע־הייסן משה רבנו אַרויפגיין אויפן באַרג סיני און דאָרט ווערט ער באַקומען די „לוחות האבן״ (די שטיינערנע טאָוו־

לען"). אין חומש שמות ל"ב ווערט דערציילט, אז ווען משה איז אראפּגעקו־מען פון בארג מיט די לוחות, וועלכע זענען געווען אנגעשריבן פון בײדע זײטן, און זײ זענען געווען דאָס ווערק פון גאָט", און ער האָט דערזען, אז די ייִדן האָבן געמאַכט דעם עגל הזהב, האָט ער אַוועקגעוואָרפן פון זײַנע הענט די לוחות און האָט זײ צעבראָכן. אין חומש ל"ד ווערט דערציילט אז גאָט האָט געהייסן משהן אויסהאַקן („פּסל לך") צוויי נײַע שטײנערנע לוחות און גאָט וועט אָנ־שרײַבן אויף זײ די זעלבע ווערטער וואָס אויף די ערשטע. אין זעלבן קאַפּיטל פון חומש שמות איז פאַראַן, אז אויף די לוחות זענען געווען אנגעשריבן די „עשרת הדברים", די צען געבאָטן; פון חומש דברים זעט מען אז דאָס מיינט מען די עשרת הדברות וואָס זענען פאַראַן אין שמות כ' פון אנכי ביז לא תחמוד. מען אונטערשיידט די „ערשטע לוחות", וועל־כע משה האָט צעבראָכן, פון די לעצטע לוחות. אין דברים ט' הייסן זײ „לוחות הברית", און אין דברים י' ווערט גע־זאָגט, אז די לוחות זענען געלעגן אין ארון; אין דער גמרא און מדרש זענען פאַראַן אגדות וועגן די לוחות. — זע „עשרת הדברות".

**לוט** ברודער־זון פון אברהם אבינו, וועל־כער איז צוערשט געגאַנגען מיט אברהם אבינו קיין ארץ־ישראל, און דאָ האָבן זײ זיך פאַנאַנדערגעטיילט און לוט האָט זיך באַזעצט בײַ סדום (בראשית י"ג). ווען סדום איז געוואָרן איבערגעדרייט איז ניצול געוואָרן נאָר לוט און זײַנע 2 טעכ־טער; לוטס ווײַב איז, אלס שטראָף פאַר אומקוקן זיך צו דער שטאָט, געוואָרן א שטיק זאַלץ (בראשית י"ט). פון לוט און זײַנע טעכטער זענען, ווי דער חומש דער־ציילט, אַרויסגעקומען די צוויי פעלקער עמון און מואב; אין דער גמרא און מדרש זענען פאַראַן פיל אגדות וועגן לוט. — ניט ווייט פון ים המלח ווייזט מען א בארג זאַלץ, וואָס איז לויט דער לעגענ־דע דאָס ווייב פון לוט. — פון דעם ספור אין חומש בראשית י"ט וועגן לוטס אנ־שיכורן זיך איז אַנטשטאַנען דער ייִדי־שער אויסדרוק „שיכור ווי לוט".

**לוי** דריטער זון פון יעקב אבינו, געבוירן פון לאה (בראשית כ"ט); אין חומש בראשית ל"ד ווערט דערציילט ווי לוי און זײַן ברודער שמעון האָבן געטויט די אײַנוואוינער פון דער שטאָט שכם אלס נקמה פאַר דער פאַרגוואַלדיקונג פון זײ־ער שוועסטער דינה. — פון לוי איז אַרויסגעקומען דער שבט לוי, דער מיוחס־דיקער שבט, פון וועמען עס האָבן אָפּגע־שטאַמט משה רבנו, אהרן (שמות ו') און אזוי אַרום אויך אלע כהנים, און אויך אלע לויים. דער שבט לוי האָט ניט באַ־קומען קיין באַזונדער לאַנד אין ארץ־יש־ראל בײַ דער אײַנטיילונג פון לאַנד, ווײַל „גאָט איז זייער נחלה" (יהושע י"ג), נאָר זײ האָבן באַקומען געוויסע שטעט צו וואוינען (ערי הלויים), צעשפּרייט איבער דעם גאַנצן לאַנד. צוליב דעם וואָס די לויים האָבן ניט באַקומען קיין ערד צו באַאַרבעטן, האָבן זײ באַקומען א צענטל פון אלע תבואות אין לאַנד, מעשר (במדבר י"ח). אין בית המקדש האָבן די לויים געהאַט צוויי אויפגאַבן; זײ זענען געווען „משוררים", האָבן גע־זונגען שירה, און אויך „משוערים", גע־היטן די טירן (נחמיה י"ב און אנדערע ערטער). א גרויסער טייל פון די קאַ־פּיטלעך תהלים זענען פון די לויים (בני קרח און אנדערע). אויך היינט האָבן די לויים געוויסע אויסצייכענונגען; ביים דוכענען וואַשן זײ די הענט די כהנים; ביים אויפרופן צום ספר תורה באַקומט די ערשטע עליה דער כהן און די צווײ־טע עליה דער לוי, און ערשט די ווײ־

טערע עליות דער ישראל. — די תנ״ד־פארשער ווילן ארויסלערנען פון פארשידענע תנ״ד־ערטער, אז עס איז שטענדיק געווען א קאמף צווישן די געוויינלעכע לויים, די „בני לוי״, און די כהנים; דער ערשטער שפור פון דאזיקן קאמף זאל זיין די מחלוקה פון לוי קרח קעגן אהרן הכהן, און משה רבנו האט זיי געשטראפט „רב לכם בני לוי״ (במדבר ט״ז). דאס זעלבע זאל אויך זיין א שפור דערפון אין דעם ספור פון מאכן דעם עגל הזהב (גאלדענעם קאלב) שמות ל״ב, ווען אהרן הכהן האט געמאכט דעם עגל, און די איינציקע וואס זענען געווען קעגן זענען געווען די בני לוי. — זע זוכווערטער „כהנים״, „מעשר״, „שירה״.

**לוי** זון פון סיסי, אמורא אין ארץ־ישראל, תלמיד פון רבי יהודה הנשיא; אין סוכה נ״ג ווערט דערציילט, אז ער איז נענש געווארן, ווייל ער האט איינמאל, ווען עס איז ניט געגאנגען קיין רעגן, געזאגט צו גאט: „ביזט ארויף אין הימל און האסט ניט רחמנות אויף דיינע קינדער״; זיינע הלכות זענען פאראן אפט אין דער גמרא.

**לוי** פאמיליע־נאמען „לעווי״; זע זוכווארט „לעווי״.

**לוי בן גרשום, רלב״ג** (געבוירן אין 1288 — געשטארבן 1340), פילאזאף, מפרש פון תנ״ד, אסטראנאם; געוואוינט אין דרום־מערב־פראנקרייך, לעבן שפאניע; באקאנט אויך אין דער אלגעמיינער געשיכטע פון וויסנשאפט מיטן נאמען „גערסאנידעס״; זיין מוטער איז געווען די טאכטער פון רמב״ן (רבי משה בן נחמן); ער האט מחבר געווען עטלעכע ספרים, וועלכע האבן ארויסגערופן גרויס אויפזען סיי פון פריינט און סיי פון קעגנער. זיין הויפט־ספר איז דער „מלחמות ה׳״ אויף פילאזאפיע, ווי אויך זיין „פירוש רלב״ג״ אויף תורה און עטלעכע ספרים פון נביאים און כתובים; אין זיינע דאזיקע ספרים זאגט ער ארויס דרייסטע מיינונגען, וועלכע אנדערע יידישע דענקער האבן באטראכט אלס אפיקורסות; ער האלט, אז די וועלט איז ניט באשאפן געווארן פון גארניט, נאר פון אן אייביק־עקזיסטירנדיקן אור־שטאף (חומר היולי); ער האלט אויך, אז די געטלעכע השגחה איז נאר איז „כלל״, אויף דער וועלט איבערהויפט, דאקעגן איז ניט פאראן קיין השגחה אויף יעדן איינצלנעם באשעפעניש און אויף יעדן איינצלנעם מענטש; דערמיט האט ער געוואלט דורכפירן דעם געדאנק אז עס איז פאראן פולשטענדיקע פרייהייט פון יעדן מענטש צו טאן וואס ער וויל (בחירה); אויך וואס אנבאלאנגט „השארת הנפש״. אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה נאכן טויט, איז דער רלב״ג געווען אן אנהענגער פון אינטעלעקטואליזם, דאס הייסט, אז אומשטערבלעכקייט פון נשמה איז נאר פאר אזעלכע וואס האבן זיך דערווארבן וויסן און זיך „באשאפן״, אחוץ דער געבוירענער נשמה, אויך דעם „שכל הנקנה״, א „דערווארבענע נשמה״. די דאזיקע זיינע מיינונגען האבן ארויסגערופן א שארפע קעגנערשאפט ביי א סך יידישע חכמים, פון וועלכע טייל האבן גערופן זיין ספר „מלחמה בה׳״ (קאמף קעגן גאט). דער בארימטער פילאזאף רבי חסדא קרשקש (זע „קרשקש״) האט זיין ספר „אור ה׳״ געשריבן כמעט ווי אן ענטפער אויפן רלב״ג. דאס זעלבע האבן ארויסגערופן קעגנערשאפט דעם רלב״גס דערקלערונגען וועגן די ניסים פון תנ״ד, וועלכע ער באמיט זיך צו דערקלערן אויף א נאטירלעכן אופן. עס זענען ארויסגעטרעטן קעגן אים קרשקש, אברבנאל, רבי יצחק עראמה אין „עקדת יצחק״ און אנדערע. דער רלב״ג האט

מחבר געווען נאך אנדערע קלענערע ספרים. ער איז אויך געווען א גרויסער אסטראנאם, און זיינע אסטראנאמישע ווערק זענען איבערזעצט געווארן אין לאטיין; ער האט געשאפן דעם בארימטן „קוואדראנס" פעסטצושטעלן דעם צושטאנד פון די שטערנס אויפן הימל, וואס האט פיל געהאלפן די שיפס קאפיטאנען אין יענער צייט פעסטצושטעלן די לאגע און ריכטונג פון די שיפן; ער האט דעם „קוואדראנס" אנגערופן „מטה יעקב"; פאראן א מיינונג אז מיט אזא אויסגעבעסערטן קוואדראנס האט זיך באנוצט קאלומבוס אויף זיין אנטדעקונגס־רייזע קיין אמעריקע; איינע פון די בערג אויף דער לבנה ווערט אנגערופן אין דער אסטראנאמיע אויף זיין נאמען „רבי לוי". — זע אין ווייס „דור דור ודורשיו" חלק ה' וועגן דער שיטה פון רלב"ג אין פילאזאפיע.

**לוי יצחק פון בערדיטשעוו** (1740 — כ"ה תשרי תק"ע 1809), חסידישער רבי, תלמיד פון רבי בער, מגיד פון מעזריטש; ער איז געווען רב צוערשט אין זשעליכאוו, דערנאך אין פינסק, וואו ער האט געליטן רדיפות פון די מתנגדים; זינט 1775 איז ער געווען רב אין בערדיטשעוו; ער האט מחבר געווען דאס ספר „קדושת לוי" אויף תורה; עס ווערן דערציילט וועגן אים א סך סיפורים וועגן זיין אהבת ישראל און ווי ער פלעגט זיך אויסטענהן מיט גאט, אויפווייזנדיק וואס פארא גוט פאלק די יידן זענען; פון אים דערציילט מען אז ער האט זעענדיק א בעל עגלה שטיין אין טלית און תפילין און שמירן די רעדער פון וואגן, האט ער געזאגט: „זע גאט וואס פארא טייער פאלק די יידן זענען, אפילו ווען זיי שמירן די רעדער דאווענען זיי אויך"; ער האט זיך אויך נוהג געווען צו שלש סעודות זאגן די תפלה אין יידיש, „גאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב". — זע פרטים אין דובנאווס „תולדות החסידות", אין הארארעצקים „החסידות והחסידים".

**לויה** (באגלייטן); דאס באגלייטן א מת צו דער קבורה; דערפון ווערט אויך דאס פירן דעם מת צו דער קבורה אנגערופן לויה. די מצוה מלוה צו זיין א מת ווערט אין דער יידישער רעליגיע געהאלטן זייער גרויס (פאה משנה א'); די גמרא (כתובות י"ז) זאגט, אז מען מעג אפשטעלן דאס לערנען תורה כדי מלוה צו זיין א מת; דער מנהג איז אז מען זעט א מת פארבייפארן דארף מען נאכגיין 4 איילן. — פרטים זע „חברה קדישא", „קבורה".

**לויתן** אין תנ"ך הייסט לויתן א ריזיק באשעפעניש וואס געפינט זיך אין ים (איוב מ' און אנדערע ערטער) און טייל דענקען, אז דאס מיינט מען די וואלפישן; אין דער גמרא און מדרש ווערט דערציילט אגדות וועגן דעם לויתן, וואס וועט געשאכטן ווערן לעתיד לבוא און צדיקים וועלן עסן פון אים (בבא בתרא ע"ה און אנדערע ערטער); אין מדרש בראשית רבה י"ג ווערט געזאגט אז לעתיד לבוא וועט גאט מאכן פון דער הויט פון לויתן א סוכה פאר צדיקים; אין לעצטן סוכות־טאג, ווען מען גייט ארויס פון דער סוכה, זאגט מען א תפילה, אז מען זאל זוכה זיין צו זיצן אין דער סוכה פון דעם עור לויתן; אין דעם שבועות־פזמון „אקדמות" ווערט אויך געבראכט די אגדה פון לויתן; דער רמב"ם אין פירוש המשניות אויף סנהדרין צו דער משנה „חלק" און אויך אין „מורה נבוכים" ג' טייטשט אויס די אגדה אין זין פון גייסטיקע דערגרייכונגען.

**לולב** צווייג פון א פאלמע, וואס מען נעמט צוזאמען מיטן אתרוג, הדס און ערבה אין סוכות און מען בענטשט איבער

אים, און מען מאַכט די ברכה „על נטילת לולב״; אין חומש (ויקרא כ״ג) הייסט ער „כפת תמרים״, אין דער משנה און גמרא (מסכתא סוכה) הייסט ער לולב; עס איז אויך אַ מנהג צו מאַכן „נענועים״ (שאָקלען אין אַלע זייטן) ביים בענטשן לולב און אויך ביי הלל; דער מנהג ווערט געבראַכט אין גמרא (סוכה ל״ז), און די מקובלים זענען דערביי מכוון כוונות פון קבלה.

**לונץ, אבֿרהם משה** (1854 אין ליטע — געשטאָרבן 1918 אין ירושלים); פאָרשער פון ארץ־ישראל־געאָגראַפיע; אויף דער עלטער געווען בלינד; אַרויסגעגעבן די זאַמלביכער „ירושלים״, „לוח ארץ־ישראל״, „המעמר״, ווי אויך די ספרים „תבואות הארץ״ פון רבי יוסף שוואַרץ און „כפתור ופרח״ פון רבי אישתורי הפרחי.

**לועג לרש** (אָפּלאַכן פון אַן אָרעמאַן) דאָס איז אַ שלעכטע מידה און ווערט געטאַדלט אין תנ״ך (משלי י״ז); אין דער גמרא ווערט אַלס לועג לרש פאַרשטאַנען אויך ווען מען טוט אַ מצוה אין דער קעגנוואַרט פון אַ מת, וועלכער קאָן קיין מצוות ניט טאָן (מנחות מ״א).

**לוצאַטו, משה חיים (רמח״ל)** (1707 אין פּאַדואַ, איטאַליע — 1647 אין ארץ־ישראל). באַרימטער העברעאישער דיכטער, פאָטער פון דער נייער העברעאישער פּאָעזיע, מקובל, דענקער, בעל מוסר, איינע פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע. זיין פאָטער, רבי יעקב, איז געווען אַ רייכער מאַן, אַ סוחר. אַלס אינגל האָט רבי משה חיים געלערנט ניט נאָר תנ״ך און גמרא און פוסקים נאָר אויך וועלטלעכע לימודים, ווי אויך שפּראַכן, לאַטיין, איטאַליעניש, גריכיש, פראַנצויזיש; ער האָט אויך נאָר יונג אָנגעהויבן לערנען קבלה ביי זיין רבי ר׳ ישעיה באַסאַן. זיינע פּייִקייטן זענען געווען אומגעוויינלעכע און מען האָט אים באַטראַכט אַלס וואונדערקינד; צו 17 יאָר האָט ער מחבר געווען דעם „לשון למודים״ איבער פּאָעזיע; נאָכער האָט ער מחבר געווען 150 מזמורים אין סטיל פון תהלים (געבליבן פון זיי זענען נאָר 7 מזמורים), אַלע דורכגעדרונגען מיט דער בענקשאַפט פון גאולה. די סביבה אין איטאַליע, אין וועלכער ער האָט פאַרבראַכט, איז באַשטאַנען פון די תלמידים פון רבי משה זכות, פון רבי בנימין ריוויגו און אַנדערע, מקובלים, וועלכע האָבן געזוכט די גאולה אויפן וועג פון קבלה און מיסטיק. באַלד דערנאָך האָט ער אויך געשריבן זיין ערשטע דראַמע „מגדל עוז״, געבויט אויף דעם ספור ווי אַ מלך האָט געבויט אַ שלאָס און דאָרט אַריינגעזעצט זיין טאָכטער די פּרינצעסין, און ווי אַזוי אַ יונגערמאַן איז אַרויף אין דעם שלאָס. דאָס איז איינע פון די שענסטע פּערל אין דער העברעאישער ליטעראַטור; דער „מגדול עוז״ איז אייגנטלעך אַ סימבאָליש ווערק, וואָס האָט זיינע שפּורן אין דער קבלה („זהר״, „חמדת הימים), די פּרינצעסין מיינט מען די תורה אַדער די קבלה, און דער העלד, וואָס קומט אַריין אין שלאָס, מיינט מען דעם יודע חן, פאַר וועמען די סודות התורה ווערן אַנטפּלעקט. אין יענער צייט (סיון תפ״ז, 1727) האָט ער אָנגעהויבן האָבן וויזיעס. עס האָט זיך באַוויזן צו אים אַ „מגיד״ פון הימל, און אונטער זיין איינפלוס האָט ער מחבר געווען אַ „זהר תנינא״ (אַ צווייטן זהר) אין אַראַמעאיש ווי אויך אַנדערע קבלה־ספרים, און ער האָט אויך אָנגעהויבן לערנען קבלה מיט חברים און תלמידים, פון וועלכע טייל האָבן אָנגעהויבן גלויבן אַז עס זענען אין אים פאַראַן „פונקען פון משיח״; צווישן טייל רבנים האָט דאָס אַרויסגע־

רופן א שטורעם. עס איז געווען באַלד
נאָך דער צייט פון דער שבתי־צבי־באַ־
גונג, און אין טייל יידישע קרייזן האָבן
נאָך געטליעט פונקען פון דער שבתי־
צבי־אמונה. רבי משה חאגיז, דער גרוי־
סער קעמפער קעגן די שבתי־צבי־אַנהענ־
גער, איז אַרוים אין שאַרפן קאַמף קעגן
רבי משה חיים לוצאַטו, וועלכער איז
דעריבער אַוועק פון איטאַליע קיין האָ־
לאַנד, אַמסטערדאַם. אויפן וועג אין
פראַנקפורט אם מאַין, איז ער געוואָרן
געצוואונגען אונטערצושרייבן אַ חרם, אַז
ער וועט ניט פאַרעפנטלעכן קיין קבלה־
זאַך, און אַז ערשט אַלט ווערנדיק 40 יאָר
וועט ער מעגן לערנען קבלה צו תלמי־
דים. אין אַמסטערדאַם האָט ער פאַר־
עפנטלעכט זיין באַרימט מוסר־ספר
„מסלת ישרים" און אויך די אַלעגאָרישע
דראַמע „לישרים תהלה". אין 1743 איז
ער מיט זיין פרוי און זון אַוועק קיין ארץ־
ישראל; אין כ"ו אייר תק"ו (1746) איז
ער און זיין גאַנצע פאַמיליע געשטאָרבן
אין אַ עכו אין אַ מגפה. ער איז געבראַכט
געוואָרן צו קבורה אין טבריה (לויט אַ
אַנדערער ידיעה אין כפר יסיף). — אַחוץ
די דערמאָנטע ספרים האָט רבי משה חיים
לוצאַטו אויך מחבר געווען „חוקר ומקו־
בל" (ויכוח צווישן אַ מקובל און אַ פי־
לאָזאָף, און דער מקובל איז מנצח), „קלח
פתחי חכמה" (אויף קבלה), שירים און
אויך אַנדערע ווערק. אין די ברייטע
יידישע מאַסן איז רבי משה חיים לו־
צאַטו באַקאַנט אַמייסטן דורך זיין ספר
„מסלת ישרים", וואָס אַנטהאַלט די יסו־
דות פון יידישן מוסר, און וואָס איז פיל
געלערנט געוואָרן אין די באַקאַנטע מוסר
ישיבות. — פּרטים וועגן רבי משה חיים
לוצאַטו אין גרעצעס „דברי ימי ישראל"
אין דער העבּרעאישער איבערזעצונג (דאָ־
קומענטן וועגן די רדיפות אויף לוצאַטו),
לאַכאָווער „תולדות הספרות העברית
החדשה", שמעון גינצבורג „רבי משה
חיים לוצאַטו ובני דורו"; לעצטנס זענען
פאַרעפנטלעכט געוואָרן די „אגרות
רמח"ל", בריוו פון רבי משה חיים לו־
צאַטו און זיינע חברים און תלמידים,
וועלכע האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר
דער פאָרשונג פון דער סביבה פון דאָזיקן
גרויסן דענקער און דיכטער.

## לוצאַטו, שמואל דוד (שד"ל)

(1800 אין טריעסט — 1865 אין פּאַדואַ,
איטאַליע), דיכטער, מפרש התנ"ך, דענ־
קער און פאָרשער פון חכמת ישראל;
געווען קאָנסערוואַטיוו אין זיינע פאָר־
שונגען, אַרויסגעטרעטן קעגן פיל מיינונ־
גען פון די תנ"ך־קריטיקער; אונטערגע־
שטראָכן די עטישע זייט פון יידנטום,
אַנהענגער פון רבי יהודה הלוים אינטו־
איטיווען יידנטום אין קעגנזאַץ צום
רמב"מס ראַציאָנאַליזם און וועלן צו־
פּאַסן דאָס יידנטום צו דער גריכישער
ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע; וואונ־
דערבאַרער העבּרעאישער סטיליסט; מח־
בר פון „מחקרי היהדות"; „כנור נעים",
„דקדוק לשון עברי", „דקדוק לשון אר־
מי"; „בתולת בת יהודה", „אוהב גר"
(אויפן תרגום אונקלוס), „המשתדל"
(אויף חומש און הפטרות) און אַנדערע;
באַזונדערס ווערטפול זענען די „אגרות
שד"ל", איבער 1500 בריוו אין וויסנ־
שאַפטלעכע ענינים צו די יידישע און
ניט־יידישע געלערנטע אין יענער צייט;
שד"ל האָט אין „המגיד" פאַרעפנטלעכט
זיין אויטאָביאָגראַפיע. — זע בערנפעלדס
„דור חכם"; לאַכאָווער „תולדות הספרות
העברית החדשה", קלויזנער „יהדות
ואנושיות".

## לוריא, יצחק (אר"י הקדוש)

(געבוירן 1534 אין ירושלים — גע־
שטאָרבן 1572 אין צפת), באַרימטער
מקובל, פאָטער פון דער נייער קבלה,
פאַרהייליקט ביי מקובלים און חסידים,

וועלכע רופן אים „אר״י הקדוש״, „אר״י ז״ל״. זיינע עלטערן זענען געווען אשכנזים און דעריבער הייסט ער אויך אשכנזי. ווען ער איז נאך געווען א קינד איז אים געשטארבן זיין פאטער, און ער איז אוועק קיין מצרים, וואו ער האט זיך דערצויגן ביי זיין רייכן פעטער רבי מרדכי פראנסים, דארט האט ער געלערנט ביי רבי בצלאל אשכנזי (מחבר פון „שיטה מקובצת״) און רבי דוד אבי זמרא (רדב״ז). אלס יונגער בחור האט ער גענומען לערנען קבלה און געהאט התבודדות ביים טייך נילוס; די טראדיציע דערציילט, אז ווען ער איז אלט געווארן 36 יאר איז געקומען צו אים אליהו הנביא און האט אים געזאגט, אז אין 2 יאר ארום וועט ער שטארבן און אז ער זאל דעריבער גלייך אוועק קיין ארץ־ישראל און דארט מפרסם זיין זיין קבלה־שיטה. אין יאר 1570 (לויט טייל 1569) איז ער מיט זיין פאמיליע אוועק קיין ארץ־ישראל, זיך באזעצט אין צפת, און דארט געלערנט קבלה מיט די אנגעזעענסטע חברים און תלמידים, רבי חיים וויטאל, רבי אליהו די ווידאש, רבי שלמה אלקבץ און פיל אנדערע. ער פלעגט מיט זיי ארויסגיין אין די פעלדער ארום צפת און דארט זיי איבערגעגעבן די סודות התורה. אין יאר של״ב ה׳ אב (1572) איז ער נפטר געווארן. ערשט לאנג נאך זיין פטירה זענען דערשינען טייל ספרים פון די כתבים פון אר״י וועגן קבלה; אבער דער עיקר האט פארשפרייט זיין שיטה זיין הויפט־תלמיד רבי חיים וויטאל (זע „וויטאל חיים״); עס זענען דערשינען פון אים „שמונה שערים״, „דרך אמת״; „כוונות האריז״ל״ (סודות און כוונות מכוון צו זיין ביים דאווענען), „מעיין החכמה״, און אנדערע. עס איז אויך דערשינען א ספרל „שבחי האר״י״ (ש״ס, געדרוקט אין „נובלות חכמה״) מיט וואונדער־ספורים וועגן לעבן פון אר״י און דער התגלות וואס ער האט געהאט. עס איז שווער צו זאגן קלאר, מיט וואס די שיטה פון אר״י האט זיך אונטערשיידט פון די פריערדיקע מקובלים. עס ווערט אנגענומען, אז דער אר״י האט מער אנטוויקלט די קבלה מעשית, דאס מצרף זיין צירופים, דאס מתקן זיין פגמים, וואס דער מענטש איז פוגם אין דער מחשבה אדער במעשה. ער האט אויך איינגעפירט דאס מסגף זיין זיך, פאסטן פיל תעניתים; ער האט געזאגט אז תשובה מאכט „תענית, שק, ואפר בכיה, הספד״. דער אר״י האט פאר זיינע תלמידים אנגעוויזן אויף פיל ערטער ארום צפת, אז דארט געפינען זיך די קברים פון די נביאים, תנאים, אמוראים; ער האט אויך מחבר געווען פיוטים, פון וועלכע די פארשפרייטסטע זענען די מזמורים אויף שבת „אזמר בשבחין״, „אסדר לסעודתא״, און „בני היכלא״. פרטים זע „דברי ימי ישראל״ פון גרעץ. — זע זוכווערטער „וויטאל חיים״, „קבלה״.

## לוריא, שלמה (מהרש״ל), 1510

אין בריסק — 1573 אין לובלין; רב. מפרש התלמוד און פוסק; געווען רב אין בריסק, אסטראהא און צולעצט אין לובלין; באקאנט דורך זיינע חבורים „ים של שלמה״, „שאלות ותשובות מהרש״ל״. הגהות צום תלמוד מיט׳ן נאמען „חכמת שלמה״ (געדרוקט צוזאמען מיט די גמרות); אין די ספרים פון מהרש״ל זענען אויך פאראן וויכטיקע היסטארישע פרטים וועגן די אמאליקע רבנים פון דייטשלאנד; דער מהרש״ל האט געפירט ויכוחים מיטן רמ״א (רבי משה איסערלים) וועגן פילאזאפיע, פון וועלכער דער מהרש״ל איז געווען א קעגנער. אין לובלין איז פאראן אויף זיין נאמען „די מהרש״ל־שול״.

**לחיים** (צום לעבן!) וואונטש, וואס מען ווינטשט זיך איינער צום צווייטן ווען מען טרינקט וויין, בראנפן, ביער און אנ־דערע אלקאהאל־משקאות; דער מנהג ווערט דערמאנט אין דער גמרא שבת ס"ז „חמרא וחיי לפום רבנן". ווי אויך אין מדרש תנחומא פרשת פקודי, און אויך אין תיקוני זהר; די דערקלערונג דערצו איז, ווייל מען פלעגט אמאל געבן די צום־טויט־פאראורטיילטע וויין צום טרינקען כדי זיי אנצושיכורן; דעריבער ווינטשט מען ביים געוויינלעכן טרינקען „לחיים"; עס זענען פאראן נאך אנדערע טעמים על פי קבלה. — זע „וויין".

**לחם הפנים** (דאס ברויט פון געזיכט); אין חומש שמות כ"ה ווערט געזאגט, אז מען זאל אוועקשטעלן אין משכן (שפע־טער בית המקדש) א טיש, א שלחן. „ונתת על השלחן לחם פנים לפני תמיד". „און זאלסט ארויפלייגן אויפן טיש דעם לחם פנים וואס זאל זיין פאר מיר שטענ־דיק". אין חומש ויקרא כ"ד ווערט שוין געזאגט אויספירלעכער, אז מען זאל באקן 12 חלות, און מען זאל זיי לייגן יעדן שבת אויפן שלחן, צו 6 אין א ריי, און ווען עס קומט דעם צווייטן שבת זאל מען ארויפלייגן נייע חלות און די אלטע זאל מען אראפנעמען און די כהנים זאלן זיי עסן. וועגן לחם הפנים ווערט אויך געבראכט אין שמואל א'. די דינים פון לחם הפנים ווערן געבראכט אין דער משנה און גמרא מנחות פרק י"א. — פון לחם הפנים שטאמט דער מנהג ביי מקו־בלים און ביי טייל חסידישע רביים צו האבן פרייטיק־צונאכטס צום טיש י"ב (12) חלות; אין די ספורי מעשיות פון ארץ־ישראל ווערט דערציילט, ווי אז אנוס פון שפאניע, קומענדיק אין ארץ־ישראל אין צפת, האט יעדן פרייטיק גע־לייגט אין ארון קודש פון דער שול לחם הפנים, און ווען דער רב האט אים גע־שטערט אין דעם, איז דער רב בא־שטראפט געווארן פון הימל.

**ליאון, משה** זע „דיליאון משה".

**ליבערמאן** — אהרן שמואל (1845 אין רוסלאנד — 1880 אין די פארייניק־טע שטאטן פון אמעריקע); בארימטער העברעאישער סאציאליסטישער שריפט־שטעלער; צוערשט ישיבה־בחור, נאכער שטודירט טעכנאלאגיע, ארגאניזירט אין לאנדאן 1876 דעם ערשטן סאציאליסטישן יידישן פארבאנד, געשריבן דעם רעגולא־מין אויף העברעאיש; ארויסגעגעבן אין ווין (1877) דעם סאציאליסטישן זשור־נאל „האמת"; געשריבן אויך וויסנ־שאפטלעכע מאמרים; געוועזן ארעסטירט; אוועק קיין לאנדאן; פון דארט קיין אמע־ריקע; באגאנגען זעלבסטמארד; אין 1933 איבערגעפירט זיין קערפער צום בית על־מין פון ארבעטער־רינג אין ניו־יארק; דערשינען א זאמלונג פון זיינע העברע־אישע שריפטן „כתבי א. ש. ליברמן" דורך דער ציילטונג „דבר" אין ארץ־יש־ראל. — 2) מאקס (1845—1937), קונסט־מאלער אין דייטשלאנד; פרעזידענט פון דער פרייסישער אקאדעמיע פאר שיינער קונסט; זינט היטלערס איבערנעמען די מאכט (1933) באזייטיקט פון זיינע ערן־אמטן.

**ליגן** זע „אמת".

**ליובאוויטשער חסידות** זע „שני־אורסאן".

**ליטע** מיטן נאמען „ליטע" באצייכנט מען היינט דאס לאנד וואס ליגט ביים באלטישן ים מיט דער הויפטשטאט קאוו־נע, און ערשט לעצטנס, נאכן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939 איז צוגעקו־מען אויך ווילנע; דאס לאנד האט ביי

4 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי פּרי־
ער 180 טויזנט יידן און נאָך דער אַנעק־
סיע פון ווילנע לערך 300 טויזנט יידן.
אָבער ווען מען טרעפט אין דער עלטע־
רער יידישער געשיכטע (פון 15טן יאָר־
הונדערט אָן) דעם נאָמען ליטע, האָט מען
דערמיט געמיינט דאָס לאַנד אין אַ בריי־
טערן פאַרנעם, וואָס האָט אַרומגענומען
אַ גרויסן טייל פון ווייס־רוסלאַנד, וואָליז
מיט די שטעט בריסק, לוצק, פּינסק, לוד־
מיר, ביאַליסטאָק, גראָדנע און פיל אַנ־
דערע גרעסערע און קלענערע שטעט. די
יידן זענען געווען אין ליטע שוין אין
14טן יאָרהונדערט, און זינט דעמאָלט
האָבן די יידן אין ליטע דורכגעמאַכט בע־
סערע און ערגערע צייטן, גרושים, מל־
חמות (מלחמה פון כמעלניצקי אין גזרת
ת"ח 1648 און שפּעטער די מלחמות
צווישן רוסלאַנד און פּוילן אין פאַרלויף
פון עטלעכע הונדערט יאָר). ליטע האָט
געהאַט צוערשט צוזאַמען מיט פּוילן און
דערנאָך באַזונדער אַ ,,ועד ארבע ארצות"
(זע זוכוואָרט ,,ועד ארבע ארצות"). וואָס
האָט אָנגעפירט מיט די יידישע קהלות.
מיט דער צייט איז ליטע געוואָרן דער
גרעסטער גייסטיקער יידישער צענטער
מיט ווילנע אַלס מיטלפּונקט (,,ירושלים
דליטא"); אין ליטע זענען געווען די אָנ־
געזעענסטע גדולים, ווי רבי שבתי כהן
(ש"ך), רבי משה רבק"ש (באר הגולה).
ווילנער גאון (רבי אליהו) און פיל אַנ־
דערע; ליטע האָט געהאַט די גרעסטע
ישיבות ווי וואָלאָזשין, מיר, טעלז, סלאָ־
באָדקע; ליטע איז געווען דער גרויסער
יידישער השכלה־צענטער (משכילים אדם
הכהן לעבענזאָן, פין, גאָרדאָן און פיל אַנ־
דערע); ליטע איז אויך געווען דער צענ־
טער פאַר ציוניסטישער טעטיקייט און
פאַר יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען
(,,בונד", ,,פּועלי ציון" און אַנדערע).
און אויך פאַר דער יידיש־וויסנשאַפט
(,,ייוואָ"). די יידישע אויסשפּראַך אין
ליטע צייכנט זיך אויס מיט באַזונדערע
אויסדרוקן, ספּעציעל אין דעם אויסדרוק
,,אָ" און ,,או", וואָס איז אַנדערש פון
דעם אויסדרוק פון די יידן אין אייגנט־
לעכן פּוילן, ווי אויך טיילמאָל מיטן
אַרויסרעדן די ,,שין" אַלס ,,סין". דאָס
ליטווישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן פיל
גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן. וועלכע
האָבן עמיגרירט אין אַנדערע לענדער:
אַמעריקע, זיד־אַפריקע, וואו זיי האָבן
געשאַפן אַ יידיש לעבן אין די נייע לענ־
דער. אין טייל פון די דאָזיקע לענדער
געפינען זיך ,פאַרבאַנדן פון ליטווישע
יידן". — אין ,,כנסת הגדולה". 2טער
באַנד איז פאַראַן ,,תולדות גדולי ישראל
בליטא"; וויכטיק איז אויך פינס ,,קריה
נאמנה" וועגן ווילנע; זע אויך אין זוכ־
וואָרט ,,ווילנע" די ביבליאָגראַפיע; אויך
זוכוואָרט ,,קאָוונע".

**ליטווינאָוו, מאַקסים** (געבוירן 1876
אין ביאַליסטאָק), אָנגעזעענער פּאָליטי־
שער פירער אין ראַטן־פאַרבאַנד פון רוס־
לאַנד; פון 1930 ביז 1933 געווען קאָמי־
סאַר פאַר אויסערן־ענינים; זיין אייגנט־
לעכער פאַמיליע־נאָמען איז ,,וואַלאַך".

**ליטעראַטור** מיט ,,ליטעראַטור". אין
ברייטן זין פון דאָזיקן וואָרט, פאַרשטייט
מען אַלע ביכער וואָס זענען געשריבן גע־
וואָרן, אָן אונטערשיד פון אינהאַלט פון
די ביכער: וויסנשאַפט, רעליגיע, פּאָעזיע.
דראַמע, דערציילונגען און אַזוי ווייטער.
אָבער אין ענגערן זין פאַרשטייט מען
מיטן וואָרט ,,ליטעראַטור" די אַזוי־גע־
רופענע ,,שיינע ליטעראַטור", וואָס באַ־
גרענעצט זיך צו פּאָעזיע, דראַמע, דער־
ציילונגען, עסייען, קריטיק און אין אַ
געוויסער מאָס אויך היסטאָרישע אָפּ־
האַנדלונגען, פילאָזאָפיש־רעליגיעזע באַ־
טראַכטונגען וכדומה. גאַנץ אָפט איז
שווער צו זאָגן וועגן אַ ווערק צי דאָס

געהערט יאָ צו דער „שיינער ליטעראַ־
טור" צו נישט. — וועגן ליטעראַטור
ביי יידן, סיי אין ברייטערן און סיי אין
ענגערן זין, זענען געשריבן געוואָרן פיל
ווערק. אין אַן ענציקלאָפּעדיש אַרטיקל
איז שווער צו געבן אפילו אַן אַלגעמיי־
נעם איבערזיכט איבער ליטעראַטור ביי
יידן, וועלכע נעמט אַרום אַ צייט פון
קרוב 4 טויזנט יאָר, און לענדער כמעט
איבער דער גאַנצער ערד, און אויך זייער
פיל שפּראַכן, ניט נאָר די הויפּט־יידישע
שפּראַכן, ווי העברעאיש, אַראַמעאיש,
אַראַביש, יידיש, נאָר אויך אַנדערע
שפּראַכן, מיט וועלכע גרויסע טיילן יידן
האָבן זיך באַנוצט, ווי גריכיש, פּערסיש,
שפּאַניש, און אין דער נייער צייט, ענג־
ליש, פראַנצויזיש, דייטש, רוסיש, פּויליש
און אַנדערע. געוויינלעך טיילט מען איין
די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן
אין אַ גאַנצע ריי עפּאָכעס, תקופות: אין
דער אַלטער צייט פון תנ"ך, נאָכער די
עפּאָכע פון נאָכן תנ"ך, און עטוואָס
שפּעטער די העלעניסטישע תקופה איז
דער צייט פון 2טן בית המקדש, נאָכער
די תלמודישע צייט, דערנאָך די אַראַ־
בישע עפּאָכע, און שפּעטער די עפּאָכע
פון שפּאַניע אין איין זייט, און פון מיטל־
אייראָפּע (פראַנקרייך און דייטשלאַנד)
פון דער צווייטער זייט, די תקופה פון
די מפרשים און פּוסקים, די שיינע לי־
טעראַטור אין איטאַליע, דערנאָך די מאָ־
דערנע צייט פון השכלה און נאַציאָנאַלע
ליטעראַטור, די ליטעראַטור אין יידיש.
אָבער אויך די אַלע איינטיילונגען זענען
ניט קלאָרע און געבן ניט דאָס ריכטיקע
בילד, ווייל גאַנץ אָפט געפינט מען אין
איין עפּאָכע פאַרשידענע ליטעראַטור־
דערשיינונגען, און פאַרקערט, איז באַזונ־
דערע ווייט־אָפּגערוקטע צייטן געפינט
מען ענלעכע ליטעראַטור־דערשיינונגען.
אָבער אין אַלגעמיין איז די איינטיילונג
אין עפּאָכעס אײַנגענומען אין דער געשיכ־
טע פון ליטעראַטור ביי יידן.

די ערשטע עפּאָכע איז די תקופה פון
תנ"ך, וועלכע נעמט אַרום (לויט דער
טראַדיציע) אַ צייט פון איבער 1000 יאָר.
פון די גאַר עלטסטע אָנהויבן פון דער
עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק ביז דעם
5טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער
צייטרעכענונג, דאָס הייסט ביז דעם
אויפבוי פון 2טן בית המקדש. אין חומש
זעלבסט זענען פאַראַן שפּורן פון גאַר
אַלטע פאָלקס־לידער און העלדן־עפּאָפּיי־
ען, וועלכע זענען געווען ביי יידן. און
איינער פון די עלטסטע איז זיכער די
ווערטער אין חומש בראשית ד' וואו למך
האָט געזאָגט צו זיינע ווייבער „כי איש
הרגתי לפצעי וילד לחבורתי". און וואָס
ווערט אויסגעטייטשט דורך טייל מפר־
שים (צווישן זיי אויך דער אבן עזרא)
אַלס אַ באַרימערייַ פון אַ העלד, אַז ער
קוילעט יעדן וואָס וואָגט אים שלעכטס
צו טאָן. וועגן תנ"ך זעלבסט געבן מיר
ביים זוכוואָרט „תנ"ך". אָבער באַ־
טראַכנדיק דעם תנ"ך אַלס ליטעראַטור־
שאַפונג איז וויכטיק אָנצוּווייזן, אַז די
24 ספרים פון תנ"ך אַנטהאַלטן זייער
פיל ליטעראַרישע פאָרמען: היסטאָרישע
פאַרטראַגן, געזעצן, רעליגיעזע לערעס,
דידאַקטישע ווערטער, עטיק, לירישע פּאָ־
עזיע, דערציילונגען, דראַמע, רעדעס פול
מיט בילדלעכע אויסדרוקן, פאָלקס־לידער,
משלים, עפּאָפּייען, פילאָזאָפישע דיאַלאָגן
און עסייען, און דער תנ"ך ווערט דערוי־
בער באַטראַכט ניט נאָר אַלס ספר פון
רעליגיעזער התגלות נאָר אויך אַלס לי־
טעראַרישע העכסטע שאַפונג, אַלס
דער ספר הספרים, די העכסטע דערגריי־
כונג. די סיפּורים פון חומש און אַנדע־
רע תנ"ך־ספרים, ווי די דערציילונגען פון
לעבן פון אברהם, יצחק און יעקב, יוסף
און די ברידער, יציאת מצרים, דער עגל,
די מרגלים, בלעם, די פאַרשידענע סי־

פורים אין שופטים (אהוד, דבורה, גדעון, יפתח, שמשון), שמואל, מלכים (די וואונדער־סיפורים פון אליהו און אלישע), אסתר, די אידיליע פון רות, דניאל, די פּאָעזיע פון אז ישיר, האזינו, שיר השירים, די נאומים פון די נביאים, די תפלות פון תהלים, די דראמאטישע דיאַלאָגן פון איוב, די פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען פון קהלת, די דידאקטישע ווערטער פון משלי, די עלעגיעס פון איכה און פון ירמיה, דאָס זענען די העכסטע פאָרמען אין ליטעראטור, וועלכע זענען ניט איבערגעשטיגן געוואָרן דורך קיינעם. עס איז זיכער, אַז אין יענע תנ"ך־צייטן זענען געווען ביי יידן אַ ריי אַנדערע ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זענען פאַרלוירן געגאַנגען און אין תנ"ך אַליין ווערן דערמאָנט אַזעלכע פאַרלוירן־געגאַנגענע ספרים (ספר „הישר", ספרים פון פאַרשידענע נביאים, ווי עידו און אַנדערע).

די צווייטע עפּאָכע נעמט אַרום די צייט ווען יידן זענען צוריקגעקומען פון גלות בבל ביז צום סוף פון 2טן בית המקדש (אין יאָר 70 לויט דער געוויינלעכער צייטרעכענונג). די דאָזיקע יידישע ליטעראַטור איז זייער אַ פאַרצווייגטע און איז געשריבן געוואָרן אין אַ ריי שפּראַכן, אין העברעאיש, אַראַמעאיש און גריכיש, און נעמט אַרום פאַרשידענע ליטעראַרישע פאָרמען. די וויכטיקסטע ספּעציפיש־יידישע ווערק פון דער דאָזיקער צייט זענען די אַזוי־גערופענע „אַפּאָקריפן". די „כתובים אחרונים" (אָדער ווי טייל רופן זיי „ספרים חיצונים"). די דאָזיקע אַפּאָקריפן זענען צו אונדז דערגאַנגען מייסטנס אין דער גריכישער שפּראַך און אַ סך פון זיי זענען ווירקלעך געשריבן געוואָרן אין גריכיש. אָבער טייל פון זיי זענען געוויס געשריבן געוואָרן אין העברעאיש און אפשר אויך אין אַראַמעאיש. זיי נעמען אַרום היסטאָרישע באַשרייבונגען (ווי די ספרים פון די חשמונאים), פאָלקס־ווערטער און לעבנס־חכמה (בן סירא), פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען (חכמת שלמה, דאָס 4טע חשמונאים־בוך און אַנדערע), נאָוועלן (יהודית, שושנה און אַנדערע). אין טייל פון זיי זעט מען דייטלעך דעם איינפלוס פון דער גריכישער ליטעראַרישער און פילאָזאָפישער וועלט, מיט וועלכער דאָס יידישע פאָלק איז געקומען אין באַרירונג זינט אַלכסנדר מוקדון האָט איינגענומען ארץ־ישראל אין אָנהויב 4טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייט רעכענונג. לויט טייל תנ"ך־קריטיקער זאָלן פון יענער צייט אויך שטאַמען ספרים, וועלכע זאָלן געהערן לויט דער טראַדיציע צום תנ"ך. צו יענער עפּאָכע געהערן אויך די ווערק פון גרויסע יידישע דענקער און היסטאָריקער, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן אָריגינעל אין גריכיש (ווי די ווערק פון פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, און די ווערק פון פלאַוויוס פון באַלד נאָכן חרבן בית שני, די דראַמע פון עזעקיעל און אַנדערע). צו יענער צייט דאַרף מען אויך צורעכענען אַ גרויסן טייל פון משניות. הגם די ענדגילטיקע רעדאַקציע פון דער משנה און איר אָפּשלוס איז פאָרגעקומען באַדייטנד שפּעטער, אין דער צייט פון רבי יהודה הנשיא, רבי, אין ענדע פון 2טן יאָרהונדערט; אָבער עס איז זיכער, אַז גרויסע טיילן פון דער משנה שטאַמען פון דער צייט פון בית שני (זע אין „דורות הראשונים" פון הלוי, איז קאַפּיטל „המשנה ביסודה"). דאָ האָבן מיר הייסט עס דעם אָנפאַנג פון דער שפּעטערער פאַרצווייגטער תלמודישער **ליטעראַטור** און עס איז אָנצונעמען. אַז אַ סך פון די מדרשים־ווערטער שטאַמען פון דער צייט פון בית שני. — וועגן די אַלע דערמאָנטע ווערק זע זוכווערטער „כתובים אחרונים", „פילאָן", „פלאַוויוס", „משנה".

די דריטע תקופה איז די אַזוי־גערופע־

נע „עפּאָכע פון תלמוד און מדרשים“. וועלכע נעמט אַרום די צייט פון לערך דעם יאָר 70 ביז לערך דעם 7טן און אפשר דעם 8טן יאָרהונדערט (הגם דער תלמוד אַליין איז אָפיציעל געשלאָסן געוואָרן פריער). דאס זענען די זייער פאַרצווייגטע ספרים פון דער משנה. ביידע גמרות, ירושלמי און בבלי, די פילע מדרשים, וועלכע אנטהאַלטן אַלע צוזאַמען פאַרשידנפאַרביקע ליטעראַטור־פאָרמען: די געזעצגעבונג, פּלפּול, קאָמענטאַרן. משלים, פאָלקס־אגדות, פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, דרשות, מיסטישע לערעס. וועגן די דאָזיקע ספרים זע אין די זוכווערטער „אגדה“, „הלכה“, „מדרש“. „משנה“, „תלמוד“, די דאָזיקע תקופה און אירע ספרים זענען די (נאָכן תנ״ך) וויכטיקסטע אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן. ווייל זיי האָבן ניט נאָר געלייגט דעם חותם אויף דעם גאַנצן יידישן לעבן, די דינים און מנהגים און לעבנס־שטייגער, נאָר האָבן אויך באַאיינפלוסט דעם גאַנצן יידישן געדאַנקנגאַנג אין אַלע שפּעטערע צייטן און זענען אויך דער מקור פאַר דער גאַנצער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור פאַר אַלע שפּעטערע דורות.

די פערטע עפּאָכע איז די ערשטע העלפט פון דער „תקופת הגאונים“ און הויבט זיך אָן אומגעפער דעם 7טן יאָרהונדערט און ענדיקט זיך לערך דעם 10טן יאָרהונדערט. אין דער דאָזיקער עפּאָכע. פון וועלכער מיר האָבן זייער ווייניק קלאָרע ידיעות, הגם זי איז געווען זייער אַ רייכע, איז קאָנסאָלידירט און פעסטגעשטעלט געוואָרן דער טעקסט פון די ביידע דערמאָנטע גמרות; עס זענען צוגעקומען פיל נייע מדרשים, די ערשטע נאָך־תלמודישע הלכה־ספרים („שאלתות“, „הלכות גדולות“ „ספר המעשים לבני ארץ־ישראל“ און אַנדערע). תשובות פון די גאונים; עס זענען קאָנסאָלידירט געוואָרן די נוסחאות פון תפילות. הגם די תפילות זעלבסט שטאַמען פון אַ סך פריערדיקע צייטן; עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע געגראַמטע פּיוטים. און בבל האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט די גרויסע פּיוטים־עפּאָכע, וועלכע האָט זיך געצויגן דערנאָך אַ לאַנגע צייט. און וועמנס אָנפאַנגער זענען געווען יוסי בן יוסי, ינאי און אלעזר הקליר (אַלע לערך אין 7טן יאָרהונדערט אין ארץ־ישראל); דעמאָלט איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן דער ניקוד און עס איז בּרייטער פאַרמירט געוואָרן די מסורה צום תנ״ך־טעקסט. די ליטעראַטור ביי יידן אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט זיך קאָנצענטרירט אַמייסטנס אין ארץ־ישראל און אין בבל, אָבער עס זענען פאַראַן מיינונגען, אַז טייל היסטאָרישע ספרימלעך און טייל מדרשים פון יענער צייט זאָלן האָבן נתחבר געוואָרן אין איטאַליע (יוסיפון, ספר הישר, תנא דבי אליהו און אַנדערע). דעמאָלט באַמערקט מען שוין בּרייטער די ערשטע ספרים פון מיסטישן אינהאַלט אין העבּרעאיש (היכלות, נסתרות דרבי שמעון בן יוחאי און וואַרשיינלעך אויך דער ספר יצירה און אַנדערע). — וועגן פּרטים זע אין די זוכווערטער: מדרשים, פּיוטים, ניקוד, מסורה, קבלה.

די פינפטע עפּאָכע הויבט זיך אָן לערך דעם 10טן יאָרהונדערט און ציט זיך ביז לערך דעם 12טן יאָרהונדערט און זי נעמט שוין אַרום אַ סך לענדער. ארץ־ישראל. בבל, שפּאַניע, איטאַליע, דרום־ און צפון־פראַנקרייך, דייטשלאַנד. ביזאַנץ. מצרים. אַ ריי לענדער אין נאָרד־אַפריקע. און די ליטעראַטור ביי יידן טראָגט דעמאָלט אַ זייער פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער און איז אין עטלעכע שפּראַכן. מען רופט איר געוויינלעך „די אַראַבישע און שפּאַנישע עפּאָכע“, ווייל אַחוץ דעם וואָס אַ ריי מאָנומענטאַלע ווערק פון יידישן אינהאַלט זענען געשריבן געוואָרן אין דער

אַראַבישער שפּראַך און אַ סך אַנגעזעענע יידישע מחברים האָבן געוואוינט (אחוץ אין בבל און אַנדערע לענדער) אויך אין שפּאַניע, איז דער הויפּט־יידישער געדאַנקענגאַנג אין דער דאָזיקער עפּאָכע געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דער אַראַבישער קולטור־וועלט. די יידישע ליטעראַטור אין דער דאָזיקער עפּאָכע נעמט אַרום פילאָזאָפיע, פּאָעזיע, סיי רעליגיעזע (פּיוטים) סיי וועלטלעכע, הלכה־קאָמענטאַרן און קאָדיפיקאַציע (פּירושים און הלכות־זאַמלונגען), פּירושים צום תנ״ך, דיקדוק־ספרים, ווערטערביכער, טעאָלאָגיע אין ברייטסטן זין פון וואָרט, וועלטלעכע וויסנשאַפטן (מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, מעדיצין), היסטאָרישע פאַרצייכענונגען. אירע פאָרשטייער אין דער דאָזיקער צייט זענען די גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, ווי רב סעדיה גאון, רב האי גאון, רבי שמואל הנגיד, אבן גנאח, אבן גבירול, רבי יצחק אלפסי, רבי יהודה הלוי, די אַבן עזראַס, רבנו בחיי, דער רמב״ם, די אבן תבונס, רבי יהודה אלחריזי, און פיל אַנדערע וועלכע זענען געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער אַראַבישער קולטור־וועלט און האָבן געשריבן זייערע ווערק אין אַראַביש און אין העבראַיש. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר אויך אין די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער (אחוץ שפּאַניע) די באַרימטע פּייטנים און מפרשים און בעלי הלכה ווי רבי קלונימוס, רבנו גרשום, רבי שלמה יצחקי (רש״י), די ראב״דס, די בעלי תוספות, די חסידי אשכנז מיט זייערע מיסטישע לערעס. און אויך אין אַנדערע לענדער (ביזאַנץ און אַנדערע). אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין דער דאָזיקער עפּאָכע די „גאָלדענע תקופה״ פון דער העבראַישער פּאָעזיע אין שפּאַניע מיט די דערמאָנטע רבי שמואל הנגיד, אבן גבירול, רבי יהודה הלוי און די אבן עזראס, וועמענס לידער, רעליגיעזע און וועלטלעכע, זענען די שענסטע אוצרות אין דער ליטעראַטור ביי יידן. די דאָזיקע עפּאָכע האָט אויך אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישן חקירה־עלעמענט, מיט דייטלעך־אָנגעצייכנטע ריכטונגען פון רעליגיעזן יידישן דענקען, און די פילאָזאָפישע ספרים פון דער דאָזיקער צייט (רב סעדיהס האמונות והדעות, רבי יהודה הלוים הכוזרי, רבנו בחיים חובות הלבבות, דעם רמב״מס מורה נבוכים און אַנדערע) האָבן באַאיינפלוסט די יידישע רעליגיעזע חקירה־ליטעראַטור דורך פיל הונדערטער יאָרן ביז אונדזער צייט.

דאָס איז אייגנטלעך די וויכטיקסטע (נאָכן תלמוד) עפּאָכע אין דער ליטעראַטור ביי יידן, ווייל זי האָט געלייגט איר חותם אויף אַלע ליטעראַרישע (אין ברייטערן זין פון וואָרט) שאַפונגען ביי יידן דורך אַלע יאָרהונדערטער ביז דער נייער צייט אין דער 2טער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. מען קאָן זאָגן, אַז שפּעטער איז כמעט ניט צוגעגעבן געוואָרן קיין נייע פאָרם, קיין אָריגינעלער געדאַנק־אויסדרוק. וועלכן מיר זאָלן ניט געפינען אין דער דאָזיקער עפּאָכע, ניט אין דעם באַגרענעצטן זין פון ליטעראַטור (פּאָעזיע, די פּאָעטישע מליצה), און ניט אין ברייטערן זין פון דאָזיקן באַגריף, אין פילאָזאָפיע, הלכה, דרוש, מוסר, וועלטלעכע וויסנשאַפט. פאַרקערט, די אַלע שפּעטערע ספרים זענען ניט מער ווי געהויט אויף דעם יסוד פון די ספרים פון דער דאָזיקער עפּאָכע. — פּרטים וועגן די ספרים און שאַפונגען פון די דערמאָנטע פּערזענלעכקייטן זע אין די זוכווערטער פון זייערע נעמען, ווי סעדיה, משה בן מימון, שלמה יצחקי, יהודה הלוי און אַנדערע.

די 6טע עפּאָכע נעמט אַרום אַ זייער

לאנגע צייט, פון 13טן יארהונדערט ביז אומגעפער אין דער מיט פון 18טן יארהונדערט, דאס הייסט ביז דער מאדערנער צייט. עס איז ריכטיק, אז אויך די דאזיקע עפאכע איז ניט קיין איינהייטלעכע און מען קאן אויך איר איינטיילן אין פארשידענע צייט־טיילונגען, און אויך אין די פארשידענע לענדער. אבער אין אלגעמיין, ווי מיר האבן פריער געזאגט, איז די דאזיקע גאנצע עפאכע בנוגע דער ליטעראַרישער שאפונג ביי יידן (אין ברייטן זין פון דאזיקן ווארט) בסך הכל א המשך, א פארטזעצונג פון די פארמען און אידייען, וועלכע האבן דאמינירט די פריערדיקע עפאכע פון דענקער, דיכטער, קאמענטאטארן. בעלי מוסר, מדקדקים. בעלי הלכה, נאר פון קלענערע גרויסקייט. אויב מיר זאלן אנרופן די פריערדיקע עפאכע די צייט פון די „ראשונים", קאן מען אנרופן די 6טע עפאכע די צייט פון די „אחרונים" אין באצוג צו אלע ליטעראַרישע שאפונגען. מען קאן אויך אין דער דאזיקער המשך־עפאכע געפינען טיילמאל גאנץ באדייטנדע דיכטער (ווי עמנואל הרומי איז איטאליע און אנדערע); דענקער (ווי ר' יוסף אלבו, מחבר פון עקרים, קרשקש מחבר פון אור ה'); קאמענטאטארן (ווי דער אברבנאל און אנדערע); בעלי הלכה (רבי יעקב, מחבר פון די „טורים"; ר' יוסף קארו, מחבר פון שלחן ערוך); מחברים פון דער גרויסער צאל חידושים און פירושים אויף דער גמרא און שאלות ותשובות ספרים, וועמענס באדייטונג איז זייער גרויס אויך צוליב דעם אוצר פון היסטארישן מאטעריאל; בעלי מוסר. און זאגאר מחברים פון ספרים אין וועלטלעכער וויסנשאפט (ווי ר' יצחק הישראלי מחבר פון יסוד עולם, רבי לוי בן גרשום דער רלב"ג. רבי אברהם זכותא. מחבר פון היסטארישן ספר יוחסין און אסטראנאמישע טאבעלן). גרויס איז אויך ווען אין דער ערשטער צייט פון דער דאזיקער עפאכע די צאל יידן, וועלכע האבן דורך זייערע איבערזעצונגען פון וויסנשאפטלעכע ווערק פון אראבישן אין לאטיין זייער פיל מיטגעווירקט צו דער באַרייכערונג פון וויסנשאפטלעכן דענקען אין דער אייראפעאישער וועלט. אבער אין אלגעמיין זענען די אלע געווען נאר די „ממשיכים", די פארטזעצער פון דער פריערדיקער גדולים־עפאכע, און האבן קיין נייע פארמען און נייע אויסדרוקן אין דער יידישער ליטעראַרישער שאפונג ניט ארויסגעוויזן. אין דער דאזיקער עפאכע איז נייעס געווען נאר דער אלץ־שטייגנדער מאמענט פון מיסטיציזם. פון קבלה, וואס איז געווארן כסדר אלץ מער דאמינירנד אין די ספרים און באזונדערס אין יענע ספרים, וועלכע זענען געווארן. אזוי צו זאגן, די פאלקס־ליטעראטור. עס האבן זיך מער באוויזן די סיפורי מעשיות, וואס הגם זיי זענען געווען ניט ניי אין פארם און האבן אמייסטנס זיך געשטיצט אויף גאר פריערדיקע ספרים פון ענלעכן כאראקטער (די מעשיות פון דער מדרשים־ליטעראטור, ספר המעשיות פון רבנו ניסים און אנדערע) האבן זיי אויך זיך געפונען אונטער א שטארקן איינפלוס פון קבלה און פאפולערן מיסטיציזם (אונטערצושיידן פונם טיפערן מיסטיציזם). אין טייל פון די סיפורי מעשיות איז אויך צו באמערקן ניט דווקא ספעציפיש יידישע מאטיוון, נאר אויך. אזוי צו זאגן, אינטערנאציאנאלע מאטיוון, פון דער פאלקס־ליטעראטור פון אנדערע פעלקער. — וועגן פרטים פון דער דאזיקער צייט זע אין די זוכווערטער פון די נעמען פון די דערמאנטע פערזענלעכקייטן.

די נייע עפאכע, וועלכע הויבט זיך אן אין דער מיט פון 18טן יארהונדערט און ציט זיך ביז איצט און וועלכע מען קאן אויך איינטיילן אין פארשידענע צייטן

(השכלה, נאַציאָנאַלע ליטעראַטור). האָט דעם כאַראַקטער־שטריך, וואָס איז איר באַמערקט מען צום ערשטן מאָל שטאַרק דאָמינירנד דעם וועלטלעכן, ניט־רעליגיעזן מאָמענט. עס איז ריכטיק, אַז אויך פריער זענען געשריבן געוואָרן טיילמאָל ספרים פון ניט־רעליגיעזן כאַראַקטער, אָבער זיי זענען געווען נאָר צופאַלן. דאַקעגן מיט דער נייער עפאָכע ווערט דער דאָזיקער סעקולערער, וועלטלעכער כאַראַקטער פון דער ליטעראַרישער שאַפונג ביי יידן (מיטן אויסנאַם פון די פאַרשידענע ספרים, וועלכע זענען דורכאויס רעליגיעזע, ווי הלכה, דרוש, קבלה וכדומה, און וועלכע דערשיינען ווייטער אַלס אַ המשך פון פריער און אויך די ספרים פון חסידות) קלאָר און דאָמינירנד און קומט וואָס אַמאָל אַלץ מער און שטאַרקער אונטער דעם איינפלוס פון די ניט־יידישע ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער. אַלס דעם ערשטן אָנזאָגער פון דער דאָזיקער עפאָכע קאָן מען באַטראַכטן איינעם, וועלכער איז געווען פון די גרעסטע און גייסטרייכסטע רעליגיעזע גייסטער ביי יידן; דאָס איז רבי משה חיים לוצאַטו (זע „לוצאַטו“), וועלכער האָט אחוץ זיינע פיל רעליגיעזע ספרים (ווי קל״ח פתחי חכמה, דעם טיפן מוסר ספר מסילת ישרים און אַנדערע) אויך געשריבן די פיינע וועלטלעכע דראַמעס „לישרים תהלה“ און „מגדל עוז“ און איז דערמיט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַלס איינער פון די גרעסטע העברעאישע דיכטער אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. נאָך אים האָט זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד און האָט זיך בימלעכווייז אויך פאַרשפרייט אין אַנדערע לענדער די השכלה־באַוועגונג, וועלכע האָט פון איין זייט געבראַכט די אַנטשטייאונג אין העברעאיש פון אַ ריי ווערק פון וועלטלעכע וויסנשאַפן, פאָרשונג פון העברעאישער שפראַך, מליצה, און פאָעזיע (מענדלסאָן, נפתלי הירץ וויזל, מיימאָן, פראַנקו־מענדעס, בן זאב, בכלל די שריפטשטעלער פון זשורנאַל „המאסף“, ווי אויך שפעטערע געלערנטע היסטאָריקער אין העברעאיש, ווי קראָכמאַל, ראַפאָפאָרט, שמואל דוד לוצאַטו און אַנדערע); פון דער צווייטער זייט האָט די דאָזיקע השכלה־באַוועגונג אַרויסגערופן די אַנטשטייאונג פון אַ יידישער ליטעראַטור געשריבן דורך יידן אין אַנדערע שפראַכן, באַזונדערס אין דייטש, און ערשט שפעטער אויך אין ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש, פויליש און אַנדערע שפראַכן; דער אָנהויב דערפון איז געווען מענדלסאָנס איבערזעצונג פון תנ״ך אין דייטש, און זיין טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע פאָלעמישע שריפט „ירושלים“. די דאָזיקע השכלה־עפאָכע האָט אַריינגעטראָגן אין דער העברעאישער וועלטלעכער ליטעראַטור אויך דעם ראָמאַנטיזם און די בענקשאַפט צו די, ווי מען האָט זיך נאַאיוו פאָרגעשטעלט, אידילישע תנ״ך־אויסלעבונגען, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר נענטער צו דער נאַטור, פון וועלכער די ביז דעמאָלטיקע העברעאישע ספרים האָבן זיך דערווייטערט. גלייכצייטיק האָט די השכלה־באַוועגונג אויך אַריינגעטראָגן, אפשר טיילמאָל ניט־ווילנדיק, דערווייטערונגס־טענדענצן פון פאָלקסטימלעכן יידישקייט, באַטאָנענדיק מער דאָס אַלמענשלעכע, דאָס קאָסמאָפאָליטישע, דאָס „אַוועקגיין פון ענגן יידישן געטאָ“, אַרויס אויף דער „דרויסנדיקער ליכטיקער וועלט“. דעם דאָזיקן תנכישן ראָמאַנטיזם און גלייכצייטיג די השכלה־טענדענצן באַמערקט מען אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע איז אַנטשטאַנען שפעטער, אין סוף פון דער השכלה־עפאָכע און אָנהויב פון דער „נאַציאָנאַלער צייט“, אין רוסלאַנד, ביי די שריפטשטעלער אדם הכהן, זיין זון מיכה יוסף, מאַפו, גאָרדאָן, גאָטלאָבער, ברויי־

דעם און סמאָלענסקין. כאָטש ער
איז געווען פון די ערשטע אידעאָלאָגן
פון דער העברעאישער נאַציאָנאַלער באַ־
וועגונג און איז שטאַרק אַרויסגעטרעטן
קעגן די אַסימילאַטאָרישע השכלה־טענ־
דענצן, אָבער אין זיינע דערציילונגען איז
ער דער ממשיך פון די זעלבע באַקעמפטע
השכלה - טענדענצן („התועה בדרכי
החיים" און אַנדערע). דאָס זעלבע באַ־
מערקט מען אויך אין מאַפוס „אהבת
ציון" און אַנדערע דערציילונגען. וועלכע
געבן די אידעאַליזירטע און אידיליזירטע
שילדערונגען פון דער ביבלישער צייט
און האָבן זיכער מיטגעווירקט צו דער
דערוועקונג פון נאַציאָנאַלער בענקשאַפט
און זאָגאַר פון ציוניזם. אָבער די טענ־
דענץ איז דאָך די דערוועקונג פון אַן
אַפּנייגונג צו דעם דערמאָנטן „יידישן
געטאָ־לעבן". און זיי זענען גלייכצייטיק
די לעצטע אויסדרוקן פון דער השכלה־
עפּאָכע און די ערשטע פון דער נאַציאָ־
נאַלער העברעאישער ליטעראַטור. מען
קאָן זאָגן, אַז זאָגאַר י. ל. גאָרדאָן (יל"ג)
איז אין זיין דיכטונג אַ צונויפמיש פון
די דערמאָנטע צוויי טענדענצן. פון
משכילישן און נאַציאָנאַלן. נאָר זיי עק־
זיסטירן ביי אים איינער לעבן צווייטן.
און ווען אין זיין „בין שני אריות"
קומט צום אויסדרוק די דערוואַכונג פון
העראָאישן נאַציאָנאַלן געפיל און די
טראַגיקייט און די האַרטנעקיקייט פון
יידישן פאָלק קעגן די אויסערלעכע באַ־
דריקער און דער ווילן צו העלדישער מסי־
רת נפש פאַרן פאָלק, קומען אין אַנדערע
זיינע דיכטונגען („קוצו של יוד" און
אַנדערע) צום אויסדרוק דאָס וועלן
„אַנטלויפן" פון יידישקייט. דאָס וואָס
מען באַצייכנט מיט השכלה־טענדעצן.
דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן
צווייפל, כאָטש ער ווייזט שוין יאָ אַרויס
נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק אין זיין חסי־
דות־פאַרשונג.

מיר קומען איצט צו אַ צייט ווען די
העברעאישע ליטעראַטור (און גלייכציי־
טיק מיט איר די ליטעראַטור אין דער
יידישער שפּראַך, וועגן וועלכער מיר געבן
שפּעטער באַזונדער) צעוואַקסט זיך און
פלייצט אַרויס פון אירע ענגערע גרעניצן.
ווי אַ טייך אין פרילינגס־צייט און נעמט
אַרום פאַרשיידענע, פאַרצווייגטע געביטן
פון מענטשלעכער שאַפונג: פּאָעזיע. דער־
ציילונגען, קריטיק, יידישע וויסנשאַפט.
וועלטלעכע וויסנשאַפט, דראַמע, געזעל־
שאַפטלעכע פּראָבלעמען. עס איז אומ־
מעגלעך צו געבן אין אַ קורצן איבערזיכט
זאָגאַר די נעמען פון די וויכטיקסטע
שריפטשטעלער און וויסנשאַפטס־מענער.
די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, און באַזונדערס
דער חבת ציון און נאָכער דער ציוניזם.
און ענדלעך די „הנשמה" פון ציוניזם.
די פאַרווירקלעכונג פון אויפבוי אין ארץ־
ישראל פון אַ גרויסן העברעאישן ישוב.
העברעאישע שולן, פּרעסע, טעאַטער. די
אויפלעבונג פון העברעאיש אַלס רעד־
שפּראַך. דאָס האָט אַרויסגעפירט די הע־
בראַאישע ליטעראַטור אויפן ברייטן וועג.
די ערשטע וואָרטפירער זענען געווען זי־
כער אחד העם, סאָקאָלאָוו, אליעזר בן
יהודה, מענדעלע מוכר ספרים, פרישמאַן.
יעב"ץ, ראַבינאָוויטש (זיין איבערזעצונג
„דברי ימי ישראל" פון גרעצעס געשיכ־
טע האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדיי־
טונג פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג).
אימבער (מחבר פון „התקוה"). ליליענ־
בלום, און נאָכער די נייערע ווי ביאַליק.
טשערניכאָווסקי. שניאור, קאַצנעלסאָן.
כהן, ברייניז, ציטלין, פייערבערג, בער־
שאַדסקי, בערדיטשעווסקי. פּרץ, יהודה
שטיינבערג, קלויזנער, פיכמאַן, ברענער.
עגנון, קאַבאַק, ר' בנימין און פיל אַנ־
דערע און פיל אַנדערע; און פון די סאַ־
מע נייעסטע אין ארץ־ישראל שמעונו־
ביץ, שטיינמאַן, שלאָנסקי, בורלא. אורי
צבי גרינבערג, למדן, המאירי, און פיל

אַנדערע, וועמענס צאָל דערגרייכט אין די הונדערטער. ניט נאָר אויפן געביט פון בעלעטריסטיק, נאָר אויך אין וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג איז די העברעאישע ליטעראַטור זייער באַרייכערט געוואָרן (פילאָזאָפיע, געשיכטע, קוואַלן־פאָרשונגען, מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע און אַזוי ווייטער). — פּרטים זע אין די זוכווערטער פון די דערמאָנטע נעמען ווי אויך אין די זוכווערטער „העברעאיש“, „השכלה“, „יידנטום“, „וויסנשאַפט יידישע“. — וויכטיקע ווערק וועגן דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן אין אַלטע צייטן און אויך פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור זענען דערשינען אין אַ גרעסערער צאָל, און די וויכטיקסטע פון זיי זענען: ווייס „דור דור ודורשיו“, צינבערג, „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן“ (דאָס איינציקע וויכטיקע ווערק אין יידיש, אָבער הויבט אָן ערשט ביי דער שפּעטערער אַראַבישער עפּאָכע), לחובר „תולדות הספרות העברית החדשה“ (הויבט אָן ביי רבי משה חיים לוצאטו), קלוזנר, „ההיסטוריה של הספרות העברית החדשה“ (פּרטים־חקירות, אָנהייבנדיק פון דער צייט פון דער השכלה); איבער יידישע מחברים אין מיטלאַלטער אויף פאַרשידענע געביטן זע שטיינשניידערס „ספרות ישראל“ (אין העברעאישער איבערזעצונג).

אין דער צייט וואָס וועגן דער געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן אין העברעאיש זענען געשריבן געוואָרן וויכטיקערע ווערק, איז די געשיכטע פון ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך, אין יידיש, נאָכניט גרינטלעך געפאָרשט געוואָרן. און הגם עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרואוון דורך ווינער, פּינעס, שולמאַן, עריק, רייזן, וויינרייך, ניגער, זענען דאָך די פריערדיקע צייטן ניט גענוג קלאָר, ווייל מיר האָבן ניט גענוג זיכערע ידיעות וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון יידיש אין די ערשטע צייטן (זע זוכוואָרט „יידיש“). די פאָרשער פון ליטעראַטור אין יידיש פּרואוון איינטיילן די עלטערע צייטן (ביז דער השכלה תקופה אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט) אין 2 עפּאָכעס, אין דער אַזוי־גערופענער „שפּילמאַן“־צייט פון די עלטסטע צייטן ביז דעם 16טן יאָרהונדערט, און דער „מוסר צייט“ (פון 16טן יאָרהונדערט ביז דער השכלה). מיט דער באַצייכענונג „שפּילמאַן“־תקופה ווערן (גענומען פון דער טערמינאָלאָגיע פון דער עלטערער דייטשער ליטעראַטור־געשיכטע) פאַרשטאַנען די אַלטע ווערק אין יידיש, וועלכע זענען פאַרפאַסט געוואָרן אין גראַמען, לויט אַ געוויסן ריטם און זענען מייסטנס געזונגען און דעקלאַמירט געוואָרן אויף חתונות, שמחות אָדער גאָר אין וויינשענקען און די טעמעס זענען געווען וועלטלעכע ריטער־דערציילונגען, לעגענדאַרע העלדן־עפּאָסן. סיי איבערגעאַרבעט פון אַלט־דייטשע ריטער־דערציילונגען סיי אויך באַאַרבעט פון סיפּורים פון תנ״ך־גיבורים (דוד המלך און אַנדערע). דאַקעגן מיט „מוסר“ ווערן פאַרשטאַנען יענע ספרים אין יידיש וועלכע האָבן געהאַט אַ דידאַקטישן ציל, געלערנט מוסר, דרך ארץ, לעבנס־חכמה, און אַפילו ווען זיי האָבן געגעבן סיפּורי מעשיות, זענען זיי אויך געווען מיט אַ מאָראַלישן ציל. אין דער דאָזיקער מוסר־קאַטעגאָריע גייען אויך אַריין בכלל רעליגיעזע ספרים אין יידיש, איבערזעצונגען פון רעליגיעזן אינהאַלט (תפילות, תנ״ך, מדרשים־פראַגמענטן וכדומה). צוליב דעם וואָס די דאָזיקע רעליגיעז־דידאַקטישע ספרימלעך אין יידיש זענען געווען באַשטימט פאַר פרויען אָדער פּשוטע פאָלקס־יידן, המון עם, וועלכע האָבן קיין העברעאיש ניט פאַרשטאַנען, זענען זיי געוויינלעך געשריבן אין אַ נאַאיוון טאָן, סענטימענ־

טאַל, אַז דער באַזונדערער געלערנזאַמקייט פון די העברעאישע ספרים. דער אמת איז, אַז די דאָזיקע כראָנאָלאָגישע איינטיילונג אין די דערמאָנטע 2 צייטן איז ניט קיין זיכערע, ווייל אויך אין דער ערשטער „שפּילמאַן“־צייט זענען זיכער אַרומגעגאַנגען אין כתב־יד ספרים אין יידיש פון רעליגיעזן, דידאַקטישן אינהאַלט, און אוך שפּעטער טרעפן מיר אין יידיש די ריטער־דערציילונגען; און אויך די צונויפשטעלונג אין דער פאָרם פון גראַם און ריטם און זיי זענען זיכער געזונגען און דעקלאַמירט געוואָרן דורך לצים, פאָלקס־זינגער, בדחנים סיי אויף פּריוואַטע שמחות, סיי אין פּורים־פאַרווײַלונגען. די עלטסטע „שפּילמאַן־ווערק“ אין יידיש זענען דאָס „שמואל־בוך“ (מען דענקט אַז עס איז געשריבן געוואָרן אין 15טן יאָרהונדערט). אַן עפּאָס אין פּערזן, באַשריבן די העלדן־טאַטן און לעבנס־פּאַסירונגען פון דוד המלך, דער ראָמאַן פון קעניג אַרטוס (אַ באַאַרבעטונג פון אַלט־דייטשע ריטער־דערציילונגען), „עקדת יצחק“, דאָס „בבא־בוך“ און „פּאַריז און וויענה“ פון רבי אליהו בחור (זע זוכוואָרט „בחור“) און אַנדערע. אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער עלטערער ליטעראַטור אין יידיש האָבן זיכער געהאַט די איבערזעצונגען פון חומש און טייל אַנדערע תנ״ך־ספרים וועלכע זענען דערשינען אין אויגסבורג און קאָנסטאַנץ אין 16טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן שפּעטער געהאַט ממשיכים, ווי די פולשטענדיקע תנ״ך־איבערזעצונגען פון יקותיאל בליץ און יוסף וויצנהויזן אין 17טן יאָרהונדערט, דאָס טייטש־חומש (צאנה וראינה), דאָס „מעשה־בוך“, אין וועלכן עס זענען געזאַמלט געוואָרן סיפּורי מעשיות פון די חסידי אשכנז (רבי יהודה החסיד און אַנדערע) און סיפּורים פון מדרשים, און וואָס האָט אַרויסגערופן די אַנטשטייאונג פון אַנדערע מעשיות־זאַמלונגען אין יידיש. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט (ביז דער השכלה־עפּאָכע אין 18טן יאָרהונדערט) זענען דערשינען אין אַלט־יידיש ניט נאָר מוסר־ספרימלעך, ריטער־דערציילונגען, איבערזעצונגען פון תפלות, תחינות, פון ערנסטע ספרים (ווי מנורת המאור, חובות הלבבות און אַנדערע) נאָר אויך היסטאָרישע ספרים (איבערזעצונג פון יוסיפון, שבט יהודה, דאָס אָריגינעלע „שארית ישראל“ און אַנדערע), פּורים־שפּילן, עלעמענטאַרע האַנט־ביכלעך פון אַריטמעטיק און אַנדערע ביכלעך פון פּראַקטישן, נוצליכן אינהאַלט. אין אַמסטערדאַם איז געמאַכט געוואָרן אין 17טן יאָרהונדערט זאָגאַר אַ פּרואוו אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין יידיש (זע זוכוואָרט „פּרעסע“). אָנהויבנדיק פון דער צייט פון דער השכלה־באַוועגונג, וועלכע איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיט דער צווייטער, טיפער־איינגרייפנדער פאָלקס־באַוועגונג פון חסידות, איז די ליטעראַטור אין יידיש, וועלכע איז ביז דעמאָלט געווען מער אַן איבערגעזעצטע ליטעראַטור, געוואָרן זעלבסטשטענדיקער. פון איין זייט זענען פיל פון די חסידישע וואונדער־דערציילונגען (וועגן בעש״ט און אַנדערע) און די אָריגינעלע פּאָעטישע סיפּורים פון רבי נחמן בראַסלאַווער געשריבן געוואָרן אין יידיש; פון דער צווייטער זייט האָבן השכלה־שריפטשטעלער, וואָס כאָטש אַ סך פון זיי האָבן ניט געהאַלטן פון דער יידישער שפּראַך, זיך באַנוצט מיט יידיש און געשריבן אין דער דאָזיקער שפּראַך דידאַקטישע ספרים, קאָמעדיעס, פּאַראָדיעס, פּאָפּולערע וויסנשאַפט (ווי אייכעל, וואָלפסאָן, דר. מאַרקוזעס „ספר רפואות“), איבערזעצונגען פון תנ״ך־ספרים (מענדל לעפינס, „משלי“, „קהלת“ און אַנדערע). צו די שפּעטערע השכלה־שרייבער אין יידיש האָבן געהערט אַ

גאנצע ריי באקאנטע העברעאישע שריפטשטעלער ווי יוסף פערל, יצחק בער לעווינזאן, גאטלאבער, י. ל. גארדאן („שיחת חולין") און אנדערע. אבער עס האבן זיך אנגעהויבן באוויזן אין יידיש ווערק שוין ניט פון א טענדעציעזן אינ־האלט, נאר סתם בעלעטריסטיק, דערציי־לונגען, פאעזיע. ישראל אקסענפעלד (געבוירן 1787 אין רוסלאנד — גע־שטארבן 1866 אין פאריז) האט נאך אין זיינע ראמאנען די השכלה־טענדענצן, אפ־צולאכן פון דעם יידישן „געטא"־לעבן. אבער ער „פארגעסט" זיך שוין דערביי. און זיינע דערציילונגען, כאטש טענדענ־ציעז, טראגן שוין דעם כאראקטער פון זעלבסטשטענדיקער ליטעראטור. דאס זעלבע איז אויך מיט די ערשטע יידישע פאעטן און דראמאטורגן (מיכל גארדאן, בראדער זינגער, דר. שלמה עטינגערס „סערקעלע"), און באזונדערס מיט דעם פרוכטבארסטן יידישן שריפטשטעלער אין הערמיט פון 19טן יארהונדערט, איי־זיק מאיר דיק. פון דעמאלט אן הויבט זיך אן אויך דער אויפבוי פון דער נייער יידישער ליטעראטור, און הגם אויך אין טייל ווערק פון די שפעטערע בארימטע שריפטשטעלער (מענדעלע מוכר ספרים) זענען צו באמערקן געוויסע השכלה־טענ־דענצן אבער אויך דא האט די נאציא־נאלע באוואוסטזיין־דערוואכונג דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער יידישער לי־טעראטור. די באדייטנדסטע שריפט־שטעלער פון דער דאזיקער ערשטער ניי־ער צייט זענען געווען אברהם גאלדפאדען מענדעלע מוכר ספרים, דינענזאן, דער פא־פולערער ראמאנען שרייבער שמ"ר (שיי־קעוויטש), וואס הגם זיינע ראמאנען זע־נען פרימיטיווער לייען־שטאף האט ער אבער מיטגעהאלפן פיל צו אנטוויקלען דעם לייען־פובליקום — און באלד דער־נאך זענען געקומען שלום עליכם, י. ל. פרץ, פרוג, בן עמי, ספעקטאר, און אנ־דערע. די ליטעראטור אין יידיש האט זיך צעצווייגט אויך אין געאגראפישע צענטערס, און גלייכצייטיג מיט דעם אויפבוי אין רוסלאנד און פוילן, האבן ליטעראַרישע שאפונגען אין יידיש זיך גענומען באווייזן, א דאנק דער עמיגרא־ציע, אויך אין די פאראייניקטע שטאטן אין אמעריקע, וואו עס האט זיך אנט־וויקלט אין סוף 19טן יארהונדערט א פארצווייגטע פרעסע אין יידיש. און בא־זונדערס האבן אין דער הינזיכט געווירקט די ארבעטער־באוועגונגען, אנגעזעענע דיכטער, שרייבער, דראמאטורגן, (מא־רים ראזנפעלד, ווינטשעווסקי, קאהאן, הארקאווי, יעקב גארדין, עדלשטאט, באוושאווער). אבער דער הויפט־צענ־טער פון דער ליטעראטור אין יידיש זע־נען געבליבן רוסלאנד און פוילן, וואו אין די ערשטע צענדליקער יארן פון 20טן יארהונדערט האבן אחוץ פיל פון די דער־מאנטע שריפטשטעלער אויך געשאפן זייערע ווערק שלום אש, נאמבערג, אבר־הם רייזן, וויסנבערג, בעל מחשבות, ש. אנסקי, ניגער, באראכאוו, ד. זשיטלאוו־סקי, דר. מוקדוני, אנכי, הירשביין, הלל צייטלין, וויטער, בערגעלסאן, פינסקי. און אויך א גאנצע ריי פון די אנגעזע־ענסטע העברעאישע שריפטשטעלער האבן געשריבן אויך יידיש (ביאליק, סא־קאלאוו, פרישמאן, בערדיטשעווסקי און אנדערע). אין דער זעלבער צייט האבן אין אמעריקע אנטוויקלט א רייכע ליטע־ראַרישע טעטיקייט ליעסין, משה לייב האלפערן, יהואש, לייוויק, נאדיר. נאך דער וועלט־מלחמה פון 1914—1918 זע־נען אין דער יידישער ליטעראטור אין רוסלאנד און פוילן אויפגעשוואומען נייע שריפטשטעלער ווי י. י. זינגער, פרץ מארקיש, איציק מאנגער, האפשטיין, עוזר ווארשאווסקי, האראנטשיק, קולבאק, אורי צבי גרינבערג, און אין אמעריקע אפאטאשו, שווארץ, גלאזמאן, און פיל

אַנדערע. — פּרטים זע אין די זוכוואָרטער פון די נעמען פון טייל דערמאָנטע שריפטשטעלער ווי אויך אין די זוכוואָרטער „טעאַטער", „יידיש". — וועגן דער געשיכטע פון ליטעראַטור אין אַלט און ניי יידיש זענען פאַראַן: צינבערג, „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן"; פּינעס, „געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור"; וויינרייך, „בילדער פון יידישער ליטעראַטור־געשיכטע"; עריק, „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן"; שטיף, „די עלטערע יידישע ליטעראַטור"; רייזן, „פון מענדלסאָן ביז מענדעלע"; רייזן, „לעקסיקאָן" (סיי די אויסגאַבע אין איין באַנד פון 1914, וועלכע נעמט אַרום אויך אַלט־יידישע שרייבער און סיי די אויסגאַבע פון 4 בענדער); די אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור ביי יידן אין באַנד 3 פון „יידן", אויסגאַבע פון דער „אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע".

**לייב, זיידע פון שפּאָליע** (געשטאָרבן 1812 ביי 85 יאָר אַלט). רבי און בעל מופת, באַקאַנט אַלס דער „שפּאָליער זיידע"; געפירט מחלוקות קעגן רבי נחמן בראַסלאַווער; פאַראַן וועגן אים אַ ספר „נפלאות הסבא משפאליע".

**לייב שרהס, רבי** (געשטאָרבן 1791). געהיימניספולער חסידישער רבי, תלמיד פון רבי ר' בער פון מעזריטש; ער פלעגט אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך. האָבן געהיימע זעאונגען מיט פּוילישע מאַגנאַטן, געזאַמלט געלט פאַר נסתרים; די פאָלקס־לעגענדע דערציילט, אַז ער פלעגט מיט קפיצת הדרך קומען יעדן ערב שבת קיין ווין, און פייניקן דעם עסטרייכישן קייזער יאָזעף דעם 2טן דערפאַר וואָס ער האָט געצוואונגען יידן גיין אין שולן. אין די סיפורי מעשיות פון צדיקים זענען פאַראַן וועגן אים פיל לעגענדעס.

**ליידן** זע „אומגליק", „יסורים".

**לייוויק, ה.** (פּסעוודאָנים פון לוי האַלפּערין), געבוירן 1888, געוועזן פון די „בונד"־טוער אין מינסק, פאַרשיקט קיין סיביר; זינט 1913 אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע; געוועזן צוערשט נאָענט צו די קאָמוניסטן, נאָכער אַוועק פון זיי; איינער פון די באַדייטנדסטע יידישע דיכטער, און דראַמאַטורגן; בענקשאַפט צו גאולה, פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט; געשריבן „דער גולם", „קייטן", „הירש לעקערט". „שמאַטעס" און אַנדערע; דראַמאַטישע ווערק („גולם" און אַנדערע) זענען אויפגעפירט געוואָרן אויך אין העברעאיש אין ארץ־ישראל, דורך „הבימה" און „אוהל".

**ליינער** פאַמיליע פון אָנגעזעענע חסידישע רביים אין פּוילן — גרשון הענעך (1839 — 1891), באַרימטער רבי פון ראַדזין, גרויסער למדן, איינגעפירט צו טראָגן אין ציצית דעם בלויען פאָדעם („תכלת"); מחבר פון „פתיל תכלת", „ארחות חיים", „סדרי טהרה" (גמרא אויף משניות סדר טהרות). — 2) יעקב (1878), פאָטער פון רבי גרשון הענעך. רבי צוערשט אין איזשביצע און דערנאָך אין ראַדזין; מחבר פון בית יעקב. — 3) מרדכי יוסף (1854), גרינדער פון דער איזשביצער און ראַדזינער דינאַסטיעס; צוערשט געוועזן חסיד פון רבי מענדל פון קאָצק; אין יאָר ת"ר אַוועק פון קאָצק און געוואָרן רבי; גרויסע מחלוקה צווישן זיינע חסידים און קאָצקער חסידים; מחבר פון „מי השלוח"; זיינע אָנגעזעענסטע תלמידים זענען געוועזן רבי לייבעלע אייגער (שפּעטער רבי אין לובלין) און רבי צדוק הכהן. — וועגן דער איזשביצער און ראַדזינער דינאַסטיעס איז פאַראַן אַ ספר „דור ישרים".

**ליכט** דאָס אָנצינדן ליכט (אויף העברעאיש „נר״). האָט אין דער יידישער רעליגיע אין פיל מאָמענטן אַ זייער גרויסע באַדייטונג, און ווייזט אויף דער פייערלעכקייט פון דעם מאָמענט. אין תומש שמות כ״ז זאָגט גאָט צו משה, אַז עס זאָל אין משכן (שפּעטער, אין בית המקדש) ברענען ליכט („להעלות נר תמיד״); דער דאָזיקער „נר תמיד״ האָט אויך געהייסן „נר אלהים״, גאָטס ליכט (שמואל א׳ ג׳); דערפון שטאַמט אויך דער מנהג אָנצוצינדן ליכט אין בית המדרש און שול בײַם דאַווענען פאַרן עמוד. ליכט ווערט באַטראַכט אַלס דער סימבאָל פון דער תורה און פון מענטשנס נשמה (משלי ו׳ „נר מצוה ותורה אור״, און משלי כ׳ „נר ה׳ נשמת אדם״ — גאָטס ליכט איז די נשמה פון מענטש); דער מדרש אין שמות רבה ל״ו ברענגט די ווערטער פון גאָט צו מענטש „נרך בידי ונרי בידך״ (דײַן ליכט איז אין מײַן האַנט, און מײַן ליכט איז אין דײַן האַנט). — איינע פון די מצוות, ווען עס קומט אָן אַ פייערלעכער טאָג, שבת, יום־טוב, איז אָנצוצינדן ליכט, „הדלקת הנר״. און די פליכט דאָס צו טאָן איז איבערגעגעבן געוואָרן דער הויז־פרוי; די ליכט ווערן אָנגעצונדן ערב שבת פאַרנאַכט, און בײַם אָנצינדן די ליכט מאַכט מען אַ ברכה, און דעריבער הייסט עס „ליכט־בענטשן״; עס איז דער מנהג אַז די פרוי פאַרשטעלט זיך די אויגן בײַם מאַכן די ברכה; זי זאָגט דערנאָך אויך אַ תחינה, געוויינלעך אין יידיש; דער 2טער פרק פון דער משנה שבת ברענגט די דינים, מיט וואָס מען מעג יאָ אָנצינדן ליכט פאַר שבת און מיט וואָס ניט; די גמרא אויף דעם פרק ברענגט מאמרים וועגן דער גרויסקייט פון דער מצוה. — אַ צווייטע מצוה פון ליכט־צינדן איז אין חנוכה, און אויך דאָ ווערט געמאַכט אַ ברכה און דעריבער הייסט עס „בענטשן חנוכה ליכט״. זע זוכוואָרט „חנוכה״. — ס׳איז אויך דער מנהג אָנצוצינדן ליכט צו יאָרצייט, און דאָס ליכט ברענט זיך אַ גאַנצן מעת־לעת; אויך דאָ איז דער טעם, ווײַל ליכט איז דער סימבאָל פון דער נשמה פון מענטש; עס איז אויך אַ מנהג אָנצוצינדן ליכט בײַ אַ מת צוקאָפּנס, און בײַ אַן אבל די גאַנצע צײַט פון די זיבן טרויער טעג; דער מנהג ווערט געבראַכט אין דער צוואה פון רבי יהודה הנשיא אין כתובות ק״ג „ונר יהא דלוק במקומי״ („אַ ליכט זאָל זיך ברענען אויף מײַן אָרט״). עס איז אויך אַ מנהג אויף יום כפור אָנצוצינדן גרויסע ליכט, אַז זיי זאָלן ברענען אַ גאַנצן מעת־לעת, און מען רופט עס „נשמה־ליכט״. מען צינדט אויך אָן ליכט בײַ אַלע שמחות של מצוה, ווי אויף אַ חתונה, ברית, בר מצוה. וועגן אָנצינדן ליכט שבת־צונאַכטס צו הבדלה זע זוכוואָרט „הבדלה״. — עס איז אַ מנהג, ווען איינער געפינט זיך אין אַ צרה, בײַ אַ קראַנקייט, מנדר צו זײַן ליכט אין בית המדרש. אַ מנהג איז אויך צו ברענען ליכט אויף די קברים פון גרויסע צדיקים; די חסידים פון רב נחמן בראַסלאַווער געבן אַכטונג, אַז אויפן קבר פון זייער רבין אין אומאַן זאָל זיך שטענדיק, אָן אויפהער, ברענען דער נר תמיד.

**ליליען, אפרים משה** (1874 — 1921), צייכענער, באַאַרבעט פיל יידישע פאָלקס־מאָטיוון, געגעבן אויסדרוק צו די האָפענונגען פון גאולה; געצייכנט בילדער צו די ספורים פון תנ״ך און אַנדערע.

**ליליענבלום, משה לייב (מל״ל)** געבוירן 1843 אין ליטע — געשטאָרבן 1910 אין אָדעס; העברעאישער שריפטשטעלער, פירער פון חובבי ציון; צוערשט אַ פרומער למדן, נאָכער געוואָרן אויפגעקלערט, געפירט אַ קאַמף פאַר רעפאָרמירן געוויסע דינים פון שלחן ערוך (אין זײַן

„אורחות התלמוד"), אוועק קיין אדעס. געשריבן אין „המליץ", „השחר"; זיין אויטאביאגראפיע „חטאת נעורים" (אונ־טערן פסעוודאנים „צלפחד בן חושים התוהה") האט געמאכט דעם גרעסטן איינדרוק אויף ישיבה בחורים און גע־האלפן פארשפרייטן צווישן זיי השכלה; נאכער מיטגעריסן געווארן מיט דער חבת־ציון־באוועגונג; געווארן סעקרעטאר פון די חובבי ציון; געהערט צו די „מעשיים", פראקטיקער, וואס האבן גע־האלטן, אז מען דארף בויען וואס מער קאלאניעס, אין קעגנזאץ צו אחד העמס גייסטיקן חבת ציון; אויף זיין נאמען איז פאראן אין ארץ־ישראל די קאלאניע „כפר מלל", און אין תל אביב די גאס „רחוב ליליענבלום". — זיינע שריפטן זענען דערשינען אין 4 בענדער „כתבי משה לייב ליליענבלום".

**לילית** נאמען פון „שדים־קעניגין" אין פאלקס־גלויבן, שטאמט פון ווארט „לילה", נאכט, ווייל זי הערשט ביי־נאכט. צי דאס האט עפעס א שייכות מיט דעם פסוק „אך שם הרגיעה לילית" אין ישעיה ל"ד איז שווער צו זאגן; אין דער גמרא ווערט לילית אלס שד־פרוי דערמאנט עטלעכע מאל; אין שבת קנ"א זאגט די גמרא אז ווער עס שלאפט אליין אין א שטוב ביינאכט האט איבער אים לילית די שליטה; אין די „שיר המעלות" וואס מען שרייבט פאר א קימפעטארין ווערט צוגעגעבן, אז זי זאל געשיצט ווערן פון „לילית"; אין די שפעטערע מוסר־ספרים, אין קב הישר (מחבר געלעבט ענדע 17טן יארהונדערט אין פוילן), ווערן געבראכט מעשיות, ווי לילית פארשטעלט זיך פאר א שיינער פרוי און פארפירט פרומע מענער. — פאראן א מיינונג, אז דער נאמען לילית שטאמט פון דער אלט־בבלישער מיטאלאגיע.

**לינעצקי, יצחק יואל** (1839—1916) שריפטשטעלער אין יידיש; פאפולער דורך זיין אנטי־חסידישער דערציילונג „דאס פוילישע יינגל", אין וועלכער עס ווערט אויסגעלאכט דאס לעבן פון חסי־דיזם און רביים, פארשטעלנדיק טייל רביים און זייערע גבאים אלס שווינ־דלער; פרטים אין רייזנס „לעקסיקאן".

**ליעסין, אברהם** (1872 — 1939). דיכטער, רעדאקטאר פון מאנאט־שריפט „צוקונפט" אין ניו־יארק; צוערשט גע־הערט צום בונד; אין זיינע לעצטע יארן געווען נעענטער צו דער ציוניסטישער ארבעטער־באוועגונג.

**ליפשיץ, ישראל** (1782 — 1860. צום גדליה תרכ"א אין דאנציג), רב אין דאנציג, בארימטער מפרש פון משניות. אויף וועלכן ער האט מחבר געווען זיין פירוש „תפארת ישראל" און די איינ־לייטונגען צו די משניותן, אין וועלכע ער גיט סיסטעמאטיזירט די כללים פון וויכ־טיקע תלמודישע געביטן ווי ל"ט מלאכות, קרבנות, טומאה וטהרה, קידוש החודש און אנדערע; ער האט אויך געהאט אל־געמיינע בילדונג, און אין זיין דרשה „אור החיים" (צום סוף פון סדר נזיקין) באמיט ער זיך אויסצוגלייכן די טראדי־ציע פון חומש וועגן בריאת העולם מיט די וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען אין גע־אלאגיע וועגן דער עלטער פון דער ערד.

**לכה דודי** (גיי מיין ליבסטער). פיוט, וואס איז פארפאסט געווארן דורך דעם מקובל ר' שלמה אלקביץ (זע „שלמה אלקביץ") אין 16טן יארהונדערט אין צפת, צו זאגן צו קבלת שבת; דריקט אויס די בענקשאפט צו גאולה; ביי חסי־דים ווערט דער פיוט געזונגען; ביים לעצטן חרוז דרייט זיך אויס דער חזן און דער עולם צו דער טיר; דער אינהאלט

פון פיוט איז ווי מען גייט אנטקעגן די „כלה שבת" צו איר אנקומען און מען באגריסט איר; דער הויפט־מאטיוו פון פיוט איז פאראן שוין אין דער גמרא בבא קמא ל"ב „באו ונצא לקראת שבת מלכתא", „בואי כלה, בואי כלה".

**לכיש** אלטע שטאט אין ארץ־ישראל, צוגעטיילט צום שבט יהודה (יהושע ט"ו); ווערט דערמאנט אחוץ אין תנ"ך אויך אין די עגיפטישע דאקומענטן פון „תל־אמארנא"; זי איז געווען אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש א שטארקע פעסטונגס־שטאט, און ספר ירמיה ל"ד דערציילט וועגן איר באלאגערונג אין דער צייט פון חרבן בית ראשון; לעצטנס, אין יאר 1935 האט מען אויפן ארט פון לכיש (היינט „תל דווייר") געפינען בריוו, וואס דער יידישער קאמענדאנט פון לכיש אין דער צייט פון חרבן בית ראשון, א געוויסער יאוש, האט באקומען צוגעשיקט פון אנדערע קאמענדאנטן; די „בריוו („אגרת לכיש") זענען פארעפנטלעכט געווארן דורך פראפעסאר טארטשינער און אין זיי זענען פאראן באשטעטיקונגען צו א ריי ספורים פון ספר ירמיה וועגן דער פארפאלגונג פון א נביא וואס האט פארויסגעזאגט, אז די מלחמה וועלן יידן פארשפילן. — זע אין טארטשינערס אפהאנדלונג.

**למדן** זע „לערנען".

**למך** איינער פון קינס אור־אור־איינינקלעד (חומש בראשית ד'). דארט ווערט געבראכט ווי למך האט געהאט צוויי ווייבער און ער האט צו זיי געזאגט „איך האב געהרגעט א מאן צו מיין וואונד, און א קינד צו מיין וואונד, ווייל קין איז נוקם געווארן אויף זיבן מאל און למך אויף זיבן־און־זיבעציק". דער זין פון די דאזיקע ווערטער איז ניט קלאר. און רש"י ברענגט די אגדה אז למך איז געווען א בלינדער און איז געפירט געווארן צו דער יאגד דורך זיין זון תובל קין און ווען ער האט געטראפן קינען זיין זיידע האט ער געמיינט אז דאס איז א חיה און האט אים מיט זיין פייל דערהרגעט; פון גרויס צער האט ער דערנאך געקלאפט מיט די הענט און דערהרגעט אויך זיין זון תובל קין.

**למפרונטי, יצחק** (1679 — 1756 אין איטאליע), דאקטאר און בארימטער תלמודישער לעקסיקאגראף, מחבר פון ריזיקן תלמודישן לעקסיקאן „פחד יצחק". וואס דערקלערט די ענינים פון תלמוד. צונויפגעשטעלט ענציקלאפעדיש לויט דעם סדר פון אלף־בית; אין 1750 איז דערשינען דאס אות „אלף", נאכער זענען דערשינען 5 בענדער ביז אות מ'; ערשט אין די יארן 1864 — 1887 האט די „מקיצי נרדמים" ארויסגעגעבן די איבעריקע טיילן ביז צום סוף; למפרונטי איז געווען בארימט אלס גרויסער האקטאר אין זיין צייט, און זיין פארדינסט האט ער אוועקגעגעבן אויף צדקה; אויף זיין ארון, וואוהין מען זאל אים אריינלייגן נאכן טויט, האט ער געלאזט אויפקריצן די ווערטער: „זע מענטשן־זון, פארלאז דיין וועג, ווייל ביז דאנען קומט דער סוף פון יעדן מענטש. געדענק דיין באשאפער און דיינע יוגנט־טעג, און פריי זיך, ווען דו געפינסט דעם קבר".

**לעבן** אין דער יידישער רעליגיע ווערט לעבן, חיים, באטראכט אלס דאס העכסטע גליק, די גוטע דערשיינונג; דער חומש דברים ל' זאגט „ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע — ובחרת בחיים" (זע, איך האב פאר דיר היינט געגעבן דאס לעבן און דאס גוטע, ווי אויך דעם טויט און

דאָס שלעכטע — און דו זאָלסט אויס-
ווײלן דאָס לעבן); אין די עשרת הדברות
(שמות כ') ווערט אלס באַלוינונג גע-
זאָגט „למען יאריכון ימיך" (כדי דו
זאָלסט לאַנג לעבן); די יידישע תורה
ווערט דעריבער אָנגערופן „תורת חיים".
די לערע פון לעבן; אויך אין די יידישע
תפלות ווערט כסדר געבעטן אויף
„חיים", „לעבן", און די תפלה צו ראש-
חודש־בענטשן אנטהאַלט די באַצייכע-
נונגען פון דאַזיקן לעבן. — וועגן דער
פראַגע פון פעסימיזם און אָפּטימיזם אין
יידנטום, די יאוש־אויסדרוקן וואָס מען
טרעפט טייל־מאָל אין די יידישע ספרים
וועגן לעבן און טויט, זע אין די זוכווער-
טער „גוט און שלעכט", „טויט".

**לעבענזאָן** — 1) אברהם דוב, באַ-
קאַנט אויך אלס „אדם הכהן" (1794
לערך — 1878 אין ווילנע), העברעאישער
השכלה־דיכטער אין ליטע, מחבר פון
„אמת ואמונה", „כליל יופי" און אַנ-
דערע; ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט פּרו-
שים אויף ירמיה, יחזקאל און תרי עשר;
געהאַט א גרויסן איינפלוס אויף דער
השכלה־באַוועגונג אין ליטע. — 2) מיכה
יוסף, זון פון אדם הכהן, (1828 — 1852),
איינער פון די ערשטע מאָדערנע העברע-
אישע דיכטער, ליריקער, מחבר פון „כנור
בת ציון"; איבערזעצט „הריסות טרויה".

**לעהמאַן, מאיר** (געשטאָרבן 1890).
רב און אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלער
אין דייטשלאַנד, רעדאַקטאָר פון אָרטאָ-
דאָקסישן „איזראעליט"; מחבר פון
היסטאָרישע דערציילונגען אין אָרטאָ-
דאָקסישן גייסט; אין יידיש זענען פאַראַן
איבערזעצט „שפּאַנישע אינקוויזיציע".
„אויף קידוש השם", „יידישער מיני-
סטער", „רבי יוזעלמאַן", „בוסתנאי"
און אַנדערע.

**לעוו, עמנואל** (1854 — ?), באַרימ-
טער געלערנטער אין אונגאַרן; זיינע
ווערק איבער די „פלאַנצן־נעמען ביי
יידן", די „פלאַנצן־נעמען ביי רש"י"
און אַנדערע, האָבן א גרויסן ווערט.

**לעווי** — 1) אליעזר (1809 — 1888),
געלערנטער, סעקרעטאַר פון משה מאָנ-
טעפיאָרע און זיין באַגלייטער אויף די
רייזעס; ער האָט רעדאַגירט און אַרויס-
געגעבן די זכרונות פון מאָנטעפיאָרעס
רייזעס אין ארץ־ישראל און דמשק; ער
האָט אויך מחבר געווען אַנדערע ווערק;
— 2) יעקב (1819 — 1892), רב און
געלערנטער אין דייטשלאַנד, תלמיד פון
רבי עקיבא אייגער; באַרימט דורך זיין
ווערק „אַראַמעאישע ווערטערביכער פון
די תרגומים און דער תלמודישער ליטע-
ראַטור", וואָס האָט געדינט אלס יסוד
אויך פאַר קאָהוטס „ערוך השלם".

**לעווינסאָן, יצחק בער (ריב"ל)**
געבוירן 1860 אין קרעמענעץ, וואָלין; הש-
כלה־שריפטשטעלער אין רוסלאַנד, אָנגע-
זען אויך אין די רוסישע רעגירונגס-
קרייזן; פאַרעפנטלעכט אין 1828 זיין
„תעודה בישראל" אז מען דאַרף לערנען
העברעאיש, ניט־יידישע שפּראַכן, וועלט-
לעכע לימודים, מלאכה, און באַזונדערס
ערד־אַרבעט; דאָס בוך האָט געהאַט אַ
אומגעוויינלעכן איינפלוס און האָט פיל
מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן השכלה
צווישן ישיבה־בחורים; ער האָט אויך
מחבר געווען „בית יהודה" (איבער יידי-
שער געשיכטע), „זרבבל" (פאַרטיידיקונג
פון תלמוד קעגן דעם מיסיאָנערישן ספר
„נתיבות עולם"), „אפס דמים" (קעגן
עלילת הדם), „עמק רפאים" (קעגן חסי-
דות); אויך פאַרפאַסט אין יידיש „די
הפקר־וועלט" (סאַטירע אויף חסידות)
און אַנדערע. — וועגן ריב"ל זענען פאַ-
ראַן פרטים אין נאַטאַנזאָנס „ספר הזכ-
רונות".

**לעווינשטיין, יוסף** (1837 — 1924). רב אין סעראָצק, חסיד פון וואָרקער רביים ר' יצחק און רבי מענדל קאָליש; געלערנטער אין רבנישער און רביישער ביאָגראַפיע; מחבר פון „דור ודור ודורשיו (לעקסיקאָן פון יאָרצייטן) און פיל פיל בריוו וועגן רבנישער און חסידישער ביאָגראַפיע, פאַנאַנדערגעוואָרפן אין פיל ספרים פון אַנדערע מחברים.

**לעווינסאָן, שלמה** (געשטאָרבן 1821). העברעאישער דיכטער און שריפטשטעלער אין עסטרייך אין דער השכלה־עפּאָכע; מחבר פון „מליצת ישורון" (פּאָעמעס פון ביבלישן אינהאַלט); מחקרי ארץ" (געאָגראַפיע פון תנ"ך); „בית האוסף"; ווערט באַטראַכט אַלס דער באַדייטנדסטער דיכטער פון דער השכלה־צייט. — פּרטים אין לאַכאָווערס „תולדות הספרות העברית החדשה".

**לעטעריס, מאיר הלוי** (1804 אין גאַליציע — 1871 אין ווין). העברעאישער דיכטער פון השכלה־צייט; מחבר פון „תופש כנור ועוגב" (לידער); פּאָפּולער געוואָרן זיין ליד „יונה הומיה"; מגיה געווען „תנ"ך"; איבערזעצט ווערק פון ראַסין, פראַגמענטן פון געטעס „פאַוסט" („בן אבויה"), אַרויסגעגעבן „מגדול עוז" פון לוצאַטו, „עמק הבכא" פון רבי יוסף הכהן; „זכרון בספר", זכרונות פון דער השכלה־צייט; רעדאַגירט דעם נייעם „המאסף".

**לעמבערג (לבוב)** אַלטע שטאָט אין מזרח־גאַליציע, האָט געהאַט פאַר דער מלחמה אין 1939 ביי 120 טויזנט יידן אויף אַן אַלגעמיינער צאָל איינוואוינער פון 350 טויזנט; יידן וואוינען אין לעמבערג פון גאָר אַלטע צייטן; ווערן דערמאָנט אין יאָר 1340, ווען דער פּוילישער קעניג קאַזימעזש דער גרויסער האָט זיי געגעבן גלייכבאַרעכטיקונג; אין דער גזרת ת"ח (1648) האָבן לעמבערגער יידן פיל געליטן פון דער באַלאַגערונג דורך כמעלניצקיס קאָזאַקן; פון 1867 געהאַט גלייכבאַרעכטיקונג; ענדע 1918, בעת דער מלחמה צווישן פּאָליאַקן און אוקראַינער, אומגעקומען פיל יידן דורך די פּאָליאַקן; לעמבערג איז געווען אַ צענטער פון תורה, השכלה; געהאַט די אָנגעזעענסטע רבנים, רבי יהושע וואַלק (מחבר פון סמע), רבי דוד הלוי, מחבר פון ט"ז; רבי חיים כהן ראַפּאַפּאָרט, רבי יעקב אָרנשטיין („ישועות יעקב"), רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן; די משכילים קראָכמאַל, ראַפּאַפּאָרט, ערטער, מיזעס; אַ לאַנגע צייט זענען דערשינען יידישע און אידיש־פּוילישע צייטונגען („אידישעס טאַגבלאַט", „כוויליא" און אַנדערע). — וועגן די רבנים אין לעמבערג איז פאַראַן דעמביצערס „כלילת יופי".

**לעפין, מענדל** (1749 אין סאַטאַנאָוו — 1826 אין טאַרנאָפּאָל), באַקאַנט אויך אַלס מענדל סאַטאַנאָווער; פון די אָנגעזעענסטע השכלה־שריפטשטעלער; פריינט פון משה מענדלסאָן; אַרויסגעגעבן „רפואות העם" (פּאָלקס־מעדיצין), איבערזעצט „מורה נבוכים" אין אַ קלאָרער משנה־שפּראַך; איבערזעצט „משלי" און „קהלת" אויף יידיש. — זע רייזנס „פון מענדלסאָן ביז מענדעלי".

**לעקערט, הערש** (1879 — 1902 אין ווילנע), סאָציאַליסט, שוסטער־אַרבעטער, מיטגליד פון „בונד"; מאַרטירער; אין 1902 האָט ער געשאָסן אויף דעם רוסישן ווילנער גובערנאַטאָר דערפאַר וואָס ער האָט געפייניקט אַרבעטער־סאָציאַליסטן; מען האָט אים געכאַפּט און אים אויפגעהאַנגען; לייוויק האָט געשריבן אַ דראַמע וועגן זיין מאַרטירערטום.

**לערנען** מיטן וואָרט „לערנען" (אין העברעאיש „למוד"), ווערט פאַרשטאַנען אין דער יידישער רעליגיע דאָס לערנען תורה, און דאָס ווערט פאַרעכנט אַלס די העכסטע פליכט פון יעדן ייד. אין דער פּרשה פון שמע ישראל (דברים ו'), וואָס איז די ערשטע פּרשה פון קריאת שמע, ווערט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל אַליין לערנען (ודברת בם) די תורה („הדברים האלה") און מען זאָל זי אויך לערנען די קינדער („ושננתם לבניך"); אין חומש דברים ה' ווערט געזאָגט „ולמדתם אותם", איר זאָלט זיי (די אַלע מצוות פון דער תורה) לערנען; אין ספר יהושע א' ווערט געזאָגט וועגן דער ספר התורה „והגית בו יומם ולילה" (זאָלסט אריינטראַכטן אין איר בייטאָג און ביינאַכט). אין דער משנה און גמרא און שפּעטערע ספרים ווערט די באַדייטונג פון לערנען תורה באַטראַכט אַלס זייער גרויס. די משנה אין פּאה א' וואו עס ווערן אויסגערעכנט וויכטיקע מצוות, ווי העלפן אַ צווייטן מענטש, כבוד אב ואם און אַנדערע, ווערט געזאָגט „ותלמוד תורה כנגד כולם", אַז דאָס לערנען תורה איז וויכטיק ווי אַלע מצוות צוזאַמען. אין דער משנה פון מסכת אבות, וואָס איז די זאַמלונג פון די ווערטער פון תנאים וועגן דעם ווי אַזוי דער ייד דאַרף זיך אויפירן, ווערט אין פיל ערטער אָנגעוויזן אויף דער גרויסקייט פון לערנען תורה, און דער 6טער פּרק פון אבות, וואָס געהערט ניט צו דער משנה, נאָר איז אַ ברייתא, איז געווידמעט בלויז צו דערציילן די שבחים פון לערנען, און זי הייסט דעריבער די „ברייתא קנין תורה". דאָרט ווערט געזאָגט, אַז אפילו ווען מען דאַרף ליידן, „פּת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן (עסן ברויט מיט זאַלץ, טרינקען אין אַ מאָס וואַסער, שלאָפן אויף דער ערד) זאָל מען עוסק זיין אין לערנען. אין קידושין מ' ווערט געבראַכט אַז די תנאים רבי עקיבא און אַנדערע האָבן באַשלאָסן אַז לערנען איז וויכטיקער ווי מצוות טאָן, ווייל „לימוד מביא לידי מעשה", לערנען ברענגט צו טאָן מצוות; דער רמב"ם אין זיין ספר משנה תורה האָט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון „הלכות תלמוד תורה". און די מצוה פון לערנען ווערט פאַרעכנט דאָרט פאַר די גרעסטע מצוה. ביי יידן איז דעריבער דאָס לערנען געווען זייער פאַרשפּרייט, און דער גרעסטער שבח וואָס מען האָט געזאָגט וועגן איינעם איז געווען, אַז ער „קען לערנען". ער איז אַ „למדן", אַ „גדול בתורה", אַ „גאון"; ווען אַ פאָטער האָט געטאָן אַ שידוך מיט אַ טאָכטער האָט ער געזוכט אַ חתן אַ „לערנער" און מען פלעגט דעם חתן „פאַרהערן" צי ער קען לערנען (דאָס האָט אַ יסוד אין דער גמרא, אַז מען טאָר ניט נעמען אַן איידעם אַן „עם הארץ", פסחים מ"ט). — וועגן לערנען קינדער זע „חדר", „ישיבה", „קינדער דערציאונג".

**לפ"ק** זע זוכוואָרט „קאַלענדאַר".

**לץ, לצים** אין תנ"ך ווערט דער „לץ" באַטראַכט אַלס אַ שלעכטער מענטש; מיטן וואָרט „לץ" האָט מען פאַרשטאַנען אַ מענטש פון לייכטזיניקער אויפירונג; אין תהלים א' ווערט געזאָגט אַלס לויב פון אַ פרומען מאַן „ובמושב לצים לא ישב" (ער פאַרברענגט ניט אין דער געזעלשאַפט פון לצים); אין דער גמרא האָט „לץ" געהייסן איינער, וואָס מאַכט חוזק פון אַנדערע מענטשן (עבודה זרה י"ח און אַנדערע). — אין יידישע פאָלקס-גלויבונגען האָבן „לצים" געהייסן אויך אַ סאָרט שדים, וועלכע טוען אָפּ „שפּיצלעך" מענטשן, מאַכן חוזק פון זיי. און עס ווערן דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן זיי. — יידישע אַקטיאָרן

און פורים־שפילער האָבן אויך געהייסן „לצים" (שיפּער, אין „געשיכטע פון יידישן טעאַטער").

**לקט, שכחה, פאה** אין חומש (ויקרא י"ט, דברים כ"ד) ווערט געזאָגט, אז איינער שניידט די תבואה פון פעלד, זאָל ער ביים עק פעלד איבערלאָזן „פאה" (עק), דאָס הייסט אביסל תבואה. די אָרעמעלייט, וואָס האָבן ניט אייגענע פעלדער, זאָלן קומען און עס נעמען פאַר זיך. דאָס זעלבע אויב איינער פאַרגעסט א בינטל תבואה אראָפּצונעמען, זאָל ער עס שפּעטער מער ניט אראָפּנעמען, נאָר אויך עס איבערלאָזן פאַר אָרעמעלייט; דאָס הייסט „שכחה" (פאַרגעסן); אויך ווען איינער שניידט תבואה אָדער פּרוכטן פון בוימער און עס פאַלט אראָפּ אביסל תבואה אָדער פּרוכטן, זאָל ער דאָס ניט אויפקלויבן („לקט") נאָר איבערלאָזן פאַר אָרעמעלייט. אין דער משנה פאה ווערן געבראַכט די פאַרשידענע דינים וועגן די מצוות פון „לקט, שכחה, פאה".

**לשון הרע** (רעדן שלעכטס), אין דער יידישער רעליגיע ווערט לשון הרע באַטראַכט אלס א זייער שלעכטע מידה און איז שאַרף פאַרבאָטן. אין חומש ויקרא י"ט ווערט געזאָגט דערויף: „לא תלך רכיל בעמיך", דו זאָלסט ניט רעדן רכילות; אין דעם תלמוד און מדרש ווערט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער זינד פון לשון הרע; אין ירושלמי פאה א' ווערט געזאָגט אז לשון הרע איז א גרעסערע זינד ווי דינען עבודה זרה; אין פסחים קי"ח ווערט געזאָגט, אז די זינד איז ניט נאָר ווען מען דערציילט לשון הרע, נאָר אויך ווען מען נעמט אָן לשון הרע; די גמרא אין בבא בתרא קס"ד וואָרנט אויך קעגן „אבק לשון הרע" (שטויב פון לשון הרע), דאָס הייסט אַזעלכע רייד, וואָס זענען ניט דירעקט שלעכטס וועגן א צווייטן מענטש, אָבער זיי פירן צו שלעכטע געדאַנקען וועגן א צווייטן מענטש; אויך די שפּעטערע בעלי מוסר האָבן שטאַרק געוואָרנט קעגן לשון הרע. רבי ישראל מאיר הכהן האָט געשריבן באַזונדערע ספרים וועגן לשון הרע „חפץ חיים", „שמירת הלשון".

**לשון־קודש** זע „העברעאיש".

**לשנה הבאה בירושלים** (דעם קומענדן יאָר אין ירושלים), א פייערלעכער תפילה־וואונטש, וואָס מען זאָגט ענדע דעם סדר, פסח ביינאַכט, און ענדע יום כיפּור נאָך נעילה; אין ירושלים זאָגט מען „לשנה הבאה בירושלים הבנויה" (קומענדן יאָר אין אויפגעבויטן ירושלים).

**לשנה טובה** (צו א גוט יאָר). וואונטש נוסח, מיט וועלכן מען ווינטשט זיך די ערשטע נאַכט ראש השנה נאָכן דאַווענען; מען זאָגט „לשנה טובה תכתבו ותחתמו", צו א גוט יאָר זאָלט איר ווערן פאַרשריבן און פאַרחתמעט. פאַר ראש השנה איז אויך דער מנהג צו שיקן איינער דעם צווייטן לשנה־טובה־קאַרטן. — זע „כתיבה וחתימה טובה", „ראש השנה".

# מ

**מ (מים)** אין דעם העברעאישן און יידישן אלף־בית דאס 13טע אות; אלס ציפער 40; צום סוף ווערט געשריבן „ם", און ווערט גערופן אין העברעאיש „מים סתומה" און אין יידיש „שלאסע־מים".

**מאבד עצמו לדעת** זע „זעלבסט־מארד".

**מאגנעס, יהודה** (געבוירן אין אמע־ריקע). ציוניסטישער טוער, גרינדער און קאנצלער פון דער אוניווערסיטעט אין ירושלים זינט1924 אין ארץ־ישראל. מחבר פון רעדעס־זאמלונג „נאומי הקנצלר"; פאליטיש ־ ציוניסטיש אנהענגער פון „ברית שלום".

**מאהליווער, שמואל** (1824--1898). רב און חובב ציון; רב אין סובאלק, ראַ־דאם, צום סוף אין ביאליסטאק; געגרינ־דעט די חובבי ציון אין ווארשע (1881); געווען אין פאריז, געווירקט אויף באראן ראטשילד אין פאריז צו העלפן בויען יידישע קאלאניעס אין ארץ־ישראל; גרינ־דער פון קאטאוויצער חובבי־ציון־אסיפה (1884), געהאלפן גרינדן די קאלאניעס „עקרון", „רחובות", גייסטיקער גרינדער פון מזרחי. פארעפנטלעכט פיל ארטיק־לען און הלכה־מאמרים; אויף זיין נאמען קאלאניע „גן שמואל" אין ארץ־ישראל.

**מאזע, יעקב** (1860 — 1924) רב. שריפטשטעלער, ציוניסטישער פירער און כלל־טוער אין מאסקווע; באקאנט מיט זיינע מוטיגע ארויסטרעטונגען אין בייליס־פראצעס (1913) אין קיעוו צו פארטיידיקן די יידישע אמונה; פאר־עפנטלעכט אין יידיש און העברעאיש „זכרונות".

**מאטעמאטיק** וועגן דעם אנטייל פון יידן אין דער אנטוויקלונג פון מאטעמא־טישע וויסנשאפטן זענען געשריבן גע־ווארן א ריי אפהאנדלונגען, הגם קיין אויספירלעכע באארבעטונג, וואס זאל ארומנעמען די גאנצע צייט פון די עלט־סטע צייטן און ביז איצט, איז ניט פא־ראן. אין תנ"ך געפינען מיר וויניקע אנדייטונגען אויף מאטעמאטיק; אין מל־כים א׳ ז׳ ביים ים פון שלמה המלך אין בית המקדש איז פאראן די אויסרעכע־נונג פון „פי" (די באציאונג צווישן דעם היקף פון א קרייז צום קרייז־דורכשניט) אויף 3, און דער דאזיקער כלל איז אויך שפעטער אנגענומען געווארן אין דער גמ־רא. פון די אלטע צייטן וויסן מיר אל־זא גארניט וועגן די יידישע מאטעמאטיק־קענטעניש. אין תלמוד זענען פאראן עפעס מעהר ידיעות, און אין דער גמרא עירובין און סוכה געפינען מיר פרואוון צו בארעכענען די דיאגאנאל־ליניע פון א קוואדראט, איינגעשריבענעם קוואדראט אין א ראד (סוכה ח׳ און אנדערע). אין מיטלאלטער האבן יידן פיל געטאן פאר דער אנטוויקלונג פון מאטעמאטיק; דאס עלטסטע ספר איז „משנת המדות"; א ייד האט אין 8טן יארהונדערט געבראכט קיין אראביע און אייראפע דעם אינדישן ציפער־סיסטעם (אונדזער היינטיקער צייכנס־סיסטעם פון 1 ביז 10 און די 0); יידן האבן איבערזעצט פון אראבישן די גריכי־שע מאטעמאטישע ווערק און איבער־הויפט פארשפרייט רעכן־קענטעניש אין אייראפע; מאטעמאטיקער זענען געווען רבי אברהם בר חייא, רבי אברהם אבן עזרא, רבי משה בן מימון (רמב"ם), יש־ראלי און אנדערע; אין דער נייער צייט זענען בארימט געווען יידישע מאטעמא־טיקער ווי יאקאבי, קאנטאר (געארג און

מאַריץ), מינקאָווסקי, איינשטיין, לעווי־טשיוויטאַ, האַדאַמאַר און פיל אַנדערע פון קלענערן פאַרנעם. — זע צוקערמאַנס דייטשע בראשור „דאָס מאַטעמאַטישע אין תלמוד"; זע גערשנפעלדס ענגליש בוך „יידן אין דער וויסנשאַפט". אַ רשימה פון יידישע מאַטעמאַטיקער (יאָר 1934).

## מאיר, רבי (בעל־הנס)

תנא אין ארץ־ישראל אין מיט פון 2טן יאָרהונדערט; פאַראַן אַן אגדה אין גטין נ"ו, אַז ער האָט געשטאַמט פון רוימישן קייזער נירון, וועלכער זאָל זיך האָבן מגייר געווען; רבי מאיר איז געווען אַ תלמיד פון רבי עקיבא און אויך פון אלישע בן אבויה („אחר"), וועלכער איז אַרויס לתרבות רעה; ער האָט געהאַט ויכוחים מיט ניט־יידישע פילאָזאָפן (חגיגה ט"ו); זיינע הלכות און אגדות זענען פאַראַן אין משנה, ברייתות, גמרא, מדרשים, און עס ווערט געזאָגט (סנהדרין פ"ו) „סתם מתניתין רבי מאיר" (אַ סתם הלכה אין דער משנה שטאַמט פון רבי מאיר); אין סנהדרין ל"ח ווערט געזאָגט אַז רבי מאיר האָט געזאָגט אַ סך משלים, און די משנה סוף סוטה זאָגט, אַז ווען רבי מאיר איז געשטאָרבן זענען פאַרשוואונדן געוואָרן די משלים־זאָגערס. ער האָט זיך צוקריגט מיטן נשיא רבי שמעון בן גמליאל (הוריות י"ג); ער איז געווען אַ סופר (עירובין י"ג); פון זיינע אגדה־ווערטער: „טוב מאד", האָט ער געשריבן „טוב מות". (עס איז גוט דער טויט, מדרש בראשית רבה); אַ מענטש זאָל לערנען זיין זון אַ לייכטע און גרינגע מלאכה, און זאָל מתפלל זיין צו גאָט, צו וועמען אַלע עשירות געהערט (משנה סוף קידושין); האָב ליב דעם וואָס שטראָפט דיך און האָב פיינט דעם וואָס לויבט דיך (אבות דרבי נתן כ"ט); אַ גוי וואָס לערנט איז אַזוי גרויס ווי דער כהן גדול (בבא קמא ל"ח). — ווען זיין פרוי ברוריה און פאַמיליע־לעבן זע זוכוואָרט „ברוריה". — אין ירושלמי סוף כלאים ווערט געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן אין חוץ לארץ, אין עסיא, און ער איז געקומען צו קבורה דאָרט אויפן ברעג פון ים. די שפּעטערע יידישע טראַדיציע ווייזט אָן, אַז זיין קבר איז אין טבריה, און מען רופט אים „רבי מאיר בעל הנס" (פון דער גמרא אין עבודה זרה י"ח וועגן די ניסים וואָס זענען מיט אים געשען און וואו עס ווערט געזאָגט „אלהא דמאיר ענני", „גאָט פון מאיר ענטפער מיר"). עס איז אויך דער מנהג געוואָרן אין אַלע לענדער וואו יידן וואוינען, צו האָבן געלט־פּושקעלעך פון רבי מאיר בעל הנס און די געלטער זענען געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל אויסצוהאַלטן די דאָרטיקע יידן (זע זוכוואָרט „חלוקה"); לויט טייל היסטאָריקער זאָל דער נאָמען שטאַמען גאָר פון „קופּת רמב"ן", ווייל דער רמב"ן (רבנו משה בן נחמן אין 13טן יאָרהונדערט) האָט עס איינגעפירט, און עס איז פאַרגרייזט געוואָרן אויף „רמבה"ן", און דאָס איז אויסגעטייטשט געוואָרן אויף רבי מאיר בעל הנס.—אויפן קבר פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה ווערט יעדן 15טן טאָג אין אייר געפייערט די „הילולא", מען צינדט אָן „הדלקות" און מען זאָגט זהר. — זע „אגדות התנאים" פון באַכער.

## מאיר בן ברוך פון רוטענבערג

(לערך 1215 — 1293 אין געפענגעניש אין דייטשלאַנד), רב און פוסק אין דייטשלאַנד, באַקאַנט אויך אַלס „מהר"ם מרוטנבערג"; זיין תלמיד איז געווען רבנו אשר (הא"ש"); אָנגעזעענסטער פוסק אין זיין צייט און אויך שפּעטער; דער דייטשער קייזער רודאָלף האָט אים איינגעזעצט אין דער תפיסה אין שלאָס ענזיסהיים (אין יאָר 1286) און האָט פאַרלאַנגט

פון די יידישע קהלות אין דייטשלאנד א גרויסע סומע אויסלייז־געלט. דער מהר"ם האט פון תפיסה ארויסגעשיקט דעם באפעל, אז מען זאל ניט געבן פאר אים קיין געלט, ווייל דער קייזער זעענדיק אז מען קאן אויספרעסן געלט וועט ער אלעמאל ארעסטירן רבנים; ער איז געזעסן אין תפיסה 10 יאר און איז דארט גע־שטארבן; אויך נאכן טויט איז ער גע־לעגן א לאנגע צייט אין תפיסה ביז א ייד זיסקינד האט פאר אים באצאלט א גרויסע סומע געלט און אויסגעלייזט זיין קערפער און געבראכט צו קבר ישראל.— דער מהר"ם האט אחוץ זיינע ספרים אין הלכות („שאלות ותשובות", תוספות אויף גמרא און אנדערע) אויך געשריבן פיוטים, און באקאנט איז זיין קינה „שאלי שרופה באש" אויף דער גזירה צו פארברענען גמרות. — זע ווייס „דור דור ודורשיו", חלק ה'.

**מאיר פון לובלין (מהר"ם)** (1558 — 1616 אין לובלין), רב און ראש ישיבה, צוערשט אין קראקע, נאכער אין לעמבערג, צולעצט אין לובלין, באקאנט מיטן נאמען „מהר"ם מלובלין", מחבר פון שאלות ותשובות „מנהיר עיני חכ־מים" און אנדערע; באקאנט דורך זיינע הגהות צו גמרות געדרוקט צום סוף פון די גמרות.

**מאיר פון פרעמישלאן** (געשטארבן 1850), פאלקס־רבי אין גאליציע; די צו־נויפגעזאמלטע געלטער האט ער צעטיילט צווישן ארעמע לייט; באקאנט מיט זיינע ווערטלעך; וועגן אים איז פאראן „מגנ־ניתא דרבי מאיר".

**מאיר ש"ץ** (געשטארבן 1096), חזן אין ווארמס און מיינץ; מחבר פון פיוט „אקדמות", ווארשיינלעך אויך פון „שיר הכבוד" און אויך פון סליחות און פיור־טים; וועגן אים איז פאראן א לעגענדע, אז ער איז געווען ביי די „בני משה" אויף יענער זייט סמבטיון; ער און זיין ווייב און זון זענען אומגעקומען דורך די נוסעי הצלב.

**מאירי, מנחם** (1249 — 1306 אין דרום־פראנקרייך), מפרש פון תלמוד; זיינע פירושים אויף גמרא מיטן נאמען „בית הבחירה" זענען געדרוקט געווארן ביסלעכווייז, און טייל פון זיי זענען נאך אין כתב יד; אין ווין, יאר 1854, איז געדרוקט געווארן זיין פירוש אויף אבות און דער ארויסגעבער שטערן האט צו־געגעבן די ביאגראפיע פון מחבר.

**מאכלות אסורות** זע „טריפה".

**מאכלים** יידן האבן זייט גאר אלטע צייטן זיך אונטערשיידט פון אנדערע פעלקער אין זייער עסן, קודם כל, צוליב רעליגיעזע מאטיוון. שוין דער חומש אנטהאלט געבאטן, וועלכע זאכן יידן טארן ניט עסן, ווי למשל פלייש מעגן יידן נאר עסן פון אזעלכע בהמות און חיות, וועלכע זענען מפרים פרסה און מעלה גרה (האבן צעשפאלטענע קלאען און ברענגען צוריק ארויף דאס עסן); פון געפליגל און פון פיש מעגן יידן עסן נאר געוויסע מינים (אויסגערעכנט אין ויקרא פרשת שמיני). אחוץ דעם איז פאראן דער באקאנטער פארבאט וועגן ניט עסן פליישיקס מיט מילכיקס צוזאמען (וועגן דעם זע זוכווארט „בשר בחלב"). יידן איז אויך פארבאטן צו טרינקען וויין, אנגערירט דורך א ניט־ייד (זע „וויין"). אבער אחוץ די דאזיקע רעליגיעזע פאר־באטן און אויך דאדורך וואס ביי יידן דארף מען פלייש גוט אויסווייקן און אויסזאלצן איידער מען גייט עס קאכן כדי ניט צו נוצן דאס בלוט, איז בכלל צוליב דער אפגעזונדערטקייט צווישן יידן

אין אנדערע פעלקער מיט דער צייט אנט־
שטאנען א ספּעציפישע יידישע קיך, באַ־
זונדערע יידישע מאכלים, אנדערע צו־
גרייטונג. — אין תנ"ך געפינען מיר
וועגן פארשידענע מאכלים וואס יידן
האבן געגעסן: פלייש (הגם פון בראשית
א' איז צו זען אז אין די ערשטע צייטן
האט מען קיין פלייש ניט געגעסן. אבער
פון פרשת נח איז צו זען, אז נאכן מבול
האט מען מתיר געמאכט פלייש), פיש,
מילך, פארשידענע געבעקסן (ברויט,
מצות, קוכנס און אנדערע) פון ווייץ און
גערשטן־מעל, גרינווארג, פרוכטן (פון
פרוכטן דער עיקר פייגן, וויינטרויבן.
דערפון איז דער אויסדרוק „תחת גפנו
ותחת תאנתו", איילבירטן, און טיילמאל
אויך טייטלען). אין דער תלמודישער
ליטעראטור געפינען מיר נעמען פון זייער
פארשידענע מאכלים. אין די פוסקים
און שאלות ותשובות ספרים פון מיטלאל־
טער געפינען מיר גאנץ אפט נעמען
פון מאכלים, וועלכע זענען אנדערש אין
פארשידענע לענדער, און דערפון איז צו
זען אז כאטש די יידישע קיך איז געווען
אפגעזונדערט איז זי דאך געווען שטארק
באאיינפלוסט פון דער קיך פון פאלק,
צווישן וועלכן די יידן האבן געוואוינט.
באזונדערס ספּעציפיש האט זיך אויסגעצ־
ייכנט די יידישע קיך אויף שבתים און
ימים טובים, ווי מיט קאכן פיש (אויך
ביי ניט יידן איז באקאנט פיש צוגע־
גרייט לויטן יידישן שטייגער) געפילטע
און ניט־געפילטע, ציבעלעס מיט שמאלץ.
טשאלנט (זע זוכווארט „טשאלנט").
קוגל, חלות, קניידלעך, אן פאר טייל ימים
טובים און האלב ימים טובים זענען גע־
מאכט געווארן ספּעציעלע מאכלים, ווי
קרעפּלעך אין ערב יום־כפור, השענא רבא.
פורים, מילכיקע מאכלים אין שבועות.
קניידלעך אין פסח, המן־טאשן אין פו־
רים, געפּרעגלטע קארטאפל־פלעצלעך אין
חנוכה, ספּעציעל געפלאכטענע חלות אויף
ראש השנה און הושענא רבא. — וועגן
דער צייט פון תנ"ך איז פאראן אין
דייטש שפּיצער „דאס מאהל ביי דען
העברעערן"; וועגן דער נייערער צייט איז
פאראן יהודה עלזעט „דער וואונדער־
אוצר פון דער יידישער שפּראך" אין
דעם טייל וועגן מאכלים.

**מאכמעד (מוהאמעד),** געבוירן
לערך 570 — געשטארבן 632 אין אראַ־
ביע, נביא און גרינדער פון דער מאכ־
מעדאנישער רעליגיע, איסלאם; די באַ־
ציאונג פון מאכמעד צו יידן און דער
יידישער רעליגיע איז געווען פארשידן;
טיילמאל האט ער יידן רודף געווען און
אויסגעקוילעט עטלעכע יידישע שבטים
אין אראביע דערפאר וואס זיי האבן אים
ניט אנערקענט; טיילמאל האט ער
שטארק גערימט די יידן אין זיין הייליקן
ספר „קאראן", אין וועלכן ער שרייבט
אין גאטס נאמען: „בני ישראל, אייך
האב איך אויסדערוויילט פון אלע פעל־
קער". עס איז באוויזן געווארן אז פיל
פון זיינע לערעס און באזונדערס די סיפּו־
רים וועגן תנ"ך־פערזענלעכקייטן, וועל־
כע ער האט פארעפנטלעכט אין קאראן,
האט מאכמעד גענומען פון יידן; מען
געפינט אין קאראן די אגדות פון מדר־
שים וועגן אברהם אבינו און נמרוד, וועגן
ישמעאל, יוסף און די ברידער און אנ־
דערע; ער האט אויך גענומען פון דער
יידישער רעליגיע א ריי מצוות ווי ניט
עסן חזיר, בלוט, תעניתים, תפילות, און
דער עיקר די אמונה אין איין גאט; דער
געלערנטער גייגער האט אנגעשריבן א
גרינטלעך בוך „וואס האט מאכמעד גע־
נומען פון יידנטום?".

**מאָנאָטעאיזם** גריכיש ווארט. דער
טייטש איז „איין־געטלעכקייט", באצייכ־
נט די אמונה, אז עס איז פאראן נאר
איין גאט, אין קעגנזאץ צו „פּאליטע־

איזם", פיל־געטלעכקייט. מאָנאָטעאיזם, אָדער ווי מען רופט עס אָן אין די יידישע ספרים „אחדות השם", אויך „אמונת היחוד", איז דער הויפּט־יסוד פון דער יידישער רעליגיע, און איז אויסגעדריקט אין די ערשטע צוויי פון די עשרת הדברות („אנכי" און „לא יהיה"), און אויך אין פּסוק „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד". די יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפן אין מיטלאַלטער (רב סעדיה גאון, רבי בחיי אין „חובות הלבבות", דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" און אין משנה תורה אין חלק „מדע") האָבן געפּרואווט ברענגען באַווייזן פאַר דער איין־געטלעכקייט. זע זוכוואָרט „עיקרים".

**מאָנדעלקערן, שלמה** (1846 אין רוסלאַנד — 1902 אין ווין), געלערנטער אין חכמת ישראל, דיכטער; באַרימט דורך זיין גרויסער אַרבייט, קאָנקאָרדאַנץ אויף תנ"ך מיטן נאָמען „היכל הקדש".

**מאָנטעפיאָרע, משה** (1784 אין איטאַליע — 1885 אין ענגלאַנד), ענגליש־יידישער פילאַנטראָפּ און כלל־טוער; געהאַט דעם טיטל „סער"; זינט 1840 ווען ער איז געפאָרן קיין דמשק ראַטעווען די דאָרטיקע יידן פון עלילת דם, האָט ער געווידמעט פיל פון זיין צייט פאַר יידישע ענינים אין פאַרשידענע לענדער; אין 1846 און 1872 געווען אין רוסלאַנד איז זיך באַמיט ביי די קיסרים ניקאָלײַ דעם ערשטן און אַלעקסאַנדער דעם צווייטן לטובת יידן; געווען אין ארץ־ישראל אין 1827 און נאָכער נאָך 6 מאָל (דאָס לעצטע מאָל 1875); געקויפט ערד אַרום ירושלים און אַרום יפו צו באַזעצן דאָרט יידן; געגרינדעט די חברה „מזכרת משה" פאַר ישוב ארץ ישראל; פּאָפּולער צווישן יידישע מאַסן, און זיין בילד איז געהאַנגען אין פיל יידישע הייזער; אין „בצלאל"־מוזעאום אין ירושלים איז פאַראַן זיין קאַרעטע, אין וועלכער ער פלעגט פאָרן, און אויף איר איז אויסגעקריצט דער נאָמען „ירושלים"; געווען אַ פרומער ייד; אויף זיין קבר אין ראַמסגייט האָט ער געהייסן נאָך בחייו אויפשטעלן אַן אוהל ענלעך צום קבר רחל; אויף טייל זיינע רייזעס האָט אים באַגלייט זיין פרוי יהודית (1784 — 1862); אויף זיין נאָמען זענען פאַראַן אין ירושלים די שכונות „אוהל משה", „זכרון משה", „קרית משה", „שכונת מאָנטעפיאָרע" (לעבן תל־אביב); אַ בוך מיט זכרונות וועגן אים האָט פאַרעפנטלעכט זיין סעקרעטאַר אליעזר לעווי.

**מאָנטרעאַל** זע „קאַנאַדע".

**מאסף** זע „המאסף".

**מאַפּו, אברהם** (1808 אין קאָוונע — 1868 אין קעניגסבערג), פון די ערשטע מאָדערנע העברעאישע שריפטשטעלער; אַמבאַרימטסטן איז זיין ראָמאַן פון דער ביבלישער צייט „אהבת ציון" (איבערזעצט אין פיל שפּראַכן); האָט אויך געשריבן „אשמת שומרון", „עיט צבוע" און אויך לערן־ביכער. זיין „אהבת ציון" מיט די נאַטור־שילדערונגען פון ארץ־ישראל, אירע בערג און פעלדער און דאָס אידילישע לעבן פון די אַמאָליקע יידישע פּאַסטוכער, האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס צו פאַרשפּרייטן חבת ציון. — זע „תולדות הספרות העברית החדשה" פון לאַכאָווער.

**מאַראַנען** זע „אנוסים".

**מאַראָקאָ** לאַנד אין צפון־מערב פון אַפריקע, באַזעצט דורך אַראַביש־רעדנדע מאַכמעדאַנער; לערך 7 מיליאָן באַפעלקערונג; צווישן זיי 150 טויזנט יידן; צעטיילט צווישן פראַנקרייך און שפּאַניע;

דער יידישער ישוב אין מאראקא איז אלט
ביי 2,000 יאר; אין 12טן יארהונדערט
איז געווען מצד די מאכמעדאנער א שמד
גזרה אויף יידן; אין 1391 און שפעטער
ביים גרוש פון שפאניע, 1492, זענען אנ־
געקומען פיל שפאנישע יידן קיין מארא־
קא; דאס יידישע לעבן איז דארט גע־
ווארן כסדר ערגער; זינט פראנקרייך האט
איבערגענומען דעם גרעסטן טייל מארא־
קא (אין מיט 19טן יארהונדערט) האט
זיך די יידישע לאגע פארבעסערט; די
„אליאנס" האלט דארט אויס שולן; אין
מאראקא האבן אין פארשידענע צייטן
געלעבט אנגעזעענע יידישע פערזענלעכ־
קייטן, ווי דער רמב"ם און אנדערע. —
א גרינטלעך ווערק איבער דער געשיכ־
טע פון יידן אין מאראקא האט געשריבן
טולידאנו, „נר המערב" (ירושלים 1910).

**מארקס, קארל** (1818 אין דייטש־
לאנד — 1883 אין לאנדאן), טעארעטי־
קער פון סאציאליזם, מחבר פון „קאפי־
טאל", צוזאמען מיט ענגעלס ארויסגע־
געבן „קאמוניסטישן מאניפעסט". בא־
גרינדער פון מאטעריאליסטישער אויפפא־
סונג אין דער געשיכטע; ער האט אפ־
געשטאמט פון יידן; זיין פאטער איז שוין
געווען א משומד; ער זאל האבן געשטאמט
פון רבנים. מארקס האט מיט יידישקייט
ניט געהאט קיין שייכות. וועגן יידן האט
ער געשריבן „צו דער יידן־פראגן". בא־
טראכט יידן אלס א בורזשואזן עלעמענט.

**מארשאל, לואי** (1856 — 1929),
יידישער כלל־טוער אין אמעריקע; גרינ־
דער פון „אמעריקאנער יידישן קאמי־
טעט"; פירער פון „דזשאינט"; אין 1919
פירער פון די יידישע דעלעגאציעס צו
דער פרידנס־קאנפערענץ אין פאריז; ער־
שטער פרעזידענט פון ראט פון „יידישער
אגענץ" (1929).

**מארשאליק** זע „בדחן".

**מבול** אין חומש בראשית ו' ווערט
דערציילט, אז ווען גאט האט געזען ווי די
מענטשן אויף דער ערד פירן זיך אויף
שלעכט, ותמלא הארץ חמס, און די גאנ־
צע ערד איז פול געווארן מיט רויב, האט
ער געזאגט צו זיך: „איך וועל אפמעקן
די באשעפענישן פון דער ערד". עס איז
דעמאלט געווען איין צדיק אויף דער ערד,
נח, און זיינע 3 זין, שם, חם און יפת.
גאט האט געהייסן נחן זיך מאכן א תבה,
א גרויסן קאסטן, מיט א סך קעמערלעך,
און ער און זיינע זין און זייערע פרויען
זאלן אריין אין דער תבה, ווי אויך פון
יעדן מין לעבעדיק באשעפעניש זאל ער
אריינעמען אין דער תבה צו פאר, א זכר
און א נקבה, ווי אויך עסנווארג. נאכ־
דעם ווי זיי זענען אלע אריין אין די
תבה האט גאט געעפנט אלע קוואלן פון
דער ערד און אלע פענסטער פון הימל
און אראפגעלאזט א מבול, א פארפליי־
צונג אויף דער ערד. אלע מענטשן און
אנדערע לעבעדיקע באשעפענישן זענען
אומגעקומען; געראטעוועט זענען געווארן
נאר נח און זיין פאמיליע און די לעבע־
דיקע באשעפענישן אין דער תבה, וועל־
כע איז געשוואומען אויפן וואסער. די
תבה האט זיך נאך 150 טעג אפגעשטעלט
אויף די בערג אררט. דאס וואסער איז
געווארן דעמאלט קלענער. נח האט עט־
לעכע מאל ארויסגעשיקט א טויב צו זען
צי מען קאן שוין ארויסגיין פון דער תבה;
די טויב איז דאס צווייטע מאל צוריק־
געקומען מיט אן איילבירט־בלאט אין
מויל, און דאס דריטע מאל איז זי אינ־
גאנצן ניט צוריקגעקומען. דעמאלט איז
נח, לויט גאטס באפעל, צוזאמען מיט
אלע באשעפענישן ארויס פון דער תבה,
און האט מקריב געווען קרבנות צו גאט.
ווען גאט האט געשמעקט דעם ריח נחוח
פון די קרבנות האט ער געזאגט, אז ער

וועט מער ניט ברענגען קיין מבול אויף דער ערד און אלס צייכן דערצו האט ער געגעבן אין די וואלקנס דעם רעגנבויגן („קשת בענן"). — אין דער גמרא און מדרש (בראשית רבה פרשת נח. סנהדרין ק"ח) ווערן געבראכט סיפורים און דברי אגדה אין צוזאמענהאנג מיטן מבול. די מענטשן אויף וועלכע דער מבול איז געקומען ווערן באצייכנט אלס זייער שלעכטע און ווערן אנגערופן דער „דור המבול". — דער ספור וועגן מבול און ווי איינער א צדיק איז ארויסגעראטעוועט געווארן, ווערט אויך געבראכט אין די סיפורים פון אלט-בבל. — ישעיה הנביא רופט אן דעם מבול „מי נח" (ישעיה נ"ד).

**מגדל בבל** (טורם פון בבל). אין תורמש בראשית י"א ווערט דערציילט. אז צוערשט האבן אלע מענטשן אויף דער ערד גערעדט איין שפראך. נאר איינמאל האבן די מענטשן אפגעמאכט ביי זיך צו בויען א שטאט און א הויכן טורעם. וועלכער זאל מיטן שפיץ דערגרייכן דעם הימל; גאט האט דעריבער אריינגעבראכט אין די מענטשן א פארשידנקייט פון שפראכן, כדי איינער זאל ניט פארשטיין וואס דער צווייטער רעדט; זיינט דעמאלט האבן זיי אויפגעהערט צו בויען די שטאט און דעם טורעם. דעריבער האט מען א נאמען געגעבן די שטאט בבל (צעמישעניש). — אין דער גמרא און מדרש (בראשית רבה פרשת נ"ח) ווערט דער דור פון יענע מענטשן אנגערופן „דור הפלגה" (דער דור פון פאנאנדערטיילונג, כי בימיו נפלגה הארץ, בראשית י') און עס ווערט געזאגט וועגן זיי אז זיי זענען געווען גרויסע רשעים.

**מגיד** טיטל פאר איינעם וואס האלט דרשות. וועגן דרשות אין אלטע צייטן זע זוכווארט „דרש". דער מגיד האט אויך געהייסן „דרשן" און „בעל דרשן". אין די מאדערנע שולן „מטיף", „פרעדיקער". עס זענען געווען מגידים. וואס זענען געזעסן אויף איין ארט, אין א באשטימטער שטאט, און אויך אזעלכע. וואס זענען ארומגעפארן פון שטאט צו שטאט און געהאלטן דרשות. געוויינלעך שבת נאכמיטאג, אדער אינמיטן דער וואך צווישן מנחה און מעריב. אינמיטן דער וואך פלעגט מען אין שול אדער בית המדרש צונויפנעמען עפעס געלט פארן מגיד, אדער ער איז אין באגלייטונג פון שמש ארומגעגאנגען איבער דער שטאט און צונויפגעזאמלט געלט. מייסטנס מגידים האבן געזאמלט דאס געלט פאר זיך; טייל פלעגן זאמלען פאר א ישיבה, פאר ארץ-ישראל, צי אן אנדערן צוועק, און זיי האבן געהייסן „משולחים". עס זענען געווען גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן מיטן טיטל מגיד. פון חסידישע רביים זענען באקאנט דער רבי ר' בער. מגיד פון מעזריטש; רבי ישראל. מגיד פון קאזשעניץ און אנדערע; פון אנדערע זענען באקאנט רבי יעקב מגיד פון דובנא, קעלמער מגיד, און אנדערע.

**מגיה** (פאריכטער). מיט דעם טיטל האט מען באצייכנט א סופר וואס פלעגט דורכקוקן ספרי תורות, תפילין און אנדערע אמאליקע כתבי-יד-ספרים, און אויב עס זענען דארט געווען גרייזן, זיי פאריכטן. דער טיטל ווערט שוין געבראכט אין דער משנה (שקלים ד' און אנדערע ערטער).

**מגילה** מיטן ווארט „מגילה" האט מען אמאל באצייכנט א ספר, ווייל אין די גאר אלטע צייטן פלעגט יעדער ספר זיין איינגעוויקלט אזוי ווי היינט א ספר תורה. אין תהלים מ' איז פאראן דער אויסדרוק „במגלת ספר". שפעטער האט מען אנגערופן מיטן נאמען „**מגילות**"

די 5 ספרים פון תנ"ך שיר השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר, וועלכע מען פלעגט לייענען אין שול (שיר השירים פסח, רות שבועות, איכה תשעה באב, קהלת סוכות, אסתר פורים); זיי האבן געהייסן „חמש מגילות" (5 מגילות). געוויינ־לעך ווערט מיטן סתם ווארט „מגילה" אנגערופן די „מגילת אסתר", וואס מען לייענט אין פורים.

**מגילה** נאמען פון מסכתא משניות אין סדר מועד, האט אויך תוספתא און גמרא בבלי און ירושלמי; 4 פרקים; באהאנדלט די דינים פון לייענען די מגילת אסתר אין פורים, ווי אויך דינים פון קריאת התורה, הפטרות, די הייליקייט פון שולן און בית המדרש.

**מגילת אסתר** זע „אסתר", „פורים".

**מגילת תענית** אלט היסטאריש ספר, וואס פארצייכנט די פייערלעכע טעג ביי יידן אין וועלכע מען טאר ניט פאסטן, ווייל אין זיי זענען פארגעקומען גוטע היסטארישע פאסירונגען; די „מגילת תענית" ווערט דערמאנט שוין אין משנה תענית, און די גמרא שבת י"ג זאגט אז חנניה בן חזקיה (אין 1טן יארהונדערט פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האט צוזאמען מיט זיינע חברים (וסייעתו) געשריבן די מגילת תענית. אין דעם „מגילת תענית", וואס מיר האבן, זענען פאראן דאטעס און זאצן, וועלכע זענען זיכער צוגעגעבן געווארן אין שפע־טערע צייטן; מען אונטערשיידט די טייל טעקסטן פון מגילת תענית, וואס זענען געשריבן אין אראמעאיש, און זיי שטא־מען פון עלטערע צייטן, און די טעקסטן אין העבראיש, וואס שטאמען פון שפע־טער, טייל פון זיי אין דער צייט פון די גאונים; די „מגילת תענית" איז זייער וויכטיק פאר דער פארשונג פון דער אל־טער יידישער געשיכטע. — זע די אויס־גאבע „מגילת תענית" פון גראסבערג און די איינלייטונג דערצו (לעמבערג 1906).

**מגן דוד** (דער פאנצער־שוץ פון דוד), די צייכענונג פון צוזאמענגעפלאכטענע צוויי דרייעקן, 6 שפיצן, באטראכט אלס דער נאציאנאל־יידישער עמבלעם; ווערט אויסגענייט אויף די פרוכתן אין די שולן, אויף די מאנטלען פון ספרי תורות; אנ־גענומען אלס עמבלעם דורך דער ציוני־סטישער ארגאניזאציע; דעם עלטסטן מגן־דוד־צייכן האט מען געפונען אויף א יידישן קבר אין איטאליע, וואס שטאמט פון 3טן יארהונדערט; פון וואנען דער „מגן דוד" שטאמט איז ניט קלאר. פאר־ראן אויך „מגן שלמה" וואס האט נאר 5 שפיצן. — זע רייפמאן אין סמאלענ־סקינס „השחר", חלק א'.

**מדה כנגד מדה** (אפצאלן איינעם מיט דעם זעלבן וואס ער טוט). אין דער יידישער אגדה ווערט געזאגט אז גאט צאלט אפ דעם מענטש מדה כנגד מדה (סנהדרין צ' און אנדערע ערטער); למש־של, די מצריים האבן געהייסן אריינ־ווארפן יידישע קינדער אין וואסער, זע־נען זיי שפעטער דערטרונקען געווארן אין ים (סוטה י"א); אין סוטה ח' זאגט דער תנא רבי מאיר „במדה שאדם מודד מודדין לו (מיט דער מאס, מיט וועלכער דער מענטש מעסט אנדערע, מעסט מען אים). — זע זכווארט „אויג פאר אויג" און „חד גדיא".

**מדות** (מאסן), מיט דעם ווארט מדות ווערט אין דער יידישער הלכה און אגדה באצייכנט א ריי זאכן — 1) מדות (זיטן פון מענטש), די משנה אין אבות ה' זאגט ארבע מדות באדם. די מענטשן לויט זייערע זיטן קאנען איינגעטיילט ווערן

אין 4 קלאסן, חסידים, רשעים, מיטעלע און מער געניגט צו שלעכט; באר שלעכטע מדות הייסן „מדת סדום״ (עירובין מ״ט). — 2) מדות, די באציאונג פון גאט צו מענטשן; מען טיילט זיי איין אין מדת הדין און מדת הרחמים. אין שטרענגע באציאונג און רחמנות-באציאונג; מען טיילט זיי אויך איין אין י״ג (13) מדות, לויט דעם פסוק אין חומש שמות ל״ד „ה׳ אל רחום וחנון״; דעם דאזיקן פסוק פון י״ג מדות זאגט מען אלס פייערלעכע תפילה אין תעניתים, אין סליחות פון די ימים נוראים, און איין סליחות-טאג (פאר יום כפור) הייסט אויך די „שלש עשרה מדות״; די גמרא ראש השנה י״ז זאגט, אז די תפילה פון י״ג מדות האט א גרויסע ווירקונג; זע אויך זוכווערטער „דין״, „רחמים״. — 3) מדות, מעטאדן, לויט וועלכע מען לערנט ארויס פון די פסוקים פון תנ״ך פארשידענע הלכות און אגדות. דער ערשטער וואס האט איינגעפירט די מדות איז געווען הלל הזקן; ער האט געהאט 6 מדות, ווי קל וחומר, גזרה שוה און אנדערע (תוספתא סנהדרין ז׳). דער תנא רבי ישמעאל האט פארגרעסערט די צאל ביז 13, און די ברייתא פון רבי ישמעאלס מדות ווערט געזאגט יעדן אינדערפרי ביים דאווענען; דער תנא רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי האט איינגעפירט 32 מדות, לויט וועלכע מען דערקלערט פסוקים פון תנ״ך; די דאזיקע ברייתא מיט א וויסנשאפטלעכן פירוש „משיב דבר״ האט ארויסגעגעבן רייפמאן (ווין 1866); די אלטע מפרשים (רש״י אין סוכה ח׳ און אנדערע) ברענגען א ברייתא פון מ״ט (49) מדות פון רבי נתן, וועלכע זאל האבן אנטהאלטן אויך מאטעמאטישע חשבונות. — 4) מדות. נאמען פון א מסכתא משניות אין סדר קדשים, אנטהאלט 5 פרקים, האט ניט קיין גמרא, באשרייבט דעם בית המקדש, ווי אזוי יעדער טייל פון אים האט אויסגעזען, און די מאסן, וויפל יעדער טייל האט געהאלטן.

**מדי** זע „פרס ומדי״.

**מדין** נאמען פון פאלק און לאנד. ווערט דערמאנט אפט אין תנ״ך; לויט בראשית כ״ה האט דאס פאלק געשטאמט פון מדין דעם זון פון אברהם אבינו פון דער פלגש קטורה; דאס לאנד האט זיך געפונען צו דרום פון ים המלח לעבן ארץ-ישראל; די מדינים זענען געווען אויך סוחרים. וואר-שיינלעך שקלאפן-הענדלער. און דער חומש בראשית ל״ז דערציילט, אז זיי האבן פארקויפט יוספן צו די ישמעאלים; יתרו משה רבנוס שווער איז געווען דער כהן אין מדין (שמות ב׳); מדין צוזאמען מיט מואב האבן געוואלט באקעמפן די יידן אין דער מדבר (במדבר כ״ב), אבער זיי זענען געשלאגן געווארן דורך די יידן (במדבר ל״א); דער שופט גדעון האט באזיגט די מדינים (שופטים ח׳). פון חבקוק ג׳ און אנדערע ערטער אין תנ״ך איז צו זען אז די מדינים האבן געפירט א לעבן פון געצעלטן-איינוואוינער, בעדואינער.

**מדרש, מדרשים** מיטן דאזיקן נאמען (פון ווארט „דרש״, זע זוכווארט „דרוש״) באצייכנט מען זאמלונגען פון אגדה-ווערטער וואס שטאמען פון די חכמי התלמוד און אויך פון אביסל שפעטערע חכמים. עס זענען פאראן טייל פארשער פון חכמת ישראל, וואס רופן אן מיטן נאמען מדרש אויך די הלכות-ספרים אויף תורה (מכילתא, ספרא, ספרי), אבער מיר דא וועלן געבן נאר וועגן די אגדה-מדרשים, און די הלכה-מדרשים וועלן מיר געבן ביי די זוכווערטער „מכילתא״, „ספרא״, „ספרי״. אויך וועגן דעם וואס איז „אגדה״ געבן

מיר ביים זוכווארט „אגדה“. — די
הויפט־מדרשים זענען פאראן אויף חומש.
זיי זענען 1) „מדרש רבה“, און לויט
די חומשים איז ער איינגעטיילט אין
בראשית רבה, שמות רבה, ויקרא רבה,
במדבר רבה און דברים רבה; 2) „מדרש
תנחומא“ אין וועלכן עס הויבט זיך אן
גאנץ אָפט יעדע דרשה מיט א הלכה און
גייט דערנאָך אריבער צו די אגדה־ווער־
טער. ס'זענען אויך פאראן מדרשים צו
אנדערע תנ"ך־ספרים. מען נעמט אן אז
דער עלטסטער מדרש איז דער „בראשית
רבה“, וועלכער איז זיכער געשריבן גע־
ווארן אין ארץ־ישראל (אין אלגעמיין קאן
מען זאָגן אז דער ווייט־גרעסטער טייל
פון מדרשים איז צונויפגעשטעלט גע־
ווארן אין ארץ־ישראל), און האט 100
פרשיות; כמעט אלע פרשיות האבן „פתי־
חות“, דאס הייסט, אז אחוץ דער איינג־
טלעכער דרשה אויף די פסוקים ווערט
אויך צוגעגעבן אן „איינלייטונג“, א
„פתיחה“ פון אנדערע תנ"ך־פסוקים
מיט דברי אגדה; דער דאזיקער מדרש
זאל שטאמען פון 6טן יארהונדערט. דער
צווייטער עלטסטער מדרש זאל זיין דער
מדרש „איכה רבתי“, וועלכער זאל שטא־
מען פון לערך דעם 7טן יארהונדערט;
דערנאך גייען לויט דער צייט פון זייער
אפשטאמונג „מדרש שיר השירים“ (פון
דער צייט פון די ערשטע גאונים), „ויק־
רא רבה“, „תנחומא“ (וועלכער ווערט
אויך אנגערופן „ילמדנו“, ווייל זיינע
פרשיות הויבן זיך אן מיט די ווערטער
„ילמדנו רבנו“, זאל אונדזער רבי אונדז
לערנען), „שמות רבה“, „במדבר רבה“,
דברים, קהלת משלי, אסתר, און אנדערע;
מען נעמט אן אז די לעצטע זענען פאר־
פאסט געווארן דעם 11טן אדער 12טן
יארהונדערט. אחוץ די מדרשים אויף
חומש און א טייל אנדערע תנ"ך־ספרים
זענען פאראן נאך אנדערע מדרשים אויף
געוויסע פסוקים און פרשיות פון תנ"ך
ווי „מדרש ויכולו“, „מדרש עשרת הדב־
רות“, מדרש „ויושע“, „מדרש אבא
גוריון“ און אנדערע קליינע מדרשים,
וועלכע מען רופט „מדרשים קטנים“. עס
זענען אויך פאראן גרעסערע מדרשים אויף
געוויסע פייערלעכע שבתים און די הפט־
רות פון די שבתים; די דאזיקע מדרשים
הייסן „פסיקתא“, און די וויכטיקסטע
פון זיי איז די „פסיקתא“ דרב כהנא“;
עס זענען אויך פאראן זאמלונגען פון
מדרשים, ווי דער מדרש הגדול (געפונען
אין תימן, ארויסגעגעבן לעצטנס דורך
שעכטער, האפמאן און אנדערע), „יל־
קוט“ (זע זוכווארט „ילקוט“) און אנ־
דערע. טייל מדרשים זענען פאראן סיי
אין קיצור און סיי באריכות, ווי מדרש
איכה, תנחומא. דאס וואס די מדרשים
זענען ניט איינגעטיילט לויט די סדרות
נאר לויט געוויסע פרשיות, שטאמט דער־
פון וואס אין ארץ־ישראל האט מען גע־
לייענט די גאנצע תורה, אלע 5 חומשים,
ניט ווי מיר, אין פארלויף פון איין יאר,
און יעדע וואך א גאנצע סדרה, נאר אין
פארלויף פון 3 יאר, און יעדע וואך נאר
א טייל פון דער סדרה, און לויט די דא־
זיקע טיילן זענען די דרשות פון געוויסע
מדרשים אויף חומש איינגעארדנט. —
די פארשונג פון מדרשים האט א גרויסע
באדייטונג פאר דער פארשונג פון יידי־
שער געשיכטע און יידנטום־אידייען. אין
די מדרשים געפינען מיר וועגן יידישע
היסטארישע פאסירונגען וואס זענען
אונדז פון אנדערע קוואלן ניט באקאנט.
אין די מדרשים געפינען מיר אויסגע־
דריקט די יידישע האפענונגען, מיינונגען
וועגן לעבן און רעליגיע. די מדרשים
באשטייען מייסטנס פון דרשות וואס זע־
נען דורך די דרשנים אין יענע אלטע
צייטן געהאלטן געווארן שבתים, און
ימים טובים, תשעה באב און אנדערע
געלעגנהייטן, און זיי געבן אונדז אן אפ־
קלאנג פון יענע אלטע צייטן. — דער ער־

שטער וואס האט וויסנשאפטלעך אויס־געפארשט די מדרשים איז געווען דעם ווילנער גאונס זון רבי אברהם אין זיין „רב פעלים" און הקדמה צו „מדרש אג־דת בראשית"; נאך אים איז געווען דער גרעסטער מדרשים־פארשער צונץ אין זיין בארימט ווערק אין דייטש „די גאטעס־דינסטליכע פארטרעגע פון יידן" (1832); עס האבן פיל מיטגעהאלפן מיט זייערע פארשונגען ראפאפארט („ערך מלין" אין „אפטרתא"), וויים, מאיר איש שלום, שלמה בובער (ארויסגעגעבן פון כתב יד פיל מדרשים), יעלינעק („בית המדרש", 6 חלקים), שעכטער (מדרש הגדול); האפ־מאן, טעאדאר און אלבעק (מדרש ברא־שית רבה, וויסנשאפטלעכע אויסגאבע); א גרויסע זאמלונג פון קליינע מדרשים האט ארויסגעגעבן אייזנשטיין אין ניו־יארק „אוצר המדרשים". — זע צוכווער־טער „אגדה", „דרוש", „ילקוט", „פסיק־תא".

**מה יפית** (זוי שיין ביזטו), איינע פון די זמירות, וואס מען זינגט פרייטיק־צונאכטס ביים עסן; מען האט עס אמאל אין פוילן געזונגען מיט א ספעציעלן ניגון; די פוילישע פריצים פלעגן אפט הייסן זייערע יידישע ארענדארן זינגען פאר זיי דעם מה־יפית־ניגון, און דערפון איז געווארן דער אויסדרוק „מה־יפית־ייד" פאר איינעם וואס דערהאלט ניט זיין אייגענע ווירדע און חנפעט שונאים.

**מה נשתנה** דער אנהויב פון די 4 קשיות פון דער הגדה וואס מען זאגט צום סדר פסח ביינאכט; צוליב דעם וואס אין דער הגדה ווערן דערמאנט 4 זין, צווישן זיי איינער א חכם, איז אנטשטא־נען דער אויסדרוק „א חכם פון מה נש־תנה". — זע „הגדה", „סדר".

**מהרי"ל** זע „יעקב מולין".

**מהר"ל** זע „יהודה".

**מהר"ם** זע „מאיר בן ברוך פון רוטנ־בערג" און „מאיר פון לובלין".

**מהרש"א** זע „איידלש".

**מהרש"ל** זע „לוריא, שלמה".

**מואב** נאמען פון פאלק און לאנד אין תנ"ך־צייטן לעבן ארץ־ישראל, אויף יע־נער זייט ירדן, לעבן ים המלח; דער חומש (בראשית י"ט) דערציילט אז מואב איז געווען דער זון פון לוט (אברהם אבינוס ברודער־זון) געבוירן פון זיין טאכטער; בלק מלך מואב האט געוואלט אומברענגען די יידן אין דער מדבר (במד־בר כ"ב); יידן האבן מיט זיי ניט גע־טארט מתחתן זיין, הגם עס איז דער־קלערט געווארן אז פרויען פון מואב מעג מען יא נעמען („מואבי ולא מואבית"). פון רות א' איז צו זען אז יידן האבן יא גענומען מואבס טעכטער פאר פרויען; דוד המלך האט געשטאמט פון רות המו־אביה; א געוויסע צייט האט מואב זיך געפונען אונטער דער יידישער הערשאפט (מלכים ב' ג'). איינער פון די מלכים אין מואב איז געווען מישע (דערמאנט אין ספר מלכים ב' ג'), וועמענס בארימטן אנדענק־שטיין מען האט לעצטנס געפונען (זע זוכווארט „מישע"). מיט דער צייט איז מואב אינגאנצן פארשוואונדן.

**מודינא, יהודה אריה** (1571—1648 אין ווענעציע), רב, משכיל, דענקער, היסטאריקער; געקענט לאטיין, איטא־ליעניש, שפאניש; זיינע דרשות אין אי־טאליעניש האבן געפונען אן אפקלאנג אויך אין דער ניט־יידישער וועלט; גע־ליטן אין פאמיליע־לעבן; פון זיינע 3 זין איז איינער געשטארבן יונג, א צווייטער איז דערמארדעט געווארן, א דריטער אוועק קיין בראזיליע; זיין פרוי איז אראפ פון זינען. די מיינונגען פון הי־

סטאַריקער וועגן רבי יהודה אריה די מודינא זענען פאַרשידענע. טייל האַלטן אים פאַר אַ פריידענקער, וועלכער האָט נאָר צוליב זיין רבנות־אַמט געטראָגן די מאַסקע פון פרומקייט; אַנדערע האַלטן אים פאַר אַ הפכפך. וואָס האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע פרינציפּן; עס איז אָבער אַ פאַקט אַז אין זיין צוואה שרייבט ער וועגן זיך: „איך באַפעל אַז מען זאָל ניט זאָגן אויף מיר קיינע שבחים. נאָר אַז איך בין ניט געווען קיין צבוע. און אַז עס איז געווען תוכי כברי, אַ ירא אלהים וסר מרע, ניט געחנפעט קיינעם און אַ גוטער צו מענטשן“. — זיינע באַרימטע ספרים זענען „הבונה“ (באַמערקונגען צו דעם „עיין יעקב“, אגדות־זאַמלונג פון דער גמרא), „ארי נוהם“ (קעגן קבלה, פאַרעפנטלעכט לייפּציג 1840). „געשיכטע פון יידישע דינים“ (אין איטאַליעניש, איבערזעצט אין ענגליש. אויך אין העברעאיש „שלחן ערוך“ דורך דר. שלמה רובין, האָט אַ גרויסן ווערט פאַר פאַרשונג פון יידישן פאָלקלאָר), „מגן וחרב“ (קעגן קריסטנטום) און — דאָס וויכטיקסטע — „בחינת הקבלה“, אין וועלכן ער שטעלט פאָר די טענות פון אַ פריידענקער קעגן תורה שבעל פה מיטן נאָמען „קול סכל“ און זיינע אייגענע תשובות מיטן נאָמען „שאגת ארי“; דער „בחינת הקבלה“ איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך יצחק שמואל רעדזשאָ (ריגיו) אין יאָר 1852, און טייל האָבן זאָגאַר געמיינט, אַז רעדזשא האָט אויסגעטראַכט דאָס ספר און עס צוגעשריבן מודינאַן; דאָס איז די ערשטע שאַרפע פריידענקערישע קריטיק קעגן דער תורה שבעל פה. וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף משכילים און רעפאָרמער אין 2טער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט; מודינא האָט פאַרפאַסט נאָך אַנדערע ספרים, צווישן זיי אויך אַן אייגענע אויטאָביאָגראַפיע „חיי יהודה“. — אַ גרינטלעכע אַרבעט וועגן מודינא איז פאַראַן פון נחמיה שמואל ליובאָוויטש „רבי יהודה אריה די מודינא“; בלוי האָט אַרויסגעגעבן ווערק פון מודינא אונטערן נאָמען „כתבי הריא״ם“ אין 1906.

**מודיעין** אַלטע שטאָט אין ארץ־ישראל. געבורטס־אָרט פון די חשמונאים; היינט אַ קליין אַראַביש דאָרף לעבן לוד, מיטן נאָמען „אַל־מידיא“. — זע „חשמונאים“, „מכבי“.

**מוהל** זע „מילה“.

**מוזיק** וועגן דער געשיכטע פון מוזיק ביי יידן פון דער עלטסטער צייט אַז ביז דער היינטיקער צייט זענען געשריבן געוואָרן באַדייטנדע ווערק. און צו די גרינטלעכסטע פון זיי געהערן די העברעאישע אַרבעטן פון אברהם צבי אידלסאָן (זע „אידלסאָן“) „תולדות הנגינה העברית“ און „אוצר נגינות ישראל“. אין יידיש איז פאַראַן זייער ווייניק וועגן דער געשיכטע פון יידישער מוזיק; אַ פּאָפּולערע באַאַרבעטונג פון טייל מיינונגען פון אידלסאָן און אויך אַ ריי עסייען איבער מוזיקאַלישע יידישע מאָמענטן זענען פאַראַן אין „מוזיק ביי יידן“ פון ישראל ראַבינאָוויטש. — פון די תנ״ך־ספרים איז קלאָר, אַז ביי יידן אין די אַלטע צייטן איז מוזיק געווען זייער פּאָפּולער און פאַרשפּרייט, סיי אין דער פאָרם פון „סאַקראַלער“, הייליקער מוזיק, וואָס איז געזונגען און געשפּילט געוואָרן אין בית המקדש און זאָגאַר אין ארץ־ישראל בכלל ביי רעליגיעזע פייערלעכקייטן, און סיי אין דער פאָרם פון געלעגנהייטלעכער פאָלקס־מוזיק. די יידישע טראַדיציע האָט געהאַלטן, אַז די דערפינדונג פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן שטאַמט פון די ערשטע צייטן באַלד נאָך אדם הראשון (בראשית ד׳

ווען יובל „אבי כל תפש כנור ועוגב". דער פאטער פון אלע, וועלכע האבן געהאלטן א פידל און א הארפע". הגם עס איז ניט גענוי קלאר, וואסערע מוזיקאלישע אינסטרומענטן די „כינור" און „עוגב" זענען געווען). אין דער צייט פון יעקב אבינו געפינען מיר דעם מנהג צו באגלייטן קינדער, ווען זיי פארלאזן זייער פאטערס הויז, מיט „פרייד און געזאנגען, מיט פוק און פידל" (בשמחה ובשירים בתף ובכנור, בראשית ל"א). ווען די יידן זענען אריבער דעם ים סוף האט מרים הנביאה צוזאמען מיט פרויען געזונגען א לויב-ליד „בתפים ובמחלת" (מיט פויק און מיט טענץ, אדער מיט אזא מוזיקאלישן אינסטרומענט וואס האט געהייסן מחלת). שפעטער טרעפן מיר אין תנ"ך נעמען פון פארשידענע אנדערע מוזיקאלישע אינסטרומענטן ווי חצוצרות, מצלתים, נבל און אנדערע. וועלכע ווערן אמייסטן באנוצט אין ספר תהלים סיי אין אנהויב פון פארשידענע מזמורים סיי אין די אויסרופן אינמיטן די מזמורים. פאראן א מיינונג, אז א סך אויסדרוקן אין תהלים אין אנהויב פון פארשידענע מזמורים זאלן זיין ספעציעל מוזיקאלישע טערמינען, נעמען פון אינסטרומענטן, באצייכענונגען פון פאפולערע מעלאדיעס, וכדומה; טייל דענקען, למשל, אז „על הגתית" מיינט מען די מעלאדיע, וועלכע מען פלעגט זינגען ביים פרעסן די וויינטרויבן און מאכן פון זיי וויין (גתית, גת, הייסט די וויין-פרעסעריי); „מנצח" מיינט מען „דיריגענט"; „שמינית" זאל זיין אן אינסטרומענט מיט 8 סטרונעס. אין ספר דברי הימים געפינען מיר שוין גענוי וועגן די געזאנגען באגלייט מיט מוזיקאלישע אינסטרומענטן, וואס די לויים פלעגן אויספירן אין בית המקדש, און עס איז שוין איצט זיכער, נאך די פארשונגען פון אידלסאנען, אז א סך תפלות אין בית המקדש פלעגן געזאגט ווערן מיט באשטימטע מעלאדיעס, און דער עיקר זענען געווען באשטימטע מעלאדיעס ביים לייענען די ספר תורה און אויך די ספרי הנביאים (זע „הפטרה", „טעמים", „קריאת התורה"). ווי ווייט מען האט געלייגט אכט אויף דער מוזיקאלישער באטאנונג ביים לייענען די ספר תורה און אפילו ביים לערנען קאן מען זען פון דער שטעלע אין מגילה ל"ב וועלכע טאדלט „הקורא בלא נעימה והשונה בלא זמרה" (וועלכער לייענט אן מעלאדיע און לערנט אן געזאנג). לויט דער מיינונג פון אידלסאן און אויך פון אנדערע פארשער, זענען אין אונדזערע היינטיקע פארשידענע הפטרות- און מגילות-קריאת-התורה-מעלאדיעס און טייל ניגונים פון די אנגענומענע נוסחאות התפלות פאראן שטארקע עלעמענטן פון יענע אלטע יידישע סאקראלע ניגונים פון דער צייט פון 2טן און אפשר אויך פון 1טן בית המקדש. מען געפינט אויס די דאזיקע עלעמענטן דורך פארגלייכן זיי מיט מעלאדיעס, וועלכע מען געפינט פון איין זייט ביי אפגעריסענע יידישע ישובים (יידן אין תימן און אנדערע), און אויך אין די אלטע גרעגאריאנישע קירכן-מעלאדיעס וועלכע זענען אין א גרויסן טייל איבערגענומען געווארן פון יידן אין די ערשטע יארהונדערטער. — וועגן די מאטיוון אין דער יידישער מוזיק, סיי אין די תפלות, סיי אין די שמחות-געזאנגען (חתונות וכדומה) סיי אין די פאלקס-לידער נאך דער דאזיקער אלטער צייט, ווערט אנגעוויזן, אז זיי זענען געווען געוויינלעך א סינטעז פון די דערמאנטע אלטע יידישע מוזיק-עלעמענטן, וועלכע האבן זיך געצויגן, אין פארשידענע וואריאנטן און מיט געוויסע ענדערונגען, דורך דעם יידישן מעלאס. דעם יידישן מוזיקאלישן מאטיוו, אין פארלויף פון דער גאנצער צייט פון גלות אין פארשי-

דענע לענדער, — און אויך פון מוזיקאַ־
לישע מאָטיוון און ריטם־איינפלוסן פון
דעם מעלאָס פון די פעלקער, צווישן וועל־
כע די יידן האָבן געוואוינט: די אַראַביש־
אָריענטאַלישע, צפון־אַפריקאַנישע, שפּאַ־
נישע, פּראַוואַנסאַליש־פראַנצויזיש, זיי־
ער שטאַרק פון גערמאַנישע פאָלקס־לי־
דער, און אין די לעצטע 7־6 יאָרהונדער־
טער פון דער סלאַווישער פאָלקס־מוזיק.
אידלסאָן האָט אין זיינע דערמאָנטע
ווערק אַנאַליזירט זייער פיל יידישע
פאָלקס־מעלאָדיעס און חסידישע ניגונים
און נאָכגעוויזן אין פיל פון זיי די דאָ־
זיקע צוויי עלעמענטן; ער האָט אויך נאָכ־
געוויזן, אַז גאַנץ אָפט, אפילו ווען די
מעלאָדיע אין דעם פאָלקס־ליד איז אינ־
גאַנצן גענומען „פון דער פרעמד“, איז
אָבער דער ריטם געענדערט אויף אַ באַ־
זונדערן יידישן שטייגער. — וועגן די
אָנגענומענע טראַדיציאָנעלע מעלאָדיעס
אין די תפילות סיי אין געוויינטלעכע שב־
תים און ימים טובים און סיי פון די
באַזונדערע פייערלעכע טעג (סליחות,
פיוטים און נוסח התפלה ראש השנה און
יום כיפור, די הגדה צום סדר, וכדומה).
זע זוכוואָרט „חזנים“. — וועגן כלי־זמ־
רים זע זוכוואָרט „קלעזמאָרים“. — ווי
געזאָגט זענען געשריבן געוואָרן גרעסערע
ווערק איבער דער געשיכטע פון יידישער
מוזיק, און די סאַמע וויכטיקסטע זענען
די דערמאָנטע ספרים פון אידלסאָן
„אוצר נגינות ישראל“ און „תולדות הנ־
גינה העברית“, און אין יידיש די דער־
מאָנטע זאַמלונג פון אַרטיקלען פון ראַ־
בינאָוויטש „מוזיק ביי יידן“; אין ענג־
ליש איז אין 1938 דערשינען פון לאַזאַר
סאַמינסקי „מיוזיק אָוו דהי געטאָ ענד
דהי בייבל“ (מוזיק פון געטאָ און תנ״ך).

**מולד** זע „חודש“, „קאַלענדאַר“, „ראש
חודש“.

**מולך** נאָמען פון אַן אָפּגאָט, צו ווע־
מען טייל אַמאָליקע פעלקער אין שכנות
פון ארץ ישראל פלעגן מקריב זיין קינ־
דער, פאַרברענען זיי אויפן מזבח פון
מולך אין פייער; דער חומש (ויקרא י״ח)
זאָגט אָן די יידן „ומזרעך לא תתן להע־
ביר למלך“ (און פון דיינע קינדער זאָל־
סטו ניט אוועקגעבן צום איבערפירן צום
מולך); מען וויל זען דערצו אויך אַ רמז
אין חומש דברים י״ח „לא ימצא בך
מעביר בנו ובתו באש“; שפּורן פון דער
דאָזיקער מולך־דינסט ביי טייל יידן גע־
פינט מען ביי די נביאים, וועלכע האָבן
געוואָרנט די יידן קעגן דעם (ירמיה י״ט
און אַנדערע).

**מולכו, שלמה** (געבוירן אין פּאָרטו־
גאַל לערך 1500 — פאַרברענט געוואָרן
אין מאַנטואַ, איטאַליע, אויף קידוש השם
אין 1532), איינער פון די באַדייטנדסטע
קדושים אין דער יידישער געשיכטע. ער
איז געבוירן געוואָרן אַלס קריסט פון
עלטערן־אנוסים, געהייסן „דיעגאָ פּי־
רעס“; ווען דוד הראובני (זע „דוד הראו־
בני“) האָט זיך באַוויזן און אָנגעזאָגט די
בשורה פון גאולה, איז דיעגאָ פּירעס
מיטגעריסן געוואָרן, זיך מגייר געווען אין
געהיים, אַ נאָמען געגעבן זיך „שלמה
מולכו“, אוועק קיין סאַלאָניקי. דאָרט
געלערנט קבלה ביי רבי שלמה טאַיטאַצאַק.
זיך באַקענט מיט רבי יוסף קאַרו (מחבר
פון שלחן ערוך), געוואָרן אַ דרשן; אַרומ־
געוואַנדערט; געזאָגט וואונדערלעכע דר־
שות וועגן דער נאָענטקייט פון דער יידי־
שער גאולה; אָנגעשריבן צוויי ספרימלעך.
ספר „המפואר“ (געדרוקט סאַלאָניקי
1529) און „חית קנה“ (געדרוקט 1658
אין אַמסטערדאַם), אין וועלכע ער זאָגט
אָן משיח־נבואות. ער האָט אויך גע־
פרואווט האָבן אַ ווירקונג אויפן פּויבסט
אין רוים, וועמען ער האָט נביאות גע־
זאָגט וועגן דער קומענדער פאַרפלייצונג

פון רוים, וואָס איז ווירקלעך מקויים גע-
וואָרן (1530). לויט טייל מיינונגען איז
שלמה מולכו אויך געווען אין ארץ-ישר-
ראל, אין צפת, אין דער שטאָט פון מקו-
בלים. ער האָט זיך ווידער געטראָפן מיט
דוד הראובני און איז צוזאַמען מיט אים
געפאָרן אין 1532 קיין רעגענסבורג צום
קייזער קאַרל, וועלכער איז אויך געווען
קעניג פון שפּאַניע כדי צו ווירקן אויף
אים צו פירן מלחמה קעגן טערקיי.
און אַזוי אַרום צו ברענגען די גאולה
אויף יידן. מולכו האָט געהאַט מיט זיך
אַ פאָן מיט אויסגעשטריקטע אותיות „מי
כמוכה באלים ה'" )ראשי תבות „מכ-
בי"). קייזער קאַרל האָט געלאָזט אַרע-
סטירן ביידע, מולכון און ראובני. (לויט
טייל מיינונגען אויף אַ מסירה פון אַ
יידישן דאָקטאָר, וועלכער האָט מורא גע-
האַט, אַז זייערע משיח-חלומות וועלן
ברענגען אַן אומגליק אויף יידן). מולכון
האָט מען געבראַכט אין מאַנטואַ און די
אינקוויזיציע האָט אים פאַראורטיילט
צום טויט דורך פאַרברענען. מען האָט
אים געוואָלט שענקען דאָס לעבן, בתנאי
ער זאָל צוריק ווערן אַ קריסט; מולכו
האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון און מיטן רוף
„שמע ישראל" איז ער פאַרברענט גע-
וואָרן. רבי יוסף הכהן, מחבר פון „עמק
הבכא" שרייבט: „און גאָט האָט דערזען
דעם ריח הניחוח און צוגענומען זיין ריי-
נע נשמה אין גן עדן". ער ברענגט אויך
די לעגענדע, אַז מען האָט דערנאָך גע-
זען מולכון לעבעדיקערהייט. די חפצים
פון מולכו האָט מען דערנאָך געהאַלטן
אַלס הייליקייטן אין פּראָג. פון מולכו
זענען געבליבן די דערמאָנטע צוויי קליי-
נע ספרימלעך „המפואר" און „חית
קנה". וועלכע זענען זעלטנהייטן און זע-
נען, דאַכט זיך, פאַראַן, נאָר אין 1 אדער
2 עקזעמפּלאַרן (אין ביבליאָטעק פון
יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו-
יאָרק). פון שלמה מולכו זענען אויך פּאַ-
ראַן שירים און פיוטים. ער ווערט אויך
דערמאָנט אין „מגיד משרים" פון רבי
יוסף קאַרו. — פרטים זע אין בערנ-
שטיינס „שומרי החומות" (און באַזונ-
דערס אין די באַמערקונגען).

**מומר** זע „שמד".

**מונבז** מלך אין אדיאַבענע, וועלכער
האָט זיך מגייר געווען; געלעבט אין דער
2טער העלפט פון 1טן יאָרהונדערט; זיין
פאַמיליע האָט געהאָלפן די יידן אין ירו-
שלים אין קאַמף קעגן די רוימער; אין
דער גמרא בבא בתרא י"א ווערט דער-
ציילט, אַז מונבז המלך האָט אין הונגער-
יאָרן געעפנט זיינע אוצרות און געטיילט
צדקות.

**מוסף** (צוגאָב). אין בית המקדש האָט
מען אין שבת און ימים טובים ווי אויך
חול המועד און ראש השנה מקריב גע-
ווען, אחוץ דעם געוויינלעכן קרבן פון
טאָג (תמיד), אויך אַ צוגאָב-קרבן (במד-
בר כ"ח). וואָס האָט געהייסן „קרבן
מוסף". צום אָנדענק דערצו האָט מען
איינגעפירט, אַז אין די דאָזיקע שבת,
יום-טוב- און ראש חודש-טעג דאַוונט מען
אינדערפרי, אחוץ דער געוויינלעכער
טעגלעכער תפלה (שחרית), מוסף; די
גמרא ברכות כ"ו זאָגט, אַז די „רבנן".
און וואַרשיינלעך מיינט מען די אנשי כנ-
סת הגדולה (זע „כנסת הגדולה"). האָבן
דאָס איינגעפירט. דער מוסף ווערט גע-
דאַוונט נאָכן לייענען די ספר תורה.

**מוספיא, בנימין** (1606 אין פּאָרטו-
גאַל — 1675 אין אַמסטערדאַם), פון די
אנוסים, וואָס זענען געוואָרן צוריק יידן;
דאָקטאָר און שפּראַכן-פאָרשער; אונטער-
געשריבן אַ לויב-בריוו צו שבתי צבי
(1666); באַרימט מיט זיינע באַמערקונ-
גען צום ספר „ערוך" מיטן נאָמען „מוסף

הערוך״, אין וועלכע ער דערקלערט די אפשטאמונג פון פיל ווערטער אין תל־מוד; ער שרייבט זיך אונטער ,,א״ב״ (,,אמר בנימין״).

## מוסר, מוסר-ספרים, מוסר-חברה

דאס ווארט ,,מוסר״ אין זין פון שטראפן, לערנען גוטע מדות, ווערט געבראכט אין תנ״ך, און דער ציל פון גאנצן ספר משלי איז, ווי עס ווערט געזאגט באלד אין 2טן פסוק פון ערשטן קאפיטל אין משלי, ,,לדעת חכמה ומוסר״, צו לערנען מוסר. דאס ווארט מוסר איז אייגנטלעך דאס זעלבע וואס ,,עטיק״, אבער מיט רעלי־גיעזער באגרינדונג, און נעמט א־יך אריין די רעליגיעזע אויפירונג פון מענטש. די מוסר־לערע פון יידנטום לערנט צו זיין א פרומער ייד, אפצוהיטן אלע מצוות, נזהר צו זיין פון עבירות, אלץ איינס צי בין אדם לחברו צי בין אדם למקום (צווישן איין מענטש און אנדערן, אדער צווישן מענטש און גאט) און אפגעבן זיך דעם חשבון הנפש וועגן תכלית פון לעבן, וועגן דער פארגענגלעכקייט פון לעבן אויף דער וועלט און וועגן דעם אייביקן לעבן אויף יענער וועלט. די יסודות פון יידנטום־מוסר זענען פאראן אין תנ״ך, משנה (באזונדערס אין משנה ,,אבות״), גמרא, און די שפעטערע מוסר־ספרים, פון וועלכע די בארימטסטע זענען דער ,,חובות הלבבות״ פון רבנו בחיי, ,,שמונה פר־קים״ פון רמב״ם, ספר חסידים פון רבי יהודה החסיד, ,,שערי תשובה״ פון רבנו יונה, ,,מנורת המאור״, ,,ראשית חכמה״, ,,שבט מוסר״, ,,שלה״ פון רבי ישעיה הורוויץ און דער ,,מסילת ישרים״ פון רבי משה חיים לוצאטו. מיר האבן דא אויסגערעכנט נאר עטלעכע ספרים, און באמת זענען פאראן פיל טויזנטער ספ־רים, וואס אנטהאלטן דעם מוסר פון יידנטום, נאר די דערמאנטע ספרים זע־נען אמייסטן בארימט און האבן געהאט די גרעסטע השפעה אויף די מוסר־בא־גריפן פון די יידישע מאסן אין פארלויף פון פיל הונדערטער יארן. צו די מוסר־ספרים געהערן אויך די ,,צוואות״ פון גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן און זיי זענען צונויפגעזאמלט אין דער ,,צוואות״־זאמלונג פון פראפעסאר אבראהאמס (אייבערהעמס). — אין יאר 1842 האט דער גרויסער למדן רבי ישראל סאלאנ־טער (זע ,,סאלאנטער ישראל״) געגרינ־דעט אין ווילנע די חברה מוסר, וועלכע ער האט דערנאך איבערגעטראגן קיין קאוונע (סלאבאדקע), און פון דארט זע־נען אנטשטאנען אפצווייגונגען אין אנ־דערע שטעט. דאס זענען געווען ישי־בות, אין וועלכע די בחורים און יונגע־לייט האבן, אחוץ די געוויינלעכע למודים אין גמרא און פוסקים, אויך געלערנט א שעה־צוויי אין טאג מוסר, אין די דער־מאנטע מוסר־ספרים; זייער אויפגאבע איז געווען צו דערציען אין זיך דאס שטענדיקע באוואוסטזיין פון דער פאר־גענגלעכקייט פון עולם הזה און אז דער מענטש דארף צוימען זיינע שלעכטע מדות ווי כעס, גאוה וכדומה. זיי האבן געהאלטן, אז דאס קאן מען ניט דער־ווערבן דורך איינמאליקן מעיין זיין אין א מוסר־ספר, נאר מען דארף מצמצם זיין דעם גאנצן געדאנק דערויף, און זיך שטענדיק מחנך זיין אין דעם. די הויפט־ישיבה פון מוסר איז געווען א געוויסע צייט אין קעלם, נאכער אין חברון. אבער די מוסר־ישיבות זענען אויך געווען אין אנדערע שטעט, אין נאווארדאק, ווארשע און אנדערע. די בארימטע מחנכים פון די מוסר־ישיבות זענען געווען רבי יצחק בלאזער, רבי שמחה זיסל, רבי נטע, רבי יוזל הורוויץ און אנדערע. — זע ראזנ־פעלדס העבעראיש בוך ,,רבי ישראל סלאנטער״; זע אויך די פאעמע פון גראַ־דע ,,מוסרניקעם״, אין וועלכער עס ווערט געגעבן די שטימונג פון די מוסר־

ישיבה־בחורים. — וועגן דער עטיק פון יידנטום זע לאַצאַרוס „עטיק פון יידנטום" (דייטש), אחד העם „על שתי הסעיפים" (אונטערשיד צווישן יידישער און קריסטלעכער עטיק). בערנפעלד „דעת אלהים", צייטלין „הטוב והרע". זע זוכוואָרט „עטיק".

**מועד** נאָמען פון 2טן סדר פון די זעקס סדרים פון משניות; דער סדר מועד אַנטהאַלט די מסכתות שבת, ערובין, פסחים, שקלים, יומא, סוכה, ביצה, ראש השנה, תענית, מגילה, מועד קטן, חגיגה. זיי באַהאַנדלען כמעט אַלע די דינים פון שבת, יום־טוב, תעניתים, אַנדערע פייערלעכע טעג.

**מועד קטן** נאָמען פון אַ מסכתא משניות, אויף וועלכער עס איז פאַראַן תוספתא און גמרא בבלי און ירושלמי; האָט 3 פרקים, באַהאַנדלט די דינים פון חול המועד און אבלות.

**מופת** זע „נס".

**מוצאי שבת** די נאַכט פון שבת אויף זונטיק; „מוצאי יום־טוב" און „מוצאי יום כפור" הייסן די נעכט באַלד נאָך יום־טוב און נאָך יום כפור; אין די אַלע נעכט מאַכט מען „הבדלה" (זע „הבדלה"), אין מוצאי שבת זינגט מען זמירות, און מען זאָגט „ויתן לך" און אין די זמירות זענען פאַראַן ספּעציעלע פיוטים און אַ מעשה וועגן אליהו הנביא; אין מוצאי שבת עסט מען אַ באַזונדערע סעודה „מלוה מלכה" (באַגלייטן די מלכה, דאָס הייסט שבת), וועלכע איז די סעודה פון דוד המלך; דער מנהג פון דער סעודה ווערט געבראַכט אין דער גמרא שבת קי"ט; וועגן דער מצוה צו עסן מלוה מלכה ווערן דערציילט פיל פאָלקס־מעשיות, ווי אין דעם זכות זענען די אָפּ־היטער ניצול געוואָרן דורך דוד המלך פון אומגליקן. — זע „דוד המלך".

**מוקדוני, א.** (געבוירן 1878 אין רוסלאַנד), זינט 1922 אין ניו־יאָרק; באַדייטנדער טעאַטער־קריטיקער, פּובליציסט. מיטאַרבעטער פון די אָנגעזעענסטע יידישע צייטונגען („אונדזער לעבן", „נייע וועלט", „פריינט", און לעצטנס אין „מאָרגן־זשורנאַל").

**מוקצה** מיט דעם נאָמען באַצייכנט מען זאַכן וואָס מען טאָר ניט אָנרירן און טראָגן אין שבת און יום־טוב, למשל אַ ליכט, אַ לייכטער, געלט וכדומה. דער פאַרבאָט איז נאָר „מדרבנן", דאָס הייסט, אַז לויט דער תורה מעג מען, נאָר די רבנן האָבן עס פאַרבאָטן.

**מורה הוראה** זע „הוראה".

**מורה נבוכים** זע „משה בן מיימון".

**מוריה** נאָמען פון באַרג, אויף וועלכן עס איז פאָרגעקומען דער ספור פון עקדת יצחק (חומש בראשית כ"ב); פון דברי הימים ב' ג' איז צו זען, אַז דאָס איז דער באַרג, אויף וועלכן עס איז שפּעטער אין ירושלים געשטאַנען דאָס בית המקדש.

**מורנו** (אונדזער לערער), טיטל, וואָס מען האָט אַמאָל געגעבן נאָר צו אַזעלכן וואָס האָט געמעגט פסקענען שאלות; דער מורנו־טיטל איז איינגעפירט געוואָרן דורך דעם רב רבי מאיר אין ווין (געשטאָרבן 1390); שפּעטער האָט מען געגעבן דעם טיטל מורנו סתם תלמידי חכמים, אָבער ניט פאַר זייער חתונה; אָפט פלעגט מען געבן דעם טיטל צו חתנים אין טאָג פון זייער חופה; אין דער לעצטער צייט האָט מען אויפגערופן מיט מור־

רנו צו די עליות יעדן פארהייראטן. — אין יידיש איז פאראן דער אויסדרוק „ער איז א גאנצער מורנו‟, דאס הייסט א חשוב ביי זיך.

**מזבח** דאס ווארט שטאמט פון „זבח‟. שעכטן קרבנות, און עס ווערט דערמיט באצייכנט דאס ארט און איינריכטונג, אויף וועלכן מען איז מקריב קרבנות; „מזבח‟ ווערט דערמאנט ביי נח (בראשית ח׳), אברהם אבינו (בראשית י״ב) און אנדערע, וועלכע האבן מקריב געווען קרבנות; דער חומש שמות כ׳ זאגט אז, אז מען זאל מאכן א מזבח פון ערד (מזבח אדמה), נאר אויב מען מאכט א מזבח פון שטיינער, טארן זיי ניט זיין קיין אויסגעהאקטע (גזית) און מען טאר זיי ניט האקן מיט קיין שווערד; אויב א כהן האט געהרגעט א מענטש בשוגג און ער האט געטאן די עבודה ביים מזבח, האט מען אים ניט געטארט אנרירן (גמרא מכות י״ב); אין סוכות פלעגט מען ארומגיין דעם מזבח און זאגן „אנא ה׳ הושיעה נא‟, און אויך „יופי לך מזבח‟ (ביזט שיין מזבח!). — וועגן דעם בוי פון מזבח איז פאראן אין משניות מדות.

**מזוזה** אין חומש דברים ו׳ און דברים י״א ווערן געבראכט צוויי פרשיות; איינע איז „שמע ישראל‟ און די צווייטע איז „והיה אם שמוע‟; איןביידע פרשיות ווערט געזאגט „וכתבתם על מזוזות ביתך‟ (דו זאלסט זיי אויפשרייבן אויף די ביישטדלעך, טיר־זייטן, פון דיין הויז). דערפון איז די מצוה אויפצושרייבן אויף פארמעט די דערמאנטע צוויי פרשיות און מען קלאפט צו דעם פארמעט צו דער טיר פון דער וואוינונג פון יעדן ייד. דאס הייסט „מזוזה‟. עס איז דער מנהג (געבראכט שוין אין „משנה תורה‟ פון רמב״ם הלכות מזוזה) אויפצושרייבן פון דרויסן אויפן פארמעט דעם געטלעכן נאמען „שדי‟; אנדערע פוסקים (רא״ש) ברענגען דעם מנהג אויך אויפצושרייבן „כוזו במוכסז כוזו‟, וואס זענען די נאכגייענדע בוכשטאבן פון ה׳ אלהינו ה׳ (כ׳ אנשטאט י׳ און אזוי ווייטער). דער פוסק מרדכי ברענגט, אז אין א שטוב וואו עס איז פאראן א כשרע מזוזה (דאס הייסט די מזוזה איז געשריבן ריכטיק. א „פסולע‟ מזוזה הייסט אזעלכע אין וועלכער די אותיות זענען ניט געשריבן ריכטיק) איז קיין שד ניט שולט. עס איז דער מנהג אז ביים אריינגיין און ארויסגיין פון שטוב קושט מען די מזוזה. דער מנהג אנצורירן מיט דער האנט די מזוזה ווערט שוין געבראכט אין שלחן ערוך יורה דעה סימן רפ״ה.

**מזומן** זע ברכת המזון‟.

**מזכיר נשמות** זע „הזכרת נשמות‟.

**מזל, מזל טוב** מיטן ווארט „מזל‟ האט מען באצייכנט א גרופע פון שטערנס אין הימל, דאס זאל זיין דאס זעלבע וואס „מזרות‟ אין איוב ל״ח; צוליב דעם אסטראלאגישן גלויבן, אז די שטערנס באשטימען דעם גורל פון מענטש, איז דאס ווארט „מזל‟ אויך געווארן די באדייטונג פון מענטשנס „גורל‟, „גליק‟ אדער אומגליק (שלעכטער מזל). די גמרא שבת נ״ו זאגט „אין מזל לישראל‟ (יידן ווערט זייער גורל ניט באשטימט דורך די שטערנס). פון ווארט מזל איז געווארן דער וואונטש „מזל טוב‟ (מיט גוטן גליק) ביי א שמחה. דערפון זאל, לויט טייל מיינונגען. אויך שטאמען דאס ווארט „שלימזל‟ (שלעכטער מזל).

**מזרח** די זייט, אין וועלכער די זון גייט אויף יעדן פרימארגן (פון ווארט „זרח‟.

שיינען); עס איז אן אלטער מנהג צו דאווענען מיטן פנים געווענדט צו ירושלים (ווערט געבראכט שוין אין דניאל ו׳), און ווייל אין באצוג צו אייראפע ליגט ירושלים צו מזרח, שטעלט מען זיך ביים דאווענען, און באזונדערס ביי שמונה־עשרה, מיטן פנים צו מזרח. דעריבער איז אויך דער ארון־קודש און דער עמוד פון חזן אין יעדער שול און בית המדרש אויף דער מזרח־וואנט; די חשובע בעלי־בתים פון שטאט פלעגן האבן זייערע ערטער („שטעט״) אין שול צוזאמען מיטן רב אויף דער מזרח־וואנט; עס פלעגט זיין א מנהג אין יידישע הייזער צו האבן הענגען אויף איינעם פון די ווענט אן אויסגעשטריקטן „מזרח״ אויף וועלכן עס זענען געווען די בילדער פון דער כותל המערבי און קבר רחל.

**מזרחי** נאמען פון ארטאדאקסיש־ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואס האט דעם ציל אויפצובויען ארץ־ישראל אין גייסט פון דער תורה; געגרינדעט געווארן צוערשט דורך רבי שמואל מאהליווער מיטן נאמען ,לשכת המזרחי״, און האס ווארט מזרחי האט באדייט „מרכז רוחני״ (גייסטיקער צענטער), און שפעטער, אין יאר 1902, איז געגרינדעט געווארן אפיציעל דער „מזרחי״ דורך הרב יצחק יעקב ריינעס, זאב יעב״ץ און אנדערע ארטאדאקסישע ציוניסטן; די צענטראלע פון מזרחי איז אין ירושלים, און האט אפטיילונגען אין אלע לענדער מיט גרעסערע יידישע ישובים, און פירט א גרויסע דערציערישע און פאליטישע ארבעט; איז א טייל פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע, באטייליגט זיך אין די ציוניסטישע קאנגרעסן; האט אן אייגענעם פאנד „קרן המזרחי״, און אייגענע באנק מזרחי; לעבן מזרחי זענען פאראן יוגנט־ארגאניזאציעס און ארבעטער־ארגאניזאציעס: „הפועל המזרחי״, „צעירי המזרחי״, „החלוץ המזרחי״, „השומר הדתי״, „בני עקיבא״, ווי אויך פרויען־ארגאניזאציע „נשים מזרחיות״; די יוגנט־ און ארבעטער־ארגאניזאציעס שטעלן מיט זיך צענויף אלע די יוגנט־באוועגונג „תורה ועבודה״. דער מזרחי האט אן אייגענע גרויסע נעץ פון שולן און סעמינארן אין ארץ־ישראל; גיט ארויס וויכטיקע ספרים, זשורנאלן, און האט א השפעה אויף דער טאג־צייטונג אין תל־אביב „הצופה״. די הויפט־פירער פון מזרחי זענען היינט הרב מאיר בערלין, הרב יהודה לייב פישמאן. הרב זאב גאלד, יהודה לייב געלמאן (פרעזידענט פון „מזרחי״ אין אמעריקע). הרב נייפעלד, משה שאפירא, גדליה בובליק און אנדערע.

**מחזור** נאמען פאר זאמלונג פון פיוטים און תפילות פאר ראש השנה, יום כפור און ימים טובים. די מחזורים זענען פאראן פארשידענע לויט די מנהגים פון געוויסע לענדער־גרופעס, ווי: מחזור לויט דעם נוסח אשכנז, דאס הייסט פון די יידן אין דייטשלאנד, פוילן, ליטע און אנדערע שכנות־לענדער; מחזור לויטן נוסח ספרד (שפאנישע יידן), „מחזור רומניא״, פון וועלכן עס האבן געדאווענט אמאל די יידן אין דער ביזאנטישער אימפעריע (זע „ביזאנט״), „מחזור רומי״ (פון די אמאליקע איטאליענישע יידן) און אנדערע. עס זענען אויך פאראן מחזורים, זאמלונגען פון פיוטים, פון איינצלנע אמאליקע מחברים פון פיוטים אדער פיוטים־זאמלער: אזוי איז לעצטנס אנטדעקט געווארן „מחזור ינאי״ (זע „ינאי פייטן״); עס איז פאראן „מחזור ויטרי״ (זע וויטרי, שמחה) און אנדערע. מיטן פארשן די מחזורים, די אנטשטייאונג פון די פיוטים. דעם טייטש פון יעדן פיוט, האבן זיך פארנומען די געלערנטע צונץ (אין זיין „סינאגאגאלע

פּאָעזיע''). היידנהיים (אין דער הקדמה און פּירושים צו זיין מחזורים־אויסגאַבּע העדעלהיים 1802), דאַווידסאָן, בּראָדי און אַנדערע. זע עלבּויגנס „תולדות התפלה והעבודה בישראל''. — זע זוכווערטער „וויטרי'', „חזן'', „ינאי'', „פּיוטים'', „קליר''.

## מחצית השקל (אַ האַלבּער שקל).

אין חומש שמות ל' ווערט געזאָגט, אַז יעדער ייִד פון 20 יאָר און עלטער דאַרף געבּן פאַרן משכן (שפּעטער פאַרן בית המקדש) אַ האַלבּן שקל, מחצית השקל; דער שקל איז געווען אַ מטבּע, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ''ך פיל מאָל; די משנה אין שקלים א' זאָגט, אַז אין דער צייט פון בית המקדש איז דער טערמין צו געבּן דעם מחצית השקל געווען יעדעס יאָר פון 1טן טאָג אין חודש אדר ביזן 15טן טאָג אין אדר; אויך היינט איז דער מנהג פון פרומע ייִדן יעדן פּורים (דעם 13טן אדר בייַנאַכט) פאַרן לייענען די מגילה צו געבּן אין דער קערה, אַ שיסל אויפן טיש פון בית המדרש און שול, דעם מחצית השקל, געלט וויפל איינער קען, און ער וואַרפט איבער 3 אַנגעגרייטע זילבּערנע מטבּעות, אויף וועלכע עס איז פאַראַן דאָס וואָרט „האַלבּ'' אין דער לאַנדס־שפּראַך; דאָס געלט גייט פאַר דער שול אָדער פאַר צדקה.

## מטבע

די ייִדישע „נומיזמאַטיק''. דאָס הייסט דאָס פאָרשן אַלטע ייִדישע מטבּעות, איז אַ זייער וויכטיקער טייל פון דער ייִדישער געשיכטע־פאָרשונג. פון תנ''ך־צייט האָבּן מיר היינט ניט קיינע ייִדישע מטבּעות, הגם אין תנ''ך ווערן דערמאָנט די מטבּעות „שקל'', „בקע'', „קשיטה'' און אַנדערע. מיר האָבּן היינט נאָר געפונענע ייִדישע מטבּעות פון די חשמונאים־הערשער אין דער צווייטער העלפט פון בית שני, און וואַרשיינלעך אויך מטבּעות פון בר כוכבא (זע „חשמונאים'', „בר כוכבא''); לעצטנס האָט מען אין ביתר (קעגן ירושלים), וואָס איז געווען די הויפּט־פעסטונג פון בר כוכבא געפונען די איינריכטונגען צו גיסן מטבּעות וואָס שטאַמען וואַרשיינלעך פון בר כוכבא. די געפונענע חשמונאים־מטבּעות האָבּן העבּרעאישע אויסקריצונגען (אין דער אַלטער העבּרעאישער שריפט). דאָס יאָר „א''', צי „ב''', די אויפשריפט „ירושלם הקדשה'', „שקל ישראל'', און דאָס בילד פון דעם „גלעזל מן'' און פון דעם בליענדן שטעקן פון אהרן הכהן. אויף טייל זענען פאַראַן די נעמען פו די ייִדישע הערשער: „יהוחנן הכהן הגדול וחבר היהודים'', „יהודה'' (פון קעניג אַריסטובּולוס) און אַנדערע; אויף טייל מטבּעות איז פאַראַן אויך דער גריכישער נאָמען פון די ייִדישע הערשער; אויף בר כוכבאס מטבּעות איז פאַראַן דער אויפשריפט „שמעון'' (בר כוכבאס אייגן נאָמען) און „ש''ב'' (וואָס מאַכט „שנה ב''', דאָס 2טע יאָר, „לחרות ישראל'' (צו דער ייִדישער באַפרייאונג); אויף טייל אויך „לחרות ירושלם''; אויף איינער איז פאַראַן „אלעזר הכהן''. די דאָזיקע בר־כוכבא־מטבּעות ווערן דערמאָנט אין תוספתא און גמרא (בבא קמא צ''ז) מיטן נאָמען „כוזביות'' (צוליבּ בר כוכבאס נאָמען „בר כוזיבא''). — שמואל רפאלי האָט אַרויסגעגעבּן אין העבּרעאיש אַ בוך וועגן די דאָזיקע אַלטע העבּרעאישע מטבּעות. — מען האָט אויך אין פּוילן געפונען אַלטע פּוילישע מטבּעות מיט העבּרעאישע אויפשריפטן „אברהם דוכס'', און עס איז ביז איצט ניט קלאָר די באַדייטונג פון די דאָזיקע אויפשריפטן.

## מטטרון

נאָמען פון אַ מלאך. ווערט דערמאָנט אין דער גמרא (סנהדרין ל''ח און אַנדערע). וואו ער ווערט באַטראַכט

אַלס דער נאָענטסטער צו גאָט; די באַדייטונג פון וואָרט „מטטרון" איז ניט קלאָר; אין גריכיש איז „מע טאַטאָר" דער טייטש „דער שליח". לויט טייל פאָרשער (האַמבורגער און אַנדערע) זאָל עס האָבן אַ שייכות מיטן „לאַגאָס" פון פילאָן. — זע זוכוואָרט „פילאָן".

**מי שברך** (דער וואָס האָט געבענטשט), אַ תפילה פאַר דעם, וואָס ווערט אויפגערופן צו אַן עליה צו דער תורה; אין דער תפילה ווערט געזאָגט, אַז גאָט וואָס האָט געבענטשט אונדזערע עלטערן אברהם יצחק ויעקב, זאָל אויך בענטשן דעם אויפגערופענעם צו דער תורה „בעבור שנדר", ווייל ער האָט מנדר געווען געלט פאַר דער שול, צי פאַר דעם חזן און שמש צי פאַר צדקה. — אין יידיש איז הערפון געוואָרן אין איראָנישן זין דער אויסדרוק, ווען מען זידלט איינעם, „מען האָט אים געמאַכט אַ מי שברך".

**מייזעלס, בעריש** (1798 — 1870). רב אין קראָקע, נאָכער אין וואַרשע, דעפוטאַט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט; אָנטיילגענומען אין פּוילישן אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד אין יאָר 1861; פאַרטריבן דורך דער רוסישער רעגירונג פון פוילן; מחבר פון „חדושי מהרד"ם" אויף „ספר המצוות" פון רמב"ם.

**מיכאל** נאָמען פון מלאך; ווערט גערעכנט אַלס דער גרעסטער מלאך; דערמאָנט אין דניאל י׳ און י"ב וואו ער ווערט אָנגערופן „השר הגדול העומד על בני עמך" (דער גרויסער שר וואָס שטייט און פאַרטיידיקט דיין פאָלק, די יידן); אין דער גמרא און מדרש ווערט ער באַטראַכט אַלס דער „שר פון די יידן". וועלכער פאַרטיידיקט דאָס יידישע פאָלק (יומא ע"ז און אַנדערע ערטער); ער איז געווען פון די דריי מלאכים וואָס האָבן זיך באַוויזן צו אברהם אבינו (מדרש בראשית רבה מ"ד). ער האָט געשלאָגן דאָס חיל פון סנחריב און ער וועט ברענגען די ישועה פאַר יידן ווען משיח וועט קומען (דברים רבה צום סוף); אין דער תפילה, וואָס בען זאָגט פאַרן גיין שלאָפן, ווערט אויך דערמאָנט דער מלאך מיכאל, וועלכער היט אָפּ דעם יידן ווען ער שלאָפט, און ער שטייט אים צו דער רעכטער זייט („מימיני מיכאל").

**מיכה** נאָמען פון נביא און פון ספר פון זיינע נביאות אין תנ"ך, אין תרי עשר; ער האָט געשטאַמט פון מרשה (דעריבער געהייסן „מיכה המרשתי"), און נבואות־געזאָגט אין דער צייט פון די מלכים יותם, אחז, חזקיה (מיכה א׳); ער ווערט אויך דערמאָנט אין ספר ירמיה כ"ו; זיין ספר נבואות האָט זיבן קאַפּיטלעך, און זיי זענען דער שאַרפער און דערהאָבענער אויסדרוק פון דער יידישער נבואה; ער שטראָפט דאָס פאָלק, וואָס מיינט, אַז מען קאָן אָפּטאָן אַל דאָס בייז, און ברענגען קרבנות און דורך דעם וועלן די זינד פאַרגעבן ווערן; ער זאָגט (קאַפּיטל ו׳): „הירצה ה׳ באלפי אילים ברבבות נחלי שמן — ומה ה׳ דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם ה׳ אלהיך" (צי וויל גאָט די טויזנטער קרבנות, די צענדליקער טויזנטער טייכן בוימל? וואָס פאַרלאַנגט דען גאָט פון דיר, אויב ניט טאָן גערעכטיקייט, ליב האָבן צו טאָן טובות מענטשן און גיין באַשיידן מיט גאָט); ער האָט נבואות־געזאָגט (קאַפּיטל ג׳) אַז צוליב דער זינד פון פאָלק וועלן ירושלים און דאָס בית המקדש חרוב ווערן; דאָס קאַפּיטל ד׳ איז מערקווירדיק דערמיט, וואָס עס איז אויך פאַראַן אין ישעיה ב׳. דאָס איז די וויזיע פון דער צוקונפט, דער „והיה באחרית הימים", ווען פעלקער וועלן מער

ניט פירן צווישן זיך קיין מלחמות און וועלן צעברעכן זייערע שווערדן צו אַקעראייזנס; די געלערנטע תנ״ך־פאַרשער מיינען, אַז עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן די צוויי נבואות פון מיכה און ישעיה. — זע דעם תנ״ך עם פירוש מדעי (תרי עשר), אַרויסגעגעבן פון אברהם כהנא.

## מיכה, פסל

(דער אָפּגאָט פון מיכה). אין שופטים י״ז און י״ח ווערט דערציילט דער סיפור פון „פסל מיכה“ וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון די שופטים. אַ געוויסער מאַן מיכה פון הר אפרים האָט זיך געמאַכט אַ פסל, אַן אָפּגאָט פון גאָלד, און ער האָט צוגענומען צו זיך אַ לוי, וועלכער האָט באַדינט דעם פסל און וועלכער איז געוואָרן דאָרט דער כהן; ווען אַ טייל פון שבט דן זענען געגאַנגען איינעמען פאַר זיך אַ לאַנד אין צפון ארץ־ישראל און זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם הויז פון מיכה, האָבן זיי מיט געוואַלד צוגענומען דעם פסל און דעם כהן און איינגעריכטעט אין זייער נייַ לאַנד, אין דער שטאָט דן אין צפון, אַן אָרט צו דינען דעם אָפּגאָט. עס ווערט צוגעגעבן אַז יהונתן בן גרשם בן מנשה (לויט איין מיינונג אין דער גמרא, דער זון פון משה רבנו) און זיינע קינדער זענען געווען די כהנים פון דעם פסל.

## מילה, ברית

די מצוה מל צו זיין אינגלעך אין עלטער פון 8 טעג איז איינע פון די אָנגעזעענסטע מצוות אין דער יידישער רעליגיע; זי איז פון די מצוות פון דער צייט איידער די תורה איז געגעבן געוואָרן, ווייל שוין אברהם אבינו האָט באַקומען די מצוה און עס איז אים געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס וועט זיין דער „בונד־צייכן“ דער „ברית צווישן גאָט און אברהמס קינדער (בראשית י״ז); דער פון שטאַמט דער נאָמען „ברית“, אויך „ברית־מילה“ פאַר דער פייערלעכקייט פון מל זיין. פאַר ניט מל זיין קומט די שווערע שטראָף „כרת“ (בראשית י״ז); דער ניט געמלטער האָט געהייסן „ערל“ (אין תנ״ך פיל מאָל). וועגן דעם טעם פון מצוות מילה זענען געשריבן געוואָרן פיל מיינונגען; דער רמב״ם אין „מורה נבוכים“ מ״ט זאָגט, אַז דאָס איז כדי די יידן זאָלן זיך ניט אויסמישן צווישן פעלקער; טייל געלערנטע אין די אַלטע און נייע צייטן מיינען, אַז מילה איז אַ שוץ־מיטל קעגן ווענערישע קראַנקהייטן. די גמרא נדרים ל״א זאָגט, אַז זי איז חשוב ווי אַלע אַנדערע מצוות פון דער תורה צוזאַמען. אין טייל צייטן זענען געווען גזרות אויף יידן ניט מל צו זיין די קינדער, און יידן האָבן זיך דערויף מוסר נפש געווען, ווי אין דער צייט פון אדריינוס דעם רוימישן קייסער (שבת ק״ל און אַנדערע ערטער). די מצוה פון מילה האָט אויך געהייסן „בריתו של אברהם אבינו“. און די משנה אבות ג׳ זאָגט אַז ווער עס שטערט (המפיר) דעם בריתו של אברהם אבינו וועט ניט האָבן קיין עולם הבא. — די פייערלעכקייט פון ברית מילה איז פאַרבונדן מיט פאַרשידענע מנהגים. דעם פרייטיק־צונאַכטס פריער ווערט איינגעאָרדנט אַ „שלום־זכר“; עס קומען זיך דעמאָלט צונויף די פריינט פון די עלטערן פון קינד, און מען פאַרברענגט אין טרינקען משקה, עסן געזאָטענע אַרבעס און מען זינגט זמירות. די נאַכט פאַרן ברית הייסט די „וואַכנאַכט“ (זע זוכוואָרט „וואַכנאַכט“). דער טאָג פון ברית איז אַ געוויסער יום טוב; מען זאָגט ניט אין שטאָט קיין תחנון ביים דאַווענען; מען זינגט ביים דאַווענען; מען זינגט ביים דאַווענען „וכרות“. פאַר דעם ברית ברענגט מען דאָס קינד אויף אַ קישן, און אַ מיידל צי אַ פרוי נעמט דאָס קינד אויף דעם קישן און גיט עס איבער אַ בחור אָדער אַ פאַרהייראַטן; דאָס

הייסט „קוואטערשאפט"; נאכער ווערט דאס קינד איבערגענומען פון האנט צו האנט דורך די אנוועזנדע, וועלכע מען רופט אויס דערצו מיט די נעמען. דער לעצטער, וואס נעמט דאס קינד, ווערט אנגערופן, אז ער האט די מצוה פון „כסא של אליהו הנביא", ווייל עס ווערט אנגענומען, אז אויף יעדן ברית געפינט זיך אליהו הנביא; די שטול, אויף וועלכער מען לייגט דאס קינד, הייסט „כסא של אליהו"; נאכער נעמט דער מוהל דאס קינד און לייגט עס אוועק אויף איינעם פון די אנוועזנדע יידן, וועלכער זיצט אויף א שטול, און ער הייסט דער „סנדק"; ער האלט דאס קינד צום מל זיין. דער מוהל איז מל דאס קינד, מאכט די פריעה און מציצה און מאכט די ברכה „על המילה", דערנאך מאכט דער פאטער פון קינד די ברכה „להכניסו בבריתו של אברהם אבינו", און דערנאך זאגט דער מוהל נאך עטליכע ברכות איבער א כוס וויין, און מען גיט א נאמען דעם קינד. דערנאך ווערט געפראוועט א סעודה און ביים בענטשן ווערן געזאגט ספעציעלע ברכות. — די מנהגים פון ברית שטאמען פון פארשידענע צייטן. דער „כסא של אליהו" און דער גלויבן וועגן דער אנוועזנהייט פון אליהו אויף יעדן ברית, ווערט דערמאנט אין פרקי דרבי אליעזר כ"ט און אין זהר בראשית י"ג; די ברכות ווערן געבראכט אין דער גמרא שבת קל"ז; א ריי אנדערע מנהגים ווערן געבראכט אין מחזור וויטרי (פון 12טן יארהונדערט); זע אויך אין „התורה והחיים" פון גידעמאן (דריטער טייל); בהנם „אות ברית" (קראקע 1903). די מצוה פון מילה איז ניט נאר ביי געבוירענע יידישע קינדער, נאר אויך אויב א ניט ייד וויל ווערן א ייד דארף ער זיך מל זיין. זע „גר"; זע אויך זוכווערטער „וואכנאכט", „סנדק".

**מילהויזן, יום טוב ליפמאן** (ענדע 14טן יארהונדערט), רב, געלעבט אין פראג און קראקע; באקאנט דורכן ויכוח וואס ער האט געהאט מיט דעם משומד פעטער (פסח) אין יאר 1489; זיינע מיינונגען וועגן יידנטום און קריסטנטום האט מילהויזן פארעפנטלעכט אין ספר „הנצחון"; ער האט געשריבן אויך אנדערע ספרים. אן אויספירלעכע ארבייט וועגן אים האט פארעפנטלעכט אין העברעאיש דר. יהודה קויפמאן.

**מים** אויף העברעאיש „וואסער", און דערפון שטאמען די ווערטער „מים אחרונים", און אנדערע; וועגן דער באדייטונג פון וואסער אין דער יידישער רעליגיע און מנהגים זע זוכווערטער „וואסער", „טבילה", „מקוה", „ניסוך המים", „סוטה".

**מימון, משה בן מימון** זע „משה בן מימון".

**מימון, שלמה** (1754 אין ליטע — 1800 אין דייטשלאנד), פילאזאף און משכיל, פריינט פון מענדלסאן; צוערשט א ישיבה בחור, אוועק פון דער היים און געוואנדערט אין דייטשלאנד. דורכגעמאכט פיל ליידן, געלערנט פילאזאפיע און אנדערע וויסנשאפטן; געשריבן קריטיק אויף קאנטס „קריטיק פון דער ריינער פארנונפט" און געלויבט געווארן דורך קאנט; געשריבן פירוש „גבעת המורה" צום רמב"מס „מורה נבוכים" (צוליב פארערונג צום רמב"ם האט ער אנגענומען דעם רמב"מס נאמען „מימון"). און אנדערע אפהאנדלונגען, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז געבליבן אין כתב יד; אויף דער עלטער געליטן דחקות; געלעבט צום סוף אין לאנדגוט פון גראף קאלקרייט אין שלעזיע, וואו ער איז געשטארבן. מימון איז אמייסטן בארימט

דורך זיין „אויטאָביאָגראַפיע" (געשריבן אין דייטש, איבערזעצט אויך אין יידיש און העברעאיש), אין וועלכער ער דערציילט וועגן זיין לעבן פון קינדהייט אויף, און ער גיט דאָרט אויך איבער זיינע מיינונגען איבער יידנטום, חסידות, קבלה; די „אויטאָביאָגראַפיע" אַנטהאַלט ווערטפולע שילדערונגען פון יידישן לעבן אין ליטע אין יענער צייט און די באַציאונג צו זיי פון די פּוילישע מאַגנאַטן. — זע די „אויטאָביאָגראַפיע" אין יידיש, ווי אויך טאַוויאָוום העברעאישע איינלייטונג צו „תולדות שלמה מימון".

**מימוני, אברהם** זע „אברהם מימוני".

**מין, מינות** אין דער משנה (ברכות ט' און אַנדערע) און גמרא איז פאַראַן אָפט דער אויסדרוק מין, מינים, אַלס באַצייכענונג פאַר אפּיקורסים, פאַר אַזעלכע וואָס גלויבן ניט אין די אָנגענומענע יידישע רעליגיעזע גלויבונגען; פון דער דערמאָנטער משנה אין ברכות („משקלקלו המינים והיו אומרים אין עולם אלא אחד") איז צו זען, אַז די מינים האָבן ניט געגלויבט אין לעבן נאָכן טויט; פון דער משנה מגילה ד' („האומר יברכוך טובים הרי זו דרך המינות") איז צו זען, אַז טייל מינים האָבן געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון 2 געטער, א גוטן און א שלעכטן; פון אַנדערע ערטער איז מדרש (בראשית רבה כ"ה און אַנדערע) איז צו זען, אַז טיילמאָל האָט מען מיטן וואָרט מינים באַצייכנט די דעמאָלט ניי אַנטשטאַנענע סעקטע פון יידן־קריסטן. וועגן דער אָפּשטאַמונג פון וואָרט „מין" זענען די מיינונגען פון די געלערנטע היסטאָריקער צעטיילט. רבי אליהו בחור, רבי דוד גאנז און אַנדערע מיינען, אַז דאָס איז פון מאני דעם פּערסישן רעליגיע־גרינדער; אָבער כראָנאָלאָגיש איז דאָס ניט ריכטיק; לויט אַנדערע איז דאָס פון העברעאישן „מאן", „אנטזאגן זיך". אין שבת קט"ז ווערן דערמאָנט „ספרי מינים". אין עבודה זרה כ"ח ווערט דערמאָנט „יעקב מינאה", און דאָרט מיינט מען זיכער א יידן־קריסט.

**מיסטיק** זע „קבלה".

**מיסיאָן, מיסיאָנער** מיט דעם נאָמען ווערט באַצייכנט די קריסטלעכע אינסטיטוציע צו פאַרשפּרייטן די קריסטלעכע רעליגיע צווישן גלויביקע פון ניט־קריסטלעכע רעליגיעס, און אויך צווישן יידן, און „מיסיאָנער" הייסט דער שליח פון דער מיסיאָן, וואָס פירט די פּראָפּאַגאַנדע. דער הויפּט צענטער פון דער פּראָטעסטאַנטישער מיסיאָן איז אין לאָנדאָן. זי פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן אין יידיש און העברעאיש. א גרויסער טייל פון די מיסיאָנערן צווישן יידן זענען משומדים.

**מישע, קעניג פון מואב** אין מלכים ב' ג' ווערט דערציילט, אַז אין דער צייט פון אחאב מלך ישראל איז מואב געווען אונטערטעניק צו ישראל. נאָך נאָך אחאבס טויט האָט מישע דער קעניג פון מואב מורד געווען אין ישראל און צוליב דעם איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן ישראל און מואב. אין יאָר 1868 האָט מען אַנטדעקט אין עבר הירדן אַן אָנדענק־שטיין מיט א לענגערער אויפשריפט פון מישע מלך מואב, וועלכער דאַנקט דעם מואב־גאָט כמוש פאַר דער באַפרייאונג. וועגן מישע־שטיין, וועלכער געפינט זיך איצט אין לוווער־מוזעאום אין פּאַריז, איז געשריבן געוואָרן א גרויסע צאָל ביכער און אָפּהאַנדלונגען. די שפּראַך פון מישע־שטיין איז זייער ענלעך צו העברעאיש. דאָס איז די עלטסטע געפונענע אויפשריפט, וואָס באַציט זיך צו א סיפור פון תנ"ך.

**מיתה** זע „טויט“.

**מיתת בית דין** דערמיט ווערט באצייכנט „טויט־שטראף“ ארויסגעגעבן דורך א יידיש געריכט. אין חומש ווערן געבראכט א ריי עבֿרות, פאר וועלכע עס איז געקומען טויט־שטראף, וואס איז באשטאנען פון 4 סארטן טויט־מיטלען: סקילה (פארשטיינען), שריפה (פארברענען), הרג (דערהרגענען מיט א שווערד), חנק (דערשטיקן). די משנה אין סנהדרין רעכנט אויס ווי אזוי די דאזיקע טויט־שטראפן זענען אויסגעפירט געווארן; די משנה מכות א׳ זאגט, אז א סנהדרין, וואס האט געפסקנט טויט־שטראף איינמאל אין 7 יאר און לויט רבי אלעזר בן עזריה איינמאל אין 70 יאר, האט געהייסן „חובלנית“ (איינע וואס טויט מענטשן).

**מכבי, יהודה** (אומגעקומען אין ארץ־ישראל אין דער העלדן־שלאכט פאר דער יידישער באפרייאונג אין יאר 160 פאר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג). באדייטנדסטער העלד אין דער יידישער געשיכטע, וועלכער האט באפרייט די יידן פון דער באדריקנדער סירישער הערשאפט פון סיריש־העלעניסטישן קעניג אנטיוכוס עפיפאנעס. די געלערנטע האבן פארשידענע מיינונגען וועגן דעם ווארט „מכבי“; דאס ווארט איז געבליבן נאר אין דער גריכישער שפראך. לויט טייל שרייבט מען „מכבי“, מיט א כף (אזוי איז אויך פאראן אין העברעאיש: „יוסיפון“), און דאס זאלן זיין די ראשי תבות פון „מי כמוכה באלים ה׳“. און לויט טייל שרייבט מען „מקבי“ מיט א „קוף“ און דאס זאל זיין פון ווארט „מקב“, „האמער“. די פאסירונגען פון דער סירישער באדריקונג פון די ארץ־ישראל־יידן אין די גזרות פון אנטיוכוס. אז די יידן אין ארץ־ישראל מוזן פארלאזן די יידישע רעליגיע, מקריב זיין קרבנות צום גריכישן אפגאט צעאוס, ניט היטן שבת, עסן טריפה מאכלים וכדומה זענען באשריבן אין די 2 ספרים „חשמונאים“ (פון די „כתובים אחרונים“), וועלכע הייסן אין גריכיש די ספרים פון די „מכביים“. לויט דעם דאזיקן ספור זענען צווישן די יידן זעלבסט געווען די רייכע „מתיוונים“, העלעניזירטע, וועלכע האבן איבערגענומען די גריכישע שפראך און זיטן און טייל פון זיי האבן מסכים געווען אויך צו פארלאזן די יידישע רעליגיע. זיי האבן פארנומען אלע הויכע אמטן אין ירושלים, און זיי האבן לייכטער געמאכט פאר אנטיוכוס דעם קעניג פון סיריע (צו וועמען ארץ־ישראל האט דעמאלט געהערט) איינצופירן זיינע גזרות. וועגן אנהויב פון דעם יידישן באפרייאונגס־אויפשטאנד, וועגן די פרומע יידן (חסידים), וואס האבן זיך מוסר נפש געווען און אומגעקומען אויף קידוש השם און ניט געפאלגט די גזרות־באפעלן און וועגן מתתיהו הכהן פון מודיעין, וועלכער האט דער ערשטער געגעבן דעם סיגנאל צום אויפשטאנד, זע ווערטער „חסידים“, „חנוכה“, „חשמונאים“. — נאך מתתיהוס טויט האט זיין צווייטער זון, יהודה, מיטן צונאמען מכבי, איבערגענומען די פירערשאפט פון יידישן באפרייאונגס אויפשטאנד. דאס ספר חשמונאים שרייבט וועגן אים, אז ער איז געווען ווי א לייב און זיינע קאמפן. מיט א קליינער צאל ניט־באוואפנטע און ניט־מיליטעריש־געשולטע העלדן, חסידים, וואס האבן זיך געהאט באהאלטן אין די היילן פון די בערג אין ארץ־ישראל, איז יהודה באפאלן די סירישע גענעראלן און זייערע גוט־באוואפנטע, מיליטעריש־געשולטע ארמייען און זיי צעקלאפט. צום ערשט האט ער צעקלאפט דעם לאקאלן מיליטער־גארניזאן פון גענעראל אפאלאניוס. דערנאך האט ער צעקלאפט דעם

גענעראַל סיראָן. נאָכער איז געקומען קעגן יהודהן אַ גרויסע אַרמיי אונטער דער פירונג פון הויפּט־קאָמאַנדיר ליזיאַס און די גענעראַלן פּטאָלאָמעאוס, ניקאַנור (ניקנור) און גאַרגיאַש. עס איז געווען במעט זיכער, אַז יהודה מיט זיין קליינער צאָל קעמפער מוז פאַלן. די שלאַכטן זענען פאָרגעקומען ביי עמאוס און בית צור (ניט קלאָר, וואו דאָס אָרט געפינט זיך), און יהודה האָט אָפּגעהאַלטען אַ אַנטשיידנדן זיג, באַפרייט ירושלים, אָפּגערייניקט דאָס בית המקדש, און לכבוד דער פּאַסירונג איינגעפירט דעם יום טוב „חנוכה”. די סירישע רעגירונג האָט נאָך די דאָזיקע נצחונות שלום געמאַכט מיט יהודה, אָבער נאָכער האָט זי צוריקגעצויגן אירע הבטחות און ווידער געשיקט אַ גרויסע אַרמיי קעגן יהודה, וועלכער האָט געהאַט דעמאָלט ווייניק קעמפער. און אין דער שלאַכט ביי חדשה, אין יאָר 160 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג איז יהודה געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד. אָבער יהודהס קאַמף איז ניט געווען אומזיסט. זיינע נאָכפאָלגער, די ברידער יונתן און שמעון האָבן ווייטער געפירט דעם קאַמף און באַפרייט אינגאַנצן ארץ־ישראל פון דעם סירישן יאָך. — די קוועלן־ביכער וועגן די דאָזיקע פּאַסירונגען געבן מיר אָן ביי די זוכווערטער „חשמונאים”, „חנוכה”; זע אויך „העלעניזם”.

**מכבי** נאָמען פון דער ציוניסטישער אַלוועלטלעכער ספּאָרט - אָרגאַניזאַציע (אויפן נאָמען פון יהודה המכבי); געגרינדעט צוערשט אין פאַרשידענע ערטער פון יאָר 1903 אָן אונטער פאַרשידענע נעמען; פון 1921 איז „מכבי” געוואָרן דער נאָמען פון דער ציוניסטישער ספּאָרט־באַוועגונג (אין 1925 איז געשאַפן געוואָרן דער „הפועל” פון דער אַרבייטער־באַוועגונג); ציילט 200 טויזנט מיטגלידער; נעמט אָרום אַלע ספּאָרט־צווייגן; איינגעאָרדנט טורנייען („מכביה”); זיך באַטייליגט אין אינטערנאַציאָנאַלע טורנייען; געשאַפן אויך דעם „מכבי הצעיר”; געגרינדעט די קאָלאָניע „כפר המכבי”.

**מכות** נאָמען פון מסכתא משניות אין סדר נזיקין, מיט תוספתא און גמרא בבלי און ירושלמי, באַהאַנדלט די דינים פון עדות, מלקות, פון טויטן אַ מענטשן בשוגג, ערי מקלט. אין די לומדישע קרייזן הייסט די מסכתא „מלקות”; אַמאָל איז זי געווען איין מסכתא מיט סנהדרין.

**מכות, עשר** די צען מכות, וואָס גאָט האָט געשיקט דורך משה און אהרן אויף מצרים, איידער די ייִדן זענען באַפרייט געוואָרן פון גלות מצרים; זיי ווערן אויסגערעכנט אין חומש שמות אין די קאַפּיטלען פון ז׳ ביז י״ב; די מכות זענען דם (בלוט), אַלע וואַסערן זענען געוואָרן בלוט; צפרדע, דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט אַ סאָרט זשאַבעס; כנים, דאָס לאַנד איז פול געוואָרן מיט ווערעם; ערוב, עס זענען אָנגעקומען אויף דעם לאַנד אַ געמיש פון חיות; דבר, אַ מגפה אויף בהמות; שחין, צרעת אויף מענטשן; ברד, אַ האָגל, וואָס האָט פאַרניכטעט אַ גרויסן טייל תבואות; ארבה, אַ היישעריק, וואָס האָט פאַרניכטעט די איבעריקע תבואות; חשך, דריי טעג איז געווען פינצטער אינגאַנצן לאַנד אחוץ וואו די ייִדן זענען געווען; בכורות, עס זענען אויסגעשטאָרבן אין איין נאַכט די עלטסטע קינדער. אין דער הגדה של פסח ווערן געבראַכט די מיינונגען פון תנאים, אַז יעדע מכה האָט אַנטהאַלטן נאָך אַנדערע מכות; ביים זאָגן יעדע פון די מכות פון דער הגדה ביים סדר איז מען זיך נוהג אָפּצוגיסן אַביסל וויין; אַ קיצור־פאַרצייכעניש פון די מכות איז פאַראַן אין דער הגדה „דצך עדש באחב”. — זע „סדר”.

**מכילתא** נאָמען פון אן אַלטער זאַמלונג פון הלכות און אַ קליינעם טייל אַגדות פון תנאים אויף חומש שמות, הויבט זיך אָן פון דער סדרה בא; האָט 9 מסכתות און 79 פּרשיות; עס ווערט אָנגענומען אַז דער מסדר פון דער מכילתא איז געוועזן רבי ישמעאל; די מכילתא זאָל שוין ווערן דערמאָנט אין דער גמרא חגיגה ג' און הייסט דאָרט „הלכתא" ווי אויך אין ירושלמי עבודה זרה ד' וואו זי הייסט „מכילתא"; מען האָט געפונען לעצטנס אַ מכילתא, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם תנא רבי שמעון בן יוחאי, און עס איז פאַראַן אַ מיינונג פון פּראָפעסאָר דוד האָפמאַן, אַז די צוויי מכילתות שטאַמען פון 2 ישיבות, איינע פון רבי ישמעאל און איינע פון רבי עקיבא. — זע די איינלייטונג פון וויס צו זיין מכילתא־אויסגאַבע (אין 1865) מיט זיין פּירוש „מדות סופרים": זע אויך האָפמאַנס אין דייטש „איינלייטונג צו די הלכישע מדרשים" (אין העברעאיש „מבוא למדרשי הלכה").

**מכירת חמץ** (פאַרקויפן דעם חמץ). צוליב דעם, וואָס חמץ וואָס בלייבט אין רשות פון אַ ייד אין פסח, טאָר מען ניט נוצן אויך נאָך פסח, איז איינגעפירט געוואָרן צו פאַרקויפן פאַר פסח דעם חמץ צו אַ ניט־ייד, כדי נאָך פסח זאָל מען אים קאָנען נוצן; דאָס פאַרקויפן איז נאָר פאָרמעל, לויט באַדינגונגען, אַז דער ניט־ייד דאַרף צוצאָלן אַ סומע געלט, און אַזוי ווי נאָך פסח צאָלט ער ניט דאָס געלט, בלייבט דער חמץ צוריק ביים ייד; די „מכירת חמץ" קומט פאָר ביים רב און עס ווערט געמאַכט אַ שטר מכירה, אַ פאַרקויפס־אָפמאַך.

**מכניס אורח** זע „הכנסת אורחים" וועגן דער מצוה.

**מכשירין** מסכתא משניות אין סדר טהרות, האָט 6 פּרקים (תוספתא נאָר דריי); האָט ניט קיין גמרא; באַהאַנדלט די דינים וועגן די פליסיקייטן וואָס דאַרפן אָנרירן מאכלים כדי זיי מאַכן פייאיק, מכשיר־זיין, צו נעמען אויף זיך טומאה.

**מכשף** זע „כישוף".

## מלאך, מלאכים, מלאך המות

דאָס וואָרט „מלאך" אין העברעאיש מיינט „שליח"; מיר געפינען אין חומש (בראשית ל"ב) „וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו", יעקב האָט געשיקט שליחים צו זיין ברודער עשו; עס איז אָבער פאַראַן שוין אין תנ"ך טייל ערטער, אין וועלכע דאָס וואָרט „מלאכים" מיינט מלאכים פון הימל, גייסטיקע וועזנס, וואָס באַווייזן זיך צו מענטשן און פירן אויס שליחות פון גאָט. אין דעם סיפור פון איבערקערן סדום און ראַטעווען לוט (בראשית י"ח) מיינט מען מיט „ויבואו שני המלאכים סדמה" מלאכים פון הימל; דאָס זעלבע ביי יעקב אבינו (בראשית כ"ח) ווי ער האָט געזען אין חלום דעם לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ איז אין הימל „ומלאכי אלהים עולים ויורדים בו" און די מלאכים פון גאָט גייען אויף אים אַרויף און אַראָפּ; דאָס זעלבע אויך ביי משה רבנו ביים סנה, פון וועלכן עס האָט זיך אים באַוויזן מלאך ה' (שמות ג'). און אַזוי זענען פאַראַן פיל ערטער אין תנ"ך וועגן דער באַווייזונג פון מלאכים. די נעמען פון מלאכים געפינען מיר נאָר אין ספר דניאל, וועלכער דערמאָנט די מלאכים מיכאל (דניאל י"ב) און גבריאל (דניאל ט'). אין דער גמרא און מדרשים געפינען מיר שוין דערמאָנט די נעמען אויך פון אַנדערע מלאכים. דער ירושלמי ראש השנה א' זאָגט אַז די נעמען

פון מלאכים האבן די יידן מיטגעבראכט פון בבל אין דער צייט פון גלות. אין דער גמרא און מדרשים ווערן אויסגערע־כנט פארשידענע שליחות, צו וועלכע עס זענען פאראן באשטימט מלאכים. ווען א מענטש דארף שטארבן קומט נאך זיין נשמה דער „מלאך המות" (דער אויס־דרוק „מלאכי מות" געפינט מען אין משלי ט"ז); די גמרא בבא בתרא י"ז זאגט אז עס זענען געווען נאר 6 מענטשן, אויף וועלכע דער מלאך המות האט ניט געהאט קיין שליטה; אין שבת ל' ווערט דערציילט די אגדה, ווי אזוי דער מלאך המות האט צוגענומען די נשמה פון דוד המלך; אין כתובות ע"ז ווערט דערציילט אז דער מלאך המות האט א שווערד, מיט וועלכער ער טויט די מענטשן; אין עבו־דה זרה כ' ווערט געזאגט, אז דער מלאך המות איז פול מיט אויגן און אויף זיין שווערד איז פאראן א טראפן פון ביטע־רער גאל. פאראן אויך דער „מלאך דומה" (זע זוכווארט „דומה, מלאך"). פאראן אנדערע שלעכטע מלאכים, „מלאכי חבלה", און גוטע מלאכים, „מלאכי השרת", וועלכע זאגן שירה אין הימל (חגיגה י"ב). די מלאכי השרת באגלייטן יעדן ייד אהיים פרייטיק־צו־נאכט פון דאווענען, און מען זאגט צו זיי „שלום עליכם". — די יידישע רע־ליגיעזע פילאזאפן אין מיטלאלטער, ווי דער רמב"ם אין „מורה נבוכים", האבן געפרואווט געבן דערקלערונגען וועגן דער עקזיסטענץ און וועזן פון די מלאכים, וועלכע זיי האבן געהאלטן אלס גייסטי־קע וועזנס. איבער דעם מלאכים־גלויבן און אפשטאמונג פון דאזיקן גלויבן האט געשריבן אין דייטש א בוך „די יידישע אנגעלאלאגיע" דר. קאהוט, דער מחבר פון „ערוך השלם".

**מלאכי** נאמען פון נביא און ספר נבו־אות, דער לעצטער אין תרי עשר. האט 4 קאפיטלעך; לויט דער טראדיציע (גמ־רא מגילה ט"ו) האט ער געלעבט באלד ווי די יידן זענען צוריקגעקומען פון בבל צוזאמען מיט די נביאים חגי און זכריה; דער נאמען מלאכי איז פון פסוק (ג' א') „הנני שולח מלאכי"; דער אינהאלט איז שטראף־רייד צו די יידן פאר פאלש שווערן, ניט מקריב זיין ריכטיק קרבנות, טוען שלעכטס אומבאהאלפענע; ער דער־מאנט צום סוף „אליה הנביא", וועלכער וועט קומען „לפני בוא יום ה' הגדול והנורא" (פארן אנקומען פון גאטס גרויסן און פארכטיקן טאג).

**מלבים, מאיר לייבוש** (1809 — 1879 אין קיעוו), רב און מפרש פון תנ"ך, געבילדעט אויך אין וועלטלעכע וויסנשאפטן; געווען רב אין וורעשנא און קעמפן, נאכער אין בוקארעשט, דערנאך אין א ריי אנדערע שטעט (כערסאן, מאָ־הילעוו, קעניגסבערג), געשטארבן אין קיעוו. ער האט מחבר געווען הלכה־ספרים („ארצות החיים" און אנדערע); בארימט איז ער דורך זיין פירוש אויף תנ"ך („התורה והמצוה" אויף חומש און „מק־רא קודש" אויף נביאים וכתובים). וועל־כער איז דרוש באגרינדעט אויף לאגיק. דער מלבים וויל אויפווייזן, אז די אלע הלכות וואס ווערן ארויסגעלערנט פון די פסוקים אין חומש, זענען לאגיש אנט־האלטן אין יעדן פסוק. זיין פירוש איז זייער פאפולער אין די פרומע משכילים קרייזן.

**מלוה מלכה** זע „מוצאי שבת".

**מלחמה** דאס יידישע פאלק, ווען עס איז געווען זעלבשטענדיק, האט געפירט מלחמות קעגן פיינטלעכע פעלקער; מיר געפינען וועגן די מלחמות אין חומש (די ערשטע מלחמה קעגן עמלק, שמות י"ז, די מלחמות קעגן סיחון ועוג אין דער מד־

בר און אנדערע), און אין די ספרי הנבי-
אים יהושע, שופטים, שמואל, מלכים (די
מלחמות ביים איינעמען דאָס לאַנד, און
אַנדערע מלחמות); אויך אין דער צייט
פון 2טן בית המקדש, זינט יידן האָבן
דערוואָרבן פרייהייט דורך די חשמונאים
מלחמות האָבן זיי געהאַט צו פירן מלח-
מות קעגן פיינטלעכע פעלקער. ביז צו די
לעצטע מלחמות קעגן די רוימער ביים
חרבן בית המקדש און נאָכער ביי בר
כוכבא. אָבער די יידישע נביאים זאָגן
אַרויס בסדר זייער נעגאַטיווע שטעלונג
צו מלחמות. ווען דוד המלך וויל בויען
דאָס בית המקדש זאָגט אים גאָט „לא
תבנה בית לשמי כי איש מלחמות אתה
ודמים שפכת", דו וועסט ניט בויען אַ
הויז פאַר מיין נאָמען, ווייל דו ביזט אַ
מאַן פון פירן מלחמות און האָסט פאַר-
גאָסן פיל בלוט (דברי הימים א' כ"ט).
אין חומש שמות כ' ווערט אָנגעזאָגט אַז
מען טאָר די שטיינער צום מזבח ניט
האַקן „כי חרבך הנפת עליה ותחללה"
ווייל דו האָסט געהויבן אויף די שטיי-
נער דיין שווערד און דו האָסט זיי פאַר-
שוועכט. באַקאַנט זענען די נבואות
אין ישעיה ב' און מיכה ד' אַז אין אחרית
הימים, אין דער אידעאַלער צוקונפט.
וועלן אויפהערן די מלחמות, די שווערדן
וועלן איבערגעשמידט ווערן אויף אַקער-
אייזנס, און איין פאָלק וועט מער ניט
אויפהויבן זיין שווערד קעגן צווייטן
פאָלק. וועגן פעסטונגען־איינריכטונגען
און מיליטער און געווער ביי יידן אין
אַלטע צייטן זע אין הערשבערגס „החל-
בשה הקדומה בישראל". — זע זכוואָרט
„שלום".

**מלחמה פון יאָר 1939** די מלחמה.
וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן דער וועלט
דורך דייטשלאַנד אונטער דער פירער-
שאַפט פון אַדאָלף היטלער דעם 1טן סעפ-
טעמבער 1939, איז די גרעסטע קאַטאַ-
סטראָפע אויפן גאַנצן שטח פון דער יידי-
שער געשיכטע. ווען די ערשטע מחנות
פון די היטלער חיילות און צוזאַמען מיט
זיי די געהיימע פאָליציי (געסטאַפּאָ) זע-
נען אַריין דעם 1טן סעפּטעמבער 1939
קיין פוילן און האָבן פאַרנומען די געגנטן
מיט שטעט באַוואוינט דורך יידישער
באַפעלקערונג, האָב זיי גלייך אָנגעהויבן
אַ סיסטעמאַטישע אויסראָטונג פון יידן.
און דער דאָזיקער ציל צו פאַרניכטן די
יידן ווערט פאַרפאָלגט מיט דער שרעק-
לעכסטער גרויזאַמקייט ביז אויף היינט
(מערץ 1943). מיליאָנען יידן פון פוילן,
ליטע, באַלטישע לענדער, אוקראַינע,
ווייס־רוסלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, טיילן
פון פראַנקרייך, זענען דערמאָרדעט גע-
וואָרן, טייל מאָל אונטער דעם אויס־רייד
פון סאַבאָטאַזש, און דער עיקר אָן שום
אויסרייד. די געסטאַפּאָ נעמט אַרויס
הינטער די שטעט יידן, זקנים, מיטל-
יאָריקע מענטשן, פרויען, קינדער, דער-
שיסט זיי, גאַנץ אָפט, הייסנדיק די קרב-
נות פריער זיך אויסגראָבן קברים. מי-
ליאָנען יידן זענען איינגעשפּאַרט געווען
אין אַזוי־גערופענע „געטאָס" (וואַרשע,
לאָדז, לעמבערג און הונדערטער אַנדערע
שטעט), וועלכע זענען געווען ניט
אַפילו קיין געטאָס, נאָר קאָנצענטראַציע
לאַגערן, וואו די יידן האָבן ניט באַקומען
גאָרניט צו עסן, קיין קוילן אויף ווינטער
און אַזוי אַרום שטאַרבן זיי אויס. די
שטערבלעכקייט אין געטאָ אין וואַרשע
האָט דערגרייכט ביז 100 טויזנט אַ יאָר
אויף אַ צאָל פון אַ האַלבן מיליאָן פאַר-
שפּאַרטע יידן. נאָכער האָט מען מיליאָ-
נען פון די יידן, אָן אונטערשיד פון על-
טער און געשלעכט, איינפאַך אויסגעקוי-
לעט. מען דענקט אַז אין פאַרלויף פון
די דריי יאָר מלחמה זענען אומגעקומען
אין די אייראָפּעאישע לענדער דורך די
היטלער מחנות איבער 2 מיליאָן יידן און
די איבעריקע ווערן סיסטעמאַטיש אויס-

גערעטן. נאָר אַ זייער קליינע צאָל האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט דורך אַנטלויפן און דורכגיין די גרעסטע פּייניקונגען. אַנקומענדיק אין די אַמעריקאַנער לענדער (פּאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, טייל דרום־אַמעריקאַנער לענדער). עס בראַעט די פאַרניכטונג פון דעם רוב מנין און רוב בנין פון וועלט־יידנטום, די 8 מיליאָן יידן אין די מזרח און צענטראַל־אייראָפּעאישע לענדער. היטלער באַמיט זיך צו פאַרניכטן די יידן ניט נאָר אין די לענדער, וועלכע זיינע חיילות פאַרנעמען, נאָר אויך אין יענע לענדער, וועלכע זענען געוואָרן זיינע פאַרבינדעטע אין דער מלחמה, רומעניע, אונגאַרן, סלאָוואַקיע, גריכנלאַנד, בולגאַריע, איטאַליע. דורך דעם מאַרש פון די היטלער חיילות קעגן עגיפּטן פון איין זייט און קאַווקאַז פון דער 2טער זייט איז אויך געווען געפערלעך באַדראָט דער גרויסער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל. — די יידישע קיבוצים אין די אַמעריקאַנער לענדער באַמיען זיך צו העלפן זייערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע, אָבער די הילף איז זייער אַ קליינע און זי איז אויך ניט אַ דערגרייכבאַרע, ווייל מען קאָן צו די לענדער, וואָס זענען פאַרנומען דורך די היטלער חיילות, ניט צוקומען מיט באַדייטנדער הילף. די הויפּט־הילף ווערט אָרגאַניזירט דורך דעם „דזשאָינט" (זע „דזשאָינט"). — די איצטיקע וועלט־מלחמה איז די איינציקע מלחמה אין דער געשיכטע פון יידן אין דער גלות־עפּאָכע, וועלכע ווערט דורך יידן באַטראַכט אויך אַלס אַ מלחמה, וועלכע איז אין אַ שאַרפער מאָס דורך היטלער געווענדט קעגן יידישן פאָלק, מיטן ציל פון פיזישער און גייסטיקער פאַרניכטונג פון יידנטום. — מיר האָבן ביז איצט נאָכניט קיין בוך, וואָס זאָל אַרומנעמען אין גאַנצן היקף די שרעקלעכע חרבנות פון יידישע ישובים דורך די דריי יאָר מלחמה (1939 — 1942). וועגן פּוילן איז דערשינען אין 1941 **„יון מצולה החדש" פון מ. פּראַגער** אָבער דאָס ביכל נעמט אַרום נאָר די ערשטע צייטן פון חרבן; אין יידיש איז דערשינען פון י. וויינגאַרטן „אַ וועלט אין פלאַמען", באַשרייבונג פון די וואַנדערונגען פון די פּליטים, וועלכע זענען געלאָפן אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה פון פּוילן קיין ליטע. לעצטנס איז אויך דערשינען אין יידיש פון ל. שפּיזמאַן אַ בוך וועגן „יידן אין נאַצי־פּוילן".

**מליחה** (זאַלצן) זע זוכוואָרט „זאַלץ".

**מלך, מלכות** אין דער אַלטער יידישער געשיכטע איז די באַציאונג פון יידן צו דער מאָנאַרכיסטישער הערשאַפט פאָרם, געווען פאַרשידן אין פאַרשידענע צייטן. ווי דער תנ"ך דערציילט אונדז אין ספר שופטים איז דעמאָלט געווען אַ לאַנגע צייט ווען „בימים ההם אין מלך בישראל", עס איז ניט געווען איבער יידן קיין קעניג. פון צייט צו צייט האָט איבערגענומען די הערשאַפט איינער פון די העלדן מיטן טיטל שופט, וועמענס הערשאַפט איז ניט איבערגעגאַנגען בירושה צו קינדער. דעם ערשטן פּרואוו איינצופירן מאָנאַרכיע, אַ מלך, ביי יידן געפינען מיר אין ספר שופטים ט' („וימליכו את אבימלך למלך"), און דער פּרואוו איז ניט געלונגען. ערשט אין שמואל א' ז' געפינען מיר, אַז ווען די יידן האָבן זיך געפילט געדריקט דורך די מלחמות פון די פּלשתים האָבן זיי פאַרלאַנגט פון נביא שמואל „שומה לנו מלך לשפטנו בכל הגויים", גיב איבער אונדז אַ מלך, וועלכער זאָל הערשן איבער אונדז ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. דאָרט ווערט אויך דערציילט, אַז שמואל האָט זיי געוואָרנט אַפּרעדן דערפון און זיי געזאָגט אַז די מלכים וועלן פאַרפּייניקן ס'פּאָלק, צונעמען די בעסטע תבואות, מאַכן די

איינוואוינער פאר קנעכט, אבער ס'פאלק האט געוואלט דורכאויס א מלך, און דער ערשטער מלך איז געווען שאול. אזוי איז די אינסטיטוציע פון מלוכה ביי יידן געווען דורך דער גאנצער צייט פון בית ראשון, די מלכי יהודה און מלכי ישראל. און אויך א געוויסע צייט פון בית שני פון טייל פון די חשמונאים (אריסטובלוס, זון פון הורקנוס יוחנן כהן גדול איז געווען דער ערשטער מלך). אין חומש דברים י"ז ווערט יא דערמאנט דאס איינפירן א מלך ביי יידן און עס ווערן געגעבן דעם מלך געוויסע מצוות וואס ער דארף טאן. — עס איז צו באמערקן, אז דער אידעאל פון יידישער גאולה איז אין פיל ערטער אין דער גמרא, מדרשים און שפעטערע ספרים פארבונדן מיט „מלכות בית דוד", און משיח ווערט אויך באצייכנט אלס „מלך המשיח". זע זוכווערטער „דוד המלך", „משיח".

**מלכות שמים** דער באגריף פון דער געטלעכער הערשאפט, פון גאט אלס קעניג פון דער וועלט, איז אין דער יידישער רעליגיעזער אויפאסונג באקאנט פון די גאר אלטע צייטן, און שוין אין שמות ט"ו אין דער שירה פון ים ווערט געזאגט דער „ה' ימלוך לעולם ועד" (גאט וועט קעניגן אויף אייביק). דער אידעאל פון מלכות שמים, אז עס וועט קומען א צייט, ווען דאס געטלעכע קעניגרייך וועט הערשן אין דער וועלט, דאס לעבן פון מענטשן וועט זיין געטלעך, ווערט געבראכט אין די נביאים (זע זוכווארט „משיח"), אין משנה, תלמוד (ברכות פרק ב' און אנדערע ערטער).

**מלכי צדק** מלך פון שלם, כהן, געבענטשט אברהם אבינו נאכן נצחון זיינעם איבער די 4 מלכים (בראשית י"ד). לויט טייל מיינונגען איז ער געווען מלך אין ירושלים (זע זוכווארט „ירושלים").

**מלכים** לעצטער ספר פון די נביאים הראשונים, איינגעטיילט אין 2 ספרים. מלכים א' און מלכים ב'; דאס ערשטע ספר האט 22 קאפיטלעך און דאס צווייטע 25 קאפיטלעך. אין ספר מלכים ווערן דערציילט די פאסירונגען אין ארץ-ישראל פון זינט דוד המלך האט אויף דער עלטער געמאכט פאר מלך זיין זון שלמה, ביז דעם חרבן ירושלים אין דער צייט פון לעצטן קעניג צדקיהו המלך. עס ווערט דערציילט וועגן דער צייט פון שלמה המלך; דאס בויען דאס בית המקדש; נאכער דאס צעטיילן פון דער מלוכה נאך שלמהס טויט אין צוויי באזונדערע מלוכות „יהודה" און „ישראל", און דערנאך די געשיכטע פון די מלכי יהודה און מלכי ישראל ווי אויך די ספורים וועגן די נביאים אליהו און אלישע, און אזוי כסדר ביז דאס מלכות ישראל איז חרוב געווארן אין דער צייט פון לעצטן קעניג הושע בן אלה, און דאס מלכות יהודה אין דער צייט פון צדקיהו המלך. דאס ספר מלכים דערמאנט אנדערע ספרים, פון וואנען עס זענען גענומען געווארן ידיעות וועגן די פאסירונגען, צווישן זיי „דברי שלמה" (מלכים א' י"א), און „דברי הימים למלכי ישראל", וועלכע זענען פאר אונדז פארלוירן געגאנגען. די גמרא בבא בתרא ט"ו זאגט, אז ירמיהו הנביא האט געשריבן דעם ספר מלכים.

**מלמד** זע „חדר".

**מלקות** איינער פון די שטראפן, וואס זענען געווען אמאל ביי יידן פאר טאן אן עבירה, איז געווען „מלקות", שלאגן קלעפ דעם זינדיקן. אין חומש דברים כ"ה ווערט געזאגט, אז מען דארף געבן 40 קלעפ („ארבעים יכנו"), אבער דער תלמוד האט פון זעלבן פסוק ארויסגעלערנט, אז מען דארף געבן נאך 39 (מכות כ"ב); מלקות איז געקומען פאר חייבי

לאוין, דאָס הייסט פאַר עובר זיין אַ עבירה, אויף וועלכע עס איז אין דער תורה פאַראַן אַ לאו („זע „לאו”). אין דער משנה (מכות ג', אלו הן הלוקין). ווערט געזאָגט אַז אויך פאַר עבירות, אויף וועלכע עס קומט כרת, קומט אויך מלקות. — פרומע יידן זענען זיך נוהג צו שלאָגן אין שול מלקות ערב יום כפור.

**ממזר** אין חומש דברים כ”ג ווערט געזאָגט „לא יבא ממזר בקהל ה', גם דור עשירי לא יבא לו בקהל ה'”, אַז אַ ממזר טאָר ניט קומען אין גאָטס קהל, אויך זיין 10טער דור זאָל ניט קומען אין גאָטס קהל. דאָס ווערט אויסגעטייטשט, אַז מען טאָר ניט חתונה האָבן מיט אַ ממזר. די משנה און גמרא טייטשן „ממזר”, אַז דאָס מיינט מען אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון איינער פון די עריות, פאַר וועלכע עס קומט כרת אָדער טויט־שטראָף, למשל אַ קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך לעבן מיט אַ פרעמדער פאַרהייראַטער פרוי (אשת איש), מיט אַן אייגענער שוועסטער וכדומה (משנה יבמות פרק ד'). די גמרא אין קידושין ע”א זאָגט „כסף מטהר ממזרים” (געלט איז מטהר ממזרים). און רש”י טייטשט דאָס דערמיט וואָס דורך געלט האָבן ממזרים חתונה געהאַט און זענען פאַרשלונגען געוואָרן צווישן יידן. — דער אבן עזרא אויף חומש זאָגט, אַז אַנדערע טייטשן דאָס וואָרט „ממזר” לויט „וישב ממזר באשדוד” (זכריה ט'). דאָס זאָל זיין דער נאָמען פון אַ געוויס פאָלק, ווי די נעמען עמון, מואב און אַנדערע.

**מן** אין חומש שמות ט”ז ווערט דערציילט, אַז ווען די יידן זענען געווען אין מדבר און ניט געהאַט צו עסן האָט גאָט זיי געלאָזט „אַראָפּברענגען ברויט פון הימל” (הנני ממטיר לכם לחם מן השמים); די דאָזיקע שפּייז איז געווען אַ דינע זאַך, ווי דין אייז („דק ככפור”). און די יידן האָבן דאָס געקליבן יעדן טאָג און געגעסן, און עס האָט געהאַט דעם טעם פון כצפיחית בדבש, ווי צפּיחית אין האָניק. די יידן האָבן עס אַ נאָמען געגעבן מן, ווייל „לא ידעו מה הוא”, זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז. דאָס האָבן די יידן געגעסן 40 יאָר אין מדבר ביז זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישראל (שמות ט”ז „עד בואם אל קצה ארץ כנען”). אַ גלעזל פון מן („צנצנת המן) האָט גאָט געהייסן באַהאַלטן אַלס אָנדענק פאַר די שפּעטערע דורות. שבת איז דער מן ניט געפאַלן. נאָר פרייטיק איז ער געפאַלן פאַר צוויי טעג. אין דער משנה און גמרא ווערן וועגן מן געברויכט פיל דברי אגדה, די משנה אבות ה' זאָגט, אַז דער מן איז באַשאַפן געוואָרן אין ששת ימי בראשית. ערב שבת בין השמשות. אין יומא ע”ה ווערט ער גערעכנט פאַר דאָס עסן פון מלאכים. — די געלערנטע תנ”ך־פאָרשער האָבן געשריבן וועגן מן פיל אָפּהאַנדלונגען. עבערס האַלט, אַז דאָס איז אַ מצרים וואָרט „מאַנו” און איז דער טייטש שפּייז. דער אבן עזרא אויף חומש ברענגט די מיינונג פון חיוי הבלכי (זע „חיוי”), אַז דאָס איז אַ נאַטירלעכע שפּייז וואָס מען געפינט אין מדבר און די אַראַבער רופן עס „מן”. ווירקלעך וואַקסט אין דער מדבר סיני אַ פרוכט וואָס די אַראַבער רופן „מאַנע”. די העברעאישע אוניווערסיטעט אין ירושלים האָט געשיקט אין יאָר 1929 אַן עקספּעדיציע פון געלערנטע אין מדבר סיני אויסצופאָרשן דעם מן; אין רעזולטאַט דערפון זענען דעמאָלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ריי אָפּהאַנדלונגען

**מנהג** מיט דעם וואָרט מנהג, וואָס געפינט זיך שוין אין תנ”ך. מלכים ב'

טו: „והמנהג כמנהג יהוא". וואו עס איז דער טייטש „אויפירונג", מיינט מען אין דעם יידישן רעליגיעזן לעבן אזא אויפירונג, אזא זאך, וואס לויט דעם דין איז מען עס ניט פארפליכטעט צו טאן, נאר עס איז שוין אזוי איינגעפירט געווארן ביי יידן, ביי טייל פון זיי צי ביי אלע. אז מען זאל עס יא טאן. אין דער משנה און גמרא ווערן געבראכט א סך אזעלכע מנהגים, וואס זענען געווען אין פארשידענע ערטער, און די גמרא (בבא מציעא פ"ו) זאגט „לעולם אל ישנה אדם מן המנהג", א מענטש זאל זיך ניט אנדערש אויפירן ווי דער מנהג איז; דער ירושלמי יבמות פרק י"ב זאגט „המנהג מבטל הלכה" (דער מנהג איז מבטל א דין); אין שלחן ערוך זענען פאראן א סך דינים, וואס שטיצן זיך אויף מנהגים, און דער רמ"א (רבי משה איסערלים) אין זיינע הגהות צום שלחן ערוך באנוצט זיך אפט מיטן אויסדרוק „וכן נוהגין". אדער „ואין נוהגין כן" („אזוי איז דער מנהג". אדער „און עס איז ניט אזוי דער מנהג"). די ראשונים ברענגען אין זייערע ספרים א סך מנהגים. באקאנט זענען די ספרים „מנהגים" פון רבי אייזיק טירנא (זע „טירנא") און פון מהרי"ל (זע „יעקב הלוי מולין"); זע „מקורי המנהגים" פון לעוויזאן.

**מנורה** אין משכן (חומש שמות ל"ה) און בית המקדש איז געווען א מנורה מיט 7 ברענערס צום באלויכטן דעם בית המקדש; דאס איז געווען איינע פון די הייליקע כלים אין בית המקדש, און ווען דער רוימישער מיליטער־פירער טיטוס האט חרוב געמאכט ירושלים און געלאזט אויסקריצן אויף זיין טיטוס־טריאומף־בויגן אין רוים דאס בילד פון די בית־המקדש־כלים איז פאראן צווישן זיי אויך די מנורה; אויף טייל אלטע יידישע מטבעות פון די חשמונאים איז פאראן האט מנורה־בילד; אויף די בילדער וואס מען האט געפונען אין אויסגעגראבענע יידישע שולן אין ארץ־ישראל זעט מען אויך מנורות; איין שטיינערנע מנורה פון די אלטע צייטן האט מען געפונען אין ארץ־ישראל.

**מנחה** אין העברעאיש הייסט „מנחה" א מתנה צו א העכערער פערזענלעכקייט. ווען מען וויל מיט דער מתנה אויסדריקן פארערונג; אין חומש בראשית ל"ב שיקט יעקב א מתנה צו עשו און הייסט די שליחים זאגן „מנחה היא שלוחה לאדוני"; דערפון איז געווארן מנחה די באצייכענונג פאר א „קרבן"; ביי קין אין חומש בראשית ד' ווערט געזאגט אז ער האט געברענגט „מנחה לה'", א קרבן צו גאט; שפעטער ביים בית המקדש האט מען אנגערופן „מנחה" יעדן קרבן וואס מען האט געבראכט ניט פון קיין לעבעדיקע זאך, נאר פון מעל; מייסטנס האבן דאס געבראכט ארימע מענטשן, און מען האט עס שפעטער גערופן „מנחת עני".

**מנחה** נאמען פון דער תפלה וואס מען דאוונט פארנאכט; די גמרא (ברכות כ"ו) זאגט, אז יצחק אבינו האט מתקן געווען דאס דאווענען מנחה; די מנחה־תפלה ווערט געדאוונט אן א טלית און באשטייט פון אשרי, שמונה־עשרה. תחנון (אחוץ שבתים, ימים־טובים און האלבע ימים־טובים) און עלינו; שבת זאגט מען נאך אשרי אויך „ובא לציון" און מען לייענט אין ספר תורה די ערשטע פרשה פון דער סדרה פון דער קומענדער וואך; אין א תענית לייענט מען „ויחל"; דער זמן פון דאווענען מנחה איז פון האלב נאך 12 בייטאג ביז זונאונטערגאנג; די צייט פון דאווענען מנחה ווערט איינגעטיילט אין צוויי טיילן. אין דער ערשטער העלפט פון דער צייט, וואס הייסט „מנחה גדולה", און דער צוויי־

טער העלפט, מנחה קטנה; עס זענען געוועזן פרומע יידן וואָס האָבן געפלעגט דאַווענען צוויי מנחות, גדולה און קטנה (שולחן ערוך אורח חיים רל"ד). — זע זיכווערטער „דאַווענען", „שמונה עשרה".

**מנחות** מסכתא משניות אין סדר קדשים האָט תוספתא און גמרא בבלי באַשטייט פון 13 פּרקים, באַהאַנדלט די דינים פון קרבן מנחה, און אויך טייל אַנדערע דינים (ציצית).

**מנחם** דער זון פון גדי, מלך אין מלכות ישראל 743 — 734 פאַר דער געוויינלעכער ציטרעכענונג; ער האָט מורד געווען אין מלך שלום און אים געטויט און געוואָרן מלך אויף זיין אָרט; ער האָט זיך אויסגעקויפט מיט געלט ביים מלך אשור (מלכים ב' ט"ו).

**מנחם-אבל-זיין** זע „אבל".

**מנחם אב** זע „אב".

**מנחם בן סרוק** (געלעבט אין שפּאַניע אין 10טן יאָרהונדערט) העבּרעאישער גראַמאַטיקער. מחבר פון ערשטן ווערטערבוך צום תנ"ך און אויך דקדוק־כללים מיטן נאָמען „מחברת"; ער ווערט אָפט דערמאָנט אין פירוש רש"י אויף תורה; ער האָט געהאַט מחלוקות מיט דעם צווייטן גראַמאַטיקער אין יענער צייט דונש בן לברט.

**מנחם מענדל פון וויטעבסק** (געשטאָרבן אין טבריה 1788); חסידישער רבי, תלמיד פון רבי ר' בער מגיד פון מעזריטש; רבי פון גרינדער פון ליובאַוויטשער חסידות, רבי שניאור זלמן; אַוועק קיין ארץ־ישראל לערך 1777; מחבר פון ספר „פּרי הארץ"; צום סוף בריוו וועגן ארץ־ישראל.

**מנחם מענדל פון קאָצק** (געשטאָרבן 1859), חסידישער רבי אין פּוילן, באַקאַנט מיטן נאָמען „דער אַלטער קאָצקער רבי"; געווען תלמיד פון רבי יעקב יצחק (ייד הקדוש) פון פּשיסכע און פון רבי שמחה בונם פון פּשיסכע; געוואָרן רבי אין יאָר 1827 נאָך דער פּטירה פון רבי שמחה בונם; געפירט דאָס חסידות מיט שאַרפקייט און עמקות; עוסק געווען אויך אין חקירה; זיינע דברי תורה צייכענען זיך אויס מיט טיפקייט; אין יאָר 1840 אין אַ פרייטאָג־צונאַכט איז ביים טיש פירן פאָרגעקומען אַ פּאַסירונג מיט דעם רבי ר' מענדל; לויט טייל קלאַנגען זאָל ער האָבן אויסגעלאָשן די ליכט און געזאָגט אַז „לית דין ולית דיין"; די קלאַנגען זענען אָפּגעלייקנט געוואָרן; פון דעמאָלט און האָט רבי מענדל זיך פאַרשלאָסן אין זיין חדר. זעלטן אויפגענומען דעם עולם חסידים און אַזוי האָט דאָס געדויערט ביז ער איז געשטאָרבן אין יאָר תרי"ט; זיינע חסידים זענען געווען רבי יצחק מאיר אַלטער („חדושי הרי"ם), רבי מרדכי יוסף פון איזשביצע (וועלכער איז אַוועק פון קאָצק באַלד נאָך דער דערמאָנטער פּאַסירונג פרייטיק־צונאַכטס און געוואָרן רבי פאַר זיך) און אַנדערע. — וועגן קאָצקער רבי און דער געהיימניש פון דער פרייטיק־צונאַכטס־פּאַסירונג איז פיל געשריבן געוואָרן; אַפּאַטאָשו האָט דאָס גענומען אַלס טעמע פאַר זיין ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער"; אַש באַרירט קאָצקער חסידות אין זיין „תהלים־ייד"; גור־ארי אין ירושלים האָט אַרויסגעגעבן אין העבּרעאיש „הרבי מקוצק"; די חסידישע ווערטער פון קאָצקער רבי געפינען זיך אין „רמתים צופים" (פון רבי שמואל שינאַווער אויף „תנא דבי אליהו"), „נפלאות חדשות" און „שיח שרפי קודש".

**מנחם מענדל פון רימאַנאוו** (געשטאָרבן 1815), חסידישער רבי אין גאַליציע, תלמיד פון רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק; מחבר פון „דברי מנחם"; זיין תלמיד איז געווען רבי נפתלי הורוויץ פון ראָפשיץ. — וועגן אים האָט געשריבן אַ ביאָגראַפיע קאָמעלהאַר „תפארת מנחם".

**מנין** אויף העברעאיש איז דאָס וואָרט דער טייטש „צאָל"; פּאָפּולער איז דער אויסדרוק „מנין" פאַר דער צאָל פון 10 מענטשן, מענער, עלטער פון 13 יאָר. וואָס איז נויטיק כדי צו קאָנען דורכפירן געוויסע רעליגיעזע זאַכן בציבור. ווי למשל דאַווענען מיט מנין, בענטשן מיט מנין; דער אויסדרוק מנין געפינט זיך אין דער גמרא מגילה כ"ג („אין אבלים מן המנין").

**מנשה** עלטסטער זון פון יוסף, געבוירן אין מצרים (בראשית מ"א); יעקב אבינו האָט יוספס צוויי זין, מנשה און אפרים, אָנערקענט פאַר זיינע אייגענע קינדער. און אַזוי אַרום זענען מנשה און אפרים געוואָרן צוויי באַזונדערע שבטים ביי יידן; דער שבט מנשה האָט געהאַט אַ העלפט פון זיין לאַנד אין אייגנטלעכן ארץ־ישראל, פון מערב צום ירדן, און די צווייטע העלפט (חצי שבט מנשה) אין מזרח פון ירדן, אין עבר הירדן, אַ טייל פון גלעד, בשן (דברים ג'); צווישן מנשה און אפרים זענען פאָרגעקומען קאַמפן וועגן דער הערשאַפט אין ישראל; שפּורן פון די דאָזיקע קאַמפן געפינען מיר אין ספור פון שופט גדעון, וועלכער האָט געשטאַמט פון מנשה און קעגן וועלכן עס האָבן געוואָלט קעמפן די בני אפרים (שופטים ח'); אויך אין דעם אויפשטאַנד פון יהוא בן נמשי (לויט טייל מיינונגען דאָס זעלבע וואָס „בן מנשי") קעגן דער דינאַסטיע פון אחאב (מלכים ב' ט').

**מנשה,** זון פון חזקיהו, מלך פון יהודה (692 — 638 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג); אין ספר מלכים ב' כ"א ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ זינדיקער מלך, איינגעפירט געצנדינסט און געטויט אומשולדיקע מענטשן („וגם דם נקי שפך"); אין דברי הימים ב' ל"ג ווערט דערציילט, אַז דער מלך אשור האָט אים באַזיגט און אַוועקגעפירט געשמידט אין קייטן קיין בבל; דאָרט האָט מנשה תשובה געטאָן און מתפּלל געווען צו גאָט. און גאָט האָט צוגעהערט צו זיין תפילה און אים צוריקגעבראַכט קיין ירושלים. וואו מנשה האָט צוריק אָפּגעשאַפט די געצנדינסט; די גמרא יבמות מ"ט ברענגט אַ טראַדיציע, אַז מנשה האָט געטויט ישעיה הנביא; די דאָזיקע אגדה איז אויך פאַראַן אין די „כתובים אחרונים".

**מנשה פון איליע** (1767 — 1831 אין איליע, געגנט פון ווילנע), למדן און חוקר; מחבר פון „פשר דבר", „אלפי מנשה", „סמא דחיי" (אויך אויף יידיש), „שקל הקודש"; איינגעטייטשט פאַרשידענע משניות ניט ווי די גמרא; אָנהענגער פון השכלה; אַרויסגעטרעטן קעגן גבירים פאַר זייער שלעכטער באַציאונג צו אָרעמעלייט.

**מנשה בן ישראל** (1604—1657 אין האָלאַנד), רב, מחבר פון ספרים, פאַרשער, פּאָליטיקער, כלל־טוער; געשטאַמט פון אַנוסים; דערצויגן געוואָרן אין אַמסטערדאַם; פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין בראַזיליע; נאָכער צוריק אין אַמסטערדאַם; געווען באַפריינדעט מיטן באַרימטן מאָלער רעמבראַנדט און אַנדערע קריסטלעכע פּערזענלעכקייטן; זיך באַמיט אין ענגלאַנד ביים פּראָטעקטאָר קראָמוועל, אַז מען זאָל יידן צוריק דערלויבן צו באַזעצן זיך אין ענגלאַנד, און לויט מיינונ־

גען פון היסטאריקער האבן זיינע דאזי-
קע באמיאונגען געהאט א ווירקונג; זיינע
ספרים (וועלכע ער האט געשריבן מיי-
סטנס אין שפאניש, פארטוגעזיש און לא-
טיין, נאר זענען איבערגעזעצט געווארן
אין העברעאיש) זענען: „מקוה ישראל"
חקירות וועגן די עשרת השבטים און דער
גאולה, געגלויבט, אז די אינדיאנער אין
אמעריקע זענען פון די עשרת השבטים,
„תשועת ישראל" (פארטיידיקונג פון דער
יידישער אמונה און פון יידישן פאלק),
„נשמת חיים" (איבער דער נשמה, השא-
ארת הנפש,), „עושה שלום" און אויך
א ספר צו פארענטפערן די סתירות אין
תנ"ך; רבי מנשה בן ישראל איז אויך
געווען דער גרינדער פון דער ערשטער
יידישער דרוקעריי אין אמסטערדאם
(1627), אין וועלכער ער האט געדרוקט
דעם סידור, משניות און אנדערע ספרים.

**מסור** מיטן ווארט „מסור" האט מען
אין די יידישע רעליגיעזע ספרים באצ-
ייכנט איינעם, וואס האט געמסרט איינ-
צלנע יידן אדער קהלות אדער אלע יידן
פאר פרעמדע רעגירונגען און דערמיט
געטאן שלעכטס יידן; די גמרא ראש הש-
נה י"ז זאגט אז מוסרים וועלן קיינמאל
ניט ארויס פון גיהנום; די גמרא אין
עבודה זרה כ"ו האלט אז מוסרים קומט
טויט-שטראף; אין דער צייט פון נשיא
רבן גמליאל אין יבנה (1טער יארהונ-
דערט) האט מען מתקן געווען אין דער
תפילה שמונה עשרה א באזונדערע קל-
לה-תפילה, וועלכע איז אויך געווען גע-
ווענדט קעגן די מוסרים, „ולמלשינים אל
תהי תקוה" (ברכות כ"ח); אין שפאניע
אין מיטלאלטער האבן יידן פיל געליטן
פון יידישע מוסרים, וועלכע מען האט
גערופן „מלשינים" (דאס ווארט איז
אריין אין שפאניש און פארטוגעזיש
„מאלסין") און עס זענען געווען פאלן
ווען מען האט מוסרים ווירקלעך געטויט
(זע גרעץ „דברי ימי ישראל" די שפא-
נישע עפאכע); אויך אין אנדערע לענדער
באזונדערס אין רוסלאנד אין די צייטן
פון די צארן האבן יידישע קהלות געליטן
פון מוסרים, פון וועלכע טייל זענען
ווירקלעך אומגעבראכט געווארן אין גע-
היים (זע שאול גינזבורגס היסטארישע
שריפטן וועגן יידישן לעבן אין רוסלאנד).

**מסורה** דאס ווארט „מסורה" (איבער-
ליפערונג), אויך „מסורת", איז דער
טייטש טראדיציע; ווערט באנוצט צו
באצייכענען די טראדיציאנעלע באמער-
קונגען וואס זענען זינט אלטע צייטן אי-
בערגעגאנגען פון דור צו דור וועגן ווער-
טער אין תנ"ך, ווי אזוי זיי ווערן גע-
לעזן. דאס האט געשטאמט פון יענע
אלטע צייטן, ווען די העברעאישע שפראך
האט ניט געהאט קיין נקודות, און א סך
ווערטער האבן געקאנט געלעזן ווערן
פארשידן; די מסורה האט איבערגעגעבן
ווי אזוי מען דארף זיי לעזן. דאס זעל-
בע איז אויך געווען מיט א סך ווערטער
אין תנ"ך, וואס ווערן געלעזן אנדערש
און מען שרייבט זיי אנדערש („קרי"
און „כתיב"). די מסורה איז געווען
שוין אין דער צייט פון דער משנה (אבות
ג' „מסורת סייג לתורה"), און די גמרא
אונטערשיידט „מקרא" פון „מסורת"
(זבחים ל"ז און אנדערע ערטער); אויפ-
געשריבן די אלע מסורה-באמערקונגען
האבן די ערשטע מדקדקים און ניקוד-
איינפירער אין ארץ-ישראל און בבל אין
7טן און 8טן יארהונדערט; פון דעמאלט
אן זענען געשריבן געווארן פיל ספרים
וועגן „מסורה"; עס איז באקאנט די
„מסורה גדולה", וואס רעכנט אויס
אויספירלעך די קלאסיפיקאציע פון פאר-
שידענע ווערטער אין תנ"ך, און די „מסו-
רה קטנה" וואס גיט די האזיקע קלא-
סיפיקאציע בקיצור; זיי זענען געדרוקט
צוזאמען מיט תנ"ך; דאס עלטסטע מסו-

רה־ספר וואָס מיר האָבן, איז דער „אכלה ואכלה". — די וויכטיקסטע ספרים וועגן מסורה זענען פון רבי אליהו בחור „מסו־רת המסורת" און פון נורצי „מנחת שי". — זע „דקדוק".

**מסיג גבול־זיין** „השגת גבול".

**מסירת נפש** זע „קדוש השם".

**מסכתא** נאָמען פון אַ טייל פון מש־ניות, תוספתא און גמרא, ווי למשל „מסכתא ברכות" און אַנדערע; דער נאָ־מען ווערט דערמאָנט אין דער גמרא (שבת ג' און אַנדערע); אחוץ די גרויסע מסכתות זענען פאַראַן צוגעגעבן אין דרוק צום סוף מסכתא סנהדרין אויך קליינע מסכתות (קטנות). — זע „תלמוד".

**מעביר סדרה** אין דער גמרא ברכות ח' ווערט געזאָגט „לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הצבור שנים מקרא ואחד תרגום", יעדער זאָל פאַרענדיקן די פּר־שיות פון חומש אַזוי ווי מען לייענט בצבור אין דער ספר תורה יעדע וואָך. צוויי מאָל זאָגן דעם פסוק פון חומש אין העברעאישן אָריגינאַל, און איינמאָל זאָגן דעם תרגום פון פסוק. דערפון איז דער מנהג יעדן פרייטיק אָדער שבת אינדער־פרי „מעביר סדרה" צו זיין, דאָס הייסט זאָגן מיטן טראָפּ, מיט דעם ניגון פון די טעמים, די סדרה פון דער וואָך צוויי מאָל יעדן פסוק און איינמאָל דעם תרגום. — זע „טעמים", „קריאת התורה".

**מעדיצין** פון תנ"ך איז צו זען, אַז אין די אַלטע צייטן זענען געווען ביי די יידן אין ארץ־ישראל דאָקטוירים פון מעדיצין. ביים מלך אסא ווערט געזאָגט אַז ווען ער איז קראַנק געווען האָט ער זיך געהיילט ביי „רופאים" (דברי הי־מים ב' ט"ז); אין חומש שמות כ"א ווערט געבראַכט דער אויסדרוק וועגן אַ פאַרוואונדעטן „ורפא ירפא", און ער זאָל זיך היילן. אין דער צייט פון משנה און גמרא ווערן דערמאָנט נעמען פון יידישע דאָקטוירים, ווי תודוס הרופא, שמואל דער אמורא (בבא מציעא קט"ז). רבי חנינא (חולין ז') און אַנדערע. אין דער משנה און גמרא ווערן געבראַכט טייל רפואות, וואָס ווערן אויך דורך דער מאָדערנער מעדיצין באַטראַכט אַלס ריכ־טיקע. די גמרא אין סנהדרין י"ז זאָגט, אַז אַ תלמיד חכם טאָר ניט וואוינען אין אַ שטאָט וואו עס איז ניט פאַראַן קיין דאָקטער. עס זענען פאַראַן געוויסע נע־גאַטיווע מיינונג אין תנ"ך און גמרא וועגן דאָקטוירים; אין דערמאָנטן פסוק פון אסא המלך ווערט געמאַכט דער פאָר־וואורף פאַרוואָס ער האָט ניט געבעטן גאָט נאָר געהיילט זיך ביי דאָקטוירים. באַקאַנט איז דער מאמר אין דער גמרא קידושין פ"ב „טוב שברופאים לגיהנום" (דער בעסטער פון די דאָקטוירים וועט זיין אין גיהנום). אָבער אין ברכות ס' ווערט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך יאָ היילן ביים דאָקטאָר („מכאן שניתנה רשות לרופאים לרפאות"); אין ברכות י' ווערט דערציילט אַז עס איז געווען אַ „ספר רפואות". אין מיטלאַלטער זענען יידן געווען פאַרטרעטן אין דער מעדי־צינישער וויסנשאַפט אין אַלע לענדער, און אָנגעזעהענע יידישע פערזענלעכקייטן זענען געווען באַרימטע דאָקטוירים אין פירשטלעכע און קעניגלעכע הויפן. ווי, למשל, דער רמב"ם און אַנדערע; זיי האָבן אויך געשריבן ווערק איבער מע־דיצין. אין דער נייער צייט, אין דער מאָדערנער מעדיצין־פאָרשונג, האָבן יידן גענומען אַ גרויסן אַנטייל, און טייל פון זיי האָבן געמאַכט וויכטיקע אַנטדעקונ־גען, ווי וואַסערמאַן, ערליך, פרויד און אַנדערע. — אַ לענגערע רשימה פון אָנ־געזעענע יידן דאָקטוירים און מעדיצינ־

פאַרשער איז פאַראַן אין גערשענפעלדס ענגליש בוך „ דהי דזשו אין סייענס" (1934); אַ ביבליאָגראַפיע וועגן דער מעדיצין אין תנ"ך און תלמוד איז פאַראַן שטיינשניידערס „שריפטן איבער מעדיצין אין ביבל און תלמוד" (דייטש); זע אויך „מדרש רפואה" פון משה פערלמאַן (וועגן די רפואות אין דער גמרא) ווי אויך מזיאס „ספר המונחים לרפואה".

**מעדעם, וולאַדימיר** (1879 אין רוסלאַנד — 1923 אין אַמעריקע). שריפטשטעלער און יידיש־סאָציאַליסטישער פירער, אַנגעזעענער פירער פון „בונד"; געווען אַלס קינד געשמדט, נאָר נאָכער צוריק געוואָרן אַ ייד; געשריבן פיל אַרטיקלען אין די „בונד"־צייטונגען און זשורנאַלן, „זכרונות", אויטאָביאָגראַפיע. פּרטים אין רייזנס „לעקסיקאָן".

**מעילה** נאָמען פון מסכתא משניות, תוספתא און גמרא בבלי (ירושלמי ניטאָ) אין סדר קדשים, האָט 6 פרקים. באַהאַנדלט די דינים פון מועל־זיין אין קדשים, דאָס הייסט ווען איינער האָט הנאה פון זאַכן, וואָס מען האָט מקדיש געווען צו גאָט פאַרן בית המקדש.

**מעלטשעט, אַלפרעד** 1868 — 1930), לאָרד (פריער געהייסן .מאָנד). אַנגעזעענער פינאַנסיסט אין ענגלאַנד. געווען ענגלישער מיניסטער; פירער פון ציוניזם, פּרעזידענט פון דעם יידישן אַגענץ־ראַט פאַר איראָפּע; אויף זיין נאָמען די קאָלאָניע אין ארץ־ישראל „תל מונד".

**מעמדות** די משנה און גמרא (תענית כ"ז) זאָגט, אַז אין דער צייט פון בית המקדש איז געווען איינגעפירט אַז אַלע יידן זענען געווען איינגעטיילט אין 24 טיילן, און פון יעדן טייל איז געווען אַ „מעמד", אַ פאַרשטעהערשאַפט, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף די ענינים פון בית המקדש. ווען עס איז געקומען די באַשטימטע צייט פון אַ מעמד צו פאַרנעמען זיך מיט די ענינים פון בית המקדש, האָבן די יידן פון דאָזיקן מעמד געפאַסט תעניתים, און מתפלל געווען און געזאָגט פסוקים פון חומש. די גמרא (מגילה ל"א, און אויך דאָרט אין תענית) זאָגט, אַז דאָס זאָגן דעם „סדר מעמדות" איז געבליבן אויך נאָכן חרבן פון בית המקדש. צו די דאָזיקע מעמדות צו זאָגן יעדן טאָג זענען שפּעטער (אין סידור פון רב עמרם גאון און אַנדערע) צוגעגעבן געוואָרן פרקים פון דער מסכתא תמיד און אַנדערע פרשיות. זיי זענען געדרוקט צום סוף פון די סידורים נאָכן תהלים. עס זענען אויך פאַראַן גרעסערע סדרים מעמדות, וואָס געבן פאַר יעדן טאָג אַ פרשה פון דער סדרה, אַ טייל פון דער וואָך הפטרה, אַ פרק משניות, עטוואָס גמרא, זהר, ליקוטים פון פאַרשידענע מוסר ספרים (חרדים און אַנדערע). די דאָזיקע זאַמלונג הייסט „חק לישראל", אין קיצור רופט מען עס אין יידיש „חק'ל"; געדרוקט אויך מיט יידישער איבערזעצונג.

**מענדל** וועגן אַ ריי פּערזענלעכקייטן באַקאַנט מיטן נאָמען מענדל זע זוכוואָרט „מנחם".

**מענדלסאָן, משה** (1729 — 1786 אין בערלין), פילאָזאָף און געלערנטער אין חכמת ישראל, דייטשער שריפטשטעלער און דענקער, באַקאַנט ביי יידן אויך מיטן נאָמען משה דעסער, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין דער דייטשער שטאָט דעסוי; ביי די משכילים באַקאַנט אויך אַלס „רמ"ד", „רבי משה דעסוי", אויך בן מנחם (מענדלסאָן), רמבמ"ן (רבי משה בן מנחם); פאַרנעמט איינעם פון

די אַנגעזעענסטע ערטער אין דער יידישע געשיכטע פון דער נייער צייט. מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן די השכלה־עפּאָכע; אין דער יוגנט האָט ער געלערנט תנ״ך, גמרא און פּוסקים (תלמיד פון רבי דוד פרענקל, מחבר פון פּירוש „קרבן עדה״ אויפן ירושלמי); אויך האָט ער געלערנט דעם פילאָזאָפישן ספר „מורה נבוכים״ פון רמב״ם; אַוועק קיין בערלין. שטודירט וועלטלעכע למודים, דייטש, און אַנדערע שפּראַכן, מאַטעמאַטיק, פילאָזאָפיע; געווען לערער, בוכהאַלטער, נאָכער אייגנטימער פון געשעפטן; אַרויסגעגעבן (1750) אַ העברעאישן זשורנאַל „קהלת מוסר״; זיך באַקאַנט מיט דעם באַדייטנדן דיכטער און דראַמאַטורג לעסינג, מיט וועלכן ער איז געוואָרן שטאַרק באַפריינדעט און וועלכער האָט גענומען מענדלסאָן אַלס טיפּ פון אַן אידעאַלן ייד צו זיין דראַמע „נתן דער חכם״; פון דעמאָלט אָן איז מענדלסאָן אַריין אין דער דייטשער וועלט פון ליטעראַטור און פילאָזאָפיע; לעסינג האָט צום ערשטן פאַרעפנטלעכט מענדלסאָנס „פילאָזאָפישע געשפּרעכן״ (אָן מענדלסאָנס וויסן), וועלכע האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. נאָכער האָט מענדלסאָן אַליין פאַרעפנטלעכט פיל ווערק פון פילאָזאָפישן אינהאַלט, וועלכע האָבן אים דערוואָרבן גרויס רום; באַזונדערס איז זייער פּאָפּולער געווען זיין בוך „פעדאָן״ איבער דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. מענדלסאָן איז געוואָרן באַפריינדעט מיט די אַנגעזעענסטע פירער פון דייטשלאַנד און אויך מיט דער קריסטלעכער אינטעליגענץ אויסער דייטשלאַנד. מענדלסאָן איז געבליבן אַ פרומער ייד. ער האָט זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן אויך דאָס יידישע גייסטיקע לעבן. ער האָט אָנגעשריבן אין דייטש זיין באַרימט בוך „ירושלים״, אין וועלכן ער זאָגט אַרויס זיין מיינונג איבער דעם וועזן און יסודות פון דער יידישער רעליגיע. וועלכע איז לויט זיין מיינונג אַ רעליגיע פון מעשים און באַגרעניצט ניט קיינעם אין זיינע געדאַנקען. אַרום מענדלסאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען די יידישע משכילים, די ערשטע געבילדעטע יידן אין דייטשלאַנד (הערץ, נפתלי הערץ וויזל, שלמה מימון, רבי שלמה דובנא און אַנדערע), און מיט זיי האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון השכלה, פון פאַרייניקן דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן מיט דעם פאָרטשריט פון וועלטלעכע וויסנשאַפטן און אין אַ געוויסער מאָס צופּאַסן דאָס יידישע לעבן צו די באַדינגונגען פון דער נייער צייט (זע „השכלה״). דער ווענדפּונקט אין דער האַזיקער ריכטונג און די הויפּט־פּאַסירונג איז געווען די באַרימטע איבערזעצונג פון תנ״ך אויף דייטש דורך מענדלסאָנען זעלבסט און דעם פּירוש צו תנ״ך, „ביאור״. וואָס איז געשריבן געוואָרן אַ טייל דורך מענדלסאָנען און אַ טייל דורך זיינע חברים, די משכילים, ווי דובנא, וויזל און אַנדערע. אין דער יידישער פרומער וועלט האָט די דאָזיקע איבערזעצונג, דער תרגום אשכנזי (אין העברעאישע בוכשטאַבן) מיטן ביאור, וועלכער איז דערשינען יאָר 1783 אַרויסגערופן דעם גרעסטן שטורם. די פרומע יידן האָבן דערשפּירט אינסטינקטיוו, אַז הגם אין דעם איז אויבערפלעכלעך ניט פאַראַן קיין אפּיקורסות, אָבער דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צום ענדערן דעם גאַנצן יידישן לעבנס־שטייגער. וועלכער איז געווען איינגעשלאָסן אין דער באַזונדערער יידישער וועלט. מען האָט דערשפּירט, אַז דאָס צילט אויסצוואָרצלען די יידישע שפּראַך און איינפירן דייטש, און צום סוף צו אַסימילאַציע. עס איז צו באַמערקן, אַז די זעלבע מיינונג האָבן גאָר שפּעטער געהאַט מיט פּרץ סמאָלענסקין אין דער שפּיץ אויך אַ ריי העברעאישע שריפטשטעלער

(אין זיין „עת לטעת“). וועלכע האבן באטראכט מענדלסאנען אלס דעם פאטער פון דער יידישער אסימילאציע. באלד ווי דער תרגום אשכנזי און דער ביאור זענען דערשינען זענען קעגן אים ארויסגעטרעטן די אנגעזעענע רבנים, צווישן זיי רבי הירש חריף, רבי יחזקאל לאנדע און אנדערע, און ס׳איז א סברא, אז מען האט אים געלעגט אין חרם (די היסטארישע פארשונג וועגן דעם איז פאראן אין „דברי ימי ישראל“ פון גרעץ, חלק ט׳ צום סוף אין דער נאטע). אין יידנטום זענען אנטשטאנען צוויי לאגערן, איינער פאר און איינער קעגן מענדלסאן. וועמענס וועג עס איז באטראכט געווארן דורך די פרומע יידן אלס געפערלעך פארן יידנטום. מענדעלסאן האט ארויסגעגעבן אין דייטש נאך א ריי אנדערע ווערק: ער האט אויך מיטגעארבעט אין העברעאישן „המאסף“, אויך געשריבן אויף העברעאיש א פירוש צום „מלות ההגיון“ פון רמב״ם. מענדלסאן איז געשטארבן אין 1786 אין בערלין. זיינע קינדער האבן אין גרעסטן טייל פארלאזט דאס יידנטום; זיין אייניקל איז געווען דער בארימטער דייטשער מוזיקער פעליקס מענדלסאן-בערטאלדי. — וועגן מענדלסאן איז פאראן די ערשטע ביאגראפיע פון יצחק אייכעל „תולדות רמבמ״ן, געדרוקט ביים לעבן פון מענדלסאן (1784); פון דעמאלט אן זענען דערשינען הונדערטער אפהאנדלונגען און ביכער וועגן מענדלסאנען און זיין עפאכע. עס זענען ארויסגעגעבן געווארן זיינע בריוו. — זע גרעץ „דברי ימי ישראל“ חלק ט׳ און צום סוף דעם „ציון“; בערנפעלד „דעת אלהים“ און „תולדות הריפורמציון הדתית“; לאכאווער, „תולדות הספרות העברית החדשה“. — זע זוכווארט „השכלה“.

**מענדעלע מוכר ספרים** (געבוירן 1836 אין קאפוליע ווייס-רוסלאנד — געשטארבן כ״ג כסלו תרע״ח, 1917, אין אדעס), ליטעראַרישער נאמען פון שלום יעקב אבראמאוויטש; בארימטער יידישער און העברעאישער שריפטשטעלער. פאטער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור, גערופן אויך „דער זיידע“; אין דער יוגנט פיל געוואנדערט; זיך באקאנט מיט דעם העברעאישן דיכטער גאטלאבער; געווען לערער אין דער יידישער רעגירונגס-שולע אין קאמענעץ, און צום סוף געוואוינט אין אדעס, וואו עס איז געווען פירער פון דער תלמוד תורה. דאס ערשטע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים איז געווען „תולדות הטבע“, זאאלאגיע, באארבעט לויט ברעם; נאכער האט ער אנגעהויבן שרייבן אין העברעאיש און יידיש בעלעטריסטישע ווערק, פון וועלכע די באקאנטסטע זענען „האבות והבנים“, „די קליאטשע“, דאס „ווינטשפינגערל“, „פישקע דער קרומער“, די דראמעס „די טאקסע“ און „דער פריזיוו“, „מסעות בנימין השלישי“, „שלמה רבי חיימס“ (אייגנטלעך אן אויטאביאגראפיע) און אויך אנדערע קלענערע דערציילונגען. מענדעלע האט ארויסגעגעבן זיינע יידישע ווערק אויך אין העברעאיש און ער האט געשאפן דעם מאדערנעם בויגזאמען העברעאישן סטיל, באנייענדיק דעם נוסח פון דער משנה און אגדה. מענדעלעס געזאמלטע ווערק זענען דערשינען אין 20 בענדער אין יידיש 1913—1915), 7 בענדער („כל כתבי מענדעלי מוכר ספרים“) אין העברעאיש (1922). — אויספירלעך וועגן מענדעלע און אויך א ביבליאגראפיע איז פאראן אין רייזנס „לעקסיקאן“ זוכווארט „אבראמאוויטש“.

**מעסאפאטאמיע** נאמען פון לאנד וואס ליגט ארום די טייכן פרת און חדקל אין אזיע, אין תנ״ך געהייסן ארם נהרים.

א טייל פון בבל; איצט איז עס דאס אראבישע לאנד איראק מיט דער הויפט־שטאט באגדאד; יידן זענען פאראן לערך 75 טויזנט אויף דער אלגעמיינער צאל באפעלקערונג פון נאענטע 3 מיליאן נפשות; א גרויסער טייל פון די יידן וואוינט אין באגדאד. אין אלגעמיין איז די לאגע פון די יידן אין איראק ניט קיין שלעכטע; זיי פארנעמען זיך מיט מסחר, מלוכה און לאנד־ווירטשאפט. — זע „בבל".

**מעקסיקע** לאנד אין דרום פון צפון־אמעריקע, ביי 18 מיליאן איינוואוינער. צווישן זיי ביי 35 טויזנט יידן, וועלכע זענען געקומען אין גרעסטן טייל פון פוילן, גאליציע, ליטע, נאך דער וועלט־מלחמה 1918, און הויפטזעכלעך, ווען עס איז באגרענעצט געווארן די אימיגראציע קיין אמעריקע אין 1923; ביי 10 טויזנט יידן וואוינען אין דער הויפט־שטאט מעקסיקא. די יידישע געשיכטע אין מעקסיקע דאטירט זיך פון 16טן יארהונדערט, ווען עס זענען געקומען אנטלאפענע שפאנישע אנוסים; פאלן פון אינקוויזיציע; די יידן אין מעקסיקע באשעפטיקן זיך מיט האנדל, מלאכה; עס דערשיינט א יידיש וואכנבלאט; עטלעכע יידישע שולן.

**מעריב** דאס דאווענען אין אוונט (פון ווארט „ערב", אוונט); מען געפינט א רמז צו דער דאזיקער תפילה אין פסוק אין תהלים נ״ה: „ערב ובקר וצהרים אשיחה"; אין דניאל ו׳ איז אויך פאראן אז ער האט געדאוונט 3 מאל אין טאג, און מען נעמט אן, אז דאס מיינט מען שחרית, מנחה און מעריב; אין דער גמרא ברכות כ״ז ווערט געזאגט אז דאס דאווענען מעריב איז ניט קיין חוב נאר א רשות; אבער דער יידישער מנהג האט עס געמאכט פאר א חוב. דאס דאווענען הויבט זיך אן מיטן „והוא רחום" און נאכער דעם חזנס אויסרוף „ברכו", נאכער קומען צוויי ברכות, קריאת שמע, דערנאך ווידער ברכות, שמונה עשרה, וועלכע דער חזן זאגט ניט מער איבער הויך, און דערנאך „עלינו". דאס מעריב־דאווענען אין שבת באשטייט אויך פון מקבל־שבת־זיין, דאס הייסט זאגן פריער א ריי קאפיטלעך תהלים („לכו נרננה" און אנדערע) ווי אויך „לכה דודי". — זע עלבאגנס „תולדות התפלה".

**מערת המכפלה** אין חומש בראשית כ״ג ווערט דערציילט, אז ווען שרה איז געשטארבן האט אברהם אבינו אפגעקויפט פון עפרון החתי אין דער שטאט חברון אין ארץ־ישראל די „מערת המכפלה" און האט דארט קובר געווען שרהן. אין בראשית כ״ה ווערט דערציילט, אז דארט איז אויך נעקומען צו קבורה אברהם אבינו, אין בראשית מ״ט ווערט דערציילט, אז אויך יצחק און רבקה און יעקב און לאה זענען דארט געקומען צו קבורה. די גמרא (עירובין נ״ג זאגט, אז דארט זענען אויך די קברים פון אדם און חוה. די מערת המכפלה איז געווען הייליק ביי יידן, קריסטן און מאכמעדאנער; רבי בנימין פון טאלעדא (12טן יארהונדערט) אין „מסעות בנימין" דערציילט וועגן זיין באזוך אין חברון ביי דער מערת המכפלה. פון דעמאלט אן ווערט זי דערמאנט אין די באשרייבונגען וועגן ארץ־ישראל פון אלע רייזנדע. — די מערת המכפלה איז היינט אין רשות פון די מאכמעדאנער; עס שטייט איבער איר א מאכמעדאנישער מעטשעט (געבעט־הויז), און יידן איז ניט דערלויבט ארויפצוגיין העכער פון עטלעכע טרעפ און דארט זענען זיי מתפלל. אין יאר 1929 האט מען א געוויסע צייט יא דערלויבט יידן צו באזוכן די מערת המכפלה.

**מעשה, מעשיות** אין דער גמרא איז מיטן ווארט „מעשה" באצייכנט געווארן א פאסירונג, ווי „מעשה בחסיד אחד" (שבת ק"נ און אנדערע ערטער); עס זענען פאראן פון דער צייט פון די גאונים זאמלונגען סיפורי „מעשיות" (רב ניסים און אנדערע); אין אלט־יידיש איז פאפולער געווען די זאמלונג פאלקס־דערציילונגען „מעשה־בוך" (געדרוקט באזל 1602); דערפון איז געווארן שפעטער אין יידיש צו באצייכענען די פאפולערע דערציילונגען מיטן נאמען „מעשה־ביכלעך". וועגן „מעשה בוך" זע די אויסגאבע און איינלייטונג פון משה גאסטער.

**מעשה בראשית און מעשה מרכבה** אין דער משנה חגיגה פרק ב' ווערן דערמאנטע צוויי יידישע געהיימע לערעס מיטן נאמען „מעשה בראשית" (די לערע וועגן דער וועלט־שאפונג, וואס הויבן זיך אן אין חומש מיט די ווערטער „בראשית ברא אלהים") און „מעשה מרכבה" (די לערע וועגן געטלעכקייט, וואס יחזקאל הנביא, אין אנהויב ספר יחזקאל, האט געזען אין זיין נביאות אין דער געשטאלט פון א „מרכבה", א רייטוואגן). די משנה זאגט, אז מעשה בראשית טאר מען ניט לערנען בשנים (מיט נאך איינעם) און מעשה מרכבה אפילו ניט „ביחיד", אליין, נאר סיידן מען איז א „חכם ומבין מדעתו", מען איז געלערנט און מען פארשטייט אליין. אין דער גמרא חגיגה י"ז ווערן דערציילט ספורי מעשיות פון תנאים וואס האבן געלערנט מעשה מרכבה און מלאכים זענען זיי געקומען הערן. — די געלערנטע היסטאריקער זענען ניט אייניק צווישן זיך וועגן דער באדייטונג פון מעשה בראשית און מעשה מרכבה, וואס מען האט געמיינט דערמיט. עס איז זיכער, אז ביי יידן האבן שוין דעמאלט עקזיסטירט געהיימע מיסטישע לערעס, וועלכע האבן מענ־לעך געשטאמט פון דער „איסיים"־סעקטע (זע „איסיים") און פון וועלכע עס האט זיך אנטוויקלט די לערע „קבלה".— זע „קבלה".

**מעשר** (א צענטל), אין חומש ויקרא כ"ז און במדבר י"ח ווערט געזאגט, אז מען דארף געבן פון יעדער תבואה און בהמות מעשר פאר די לויים. — זע זוכווארט „לוי, לויים". — פרומע יידן האבן אין דער שפעטערער צייט זיך נוהג געווען אפצעטיילן פון זייערע געלט־פארדינסטן „מעשר" (א צענטל) פאר צדקה, און האבן עס גערופן „מעשר כספים". געלט־מעשר, דאס איז געווען אלס פארטרעטונג פאר דעם „מעשר עני", א צענטל פון די תבואות פאר ארעמעלייט, וואס מען האט באדארפט געבן יעדעס דריטע יאר פון די תבואות (דברים כ"ו, „לגר וליתום ולאלמנה"); וועגן דעם דאזיקן געלט־מעשר ווערט געבראכט אין די מפרשים צום שלחן ערוך יורה דעה של"א (טורי זהב און אנדערע).

**מעשר שני** נאמען פון מסכתא משניות אין זרעים, אויך תוספתא און ירושלמי, 5 פרקים, באהאנדלט די דינים פון מעשר שני, דאס איז דער מעשר פון תבואות, וואס מען האט באדארפט אפטיילן און אוועקפירן די דאזיקע מעשר־תבואה אדער דאס געלט וואס מען האט באקומען הערפאר („פדיון") קיין ירושלים און דארט עס פארנוצן. דעם דאזיקן מעשר שני האט מען אפגעטיילט אין די יארן 1, 2, 4, 5, פון די 7 יארן צווישן איין שמיטה־יאר און דעם צווייטן.

**מעשרות** נאמען פון מסכתא משניות אין סדר זרעים, אויך תוספתא און ירושלמי, באהאנדלט די דינים פון מעשר.

**מפטיר** זע „הפטרה".

**מפיבושת** זון פון יונתן, דעם זון פון שאול המלך; דוד המלך האָט אים געלאָזט לעבן צוליב דער פריינטשאַפט מיט זיין אומגעקומענעם פאָטער יונתן (דברי הימים א׳ כ״א).

**מפיצי השכלה** נאָמען פון געזעלשאַפט אין צאַרישן רוסלאַנד, צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן; געגרינדעט 1863 אין פּעטערבורג דורך באַראָן י. גינזבורג, א. בראָדסקי און אַנדערע; געהאַט אַ גרויסן איינפלוס; אויפגעהערט צו עקזיסטירן 1918.

**מפלגת פועלי ארץ - ישראל (מפא״י)** די גרעסטע ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, געגרינדעט 1930 דורך דער פאַרייניקונג פון „אחדות העבודה" און „הפועל הצעיר"; האָט אַ גרויסן איינפלוס אין ישוב, און אירע פירער פאַרנעמען וויכטיקע אַמטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; איר אָרגאַן איז דער „הפועל הצעיר".

**מצבה** דאָס וואָרט מצבה צו באַצייכענען דעם אָנדענק־שטיין אויף אַ קבר פון אַ פאַרשטאָרבענעם געפינען מיר שוין אין חומש; אין בראשית ל״ה ווערט דערציילט, אַז ווען רחל איז געשטאָרבן האָט יעקב אבינו געשטעלט „מצבה על קבורתה"; אין דער משנה ווערט אַנשטאָט מצבה באַנוצט דאָס וואָרט „נפש" (שקלים פרק ב׳); עס האָט אויך געהייסן (מועד קטן ה׳) „ציון" (פון יחזקאל ל״ט „ובנה אצלו ציון"); דער מנהג איז צו שטעלן אַ מצבה ערשט צו דער ערשטער יאָרצייט; אויף דער מצבה זענען געוויינלעך אויפגעשריבן די ערשטע ווערטער „פה נטמן", אָדער אין ראשי תבות „פ. נ." (דאָ ליגט באַהאַלטן), און מען שרייבט דערנאָך דעם נאָמען און פאָטערס נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם דעם טאָג און יאָר פון טויט, און אויך די מעלות פון מת. טייל געבן צו בילדער פון אַ שופר (אַלס צייכן פון „שופר של משיח). ביי אַ כהן צוויי הענט (דוכנען) וכדומה. — עס זענען דערשינען פיל ספרים און ביכער מיט זאַמלונגען פון מצבות־אויפשריפטן פון אַלטע יידישע קהלות, ווי „גל־עד" (פון פּראָג), „נחלת עולמים" (פון וואַרשע), „מצבת קודש" (פון לעמבערג) און אַנדערע.

**מצדה** נאָמען פון אַ פעסטונג אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון חרבן בית שני; אין גריכיש (פלאַוויוסעס „מלחמות") גערופן „מאַסאַדאַ"; לעבן ים המלח אויף אַ הויכן באַרג; די לעצטע יידישע קעמפער אונטער דער פירונג פון אלעזר בן יאיר האָבן אויסגעקוילעט זייערע פאַמיליעס און זיך זעלבסט, כדי ניט אַריינצופאַלן אין די רוימישע הענט.

**מצה** אומגעזייערט געבעקס, וואָס מען מעג עסן אין פסח, און וואָס אַ כזית דערפון מוז מען עסן די ערשטע נאַכט פסח צום סדר אַלס מצוה, און מען מאַכט דערויף די ברכה „על אכילת מצה"; געוויינלעך זענען אַזעלכע מצות דין געקנעטן און געבאַקן; די תימנער יידן באַקן דיקערע מצות; די מצוה צו עסן מצות אין פסח געפינען מיר אין חומש (שמות י״ב) און עס ווערט דאָרט געזאָגט אַז דאָס איז צום אָנדענק ווען די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און זיי האָבן זיך געאיילט, האָבן זיי ניט באַוויזן זוייער צו מאַכן (חמץ) זייער טייג און האָבן געבאַקן מצות. דעריבער הייסט דער יום־טוב פסח אויך „חג המצות" (שמות כ״ג); אין דברים ט״ז הייסט מצה „לחם עני"; מצות ווערן געבאַקן מיט וואַסער. וואָס מען האָט געשעפּט אַ טאָג פריער און דאָס וואַסער האָט איבערגענעכטיקט די נאַכט (מים שלנו); פאַראַן טייל פרו־

מע יידן, וואס עסן מצות נאר פון מעל פון אזעלכע ווייצן, אויף וועלכע עס איז ניט ארויפגעקומען קיין וואסער זינט מען האט די ווייצן אפגעשניטן. און דאס הייסט „מצה שמורה" (אפגעהיטן פון שניט אן); טייל פרומע יידן נעמען צום ערשטן כזית מצה נאר מצה וואס איז געבאקן געווארן ערב פסח, אלס אנדענק צום קרבן פסח, וואס מען האט מקריב געווען ערב פסח; עס איז א דין ניט צו עסן מצה אין ערב פסח כדי מען זאל ביינאכט עסן די מצה לתיאבון, מיט אפעטיט (גמרא פסחים ל"ז); די מצות ווערן געוויינלעך געבאקן מיט גרויס פארזיכטיקייט אין א געכשרטן אויוון. און די מצות ווערן גערעדלט, כדי זיי זאלן ניט זויער ווערן ביז זיי וועלן קומען אין אויוון אריין. — די יידישע שונאים האבן אויסגעקלערט אויף יידן דעם בלוט־בלבול, אז יידן כלומרשט טוען אריין אין די מצות בלוט פון א קריסטלעך קינד וואס זאל כלומרשט דערמארדעט ווערן צו דעם צוועק. דאס זענען די טרויעריקע עלילות דם. — זע זובווערטער „בלוט־בלבול", „חמץ", „סדר", „פסח".

**מצוה, מצוות** רעליגיעזער געבאט; טיילט זיך אין צוויי טיילן, אין „מצוות עשה", געבאטן צו טוען געוויסע זאכן. און „מצוות לא תעשה", פארבאטן ניט צו טאן געוויסע זאכן; די גמרא (מכות כ"ג און אנדערע ערטער) זאגט, אז די תורה אנטהאלט תרי"ג (613) מצוות, פון זיי זענען 248 (רמ"ח) „עשהס" און 365 (שס"ה) לא תעשהס; די מצות ווערן אויך איינגעטיילט אין „מדאורייתא", פון דער תורה, דאס הייסט אזעלכע, וואס געפינען זיך אין חומש אדער מען לערנט זיי אפ פון חומש, און „מדרבנן", וואס די רבנן, די חכמים נאכן תנ"ד, האבן איינגעפירט. עס זענען פאראן א ריי ספרים, אין וועלכע די מצוות זענען אויסגערעכנט. דער וויכטיקסטער פון זיי איז דער „ספר המצוות" פון רמב"ם (רבנו משה בן מימון); טייל שפעטערע גדולים (רמב"ן און אנדערע) זענען מחולק געווען מיטן ספר המצוות פון רמב"ם אין באצוג צו געוויסע מצוות, צי זיי זענען מדאורייתא צי מדרבנן. די משנה סוף מכות (וואס מען זאגט יעדן שבת זומער ביים סוף פון פרק) זאגט, אז גאט האט געוואלט מזכה זיין די יידן האט ער זיי געגעבן א סך מצוות.

**מצורע** (קרעציקער); אין חומש ויקרא י"ג און י"ד ווערט געזאגט, אז אן אומהיילבארער מצורע איז טמא און דארף זיך געפינען אויסער דער מחנה, וואו מענטשן וואוינען. עס ווערן דארט אויך אנגעגעבן אנווייזונגען צו די כהנים, וועלכע זאלן אנטשיידן, וועלכער מצורע איז טמא און וועלכער איז טהור, און ווי אזוי די ריניקונג (טהרה) דארף פארקומען.

**מצפה** נאמען פון עטלעכע שטעט איז ארץ־ישראל אין דער צייט פון תנ"ד; די וויכטיקסטע פון זיי איז דער מצפה פון שופטים כ' און שמואל ז' וואס איז געווען א רעליגיעזער צענטער פון יידן; דארט האט אויך גדליה בן אחיקם געהאט זיין רעזידענץ נאכן חרבן בית ראשון (ירמיה מ'). טייל האלטן אז דאס ארט „נעבי סעמוויל" (שמואל הנביא) ביי ירושלים איז מצפה; לויט אן אנדערער מיינונג זאל עס זיין „תל־א־ניצבע" אויפן וועג פון ירושלים קיין שכם, וואו מען האט געמאכט אויסגראבונגען און געפנען חרבות פון אן אלטער פעסטונג.

**מצרים** זע „עגיפטן".

**מקדש** זע „בית המקדש".

**מקובל** זע „קבלה".

**מקוה** זאמלונג פון וואסער, וואס איז ניט געשעפט געווארן, נאר גייט פון דער ערד; ווערט באנוצט ביי יידן פאר טובל זיין זיך; שטאמט פון פסוק אין חומש ויקרא י״א „אך מעין ובור מקוה מים יהיה טהור"; דאס וואסער אין דער מקוה דארף זיין 40 „סאה" (ערובין ד׳); אויב עס קומט אריין 3 קווארט געשעפטע וואסער (מים שאובין) ווערט די מקוה פסול. עס איז איינגעפירט אין יעדער יידישער קהלה צו האבן א מקוה; דער מנהג איז ביי יידן צו גיין אין מקוה יעדן פרייטיק לכבוד שבת. לויטן יידישן דין דארפן פרויען גיין טבילה אין מקוה נאך זייער מענסטרואציע (נדה). — זע זוכווערטער „וואסער", „טבילה".

**מקוה ישראל** נאמען פון א יידישער אגראנאמישער שולע אין ארץ־ישראל, לעבן תל־אביב; געגרינדעט 1870 דורך קארל (יעקב) נעטער, פארשטייער פון „אליאנס" פון פאריז; ארויסגעגעבן טויזנטער יידישע תלמידים־אגראנאמען; אין מקוה ישראל איז פאראן דער קבר פון נעטער.

**מקואות** נאמען פון מסכתא משניות 10 פרקים און תוספתא 8 פרקים (גמרא ניטא) אין סדר טהרות, באהאנדלט די דינים פון מקוה און טבילה.

**מקיצי נרדמים** (אויפוועקן איינגעשלאפענע). נאמען פון א יידישער געזעלשאפט ארויסצוגעבן העברעאישע ספרים וואס שטאמען פון מיטלאלטער און זענען געבליבן אין כתבי יד אדער זייערע ערשטע אויסגאבן זענען זעלטנהייטן; געגרינדעט 1864 דורך דעם ענגלישן רב הכולל נתן אדלער, משה מאנטעפיארע, שמואל דוד לוצאטו און אנדערע; עטלעכע מאל איבערגעריסן איר טעטיקייט און ווידער באנייט געווארן (יאר 1885, 1909, 1920 און 1935 אין ארץ־ישראל); ארויסגעגעבן וויכטיקע ספרים, ווי „פחד יצחק" פון למפרונטי, דיוואן (שירים) פון רבי יהודה הלוי, תרשיש פון רבי משה אבן עזרא, „מחזור ויטרי" פון רבי שמחה וויטרי, „קבצים על יד" און אנדערע.

**מקלט** זע „ערי מקלט".

**מר** טיטל ווי אין אראמעאיש רב; דערפון איז אויך געווארן „מרן" אונדזער לערער, און אין לשון רבים „מרנן".

**מרגלים** (שפיאנען), אין חומש במדבר י״ג און י״ד ווערט דערציילט, אז ווען משה רבנו איז געוועזן מיט די יידן אין מדבר האט ער גענומען פון יעדן שבט איינעם פון די אנגעזעענע פירער (ראשי העדה), צוזאמען 12, און זיי געשיקט קיין ארץ־ישראל אויסצופארשן דאס לאנד צי עס איז גוט, צי די איינוואוינער זענען שטארק, באפעסטיקט. די 12 מרגלים זענען נאכן באזוכן ארץ־ישראל צוריקגעקומען און 10 פון זיי האבן גערעדט שלעכטס אויפן לאנד, אז עס איז „ארץ אוכלת יושביה" (לאנד וואס עסט אויף אירע איינוואוינער), אז די איינוואוינער זענען ריזן (ילדי ענק, אנשי מדות) און אז מען וועט עס ניט קאנען איינעמען. נאר 2 פון זיי, יהושע בן נון און כלב בן יפונה, האבן געזאגט גוטס וועגן לאנד און אויך אז מען וועט עס קאנען איינעמען. דער חומש זאגט, אז צוליב דעם חטא פון די מרגלים האט גאט גוזר געווען, אז דער גאנצער דור המדבר מוז אויסשטארבן אין דער מדבר און נאר זייערע קינדער, און אויך אלס אויסנאם יהושע און כלב, וועלן אריינקומען אין ארץ־ישראל. דעריבער זענען די יידן געוועזן אין מדבר 40 יאר, אנטקעגן די 40 טעג, וואס די מרגלים האבן פאר־

בראכט אין ארץ־ישראל (דארט אין חומש). דער חטא פון די מרגלים ווערט אויך אין גמרא און מדרש באטראכט אלס זייער א גרויסער. — ווען די יידן האבן אונטער דער פירונג פון יהושע בן נון זיך געגרייט אריינצוגיין אין ארץ־ישראל, האט יהושע געשיקט צוויי מרגלים וועלכע האבן באזוכט די שטאט יריחו, און ווען מען האט אין שטאט געהאט וועגן זיי א פארדאכט זענען זיי געראטעוועט געווארן דורך רחב הזונה (יהושע ב׳).

**מרגלית, אפרים זלמן** (1762 — 1828), למדן און פוסק אין בראד (גאליציע); ער איז געווען רייך, ניט געוואלט ווערן רב; מחבר פון „בית אפרים" (אויף שלחן ערוך), מטה אפרים (אויף ימים נוראים), „זרע אפרים" אויף דער פסיקתא; אין זיין ספר אויף פסיקתא ווייזט ער ארויס וויסנשאפטלעכע מעטאדע אין פארשן אלטע טעקסטן.

**מרדכי** דער זון פון יאיר, פון שבט בנימין (איש ימיני), אפגעשטאמט פון א ייד פון ירושלים, וואס איז פארטריבן געווארן פון ירושלים דורך נבוכדנאצר מלך בבל (אסתר ב׳, דער „אשר הגלה" גייט אויף „קיש"); קוזין („בן דוד") פון אסתר המלכה, אויף וועמען ער האט געווירקט צו גיין צו אחשורוש דעם מלך פון פרס און צו בעטן ביי אים, אז ער זאל צוריקציען די גזרה פון המן צו פארניכטן די יידן. די מגלת אסתר דערציילט, אז מרדכי איז געווארן דער משנה למלך פון אחשורוש און דער גרעסטער ביי יידן און האט געטאן יידן גוטס (סוף אסתר). — אין דער אגדה און מדרש ווערט מרדכי אנגערופן מרדכי הצדיק און עס ווערט וועגן אים דערציילט פיל דברי אגדה (גמרא מגילה י"ג, ט"ז און מדרש אסתר). — זע „אסתר".

**מרדכי בן הלל** (אומגעקומען אויף קידוש השם ענדע 13טן אדער אנהויב 14טן יארהונדערט); בארימטער פוסק אין דייטשלאנד (נירנבערג), מחבר פון ספר „מרדכי", א ליקוט פון די הלכות פון דער גמרא און פון פסקים און מנהגים פון די ראשונים; אויך מחבר געווען שאלות ותשובות, וועלכע זענען פארלוירן געגאנגען; ער האט אויך מחבר געווען א שיר אויף הלכות שחיטה און טריפות, ווי אויך א סליחה; ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאמען מיט זיין ווייב און 5 זין אין נירנבערג אין יאר 1298 (ה' אלפים נ"ח): די דאזיקע דאטע האט מען געפונען אין פינקס פון דער קהלה אין מיינץ; לויט אנדערע קוואלן („יוחסין", „סדר הדורות") איז ער אומגעקומען אין יאר 1310. — זע „דור דור ודורשיו" פון וויס.

**מרדכי פון טשערנאביל** (1770— ב׳ אייר תקצ"ז 1837 אנטובקע, לעבן קיעוו), בארימטער חסידישער רבי, זון פון רבי נחום טשערנאבילער; פאקטישער גרינדער פון דער טשערנאבילער דינאסטיע; פאטער פון 5 פאפולערע רביים. רבי אהרן טשערנאביל, רבי משה קארעסטשעווער, רבי יעקב ישראל פון טשערקאס, רבי דוד טאלנער, רבי אברהם מגיד פון טריסק און רבי יצחק פון סקווירע; זייער פאמיליע־נאמען איז טווערסקי; זייער אויפירונג איז געווען רייך, און דאס האט ארויסגערופן א גרויסע קעגנערשאפט צו זיי מצד משכילים; אין לינעצקים ראמאן „דאס פוילישע אינגל" ווערט באשריבן רבי יצחק פון סקווירע. — זע הארארעצקי „החסידות והחסידים" וועגן „בית טשרנובל".

**מרה** נאמען פון אן ארט אין דעם מדבר סיני, וואו יידן האבן גערוט, ווען זיי זענען ארויס פון מצרים און אריבער דעם

ים סוף (שמות ט"ו); דער חומש דערציילט, אז די יידן האבן ניט געקאנט טרינקען דאס וואסער פון מרה, ווייל עס איז געווען ביטער (דעריבער האט דאס ארט געהייסן „מרה") און עס איז געשען א נס און דאס וואסער איז געווארן זים; אין מרה האבן די יידן באקומען געוויסע געזעצן („שם שם לו חק ומשפט") און די גמרא סנהדרין נ"ו האט וועגן דעם דברי אגדה.

**מרחשון** אויך „חשון" נאמען פון 2טן חודש אין יידישן קאלענדאר אויב מען רעכנט דאס יאר פון תשרי, און 8טן חודש אויב מען רעכנט פון ניסן; אין תנ"ך ווערט דער נאמען מרחשון ניט דערמאנט; ער האט טיילמאל 29 און טיילמאל 30 טעג.

**מרים** שוועסטער פון משה און אהרן. ווערט אנגערופן אין שמות ט"ו „מרים הנביאה"; נאכדעם ווי די יידן זענען אריבערגעגאנגען דעם ים סוף האט מרים גענומען א פויק און צוזאמען מיט נאך ווייבער געזונגען שירה די ווערטער „שירו לה' כי גאה גאה"; אין במדבר י"ב ווערט דערציילט, אז זי איז באשטראפט געווארן מיט צרעת צוליב איר רעדן אויף משה רבנו, און דורך משהס תפילה איז זי געהיילט געווארן; זי איז געשטארבן אין קדש (במדבר כ'); די גמרא שבת ל"ה און אנדערע ערטער ברענגט די אגדה אז אין מרימס זכות איז מיטגעגאנגען מיט די יידן אין דער מדבר א ברונעם, „באר מרים", און איז פארשוואונדן געווארן ווען מרים איז געשטארבן (אין „מגלת תענית"). — דער רמ"א אין שלחן ערוך אורח חיים רצ"ט ברענגט פון טייל פוסקים א מנהג צו טרינקען שבת־צונאכטס וואסער פון א ברונעם, ווייל דעמאלט גייט ארום די באר מים איבער אלע ברונעמער און דאס וואסער היילט קראנקהייטן.

**מרים (מאריאמנע)** דאס ווייב פון מלך הורדוס, אפגעשטאמט פון דער חשמונאים־דינאסטיע; אומגעקומען לויט באפעל פון איר מאן הורדוס (אין יאר 29 פאר דער געוויינלעכער צייט רעכענונג); דער טראגישער סיפור וועגן איר טויט איז פאראן ביי פלאוויוסן אין אלטערטימער, בוך 15; שפורן דערפון איז אויך פאראן אין דער גמרא בבא בתרא ג', און לויט דעם סיפור פון דער גמרא איז זי באגאנגען זעלבסטמארד (איר נאמען ווערט דארט ניט דערמאנט).

**משה (משה רבנו)** די גרעסטע פערזענלעכקייט אין דער יידישער געשיכטע; ווערט אנגערופן משה רבנו (אונדזער רבי), דער אדון הנביאים, דער שליח פון גאט אויסצולייזן די יידן פון מצרים; אויף זיין נאמען הייסט די תורה תורת משה. דער חומש אין שמות א' הויבט אן דערציילן דעם סיפור ווי אזוי משה איז געבוירן געווארן, און פון דעמאלט אן גיט דער חומש כסדר וועגן די מעשים און לעבן פון משה ביז צום סוף פון חומש דברים, וואו עס ווערט דערציילט וועגן טויט פון משה. — דער חומש שמות (סדרה שמות) דערציילט. אז משה איז געבוירן געווארן אין מצרים, זיין פאטער איז געווען עמרם פון שבט לוי און זיין מוטער יוכבד. דעמאלט איז געווען די גזרה פון פרעה, אז יעדעס ניי־געבוירן יידיש אינגל זאל אריינגעווארפן ווערן אין טייך. יוכבד האט צוערשט באהאלטן משהן, אבער נאך 3 חדשים, ניט קאנענדיק אים מער באהאלטן, האט זי אים אריינגעלייגט אין א קעסטל און אים צוגעטראגן צום טייך. דארט האט אים געפונען די טאכטער פון פרעה (די שפעטערע אגדה רופט איר אן בתיה), וועלכע האט אים א נאמען געגעבן משה און גענומען צו זיך און משה איז דערצויגן געווארן אין פרעהס

הויז. ווען ער איז עלטער געווארן האט ער געזען, ווי די יידן ווערן געפייניקט אין שווערער ארבעט און ווי איין מצרי שלאגט א ייד, משה האט געטויט דעם מצרי, און ווען פרעה איז געוואויר גע־ווארן וועגן דעם און אים געוואלט טויטן איז משה אנטלאפן קיין מדין. דארט האט ער ארויסגעהאלפן די טעכטער פון דעם כהן מדין (יתרו אדער רעואל). און ער איז געבליבן מיט דעם כהן מדין צו פאשן ביי אים די שעפסן און ער האט חתונה געהאט מיט יתרום טאכטער צפו־רה, מיט וועלכער ער האט געהאט צוויי זין. גרשם און אליעזר. ווען ער האט גע־פאשעט די שעפסן פון יתרו אין דער מדבר האט ער געזען ווי א נידעריקער בוים (סנה) ברענט און ווערט ניט פאר־ברענט, דעמאלט האט זיך גאט באוויזן צו אים און אים געזאגט, אז ער זאל גיין קיין מצרים צו פרעה אויסלייזן די יידן. משה איז געקומען קיין מצרים און צו־זאמען מיט זיין ברודער אהרן געגאנגען צו פרעה און אים געזאגט די שליחות פון גאט צו באפרייען די יידן. דא קומט דער גאנצער ספור פון יציאת מצרים. ווי פרעה האט צוערשט ניט געוואלט הערן די שליחות, און ווי ער און זיין לאנד זענען געשלאגן געווארן מיט די 10 מכות און ער האט צום סוף יא ארויסגעלאזט די יידן און נאכער זיי נאכגעיאגט, אבער פרעה איז דערטרינקען געווארן מיט זיין חיל אין ים סוף און די יידן זענען אריי־בער דעם ים. דער חומש דערציילט ווײ־טער ווי משה האט געפירט די יידן אין דער מדבר צום בארג סיני און דארט האבן זיי געהערט פון גאט די עשרת הדברות, און די איבעריקע תורה האבן זיי געהערט פון משה אין נאמען פון גאט; דער פסוק זאגט עס אין „וידבר ה' אל משה לאמר", אדער „ויאמר ה' אל משה דבר אל בני ישראל" (גאט זאגט צו משה, אז ער זאל זאגן די יידן).

דער חומש אין שמות און במדבר דער־ציילט, ווי משה האט געהאט אויסצו־שטיין פון די יידן אין דער מדבר, ווי זיי האבן געהאט צו אים בסדר טענות. און ווי גאט האט געוואלט די יידן פארטי־ליקן און מאכן פון משה א גרויס פאלק. אבער משה האט בסדר געבעטן גאט פאר די יידן און גאט האט צוגעהערט זיין תפילה. אין במדבר כ' ווערט געזאגט, אז צוליב דעם וואס משה רבנו האט גע־שלאגן דעם שטיין פון וועלכן עס איז ארויס וואסער פאר די יידן צו טרינקען, און ער האט ניט געהארכט גאטס ווער־טער נאר צו רעדן צום שטיין. האט גאט אים באשטראפט, אז ער וועט ניט קומען מיט די יידן קיין ארץ־ישראל. נאר זיין משרת יהושע בן נון וועט אריינפירן די יידן אין לאנד. אין חומש דברים ווערט דערציילט וואס משה האט גערעדט צו די יידן פאר זיין טויט; ער האט צו זיי גע־זאגט שטראף־רייד, און זיי געבענטשט. און ער איז ארויפגעגאנגען אויפן בארג נבו אין לאנד מואב קעגנאיבער יריחו. און פון דארט האט ער איבער דעם ירדן געזען דאס גאנצע לאנד ארץ־ישראל. און דארט אויפן בארג איז ער געשטארבן אין עלטער פון 120 יאר „ולא ידע איש את קברתו עד היום הזה", און קיינער ווייסט ניט וואו זיין קבר איז ביז היינטיקן טאג. דער חומש צום סוף דברים זאגט „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה" (און מער איז ניט געווען ביי יידן אזא נביא ווי משה). דער חומש דערציילט וועגן די מעלות פון משה אין עטלעכע ערטער. אין במדבר י"ב זאגט דער חומש „והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה", משה איז געווען דער גרעסטער ענו פון אלע מענטשן. דארט במדבר י"ב זאגט גאט „בכל ביתי נאמן הוא. פה על פה אדבר בו, ומראה ולא בחידות ותמנת ה' יביט", אין מיין גאנץ הויז איז ער געטריי, איך רעד מיט אים מויל

צו מויל, אין זעאונג און ניט אין רעטע־ניש, ער זעט גאָטס בילד". — אין גמרא און מדרש ווערן געבראַכט פיל דברי אג־דה וועגן משה, זיין לעבן, זיין איינ־שטעלן זיך פאַר יידן, און זיין טויט; וועגן דעם טויט פון משה רבנו איז פאַ־ראַן דער מדרש „פטירת משה". לויט דער טראַדיציע (קידושין ל"ח) איז משה רבנו געבוירן געוואָרן ז' אדר און גע־שטאָרבן ז' אדר, און דעריבער ווערט ז' אדר אויך היינט אין די שולן און בתי מדרשים אָנגעצונדן ליכט. דער מדרש זאָגט, אַז משה רבנו איז געשטאָרבן מיתת נשיקה (דורך אַ קוש וואָס גאָט האָט אים געגעבן). וועגן די דאַטעס, ווען משה רבנו איז געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן איז פאַראַן אַ חלוקי דעות. דאָס איז אָפּהענגיק פון דער דאַטע ווען עס איז געווען יציאת מצרים, ווייל דער חומש שמות ז' זאָגט, אַז משה איז אַלט געווען 80 יאָר ווען ער האָט אויסגעלייזט די יידן פון מצרים; לויט דער טראַדיציע איז אָנגענומען אַז יציאת מצרים איז געווען אין יאָר ב' אלפים תמ"ח; לויט דעם איז משה געבוירן געוואָרן אין יאָר ב' אלפים שס"ח און געשטאָרבן ב' אל־פים תפ"ח, זע זוכוואָרט „יציאת מצ־רים". — משה רבנו איז די גרעסטע פערזענלעכקייט אין דער יידישער גע־שיכטע און אין דער יידישער רעליגיע. די משנה אבות הויבט אָן מיט די ווער־טער „משה קבל תורה מסיני". משה האָט גענומען די תורה אויפן באַרג סיני. אַ סך הלכות, וואָס זענען אין דער תורה ניט פאַראַן, ווערן אָנגערופן אין דער גמרא „הלכה למשה מסיני". דער חומש ווערט אָנגערופן „תורת משה". צוויי פון די עקרים פון דער יידישער רעליגיע, וואָס מען זאָגט יעדן טאָג נאָכן דאַווענען אין די 13 „אני מאמין" (לויטן רמב"ם). דער 7טער און 8טער, זענען, אַז די נבואה פון משה איז געווען אמת און אַז ער איז דער פאָטער פון אַלע נביאים. און אַז די תורה וואָס מיר האָבן איז געגעבן גע־וואָרן צו „משה רבנו עליו השלום". אויך אין דער וועלטלעכער ליטעראַטור איז משה געווען די טעמע פאַר פיל ווערק. אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז באַקאַנט די אָפּהאַנדלונג „משה" פון אחד העם (אין „על פרשת דרכים"). אין דער קונסט זענען פאַראַן די בילדער פון משה פון מיכאל אַנדזשעלאָ (סקולפּטור), ראַפאַעל, רעמבראַנדט. באַקאַנט זענען די ווערטער פון היינע: „ווי קליין איז געווען דער באַרג סיני, ווען משה איז אויף אים געשטאַנען".

**משה** וועגן אַ סך יידישע פערזענלעכ־קייטן מיטן נאָמען משה זע ביי די זוב־ווערטער פון זייערע פאַמיליע־נעמען ווי „משה איסערלים" זע „איסערלים" „משה חאגיז" זע „חאגיז". „משה סופר" זע „סופר" וכדומה.

**משה אלשיך** (געשטאָרבן י"ג ניסן של"ה, 1575 אין צפת). דיין און דרשן. תלמיד פון רבי יוסף קארו (מחבר פון שלחן ערוך), מקובל; זיין תלמיד איז גע־ווען רבי חיים וויטאַל; באַקאַנט דורך זיין פירוש אויף תורה „תורת משה". וואָס איז פּאָפּולער מיטן נאָמען „אל־שיך"; ער האָט אויך מחבר געווען „מראות הצובאות" אויף נביאים, און פירושים אויף כתובים, פירוש אויף הגדה של פסח, שאלות ותשובות. דער פירוש אויף תורה איז געווען אַזוי הייליק ביי יידן, אַז מען רופט אים „דער אלשיך הקדוש". עס ווערט אויך געזאָגט, אַז דעריבער רופט מען ניט זיין פירוש „תורת משה", ווייל דאָס איז אַ צו הויכער נאָמען, וואָס איז דער נאָמען פון חומש.

**משה הדרשן** (אין 11טן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך אין נאַרבאָנאַ). ראש

ישיבה און דרשן; זיי תלמיד איז געווען אויך רבי נתן מחבר פון „ערוך"; ער האט מחבר געווען פירושים אויף תורה און תהלים, משלי און איוב; ווערט געבראכט אין פירוש פון רש"י; פאראן א מיינונג אז ער האט צונויפגעשטעלט די מדרשים במדבר רבה, דברים רבה, מדרש עשרת הדברות, מדרש תדשא און אנדערע; וועגן אים איז פאראן אן אפהאנדלונג פון אברהם עפשטיין „רבי משה הדרשן מנרבונה".

**משה בן מימון (רמב"ם)** איינער פון די באדייטנדסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע, פון גרעסטן איינפלוס אין רעליגיעזן יידנטום, באקאנט אויך אין דער אלגעמיינער געשיכטע פון פילאזאפיע אלס „מיימאנידעס". —דער רמב"ם („רבנו משה בן מימון") איז געבוירן געווארן אין קארדאווא אין שפאניע ערב פסח ד' אלפים תתצ"ה (1135) און איז געשטארבן אין פאסטאט אין מצרים. כ' טבת ד' אלפים תתקס"ה (1264). אין דער יוגנט האט דער רמב"ם געלערנט ביי זיין פאטער רבי מימון ניט נאר יידישע לימודים נאר אויך וועלטלעכע לימודים. אין יאר 1148 איז רבי מימון געווען געצוואונגען צו אנטלויפן מיט זיין פאמיליע פון שפאניע צוליב די פארפאלגונגען אויף יידן דורך דער פאנאטישער מאכמעדאנער סעקטע די אלמוהאדן; ער האט מיטגענומען מיט זיך זיינע צוויי זין, דוד און משה. אין נאך פיל וואנדערונגען באזעצט זיך אין פעץ (פעס) אין צפון־אפריקע, אין יאר 1160; אבער אויך דארט איז פארגעקומען א גזרת שמד אויף יידן דורך די מאכמעדאנער און נאכדעם ווי רבי מימון און זיינע קינדער האבן געלעבט עטלעכע יאר אין געהיים אלס יידן זענען זיי פון דארט אנטלאפן איבער ארץ־ישראל קיין מצרים (לערך 1165), און זיי האבן זיך באזעצט צוערשט אין אלעקסאנדריע. און דערנאך אין פאסטאט לעבן קאהיר. דער רמב"ם האט דא געליטן פיל פאמיליע־ליידן. זיין פאטער איז געשטארבן, און זיין ברודער רבי דוד, וועלכער האט געהאנדלט מיט בריליאנטן און דערמיט אויסגעהאלטן די גאנצע פאמיליע, איז דערטרונקען געווארן פארנדיק אויף א שיף. דער רמב"ם האט אין פאסטאט לעבן קאירא, וואו עס איז געווען דער הערשנדער הויף פון עגיפטישן סולטאן, גענומען לערך דעם יאר 1170 פראקטיצירן אלס דאקטאר מעדיצין און ער האט שנעל זיך דערווארבן א נאמען אלס בארימטער דאקטאר. ער איז געווארן לייב־דאקטאר צוערשט פון גרוים־וויזיר און דערנאך פון סולטאן סאלאדין און זיין הויף. דורך דער גאנצער צייט, (אין צפון־אפריקע און מצרים), האט ער אויך פארעפנטלעכט ספרים, און ער איז געווארן בארימט אלס גרויסער למדן און דענקער. די יידן אין מצרים האבן אים באשטימט צוערשט אלס זייער הויפט־רב (דיין) און דערנאך אלס זייער פירער מיטן טיטל נגיד (אזא מיינונג איז פאראן ביי טייל היסטאריקער). ער האט פאר זיינע דאזיקע יידישע אמטן ניט גענומען קיינע געלט־באלוינונג, נאר פארקערט, פון זיינע געלט געבויט שולן, ישיבות, צעטיילט פיל צדקה. זיין נאמען איז געווארן בארימט ניט נאר אין מצרים נאר אויך אין אלע ווייטע לענדער, וואו עס האבן געוואוינט יידן. מען האט זיך געווענדט צו אים איבעראל מיט שאלות ותשובות. דער רמב"ם איז געשטארבן אין עלטער פון 70 יאר, און ווי עס ווערט דערציילט האט מען אים געפירט פון מצרים קיין ארץ־ישראל און קובר געווען אין טבריה, וואו מען ווייזט אן ביז היינטיקן טאג אויף דעם קבר פון רמב"ם. אין יאר 1935 האט מען אין דער גאנצער יידישער וועלט געפייערט דעם 800 יאריקן יובל פון רמב"מס געבורט; עס

זענען דערשינענע פיל ספרים אין פארשי־דענע שפראכן וועגן רמב״ם. — דער רמב״ם האט געהאט אן איינפלוס אויף דעם גאנצן יידישן רעליגיעזן לעבן אין פארלויף פון הונדערטער יארן דורך זיי־נע פיל ספרים, וועלכע זענען געווען א וועגווייזער אין אלע געביטן, אין הלכה, אין פילאזאפיע, אין עטיק און אין טייל וויסנשאפטלעכע געביטן. די צוויי הויפט־ספרים פון רמב״ם זענען דער „משנה תורה״ אדער ווי מען האט עס אויך גע־רופן „יד החזקה״, און דער „מורה נבו־כים״.

אויף דעם „משנה תורה״ („יד החז־קה״ הייסט עס ווייל י״ד איז 14 און דאס ספר באשטייט פון 14 אפטיילונגען, ספרים) האט דער רמב״ם געארבעט 10 יאר און האט אים געענדיקט אין יאר 1180. דאס איז די זאמלונג פון אלע הלכות וואס זענען פאראן צעשפרייט אי־בער דעם תלמוד, סיי בבלי און סיי ירו־שלמי, ווי אויך אנדערע ספרים פון תנאים און אמוראים, ווי ספרא, ספרי, תוספתא און אנדערע; זיי זענען דורכן רמב״ם געווארן קלאסיפיצירט, איינגע־טיילט לויט זייער שייכות, ווי הלכות שבת באזונדער, הלכות קרבנות באזונ־דער און אזוי כסדר; דער רמב״ם האט אויסגעמיטן די אלע קשיות און תירוצים און שקלא וטריא וואס זענען פאראן אין תלמוד און ער האט געגעבן נאר דעם תמצית פון דער הלכה; דאס ספר „משנה תורה״ איז געשריבן אין א קלארן העב־רעאישן משנה־סטיל, אזוי אז יעדער זאל עס קאנען פארשטיין. אין אנהויב פון משנה תורה גיט דער רמב״ם אויך אלס „הלכה״ געוויסע פילאזאפיש־רעלי־גיעזע עקרים און לימודים וועגן דער געטלעכקייט, גוטער אויפירונג פון מענטש, הנהגות אין עסן, קליידונג, הי־גיענע וכדומה; דאס האט דער רמב״ם אנגערופן ספר המדע. דער רמב״ם שרייבט אין זיין הקדמה, אז ער האט דעם משנה תורה מחבר געווען, ווייל די צרות זענען געווארן גרויס און קיינער האט ניט קיין צייט און עס איז שווער צו לערנען די גמרא און די פירושים פון די גאונים, און ער האט דעריבער גע־געבן פאר דעם פאלק דאס ספר, כדי נאכ־דעם ווי מען האט געלערנט תורה וועט מען אדורכלערנען דאס ספר און וויסן אלע הלכות. אויף דעם משנה תורה זע־נען געשריבן געווארן פיל השגות (קרי־טיק) און פירושים. די וויכטיקסטע פון זיי זענען די „השגות״ פון רבי אברהם בן דוד (ראב״ד), און פון די פירושים דער „כסף משנה״ פון רבי יוסף קארו. דער משנה תורה פון רמב״ם איז נאך ביים רמב״מס לעבן אנגענומען געווארן ביי אלע יידן, און הגם עס זענען געווען טייל וואס האבן אים קריטיקירט, ווייל זיי האבן מורא געהאט אז דאס וועט איינגאנצן מבטל מאכן דאס לערנען גמרא, איז אבער דאס ספר אנגענומען געווארן אפילו דורך די קעגנער. מען רופט דאס ספר אין דער לומדים־וועלט מיטן סתם־נאמען „דער רמב״ם״, למשל, „דער רמב״ם פסקנט״ וכדומה.

דאס צווייט גרויס און וויכטיק ספר פון רמב״ם, וואס האט אבער ארויסגע־רופן אויך גרויסע קעגנערשאפט, איז דער „מורה נבוכים״, וועלכן דער רמב״ם האט געשריבן אין דער אראבישער שפראך און ער איז איבערזעצט געווארן אין העברעאיש דורך רבי שמואל אבן תבון (פאראן נאך אן אנדערע איבער־זעצונג בון רבי יהודה אל חריזי); דער טייטש בון „מורה נבוכים״ איז: „וועג־ווייזער פאר די בלאנדזשענדע״. כדי צו פארשטיין די באדייטונג און דעם איינ־פלוס פון „מורה נבוכים״ דארף מען וויסן, אז דעמאלט איז געווען א צייט פון אויפלעבונג פון פילאזאפיע און ווי־סנשאפטן אין די אראבישע לענדער.

וועלכע האבן זיך געצויגן פון שפאניע (און אין א געוויסער מאס אויך פון דרום־פראנקרייך) איבער אלע לענדער פון צפון־אפריקע ביז מיטל־אזיע. דאס איז געווען די גלאנץ־עפאכע פון דער אראבישער קולטור; די ווערק פון די אל־טע גריכישע פילאזאפן, באזונדערס פון אריסטאטעלעס, זענען געווארן גרינטלעך שטודירט סיי דורך די אראבישע דענ־קער, סיי אויך דורך די יידישע געביל־דעטע פערזענלעכקייטן אין יענער צייט. עס זענען אנטשטאנען פראבלעמען, וועל־כע האבן אנגערירט די יסודות פון יעדער אמונה בכלל, אזעלכע פראגן, ווי דאס זוכן באווייזן אז עס איז פאראן א גאט. וואס האט די וועלט באשאפן און פירט די וועלט („מציאות השם"), דאס פראַ־בלעם פון „ידיעה ובחירה" (זע זוכ־ווארט „ידיעה ובחירה"), דאס פראבלעם ווי קאן מען גאט, וואס איז א גייסטי־קייט, צושרייבן אזעלכע אייגנשאפטן ווי גוט, רחמן וכדומה. די דאזיקע פראבלע־מען, וועלכע זענען אייגנטלעך דער רע־זולטאט פון ניט פארלאזן זיך אויף טראַ־דיציע אליין אין אמונה־זאכן, נאר דאס וועלן פארשן די אלע גלויבונגען אין ליכט פון וויסנשאפט, האבן א סך געבילדעטע יידן אין יענער צייט אראפגעפירט פון וועג פון אמונה. עס איז אנטשטאנען די הויפט־פראגע: צי קאן מען אויסגלייכן רעליגיע מיט וויסנשאפט. דעם דאזיקן ציל האט געהאט פאר זיך דער רמב"ם. ווען ער האט געשריבן דעם „מורה נבו־כים", דעם „וועגווייזער פאר די בלאנ־דזשענדע". ער האט אים געשריבן פאר זיינס א תלמיד רבי יוסף אבן עקנין. און ער האט אים געשריבן מיט א כוונה אין דער אראבישער שפראך, כדי ער זאל זיין צוגענגלעך פאר די דעמאלטיקע יידישע משכילים. וועלכע האבן העבראיש שוואך פארשטאנען; אבער די גרעסטע ווירקונג האט דאס ספר געהאט אין זיין העבראישער איבערזעצונג אויף פיל דורות יידישע פארשער און דענקער. דער „מורה נבוכים" באשטייט פון עטלעכע טיילן. דער 1טער טייל באהאנדלט די נע־מען און די תארים, אטריבוטן, פון גאט, וואס ווערן געבראכט אין תנ"ך, ווי, למשל גאט איז גוט, בארמהארציק וכדומה; דער רמב"ם דערקלערט דאס אלץ אין אלעגא־רישן זין (זע זוכווארט „אלעגאריע") און ער האלט, אז איבערהויפט קאן מען די תארים, די „מעלות", פון דער געט־לעכקייט נאר נעמען אין נעגאטיוון זין. דאס הייסט, אז ווען מיר זאגן „גאט איז גוט", מיינען מיר דערמיט, אז וועגן גאט קאן מען ניט זאגן אז ער איז שלעכט. דער צווייטער טייל באהאנדלט די בא־ווייזן וועגן דער עקזיסטענץ פון גאט און דער שאפונג פון דער וועלט, ווי אויך דעם וועזן פון דער נבואה־דערשיינונג. דער דריטער טייל באהאנדלט די באַצי־אונג פון גאט און מענטש, די פראבלע־מען פון גוט און שלעכט. שכר ועונש. ידיעה ובחירה, דער געטלעכער השגחה. ווי אויך די טעמים פון די מצוות פון דער תורה. אין דעם פילאזאפישן טייל פון ספר גייט דער רמב"ם אין דער שיטה פון אלט־גריכישן פילאזאף אריסטאטל, מיטן אויסנאם פון פראבלעם וועגן דער וועלט־שאפונג, אין וועלכער אריסטאטל (אריסטו) האלט פון „קדמות העולם", אז די וועלט עקזיסטירט פון אייביק אן, און דער רמב"ם האלט פון „חידוש העו־לם", אז די וועלט איז באשאפן געווא־רן „יש מאין", פון גארנישט. דער „מורה נבוכים" האט שוין ביים רמב"מס לעבן ארויסגערופן א שטורם פון קעגנערשאפט ביי א סך פרומע יידישע גדולים, וועלכע האבן געהאלטן, אז פיל מיינונגען זענען קעגן דער אמונה. באזונדערס דעם רמב"מס מיינונג וועגן דער עקזיסטענץ פון גוף און נשמה נאכן טויט. זיי האבן חושד געווען, אז דער רמב"ם לייקנט אין

תחיית המתים; דערויף האט דער רמב״ם
אנגעשריבן זיין „מאמר תחיית המתים״.
אבער דאס האט ניט געהאלפן. די קעג-
נער האבן געהאלטן, אז איבערהויפט איז
דער גאנצער דרך צו פארנעמען זיך מיט
פילאזאפיע און פרוואוון אויסטייטשן
אמונה-זאכן מיט דער הילף פון חקירה
א פאלשער, און ער ברענגט דערצו, אז
מען גייט אוועק פון דער אמונה בכלל.
נאכן טויט פון רמב״ם האט אין דרום-
פראנקרייך און שפאניע זיך צעפלאקערט
דאס פייער פון מחלוקה ארום דעם
רמב״מס „מורה נבוכים״; אזעלכע גרוי-
סע לומדים ווי רבי שלמה מן ההר, רבנו
יונה (זע „יונה פון גערונדי״) און אנ-
דערע האבן מחרים געווען דאס ספר און
אויך דעם טייל „ספר המדע״ פון „מש-
נה תורה״. מען האט דערפירט דערצו
אז גלחים האבן פארברענט דעם „מורה
נבוכים״. דער דאזיקער קאמף איז גע-
פירט געווארן דורך פיל דורות ביז דער
לעצטער צייט. גאר פרומע יידן, באזונ-
דערס לעצטנס אין די קרייזן פון חסידים,
הגם זיי האבן ניט געוואגט צו רעדן קעגן
רמב״ם, וועגן וועלכן זיי האבן געערדט
מיט דרך ארץ און גערופן „דער רמב״ם
ז״ל״, האבן אבער ניט געלאזט לערנען
אין מורה נבוכים. דער מורה נבוכים
האט געהאט א גרויסע השפעה אויף דעם
רעליגיעז-פילאזאפישן געדאנקענגאנג ניט
נאר אין דער יידישער נאר אויך אין דער
ניט-יידישער וועלט, אויף אזא קריסט-
לעכן סכאלאסטיקער ווי אלבערט מאג-
נוס, און אויך אויף אלגעמיינע פילא-
זאפן ווי שפינאזא און אנדערע. ער איז
איבערזעצט געווארן אין פיל אייראפע-
אישע שפראכן (לאטייז, דייטש, פראנ-
צויזיש, ענגליש און אנדערע). צום מורה
נבוכים זענען געשריבן געווארן פיל פירו-
שים פון אפודי, אברבנאל, שלמה מימון
(„גבעת המורה״) און אנדערע. לעצ-
טנס איז ער דערשינען אין תל-אביב
מנוקד מיט א פירוש און איינלייטונג
פון דר. יהודה קויפמאן.

אחוץ די דאזיקע צוויי הויפט-ספרים
האט דער רמב״ם מחבר געווען אויך אנ-
דערע וויכטיקע ספרים: 1) „ספר
המצוות״ (אין אראביש, איבערזעצט אין
העברעאיש). 2) פירוש אויף משניות
(אין אראביש, איבערזעצט אין העברע-
איש, געדרוקט צום סוף פון די גמרות)
צו וועלכן עס זענען צוגעגעבן צום פירוש
אויף אבות אויך די „שמונה פרקים״
איבער עטיק און היגיענע; 3) שאלות
ותשובות „פאר הדור״; 4) „אגרת תימן״
(וועגן משיח און פאלשע משיחים);
5) „אגרת השמד״ (גרינגער צו מאכן די
לאגע פון די אנוסים, וועלכע זענען גע-
ווען געצוואונגען עפנטלעך צו אנערקע-
נען די מאכמעדאנישע רעליגיע און אין
געהיים זענען זיי געבליבן יידן); 5)
„מלות הגיון״ איבער לאגיק און פילא-
זאפישע באגריפן; 6) „פרקי משה״ אי-
בער מעדיצינישע פראגן, אויך אנדערע
ספרים, וואס וועגן טייל פון זיי איז א
צווייפל צי זיי שטאמען פון רמב״ם
(„פרקי ההצלחה״ און אנדערע). אין זיין
פירוש המשניות צום פרק חלק אין סנ-
הדרין באהאנדלט דער רמב״ם אויך די
פראגע, וואס זענען די עקרים, די הויפט-
יסודות פון דער יידישער אמונה, און
ער רעכנט דארט אויס די עקרים, פון
וועלכע עס זענען סטיליזירט געווארן די
13 „אני מאמין״, וואס זענען אריינ-
גענומען געווארן אין סידור צו זאגן יעדן
טאג נאכן דאווענען.

עס איז אויך צו פארצייכענען די מיי-
נונגס-פארשידנקייט, וואס איז אנטשטא-
נען צווישן די היסטאריקער אין דער
פראגע, צי האט דער רמב״ם ווען ער איז
געווען אין פעס אין צפון-אפריקע, בעת
דער שמד-גזירה, אנגענומען לפנים די
מאכמעדאנישע רעליגיע. אזא באשולדי-
קונג איז געבראכט געווארן קעגן רמב״ם

דורך זיינם א שונא, אן אראבישן דאקטאר, וועלכער האט וועגן דעם פארמסרט דעם רמב״ם צום עגיפּטישן סולטאן און דעם רמב״מס לעבן איז געווען דאדורך אין געפאר. טייל היסטאריקער (גייגער און אנדערע) האבן געהאלטן די באשולדיקונג פאר א ריכטיקע. אבער א גאנצע ריי אנדערע היסטאריקער (מונק און אנדערע) האבן באוויזן, אז די באשולדיקונג איז א פאלשע.

דער כבוד און די השפעה פון רמב״ם ביי אלע יידן איז געווען גרויס סיי ביי זיין לעבן און סיי נאכן טויט. ווען מען איז אין ירושלים געוואויר געווארן פון רמב״מס פטירה האט מען אין דער הפטרה געזאגט דעם ספּור פון עלי אין ספר שמואל מיט די ווערטער „כי נלקח ארון אלהים״. מען האט געשריבן אויף אים „ממשה ועד משה לא קם כמשה״. „פון משה רבנו איז ניט געווען אזוי ווי דער רמב״ם״. אין תימן האט מען אין קדיש געזאגט „בחיי דמרנא ורבנא רבנו משה בן מימון״. וועגן רמב״ם זענען געשריבן געווארן זייער פיל ספרים און ביכער און אפהאנדלונגען. אין דוד יעלינס „רבי משה בן מימון״ (ווארשע 1898) איז פאראן א ביבליאגראפיע פון די אלע אויסגאבן; אבער זינט דעמאלט זענען צוגעקומען נאך פיל אנדערע ארבעטן. באזונדערס אין יאר 1935 ווען מען האט געפייערט דעם 800 געבורט־יאר פון רמב״ם. עס איז אויך פאראן א בילד פון רמב״ם, אבער דאס בילד שטאמט פון זייער א שפּעטער צייט און איז ווארשיינלעך א פאלסיפיקאט; דאקעגן איז פאראן די אייגענע האנטשריפט פון רמב״ם און זיין אונטערשריפט. — זע אויך גרעץ „דברי ימי ישראל״; דעם מבוא פון קויפמאן (אבן שמואל) צום „מורה נבוכים״; אחד העם „שלטון השכל״ (אין על פרשת דרכים).

**משה בן נחמן, רמב״ן** (געבוירן לערך 1195 אין שפאניע — געשטארבן לערך 1270 אין עכו אין ארץ־ישראל). בארימטער רב, מפרש פון תורה און גמרא, פוסק, מקובל, רעליגיעזער דענקער. באנייער פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. דער רמב״ן איז שוין בעת זיין לעבן פארעכנט געווען אלס דער גרעסטער אויטאריטעט אין יידישן רעליגיעזן לעבן; זיינע תלמידים זענען געווען אזעלכע גדולים ווי רבי שלמה בן אדרת (רשב״א) און אנדערע. דער רמב״ן האט מחבר געווען זיין בארימטן פירוש אויף תורה; חידושי הרמב״ן אויף א סך מסכתות פון דער גמרא; הלכות אויף נדרים און בכורות; ספר „מלחמות ה׳״ צו פארענטפערן דעם „רי״ף״, און אנדערע ספרים און שאלות ותשובות. דער רמב״ן איז געווען פון די ערשטע ראשונים וואס האבן געלערנט קבלה. און עס איז פאראן א מיינונג אז דאס קבלה־ספר „האמונה והבטחון״ איז פון אים. — אין יאר 1263 איז דער רמב״ן געצוואונגען געווארן צו האלטן א ויכוח וועגן יידנטום און קריסטנטום מיט דעם משומד פאאולא קריסטיאנא (פרעי פאול); דער ויכוח איז פארגעקומען אין דער אנוועזנהייט פון קעניג יאקאב דעם 1טן אין דער קאטוילישער הויפּטשטאט בארצעלאנא. דער רמב״ן האט מיט ווירדע און טאקט פארטיידיקט די יידישע רעליגיע. אבער נאכדעם ווי ער האט אנגעשריבן דעם אינהאלט פון ויכוח, דאס בארימטע ספרל „מלחמת חובה״ („ויכוח הרמב״ן״) האט מען אים פארמסרט, אז ער זאל האבן באליידיקט די קריסטלעכע רעליגיע, און ער איז פאראורטיילט געווארן צו פארלאזן שפאניע. אין עלטער פון 72 יאר (1267) האט ער פארלאזט זיין היים און קינדער און איז אוועק קיין ארץ־ישראל; ער איז אנגעקומען קיין ירושלים ט׳ אלול אין זעלבן

יאר, וואו ער האט געטראפן אלץ חרוב, איינגאנצן 2 יידן. דער רמב"ן האט געגרינדעט א נייע יידישע קהלה און געארבעט אויף דער באנייאונג פון יידישן ישוב, געגרינדעט א ישיבה, געשריבן בריוו קיין חוץ לארץ, אז מען זאל קומען קיין ארץ־ישראל, און עס איז פאראן א מיינונג אז ער האט געגרינדעט די „חלוקה", דאס זאמלען געלט אין חוץ לארץ אויסצוהאלטן די יידן אין ארץ־ישראל, וואס איז אנגערופן געווארן על פי טעות קופת רמבה"ן („רבי מאיר בעל הנס"). און באמת האט זי געהייסן „קופת רמב"ן". אין ארץ־ישראל האט ער מחבר געווען זיין פירוש אויף תורה. פון דאנען האט ער אויך געשריבן צו זיין זון דעם מוסר־בריוו „אגרת הרמב"ן". — פרטים וועגן רמב"ן זע וויים „דור דור ודורשיו" חלק ה'.

**משה קורדובירו** זע קורדובירו משה.

**משה פון קוצי** (געלעבט אין 13טן יארהונדערט אין דער שטאט קוצי אין פראנקרייך), בארימטער פוסק, פון די בעלי תוספות, מחבר פון „ספר מצוות גדול", באקאנט מיטן ראשי־תבות־נאמען „סמ"ג", אין וועלכן ער גיט אויספירלעך די דינים פון די תרי"ג מצוות. דערפון האט רבי יצחק פון קורבייל מחבר געווען א קיצור מיטן נאמען „סמ"ג קטן"; ער האט אויך מחבר געווען „פשטים" אויף תורה; ער האט אין יאר 1240 אנטיילגענומען (מיט נאך 3 רבנים) אין ויכוח קעגן משומד דונין וועלכער האט ארויסגערוקט באשולדיקונגען קעגן תלמוד. — זע וויים „דור דור ודורשיו", חלק ה'.

**משה רבקש** (געשטארבן אין ווילנע סוף 1671), פוסק, מחבר פון „באר הגולה" אויפן שלחן ערוך ווי אויך „כללי הוראה"; מען האט אים גערופן „החסיד"; זע „קריה נאמנה" פון פין.

**משולח** זע „ישיבה", „מגיד".

**משומד** א ייד וואס האט פארלאזט די יידישע רעליגיע און אנגענומען אן אנדער רעליגיע; אין דער משנה און גמרא הייסט ער געווינלעך „מומר". אבער טיילמאל אויך משומד און דאס ווארט איז געווארן אין דרוק גאנץ אפט אויסגעמעקט דורכן צענזאר, און געשריבן דאס ווארט מומר; דער ערוך השלם איז ווארט „שמד" ברענגט די אלע ערטער פון דער גמרא, וואו אין די ניט־צענזורירטע ספרים איז פאראן „משומד" אנשטאט „מומר". די שמד־באוועגונג צווישן יידן איז געווען גרויס אין פארשידענע צייטן, סיי צוליב צוואנג, באזונדערס אין דער צייט פון די רדיפות און גירושים אין שפאניע און פארטוגאל (זע זוכווארט „אנוסים"), סיי צוליב אסימילאציע (זע „אסימילאציע"). די שמד־באוועגונג איז אויך איינע פון די אורזאכן וואס די צאל יידן איז ניט אזוי גרויס ווי זי האט באדארפט זיין ווען מען נעמט אין באטראכט אז יידן זענען געווען אין דער צייט פון חורבן בית שני איבער 5 מיליאן.

**משיח** (דער געזאלבטער). איינער פון די עקרים פון דער יידישער רעליגיע. וועלכע מען זאגט יעדן טאג נאכן דאווענען אין די 13 „אני מאמין", איז דער גלויבן אין „ביאת המשיח", אז עס וועט קומען דער געזאלבטער (דערפון דאס ווארט משיח) אויסלייזער פון גאט, און ער וועט אויסלייזן די יידן פון גלות. דאס ווארט „משיח" אלס אויסלייזער פון יידן איז פאראן אין ישעיה מ"ה „כה אמר ה' למשיחו לכורש" וועגן מלך פון פרס כורש, וועלכער האט געגעבן די יידן אין גלות בבל די דערלויבעניש צוריקצוגיין קיין ארץ־ישראל און אויפצובויען דאס בית המקדן; אבער דעם גלויבן איז

א יידישן משיח, וועלכער וועט קומען און אויסלייזן די יידן און ברענגען די לעצטע גאולה און איינפירן אין דער וועלט א נייע אָרדענונג פון גערעכטיקייט און געטלעכער הערשאַפט ניט נאָר צווישן יידן נאָר אויך צווישן אַלע פעלקער. געפינען מיר ערשט אין די שפּעטערע יידישע ספרים, אין דער גמרא, מדרשים. אין די דאָזיקע ספרים ווערט אָנגעוויזן, אַז אויף משיח האָבן נבואות געזאָגט די נביאים ישעיה ב', „והיה באחרית הימים", און עס וועט זיין אין סוף פון די צייטן, „כי מציון תצא תורה", פון ציון וועט אַרויסגיין די לערע פאַר פיל פעלקער (עמים רבים), „ושפט בין הגוים" און ער וועט משפטן צווישן די פעלקער, לא ישא גוי אל גוי חרב, איין פאָלק וועט מער ניט אויפהויבן די שווערד קעגן א צווייט פאָלק". דאָס זעלבע אויך אַנדערע נבואות פון ישעיה וועגן דער אידעאַלער אָרדענונג אין דער וועלט (ישעיה י"א) און אויך ביי אַנדערע נביאים. ירמיהו, יחזקאל, זכריה, מלאכי („הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא), דניאל. דייטלעך וועגן ביאת המשיח געפינען מיר אויך אין טייל ספרים אחרונים פון דערצייט פון בית שני, און אויך אין די היסטאָרישע ספרים אחרונים פון דער צייט פון בית שני, און אויך אין די היסטאָרישע ביכער פון פלאַוויוס. וועלכער דערציילט, אַז טייל מענטשן האָבן אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט איבער ארץ־ישראל אויסגענוצט דעם משיח־גלויבן און זיך דערקלערט אַלס משיח. אין דער משנה ווערט דער גלויבן אין משיח געבראַכט אין ברכות סוף פרק א' „לימות המשיח" און סתם „עולם הבא" (משנה סנהדרין פרק חלק). וועגן וואָס ס'זענען פאַראַן מיינונגען צי מען מיינט דערמיט די צייטן פון משיח. אין דער גמרא און מדרש ווערן געבראַכט וועגן גלויבן אין משיח פיל דברי אגדה.

די גמרא אין סנהדרין צ"ח זאָגט אויפן פסוק ישעיה ס' „בעתה אחישנה", אַז ווען יידן וועלן זוכה זיין וועט משיחס קומען צוגעאיילט ווערן, און אויב ניט וועט די גאולה זיין בעתה, אין איר באַשטימטער צייט. אין דער זעלבער גמרא ווערט געבראַכט אַז אויב יידן וועלן זוכה זיין וועט משיח קומען אויף די וואָלקנס פון הימל, און אויב ניט וועט ער קומען „עני ורוכב על החמור" („אָרעם, רייט אויף אן אייזל"). דאָרט אין דער גמרא ווערן געבראַכט פאַרשידענע נעמען פאַר משיח (ינון, מנחם, שילה, חנינה). און די גמרא פסחים נ"ד זאָגט, אַז משיחס נאָמען איז באַשאַפן געוואָרן איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. אין סנהדרין צ"ז ווערט געזאָגט, אַז איידער משיח וועט קומען וועט זיין א הונגער און א סך מענטשן וועלן אויסשטאַרבן. וועגן די ליידן פאַר משיחס קומען זע זוכווארט „חבלי משיח". צום סוף גמרא סוטה ווערן געבראַכט א ריי סימנים פון משיחס צייטן. עס איז צו באַמערקן, אַז עס איז געווען איין אמורא רבי הלל, וועלכער האָט געוואָגט צו זאָגן (דאָרט אין סנהדרין) „אין להם משיח לישראל", אַז יידן וועלן ניט האָבן קיין משיח. און די גמרא טרעט אַרויס קעגן רבי הלל; רש"י טייטשט דאָרט אויס די ווערטער פון רבי הלל אַז „הקדוש ברוך הוא ימלוך בעצמו ויגאלם לבדו" (גאָט וועט אַליין קעניגן און וועט די יידן אַליין אויסלייזן). דער אמורא שמואל זאָגט (שבת ס"ג) „אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד" (צווישן דער איצטיקער צייט און דער צייט פון משיח וועט דער אונטערשיד זיין נאָר אין דעם, וואָס דעמאָלט וועלן די אַנדערע פעלקער ניט הערשן איבער די יידן); די צייט פון משיח הייסט דאָ, און אויך אין דער משנה ברכות סוף פרק א', „ימות המשיח". די אַלע ערטער פון דער גמרא

וועגן משיח ווערן געבראכט אין „ערוד השלם", זוכווארט „משיח". אין דער גמרא סוכה נ"ב ווערט געזאגט, אז עס וועלן זיין צוויי משיחים, איינער משיח בן יוסף, וועלכער וועט פירן די מלחמה פון גוג ומגוג און וועט געהרגעט ווערן, און דערנאך וועט קומען משיח בן דוד (אפשטאמען פון דוד המלך), וועלכער וועט ברענגען די גאולה. דער זין פון די צוויי משיחים ווערט אויסגעטייטשט, אז עס וועלן אויסגעלייזט ווערן סיי די די עשרת השבטים, וועלכע האבן אמאל געהאט דאס מלכות ישראל (מלכות אפרים, פון יוסף) און סיי די יידן וואס שטאמען פון מלכות יהודה (מלכי בית דוד). אין פסיקתא רבתי לה' ווערט געזאגט, אז פאר ביאת המשיח וועט קומען אליהו אויף די בערג פון ארץ ישראל און וועט מבשר זיין די גאולה (דאס נעמט זיך פון פסוק סוף מלאכי). אין אנדערע אגדות וועגן משיח ווערט געזאגט אז אליהו הנביא וועט בלאזן שופר וואס ווערט זיין דער צייכן פון גאולה; דערפון איז דער אויסדרוק „שופר של משיח", און אויך דער וואונטש „זוכה צו זיין צו הערן שופר של משיח". — אין פיל ערטער איז דער גלויבן אין משיח אויך פארבונדן מיט דעם גלויבן, אז דוד המלך וועט זיין דער משיח (דוד מלך ישראל חי וקים), אדער אז משיח וועט זיין איינער פון דודס אפשטאמענדע אייניקלעך. דאס ווערט דערקלערט מיט דעם אויסדרוק אין תהלים קל"ב בעבור דוד עבדך אל תשב פני משיחך", און „שם אצמיח קרן לדוד, ערכתי נר למשיחי". דערפון איז פאראן דער אויסדרוק „דוד מלכא משיחא", און „משיח בן דוד". דערפון זענען די צוויי תפלות אין שמונה עשרה „ולירושלים עירך, — וכסא דוד עבדך", און „את צמח דוד עבדך". דערפון איז אויך די ברכה פאר דער הפטרה „שמחנו — ובמלכות בית דוד משיחך, — מגן דוד". — מיט די ענינים וועגן ביאת המשיח האבן זיך אויך באשעפטיקט די יידישע גדולים נאך דער צייט פון דער גמרא און מדרשים, און באזונדערס דער רמב"ם אין זיין בארימטן בריוו „אגרת תימן", אין וועלכן ער רעדט ארום די סימנים פון ביאת המשיח און טרעט ארויס קעגן פאלשע משיחים. — די דערשיינונג פון „פאלשע משיחים" („משיחי שקר") באמערקט מען אין דער יידישער געשיכטע זינט די אלטע צייטן פון בית שני, און עס האבן זיך אנגעהויבן די אונטערדריקונגען פון יידן דורך אנדערע פעלקער, באזונדערס דורך די רוימער אין דעם 1טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. מען האט געזען, אז מיט אייגענע מענטשלעכע כוחות וועט מען די מיליטערישע מאכט פון די אונטערדריקער ניט בייקומען, און מען האט געגלויבט אין קומען פון משיח, וועלכער וועט באווייזן וואונדער און באפרייען די יידן פון אונטערדריקער. זינט דעמאלט האבן זיך באוויזן פון צייט צו צייט פערזאנען, וואס יעדער פון זיי האט געזאגט, אז ער איז דער דערווארטעטער גואל, דער משיח, דער דערלייזער, און האט פרעטענדירט צו באווייזן די וואונדער. וועגן ישו הנוצרי געבן מיר אין זוכווארט „ישו הנוצרי". אין יענע צייטן זענען געווען עטלעכע משיח־פרעטענדענטן; וועגן זיי ווערט דערציילט אין פלאוויוסעס ביכער „מלחמות" און „קדמוניות". דער באדייטנדסטער משיח פרעטענדענט און מיליטערישער העלד ביי יידן איז געווען בר כוכבא, אין וועמען אפילו דער תנא רבי עקיבא האט געגלויבט אז ער איז משיח (זע „בר כוכבא"). נאך דער שרעקלעכער מפלה פון בר כוכבא האבן זיך באוויזן ביי יידן אין דער צייט פון דער גמרא אנדערע „פאלשע משיחים", וועלכע האבן ארויס־

גערופן אין ארץ־ישראל אויפשטאנדן קעגן רוים. נאך חתימת התלמוד, איז דער גאנצער צייט פון דער יידישער געשיכטע, האבן זיך באוויזן די „פאלשע משיחים" אין פארשידענע געשטאלטן, אלס מיליטערישע העלדן, מיסטיקער־טרוימער, רעפארמאטארן פון דער יידישער רעליגיע; די באדייטנדסטע פון זיי זענען דוד אלרואי (זע „דוד אלרואי"), דוד הראובני (זע „דוד הראובני"), שבתי צבי (זע „שבתי צבי"), און טייל פון שבתי צבים נאכפאלגער. — ו: ו דער משיח־אידייע ביי יידן זענען פאראן צוויי וויכטיקע דערשעפנדע ביכער: קלויזנער „הרעיון המשיחי בישראל" און גרינסטאן (אין ענגליש) „דהי מעסאיא איידיע אין דזשואיש היסטארי"; א סך פון גרינסטאנס מאטעריאלן זענען אויסגענוצט געווארן אין קלויזנערס העברעאישער ארבעט.

**משכיל** זע „השכלה".

**משכן** נאמען פון דעם באוועגלעכן בית המקדש, וואס די יידן האבן געהאט אין דער מדבר; דאס ווארט איז פון „שכן" (וואוינען). אין חומש שמות כ״ה זאגט גאט צו משה רבנו אז ער זאל זאגן צו די יידן, אז יעדער זאל געבן נדבות „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", און דערפון זאלן זיי מיר מאכן א הייליקטום און איך וועל וואוינען צווישן זיי. דארט אין חומש (סדרה תרומה) ווערט באשריבן אויספירלעך ווי דער משכן האט אויסגעזען, וואסערע כלים עס זענען געווען אינווייניק. ער איז געווען א געצעלט, איבערצוטראגן פון איין ארט אין צווייטן, געמאכט פון האלץ און באדעקט מיט יריעות. אין משכן איז געווען דער ארון, דער טיש, מנורה, און מזבח. אין שמות ל״ה ווערט געזאגט, אז די ארבעט פון משכן האבן אויסגעפירט בצלאל בן אורי פון שבט יהודה און אהליאב בן אחיסמך פון שבט דן. אין די תלמודישע קוואלן ווערט אויך דאס הייליקטום וואס יידן האבן שפעטער, אין דער צייט פון די שופטים, געהאט אין שילה, אנגערופן „משכן שילה".

**משל** אין תנ״ך געפינען מיר, אז דאס ווארט „משל" באצייכנט ניט נאר דאס וואס מיר פארשטייען אונטער דעם דאזיקן ווארט, א קליינעם סיפור המעשה, פון וועלכן מען נעמט ארויס א מוסר השכל, נאר אויך סתם יעדע לערע, נבואה. ביי בלעם איז פאראן (במדבר כ״ג) „וישא משלו ויאמר", און דער דאזיקער „משל" איז געווען א פאעטישע נבואה. אין במדבר כ״א ווערן דערמאנט די „מושלים", און עס איז ניט קלאר, וואס מען מיינט דערמיט. אין יחזקאל כ״ד געפינען מיר שוין דעם אויסדרוק „משל" אלס א פארגלייך; דער נביא פארגלייכט די לאגע פון ירושלים און אירע איינוואוינער בעת דער באלאגערונג דורכן מלך בבל צו א טאפ מיט היים וואסער, אין וועלכן עס ווערן אויפגעקאכט די בעסטע מאכלים. אזעלכע בילדלעכע פארגלייכונגען געפינען מיר אין תנ״ך אין פיל ערטער. דער ערשטער משל אין דעם זין אין תנ״ך איז די מעשה מיט יותם בן גדעון (שופטים ט') וועגן די ביימער וועלכע זענען געגאנגען אויסרופן איבער זיך א קעניג. דער ספר משלי אין תנ״ך האט אויך קורצע פארגלייכונגען (זע „משלי"). אין מלכים א' ווערט געזאגט וועגן שלמה המלך אז ער האט מחבר געווען „שלשת אלפים משל" (3,000 משלים). — אין דער גמרא און מדרש, אין דער גאנצער אגדה, געפינען מיר זייער פיל משלים, קליינע ספורי מעשיות, מיט וועלכע מען דערקלערט פארשידענע ענינים. איינע פון די 32 מדות מיט וועלכע דער תנא

רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי האט דערקלערט אין דברי אגדה די תורה איז געווען דער „משל (זע זוכווערטער „אגדה", „מדות"). טייל משלים פון דער גמרא און אגדה געפינען מיר אויך ביי אנדערע פעלקער, ווי די מעשה מיטן לייב און דעם פויגל שטארך (מדרש בראשית רבה ס"ד), די מעשה מיטן פוקס וואס האט זיך געוואלט אריינבאקומען אין וויינגארטן (מדרש קהלת אויפן פסוק „כאשר יצא מבטן אמו"). די גמרא אין סנהדרין ל"ח זאגט אז דער תנא רבי מאיר האט געהאט 300 משלים וועגן פוקסן (ווארשיינלעך מעשיות וועגן חיות, ענלעך צו די פאבלען פון גריכישן עזאפ). אין די משלים פון דער תלמודישער אגדה האבן מיר אייגנטלעך די יידישע פאלקס־ליטעראטור פון דער צייט פון תלמוד.— אין מיטלאלטער געפינען מיר טיילמאל יידישע גדולים, וועלכע האבן געשאפן אויפן געביט פון משלים ווי רבי ברכיה הנקדן אין זיין „משלי שועלים", רבי קלונימוס „אגרת בעלי חיים", רבי אברהם חסדאי אין זיין „בן המלך והנזיר", דער „כלילה ודימנה", רבי יוסף זבארה אין זיין „ספר השעשועים" (זע „ברכיה", „חסדאי", „זבארה"). די דאזיקע משלים זענען מייסטנס איבערזעצונגען פון אנדערע שפראכן. — פאפולער איז אויך געווארן דער משל ביי די יידישע מגידים אין 18טן און 19טן יארהונדערטער, און באזונדערס האט זיך אויסגעצייכנט דערמיט רבי יעקב קראנץ (זע „יעקב קראנץ") דער דובנער מגיד, וועמענס משלים (אין זיין ספר „אהל יעקב") זענען טרעפלעך אין פארם און אינהאלט; זיי זענען צונויפגעזאמלט און געדרוקט מיטן נאמען „משלי יעקב", און זענען אויך איבערזעצט אין יידיש. — איינעם פון די משלים פון מדרש (דער פוקס און דער וויינגארטן) געבן מיר אין זוכווארט „אגדה". — וועגן א ריי משלים וואס זענען פאראן אין מדרש און אויך ביי אנדערע פעלקער איז דא א מיינונג, אז די אנדערע פעלקער האבן זיי גענומען ביי יידן. — זע שטיינשניידער אין זיין דייטש ווערק „יידישע ליטעראטור" (העברעאיש „ספרות ישראל"), דזשייקאבס אין זיין ענגליש ווערק „דזשואיש איידיעלס".

**משלי** נאמען פון ספר אין תנ"ך איז כתובים; ווי דער אנהויב פון ספר זאגט, איז ער פארפאסט געווארן דורך שלמה בן דוד מלך ישראל. וועגן דער באדייטונג פון ווארט „משל" זע זוכווארט „משל". — דאס ספר האט 31 קאפיטלעך, און אנטהאלט ווערטער פון מוסר, לעבנס־חכמה, אנווייזונגען וועגן קינדער־דערציאונג, גרויסקייט פון חכמה, קורצע אפאריזמען פון פאלקסטימלעכער לעבנס־דערפארונג, און צום סוף פון ספר איז פאראן א לויב־געזאנג פאר דער ערלעכער און ארבעטזאמער הויז־פרוי (אשת חיל). וועגן די פרקים כ"ה—כ"ט ווערט געזאגט, אז דאס האבן מעתיק געווען די מענטשן פון חזקיה מלך יהודה. די פרקים ל' און ל"א זענען צוגעשריבן צו די חכמים „אגור בן יקה", „איתיאל" און „למואל מלך משא" (לויט טייל מיינונגען זאלן די קאפיטלעך שטאמען פון די חכמי אדום). עס זענען אויך געפונען געווארן ענלעכקייטן צווישן אפאריזמען פון ספר משלי און די געפונענע משלים פון אחיקר (זע „אחיקר) ווי אויך פון אן אלט־עגיפטישער משלים־זאמלונג. די יידישע טראדיציע (אבות דרבי נתן ל"ט) האלט, אז אויך די קאפיטלעך פון אגור בן יקה, און אנדערע, זענען פון שלמה המלך, וועגן וועלכן דער ספר מלכים א' ה' זאגט, אז ער האט מחבר געווען 3,000 משלים. די גמרא שבת ל' זאגט, אז מען האט שפעטער געוואלט באהאלטן („גונז זיין") דעם ספר משלי

ווייל ער איז זיך סותר אין טייל ווערטער, נאר מען האט פארענטפערט די סתירות און ער איז געבליבן. אויף משלי זענען פאראן פרושים פון כמעט אלע מפרשי התנ"ך. אויך איז פאראן א מדרש אויף משלי.

**משמש** מיט דעם נאמען ווערט אנגערופן ביי חסידים די פערזאן וואס שטייט אמנאענטסטן צום רבין און באדינט דעם רבין; ער הייסט דער משמש, טיילמאל שרייבט ער זיך אויך אונטער „משמש בקודש", אין אונטערשיד פון די שמשים אין שול און בית המדרש אדער ביים רב וועלכע הייסן „שמשים".

**משמר, משמרות** אין דער צייט פון בית המקדש זענען די כהנים געווען איינגעטיילט אין משפחות־אפטיילונגען און יעדע אפטיילונג האט געהייסן „משמר" פון פסוק (נחמיה י"ג). „משמרות לכהנים". די גמרא אין תענית כ"ז זאגט, אז אין דער צייט פון משה רבנו זענען געווען נאר 8 משמרות, און דוד המלך האט איינגעטיילט די כהנים אין 24 משמרות. יעדער משמר האט געהייסן לויט זיין ערשטן משפחה־פאטער, ווי „יהויריב", „ידעיה" און אזוי ווייטער (אויסגערעכנט אין דברי הימים א' כ"ד). יעדער משמר פון די כהנים האט געדינט א וואך אין בית המקדש. עס איז צו באמערקן אז אין איינער פון די אלטע קינות צו תשעה באב „איכה ישבה בדד החבצלת השרון" ווערן אויסגערעכנט די משפחות־נעמען פון די כהנים־משמרות צוזאמען מיט נעמען פון שטעט אין ארץ־ישראל, וואו זיי האבן געוואוינט. דער געלערנטער ראפאפארט, אין „ערך מלין" (ווארשע־אויסגאבע, זוכווארט „משמרות") ווייזט אז, אז עס איז געווען אמאל א ברייתא פון די כ"ד משמרות. — אין די ישיבות אין ליטע און פוילן פלעגן די בחורים אויף זיין נעכט, געוויינלעך דאנערשטיק ביינאכט, און לערנען, און מען האט דאס גערופן „אויף זיין א משמר"; דער אויסדרוק „משמר" פאר א טייל פון דער נאכט איז פאראן אין גמרא ברכות ג'.

**משנה, משניות** מיטן נאמען „משנה" רופן מיר אן די זאמלונג הלכות פון די תנאים וואס איז צונויפגעזאמלט געווארן דורך רבנו יהודה הנשיא (אין דער 2טער העלפט פון 2טן יארהונדערט אין ארץ־ישראל), אדער ווי מען רופט אים סתם רבי. דאס ווארט משנה ווערט אויסגעטייטשט לויט איין מיינונג פון „שנה" (לערנען), און לויט א צווייטער מיינונג פון „משנה", „דאפלט", די „צווייטע", דאס הייסט די צווייטע צו דער תורה. די משנה וואס מיר האבן איז איינגעטיילט אין 6 סדרים (ששה סדרי משנה); דערפון איז דאס ווארט ש"ס (ששה סדרים). זיי הייסן: זרעים מועד, נשים, נזיקין, קדשים, טהרות. יעדער סדר אנטהאלט א געוויסע צאל מסכתות; צוזאמען האבן זיי 63 מסכתות. די מסכתות זענען איינגעטיילט אין פרקים, און יעדער פרק אין משנהס. ווען מען שרייבט למשל משנה ברכות ה' ו' מיינט מען די משנה פון מסכתא ברכות 5טן פרק און 6טע משנה פון דאזיקן פרק. וועגן יעדן פון די סדרים און מסכתות געבן מיר ביי זייערע זוכווערטער, ווי למשל „זרעים", „ברכות". די איינטיילונג פון דער משנה אין 6 סדרים איז אן אלטע און ווערט דערמאנט אין דער גמרא שבת ל"א און אנדערע ערטער. אין מדרש שיר השירים רבה ו' ווערט געזאגט אז עס זענען פאראן נאר 60 מסכתות, און דאס איז דערפאר וואס זיי האבן גערעכנט די דריי בבות (בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא) פאר איין מסכתא און אויך סנהדרין און מכות פאר

איין מסכתא. אויף דעם גרעסטן טייל פון משניות זענען פאראן תוספתא און גמרא. וועגן דער תוספתא און גמרא געבן מיר ביי די זוכווערטער „תוספתא" און „תלמוד". — די משנה, וועלכע איז דער יסוד פון דער תורה שבעל פה, וואס טייטשט אויס די מצוות פון חומש און גיט אויך צו נייע דינים, באשטייט איז גרעסטן טייל פון סתם הלכות, וועגן וועלכע עס איז ניט פאראן קיין שום מח־לוקות, קיין מיינונגס־פארשידנקייטן. אבער עס זענען אויך פאראן אזעלכע הל־כות אין דער משנה וועגן וועלכע עס זענען פאראן מחלוקות פון די תנאים, דאס זענען די יידישע חכמים אין ארץ־ישראל וואס האבן געלעבט לערך פון 1טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג ביז סוף 2טן יארהונדערט נאך דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. די הלכה־מחלוקה ווערט געבראכט מיט די נעמען פון די תנאים. למשל די ער־שטע משנה אין ברכות לערנט אונדז וועגן דעם פון ווען אן מען קאן זאגן קריאת שמע אין אוונט און ביז ווען. זאגט די משנה אזוי „מאימתי קורין את שמע בערבין?" פון ווען אן לייענט מען קריאת שמע אין אוונט? „משעה שהכה־נים נכנסים לאכול בתרומתן", דאס הייסט אזוי ווי עס ווערט נאר נאכט און די כהנים גייען אריין עסן זייער תרומה, וואס זיי פלעגן עסן נאר ביי־נאכט ווען זיי זענען געווארן ריין. דע־רויף איז ניטא קיינע מחלוקה. איצט וועגן דער צווייטער פראגע: „ביז ווען?" זאגט די משנה „עד סוף האשמורה הרא־שונה, דברי רבי אליעזר", ביז צום סוף פון דעם ערשטן דריטל טייל נאכט, אזוי זאגט דער תנא רבי אליעזר. דערנאך גיט צו די משנה „וחכמים אומרים עד חצות", און אנדערע תנאים (וועמענס נאמען ווערט דא ניט דערמאנט, נאר סתם חכמים) זאגן, אז ביז האלבע נאכט.

דערנאך גיט ווידער צו די משנה „ורבן גמליאל אומר עד שיעלה עמוד השחר", און דער תנא רבן גמליאל זאגט, אז א גאנצע נאכט, ביז אינדערפרי. די מש־נהס אן מחלוקות הייסן „סתם משנה". די משניות זענען געשריבן אין א קלא־רער, בויגזאמער העברעאישער שפראך, וואס אונטערשיידט זיך שטארק פון דער העברעאישער שפראך פון תנ"ך מיט איר בויגזאמקייט, א סך ווערטער געבויט אויפן שטייגער פון אראמעאיש, באזוי־טיקט טייל שווערע דקדוק־כללים פון תנ"ך־העברעאיש, קורץ געפאסט, יעדעס ווארט איז אריינגעפאסט, ניטא קיינע איבעריקע אויסדרוקן. פאראן אין דער משנה אויך אגדה־ווערטער, דברי־מוסר, באזונדערס אין דער משנה אבות. — געוויינלעך איז אנגענומען, אז רבי יהודה הנשיא, רבי, האט מסדר געווען די משנה. אבער ארום דעם דאזיקן וויכטיקן עניין פון סידור המשנה זענען פאראן זייער פיל פראגן, וועגן וועלכע עס הערשן פארשידענע מיינונגען ביי די יידישע גדולים אין די עלטערע צייטן און אויך ביי די געלערנטע יידישע היסטאריקער אין דער נייער צייט. עס איז קודם כל די פראגע: צי האט רבי שוין געהאט פאר זיך א צונויפגעשטעלטן משניות, נאר ער האט אים געגעבן די לעצטע רעדאקציע, צוגעבנדיק די מחלוקות פון די לעצטע תנאים? אדער ער האט פאר זיך גארניט געהאט נאר צעווארפענע הלכות און ער האט דאס אלץ צוזא־מענגעשטעלט, רעדאגירט דעם סטיל פון דער הלכה און די מחלוקות פון די תנ־אים? עס איז געווען א צייט ווען מען האט זיך געהאלטן ביי דער מיינונג אז פאר רבי איז ניט געווען קיין צונויפגע־שטעלטע משניות; נאכער איז געווען א מיינונג, אז פארשידענע תנאים (ווי רבי עקיבא, די „משנה הראשונה") האבן גע־האט פארשידענע משניות. ערשט לעצ־

טנס האט דער גרויסער געלערנטער רבי יצחק אייזיק הלוי אין זיין ספר „דורות הראשונים" (אין די קאפיטלעך „המשנה ביסודה ותקופת התנאים עליה") אנגעוויזן, אז דער יסוד פון די משניות, די סתם משנה, איז זייער אלט, נאך פאר דער צייט פון שמאי והלל (1טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) און אין דעם איז גארניט געענדערט געווארן; נאר שפעטער ווען עס זענען אנטשטאנען די מחלוקות פון די תנאים האט מען די דאזיקע מחלוקות צוגעגעבן; אז רבי האט ניט רעדאגירט און ניט מסדר געווען די משנה, נאר ער האט איר געשלאסן (הגם גאר איינצלנע שטעלן זענען צוגעגעבן געווארן נאך רבין), צוגעבנדיק די גאר לעצטע תנאים־מחלוקות וועגן איינצלנע פרטים. — עס איז אויך פאראן א פראגע: צי האט מען די משנה אויפגעשריבן אין דער צייט פון רבי? מיט דער דאזיקער פראגע און בכלל מיט סידור המשנה באשעפטיקט זיך דער בארימטער קלאסישער בריוו פון רב שרירא גאון („אגרת דרב שרירא"), און עס איז צו באמערקן, אז דער בריוו לעזט ניט די פראגע, ווייל פונם בריוו זענען פאראן צוויי פארשידענע נוסחאות. וועגן דעם דאזיקן בריוו געבן מיר ביים זוכווארט „שרירא". — אויף דער משנה זענען פאראן (אחוץ תוספתא און גמרא) א סך פירושים. די בארימטסטע פון זיי זענען: פירוש רב האי גאון, פירוש רש"י, פירוש המשניות פון רמב"ם (אין אראביש, איבערזעצט אין העברעאיש) מיט א הקדמה וועגן תורה שבעל פה און דער משנה, פולער פירוש פון רבנו עובדיה ברטנורא (זע „ברטנורא"), „תוספות יום טוב" פון רבי יום טוב ליפמאן העליר, „תפארת ישראל" פון רבי ישראל ליפשיץ און אויך אנדערע. די משניות זענען איבערזעצט געווארן אין פיל שפראכן. — אויך זענען פאראן פיל מאדערנע ספרים און ביכער וואס האבן זיך באשעפטיקט מיט אויספארשן אלע פראגן וועגן דער אנטשטייאונג, רעדאקציע און צוזאמענשטעל פון דער משנה. די וויכטיקסטע זענען: פראנקעל, „דרכי המשנה", בריל „מבוא המשנה", ווייס „דור דור ודורשיו", און איבער אלע דאס דערמאנטע ספר פון הלוי „דורות הראשונים" אין די קאפיטלעך „המשנה ביסודה".

**משנה תורה** זע „דברים", משה בן מימון".

**מת** זע „אבל", „בית עלמין", „דומה", „טויט", „מלאך המות", „קבורה".

**מת מצוה** מיט דעם נאמען רופט מען אן איינזאמען מת, וועלכער האט ניט ווער עס זאל זיך פארנעמען מיט זיין קבורה. דאס ברענגען צו קבורה א מת מצוה איז זייער א גרויסע מצוה. — זע זוכווארט „קבורה".

**מתושלח** זון פון חנוך; ווי חומש בראשית ה' דערציילט האט ער געלעבט 969 יאר, און איז דעריבער דער מענטש, וואס האט אמלענגסטן געלעבט אויף דער ערד. דערפון שטאמט דער אויסדרוק אין יידיש פאר א זייער לאנג לעבן „מתושלחס יארן".

**מתיבתא** זע „ישיבה".

**מתן תורה** דאס געבן די תורה אויפן בארג סיני. זע זוכווארט „תורה".

**מתנגדים** מיטן נאמען „מתנגדים" האבן חסידים באצייכנט זייערע קעגנער, און בכלל די ניט־חסידים. וועגן די מחלוקות צווישן חסידים און מתנגדים זע זוכווארט „חסידות".

# נ

**נ, ן (נון)** דער 14טער בוכשטאַב אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; אַלס ציפער איז ער 50; ביים סוף פון אַ וואָרט ווערט ער געשריבן ן, וואָס ווערט גערופן אין יידיש „לאַנגע נון".

**נאַגאַרה (נגארה) ישׂראל** (געבוירן צפת לערך 1555 — געשטאָרבן אין עזה לערך 1628); דיכטער און מקובל; זון פון ראש ישיבה רבי משה נאַגאַרה, ביי וועמען ער האָט אין דער יוגנט געלערנט יידישע לימודים; ער האָט זיך באַקאַנט אויך מיט אַראַבישע דיכטער און דער אַראַבישער פּאָעזיע; אַלס יונגערמאַן האָט ער פיל געוואַנדערט ביז ער האָט זיך באַזעצט אין דמשק, וואו ער איז געווען אַ געוויסע צייט חזן; דאָ האָט ער געהאַט די געלעגנהייט מער זיך צו באַקענען מיט דער אַראַבישער דיכטונג. און ווי מען האָט דערציילט וועגן אים האָט ער פאַרבראַכט אין זייער געזעלשאַפט, פיל געטרונקען וויין; ער האָט דערנאָך תשובה געטאָן, צוריק געגאַנגען קיין צפת; געליטן פיל פאַמיליע ליידן, פרוי און קינד געשטאָרבן, ווידער געווען אין דמשק, חתונה געהאַט, געבוירן דריי זין, אויף דער עלטער געוואָרן דיין אין עזה און דאָ געשטאָרבן. רבי ישׂראל נאַגאַרה האָט געשריבן פיל זמירות און פּיוטים אין העברעאיש און אַראַמעאיש. און דער ר"י (רבי יצחק לוריא), דער פאָטער פון די מקובלים, האָט געזאָגט אויף אים, אַז זיינע זמירות זענען חשוב אין הימל; באַקאַנט איז זיין זמר, וואָס מען זינגט פרייטיק־צונאַכטס „יה רבון עלם ועלמיא", אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק די בענקשאַפט צו דער גאולה. ער האָט אויך געשריבן וועלטלעכע לידער, צווישן זיי ליבעס־לידער. מחבר פון „זמירות ישׂראל" (צפת „שמ"ו), „משחקת בתבל" אויף מוסר (צפת שמ"ז), „פּזמונים" (ווין 1858), און אַנדערע ספרים, פון וועלכע פיל זענען געבליבן אין כתב יד. — זע צינבערגס „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן"; ראַזאַנים „דברי ימי ישׂראל בתוגרמה".

**נאַדיר, משה** (יצחק רייז), שריפטשטעלער, געבוירן 1885 אין מזרח־גאַליציע, זינט 1898 אין אַמעריקע, געשריבן לידער, סאַטירעס, קורצע ליריש־פילאָזאָפישע עסייען; אָריגינאַליטעט אין סטיל, באַזינגט דעם הבל הבלים פון לעבן; זיינע ווערק זענען דערשינען אין 6 בענדער. — איינצלהייטן אין רייזנס „לעקסיקאָן".

**נאַטאַנסאָן, יוסף שאול** (1808 — 1875), באַרימטער רב און ראש ישיבה אין לעמבערג (זינט 1857), מחבר פון פיל ספרים, פון וועלכע די באַקאַנטסטע זענען שאלות ותשובות „שואל ומשיב", „דברי שאול ויוסף דעת" און אַנדערע.

**נאַכט** אין דער יידישער רעליגיע ווערט די נאַכט גערעכנט צום טאָג, וואָס קומט דערנאָך; שבת הויבט זיך אָן ניט מיט דעם שבת אינדערפרי נאָר מיט דער פאַריקער נאַכט; דאָס זעלבע איז אויך מיט אַלע ימים טובים, ראש חודש, די תעניתים פון יום כפור און תשעה באב, יאָרצייט; אַלס רמז דערצו ווערט געזען אין דעם פּסוק בראשית א' „ויהי ערב ויהי בקר יום אחד". — זע „חצות" „משמר".

**נאָמען, נעמען** עס איז דער מנהג, אַז אַ נאָמען דעם ניי־געבוירענעם קינד

ביי יידן גיט מען אַ אינגל ביים ברית (דער מנהג איז שוין געווען אין דער צייט פון בית שני), און אַ מיידל אין שול ביים אויפרופן דעם קינדס פאָטער צו אַ עליה; געוויינלעך איז דער מנהג צו געבן אַ נאָמען נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם נאָענטן קרוב; טיילמאָל, אויב איינער איז שטאַרק קראַנק, גיט מען צו אַלס סגולה נאָך אַ נאָמען; דאָס הייסט „שינוי השם" און ווערט דערמאָנט אין גמרא ראש השנה ט"ז; מייסטנס איז דער צוגעגעבענער נאָמען „חיים", אָדער „אַלטער". — דער מדרש אין שיר השירים ד' זאָגט, אַז יידן טאָרן זיך ניט רופן מיט ניט־יידישע נעמען, און פאַררעכנט עס אַלס זכות פון די יידן אין מצרים וואָס זיי האָבן זיך ניט געגעבן מצרישע נעמען (לא שינו את שמם). — איבער די היינטיקע יידישע נעמען און זייער אָפּשטאַמונג איז פאַראַן אין דייטש אַ בוך פון צונץ „די נעמען פון די יידן".

## נאָמבערג, הערש דוד
(1876 — 1927), יידיש־העברעאישער שריפטשטעלער און פובליציסט, דעפוטאַט פון פוילישן פאַרלאַמענט (סיים), גרינדער פון דער יידישער פאָלקיסטישער פאַרטיי, אַנהענגער פון יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק; דערשינען זיינע געזאַמלטע ווערק. — איינצלהייטן אין רייזנס „לעקסיקאָן".

## נאַציאָנאַליזם (לאומיות)
די פראַגע, צי איז יידנטום אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, צי זענען יידן אַ באַזונדערע נאַציע, אָדער דאָס יידנטום איז נאָר אַ רעליגיע און האָט מיט נאַציע ניט קיין שייכות, איז איינע פון די וויכטיקסטע אין יידישן לעבן. די שטעלונג צו איר איז ביי די פאַרשידענע פאַרטייען פאַרשידן. די אַסימילאַטאָרן האַלטן, אַז יידנטום איז נאָר אַ רעליגיע, און פונקט ווי עס קאָן זיין אַ ענגלענדער אַ קאַטאָליק, אַ פּראָטעסטאַנט און אַפילו אַ מאַכמעדאַנער, אַזוי קאָן מען זיין אַ ענגלענדער (צי אַן אַנגעהעריקער צו אַן אַנדער פאָלק) און רעליגיעז געהערן צום יידישן גלויבן. די נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך קריסטאַליזירט אין ענדע פון 19טן און אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט, ווי ציוניזם, מזרחי, פאָלקספאַרטייען, און אין אַ געוויסער מאָס אויך די אגודת ישראל, שטרייכן אונטער דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון יידנטום און יידישן פאָלק. אָבער אויך זיי גייען זיך פונאַנדער אין די אָנשויאונגען איבער דעם וועזן פון יידישן נאַציאָנאַליזם, נעמלעך, צי איז ער פאַרבונדן מיט דער יידישער רעליגיע, אָדער ער איז אינגאַנצן וועלטלעך, ניט־רעליגיעז, צי איז די צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל אַ הויפּט־יסוד אין יידישן נאַציאָנאַליזם, וועלכע שפּראַך איז די נאַציאָנאַלע (העברעאיש, יידיש). — זע זוכווערטער „אחד־העם", „אַסימילאַציע", „געשיכטע", „ייד, יידנטום".

## נאָרדוי, מאַקס
(שמחה מאיר זידפעלד), געבוירן אין בודאַפּעסט, אונגאַרן, געשטאָרבן 1923 אין פּאַריז; שריפטשטעלער, דענקער, דאָקטאָר־מעדיצין, ציוניסטישער פירער; געוואוינט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין פּאַריז; צוזאַמען מיט דר. הערצל געשאַפן די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אָנטיילגענומען אין אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן, אויף וועלכע ער האָט געהאַלטן זיינע באַרימטע רעדעס איבער דער סיטואַציע פון יידן אין דער וועלט; נאָך דער וועלט־מלחמה 1914־1918 האָט ער געפאָדערט אַריינצופירן קיין ארץ־ישראל מיטאַמאָל אַ האַלבן מיליאָן יידן, און איז צוליב דעם געווען אין אָפּאָזיציע צו דער אָפיציעל־ציוניסטישער פירער־

שאַפט. — נאָרדוי איז באַקאַנט אַלס באַדייטנדער דענקער, זיינע ווערק „פּאַראַדאָקסן" (איבערזעצט אין העברעאיש דורך ברייגין און אין יידיש דורך קאַרלינסקי), „קאָנווענציאָנעלע שקרים", „פון קרעמעל ביז צו אלהאמבראַ", „ענטאַרטונג" האָבן געהאַט אַ זייער גרויסן איינפלוס אויף דער געשטאַלטונג פון אינטעלעקטועלע ריכטונגען אין איראָפּע צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט; ער האָט אויך געשריבן אַ ריי דראַמעס („דר. כהן" און אַנדערע), „זכרונות", „בריוו". אין יאָר 1928 האָט מען געבראַכט דעם אָרון פון נאָרדוי פון פּאַריז קיין תל אביב און דאָרט געבראַכט אים צו קבורה. אויפן נאָמען פון נאָרדוי איז פאַראַן אין תל אביב דער קוואַרטאַל „נורדיה" און „תל נורדוי".

**נאָרוועגיע** לאַנד אין צפון־איראָפּע, סקאַנדינאַווישן האַלב־אינזל; אויף לערך 3 מיליאָן איינוואוינער זענען פאַראַן 1,500 יידן; אין אַפּריל 1940 דער אָנגריף פון דער דייטש־היטלעריסטישער אַרמיי אויף נאָרוועגיע, וואָס האָט געשטעלט אין געפאַר די עקזיסטענץ פון די נאָרוועגישע יידן.

**נב** אַלטע שטאָט אין ארץ־ישראל, ניט ווייט פון ירושלים (ישעיה י'); אין דער צייט פון שאול המלך איז דאָרט געוואָרן דער יידישער רעליגיעזער צענטער מיט אַ מזבח און כהנים, וועלכע שאול האָט געטויט דערפאַר וואָס זיי האָבן געשטיצט דעם אַנטלויפענדן דוד און זיינע מענטשן (שמואל א' כ"ב).

**נבו** אַ באַרג אין עבר הירדן, הר נבו, אויף וועלכן משה רבנו איז געשטאָרבן, און וואו זיין קבר געפינט זיך, נאָר מען ווייסט ניט וואו (חומש במדבר ל"ד). — נבו איז אויך געווען דער נאָמען פון איינעם פון די אָפּגעטער אין אַלטן בבל (ישעיה מ"ו), און דערפון זענען טייל אַלט־בבלישע נעמען צוזאַמענגעשטעלט פון וואָרט „נבו", ווי נבוכדנאַצר און אַנדערע.

**נבואה** זע „נביא".

**נבוזראדן** נאָמען פון מיליטער־פירער פון נבוכדנאַצר, דעם מלך פון בבל, וועלכער האָט (אין יאָר 586 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) איינגענומען ירושלים און פאַרברענט דאָס בית המקדש און פאַרטריבן פיל יידן קיין בבל (מלכים ב' כ"ה, ירמיהו מ' און נ"ב). אין דער גמרא גטין נ"ז ווערן דערציילט פיל דברי אגדה וועגן נבוזראדן, ווי ער האָט אויסגעקוילעט פיל יידן און ווי ער איז דערנאָך אַנטלאָפן און זיך מגייר געווען.

**נבוכדנצר** מלך פון בבל, וועלכער האָט איינגענומען ירושלים און חרוב געמאַכט דאָס ערשטע בית המקדש (586 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג); אין ירמיה ל"ט הייסט ער אויך נבוכדראצר; ער האָט געקעניגט אין די יאָרן 605—562 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; ער האָט אין יאָר 605 באַזיגט פּרעה נכה מלך מצרים ביי כרכמיש, איינגענומען סיריע און ארץ־ישראל; אין ספר דניאל ווערן דערציילט פאַלגנדע ספּורים וועגן אים: ער האָט געהאַט חלומות וועלכע דניאל האָט אים פּותר געווען און דאַדורך איז דניאל געוואָרן ביי אים אַ חשוב; ער האָט אויפגעשטעלט אַ גאָלדענעם צלם און אויפגעפאָדערט אַלע מענטשן צו בוקן זיך צום צלם, און ווען די דריי יידן חנניה, מישאל ועזריה האָבן אים ניט געפאָלגט האָט ער זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ ברענענדן קאַלכאויוון, אָבער זיי זענען דורך אַ נס ניצול

געוואָרן; ער איז 7 יאָר געווען פאַרטריבן פון מענטשן און האָט אויסגעזען ווי אַ חיה און געגעסן גראָז ווי אַ חיה. אין דער גמרא און מדרש הייסט ער „נבוכדנצר הרשע" און עס ווערן דערציילט וועגן אים פיל דברי אגדה (סנהדרין צ"ב, מדרש מגילת אסתר און אַנדערע).

**נבות היזרעאלי** אין מלכים א' כ"א ווערט דערציילט, אַז נבות פון יזרעאל האָט געהאַט אַ גאָרטן לעבן פּאַלאַץ פון אחאב מלך ישראל, און האָט אים ניט געוואָלט פאַרקויפן צום מלך. אחאבס ווייב איזבל האָט געלאָזט איינאָרדענען אַ פאַלשן פּראָצעס קעגן נבות, אַז ער זאָל האָבן געשאָלטן גאָט און דעם מלך, און מען האָט נבות פאַראורטיילט צום טויט און אים געטויט. אחאב האָט דאַן איבערגענומען דעם גאָרטן. אליהו הנביא איז דערשינען פאַר אחאב און אים געמוסרט און געזאָגט „הרצחת וגם ירשת?", „האָסט דערמאָרדעט און אויך געירשנט?". — אין מלכים א' כ"ב ווערט דערציילט, אַז דער גייסט פון נבות האָט אָנגערעדט אחאב צו גיין אין אַ מלחמה, אין וועלכער ער איז אומגעקומען.

**נביא, נבואה** מיטן נאָמען נביא האָט מען אָנגערופן ביי יידן אין די אַלטע צייטן פון תנ"ך איינעם, וועלכער האָט געזאָגט צו מענטשן אין נאָמען פון גאָט, וואָס זיי זאָלן טוען און וואָס זיי זאָלן ניט טוען, און ער האָט אויך טיילמאָל פאָרויסגעזאָגט וואָס עס וועט געשען אין דער צוקונפט. דער נביא ווערט אין תנ"ך אָנגערופן אויך מיט אַנדערע נעמען; אין שמואל א' ט' ווערט געזאָגט אַז פריער האָט אַ נביא געהייסן „רואה"; דאָס ערשטע מאָל ווערט דערמאָנט דער נאָמען נביא אין חומש בראשית כ' וואו גאָט זאָגט צו אבימלך אַז אברהם אבינו איז אַ „נביא". אין במדבר י"א ווערט געזאָגט, אַז משה רבנו האָט אויסגעוויילט 70 זקנים און זיי האָבן נביאות געזאָגט, און משה האָט זיך געוואונטשן „מי יתן כל עם ה' נביאים", הלואי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זיין נביאים. וועגן משה רבנו זאָגט דער חומש (דברים ל"ד) אַז ער איז געווען דער גרעסטער נביא ביי יידן. אין חומש דברים י"ח ווערט אויך געזאָגט, אַז אַן אמתער נביא איז דער, וואָס זיינע ווערטער ווערן מקוים; אין דאָזיקן קאַפּיטל פון חומש ווערט געזאָגט, אַז אַ נביא, וואָס וועט רעדן אין נאָמען פון גאָט זאַכן וואָס גאָט האָט ניט געהייסן, זאָל באַשטראָפט ווערן מיט טויט. שוין דאָ זעט מען די ערשטע אָנדייטונג אַז אַחוץ די אמתע נביאים זענען געווען פאַלשע נביאים. — דער ערשטער נביא, וואָס איז באַקאַנט פון די שפּעטערע צייטן, ווען די יידן זענען געווען אין ארץ־ישראל, און וואָס פון זיין צייט אָן הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון די נביאים, איז געווען שמואל הנביא, וועגן וועמען עס ווערט דערציילט אין ספר שמואל א'. פון אים זענען קיין באַזונדערע נבואות־רעדעס ניט געבליבן, נאָר עס ווערט דערציילט וועגן זיינע מעשים, ווי ער האָט אָנגעפירט מיט די יידן, געזאַלבט אַלס מלכים שאול און דוד; עס ווערט אויך דערציילט, אַז ער האָט געוואוסט פאַרבאָרגענע זאַכן (שמואל א' ט', די מעשה מיט די פאַרלוירענע אייזלען). דעמאָלט זענען געווען אויך אַנדערע נביאים וועמענס נעמען ווערן ניט דערמאָנט נאָר סתם „חבל נביאים", אַ גרופּע נביאים (שמואל א' י'). נאָכער געפינען מיר ביי דוד המלך און אויך שפּעטער אַ ריי נביאים, פון וועמען קיין נבואות־ספרים זענען ניט פאַרבליבן, ווי נתן הנביא, אחיה השילוני, אליהו הנביא, אלישע און אַנדערע. וועגן אליהו און אלישע ווערט דערציילט אין

מלכים ב׳ ב׳ אַז זיי האָבן געהאַט תלמידים, די „בני הנביאים״. אין מלכים א׳ י״ח ווערט אויך דערציילט, אַז אין דער צייט פון אליהו האָט אחאב המלך געלאָזט דערמאָרדן די „נביאי ה׳״ (גאָטס נביאים) און אַנשטאָט זיי זענען געווען ביי אחאב אין קעניגלעכן הויף די נביאי הבעל, די נביאים פון אָפּגאָט בעל, קעגן וועלכע אליהו האָט געפירט אַ קאַמף און זיי באַזיגט. — פון די נביאים, וועלכע האָבן אונדז איבערגעלאָזט נבואות־ספרים, זענען די ערשטע געווען ישעיהו בן אמוץ, הושע בן בארי, עמוס און מיכה; זיי האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן נבואות כמעט אין איין צייט, ווען עזיה און זיין זון יותם זענען געווען מלכים אין יהודה און ירבעם בן יואש איז געווען מלך אין ישראל (די ערשטע פסוקים פון די ספרים ישעיה, הושע, עמוס און מיכה). פון דעמאָלט אָן זענען געווען נאָך אַנדערע נביאים, וועמענס ספרי נבואה זענען געבליבן, ווי ירמיהו, יחזקאל, אַ ריי נביאים פון די קלענערע ספרים ווי יואל, נחום, עובדיה, חבקוק, צפניה, יונה, חגי, זכריה, מלאכי. די לעצטע דריי האָבן געלעבט אין אָנהויב פון 2טן בית המקדש, נאָכן צוריקקומען פון גלות בבל. און די טראַדיציע זאָגט, אַז מיט זיי האָט אויפגעהערט די דערשיינונג פון נבואה ביי יידן (גמרא יומא ט׳). — די גמרא מגילה י״ד זאָגט, אַז ביי יידן זענען געווען 48 נביאים און 7 פרויען־נביאות; די 7 נביאות זענען: שרה, מרים, דבורה, חנה, אביגיל, חולדה און אסתר. — וועגן די דערמאָנטע נביאים געבן מיר וועגן יעדן איינעם פון זיי ביי דעם אַנטשפּרעכנדן זוכוואָרט, ווי „שמואל״, „הושע״ און אַזוי ווייטער.

— אין וואָס איז באַשטאַנען די דערשיינונג פון נבואה? וועגן דעם זענען געשריבן געוואָרן פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען, פון פילאָן פון אַלעקסאַנדריע ביז דער לעצטער צייט. דער רמב״ם אין „מורה נבוכים״ חלק ב׳ טיילט איין די נבואה־דערשיינונג און די כוחות וואָס האָבן געווירקט אויפן נביא. אין פאַרשידענע טיילן: נבואה איז חלום, נבואה פון עפּעס אַ גייסטיקער קראַפט־דערוועקונג וואָס צווינגט דעם נביא זאָגן די ווערטער, נבואה איז דער פאָרם פון וויזיעס, זעאונגען און אַנדערע. די מאָדערנע געלערנטע זענען אין אַלגעמיין מסכים מיט דער אַלטער מיינונג פון פילאָן פון אַלעקסאַנדריע (אין דער צייט פון בית שני) וואָס זאָגט אַז די נבואה־דערשיינונג איז געווען דער אויסדרוק פון העכסטער עקסטאַז, ווען די נשמה פון נביא איז געווען אין דבקות מיט גאָט און האָט איבערגעלעבט דאָס זיין מיט דער געטלעכקייט אוממיטלבאַר. עס זענען לעצטנס דערשינען צוויי גרינטלעכע ביכער וועגן דעם נבואה־פּראָבלעם; איין בוך אין דייטש „די פּראָפעטיע״ פון דר. אברהם העשעל, און דאָס צווייטע אין העברעאיש „על החזון לעתיד״ פון שמואל צבי הכהן (ירושלים תרצ״ה). כהן ווייזט אויף מיט אומשטרייטבאַרע באַווייזן, אַז פיל פון די נבואות זענען ווירקלעכע מקוים געוואָרן און אַז די נבואה איז געווען אַן איבערנאַטירלעכע דערשיינונג. ער ברענגט דערצו אויך די מיינונגען פון גרעץ, גונקעל, דוהם און אַנדערע געלערנטע וועגן דער איבערנאַטירלעכער דערשיינונג פון נבואה. — פון פיל ערטער אין תנ״ך איז צו זען, אַז די נביאים האָבן געהאַט צו פירן אַ קאַמף קעגן די נביאי השקר, די פאַלשע נביאים, באַזונדערס איז עס געווען אין דער צייט פון ירמיהו הנביא, ווען דער גורל פון דער יידישער מלוכה האָט געהאַלטן ביים אַנטשיידן ווערן אין דער מלחמה קעגן בבל, און די פאַלשע נביאים האָבן נביאות געזאָגט, אַז די יידן וועלן זיגן; זע ירמיה, די קאַפּיטלעך כ״ג, כ״ח און

כ״ט, וואו עס ווערן דערמאנט די נע־
מען פון די פאלשע נביאים חנניה בן
עזור, אחאב בן קליה, צדקיהו בן מעשיה,
שמעיהו הנחלמי. — וועגן נביאים און
דער דערשיינונג פון נבואה זע: גרעץ
„דברי ימי ישראל״, ערשטער טייל (אין
העברעאישער איבערזעצונג); „פילון
אלכסנדרוני״ פון שטיין; העשעל „די
פראפעטיע״, שמואל צבי כהן „על החזון
לעתיד״.

**נביאים** נאמען פון א גרופע ספרים פון תנ״ך; דער תנ״ך ווערט איינגעטיילט אין „תורה״, „נביאים״, „כתובים״ (דערפון דער ראשי־תבות־נאמען תנ״ך); די ספרי נביאים זענען: יהושע, שופטים, שמואל, מלכים, ישעיה, ירמיה, יחזקאל און תרי עשר (הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי). מען טיילט איין די ספרים אויך אין „נביאים הראשונים״ (יהושע, שופטים, שמואל, מלכים) און „נביאים האחרונים״ (די איבעריקע ספרים). — זע „תנ״ך.

**נגב** נאמען פון דרום־טייל פון ארץ־ישראל, הייסט „נגב״ צוליב דער טרוקנקייט („נגב״ אין העברעאיש הייסט „טרוקן״). דער נגב ציט זיך פון דער געגנט פון באר שבע ביז צו דער עגיפטישער גרענעץ און ים־סוף (ביי אקאבא); האט ביי 8,000 קוואדראט־קילאמעטער און איז זייער ווינציק באוווינט, אינגאנצן 70 טויזנט איינוואוינער, מייסטנס וואנדערנדע אראבישע בעדואינער. עס ווערט געפלאנט דארט צו קאלאניזירן יידן און נאכן דורכפירן קינסטלעכע באוואסערונג וועלן דארט קאנען וואוינען ביי א מיליאן יידן. דאס פראבלעם פון נגב איז באזונדערס באהאנדלט געווארן אין די יארן 1937־1938 ווען מען האט געפלאנט צו צעטיילן ארץ־ישראל און שאפן אין איין טייל א יידישע מלוכה.

**נגון** זע „חזן״, „מוזיק״.

**נגיד** טיטל וואס האבן געטראגן די העכסטע פירער פון די יידן אין מיטלאלטער אין מצרים און א געוויסע צייט אויך אין שפאניע. דעם רמב״ם זון רבי אברהם און זיינע אייניקלעך האבן געהאט דעם טיטל נגיד. דער נגיד האט געהאט רעגירונגס־רעכט צו נעמען שטייערן, באשטראפן זינדיקע מיט תפיסה (שאלות ותשובות הרדב״ז חלק ב׳ סימן תרכ״ז). דער אמט פון נגיד איז אין מצרים אפגעשאפט געווארן אין דער 2טער העלפט פון 16טן יארהונדערט. פון שפאניע איז באקאנט רבי שמואל הנגיד.

**נגלה, נסתר** („אפן״, „באהאלטן״), די יידישע מיסטיק טיילט איין די פירושים אויף דער תורה און בכלל אלע יידישע לערעס, אפילו די הלכות, אין צוויי טיילן: אין „נגלה״, אפן, דאס הייסט דעם איינפאכן פשט און זין, און „נסתר״ דעם באהאלטענעם טייטש און זין. דער אויסדרוק „נסתר, נסתרות״ איז פאראן שוין אין ספר בן סירא און ווערט געבראכט אין דער גמרא חגיגה י״ג „ואין לך עסק בנסתרות״ אין דעם זין פון וועלן דערגיין די מעטאפיזישע געהיימנישן, דאס באהאלטענע. מיטן נאמען „נסתר״ האט מען אויך אנגערופן א צדיק, וועלכער איז מיט זיין צדקות געווען באהאלטן, איינעם פון די „ל״ו צדיקים״. — זע זוכווערטער „לו צדיקים״, „סודות התורה״, „קבלה״.

**נגע** זע זוכווארט „מצורע״.

**נגעים** נאמען פון מסכתא משניות אין סדר טהרות, 14 פרקים, תוספתא 9 פרקים, אן גמרא; באהאנדלט די דינים וועגן נגעים, דאס הייסט פלעקן און צרעת ביי מענטשן, הייזער, קליידער.

וועלכע זענען לויט דער תורה טמא און וועלכע טהור. די דינים פון נגעים האָבן זיך געדעכנט פאַר זייער שווערע, און דער ירושלמי מועד קטן ב' ווען ער וויל זאָגן אויף געוויסע הלכות אַז זיי זענען זייער שווערע פאַרגלייכט ער זיי מיט נגעים. אויך אין בבלי איז פאַראַן „נגעים ואהלות" (חגיגה י"ד) אַלס באַצייכענונג פון טיפע הלכות.

**נדב** מלך איבער ישראל, זון פון ירבעם בן נבט דעם ערשטן, דעם גרינדער פון מלכות ישראל; געקעניגט 910-911 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך בעשא, וועלכער איז אויף זיין אָרט געוואָרן מלך איבער ישראל; צוזאַמען מיט נדב איז אויך אומגעקומען דער גאַנצער „בית ירבעם" און עס האָט זיך געענדיקט די ירבעם-דינאַסטיע (מלכים א' ט"ו).

**נדב ואביהו** די צוויי זין פון אהרן הכהן, וועלכע האָבן מקריב געווען די קטורת פאַר גאָט אין משכן מיט פרעמד פייער, און דאַדורך זענען זיי באַשטראָפט געוואָרן און אַ פייער איז אַרויס פון משכן און האָט זיי פאַרברענט (ויקרא י' און ט"ז).

**נדבה** אין חומש ויקרא ז' ווערט געזאָגט אַז עס איז געווען אין דער צייט פון בית המקדש אַ קרבן „נדבה", דאָס הייסט, מען איז ניט מחויב געווען אים צו ברענגען, נאָר יעדער ייד, אויב ער האָט געוואָלט פון זיין גוט הארץ האָט ער געבראַכט דעם קרבן. אויך צום משכן ווערט געזאָגט אין חומש שמות כ"ה האָבן יידן געבראַכט זאַכן „אשר ידבנו לבו", וועמענס הארץ האָט געוואָלט געבן. דערפון ווערט אויך די צדקה וואָס מען גיט צו אַן אָרעמאַן אָנגערופן „נדבה", און דער וואָס גיט אַ סך צדקה הייסט „נדבן".

**נדה** באַצייכענונג פאַר אַ פרוי אין דער צייט פון איר מענסטרואַציע, מאָנאַטלעכער בלוטיקונג; אין חומש ויקרא ט"ו, י"ח און כ' איז פאַראַן דער פאַרבאָט פון געשלעכטלעכע באַציאונגען מיט אַ נדה; עס קומט דערפאַר די שטראָף פון כרת (זע „כרת"); פון חומש ויקרא ט"ו איז צו זען אַז דער פאַרבאָט איז אויף 7 טעג; אין דער משנה און גמרא נדה און שפּעטער אין רמב"ם (משנה תורה) און אויך שלחן ערוך יורה דעה ווערן געבראַכט די דינים נדה און דער רייניקונג דורך טובל זיין זיך אין מקוה. דער פאַרבאָט איז אויך איבערגעטראָגן געוואָרן אויף אַנרירן אַ פרוי אין דער נדה-צייט.

**נדה** מסכתא אין משניות, סדר טהרות, האָט 10 פרקים, אויך גמרא בבלי און ירושלמי (ירושלמי נאָר 3 פרקים) און תוספתא (9 פרקים), די לעצטע מסכתא אין גמרא; באַהאַנדלט די דינים פון נדה.

**נדחה** (אָפּגעלייגט), ווען אַ תענית (תשעה באב און אַנדערע) פאַלט אויס אין שבת ווערט ער אָפּגעלייגט אויף צומאָרגנס, זונטיק (תענית י"ב); דער תענית אסתר אויב ער פאַלט אויס אין שבת ווערט ער אָפּגעלייגט אויף דאָנערשטיק פון פריער. דאָס הייסט אַ נדחה. דער תענית יום כפור ווערט ניט אָפּגעלייגט אפילו ער פאַלט אויס אין שבת. — אין די הלכות אין דער גמרא זענען פאַראַן נאָך אַנדערע הלכות-באַגריפן וואָס ווערן באַצייכנט מיטן נאָמען נדחה, באַזונדערס וועגן קרבנות.

**נדן** דער מנהג צו געבן נדן איז געווען ביי יידן זינט אַלטע צייטן; אין תנ"ך האָט עס געהייסן „מוהר" און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַז דער חתן גיט דעם נדן צום פאָטער פון דער כלה (בראשית ל"ד, שמואל א' י"ח און אַנדערע ער־

טער); אין יחזקאל ט״ז ווערט שוין געבראכט דאס ווארט „נדן״ צו באצייכענען די מתנה וואס די פרוי גיט דעם מאן („ואת נתת את נדניך לכל מאהביך); אין דער גמרא איז פאראן אפט דאס ווארט נדוניה צו באצייכענען דאס פארמעגן וואס די פרוי ברענגט מיט דעם מאן צו דער הייראט און דאס ווערט איינגעשריבן אין דער כתובה (כתובות נ״ד און אנדערע ערטער).

**נדר, נדרים** מיטן ווארט „נדר״ ווערט אין דער יידישער רעליגיע באצייכנט א סך באגריפן, אבער אלע באשטייען אין דעם, וואס דער מענטש „טוט א נדר״, דאס הייסט, ער פארפליכטעט זיך מיט זיין ווארט צו א געוויסער זאך. אזוי איז אויב איינער האט געטאן א נדר צו ברענגען א קרבן אין בית המקדש, האט ער באדארפט ברענגען א קרבן. אויב איינער טוט א נדר ניט צו עסן עפעס א זאך אדער ניט צו טאן א געוויסע טאט, ווי למשל ניט צו גיין ערגעץ, טאר ער דאס ניט טאן, און אזא נדר הייסט „נדרי איסור״. אויב איינער טוט א נדר צו געבן צדקה איז עס אויך א נדר (וועגן דעם איז פאראן א מיינונג אז דאס הייסט ניט א נדר נאר א שבועה). דער הויפט־יסוד וועגן דער פליכט פון א נדר געפינט זיך אין חומש במדבר מ״ב „איש כי ידור נדר — לא יחל דברו״, אויב איינער טוט א נדר זאל ער ניט פארשוועכן זיין ווארט. די חכמים אין דער משנה און גמרא האבן אויסגעפונען אז מען קאן זיך לאזן מתיר־נדר זיין, אויפלייזן דעם נדר, אויב א בית דין, א רב צי דריי סתם מענטשן, געפינען אוים אז די אומשטענדן האבן זיך געענדערט אדער אז בשעת דעם נדר האט ער זיך געפונען אין אן אנדערן צושטאנד און איצט האט ער חרטה. דאס דאזיקע הייסט „התרת נדרים״. געוויינלעך איז מען זיך נוהג צו מאכן „התרת נדרים״ פאר יעדן ראש השנה אויף אזעלכע נדרים וואס מען געדענקט ניט, אז מען האט זיי מנדר געווען. פרומע יידן זענען אויך נזהר, אז ווען זיי פארפליכטן זיך צו טאן עפעס, זאגן זיי „בלי נדר״, דאס הייסט, אז זיי נעמען דאס ניט אויף זיך אלס א נדר. די דינים וועגן נדרים און התרת נדרים און אויך די נדרים פון א פרוי, וועלכע דער מאן קאן אליין דערקלערן אלס ניט גילטיק, געפינען זיך אין דער גמרא נדרים און שלחן ערוך יורה דעה.

**נדרים** נאמען פון מסכתא משניות אין סדר נשים, 11 פרקים, תוספתא 7 פרקים, און גמרא בבלי און ירושלמי, באהאנדלט די דינים פון נדרים. די גמרא בבלי נדרים ווערט אנשטאט מיט רש״י געלערנט מיטן פירוש פון ר״ן (רבנו ניסים) און אין דער לומדישער וועלט איז נדרים מיטן ר״ן פארעכנט געווען אלס א שווערער לימוד.

**נהלל** איינע פון די וויכטיקסטע ארבעטער־קאלאניעס אין ארץ־ישראל, אויפן וועג פון חיפה קיין נצרת; געגרינדעט 1921; 800 איינוואוינער; ווערט באארבעט דורך די קאלאניסטן זעלבסט (עבודה עצמית); האט אן אגראנאמישע שולע פאר מיידלעך; דאס ארט נהלל ווערט דערמאנט אין יהושע י״ט.

**נהר די נור** טייך פון פייער אין הימל ווערט דערמאנט אין ספר דניאל ז׳ („נהר די נור״); אין דער גמרא חגיגה י״ג און י״ד ווערן געבראכט וועגן דעם דאזיקן נהר די נור פיל דברי אגדה (מלאכים ווערן פון אים באשאפן וכדומה).

**נהרדעא** אלטע שטאט אין בבל אין דער צייט פון בית שני און תלמוד; פלא־

וויוס (קדמוניות י"ח) דערציילט, אז א געוויסע צייט האבן דארט געהערשט צוויי יידן די ברידער חנילאי און חסינאי (אנילעאוס און אסינעאוס); נהרדעא איז געווען א גרויסער יידישער צענטער, דארט האט געוואוינט דער אמורא שמואל, וועלכער האט געזאגט „נהירין לי שבילי דשמיא כשבילי דנהרדעא" (עס זענען מיר קלאר די וועגן אין הימל ווי די וועגן אין נהרדעא); אין דער גמרא געפינען מיר פיל אמוראים פון נהרדעא סנהדרין י"ז). אויך אין מיטלאלטער האבן דארט געוואוינט יידן. — זע יודילוביץ „נהרדעא" )ווילנע 1906).

**נוטריקון** דאס ווארט שטאמט פון גריכיש און לאטיין (נאטאריקאָ, נאטאריקום), דער טייטש „געשווינט־שרייבן". אין דער גמרא שבת ק"ה ווערט געזאגט „מנין לשון נוטריקון מן התורה? שנאמר כי אב המון גוים נתתיך", אז די תורה האט שוין באנוצט דעם סיסטעם פון נוטריקון צו מאכען פון עטלעכע ווערטער איין ווארט; אין דער זעלבער גמרא שבת ק"ה ווערט געזאגט אז דאס ווארט „אנכי", מיט וועלכן עס הויבט זיך אן די עשרת דברות, איז די ראשי תבות פון „אנא נפשי כתבא יהבית"; דערפון איז צו זען אז נוטריקון איז אויך געווען די באדייטונג פון עטלעכע ווערטער מיט ראשי תבות; דער סיסטעם פון נוטריקון איז איינע פון די 32 מדות (מעטאדן), לויט וועלכע רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי האט איינגעטיילט די פסוקים פון דער תורה. — זע „מדות". — אין דער יידישער מיסטיק, און באזונדערס אין דער קבלה האט דער נוטריקון געהאט א גרויסע באדייטונג, און עס זענען פיל ווערטער איינגעטיילט געווארן נוטריקון־רמזים, ווי „אלול", „אני לדודי ודודי לי" און אזוי אנדערע ווערטער.

**נוסח** דער טייטש איז: פעסטגעזעצטער פארם פון א טעקסט; דער „ערוך" זאגט אז דאס איז פון ווארט „נסח", „איבערוקן" און אז מען האט גערופן א ספר, פון וועלכן מען האט איבערגעשריבן אין אן אנדערן ספר „נוסחא" (זע אין ערוך השלם ווארט „נסח" די באמערקונגען פון רבי בנימין מוספיא און דר. קאהוט); דערפון איז געווארן דער אויסדרוק „נוסחאות" וועגן פארשידענע פארמען פון א טעקסט אין א ספר; דערפון איז אויך פאראן וועגן דאווענען דער אויסדרוק „נוסח התפלה", און מען מאכט אז אונטערשיד צווישן פארשידענע מנהגים אין דאווענען, ווי נוסח אשכנז, נוסח ספרד, נוסח אר"י; באזונדערס זענען געווען פארשידענע פארמען אין די מחזורים: נוסח אשכנז, נוסח ספרד, נוסח איטליה, נוסח רומניא און אזוי ווייטער.

**נוסעי הצלב** זע „קרייץ־פארער".

**נוצרי** זע „ישו הנוצרי", „קריסטנטום".

**נורצי, ידידיה שלמה** (1560 — לערך 1630 אין איטאליע); רב אין מאנטוא (איטאליע), מחבר פון בארימטן ספר אויף דער מסורה פון תנ"ך „מנחת שי", געדרוקט באזונדער און אויך אין די גרויסע תנ"ך־אויסגאבן צום סוף.

**נזיקין** נאמען פון דריטן סדר משניות (לויט טייל אלטע מיינונגען איז עס דער 6טער סדר), ווערט דערמאנט מיט דעם נאמען אין דער גמרא סנהדרין ק"ו און אנדערע; באשטייט פון די מסכתות בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא, סנהדרין, מכות, שבועות, עדויות, עבודה זרה, אבות, הוריות; באהאנדלט אמייסטן די דינים פון געלט־טענות פון איין מענטש

צום צווייטן, אנגעטוענע שאדנס (דערפון „ניזיקין", „נזק", „שאדן"), די דינים פון געריכטס־וועזן, עדות, שבועות, געצנ־דינעריי, און דברי מוסר אין דער מסכתא אבות; אויך די דריי מסכתות בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא, זענען געווען איין מסכתא און געהייסן מסכתא נזיקין און זענען געווארן איינגעטיילט אין דריי „טויערן" („בבא", „טויער"), ערשטע (קמא), מיטעלע (מציעא), בתרא (לעצ־טע).

**נזיר** (אפגעשיידט), אין חומש במדבר ו' ווערט געזאגט, אז א מאן אדער א פרוי קאן נעמען אויף זיך דעם נדר צו ווערן אויף א געוויסער צייט א נזיר; אזא נזיר, ווערט געזאגט דארט אין חומש, טאר אין דער דאזיקער צייט ניט טרינקען קיין וויין און אנדערע פארשיכורנדע געטראנ־קען, טארניט עסן קיין וויינטרויבן, ניט אפשערן זיך די האר און ניט צורירן זיך (מטמא זיין) צו א מת, זאגאר צו א פאר־שטארבענעם נאענטן קרוב; נאכדעם ווי עס ענדיקט זיך די צייט פון זיין נזירות ברענגט ער א קרבן אין בית המקדש און שערט זיך אפ זיינע אנגעוואקסענע האר וועלכע ער פארברענט אונטער דעם פייער, אויף וועלכן מען קאכט דעם קרבן; דערמיט ווערט ער באפרייט פון זיין נזירות. אין תנ"ך געפינען מיר א ריי ספורים וועגן אזעלכע נזירים. דער באַ־קאנטסטער פון זיי איז אין שופטים י"ג וועגן שמשון הגבור, ווי דער מלאך האט אנגעזאגט זיין מוטער אז איר זון זאל זיין א נזיר „מן הבטן" (פון געבוירן אן), „ומורה לא יעלה על ראשו", מען זאל אים ניט אפשערן די האר; אין שופטים קאפיטל ט"ז ווערט דערציילט, אז די גבורה פון שמשון איז געווען אין זיין ניט אפשערן די האר, און ווי נאר מען האט אים אפגעשוירן די האר איז פאר־שוואונדן זיין גבורה. מיר געפינען אויך אין שמואל א' א' אז די מוטער פון שמואל הנביא, חנה, האט מתפלל גע־ווען צו האבן א זון, האט זי א נדר גע־טאן „ומורה לא יעלה על ראשו", ניט אפשערן אים די האר; דער איינדרוק דערפון איז, אז איבערהויפט איז געווען א גרויסע שייכות צווישן נזירים און נביאים. עס איז אויך זיכער אז די סעק־טע וואס איז געגרינדעט געווארן דורך יונדב בן רכב ניט צו טרינקען קיין וויין און ניט וואוינען אזוי שטעט (ירמיה ל"ה) האט א געוויסע פארבינדונג מיט די נזי־רים. מען קאן אויך זאגן, אז די שפע־טערע סעקטע אין דער צייט פון בית שני, די „איסיים", מיט זייער פרישות, האבן געהאט א געוויסע שייכות מגט נזי־רים (זע „איסיים"). — די חכמי התלמוד זענען געווען קעגן נזירות (נדרים י', ווערט א נזיר אנגערופן „חוטא", זינ־דיקער), און אין נזיר ד' ווערט דערציילט דער ספור פון שמעון הצדיק, ווי ער האט איינגעטענהט מיט א שיינעם בחור א נזיר און ער האט אנערקענט, אז יחידים, וואס מיינען עס ווירקלעך מיטן גאנצן הארצן פאר גאט וועגן, מעגן יא זיין נזירים. — זע בן טוביהם „ספר הנזי־רים".

**נזיר** נאמען פון א מסכתא משניות אין סדר נשים, 9 פרקים, אויף וועלכער עס איז פאראן גמרא בבלי און ירושלמי, תוספתא (נאר 6 פרקים, נאמען פון תו־ספתא „נזירות"); באהאנדלט די דינים פון נזירות; די גמרא האט זייער שווערע נוסחאות.

**נח** אין חומש בראשית ו' ווערט דער־ציילט, אז נח און זיין פאמיליע זענען געווען די איינציקע מענטשן וואס זענען געראטעוועט געווארן פון מבול. — זע „מבול". — נח האט געהאט 3 זין: שם, חם און יפת; אין בראשית ט' ווערט גע־

זאָגט, אַז גאָט האָט דערלויבט נח און זיינע קינדער צו עסן פלייש, נאָר אַז דעם בלוט (צו אדם הראשון איז דערלויבט געוואָרן צו עסן נאָר געוויקסן, ניט קיין זאַך וואָס האָט געלעבט); אין בראשית י׳ ווערן אַלע פעלקער פון דער וועלט באַטראַכט אַלס אָפּשטאַמענדע פון נח. — זע „בן נח״, „מבול״.

**נח, מרדכי עמנואל** (1785—1851) יידישער פּאָליטיקער אין אַמעריקע; זשורנאַליסט, דראַמאַטורג, אַרויסגעגעבן צייטונגען („נעשאַנאַל אַדוואָקאַט״ און אַנדערע), געווען אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין טוניס (1813). אין יאָר 1825 איז ער אַרויסגעטרעטן מיט זיין באַרימטן פּלאַן צו גרינדן אַ יידישע מדינה אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע; ער האָט אָפּגעקויפט אַ גרויס שטיק לאַנד ביי באַפאַלאָ (ניו־יאָרקער שטאַט) און עס אַ נאָמען געגעבן אַראַראַט (אררט) און אין חודש תשרי תקפ״ו (סעפּטעמבער 1825) האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו אַלע יידן אין דער וועלט, אַז מען זאָל קומען זיך באַזעצן אין דער אררט־מדינה; צום אָנדענק פון דאָזיקן געשעעניש האָט ער געלאָזט אויפקריצן אויף אַ מאָנומענט „שמע ישראל״ און אויך אויף ענגליש די ווערטער „אררט די שטאָט פון שוץ פאַר יידן״. ער האָט איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע צערעמאָניע מיט פיל געסט בעת וועלכער מען האָט געלייענט אין ספר תורה און נביאים. נאָכדעם ווי דער פּלאַן איז דורכגעפאַלן האָט נח געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר אויפלעבן ארץ־ישראל. און אין יאָר 1844 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, אין וועלכן עס ווערן אויסגעדריקט די אידייען פון מאָדערנעם ציוניזם.

**נחום** נאָמען פון אַ נביא און אויך פון זיין ספר נבואות, אין דער תרי־עשר־זאַמלונג, צווישן מיכה און חבקוק; דער ערשטער פּסוק פון ספר איז „משא נינוה ספר חזון נחום האלקשי״, נבואה וועגן נינוה, דאָס ספר פון נבואה פון נחום פון אלקש. וואו אלקש איז ווייסט מען ניט; טייל זאָגן, אַז אין ארץ־ישראל אין גליל העליון, טייל זאָגן אַז אין בבל. דאָס ספר האָט דריי קאַפּיטלען. דאָס ערשטע קאַפּיטל איז וועגן דער נקמה פון גאָט; דאָס צווייטע איז וועגן דער אויפלעבונג פון יהודה און וועגן דעם חורבן פון נינוה; דאָס דריטע קאַפּיטל איז איינגאַנצן געווידמעט דעם חורבן פון נינוה דער הויפּטשטאָט פון אשור. לויט דער יידישער מסורה אין סדר עולם איז נחום געווען אין דער צייט פון מנשה מלך יהודה, דאָס הייסט נאָענט צום חרבן בית ראשון.

**נחום איש גמזו** תנא אין 1טן יאָרהונדערט; וואַרשיינלעך פון דער שטאָט גמזו (דערמאָנט אין דברי הימים ב׳ כ״ח); אין חגיגה י״ב ווערט געזאָגט, אַז זיין תלמיד איז געווען רבי עקיבא, וועלכער האָט געלערנט ביי נחום איש גמזו 22 יאָר; אין תענית כ״א ווערט געזאָגט, אַז דעריבער האָט מען אים גערופן איש גמזו, ווייל אויף אַלע פּאַסירונגען, אַפילו אויף שלעכטע, האָט ער געזאָגט „גם זו לטובה״ (אויך דאָס איז צום גוטן); די גמרא דאָרט אין תענית ברענגט ספּורים וועגן אים; פאַראַן אַ מיינונג אַז ער איז נחמיה העמסוני, וועלכער איז אויך געווען דער רבי פון רבי עקיבא.

**נחוניה בן הקנה** תנא אין דער צייט פון חרבן בית שני; רבי פון תנא רבי ישמעאל (שבועות כ״ו); אין אבות ג׳ זאָגט ער „ווער עס נעמט אויף זיך דעם עול פון תורה, נעמט מען פון אים אראָפּ דעם עול פון מלכות און פון פרנסה; אין משנה ברכות פרק ב׳ ווערט געבראַכט

פון אים אַ תפילה, אַז עס זאָל ניט געשען דורך אים קיין מכשול; אין שפּעטערע צייטן פון מיטלאַלטער האָט מען אָנגעגעבן אַז ער זאָל האָבן מחבר געווען די קבלה־ספרים „הבהיר", „הפליאה" און „הקנה" (זע „בהיר", „הקנה"), ווי אויך די תפילה „אנא בכח"; די גמרא מגילה כ"ח דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אריכת ימים, און ווען מען האָט אים געפרעגט די סיבה דערפון, האָט ער געזאָגט, ווייל ער האָט זיך קיינמאָל ניט מתכבד געווען מיט דער פאַרשעמונג פון אַן אַנדערן.

**נחלת** אין ארץ־ישראל זענען פאַראַן אַ ריי קאָלאָניעס מיט נעמען פון „נחלת", ווי „נחלת יהודה" (ביי ראשון לציון), „נחלת יעקב" (שפּעטער געוואָרן „כפר חסידים"), „נחלת יצחק".

**נחמה, נחום** (טרייסטן); דער אויסדרוק „נחמה" (טרייסטן) ווערט פיל געברויכט אין נביאות וועגן דער יידישער גאולה („נחמו, נחמו עמי", אין ישעיה מ' און אַנדערע ערטער); דערפון איז דער וואונטש „זוכה צו זיין צו זען בנחמת ציון וירושלים"; וועגן מנחם־אבל־זיין זע זוכוואָרט „אבל".

**נחמו, שבת** זע „שבת נחמו".

**נחמיה** זון פון חכליה, דער פּחה (גאַווערנאָר) פון יהודה אין דער צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט (לערך 445 — 425 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג), מחבר פון ספר נחמיה אין תנ"ך. דאָס ספר נחמיה דערציילט, אַז נחמיה איז געווען דער שר המשקים פון פּערסישן קעניג ארתחששתא. ווען ער האָט באַקומען די ידיעה, אַז ירושלים איז האַלב חרוב (דאָס איז געווען ניט לאַנג נאָכדעם ווי די יידן זענען צוריק פון בבל קיין ארץ־ישראל נאָך גלות בבל), די מויערן פון דער שטאָט אויפגעריסן און אין לאַנד יהודה בכלל זענען די יידן אין אַ שלעכטער לאַגע, האָט ער געבעטן ביים קעניג די דערלויבעניש צו גיין קיין ארץ־ישראל און אויפבויען דאָס לאַנד. דער קעניג האָט אים דערלויבט און אויך מיטגעגעבן הילף. ווען ער איז אָנגעקומען אין ירושלים האָט ער באַלד מיט ענערגיע זיך גענומען צוריק אויפבויען די מויערן פון דער שטאָט. עס האָבן אים ניט אָפּגעהאַלטן די דראָאונגען צו באַפאַלן אים דורך די פירער פון די שכנותדיקע פרעמדע פעלקער, סנבלט החרוני, טביה העבד העמוני, גשם הערבי; נחמיהס מענטשן האָבן געפירט די אַרבעט אויפצושטעלן די מויערן, האַלטנדיק אין איין האַנט די שווערד צו קעמפן און מיט דער צווייטער האַנט געטאָן די אַרבעט. נחמיה האָט אויפגעשטעלט די מויערן און פאַרזיכערט דעם שוץ פון ירושלים. ער האָט אויך באַזעצט ירושלים מיט יידישע איינוואוינער, און איינגעפירט פאַרשידענע אַנדערע תקנות, ווי צו באַפרייען פון די חובות די אַרעמע מאַסן פון פאָלק, דאָס שטרענגע אָפּהיטן שבת, דאָס באַשווערן דאָס פאָלק אָפּצוהיטן די תורת משה, געקעמפט קעגן די וואָס האָבן ניט גערעדט העברעאיש, ווי אויך קעגן די וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט פרויען פון פרעמדע פעלקער, פאָדערנדיק צו שיידן זיך מיט זיי. — דאָס ספר נחמיה, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך נחמיה זעלבסט („דברי נחמיה בן חכליה") אין דער פאָרם פון אייגענער דערציילונג („ואני הייתי", און איך בין געווען), אַנטהאַלט 13 קאַפּיטלעך און דערציילט אַלץ וואָס נחמיה האָט אויפגעטאָן; נחמיה ענדיקט דאָס ספר מיט די ווערטער „זכרה לי אלהי לטובה", זאָל מיר דאָס גאָט געדענקען צום גוטן. די גמ־

רא האט ניט פארעכנט נחמיה פאר א באזונדערן ספר נאר אלס המשך פון ספר עזרא, און די גמרא סנהדרין צ״ג זאגט, אז דאס איז א שטראף פאר נחמיהן דערפאר, ״שהחזיק טובה לעצמו״, וואס ער האט זיך אליין דערמאנט צום גוטן (״זכרה לי אלהי לטובה״). — נחמיה איז איינער פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע אלס דער פראקטישער איש המעשה, וואס האט געבויט די יידישע מדינה נאך גלות בבל. — זע גרעץ ״דברי ימי ישראל״.

**נחמיה, רבי** תנא אין 2טן יארהונדערט, תלמיד פון רבי עקיבא (בראשית רבה ס״ט) און פון רבי יהודה בן בבא (סנהדרין י״ד); פון אים זענען פאראן הלכות אין משנה, ברייתות ווי אויך דברי אגדה; די גמרא סנהדרין פ״ו זאגט אז די הלכות פון רבי נחמיה זענען געווען דער יסוד פון דער תוספתא (״סתם תוספתא רבי נחמיה״); אין שבת ל״ב זאגט ער אז קריגערייען קומען פון שנאת חנם; אין בבא בתרא ט״ו זאגט ער, אז די לעצטע פסוקים פון חומש דברים, פון ״וימת משה״, האט געשריבן יהושע.

**נחמן, רב** זון פון יעקב, אמורא אין בבל אין סוף 3טן און אנהויב 4טן יארהונדערט; תלמיד פון שמואל; איידעם פון רבה בר אבהו, וועלכער איז געווען א ריש גלותא (וועגן דעם איז פאראן א מיינונגס־פארשידנקייט); אין דער גמרא זענען פאראן פון אים פיל הלכות, און די גמרא כתובות י״ג זאגט אז די הלכה איז ווי רב נחמן אין דיני ממונות; פון אים זענען פאראן אין דער גמרא קורצע אפאריזמען: אין יומא כ״ט, ״הרהורי עבירה קשה מעבירה״ (דאס קלערן צו זינדיקן איז ערגער פון דער זינד זעלבסט); סנהדרין ק״ה, ״חוצפא אפילו בלפי שמיא מהני״ (חוצפה העלפט אפילו אין באצוג צו גאט). — זע ״תולדות תנאים ואמוראים״ פון היימאן.

**נחמן פון בראסלאוו** (1772, ראש חודש ניסן תקל״ב אין מעזשבוזש — 1810, י״ח תשרי תקע״א אין אומאן), רבי פון חסידים, מייסד פון א נייער חסידישער שיטה, וועלכע עקזיסטירט ביז היינט און וועמענס חסידים זענען ביז היינט באקאנט אלס ״בראסלאווער (אויך ״אומאנער״) חסידים״. ער איז געווען אן אור־אייניקל פון רבי ישראל בעל שם טוב (פון זיין טאכטער אדל); ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער באוועגונג פון חסידות. זיין פאטער רבי שמחה איז געווען א פשוטער בעל הבית, נאר זיין מוטער פייגע, די שוועסטער פון די צוויי רביים רבי ברוך פון מעזשבוזש און רבי משה חיים אפרים פון סודילקאוו (״דגל מחנה אפרים״), איז געווען באקאנט אין דער חסידישער וועלט און זי האט געהאט א גרויסן איינפלוס אויף איר זון. רבי נחמן איז שוין פון דער יוגנט געווען דערצויגן געווארן אין חסידות; אלט זייענדיק 6 יאר האט ער אנגעהויבן פאסטן, דאווענען מיט התלהבות, געבענקט צו דעם געהיימען, געטלעכן; נאך דער חתונה האט ער געוואוינט צוערשט אין א דארף, נאכער אין מעדוועדובקע און חסידים האבן אנגעהויבן קומען צו אים; אין יאר 1798 איז ער געפארן קיין ארץ־ישראל; צוריקומענדיק (1797) האט ער זיך באזעצט אין זלאטאפאליע, וואו ער האט ארויסגערופן קעגן זיך א מחלוקה פון רבי לייב דעם שפאליער זיידע; אין יאר 1800 האט ער זיך באזעצט אין בראסלאוו, וואו ער האט געוואוינט 10 יאר; אין 1810 האט ער זיך באזעצט אין אומאן, און דארט איז ער אין ניט קיין גאנץ יאר שפעטער געשטארבן, און דארט געפינט זיך זיין קבר, וואוהין די בראסלא־

ווער חסידים קומען אויף יעדן ראש השׁ־
נה צו זיין דאָרט ערב ראש השנה און
מתפלל זיין, ווי זייער רבי האָט זיי אָנ־
געזאָגט פאַר זיין טויט. — רבי נחמן
האָט געזאָגט, אַז ער שאַפֿט אין חסידות
אַ נייע שיטה („איך גיי אין אַ נייעם
וועג, אין וועלכן קיינער איז נאָכניט גע־
גאַנגען"). אין וואָס עס באַשטייט די
דאָזיקע שיטה, איז שווער צו זאָגן, ווייל
באמת איז דאָס, וואָס ער האָט איבער־
געלאָזט אין זיינע ספרים, דעם „ליקוטי
מהר"ן", „ליקוטי עצות", „שיחות
מהר"ן", „ספר המדות", דאָס זעלבע
וואָס עס האָבן געלערנט אויך אַנדערע
גרויסע פירער פון חסידות, פון בעל שם
טוב אָן: שטאַרקע אמונה אין צדיקים;
איבערגעבן זיך אינגאַנצן צום דאַווענען
און לערנען; ממאס זיין די וועלט וואָס
איז פאַרגענגלעך, נישטיק, שנעל פאַר־
בייגייענדיק; לעבן אין אחוה און פריינט־
שאַפֿט מיט יידן און דער עיקר מיט
חברים חסידים, מידות טובות. אָבער
דער אמת איז, אַז רבי נחמן האָט צוגע־
געבן צו דעם אַלעם געוויסע נייע עלע־
מענטן. ערשטנס האָט ער אַריינגעבראַכט
אין זיינע תלמידים דאָס התלהבות צו
דעם אַלעם, מאַכן דערפֿון זייער טעגלעך
לעבן, פאַר דעם עיקר פון זייער עקזי־
סטענץ. צווייטנס, וואָס אַנשטאָט ווי
ביי אַנדערע חסידים איז ווען דער רבי
איז געשטאָרבן, געוואָרן זיין ממלא
מקומו אַן אַנדער רבי אויף זיין אָרט,
איז רבי נחמן פאַרבליבן ביי זיינע חסי־
דים „דער רבי" אויף אייביק; ניטאָ קיין
ממלא מקומו. ער האָט זיי געזאָגט:
„מיין פייערל וועט טליען ביז משיח וועט
קומען". ער האָט אויך איינגעפירט אַז
די חסידים זיינע זאָלן זיך מתבודד זיין
יעדן טאָג אויף אַ שעה און אויסשמועסן
זיך מיט גאָט אין יידיש, אין מאַמע־
לשון. ער האָט אויך געהאַט איינגעפירט,
אַז די חסידים זאָלן זיך מתודה זיין פאַר

אים. — אחוץ די ספרים פון רבי נחמן
זעלבסט האָט מיטגעהאָלפן צו פאַר־
שפרייטן זיין חסידות זיין געטרייער
תלמיד רבי נתן נעמיראָווער (זע „נתן
פון נעמיראָוו"); ער האָט געשריבן דעם
רבינס תורות, ער האָט געהאָלפן זיי פאַר־
עפנטלעכן אין דרוק, און ער האָט גע־
שריבן ספרים, וועלכע זענען אַ דערגענ־
צונג און אין אַ געוויסער מאָס אַ פּאָפּו־
לאַריזירונג פון רבי נחמנס תורות, דעם
„ליקוטי הלכות", „ליקוטי תפילות"
(געמאַכטע תפילות פון רבי נחמנס תו־
רות), דעם „חיי מהר"ן" (פאַרצייכנט
נאָטיצן פון רבינס לעבן) און אַנדערע. די
בראַסלאַווער חסידים, וועלכע געפינען
זיך היינט מייסטנס אין אוקראַינע, פּוילן
און ארץ־ישראל, לערנען אין זייער רבינס
ספרים און זוכן אין זיי איינצוטייטשן
רמזים. זייער דאַווענען איז מיט גרויס
התלהבות, זיי זינגען און טאַנצן זייער
פיל, און זיי זענען זיכער, אַז רבי נחמן
איז שטענדיק מיט זיי. זייער הויפּט־
לאָזונג זענען די ווערטער פון רבי נחמן:
„געוואַלט, זייט אייך ניט מייאש!" די
שטרעבונג פון אַ בראַסלאַווער חסיד איז
צו זיין אויפן רבינס קבר אין אומאַן ראש
השנה, און צו זיין און ווי מעגליך זיך
צו באַזעצן אין ארץ־ישראל, זיי האָבן
אין ירושלים אַ ישיבה, וואו מען לערנט
און מען פירט זיך אויף לויט זייער וועג
פון חסידות. די בראַסלאַווער חסידים
זענען, פונקט ווי זייער רבי שטאַרק פאַר־
פאָלגט געוואָרן דורך אַנדערע רביים און
באַזונדערס דורך רבי משה פון סאַווו־
ראָן. מען האָט זיי געמסרט צו דער רו־
סישער רעגירונג; מען האָט אויף זיין
אַרויפגעלייגט חרמים, ניט מתחתן זיין
מיט זיי וכדומה. — רבי נחמן האָט אחוץ
די פילע ספרים תורות אויך איבערגע־
לאָזט זיינע באַרימטע „ספורי מעשיות",
לעגענדעס־דערציילונגען, געשריבן אין
יידיש און איבערזעצט אין לשון קודש

דורך זיין תלמיד רבי נתן. דאָס זענען וואונדערלעכע דערציילונגען וועגן דער פאַרלוירענער בת מלך, בעל תפילה, חכם ותם, 7 בעטלערס, וועלכע אנטהאַלטן אויך פיל טיפע געדאַנקען, באַזונדערס די „מעשה בז' בעטלערס", און געהערן צו די פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור. — וועגן רבי נחמן און בראַסלאַווער חסידות זע האָראָדעצקי, „החסידות והחסידים", 3טן בוך, און אויך 4טן בוך וועגן לעבן פון חסידים; וועגן רבי נחמנס ספורי מעשיות זע די אויסגאַבע פון ש. צ. זעצער אין דער הקדמה ווי אויך די הקדמה פון ש. ניגער צו יונה ספיוואַקס דראַמע „רבי נחמן".

**נחש הקדמוני** (די ערשטע, אור־אַלטע שלאַנג), דער ספור אין חומש בראשית ג' וועגן נחש (שלאַנג) וואָס איז געווען צוזאַמען מיט אדם און חוה אין גן עדן און האָט אַנגערעדט חוהן אַז זי זאָל עסן פון די פאַרבאָטענע פרוכטן פון עץ הדעת און געבראַכט די קללה אויף מענטשן, ווערט אין די דברי אגדה פון תלמוד און מדרש אויסגעטייטשט אויספירלעך. אין דער גמרא סנהדרין כ"ט הייסט ער „נחש הקדמוני" און ער ווערט דאָרט באַטראַכט אַלס דער „מסית", דער אַנרעדער צו שלעכטס. אין סוטה ט' ווערט געזאָגט, אַז דער נחש הקדמוני איז געווען ווי אַ מענטש, געגאַנגען אויפגעשטעלט, און איז געווען דער מלך איבער אַלע בהמות און חיות. די גמרא עבודה זרה כ"ב זאָגט אין נאָמען פון רבי יוחנן, אַז דער נחש האָט געהאַט באַציאונגען מיט חוה און דאַדורך האָט ער אַריינגעגעבן אַ אומריינקייט („זוהמא") אין אַלע מענטשן, נאָר ביי די יידן נעמענדיק די תורה אויפן באַרג סיני, האָט די אומריינקייט אויפגעהערט. דער מדרש תנחומא בראשית זאָגט, אַז דער נחש איז דער יצר הרע.

**נחש הנחושת** (די קופּערנע שלאַנג), אין חומש במדבר כ"א ווערט דערציילט, אַז ווען די יידן זענען געווען אין דער מדבר און האָבן זיך פאַרזינדיקט, האָט גאָט געשיקט אויף זיי שלאַנגען און זיי זענען געביסן געוואָרן און פיל פון זיי זענען געשטאָרבן. משה רבנו האָט מתפּלל געווען, און גאָט האָט אים געהייסן מאַכן אַ נחש הנחושת, אַ שלאַנג פון קופּער, און יעדער וואָס איז געביסן געוואָרן דורך אַ שלאַנג, האָט געקוקט צום נחש הנחושת און ער איז געבליבן לעבן. אין מלכים ב' י"ח ווערט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער נחש הנחושת איז געבליבן ביי יידן אַ סך הונדערטער יאָרן אין ארץ־ישראל ביז דער צייט פון מלך חזקיה; די יידן האָבן אים גערופן „נחשתן" און צו אים מקריב געווען קטורת; ערשט חזקיה האָט אים צעבראָכן.

**נחשון** זון פון עמינדב, נשיא פון שבט יהודה אין דער צייט ווען די יידן זענען געווען אין דער מדבר (שמות ו'); פון אים האָט אָפּגעשטאַמט דוד המלך (רות ד'); די גמרא סוטה ל"ז זאָגט אַז ער איז געווען דער ערשטער אַריינצושפּרינגען אין ים סוף ווען די יידן זענען אַריבער דעם ים.

**נטילת ידים** זע „וואַסער".

**נטרונאי, גאון** — 1) בן נחמיה, גאון אין פּומבדיתא, אין בבל, 713 — 730; — 2) בר ליהאי, גאון אין סורא, 859 — 869; פאַראַן פון אים אַ סך תשובות וועגן מנהגי בית הכנסת און נוסחאות פון תפילות און פּיוטים; ער ברענגט די פּיוטים וואָס שטאַמען פון קליר; ער ברענגט דעם מנהג פון שלאָגן כפּרות; ער איז אַרויסגעטרעטן שאַרף קעגן די קאַראַאימער (קראים); וועגן אים האָט מען דערציילט, אַז ער האָט געהאַט קפי־

צת הדרך פון בבל קיין פראַנקרייך; רב עמרם גאון אין זיין סידור (סדר) ברענגט פון אים אַ סך מנהגים און תשובות.

**ניגון** זע „מוזיק".

**ניגער, שמואל** (פאַמיליע־נאָמען „טשאַרני"); געבוירן 1883 אין רוסלאַנד (מינסקער געגנט); שריפטשטעלער, ליטעראַטור־קריטיקער, פּובליציסט; געלעבט אַ לענגערע צייט אין ווילנע; זינט 1919 אין ניו־יאָרק; מיטאַרבעטער איז „טאָג"; רעדאַקטאָר פון אַ ריי זשורנאַלן („די יידישע וועלט", „די נייע וועלט" אין ווילנע און אַנדערע צייטשריפטן); געשריבן הונדערטער גרעסערע און קלענערע אָפּהאַנדלונגען איבער דעם גרעסטן טייל יידישע שריפטשטעלער; פּרטים אין רייזנס „לעקסיקאָן".

**ניו־יאָרק** גרעסטע שטאָט אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, גרעסטער יידישער שטאָט־ישוב אין דער יידישער געשיכטע; אויף לערך 10 מיליאָן נפשות אַלגעמיינע באַפעלקערונג איז פאַראַן לערך 2 מיליאָן יידן; דער באַדייטנדסטער יידישער צענטער. — מען נעמט אָן, אַז די ערשטע יידן זענען געקומען קיין ניו־יאָרק אין יאָר 1653 פון בראַזיליע און אַמסטערדאַם, ווען ניו־יאָרק איז געווען אַ האָלענדישע קאָלאָניע און געהייסן ניו־אַמסטערדאַם. עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען וועגן יידן אַ קאַמף צווישן דער האָלענדישער קאָמפּאַניע און דעם ניו־יאָרקער גאָווערנאָר סטייוויסענט, וועלכער האָט ניט געוואָלט דערלויבן יידן צו באַזעצן זיך אין ניו־יאָרק. די יידן האָבן יאָ באַקומען דאָס רעכט צו וואוינען און אין יאָר 1656 אויפצובויען אַ בית־עלמין; די עלטסטע מצבה וואָס איז פאַראַן פון יענער צייט איז פון בנימין דע מעסקעטאַ פון יאָר 1683; פון דעמאָלט אָן האָט זיך די צאָל יידן אין ניו־יאָרק פאַרגרעסערט, באַזונדערס זינט ענגלאַנד האָט פאַרנומען ניו־יאָרק אין יאָר 1664. פולע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט האָבן יידן באַקומען אין ניו־יאָרק נאָך דער באַפרייאונגס רעוואָלוציע אין 1776. די ערשטע יידישע קהלה אין ניו־יאָרק איז געווען אַ ספרדישע „שארית ישראל"; אַרום איר זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע יידישע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן, מנינים, שולן; ערשט אין 1826 איז געגרינדעט געוואָרן אַן אשכנזישע קהלה „בני ישורון" פון יידן פון פּוילן, רוסלאַנד. פון דעמאָלט אָן זענען אַנטשטאַנען אין ניו־יאָרק פיל באַזונדערע קהלות, קאָנגרעגיישאַנס. אין יאָר 1847 איז אין ניו־יאָרק געווען לערך 15,000 יידן. פון יאָר 1881, ווען עס זענען פאָרגעקומען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, איז געווען אַן אומאויפהערלעכער אימיגראַציע־שטראָם פון יידן פון רוסלאַנד און פּוילן קיין אַמעריקע און דער גרעסטער טייל פון די אימיגראַנטן האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, וואו די יידן האָבן געבראַכט אַן אויפלעבונג אין פיל אינדוסטריע־צווייגן, באַזונדערס אין דער קליידונג־אינדוסטריע. אין יאָר 1912 איז די צאָל יידן אין ניו־יאָרק געווען 1 מיליאָן מיט 200 טויזנט. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914-1918 איז דער יידישער אימיגראַציע־שטראָם געווען אָפּגעשטעלט, אָבער ער האָט ווידער גענומען פליסן באַלד ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, באַזונדערס צוליב די שחיטות אויף יידן אין אוקראַינע אין 1919. ערשט מיט דער איינפירונג פון אימיגראַציע - באַגרענצונג - געזעץ אין 1923 האָט זיך די יידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע און אויך קיין ניו־יאָרק באַדייטנד פאַרקלענערט. — די גרויסע צאָל יידישע קהלות (קאָנגרעגיישאַנס)

אין ניו־יאָרק, וועמענס צאָל דערגרייכט
איצט ביז איבער 1500, זענען ניט פאַר־
רייניקט אין איין קהלה; עס זענען געווען
פּרואוון, אין 1902, צו שאַפן אַ פאַראייניק־
טע יידישע קהלה, אָבער זיי האָבן זיך
ניט איינגעגעבן. ניו־יאָרק האָט איבער
3,000 יידישע פילאַנטראָפּישע און אַנ־
דערע געזעלשאַפטן, אַ גרויסע נעץ יידי־
שע שולן אין ענגליש, יידיש און העב־
ברעאיש; פאַראַן עטלעכע רבנים־ און
ראַבינער־ סעמינאַרן, דער דזשואיש־טעאָ־
לאָגישער סעמינאַר (קאָנסערוואַטיוו),
וויס, עקסטרעם־רעפאָרם־סעמינאַר, ישי־
בת רבי יצחק אלחנן (שטרענג אָרטאָ־
דאָקסיש) און אַנדערע ישיבות און לע־
רער־סעמינאַרן. די יידן אין ניו־יאָרק
זענען פאַרטרעטן אין אַלע צווייגן פון
ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. עס
דערשיינען גרויסע יידישע טאָג־צייטונ־
גען: „טאָג" (ליבעראַל־אומפּאַרטייאיש
מיט אַ ציוניסטישער באַפאַרבונג),
„מאָרגן־זשורנאַל" (אָרטאָדאָקסיש־ציוני־
סטיש), „מאָרגן־פרייהייט" (קאָמוני־
סטיש), „פאָרווערטס" (פאַרשפרייטסטע
צייטונג, סאָציאַליסטיש, מיט נייגונגען
צום ציוניזם), וואָכנשריפטן („אַמערי־
קאַנער", „קעמפער", „גערעכטיקייט",
„הדאר"), מאָנאַט־שריפטן („צוקונפט",
„בצרון"), וויסנשאַפטלעכע פּעריאָדישע
אויסגאַבן. אין ניו־יאָרק איז דער צענ־
טער פון די גרעסטע יידישע אָרגאַניזאַ־
ציעס אין אַמעריקע, „דזשאָינט", ציו־
ניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַרבעטער־רינג,
„היאַס", יידיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט,
יידישער קאָנגרעס, אָרדנס, פעדעראַציע
פון לאַנד־מאַנשאַפטן (פּוילישע, ליטווי־
שע, גאַליציאַנער, רומענישע און אַנדע־
רע). אַ רשימה פון די אַלע אָרגאַניזאַ־
ציעס און חברות איז יעדעס יאָר פאַר־
עפנטלעכט אין דעם אַמעריקאַנער יידישן
יאָר־בוך („ייר־בוק") אין ענגליש. — זע
„פאַרייניקטע שטאַטן".

**ניטל** נאָמען פון ווייַנאַכט־טאָג, ווען
ישו הנוצרי איז געבוירן געוואָרן, לויט
דער קריסטלעכער טראַדיציע; וועגן דער
אָפּשטאַמונגען פון וואָרט „ניטל" זענען
פאַראַן פיל מיינונגען; לויט טייל איז עס
פון שפּעטערן לאַטייניש „נאַטאַלע"
(געבורט); לויט אַנדערע פון אַלט־דייַ־
טשן „נידעל"; דאָס וואָרט „ניטל" ווערט
דערמאָנט אין פּסקי תוספות אויפן 1טן
פּרק עבודה זרה; דער מנהג ביי יידן
ניט צו לערנען אין ניטל איז שוין גע־
ווען אין מיטלאַלטער.

**ניימאַרק, דוד** (1866 אין גאַליציע—
1924 אין סינסינעטי, אַמעריקע), גע־
לערנטער, מחבר פון „תולדות הפילו־
סופיה בישראל" (געשיכטע פון פילאָזאָ־
פיע ביי יידן) און אַנדערע ווערק; זינט
1907 געווען פּראָפעסאָר פאַר רעליגיע־
זער פילאָזאָפיע אין „היברו יוניאָן קאָ־
לעדזש" אין סינסינעטי.

**ניין טעג** די ניין טרויעריקע טעג פון
ראש חודש אב ביז תשעה באב, ווען עס
זענען פאָרגעקומען די לעצטע שלאַכטן
אין דער דעראָבערונג פון ירושלים און
חרבן בית המקדש פון בית ראשון און
בית שני; אין די 9 טעג איז איינגעפירט
ניט צו עסן קיין פלייש און ניט צו טרינ־
קען קיין וויין. טייל פון די דאָזיקע
טרויער־מנהגים ווערן געבראַכט אין מש־
נה תענית ד' („שבת שחל תשעה באב
בתוכה") און באַזונדערס אין דער גמרא
תענית כ"ט די מיינונג פון רבי מאיר
אַז פון ראש חודש אָן; עס איז דער
מנהג אַז ווען איינער מאַכט אַ סיום
אויף אַ מסכתא גמרא עסט מען יאָ
פלייש; פּרטים אין שולחן ערוך אורח
חיים תק"ן. — זע „אב", „דריי וואָכן",
„תשעה באב".

**נינווה (ננוה)** הויפּטשטאָט פון אשור
אין די צייטן פאַרן תנ"ך און אויך פון

תנ״ך. דער נביא יונה האָט געשטראָפט די איינוואוינער פאַר זייערע שלעכטע מעשים און זיי האָבן תשובה געטאָן (יונה ג׳); נחום האָט נביאות געזאָגט אויפן חורבן פון נינוה (נחום ג׳); מען האַלט אַז נינוה איז געווען לעבן היינטיקן מאָסול. — זע „אשור״.

**ניסוך המים** (גיסן וואַסער אַלס אַ קרבן). עס איז געווען אַ מנהג אין סוכות צו ברענגען אין בית המקדש וואַסער און עס גיסן אַלס קרבן אויפן מזבח. דער מנהג ווערט אין דער תורה ניט דערמאָנט, נאָר עס איז איינגעפירט געוואָרן, לויט איין טראַדיציע, דורך די נביאים (סוכה נ״ה), און לויט אַ צווייטער טראַדיציע איז עס אַ „הלכה למשה מסיני״ (תענית ג׳); אין ראש השנה ט״ז ווערט געבראַכט דער טעם, ווייל סוכות צייט דאַרף אַנהויבן צו גיין אין ארץ־ישראל דער רעגן, דעריבער ווערט געבראַכט דער וואַסער־קרבן, כדי דאָס יאָר זאָל זיין רייך אין רעגנוואַסער; פון דעם מנהג האָבן געהאַלטן נאָר די פּרושים, דאַקעגן די צדוקים האָבן ניט געהאַלטן פון אים (סוכה מ״ח). דאָס שעפּן וואַסער צום קרבן איז פאַרגעקומען מיט גרויסער פייערלעכקייט, אין אַ גאָלדענער כלי, מיט בלאָזן אין חצוצרות, און די שמחה דערביי פון די פאַרזאַמלטע יידן איז געווען זייער גרויס; מען האָט עס גערופן „שמחת בית השואבה״ (די פרייד פון שעפּן וואַסער), און די משנה סוכה ה׳ זאָגט, „מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו״ (ווער עס האָט די דאָזיקע שמחה ניט געזען האָט אין זיין לעבן קיין שמחה ניט געזען). די משנה דאָרט אין סוכה ה׳ באַשרייבט אויספירלעך ווי די פייערלעכקייט איז פאַרגעקומען. אויפן הויף פון בית המקדש האָט מען ביינאַכט אָנגעצונדן בעקענס מיט בוימל און די גאַנצע שטאָט ירושלים איז געווען באַלויכטן און חסידים ואנשי מעשה האָבן געטאַנצט מיט פלאַקערס אין די הענט און די לוויים האָבן געשפּילט. — די נייע וויסנשאַפטלעכע פאַרשונג האַלט אויך, אַז דער מנהג פון ברענגען וואַסער אַלס קרבן איז ביי יידן זייער אַלט און אַלס באַווייז ברענגען זיי די ערטער פון שמואל א׳ ז׳ און שמואל ב׳ כ״ג, וואו שמואל הנביא און דוד המלך האָבן געגאָסן וואַסער אַלס קרבן.

**ניסן** 7טער חודש אין יידישן קאַלענדאַר, ווען מען רעכנט תשרי דעם 1טן חודש, און דער 1טער חודש ווען מען רעכנט ניסן אַלס 1טן חודש; אין תנ״ך ווערט דער נאָמען ניסן דערמאָנט נאָר אין די שפּעטערע ספרים, נחמיה ב׳ און אסתר ג׳ (די נעמען פון חדשים האָבן די יידן מיטגעבראַכט פון גלות בבל, זע זוכוואָרט „חדש״); אין חומש (דברים ט״ז) הייסט ער „אביב״; אין חומש שמות י״ב ווערט געזאָגט וועגן אים „החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה״, אַז ער איז דער ערשטער חודש אין יאָר; ער האָט 30 טעג, און ווערט באַטראַכט אַלס פייערלעכער חודש, אין אים זענען די 8 טעג פּסח, אין די ערשטע טעג זענען געווען די קרבנות פון די נשיאים, מען ציילט ספירה, און די „מגילת תענית״ רעכנט אויס אויך אַנדערע פייערלעכקייטן; מען זאָגט ניט קיין תחנון; לויט דער מיינונג פון תנא רבי יהושע (ראש השנה י״א) איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן אין ניסן.

**ניקנור** נאָמען פון אַ סירישן גענעראַל אין דער צייט פון די חשמונאים־קאַמפן (165 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג); יידן האָבן אים באַזיגט אין 13 טעג אין אדר, און מען האָט דעם טאָג געפייערט אַלס „יום ניקנור״ (אין מגי־

לת תענית). — אין בית המקדש איז געווען א קופערנער טויער „שער ניקנור", און די גמרא יומא ל"ז דערציילט אז די צוויי טירן צום טויער האט געבראכט א ייד ניקנור פון אלעקסאנדריע אין עגיפטן מיטן ים; אויפן וועג איז איין טיר אריינגעפאלן אין וואסער און עס איז געשען א נס אז זי איז אליין ארויפגעשוואומען; מיט עטלעכע יאר צוריק האט מען געפונען די מצבה פון דעם דאזיקן ניקנור מיט דער אויפשריפט אין העברעאיש „נקנור אלכסא" (דאס הייסט פון אלעקסאנדריע), און אין גריכיש „די ביינער פון דער משפחה ניקנור פון אלעקסאנדריע וואס האט געמאכט די טירן".

**נירון (נעראן)** קיסר אין רוים אין די יארן 37 — 68; אין זיין צייט איז אויסגעבראכן דער אויפשטאנד פון די יידן אין ארץ־ישראל קעגן דער רוימישער הערשאפט און עס האט זיך אנגעהויבן די מלחמה וואס האט זיך געענדיקט מיטן חרבן פון ירושלים און פון 2טן בית המקדש; אין דער גמרא גטין נ"ו, אין דעם ספור וועגן חרבן, ווערט ער דערמאנט אלס נירון קיסר, און די גמרא דערציילט די אגדה, אז ווען ער האט אנגעהויבן די מלחמה קעגן יידן, האט ער געטראפן א יידיש איינגל און אים געהייסן זאגן דעם פסוק וואס ער האט היינט געלערנט; דאס איינגל האט אים געזאגט „ונתתי את נקמתי באדום" (איך וועל מיך נוקם זיין אין אדום); נירון האט זיך דערשראקן און איז אנטלאפן און זיך מגייר געווען, און פון אים האט אפגעשטאמט דער תנא רבי מאיר; די לעגענדע, אז נירון (וועלכער איז באגאנגען זעלבסטמארד דורך איינעמען גיפט) איז דעמאלט ניט געשטארבן נאר אנטלאפן, איז אויך געווען ביי די רוימישע היסטאריקער; עס האבן זיך באוויזן אפילו מענטשן, וואס האבן זיך אויסגעגעבן אלס דער אנטלאפענער נירון („דער פאלשער נירון").

**נירנבערג** אלטע שטאט אין דייטשלאנד, וואו עס איז געווען אין מיטלאלטער א צענטער פון תורה (מהר"ם מרוטענבערג, דער „מרדכי", מהרי"ל, גרויסע ישיבה); לעצטנס איז זי באקאנט מיט די „נירנבערגער געזעצן" קעגן יידן, וועלכע די היטלער־רעגירונג האט אנגענומען. — זע „היטלער".

**נמרוד** נאמען פון מלך אין בבל אין די גאר אלטע צייטן פון תנ"ך (בראשית י'); דארט ווערט דערציילט וועגן אים, אז מען האט אים גערופן „גבור ציד לפני ה'" (א העלד, יעגער פאר גאט); דער זין דערפון איז ניט קלאר; אין דער גמרא און מדרש (פסחים קי"ח, מדרש בראשית רבה מ"ד) ווערן דערציילט די אגדות, אז נמרוד האט אריינגעווארפן אברהם אבינו אין ברענענדן קאלכאויוון דערפאר וואס ער האט ניט געוואלט דינען אפגעטער; אין מיכה ה' ווערט אשור אנגערופן „ארץ נמרוד".

**נס, נסים** אין העברעאישן איז „נס" א „צייכן", און דערפון איז געווארן נס די באצייכענונג פאר א וואונדערלעך, אייבערנאטירלעך געשעעניש; די משנה איז אבות ה' זאגט „עשרה נסים נעשו לאבותינו במצרים" (צען נסים זענען געשען מיט אונדזערע עלטערן אין מצרים); די משנה אין ברכות ט' זאגט אז איינער זעט אן ארט, וואו עס זענען פארגעקומען נסים צו יידן דארף ער מאכן א ברכה „שעשה נסים לאבותינו"; ווען מען צינדט אן חנוכה־ליכט און ווען מען לייענט די מגילה אין פורים מאכט מען די ברכה „שעשה נסים לאבותינו"; די גמרא פסחים ס"ד זאגט „לא סמכינן

אניסא" (מען טאר זיך ניט פארלאזן דערויף, אז עס וועלן געשען נסים). — נסים און ווי זיי האבן געהייסן אין תנ"ך „מופתים", „אותות", „נפלאות", איבערנאטירלעכע אקטן און געשעענישן, פארנעמען אין דער יידישער רעליגיע א גרויס ארט. ווען משה רבנו איז אויפגעפאדערט געווארן פון גאט צו גיין קיין מצרים אויסצולייזן די יידן, און משה האט געזאגט צו גאט „והן לא יאמינו לי", זיי וועלן מיר ניט גלויבן, האט גאט אים מיטגעגעבן אלס צייכן עטלעכע „אותות", איבערנאטירלעכע נסים, ווי אז ער וועט קאנען פארוואנדלען זיין שטעקן אין א שלאנג, וואסער אין בלוט (שמות ד'). אין גאנצן חומש זענען פאראן זייער פיל ספורים וועגן נסים, ווי די וואונדערלעכע ספורים וועגן יציאת מצרים, די 10 מכות, דאס שפאלטן דעם ים, דער מן פון הימל, דאס פייער און דונערן און בליצן ביים בארג סיני, דער היילנדער קופערנער שלאנג, דאס איינשלינגען קורח און זיינע חברים דורך דער ערד. דער חומש דברים ד' שטרייכט אונטער דעם דאזיקן מאמענט און זאגט: „צי איז געהערט געווארן ווי די דאזיקע גרויסע זאך — צי האט גאט גענומען א פאלק מיט אותות און מופתים — ווי דיין גאט האט געטאן צו אייך אין מצרים פאר זיינע אויגען?". — אויך אין די אנדערע ספרים פון תנ"ך, געפינען מיר פיל ספורים וועגן נסים, וואס האבן באדארפט באווייזן די ריכטיקייט פון דער רעליגיע. אלס באזונדערס וויכטיק איז דער ספור מיט אליהו הנביא, וועלכער האט צונויפגערופן דאס פאלק צום בארג כרמל און באוויזן אז די רעליגיע פון בעל טויג ניט, ווייל די נביאי הבעל האבן ניט געקאנט אראפברענגען פייער פון הימל און אליהו האט יא אראפגעבראכט דאס פייער, און עס ווערט צוגעגעבן: „וירא כל העם ויפלו על פניהם ויאמרו ה' הוא האלהים" (און דאס פאלק האט געזען און איז געפאלן און אויסגערופן: גאט איז גאט). וועגן נסים ווערט אויך דערציילט אין די פיל שפעטערע רעליגיעזע יידישע ספרים, אין די „כתבים אחרונים" ווי אויך אין דער גמרא און מדרש. אין דער גמרא און מדרש ווערן געבראכט ספורים וועגן באזונדערע תנאים און אמוראים וואס זענען געווען מלומדים בניסים, ווי די ספורים אין דער גמרא תענית כ"ג און ווייטער וועגן חוני המעגל, חלקיה, נחום איש גמזו (תענית כ"א), רבי חנינא בן דוסא (ברכות ל"ז) און פיל אנדערע. אויך נאך דער תלמוד־עפאכע, דורך דער גאנצער צייט פון דער יידישער געשיכטע ביז דער לעצטער צייט פון חסידות און חסידישע רביים פארנעמען די ספורים וועגן נסים און מופתים, וואס צדיקים באוויזן, א זייער גרויס ארט אין די יידישע בעליגיעזע גלויבונגען. עס איז ריכטיק, אז טייל פון די יידישע רעליגיעזע פילאזאפן אין מיטלאלטער, רבי לוי בן גרשון און אנדערע האבן זיך באמיט צו דערקלערן די נסים פון תנ"ך דורך דרך הטבע. אנדערע פילאזאפן ווי רב סעדיה גאון, דער רמב"ם האבן יא געגלויבט אין די איבערנאטירלעכע נסים, אבער זיי האבן דאס דערקלערט, אז באלד ביים שאפן די וועלט האט גאט אזוי אריינגעגעבן אין די נאטור־געזעצן, אז אין דער און דער באשטימטער צייט זאלן זיי זיך אויפירן אנדערש (רמב"ם אין „מורה נבוכים", חלק ג'). אבער דער גרעסטער טייל יידישע גדולים האבן געגלויבט אין נסים פשוט, אן חקירות. פאר די פאלקסמאסן זענען די ספורים וועגן נסים און מופתים געווען דער הויפט־יסוד פאר דער אמונה. אן אפהאנדלונג (אין ארטאדאקסישן זין) וועגן די מיינונגס־פארשידנקייטן איבער נסים און מופתים איז פאראן אין דער הקדמה פון קאמעלהאר

צום ספר „אם לבינה" וועגן רבי מענדל רימאנאוווער; די הקדמה הייסט „ראש אמנה על הנסים ועל הנפלאות", וואו עס ווערן געבראכט די מיינונגען פון יידישע גדולים אין פארשידענע צייטן וועגן די נסים און מופתים. (

**נסים בן יעקב פון קיירואן** פוסק און ראש ישיבה און מפרש פון תלמוד און מחבר פון „מעשיות", געלעבט אין קיירואן, צפון־אפריקע אין ערשטער העלפט פון 11טן יארהונדערט, געשטארבן 1040; מען האט אים אויך גערופן „רב נסים גאון"; ער איז געווען א תלמיד פון רבנו חושיאל (דעם פאטער פון רבנו חננאל); א חבר פון רב האי גאון; שווער פון רבי יוסף דעם זון פון רבי שמואל הנגיד; רב נסים האט פיל מיטגעווירקט צו דער פארשפרייטונג פון תלמוד אין שפאניע, זייענדיק דער פארמיטלער צווישן די ישיבות אין בבל און שפאניע; זיינע הויפט־ספרים זענען: 1) „מפתח התלמוד" (געשריבן געמישט אין אראביש און תלמודיש־העברעאיש־אראמעאיש), „מגלת סתרים" אויך אויף תלמוד, „סדר תפלה", ספר „מעשיות", 60 ספורים פון גמרא און מדרש און אויך פאלקס־מעשיות, געשריבן אין אראביש צו טרייסטן זיין שווער דונש; זיי זענען איבערזעצט אין העברעאיש מיטן נאמען „חבור יפה מהישועה" און אויך „מעשיות שבתלמוד". — פרטים וועגן אים ביי ראפאפארט „תולדות רבנו נסים".

**נסים פון גירוני, ר"ן** (אין 14טן יארהונדערט אין שפאניע), פוסק און מפרש התלמוד און ראש ישיבה אין שפאניע אין דער שטאט בארצעלאנא; זון פון רבי ראובן; באקאנט אלס דער ר"ן; עס איז ניט באקאנט גענוי ניט ווען ער איז געבוירן געווארן און ניט ווען ער איז געשטארבן; מען נעמט אן, אז ער איז געבוירן געווארן לערך דעם יאר 1310 און געשטארבן ארום 1375 (אטלאס אין „הכרם" אין מאמר „הירח והכוכבים"; דער „יוחסין" גיט אן די טויט־דאטע 1380); זיין תלמיד, רבי יצחק בן ששת (ריב"ש) שרייבט וועגן אים אז אלע חכמי ישראל זענען געווען אין פארגלייך מיט אים „בקליפת השום"; ער האט מחבר געווען דעם פירוש הר"ן אויף דעם „ריף" (רבי יצחק אלפסי) אין וועלכן ער ווייזט ארויס די גלייכע סברה און גרויס טיפקייט אין מברר זיין די הלכה; ער האט אויך מחבר געווען פירושים אויף גמרא, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז פארלוירן געגאנגען; באקאנט איז זיין פירוש אויף נדרים; ער האט אויך געשריבן די „שאלות ותשובות הר"ן", און אויך די „דרשות הר"ן", 12 דרשות, אין וועלכע ער ווייזט ארויס קענטעניש אין פילאזאפיע. — זע ווייס „דור דור ודורשיו", באנד 5.

**נסיון** (אויספרואוון), מיט דעם ווארט נסיון אין דער יידישער רעליגיע מיינט מען, ווען א מענטש ווערט געשטעלט אין א לאגע, אין וועלכער ער האט אויסצעוויילן צווישן צוויי טאטן, א גוטע און א שלעכטע, און ער קאן פון דער שלעכטער טאט האבן ערדישן נוצן; דאס אויסווילן די גוטע טאט, הגם זי איז פארבונדן מיט ליידן, ווערט אנגערופן „אויסהאלטן דעם נסיון", עומד־בנסיון־זיין"; אין חומש בראשית כ"ב אין דעם ספור וועגן דער עקידה ווערט געזאגט „והאלהים נסה את אברהם", גאט האט אויסגעפרואווט אברהם אבינו, צו זען צי ער וועט אים פאלגן; די משנה אין אבות ה' זאגט אז אברהם אבינו איז אויסגעפרואווט געווארן מיט „צען נסיונות"; אין דאווענען (די תפילה ווערט געבראכט אין דער גמרא ברכות ס') בעט מען „ואל

תביאני לידי נסיון'', מען זאָל ניט קומען צו קיין נסיון; וועגן אַ סך צדיקים ווערן דערציילט ספורים ווי זיי זענען געשטעלט געוואָרן פאַר נסיון און האָבן אויסגעהאַלטן.

**נסך** זע „וויין''.

**נסתר** זע „ל"ו צדיקים'', „נגלה''.

**נ"ע** ראשי תבות פון וואָרט „נִשמתו עדן'' (זיין נְשמה זאָל זיין אין גן עדן) וואָס מען שרייבט אויף אַ פאַרשטאָרבענעם.

**נעגל** אין די יידישע פאָלקס־גלויבונגען איז אָנגענומען אַז אָפּגעשניטענע נעגל האָבן אַ געוויסע אומריינקייט; די גלויבונגען האָבן אַ יסוד אין דער גמרא (נדה י"ז) וואו עס ווערט געזאָגט, אַז ווער עס פאַרברענט זיינע אָפּגעשניטענע נעגל איז אַ חסיד, ווער עס באַגראָבט זיי איז אַ צדיק און ווער עס וואַרפט זיי אַוועק איז אַ רשע; דער זוהר אין סדרה אחרי מות זאָגט, אַז מען טאָר ניט טרעטן אויף נעגל; עס איז פאַראַן אַ פאָלקס־גלויבן (געבראַכט אין „באר היטב'' שלחן ערוך אורח חיים ר"ס), אַז אַ שוואַנגערדיקע פרוי ווען זי טרעט אויף נעגל, ברענגט עס איר שאָדן; דער רמ"א אין שלחן ערוך דאָרט זאָגט אַז מען זאָל ניט שניידן די נעגל, ווי די פינגער גייען, נאָר בסירוגין, איבערגעהיפּערט; דער „שערי תשובה'' ברענגט, אַז מען זאָל צושניידן צו די נעגל שטיקלעך האָלץ. עס איז פאַראַן דער פאָלקס־גלויבן אַז ווער עס וואַרפט אַוועק די נעגל, וועט ער נאָכן טויט מוזן קומען זיי צונויפזאַמלען.

**נעגל־וואַסער** זע „וואַסער''.

**נעטער, קאַרל** (1826 אין שטראַסבורג — 1882 אין ארץ־ישראל), יידישער עסקן, פון די גרינדער פון דער „אליאַנס''; אין יאָר 1870 געגרינדעט די ערשטע קאָלאָניע און לאַנדווירטשאַפטלעכע שולע „מקוה ישראל'' אין ארץ־ישראל; געשטאָרבן אין מקוה ישראל און דאָרט איז פאַראַן זיין קבר.

**נעילה** (שליסן) נאָמען פון דער לעצטער תפילה אין יום כפור ביי זון־אונטערגאַנג; פון דער משנה תענית, פרק ד', איז צו זען, אַז אין די אַלטע צייטן האָט מען געדאַוונט נעילה אין יעדן תענית ציבור; דער נוסח פון נעילה ווערט געבראַכט אין יומא פ"ז; נעילה ווערט געדאַוונט מיט אַ באַזונדער מעלאָדיע. — זע „יום כפור''.

**נעמי** אין ספר רות ווערט דערציילט דער ספור וועגן נעמי, די ווייב פון אלימלך, וועלכע האָט מיט איר מאַן און צוויי זין, מחלון און כליון, אויסגעוואַנדערט אין אַ הונגער־יאָר קיין מואב; איר מאַן און זין זענען געשטאָרבן און זי איז צוריקגעקומען מיט איר שנור רות קיין ארץ־ישראל. — זע „רות''.

**נעמיראָוו** זע „ת"ח''.

**נעמן** מיליטער־פירער פון ארם; אין מלכים ב' ה' ווערט דערציילט, ווי ער איז אויסגעהיילט געוואָרן פון צרעת דורך דעם נביא אלישע, וועלכער האָט פון נעמן דערפאַר ניט געוואָלט נעמען קיין באַלוינונג. — זע „גחזי''.

**נענועים** זע „לולב''.

**נפטר, נסתלק** עס איז אָנגענומען, באַזונדערס אין די קרייזן פון מקובלים און חסידים, צו זאָגן אויף דעם טויט פון אַ רב, אַ רבי, אַ למדן, ניט „געשטאָרבן'', נאָר „נפטר געוואָרן'', „נסתלק געוואָרן''; דער אויסדרוק „נסתלק'' געפינט זיך אין מדרש פיל מאָל, ווי שמות רבה נ"ב „בשעת סילוקן של צדיקים'' און אַנדערע ערטער; דאָס וואָרט „נפטר'' געפינט זיך פיל מאָל אין גמרא און מד־

רש ווי „נפטר בשם טוב מן העולם" (ברכות י"ז) און אנדערע ערטער; „נפטר" הייסט אויך „דער פארשטאר-בענער".

**נפילת אפים** זע „תחנון".

**נפש** זע „אומשטערבלעכקייט", „נש-מה".

**נפתלי** זון פון יעקב אבינו און בלהה (בראשית ל'); שטאם-פאטער פון שבט נפתלי, וועמענס לאנד האט זיך געפונען אין צפון-ארץ-ישראל (יהושע י"ט); דער שופט ברק בן אבינועם איז געווען פון קדש נפתלי (שופטים ד'); דבורה אין איר שירה רימט דעם שבט נפתלי (שופטים ה').

**נפתלי הורוויץ פון ראפשיץ** (1760 — 1827), חסידישער רבי אין ראפשיץ (גאליציע), תלמיד פון רבי מענדל פון רימאנאוו, פון רבי יעקב יצחק פון לובלין; פון אים שטאמען אפ פיל רביים אין גאליציע; וועגן אים איז פא-ראן א ספר „אהל נפתלי".

**נפתלי כ"ץ** זע „כהן, כ"ץ".

**נציב** העברעאישער טיטל פאר דעם הויך-קאמיסאר פון ארץ-ישראל בא-שטימט דורך דער בריטישער רעגירונג; דער ערשטער נציב איז געווען סער הער-בערט סעמועל.

**נצרת** שטאט אין ארץ-ישראל אויפן וועג פון חיפה קיין טבריה; לויט דער קריסטלעכער טראדיציע האט דארט גע-וואוינט ישו הנוצרי; אין תלמוד ווערט די שטאט ניט דערמאנט; זי ווערט דער-מאנט אין דער קינה פון רבי אלעזר הקליר „איכה ישבה בדד חבצלת הש-רון", אלס א שטאט, וואו עס האבן גע-וואוינט כהנים.

**נקדימון בן גוריון** איינער פון די רייכע יידן אין ירושלים אין דער צייט פון חרבן בית שני ((גטין נ"ו); אין דער גמרא תענית כ' ווערט וועגן אים דער-ציילט, אז איינמאל האט ירושלים ניט געהאט קיין וואסער צום טרינקען און נקדימון האט געבארגט ביי א שר 12 ברונעמס וואסער מיט דעם טערמין צור-צושטעלן אים צוריק די ברונעמער וואַ-סער אין 12 חדשים. אין ענדע פון די 12 חדשים איז ניט געווען קיין רעגן און די ברונעמס זענען ניט פול געווען מיט וואסער, אבער א דאנק דער תפילה פון נקדימון האט אנגעהויבן צו גיין א רעגן און אנגעפילט די ברונעמער מיט וואסער, און כדי דער שר זאל ניט האבן די טענה אז עס איז שוין אונטט-צייט, נאכן טערמין, האט די זון אוונט-צייט צוריק אויפגעשיינט. וועגן זיין טאכטער דערציילט די גמרא כתובות ס"ז אז נאכן חרבן ירושלים האט זי ניט געהאט צו עסן און געקליבן גערשטן פון אונטער די טריט פון פערד.

**נקוד, נקודות** אין דעם העברעאישן אלף בית, וועלכער האט ניט קיין וואַ-קאלן, ווערן די וואקאלן אויסגעדריקט אין „נקודות", „פינטעלעך"; די נקודות זענען 5 גרויסע און 5 קליינע; די גרוי-סע זענען: קמץ גדול, צירה, חירק גדול (א חירוק מיט א י'), חולם און מלאפום; די קליינע זענען: פתח, סגול, חירק קטן, (אן א י'), קמץ קטן און שורק. — די נייע פארשונג פון דער אנטוויקלונג פון דער העברעאישער גראמאטיק, וועלכע האט זיך אנגעהויבן מיט רבי אליהו בחור (זע „בחור"), האט באוויזן מיט איבער-ציינגדע באווייזן, אז דער סיסטעם פון נקוד אין העברעאיש איז ניט פון די אל-

טע צייטן, און האָט אין דער צייט פון תלמוד, ביז לערך דעם 7טן יאָרהונדערט ניט עקזיסטירט; ער איז דערפונדן געוואָרן ערשט אין 7טן יאָרהונדערט גלייכצייטיק (אָדער מיט אַ קליינער צייט־אונטערשיד) אין ארץ־ישראל, אין טבריה, און אין בבל. דער סיסטעם פון נקוד, וואָס איז דערפונדן געוואָרן אין טבריה, איז (מיט קליינע ענדערונגען פון סגול און אַנדערע) דער נקוד וואָס מיר האָבן היינט, און מען האָט אים גערופן „נקוד הטיבריני", דער טבריה־נקוד; דער נקוד, וואָס מען האָט דערפונדן אין בבל, איז אינגאַנצן אַן אַנדערער פון אונדזערן; מען האָט אים גערופן „נקוד האַשורי" (דער „נקוד פון אשור") און אויך „הבבלי". רבי אליהו בחור אין זיין ספר „מסורת המסורת" ברענגט די איבערצייגנדע באַווייזן, אַז אין קיין אָרט אין תלמוד ווערט דער נקוד ניט דערמאָנט, און אַז פאַרקערט, פון פיל ערטער אין תלמוד איז צו זען, אַז דעמאָלט האָט מען דעם נקוד ניט געהאַט און מען פלעגט טיילמאָל אַ טעות האָבן אין לייענען ווערטער (דאָס וואָרט „זכר" אין בבא בתרא כ"א און אַנדערע ערטער). עס זענען געווען טייל געלערנטע (יעקב באַכראַך אין „אשתדלות עם שד"ל" און אַנדערע), וואָס האָבן פּרובירט אומוואַרפן די דאָזיקע מיינונג און געוואָלט באַווייזן, אַז דער נקוד איז גאָר אַלט, לויט טייל „מסיני", געגעבן אויפן באַרג סיני; אָבער זייער מיינונג האַלט ניט אויס די קריטישע פאָרשונג. די געלערנטע שמואל דוד לוצאַטו (שד"ל) ראַפּאָפּאָרט (שי"ר, אין „ערך מלין". זוכוואָרט „אם") באַווייזן, אַז דער נקוד איז דערפונדן געוואָרן נאָך חתימת התלמוד. עס איז ריכטיק אַז דער נקוד ווערט געבראַכט אין זהר (בראשית, שיר השירים); אָבער די דערקלערונג איז, אַז אַפילו לויט דער מיינונג, אַז טיילן פון זהר שטאַמען פון אַלטע צייטן, זענען אָבער געוויסע טיילן זיכער צוגעגעבן געוואָרן שפּעטער (מיינונג פון רבי יעקב עמדין אין „מטפחת ספרים"). זע אויך זוכוואָרט „דקדוק". — זע ווייס „דור דור ודורשיו", חלק ד' קאַפּיטל „המסורה והנקוד"; שמחה פּינסקער „מבוא לנקוד האשורי"; ווי אויך אין זיין ספר „לקוטי קדמוניות".

**נקור** (טרייבערן), דער דין איז אַז איידער מען עסט דאָס פלייש פון אַ בהמה מוז מען דאָס פלייש מנקר זיין, טרייבערן, אַרויסנעמען די אָדערן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך בלוט און אויך דעם חלב; ווייל ביידע, ס'בלוט און חלב, טאָר מען ניט עסן (זע זוכווערטער „בלוט", „חלב"); אין טייל לענדער איז מען זיך נוהג ניט צו טרייבערן דעם אונטערשטן טייל (אחוריים) פון דער בהמה, נאָר מען פאַרקויפט דעם דאָזיקן טייל צו ניט־ייִדן. דער טרייבערער הייסט „מנקר".

**נקיטת חפץ** זע „שבועה".

**נקמה** אין חומש ויקרא י"ט ווערט אָנגעזאָגט דער פאַרבאָט „לא תקום", דו זאָלסט ניט נעמען קיין נקמה. אין דער גמרא און מדרש ווערט אַפילו געזאָגט, אַז אין געוויסע פאַלן, ווען מען דאַרף באַשטראָפן אַ פאַרברעכער און מען דאַרף שיצן דעם כבוד פון דער תורה זאָל מען יאָ נעמען נקמה (סנהדרין נ"ב, יומא כ"ג און אַנדערע ערטער, אַז אַ תלמיד חכם דאַרף זיך נוקם זיין פאַרן כבוד התורה, אַז דאָס סנהדרין דאַרף זיך נוקם זיין אין פאַרברעכער). אָבער נקמה פאַר אַ פּערזענלעכער עוולה און פּערזענלעכער באַליידיקונג ווערט אויך אין דער גמרא און מדרש און אַלע שפּעטער מוסר־ספרים באַטראַכט אַלס אַ שלעכטע מדה, פון וועלכער מען דאַרף זיך דערווייטערן.

די בּרייתא אין יומא כ"ג רימט „הנעל־בין ואינן עולבין, שומעין חרפתן ואינן משיבין", די וואָס ווען מען באַליידיקט זיי באַליידיקן זיי זיך ניט, וועלכע הערן ווי מען באַליידיקט זיי און זיי ענטפערן ניט. אַזעלכער הייסט אויך „מעביר על מדותיו", דאָס הייסט, ער פאַרשווייגט די עוולות וואָס מען טוט קעגן אים. די גמרא אין תענית כ"ה רימט זייער דעם מעביר על מדותיו.

**נר** (ליכט), וועגן „ליכט־צינדן" זע בּיים זוכוואָרט „ליכט". — בּיי יידן איז אַ מנהג ווען מען שרייבּט צו איינעם אָדער וועגן איינעם, וועלכער לעבּט, גיט מען צו נאָכן נאָמען „נרו יאיר", זיין ליכט זאָל לייכטן; אין ראשי תבות נ"י.

**נשיא** דער טיטל נשיא בּיי יידן אַלס פירער פון אַ גרעסערער צאָל יידן איז זייער אַן אַלטער; דער חומש (במדבר ז') דערציילט, אַז אין דער מדבר איז אויף יעדן שבט געווען אַ נשיא, און די נשיאים האָבּן בּיים מחנך זיין דעם מזבח מקריב געווען קרבנות, יעדן טאָג האָט אַן אַנדערער נשיא מקריב געווען זיין קרבן. איז יחזקאל מ"ה און מ"ו ווערט דער קומענדער יידישער הערשער אָנגערופן נשיא. אין דער צייט פון 2טן בית המקדש און אַ געוויסע צייט שפּע־טער האָט דער פירער פון די סנהדרין געהייסן דער נשיא (חגיגה ט"ז); פון דער צייט פון הלל, וועלכער איז גע־וואָרן נשיא (הלל הנשיא), איז דער דאָ־זיקער אַמט פון נשיאות געבּליבּן בּיי די אָפּשטאַמענדע פון הלל, און עס האָבּן אים געירשנט אַ זון נאָך דעם פאָטער; זינט דעם חרבן ירושלים איז דער נשיא, ווייזט אויס, געווען דער אָנערקענטער פאָרשטייער פון די יידן אין ארץ־ישראל דורך דער רוימישער מאַכט; דער נשי־אות־אַמט אין ארץ־ישראל האָט עקזיס־טירט בּיז דער צייט פון הלל בן רבי יהודה נשיאה השלישי, וועלכער איז גע־ווען דער לעצטער נשיא (אין יאָר 358) און אין זיין צייט האָט די רוימישע מאַכט אָפּגעשאַפט די נשיאות (רמב"ן אין ספר „הזכות" אויף גטין פרק השולח, גיט אַן די דאַטע ד' אלפים קי"ח). — וועגן דער פראַגע, וואָס זענען געווען די קאָמ־פעטענצן פון נשיא און צי איז ער, אָדער גאָר דער כהן גדול, געווען דער אָפיציע־לער פירער פון סנהדרין אין דער צייט פון בית שני, זענען געשריבּן געוואָרן פיל אָפּהאַנדלונגען. — זע גרעץ „דברי ימי ישראל" חלק ב'; רייפמאַן „סנ־הדרין" (בּערדיטשעוו 1888); בּיכלער „דאָס גרויסע סנהדרין" (אין דייטש). — עס איז אַ מנהג יעדן חודש ניסן, יעדן טאָג פון ראש חודש אַן 12 טעג, צו לער־נען די אַנטשפּרעכנדע פסוקים פון חומש במדבר ז', דעם קרבן פון נשיא, ווייל לויט דער טראַדיציע איז די חנוכת המז־בח פאָרגעקומען אין ניסן.

**נשיא, יוסף דון** (געבּוירן אין אַנהויבּ 16טן יאָרהונדערט אין פּאָרטוגאַל — גע־שטאָרבּן 1579 אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, טערקיי), יידישער פּאָליטיקער און פי־נאַנסיסט, פירשט פון נאַקסאָס; ער איז געווען פון די אַנוסים אין פּאָרטוגאַל, אַנטלאָפן צוערשט קיין אַנטווערפּן, נאָ־כער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; געוואָרן צוריק אַ ייד; געהאַט אַ גרויסן איינ־פלוס בּיים טערקישן סולטאַן סולימאַן דעם 2טן אַ דאַנק זיינע גרויסע פינאַנ־ציעלע פייאיקייטן און פאַרבּינדונגען; פיל אויפגעטאָן לטובת טערקיי און לטו־בת יידן; זיך משתדל געווען פאַר די אַנו־סים; לערך 1560 האָט דער סולטאַן אים געשאָנקען די שטאָט טבריה און אומגע־בּונג און ער האָט זיך געווענדט צו אַלע פאַרפאָלגטע יידן צו קומען און בּאַזעצן זיך אין טבריה, וואו ער האָט איינגע־

פירט די ייִדן־אינדוסטריע; ער האָט אַלס דיפּלאָמאַט דורכגעפירט שלום־אָפּ־מאַכן צווישן טערקיי און אַנדערע לענ־דער (דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ווענע־ציע); ער האָט געבאָרגט דעם פּוילישן קעניג זיגמונד אויגוסט דעם 2טן געלט און באַקומען דערפאַר רעכט פאַר ייִדן אין פּוילן; ער האָט געשטיצט תּלמידי חכמים, געגרינדעט אַ דרוקעריי פאַר ייִדישע ספרים, און זאָל אַליין אויך האָבן מחבר געווען אַ ספר „בן פורת יוסף"; ער איז געשטאָרבן אָן קינדער; זיין פרוי רענאַ, די איינציקע טאָכטער פון פראַנ־ציסקאַ מענדעס נשיא און גראַציאַ (חנה) מינדיסיה, האָט נאָכן טויט פון איר מאַן געשטיצט ייִדישע צדקה חברות און תּל־מידי חכמים און געגרינדעט אַ דרוקעריי אין איר דאָרף קורוטשעסמע (בײַ קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל) און דאָרט געדרוקט אַ סך ספרים. — זע ראַבינאָוויטש „מוצאי גולה".

**נשים** נאָמען פון 3טן סדר משניות, האָט 7 מסכתות: יבמות, כתובות, נד־רים, נזיר, סוטה, גטין, קידושין; יעדע מסכתא האָט תוספתא און גמרא בבלי און ירושלמי; דער סדר באַהאַנדלט אַמייסטן פראַגן פון הייראַט און גטין, און הייסט דעריבער נשים (פרויען).

**נשמה** דאָס וואָרט נשמה צו באַצייכע־נען די נשמה פון מענטש איז פאַראַן עטלעכע מאָל אין תנ"ך; אין חומש בראַ־שית ב' ווערט געזאָגט, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש „ויפח באפיו נשמת חיים" (האָט ער אַרייַנגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער די נשמה פון לעבן): אין משלי כ' ווערט געזאָגט „נר ה' נשמת אדם", גאָטס ליכט איז די נשמה פון מענטש; אין תנ"ך זענען פאַראַן נאָך אַנדערע ווערטער צו באַצייכענען די נש־מה; דאָס זענען „נפש" (בראשית ל"ה בײַ רחל „ויהי בצאת נפשה כי מתה", און עס איז געשען, ווען איר נשמה איז אַרויסגעגאַנגען, ווייל זי איז געשטאָרבן). „רוח" (קהלת י"ב זאָגט, אַז ווען דער מענטש שטאַרבט „ורוח תשוב אל האלהים", גייט צוריק די נשמה צו גאָט). די ייִדישע פילאָזאָפיע אין מיטלאַלטער (רמב"ם אין „מורה נבוכים" און אַנדע־רע) ווי אויך די קבלה האָט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן די 3 באַגריפן פון נשמה, רוח, נפש; די נשמה איז אַ הוי־כער וועזן, רוח איז נידעריקער, און דאָס נידעריקסטע איז נפש, וואָס איז געמיינ־זאַם מיט אַנדערע בעלי חיים, בהמות, חיות. דער רמב"ם האַלט, אַז די הע־כערע נשמה דערווערבט זיך דער מענטש אין לעבן דורך לערנען, דורך דערגייין די חכמה וועגן דער געטלעכקייט, און אַז נאָר די דאָזיקע דערוואָרבענע נשמה האָט „השארת הנפש", אומשטערבלעכקייט. — וועגן „השארת הנפש" זע זוכוואָרט „אומשטערבלעכקייט פון נשמה".

**נשמה יתירה** די גמרא ביצה ט"ז ברענגט די ווערטער פון אמורא ריש לקיש, אַז יעדן ערב שבת גיט גאָט אַרייַן אין מענטש אַ „נשמה יתירה", נאָך אַ נשמה, און מוצאי שבת נעמט מען זי בײַ אים צו.

**נשמת** תפלה, וועלכע מען זאָגט אין שבת און יום־טוב צו שחרית אינדערפרי און אויך פסח בײַם סדר; זי ווערט דער־מאָנט אין דער משנה און גמרא (פסחים קי"ח) און הייסט דאָרט „ברכת השיר"; דער אָנהויב פון דער תפלה איז פון גאָר אַלטע צייטן, און מען האָט שפּעטער צו־געגעבן צו איר טיילן; אין מיטלאַלטער איז געווען אַ לעגענדע, אַז זי איז נתחבר געוואָרן דורך דעם קריסטלעכן אַפּאָסטאָל שמעון כיפא (פעטרוס), וועלכער זאָל באמת האָבן געווען אַ פרומער ייִד און

האט זיך נאר פארשטעלט פאר א קריסט; רש״י אין „מחזור וויטרי״ טרעט ארויס קעגן דער דאזיקער לעגענדע גאר שארף. — זע עלבויגן „תולדות התפלה והעבודה בישראל״.

**נתינים** נאמען פון קנעכט פון די לוויים אין בית המקדש. די יידן האבן זיי באטראכט פאר אפשטאמענדע פון פרעמדע פעלקער און ניט געוואלט זיך משדך זיין מיט זיי (משנה קידושין פרק ד׳ „עשרה יוחסין״).

**נתן** נאמען פון נביא, אין דער צייט פון דוד המלך; אין שמואל ב׳ י״ב ווערט דערציילט ווי נתן הנביא האט געשטראפט דודן פארוואס ער האט געלאזט טויטן אוריה און צוגענומען זיין ווייב בת שבע, און די שטראף איז געווען אין דער פארם פון א משל ווי א רייכער מאן האט צוגערויבט דאס איינציקע שעפסעלע פון ארימאן, כבשת הרש; אין מלכים א׳ ווערט דערציילט, אז נתן האט מיטגעהאלפן צו דערקלערן אלס מלך ניט דעם עלטערן זון פון דוד אדניה, נאר דעם אינגערן שלמה; אין דברי הימים א׳ כ״ט און דברי הימים ב׳ ט׳ ווערט געבראכט א ספר „דברי נתן הנביא״ וועגן לעבן פון דוד און שלמה.

**נתן בן יחיאל הרומי** (געבוירן לערך 1035 — געשטארבן לערך 1106 אין רוים), ראש ישיבה, מחבר פון דעם לעקסיקאנישן ספר אויף תלמוד, תרגומים און מדרשים „ערוך״; דער ערוך, וועלכער דערקלערט און פארטייטשט אלע ווערטער, איז זייער וויכטיק אויך דערמיט וואס ער ברענגט פרושים פון גאונים, וועלכע זענען פאר אונדז פארלוירן געגאנגען; עס איז באוויזן געווארן, אז רבי נתן האט געהאט פאר זיך ענלעכע לעקסיקאנישע ווערק (ערוך פון רב צמח גאון און אנדערע); צום ערוך זענען צוגעגעבן געווארן פיל צוגאבן דורך רבי בנימין מוספיא („מוסף הערוך״), רבי מנחם די לונזאנא („המעריך״) און אנדערע; די בעסטע אויסגאבע מיט פיל באמערקונגען און צוגאבן צום ערוך איז דער „ערוך השלם״ פון דר. הנוך קאהוט. — זע ראפאפארט „תולדות רבי נתן״ און באזונדערס איז די באמערקונגען; ראפאפארט אין זיין הקדמה צום „ערך מלין״; קאהוט אין דעם מבוא צום „ערוך השלם״.

**נתן בנימין העזתי** (געבוירן ירושלים 1645 — געשטארבן אין סאפיע, בולגאריע 1681, לויט טייל 1690), דער פאלשער נביא פון שבתי צבי; תלמיד פון רבי יעקב חאגיז; ער איז געבליבן געטריי שבתי צבי אויך נאכדעם ווי ער האט אנגענומען די מאכמעדאנישע רעליגיע; ער האט מחבר געווען „תקון קריאה או עטרת צבי״ ווי אויך א באשרייבונג פון זיינע רייזעס; עס איז פאראן א מיינונגס־פארשידנקייט צווישן די געלערנטע, צי ער איז געווען אויך דער מחבר פון בארימטן קבלה־ספר „חמדת הימים״, וואו מען געפינט געוויסע רמזים פון שבתי־צביאיזם. — זע וועגן דעם דוד כהנא „תולדות המקובלים והשבתאים״, האלפעריז, „כבוד חכמים״ (וועגן חמדת הימים), צינבערג, „געשיכטע פון ליטעראטור ביי יידן״.

**נתן נטע האנאווער** זע „האנאווער״.

# ס

**ס (סמך)**, דער 15טער בוכשטאַב אין אידישן אלף־בית; אַלס ציפער האָט ער די באַדייטונג פון 60.

**סאָוועט־רוסלאַנד** זע „רוסלאַנד".

**סאַלאָווייטשיק, חיים** (1853 — 1919), למדן, רב אין בריסק, באַקאַנט אַלס רבי חיים בריסקער; זון פון בריסקער רב רבי יוסף בער סאַלאָווייטשיק (מחבר פון „בית הלוי"); זינט 1880 ביז 1891 געווען ראש ישיבה אין וואָלאָזשין; אין 1892 געוואָרן רב אין בריסק אויף זיין פאָטערס אָרט; באַרימט מיט זיין גרויס לומדות; גלייכער און טיפער סברה אין לערנען; מחבר פון „חידושי רבנו חיים".

**סאַלאָמאָן, חיים** (1740 אין ליסא, פוילן — 1785 אין פילאַדעלפיע, אַמעריקע), יידיש־אַמעריקאַנער פינאַנסיר; אין 1772 געקומען קיין ניו־יאָרק; זיך באַטייליגט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פון אַמעריקע קעגן ענגלאַנד; אין 1776 געפאַנגען געוואָרן דורך די ענגלענדער; 1781 אַנטלאָפן קיין פילאַדעלפיע; געוואָרן באַנקיר; אין די יאָרן 1781—1784 געבאָרגט געלט דער פעדעראַלער רעגירונג פון אַמעריקע; געווען פון די גרינדער פון דער יידישער קהלה „מקוה ישראל" אין פילאַדעלפיע.

**סאַלאַנט, שמואל** (1816 אין אַ שטעטל ביי ביאַליסטאָק — 1909 אין ירושלים), רב און עסקן פון ארץ־ישראל־ישוב; רב אין ירושלים זינט 1841, פירער פון ועד הכללי אין ירושלים.

**סאַלאַנטער, ישראל** (אויך פאַמיליע־נאָמען „ליפקין"), געבוירן אין זאַגער, ליטע, ו' חשון תקע"א (1810), געשטאָרבן אין קעניגסבערג, פּרייסן, כ"ה שבט תרמ"ג (1883), ראש ישיבה, גרינדער פון די מוסר־ישיבות, צוערשט אין ווילנע, נאָכער אין קאָוונע, געווען אַ געוויסע צייט אין פאַרשידענע שטעט אין דייטשלאַנד, אַרויסגעגעבן אין מעמל „התבונה", אין די יאָרן 1880 — 1882 געווען אין פּאַריז און געגרינדעט דאָרט די קהלה פון רוסיש־פּוילישע יידן, נאָכער צוריק קיין קעניגסבערג, וואו ער איז געשטאָרבן; וועגן זיין מוסר־שיטה זע זוכוואָרט „מוסר". עס זענען פאַראַן פון אים די מאמרים, „אגרת המוסר" (אין קונטרס „עץ פרי", וואָס אַנטהאַלט אויך דעם מאמר וועגן לומדי תורה), „אבן ישראל" און אַנדערע. רבי ישראל סאַלאַנטער האָט געהאַט אַ זון יום־טוב ליפּמאַן־ליפּקין, געשטאָרבן אין יאָר 1875, אין עלטער פון 24 יאָר, אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער, דערפינדער פון קוואַדראַנס צו פאַרוואַנדלען אַ גראַדליניגע באַוועגונג אין אַ קרייז־באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין מאַשינען־בוי. — זע ראָזנפעלד „ר' ישראל סלנטר" (וואַרשע 1911).

**סאַלאָניקי** שטאָט, געהערט צו גריכנלאַנד זינט 1913; פון 1430 ביז 1913 געהערט צו טערקיי; יידישע קהלה אין סאַלאָניקי האָט אונטער דער טערקישער הערשאַפט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע; דאָרט אַהין האָט געשטראָמט די מאַסן־וואַנדערונג פון שפּאַנישע יידן נאָכן גרוש שפּאַניע אין 1492; דאָרט זענען געגרינדעט געוואָרן גרויסע ישיבות, צענטער פון קבלה, צענטער פון שבתי־צבי־באַוועגונג; די יידן זענען געווען אַ מערהייט אין שטאָט און דער סאַלאָניקער פּאָרט האָט גע־

רוט אין שבת, ווייל די פּאַרט־אַרבע־
טער זענען געווען יידן.

**סאָלד, הענריעטאַ** (געבוירן 1860), שריפטשטעלערן, איבערזעצט אין ענג־
ליש יודאאיקא־ווערק, גרינדעריין און
פּרעזידענטין פון „הדסה" (1912), ציו־
ניסטישע פירעריז, זינט 1921 אין ארץ־
ישראל, מיטגליד פון ציוניסטישער עק־
זעקוטיווע.

**סאָציאַליזם** די פראגע וועגן דער באַ־
ציאונג פון רעליגיעזן יידנטום צו דער
אידייע פון סאָציאַליזם, פון אָפּשאַפן
פּריוואַט־אייגנטום, איז ביז איצט נישט
געלעזט. אין חומש און משנה און גמ־
רא און די שפּעטערע רעליגיעזע ספרים
זענען פאַראַן פּיל דינים און עטישע לע־
רעס וועגן גוט באַהאַנדלען דעם אַרבע־
טער (זע זוכוואָרט „אַרבעט") און אויך
פּיל ווערטער קעגן עגאָאיסטישע רייכע
לייט. אָבער די פראגע איז: ווי באַ־
טראַכט דאָס רעליגיעזע יידנטום די גאַנ־
צע אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום
איבערהויפּט? אין תנ"ך און אויך אין
די שפּעטערדיקע ספרים געפינען מיר
נישט קיין אָנדייטונג אויף דער אידייע
פון אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום: פאַר־
קערט, אין גאַנצען תנ"ך און תלמודישער
ליטעראַטור און שפּעטערע ספרים איז די
אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום אַ
באַשטימטע זאַך; אָבער פון דעם איז
נישט קיין באַוויז, אַז דאָס רעליגיעזע
יידנטום איז קעגן סאָציאַלער ענדערונ־
גען; אין די דערמאָנטע ספרים איז נאָר
באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַזוי מען דאַרף
זיך אויפפירן ביי דער איצטיקער סאָציאַ־
לער אָרדענונג. עס זענען לעצטנס פאַר־
עפנטלעכט געוואָרן אָפּהאַנדלונגען וועגן
דער פראגע פון „סאָציאַליזם און דאָס
רעליגיעזע יידנטום" (דורך אידעאַלאָגן
פון דער „תורה ועבודה", הרב אבר־
הם ביק און אַנדערע), וועלכע האָבן צו־
נויפגענומען די באַטרעפנדע שטעלן פון
פּיל יידישע רעליגיעזע ספרים, אַנדיי־
טונגען אויף דער וויכטיקייט פון ענדע־
רונגען. די שטעלונג פון אָפיציעלן רע־
ליגיעזן יידנטום איז זיכער געווען פאַר
פּריוואַט־אייגנטום. — אָבער שוין אין די
אַלטע צייטן זענען געווען רעליגיעזע
שטרעמונגען ביי יידן, וועלכע האָבן גע־
האַט אַלס איינע פון זייערע אידייען דעם
אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם, די געמיינ־
שאַפט פון אייגנטום צווישן די חברים.
דאָס זענען געווען אין דער צייט פון די
נביאים די „בני הנביאים", די „בני
רכב", וואָרשיינלעך זענען שוין דעמאָלט
אויך געווען די „אביונים"; אין דער
צייט פון בית שני זענען געווען די „אי־
סיים" און „אביונים"; דאָס זענען גע־
ווען נעבן־שטרעמונגען אין רעליגיעזן
יידנטום. אויך שפּעטער, אין דער צייט
פון קבלה, זענען געווען חברות פון מקו־
בלים מיט שותפות־אייגנטום; זע זוכ־
ווערטער „אביונים", „איסיים". — דער
יידישער אָנטייל אין דער סאָציאַליסטי־
שער באַוועגונג און באַגרינדונג פון דער
שיטה איז אַ זייער באַדייטנדער. דער
הויפּט־באַגרינדער פון מאָדערנעם סאָ־
ציאַליזם קאַרל מאַרקס האָט געשטאַמט
פון יידן. דער ערשטער פירער פון דיי־
טשן סאָציאַליזם איז געווען פערדינאַנד
לאַסאַל, אַ ייד. אַ גרויסן אָנטייל האָבן
יידן גענומען אין דער סאָציאַליסטישער
באַוועגונג אין דייטשלאַנד, עסטרייך,
רוסלאַנד, פּוילן, אַמעריקע און אַנדערע
לענדער. וועגן די באַזונדערע סאָציאַלי־
סטישע יידישע פּאַרטייען זע „בונד",
„פּועלי־ציון".

**סאָקאָלאָוו, נחום** (1859 אין ווישע־
גראַד, פּוילן — 1936, כ"ה אייר תרצ"ו
אין לאָנדאָן), זשורנאַליסט, שריפטשטע־
לער, רעדאַקטאָר, ציוניסטישער פירער.

סאקאלאוו האט אין זיין יוגנט באקומען א יידישע תלמודישע דערציאונג און איז באקאנט געווען אלס עילוי; אין 1877 האט ער פארעפנטלעכט „מצוקי ארץ״ איבער געאגראפיע; פון דעמאלט אן האט סאקאלאוו פארעפנטלעכט מאמרים אין די העברעאישע זשורנאלן „המגיד״, „הקול״; זינט 1879 האט ער זיך באַזעצט אין ווארשע אלס מיטארבעטער פון „הצפירה״ און נאכער איז ער געווארן רעדאקטאר פון „הצפירה״, וואו ער האט פארעפנטלעכט די פאליטישע איבערזיכטן „דברי הימים״, וועכנטלעכע פעליעטאנען „משבת לשבת״ (אונטערגעשריבן „אורח לשבת״); א געוויסע צייט אויך געווען רעדאקטאר פון יידיש-פוילישן וואכנזשורנאל „איזרעאליטא״; פארעפנטלעכט ארטיקלען אויך אין יידיש-דייטשע זשורנאלן; געשריבן „אישים״ (כאראקטער-שטריכן פון יידישע פערזענלעכקייטן), היסטארישן ראמאן „נעורי הנשר״ (נישט פארענדיקט), איבערזעצט אין העברעאיש 1טן באנד גרעצעס געשיכטע, רעדאגירט דעם יארבוך „האסיף״, „ספר השנה״; געווארן נאענט צו דר. הערצל באלד נאכן 1טן ציוניסטישן קאנגרעס, רעדאגירט דעם „העלם״, „די וועלט״; געווארן איינער פון די אנגעזעענסטע ציוניסטישע פירער; זינט 1905 גענעראל-סעקרעטאר פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע; זינט 1911 מיטגליד פון אקציאנס-קאמיטעט; אין 1917 מיטגעהאלפן צו באקומען די באלפור-דעקלאראציע; אין 1919 פרעזידענט פון דער יידישער דעלעגאציע ביי דער שלום-קאנפערענץ אין פאריז; זינט 1920 פרעזידענט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע; אין די יארן 1931 — 1935 פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פון דער יידישער אגענץ; מחבר פון פיל וויסנשאפטלעכע אפהאנדלונגען און ביכער, צווישן זיי „ברוך שפינוזה וזמנו״, „האני הקבוצי״, אין ענגליש „די געשיכטע פון ציוניזם״; איבערזעצט אין העברעאיש הערצלס „אלטנייַלאנד״ („תל-אביב״, דערפון דער נאמען פון דער שטאט „תל אביב״), מחבר פון „ארץ חמדה״ (ארץ ישראל-געאגראפיע), „למרנו ורבנו״ (איבער ציוניזם). סאקאלאוו איז געווען איינער פון די באדייטנדסטע העברעאישע סטיליסטן און ער האט געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דער אויסבילדונג פון מאדערנעם העברעאיש.

**סבוראי, רבנן** מיט דעם נאמען „רבנן סבוראי״ האט מען גערופן די יידישע רעליגיעזע פירער אין בבל באלד נאכדעם ווי די גמרא בבלי איז געווארן געשלאסן (חתימת התלמוד) ביז דער צייט פון די גאונים, אלזא פון לערך יאר 500 ביז לערך 570. די אויפגאבע פון די רבנן סבוראי איז געווען צוצוגעבן אין דער גמרא געוויסע אויפקלערונגען און אזוי ארום צו פארענדיקן די גמרא ענטגילטיק (דאס ווארט „סבוראי״ איז פון „סבר״, מסביר-זיין, אויפקלערן); פון די רבנן סבוראי זענען דעריבער פאראן געוויסע זאכן אין דער גמרא זעלבסט. רב שרירא גאון אין זיין בארימטן „בריוו״ (אגרת, זע „שרירא״) גיט אן די נעמען פון טייל רבנן סבוראי, ווי רבי יוסי און רב אחאי מבי חתים, רב רבאי דמין רוב (זיי ווערן דערמאנט אין דער גמרא בבלי). — זע ווייס, „דור דור ודורשיו״ חלק ד׳, הלוי, „דורות הראשונים״.

**סגולה** מיטן ווארט סגולה, סגולות ווערן אין פאלקס-גלויבן באצייכנט מיטלען צו היילן קראנקהייטן, אדער צו דערגרייכן געוויסע זאכן, ווייל עס איז פאראן א געהיימע שייכות צווישן די מיטלען און די דערגרייכונגען. אין דער העברעאישער פאלקס-ליטעראטור זענען

פאראן קליינע ספרים, זאמלונגען פון סגולות, פון וועלכע די פאפולערסטע זענען דער „תולדות אדם", „ספר רפואה וסגולות" פון רבי צבי הירש האטש (מחבר פון „נחלת צבי", ספורים פון זהר אויף יידיש), „רפואות וסגולות" פון רבי שמואל אפנהיים און אנדערע.

**סגי נהור** (גרויס ליכט), דערמיט ווערט אנגערופן א בלינדער מענטש אין דער פארם פון אייפעמיזם (נישט וועלן אויסדרוקן זיך שלעכט, און מען באנוצט אנשטאט דעם שלעכטן אויסדרוק א פונקט פארקערט ווארט); דערפון איז געווארן דער אויסדרוק „בלשון סגי נהור" צו באצייכענען יעדן אייפעמיזם אין העברעאיש און יידיש.

**סגל** באצייכענונג פון א לוי; פון וואנען דאס שטאמט איז נישט פעסטגעשטעלט; טייל מיינען אז דאס איז „סגן לויה" אדער „סגן לכהנים" (סגן איז דער טייטש „געהילף"); לויט אנדערע איז א רמז דערצו פאראן אין מדרש במדבר רבה י"ד אז דאס יידישע פאלק באשטייט פון 3 טיילן, פון „ממלכת כהנים", „גוי קדוש" און „סגולה", דאס הייסט כהנים, ישראלים און לויים.

**סגן** אין תנ"ך (ירמיה נ"א), האט סגן די באדייטונג פון א הויכן שר; אין דער צייט פון 2טן בית המקדש האט „סגן הכהנים" געהייסן דער געהילף פון כהן גדול (יומא ל"ז און אנדערע ערטער); עס איז געווען א תנא רבי חנינא סגן הכהנים, ווערט דערמאנט אין משנה אבות ג' און אנדערע ערטער.

**סדום** דער חומש בראשית י"ג דערציילט, אז ניט ווייט פון טייך ירדן אין דרום ארץ־ישראל איז געווען א שטאט סדום, וואו עס האט זיך באזעצט אברהם אבינוס ברודער־זון לוט, און אז די מענטשן פון סדום זענען געווען „רעים וחטאים לה' מאד", זייער שלעכטע און זינדיקע פאר גאט. אין בראשית י"ט ווערט דערציילט, אז גאט האט געזען ווי די זינד פון סדום און אויך די שטעט עמורה, ארמה, צביים און צוער איז זייער גרויס און ער האט באשלאסן די שטעט צו פארניכטן, און אז אברהם אבינו האט מתפלל געווען פאר זיי, אבער די תפילה האט ניט געהאלפן, ווייל אין סדום זענען ניט געווען זאגאר קיין 10 צדיקים. אין בראשית י"ט ווערט דערציילט ווי צוויי מלאכים זענען געקומען קיין סדום, און זיי האבן ארויסגעראטעוועט פון דארט לוט, זיין ווייב און זיינע צוויי טעכטער, און גאט האט גערעגנט אויף סדום פייער און שוועבל און איבערגעדרייט די 4 שטעט, מיטן אויסנאם פון דער שטאט צוער, וואוהין לוט האט זיך געראטעוועט; לוטס ווייב האט ניט געפאלגט דעם פארבאט פון די מלאכים און האט זיך אומגעקוקט, און זי איז געווארן א שטיק זאלץ. — מען נעמט אן, אז סדום האט זיך געפונען אין צפון פון ים המלח; טייל האלטן, אז אין דרום פון ים המלח; איין זאלץ־בארג צו דרום פון ים המלח הייסט אויך היינט אויף אראביש „דזשעבעל אוסדום" (דער בארג פון סדום); לעבן דזשעבעל אוסדום האט זיך לעצטנס באזעצט א גרופע חלוצים, וועלכע ארבעטן אין דער פאטאש־געזעלשאפט פון ים המלח. — אין תנ"ך און שפעטער אין דער גמרא און מדרש איז סדום ועמורה געווען דער סימבאל פון רשעות, (ישעיה א' „קציני סדום, עם עמורה"); אין דער גמרא סנהדרין ק"ט ווערן דערציילט ספורי מעשיות וועגן דער רשעות פון די סדום־איינוואוינער, ווי זיי האבן נישט געלאזט געבן ארימעלייט א שטיקל ברויט, ווי זייערע ריכטער זענען געווען פאלש (מדרש בראשית רבה ג').

**סדור** זע „סידור".

**סדר (פסח ביינאַכט)** דאָס וואָרט סדר איז דער טייטש „אָרדענונג", „איינריכטונג", און דערפון איז דאָס וואָרט „סדר" פאַר דער פייערלעכער איינאָרדענונג פון דער סעודה און הגדה־זאָגן פסח ביינאַכט. אין אַלע לענדער, אויסער ארץ־ישראל, ווערן איינגעאָרדנט סדרים די ערשטע און די צווייטע נאַכט פון פסח (ערשטער סדר און צווייטער סדר); אין ארץ־ישראל איז פאַראַן נאָר איין סדר, די ערשטע נאַכט. וועגן דער אָרדנונג פון דער פייערלעכקייט זענען פאַראַן סימנים באַלד אין אָנהויב פון דער הגדה; די סימנים זענען: קדש (מען מאַכט קידוש), ורחץ (מען וואַשט די הענט), כרפס (מען עסט פעטרישקע אָדער אַן אַנדער גרינוואַרג), יחץ (מען צעברעכט די מיטעלסטע מצה אויף צוויי טיילן, און איין טייל באַהאַלט מען צום אפיקומן), מגיד (מען זאָגט די הגדה פון „הא לחמא עניא" ביז דער ברכה „גאל ישראל"), רחצה (מען וואַשט זיך די הענט), מוציא (מען מאַכט די ברכה „המוציא"), מצה (מען מאַכט די ברכה „על אכילת מצה" און מען עסט מצה), מרור (מען מאַכט די ברכה „על אכילת מרור" און מען עסט מרור איינגעטונקען אין חרוסת), כורך (מען עסט מרור צווישן צוויי שטיקלעך מצה און מען זאָגט „זכר למקדש כהלל") שלחן עורך (מען עסט די סעודה), צפון (מען עסט דעם אפיקומן), ברך (מען בענטשט), הלל (מען זאָגט הלל און מען פאַרענדיקט די הגדה), נרצה (סוף פון סדר). בעת דעם סדר ליגן אויפן טיש 3 מצות פאַרדעקט, אַ קערה (שיסל) אויף וועלכער עס ליגן דער מרור, אַ שטיקל אָפּגעבראָטן פלייש (זרוע) און אַן אָפּגעבראָטן איי, חרוסת. פאַר דעם בעל־הבית פון טיש איז אויך איינגעאָרדנט אַ הסיבה, היסב־בעט, ווייל דער בעל־הבית דאַרף עסן און טרינקען אָנגעלענטערהייט (בהסיבה). יעדער ביים טיש מוז טרינקען די נאַכט 4 כוסות ווייַן, איינעם ביים קידוש, איינעם פאַרן וואַשן זיך צום עסן (נאָכן זאָגן די ערשטע העלפט פון דער הגדה), איינעם נאָכן בענטשן, און איינעם צום סוף פון דער הגדה. באַלד אין אָנהויב הגדה־זאָגן, פרעגט דער קלענסטער ביים טיש די 4 קשיות „מה נשתנה", און דערנאָך זאָגן אַלע עבדים היינו און אַזוי ווייטער. עס זענען פאַרבונדן מיט דעם סדר פיל מנהגים, וועלכע זענען פאַרשידן אין פאַרשידענע לענדער. די אַלגעמיינע מנהגים זענען: אָפּצוגיסן פון כוס ווייַן ביים זאָגן „דם ואש ותמרות עשן", די 10 מכות און „דצך עדש באחב"; צו עפענען די טיר ביי „שפוך חמתך" מיטן גלויבן אַז אליהו הנביא קומט אַריין אין שטוב, און דעריבער זאָגן טייל ביים עפענען די טיר „ברוך הבא אליהו הנביא איז דאָ!" עס ווערט פון פריער אָנגעגאָסן אַ ספּעציעלער כוס וויין פאַר אליהו הנביא (אליהו הנביאס כוס). עס איז דער מנהג אַז קינדער „גנבענען צו" דעם אפיקומן און דער בעל־הבית, דער פאָטער, קויפט אים אויס ביי די קינדער, צוזאָגנדיק זיי אַ מתנה; עס איז אויך דער מנהג צו עסן ביים אָנהויב פון דער סעודה געקאָכטע האַרטע אייער אין זאַלץ־וואַסער. אין טייל לענדער איז דער מנהג (אין די לענדער פון קאַווקאַז, גרוזיע), אַז איינער פון די אַנוועזנדע גייט אַרויס, טוט זיך אָן אַ רייזע־זאַק, פאַרשטויבט, מיט אַ שטעקן אין האַנט, און קלאַפּט אָן אין טיר און בעט מען זאָל אים עפענען, און דערציילט, אַז ער איז אַ ייד פון ירושלים; נאָכן אויספרעגן אים סימנים וועגן זיין יידישקייט לאָזט מען אים אַריין און ער דערציילט וועגן די צרות פון יידן און אַז אַלע יידן וואַרטן אויף דער גאולה (די

באַשרייבונג געפינט זיך ביי צבי כשדאי, „שבטי יעקב ונצורי ישראל"); אין טייל לענדער טוט אָן דער בעל־הבית צום סדר דעם ווייסן קיטל. ביי טייל ספרדים איז אַ מנהג איינצואָרדענען דעם סדר עטלעכע פאַמיליעס צוזאַמען. דער דאָזיקער מנהג איז לעצטנס איבערגענומען געוואָרן אין ארץ־ישראל אויך דורך טייל אשכנזישע יידן, און באַזונדערס דורך די אַרבעטער־קרייזן, וועלכע אָרדענען איין אַ סדר בציבור פאַר עטלעכע הונדערט פערזאָן. — די מנהגים פון סדר, דאָס טרינקען די ארבע כוסות, הסיב־בעט, פרעגן די קשיות און אַנדערע, זענען גאָר אַלטע און ווערן געבראַכט אין דער משנה און גמרא פון לעצטן פרק פון מסכתא פסחים; זאָגאָר דער מנהג פון גנבענען דעם אפיקומן האָט אויך אַ רמז אין דער ברייתא פסחים ק"ט („חוטפין מצות בלילי פסחים"); וועגן דעם טעקסט פון דער „הגדה" געבן מיר ביים זוכוואָרט „הגדה". זע אויך: „אפיקומן", „מצה", „פסח". — זע דאָס ספר פון מאיר איש שלום „מאיר עיין על סדר והגדה של פסח" (ווין 1901), אין וועלכן עס ווערן געבראַכט פיל סדר־מנהגים און זייער אָפּשטאַמונג.

**סדר (טיילן פון משנה)** זע „משנה, משניות".

**סדר עולם** („אָרדנונג פון דער וועלט"), עס זענען פאַראַן צוויי גאָר אַלטע העברעאישע ספרים מיטן נאָמען „סדר עולם"; איינער הייסט „סדר עולם רבה", און דער צווייטער „סדר עולם זוטא". זיי אַנטהאַלטן ביידע היסטאָרישע, כראָנאָלאָגישע פאַרצייכענונגען פון פאַסירונגען אין דער יידישער געשיכטע פון אדם הראשון אָן ביז שפּעטערע צייטן. — 1) דער „סדר עולם רבה" האָט 30 פרקים און אַנטהאַלט פאַסירונגען פון אדם הראשון ביז דער צייט פון אַלעקסאַנדער מוקדון, און גאָר צום סוף זענען צוגעגעבן געוויסע ידיעות וועגן דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא; דער „סדר עולם" (סתם־נאָמען) ווערט געבראַכט אין דער גמרא עטלעכע מאָל און עס ווערט געזאָגט (יבמות פ"ב), אַז דער מחבר איז געווען דער תנא רבי יוסי (אין 2טן יאָרהונדערט); עס איז אָבער זיכער אַז דער סדר עולם רבה (דעם ביינאָמען „רבה" האָט מען אים צוגעגעבן ערשט אין 12טן יאָרהונדערט), וועלכן מיר האָבן, אַנטהאַלט אַ סך צוגאָבן פון צייטן שפּעטער פון רבי יוסי. דער געלערנטער צונץ האַלט, אַז די לעצטע רעדאַקציע פון סדר עולם רבה איז פאָרגעקומען אין 9טן יאָרהונדערט. דער סדר עולם רבה איז געדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1517; אַ זייער וויכטיקע אויסגאַבע פון סדר עולם רבה איז פון בער ראַטנער (ווילנע 1897), וועלכער האָט צוגעגעבן אַ לענגערע איינלייטונג ונאָס באַלייכט אַלע פראַגן וועגן סדר עולם רבה. — 2) „סדר עולם זוטא" אַנטהאַלט 11 פּרקים, פון וועלכע אַ גרויסער טייל באַשטייט פון סדר עולם רבה, און די לעצטע פרקים זענען צוגעגעבן וועגן די פאַסירונגען פון אגריפס המלך (1טער יאָרהונדערט) ביז דער צייט פון די גאונים אין בבל, צום יאָר ד' אלפים תק"ך (760). דער סדר עולם זוטא איז, ווי מען מיינט, געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון די רבנן סבוראי (6טער יאָרהונדערט). און די שפּעטערדיקע דאַטעס זענען צוגעגעבן געוואָרן שפּעטער; די לעצטע רעדאַקציע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1120. אַ זייער וויכטיקע אויסגאַבע פון סדר עולם זוטא איז פון מנשה גראָסבערג (לאָנדאָן 1910), וועלכער האָט צוגעגעבן אַן איינלייטונג, וועלכע באַלייכט אַלע פראַגן וועגן דעם ספר. —

די בײדע סדר עולמס האָבן אַ זײער װיכטיקע באַדײטונג פאַר דער ײדישער געשיכטע־פאַרשונג און כראָנאָלאָגישער פעסטשטעלונג פון פּאַסירונגען. — פּרטים זע אין די דערמאָנטע אײנלײטונגען פון ראַטנער און גראָסבערג.

**סדרה** זע זוכװערטער „חומש", „מעביר זײן די סדרה".

**סודות פון דער תורה** שױן אין די גאָר אַלטע צײטן איז געװען די מײנונג בײ די ײדישע חכמים, אַז אַחוץ דעם פּשוטן טײטש פון די װערטער אין דער תורה, די ספּורים פון חומש, די מצוות, זענען אױך פאַראַן אין זײ סודות, געהײמע כװנות און אױסטײטשונגען. די ײדיש־העלעניסטישע דענקער אין אַלעקסאַנדריע אין דער צײט פון בית שני (פילאָן און אַנדערע) האָבן געפּרוּװט אױסגעפינען די דאָזיקע סודות אין זין פון פילאָזאָפישער אַלעגאָריע. אין דער גמרא און מדרש זענען פאַראַן פיל אײנטײטשונגען אין די פּסוקים פון חומש נישט לױט דעם אײנפאַכן פּשט נאָר אַלס דרש און אַלעגאָריע. אױך די ײדישע פילאָזאָפן אין מיטלאַלטער (באַזונדערס דער רמב"ם אין „מורה נבוכים") האָבן זיך באַמיט צו געפינען דעם געהײמען זין פון די ספּורים אין חומש און די מצוות. גאָר שטאַרק איז דער ענין פון געפינען סודות אין דער תורה געװען אין דער קבלה, און דאָס הױפּט־ספר פון קבלה, דער זוהר, איז אײגנטלעך די אַנטפּלעקונג פון די דאָזיקע סודות פון דער תורה, װעלכע הײסן אין אַראַמעאיש „רזין דאורייתא". — זע זוכװערטער „אַלעגאָריע", „נגלה, נסתר", „פילאָן", „קבלה".

**סוטה** דאָס װאָרט איז פון אַראַמעאישן „סטא" און פון העברעאישן „שטה", „אָפּנײגן"; מיטן װאָרט סוטה איז אין דער משנה און גמרא אָנגערופן געװאָרן אַ פרױ, װעמען איר מאַן האָט אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל זיך נישט טרעפן מיט אַ פרעמדן מאַן אין אַן אָפּגעזונדערטן אָרט, און זי האָט זיך מיט אים יאָ געטראָפן און איר מאַן איז איר חושד אין פאַראַט. אין חומש במדבר ה' װערט װעגן אַזאַ פרױ (איש כי תשטה אשתו) געזאָגט, אַז דער מאַן זאָל איר ברענגען צום כהן און מקריב זײן אַ קרבן פון גערשטן־מעל, דערנאָך זאָל איר דער כהן געבן צו טרינקען װאַסער געמישט מיט ערד, און אין דעם װאַסער איז אָפּגעמעקט געװאָרן אַ ספר מיט דעם נוסח פון דער שבועה, דאָס װאַסער הײסט „מי המרים המאררים" (די ביטערע פאַרשאָלטענע װאַסער). נאָכדעם װי זי װעט האָבן געטרונקען דאָס װאַסער זאָל איר דער כהן געבן אַ שבועה אַז זי האָט נישט פאַראַטן דעם מאַן. אױב זי האָט יאָ פאַראַטן װעט די פרױ געשװאָלן װערן. אױב נישט װעט זי זײן געזונט, און דאָס װעט זײן אַ צײכן, אַז זי האָט נישט פאַראַטן דעם מאַן. — אין דער משנה און גמרא פון סוטה װערן געבראַכט פּרטים װי אַזױ דאָס אַלץ דאַרף פאָרקומען. אין דער גמרא סוטה כ' װערט געזאָגט אַז דער כהן האָט אַרײנגעטאָן אין װאַסער אַ ביטערע זאַך כדי עס זאָל װערן ביטער.

**סוטה** נאָמען פון מסכתא משניות אין סדר נשים, האָט 9 פּרקים, דערױף תוספתא (15 פּרקים) און גמרא בבלי און ירושלמי; באַהאַנדלט די דינים פון סוטה װי אױך פון מלחמה־פּירן און עגלה ערופה; צום סוף זענען פאַראַן ידיעות װעגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל אַרום דער צײט פון חרבן בית שני.

**סוכה, סוכות** סוכות איז דער נאָמען פון יום־טוב, װעלכער דױערט 9 טעג, הױבט זיך אָן דעם 15טן תשרי און ענ־

דיקט זיך דעם 23טן תשרי; די ערשטע צוויי טעג און די לעצטע צוויי טעג (אין ארץ־ישראל נאָר צו איין טאָג, און דאָרט דויערט דער יום־טוב סוכות נאָר 8 טעג) זענען פולער יום־טוב, מען טאָר נישט אַרבעטן; די מיטלסטע 5 טעג זענען חול המועד (זע זוכוואָרט „חול המועד"); פון די לעצטע צוויי טעג יום־טוב הייסט דער ערשטער טאָג „שמיני עצרת" און דער צווייטער טאָג „שמחת תורה" (אין ארץ־ישראל זענען שמיני עצרת און שמחת תורה אין איין טאָג). דער לעצטער טאָג פון חול המועד הייסט „הושענא רבה". אין די ערשטע 7 טעג פון סוכות (ביז הושענא רבה) עסט מען (טייל פרומע יידן שלאָפן אויך) אין סוכה, דאָס הייסט אין אַ ביידל, אויפגעשטעלט אונטערן פרייען הימל, אָן אַ דאַך, און אַנשטאָט דעם דאַך לייגט מען אַרויף „סכך", בלעטער און שטעקלעך פון בוימער נאָר אויף אַזוי פיל אַז אין דער סוכה זאָל זיין אַ שאָטן, אָבער עס דאַרף נישט זיין בלויער שאָטן, מען מוז אַרויסזען שטיקלעך הימל. דער חומש ויקרא כ"ג זאָגט דעם טעם דערצו, אַז דאָס איז אַן אָנדענק פון דער צייט ווען יידן זענען אַרויס פון מצרים און געווען אין מדבר און געוואוינט נישט אין פעסטע הייזער נאָר אין „סוכות", ביידלעך. יעדן טאָג פון די ערשטע 7 טעג סוכות בענטשט מען אתרוג, דאָס הייסט מען נעמט אַן אתרוג און אַ לולב און הדסים און ערבות און מען מאַכט אויף זיי אַ ברכה (זע זוכווערטער „אתרוג", „לולב"), אויך דאָס ווערט געזאָגט אין חומש ויקרא כ"ג. — דער יום־טוב סוכות איז געווען אין דער צייט פון בית המקדש איינער פון די דריי ימים טובים (שלש רגלים), ווען עס איז געווען אַ מצוה פאַר יעדן ייד עולה רגל צו זיין קיין ירושלים צום בית המקדש און דאָרט ברענגען קרבנות (חומש דברים ט"ז ,שלש פעמים יראה כל זכורך את פני ה' אלהיך במקום אשר יבחר בחג המצות בחג השבועות ובחג הסוכות"). אין די ספרים פון תנ"ך געפינען מיר עטלעכע מאָל וועגן דעם מנהג צו קומען אין בית המקדש אויף סוכות; אַזוי געפינען מיר אין מלכים א' ח' אין דער צייט פון שלמה המלך, אין נחמיה ח', אין זכריה י"ד. דער חומש במדבר כ"ט זאָגט, אַז אין סוכות האָט מען מקריב געווען יעדן טאָג קרבנות, אַלע טאָג פאַרקלענערט מיט איינס; אין ערשטן טאָג האָט מען מקריב געווען 13 אָקסן, אין 2טן טאָג 12, אין 3טן 11 און אַזוי כסדר ביז דעם 7טן טאָג 7 אָקסן, צוזאַמען 70 אָקסן. די גמרא אין סוכה נ"ה זאָגט אַז דאָס האָט מען מקריב געווען 70 קרבנות פאַר די שבעים אומות, די 70 פעלקער, וואָס מען האָט געגלויבט, אַז עס זענען פאַראַן אויף דער ערד. — דער יום־טוב סוכות הייסט אויך אין חומש (שמות כ"ג, שמות ל"ד, און אויך אַ רמז אין דברים ט"ז) „חג האסיף", דער יום־טוב פון צונויפזאַמלען די תבואות און פרוכטן פון די פעלדער און בוימער. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס זיצן אין סוכות און בענטשן איבער אתרוג און לולב האָט אַ שייכות מיט דעם דאָזיקן פעלד־כאַראַקטער פון יום־טוב, ווייל ביז מען נעמט אַראָפּ און מען זאַמלט איין אין ארץ־ישראל פולשטענדיק די תבואות און פרוכטן נעכטיקט מען געוויינלעך אין ביידלעך אויפן פעלד. דער יום־טוב הייסט אויך „זמן שמחתנו" (די צייט פון פרייד). — וועגן אַ ריי מנהגים און פייערלעכקייטן אין סוכות געבן מיר ביי די באַזונדערע זוכווערטער „אתרוג", „הושענא רבה", „חול המועד", „לולב", „ניסוך המים", „קהלת", „שמחת בית השואבה", „שמיני עצרת", „שמחת תורה".

**סוכה** נאָמען פון מסכתא משניות אין סדר מועד, האָט 5 פּרקים, דערויף תּו־ספתא (4 פּרקים) און גמרא בבלי און ירושלמי; באַהאַנדלט די דינים פון מאַכן אַ סוכה, זיצן אין סוכה, פון די 4 מינים (אתרוג, לולב, הדס, ערבה), שמחת בית השואבה און ניסוך המים.

**סוף** פאַראַן אַ ריי אויסדריקן און באַ־גריפן און שפּריכווערטער, אין וועלכע עס גייט אַריין דאָס העבּרעאישע וואָרט סוף (ענדע), ווי אין סוף (אומענדלעכ־קייט); סוף פסוק (דער סוף פון אַ פּסוק) וואָס איז דער נאָמען פון איינעם פון די טעמים; סוף אדם למות (דער סוף פון מענטש איז צום שטאַרבן) און אַנדערע.

**סופר, סופרים** נאָמען פון יידישע רעליגיעזע פירער וואָס האָבן געלעבט אין דער צייט פון עזרא הסופר אַז (5טער יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) ביז צום סוף פון די אנשי כנסת הגדולה. עזרא איז דער ערשטער וואָס ווערט אָנגערופן „סופר" (די „מש־פּחות סופרים" אין דברי הימים א' ד' איז נישט קלאָר וואָס מען מיינט דער־מיט). פון עזרא ז', וואו עס ווערט גע־זאָגט וועגן עזרא „הכהן הסופר, סופר דברי מצוות ה' וחקיו על ישראל" איז צו זען, אַז דער טיטל „סופר" (וואָס איז דער טייטש „שרייבער") איז אים געגעבן געוואָרן, ווייל ער האָט אויסגע־טייטשט די תורה. לויט דער מיינונג פון טייל געלערנטע היסטאָריקער, ווי פראַנקעל אין „דרכי המשנה" און קראָכ־מאַל אין „מורה נבוכי הזמן", זענען די סופרים געווען דאָס זעלבע וואָס די אנשי כנסת הגדולה. די סופרים האָבן איינ־געפירט אַ סך תקנות און דינים „מדר־בנן" (דאָס הייסט, וואָס זענען לויט דער תורה נישט געווען פאַרפליכטעט), און מען האָט די אַלע תקנות און דינים גע־רופן „דברי סופרים", און דער גאַנצער תלמוד איז איינגאַנצלעך געשטיצט אויף די דאָזיקע דברי סופרים. צוליב דעם וואָס עס זענען געווען סעקטעס ביי יידן, וואָס האָבן פון די דברי סופרים נישט געוואָלט האַלטן (ווי למשל די צדוקים אין דער צייט פון בית שני), האָט דער תלמוד אָנגעוויזן אויף דער גרויסקייט פון די דברי סופרים זאָגנדיק זאָגאָר (ירו־שלמי ברכות) „חביבין דברי סופרים יותר מדברי תורה", אַז די דברי סופרים זענען ליבער פון די מצוות וואָס געפינען זיך בפירוש אין דער תורה. — אין די שפּעטערע צייטן האָט מען „סופרים" אויך גערופן די מלמדים פון קינדער און די משנה צום סוף קידושין זאָגט „לא ילמד רווק סופרים", דאָס הייסט, אַ ניט־פאַרהייראַטער טאָר נישט זיין קיין מלמד פון קינדער. — גלייכצייטיק האָט מען אויך גערופן סופר דעם שרייבער פון ספרי תורה, תפילין, מזוזות; דער דאָזי־קער נאָמען סופר איז געבליבן ביז היינט. דער סופר פון ספרי תורה, תפילין, מזו־זות (ראשי תבות סת"ם) שרייבט זיי נאָר מיט אַן אַלטמאָדישער פעדער פון אַ גאַנז, און נאָר אויף פאַרמעט, און לויט אַ געוויסן פאָרמאַט ווי צו שרייבן די עמו־דים. — וועגן סופרים די חכמים פון עזרא הסופרס צייט אַז זע זוכוואָרט „כנסת הגדולה"; זע אויך וויס, „דור דור ודורשיו" חלק א'. — וועגן סופרים פון תורה, תפילין, מזוזות, זענען פאַראַן די ספרים „תקון סופרים", „קסת הסופר" און אַנדערע.

**סופר, משה** (1762 אין פראַנקפורט אַם מיין — 1839 אין פּרעשבורג, אונ־גאַרן); רב, מחבר און ראש ישיבה, באַ־קאַנט אויך אַלס דער „חתם סופר". ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי פּנחס הור־וויץ (מחבר פון „הפלאה") און רבי נתן אדלער (זע „אדלער, נתן"); פון זיין

צווייטער פרוי איז ער געווען אן איידעם פון רבי עקיבא אייגער. זינט 1803 איז ער געווען רב און ראש ישיבה אין פרעשבורג, און פון זיין ישיבה זענען ארויסגעקומען טויזנטער תלמידים, צווישן זיי פיל גרויסע רבנים; ער האט זיך שארף קעגנגעשטעלט קעגן יעדער רעפארם־באוועגונג אין יידנטום, און זיין אויסדרוק איז געווען „חדש אסור מן התורה״, „יעדע נייע זאך איז פארבאטן״. זיינע הויפט־חבורים זענען שאלות ותשובות „חתם סופר״, אין 6 חלקים (פרעשבורג 1855 — 1864), חתם סופר אויף ש״ס, „תורת משה״ אויף תורה און אנדערע, ווי אויך זיין באקאנטע צוואה געדרוקט צוזאמען מיטן פירוש „לב העברי״ פון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער, שארף קעגן השכלה. — זיין זון איז געווען רבי אברהם שמואל בנימין סופר, מחבר פון „כתב סופר״, רב נאך זיין פאטערס טויט אין פרעשבורג (געשטארבן 1873); זיין אייניקל איז געווען רבי שמעון סופר, רב זינט 1860 אין קראקע, דעפוטאט אין עסטרייכישן פארלאמענט (געשטארבן 1883).

**סופרים** נאמען פון א מסכתא, פון די קליינע מסכתות (קטנות), געדרוקט געווינלעך צוזאמען מיט דער גמרא סנהדרין; אנטהאלט 21 פרקים, באהאנדלט די דינים פון שרייבן ספרי תורה, קריאת התורה, דיני תפילה; לויט דער מיינונג פון די פארשער איז זי נתחבר געווארן אין דער צייט פון די גאונים און באשטייט פון דריי טיילן, וועלכע זענען געשריבן געווארן אין פארשידענע צייטן: די מסכתא סופרים אנטהאלט וויכטיקע מאטעריאלן וועגן יידישע מנהגים אין אלטע צייטן. ווארשיינלעך איז זי נתחבר געווארן אין ארץ־ישראל. — זע ווייס, „דור דור ודורשיו״.

**סורא** זע „גאון, גאונים״.

**סטאטיסטיק** די וויסנשאפט וועגן סטאטיסטיק ביי יידן, דאס פעסטשטעלן די סטאטיסטישע דאטעס און ציפערן פון אלע יידישע געביטן, ווי צאל פון יידישע נפשות אין אלגעמיין און אין יעדן לאנד באזונדער, דאטעס וועגן געבורטן און שטערבלעכקייט, באשעפטיקונגען, שפראכן וכדומה, איז א זייער יונגע. וועגן די אלטע צייטן האבן מיר (אחוץ די ציפערן, וועלכע זענען פאראן אין תנ״ך־ספרים, ווי אין חומש במדבר און אנדערע) גאר ווייניק דאטעס. דער יידישער סטאטיסטיק־געלערנטער דר. א. רופין נעמט אן אז אין דער צייט פון חרבן בית שני (אין יאר 70 פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) זענען געווען אויף דער ערד לערך 4 און א האלב מיליאן יידן. די דאזיקע צאל האט זיך אין פארלויף פון מיטלאלטער, צוליב די גזרות און שחיטות און שמד־באוועגונגען, פארקלענערט, אזוי אז צום סוף 18טן יארהונדערט זאל האבן געווען ניט מער ווי 2 און א האלבן מיליאן יידן. די דאזיקע צאל איז שטארק געשטיגן אין 19טן יארהונדערט, אזוי צום סוף פון 19טן יארהונדערט זאל שוין האבן געווען ביי 10 מיליאן יידן. און בעת דעם אויסברוד פון דער וועלט־מלחמה אין 1939 זאל האבן געווען לערך 16 און א האלבן מיליאן. וויפל עס איז פאראן היינט (אין אנהויב 1943) איז שווער צו זאגן, ווייל מען ווייסט ניט גענוי וויפל זענען אומגעקומען אין די היטלער־שחיטות פון די גרויסע יידישע ישובים אין אייראפע (פוילן, אוקראינע, ווייסרוסלאנד, באלטישע לענדער, דייטשלאנד, עסטרייך, אונגארן, רומעניע, פראנקרייך, בעלגיע, האלאנד, יוגאסלאוויע, גריכנלאנד, טשעכאסלאוואקיע). — די וויכטיקסטע ווערק איבער יידישער סטאטיסטיק זענען: דר. א. רופין, „די סאציאלאגיע פון יידן״, „די יידן פון דער קעגנווארט״ (ביידע

געשריבן אין דייטש, און דאָס לעצטע איבערזעצט אין העברעאיש); די „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק" פון „ייוואָ" (אין יידיש), אַרטיקלען אין די ייוואָ־בלעטער; יעקב לעשטשינסקי, פּראָבלעמען פון דער באַפעלקערונגס־באַוועגונג ביי יידן" (דייטש), די „בלעטער פאַר יידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק", „יידישע עקאָנאָמיק"; טייל פון די דאָזיקע ווערק באַהאַנדלען די סטאַטיסטיק פון יידישער עקאָנאָמיק. — זע אויך די אַרטיקלען וועגן „יידישער סטאַטיסטיק" (דר. א. רופּין(, „יידישע דעמאָגראַפיע" (פּראָפ. ל. הערש), „יידישע עקאָנאָמיק" (יעקב לעשטשינסקי), „יידישע עמיגראַציע" (פּראָפ. ל. הערש), „יידישע קאָלאָניזאַציע" (ה. פראַנק) און „יידישע קאָאָפּעראַציע" (ה. פראַנק) אין 1טן באַנד „יידן" פון דער „אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע".

## סיבילעס

**סיבילעס** מיטן נאָמען „סיבילע" האָט מען אָנגערופן אין אַלט־גריכנלאַנד אַ פרוי אַ נביאה, וואָס האָט פאָרויסגעזאָגט די צוקונפט. — עס זענען געבליבן סיבילעס־ספרים, וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך גריכיש־רעדנדע יידן פון דער צייט פון 2טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, ביז 4־5 הונדערט יאָר שפּעטער; טייל געלערנטע רעכענען זיי צו צו די „כתובים אחרונים". עס זענען פאַראַן 14 יידישע סיבילעס־נבואות, אין וועלכע די שפּעטערע קריסטלעכע שרייבער האָבן אַריינגעמישט זייערע קריסטלעכע מיינונגען. אין די סיביליעס ווערט שטאַרק אַרויסגעטרעטן קעגן געצנדינעריי. לעצטנס איז דערשינען אַן איבערזעצונג אין העברעאיש אין אברהם כהנאס אויסגאַבע „הספרים החצונים" אין תל־אביב. אין וועלכער עס ווערט אויך געגעבן אַן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן די יידישע סיביליעס.

## סידור

**סידור** מיטן נאָמען „סידור" רופן מיר די זאַמלונג פון תפילות צום דאַווענען אין וואָכן־טעג און שבת; די זאַמלונג פון פיוטים צו די תפילות פאַר ימים־טובים רופן מיר „מחזור". — אין די עלטערע צייטן האָט די תפילות־זאַמלונג געהייסן נישט „סידור", נאָר „סדר"; אין דער גמרא ראש השנה י"ז איז פאַראַן דער אויסדרוק „סדר תפילה". די ערשטע תפילות־זאַמלונג וואָס מען האָט געפונען אין דער לעצטער צייט איז פון רב נטרונאי גאון (לערך 860); די דאָזיקע תפילות־זאַמלונג האָט נישט געהייסן „סידור", נאָר „מאה ברכות". דער עלטסטער סידור וואָס מיר האָבן, איז דער ,סדר רב עמרם גאון" (פון לערך דעם יאָר 875), וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון רב עמרם גאון פון בבל, אַרויסגעגעבן דורך פרומקין אין ירושלים תרע"ב. עס איז פאַראַן אויך אַ סידור פון רב סעדיה גאון (לערך 940), אַרויסגעגעבן לעצטנס אין ארץ־ישראל. איבערהויפּט האָט אין יענע אַלטע צייטן כמעט יעדער גדול הדור געהאַלטן פאַר נויטיג צוזאַמענצושטעלן אַ סידור, וועלכער איז באַשטאַנען פון די אָנגענומענע תפילות ווי אויך אייגענע צוגאָבן. עס איז פאַראַן אַ סידור פון רש"י (אַרויסגעגעבן דורך שלמה בובער בערלין 1912); דער רמב"ם אין משנה תורה סוף הלכות תפלה גיט אַ „סדר תפילות לכל השנה"; באַקאַנט איז דער סידור, וואָס איז פאַראַן אין מחזור וויטרי (זע „וויטרי"). די נוסחאות פון די סידורים האָבן זיך צעטיילט אויך לויט די מנהגים פון פאַרשידענע לענדער: נוסח ספרד, נוסח אשכנז, נוסח רומי, נוסח רומאַניאַ, און אַנדערע. מיטן אויפקומען פון דער קבלה זענען אויך צוגע־

קומען סידורים מיט כוונות פון דער קבלה, און דער בארימטסטער צווישן זיי איז דער סידור נוסח האר״י (רבי יצחק לוריא). — צום געוויינלעכן סידור האט מען שפעטער אויך צוגעגעבן זמירות, הושענות, הגדה, פארשידענע ברכות, טיילמאל אויך תהלים, מעמדות. צום סידור האט מען אויך געשריבן פירושים; מען האט אים איבערזעצט אין פיל שפראכן, און צווישן זיי אויך אין יידיש פאר פרויען, און פאפולער איז געווען דער פרויען־סידור „קרבן מנחה״. — וויסנשאפטלעכע אויסגאבן פון סידור זענען: לאנדסהוט, סידור „הגיון לב״ מיטן פירוש „מקור ברכה״ (קעניגסבערג 1845), בער, „סדר עבודת ישראל״ רעדעלהיים 1868), יעבץ „סידור עבודת הלבבות״ מיט פירושים און מקורים (בערלין תרפ״א). זע אויך עלבאגנס „תולדות התפלה״. — זע זוכווארט „דאווענען״.

**סיום** אראמעאיש ווארט, טייטש „ענדע״, „פארענדיקונג״; ווערט באנוצט צום באצייכענען דאס ענדיקן שרייבן א ספר תורה („סיום הספר״), אדער פארענדיקן לערנען א מסכתא משניות, צי גמרא, אדער גאנץ ש״ס. עס איז דער מנהג צו מאכן א פייערלעכע סעודה ביים ענדיקן שרייבן א ספר תורה; מען לאדט איין געסט און מען איז מכבד יעדן פון זיי צו שרייבן, ריכטיקער געזאגט, אויסצופילן מיט טינט, די לעצטע אותיות פון ספר, און פאר דער דאזיקער מצוה איז יעדער מנדב נדבות. די נייע ספר תורה ווערט געפירט מיט מוזיק אונטער א חופה צום בית המדרש. א רמז צו דער פייערלעכקייט איז פאראן אין מדרש שיר השירים רבה א׳ „שעושין סעודה לגמרה של תורה״ (מען מאכט א סעודה צום ענדיקן די תורה). — עס איז אויך א מנהג צו מאכן א סעודה ביים ענדיקן לערנען א מסכתא גמרא, און גאר פייערלעך איז די סעודה צום פארענדיקן לערנען גאנץ ש״ס. דער דאזיקער מנהג ווערט געבראכט אין דער גמרא שבת קי״ח. ביים סיום פון א מסכתא זאגט איינער פון די לומדים א דרשה מיט פלפולים, אמייסטנס צו פארבינדן דעם סוף פון דער געענדיקטער מסכתא מיט דעם אנהויב פון דער נייער מסכתא; אזא דרשה רופט מען „הדרן״, ווייל ביים סיום זאגט מען דעם אראמעאישן פיוט „הדרן עלך מסכתא״, און אויך געוויסע תפילות, און די נעמען פון די 10 זין פון אמורא רב פפא, און מען זאגט אויך קדיש; דאס זאל זיין א סגולה קעגן פארגעסן דאס לערנען. — די סעודה פון א סיום פון א מסכתא אדער ש״ס ווערט פארעכנט פאר א סעודת מצוה, און דעריבער עסט מען ביי אזא סיום־סעודה פלייש אויך אין די טרויעריקע 9 טעג; אויך בכורים, וואס דארפן פאסטן ערב פסח, מעגן עסן, ווען זיי פארענדיקן צוזאמען מיט דעם לערנער דעם סיום פון דער מסכתא. — זע שלחן ערוך אורח חיים סימן תקנ״א אין הגהות פון רמ״א און יורה דעה סימן רמ״ו.

**סיון** דער 9טער חודש אין יידישן קאלענדאר ווען מען הויבט אן דאס יאר פון תשרי, און דער 3טער חודש, ווען מען הויבט אן פון ניסן; האט 30 טעג; ווערט דערמאנט אין מגלת אסתר ח׳; אין סיון איז דער יום־טוב שבועות; דעם 20טן טאג אין סיון (כ׳ סיון) איז ביי טייל יידן א תענית צום אנדענק פון ערשטן בלוט־בלבול אין דער צייט פון רבנו יעקב תם, און פון דער שחיטה אויף יידן אין אוקראינע אין גזרת ת״ח.

**סילוא, חזקיה** (1659 אין ליווארנא—1698 אין ירושלים), רב און פוסק, מחבר פון „פרי חדש״ אויף שלחן ערוך יורה דעה.

**סימן** צייכן; אין דער גמרא און שפּעטער אין ספרים און אין פאָלקלאָר זענען פאַראַן „סימנים", פון וועלכע טייל ווערן באַטראַכט פאַר גוטע צייכנס און טייל פאַר שלעכטע צייכנס. — זע זוכוואָרט „אבערגלויבן".

**סינאַגאָגע** מיטן וואָרט „סינאַגאָגע" (אין גריכיש „פאַרזאַמלונג") באַצייכנט מען אַ מאָדערנע שול צום דאַווענען; דאָס וואָרט איז באַנוצט געוואָרן אַמייסטן דורך די יידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל צו באַצייכענען זייערע שולן; וועגן די יידישע געבעט־הייזער זע זוכוואָרט „בית המדרש".

**סיני** נאָמען פון לאַנד צווישן ארץ־ישראל און עגיפּטן (סיני־האַלב־אינזל), וואו עס געפינט זיך אויך דער מדבר סיני, דורך וועלכן יידן זענען געגאַנגען פון מצרים קיין ארץ־ישראל, און ווערט פיל מאָל דערמאָנט אין חומש (דאָס ערשטע מאָל שמות י"ט „ביום הזה באו מדבר סיני"). דער באַרג סיני, הר סיני (שמות י"ט) אויף וועלכן די יידן האָבן געהערט די עשרת הדברות און משה רבנו האָט גענומען די תורה, געפינט זיך אין דאָזיקן מדבר; די געלערנטע זענען מחולק וועגן דעם אָרט פון באַרג; אין מדבר סיני זענען פאַראַן עטלעכע אויסגעלאָשענע וואולקאַן־בערג, פון וועלכע עס האָט אַמאָל געפלאַמט פייער, און מען רעכנט, אַז איינער פון זיי איז דער הר סיני. לויט טייל געלערנטע איז עס דער „דזשעבעל קעטרין" (הויך 26 הונדערט מעטער), און לעבן אים געפינט זיך אַ באַרג „דזשעבעל מוסה" (דער באַרג פון משה), אויף וועלכן עס איז פאַראַן אַ קריסטלעכער קלויסטער מיט אַ זייער רייכער און אַלטער ביבליאָטעק; אויף איינעם פון די שפּיצן פון דעם באַרג קעטרין האָט מען אין דעם יאָר 1904 אַנטדעקט גאָר אַלטע אויפשריפטן געשריבן אין אַ האַלב־סעמיטישן אלף־בית און מען האָט דאָרט געפונען דעם נאָמען משה (לויט טייל „מנשה"). — דער הר סיני הייסט אין תנ"ך אויך „חורב" (שמות י"ז, מלכים א' י"ט); אין פּרקי אבות פּרק ו' (ברייתא פון קנין תורה) ווערט געזאָגט, אַז יעדן טאָג הערט מען אַ בת קול פון הר חורב; וועגן דער הייליקייט פון הר סיני זענען פאַראַן אין גמרא (שבת פ"ט) און מדרש פיל דברי אגדה.

**סיסרא** — זע „ברק", „דבורה", „יעל".

**סיציליע** אינזל אויפן מיטלענדישן ים, געהערט צו איטאַליע; פאַראַן ביי 1,000 יידן אויף אַ צאָל פון 4 מיליאָן איינוואוינער; אין די אַלטע צייטן און אויך אין מיטלאַלטער זענען געווען אין סיציליע גרויסע יידישע קהלות (אין מעסינא, פּאַלערמאָ און אַנדערע), און אין ענדע פון 13טן יאָרהונדערט האָבן דאָרט געלעבט איבער 100 טויזנט יידן, צווישן זיי פיל לומדים; אין יאָר 1492 (בעת דעם גרוש שפּאַניע) זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן אויך פון סיציליע. — זע גידעמאַן, „התורה והחיים" חלק ב' (אין דעם ציון י"ח וועגן די תקנות פון סיציליע).

**סיקריקין** זע „בריונים", „קנאים".

**סיריע** לאַנד צו צפון פון ארץ־ישראל, היינט אונטער דער פראַנצויזישער מאַנדאַט־הערשאַפט, באַוואוינט מייסטנס דורך סירישע אַראַבער, וועלכע זענען אַ געמיש פון פאַרשידענע פעלקער (אַראַבער, אַלטע אַראַמייער, פעניצער און אַנדערע); עס געפינען זיך לערך 35,000 יידן אויף

אין אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון איבער 3 מיליאָן; די יידן וואוינען מייסטנס אין די שטעט דמשק, אַלעפּאָ (חלב), ביירוט. — סיריע האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע; אין די תנ"ך־צייטן איז עס באַשטאַנען פון די לענדער ארם, צור און צידון. עס זענען געווען צייטן, ווען יידן האָבן געהערשט אין סיריע (אין דער צייט פון דוד המלך), און סיריע איז דעריבער געוואָרן שפּעטער פאַררעכנט אַלס אין אַ געוויסער מאָס הייליק ווי ארץ־ישראל (אין דער גמרא גיטין ח' ,,הקונה שדה בסוריה כקונה בפרוארי ירושלים"). אין מיטלאַלטער זענען די יידישע קהלות אין סיריע (דמשק, חלב) געווען פון די אָנגעזעענסטע אין יידנטום, אַ צענטער פון לומדות און קבלה.

## סירקיש, יואל

(1561 אין לובלין, פּוילן — 1640 קראָקע, פּוילן). רב, פּוסק און ראש ישיבה אין קראָקע, באַקאַנט אַלס ,,דער ב"ח" לויט זיין הויפּט ספר ,,בית חדש", אַ פּירוש אויף די 4 טורים פון שלחן ערוך; אויך מחבר געווען ,,שאלות ותשובות", אין וועלכע עס איז אויך פאַראַן פיל מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע און לעבנס־שטייגער פון יידן אין פּוילן אין יענער צייט; אויך מחבר געווען ,,הגהות הב"ח" צו דער גמרא און רא"ש ווי אויך קבלה־ספרים. איינער פון ב"חס איידעמס איז געווען רבי דוד הלוי, מחבר פון ט"ז. — זע בע., ,,לקורות היהודים בפולין"; וועטשטיין, ,,קדמוניות מפנקסאות ישנים"; צונץ, ,,עיר הצדק".

## סכך

זע ,,סוכה".

## סלאָנימסקי, חיים זעליג, חז"ם

(1810 אין ביאַליסטאָק — 1904 אין וואַרשע), געלערנטער, פּאָפּולאַריזאַטאָר פון וויסנשאַפטן אין העברעאיש, רעדאַקטאָר און גרינדער פון ,,הצפירה" (אין יאָר 1862), דירעקטאָר פון ראַבינער־סעמינאַר אין זשיטאָמיר, צענזאָר פון דער רוסישער רעגירונג איבער יידישע ספרים. אַחוץ אַ גרויסער צאָל אַרטיקלען, האָט סלאָנימסקי אויך מחבר געווען ,,מוסדי חכמה" אויף אַלגעברע (ווילנע 1834), ,,כוכבא דשביט" (איבער קאָמעטן), ,,יסודי חכמת השיעור" אויף אַריטמעטיק, אַלגעברע, געאָמעטריע, טריגאָנאָמעטריע, דיפערענציאַלן און אינטעגראַלן, ,,יסודי העבור" איבער דער געשיכטע פון יידישן קאַלענדאַר, ,,מציאות הנפש".

## סלושטש, נחום

(געבוירן 1872 אין אָדעס), געלערנטער, רייזנדער, שריפטשטעלער, ארץ־ישראל־טוער, מיטאַרבעטער אין פיל יידישע צייטונגען; מחבר פון ,,קורות הספרות העברית החדשה", ,,האנוסים בפורטוגל" (געדרוקט אין ,,רשומות"), ,,דהיה כהינה" (איבער אַ יידישע הערשערין אין צפון אַפריקע אין 7טן יאָרהונדערט), ,,באיי הים".

## סליחות

נאָמען פון תפילות און פּיוטים, אַז גאָט זאָל מוחל זיין (,,סלח", פאַרגעבן, מוחל זיין) די עבירות. סליחות ווערן געזאָגט פון זונטיק פאַר ראש השנה (די ספרדים זאָגן פון 2טן טאָג אין חודש אלול אָן) און אויב ראש השנה איז מאָנטיק אָדער דינסטיק, זאָגט מען פון זונטיק פריער, ביז יום כפור. די ערשטע סליחות ווערן אין טייל ערטער געזאָגט 12 אַזייגער ביינאַכט; אין אַלגעמיין איז דער מנהג צו זאָגן סליחות פאַרטאָג, און דערפון איז דער אויסדרוק ,,אויפשטיין צו סליחות". אַחוץ אין די דאָזיקע הויפּט־סליחות־טעג, זאָגט מען סליחות אויך אין יעדן תענית (דער יסוד פון סליחות איז געווען צוערשט נאָר פאַר

תעניתים) ווי צום גדליה, עשרה בטבת, אסתר־תעניתֿ, שבעה עשר בתמוז (תשעה באב זאגט מען קינות), ווי אויך ערב ראש חודש צו יום כפור קטן, און אויך ווען מען פאסט מאנטיק און דאנערשטיק (בה״ב, מאנטיק, דאנערשטיק און מאנטיק, נאך פסח און סוכות, ווי אויך שובבים ת״ת; די ווינטער־וואכן פון דער סדרה שמות ביז דער סדרה תצוה). דאס ערשטע מאל געפינען מיר דאס ווארט „סדרי סליחה״ פאר די דאזיקע תפילות אין „תנא דבי אליהו זוטא״ פרק כ״ג; טייל טעקסטן פון די סליחות („מי שענה״ און אנדערע) געפינען מיר שוין אין דער משנה און גמרא (תענית פרק ב׳). די פיוטים פון די סליחות האבן מחבר געווען די פייטנים און דיכטער ווי רבנו גרשום, רבי שלמה אבן גבירול, רש״י, רבי אלעזר רקח און אנדערע; די סליחות אנטהאלטן אויך קלאג־לידער אויף פארשידענע גזרות אויף יידן, ווי גזרת תתנ״ו (קרייץ־פארער אין יאר 1096), און זאגאר אויף שפעטערע גזרות (קאזאקן־שחיטות אין אוקראינע אין יאר ת״ח) דורך רבי יום־טוב ליפמאן העליר (תוספות יום־טוב), רבי שבתי כהן (ש״ך) און אנדערע. די ערשטע סליחות זאמלונג געפינען מיר אין סידור פון רב עמרם גאון (זע זוכווארט „סידור״). די ערשטע סליחה איז געדרוקט געווארן אין שונצינו 1487; פון דעמאלט אן זענען געדרוקט געווארן סליחות הונדערטער מאל; די סליחות זענען איבערזעצט געווארן אין פיל שפראכן, אויך אין יידיש. די סליחות זענען אויך פארשידן לויט די מנהגים פון לענדער (מנהג ספרד, מנהג אשכנז, מנהג תימן, מנהג איטאליע און אנדערע). — זע עלבויגן, „תולדות התפלה והעבודה בישראל״ צום סוף; — זע זוכווערטער „אלול״, „והוא רחום״, „חצות״, „ימים נוראים״, „סידור״, „פיוט״.

**סלמנדרא** אין גריכיש א סארט קרעט; לויט דער אגדה אין מדרש תנחומא (סדרה וישב) ווערט די סלמנדרא געבוירן פון פייער וואס ברענט 7 טעג און נעכט נאכאנאנד, און ווען א מענטש שמירט זיך אן מיטן בלוט פון סלמנדרא קאן אים קיין פייער נישט שאדן. די לעגענדע וועגן סלמנדרא איז געווען פאפולער ביי יידן דורך דער גאנצער צייט פון מיטלאלטער ביז דער נייער צייט (ווערט געבראכט אין „ספר חסידים״ און שפעטערע ספרים).

**סמאל (ס״ם)**, דער העכסטער פון אלע שלעכטע מלאכים אין הימל; אין מדרש און גמרא ווערט ער באטראכט אלס דער שר פון עשו (מכות י״ג), וואס איז מקטרג אויף יידן, און אויך אלס דער מלאך המות (מדרש דברים רבה י״א); אין פרקי דרבי אליעזר י״ד ווערט געזאגט, אז סמאל איז געווען צוערשט א הייליקער מלאך, נאר גאט האט אים און זיין כת אראפגעווארפן פון הייליקן הימל. אין דער קבלה ווערט ער באטראכט אלס דער קוואל פון טומאה און עבודה זרה, און די קבלה האלט, אז משיח וועט נישט קאנען פריער קומען נאר ווען סמאל וועט ווערן באזיגט; די לעגענדע וועגן יוסף דילה ריינא דערציילט, ווי דילה ריינא האט שוין געהאט באזיגט סמאלן, נאר דערנאך האט ער געמאכט אייז פעלער, געגעבן דעם געפאנגענעם סמאל עפעס צו שמעקן, און דערמיט האט סמאל צוריקבאקומען זיין כח. — פאראן א מנהג נישט צו דערמאנען דעם נאמען סמאל בפירוש נאר אין ראשי תבות ס״ם, אדער „סמך־מים״. — קאהוט אין ,ערוך השלם״ (זוכווארט ,סמאל״) ברענגט עטלעכע דערקלערונגען צום ווארט סמאל: „סם עליון״ (העכסטער גיפט), „סמא״ (,דער העכסטער), פון פערסישן „אשמא״

(דער העכסטער שד); לויט אַנדערע מיי־נונגען פון וואָרט „שמאל", לינק.

**סמאָלענסקין, פּרץ** (1840 איז מאַ־נאַסטריישטשע, רוסלאַנד — 1885 אין מעראַן), העברעאישער שריפטשטעלער און פּובליציסט, קעמפער פאַר דער אויפ־לעבונג פון העברעאיש, טעאָרעטיקער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג; אין דער יוגנט, אַלס יתום, האָט ער פיל געליטן, געוואַנדערט, געוועזן אַ געוויסע צייט אין הויף פון ליובאַוויטשער רבי; געלערנט אין ישיבות, נאָכער אַוועק קיין אָדעס, געלערנט שפּראַכן; 1867 געשריבן דעם ערשטן מאמר אין המליץ; נאָכער געוועזן אין פּראַג, ווין, וואו ער איז גע־ווען פּירער און מגיה אין דער העברעאי־שער אָפּטיילונג פון אַ דייטשער דרוקע־ריי. אין ווין האָט ער געגרינדעט דעם העברעאישן מאָנאַט־זשורנאַל „השחר" (1868 — 1884); 1878 האָט ער גע־גרינדעט די וואָכנשריפט „המביט"; 1874 איז ער געפאָרן אַלס דעלעגאַט פון „אַליאַנס" אויסצופאָרשן די לאַגע פון יידן אין רומעניע; 1885 איז ער גע־שטאָרבן אויף שווינדזוכט. — סמאָלענ־סקין האָט פאַרעפנטלעכט זיינע הויפּט־ווערק אין „השחר"; פון אים זייט האָט ער אין „השחר" געפירט אַ קאַמף פאַר השכלה, און גלייכצייטיק האָט ער באַ־קעמפט די „בערלינער השכלה", די אַסי־מילאַציע, אַרויסטרעטנדיק אפילו קעגן מענדלסאָנען; אין זיינע מאמרים „עם עולם", „עת לטעת" האָט ער באַגרינדעט זיין מיינונג וועגן דעם נאַציאָנאַלן כאַ־ראַקטער פון יידישן פאָלק; פון זיינע דערציילונגען זענען די פּאָפּולערסטע גע־ווען דער „התועה בדרכי החיים", „קבו־רת חמור", וועלכע האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג אין די קרייזן פון ישיבה־בחו־רים אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע און האָבן געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן דעם דראַנג צו השכלה צווישן יידן; ער האָט אויך געשריבן „הגמול", „שמחת חנף", „גאון ושבר", „נקם ברית". אַרום דעם „השחר" האָבן זיך קאָנצענטרירט די אָנגעזעענסטע העברעאישע שריפטשטע־לער אין יענער צייט (ליליענבלום, דר. שלמה רובין, בראַנדשטעטער, י. ל. גאָר־דאָן, און אַנדערע). — זע ברייניז, „פּרץ בן משה סמולנסקין חייו וספריו" (וואַר־שע 1907); ברייניז האָט אויך אַרויס־געגעבן אַ זאַמלונג „מכתבים" בריוו פון סמאָלענסקין צו זיינע פריינט. דער „התועה" און אַ ריי אַנדערע דערציי־לונגען זענען איבערזעצט אין יידיש.

**סמבטיון** נאָמען פון אַ לעגענדאַרן טייך, וועלכער וואַרפט אַ גאַנצע וואָך שטיינער און אין שבת רוט ער, און אין יענער זייט טייך געפינען זיך די עשרת השבטים. דער טייך הייסט „סמ־בטיון" (פון וואָרט „שבת", „סאַבאַט") און „סנבטיון"; די אגדה וועגן דאָזיקן טייך איז פאַראַן אין סנהדרין ס"ה — אין נאָמען פון תנא רבי עקיבא; אָבער די לעגענדע וועגן טייך איז געוועזן פאַר־שפּרייט נאָך פריער (פּלאַוויוס אין מל־חמות ספר ז', פּליניוס); וועגן דעם, אַז אין יענער זייט סמבטיון געפינען זיך די עשרת השבטים, איז פאַראַן אין ירושלמי סנהדרין פּרק י' „אחת לפנים מנהר סמ־בטיון"; שפּעטער ווערט די לעגענדע געבראַכט אין דעם ספור פון אלדד הדני; אין די שבת־זמירות „מה יפית" און „יום שבת קודש" ווערט דערמאָנט דער סמבטיון; אין פיל צייטן האָבן פאַרשי־דענע יידישע רייזנדער געפּרוּווט צוצו־קומען צום טייך סמבטיון און צו געפינען די עשרת השבטים. פּרטים ביי לאָזאַר אין זיין בוך „עשרת השבטים", אויך אין ערוך השלם פון קאָהוט (ערך „סמ־בטיון"). — זע זכוּווערטער „אלדד הד־ני", „הרי חושך", „עשרת השבטים".

**סמיכה** (אָנלענען), אין די אַלטע צייטן פון בית שני און שפּעטער אין דער צייט פון תלמוד איז געווען איינגעפירט ביי יידן, אַז איין דור חכמים האָט געגעבן סמיכה צום צווייטן דור חכמים און דער־מיט זענען די, וועלכע האָבן באַקומען סמיכה, געווען בארעכטיקט צו פּסקענען נישט נאָר סתם שאלות נאָר אויך צו קנסענען, שטראָפן; לויט דער טראַדיציע האָט די דאָזיקע סמיכה זיך געצויגן פון איין דור צום צווייטן צוריק ביז משה רבנו, וועלכער האָט געגעבן סמיכה צו יהושע בן נון (דברים ל"ד, כי סמך משה את ידיו עליו); אין דער צייט פון די גזרות נאָך דער בר־כוכבא־מלחמה האָט די רוימישע רעגירונג פאַרבאָטן סמיכה אונטער דער דראָאונג פון טויט־שטראָף; אָבער די גמרא סנהדרין י"ד דערציילט, אַז רבי יהודה בן בבא האָט יענער צייט יאָ סומך געווען 5 תנאים רבי מאיר, רבי יהודה, רבי שמעון, רבי יוסי און רבי אלעזר בן שמוע. וועגן דעם ווען די סמיכה איז בטל געוואָרן זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען. עס ווערט אָנ־גענומען, אַז דאָס איז פאָרגעקומען צו־זאַמען מיטן אָפּשאַפן די נשיאות (זע זוכוואָרט „נשיא") אין 4טן יאָרהונדערט. — אין יאָר 1538 האָבן אַ גרופּע רבנים אין ארץ־ישראל, אין צפת, מיט רבי יעקב בירב אין דער שפּיץ באַנייט די סמיכה, און צווישן די וואָס האָבן באַ־קומען סמיכה זענען געווען רבי יוסף קארו (מחבר פון שלחן ערוך), רבי משה די טראַני און אַנדערע; קעגן דער סמי־כה־באַנייאונג איז אַרויסגעטרעטן שאַרף דער דעמאָלטיקער רב אין ירושלים רבי לוי בן חביב (זע „חביב"), דער רלב"ח, און עס איז אַנטשטאַנען אַרום דעם אַ שאַרפע מחלוקה (פּרטים אין די תשובות מהרלב"ח); די סמיכה־באַנייאונג איז אָפּגעשאַפט געוואָרן. — מיטן נאָמען סמיכה רופט מען אויך היינט דאָס געבן דאָס רעכט צו אַ למדן צו ווערן אַ רב: אָבער דאָס איז נישט די סמיכה מיט די ברייטע רעכט פון די אַלטע צייטן. — וועגן דער געשיכטע פון סמיכה איז פאַ־ראַן פון חיים יחיאל בארנשטיין „משפט הסמיכה וקורותיה" אין זאַמלבוך „התקו־פה".

**סנבלט** אַ שומרוני, דער פּערסישער גאָווערנאָר אין שומרון אין דער צייט פון עזרא ונחמיה; געהייסן „החורוני"; אין ספר נחמיה ווערט דערציילט, ווי ער האָט געוואָלט שטערן די יידן צו בויען די מויערן פון ירושלים; איינער פון די יידי־שע כהנים, מנשה, אייניקל פון כהן גדול אלישוב, האָט חתונה געהאַט מיט סנ־בלטס טאָכטער, ער איז דעריבער פאַר־טריבן געוואָרן פון ירושלים, און ער האָט געגרינדעט אַ בית המקדש אויפן הר גריזים. — זע „שומרונים".

**סנדק** נאָמען פון דעם, וואָס האַלט דאָס קינד צום ברית; דאָס האַלטן דאָס קינד הייסט „סנדקאות"; דאָס וואָרט איז פון גריכישן „סינדיקוס" (פאָרשטייער); דער „ערוך השלם" (ערך „סנדק") טייטשט דאָס וואָרט פון גריכישן „סינטעקנאָס". דאָס וואָרט ווערט געבראַכט שוין אין די מדרשים (מדרש תהלים אויפן פּסוק „כל עצמותי תאמרנה", תהלים ל"ה, אין „ילקוט" תשכ"ג), דאָס סנדקאות פלעגט געווינלעך געהערן צום רב פון דער שטאָט. — זע זוכוואָרט „מילה".

**סנה** אַ קליינער דאָרן־בוים; אין שמות ג' ווערט דערציילט, אַז ווען משה האָט געפּאַשעט די שעפּסן פון זיין שווער יתרו אין דער מדבר האָט ער געזען ווי אַ סנה ברענט אין פייער און ווערט נישט פאַר־ברענט; ער איז צוגעגאַנגען צום סנה, און דעמאָלט האָט ער געהערט ווי גאָט זאָגט צו אים, אַז ער זאָל גיין אַרויס־

נעמען די יידן פון מצרים; אין דברים ל״ג געפינען מיר דעם אויסדרוק „שכני סנה״.

**סנהדרין** נאמען פון העכסטן יידישן געריכט אין ירושלים אין דער שפעטער צייט פון 2טן בית המקדש; דאס ווארט שטאמט פון גריכישן „סינעדריאן״, וואס איז דער טייטש „די פארזאמלונג פון די עלטסטע״; דאס ווארט טרעפן מיר זייער אפט אין משנה און גמרא (די מסכתא סנהדרין און אנדערע) און אויך ביי פלאוויוס (קדמוניות ספר י״ר). די משנה סנהדרין א׳ זאגט, אז עס זענען געווען א „סנהדרין גדולה (גרויסע) פון 71 מיטגלידער. און א „סנהדרין קטנה״ (קליינע) פון 23 מיטגלידער. די סנהדרין גדולה איז געזעסן אין ירושלים, אין דער לשכת הגזית, ביים בית המקדש, און אירע רעכט זענען געווען זייער ברייטע; זי האט דעצידירט וועגן ארויסטרעטן אין מלחמה, משפטן א גאנצן שבט און אנדערע. די סנהדרין קטנה איז געווען אין די גרעסטע צענטראלע פראווינץ-שטעט, און זי האט געהאט רעכט ארויסצוגעבן טויט-אורטיילן. די תוספתא סנהדרין פרק ח׳ זאגט, אז דער פרעזידענט פון דער סנהדרין גדולה איז געווען דער נשיא (זע זוכווארט „נשיא״); אין סנהדרין י״ז ווערט געזאגט, אז די 71 מיטגלידער (שבעים ואחד זקנים) פון די סנהדרין האבן געמוזט זיין געלערנט נישט נאר אין יידישע זאכן, נאר אויך אין אנדערע לימודים, קענען פרעמדע שפראכן (70 שפראכן, שבעים לשון), כשוף. די גמרא ראש השנה ל״א זאגט, אז די סנהדרין זענען פאר דעם חרבן פון 2טן בית המקדש אריבער צוערשט פון לשכת הגזית צו חנויות (ארט ביים בית המקדש), פון דארט אין דער שטאט ירושלים, פון ירושלים איז זי ביים חרבן אוועק אין דער שטאט יבנה, פון יבנה קיין אושא, פון אושא צוריק קיין יבנה, פון יבנה ווידער קיין אושא, פון דארט קיין שפרעם (ארט לעבן חיפה), פון דארט קיין בית שערים, פון דארט קיין צפורי, און צולעצט קיין טבריה, וואו זי איז בטל געווארן צוזאמען מיט דער אפשאפונג פון דער נשיאות. לויט אן אנדערער מיינונג (סוטה מ״ח „משבטלה סנהדרין״) איז די סנהדרין אפגעשאפט געווארן מיטן חרבן בית שני. — נישט ווייט פון ירושלים ווייזט מען אן אויף א מערה (הייל), וואו עס זאלן האבן געווען די קברים פון סנהדרין. — נאפאלעאן האט 6טן אקטאבער 1806 צונויפגערופן קיין פאריז א רבנים-קאנפערענץ און געפרואווט באנייען צוריק די סנהדרין, וועלכע זאלן קאנען ענדערען טייל דינים פון דער אידישער רעליגיע; דער פרעזידענט פון סנהדרין איז געווען דער שטראסבורגער רב, ר׳ דוד זינצהיים. די ערשטע זיצונג איז פארגעקומען דעם 9טן פעברואר 1807 (וועגן דעם האט מען דעמאלט ארויסגעגעבן א ספרל „תפילת ישרים״). די סנהדרין האט נישט לאנג עקזיסטירט. — וועגן דעם צוזאמענשטעל און קאמפעטענצן און געשיכטע פון סנהדרין אין דער אלטער צייט איז פאראן א גרויסע מיינונגס-פארשידנקייט צווישן די געלערנטע היסטאריקער. ביכלער אין זיין דייטש ווערק „דאס סנהדריום״ האלט, אז די באשרייבונגען פון סנהדרין אין דער משנה און גמרא זענען נישט געווען פארווירקלעכט אין ירושלימער סנהדרין, און אז נישט דער נשיא איז געווען דער פארזיצער, נאר דער כהן גדול. זע אויך רייפמאן „סנהדרין״ (בערדיטשעוו 1888); זע הלוי „דורות הראשונים״ (אין באנד פון בית שני).

**סנהדרין** מסכתא משניות אין סדר

נזיקין, 11 פרקים, האט אויך תוספתא (14 פרקים) און גמרא בבלי און ירושלמי, באהאנדלט די ענינים פון יידישן געריכט־צוזאמענשטעל, קאמפעטענץ פון פארשידענע געריכטן, עדות, אויספארשונגס־פראצעדור, שטראף־קאדעקס, און דער לעצטער פרק איז וועגן עולם הבא. — לויט טייל איז סנהדרין און מכות געווען איין מסכתא.

**סנחריב** מלך פון אשור (705 — 681 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג); אין יאר 701 מארשירט מיט אן ארמיי אויף ארץ־ישראל און באלאגערט ירושלים בעת דער הערשאפט פון חזקיה מלך יהודה; דער ספר מלכים ב׳ י״ט און ישעיה ל״ז דערציילט, אז א מלאך האט אויסגעהרגעט אין דער אשור־ארמיי ביינאכט 180 טויזנט מאן, און סנחריב האט געמוזט צוריקקערן קיין אשור, וואו זיינע צוויי זין האבן אים דערמארדעט. — זע „חזקיה״.

**סעדיה גאון, רב** איינע פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע, גאון אין דער ישיבה אין סורא אין בבל, פוסק, פילאזאף, מפרש התנ״ך; רב סעדיה איז געבוירן געווארן ט״ז ניסן ד׳ אלפים תרנ״ב (892) אין מצרים (לויט איין מיינונג מיט 10 יאר פריער) און געשטארבן אין סורא אין בבל כ״ו אייר תש״ב (942); מען האט אים גערופן אויך „אל פיומי״; אין ראשי תבות ווערט ער געשריבן רס״ג (רב סעדיה גאון). פון זיינע יונגנט־יארן איז אונז ווייניק באקאנט; מען ווייסט נאר, אז אלט זייענדיק 20 יאר האט ער געשריבן דעם ספר „האגרון״, און אלט זייענדיג 23 יאר האט ער געשריבן א ספר קעגן די קאראאימער (קראים); אין זעלבן יאר (915) האט ער זיך באזעצט אין ארץ־ישראל; דארט האט ער געוואוינט 13 יאר און איז בארימט געווארן אלס למדן דורך זיין חבור וועגן יידישן קאלענדאר „ספר המועדים״ קעגן בן מאיר. אין יאר 928 האט מען אים אויפגענומען אלס גאון (ראש ישיבה) אין דער גרעסטער ישיבה אין בבל, אין סורא. א דאנק רב סעדיה גאון איז די ישיבה געווארן נאכמער בארימט. אין 2 יאר שפעטער איז אויסגעבראכן א מחלוקה צווישן רב סעדיה און דעם ריש גלותא דוד בן זכאי; מען האט זיך קעגנזייטיק געלייגט אין חרם; בן זכאי האט געהאט מער מאכט ביי דער רעגירונג, און רב סעדיה האט געמוזט זיך באהאלטן 7 יאר. אין יאר 937 איז געקומען צו א שלום צווישן זיי; אבער די מחלוקה האט אויף אים שלעכט געווירקט, און אין 5 יאר שפעטער, איז עלטער פון 50 יאר איז רב סעדיה געשטארבן, ווי עס שרייבט א דאקומענט פון יענער צייט, „מתוך מרה שחורה״ פארביטערט. — הגם רב סעדיה איז געשטארבן פארהעלטניסמעסיק יונגערהייט, אין עלטער פון 50 יאר, און האט פיל געליטן, איז זיין טעטיקייט געווען א פארשידנארטיקע און א זייער רייכע. ער האט איבערזעצט תנ״ך און משניות אויף אראביש און אויך געשריבן צו זיי פירושים, וועלכע ווערן אויך היינט באטראכט פאר וויסנשאפטלעכע; ער האט געשריבן דעם „ספר הירושות״ (הלכה) אויף אראביש; „ספר המועדים״ (קעגן בן מאיר); „אגרון״ אויף דקדוק; „סידור״ (סדר התפילות); „פיוטים״; פירוש אויף דעם ספר „יצירה״; ספר קעגן ענן דעם גרינדער פון דער קאראאימער־סעקטע; „ספר הגלוי״ (קעגן בן זכאי). אבער אמבארימטסטן איז זיין הויפט־ספר „אמונות ודעות״ (געשריבן אין אראביש, איבערזעצט אין העברעאיש דורך רבי יהודה אבן תבון). ער האט כמעט דער ערשטער איז מיטלאלטער גע־

פרואווט געבן די פילאזאפישע באגרינדונג פון די יסודות פון דער יידישער רעליגיע און אויפווייזן, אז זי איז נישט אין סתירה צו דער פילאזאפיע און אנדערע וויסנשאפטן. אלע שפעטערע יידישע רעליגיעזע פילאזאפן (רבי אברהם בן דוד ראב״ד דער ערשטער, רבנו בחיי „חובות הלבבות״, דער אבן עזרא, רמב״ם) זענען געווען אונטער זיין איינפלוס. מען קאן זאגן, אז ער איז דער גרינדער פון דער יידישער רעליגיעזער פילאזאפיע (אויב מען זאל נישט רעכענען פילאן פון אלעקסאנדריע פון די עלטערע צייטן, און אלמאקאמאץ פון שפעטער). רב סעדיה האט אוועקגעשטעלט די עקרים פון דער יידישער אמונה: מציאות השם (די עקזיסטענץ פון גאט), אחדות השם (אז גאט איז איינער), בריאת העולם (אז די וועלט איז באשאפן געווארן יש מאין, פון גארנישט, און אז זי עקזיסטירט נישט פון אייביק אן), מציאות הנפש (די עקזיסטענץ פון נשמה), תורה מן השמים און נבואה (גאט האט געגעבן די תורה פון הימל און גאט האט געשיקט זיין ווארט דורך די נביאים), בחירה חפשית (דער מענטש האט א פרייען ווילן), שכר ועונש (באלוינונג אויף יענער וועלט פאר מצוות, און באשטראפונג פאר עבירות). צו די פילאזאפישע עקרים (מציאות השם און אזוי ווייטער) ברענגט רב סעדיה גאון באווייזן פון דער פילאזאפיע. ער האט געהאט אויך א גרויסן איינפלוס אין זיין קאמף קעגן די קאראאימער און קעגן דעם פריידענקער חיוי הבלכי (זע זוכווארט „חיוי״). — וועגן לעבן פון רב סעדיה איז פאראן א בריוו פון זיין זון רב דוסא צו רבי חסדאי שאפרוט אין שפאניע (געברענגט אין „סדר הקבלה״ פון ראב״ד), ווי אויך אין בריוו (אגרת) פון רב שרירא גאון. — א גרינטלעכע אפהאנדלונג וועגן רב סעדיה האט געשריבן האפפארט אין זיין „תולדות רב סעדיה גאון״ (אין די באמערקונגען צום סוף); א כמעט פולשטענדיקע אויסגאבע פון רב סעדיהס ספרים איז דערשינען אין פאריז 1893 — 1899 דורך דערענבורג, באכער און מילער מיט איינלייטונגען און באמערקונגען. — זע אויך וויים „דור דור ודורשיו״ חלק ד׳.

**סעמועל הערבערט, לארד** (געבוירן 1870 אין ענגלאנד), ענגלישער פאליטישער פירער, ליבעראל, געוועזן עטלעכע מאל מיניסטער אין ענגלאנד. אין די יארן 1920 — 1925 געוועזן ערשטער ענגלישער הויך־קאמיסאר אין ארץ־ישראל (נציב העליון). אויף זיין נאמען איז פאראן דער קווארטאל אויפן הר הכרמל „אחוזת שמואל״.

**סעפטואגינטע** (70), נאמען פון דער עלטסטער איבערזעצונג פון תנ״ך אין דער גריכישער שפראך; מען רופט איר „תרגום השבעים״; דער נאמען שטאמט פון דער לעגענדע, וואס ווערט געבראכט אין דעם „בריוו פון אריסטעאס״, אז דער עגיפטישער קעניג פטאלאמעאוס פילאדעלפוס דער 2טער (אין די יארן 285—247 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האט איינגעלאדן צו זיך 72 יידישע חכמים פון ארץ־ישראל און זיי האבן איבערזעצט דעם תנ״ך אויף גריכיש, וואס איז דעמאלט געווען די שפראך פון דער אינטעליגענץ און דער הערשנדער דינאסטיע אין עגיפטן. דער ספור ווערט אויך געבראכט אין דער גמרא מגילה ט׳. אין דער לעגענדע ווערט אויך דערציילט, אז יעדער פון די 72 זקנים איז געזעסן אין א באזונדער צימער און עס איז געווען א נס, וואס זיי האבן אלע איבערזעצט גלייך. דער בריוו פון אריסטעאס שטאמט זיכער פון א שפעטערער צייט, פון 1טן יארהונ־

דערט; וואס אנבאלאנגט דער סעפטואגינטע איז דורך פיל פארשער באוויזן געווארן (לויט דעם שפראך־סטיל), אז זי איז געמאכט געווארן אין פארשידענע צייטן; עס זענען אין דער סעפטואגינטע פאראן ווערטער, וועלכע שטימען נישט מיט אונזער העבּרעאישן טעקסט פון תנ״ך. די סעפטואגינטע האט געהאט א זייער גרויסע באדייטונג פאר דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון די העלעניזירטע יידן סיי אין עגיפּטן סיי אין אנדערע לענדער (זע „העלעניזם״). פון דער סעפטואגינטע איז געמאכט געווארן די קריסטלעך־לאטיינישע תנ״ך־איבערזעצונג „וואולגאטא״; די סעפטואגינטע האט באקאנט געמאכט די נישט־יידישע וועלט מיט דער יידישער רעליגיע און יידישע אנשויאונגען. וועגן דער סעפטואגינטע זענען געשריבּן געווארן פיל ביכער. — זע שטיין „פילון האלכסנדרוני״ (ווארשע תרצ״ז), וויים „דור דור ודורשיו, חלק א׳, קאמינקא „לפתרון חידת הנוסחאות בתרגום השבעים״ אין „מזרח ומערב (תרפ״ט).

**סערביע** זע „יוגאסלאוויע״.

**ספורנו, עובדיה** (לערך 1475 — 1550), מפרש פון תורה און דאקטאר אין איטאליע; ער איז געווען אויך דער לערער פאר העבּרעאיש פון געלערנטן הומאניסט רייכלין; זיין פירוש אויף תורה איז געדרוקט געווארן פיל מאל אויך צוזאמען מיט די חומשים; ער האט אויך מחבר געווען א פירוש אויף שיר השירים, קהלת, תהלים, יונה, חבקוק און זכריה. וויכטיק איז אויך זיין ספר „אור עמים״, קריטישע פילאזאפישע באמערקונגען; ער האט דאס איבערזעצט אין לאטיין. פאראן פון אים א פירוש אויף פרקי אבות; אויך אפהאנדלונגען איבער מאטעמאטיק, דקדוק, דרשות (אין כתב יד).

**ספיר, יעקב** הלוי (1822 אין ליטע— 1885 אין ירושלים); רייזנדער אין די מזרח־לענדער; אין עלטער פון 10 יאר איז ער געקומען מיט זיין פאטער קיין ארץ־ישראל; אין 1858 איז ער געפארן אלס שד״ר (דעלעגאט צו זאמלען געלט „שליחא דרבנן״) אין ווייטע מזרח־לענדער פאר ארץ־ישראל־יידן. ער האט דורכגערייזט גאנץ עגיפּטן, תימן, אינדיע, כינע און אויסטראליע, און אומעטום, וואו ער איז געקומען, האט ער אויסגעפארשט דאס יידישע לעבּן, די מנהגים, דעם יידישן פאלקלאר, און דאס אלץ באשריבּן אין זיין בוך „אבן ספיר״ אין 2 בענדער (געדרוקט דורך דער „מקיצי נרדמים״ (ליק 1866, מיינץ 1874).

**ספירה** (ציילן), אין חומש ויקרא כ״ג ווערט געזאגט, אז מען זאל „ממחרת השבת״, פון צומארגנס פון שבת, פון טאג ווען מען ברענגט דעם עומר, דעם קרבן פון דער ערשטער תבואה, אפציילן 7 גאנצע וואכן, און דערנאך מאכן דעם יום־טוב שבועות. די יידישע טראדיציע טייטשט „ממחרת השבת״ מיינט מען „צומארגנס פון 1טן טאג יום־טוב פסח״ (אין קעגנזאץ צו דער אלטער סעקטע צדוקים וואס האבּן געטייטשט אז דאס מיינט מען פון זונטיק אין דער וואך פון פסח; זע גמרא מנחות ס״ה); דערפון איז די מצוה צו ציילן יעדן ביינאכט פון דער צווייטער נאכט פסח אן, 49 טעג ביז דער נאכט פון ערב שבועות; דאס דאזיקע ציילן רופט מען „ספירה״, און די דאזיקע 49 טעג הייסן ספירה־טעג, און אויך סתם ספירה. דאס ציילן קומט פאר: מען מאכט א ברכה „על ספירת העומר״ און מען זאגט די ערשטע נאכט „היום יום אחד״, דאס הייסט „היינט איז איין טאג צום עומר״; צומארגנס זאגט מען אנשטאט „יום אחד״, „שני

ימים" (צוויי טעג), איבערמאָרגנס „של־
שה ימים" און אַזוי כסדר. ווען עס איז
אַ וואָך זאָגט מען „שבעה ימים שהם
שבוע אחד" (7 טעג, וואָס זענען איין
וואָך) און אַזוי כסדר, ציילט מען סיי די
טעג סיי די וואָכן (מנחות ס"ו). — מיט
די ספירה־טעג זענען פאַרבונדן געוויסע
מנהגים. עס איז אַ געוויסע טרויער־
צייט. עס קומען נישט פאָר קיין חתו־
נות, מען שערט זיך נישט אָפּ; אַן אויס־
נאַם איז ל"ג בעומר, ווען מען מאַכט
יאָ חתונות און מען שערט זיך יאָ אָפּ.
די דערקלערונגען פאַר דעם דאָזיקן טרוי־
ער זענען פאַרשידענע. לויט טייל מיי־
נונגען, ווייל דעמאָלט זענען געשטאָרבן
די 24 טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא
(דערמאָנט אין גמרא יבמות ס"ב), און
די מאָדערנע היסטאָרישע פאָרשונג
מיינט, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט
דער מלחמה פון בר כוכבא. לויט אַן
אַנדערער מיינונג שטאַמט דאָס פון
גזרות אין מיטלאַלטער פון די קרייץ־
פאַרער (גזרות תתנ"ו און שפּעטער). —
די קבלה פאַרבינדט דאָס ציילן ספירה
צוזאַמען מיט די עשר ספירות פון דער
קבלה, און די מקובלים באַטראַכטן יעדן
טאָג פון ספירה אַלס אַ צוזאַמענשטעל
פון צוויי ספירות, דער ערשטער טאָג
„חסד שבחסד" און אַזוי ווייטער. — זע
זוכוואָרט „ל"ג בעומר".

**ספירות** זע „קבלה".

**ספעקטאָר, יצחק אלחנן** (1817
— 1896 אין קאָוונע), רב און פוסק,
כלל־טוער, פון 1864 רב אין קאָוונע (דע־
מאָלט רוסלאַנד, היינט הויפּט־שטאָט פון
ליטע), וואו ער האָט אויך געגרינדעט די
קאָוונער ישיבה; מחבר פון ספרים שא־
לות ותשובות „באר יצחק", „נחל
יצחק", עין יצחק; אויף זיין נאָמען איז
פאַראַן אין ניו־יאָרק דער אָרטאָדאָקסי־
שער רבנים־סעמינאַר „ישיבת רבי יצחק
אלחנן".

**ספר, ספרים** מיטן נאָמען ספר האָט
מען אַמאָל אין דער תנ"ך־צייט באַ־
צייכנט יעדע געשריבענע זאַך, יעדן גע־
שריבענעם דאָקומענט און דער שרייבער
האָט געהייסן „סופר"; אַ גט האָט גע־
הייסן „ספר כריתות" (חומש דברים
כ"ד); דער פאַרקויפס־דאָקומענט האָט
געהייסן „ספר המקנה" (ירמיה ל"ב).
אָבער ספר האָט אויך געהייסן אַ גע־
שריבן בוך (קהלת י"ב „עשות ספרים
הרבה אין קץ"). שפּעטער האָט מען
מיט ספר (מערצאָל „ספרים") אָנגערופן
ביכער. אין דער יידישער שפּראַך האָט
מען געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן
„ספר", וואָס האָט באַצייכנט אַ בוך פון
רעליגיעזן אינהאַלט, און „בוך", וואָס
האָט באַצייכנט אַ בוך פון וועלטלעכן
אינהאַלט. — זע זוכווערטער „אינקונאַ־
בעלן", „ביבליאָגראַפיע", „ביבליאָ־
טעק", „דרוק", „הקדמה", „מגילה",
„סופר", „ספר תורה".

**ספר תורה** מיט דעם נאָמען באַצײ־
כנט מען די 5 חומשים געשריבן אויף
פּאַרמעט אין איין גרויסער מגילה. די
גמרא סנהדרין כ"א זאָגט אַז עס איז אַ
מצוה צו שרייבן אַ ספר תורה. די גמ־
רא מנחות ל"ד זאָגט, אַז ווער עס
שרייבט אפילו איין אות פון דער ספר
תורה איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט איר
אינגאַנצן געשריבן. די ספר תורה
שרייבט אַ סופר לויט די אַנטשפּרעכנדע
דינים אויף יריעות פון פּאַרמעט, און די
יריעות ווערן צוגענייט צוזאַמען, כדי עס
זאָל זיין איין ספר. ביים ענדיקן דאָס
שרייבן די ספר תורה ווערט געמאַכט אַ
פייערלעכקייט, וואָס מען רופט „סיום
הספר". פּרטים זע זוכוואָרט „סיום".
די ספר תורה ווערט געוויקלט אויף גע־

שניצטע שטעקעלעך („עץ החיימס״) ארומגעוויקלט מיט א גארטל און אנגע־טאן אין א מאנטל, אויף וועלכע מען נייט געווינלעך אויס א מגן דוד. טייל טוען אן די ספר תורה קרוינען. די ספר תורה שטייט אין א שול אדער בית המדרש אין ארון קודש, און מען נעמט איר ארויס צום לייענען אדער צו הקפות אין סוכות צו הושענות און אויך אין שמחת תורה. די הייליקייט פון א ספר תורה איז זייער גרויס, ווען מען זעט טראגן א ספר תורה דארף מען זיך אויפ־שטעלן (גמרא קדושין ל״ג). עס איז א מנהג אז ווען מען שטייט ווי מען טראגט פארביי די ספר תורה זאל מען איר געבן א קוש. אויב א ספר תורה פאלט אראפ אויף דער ערד איז מען זיך נוהג צו פאסטן א טאג. ווען א ספר תורה ווערט פסול און מען קאן אין איר שוין נישט לייענען דארף מען איר קובר זיין (מגילה כ״ו). עס איז א מנהג, אז איינער וואס האט נישט קיין קינדער, לאזט זיך שרייבן א ספר תורה. — זע זוכווערטער „סופר״, „סופרים״, מסכתא״, „סיום״, „קריאת התורה״.

**ספרא** זאמלונג פון הלכות פון תנאים אויפן חומש ויקרא; ווערט אויך גערופן „תורת כהנים״ און „ספרא דבי רב״ (קידושין ל״ג, ברכות י״א); די גמרא סנהדרין פ״ו זאגט אז די סתם הלכות פון ספרא זענען פון תנא רבי יהודה. לויט דער מיינונג פון רמב״ם איז דער מסדר פון ספרא געווען דער אמורא רב. דער ספרא איז געדרוקט געווארן דאס ערשטע מאל אין ווענעציע 1545, און דערנאך פיל מאל. צום ספרא זענען געשריבן געווארן א סך פירושים. דער געלערנטער אייזיק הירש וויס האט ארויסגעגעבן (אין 1862). דעם ספרא מיטן פירוש פון ראב״ד און אייגענע באמערקונגען און אויך אן איינלייטונג, אין וועלכער ער באהאנדלט די פראגן וועגן דער אנטשטייאונג און צוזאמענ־שטעל פון ספרא.

**ספרא דצניעותא** זע „זוהר״.

**ספרד** זע „שפאניע״.

**ספרדים** באצייכענונג פאר יידן, וואס שטאמען אפ פון די פארטריבענע פון שפאניע און פארטוגאל אין ענדע פון 15טן יארהונדערט (וועגן ווארט „ספרד״ אלס באצייכענונג פאר שפאניע זע זוכ־ווארט „שפאניע״). מען האט זיי אויך גערופן „שפאניאלן״, „פארטוגעזן״, „פרענקען״; זיי זענען פאראן לערך 1 מיליאן נפשות, דאס הייסט ביי 6 פרא־צענט פון אלע יידן. די ספרדישע יידן האבן מיטגעבראכט פון שפאניע אין די גלות־לענדער זייער באזונדערע שפראך, „דזשודיזמא״, „שפאניאליש״, אויך „לאדינא״, וואס איז אלט שפאניש (קאסטיליש) געמישט מיט העברעאישע ווערטער. זיי האבן אויך מיטגעבראכט זייערע באזונדערע מנהגים אין דאווענען, אין געוויסע דינים, און איבערהויפט אין זייער לעבנס־שטייגער. די ספרדים האבן אמייסטן זיך באזעצט אין די לענדער פון אמאליקן טערקיי, ווי טערקיי, סיריע, ארץ־ישראל, מצרים, צפון־אפריקע, גריכנלאנד, סערביע, בולגאריע, און אנ־דערע, ווי אויך אין האלאנד, צפון דייטשלאנד, איטאליע, און א טייל אין ענגלאנד. מיט דער צייט האבן די ספר־דים זיך פארשפרייט אויך אין אמעריקע דרום־אמעריקאנישע לענדער. זייער מנ־הג אין דאווענען, נוסח ספרד, איז אנ־גענומען געווארן אויך דורך די חסידים פון די אשכנזישע יידן (זע „אשכנזים״). זייער אויסשפראך פון העברעאיש (דעם קמץ לעזן ווי א פתח, די ווייכע ת ווי א הארטע תיו וכדומה), די הברה הספר־

דית, איז אנגענומען געווארן אין ארץ־
ישראל און אויך אין די מאדערנע הע־
בראישע שולן אין די גלות־לענדער. פון
די ספרדישע יידן (נאכן גרוש שפאניע)
זענען געווען אנגעזענע לומדים און רב־
נים ווי רבי יוסף קארו (מחבר פון שלחן
ערוך), רבי יעקב בי רב, רבי לוי בן
חביב, רבי יום־טוב אלגאזי, און פיל אנ־
דערע; אין דער נייער צייט האבן אפ־
געשטאמט פון די ספרדים ביקאנספילד,
מאנטעפיארע און אנדערע אנגעזעענע
פערזענלעכקייטן. די ספרדים צייכענען
זיך אונטער נאכן נאמען „ס״ט״; די
באדייטונג דערפון איז נישט באקאנט.
טייל טייטשן עס „ספרדי טהור״, טייל
„סימן טוב״. דער העכסטער ספרדישער
רב אין ירושלים טראגט דעם טיטל
„ראשון לציון״, און אין די טערקישע
צייטן האט ער געהאט דעם טיטל „חכם
באשי״, ווי עס האבן אויך געהאט דעם
דאזיקן טיטל די העכסטע ספרדישע רב־
נים אין קאנסטאנטינאפאל און קאהיר.
די ספרדישע רבנים רופן זיך נישט רב
נאר „חכם״.—וועגן ספרדישן פאלקלאר
איז פאראן אין די זאמלביכער „רשו־
מות״ און אין דער מאנאטשריפט „מזרח
ומערב״. זע אויך ראבינאוויטש „מוצאי
גולה״. — וועגן די יידן אין שפאניע
פארן גרוש זע זוכווארט „שפאניע״.

**ספרי** זאמלונג פון הלכות און אגדות
פון תנאים אויף די חומשים במדבר און
דברים; ווערט דערמאנט אויך אין גמ־
רא סנהדרין פ״ו, וואו עס ווערט געזאגט
אז „סתם ספרי רבי שמעון ואליבא דרבי
עקיבא״; עס זעט דערפון אויס, אז דער
תנא רבי שמעון האט לויט די מידות
(הלכה־ און אגדה־מעטאדן) פון רבי עקי־
בא מסדר געווען דעם ספרי. די נייע
פארשונג (האפמאן אין זיין „מבוא למד־
רשי הלכה״) האט באוויזן, אז דער ספרי
אויף במדבר שטאמט פון דער ישיבה
פון רבי ישמעאל, און דער ספרי אויף
דברים שטאמט פון דער ישיבה פון רבי
עקיבא. — זע איינלייטונג צום „ספרי״
אין דער אויסגאבע פון מאיר איש שלום
(ווין 1864).

**ספרי זוטא** זאמלונג פון הלכות אויף
חומש במדבר, ווערט געבראכט ביי א סך
מפרשים ראשונים (רש״י, רמב״ם) און
איז געהאט פארלוירן געגאנגען און נאר
פראגמענטן פון אים זענען געבליבן אין
ילקוט. לעצטנס האט מען אים ארויס־
געגעבן לויט די פראגמענטן פון ילקוט
און געפונענע פראגמענטן אין כתבי יד.
דער ספרי זוטא אנטהאלט נעמען פון
תנאים וואס זענען אין אנדערע ספרי
התלמוד נישט פאראן, ווי רבי שמעון בן
נחוניון, פפיאס מאונו. — זע ווייס „דור
דור ודורשיו״ חלק ב׳. האפמאן „מבוא
למדרשי הלכה״.

**ספרים חצונים** זע „כתובים אחרו־
נים״.

**סקילה, שריפה, הרג, וחנק** זע
„טויט־שטראף״.

**סרח (שרח) בת אשר** טאכטער
פון אשר, זון פון יעקב אבינו, דערמאנט
אין חומש (בראשית מ״ו, במדבר כ״ו).
אין דער גמרא און מדרש ווערט גע־
בראכט וועגן איר אז זי האט געלעבט
זייער לאנג (סוטה י״ג); דער מדרש
אבות (געבראכט אין סדר הדורות) זאגט,
אז יעקב אבינו האט איר געבענטשט,
אז זי זאל לעבן אייביק, ווייל זי האט די
ערשטע אים אנגעזאגט אז יוסף לעבט.
דער תרגום יונתן (במדבר כ״ו) זאגט,
אז זי איז אריין ביים לעבן אין גן עדן.

**סתרי תורה** זע „סודות התורה״.

# ע

**ע (עיין)** דער 16טער בוכשטאַב אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; אלס צאָל האָט ער די באַדייטונג פון 70. אין יידישן אלף־בית האָט ער די באַדייטונג פון אַ סגול, פון וואָקאַל „ע". ראַפּאַ־פּאָרט אין „ערך מלין", זוכוואָרט „ארם" וויל האָבן, אַז אין טייל אלף־בית־אָרדע־נונג פון צייט פון תנ"ך איז די „עין" געווען נאָך דער „פּא", ווי עס איז צו זען פון ספר איכה.

**עבד, עבדים** אין העברעאיש און אויך אין יידיש „קנעכט", „שקלאַף". אין חומש איז פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן „עבד עברי", אַ יידישן קנעכט, און אַ סתם עבד, אַ קנעכט אַ נישט־ייד, וועלכער ווערט אין די שפּעטערע קוואַלן, אין משנה און גמרא, אַנגערופן „עבד כנעני" (דאָס איז פון בראשית ט', וואו נח האָט פאַרשאָלטן כנען צו זיין אַ קנעכט). וועגן אַ יידישן קנעכט ווערט געזאָגט אין חומש שמות כ"א, אַז אַיי־נער קויפט אַ ייד פאַר אַ קנעכט, קאָן ער אים האַלטן נאָר 6 יאָר, און דעם 7טן יאָר ווערט ער פריי. אויב דער יידישער קנעכט וויל נישט ווערן פריי, זאָל אים דער בעל הבית צופירן צו דער טיר פון דער שטוב און דאָרט אים דורכבויערן דאָס אויער מיט אַ נאָל, און ער זאָל בלייבן ווייטער קנעכט. אין ויקרא כ"ה ווערט געזאָגט, אַז אַ יידישער קנעכט זאָל דינען נאָר ביז דעם יובל־יאָר (זע „יובל"), און אין יובל־יאָר ווערט ער באַפרייט. אַ נישט־יידישער קנעכט זאָל דינען שטענדיק (ויקרא כ"ה, „לעולם בהם תעבודו"). וועגן יידישן קנעכט ווערט געזאָגט (ויקרא כ"ה), אַז מען טאָר נישט מיט אים אַרבעטן צושווער („בפרך"), אַז ווען ער ווערט פריי דאַרף מען אים מיטגעבן מתנות (דברים ט"ו, „העניק תעניק לו"). אין תנ"ך געפינען מיר אָפט דערציילט וועגן קנעכטשאַפט, שקלאַפערייַ, אַמייסטן צוליב נישט זיין אומשטאַנד צו באַצאָלן חובות. מען האָט אין אַזאַ פאַל גענומען פאַר קנעכט נישט נאָר דעם שולדיקן אין געלט־חוב, נאָר אויך זיינע קינדער (מלכים ב' ד', נחמיה ה'), די נביאים זענען אַרויסגעטרעטן קעגן קנעכטשאַפט; אין ירמיה ל"ד פאַר־לאַנגט דער נביא ירמיה די באַפרייאונג פון קנעכט; נחמיה (קאַפּיטל ה') האָט פאַרלאַנגט פון די רייכע, אַז זיי זאָלן שענקען די אָרימעלייט די חובות און נישט נעמען זייערע זין און טעכטער אלס קנעכט. אין די שפּעטערע צייטן האָט מען אין יידישן פאָלק איבערהויפּט ניט אַנערקענט, אַז אַ ייד קאָן זיין ביי אַ צווייטן ייד אַ קנעכט. און די גמרא ערכין כ"ט זאָגט, אַז עבד עברי נוהג בזמן שהיובל נוהג", דאָס הייסט, אַז פון דער צייט פון 2טן בית המקדש אָן האָבן יידן נישט געהאַלטן קיין יידישע קנעכט. אין דער משנה און גמרא ווערט דערציילט אַז יידן האָבן געהאַלטן נישט־יידישע קנעכט. אויך וואָס אַנבאַלאַנגט נישט־יידישע קנעכט זענען פאַראַן אין דער תורה און גמרא אָנווייזונגען זיי גוט צו באַהאַנדלען. אין חומש דברים כ"ג ווערט אָנגעזאָגט „לא תסגיר עבד אל אדוניו" (אויב עס אַנטלויפט צו דיר אַ קנעכט זאָלסט אים נישט אַרויסגעבן צו זיין האַר), און דער חומש גיט נאָך צו, „ער זאָל וואוינען מיט דיר, וואו ער וועט וועלן, וואו עס וועט אים גוט זיין (בטוב לו) און זאָלסט אים נישט אָפּנאַרן (לא תוננו). פאַר געבן אַ קלאַפּ אַ קנעכט און טויטן אים קומט דעם בעל הבית טויט־שטראָף (שמות כ"א „נקם ינקם").

דער שלחן ערוך יורה דעה רס"ז זאגט, אז א מענטש דארף זיין א רחמן, נישט שווער ארבעטן מיט זיין קנעכט, געבן אים גוט עסן און טרינקען, נישט מבזה זיין אים, נישט צופיל שרייען און בייזערן זיך אויף אים, נאר אויסהערן מיט געדולד זיינע טענות. — זע צדוק כהן „העבדות על פי התורה והתלמוד" (איבערזעצט פון פראנצויזיש דורך פוקס, קראקע 1892), מעלצינער, „די פארהעלטנישן פון שקלאפעריי ביי די אלטע העברייער" (אין דייטש).

**עבדים** נאמען פון איינער פון די קליינע מסכתאות (קטנות), געדרוקט צוזאמען מיט דער מסכתא סנהדרין; אנטהאלט 3 פרקים; הלכות וועגן קנעכט. זי איז צוזאמענגעשטעלט געווארן, ווארשיינלעך, אין ארץ־ישראל נאך חתימת התלמוד, לערך אין 7טן יארהונדערט.

**עבדיה** נאמען פון נביא און פון זיין ספר נבואות אין תרי עשר, צווישן עמוס און יונה; דער ספר עבדיה האט נאר איין קאפיטל און הויבט זיך אן מיט די ווערטער „חזון עבדיה", און די נבואה איז, אז אדום, וואס נעמט ארום אויך הר עשו, תימן, וועט חרוב ווערן און אז די יידן וועלן געהאלפן ווערן. אין עבדיה ווערט דערמאנט דער „גלות ירושלים אשר בספרד". די נבואה ענדיקט זיך מיט די ווערטער „והיתה לה' המלוכה" (און גאט וועט האבן די מלוכה). — וועגן דער צייט פון עבדיה איז שווער צו זאגן א באשטימטע מיינונג. די תנ"ך־קריטיקער גייען נאר וויט און גלויבן, אז עס איז געשריבן געווארן אין דער צייט פון גלות בבל. די גמרא סנהדרין ל"ט זאגט, אז עבדיה איז געווען א גר פון אדום. — זע „עבדיהו".

**עבדיהו** נאמען פון דעם הויז־פירער פון אחאב מלך ישראל אין דער צייט פון אליהו הנביא (מלכים א' י"ח). ער איז געווען א פרומער און האט מורא געהאט פאר גאט, און ווען אחאבס ווייב איזבל האט געטויט די נביאים האט עבדיהו באהאלטן 100 נביאים, צו 50 אין א הייל און זיי געגעבן צו עסן. לויט דער מיינונג פון דער אגדה אין דער גמרא סנהדרין ל"ט זאל דער דאזיקער עבדיהו האבן געווען דער נביא עבדיה פון ספר עבדיה. — זע „עבדיה".

**עבדיה ברטנורא** זע „ברטנורא".

**עבודה** דאס ווארט „עבודה" איז דער טייטש ארבעט; דער אויסדרוק ווערט באנוצט אין דער יידישער רעליגיע איז עטלעכע באגריפן. — 1) די „עבודה", דאס מקריב זיין קרבנות אין בית המקדש דורך די כהנים, ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען; דאס ווארט אנגערופן עבודה שוין אין חומש במדבר י"ח. אין דער משנה און גמרא ווערט דער דאזיקער באגריף עבודה באנוצט זייער פיל, און דערפון איז עס אריינגענומען געווארן אין פיל תפילות (למשל, אין שמונה עשרה אין „רצה", „והשב את העבודה לדביר ביתך", שטעל צוריק די עבודה אין בית המקדש). ווען שמעון הצדיק רעכנט אוים אין משנה אבות א' די עבודה אלס איינע פון די 3 זאכן, אויף וועלכע די וועלט שטייט, האט ער געמיינט דאס מקריב זיין קרבנות. — 2) פון דאזיקן ערשטן באגריף עבודה ווערט אויך אנגערופן „עבודה" דער פיוט אין מוסף יום כיפור, אין וועלכן עס ווערן באשריבן די קרבנות און אנדערע פייערלעכקייטן, וואס דער כהן גדול האט געהאט דורכצופירן יום כפור אין בית המקדש. — 3) מען באנוצט אויך דאס ווארט עבודה צו באצייכענען דאס דינען גאט דורך יעדער מצוה, דאווענען, לערנען און בכלל מצוות. דאס

הייסט „עבודת הבורא" (דאָס דינען דעם באַשעפער). עס איז געווען דער מנהג אין יידישע שטעט, אַז דער שמש פון בית המדרש פלעגט אויפוועקן פאַרטאָג די יידן און רופן „שטייט אויף צו עבודת הבורא", דאָס האָט ער געמיינט צו דאַווענען און לערנען. דערפון איז פאַראַן אויך דער באַגריף אין חסידות „עובד", דאָס הייסט ער אַרבעט אַריין אין דינען גאָט. דער אויסדרוק „עובד אלהים" איז פאַראַן אין מלאכי ג'. — וועגן דער תורה ועבודה באַוועגונג זע „הפועל המזרחי".

**עבודה זרה** זע „געצנדינעריי".

**עבודה זרה** נאָמען פון מסכתא משניות אין סדר נזיקין, 5 פרקים, אויף וועלכע עס איז דאָ תוספתא (9 פרקים) און גמרא בבלי און ירושלמי; באַהאַנדלט די דינים וועגן געצנדינעריי און באַציאונגען צווישן יידן און געצנדינער; אין דער משנה און גמרא פון עבודה זרה זענען פאַראַן אויך וויכטיקע היסטאָרישע ידיעות.

**עבור־יאָר** מיט דעם נאָמען רופט מען אַז יענע יאָרן אין יידישן קאַלענדאַר, וואָס אַנשטאָט 12 חדשים האָבן זיי 13 חדשים, און דער 13טער חודש איז דער 2טער אדר (ואדר). די סיבה, פאַרוואָס מען מאַכט עבור־יאָרן איז דאָס, וואָס דאָס יידישע קאַלענדאַר־יאָר איז איינגעאָרדנט לויט די חדשים פון דער לבנה, דאָס הייסט 12 לבנה־חדשים (טייל צו 29 טעג אַ חודש און טייל צו 30 טעג אַ חודש) זענען אַ יאָר. עס קומט אויס, אַז אַזאַ לבנה־יאָר האָט נישט מער ווי אומגעפער 354 טעג. אַזוי ווי דאָס זון־יאָר האָט אומגעפער 365 טעג און 6 שעה, קומט אויס אַז יעדעס יאָר פעלט צו 11 און אַ פערטל טאָג, כדי דאָס לבנה־יאָר זאָל גיין צוזאַמען מיטן זון־יאָר. עס וואָלט דעריבער אויסגעקומען גאַנץ אָפט, אַז פסח וואָלט אויסגעפאַלן אין מיטן ווינטער, אָדער אין הערבסט אָדער אין מיטן זומער, אַנשטאָט וואָס פסח דאַרף זיין אין פרילינג (גמרא ראש השנה כ"א, צום פסוק „שמור את חדש האביב"). דעריבער האָט מען געמאַכט, אַז צו יעדעס 2טע לבנה־יאָר אָדער יעדעס 3טע לבנה־יאָר זאָל מען צוגעבן נאָך איין חודש, כדי אַזוי אַרום אויסצוגלייכן דאָס לבנה־יאָר מיט דעם זון־יאָר. כדי מען זאָל וויסן ווען עס דאַרף זיין אַן עבור־יאָר, האָט מען געמאַכט אַזוי: יעדע 19 יאָר זענען אַן אָפּגעשלאָסענע צייט, און מען רופט די דאָזיקע 19 יאָר מחזור (מחזור הלבנה). אין די דאָזיקע 19 מחזור־יאָרן זענען שטענדיק עבור־יאָרן דאָס 3טע יאָר פון מחזור, דאָס 6טע, דאָס 8טע, דאָס 11טע, דאָס 14טע, דאָס 17טע און דאָס 19טע יאָר; (דער סימן איז „גוח אדזט"). דערנאָך גייט ווידער אַ נייער מחזור פון 19 יאָר, און ווידער די זעלבע יאָרן אַלס עבור־יאָרן. ווי אַזוי ווייסט מען וועלכעס יאָר מיר זענען אין מחזור? דערצו נעמט מען אונזער יידישע צייט־רעכענונג פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. למשל, היינט אין יאָר 1942 איז אונדזער יידיש יאָר ה' אלפים תש"ב, דאָס הייסט 5702 יאָר, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. מיר טיילן דאָס איין אויף 19. קומט אויס, אַז נאָכן אַראָפּנעמען די 19־ער יאָרן בלייבן 2 יאָר, ס'הייסט, אַז ס'היינטיקע יאָר, ה' אלפים, תש"ב איז ס'צווייטע יאָר פון מחזור, און ממילא איז עס ניט קיין עבור־יאָר. נעמען מיר דאָס יאָר ה' אלפים תש"ג, אַלזאָ 5703: מען טיילט די דאָזיקע צאָל אויף 19, בלייבט 3, דאָס הייסט, אַז אין דאָזיקן יאָר וועלן מיר זיין אין 3טן יאָר פון מחזור, איז עס אַן עבור־יאָר. — וועגן דער געשיכטע פון איינפירן עבור־יאָרן און פון די מח־

זורים, און בכלל וועגן יידישן קאלענדאר געבן מיר ביים זוכווארט „קאלענדאר".

**עבירה** מיט דעם ווארט (וואס שטאמט פון „עבר", אריבערגיין) באצייכענען מיר א פארבאטענע טאט. ווען דער מענטש טוט א זאך, וואס איז אים לויט דער רעליגיע פארבאטן צו טאן, זאגט מען אז ער האט געטאן אן „עבירה". מען רופט אויך אן אזעלכן „עובר עבי־רות" און אין דער גמרא אויך „עבהיין" (אין די ווערטער וואס מען זאגט יום כפור פאר כל נדרי איז פאראן דער אויסדרוק „עבריינים").

**עבר** אור־אייניקל פון שם נחס זון; פון אים שטאמען אפ פיל פעלקער (ברא־שית י', „אבי כל בני עבר"), און צווישן זיי אויך די יידן. — זע זוכווארט „עברי".

**עבר הירדן** „יענע זייט פון טייך ירדן", נאמען פון לאנד וואס ליגט אין מזרח־זייט פון טייך ירדן; האט ביי 56 טויזנט קוואדראט קילאמעטער און לערך 300 טויזנט איינוואוינער, 90 פראצענט אראבער, שבטים בעדואינער; איז איצט א באזונדער אראביש פירשטנטום, דער הערשער האט דעם טיטל „עמיר" (איצט איז עמיר אבדאלאה), אונטער דער מאנ־דאט־הערשאפט פון דער בריטישער אימ־פעריע. איר הויפטשטאט איז אמאן (ס'אמאליקע „רבת עמון"). יידן וואוי־נען דארט כמעט גארנישט, מיטן אויס־נאם ארום רוטענבערגס עלעקטרישע ירדן־סטאציע, וואס געפינט זיך אויף דער טעריטאריע פון עבר הירדן. דאס יידישע פאלק אנערקענט נישט, אז עבר הירדן דארף זיין אפגעטיילט פון ארץ־ישראל, און איינע פון די פאדערונגען פון טייל גרופן ציוניסטן (רעוויזיא־ניסטן און אנדערע) איז, צו שאפן א יידישע מלוכה פון ביידע זייטן ירדן. — אין דער אלטער יידישער געשיכטע האט עבר הירדן פארנומען א זייער גרויס ארט. אין חומש במדבר ל"ב ווערט געזאגט, אז דארט האבן זיך באזעצט די שבטים ראובן, גד און דער האלבער שבט פון מנשה. אויך אין דער צייט פון 2טן בית המקדש און דער משנה זענען גע־ווען אין עבר הירדן גרויס־יידישע ישו־בים, און די משנה אין שביעית פרק ט' טיילט איין ארץ־ישראל אין 3 טיילן „יהודה", „גליל" און „עבר הירדן". אויך פלאוויוס אין „מלחמות" רעכנט עבר הירדן (ער רופט עס „פערעא") צו ארץ־ישראל. — זע זוכווארט „ארץ־יש־ראל".

**עברי, עברים** נאמען פון סעמיטישע שבטים, וואס האבן געהאלטן, אז זייער שטאם־פאטער איז געווען עבר (אייניקל פון שם בן נח). די יידן זענען געווען איינער פון די דאזיקע עברים־שבטים. דער ערשטער וואס ווערט דערמאנט אלס עברי, איז אברהם אבינו (בראשית י"ד „ויגד לאברם העברי"). עס איז צו בא־מערקן, אז אומעטום וואו יידן ווערן אנ־גערופן אין תנ"ך „עברים" איז עס נאר ווען מען מאכט אן אונטערשיד צווישן א ייד און א ניט־ייד, אדער ווען א ייד רעדט צו א ניט־ייד, אדער ווען א ניט־ייד רעדט וועגן יידן. ווען דאס ווייב פון פוטיפר דערציילט וועגן יוסף, זאגט זי „איש עברי" (בראשית ל"ט). דאס זעלבע דערציילט דער שר המשקים צו פרעה וועגן יוספן (בראשית מ"א), „ושם אתנו נער עברי". משה, וועלכער איז געווען אין פרעהס הויז, האט געזען „איש מצרי מכה איש עברי", און דע־ריבער איז באלד דערנאך אויך פאראן „שני אנשים עברים" (שמות ב'). — אין די אלטע עגיפטישע היעראגליפן־אויפ־שריפטן, וואס מען האט לעצטנס אנט־

דעקט, ווערן די סעמיטישע שבטים אָנ־
גערופן „האַבּירי״, וואָס זאָל זיין אויך
דאָס וואָרט „עברי״. — וועגן דער העַ־
בּרעאישער שפּראַך, עברית, זע זוכוואָרט
„העבּרעאיש״. — מיטן וואָרט „עברי״
באַצייכנט מען אין יידיש דאָס קאָנען
לייענען לשון־קודש אין סידור, אַפילו
נישט פאַרשטייענדיק דעם טייטש פון די
ווערטער. אויף איינעם וואָס קאָן נישט
אַפילו דאַווענען, זאָגט מען, אַז ער קאָן
נישט קיין עברי (איווירע״).

**עגונה** דאָס וואָרט עגונה באַצייכנט אַ
פאַרהייראַטע פרוי, וועמענס מאַן איז
פאַרשוואונדן, און זי קאָן דעריבּער ניט
ווערן פריי, כדי חתונה צו האָבּן מיט אַן
אַנדערן מאַן (דער אויסדרוק געפינט זיך
שוין אין תנ״ך רות א׳, „הלהן תעגנה״).
אין דער גמרא זענען פאַראַן אַ סך פאַר־
אָרדענונגען פון די רבנן וואָס ווערן אָנ־
גערופן „תקנות עגונות״ (גטין כ״ו און
אַנדערע ערטער), און זייער ציל איז צו
פאַרלייכטערן די לאַגע פון די עגונות.
די פראַגן וועגן עגונות האָבּן פאַרנומען
און פאַרנעמען בּיז היינט אַ גרויס אָרט
אין די שאלות ותשובות פון רבנים

**עגיפּטן (מצרים)** לאַנד אין צפון־
אַפריקע, לענג־אויס דעם טייך נילוס;
היינט געהערט צו מצרים אויך אַ טייל
פון מדבּר־סיני, אין אַזיע, בּיי דער גרע־
נעץ פון ארץ־ישראל, וואָס איז אָפּגע־
טיילט פון אייגנטלעכן עגיפּטן דורך
סועץ־קאַנאַל און דעם ים־סוף. — מיט
מצרים איז די געשיכטע פון יידישן פאָלק
פאַרבּונדן זינט די גאָר אַלטע צייטן. אין
חומש בּראשית י״ב ווערט דערציילט אַז
שוין דער ערשטער פאָטער פון יידישן
פאָלק, אברהם אבינו, איז געוועזן אַ גע־
וויסע צייט אין מצרים. אין בּראשית
פון ל״ז בּיז סוף ווערט דערציילט, ווי
יעקבס קינדער האָבּן פאַרקויפט זייער
בּרודער יוסף פאַר אַ קנעכט און יוסף
איז אַזוי אַרום אָנגעקומען קיין מצרים,
וואו ער איז געוואָרן, דורך פּרעה, דער
הויפּטהערשער אין לאַנד און ווי יעקב
מיט זיינע קינדער האָבּן זיך דערנאָך בּאַ־
זעצט אין מצרים. אין חומש שמות א׳
ווערט דערציילט, ווי די בּני ישראל, דאָס
יידישע פאָלק, די אָפּשטאַמענדע פון
יעקבס קינדער, האָבּן זיך פאַרמערט אין
מצרים, און ווי דער מצרים־הערשער,
פּרעה, און זיין פאָלק, האָבּן אָנגעהויבּן
אונטערדריקן די יידן, און עס האָט זיך
אָנגעהויבּן דער גלות־מצרים. מיט דער
פראַגע וועגן דעם ווען זענען די יידן גע־
ווען אין מצרים, האָבּן זיך לעצטנס
בּאַשעפטיקט פיל געלערנטע פאָרשער,
היסטאָריקער, עגיפּטאָלאָגן (פאָרשער פון
אַלט־מצרים); דער גרעסטער טייל פון
זיי האָט געפונען אין אַלט־עגיפּטישע
היעראָגליפן־שריפטן רמזים, אַז עס זע־
נען דאָרט יאָ געוועזן שבטים פון ארץ־
ישראל, די „חאַבּירי״ (דאָס זאָלן זיין
„עברים״) און די היקסאָס (פּאַסטוכער),
וועלכע האָבּן זאָגאָר אַ געוויסע צייט גע־
הערשט איבּער מצרים. דער חומש שמות
פון א׳ בּיז י״ד דערציילט אונדז דעם
סיפּור ווי משה רבנו האָט אַרויסגעפירט
די יידן פון מצרים, און דער דאָזיקער
מאָמענט פון יציאת מצרים האָט די
גרעסטע בּאַדייטונג אין דער יידישער
רעליגיע, מצוות, תּפילות, ימים טובים.
— וועגן דעם זע זוכוואָרט „יציאת מצ־
רים״. — עס ווייזט אויס, אַז הגם די
תורה האָט אָנגעזאָגט די יידן נישט צו
בּאַזעצן זיך מער אין מצרים (דברים
י״ז) זענען געוועזן שטענדיק בּאַציאונ־
גען צווישן די יידן אין ארץ־ישראל און
מצרים דורך דער גאַנצער תנ״ך־צייט.
שלמה המלך האָט חתונה געהאַט מיט
דער טאָכטער פון פּרעה מלך מצרים (מל־
כים א׳ ג׳); די מלכים פון יהודה האָבּן
שטענדיק זיך געוואַקלט אין זייערע פּאָ־

ליטישע פאַרבינדונגען צווישן מצרים פון איין זייט און אשור און שפּעטער בבל פון דער צווייטער זייט (ישעיה ל׳ און ל״ו) און די נביאים האָבן נבואות געזאָגט אויף מצרים (ישעיה י״ט, משא מצרים, ירמיה מ״ו און אַנדערע). עס האָבן זיכער געוואוינט אין דער לעצטער צייט פון ערשטן בית המקדש יידן אין מצרים, און ווען עס איז געשען דער מאָרד פון גדליה בן אחיקם (באַלד נאָכן חרבן בית ראשון) זענען אַ סך יידן מיט דעם מיליטער־פירער יוחנן בן קרח אוועק קיין מצרים מיטנעמענדיק מיט זיך ירמיהו הנביא (ירמיה מ״ג און מ״ד). דאָס איז געווען אין 6טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער יידישער ישוב אין מצרים שטאַרק פאַרגרעסערט. מיר האָבן דאָקומענטן, געשריבענע פּאַפּירוסן, וואָס מען האָט געפונען אין דרום־מצרים, אין יעיב (יב, אין גריכיש האָט דאָס אָרט געהייסן „עלעפאַנטינאַ״); די דאָקומענטן זענען געשריבן אין אַראַמעאיש דורך יידן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז שוין אין יענער צייט, אין 6טן יאָרהונדערט, איז אין יעיב געווען אַ יידישע מיליטערישע קאָלאָניע; די דאָרטיקע יידן האָבן געדינט אין עגיפּטישן מיליטער. זיי האָבן דאָרט געהאַט אַן אייגענעם בית המקדש פאַר דעם גאָט „יהו״, וואו מען האָט אויך מקריב געווען קרבנות. פאַרגרעסערט שטאַרק האָט זיך דער דאָזיקער יידישער ישוב אין מצרים אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער מוקדון און באַזונדערס פון איינעם פון זיינע נאָכפאָלגער, דעם עגיפּטישן קעניג פּטאָלאָמעאוס דעם 1טן, וועלכער האָט (אין יאָר 312 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) געבראַכט פון ארץ־ישראל קיין עגיפּטן 100 טויזנט יידן. זינט דעמאָלט האָט מצרים געהערשט איבער ארץ־ישראל אַ לענגערע צייט, און

דער יידישער ישוב אין מצרים האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט באַזונדערס אין דער הויפּטשטאָט אַלעקסאַנדריע. אין מצרים איז אויך אַנטשטאַנען אַ גרויסער יידישער בית המקדש, מקדש חוניו (זע זוכווערטער „אַלעקסאַנדריע״ און חוניו״). מצרים איז געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פונם בית שני אַ גרויסער יידישער צענטער, באַזונדערס פון דער יידיש - העלעניסטישער קולטור (זע „אַלעקסאַנדריע״, „העלעניזם״, „סעפּטואַגינטאַ״, „פילאָן״). מען נעמט אָן, אַז עס האָבן דעמאָלט געוואוינט אין מצרים אַ מיליאָן יידן; אַזוי גיט אָן פילאָן, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט. דער יידישער ישוב אין מצרים איז שטאַרק אונטערגעגראָבן געוואָרן דורך די פאַרפאָלגונגען צוערשט פון די רוימישע קייסאָרים טראַיאַן, אַדרינוס אין 1טן יאָרהונדערט, און דערנאָך דורך די קריסטלעך־רוימישע הערשער, אַזוי אַז אין 6טן יאָרהונדערט זענען אין מצרים געווען זייער ווייניק יידן. עס איז ביז היינט אַ וויסנשאַפטלעך רעטעניש, נישט אויפגעקלערט, וואָס איז געוואָרן מיט די יידן פון מצרים. — אין מיטלאַלטער האָבן געוואוינט יידן אין מצרים, אָבער נישט קיין גרויסע צאָל. אָבער מצרים איז אין 10טן און 12טן יאָרהונדערט געווען אַן אָרט פון תורה. דאָרט איז געבוירן געוואָרן רב סעדיה גאון; דאָרט האָט געוואוינט און געווירקט רבנו משה בן מימון (רמב״ם). אויך שפּעטער זענען געווען גרויסע רבנים אין מצרים רב בצלאל אשכנזי (מחבר פון „שיטה מקובצת״), רבי דוד אבי זימרא (רדב״ז), רבי יצחק לוריא (ר״י) און אַנדערע. באַזונדערס האָט זיך אַביסל פאַרגרעסערט דער יידישער ישוב אין מצרים נאָכן גרוש שפּאַניע (סוף 15טן יאָרהונדערט). — היינט וואוינען אין מצרים ביי 75 טויזנט יידן, דער גרעסטער טייל ספר־

דים. אבער אויך א געוויסע צאָל אייראָ־
פּעאישע יידן, אַמייסטן אין אַלעקסאַנ־
דריע און אין דער הויפּטשטאָט קאַהיר.
די יידן האָבן אייגענע רעגירונגס־אָנער־
קענטע קהלות; שולן; רבנים, דער הויפּט־
רב האָט דעם טיטל „חכם באשי"; זשור־
נאַלן אין אַראַביש, פראַנצויזיש. אין
מצרים איז נישט צו באַמערקן קיין באַ־
זונדערע יידן־פיינטלעכע באַוועגונג. —
זע זוכווערטער „אַלעקסאַנדריע", העלע־
ניזם", „חוניו", „יציאת מצרים",
„משה", „סעפּטואַגינטאַ", „פילאָן",
„פּרעה". — וועגן יידן אין אַלטן מצ־
רים אין דער העלעניסטישער צייט זע
די ווערק „היהודים והיונים בתקופה
ההלניסטית" פון טשעריקאָווער, און
„פילון האלכסנדרוני" פון שטיין; וועגן
יידן אין מצרים אין דער צייט נאָך גרוש
שפּאַניע זע „דברי ימי ישראל בתוגרמה"
פון ראָזאַנעס.

**עגל** „קאַלב", אויך „עגל הזהב"
(גאָלדן קאַלב). דער חומש שמות ל"ב
דערציילט, אַז ווען משה איז אַרויפגע־
גאַנגען אויפ'ן באַרג סיני צו נעמען די
לוחות און האָט זיך דאָרט לאַנג געזוימט
האָבן די יידן זיך געווענדעט צו אהרן
הכהן און פאַרלאַנגט פון אים צו מאַכן
זיי א גאָט. אהרן האָט זיי געהייסן
געבן די גאָלדענע אויערינגלעך פון זייע־
רע ווייבער און טעכטער. זיי האָבן אים
געגעבן און ער האָט געמאַכט דערפון א
גאָלדן קאַלב, צו וועלכן די יידן האָבן
מקריב געווען קרבנות. ווען משה איז
אַראָפּגעקומען פון באַרג און דערזען די
דאָזיקע געצנדינסט, האָט ער צעבראָכן
די לוחות, נאָכער האָט ער דאָס גאָלדענע
קאַלב צעריבן, צעשטויבט אין וואַסער,
און דערנאָך האָט ער גענומען דעם שבט
לוי און געהייסן טויטן די דינער פון עגל.
עס זענען דעמאָלט געפאַלן פון די יידן
3 טויזנט מענטשן. דער חומש דער־
ציילט ווייטער, אַז משה האָט מתפּלל
געווען צו גאָט, אַז ער זאָל מוחל זיין די
יידן דעם חטא פון עגל. אין דער גמרא
און מדרש (סנהדרין ז' מדרש שמות רבה
אויף דער פּרשה פון עגל) ווערן געזאָגט
פיל דברי אגדה וועגן מעשה עגל. —
די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג
ווייזט אָן אויף דער דינסט פון די צוויי
גאָלדענע קעלבער, וואָס ירבעם בן נבט,
דער ערשטער מלך פון מלכות ישראל,
נאָכן אָפּרייסן זיך פון ירושלים, האָט
איינגעפירט אין בית אל און דן (מל־
כים א' י"ב), און ווי עס ווייזט אויס
איז דער סימבאָל פון יוסף, פאָטער פון
שבט אפרים און מנשה, די הויפּט־שב־
טים פון ישראל, געווען דאָס געשטאַלט
פון אַן אָקס (חומש דברים ל"ג וועגן
יוסף „בכור שורו הדר לו").

**עגלה ערופה** (א קאַלב, וואָס מען
האַקט אָפּ זיין קאָפּ). אין חומש דברים
כ"א ווערט געזאָגט, אַז אויב מען גע־
פינט אויף א פעלד א דערמאָרדעטן
מענטש און מען קאָן נישט געפינען דעם
רוצח, זאָלן די עלטסטע פון דער נאָענט־
סטער שטאָט ברענגען א קאַלב צו א טאָל
לעבן א טייכל און מען זאָל דעם קאַלב
אָפּהאַקן דעם קאָפּ; די שטאָט־עלטסטע
זאָלן זיך אָפּוואַשן די הענט און זאָגן:
„ידינו לא שפכו את הדם הזה", „אונ־
דזערע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס
דאָזיקע בלוט", און זאָלן בעטן גאָט
מוחל צו זיין דעם יידישן פאָלק דאָס
פאַרגאָסענע בלוט. — דער רמב"ם אין
„מורה נבוכים" זאָגט, אַז דער טעם
דערפון איז, כדי צוליב דער דאָזיקער
פייערלעכקייט וועלן מענטשן רעדן וועגן
דעם און זיך פאַראינטערעסירן און דאָס
קאָן דערפירן צו אַנדעקן דעם רוצח.

**עגנון, שמואל יוסף** (געבוירן 1888
אין בוטשאַטש, גאַליציע), זינט 1907

אין ארץ־ישראל (מיט הפסקה פון 1914 ביז 1924), העברעאישער שריפטשטעלער; זיינע דערציילונגען זענען פון חסידישן לעבן און פון יידישן לעבנסשטייגער אין גאליציע; זיין סטיל איז פאלקסטימלעך, פון אמאליקע חסידישע ספרים. זיין ערשטע דערציילונג איז געווען „והיה העקוב למישור", דערנאך „פורלין", „הכנסת כלה", „בלב ימים"; ער האט מחבר געווען „ימים נוראים" זאמלונג פון מנהגים, ווערטער, סיפורי מעשיות איבער ימים נוראים. זיינע שריפטן זענען דערשינען אין 6 בענדער.

**עדות** איינע פון די עשרת הדברות (שמות כ') איז „לא תענה ברעך עד שקר", „זאלסט נישט זאגן קיין פאלש עדות". אויך ווערט געזאגט אין חומש ויקרא ה', אז אויב איינער ווייסט יא עדות צו זאגן און מען באשווערט אים עדות צו זאגן, און ער זאגט, אז ער ווייסט פון גארנישט, וועט ער ווערן באשטראפט. לויט דעם חומש דברים י"ז קאן מען אורטיילן טויט־שטראפן נאר דורך צוויי עדות, אויך אין געלט־זאכן מוז מען האבן צוויי עדות. אלס עדות קאנען נאר זיין מענער און נישט קיין קרובים פון פאראינטערעסירטן צד. — די דינים וועגן עדות געפינען זיך אין רמב"ם משנה תורה הלכות עדות, און שלחן ערוך חושן משפט סימנים כ"ח — ל"ד.

**עדיות** מסכתא משניות אין סדר נזיקין, האט 8 פרקים משנה און 3 פרקים תוספתא; גמרא איז נישטא; איר נאמען עדיות שטאמט דערפון, וואס אין דער משנה ווערן געבראכט הלכות, וועגן וועלכע פארשידענע תנאים האבן עדות געזאגט, אז אזוי איז די הלכה; זי אנטהאלט אויך טייל מחלוקות פון בית שמאי און בית הלל; אין דער גמרא הייסט זי „בחירתא" (ברכות כ"ז און אנדערע ערטער). א גרויסער טייל פון די הלכות זענען געזאגט געווארן אין יבנה אין טאג ווען מען האט רבי אלעזר בן עזריה באשטימט אלס ראש ישיבה (זע „אלעזר בן עזריה"). — פרטים אין הלוי „דורות הראשונים".

**עדן** זע „גן עדן".

**עוג מלך הבשן** אין חומש במדבר כ"א ווערט דערציילט, אז ווען די יידן זענען געווען אין מדבר איז ארויסגעגאנגען קעגן זיי אין מלחמה עוג דער מלך פון בשן, און די יידן האבן אים באזיגט; אין דברים ג' ווערט דערציילט, אז עוג איז געווען פון די ריזן, א זייער הויכער מאן; אין דער גמרא (זבחים קי"ג, ברכות נ"ד), מדרש (דברים רבה א') ווערן דערציילט ספורים וועגן זיין הויכקייט און שטארקייט.

**עולה** זע „קרבנות".

**עולה לתורה** זע „קריאת התורה".

**עולה רגל** דאס גיין קיין ירושלים אויף יום טוב צו זיין אין בית המקדש און מקריב זיין קרבנות; די מצוה עולה־רגל־צו־זיין איז פאראן אין חומש שמות כ"ג און חומש דברים ט"ז, וואו עס ווערט געזאגט, אז מען דארף עולה־רגל־זיין דריי מאל אין יאר, אויף פסח, שבועות און סוכות. אין דער צייט פון בית המקדש פלעגן עולה רגל זיין קיין ירושלים נישט נאר די יידישע איינוואוינער פון ארץ־ישראל נאר אויך יידן פון אנדערע לענדער ווי בבל (משנה תענית פרק א' „עד שיגיע האחרון לנהר פרת") און אויך עגיפטן (פילאן דערציילט וועגן זיין עולה־רגל זיין פון אלעקסאנדריע) און אויך אנדערע לענדער.

אמייסטן איז מען געקומען אויף פסח, אזוי אז פלאוויוס (מלחמות, בוך 6) דערציילט, אז אין ירושלים זענען פסח געווען איבער 2 מיליאן יידן. די דאזיקע צאל איז פארשיינלעך א גוזמא; אבער פון איר איז צו זען, אז פיל מענטשן זענען געקומען אויף פסח. אין דער משנה פון חגיגה זענען פאראן די דינים וועגן עולה־רגל־זיין. די משנה איז שקלים דערציילט וועגן די איינריכטונגען, וואס מען האט געמאכט אין ארץ־ישראל און ירושלים, כדי אויפצונעמען די עולי־רגל; מען האט געמאכט גוטע וועגן, געגראבן ברונעמס צו האבן וואסער פאר די אנקומענדע. די גמרא יומא י"ב זאגט, אז די ירושלים־איינוואוינער האבן נישט גענומען פון די עולי רגל קיין געלט פאר פלאץ צום שלאפן. אין משנה אבות ה' ווערט געזאגט, אז קיינער פון די עולי רגל האט נישט געזאגט, אז עס איז אים ענג ס'ארט צום שלאפן אין ירושלים. — דער מנהג עולי־רגל־זיין קיין ירושלים און שטיין ווייט פון שטאט און וויינען אויפן חרבן פון דער שטאט און פון בית המקדש איז געווען איינגעפירט נאכן חרבן ירושלים (מדרש איכה רבתי א' און אנדערע). דאס זעלבע איז אויך געווען אין דער צייט פון נאך חתימת התלמוד. זינט ארץ־ישראל איז אין 7טן יארהונדערט פארנומען געווארן דורך די מאכמעדאנער און יידן האבן באקומען די דערלויבעניש צו זיין אין ירושלים איז דאס עולה־רגל־זיין געווארן גרעסער. — זע זוכווארט „ארץ־ישראל".

**עולם הבא, עולם הזה** („די וועלט וואס וועט קומען", „די דאזיקע וועלט"). אין דער יידישער רעליגיעזער אויפפאסונג ווערט דורכגעפירט דער אונטערשיד צווישן „עולם הזה", „דער דאזיקער וועלט", דער וועלט, אין וועלכער מען איז ביים לעבן, און „עולם הבא", „דער קומענדער וועלט", דער וועלט, אין וועלכער די נשמה געפינט זיך נאכדעם ווי דעם מענטשנס קערפער שטארבט. אין עולם הבא איז פאראן דער בית דין של מעלה, דאס געריכט פון הימל, וואס משפט יעדן מענטש לויט זיינע מעשים, וועלכע ער האט געטאן ביים לעבן אין עולם הזה; דארט געפינען זיך דער גן עדן און דער גהינום, דאס ארט פון באלוינונג פאר טאן מצוות און באשטראפונג פאר טאן עבירות. דאס באקומען די באלוינונג אויף יענער וועלט הייסט, „חלק לעולם הבא", און די משנה סנהדרין לעצטן פרק זאגט, ווער עס באקומט יא דעם חלק לעולם הבא און ווער נישט. די משנה אבות פרק ד' זאגט, אז דער עולם הזה איז גלייך ווי א פרוזדור, אן אריינגאנגס־צימער, צום עולם הבא, און מען דארף זיך צוגרייטן אין „אריינגאנגס־צימער", כדי צו קומען אין פאלאץ (טרקלין). אין דער זעלבער משנה ווערט געזאגט, אז איין שעה מצוות און תשובה אין עולם הזה איז בעסער ווי דאס גאנצע לעבן אין עולם הבא, און אז איין שעה פון גוט לעבן אין עולם הבא איז בעסער פון גאנצן לעבן אין עולם הזה. אין דער גמרא און מדרש און מוסר־ספרים זענען פאראן פיל ספורים וועגן עולם הבא. — דער עולם הבא ווערט אויך אנגערופן „עולם האמת", ווייל אויף יענער וועלט איז דער אמת; אויך „עולם העליון", די העכערע וועלט. עולם הזה ווערט אויך אנגערופן „עולם השפל" (נידעריקע וועלט), „עולם התחתון" (אונטערשטע וועלט), „עולם השקר" (וועלט פון פאלשקייט); עס איז אויך פאראן דער אויסדרוק „עולם התוהו" און „עולם התועה" (די וועלט פון אומארדענונג, פון ארומבלאנדזשען), און עס איז פאראן דער גלויבן, אז טייל פארשטארבענע נשמות וואנדערן ארום אויף דער וועלט אין „עולם התועה". דאס

ווארט „עולם הזה" באַצייכנט אויך די תענוגים פון דער וועלט, די קערפּערלעכע פאַרגעניגנס, און „עולם הזהניק" הייסט דער, וואָס גיט זיך אָפּ נאָר מיט קערפּערלעכע פאַרגעניגנס. — זע זוכווערטער „אומשטערבלעכקייט פון נשמה", „גיהנום", גן עדן", „שכר ועונש".

**עומר** דער חומש ויקרא כ"ג זאָגט, אַז אין טאָג פון אָנהויב שניידן די תבואה דאַרף מען ברענגען אין ערשט בינטל תבואה, עומר, (דער טייטש פון „עומר" איז „בינטל", געוויינלעך „בינטל תבואה") אין בית המקדש אַלס קרבן. דער פּסוק אין זעלבן חומש „ממחרת השבת" איז אויסגעטייטשט געוואָרן, אַז דאָס מיינט מען צומאָרגנס פון יום־טוב פּסח, וועלכער קומט אויס אין 15טן ניסן, און דעם עומר דאַרף מען דעריבער ברענגען צומאָרגנס, דעם 16טן ניסן. וועגן דעם דאָזיקן אויסטייטש איז געווען אַ גרויסער מחלוקה צווישן די פּרושים און דער סעקטע צדוקים. מיט עומר איז אויך פאַרבונדן דאָס ציילן ספירה, און דערנאָך דער יום־טוב שבועות. — זע זוכווערטער „חדש", „ספירה", „צדוקים", „שבועות".

**עונג שבת** זע „שבת".

**עונש** זע „שכר ועונש".

**עוקצין** מסכתא משניות אין סדר טהרות, 3 פּרקים, אויך תוספתא; גמרא נישטאָ; באַהאַנדלט דינים פון טומאה פון עסנוואַרג; זי איז די לעצטע אין גאַנץ משניות, און ענדיקט זיך מיט די ווערטער, אַז די גרעסטע ברכה פאַר יידן איז שלום.

**עזאזל** אין חומש ויקרא ט"ז ווערט געזאָגט, אַז אין יום־כפור זאָל מען ברענגען אין בית המקדש צוויי ציגן („שעירים"), און וואַרפן אויף זיי גורל, און איינעם פון זיי מקריב זיין אַלס קרבן צו גאָט, און דעם 2טן אַוועקשיקן דורך אַ ספּעציעלן מענטש „לעזאזל אל ארץ גזרה המדברה"; מען האָט די דאָזיקע ווערטער אויסגעטייטשט „צו אַ באַרג אין דער מדבר" צו מזרח פון ירושלים, וואו מען האָט דעם שעיר אַראָפּגעוואָרפן פון באַרג און ער איז צעשמעטערט געוואָרן אויף שטיקער (משנה יומא פּרק ה'). די גמרא יומא נ"ח זאָגט, אַז דער שעיר לעזאזל האָט אַ שייכות מיט אַן אגדה־ספּור וועגן צוויי שלעכטע מלאכים עזא און עזאל, וועלכע זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון הימל און האָבן פאַרפירט מענטשן צו זינד. — זע „יום כיפור".

**עזיהו (עזריה)** מלך אין יהודה אין די יאָרן 792 — 740 פאַר דער געוויינלעכער ציטרעכענונג. ער איז געוואָרן מלך אין עלטער פון 16 יאָר, נאָכדעם ווי זיין פאָטער אמציה איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אויפשטענדער. ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין בית המקדש ברענגען קטורת, הגם ער איז נישט געווען קיין כהן; אַלס שטראָף דערפאַר איז ער געשלאָגן געוואָרן מיט צרעת און איז געווען מצורע ביז זיין טויט. אין זיין צייט איז געווען אין ארץ־ישראל אַ גרויסע ערד־ציטערניש („רעש"); אין זיין צייט האָבן נבואות געזאָגט ישעיה און עמוס. די נבואה וועגן רעש איז פאַראַן אין עמוס קאַפּיטל ו'. וועגן לעבן פון עזיהו איז פאַראַן אין מלכים ב' י"ד און דברי הימים ב' כ"ו, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז ישעיה הנביא האָט געשריבן וועגן אים אַ ספר.

**עזרא הסופר** נאָמען פון גרויסן יידישן פירער, וועלכער איז אויפגעגאַנגען פון בבל קיין ארץ־ישראל אין דער

ציים פון שיבת ציון נאכן חרבן פון 1טן
בית המקדש; ער איז געגאנגען צוזאמען
מיט 1,500 יידן פון בבל קיין ארץ־יש־
ראל אין יאר 458 פאר דער געוויינלע־
כער צייטרעכענונג, ווערנדיק באשטימט
דורך דעם פערסישן מלך ארתחששתא
דעם 1טן (דאס זאל זיין ארטאקסערקסעס
דער 1טער) אלס גייסטיקער פירער פון
יידן. עזרא איז געווען א כהן. וועגן
דעם טיטל סופר זע ביים זוכווארט
„סופר"; דאס איז אויך געווען א טיטל
פון א הויכן אמט אין פערסיע. אין ספר
עזרא און נחמיה איז פאראן באשריבן
אלץ וואס עזרא האט געטאן פאר יידן,
ווי ער האט געלערנט מיט די יידן די
תורה (עזרא ז') און אנדערע זאכן. דער
תלמוד זאגט, אז עזרא איז געווען אזוי
גרויס, אז דורך אים האט געקאנט גע־
געבן ווערן די תורה, ווען משה רבנו
וואלט נישט געווען פריער (סנהדרין
כ"א). דער תלמוד זאגט, אז עזרא האט
איינגעפירט א סך תקנות. צווישן זיי
זענען פאראן פאלגנדע: ער האט געענ־
דערט די אלטע העברעאישע שריפט אויף
די אשור־שריפט (סנהדרין כ"א; זע זוכ־
ווארט „אלף־בית"); ער האט איינגע־
פירט צו לייענען אין ספר־תורה מאנ־
טיק און דאנערשטיק, ווי אויך שבת צו
מנחה; אויך אנדערע תקנות (בבא קמא
פ"ב). די גמרא סוכה כ' זאגט, אז די
תורה איז געהאט פארגעסן געווארן פון
יידן און עזרא האט זי צוריק איינגע־
פירט. לויט דער מיינונג פון טייל
היסטארישע פארשער איז עזרא געווען
דער, וואס האט איינגעפירט טייל הלכות
און דינים פון יידישן רעליגיעזן לעבן,
די תורת הפרושים; ער זאל האבן געווען
דער ערשטער מייסד פון דער „כנסת
הגדולה", פון די „סופרים" (זע „כנסת
הגדולה" און „סופרים"). — פון אים
איז פאראן אין תנ"ך דאס ספר עזרא,
וואס האט 10 קאפיטלעך (טייל אין
העברעאיש און טייל אין אראמעאיש);
דערציילט ווי אזוי עזרא איז אויפגעגאנ־
גען קיין ארץ־ישראל פון בבל און עזראס
טעטיקייט; אויך ווערן דארט געבראכט
דאקומענטן פון פריערדיקע פערסישע
מלכים (כורש, דריוש) וועגן בויען דאס
בית המקדש; אויך די רשימה פון יחוס
אבות פון יידישע פאמיליעס. דאס ספר
עזרא געהערט צו די כתובים. פון דער
גמרא סנהדרין צ"ג איז צו זען, אז די
ספרים עזרא און נחמיה זענען פארעכנט
פאר איין ספר, מיטן נאמען עזרא. די
גמרא בבא בתרא ט"ו זאגט, אז עזרא
האט געשריבן זיין ספר (עזרא) און אויך
דאס ספר „דברי הימים". פון מועד קטן
י"ח און אנדערע ערטער, איז צו זען, אז
עס איז געווען א ספר תורה, וואס מען
האט באהאלטן, און זי איז געשריבן גע־
ווארן דורך עזרא מיט זיין אייגענער
האנט, און לויט דער דאזיקער ספר תורה
האט מען מגיה געווען אלע אנדערע
ספרי תורות. שפעטער איז געווען א
מסורה, אז די דאזיקע ספר תורה פון
עזרא געפינט זיך אין דער שול אין
קאהיר אין מצרים. לויט א מסורה (גע־
בראכט אין „מסעות בנימין" פון רבי
בנימין פון טודעלא) איז עזרא צוריק
קיין בבל און איז דארט געשטארבן. אויך
היינט ווייזט מען דארט זיין קבר און
מען קומט דארט מתפלל זיין. אין דער
סליחה צו עשרה בטבת ווערט געזאגט,
אז עזרא איז געשטארבן 9טן טאג טבת.
— אחוץ דעם ספר עזרא אין תנ"ך זע־
נען פאראן אין די כתובים אחרונים צוויי
ספרים, וועגן וועלכע עס איז אנגעגעבן
געווארן, אז זייער מחבר איז עזרא. איי־
נער פון זיי איז „עזרא דער 3טער" (דאס
ספר נחמיה ווערט אנגערופן „עזרא דער
2טער"), און דאס 2טע ספר הייסט „עז־
רא דער 4טער"; ביידע אנטהאלטן ספו־
רים פון דער צייט פון שיבת ציון (פון
זרובבל און שאלתיאל), זעאונגען פון

מלאכים, גלויבונגען וועגן משיח. זיי זענען אין גריכיש, און לויט טייל מיינונגען איז עזרא דער 4טער געשריבן געווארן אין העברעאיש. זע „הספרים החצונים'' אויסגאבע פון כהנא. — וועגן עזרא זע גרעץ „דברי ימי ישראל'', ווייס „דור דור ודורשיו'' חלק א', קלויזנער „ההיסטוריה הישראלית''. — זע זוכווארט „נחמיה''.

**עזרה פון בית המקדש** זע „בית המקדש''.

**עזריה** זע „חנניה מישאל ועזריה''.

**עזריה מן האדומים** (1578—1513) אין מאנטוא אין איטאליע), בארימטער פארשער, גרינדער פון דער חכמת־ישראל־פארשונג, קריטיקער; זיין פאמיליענאמען איז געווען „דע ראסי'' („פון די רויטע'', „מן האדומים''). ער איז געווען א גרויסער למדן, און גלייכצייטיק האט ער געקענט אויך גריכיש, לאטיין, איטאליעניש, שפאניש. זיין בארימט ספר איז דער „מאור עינים''. באשטייט פון 3 חלקים: „הדרת זקנים'' (איבערזעצונג פון „אריסטעאס־בריוו'' וועגן דער גריכישער תנ''ד־איבערזעצונג „סעפטואגינטא'' תרגום השבעים), „קול אלהים'' (וועגן דער ערד־ציטערניש אין מאנטוא אין יאר 1570, וואס ער האט אליין איבערגעלעבט), און „אמרי בינה''. דער דאזיקער 3טער טייל „אמרי בינה'' איז דער וויכטיקסטער. ר' עזריה האט דא דער ערשטער באהאנדלט וויסנשאפטלעכע פראבלעמען פון דער יידישער געשיכטע, אנטדעקט די יידישע העלעניסטישע לערעם פון אלטן אלעקסאנדריע, און באזונדערס פילאן, געשריבן איבער יידישע סעקטעס אין צייט פון בית שני און באזונדערס די „איסיים'', איבער דער מלחמה פון בר כוכבא, אלטע יידישע מטבעות, די כהנים, איבער דער צייט פון דער אנטשטייאונג פון נקודות, איבער פארשידענע אגדות אין דער גמרא און מדרש. איינע פון די וויכטיקסטע אפהאנדלונגען אין „אמרי בינה'' איז די פעסטשטעלונג פון דער יידישער כראנאלאגיע פון דער צייט פון זינט די יידן זענען צוריק פון בבל אונטער דער פערסישער הערשאפט ביז דעם איינעמען פון ארץ־ישראל דורך אלעקסאנדער מוקדון, א מיינונג קעגן דער טראדיציאנעלער מיינונג אין דער גמרא (זע וועגן דעם זוכווערטער „בית המקדש'', „חרבן'', און „צייטרעכענונג''). די אלע אפהאנדלונגען האבן ארויסגערופן א שטורם מיט פראטעסטן קעגן רבי עזריה און זיין ספר מצד אנגעזעענע רבנים, צווישן זיי רבי יוסף קארו (מחבר פון שלחן ערוך), רבי ליוויי (מהר''ל פון פראג) און אנדערע. רבי עזריה האט זיך פארענטפערט אין א בראשור „מצרף לכסף''. אין א ריי איטאליענישע שטעט האט מען (אין יאר של''ד) פארבאטן צו לייענען דעם מאור עינים. אין ארץ־ישראל, אין צפת, האט מען געלייגט דעם מאור עינים אין חרם (אונטערגעשריבן אויף דעם איסור אויך רבי משה אלשיך). טייל שפעטערע רבנים (רבי יום־טוב ליפמאן מחבר פון „תוספות יום טוב'' און אנדערע) האבן אים יא געלייענט און פארופן זיך אין זייערע ספרים אויף אים. — רבי עזריה איז געשטארבן אין יאר 1578. ער האט איבערגעלאזט דעם נוסח פון זיין מצבה וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער „מן ים סערות הן אל החוף באתי'' (פון ים פון שטורמען בין איך געקומען צום ברעג). רבי עזריה האט איבערגעלאזט אויך שירים און פיוטים.— זע גרעץ „דברי ימי ישראל'', צינבערג, „געשיכטע פון ליטעראטור ביי יידן''. זע אויך ראפאפארט, „ערך מלין'' (ערך, אלכסנדר מוקדון'') איבער רבי עזריהס כראנאלאגישער אפהאנדלונג.

**עטיק** דאס ווארט „עטיק", וואס נעמט ארום די לערע וועגן דער אויפירונג פון מענטש, די גוטע מידות, די אויסבילדונג פון כאראקטער, האט ניט אין דער העברעאישער שפראך זיין ריכטיקע איבערזעצונג. געוויינלעך באצייכנט מען עס אין העברעאיש מיט דעם ווארט „מוסר", און דער אידעאלאג פון דער מאדערנער העברעאישער נאציאנאלער באוועגונג, אחד־העם, באנוצט זיך זייער פיל מיט דעם טערמין „מוסר היהדות" אלס באצייכענונג פאר „עטיק פון יידנטום". אבער דער אונטערשיד צווישן „מוסר" און „עטיק" באשטייט אין דעם, וואס „מוסר", ווי ער ווערט פארשטאנען אין אלע רעליגיעזע ספרים פון תנ"ך ביז דער נייער צייט, האט ארומגענומען אלע אויפירונגען פון ייד, סיי די „בין אדם למקום" (צווישן מענטש און גאט) און סיי די „בין אדם לחברו" (צווישן איין מענטש און דעם צווייטן), דאקעגן „עטיק" נעמט ארום הויפטזעכליך די אויפירונג פון מענטש צו מענטש (די גאר מאדערנע פילאזאפיע וויל אריינעמען אין עטיק אויך די באציאונג פון מענטש צו זיך אליין). דעריבער טרעפט מען אין די מוסר־ספרים כסדר ווערטער ניט נאר וועגן די מידות טובות פון ייד, ווי למשל, וועגן ענוות, רחמנות, צדקות צו אנדערע מענטשן, גמילות חסדים, ביישנות (אין קעגנזאץ צו חוצפה, צו עז פנים), קעגן כעס, קעגן שנאה וכדומה, נאר אויך וועגן די מצוות און דינים שבין אדם למקום, ווי שבת, כשר עסן וכדומה. — וועגן „מוסר" זע זוכווארט „מוסר", וואו עס ווערן אויך געגעבן די גרונט־ספרים פון מוסר. — איינע פון די הויפט־פראגן וועגן עטיק פון יידנטום (ווי בכלל וועגן עטיק) איז, צי איז דער ייד מחוייב צו האבן די אלע דערמאנטע מידות טובות דערפאר ווייל אינערלעך אין מענטש איז איינגעפלאנצט די נייגונג צו טאן גוטע מעשים און ווייל די דאזיקע מעשים און מידות זענען גוט „מצד עצמם", אין זייער נאטור, אדער מען דארף זיי טאן, ווייל די רעליגיע הייסט אונדז. דאס איז די בארימטע פראגע צי איז עטיק „אויטאנאם" צי „העטעראנאם". אין די תנ"ך־ספרים, וועלכע זענען דער יסוד פון יידישער עטיק, געפינט מען ניט קיין תשובה אויף דער דאזיקער פראגע. דער יידיש־העלעניסטישער פילאזאף אין אלעקסאנדריע פילאן (1טן יארהונדערט) וויל דורכפירן א סינטעזע צווישן ביידע מיינונגען (געשטיצט, אייגנטלעך, אויף דער באקאנטער לערע פון דער אלטער סטאאיקער־שולע), דהיינו, אז גאט האט אונדז געהייסן האבן די מידות טובות, ווייל זיי זענען גוטע מצד עצמם, ווייל זיי זענען „נאטירלעך" (דאס איז די סטאאישע לערע צו לעבן „לויט דער נאטור", וואס איז ניט קלאר און עס זענען דערצו געגעבן געווארן פיל פירושים). דער דאזיקער געדאנק ווערט אייגנטלעך אויסגעדריקט אויך אין דער גמרא, אז ווען עס וואלט ניט געגעבן געווארן די תורה וואלטן מיר געקאנט אפלערנען געוויסע מידות פון דער אויפירונג פון אנדערע לעבעדיקע באשעפענישן. אבער א גאנצע ריי גרויסע יידישע רעליגיעזע דענקער מיינען, אז די לערע וועגן מידות טובות אין יידנטום איז נאר באגרינדעט אויף דעם רעליגיעזן יסוד, פונקט ווי די מצוות שבין אדם למקום. דער מפרש פון משניות ר' עובדיה ברטנורא וויל געפינען דעם דאזיקן געדאנק אין דער משנה „אבות" (די זאמלונג פון די עטישע גרונט־ווערטער פון דער תנאים־עפאכע), וועלכע הויבט זיך אן מיט די ווערטער „משה קיבל תורה מסיני" (משה רבנו האט מקבל געווען די תורה פון גאט אויפן בארג סיני), אז דער דאזיקער אנהויב מיינט צו זאגן, אז אויך די אלע

עטישע ווערטער פון די תנאים אין „אבות" זענען געגעבן געווארן אלס תורה אויפן בארג סיני, און ניט ווייל זיי זענען נוצלעך אז און פאר זיך. — א רשימה וועגן דער רעליגיעזער יידישער עטיק געבן מיר ביים זוכווארט „מוסר". — אין דער נייער צייט זענען געשריבן געווארן וויכטיקע אפהאנדלונגען וועגן עטיק פון יידנטום און וועגן אונטערשיד צווישן יידישער עטיק און קריסטלעכער, און אויך וועגן אנדערע פראבלעמען וועגן יידישער עטיק. וויכטיק איז דאס ווערק פון פראפעסאר לאצארוס (געשריבן אין דייטש) „עטיק פון יידנטום"; אחד־העם אין זיין מאמר „על שתי הסעיפים" (אין „על פרשת דרכים") באהאנדלט דעם אונטערשיד צווישן יידישער און קריסט־לעכער עטיק. זע זוכווארט „אחד העם".

**עטר, חיים** (1696 אין סאלי אין מא־ראקא — 1743, ט"ו תמוז תק"ג אין ירושלים). מקובל און ראש ישיבה, מחבר פון פירוש אויף תורה „אור החיים" און אנדערע ספרים, בארימט געווען מיט זיין צדקות און הייליקייט, געפירט א לעבן פון תעניתים. געקומען קיין ירושלים אין יאר 1742 און א יאר שפעטער איז ער געשטארבן אן קינדער.

**עטרה** א „קרוין". מיטן ווארט עט־רה רופט מען די באפוצונג פון א טלית ביים טייל וואס דעקט צו דעם קאפ, און די חשיבות איז געווען פון זילבערנע עטרות; מען רופט אויך עטרה די קרוין פון א ספר תורה.

**עיבור** זע „עבור".

**עיבל** נאמען פון א בארג אין ארץ־יש־ראל לעבן דער שטאט שכם, קעגנאיבער דעם בארג גרזים; אין חומש דברים י"א און דברים כ"ז האט משה רבנו געזאגט די יידן, אז ווען זיי וועלן אריינקומען קיין ארץ־ישראל זאלן זיי אויפן בארג עיבל אויסרופן קללות אויף מענטשן וואס וועלן עובר זיין אויף געוויסע זינד.

**עין** אין העברעאיש איז עין דער טייטש „אויג" און אויך „קוואל פון וואסער"; דערפון זענען אנטשטאנען נעמען און באגריפן, אין וועלכע עס גייט אריין דאס ווארט „עין" אלס באשטאנדטייל. וועגן „עין תחת עין" זע זוכווארט „אויג פאר אויג"; וועגן עין הרע זע זוכווארט „עין הרע". וועגן דער באדייטונג פון אויג אין יידישער רעליגיע און עטיק זע „אויג". — אין ארץ־ישראל זענען גע־ווען טייל ערטער, וואס האבן זיך אנ־גערופן מיטן נאמען „עין" און נאך א ווארט, ווי „עין גדי" (יהושע ט"ו), „עין דאר" (באקאנט פון דעם טראגישן ספור וועגן שאול המלך מיט דער בעלת אוב, שמואל א' כ"ח), „עין חרוד" (באקאנט פון דעם ספור וועגן גדעון שופטים ז') און אויך אנדערע. אויך אין דער מש־נה און גמרא ווערן דערמאנט ערטער אין ארץ־ישראל מיטן נאמען „עין", ווי „עין טב" (ראש השנה כ"ג), וואו מען פלעגט מקדש זיין דעם נייעם חודש, און אנדערע. אויך אין נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל זענען פאראן קאלאניעס מיטן נאמען עין, פון וועלכע די בארימט־סטע איז די ארבעטער־קאלאניע אין עמק יזרעאל „עין חרוד", וואס געפינט זיך אויפן ארט פון אמאליקן עין חרוד פון תנ"ך. די ערטער־נעמען שטאמען פון די וואסער־קוואלן, וואס געפינען זיך לעבן די דאזיקע ערטער.

**עין הרע** (דאס אויג פון א שלעכטן מענטשן); עס איז איינע פון די עלט־סטע פאלקס־גלויבונגען ביי יידן (פאראן אויך ביי אנדערע פעלקער), אז דער בליק פון א שלעכטן מענטש קאן ווירקן צו

ברענגען שאדן א צווייטן מענטש. אין דער גמרא האט עס געהייסן „עין הרע" (סנהדרין צ"ג און אנדערע) און אויך „עינא בישא" (סוטה ל"ו און אנדערע ערטער). אין יידיש הייסט עס „עין הרע", „גוט אויג", „בייז אויג". דער גלויבן איז, אז דער שאדן קומט נישט נאר ווען א שלעכטער מענטש איז מכוון מיט זיין בליק שאדן צו ברענגען, נאר אויך ווען מען זעט ווי איינעם גייט גוט, ער זעט אויס גוט (באזונדערס ביי קינדער) אדער מען דערציילט וועגן איינעם גוטע זאכן, קען דאס ברענגען שאדן, עס איז דעריבער דער מנהג אין אזעלכע פאלן צוצוגעבן דאס ווארט ,קיין עין הרע", אדער „קיין בייז אויג", און טייל זענען זיך נוהג דעריבער אויסצושפייען עטלעכע מאל. אויב איינעם האט געשאדט אן עין הרע און ער איז קראנק געווארן איז דער מנהג „אפצושפרעכן" דעם עין הרע. דאס אפשפרעכן קומט פאר אין פארשידענע פארמען. טייל פארברענען דערביי א זאך, וואס געהערט צום קראנקען; טייל געבן א קמיע; טייל זאגן אפשפרעכונגען פון וועלכע די פארשפרייטסטע איז געווען „שלש נשים" („דריי ווייבער זענען געזעסן אויף א שטיין"). — אויספירלער וועגן עין הרע און אפשפרעכונגען און סגולות ביי יידן איז פאראן פון רעגינא ליליענטאל אין די זאמלשריפטן „יידישע פילאלאגיע" (ווארשע, 1924).

**עין יעקב** זע זוכווארט „חביב".

**עיקרים (עקרים)** מיטן נאמען „עיקרים" (ווארצלען) רופן מיר אן איז דער יידישער רעליגיע די יסודות פון דער יידישער אמונה, די הויפט-גלויבונגען. אנגענומען זענען היינט די 13 עיקרים, וואס זענען פעסטגעשטעלט געווארן דורך רבי משה בן מימון (רמב"ם) און וועלכע מען זאגט אין דאווענען יעדן אינדערפרי אין די „אני מאמינם" („איך גלויב"). די דאזיקע 13 עקרים זענען: 1) גאט איז דער שעפער און דער פירער פון אלע באשעפענישן; 2) גאט איז אייננער; 3) גאט איז נישט קיין קערפער; 4) גאט איז דער ערשטער און דער לעצטער; 5) נאר צו גאט דארף מען מתפלל זיין; 6) אלץ וואס די נביאים האבן געזאגט איז אמת; 7) די נבואה פון משה רבנו איז אמת און משה רבנו איז דער גרעסטער פון אלע נביאים; 8) די תורה, וואס מיר האבן היינט, איז געגעבן געווארן צו משה רבנו; 9) די תורה וועט נישט געענדערט ווערן און גאט וועט נישט געבן קיין אנדערע תורה; 10) גאט ווייסט די מעשים און געדאנקען פון די מענטשן; 11) גאט גיט באלוינונג פאר טאן מצוות און באשטראפט פאר טאן עבירות; 12) משיח וועט קומען, און הגם ער זוימט זיך דערווארט מען יעדן טאג אז ער וועט קומען; 13) די טויטע וועלן אויפשטיין תחיית המתים. די דאזיקע 13 עיקרים האט דער רמב"ם באהאנדלט אין זיין פירוש אויף משניות סנהדרין צום פרק חלק ווי אויך אין זיין „משנה תורה (ספר המדע) און „מורה נבוכים". אבער נים אלע יידישע חכמים האבן געהאלטן, אז די דאזיקע עיקרים, וואס דער רמב"ם האט אויסגערעכנט זענען די יסודות פון דער יידישער אמונה. שוין אין די פריערדיקע צייטן געפינען מיר אז פילאן פון אלעקסאנדריע (1טן יארהונדערט) האט אנגענומען נאר 5 עיקרים: 1) די אמונה אין דער עקזיסטענץ פון גאט; 2) די איינהייט פון גאט; 3) גאט האט באשאפן די וועלט; 4) דער ערשטער מענטש איז געווען איין מענטש; 5) גאט פירט אן מיט דער וועלט. אין דער גמרא שבת ל"א ווערט געזאגט, אז הלל הנשיא (1טן יארהונדערט) האט געהאלטן

אלס הויפט־יסוד דעם „ואהבת לרעך כמוך" (זאלסט ליב האבן דעם צווייטן מענטש ווי דיך זעלבסט). אין דער גמ־רא מכות כ"ד ווערט געזאגט, אז חבקוק דער נביא האט געהאלטן אלס הויפט־יסוד די אמונה אליין, דאס גלויבן אין גאט („וצדיק באמונתו יחיה"). טייל שפעטערע יידישע רעליגיעזע פילאזאפן נאכן רמב"ם זענען געווען מחולק אין די עיקרים; רבי יוסף אלבו (זע „אלבו") מחבר פון ספר „עיקרים", האלט אז די עיקרים זענען נאר דריי: 1) גלויבן אין גאט; 2) שכר ועונש (פאר מצוות באַ־לוינונג און פאר עברות באשטראפונג); 3) תורה מן השמים (גאט האט געגעבן די תורה פון הימל). — איבער דער פראגע פון די עקרים פון דער יידישער אמונה זענען געשריבן געווארן פיל ספ־רים און ביכער. זע בערנפעלד „דעת אלהים", ניימארק „תולדות העקרים בישראל".

**עיר** אין העברעאיש דער טייטש „שטאט"; דערפון זענען פאראן פיל אויסדריקן וואס זענען פארבונדן מיטן ווארט „עיר": „עיר הקודש", הייליקע שטאט, הייסט ירושלים; וועגן א גרוי־סער יידישער שטאט וואס האט א באַ־דייטונג אלס צענטער פון תורה זאגט מען „עיר ואם בישראל" (דער אויסדרוק איז פאראן אויך אין תנ"ך (שמואל ב' כ'); א שטאט, אין וועלכער די יידישע איינוואוינער האבן באשלאסן צו דינען עבודה זרה, ווערט אנגערופן „עיר הנד־חת" און דער חומש דברים י"ג הייסט פארניכטן אזא שטאט; דארט אין חומש איז פאראן דער אויסדרוק „וידיחו" (אפשטויסן, אפנייגן פון ריכטיקן וועג), און דערפון איז געווארן אין דער משנה (סנהדרין י"א) דער אויסדרוק „עיר הנדחת".

**עירוב (ערוב)** ערוב הייסט אין העברעאיש „אויסמישן", פארייניקן עט־לעכע זאכן צו איין זאך. דערפון איז געווארן דער אויסדרוק „ערוב" אין דער יידישער רעליגיע צו א ריי זאכן אין שבת און יום־טוב. עס זענען פאראן פאלגנדע ערובין: 1) „עירוב" סתם, דער דין איז, אז שבת טאר מען נישט טראגן קיין זאך פון א רשות היחיד, פון אן ארט וואס געהערט צו א פריי־וואטן מאן (הויף, שטוב), אריין אין רשות הרבים, אין אן ארט, וואס געהערט צו אלע מענטשן (גאס, פלאץ); דאס זעלבע טאר מען אויך נישט טראגן קיין זאך פון רשות הרבים אריין אין א רשות היחיד, און אויך נישט 4 איילן אין רשות הרבים זעלבסט. כדי מען זאל קאנען טראגן שבת אין א שטאט האט מען איינגעפירט אז מען צוימט אפ די אפענע ערטער פון דער שטאט מיט א דראט און אזוי ארום ווערט די שטאט ווי א פריוואט־הויף, און דאדורך ווערט מותר צו טראגן. — 2) „ערוב תחומין"; דער דין איז, אז אום שבת און יום־טוב טאר מען נישט ארויסגיין הינטער דער שטאט מער ווי 2,000 איילן. אויב אבער איינער דארף גיין אין אן ארט וואס ליגט ווייטער פון 2,000 איילן (ביז 4,000 איילן) לייגט ער אוועק ערב שבת אדער ערב יום־טוב אויף דעם ארט הינ־טער דער שטאט, וואו עס ענדיקן זיך די 2,000 איילן, עפעס עסנווארג (פאר 2 סעודות) און עס הייסט, אז ער וואוינט דארט (קונה שביתה) און ער מעג פון דארט גיין ווייטער 2,000 איילן. — 3) „עירוב תבשילין"; אויב יום־טוב פאלט אוים ערב שבת, און לויטן דין טאר מען נישט קאכן אין יום־טוב אויף שבת, מאכט מען ערב יום־טוב אן עירוב תבשילין, מען לייגט אוועק א שטיקל געקאכט פלייש און מען מאכט דערויף א ברכה „על מצות עירוב", און עס

הייסט, אַז מען האָט אָנגעהויבן קאָכן
אויף שבת נישט ערשט אין יום־טוב,
נאָר שוין ערב־יום־טוב. — די דינים פון
עירוב געפינט זיך אין מסכת „עירובין".

**עירובין (ערובין)** נאָמען פון מסכ־
תא משניות אין סדר מועד, האָט 10
פּרקים משניות, תוספתא 8 פּרקים און
גמרא בבלי און ירושלמי; באַהאַנדלט די
דינים פון עירוב.

**עכו** אַלטע שטאָט נישט ווייט פון דער
צפון־גרענעץ פון ארץ־ישראל, ביים מיט־
לענדישן ים; ווערט דערמאָנט אין תנ"ך
(שופטים א'); נישט גערעכנט געוואָרן
אַלס ארץ־ישראל (משנה גטין פּרק א');
אין מיטלאַלטער פלעגט מען יידישע
מתים פון עכו פירן קיין ארץ־ישראל צו
קבורה; געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין
די קאַמפן פון די נוסעי הצלב. היינט
זענען פאַראַן עטלעכע צענדליק יידן אויף
אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 2,000
איינוואוינער מייסטנס קריסטלעכע אַראַ־
בער.

**עכו"ם** ראשי תבות פון עובדי כוכבים
ומזלות (דינער פון שטערן), באַצייכענונג
פון געצנדינער. זע „געצנדינסט".

**עלטערן** זע „כבוד אב ואם".

**עלי** כהן אין בית המקדש (משכן) וואָס
איז געשטאַנען אין דער שטאָט שילה;
רבי פון שמואל הנביא; דער סיפּור וועגן
עלי איז פאַראַן אין די ערשטע קאַפּיט־
לעך פון ספר שמואל; עס ווערט דאָרט
דערציילט, אַז ווען די יידן זענען גע־
שלאָגן געוואָרן אין דער מלחמה קעגן
די פּלשתים, און דער הייליקער ארון איז
געפאַנגען געוואָרן און עלים צוויי קינ־
דער זענען אומגעקומען אין דער מלח־
מה און מען האָט געבראַכט די טרויערי־
קע בשורות צו עלי, איז עלי, אַלט זיי־
ענדיק 98 יאָר, אַראָפּגעפאַלן פון דער
שטול און צעבראָכן זיך דעם נאַקן און
געשטאָרבן.

**עליה** זע „קריאת התורה".

**עליה** מיטן וואָרט „עליה", „אויפ־
גיין", באַצייכנט מען דאָס פאָרן צו באַ־
זעצן זיך אין ארץ־ישראל; מען אונטער־
שיידט אין דער נייער צייט עטלעכע
עליות: די ערשטע עליה, וואָס איז פאָר־
געקומען אין די יאָרן פון 1882 ביז 1905
און עס זענען געגרינדעט געוואָרן דע־
מאָלט די עלטערע קאָלאָניעס; די צוויי־
טע עליה פון 1905 ביז 1914, ווען עס
זענען געקומען מייסטנס אַרבעטער, אינ־
טעליגענץ; די דריטע עליה פון 1918
ביז 1923 באַלד נאָך דער ערשטער
וועלט־מלחמה; די פערטע עליה (1924
— 1925) ווען עס זענען געקומען מיטל־
שטאַנדס־יידן; די 5טע עליה (פון 1933
אָן) זינט היטלער האָט איבערגענומען די
מאַכט אין דייטשלאַנד; מען רופט אַז
„אומלעגאַלע עליה" דאָס אַריינקומען
קיין ארץ־ישראל אָן וויזעס, נישט לעגאַל,
אָן דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג.

**על חטא** זע „וידוי".

**עליו השלום** (אויף אים דער פרידן),
ס'איז דער מנהג, אַז ווען מען דערמאָנט
אַ פאַרשטאָרבענעם גיט מען צו די ווער־
טער „עליו השלום"; ביי אַ פאַרשטאָר־
בענער פרוי זאָגט מען „עליה השלום".

**עלילת דם** זע „בלוט־בלבול".

**עלינו לשבח** („מיר דאַרפן לויבן"):
תפלה וואָס מען זאָגט צום סוף פון דאַ־
ווענען, ווי אויך אין דער תפלה פון מוסף
אין ראש השנה; די תפלה איז זייער

אז אַלטע; לויט איין טראַדיציע איז זי נתחבר געוואָרן דורך יהושע בן נון (אַזוי ברענגט דער „כלבו״); לויט דער מיינונג פון מענדלסאָן, איז זי אַנטשטאַנען אין דער צייט פון בית המקדש; צוליב דעם וואָס אין דער תפלה זענען פאַראַן שאַרפע ווערטער קעגן געצנדינערײַ האָט מען געמסרט די יידן אין מיטלאַלטער, אַז דערמיט זענען זיי מכוון קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע, און גאַנץ אָפּט זענען געווען גזרות נישט צו זאָגן עלינו לשבח. — זע עלבויגן „תולדות התפלה״.

**עלית נשמה** עס איז דער גלויבן, אַז די נשמה פון אַ גרויסן צדיק גייט אויף בעת זיין לעבן אין הימל און איז דאָרט מתקן זאַכן און קומט צוריק אַראָפּ צום צדיק; שפּורן פון דאַזיקן גלויבן זענען פאַראַן אין דער גמרא און אין מדרש. טייל מיינען, אַז דאָס איז דער זין פון דעם אויסדרוק אין דער גמרא סוכה מ״ה „בני עליה״ (זיכער איז עס נישט); אין זהר איז פאַראַן וועגן דעם פיל מאָל (פרשת לך און אַנדערע); אין די חסידישע ספרים ווערט דערציילט וועגן רביים און זייער עלית נשמה.

**עלעפאַנטינא** זע „עגיפּטן״.

**עם הארץ** (דאָס פאָלק פון לאַנד); זינט דער צייט פון 2טן בית המקדש איז דאָס וואָרט „עם הארץ״ אָנגענומען געוואָרן צו באַצייכענען איינעם וואָס קאָן נישט לערנען, האָט נישט געלערנט די רעליגיעזע דינים און מצוות און פירט זיך אויף אין יידישקייט נישט שטרענג פרום. פאַראַן אַ מיינונג, אַז די אויסדריקן „עמי הארצות״ (עזרא ט׳) און „עמי הארץ״ (נחמיה י׳) האָבן געהאַט די זעלבע באַדייטונג. אין דער משנה אבות פרק ב׳ זאָגט הלל „לא עם הארץ חסיד״ (אַז עם הארץ קאָן נישט זיין קיין פרומער ייד). אין אבות ה׳ ווערט געזאָגט, אַז איינער זאָגט „שלי שלך ושלך שלי״ (מיין פאַרמעגן געהערט צו דיר און דיינס צו מיר) איז „עם הארץ״. אַלס קעגנזאַץ צום עם הארץ איז געווען דער תלמיד חכם, וועלכער האָט געקענט לערנען, געוואוסט די דינים, און איז געווען מער רעליגיעז־אָפּגעהיטן. דעם תלמיד חכם האָט מען אויך גערופן מיטן טיטל „חבר״, און אַזוי געפינען מיר אָפּט אין דער משנה און גמרא „חבר״ און „עם הארץ״, אַלס צוויי קלאַסן אין רעליגיעזן זין (דמאי פרק ז׳, ברכות מ״ז און פיל אַנדערע ערטער). פון די פיל ערטער אין דער משנה און גמרא איז צו זען, אַז דער עם הארץ איז אין יענער צייט יאָ געווען רעליגיעז, נאָר ער האָט געהאַט אַ גרינגשעצונג צו טייל מצוות, נישט געגעבן געווענג קיין מעשר פון זיין תבואה, נישט אָפּגעהיטן די רעליגיעזע דינים פון טומאה וטהרה. דעריבער האָט דער „חבר״, דער תלמיד חכם, נישט געמישט זיך מיט אים, נישט געוואָלט עסן פון זיינע מאכלים, נישט אָנגערירט זיינע מלבושים (משנה דמאי ג׳). די שנאה צווישן „חבר״ און „עם הארץ״ איז געווען אַ גרויסע. די גמרא פּסחים מ״ט זאָגט אַז דער עם הארץ האָט פיינט געהאַט דעם תלמיד חכם אַפילו ביז וועלנדיק אים שלאָגן. דאָס זעלבע האָט דער חבר פיינט געהאַט דעם עם הארץ און נישט געוואָלט מיט זיין פאַמיליע זיך משדך זיין (פּסחים מ״ט), נישט געוואָלט אים שטיצן אין נויט (בבא בתרא ח׳). עס זענען אָבער פאַראַן אין דער גמרא אויך ווערטער גוטע אין באַצוג צום עם הארץ. אין סנהדרין צ״ו ווערט געזאָגט: „זייט פאָרזיכטיק מיט די קינדער פון די עמי הארץ ווייל פון זיי קומען אַרויס תלמידי חכמים״. דער אויסדרוק עם הארץ פאַר אַ נישט־קענער אין לערנען תורה איז אַריין אין דער יידי־

שער שפראך. — איבער דעם קלאס עם הארץ אין דער צייט פון סוף צווייטן בית המקדש און נאכער אין דער צייט פון דער משנה און גמרא איז פאראן אין דייטש אויספירלעך א בוך פון ביכלער „דער גאליליאישער עם הארץ". — זע זוכווארט „חבר".

**עמדין, יעקב (יעבץ),** געבוירן 1697, געשטארבן 1776 אין אלטאנא; רב, פוסק, מחבר פון פאלעמישע ספרים קעגן די אנהענגער פון שבתי צבי; זיין פאטער איז געווען רבי צבי אשכנזי, מחבר פון „חכם צבי"; ער האט זיך פארנומען צוערשט מיט מסחר, פיל גערייזט, אין די יארן 1728 — 1732 געווען רב אין עמדען (דערפון זיין נאמען רבי יעקב עמדין); אין 1733 געעפנט א דרוקעריי אין אלטאנא; באקאנט הויפטזעכלעך דורך זיין קאמף קעגן האמבורגער רב רבי יונתן אייבעשיץ (זע „אייבעשיץ") וועמען ער האט באשולדיקט אין געהערן צו די שבתי־צבי־אנהענגער; אין דעם קאמף האבן זיך באטייליקט פיל רבנים. רבי יעקב עמדין האט וועגן דעם קאמף פארעפנטלעכט א ריי ספרים און פאמפלעטן. בארימט זענען זיינע ספרים „תורת הקנאות" (געשיכטע פון דער שבתי־צבי"־באוועגונג, אנטהאלט זייער וויכטיקע דאקומענטן), „ספר השמוש" (ערשטע קוואלן וועגן דער סעקטע פון יעקב פראנק, אנטהאלט וויכטיקע דאקומענטן), „שבירת לוחות האון" (קעגן רבי יונתן אייבעשיץ), „שאילת יעבץ" (שאלות ותשובות), „לחם שמים" (אויף משניות), „מטפחת ספרים" (אין וועלכן ער שטעלט אין ספק טיילן פון זהר צי זיי זענען געשריבן געווארן דורך רבי שמעון בן יוחאי), „מגילת ספר" (אויטאביאגראפיע), ווי אויך פיל אנדערע קלענערע ספרים און א סידור. ביבליאגראפיע וועגן זיין קאמף קעגן רבי יונתן אייבעשיץ זע זוכווארט „אייבעשיץ". וועגן רבי יעקב עמדין זע וואוגענאר „תולדות יעבץ", און דעם מבוא פון כהנא צו דער אויסגאבע פון „מגילת ספר".

**עמוד האש, עמוד הענן** (זייל פון פייער, זייל פון וואלקן); אין חומש שמות י"ג ווערט דערציילט אז ווען די יידן זענען געגאנגען אין מדבר איז ביי־טאג געגאנגען פאר זיי דער עמוד הענן א זייל פון וואלקן, און ביינאכט איז געגאנגען פאר זיי דער עמוד האש, זייל פון פייער.

**עמון** נאמען פון לאנד און פאלק אין דער צייט פון תנ"ך אין עבר הירדן, הויפטשטאט רבת עמון. לויט דעם ספור פון חומש (בראשית י"ח) איז דער שטאם־פאטער פון עמון געווען דער זון פון לוט, געבוירן פון זיין טאכטער נאך דער איבערקערעניש פון סדום. אין דברים כ"ג איז פאראן דער פארבאט פאר יידן נישט אנצונעמען קיין גרים פון עמון און נישט מתחתן זיין זיך מיט די עמונים. דער שופט יפתח האט געפירט א מלחמה קעגן די בני עמון און זיי באזיגט (שופטים י"א). אויך דוד המלך האט געפירט מלחמה קעגן עמון און יואב האט איינגענומען די הויפטשטאט רבת עמון (שמואל ב' ח'). שפעטער אין דער צייט פון בית ראשון זענען פארגעקומען אפטע מלחמות צווישן יידן און עמון. די נביאים ירמיהו (ירמיה מ"ט און אנדערע ערטער), יחזקאל (כ"ה) האבן נבואות געזאגט אויף דער מפלה פון עמון. אין נחמיה ב' און אנדערע ערטער געפינען מיר, אז טוביה העמוני האט געשטערט די יידן אויפצובויען ירושלים. עס ווייזט אויס, אז א סך פון די עמונים זענען אסימילירט געווארן צווישן יידן באזונדערס נאכדעם ווי דאס לאנד איז

גענצלער איינגענומען געווארן דורך יידן אין דער צייט פון די חשמונאים. היינט איז די שטאט „אמאן" הויפטשטאט פון דעם אראבישן עבר הירדן.

**עמוס** נאמען פון נביא אין ישראל וועמענס ספר מיט נבואות איז געבליבן אין תנ"ך; זיינע נבואות זענען פאראן אין ספר עמוס אין תרי עשר, צווישן יואל און עבדיה. אין ערשטן קאפיטל פון ספר עמוס ווערט געזאגט, אז ער האט נבואות געזאגט אין דער צייט פון עזיהו מלך יהודה און ירבעם בן יואש מלך ישראל „שנתים לפני הרעש", צוויי יאר פאר דער ערדציטערניש. ער האט געשטאמט פון דער שטאט תקוע און האט נבואות געזאגט אין לאנד ישראל, און ווי דאס ספר דערציילט (קאפיטל ז') האט ער זיך פארנומען מיט האדעווען פי. זיין ספר באשטייט פון 9 קאפיטלעך, אין וועלכע ער שטראפט די רייכע פאר זייערע שלעכטער באציאונג צו די ארעמע, זאגט־פארויס די ערדציטערניש און זאגט נבואות, אז מלכות ישראל וועט חרוב ווערן. צום סוף פון ספר איז פאראן די נבואות וועגן דער גאולה „הנה ימים באים — ונגש חורש בקוצר — והטיפו הרים עסים — ושבתי את שבות עמי" (עס וועלן קומען טעג, ווען דער אקערמאן וועט זיך טרעפן מיטן תבואה־שניידער, די בערג וועלן פליסן מיט פרוכטן־זאפט, דאס יידישע פאלק וועט צוריקקערן אין זיין לאנד). — זע מבוא פון חיות צו עמוס אין דער אויסגאבע „תנ"ך עם פירוש מדעי" פון אברהם כהנא.

**עמיגראציע** עמיגראציע איז אין דעם גאנצן שטח פון דער יידישער געשיכטע איינער פון די וויכטיקסטע פאקטארן, און די וואנדערונג פון יידישן פאלק באמערקט מען סימבאליש באלד ביי די ערשטע פאטערס פון יידישן פאלק אין תנ"ך (אברהם, יעקב, די שבטים קיין מצרים). באזונדערס האבן זיך אנגעהויבן די גרויסע יידישע וואנדערונגס־באוועגונגען נאך די צוויי חרבנות (פון 1טן און 2טן בית המקדש) און צוליב די דאזיקע וואנדערונגען, וועלכע הערן ניט אויף ביז היינט, זענען יידן צעשפרייט איבער כמעט אלע לענדער פון דער ערד. די פארשונגען וועגן דער יידישער עמיגראציע און די פראקטישע פראבלעמען, וועלכע זענען דערמיט פארבונדן, האבן באשעפטיקט אין דער לעצטער צייט פיל אנגעזעענע געלערנטע און אויך געזעלשאפטן און האבן באאיינפלוסט די פאליטישע אנשויאונגען פון כמעט אלע יידישע פארטייען (ציוניזם, טעריטאריאליזם, „פאלקס־פארטיי" און „בונד" און אנדערע). די וויכטיקסטע ווערק אין יידיש זענען: בארעכאוו, „די יידישע עמיגראציע־פאליטיק", ל. הערש, „די יידישע עמיגראציע", יעקב לעשטשינסקי, „די יידישע וואנדערונג פאר די לעצטע 25 יאר" (ארויסגעגעבן 1927), א. טארטאקאווער, „יידישע עמיגראציע און יידישע עמיגראציע פאליטיק"; אויך די אפהאנדלונג פון ל. הערש, „יידישע עמיגראציע" אין 1טן באנד „יידן".

**עמלק** נאמען פון אן אלט וואנדערפאלק אין דער צייט פון תנ"ך, געוואנדערט אין דער מדבר צו דרום ארץ־ישראל, שטאמט אפ פון עשו (בראשית ל"ו), געהאט א שנאה צו יידן. אין חומש שמות י"ז ווערט דערציילט, אז ווען די יידן זענען ארויס פון מצרים איז אויף זיי עמלק אנגעפאלן און משה רבנו האט געהייסן יהושען מלחמה האלטן קעגן עמלק און יהושע האט עמלקן „אפגעשוואכט". גאט האט אנגעזאגט (דברים כ"ה) אפצומעקן דאס געדעכעניש פון עמלק (זכר עמלק). דער קעניג פון

עמלק האָט געהאַט דעם טיטל אגג (במד־
בר כ"ד „וירם מאגג מלכו"), און אין
שמואל א' ט"ו ווערט דערציילט ווי
שאול המלך האָט רחמנות געהאַט אויף
דעם געפאַנגענעם אגג מלך עמלק, אָבער
שמואל הנביא האָט אַגגן געטויט. אין
ספר מגילת אסתר ג' ווערט דערציילט
וועגן המן אַז ער האָט געשטאַמט פון
אגג (האגגי). אין במדבר כ"ד זאָגט
בלעם נביאות וועגן עמלק „ראשית
גויים" (דעם עלטסטן פון די פעלקער)
„ואחריתו עדי אבד", זיין סוף וועט זיין
ביז פאַרניכטונג. — אין יידיש ווערן די
שונאים פון יידן אָנגערופן מיטן נאָמען
עמלק.

**עמנואל הרומי** (געבוירן אין רוים
לערך 1270, געשטאָרבן נאָכן יאָר 1330
אין איטאַליע), העברעאישער דיכטער,
דרשן און מפרש פון תנ"ך; צוערשט גע
לעבט אין רוים, נאָכער געוואַנדערט אי־
בער אַ סך שטעט אין איטאַליע. עמנואל
הרומי האָט אַחוץ יידישע לימודים אויך
געלערנט אַסטראָנאָמיע, מעדיצין, פילאָ־
זאָפיע, געקענט איטאַליעניש, לאַטיין,
גריכיש און זיך באַקענט מיט דער דע־
מאָלטיקער מאָדערנער איטאַליענישער
ליטעראַטור, באַזונדערס מיט די ווערק
פון דאַנטע, און לויט טייל מיינונגען
זאָל ער האָבן געווען פערזענלעך באַ־
פריינדעט מיט דאַנטע. דאָס הויפּט־ווערק
פון עמנואל איז זיין „מחברות"; דאָס
איז אַ זאַמלונג שירים, אַמייסטן וועלט־
לעכע. דאָס לעצטע קאַפּיטל „התופת
והעדן" (דער גיהנום און דער גן עדן)
איז אַ נאָכאַמונג פון דאַנטעס „געטלעכע
קאָמעדיע", און ער באַשרייבט (פונקט
ווי דאַנטע) ווי אַז אַלטער מאַן, דניאל
(לויט דער מיינונג פון טייל געלערנטע
איז עס אַ רמז, אויף דאַנטע), האָט אים
אַרומגעפירט אין גיהנום און גן עדן און
ער דערציילט וואָס ער האָט דאָרט גע־
זען. רבי יוסף קארו אין שלחן ערוך
אורח חיים ש"ז פאַרווערט צו לייענען
דעם „ספר עמנואל" ווייל עס איז „שי־
חות חולין ודברי חשק". עמנואל האָט
מחבר געווען אַ פירוש אויף תנ"ך, און
זיין פירוש אויף משלי איז געווען זייער
באַרימט. ער האָט אויך מחבר געווען
פיוטים, „איך יתגאה איש" און אַנ־
דערע. ער זאָל אויך האָבן מחבר גע־
ווען דעם „יגדל" וואָס מען זאָגט אינ־
דערפרי ביים דאַווענען. עמנואל ווערט
באַטראַכט אַלס איינער פון די באַדייטנד־
סטע העברעאישע דיכטער אין מיטלאַל־
טער. — וועגן עמנואל און זיין „מחב־
רות" און אַנדערע ווערק און אויך זיין
באַציאונג צו דאַנטע, זע גידעמאַן „התו־
רה והחיים", חלק שני.

**עמק** זע „יזרעאל".

**עמרי** מלך אין ישראל אין די יאָרן
888 — 877 פאַר דער געוויינלעכער
צייטרעכענונג, פאָטער פון אחאב, גרינ־
דער פון דער עמרי־דינאַסטיע; ער האָט
געגרינדעט די שטאָט שמרון און איר
געמאַכט אַלס הויפּטשטאָט פון ישראל
(מלכים א' ט"ז); ער ווערט דערמאָנט
אין די פעלקער־שריפטן פון אשור און
אויך דעם שטיין פון מישע מלך מואב
(זע „מישע").

**עמרם** זון פון קהת בן לוי בן יעקב;
פאָטער פון משה רבנו, אהרן הכהן און
מרים (שמות ו'). אין דער גמרא און
מדרש (שבת נ"ה, סוטה י"ב, במדבר
רבה ג' און אַנדערע) ווערן געבראַכט
דברי אגדה וועגן דער צדקות פון עמרם.

**עמרם גאון** גאון און ראש ישיבה אין
בבל, געשטאָרבן לערך 875; באַרימט דורך
זיין סידור וואָס האָט געהייסן „סדר תפ־
לות של כל השנה", וואָס ער האָט מחבר

געווען, לויט טייל מיינונגען, פאַר די יידן אין שפּאַניע. פון רב עמרם גאון זענען אויך פאַראַן תשובות אין די זאַמלונגען פון „תשובות הגאונים". — זע זוכוואָרט „סידור".

**ענגלאַנד** נאָמען פון אַ טייל פון דער גרויס - בריטאַניע - מלוכה, וואָס נעמט אַרום די לענדער ענגלאַנד, שאָטלאַנד, צפון־אירלאַנד און וויילס. געוויינלעך באַנוצט מען דאָס וואָרט ענגלאַנד צו באַצייכענען גרויס־בריטאַניע. ענגלאַנד (גרויס־בריטאַניע) האָט לערך 47 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 400 טויזנט יידן, פון וועלכע די מערהייט וואוינט אין דער הויפּטשטאָט לאָנדאָן.— עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז יידן האָבן געוואוינט אין ענגלאַנד זינט גאָר אַלטע צייטן, פון דער רוימישער הערשאַפט מיט 1900 יאָר צוריק. זיכער איז, אַז אין 7טן יאָרהונדערט האָבן זיך יידן געפונען אין ענגלאַנד. דער יידישער ישוב האָט זיך פאַרגרעסערט אין ענגלאַנד נאָכן אָנקומען פון די נאָרמאַנען (יאָר 1066). אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט געפינען מיר אין ענגלאַנד גרעסערע יידישע קהלות, באַזונדערס אין לאָנדאָן, נאָרוויטש, לינקאָלן, יאָרק און אַנדערע שטעט. אין יענער צייט זענען אויך פאָרגעקומען גזרות און אָנפאַלן אויף ענגלישע יידן. אין יאָר 1290 האָט קעניג עדוואַרד דער ערשטער פאַראָרדנט דעם פולשטענדיקן גרוש אויף יידן פון ענגלאַנד. איבער 200 יאָר נאָך דער דאָזיקער צייט זענען נישט געווען קיין יידן אין ענגלאַנד. אין 16טן יאָרהונדערט באַווייזן זיך אין ענגלאַנד איינצלנע יידן, אַמיינסטן אַנטלאָפענע אַנוסים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. דער באַרימטער יידישער כלל טוער פון אַמסטערדאַם, רבי מנשה בן ישראל (זע „מנשה בן ישראל") האָט אין די יאָרן 1655—57 זיך באַמיט ביים ענגלישן פּראָטעקטאָר קראָמוועל צו דערלויבן יידן צו באַזעצן זיך אין ענגלאַנד. די אָפיציעלע דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן דורך קעניג קאַרל דעם 2טן אין יאָר 1664. פון דעמאָלט אָן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין ענגלאַנד עפנטלעך יידן, אַמייסטן אַנוסים פון פּאָרטוגאַל, און עס זענען שפּעטער אָנגעקומען אויך יידן פון פּוילן און דייטשלאַנד. די יידן אין ענגלאַנד האָבן זיך דערוואָרבן גלייכבאַרעכטיקונג ביסלעכווייז; פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג האָבן זיי באַקומען אין 19טן יאָרהונדערט. — די יידישע קהלות אין ענגלאַנד זענען אָרגאַניזירט אין „באָאַרד און דעפּיוטיס", אַ קהלות־פאַרייניקונג, צו וועלכער עס ווערן געשיקט דעלעגאַטן פון די יידישע שולן אין לאָנדאָן, פּראָווינץ־שטעט און אויך טייל ענגלישע קאָלאָניעס. די קהלות־פאַרייניקונג פאַרנעמט זיך מיט רעליגיעזער און פילאַנטראָפּישער אויפזיכט איבער דעם ענגלישן יידנטום און פאַרנעמט זיך אויך מיט העלפן יידן אין אַנדערע לענדער. אין ענגלאַנד זענען פאַראַן אַנדערע אָנגעזעענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי די „ייקאַ" (יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט), די אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיאיישאַן, דער דזשואיש קאָלעדזש (ראַבינער־סעמינאַר) און אַנדערע. אין ענגלאַנד איז פאַראַן אַן אויבער־ראַבינאַט און דער רב הכולל טראָגט דעם טיטל „טשיף־ראַביי". דער איצטיקער טשיף־ראַביי איז דר. הערץ. אין ענגלאַנד (לאָנדאָן) דערשיינט אַ טעגלעכע יידישע צייטונג, „די צייט", די ענגליש־יידישע וואָכנשריפט „דזשואיש קראָניקל". דער יידישער איינפלוס אין ענגלאַנד איז זייער אַ באַדייטנדער, און יידן האָבן אָנטיילגענומען אין פּאָליטישן, פינאַנציעלן, געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן אין ענגלאַנד אין אַ גרוי־

סער מאכ. דאס באנק־הויז ראטשילד האט פיל מיטגעהאלפן צו דער פינאנציעלער אנטוויקלונג פון ענגלאנד, דאס זעלבע אויך די פאמיליעס מעלטשעט (מאנד), סוויטלינג, מאנטאגו, סעמועל, מאנטעפיארע און אנדערע. יידן און פערזאנען פון יידישער אפשטאמונג זענען געווען אנגעזעענע מיניסטארן אין ענגלאנד, ווי ביקאנספילד, מעלטשעט, רעדינג, סעמועל און אנדערע. יידן זענען געווען שטאט־פרעזידענטן אין לאנדאן און אנדערע ענגלישע שטעט. יידן מיטן טיטל לארד זענען מיטגלידער פון לארדן־הויז. אין דער ענגלישער וויסנשאפט און ליטעראטור האבן יידן פארנומען א גרויס ארט ווי הערשל, אלעקסאנדער, סילוועסטער, זאנגוויל, ביקאנספילד (ד׳איזראעלי), געדאליא און אנדערע. ענגלאנד האט געהאט גרויסע יידישע געלערנטע אין חכמת ישראל, ווי אבראהאמס, מאנטעפיארע, פרידלענדער, גאסטער, ביכלער און אנדערע. — די באדייטונג פון ענגלאנד פאר דעם יידנטום און דעם יידישן פאלק באשטייט ניט נאר אין דעם ענגלישן יידנטום נאר אויך אין דער באציאונג פון ענגלאנד צום יידישן פאלק אין אלגעמיין. אין פארלויף פון 19טן יארהונדערט האט די ענגלישע רעגירונג אייניקע מאל אנגעווענדט איר איינפלוס לטובת יידן אין אנדערע לענדער (אין יאר 1840, ביים בלוט־בלבול אין דמשק, לטובת די יידן אין רומעניע און אנדערע לענדער). דער וויכטיקסטער אקט פון ענגלאנד לטובת דעם יידישן פאלק איז געווען די באלפור־דעקלאראציע און דאס איבערנעמען דעם מאנדאט איבער ארץ־ישראל נאך דער וועלט־מלחמה אין 1918. ענגלישע רעגירונגס־מענער און פאליטיקער האבן אין פארלאמענט עטלעכע מאל רעאגירט קעגן די היטלעריסטישע פארפאלגונגען אויף דייטשישע יידן זינט 1933. די באציאונג פון יידישן פאלק צו ענגלאנד איז געווען א סימפאטישע, הגם עס זענען ארויסגערוקט געווארן טענות, אז ענגלאנד האט נישט אין דער געהעריקער מאס דערפילט איר צוזאג צו העלפן בויען די יידישע נאציאנאלע היים אין ארץ־ישראל. — וועגן יידן אין ענגלאנד און דער געשיכטע פון יידן אין ענגלאנד איז פאראן אויספירלעך אין דעם יידיש־ענגלישן יארבוך („דזשואיש יער־בוק"), וואס דערשיינט אין לאנדאן יערלעך. — זע זוכווערטער „באלפור", „ביקאנספילד", „לאנדאן", „ציוניזם". וועגן יידן אין די טיילן פון בריטישער אימפעריע זע זוכווערטער פון די באטרעפנדע טיילן, ווי „אויסטראליע", „קאנאדע" און אנדערע.

**ענו, ענוות** באשיידנקייט, ענוות ווערט אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק באטראכט אלס איינע פון די בעסטע מידות, אין היפוך צו גאוה, וואס ווערט באטראכט אלס איינע פון די ערגסטע מידות. דער חומש (במדבר י״ב) רימט משה רבנו אז ער איז געווען „ענו מאד". אין די ספרי תנ״ך געפינען מיר פיל פסוקים וועגן די מעלות פון ענוות. אין צפניה ב׳ ווערט געזאגט „בקשו ענווה", זוכט ענוות. אין דער משנה, גמרא און שפעטערע ספרים ווערט אנגעוויזן אויף די מעלות פון ענוות. די משנה אבות ד׳ זאגט „מאד מאד הוה שפל רוח שתקות אנוש רמה", זיי זייער און זייער אז ענו, ווייל דער סוף פון מענטש איז אויפגעגעסן צו ווערן פון ווערעם. די גמרא עבודה זרה כ׳ זאגט אז ענוות איז די גרעסטע מעלה פון מענטש. וועגן פארשידענע תנאים און אמוראים ווערט דערציילט, אז זייער ענוות איז געווען זייער גרויס, און באזונדערס ווערט עס דערציילט וועגן הלל הנשיא (שבת ל״א). דער רמב״ם אין

משנה תורה הלכות דעות און אין די „שמונה פּרקים" זאָגט, אַז הגם אין אַנדערע מידות דאַרף דער מענטש גיין אין מיטעלן וועג, אָבער אין עניוות דאַרף מען זיין עקסטרעם. — זע זוכוואָרט „גאוה".

**עני, עניות** זע „אביונים", „אָרימקייט".

**ענן בן דוד** (געבוירן לערך 715 — געשטאָרבן לערך 790); גרינדער פון דער קאַראַאימער־סעקטע (קראים) אין בבל, וועלכע האָט אין אָנהויב געהייסן אויף זיין נאָמען „עננים". ער האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער פאַמיליע, פון די ראשי הגולה, און ווייל מען האָט אין בבל דערוויילט אין יאָר 760 זיין אינגערן ברודער און נישט אים אַלס ראש הגולה, איז ענן אַרויסגעטרעטן קעגן דער תורה שבעל פּה און דערקלערט, אַז פאַר דער יידישער רעליגיע איז גילטיק נאָר די תורה שבכתב, דאָס הייסט דער תנ"ך, און נישט די משנה און גמרא. צו אים זענען צוגעשטאַנען אַ גרעסערע צאָל יידן און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן די נייע סעקטע ביי יידן. לויטן באַפעל פון קאַליף איז ער אַרעסטירט געוואָרן אַלס מורד (יאָר 767) און עס האָט אים געדראָט טויט־שטראַף. און ענן האָט זיך געראַטעוועט דערמיט, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז זיין רעליגיע איז אַ גאַנץ אַנדערע פון דער יידישער רעליגיע. ענן האָט מחבר געווען זיין אייגענעם „ספר המצוות", וועלכער איז פאַרלוירן געגאַנגען און נאָר פראַגמענטן פון אים ווערן געבראַכט אין די ספרים פון די קאַראַאימישע חכמים, און אויך זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פראַגמענטן פון אים פון כתבי יד. זיין לאָזונג איז געווען „חפישו באורייתא שפּיר" (זוכט גוט אין דער תורה). לויט טייל מיינונגען האָט ענן זיך באַזעצט אין ירושלים. — זע זוכוואָרט „קאַראַאימער". — וועגן ענן זע ווייס „דור דור ודורשיו" חלק ד'; „דברי ימי ישראל" פון גרעץ אין דער העבראַישער איבערזעצונג חלק ג' און צום סוף אין דער נאָטע י"ז; פינסקער „לקוטי קדמוניות".

**עננו** (ענטפער אונדז), תפלה אין סליחות. פאַראַן אויך אַ תפלה „עננו", וואָס מען זאָגט אין תעניתים אין שמונה עשרה פאַר דער ברכה פון „שומע תפלה".

**ענציקלאָפּעדיע** זאַמלונג פון ידיעות. געוויינלעך איינגעאָרדנט לויטן אַלפאַבעט, אַלף־בית. מיטן נאָמען יידישע ענציקלאָפּעדיע רופן מיר אַן אַזאַ ענציקלאָפּעדיע, וואָס אַנטהאַלט ידיעות וועגן אַלעם וואָס האָט אַ שייכות צו יידנטום. די ערשטע פולשטענדיק־יידישע ענציקלאָפּעדיע איז דערשינען אין דער ענגלישער שפּראַך אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט („דזשואיש ענסייקלאָפּעדיא"). עטוואָס שפּעטער איז דערשינען אַ פולשטענדיקע יידישע ענציקלאָפּעדיע אין רוסיש („יעווריעסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ"). נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דערשינען אין דייטש אַ פולשטענדיקער „יידישער לעקסיקאָן"; אין העבראַיש איז דערשינען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה דער „אוצר ישראל". נישט פולשטענדיקע ענציקלאָפּעדיעס זענען דערשינען אין דייטש „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ" און אין העבראַיש „אשכול" (2 בענדער). אין יידיש דערשיינט פון דובנאָוו־פאָנד אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, פון וועלכע עס זענען ביז איצט דערשינען דער אות אלף און 3 בענדער „יידן". אין העבראַאיש איז דערשינען אין תל־אביב אין די יאָרן 1934 — 1937 אַ היסטאָריש

געאגראפישער לעקסיקאן „אנציקלאפעדיה
כללית", אין 5 בענדער. קלענערע יידי־
שע ענציקלאפעדיעס אין 1 באנד זענען
דערשינען אין ענגליש „ענסייקלאפעדיא
אוו דזשואיש נאלעדזש" פון דע האאז
און די „וואלענטין ענסייקלאפעדיא";
לעצטנס א גרעסערע פון לאנדמאן.

**עסטרייך** ביז מערץ 1938 געווען
א באזונדערע רעפובליק מיט לערך 7
מיליאן איינוואוינער, צווישן זיי זענען
געווען אין 1938 לערך 200,000 יידן,
אמייסטן אין דער הויפטשטאט ווין; ביז
1918 איז עסטרייך געווען א גרויסע
אימפעריע און האט ארומגענומען די
לענדער עסטרייך, אונגארן, טשעכיע,
סלאוואקיע, גאליציע, קראאציע, באסניע
און הערצעגאווינע, ווי אויך די איטא־
ליענישע געגענט ארום טריעסט. די גע־
שיכטע פון יידן אין עסטרייך דאטירט
זיך פון גאנץ אלטע צייטן, מעגלעך, אז
שוין פון 4טן יארהונדערט. די עסט־
רייכיש־דייטשע קייסרים האבן בדרך כלל
זיך באצויגן צו יידן ניט שלעכט. אין
יאר 1238 האבן די עסטרייכישע יידן
באקומען פון קייזער פרידריך דעם 2טן
געוויסע רעכט, וועלכע זענען דערנאך
באשטעטיקט געווארן דורך אנדערע
עסטרייכישע קייסרים. פון 15טן ביזן
17טן יארהונדערט זענען פארגעקומען
יידישע גירושים פון פארשידענע עסט־
רייכישע פראווינצן. אבער אין אלגע־
מיין זענען פארבליבן יידן אין עסטרייך.
אין 1782 האט קייזער יאזעף דער 2טער
ארויסגעגעבן זיין טאלעראנץ־בריוו און
האט געפרואווט גערמאניזירן און געבן
יידן צוואנגס־בילדונג. פולשטענדיקע
גלייכבארעכטיקונג האבן יידן באקומען
אין 1867, און אין אלגעמיין האבן די
יידן אין עסטרייך אין דער נייער צייט,
ביזן אנקומען פון היטלער, געלעבט זייער
גוט, גענאסן פון אלע רעכט און פאר־
נומען הויכע שטעלעס אין אלע געביטן
פון לעבן. זינט היטלער האט פארנומען
עסטרייך אין 1938 האבן זיך אנגעהויבן
די שרעקלעכע רדיפות, גירושים, רצי־
חות, און מען דענקט, אז איצט זענען
אין עסטרייך פארבליבן ניט מער ווי א
פאר צענדליק טויזנט יידן, אלטע לייט.
— אין דער יידישער געשיכטע אין מיט־
טלאלטער און דער נייער צייט האבן
עסטרייכישע יידן (אחוץ די יידן, וועל־
כע זענען געווען אין די דערמאנטע לענ־
דער, וואס האבן געהערט צו עסטרייך)
געשפילט א גרויסע ראלע, סיי אין רע־
ליגיע, סיי אין פינאנציעלע און סיי אין
פאליטישן לעבן. מיר ווילן דא דער־
מאנען נאר איינצלנע פערזענלעכקייטן:
רבי יצחק פון ווין, מחבר פון „אור
זרוע", רבי שלום פון ניישטאט, רבי
שמשון ווערטהיימער, רבי שמואל אפנ־
היימער, רבי יום־טוב ליפמאן העלער
(תוספת יום־טוב), און אין דער נייער
צייט, די ראטשילדס, די משכילים (בן
זאב, לעטערים און אנדערע), די געלערנ־
טע אין חכמת ישראל (וויס, איש שלום,
יעלינעק, גידעמאן, שווארץ, חיות און אנ־
דערע); אין זשורנאליסטיק (הערצל,
כמעט די אנגעזעענסטע זשורנאליסטן
פון דער „נייע פרייע פרעסע" און אנ־
דערע צייטונגען), ליטעראטור (וואסער־
מאן, שניצלער, בער־האפמאן און אנדע־
רע); וויסנשאפט (צווישן די גרעסטע איז
צו פארצייכענען פרויד), דער „השחר",
די ציוניסטישע באוועגונג. — וועגן דער
געשיכטע פון יידן אין עסטרייך, זענען
געשריבן געווארן פיל ביכער, מייסטנס
אין דייטש, צווישן זיי איז דאס וויכ־
טיקסטע: שוערער, „רעכטספארהעלט־
נישן פון יידן אין די דייטש־עסטרייכישע
לענדער".

**עץ הדעת, עץ החיים** (בוים פון
וויסן, בוים פון לעבן), אין חומש ברא־

שית ב׳ און ג׳ ווערט דערציילט, אַז אדם הראשון און חוה זענען געווען צוערשט אין גן עדן, וואו עס זענען געוואקסן ביימער מיט פרוכטן, און גאָט האָט אָנגעזאָגט אדמן, אַז פון אַלע ביימער מעג ער עסן, נאָר פון „עץ הדעת טוב ורע״, פון בוים צו וויסן גוטס און שלעכטס, טאָר ער נישט עסן און אין טאָג ווען ער וועט יאָ עסן פון אים וועט ער שטאַרבן. אָבער די שלאַנג (נחש) האָט אָנגערעדט חוהן, אַז זי זאָל יאָ עסן פון עץ הדעת; חוה האָט געגעסן און האָט אויך געגעבן אדמן צו עסן. גאָט האָט דעמאָלט געזאָגט: „הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע ועתה פן ישלח ידו ולקח גם מעץ החיים ואכל וחי לעולם״; „אדם איז געוואָרן ווי איינער פון אונדז צו וויסן גוטס און שלעכטס, און איצט טאָמער וועט ער נעמען און עסן אויך פון עץ החיים, פון בוים פון לעבן, און ער וועט לעבן אייביק״. גאָט האָט דעריבער אַרויסגעטריבן אדם און חוהן פון גן עדן, און אַוועקגעשטעלט די „כרובים״ און דעם „להט החרב המתהפכת״ (פייער פון דער דרייענדער שווערד) צו היטן דעם וועג צום עץ החיים. — וועגן דעם דאָזיקן סיפור זענען געשריבן געוואָרן פיל פירושים פון די יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפן, פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, אבן עזרא, רמב״ם, רמב״ן, מקובלים, פון וועלכע טייל טייטשן עס אויס אַלעגאָריש. פילאָן זאָגט, אַז אדם איז דער סימבאָל פון גייסטיקייט און חוה פון די זינלעכע נייגונגען, און די שלאַנג איז די תאוה, און דער „בוים פון וויסן״ איז דער געשלעכטלעכער טריב („ידע״ אין חומש האָט טיילמאָל די באַדייטונג פון געשלעכטלעכער באַציאונג).

## עקביא בן מהללאל

**עקביא בן מהללאל** תנא אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, אין אָנהויב פון 1טן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון הלל ושמאי; אין משנה עדיות ה׳ ווערט דערציילט וועגן אַ מחלוקה אין הלכה־ענינים צווישן עקביא און די חכמים. אין אבות ג׳ איז פאַראַן פון אים „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה״, דער מענטש זאָל באַטראַכטן דריי זאַכן וועט ער נישט קומען צו קיין עבירה, און די דריי זאַכן זענען: זע פון וואַנען דו קומסט, וואוהין דו גייסט, און פאַר וועמען דו וועסט דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון.

## עקדה

**עקדה** זע „יצחק״.

## עקיבא, רבי

**עקיבא, רבי** (געבוירן לערך אין יאָר 40 — געשטאָרבן לערך 137), איינער פון די גרעסטע תנאים פון דער משנה, קדוש, פון די עשרה הרוגי מלכות. לויט דעם ספּור אין דער גמרא נדרים נ׳ און אין אבות דרבי נתן ו׳ איז רבי עקיבא אין דער יוגנט געווען אַ פּאַסטוכער ביים רייכן ירושלימער כלבא שבוע, און איז געווען אַ עם הארץ. די טאָכטער פון כלבא שבוע האָט זיך אין אים פאַרליבט און חתונה געהאַט מיט אים אין געהיים קעגן איר פאָטערס ווילן; זי האָט אים אויך צוגערעדט, אַז ער זאָל אַוועק און לערנען תורה. ער האָט איר געפאָלגט און איז געוואָרן אַ תלמיד פון רבי אליעזר בן הורקנוס און רבי יהושע און נחום איש גמזו. רבי עקיבא איז נאָכער געוואָרן איינער פון די גרעסטע תנאים און געהאַט זיין ישיבה אין בני ברק און לויט איין סיפור האָט ער געהאַט 24 טויזנט תלמידים (יבמות ס״ב). ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון בר כוכבא קעגן דער רוימישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל, איז רבי עקיבא געוואָרן בר כוכבאס אָנהענגער און געגלויבט, אַז ער איז משיח, זאָגנדיק אויף אים דעם פסוק „דרך כוכב מיעקב״. לויט טייל מיינונגען זאָלן די

פיל רייזעס, וועלכע רבי עקיבא האט געמאכט אין לענדער אויסער ארץ־ישראל און וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אין דער גמרא (ראש השנה כ״ו און אנדערע ערטער) געהאט דעם ציל צו דערוועקן די יידן צו העלפן בר כוכבאן אין זיין אויפשטאנד. נאך דעם ווי די רוימער האבן באזיגט בר כוכבאן און איינגעפירט גזרות, צווישן־זיי, אז מען זאל נישט לערנען קיין תורה, האט רבי עקיבא נישט געפאלגט די גזירה און עפנטלעך (קהלות ברבים) געלערנט תורה מיט תלמידים, און די רוימער האבן אים ארעסטירט און איינגעזעצט אין תפיסה (ברכות ס״א). ער איז געזעסן אין תפיסה א לענגערע צייט, אזוי אז זיינע תלמידים האבן אים דארט באזוכט און געפרעגט שאלות (פסחים קי״ב און אנדערע ערטער). די רוימער האבן רבי עקיבאן פאראורטיילט צום טויט, און די גמרא אין ברכות ס״א דערציילט, אז ווען מען האט אים געפירט צום טויטן איז געוועזן די צייט פון קריאת שמע, און מען האט אים געריסן זיין לייב מיט שפיציקע אייזנס, אבער רבי עקיבא האט געזאגט קריאת שמע און זיין נשמה איז אויסגעגאנגען מיטן ווארט „אחד״. אין מסכתא שמחות ח׳ ווערט דערציילט, אז מען האט אים געטויט אין דער שטאט קסרין. — רבי עקיבאס תלמידים זענען געוועזן די אנגעזעענע תנאים רבי מאיר, רבי שמעון בן יוחאי, רבי יוסי, רבי יהודה, רבי נחמיה און אנדערע. לויט איין מיינונג זאל ער האבן געוועזן דער ערשטער וואס האט מחבר געוועזן משניות (משנת רבי עקיבא) און פון זיין ישיבה זאלן שטאמען אלע ספרים פון די תנאים. ווי ספרא, ספרי, תוספתא (סנהדרין פ״ו). ער האט אויפן גרונט פון די מידות (זע „מידות״) געדרשנט אויף די פסוקים פון דער תורה פיל הלכות (מנחות כ״ט). פון אים ווערט דערציילט אין חגיגה ט״ו, אז ער איז אריינגעגאנגען אין „פרדס״ (געלערנט די געהיימע לערע וועגן געטלעכקייטן) און איז ארויס בשלום. פון רבי עקיבא זענען פאראן אויך פיל אגדה ווערטער. אין אבות ג׳ זאגט ער די ווערטער „הכל צפוי והרשות נתונה״ (אלץ ווערט געזען דורך גאט און דער מענטש האט דעם אויסוואל), וואס איז דער אויסדרוק פאר דער באקאנטער פילאזאפישער פראגע וועגן „ידיעה ובחירה״ (זע „ידיעה ובחירה״). אין ספרא (פרשת קדושים) זאגט ער, אז „ואהבת לרעך כמוך״ (זאלסט ליב האבן דיין חבר ווי זיך זעלבסט) איז דער יסוד פון דער תורה. ער פלעגט, פונקט ווי זיין רבי נחום איש גם זו, אויף יעדער זאך זאגן „כל דעביד רחמנא לטב״ (וואס גאט טוט איז צום גוטן, ברכות ס׳). — לויט איין מיינונג אין ספרי זאל רבי עקיבא האבן געלעבט 120 יאר. — שפעטער האט מען וועגן טייל מיסטישע ספרים ווי „אותיות דרבי עקיבא״ און אנדערע, געזאגט, אז רבי עקיבא איז געוועזן זייער מחבר. — פרטים אין „תולדות תנאים ואמוראים״ פון היימאן.

**עקילס** זע „אונקלוס״, „תרגום״.

**עקרים** זע „עיקרים״.

**עראמה, יצחק** (1420 אין שפאניע — 1494 אין נעאפאל, איטאליע); באריימטער רב, דרשן און פילאזאף, מחבר פון פילאזאפישן דרוש־ספר „עקדת יצחק״, אדער ווי מען רופט עס סתם „עקדה״. דאס דאזיקע ספר אנטהאלט דרושים אויף תורה אין גייסט פון פילאזאפיע; דער מחבר פירט דא ויכוחים מיט די יידישע אפיקורסים פון זיין צייט און אויך מיט די משומדים וועגן דער יידישער און קריסטלעכער אמונות. ער

האט אויך מחבר געווען די ספרים „חזות קשה", „יד אבשלום" און אנדערע. דער „עקדת יצחק" איז געווען זייער פאפולער צווישן די יידישע דרשנים. — זיין זון איז געווען רבי מאיר עראמה (געשטארבן 1556 אין סאלאניקי) רב און מחבר.

**ערב** אין העברעאיש איז ערב דער טייטש „אוונט", און אין בראשית א' איז פאראן „ויהי ערב". אבער צוליב דעם וואס ביי יידן הויבט זיך אן דער טאג פון פאריקן אוונט, און דערפאר הויבן זיך אן אויך שבת, יום־טוב און אנדערע פייערלעכע טעג פון פאריקן אוונט, הייסט אויך דער טאג פאר שבת און פאר יום־טוב „ערב שבת" און „ערב יום־טוב" (משנה שבת א', „ערב שבת"; משנה פסחים ט' „ערבי פסחים" און פיל אנדערע ערטער). דער ערב שבת, פרייטיק, האט שוין א געוויסע הייליקייט פון שבת, און טייל חסידים און מקובלים פלעגן שוין פון 12 בייטאג נישט טאן קיין מלאכה, און אנטאן זיך די שבתדיקע מלבושים. ערב יום כפור האט פיל פון דער פייערלעכקייט פון יום כפור. דאס זעלבע ערב פסח. — זע זוכווערטער „יום כפור", „פסח", „שבת". — וועגן ערב ראש חודש זע „יום כפור קטן".

**ערב רב** אין חומש שמות י"ב ווערט געזאגט, אז ווען די יידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים „וגם ערב רב עלה אתם", איז מיט זיי מיטגעגאנגען דער „ערב רב". געוויינלעך טייטשט מען דעם דאזיקן אויסדרוק „א גרויסער צומיש" (פון ווארט „ערב", „מישן") און דאס זאל מיינען, אז עס זענען מיטגעגאנגען אויך נישט־יידן, גרים, אדער אזעלכע וואס זענען געבוירן געווארן פון געמישטע הייראטן פון יידן און מצריים. דער מדרש אין שמות און אויך די מקובלים (זהר) האלטן, אז די אלע זיינד, וואס די יידן זענען באגאנגען אין מדבר, די זינד פון עגל און אנדערע, זענען געווען אונטער דעם שלעכטן איינפלוס פון דאזיקן „ערב רב".

**ערבות** זע „הושענא".

**ערוב, ערובין** זע „עירוב", „עירובין".

**ערד־ארבעט** זע „לאנדווירטשאפט".

**ערדציטערניש** אין תנ"ך געפינט מען פיל מאל אנווייזונגען אויף פארגעקומענע פארפאלן פון ערד־ציטערניש אין ארץ־ישראל; דער נאמען דערפאר איז „רעש". אין עמוס א' ווערט דערציילט וועגן „רעש". אין דער משנה ברכות ט' הייסט עס „זוועות", און די משנה זאגט אז מען דארף דערויף מאכן א ברכה „שכחו וגבורתו מלא עולם".

**ערוך** זע „נתן בן יחיאל".

**ערי מקלט** אין חומש במדבר ל"ה ווערט געזאגט, אז א ריי שטעט אין ארץ־ישראל און עבר הירדן זענען באשטימט געווען אלס „ערי מקלט" (שטעט פון אנטרינונג), וואוהין עס פלעגן אנטלויפן די „רוצחים בשוגג", דאס הייסט, אזעלכע וואס האבן געהרגעט א מענטש ניט ווילנדיק. זיי זענען דארט געזעסן ביז דער כהן גדול איז געשטארבן און ערשט דעמאלט האבן זיי געמעגט פארלאזן די ערי מקלט. וועגן ערי מקלט איז אויך פאראן אין ספר יהושע כ'.

**עריות** מיטן ווארט „עריות" ווערן אין דער יידישער רעליגיע באצייכנט פרויען פון נאענטער משפחה, מיט וועלכע מען טאר נישט חתונה האבן, ווי מור-

טער, פאטערס פרוי, שוועסטער, דער פרויס טאכטער, דער פרויס מוטער, שנור און אנדערע. זיי ווערן אויסגערעכנט אין חומש ויקרא י"ח וואו זיי הייסן „ערוה". אין דער משנה און גמרא ווערן צוגערעכנט אויך אזעלכע נאענטע משפחה־פרויען, וואס הגם לויט דער תורה מעג מען יא מיט זיי חתונה האבן, אבער די רבנן האבן פארבאטן; זיי הייסן „שניות" (יבמות כ"א און אנדערע ערטער).

**ערכין** מסכתא אין סדר קדשים, האט 9 פרקים משניות, אויף וועלכע עס איז פאראן גמרא בלויז בבלי (נישטא קיין ירושלמי); תוספתא נאר 5 פרקים. די מסכתא באהאנדלט די דינים פון אפשאצן („ערך") דעם ווערט פון זאכן, וואס מען האט מקדיש געווען צו גאט און מען וויל זיי אויסלייזן און באצאלן דאס געלט.

**ערל** איינער וואס איז נישט געמלט הייסט „ערל" (שמות י"ב און אנדערע ערטער אין תנ"ך). דערפון הייסט א נישט־ייד ,ערל". זע זכווארט „מילה".

**ערלה** אין חומש ויקרא י"ט ווערט געזאגט, אז ווען מען פלאנצט א פרוכטן־בוים זאל מען די ערשטע 3 יאר נישט עסן פון דער פרוכט פון בוים; די דאזיקע פרוכט הייסט „ערלה" (פארשטאפונג). די משנה און גמרא זאגן, אז מען טאר אויך נישט הנאה האבן פון ערלה־פרוכטן, ווי למשל מען טארנישט פאר קויפן די ערלה־פרוכטן צו א נישט־יידן און נוצן דאס דערהאלטענע געלט.

**ערלה** נאמען פון א מסכתא משניות אין סדר זרעים, אנטהאלט 3 פרקים משניות און גמרא ירושלמי (בבלי איז נישטא), און תוספתא איין פרק; באהאנדלט די דינים פון ערלה.

**ערליך, פאאול** (1854 — 1915 אין דייטשלאנד); בארימטער יידישער מעדיצין־פארשער, לייטער פון מעדיצינישן פארשונגס־אינסטיטוט אין פראנקפורט אם מיין, אנטדעקט אין יאר 1909 דאס מיטל „סאלווערסאן" קעגן סיפילים, באקומען נאבל־פרעמיע; געווען מיטגליד אין דעם יידישן פאריין „למען ציון".

**עשה** זע „מצוה".

**עשו** עלטסטער זון פון יצחק אבינו און רבקה. אין חומש בראשית כ"ה ווערט דערציילט, אז רבקה האט געבוירן א צווילינג עשו און יעקב, און אז עשו איז געווען „איש שדה יודע ציד", א פעלד־מענטש, וואס האט זיך פארנומען מיט יאכט, פאנג, און יעקב איז געווען דער „איש תם יושב אהלים", וואס איז געזעסן אין געצעלט. עשו איז געווען דער בכור, נאר יעקב האט ביי אים אפגעקויפט די בכורה פאר א נזיד עדשים, געקעכטס פון לינזן. אין חומש בראשית ווערט אויך דערציילט, ווי יצחק, וועלכער איז שוין געווען בלינד, האט געוואלט בענטשן עשון, נאר יעקב האט זיך פארשטעלט פאר עשו און באקומען פון יצחק די ברכה. יעקב אויס מורא פאר עשו איז אנטלאפן. ווען יעקב איז צוריקגעקומען איז אים עשו אנטקעגנגעגאנגען, און יעקב האט מורא געהאט, אז עשו וועט אים און זיין פאמיליע אומברענגען אבער עשו האט אים אויפגענומען ברידערלעך, זיך געקושט מיט אים, און דעמאלט האבן זיי זיך צעשיידט (בראשית קאפיטלעך כ"ה — ל"ג). עשו האט זיך באזעצט אין שעיר, אין לאנד אדום. לויט א שפעטערער מסורה (סוטה י"ג) איז עשו געהרגעט געווארן דורך חושים בן דן, און לויט אן אנדערער מסורה דורך יהודה (ירושלמי גטין ה'). — עשו, פונקט ווי אדום, איז געווארן

דער סימבאָל פון יעדן ניט־ייד, און באַזונדערס פון רוים. אויף דעם פסוק אין חומש „והידים ידי עשו'' זאָגט די גמרא אין גטין נ''ה, אַז דאָס מיינט מען דעם רוימישן קייסער אדרינוס, וועלכער האָט פאַרניכטעט ארץ־ישראל. — זע זוכוואָרט „אדום''.

**עשירות** די באַציאונג פון דער יידישער רעליגיעזער וועלט צו עשירות, רייכטום, איז געווען אַן עטישע. אַ רייכער מאַן, וואָס גיט צדקה, איז נישט געוואָרן געטאַדלט. אָבער גלייכצייטיק געפינען מיר פיל ווערטער אין תנ''ך, משנה און גמרא און שפּעטערע ספרים, וועלכע באַטראַכטן דאָס אָנזאַמלען רייכטום אַלס נישט קיין גוטע זאַך פאַר דעם מענטש. אין משלי כ''ג ווערט געזאָגט „אל תיגע להעשיר'' (באַמי זיך נישט צו ווערן רייך). אין דער משנה אבות ד' ווערט געזאָגט „איזה עשיר? השמח בחלקו'', ווער הייסט רייך? דער וואָס איז צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט. אין גטין ע' ווערט געזאָגט וועגן רייכטום „מיעוטו יפה ורובו קשה'', אַביסל איז גוט, אַ סך טויג נישט. די גמרא מנחות פ''ו זאָגט „עשירים מקמצין'', רייכע לייט זענען קמצנים. אין יומא ל''ה זאָגט די גמרא, אַז אַ רייכער מאַן וועט זיך נישט קאָנען פאַרענטפערן אויף יענער וועלט, אַז ער האָט נישט געקאָנט זיצן און לערנען זייענדיק פאַרנומען מיט געשעפטן, ווייל אלעזר בן חרסום, וועלכער איז געווען אַ גרויסער גביר איז יאָ געזעסן און געלערנט. — זע זוכוואָרט „אָרעמקייט''.

**עשרה בטבת** (10טער טאָג אין טבת), תענית, ווייל אין דאָזיקן טאָג האָט די אַרמיי פון בבל אָנגעהויבן באַלאַגערן ירושלים בעת דעם חורבן פון ערשטן בית המקדש (מלכים ב' כ''ה). דער תענית ווערט דערמאָנט אין זכריה ח' („צום העשירי'', „דער תענית פון 10טן חודש'', טבת איז דער 10טער חודש אין יידישן קאַלענדאַר, ווען מען רעכנט ניסן אַלס ערשטן חודש).

**עשרה בטלנים** זע „בטלנים''.

**עשרה הרוגי מלכות** (10 קדושים וואָס זענען געטויט געוואָרן דורך דער רוימישער רעגירונג). פאַראַן אַ זייער אַלטער ספור, אַז די רוימישע רעגירונג האָט נאָכן חורבן פון פעסטונג ביתר געטויט 10 גרויסע יידישע תנאים. דער ספור ווערט געברענגט אין מדרש איכה רבה ב' אויפן פסוק „בלע ה' ולא חמל'', און דער מדרש רעכנט אויס אַלס די דאָזיקע קדושים די תנאים: רבי ישמעאל, רבן גמליאל, רבי ישבב, ר' יהודה בן בבא, ר' חוצפית המתורגמן, רבי יהודה הנחתום, רבי חנניה בן תרדיון, רבי עקיבא, בן עזאי און רבי טרפון; דער מדרש באַמערקט דערצו, אַז טייל נעמען אַרויס רבי טרפון און געבן צו רבי אלעזר חרסנא. עס זענען פאַראַן צוויי נוסחאות פון דעם ספור אין די קליינע מדרשים פון „אלה אזכרה'', אויף וועלכע עס שטיצט זיך די קינה „אלה אזכרה'', וואָס מען זאָגט יום כפור צו מוסף. פון די דאָזיקע נוסחאות איז צו זען, אַז אין מדרש איז אַ גרייז און אַנשטאָט רבן גמליאל, דאַרף זיין רבן שמעון בן גמליאל, דער נשיא ביי יידן אין דער צייט פון חורבן בית שני. לויט דעם ספור פון די דאָזיקע קליינע מדרשים זענען אַלע 10 תנאים אומגעקומען אין איין צייט. אָבער דאָס שטימט נישט מיט די היסטאָרישע פאַקטן, ווייל ווי מיר ווייסן איז, למשל, דער תנא רבי עקיבא אומגעקומען 57 יאָר נאָכן חורבן בית המקדש, אַלזאָ נאָך רבן שמעון בן גמליאל; דאָס זעלבע איז אויך מיטן תנא רבי חנניה

בן תרדיון. — וועגן יעדן פון די אומגעקומענע תנאים געבן מיר ביי די באַטרעפנדע ווכווערטער: „ישמעאל״, „שמעון בן גמליאל״, „עקיבא״ און אזוי כסדר. — אחוץ דער סליחה „אלה אזכרה״ אין יום כפור איז אויך פאַראַן א קינה צו תשעה באב „ארזי הלבנון״ וועגן די עשרה הרוגי מלכות.

## עשרים וארבע זע „תנ״ך״.

**עשרת הדברות** (10 געבאָטן), די 10 געבאָטן, וואָס די יידן האָבן, ווי דער חומש (שמות כ׳ און דברים ה׳) דערציילט, געהערט פון גאָט אויפן באַרג סיני ביים געבן זיי די תורה. אין חומש שמות ל״ד און דברים י׳ הייסן זיי „עשרת הדברים״. די עשרת הדברות זענען פאָלגנדע: 1) אנכי (איך בין דיין גאָט); 2) לא יהיה (זאָלסט נישט האָבן קיין אנדערן גאָט און נישט דינען צו קיינע אָפּגעטער); 3) לא תשא (זאָלסט נישט שווערן אין גאָטס נאָמען פאַלש); 4) זכור את יום השבת (זאָלסט אָפּהיטן דעם הייליקן טאָג שבת נישט צו טאָן אין אים קיין מלאכה); 5) כבד את אביך ואת אמך (זאָלסט ערלעך האַלטן דיין פאָטער און דיין מוטער); 6) לא תרצח (זאָלסט נישט מאָרדן קיין מענטש); 7) לא תנאף (נישט מזנה זיין); 8) לא תגנב (נישט גנבענען); 9) לא תענה (נישט עדות זאָגן קיין פאַלשע עדות); 10) לא תחמד (נישט גלוסטן זאַכן וואָס געהערן צו אַן אנדערן). צווישן די צוויי נוסחאות פון די עשרת הדברות אין שמות כ׳ און דברים ה׳ זענען פאַראַן קליינע ענדערונגען אין איינצלנע ווערטער. — די עשרת הדברות ווערן גערעכנט אלס דער יסוד פון דער יידישער רעליגיע. אין דער צייט פון בית המקדש איז געווען איינגעפירט צו זאָגן אין דאַווענען יעדן טאָג די עשרת הדברות (תמיד ה׳). די שפּעטערע מפרשים (אויך פילאָן פון אלעקסאַנדריע) האָבן זיך באַמיט אויפצעווייזן, אַז אַלע אנדערע מצוות פון דער תורה געפינען זיך אין די עשרת הדברות, און אין דעם דאָזיקן געדאַנק זענען געשריבן געוואָרן פיל פיוטים צו שבועות.

**עשרת השבטים** (די צען שבטים): אין ספר מלכים א׳ י״ב געפינען מיר, אַז ווען שלמה המלך איז געשטאָרבן, האָט ארץ־ישראל זיך צעטיילט אין צוויי מלוכות: אין מלכות יהודה, מיט ירושלים אלס הויפּטשטאָט, וואָס האָט ארומגענומען צוויי שבטים, יהודה און בנימין, און מלכות ישראל, וואָס האָט ארומגענומען 10 שבטים, ראובן, שמעון, יששכר, זבולון, דן, נפתלי, גד, אשר, אפרים און מנשה, און די הויפּטשטאָט איז געווען צוערשט שכם און צולעצט שומרון. די מלכות ישראל איז חרוב געוואָרן דורך דעם מלך אשור. אין דער צייט פון איר לעצטן מלך הושע בן אלה, אין יאָר 722 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, און אַ גרויסער טייל פון די איינוואוינער איז פאַרטריבן געוואָרן קיין אשור און זיי זענען באַזעצט געוואָרן אין חלח, חבור, טייך גוזן און די שטעט פון מדי (מלכים ב׳ י״ז). וואָס איז געוואָרן מיט די דאָזיקע פאַרטריבענע 10 שבטים, די עשרת השבטים? עס איז געוויינלעך אָנגענומען, אַז דאָס שפּעטערע יידישע פאָלק האָט געשטאַמט נאָר פון די צוויי שבטים יהודה און בנימין. די גמרא יבמות ט״ז זאָגט, אַז די עשרת השבטים זענען אַסימילירט געוואָרן צווישן די נישט יידן פון די לענדער, וואוהין מען האָט זיי פאַרטריבן. די גמרא מגילה י״ד זאָגט, אַז ירמיהו הנביא האָט זיי צוריקגעבראַכט קיין ארץ־ישראל. אין מדרש איכה רבה ב׳ איז פאַראַן דער ספּור, אַז זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן אין יענער זייט פון טייך

סמבטיון. אין מיטלאלטער זענען געווען ספורים, אז זיי געפינען זיך אין יענער זייט פון די הרי חושך. פון צייט צו צייט פלעגן זיך באווייזן רייזנדע, וואס האבן דערציילט, אז זיי קומען פון די לענדער פון די עשרת השבטים, און אז די דאזיקע יידן האבן אייגענע מלוכות מיט אייגענע מלכים. אזא רייזנדער איז געווען אין 9טן יארהונדערט אלדד הדני, וועלכער האט דערציילט אז ער איז פון שבט דן. אין 16טן יארהונדערט האט זיך באוויזן אין אייראפע און ארץ־ישראל דוד הראובני, וועלכער האט דערציילט, אז ער איז פון שבט ראובן. יידן און אויך קריסטן האבן פון צייט צו צייט געשיקט משולחים אין די עקזאטישע לענדער פון אזיע, אפריקע און ניי־אנטדעקטן אמעריקע צו געפינען די עשרת השבטים. רבי מנשה בן ישראל האט געהאלטן, אז די אינדיאנער אין אמעריקע זענען די עשרת השבטים. עס זענען געווען מיינונגען, אז די ענגלענדער און די יאפאנער זענען די עשרת השבטים. די פראגע פון די עשרת השבטים איז נאך ביז איצט נישט אויפגעקלערט. דער רייזנדער כשדאי אין זיין „שבטי יעקב" זאגט, אז די ארמענער און די פעלקער אין קאווקאז שטאמען פון די עשרת השבטים און ער באמיט זיך דאס צו באווייזן אויפן גרונט פון דאקומענטן אין יענע לענדער. — זע זוכווערטער „אלדד הדני", „בני משה", „דוד הראובני", „הרי חושך", „סמבטיון". — פרטים בײ לאזאר „עשרת השבטים", כשדאי „שבטי יעקב ונצורי ישראל".

**עשרת ימי תשובה** זע „ימים נוראים".

**עשתורת** אפגעטין, דער סימבאל פון דער לבנה, די „קעניגין פון הימל", צו וועלכער עס האבן געדינט טייל אלט־סעמיטישע פעלקער. די תנ"ך־ספרים שופטים ב' און שמואל א' ז' דערציילן, אז ווען יידן האבן געדינט עבודה זרה האבן זיי געדינט צווישן אנדערע אויך צו דער עשתורת. די „עשתורת" איז פארגעשטעלט געווארן אין לייכטנדע שטראלן, דערפון איז „עשתרות קרנים" (בראשית י"ד).

**עתליה** טאכטער פון אחאב מלך ישראל, קעניגין פון יהודה דורך חתונה האבן מיט יורם מלך יהודה. זי האט, נאכן טויט פון איר זון אחזיה, געטויט אלע קינדער פון אחזיה און האט זיך פראקלאמירט אלס קעניגין פון יהודה, און האט געהערשט 7 יאר. זי איז געטויט געווארן דורך אויפשטענדער אונטער דער פירונג פון יהוידע כהן גדול, וועלכער האט אויסגערופן אלס קעניג יואש, א יונג קינד פון אחזיה, וועלכער איז ניצול געווארן דאדורך, וואס ער איז באהאלטן געווארן. עתליה האט געפרואווט איינפירן אין יהודה די געצנדינסט פון בעל (דער ספור וועגן עתליה געפינט זיך אין מלכים ב' י"א). די טראגישע פאסירונגען פון עתליה האבן געדינט אלס טעמע פאר די דראמאטישע ווערק פון ראסין („עתליה"), און אנדערע, ווי אויך דער אראטאריע פון הענדל און אפערע פון מענדלסאן.

**עתניאל בן קנז** דער ערשטער שופט ביי יידן אין דער צייט פון די שופטים (שופטים ב'); ער האט געשטאמט פון שבט יהודה; אין דער גמרא (תמורה ט"ז) ווערט געבראכט, אז ער האט ממשיך געווען די תורה שבעל פה.

**פ (פא)** דער 17טער בוכשטאַב איז העברעאישן און יידישן אלף־בית; פאַראַן א „פּ" און א „פ"; צום סוף ווארט איז אין העברעאישן פאַראַן א „ף" („לאַנגע פא"), אין יידיש איז צום סוף ווארט פאַראַן א „פ" און א „ף"; אלס ציפער איז „פ" אכציק. — זע זוכווארט „ע" וועגן דער אַמאָליקער אָרדנונג אין אלף־בית, אין וועלכער די „פ" איז געווען פאַר דער „ע".

**פאה** זע „לקט, שכחה, פאה".

**פאה** מסכתא משניות אין סדר זרעים, 8 פרקים, גמרא ירושלמי (בבלי נישטאָ); תוספתא 4 פרקים; באַהאַנדלט די דינים פון לקט, שכחה און פאה. — זע „לקט, שכחה, פאה".

**פאות (עקן)** מיטן דאָזיקן נאָמען ווערן אָנגערופן די לאַנגע לאָקן האָר, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון ביידע זייטן קאָפּ אויף די קינבאַקן. דער חומש (ויקרא י"ט) זאָגט אָן אַז די דאָזיקע האָר טאָר מען נישט „פאַרקיילעכן" (לא תקיפו), און די גמרא (מכות כ') טייטשט אויס, אַז מען טאָר זיי נישט אָרומשערן, אַז עס זאָל גאָרנישט בלייבן פון זיי. גאָר פרומע יידן, באַזונדערס רבנים, האָבן איבערהויפּט נישט אָפּגעשוירן זיך די פאות, און זיי האָבן געטראָגן לאַנגע פאות.

**פאַזנאַנסקי, שמואל אברהם** (1864 — 1921 אין וואַרשע), ראַבינער, ציוניסטישער כלל־טוער, געלערנטער אין חכמת ישראל; ראַבינער אין דער שול אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע; פאַרשער פון דער עפּאָכע פון די גאונים און דער קאַראַאימער־סעקטע; פאַרעפנטלעכט פיל מאמרים אין ענציקלאָפּעדיעס און צייט־שריפטן איבער חכמת ישראל; לייטער פון יודאַאיקאַ־סעמינאַר אין וואַרשע.

**פאָטאָצקי, אברהם** לעגענדאַרע געשטאַלט פון א פּוילישן מאַגנאַט, וואָלענטין גראַף פּאָטאָצקי, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט א יידישן למדן און פון אים געלערנט יידישקייט. נאָכער איז ער אַוועק קיין אַמסטערדאַם, וואו ער האָט זיך מגייר געווען. ער איז צוריקגעקומען קיין פּוילן און זיך באַזעצט אין ווילנע, וואו ער האָט געלעבט אלס פרומער ייד. צוליב א מסירה האָט מען אים אַרעסטירט און ער איז פאַרברענט געוואָרן אויף קידוש השם אין ווילנע דעם 2טן טאָג שבועות תק"ט (1749). זיין אַש האָבן יידן קובר געווען און עד היום געפינט זיך דער קבר פון פאָטאָצקי גר צדק אין ווילנע. ביז איצט איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן צי די לעגענדע האָט א היסטאָרישן יסוד. פון פּוילישע היסטאָרישע קוואַלן איז די דאָזיקע פּאַסירונג נישט באַקאַנט. וועגן דער פּאָטאָצקי־לעגענדע זענען געשריבן געוואָרן פיל דערציילונגען. — זע פיין, „קריה נאמנה".

**פאַלאַשן** נאָמען פון שוואַרצע יידן אין אַביסיניע. דאָס ווארט „פאַלאַשן" זאָל האָבן די באַדייטונג פון „פרעמדע" (זיכער איז עס נישט). זייער צאָל איז ביי 40 טויזנט. זיי האַלטן פון גרעסטן טייל פון יידישע מצוות, אָבער נישט פון אַלע. זיי היטן אָפּ שבת, שחיטה, וואַשן זיך צום עסן און מאַכן א ברכה, מילה, זיי ווייסן נישט פון ציצית, תפילין,

מזוזה. זיי פאסטן דעם 10טן טאג פון יעדן חודש (זכר פון יום כפור); מקריב קרבן פסח; עסן א סארט מצות, אויך אין סוכות; שבועות פייערן זיי דעם 12טן טאג אין סיון; מקריב קרבנות דורך כהנים; זיי האבן זייערס א סידור, פון וועלכן זיי דאווענען; האבן דעם תנ״ך, אבער נישט אין העברעאיש נאר אין דער אלטער אבעסינישער שפראך (געז). פון דער העברעאישער שפראך ווייסן זיי גארנישט. — זייער אפשטאמונג איז א נישט קלארע. לויט טייל מיינונגען זענען זיי אור־אייניקלעך פון נישט־יידישע שווארצע פעלקער (פון „כוש״), וועלכע האבן זיך מגייר געווען אין דער גאר אלטער צייט; לויט אן אנדערער מיינונג זענען זיי אור־אייניקלעך פון אנגעקומענע אראבישע יידן. פאראן א מיינונג, אז די ספורים אין מיטלאלטער וועגן די עשרת השבטים (זע „עשרת השבטים״) האבן זיך באצויגן אויף די פאלאשן. די רבנים פון מצרים (רדב״ז אין 16טן יארהונדערט) האבן געוואוסט פון זיי און ברענגען וועגן זיי אין די תשובות־ספרים. דער ערשטער יידישער פארשער פון אייראפע, וואס איז געקומען צו זיי, איז געווען פראפעסאר יוסף הלוי פון דער „אליאנס״ (אין יאר 1868); נאכער דר. פייטלאוויטש, דר. חיים נחום. — א גרינטלעכער ארבעט איבער די פאלאשן האט געשריבן אברהם עפשטיין אין זיין „אלדד הדני״. — זע „אבעסיניע״.

**פאלעסטינע** זע „ארץ־ישראל״.

**פאלקלאר** מיטן נאמען פאלקלאר ווערן אנגערופן אלע געביטן פון פאלקס־לעבן: לידער, פאלקס־גלויבונגען, אבערגלויבונגען, לעגענדעס, סגולות, מנהגים לעבנס־שטייגער וכדומה. מיט דער פארשונג פון יידישן פאלקלאר האבן זיך אין די לעצטע צענדליקער יארן פארנומען א ריי אנגעזעענע געלערנטע און איינער פון זיי, דר. גרונוואלד האט ארויסגעגעבן אין דייטש די צייטשריפט, מיטטיילונגען פאר יידישע פאלקסקונדע״ (פון יאר 1897 אן); אין יידיש באשעפטיקט זיך מיט פארשן דעם יידישן פאלקלאר דער „ייווא״, און זיינע שריפטן און אויסגאבן זענען אין א גרויסן טייל געווידמעט דעם יידישן פאלקלאר; באזונדערע אויסגאבן וועגן יידישן פאלקלאר זענען פאראן פון י. ל. כהן (יידישע פאלקלאר), „ביי אונז יידן״ פון וואנווילד, אין די העברעאישע „רשומות״ און אנדערע.

**פאלקס־פארטיי** די יידישע „פאלקס־פארטיי״ איז געגרינדעט געווארן אין רוסלאנד, אין יאר 1906 דורך שמעון דובנאוו, עפרויקין, קריינין. די גרונט־אידעאלאגיע פון דער פארטיי איז, אז די יידן זענען פארשפרייט צווישן פעלקער און זיי וועלן פארבלייבן אין די דאזיקע גלות־לענדער, וועלכע זענען אבער נישט קיין גלות־לענדער נאר די היים־לענדער פאר יידן, די יידן דארפן דעריבער אין די אלע לענדער, וואו זיי זענען פאראן אין גרעסערע מאסן, באקומען נאציאנאל־קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע אויטאנאמיע, פארקערפערט אין א קהלות־פאריייניקונג מיט אייגענער שפראך־רעכט און אייגענע שולן. די דאזיקע פאלקס־פארטיי איז געווארן באדייטנד פארגרעסערט שפעטער אין פוילן אין יאר 1916, און די פירער זענען געווען ה. ד. נאמבערג, נח פרילוצקי, שמואל הירשהארן. די פארטיי האט דערקלערט, אז יידיש איז די נאציאנאלע יידישע שפראך; געגרינדעט יידישע שולן, אנטיילגענומען אין פאליטישן לעבן און געהאט דערפאלג אין עטלעכע וואלן צום פוילישן סיים און שטאט־ראטן; געהאט אייגענעם ארגאן „דאס פאלק״.

זינט 1926 איז די פּאַרטיי זיך צעפאַלן און איר איינפלוס איז געפאַלן.

**פּאַראַגוויי** לאַנד אין דרום־אַמעריקע, לערך 1 מיליאָן איינוואוינער, לערך 2,500 יידן, געקומען אַמייסטנס נאָך דער וועלט־מלחמה 1914 — 1918; וואוינען אין גרעסטן טייל אין דער הויפּטשטאָט אַסונסיון.

**פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע** נאָמען פון גרעסטן (אין צאָל פון מענטשן) לאַנד אין אַמעריקע, וואָס איז אַ פאַרייניקונג פון 48 שטאַטן; באַקאַנט אויך סתם אַלס „אַמעריקע"; לערך 130 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 5 מיליאָן יידן; הויפּטשטאָט וואַשינגטאָן; גרעסטע שטאָט איז ניו־יאָרק, וועלכע איז אויך דער גרעסטער יידישער קבוץ אין דער וועלט (איבער 2 מיליאָן איינוואוינער). — די געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע איבערהויפּט הויבט זיך אָן מיט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע דורך קאָלומבוס אין 1492, מיט וועמען עס זענען אויך דער אַנטדעקונגס רייזע מיטגעפאָרן עטלעכע יידן־אַנוסים פון שפּאַניע. אָבער וועגן די ערשטע יידישע איינוואוינער אין די לענדער, וואָס געהערן איצט צו די פאַרייניקטע שטאַטן (וואָס מיר וועלן פון איצט, צוליב קיצור, רופן סתם אַמעריקע), האָבן מיר ידיעות ערשט פון דער מיט פון 17טן יאָרהונדערט, און איינער פון די ערשטע ערטער, וואו יידן האָבן זיך באַזעצט איז געווען ניו־יאָרק (דעמאָלט „ניו־אַמסטערדאַם"). די ערשטע יידישע אימיגראַנטן זענען געווען אַמייסטן ספרדישע און פּאָרטוגעזישע יידן, וועלכע זענען געקומען פון בראַזיליע און אַנדערע לענדער אין דרום־אַמעריקע. אחוץ ניו־יאָרק האָבן יידן זיך באַזעצט אין די ערשטע צייטן אין באָסטאָן, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, ריטשמאָנד, טשאַלסטאָן, ניופּאָרט, און אַנדערע. ווען אַמעריקע איז דערקלערט געוואָרן אַלס זעלבסטשטענדיק לאַנד (אין 1776) האָבן יידן באַקומען פולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג מיט אַלע אַנדערע איינוואוינער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט פּראָקלאַמירט גלייכבארעכטיקונג פאַר יידן. ווען די יידישע קהלה אין ניופּאָרט האָט געשיקט צום ערשטן פּרעזידענט וואַשינגטאָן איר וואונטש אין יאָר 1790, האָט וואַשינגטאָן געענטפערט, אַז די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרדינען געלויבט צו ווערן נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן דערקלערט רעליגיעזע טאָלעראַנץ, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן איין געזעץ פאַר אַלע איינוואוינער, אָן אונטערשיד פון רעליגיע. — אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט זענען געקומען קיין אַמעריקע צענדליקער טויזנטער יידן פון דייטשלאַנד. אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, באַזונדערס נאָך 1882, די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אימיגראַציע־שטראָם פון יידן פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער (רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, רומעניע, ליטע און אַנדערע), וועלכער האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה 1914 — 1918, און האָט געדויערט ביז עס איז נאָך 1923 שטאַרק באַגרענעצט געוואָרען לויט געזעץ די אימיגראַציע קיין אַמעריקע. איצט איז פאַראַן אין אַמעריקע אַ דריטל יידן פון דער גאַנצער וועלט. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען קאָנצענטרירט אין אַ ריי גרויסע שטעט: אין ניו־יאָרק לערך 2 מיליאָן, שיקאַגאָ לערך 350 טויזנט יידן, פילאַדעלפיע לערך 250 טויזנט, קליוולאַנד לערך 120 טויזנט, באָסטאָן לערך 120 טויזנט, באַלטימאָר לערך 100 טויזנט, לאָס אַנדזשעלעס לערך 75 טויזנט.

סענט לואיס 60 טויזנט, סאן פראנציסקא לערך 50 טויזנט, ראטשעסטער לערך 50 טויזנט. — די יידישע באפעלקערונג אין אמעריקא קאן מען איינטיילן אין פאר־שידענע שיכטן, וועלכע זענען אין א גע־וויסער מאס געווען אפגעטיילט איינע פון די אנדערע. די ערשטע זענען געווען די פארטוגעזיש־שפאנישע יידן, וועמענס צאל ווערט קלענער פון יאר צו יאר. די צווייטע שיכט איז געווען פון די אנגעקו־מענע דייטשע יידן, וועלכע זענען געקו־מען קיין אמעריקע מייסטנס אין דער מיט פון 19טן יארהונדערט. זיי האבן ארויסגעגעבן די גרויסע יידישע פינא־סיסטן, אינדוסטריעלער, אדוואקאטן, דאקטוירים און זיי האבן זיך אויך אויס־געצייכנט מיט ארגאניזירן דאס יידישע לעבן אין די שולן, צדקה־אנשטאלטן. צו זיי געהערן אזעלכע אנגעזעענע יידיש־אמעריקאנער פאמיליעס ווי שיף, שטרויס, מארגענטוי, גוגנהיים און אנ־דערע. טייל פון די דאזיקע דייטשע יידן האבן ארויסגעוויזן א גרויסע נייגונג צו דער רעליגיעזער רעפארם־באוועגונג און זיי האבן אויך געשאפן די ערשטע רע־פארם־טעמפלען. טייל פון זיי האבן גע־קוקט אויף די יידן פון די אנדערע לענ־דער פון אויבן אראפ; מען האט זיי גע־רופן „יאהודים", און באטראכט אלס אן אפגעטיילטע יידישע שיכט. די דריטע שיכט זענען די יידן געקומענע פון פוילן, רוסלאנד, ליטע, וועלכע זענען אין גרע־סטן טייל געווען אין די ערשטע צייטן פון זייער קומען ארבעטער, מייסטנס אין קליידונג־פאך, געארבעט אין די פאבריקן, און ערשט נאכער האבן טייל פון זיי זיך ארויפגעארבעט און אליין געווארן אינ־דוסטריעלער, אליין געגרינדעט פאבריקן, געגעבן זייערע קינדער העכערע בילדונג. די דאזיקע שיכט יידן האט אין דער ער־שטער צייט זיך גרופירט ארום די לאנדס־מאנשאפטן, דאס הייסט, אנגעקומענע פון איין שטאט פון דער אלטער היים האבן זיך ארגאניזירט אין איין שול (אדער אין עטלעכע שולן), אין א הילפס־פאריין („סאסייעטי") און אזוי זענען אנטשטאנען די פארשידענע שולן און לאנדסמאנשאפטן אנגערופן לויט די שטעט־נעמען פון דער אלטער היים, ווי „אנשי ווארשע", „אנשי לאדז", „אנשי ביאליסטאק" וכדומה. מיט דעם באגרע־נעצן פון דער אימיגראציע האבן די לאנדסמאנשאפטן פארלוירן פיל פון זיי־ער אמאליקער באדייטונג. — אין רעלי־גיעזער הינזיכט זענען די יידן אין אמע־ריקע געטיילט אין ארטאדאקסן (פול־שטענדיק פרומע יידן), קאנסערוואטיוון (וואס זענען ניט שטרענג אין מצוות און דינים, אבער באמיען זיך, באזונדערס אין שול־לעבן, אפצוהיטן א גרויסן טייל פון דער יידישער רעליגיעזער טראדיציע), האלבע רעפארמער און עקסטרעמע רע־פארמער; לעבן דעם גרעסטן טייל פון די שולן זענען אויך פאראן קינדער־דערצי־אונגס־אנשטאלטן, וועלכע ווערן געפירט אין גייסט פון די שולן. דאס אמע־ריקאנער יידנטום האט א גרויסע נעץ פון דערציאונגס־אנשטאלטן פון יעדער ריכ־טונג: העברעאישע שולן, שולן מיט יידיש אלס אונטעריכט־שפראך, ענגליש־יידישע שולן, תלמוד־תורות, ישיבות, רב־נים און ראבינער סעמינארן, העכערע יידיש־וויסנשאפטלעכע אנשטאלטן. צו די אנגעזעענסטע סעמינארן געהערן: 1) „דער יידיש טעאלאגישער סעמינאר" (אויך גערופן „שעכטער־סעמינאר") אין ניו־יארק, פארמאגט א זייער רייכע יודאאיקא־ביבליאטעק; די ריכטונג פון סעמינאר איז א קאנסערוואטיווע; 2) „היברו יוניאן קאלעדזש" אין סינסינע־טי, רעפארם־אנשטאלט; 3) רבי יצחק אלחנן'ס ישיבה און קאלעדזש אין ניו־יארק, פון וועלטלעך־ארטאדאקסישער ריכטונג; 4) „ישיבה תורה ודעת" אין

ברוקלין פון שטרענג ארטאדאקסישער ריכטונג; 5) וויים'עס סעמינאר אין ניו־יארק, עקסטרעמע רעפארם; 6) „בית המדרש לתורה" אין שיקאגא, ארטאדאקסיש; 7) „דראפסי קאלעדזש" אין פילאדעלפיע, יודאאיקא־וויסנשאפטלעכער אנשטאלט; אויך קלענערע ישיבות. דאס אמעריקאנער יידנטום פארמאגט אויך די פארשפרייטסטע יידישע צייטונגען, די טעגלעכע „פארווערטס", „מארגן־זשורנאל", „טאג" און „פרייהייט" אין ניו־יארק, ווי אויך א ריי טעגלעכע צייטונגען אין שיקאגא, פילאדעלפיע, קליוולאנד. עס דערשיינען אויך א ריי וואכן און מאנאט־זשורנאלן ווי „אמעריקאנער", „יידישער קעמפער", „צוקונפט" און אין ענגליש „אמעריקאן היברו", העברעאיש „הדאר", „בצרון" און אנדערע. עס זענען אויך פאראן עטלעכע גרעסערע יידישע פארלאגן, פון וועלכע דער גרעסטער איז די „דזשואיש פובליקיישאן סאסייעטי". אויך זענען פאראן א ריי יידישע טעאטערס, פון וועלכע דער גרעסטער טייל געפינט זיך אין ניו־יארק און דער אנגעזעענסטער פון זיי איז דאס קונסט־טעאטער פון מארים שווארץ. די יידישע ארטיסטן זענען פאראייניקט אין א גרויסן פארבאנד. די יידישע זשורנאליסטן און שריפטשטעלער זענען פאראייניקט אין י. ל. פרץ שרייבער־פאריין אין ניו־יארק. די יידישע זעצער און דרוקער זענען פאראייניקט אין א דרוקער־פארבאנד. — זייער אנטוויקלט איז די יידישע געזעלשאפטלעכע און פילאנטראפישע טעטיקייט און אויך די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע־באוועגונג: יידישע שפיטעלער, מושב זקנים, בית יתומימס, און אנדערע ענלעכע אנשטאלטן, וועלכע זענען אין א גרויסן טייל שטעט ארגאניזירט אין דער פינאנסירונגס־ארבעט אין א געמיינזאמען „וועלפעיר" אדער „פעדעראציע" פון יידישע פילאנטראפישע אנשטאלטן. זייער גרויס און שטארק זענען די ארבעטער ארגאניזאציעס און זייערע ארדנס, ווי „ארבעטער רינג", „נאציאנאלער ארבעטער־פארבאנד" און אנדערע, וועלכע ציילן הונדערטער טויזנטער מיטגלידער, ווי אויך די פארשידענע ארדנס („בני ברית" וכדומה). וואס אנבאלאנגט פארטייען קאן מען זאגן, אז אין אלגעמיין זענען די אמעריקאנער יידן נישט איינגעטיילט אלס יידן אין באזונדערע פאליטישע פארטייען. פיל יידן געהערן צו דער אלגעמיינער דעמאקראטישער פארטיי, און א באדייטנדע צאל יידן געהערט צו די רעפובליקאנער. א גרויסער טייל יידישע ארבעטער געהערט צו דער סאציאליסטישער פארטיי, און א געוויסע צאל צו דער קאמוניסטישער פארטיי. אין יעדער פארטיי זענען פאראן יידן, וואס פארנעמען דארט אן אנגעזעענעם ארט: אין דער דעמאקראטישער פארטיי הענרי מארגענטוי (איצט פינאנץ־סעקרעטאר אין דער פעדעראלער רעגירונג אין וואשינגטאן), הערבערט לעהמאן (געוועזן גאווערנאר פון סטייט ניו־יארק), פעליקס פראנקפורטער (איצט איינער פון די ריכטער אין „סופרים קאורט" (העכסטער געריכט), פארשטארבענער ריכטער לואי בראנדייס (מיטגליד פון העכסטען געריכט) און אנדערע; צו דער רעפובליקאנער פארטיי געהערן אזעלכע אנגעזעענע פאמיליעס ווי די שיפס, ווארבורגס, ראזענוואלדס, מארשאלס, שטרויס, גוגענהיימס. אין דער אלגעמיינער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט פארנעמען א באזונדערס אנגעזעענעם ארט דער „אמעריקאנער יידישער קאמיטעט", וועלכער גרופירט ארום זיך די רייכערע יידן פון די „דזשאינט"־קרייזן, און דער „אמעריקאנער יידישער קאנגרעס", ארום וועלכן עס גרופירן זיך מער די פאלקס־קרייזן (ציוניסטן, ארבע־

טער); ביידע האבן אן איינפלוס אין געזעלשאפטלעכן יידישן לעבן. — זינט א געוויסער צייט איז פאראן ביי טייל אמעריקאנער יידן די באוועגונג צו באזעצן זיך אויף ערד און פארנעמען זיך מיט לאנדווירטשאפט. עס זענען געגרינדעט געווארן א ריי יידישע קאלאניעס אין די סטייט קענזאס, ניו־דזשוירזי, מישיגען, און אנדערע, און אויך פריוואט האבן יידן זיך באזעצט אויף ערד אלס פארמער. מען נעמט אן אז עס זענען פאראן ערך 150 טויזנט יידן אין די פאראייניקטע שטאטן וואס לעבן אויף פארמס. א גרויסער טייל פון זיי איז ארגאניזירט אין דעם יידישן פארמער־פארבאנד. — א גרויסע באדייטונג האבן די אמעריקאנער יידן אין פיל צווייגן פון אלגעמיינעם אמעריקאנער לעבן. אין דער אלגעמיינער ענגליש־אמעריקאנער פרעסע פארנעמט א גרויס ארט די „ניו־יארק טיימס", וואס געהערט צו יידישע אייגנטימער (צוערשט אדאלף אקס, איצט זולצבערגער) און וואו עס ארבעטן אויך אנגעזעענע יידיש־ענגלישע זשורנאליסטן. אין ענגלישן טעאטער, ראדיא, און באזונדערס אין דער פילם־אינדוסטריע פארנעמען יידן גאר א גרויס ארט, און די באדייטנדסטע פילם פירמעס (זוקאר, גאלדווין־מייער, ווארנער ברידער און אנדערע) זענען יידישע. אין דער רעגירונג (פעדעראלע, סטייטס און שטאטישע) פארנעמען טייל יידן הויכע אמטן. — א זייער גרויסע באדייטונג האט דאס אמעריקאנער יידנטום פאר די יידן אין די איבעריקע לענדער פון דער וועלט. די אמעריקאנער פילאנטראפישע ארגאניזאציע „דזשוינט" האט געראטעוועט די יידן אין א סך לענדער פון הונגער, און טויט, געהאלפן יידישע פליטים. די אמעריקאנער ציוניסטישע ארגאניזאציע און די אנדערע ציוניסטישע גרופירונגען („מזרחי", „פועלי ציון", „הדסה" און אנדערע) האבן פיל געהאלפן צום אויפבוי פון ארץ־ישראל. באזונדערס גרויס איז געווען די הילף, וואס יידן פון אמעריקע האבן געשיקט פריוואט צו זייערע קרובים אין פארשידענע אייראפעאישע לענדער און מען קאן זאגן, אז די דאזיקע הילף איז געווען די גרעסטע רעטונג פאר זיי. זינט דעם אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה (סעפטעמבער, 1939) זענען איבערגעטראגן געווארן קיין אמעריקע א ריי אלוועלטלעכע יידישע אנשטאלטן און אויך וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי יידישער וועלט־קאנגרעס, „ייווא", און אנדערע. — וועגן די יידן אין אמעריקע זענען דערשינען פיל ביכער. עס דערשיינט יעדעס יאר אין ענגליש דאס „אמעריקאנער יידישע יאר־בוך" (אמעריקאן דזשואיש ייר־בוק"), וואס אנטהאלט פיל אינפארמאציעס און אויך רשימות פון יידישע אינסטיטוציעס; „הו איז הו אין אמעריקאן דזשורי"; רייזין, תולדות היהודים באמיריקה" (ווארשע 1902), ראגאף, געשיכטע פון פאראייניקטע שטאטן"; „יארביכער" פון אמעריקאנער אפטיילונג פון „ייווא" (2 בענדער 1938, 1939, וויכטיקע ארטיקלען איבער דער יידישער פרעסע, יוניאן־באוועגונג, דעמאגראפיע, אגראריזאציע); „אלמאנאך, בייטראג פון יידן אין אויפבוי פון אמעריקע" (1940, צום 10־יאריקן יוביליי פון אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן); „זאמלבוך צו דער געשיכטע פון יידישער פרעסע אין אמעריקע" (1934); בורגין, „געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג"; „ספר השנה ליהודי אמעריקה"; מאנאגראפיעס איבער איינצלנע ארגאניזאציעס און באוועגונגען ווי „געשיכטע פון ארבעטער רינג" פון א. ש. זאקס, „צו דער געשיכטע פון דער פראטערנאלער באוועגונג" פון זאלצמאן; „געווערקשאפטן" פון לאנג און פיינמאן, „פארווערטס־אל־

מאַנאַר"; יידישע אַרבעטער־יאַרביכער;
די דערמאַנטע ענגלישע יידיש־אַמעריקאַ־
נער יאַרביכער; די „פּובליקיישאַנס" (אין
ענגליש) פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש
היסטאַריקל סאָסייעטי". אין די אַלע
דאָזיקע זאַמלווערק און אויך אין פיל הונ־
דערטער אַנדערע ביכער און זאַמל־אויס־
גאַבן אין יידיש און ענגליש און העברע־
איש, און באַזונדערס אין די יידישע און
יידיש־ענגלישע און העברעאישע צייטונ־
גען און זשורנאַלן זענען פאַראַן אוצרות
מיט ידיעות איבער דער געשיכטע און
לעבן פון יידן אין אַמעריקע. אָבער ביז
איצט איז נאָכניט פאַראַן אַיין גרויס
אומפאַסנד ווערק וועגן אַמעריקאַנער
יידנטום.

**פּאָרטוגאַל** לאַנד אין מערב פון פּי־
רענעאישן האַלב־אינזל אין אייראָפּע
ביים ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, אַרומ־
גערינגלט פון 3 זייטן דורך שפּאַניע.
אויף לערך 8 מיליאָן איינוואוינער געפי־
נען זיך היינט ביי 1,000 יידן (אַמיי־
סטן אין דער הויפּטשטאָט ליסאַבאָן), צו־
געוואַנדערטע פון פּוילן, דייטשלאַנד.
פּאָרטוגאַל פאַרנעמט אַ באַדייטנד אָרט
אין דער יידישער געשיכטע אין מיטל־
אַלטער. יידן האָבן געוואוינט אין פּאָר־
טוגאַל שוין אין 10טן יאַרהונדערט. אין
די שפּעטערע צייטן געפינען מיר אין
ליסאַבאָן יידישע פאַמיליעס, וועלכע
האָבן פאַרנומען אַנגעזעענע פּאָסטנס אין
קעניגלעכן הויף, צווישן זיי איז אַמבאַ־
רימטסטן געווען די פאַמיליע דון יחיא.
אין דער צווייטער העלפט פון 15טן יאַר־
הונדערט זענען געווען אַנגעזען אין פּאָר־
טוגאַל רבי אברהם זכותא אַלס אַסטראָ־
נאָם (זע „זכותא") און דון יצחק אַבר־
בנאַל (זע „אַברבנאַל") אַלס פינאַנץ־מי־
ניסטער; אַברבנאַל האָט צוליב אַ מסירה
געמוזט אַנטלויפן פון פּאָרטוגאַל קיין
שפּאַניע. ווען עס איז פאָרגעקומען דער
גרויש אויף יידן אין שפּאַניע אין יאָר
1492 זענען אַ סך יידן פון שפּאַניע אַוועק
קיין פּאָרטוגאַל. אָבער ניט לאַנג דער־
נאָך, אין יאָר 1497, איז פאָרגעקומען
אויך אַ גרויש אויף יידן פון פּאָרטוגאַל.
אָבער פּאָרטוגאַל האָט נאָר פּאַרמעל
אַרויסגעגעבן אַ גרויש־באַפעל, און אין
דער ווירקלעכקייט האָט זי נישט אַרויס־
געלאָזט די יידן; קינדער ביז 20 יאָר
האָט מען אָפּגעשמדט מיט געוואַלט. אויך
פיל עלטערע יידן האָט מען אָפּגעשמדט
מיט געוואַלט. דערמיט דערקלערט זיך,
וואָס אין פּאָרטוגאַל זענען דערנאָך גע־
ווען פיל אנוסים, וועלכע האָבן אין גע־
היים אָפּגעהיט יידישקייט און נאָר לפנים
זענען זיי געווען קריסטן. די פּייניקונ־
גען פון די אנוסים זענען דעריבער אין
פּאָרטוגאַל געווען פיל העפטיקער ווי אין
שפּאַניע. צווישן די פיל אנוסים וואָס זע־
נען שפּעטער אַנגעקומען אין האָלאַנד
און ענגלאַנד און האָבן זיך מגייר גע־
ווען, זענען די מייסטנס געווען פון פּאָר־
טוגאַל, און דעריבער האָבן די דאָזיקע
יידישע קהלות געהייסן „פּאָרטוגעזישע".
פון די דאָזיקע אנוסים־פאַמיליעס שטאַ־
מען רבי מנשה בן ישראל, אַקאָסטאַ,
שפּינאָזאַ. אויך איצט געפינען זיך אין
פּאָרטוגאַל געגנטן וואָס זענען באַוואוינט
דורך אור־אייניקלעך פון די אַמאָליקע
אנוסים. און ביי פיל פון זיי זענען נאָך
געבליבן געהיימע יידישע גלויבונגען און
מנהגים. — זע זוכוואָרט „אנוסים".

**פּאַריז** הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך;
אויף לערך דריי און אַ האַלבן מיליאָן
איינוואוינער געפינען זיך ביי 180 טוי־
זנט יידן, פון זיי פיל אָפּשטאַמענדע פון
אַלט־איינגעזעסענע יידישע פאַמיליעס,
אָבער דער גרעסטער טייל צוגעוואַנדער־
טע פון פּוילן, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, אַל־
זשיר. אין פּאַריז וואוינען יידן זינט דעם
6טן יאַרהונדערט. פאַראַן דאָקומענטן, אַז

שוין דעמאָלט האָבן יידן געהאַט אַ יידישע גאַס און אַן אייגענע שול. אין 13טן יאָרהונדערט איז אין פאַריז געווען אַ ישיבה, אין וועמענס שפיץ עס איז געשטאַנען רבי יחיאל פון פאַריז. אין ענדע 14טן יאָרהונדערט זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן פון פראַנקרייך און אויך פון פאַריז, אָבער דער גרוש־דעקרעט איז נישט שטרענג אויסגעפירט געוואָרן. אַזוי אַז מיר טרעפן שפעטער איינצלנע יידן וואוינען אין פאַריז. פון 16טן יאָרהונדערט אַן האָט זיך די צאָל יידן אין פאַריז כסדר פאַרגרעסערט, אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1789) האָבן די יידן אין פאַריז באַקומען אַפיציעל גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַלע בירגער. אין 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט האָט זיך די צאָל יידן אין פאַריז כסדר פאַרגרעסערט דורך איינוואַנדערונג. — אין דער שפיץ פון די יידן אין פאַריז שטייט דאָס קאָנסיסטאָריום (אַלגעמיינע קהלה) און דער אויבער־ראַבינער (גראַן ראַבין). אין פאַריז זענען פאַראַן ביי 20 שולן, אשכנזישע און ספרדישע, פיל צדקה־חברות, די „אַליאַנס איזראַעליט", „אָרט", „איקעם". אַ גרויסן איינפלוס אויפן יידישן לעבן אין פאַריז האָבן געהאַט די פאַמיליעס הירש, ראָטשילד, און באַזונדערס באַראָן עדמונד ראָטשילד (זע „ראָטשילד עדמונד"). אין פאַריז איז דערשינען אַ יידישע טעגלעכע צייטונג „פאַריזער היינט" און אויך וואָכנבלעטער. אין פאַריז איז אויך דערשינען די וויסנשאַפטלעכע „רעווי עטיד זשואיף". אין פאַריז זענען געווען די גרויסע געלערנטע לעווי, ריינאַך, אָפערט, יוסף הלוי; די מוזיקער מייערבער, הלוי. — אין יוני 1940 האָט די דייטשע היטלעריסטישע אַרמיי פאַרנומען פאַריז. צענדליקער טויזנטער יידן זענען אַנטלאָפן פון דער שטאָט, פיל איבערגעבליבענע זענען געוואָרן אַרעסטירט און דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט פיל געליטן. ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן מעלדעט מען וועגן דער פאַרניכטונג פון אַלע יידישע געזעלשאַפטן. — זע זוכוואָרט „פראַנקרייך".

**פדיון** (אויסלייזונג), עס איז איינגעפירט ביי חסידים, אַז ווען מען גיט דעם רבי אַ קוויטל און מען בעט וועגן עפעס, אין פאַל פון אַ קראַנקייט צי אין אַן אַנדערער נויט, גיט מען דעם רבין געלט אַלס „פדיון". דער פדיון באַטרעפט טיילמאָל די צאָל 18, דאָס איז אין העברעאיש י"ח, „חי" (לעבן).

**פדיון הבן** (די אויסלייזונג פון זון): אין חומש במדבר י"ג ווערט געזאָגט, אַז אויב איינער האָט געבוירן אַ זון אַ בכור זאָל מען דעם זון, ווען ער ווערט אַלט 30 טעג אויסלייזן ביים כהן פאַר 5 שקלים. אין דער משנה בכורות ח' איז אויסגעטייטשט געוואָרן, אַז אַ בכור הייסט דאָ „בכור לאמו", דאָס הייסט, ווען ער איז דאָס ערשטע קינד ביי דער מוטער. אויב דער פאָטער איז אַ כהן אָדער אַ לוי אָדער די מוטער איז אַ טאָכטער פון אַ כהן צי פון אַ לוי דאַרף מען ניט מאַכן קיין פדיון הבן. דער פדיון הבן ווערט געפייערט דעם 31טן טאָג פון געבורט. מען מאַכט אַ סעודה צו וועלכער מען לאַדט איין אַ כהן. דאָס קינד ווערט אָנגעטאָן אין שיינע זאַכן און מען דערלאַנגט עס אויף אַ קישעלע. דער כהן פרעגט דעם פאָטער, צי ער וויל אויסלייזן דעם זון, און דער פאָטער ענטפערט, אַז יאָ. דאַן מאַכט דער פאָטער די ברכה „על פדיון הַבן" און „שהחיינו" און גיט דעם כהן 5 זילבערנע לאַנדס־מטבעות (אין אַמעריקע 5 דאָלער), און דער כהן זאָגט צום פאָטער „בנך פדוי" (דיין זון איז אויסגעלייזט). די דינים וועגן פדיון הבן געפינען זיך

אין שלחן ערוך יורה דעה ש"ה. — זע זוכוואָרט „בכור".

**פדיון שבויים** (אויסלייזונג פון געפאַנגענע); די מצוה אויסצולייזן מענטשן, וואָס זענען געפאַנגען געוואָרן, הייסט פדיון שבויים, און איז זינט אַלטע צייטן פאַררעכנט געוועזן אַלס איינע פון די גרעסטע מצוות ביי יידן. די גמרא (בבא בתרא ח') זאָגט, אַז פדיון שבויים איז גרעסער ווי געבן צו עסן אָרעמע מענטשן. דער רמב"ם אין משנה תורה (הלכות מתנות עניים ח') זאָגט, אַז די מצוה איז אַנטהאַלטן אין פיל פסוקים פון תנ"ך און באַזונדערס אין ישעיה נ"ח „והציל לקוחים למות". אין דער גמרא ווערן געבראַכט פיל וואונדערלעכע סיפורים וועגן דער דאָזיקער מצוה. אין חולין ח' ווערט דערציילט ווי דער תנא רבי פנחס בן יאיר גייענדיק אויסלייזן שבויים איז צוגעקומען צו אַ טייך און האָט אים ניט געקאָנט אַריבערגיין האָט דער טייך זיך געשפּאָלטן פאַר אים. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פיל תקנות פאַר פדיון שבויים. די משנה גטין ד' זאָגט אַז מען האָט געמאַכט אַ תקנה נישט אויסצולייזן שבויים פאַר צו־גרויסע סומעס („יותר מכדי דמיהן"), כדי מען זאָל נישט צוגעבן די כאַפּער מוט צו וועלן פאַנגען מער שבויים. אין די תקנות פון קהלות אין מיטלאַלטער און שפּעטער אין פוילן פון „ועד ארבע ארצות" זענען פאַראַן פיל תקנות וועגן פדיון שבויים. וועגן בעל שם טוב ווערט דערציילט אין שבחי הבעש"ט אַז ער פלעגט צונויפנעמען געלט ביי רייכע יידן און דערמיט אויסלייזן אָרעמע אַרענדאַרן וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן דורך די פּריצים, גוט־באַזיצער, פאַר נישט קאָנען באַצאָלן אַרענדע־געלט.

**פוטיפר** שר ביי פרעה מלך מצרים; צו אים איז פאַרקויפט געוואָרן יוסף אַלס קנעכט. דער חומש (בראשית ל"ט) דערציילט דעם סיפור ווי פוטיפרס ווייב האָט אויסגעקלערט אויף יוסף, אַז ער האָט איר צוגערעדט צו זינד, און דערפאַר האָט מען יוסף אַריינגעזעצט אין געפענגעניש. — אין בראשית מ"א ווערט דערציילט, אַז יוסף האָט חתונה געהאַט מיט אסנת די טאָכטער פון פוטיפרע; וואַרשיינלעך איז עס נישט פוטיפר.

**פוילן** לאַנד אין מזרח־אייראָפּע, האָט געהאַט פאַר דעם מלחמה־אויסברוך אין סעפּטעמבער 1939 לערך 33 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 3 און אַ האַלבן מיליאָן יידן; דער באַדייטנדסטער צענטער פון יידנטום אין דער לעצטער צייט. — וועגן דער פראַגע, ווי לאַנג וואוינען יידן אין פוילן זענען געשריבן געוואָרן פיל אָפּהאַנדלונגען און ביכער. עס איז געוויינלעך געווען אָנגענומען די מיינונג, אַז יידן זענען געקומען קיין פוילן פון דייטשלאַנד אין דער צייט פון די שחיטות אויף דייטשע יידן בעת די קרייצצוגן (מסעי הצלב) אין ענדע 11טן און אין 12טן יאָרהונדערט. אָבער די נייע פאָרשונג, און באַזונדערס די אַרבעט פון מאַקסימיליאַן גומפּלאָוויטש (אין זיין בוך „אַ פּאַטשאַנטקי רעליגיי זשידאָווסקעי וו'פּאָלסצע", „וועגן די אָנהויבן פון דער יידישער רעליגיע אין פוילן") האָט אַרויסגעבראַכט די מיינונג, אַז די יידן זענען געקומען קיין פוילן נישט פון מערב־אייראָפּע, פון דייטשלאַנד, נאָר פון מזרח, און אַז מייסטנס שטאַמען אָפּ די פוילישע יידן פון די כוזרים, וואָס האָבן אין 8טן און 9טן יאָרהונדערט געהערשט אין פוילן; לויט דער דאָזיקער מיינונג זענען אַ סך פוילישע יידן אוי-

בערהויפט פון ערגעץ נישט געקומען קיין פוילן, נאר זיי שטאמען פון שבטים, אויטאכטאנער, ארטיקע איינוואוינער, וואס האבן אונטער דעם איינפלוס פון די כוזרים אנגענומען די יידישע רעליגיע. דערמיט ווערט אויך דערקלערט דער פאקט, וואס אין די אלטע צייטן האבן פיל פוילישע יידן גערעדט נישט יידיש, ניט דעם גערמאנישן דיאלעקט, נאר א סלאווישע שפראך, געמישט פון פויליש, רוסיש און אוקרייניש (זע אין הארקאווים בוך „היהודים ושפת הסלבים"). וועגן יענע עלטערע צייטן זענען אויך פאראן לעגענדעס וועגן א יידישן מלך אין פוילן (זע „אברהם פראכאווניק"); פון יענע צייטן זענען פאראן פוילישע מטבעות מיט העברעאישע אויפשריפטן „אברהם דוכס" (אברהם דער פירשט), וואס ווייזט, אז יידן האבן פארנומען אין דער ווירטשאפט און האנדל א גרויס ארט און זיי זענען געווען די מינצער פון מטבעות. די צאל יידן אין פוילן איז געווארן באדייטנד פארגרעסערט זינט די דערמאנטע גזרות פון די קרייץ־צוגן אין דייטשלאנד. אין יאר 1254 האט דער פוילישער פירשט „באלעסלאוו דער פרומער" פון קאליש ארויסגעגעבן די יידן דעם „קאלישן סטאטוט", געזעצן, וואס געבן יידן ברייטע רעכט און שוץ. דער צופלוס פון יידן פון דייטשלאנד קיין פוילן איז געווארן כסדר גרעסער אין די שפעטערע יארהונדערטער, באזונדערס אין 14טן, ווען אין דייטשלאנד איז געווען די שווארצע מגפה. דער פוילישער קעניג קאזשימיעזש דער גרויסער (אין 2טער העלפט פון 14טן יארהונדערט) האט באשטעטיקט דעם קאלישער סטאטוט און האט נאכמער פארברייטערט די יידישע רעכט (אין העברעאיש „קיום", „קיומים"), און האט די יידן גענומען אונטער דעם שוץ פון קעניג, אין דער צייט וואס די פויערים האבן זיך געפונען אונטער דעם שוץ פון די איינצלנע גוטבאזיצער, די פריצים, שלאכטשיצעס. וועגן קעניג קאזשימיעזש איז פאראן די לעגענדע, אז ער האט געהאט א יידישע געליבטע אסתרקע, מיט וועלכער ער האט געבוירן עטלעכע קינדער (זע „אסתרקע"). אין 15טן יארהונדערט אונטער דער הערשאפט פון די פוילישע מלכים פון דער יאגעלא־דינאסטיע זענען פארגעקומען פארפאלגונגען אויף יידן אין פוילן אונטער דעם איינפלוס פון די קאטוילישע גלחים, און באזונדערס פון דעם שפאנישן צורר היהודים, יאן קאפיסטראנא, וועלכער איז געקומען קיין פוילן. עס האבן אויך מיטגעהאלפן צום קאמף קעגן יידן די דייטשע איינוואוינער פון די פוילישע שטעט, וועלכע האבן געזען אין יידן ווירטשאפטלעכע קאנקורענטן. אין אלגעמיין איז די לאגע פון די יידן אין פוילן געווען פיל בעסער ווי אין די אנדערע אייראפעאישע לענדער, באזונדערס אין דייטשלאנד. די יידן זענען געווען באשעפטיקט אין מלאכות, האבן געפירט דעם גרויסן האנדל ניט נאר אין פוילן זעלבסט, נאר אויך מיט אנדערע לענדער. דער וועג פון אייראפעאישן האנדל מיט די מזרח־לענדער (ביז ווייטן כינע) איז געגאנגען איבער פוילן (איידער מען האט אנטדעקט און אנטוויקלט דעם אקעאן־וועג ארום אפריקע). די יידן זענען אויך געווען די ארענדארן ביי די גרויסע פוילישע מאגנאטן פון זייערע לאנד־גיטער. אין 16טן יארהונדערט איז פוילן אויך געווען דער גרויסער יידישער תורה־צענטער, מעגלעך, דער באדייטנדסטער פון גאנצן יידישן פאלק. עס זענען אנטשטאנען ישיבות אין פיל שטעט. אומעטום האט מען געגרינדעט תלמוד־תורה'ס. די פוילישע גרויסע רבנים און פוסקים פון יענער צייט ווי רבי יעקב פאלאק, רבי שכנא, רבי שלמה

לוריא (מהרש״ל), רבי משה איסערלים (רמ״א), רבי מרדכי יפה, און אויך פיל אַנדערע זענען געווען באַרימט אין דער גאַנצער יידישער וועלט אַלס די גרעסטע גאונים. די פוילישע יידן האָבן דעמאָלט זיך דערוואָרבן אַ אינערלעכע אויטאָנאָמיע אונטער דער פירונג פון „ועד ארבע ארצות״ (זע זוכוואָרט „ועד ארבע ארצות״ וועגן דער איינריכטונג פון דער דאָזיקער אויטאָנאָמיע־אינסטיטוציע). די גרעסטע יידישע קהלות אין פוילן זענען דעמאָלט געווען לעמבערג, קראָקע, לובלין, בריסק, ווילנע, גראָדנע; וואַרשע האָט נישט געהאַט קיין יידן. דער דאָזיקער גוטער צושטאַנד פון די יידן אין פוילן האָט געדויערט ביז אין דער מיט פון 17טן יאָרהונדערט; אויך אין דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט איז די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון פוילן געווען אַנטוויקלט, דער תורה־צענטער איז געוואָרן גרעסער און שטאַרקער, און אין יענער צייט זענען געווען די באַרימטע גאונים רבי נפתלי כ״ץ, רבי יום־טוב העלער („תוספות יום־טוב״), רבי דוד הלוי, מחבר פון ט״ז, רבי שבתי כהן (ש״ך), רבי שמואל אידילס (מהרש״א). עס האָבן זיך געעפנט יידישע דרוקערייען פון ספרים (אין קראָקע און אַנדערע ערטער). רבי נתן נטע האַנאָווער (זע „האַנאָווער״) צום סוף פון זיין ספר „יון מצולה״ באַשרייבט דאָס לעבן פון יידן אין פוילן אין יענער צייט אויף די געביטן פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט (עמוד גמילות חסדים) און תורה (עמוד התורה) און ער שרייבט, אַז דאָס איז געווען דאָס העכסטע וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט אין דער צייט פון גלות.

אינמיטן 17טן יאָרהונדערט, גענוי אין 1648, דער טרויעריק־באַרימטער גזרת ת״ח, איז פאָרגעקומען די גרעסטע ענדערונג אין דער לאַגע פון די יידן אין פוילן. אין דער דאָזיקער גזרה, מלחמות מיט די קאָזאַקן פון כמעלניצקי (זע „ת״ח״) און באַלד דערנאָך מיט רוסלאַנד, און נאָכער מיט שוועדן, זענען אומגעקומען הונדערטער טויזנטער יידן און עס זענען חרוב געוואָרן פיל הונדערטער יידישע קהלות. די יידישע קהלות און ישובים אין דרום־מזרח פון פוילן (אוקראַינע, פּאָדאָליע, מזרח־גאַליציע) זענען חרוב געוואָרן דורך די קאָזאַקן, די צפון־מזרח־קהלות (אַרום ווילנע, און אין ווייס־רוסלאַנד) זענען חרוב געוואָרן דורך די רוסן, און די קהלות אין מערב־פוילן (פּויזנער און קאַלישער געגענטן) זענען חרוב געוואָרן דורך די פּאָלאַקן און זייער אַרמיי־פירער סטעפאַן טשאַרנעצקי, וועלכער האָט פאַלש באַשולדיקט יידן, אַז זיי האָבן געהאַלטן מיט די שוועדן. דער פונדאַמענט פון פוילישן יידנטום איז געוואָרן פאַרניכטעט, פיל גערואַטעוועטע יידן, צווישן זיי פיל לומדים, רבנים (רבי שבתי כהן, רבי אפרים כ״ץ, רבי אהרן שמואל קיידאַנאָווער און אַנדערע) זענען אַנטלאָפן אין אַנדערע לענדער. פוילן אַליין איז אויך געווען האַלב־פאַרניכטעט, צעשטערט, אַז אָרעמקייט האָט געהערשט אין לאַנד, און די אָרעמקייט פון די איבערגעבליבענע יידן איז געווען נאָך גרעסער. די יידן אין פוילן זענען געוואָרן מיסטישער געשטימט, עס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן זיי די לערע פון קבלה, און טייל זענען אפילו געפאַנגען געוואָרן אין די שטימונגען פון דעם פאַלשן משיח שבתי צבי און זיינע שפּעטערע אָנהענגער, וואָס האָבן געוועקט האָפענונגען פון גאולה, אויסלייזונג. אויך איז די באַציאונג צו יידן פון די פוילישע מאַגנאַטן, וועלכע זענען דעמאָלט געוואָרן די הערשער פון לאַנד און זענען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די קאַטוילישע גלחים, געוואָרן פיל ערגער; אָפטע בלוט־בלבולים

און אַנדערע באַשולדיקונגען. מאַסן פּוילישע ייִדן האָבן כּסדר אָוועקגעוואַנדערט קיין אויסלאַנד. אין מיט פון 18טן יאָרהונדערט איז אין פּוילן אַנטשטאַנען די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט געבראַכט טרייסט און גייסטיקע דערקוויקונג פאַר אַ סך ייִדן אין דער גרויסער אָרעמקייט. פון דער צווייטער זייט איז דעמאָלט אַנטשטאַנען די מאַסן־שמד־באַוועגונג אונטער דער פירונג פון פאַלשן משיח יעקב פראַנק (זע „חסידות" און „פראַנק"). דער ועד ארבע ארצות איז אָפיציעל אָפּגעשאַפט געוואָרן. אין יאָר 1762 איז אין גרויסן פּוילן געווען לערך 400 טויזנט ייִדישע נפשות, שוין אַריינגערעכנט אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, פּאָמערן און דאַנציגער געגנט.

אין 1795 האָט פּוילן אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס זעלבסטשטענדיקע מלוכה; זי איז צעטיילט געוואָרן אָפיציעל צווישן עסטרייך (גאַליציע), פּרייסן (פּויזנער געגנט און אויך וואַרשע), און רוסלאַנד (דעם גרעסטן טייל פון פּוילן). אין דער לעצטער מלחמה פון פּוילן קעגן די אָנפאַלער אין 1794 האָט אָנטיילגענומען דער ייִדישער העלד בערעק יאָסעלאָוויטש מיט שפּיץ פון אַ ייִדישן לעגיאָן, און דאָס האָט געווירקט צו שאַפן אַ בעסערע שטימונג צווישן פּאָליאַקן אין באַצוג צו ייִדן. פון דעמאָלט אָן, מיט קליינע הפסקות אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנס שאַפן אין פּוילן אַ וואַרשעווער פירשטנטום אין 1807, איז די לאַגע פון ייִדן אין פּוילן איז די פאַרשידענע טיילן, געווען אָפּהענגיק פון דער לאַגע אין די באַזונדערע לענדער, צו וועלכע זיי האָבן געהערט: פּרייסן, רוסלאַנד, עסטרייך. די לאַגע פון ייִדן אין פּרייסישן פּוילן איז געווען די זעלבע וואָס פון די דייטשע ייִדן, ביי אַ כּמעט פולשטענדיקער גערמאַניזירונג פון די ייִדן. וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין עסטרייכישן פּוילן זע זוכוואָרט „גאַליציע". די לאַגע פון די ייִדן אין רוסיש־פּוילן מיט וואַרשע אַלס הויפּטשטאָט (וואַרשע און אומגעגנט איז נאָך נאַפּאָלעאָנס מלחמה אין 1814 אַריבער צו רוסלאַנד), האָט אין 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט זיך אַנטוויקלט אין עטלעכע ריכטונגען. די ייִדן אין די מזרח־געגנטן פון אַמאָליקן גרויסן פּוילן, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ליטע זענען געווען מער אונטער דער השפּעה פון רוסלאַנד, סיי עקאָנאָמיש, סיי קולטורעל. די ייִדן אין אייגנטלעכן פּוילן (קאָנגרעס־פּוילן) מיט וואַרשע אַלס הויפּטשטאָט זענען געווען מער פאַרבונדן מיטן פּוילישן פאָלק און זיין גורל, און די ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס איז אַנטשטאַנען ביסלעכווייז אין דאָזיקן טייל פּוילן, איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער פּוילישער קולטור און ליטעראַטור. טייל פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ איז געוואָרן אַסימילירט מיט דעם פּויליטום, איבערגענומען די פּוילישע שפּראַך, אַנטיילגענומען אין פּוילישן געזעלשאַפטלעכן לעבן (טייל האָבן זיך געשמדט), און ווען עס זענען אויסגעבראָכן די פּוילישע אויפשטאַנדן קעגן רוסלאַנד אין 1830 און 1863 האָבן טייל ייִדן, באַזונדערס די אינטעליגענץ, די תּלמידים פון דער פּוילישער ראַבינערשולע אין וואַרשע („שקאָלאַ ראַבינאַוואַ") זיך באַטייליקט אין זיי. אין דעם אויפשטאַנד אין 1863 האָט אָנטיילגענומען אויך דער רב פון וואַרשע רבי בעריש מייזעלס. די ייִדישע מאַסן אין פּוילן זענען ביסלעכווייז מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם שטראָם פון חסידות און אין פּוילן זענען אַנטשטאַנען גרויסע חסידישע באַוועגונגען (לובלין, קאָזשעניץ, פּשיסכע, קאָצק, גער, וואַרקע און אַנדערע). שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ייִדישע באַוועגונג. אויך עקאָנאָמיש איז געוואָרן בעסער צו־

לײַב דעם װאָס פֿאַר דעם האַנדל און פֿאַבריקאַציע פֿון פּױלן האָבן זיך געעפֿנט די האַנדלס־מערק פֿון װײַטן רוסלאַנד. און דאָס האָט געװירקט אױף דער פֿאַרבעסערונג אױך פֿון דער ייִדישער מאַטעריעלער לאַגע, באַזונדערס אין די גרױסע שטעט, װי װאַרשע, נײַ־אַנטשטאַנענער פֿאַבריק־שטאָט לאָדז און אַנדערע. דער פּױלישער אַנטיסעמיטיזם איז צוערשט אױך געװאָרן באַדײַטנד שװאַכער, און דער פּאָגראָם אין װאַרשע אין 1881 איז אַרױסגערופֿן געװאָרן דורך דער צאַרישער רוסישער רעגירונג. אָבער אין אָנהײב פֿון 20טן יאָרהונדערט האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע באַװעגונג אונטער דער פֿירונג פֿון דער פּױלישער פּאַרטײ „נאַראָדאָװאַ דעמאָקראַציאַ" (נ. ד.) און אין 1912 האָט זיך אָנגעהױבן אַן ערנסטער עקאָנאָמישער באָיקאָט קעגן ייִדן.

װען עס האָט זיך געענדיקט די ערשטע װעלט־מלחמה אין ענדע 1918 און פּױלן איז געװאָרן װידער זעלבסטשטענדיק און האָט מיט דער צײַט געשאַפֿן די גרױסע פּױלישע רעפּובליק צוזאַמען מיט גאַליציע, טײלן פֿון װאָלין, װײַסרוסלאַנד, װילנער געגנט און פּױזנער געגנט, זענען ייִדן אין פּױלן װידער געװאָרן דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ אין אײראָפּע. די ייִדן האָבן אין נײַעם פּױלן באַקומען אָפֿיציעל פֿולשטענדיקע גלײַכבאַרעכטיקונג, און לױט דעם מינדערהײטס־אָפּמאַך אין װערסײַלער שלום־טראַקטאַט אױך נאַציאָנאַלע מינדערהײטס־רעכט. געװיסע רעכט האָבן ייִדן װירקלעך באַקומען, דערװײלט אײגענע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן אין די סײמען, פֿאַרשטײער אין די שטאָט־פֿאַרװאַלטונגען, באַקומען געװײלטע קהלות. אָבער אין אַלגעמײן איז די נאַציאָנאַלע מינדערהײטס־רעכט געבליבן אינגאַנצן נישט פֿאַרװירקלעכט, און די בירגערלעכע רעכט זענען אױך פּאַקטיש געװאָרן באַגרענעצט. ייִדן זענען אין אַלגעמײן נישט אָנגענומען געװאָרן אין רעגירונגס־אַמטן, נישט באַקומען קײן אַרבעט פֿון אַלגעמײנע עפֿנטלעכע אינסטיטוציעס; אױך דער עקאָנאָמישער באָיקאָט אױף ייִדן האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. באַזונדערס האָט זיך די ייִדישע לאַגע פֿאַרערגערט נאָכן טױט פֿון פּױלישן הערשער מאַרשאַל פּילסודסקי (1935); די נײַע פּױלישע אַנטיסעמיטישע פּאַרטײ „נאַרא" האָט געפּרעדיקט אָפֿן די פֿאַרניכטונג פֿון ייִדן. עס זענען פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען (פּשיטיק, בריסק, נאָװאָ־מינסק), אָנפֿאַלן אױף ייִדן אין די גאַסן, און די פּױלישע רעגירונג האָט אָפֿיציעל דערקלערט, אַז אױף עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן ייִדן איז זי מסכים („אָװשעם") און אַז ייִדן דאַרפֿן אױסװאַנדערן פֿון פּױלן (עמיגראַציאָניסטישע פּאָליטיק). אַן עמיגראַציע פֿון ייִדן פֿון פּױלן איז סײַװי פֿאָרגעקומען זינט 1918 אָן. אין די ערשטע יאָרן פֿון דער דאָזיקער צײַט זענען נאָך די טױערן פֿון אַמעריקע און אַנדערע לענדער געװען אָפֿן, און מאַסן ייִדן, איבער 200 טױזנט, זענען אַװעק פֿון פּױלן; שפּעטער זענען אַלע לענדער געװאָרן כמעט װי געשלאָסן, און דאָס אײנציקע לאַנד, װאָהין פּױלישע ייִדן האָבן אױסגעװאַנדערט איז געװען ארץ־ישראל (זע זוכװאָרט „עליה").

אָבער נישט קוקנדיק אױף די דאָזיקע באַגרענעצונגען און רדיפֿות, איז דאָס פּױלישע ייִדנטום געװען דער באַדײַטנדסטער קיבוץ פֿון ייִדישן פֿאָלק. פּױלן איז געװען דער גײַסטיקער צענטער פֿון ייִדישן פֿאָלק שױן אין 16טן יאָרהונדערט, װי מיר האָבן פֿריער געשריבן, פּױלן האָט דעמאָלט אַרױסגעגעבן די באַדײַטנדסטע רבנים, געהאַט גרױסע ישיבות. די זעלבע ראָלע האָט דאָס ייִדנטום אין פּױלן אױך אָנגעהױבן שפּילן

אין 19טן יאָרהונדערט, אַרויסגעגעבנדיק לומדים, רבנים, שריפטשטעלער, געלערנטע, אָרגאַניזירנדיק פּיל יידישע אינסטיטוציעס; פּוילן האָט געהאַט איבער טויזנט יידישע קהלות. די אָנגעזעענסטע רבנים אין פּוילן זענען געווען אין 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט רבי אריה לייב („קצות החושן"), רבי יעקב ליסא („נתיבות"), רבי יעקב אָרנשטיין („ישועות יעקב"), רבי שלמה זלמן ליפּשיץ („חמדת שלמה"), רבי יצחק מאיר אַלטער („חידושי הרים"), רבי יהושע פון קוטנאָ, רבי אברהם סאָכאַטשאָווער און פּיל אַנדערע. ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק זענען אין די ראַמען פון פּוילישן יידנטום אַריין פּיל רבנים און ישיבות פון ווילנער געגנט און ווייסרוסלאַנד. אויך אין דער נאַציאָנאַלער יידישער אויפלעבונג האָט פּוילן פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. די העברעאישע טאָג־צייטונג „הצפירה", נאָכער די יידישע צייטונגען „אונזער לעבן", „היינט", „מאָמענט", „פאָלקסצייטונג" (פון „בונד"), „איד" (פון דער „אגודה"), זענען געווען די וואָרטפירער פון נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן און סאָציאַליסטישן יידישן געדאַנק. פּוילן האָט אויך אַרויסגעגעבן באַדייטנדע העברעאישע און יידישע שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, ווי נחום סאָקאָלאָוו, דוד פרישמאַן, י. ל. פּרץ, שלום אַש, י. מ. וויסענבערג, ה. ד. נאָמבערג, און פּיל אַנדערע. אין פּוילן איז (באַזונדערס נאָכדעם ווי פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק) געווען אַ נעץ פון יידישע און העברעאישע פאָלקסשולן, מיטלשולן, תלמוד־תורות, ישיבות, לערער־סעמינאַרן. די דערציאונגס־אינסטיטוציעס זענען געווען פון ריכטונגען: („תרבות"), יידיש־ציוניסטישע און אָרטאָדאָקסישע, העברעאיש־ציוניסטישע, יידישיסטישע („ציש"א", צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע). אויך פּאָליטיש איז דאָס פּוילישע יידנטום געווען טעטיק. עס האָבן עקזיסטירט די פּאַרטייען: 1) ציוניסטישע מיט אַלע זייערע אָפּצווייגונגען און שאַטירונגען („מזרחי", אַלגעמיינע ציוניסטן „א" און „ב", התאחדות, פּועלי ציון רעכטע און לינקע, החלוץ, השומר הצעיר און אַנדערע), אגודה (אָרטאָדאָקסישע), פאָלקספּאַרטיי, „בונד". זיי אַלע האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן, אין סיים און שטאָטראַט־וואַלן. אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט דאָס פּוילישע יידנטום פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט מיט דער צאָל עולים קיין ארץ־ישראל, באַזונדערס אין די צייטן פון דער 3טער, 4טער און 5טער עליה (זע „עליה"). דאָס פּוילישע יידנטום האָט אויך געשאַפן אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער, וואוהין פּוילישע יידן האָבן זיך באַזעצט, די פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע („אנשי וואַרשע" וכדומה), די פעדעראַציעס פון פּוילישע יידן אין אַ ריי לענדער מיט דער וועלט־צענטראַלע אין ניו־יאָרק.

די מלחמה אין סעפּטעמבער 1939 פון היטלער־דייטשלאַנד קעגן פּוילן איז געווען דער גרעסטער קלאַפּ פאַר דעם פּוילישן יידנטום. די היטלער־דייטשע חיילות און געסטאַפּאָ האָבן דורכגעפירט הריגות אויף הונדערטער טויזנטער יידן; פּיל זענען אומגעקומען דורך קראַנקייטן און פּייניקונגען און גרושים פון פאַרשידענע שטעט. הונדערטער קהלות זענען חרוב געוואָרן. אַ סך יידן פון אייגנטלעכן פּוילן זענען אַנטלאָפן קיין סאָוועט־רוסלאַנד. די שולן און בתי־מדרשים, אַלע לערן־אַנשטאַלטן, וועלטלעכע און רעליגיעזע, צושטערט, די יידישע פּרעסע פאַרניכטעט. די היטלער־רעגירונג האָט איינגעפירט אין פּיל פּוילישע שטעט אַ געטאָ פאַר יידן, פאַרפּייניקנדיק זיי דורך הונגער, קראַנקייטן, הריגות. צו זוכ־

ווארט „מלחמה פון יאר 1939''.

וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פוילן זענען פאראן אין פויליש: קרויסהאר, נוסבוים („היסטאריא זשידאוו''), הירש-הארן; אין העברעאיש אין גרעצעס „דברי ימי ישראל'' מיט שפרס און הארקאווים באמערקונגען; כץ „קורות היהודים בליטא יפולין''; אין די פיל מאנאגראפיעס וועגן יידיש-פוילישע שטעט ווי „כלילת יופי'' (לעמבערג), „עיר הצדק'', „נחלת עולמים'' (ווארשעווער בית עלמין) און אנדערע; אין יידיש אין די היסטארישע שריפטן פון „ייווא'', אין „יידישן היסטאריקער'' (דערשינען אין ווארשע); דובנאווס „געשיכטע פון יידן אין פוילן און רוסלאנד'' (אויך איבערזעצט אין ענגליש.

וועגן דעם מצב פון יידן אין פוילן באלד פאר דער מלחמה, יאר 1939, און אויך עטוואס וועגן דעם חרבן דורך די היטלער חיילות איז פאראן פון מ. פראגער „יון מצולה החדש''; ל. שפיזמאן, „די יידן אין נאצי פוילן''.

**פומבדיתא** זע „גאונים'', „ישיבות''.

**פוסק, פוסקים** מיטן נאמען „פוסקים'' באצייכנט מען די גרויסע רבנים, מחברים פון ספרים וועגן הלכות, וועמענס אורטיילן אין הלכות און דינים זענען אנגענומען געווארן ביי יידן. די אורטיילן הייסן „פסקים''. מען אונטערשיידט צווישן „פוסקים ראשונים'', וועלכע האבן געלעבט ביז דעם 15טן יארהונדערט, און „פוסקים אחרונים'', וועלכע האבן געלעבט פון 15טן יארהונדערט און ווייטער. צו די אנגעזעענסטע פוסקים געהערן רבי יצחק אלפסי (רי''ף), רבי משה בן מימון (רמב''ם), רבנו אשר (רא''ש); רבי יעקב (מחבר פון „טורים''), רבי מרדכי („מרדכי''), רבי יעקב מולין (מהרי''ל), רבי יוסף קארו (מחבר פון „שלחן ערוך''), רבי משה איסערליש (רמ''א), רבי דוד (מחבר פון ט''ז), רבי שבתי כהן (ש''ך), רבי יוסף תאומים („פרי מגדים'') און אנדערע. — זע זוכווערטער „אחרונים'', „ראשונים''.

**פועלי ציון** (ארבעטער פון ציון) נאמען פון סאציאליסטיש-ציוניסטישער ארבעטער-פארטיי, געגרינדעט אין 1907 אין האג; איר פראגראם איז צו בויען א יידישע נאציאנאלע היים אין ארץ-ישראל אויף יסודות פון סאציאליזם, און קאמף פאר בירגערלעכע און נאציאנאלע רעכט פאר יידן אין די גלות-לענדער. די הויפט-גרינדער זענען געווען פירער פון די פריערדיקע ציוניסטיש-סאציאליסטישע פארטייען (ציוניסטן-סאציאליסטן און אנדערע אין רוסלאנד, „דער יידישער ארבעטער'' אין עסטרייך, ארבעטער-קרייזן אין ארץ-ישראל און אנדערע) באראכאוו, בן צבי, כאשין, בן-גוריון, שוחט, קאפלאנסקי און אנדערע. אויף דער וועלט-קאנפערענץ אין 1920 האט די פארטיי זיך צעטיילט אויף „לינקע'' און „רעכטע'' (געווען אויך „נייטראלע'', וועלכע זענען שפעטער צוגעשטאנען צו די „רעכטע''). די רעכטע זענען די ווייט-גרויסע מערהייט אין דער באוועגונג, פארנעמען אין ארץ-ישראל דאס גרעסטע ארט אין דער „הסתדרות''; זיי זענען דער יסוד פון דער „מפלגת פועלי ארץ-ישראל''. זיי געהערן צו דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע און יידישער אגענץ, אין וועלכע זיי פארנעמען פירנדע שטעלונגען. די „לינקע'' האבן ביז לעצטנס נישט אנטיילגענומען אין ציוניסטישן קאנגרעס און אגענץ; זייער שטעלונג איז פאר יידיש אין ארץ-ישראל; געבן ארויס אין ארץ-ישראל א יידיש וואכנבלאט „די נייע וועלט'' און אין סאציאלע פראגן זענען זיי פיל ראד-

דיקאַלער פון די „רעכטע". — װעגן פאַרשידענע ריכטונגען און גרופּירונגען פון „פּועלי ציון" זע זוכװערטער „התחלוץ", „הסתדרות העובדים הכללית", „השומר הצעיר", און אויך בײַ די נעמען פון די פירנדע פּערזענלעכקײטן פון די „פּועלי ציון"־גרופּירונגען.

**פורים** ײדישער האַלב־יום־טוב אין 14טן טאָג פון חודש אדר; צוזאַמענגנם דעם 15טן אדר איז אַ קלענערער האַלב־יום־טוב מיטן נאָמען שושן פּורים. װעגן דער אַנטשטײאונג פון פּורים גיט אַן די ײדישע טראַדיציע פאָלגנדן סיפּור, װעלכער איז פאַראַן אין תנ"ך אין ספר אסתר. אין דער צײַט פון אָנהויב פון 2טן בית המקדש, אין 5טן יאָרהונדערט פאַר דער געװײנלעכער צײַטרעכענונג, װען פּערסיע האָט באַהערשט פיל לענדער פון מיטל- און פאָדער־אַזיע, איז דער פּערסישער קעניג אחשורוש אין דער הויפּטשטאָט שושן אין כעס געװאָרן אויף דער קעניגין ושתי און איר געטויט, און גענומען אַלס קעניגין דאָס ײדישע מײדל אסתר, די קרובה פון מרדכי. אחשורוש האָט נישט געװאוסט, אַז זי איז אַ ײדיש מײדל. אין דער זעלבער צײַט האָט אחשורוש געמאַכט אַלס זײַן העכסטן שר המן, װעלכער האָט געהאַט אַ כעס אויף מרדכי און ער האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זײַן אין אַלע ײדן און ער האָט געפּועלט בײַ אחשורוש צו באַפעלן, אַז מען זאָל אין אײן טאָג באַפאַלן אַלע ײדן און זײ טויטן. המן האָט געװאָרפן גורל, װאָס איז, װי דאָס ספר אסתר זאָגט, אָנגערופן געװאָרן „פּור", און עס איז געפאַלן, אַז דער טאָג זאָל זײַן דעם 14טן טאָג אין אדר. מרדכי איז געװאויר געװאָרן פון דער גזירה און זיך געװענדט צו אסתר, װעלכע האָט געפּועלט בײַ אחשורוש צו געבן די ײדן די דערלויבעניש אַנצופאַלן אין 14טן אדר אויף זײערע שונאים און זיך צו פאַרטײדיקן; אין דער שטאָט שושן האָבן ײדן געהאַט די דערלויבעניש אויך דעם 15טן אדר. המן און זײַנע 10 זין האָט מען אויפגעהאַנגען און אויף המנס אָרט איז מרדכי געװאָרן דער העכסטער שר. דאָס ספר אסתר זאָגט, אַז צוליב דעם זענען אײנגעפירט געװאָרן די „ימי הפּורים", דעם 14טן אדר אין אָפענע שטעט און דעם 15טן אדר אין אַרומגעמויערטע שטעט צו פרײען זיך און צו שיקן מתנות אײנער דעם צװײטן און געבן מתנות אָרעמעלײַט. — די מנהגים פון פּורים זענען פאָלגנדע: דעם 13טן טאָג אין אדר איז אַ תענית (תענית אסתר); בײַנאַכט לײענט מען די מגילת אסתר מיט אַ באַזונדערער מעלאָדיע. צוזאַמענגנם אײנדערפרי לײענט מען נאָכאַמאָל די מגילת אסתר. בײַם דערמאָנען „המן" גרעגערט מען מיט גרעגערס. בײַם דאַװענען און בענטשן זאָגט מען „על הנסים"; צו שחרית־דאַװענען זאָגט מען פּיוטים („קרובץ"). דער עיקר שמחה הויבט זיך אָן פּורים פאַרנאַכט. װען מען זעצט זיך צו דער גרױסער פּורים־סעודה, צו װעלכער עס װערן געבאַקן המן־טאַשן (דרײַשפּיציקע קיכלעך אָנגעפילט מיט מאָן), עס װערן געגעסן קרעפּלעך, מען טרינקט װײַן און בראַנפן. די גמרא אין מגילה ז' זאָגט, אַז מען זאָל זיך אַזוי אָנטרינקען אַז מען זאָל נישט קאָנען אונטערשײדן צװישן „ארור המן" און „ברוך מרדכי". צו דער סעודה שיקט מען צו באַקאַנטע „שלח מנות", מתנות פון עסנװאַרג. מען טײלט אויך נדבות פאַר אָרעמעלײַט. חסידים קומען זיך צונויף בײַ אײנעם פון די אָנגעזעענע חסידים און מען איז זיך משמח צוזאַמען. אין די קלענערע שטעט, מײסטנס אין די מזרח־אײראָפּעאישע לענדער, פלעגן קומען אין די הײזער צו דער סעודה „פאַרשטעלטע" אין מאַסקעס, „פּורים־שפּי-

לער", וועלכע האבן געגעבן פארשידענע פורים־שפילן ווי „מכירת יוסף", „אחשורוש" און אנדערע. דער דאזיקער מנהג פון פורים־שפילן און פארשטעלונגען איז זייער אן אלטער און ווערט שוין דערמאנט אין דער גמרא סנהדרין ס"ד „משוורתא חפוריא", וואס זאל זיין דער טייטש, אז אין פורים פלעגט מען מאכן פארשטעלונגען, אנצינדנדיק א פייער און שפרינגען איבער דעם פייער און אריינווארפן אין פייער די פיגור פון המן. וועגן די פורים־שפילן, זייער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג אין טעאטער־פיעסן זע אין שיפערס „געשיכטע פון יידישן טעאטער", ערשטער טייל. — אין פיל שטעטלעך איז געווען דער מנהג צו דערוויילן אויף פורים א פורים־רב און א פורים־רבי, וועלכע האבן געהאט די אויפגאבע צו וויילן דעם עולם מיט וויצן און ווערטלעך, געזאגט מיט דעם ניגון פון גמרא־לערנען, אדער פון רביאישע תורות. דער 15טער טאג אין אדר הייסט שושן פורים, און לויט דער אנווייזונג פון מגילת אסתר דארף מען פייערן פורים דעם 14טן טאג אין אדר נאר אין די שטעט, וועלכע זענען נישט ארומגערינגלט מיט קיין מויער. דערפון ווערט אין דער משנה מגילה ארויסגעלערנט, אז אין די שטעט, וואס זענען ארומגערינגלט מיט א מויער פון דער צייט פון יהושע בן נון, דארף מען פייערן פורים און לייענען די מגילה דעם 15טן טאג אין אדר. די הויפטשטאט פון ארץ־ישראל, ירושלים, ווערט פארעכנט אלס איינע פון די דאזיקע שטעט. עס איז צו באמערקן, אז אויך אין אייראפע, זענען פאראן טייל שטעט, וואו מען לייענט די מגילה אויך אין שושן פורים. אין פוילן האט מען געלייענט איז שושן פורים די מגילה אין קליינעם שטעטל וואנוואליץ. — וועגן פורים און די מנהגים פון פרייעלעכקייט זענען געשריבן געווארן אין מיטלאלטער פיל פאראדיעס נאכגעמאכט די גמרא, די הגדה פון פסח, פיוטים, סליחות, ווי „מסכת פורים" און אנדערע. וועגן די דאזיקע פאראדיעס האט געשריבן א גרינטלעכע ארבעט שטיינשניידער „פורים אונד פאראדיע" אין דער ברעסלויער מאנאט־שריפט, ווי אויך צונץ אין זיין בוך „ריטוס". — וועגן די פארשידענע פורים־מנהגים זע אין יידיש שוים „דאס יום־טוב־בוך". — אין דער מאדערנער וויסנשאפטלעכער פארשונג זענען פאראן טייל היסטאריש־קריטישע השערות וועגן דער אפשטאמונג פון פורים. און אויך וועגן דער צייט ווען דאס ספר „אסתר" איז פארפאסט געווארן. דאס זענען אבער אלץ נאר השערות, וועלכע ווערן אפגעפרעגט פון די געלערנטע, וואס שטייען אויפן באדן פון דער יידישער רעליגיעזער טראדיציע. זע דאס דערמאנטע בוך פון שוים, „דאס יום־טוב בוך". — א זאמלונג פון פורים־שפילן איז פאראן אין באנד „יידישער פאלקלאר" פון „ייווא", 1938.

**פורים קטן** ווען א יאר איז אן עיבור־יאר און עס זענען פאראן צוויי חדשים אדר, איז דער הויפט־פורים אין צווייטן אדר, דאקעגן דער 14טער און 15טער טאג אין ערשטן אדר ווערן אנגערופן „פורים קטן" (קליינער פורים). מען לייענט נישט אין זיי די מגילה, נאר זיי ווערן פארעכנט אלס האלבע פייער־טעג; מען זאגט נישט אין זיי קיין תחנון וכדומה.

**פורימס** אין פארשידענע יידישע ספרים ווערן געבראכט וועגן פורימס, וואס מען האט איינגעפירט אין פארשידענע קהלות און אויך אין פריוואטע פאמיליעס צום אנדענק פון געשעענישן, אין וועלכע די באטרעפנדע קהלה אדער פאמיליע אדער פאמיליע־פאטער זענען געראטע־

וועט געווארן פון א גרויסער געפאר. אזא פורים איז למשל דער פורים־פראנקפורט אין 20טן טאג אין אדר צום אנדענק פון דער ישועה, וואס איז געקומען אויף די פראנקפורטער יידן אין יאר 1616, ווען זיי זענען ניצול געווארן פון דעם יידן־פיינט ווינץ פעטמילך. אז פורים איז אויך דער „פורים פון תוספות יום־טוב“, אין ערשטן טאג פון אדר צום אנדענק פון דער רעטונג פון רבי יום־טוב ליפמאן־העלער, מחבר פון תוספות יום־טוב אין מיטן פון 17טן יאהרהונדערט. אזעלכע פורימס זענען באקאנט 26, און זיי זענען פארצייכנט אין „אוצר ישראל“ זוכווארט „פורים“.

**פזמון** באצייכענונג פאר די פיוטים וועלכע דער חזן זאגט אדער זינגט יעדן פערז באזונדערס און דער קהל זאגט נאך דעם פערז. וועגן דער אפשטאמונג פון ווארט פזמון זענען פאראן פארשידענע מיינונגען. רבי אליהו בחור אין „תשבי“ ברענגט, אז אין תרגום אויף איוב ווערט דאס ווארט „ויען“ (אין ער האט אפגעענטפערט) איבערזעצט מיטן ווארט „ופזים“. דאס ווארט פזמון הייסט דעריבער „אפענטפערן“. לויט דער מיינונג פון פערלעס זאל עס זיין פון ווארט „בסמא“ (ליבלעך). קאהוט אין ערוך השלום, זוכווארט „פזמון“, מיינט, אז דאס איז א פערסיש ווארט.

**פטורים** ווען חתן און כלה צעשיידן זיך נאך תנאים און עס ווערט אוים שידוך, באקומט יעדער פון זיי פון רב „פטורים“, א צייגעניש, אז זיי זענען באפרייט איינער פון צווייטן און זענען פטור פון יעדער פאראנטווארטלעכקייט. מען רופט אויך פטורים די צייגעניש פון א רב פאר א מאן, וועלכער האט געגעט זיין פרוי, אז ער מעג חתונה האבן.

**פטירה** זע „נפטר“.

**פיוטים** תפילות, וואס זענען צוגעגעבן געווארן צו די אנגענומענע תפילות פון סידור אויף ימים־טובים, ראש השנה, יום כפור, פייערלעכע שבתים, און זיי זענען פארעפנטלעכט אין מחזורים (זע זוכווארט „מחזור“). דאס ווארט „פיוט“ שטאמט פון דער גריכישער שפראך, איז וועלכער „פאעטעס“ איז דער טייטש דיכטער: דער מחבר פון פיוטים האט געהייסן „פייטן“, און דער דאזיקער טיטל ווערט שוין דערמאנט אין די מדרשים (קהלת רבה אויפן פסוק „ונתתי“, „הדין פייטנא“ און אנדערע מדרשים). עס ווייזט אוים, אז שוין אין דער צייט פון דער גמרא פלעגן טייל חזנים צוגעבן צום דאווענען ימים טובים אייגענע פאר־פאסטע פיוטים, און וועלכע זיי האבן איינגעפלאכטן אגדות און זיי האבן די פערזן פון די פיוטים איינגעארדנט לויט אלף־בית (אין דערמאנטן מדרש קהלת רבה „הדין פייטנא כד עביד אלפא ביתין“). באזונדערס איז דאס מחבר זיין פיוטים פארשפרייט געווארן אין דער צייט באלד נאך דער גמרא, אמייסטן אין ארץ־ישראל, וואו די העברעאישע שפראך איז געווארן שטארק געפארשט און געלערנט. א לאנגע צייט האבן די היסטאריקער, פארשער פון פיוטים, נישט געוואוסט וועגן די גאר ערשטע פייטנים, און ערשט לעצטנס, א דאנק די אנטדעקונגען אין דער גניזה פון קאהיר (זע „גניזה“) פון אלטע כתבי יד און אויך א דאנק דער כתבי־יד־אויספארשונג אין פיל לענדער, איז מען דערגאנגען, אז די ערשטע פייטנים האבן געלעבט אין 7טן יארהונדערט אין ארץ־ישראל. דער ערשטער, אונדז באקאנטער פייטן איז געוועזן יוסי בן יוסי היתום (מעגלער, מחבר פון דער עבודה־תפלה צו יום כיפור „אתה כוננת“); באלד דערנאך איז געוועזן ינאי הפייטן, און דערנאך אלעזר הקליר און נאכער אנדע־

רע פייטנים שוין נישט בלויז אין ארץ־ישראל, נאר אויך אין אנדערע לענדער. טייל פון די פייטנים האבן פארפאסט הונדערטער פיוטים, אפילו גאנצע מחזורים אויף אלע ימים טובים און פייערלעכע שבתים (ווי „מחזור ינאי" און אנדערע). עס האבן פארפאסט פיוטים די אנגעזעענסטע גאונים און משוררים ווי רב סעדיה גאון, רבנו גרשום מאור הגולה, רבי יהודה הלוי, רבי אברהם און רבי משה אבן עזרא, רבי שלמה אבן גבירול, רמב"ם און פיל אנדערע. די מיינונג פון בארימטן פיוטיםפארשער ראפאפארט איז, אז עס איז פאראן אן אונטערשיד צווישן די פיוטים פון די ספרדים און אשכנזים; די ספרדישע דריקן מער אויס די באציאונג צווישן איינצלנעם מענטש און דער געטלעכקייט, האקעגן די אשכנזישע זענען מער דער אויסדרוק פון זארג וועגן יידישן פאלק. די שפראך פון די פיוטים איז א פארשידענע. אין גרעסטן טייל ווערן אין זיי באנוצט קינסטלער־געשאפענע העבראישע ווערטער און פארמען, טיילמאל אפילו קעגן די כללים פון דקדוק. דער אבן עזרא אויפן פסוק אין קהלת ה' טרעט ארויס קעגן די דאזיקע שפראך־שלעכטע פיוטים, באזונדערס פון קליר. פון דער צווייטער זייט ווערט אנגעוויזן, אז די פייטנים האבן באווייכערט און בויגזאמער געמאכט די העבראישע שפראך. — עס ווערט אנגענומען, אז עס זענען געווען איבער טויזנט פייטנים אין די פארשידענע צייטן און פארשידנסטע לענדער. די לעצטע פיוטים זענען געשריבן געווארן אין 17טן יארהונדערט (רבי שבתי כהן, רבי יום־טוב ליפמאן־העליר). — צו די אנגעזעענסטע פארשער פון פיוטים געהערן רבי וואלף היידענהיים, רבי שלמה לייב ראפאפארט (שי"ר, אין זיינע „תולדות", באזונדערס וועגן „קליר"), לוצאטא, צונץ (אין זיין „סינאגאגאלע פאעזיע", דאס ערשטע באדייטנדע ווערק איבער פיוטים־פארשונג), לאנדסהוט („עמודי העבודה"), ישראל דאווידסאן (זיין ווערק „אוצר השירה והפיוט" איז דאס וויכטיקסטע ווערק וועגן פיוטים און גיט די נייעסטע רעזולטאטן אויף דעם געביט), בראדי און אנדערע. אין ירושלים ביי דער העבראישער אוניווערזיטעט איז געגרינדעט געווארן אן אינסטיטוט אויף צו זאמלען און פארשן דאס גאנצע פיוטים־געביט פון פארשידענע כתבי יד (מכון לחקר השירה העברית). — זע זוכווארט „מחזור", ווי אויך די זוכווערטער פון די איינצלנע פייטנים ווי „יוסי בן יוסי", „ינאי", „קליר" און אנדערע.

**פייער** (אין העבראיש „אש); אין דער יידישער רעליגיע און אגדה פארנעמט פייער א גרויס ארט. די אגדה אין פסחים נ"ד דערציילט, אז אדם הראשון האט אנטדעקט דאס פייער דורך רייבן צוויי שטיינער איינעם אן דעם אנדערן. גאט האט גערעדט צו יידן דורך פייער (דברים ד'). אין משכן און בית המקדש האט געברענט אויפן מזבח שטענדיק פייער, „אש תמיד" (ויקרא י'). עס ווייזט אויס, אז טייל יידן האבן אמאל געדינט צו דער עבודה זרה פון פייער, און די תורה דברים י"ב פארווערט האס „דורכפירן קינדער" דורך דעם פייער און אין מלכים ב' ט"ז ווערט דערציילט, אז אחז דער מלך פון יהודה האט יא עובר געווען דערויף. אין דער גמרא פסחים קי"ח ווערט געזאגט, אז אין הימל איז פאראן א „שר של אש", א מלאך, וואס איז ממונה אויפן פייער. אין תענית ז' ווערט געזאגט אז די תורה איז געגליכן צו פייער, וואס איז אויך פאראן אין חומש דברים ל"ב „אש דת". וועגן דער געטלעכקייט ווערט געזאגט אין חומש דברים ד' „כי ה' אלהיך אש אכלה

הוא", וואָס איז דער זין, אַז גאָט באַשטראָפט די זינדיקע ווי פייער פאַרניכטעט. — זע זוכווערטער „הבדלה", „ליכט", „מולד".

**פייערבערג, מרדכי זאב** (1874—1899 אין אוקראַינע), העבראישער שריפטשטעלער; זיין הויפּט־ווערק איז די דערציילונג „לאָן" (וואוהין), וואָס שילדערט די טראַגעדיע פון אַ יונגן עילוי, אין וועלכן עס קומט פאָר אַ קאמף צווישן די איינגעוואָרצלטע טראַדיציאָנעלע גלויבונגען און די פרייע אַנשויאונגען; ער האָט אויך געשריבן „הצללים", „בערב", „הקמיע"; זיין פסעוודאָנים איז „חפני בעל דמיון".

**פיכמאַן, יעקב** (געבוירן 1881 אין בעסעראַביע), זינט 1912 אין ארץ־ישראל (מיט הפסקות). העבראישער דיכטער, ליטעראַטור־קריטיקער, מחבר פון לערנביכער, לערער, רעדאַקטאָר פון זשורנאַלן, שרייבט אויך יידיש; ווערט באַטראַכט אַלס איינער פון די סובטעלסטע ליריקער אין דער מאָדערנער העבראישער דיכטונג. זיינע ווערק: „גבעולים", „בבואות", „ימי שמש", „צללים על שדות", „לשון וספר" און אַנדערע; רעדאַגירט ‚מולדת::, „מעברות", אַ געוויסע צייט די „התקופה", „השלח", „ספר הארץ", איצט די מאָנאַט־שריפט פון דער אגודת הסופרים „מאזנים". אויך איבערזעצט לידער פון געטע, היינע און אַנדערע.

**פילאָזאָפיע** די געשיכטע פון פילאָזאָפיע ביי יידן ווערט געוויינלעך איינגעטיילט אין 1) דער צייט פון תנ"ד; 2) בית שני און תלמוד, מיט דער באַריקזיכטיקונג פון דער יידיש־העליניסטישער פילאָזאָפיע אין אַלעקסאַנדריע; 3) מיטלאַלטער; 4) די מאָדערנע צייט פון מענדלסאָן און דער השכלה אָן איז דער 2טער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט ביז דער איצטיקער צייט. — אין די ספרים פון תנ"ד ווערן אין טייל ערטער באַהאַנדלט אַ ריי פּראָבלעמען פון דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. אַזוי באַהאַנדלט דאָס ספר איוב דאָס פּראָבלעם פון „השגחה" און „צדיק ורע לו רשע וטוב לו", צי גאָט פירט אָן מיט דעם גורל פון מענטש און פאַרוואָס זעען מיר, אַז גוטע מענטשן האָבן אָפט ליידן אין לעבן און שלעכטע מענטשן גייט אין לעבן גוט. דאָס זעלבע פּראָבלעם ווערט אויך באַהאַנדלט אין ספר חבקוק, ירמיה י"ב („מדוע דרך רשעים צלחה"), תהלים, און באַזונדערס אין קהלת ח' (יש צדיקים אשר מגיע אליהם כמעשה הרשעים"). אין אַלגעמיין קומט אין תנ"ד צום אויסדרוק די מיינונג, אַז דער מענטש קאָן נישט דערגיין די געהיימע וועגן פון דער געטלעכקייט, וועלכע בלייבן פאַר דעם מענטשן נישט אויפגעקלערט. דער העכסטער אויסדרוק דערפון איז פאַראַן אין ספר איוב אין די קאַפּיטלעך ל"ח—מ"א, וואו גאָט פרעגט דעם מענטש, צי האָט ער שוין דערפאַרן אַלע סודות פון דער נאַטור, די אַנטשטייאונג פון דער ערד, דעם הימל און זיינע געהיימענישן, דאָס ליכט, דאָס צוועקמעסיג־איינגעאָרדנטע לעבן פון פאַרשידענע לעבעדיקע באַשעפענישן, אַז ער וויל אויך דערגיין דאָס וואָס איז העכער פון דער נאַטור, די געטלעכקייט? — אין קהלת, אין דאָזיקן ספר, וואָס וועגן דער צייט פון זיין אַנטשטייאונג זענען פאַראַן אַזוי פיל מיינונגען, און וואָס איז דער אויסדרוק פון דער פילאָזאָפיע פון פעסימיזם, פון דער עלנטקייט און האָפענונגסלאָזיגקייט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, און זינלאָזיקייט פון מענטשנס באַמיאונגען, ווערט דער זעלבער געדאַנק וועגן דער

אונמעגלעכקייט פון מענטש צו דערגייז
די סודות פון דער געטלעכקייט, דער
„אגנאסטיציזם", אויסגעדריקט צום סוף
פון קאפיטל ח': „וגם אם יאמר החכם
לדעת לא יוכל למצא". — מער סיסטע־
מאטיש געפינען מיר פילאָזאָפישע גע־
דאנקען אנטוויקלט אין פארשידענע ריכ־
טונגען אין יידנטום אין דער צייט פון
2טן בית המקדש. פון איין זייט האבן
מיר די יידיש־העלעניסטישע שולע אין
אלעקסאנדריע (עגיפטן) און איר גרעסטן
דענקער פילאָן, וועלכע זענען געשטאנען
שטארק אונטער דעם איינפלוס פון דער
אַלט־גריכישער פילאָזאָפיע, און באזונ־
דערס פון פלאטא און דעם נעאָ־פלאטאָ־
ניזם. אין די ווערק פון פילאָן געפינען
מיר די ערשטע פרוואון פון דערקלערן
די יסודות פון דער יידישער רעליגיע
און דעם תנ"ך לויט די לערעס פון דער
גריכישער פילאָזאָפיע. אין זיי ווערן
באהאנדלט סיסטעמאטיש אַלע באקאנטע
פילאָזאָפישע פראבלעמען ווי די עקזיס־
טענץ פון גאָט, וועזן פון נשמה און איר
אומשטערבלעכקייט, די אַנטשטייאונג
פון ענדלעכע און גשמיותדיקע זאכן פון
דעם אומענדלעכן און גייסטיקן געטלעכ־
קייט־וועזן, און די איינפירונג פון „לאָ־
גאָס", דעם פארמיטלער צווישן אומענד־
לעכן און ענדלעכן, דעם גייסטיקן און
מאטעריעלן (זע וועגן דעם די זוכווער־
טער „העלעניזם" און „פילאָן"). פון
דער צווייטער זייט איז זיכער, אַז דע־
מאָלט, אין דער 2טער העלפט פון בית
שני, אין די ערשטע 2 יארהונדערט פאר
און נאך דער געוויינלעכער צייטרעכע־
נונג, זענען אין ארץ ישראל געווען יידי־
שע פילאָזאָפישע דענקער, הגם זייערע
ווערק זענען פארלוירן געגאנגען. דער
יידישער היסטאָריקער פלאוויוס (אין
דער 2טער העלפט פון 1טן יארהונדערט)
אין זיינע ספרים „קדמוניות היהודים"
און „מלחמת היהודים", ווען ער שרייבט

וועגן די יידישע כתות די צדוקים, פרו־
שים און איסיים, שטעלט ער זיי פאר
אַלס פילאָזאָפישע שיטות, און כאָטש
מען קאָן זאָגן, אַז פלאוויוס האָט נאָר
געוואָלט אזוי ארום בעסער מסביר זיין
דאָס וועזן פון די דאָזיקע כיתות פאר
דער גריכיש־רוימישער וועלט, איז אָבער
זיכער, אַז עטוואָס פילאָזאָפישעס איז
געווען אין די דאָזיקע כיתות. אויך פון
דער משנה אין חגיגה, פרק ב' וועגן
„מעשה מרכבה", „מעשה בראשית" און
וועגן די פראָבלעמען פון „מה למעלה,
מה למטה" איז צו זען, אַז פילאָזאָפישע
פראָבלעמען האָבן דעמאָלט פאראינטע־
רעסירט די יידישע חכמים אין ארץ יש־
ראל. אין דער גמרא ווערט אויך עטלע־
כע מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט „פילאָ־
זאָף" („פילוסופא", שבת קט"ז, פילוסו־
פין, עבודה זרה נ"ד און אַנדערע). —
די צייט פון מיטלאַלטער איז געווען די
גאָלדענע עפּאָכע פון דער יידישער רע־
ליגיעזער פילאָזאָפיע, וועלכע איז גע־
שטאַנען אין אַלגעמיין אונטער דעם איינ־
פלוס פון די 2 אַלט־גריכישע פילאָזאָפי־
שע שולן פלאַטאָ און אריסטאָטל (אַפל־
טון און אריסטו), באַארבעט אין דער
אינטערפּרעטאַציע פון די אַראַבישע דענ־
קער אין פריערדיקן און שפּעטערן מיטל־
אַלטער. די ערשטע יידישע מיטעלאַל־
טער־פילאָזאָפן האָבן זיך באַקענט מיט
די דאָזיקע לערעס דורך דער פארמיטלונג
פון די אַראַבישע איבערזעצונגען און קאָ־
מענטאַרן. דער ערשטער איז געווען רבי
דוד אַלמאַקאַמאַץ, אָבער פון אים ווייסן
מיר זייער ווייניק. דער באַדייטנדסטער
פון די ערשטע יידישע פילאָזאָפן אין
מיטלאַלטער איז געווען רב סעדיה גאון,
וועלכער האָט אין זיין ספר „אמונות
ודעות" געלייגט די פונדאַמענטן פאר
דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע,
באַהאַנדלענדיק די פּראָבלעמען פון מצי־
אות השם (עקזיסטענץ פון גאָט), אחדות

השם (מאָנאָטעאיזם), חדוש העולם יש מאין (די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט פון גאָרנישט), השארת הנפש (אומשטערבלעכקייט פון נשמה), דאָס פּראָבלעם פון ידיעה און בחירה (גאָט ווייסט אַלץ, און דאָך איז דער מענטש פריי אויסצוּוויילן וואָס ער זאָל טאָן) און אַנדערע (זע „סעדיה גאון"). נאָך רב סעדיה גאון, וועלכער איז אין אַלגעמיין געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דער אַריסטאָטעל־שולע, זענען געקומען פיל אַנדערע יידישע פילאָזאָפן ווי רבנו בחיי אבן פקודה, מחבר פון „חובות הלבבות", רבי אברהם אבן דוד (ראב"ד דער ערשטער) מחבר פון „אמונה רמה", רבי שלמה בן גבירול („מקור חיים". „כתר מלכות"), רבי יהודה הלוי („הכוזרי", אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק די אינטואיטיווע, אַנטי־ראַציאָנאַליסטישע און אַנטי־פילאָזאָפישע שטעלונג פון יידישן דענקען), רבי אברהם אבן עזרא, און דער באַדייטנדסטער פון זיי אַלע רבי משה בן מימון, רמב"ם, אין זיין „מורה נבוכים", ספר המדע (אין „משנה תורה"), „שמונה פּרקים" און אַנדערע קלענערע אָפּהאַנדלונגען. די דאָזיקע יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן באַהאַנדלט די גרונט־פּראָבלעמען פון דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, ווי דאָס וועזן און אַטריבוטן פון דער געטלעכקייט, השארת הנפש, ידיעה ובחירה, אאַז, מיט גרויס דרייסטקייט. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן דורך אַנדערע יידישע רעליגיעזע פירער אַלס אָפּווייכונג פון ריין יידישן רעליגיעזן וועג, אַלס כפירה און אַפּיקורסות. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין דער צייט פון רמב"ם און האָט זיך פאַרשטאַרקט נאָכן רמב"מס טויט, אַזוי, אַז אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי רבי שלמה בן אדרת (רשב"א), רבנו אשר (רא"ש), און אַנדערע, האָבן געהייסן באַגרענעצן דאָס לערנען פילאָזאָפיע און איבערהויפּט וועלטלעכע חכמות. דער הויפּט־קאַמף איז פאָרגעקומען אין שפּאַניע, וואו עס האָבן אויך שפּעטער זיך באַוויזן אַ ריי אָנגעזענע יידישע פילאָזאָפן, פון וועלכע די אָנגעזעענסטע זענען געווען רבי לוי בן גרשון („מלחמות השם") און רבי חסדאי קרשקש („אור ה'"). גאָר שטאַרק איז געוואָרן דער קאַמף צווישן פילאָזאָפיע און קבלה, וועלכע האָט איינגענטלעך אויך איבערגענומען געוויסע פילאָזאָפישע לערעס וועגן דער געטלעכער אומענדלעכקייט. אין דער צייט פון מיטלאַלטער איז די פילאָזאָפיע באַצייכנט געוואָרן אין העברעאיש, אַמייסטן מיטן נאָמען „חקירה" (פאָרשונג) און די רעליגיעזע פילאָזאָפן האָבן געהייסן חוקרים. — די יידישע מאָדערנע פילאָזאָפיע הויבט זיך אָן מיט דער צייט פון משה מענדלסאָן, וועלכער איז געווען די אָנפירנדע פּערזענלעכקייט פון יידישער אויפקלערונג אין דער 2טער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. אייגנטלעך וואָלט מען געקאָנט אָנהויבן די צייט נאָך פריער, מיט ברוך שפּינאָזא (אין דער מיט פון 17טן יאָרהונדערט) און אפשר אַפילו עטוואָס נאָך פריער מיט אוריאל אַקאָסטאַ און טייל פון די איטאַליענישע יידישע דענקער (יהודה אברבנאל און זיין דיאַלאָג איבער ליבע, יהודה אריה די מודינא און אַנדערע). אָבער מען קאָן זאָגן, אַז הגם זיי האָבן אַ גרויסע באַדייטונג אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון פילאָזאָפיע (אברבנאל וויניקער און שפּינאָזא פיל מער), און הגם זיי האָבן געשעפּט אַ סך פון זייערע אַנשויאונגען פון דער יידישער פילאָזאָפיע (שפּינאָזא פון רמב"ם, קבלה און קרשקש), געהערן זיי נישט צו די, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט די ספּעציעל־יידישע פילאָזאָפיע, דאָס דענקען אין דער אינערלעך־יידישער וועלט. דער ערשטער פון די מאָדערנע

יידישע דענקער, וועלכע זענען געבליבן אין יידנטום און האָבן באַאיינפלוסט דאָס יידיש־פילאָזאָפישע דענקען איז געווען משה מענדלסאָן, וועלכער האָט אין זיין „ירושלים" אויפגענומען דאָס אַלטע פּראָבלעם וועגן געפינען אַן אויסגלייכונג צווישן פילאָזאָפיע און רעליגיע. אויך זיין „פעדאָן" איבער השארת הנפש האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די ערשטע יידישע משכילים אין דייטשלאַנד, עסטרייך און פוילן. לעבן מענדלסאָן קאָן מען אַלס באַדייטנדן יידישן דענקער באַטראַכטן שלמה מימון („גבעת המורה" אויפן מורה נבוכים און אַנדערע), וועלכער איז געווען דער ערשטער באַדייטנדער קריטיקער פון קאַנטס פילאָזאָפישן קריטיציזם. מער יידיש איז געווען אין זיינע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען נחמן קראָכמאַל („מורה נבוכי הזמן"), וועלכער האָט געפּרוּווט אָנווענדן די פילאָזאָפישע דיאַלעקטיק פון העגעל און זיין „טערציאַ" אין דער אויפפאַסונג פון יידנטום און דער יידישער געשיכטע. צו די באַדייטנדסטע יידנטום־פאָרשער און דענקער געהערט זיכער הערמאַן קאָהען, וועלכער פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אויך אין דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע. צו די גרויסע יידישע דענקער, וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אין דער אַלגעמיינער מאָדערנער פילאָזאָפיע געהערן אַנרי בערגסאָן, מייערסאָן, אַלעקסאַנדער, הוסערל (גרינדער פון דער „פענאָמענאָלאָגיע"). — איבער דער געשיכטע פון דער יידישער פילאָזאָפיע און אירע איינצלנע עפּאָכן און פערזענלעכקייטן זענען געשריבן געוואָרן פיל ווערק און אָפּהאַנדלונגען. אין העבעראיש זענען פאַראַן „דעת אלהים" פון בערנפעלד און „תולדות הפילוסופיה בישראל" פון דוד ניימאַרק. — זע אויך די באַזונדערע זוכווערטער „אַטעאיזם", „אומשטערבלעכקייט פון נשמה", „אַנטראָפּאָמאָרפיזם", „גאָט", „העלעניזם", „ידיעה ובחירה", ווי אויך די נעמען פון די יידישע דענקער („משה בן מימון", „מענדלסאָן", „סעדיה", „פילאָן", „קראָכמאַל").

## פילאָן פון אַלעקסאַנדריע

**פילאָן פון אַלעקסאַנדריע** באַרימטסטער יידישער פילאָזאָף אין אַלטערטום, געלעבט אין אַלעקסאַנדריע, אין עגיפּטן, אין 1טן יאָרהונדערט פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, נישט לאַנג פאַרן חורבן פון 2טן בית המקדש. ווען ער איז געבוירן געוואָרן און ווען ער איז געשטאָרבן ווייסן מיר נישט. מיר ווייסן נאָר, אַז אין יאָר 40 פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג איז ער געווען אַן אָנגעזעענע פערזענלעכקייט ביי די יידן אין עגיפּטן, וועלכע האָבן אים געשיקט אין אַ דעלעגאַציע קיין רוים צום קייסער קאַיוס קאַליגולאַ זיך משתדל צו זיין קעגן די רדיפות אויף זיי. — פילאָן (וועלכן רבי עזריה מן האדומים, אין 16טן יאָרהונדערט, רופט אָן אין זיין ווערק „מאור עינים", „ידידיה האלכסנדרוני") איז געווען דער באַדייטנדסטער יידישער דענקער פון אַלע דורות. אין זיין פילאָזאָפישער שיטה איז ער געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון אַלט־גריכישן פילאָזאָף פּלאַטאָ און זיינע אָנשויאונגען איבער די „אידייען", ווי אויך פון דער פילאָזאָפישער שולע פון די סטאָאיקער און זייערע אָנשויאונגען וועגן עטישן לעבן פון מענטשן, זיין אינערלעכער פרייהייט, נישט לייגן קיין אַכט אויף אויסערלעכע גיטער. פילאָן האָט זיך באַמיט צו דערקלערן דאָס יידנטום און איבערהויפּט דעם תנ"ך און די מצוות התורה אין גייסט פון די דאָזיקע פילאָזאָפישע שיטות. ער האָט די סיפּורים פון תנ"ך און די מצוות דערקלערט אַלעגאָריש, אַז זיי אַנטהאַלטן אין זיך סימבאָלן פון די פילאָזאָפישע לערעס. ער האָט איבערגענומען פון די סטאָאיקער

דעם באגריף פון „לאגאס“, „געטלעכן ווארט“, וואס איז די עמאנאציע פון דער געטלעכקייט און איז דער פערמיטלער צווישן דער אומענדלעכער געטלעכקייט און דער וועלט, און האט געפרואווט די לאגאס־אידייע איינפלאנצן אין דער לערע פון יידנטום. פילאן איז געווען טיף רעליגיעז און איז שארף ארויסגעטרעטן קעגן יענע העלעניזירטע, פארגריכיזירטע יידן, וועלכע האבן אוועקגעווארפן די יידישע רעליגיע. ער איז געווען דער העכסטער און נאבלסטער אויסדרוק פון פאזיטיוון יידישן העלעניזם, וועלכער האט געפרואווט געפינען אן אויסגלייך צווישן דער גריכישער פילאזאפיע און ליטעראטור פון איין זייט און דעם יידנטום פון דער צווייטער זייט. די השפעה פון פילאן אויף דער יידישער וועלט איז, ווייזט אויס, נישט געווען קיין גרויסע. די סיבה דערפון איז געווען, וואס פילאן האט געשריבן זיינע ווערק אין גריכיש, און די דאזיקע שפראך איז געווען אין אלגעמיין פרעמד די יידישע מאסן אין ארץ ישראל און א ריי אנדערע לענדער. פונדעסטוועגן זענען פאראן מיינונגען, אז פילאנס אנשויאונגען זענען אריינגעדרונגען אויך קיין ארץ ישראל און מען קאן געפינען זייער אפקלאנג אין טייל מדרשים און תרגום (די „מימרא דה׳ “ פון תרגום זאל זיין אונטער דעם איינפלוס פון „לאגאס“). זיין איינפלוס צווישן די העלעניסטישע יידן איז זיכער געווען זייער גרויס. די באדייטונג פון פילאן איז אומגעווייניכלעך גרויס פאר דער געשיכטע פון דער אלגעמיינער פילאזאפיע און באזונדערס פון די ערשטע קריסטלעכע טעארעטיקער, וועלכע האבן זיך באמיט ארויסצונעמען פילאנס געדאנקען און אויסצונוצן זיי פאר באגרינדן דאס קריסטנטום (באזונדערס דעם „לאגאס“), הגם פילאן האט דערמיט קיין שייכות ניט געהאט. — פילאן האט געשריבן (אין גריכיש) א סך ווערק, אויף חומש (איבער די מצוות, לעבן פון אברהם, לעבן פון משה רבנו און אנדערע), איבער דער געטלעכער השגחה, איבער דעם קאנטעמפלאטיוון לעבן, איבער דער אייביקייט פון דער וועלט, איבער דער אינערלעכער פרייהייט פון צדיק, איבער זיין דערמאנטער דעלעגאציע־מיסיע קיין רוים (אנטהאלט וויכטיקע היסטארישע ידיעות) און אנדערע. טייל פון זיי זענען איבערזעצט געווארן אין העברעאיש (לעצטנס דורך דר. מנחם שטיין פון ווארשע). אין זיין ווערק „איבער די פרייהייט פון צדיק“ און „קאנטעמפלאטיוון לעבן“ געפינען מיר וויכטיקע ידיעות וועגן דער איסיים־סעקטע. — וועגן פילאן זענען געשריבן געווארן זייער פיל ביכער אין דייטש, ענגליש, פראנצויזיש. דאס אויספירלעכסטע ווערק אין העברעאיש איבער פילאן איז דר. מנחם שטיינס „פילון האלכסנדרוני, הסופר וספריו ומשנתו הפילוסופית“, ווארשע תרצ״ז. — זע זוכווערטער „איסיים“, „אלעגאריע“, „אלעקסאנדריע“, „העלעניזם“, „עגיפטן“, „פילאזפיע“.

## פינחס בן אלעזר

פינחס איז געווען, ווי דער חומש במדבר כ״א דערציילט, דער זון פון אלעזר, זון פון אהרן הכהן. דער חומש דערציילט דארט, אז פון גרוים אייפער פאר דער פאמיליע־און זיטן־ריינקייט פון די יידן האט פינחס געטויט דעם נשיא פון שבט שמעון זמרי און די מדין־פרוי כזבי בת צור, וועלכע האבן עפנטלעך געלעבט געשלעכטלעך און געדינט צו דער עבודה זרה בעל פעור. דער חומש דארט זאגט, אז צוליב דעם האט גאט אים און זיינע קינדער געגעבן די כהונה. אין יהושע כ״ב און שופטים כ׳ ווערט דערציילט וועגן כהן פינחס. אין דער אגדה ווערט

פינחס באטראכט אלס דער סימבאל פון קנאות, און די גמרא ברענגט דאס ווארט פון ינאי המלך וועגן די צבועים וואס טוען ווי זמרי „ומבקשין שכר כפינחס״ (סוטה כ״ב). אין טייל אגדה־קוואלן ווערט אנגעגעבן, אז פינחס איז געווען אליהו הנביא (פרקי אליעזר מ״ז, תרגום ירושלמי במדבר כ״ה).

**פינחס בן יאיר** תנא אין 4טן דור פון די תנאים (2טער העלפט פון 2טן יאר־הונדערט), אין דער צייט פון רבי יהודה הנשיא מסדר פון דער משנה; איידעם פון תנא רבי שמעון בן יוחאי. אין דער גמרא ווערן דערציילט וועגן אים ניסים. אין חולין ז׳ ווערט דערציילט ווי ער איז איינמאל געגאנגען זאמלען געלט פאר פדיון שבויים און ער איז געקומען צו א טייך, האט דער טייך זיך פאר אים געשפאלטן. דארט ווערט דערציילט, אז ער האט קיינמאל נישט געוואלט נהנה זיין פון קיין מענטש און עסן ברויט, וואס איז נישט זיינס. וועגן זיין אייזל („חמור דרבי פינחס בן יאיר״) ווערט דארט דערציילט, אז עס האט נישט גע־וואלט עסן פון תבואה פון וועלכן מען האט נישט גענומען תרומה ומעשר. פון אים איז פאראן די באקאנטע ברייתא (עבודה זרה כ׳, און אין טייל משניות צום סוף סוטה), אז תורה ברענגט צו זהירות. זהירות צו זריזות, זריזות צו נקיות, נקיות צו פרישות, פרישות צו טהרה, טהרה צו ענוה, דערנאך יראת חטא, רוח הקודש, און דאס העכסטע חסידות. עס ווייזט אויס, אז רבי פינחס בן יאיר האט געהערט צו די מיסטישע קרייזן אין יידנטום, וואס זענען געבליבן אין יענע צייטן פון די איסיים.

**פינלאנד** לאנד אין צפון־מזרח פון אייראפע, לערך 3 מיליאן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 3,000 יידן, פון וועלכע דער גרעסטער טייל וואוינט אין דער הויפטשטאט וויבארג. אין אלגעמיין זע־נען אין פינלאנד נישט געווען פאר דער מלחמה 1939 קיינע באגרענעצונגען אויף יידן; עס איז אבער דארט געווען דער פארבאט אויף שחיטה.

**פינסקי, דוד** (1872 אין רוסלאנד), איצט אין ניו־יארק; יידישער שריפט־שטעלער. אנגעזעענער פירער פון רעכ־טע פועלי ציון, פרעזידענט פון אידיש־נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד אין אמע־ריקע; געשריבן פיעסן „פאמיליע צבי״, „יענקל דער שמיד״, „דער אייביקער ייד״ (אויפגעפירט דורך דער „הבימה״, „היהודי הנצחי״), ווי אויך היסטארישע דערציילונגען; ער האט אויך רעדאגירט „די צייט״, „יידישער קעמפער״. פרטים אין רייזנס „סעקסיקאן״.

**פינסקער, לעאן,** יהודה־לייב (1821 אין טאמאשאוו — 1891 אין אדעס); זון פון געלערנטן חכמת־ישראל פארשער שמחה פינסקער; דאקטאר מעדיציו; צו־ערשט געניגט צו אסימילאציע; נאך די פאגראמען אין 1881 פארעפנטלעכט אין דייטש 1882 זיין בארימטע בראשור „אויטאעמאנציפאציע״ (איבערזעצט אין העברעאיש דורך אחד העם, בר טוביה, ציטראן), אין וועלכער ער ווייזט אז, אז נאר יידן אליין קאנען זיך העלפן און לייזן די יידן־פראגע דורך שאפן אן איי־גענע היים אין אן אייגן לאנד. פינסקער האט צונויפגערופן אין 1884 די חובבי־ציון־קאנפערענץ אין קאטאוויץ, געווארן פרעזידענט פון די חובבי־ציון אין רוס־לאנד און פיל געהאלפן צו דער פאר־שפרייטונג פון דעם פאר־הערצלישן ציו־ניזם. זיין קערפער האט מען אין 1934 געבראכט קיין ארץ־ישראל און קובר גע־ווען אויפן הר הצופים אין דער מערת ניקנור אין ירושלים.

**פינקעלשטיין, אריה אליעזר** געלערנטער אין חכמת ישראל, איצט רעקטאר און פראפעסאר פון יידישן טעאלאגישן סעמינאר אין ניו־יארק (שעכטערס רבנים־סעמינאר); מחבר פון דער ארבעט „די פרושים'' (אין ענגליש), ארויסגעגעבער פון ספרי זוטא מיט באמערקונגען, און אויך א ריי אנדערע אפהאנדלונגען.

**פיק, ישעיה** זע „בערליז, ישעיה''.

**פיקא** („פאלעסטיין דזשואיש קאלאניזיישאן אסאסיאיישאן), געזעלשאפט פאר יידישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל, געגרינדעט דורך באראן עדמונד ראטשילד 1923; פירט אן מיט אלע קאלאניעס און אונטערנעמונגען פון ראטשילד אין ארץ־ישראל; באזיצט איבער 400 טויזנט דונאם, האט אויסגעטרוקנט זומפן. איצטיקער פרעזידענט איז דזשיימס ראטשילד.

**פיקוח נפש** (ראטעווען דאס לעבן פון א מענטש). אין דער יידישער רעליגיע ווערט דאס ראטעווען דאס לעבן פון א מענטשן געשטעלט העכער פון כמעט אלע מצוות. אין שבת קל''ב, יומא פ''ה און אנדערע ערטער פון דער גמרא ווערט געזאגט, אז פיקוח נפש איז דוחה שבת, דאס הייסט, מען מעג מחלל שבת זיין כדי צו ראטעווען א מענטשנס לעבן. נאר דריי עבירות זענען פאראן, וואס מען טאר נישט עובר זיין אויף זיי אפילו צו ראטעווען א מענטשלעך לעבן; דאס זענען: עבודה זרה (נישט דינען צו אפגעטער); גילוי עריות (נישט מזנה זיין) און שפיכת דמים (נישט מארדן א מענטש). — אפילו אויף א ספק פון פיקוח נפש מעג מען אויך עובר זיין אויף אלע אנדערע מצוות (תוספתא שבת, פרק ט''ז).

**פיש** פיש (אין העברעאיש „דג, דגים'') פארנעמען אין דער יידישער רעליגיע און לעגענדע א באדייטנד ארט. פיש זענען געווען דער סימבאל פון האבן א סך קינדער און דערפון איז דער אויסדרוק אין חומש בראשית מ''ח „וידגו לרב בקרב הארץ''. עס איז אן אלטער יידישער מנהג שבת און יום־טוב צו עסן פיש; באזונדערס איז דער מנהג ביי חסידים צו עסן פיש צו שלש סעודות. און אין דער קבלה האט פיש א מיסטישע באדייטונג. די גמרא זבחים קי''ג זאגט, אז ביים מבול זענען די פיש נישט אומגעקומען. — עס איז צו באמערקן, אז אויך ביי אנדערע פעלקער אין אלטערטום, און אויך ביי די ערשטע קריסטן האט פיש געהאט א רעליגיעז־מיסטישע באדייטונג. — לויט דעם יידישן דין (דער יסוד איז דער חומש ויקרא י''א) מעג מען עסן נאר אזעלכע פיש וואס האבן „סנפיר וקשקשת'', „פלוספעדערן און א פאנצער''. די פיש וואס האבן נישט איינעם פון די דאזיקע צוויי סימנים טאר מען נישט עסן.

**פלאוויוס, יאסעפוס** אויך באקאנט אלס „יוסף בן מתתיהו הכהן''; גרייזיק אויך אנגערופן „יוסף בן גוריון'', „יוסיפון''. בארימטער יידישער היסטאריקער און מיליטער־פירער פון דער צייט פון חורבן פון 2טן בית המקדש; געלעבט צווערשט אין ירושלים, דערנאך אין רוים אין 1טן יארהונדערט. ער איז געבוירן געווארן (ווי ער גיט איבער אליין אין זיין „אויטאביאגראפיע'') אין יאר 37 פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. ער האט געשטאמט פון אן אנגעזעענער כהנים־פאמיליע, און ווי ער זאגט, זאל זיין מוטער האבן געשטאמט פון דער פריער־הערשנדער חשמונאים־פאמיליע. שוין אלס אינגל האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע פייאיקייטן און ער האט בא־

קומען סיי א רעליגיעזע דערציאונג אין יידישע לימודים, סיי אויך א וועלטלעכע דערציאונג, געלערנט גריכיש און גריכישע פילאסאפיע. ער האט אין דער יוגנט געפרואווט געהערען צו דער אסקעטישער סעקטע „איסיים", געלעבט אין התבודדות אין דער מדבר, דערנאך איז ער אריבער צו די „פרושים". אין יאר 64 איז ער צוליב זיינע שפראכן־פייאקייטן געשיקט געווארן אלס דעלעגאט פון ירושלים קיין רוים (אונטער וועמענס הערשאפט ארץ ישראל איז שוין דעמאלט געווען), כדי זיך משתדל צו זיין וועגן דער באפרייאונג פון עטלעכע כהנים, פאליטיש־ארעסטירטע, וועלכע זענען פארשיקט געווארן קיין איטאליע אויף שווערע ארבעט. דארט האט ער מיט דער הילף פון איינפלוסרייכע רוימישע יידן געפועלט, אז מען זאל די כהנים באפרייען. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ירושלים, איז אויסגעבראכן (אין יאר 66) דער גרויסער יידישער אויפשטאנד און מלחמה קעגן דער רוימישער הערשאפט, און דער צייטווייליקער יידישער אויפשטאנד־קאמיטעט (סנהדרין, צי צייטווייליקע רעגירונג. עס איז נישט קלאר) האט געשיקט יוספן קיין גליל איבערצונעמען די מיליטערישע פירונג פון אויפשטאנד, ארגאניזירן די מאביליזירונג פון די קעמפער, באפעסטיקן די שטעט. עס ווייזט אויס, אז יוסף איז שוין אין אנהויב געווען אין צווייפל, צי מען האט געדארפט מאכן דעם אויפשטאנד קעגן אזא ריזיק־שטארקער אימפעריע ווי רוים, וועמענס מיליטערישע קראפט ער האט קענען־געלערנט אין רוים. ער האט ווארשיינלעך געהאלטן דעם אויפשטאנד אלס פארשפילט. ער האט דעריבער געפרואווט זיין אין גליל זייער מעסיק און לאנגזאם אין זיין ארבעט, געפרואווט לעבן בשלום מיט די רוים־אנהענגער, נישט דערוועקן דאס פייער פון אויפשטאנד און דעם ענטוזיאזם צום קאמף, כדי צו געפינען א וועג פון איבערבעטן זיך מיט די אנקומענדע רוימישע מיליטער־פירער. זיין טאקטיק האט דערוועקט חשד ביי די פירער פון די קנאים (שארפע אנהענגער פון קאמף קעגן רוים) אין גליל, ווי יוחנן פון גוש חלב און אנדערע, וועלכע זענען דעריבער אנטלאפן פון גליל קיין ירושלים און דערציילט פאר דעם דערמאנטן מלחמה־קאמיטעט וועגן דעם און דער קאמיטעט האט יוספן צוריקגערופן. אבער יוסף האט דעם באפעל נישט אויסגעפירט, נאר איז געבליבן אין גליל, וואו ער האט געפירט עטלעכע שלאכטן קעגן דעם רוימישן מיליטער אונטער דער פירונג פון אספסינוס (זע „אספסינוס"). יוסף איז באזיגט געווארן. די לעצטע שלאכט איז געווען אין דער באלאגערטער פעסטונג יודפת. יוסף איז מיט 40 יידישע קעמפער אנטלאפן און זיך באהאלטן אין א הייל. די רוימער האבן אנטדעקט די הייל און יוספס חברים האבן באשלאסן זיך צו טויטן און נישט ארייינצופאלן צום שונא. דורך א גורל איז באשטימט געווארן, ווער עס זאל פריער געטויט ווערן. דורך א גליק־צופאל (אדער ווי טייל היסטאריקער זענען חושד, דורך א שווינדל) איז יוסף מיט נאך א קעמפער געבליבן דער לעצטער, און ער האט געצוואונגען זיין חבר, אז זיי זאלן זיך ביידע איבערגעבן לעבעדיקערהייט צו די רוימער. די רוימער האבן אים אוועקגעפירט צו זייער הויפט־מיליטער־פירער אספסינוס (וועספאסיאן פלאוויוס). וועמען יוסף האט גלייך נביאות געזאגט, אז ער וועט ווערן רוימישער קייסער (זע דעם ענלעכן ספור ביי רבן „יוחנן בן זכאי); עס ווייזט אויס, אז אספסינוס האט געוואוסט שוין פון פריער אז יוסף געהערט נישט צו די שונאים פון רוים. ווען די נבואה איז מקוים געווארן און

אספסינוס איז געווארן רוימישער קייסער האט ער אים געשאנקען דאס לעבן און אים באפרייט און אפילו אים געגעבן מתנות, דעמאלט האט יוסף, לויט דעם מנהג פון באפרייטע קנעכט, אנגענומען זיין באפרייערס פאמיליע־נאמען „פלאוויוס“, און ער האט אויך זיין יידישן נאמען „יוסף“ לאטייניזירט (אדער העלעניזירט) און דערפון איז זיין „יאזעפוס פלאוויוס“. פלאוויוס האט זיך אויך שטארק באפריינדעט מיט אספסינוסעס זון טיטוס, וועלכער האט — נאך זיין פאטערס אפפארן קיין רוים (יאר 69) איבערצונעמען דאס קייסערטום — איבערגענומען די מיליטער־פירונג פון די רוימישע לעגיאנען אין ארץ־ישראל און איז צוגעטרעטן צו דער באלאגערונג פון ירושלים. טיטוס האט מיטגענומען מיט זיך אין זיין לאגער פלאוויוסן, און פלאוויוס האט אפילו געפרואווט אויפטרעטן מיט רעדעס צו די באלאגערטע יידישע קעמפער אין ירושלים, אז זיי זאלן זיך אונטערגעבן. יידן אין ירושלים האבן אים באטראכט אלס פארעטער. — נאכן חורבן ירושלים האט ער געראטעוועט פון טויט געפאנגענע יידן. ער איז צוזאמען מיט טיטוס אוועק קיין רוים, וואו ער האט געוואוינט ביז זיין טויט, באקומענדיק פון קייסער אספסינוס און דערנאך פון טיטוס און דאמיציאן מתנות און א שטענדיקן געהאלט. ער האט אויך באקומען לאנד־גיטער אין ארץ־ישראל. וועגן זיין פאמיליע־לעבן איז אונדז ווייניק באקאנט. מען ווייסט, אז ער האט געהאט 4 פרויען, און פון זיינע קינדער זענען באקאנט צוויי, יוסטוס און שמעון אגריפס. געשטארבן איז ער נאכן 1טן יארהונדערט פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. דאס יאר פון זיין טויט איז אונדז גענוי נישט באקאנט.

די באדייטונג פון יאזעפוס פלאוויוס פאר דער פארשונג פון דער געשיכטע פון יידישן פאלק איז אומגעווינלעך גרויס. מען קען זאגן, אז אלס היסטאריקער פאר יידן האט פלאוויוס נישט זיין גלייכן. ער האט געשריבן, זייענדיק אין רוים, אין דער גריכישער שפראך זיינע פאלגנדע ביכער: 1) „אנטקוויטאטעס“ („קדמוניות היהודים“, „יידישע אלטערטימער“), וואס נעמט ארום די יידישע געשיכטע פון די עלטסטע צייטן לויט דעם תנ״ך און פארשידענע זייטיקע ספרים (פארלוירענע כתובים אחרונים און אנדערע), דורך דער צייט פון צווייטן בית המקדש ביז נאענט צום חורבן בית שני; 2) „מלחמת היהודים“ (בעלום יודאאיקום“, „די מלחמה פון די יידן“), דאס איז די באשרייבונג פון יידישן אויפשטאנד קעגן די רוימער, וואס האט זיך געענדיקט מיטן חורבן ירושלים. פלאוויוס גיט צוערשט א קיצור פון די פאסירונגען אין ארץ־ישראל פון די חשמונאים אן, דורך דער הערשאפט פון דער חשמונאים־דינאסטיע, די דעראבערונג פון לאנד דורך די רוימער, די הערשאפט פון הורדוס, און נאכער די רוימישע פראקוראטארן ביז ער קומט צו דער מלחמה, וועלכע ער באשרייבט מיט אלע איינצלהייטן. דאס בוך „מלחמה“ האט פלאוויוס געשריבן איידער ער האט געשריבן זיין „קדמוניות“, און ווי ער דערציילט האט ער עס געשריבן נישט נאר אין גריכיש, נאר אויך אין „דער שפראך פון די יידן“, ווארשיינלעך אין אראמעאיש, וואס יידן האבן דעמאלט באנוצט. — 3) „קעגן אפיאן“, דאס איז א פארטיידיקונגס־ווערק קעגן די באשולדיקונגען אויף יידן פון גריכיש־עגיפטישן אנטיסעמיט אפיאן פון אלעקסאנדריע. — 4) „אויטאביאגראפיע“, א באשרייבונג פון זיין אייגענעם לעבן. — ווי פלאוויוס דערציילט זאל ער האבן זיך פארנומען מיט שרייבן נאך א ספר וועגן דער געטלעכקייט און די טעמים פון די

מצוות התורה. אָבער דאָס ספר איז נישט פאַראַן. — אין זיינע ביכער געפינען מיר אַן אוצר פון ידיעות וועגן דער געשיכטע פון יידן אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, איבער די יידישע סעקטעס, דעם לעבן אין לאַנד, געאָגראַפישע ידיעות, היסטאָריש־פּאָליטישע דאָקומענטן, מנהגים, לעבנס־אַנשויאונגען, פילאָזאָפישע שטרעמונגען ביי יידן, לעגענדעס און אַזוי־גערופענע „מדרשים", וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען. מען קאָן זאָגן, אַז ווען נישט פלאַוויוסעס ביכער וואָלטן מיר נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וועגן דער גאַנצער עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע אין דער צייט פון בית שני. פאַראַן מיינונגען, אַז אין אַ סך ערטער האָט פלאַוויוס קאָפּירט פראַגמענטן פון ווערק פון אַנדערע היסטאָריקער, נישט דערמאָנענדיק זייער נאָמען. אָבער אַפילו אין דאָזיקן פאַל איז גרויס זיין באַדייטונג דורך דערהאַלטן פאַר אונדז די דאָזיקע פראַגמענטן. עס ווערט אויך אָנגענומען, אַז טייל שטעלן אין פלאַוויוסעס ווערק זענען געפעלשט געוואָרן דורך די קריסטלעכע קאָפּיסטן (ווערק־איבערשרייבער), וועלכע האָבן אין עטלעכע ערטער (אין „מלחמה" און „קדמוניות") אַריינגעשטעלט עטלעכע שורות וועגן ישו הנוצרי. — די שטעלונג פון יידן צו פלאַוויוס איז נישט קלאָר, ווי ער אַליין דערציילט האָבן די קנאים אים באַטראַכט אַלס בוגד, און יוסטוס פון טבריה האָט געשריבן קעגן אים. אין דער מאָדערנער צייט ווערט ער דורך טייל היסטאָריקער (גרעץ און אַנדערע) פאַרגעשטעלט אַלס פאַרעטער. אָבער אַ ריי אַנדערע היסטאָריקער פּרוּוון פאַרטיידיקן פלאַוויוסן (שמחוני אין זיין הקדמה צום „מלחמות היהודים" און אַנדערע), אָנווייזנדיק, אַז פלאַוויוס איז געווען אַ רעאַליסט. און אַז אין זיין מלחמת היהודים זעט מען, אַז ער איז געווען אַ הייסער נאַציאָנאַלער ייד. — די ווערק פון פלאַוויוס זענען איבערזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן (אין יידיש „די יידישע מלחמות"), און עס זענען געמאַכט געוואָרן פון זיי באַאַרבעטונגען, פון וועלכע אַמפּאָפּולערסטן איז דער ספר „יוסיפון" (זע זוכוואָרט „יוסיפון"). אין העברעאיש זענען זיי איבערזעצט געוואָרן דורך קלמן שולמאַן, דר. י. נ. שמחוני („מלחמות היהודים", „נגד אפיון"), דר. מנחם שטיין („חיי יוסף"). עס זענען אויך געשריבן געוואָרן פיל ווערק וועגן פלאַוויוס און פאַרשידענע יידישע מאָמענטן („פלאַוויוס און די יידישע הלכה" וכדומה, מייסטנס אין דייטש). ליאָן פויכטוואַנגער האָט געשריבן וועגן פלאַוויוס זיין באַרימטן ראָמאַן אין דריי ביכער. — וועגן פלאַוויוס זע גרעצעס געשיכטע אין דער צייט פון חורבן בית שני. וויים „דור דור ודורשיו", שמחוני אין זיין איינלייטונג צו „מלחמות היהודים", שטיין אין דער איינלייטונג צו „חיי יוסף"; אין יידיש איז פאַראַן אַ פיינע פּסיכאָלאָגישע אַרבעט פון י. י. טרונק „יאָזעפוס פלאַוויוס".

**פלאַטאָ** (427 — 347 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג); אין העברעאיש „אַפּלטון"; באַרימטער פילאָזאָף אין אַלט־גריכנלאַנד, וועמענס איינפלוס אויף דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע איז זייער גרויס. פלאַטאָס שיטה איבער די „אידייען", די אייביקע וועזנס פון אַלע זאַכן, ווי אויך זיינע אַנשויאונגען איבער דער נשמה פון מענטש, באַזונדערס אין דער באַאַרבעטער פאָרם פון נעאָ־פּלאַטאָניזם (דורך פלאָטינס אין די יאָרן 204 — 269 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האָט געהאַט דעם גאָר גרויסן איינפלוס אויף

דעם יידישן פילאזאף פילאן אין אלעקסאנדריע און דעם גאנצן העלעניסטישן יידנטום, און אין מיטלאלטער אויף רבי שלמה בן גבירול, רבי אברהם אבן עזרא און שפעטער אויף יהודה אברבנאל און אויף דער „קבלה עיונית", דער טעארעטישער קבלה. באזונדערם האבן א ריי יידישע דענקער, און הויפטזעכלעך די מקובלים, געהאט פארשטענדעניש פאר דער אנשויאונג, אז צווישן דער אומענדלעכער געטלעכקייט און דער מאטעריעלער וועלט זענען פאראן עמאנאציע־וועזנס, העכערע כחות („ספירות"). אין דער נייערער צייט האט פלאטאנס שיטה באאיינפלוסט מענדלסאנען, וועלכער האט זיין בוך „פעדאן" (איבער השארת הנפש) באארבעט לויט פלאטא. אין די עלטערע צייטן זענען געווען מיינונגען, אז פלאטא האט גענומען זיין פילאזאפיע ביי די יידישע נביאים. — זע ניימארק „תולדות הפילוסופיה בישראל" און בערנפעלד „דעת אלהים".

**פלוסות, פלוסופיה** זע „פילאזאפיע".

**פלייש** די פראגע, צי זענען געווען אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט נייגונגען צו וועגעטאריאניזם, קעגן עסן פלייש, איז ביז איצט נישט געלעזט. פון פסוק אין חומש בראשית א' אין וועלכן גאט זאגט צו אדם הראשון „הנה נתתי לכם את כל עשב לאכלה" (איך האב אייך געגעבן אלע פלאנצונגען צום עסן) איז צו זען, אז דאס איז געווען דייטלעך א פארבאט נישט צו עסן קיין פלייש. די גמרא סנהדרין נ"ט לערנט דערפון און אויך פון פסוק אין בראשית ט' (כל רמש אשר הוא חי יהיה לכם לאכלה), אז ערשט נח און זיינע קינדער נאכן מבול איז דערלויבט געווארן צו עסן פלייש. דאס איז ענלעך צו דער מיינונג פון טייל געלערנטע, אז די פרימיטיווע מענטשן זענען געווען נישט־פליישעסער. עס איז דער איינדרוק, אז די איסיים האבן נישט געגעסן קיין פלייש (זע זוכווארט „איסיים"). אין דער גמרא בבא בתרא ס' ווערט דערציילט, אז נאכן חורבן פון 2טן בית המקדש זענען געווען א סך „פרושים" וואס האבן אויפגעהערט צו עסן פלייש. — לויטן דין, וואס שטיצט זיך אויף חומש ויקרא י"א, מעג מען עסן פלייש נאר פון געוויסע בהמות, וואס זענען מעלה גרה און האבן א געשפאלטענע פוס־קלא (מפרים פרסה), און פון עופות נאר געוויסע מינים. אחוץ דעם איז פארבאטן צו עסן פלייש פון א נישט־געשאכטענער בהמה און עוף און אויך פון יעדער טרפה־געווארענער בהמה און עוף, די דינים וועגן דעם וואס הייסט טריפה, זענען פאראן אין שולחן ערוך יורה דעה הלכות טריפות. פלייש מעג מען עסן נאר נאכן אויסזאלצן, כדי ארויסצונעמען דאס בלוט, וואס איז פארבאטן צו עסן. מען טאר אויך נישט עסן פלייש מיט מילך צוזאמען. — זע זוכווערטער „בשר בחלב", „זאלץ", „כשר און טריפה", „שחיטה".

**פלפול** מיטן ווארט פלפול, וואס שטאמט, לויט דער מיינונג פון קאהוט אין ערוך השלם, פון „פלפל", „פעפער", ווערט באצייכנט דאס ארויסבאקומען שארפזיניקע סברות אין קשיות און תירוצים אין הלכות; אויף אזעלכע שארפזיניקע חידושים ברענגט די גמרא דעם אויסדרוק „פלפלתא חריפתא" (מגילה ז' און אנדערע). די ברייתא אין לעצטן פרק פון אבות זאגט, אז תורה קאן מען זיך דערווערבן נאר „בפלפול התלמידים". די גמרא שבת ל"א זאגט, אז ווען א מענטש שטארבט פרעגט מען אים אויף יענער וועלט צווישן אנדערע פראגן

אויך „פלפלת בחכמה״. אין בבא בתרא
קמ״ה ווערט א פלפול־זאגער אנגערופן
בעל פלפול. אין יידיש זאגט מען אויך א
„פשעטל״, פון ווארט „פשט״. — וועגן
דעם סיסטעם פון לערנען מיט פלפול זע־
נען געווען ביי די גרויסע יידישע לומדים
פיל מיינונגען. רש״י אין חולין פ״א
זאגט וועגן א נישט ריכטיקן פשט, אז
דאס איז א „פירוש משובש מאדם חריף
ומפולפל״. דער רמב״ם אין זיין בריוו
צו רבי יוסף אבן עקנין איז אויך קעגן
די פארשידענע קשיות און תירוצים. די
בעלי התוספות אין פראנקרייך און נאך
זיי די מפרשים אין שפאניע (רמב״ן,
רשב״א, ר״ן און אנדערע) זענען נישט
געווען פאר דעם פארוויקעלטן פלפול,
אבער זייערע סברות זענען זייער שארפ־
זיניקע טיפע און מען קאן זיי בא־
טראכטן אלס די אנהענגער פון „מעסיקן
פלפול״. דער פארוויקלטער פלפול, דאס
פשעטל, פון אנווארפן א סך קשיות און
תירוצים, און בינדן צוזאמען ווייטע גמ־
רות, האט זיך אנטוויקלט צוערשט אין
די ישיבות אין דייטשלאנד (נירנבערג,
אויגסבורג און אדערע) און פון דארט
האט ער איבערגעוואנדערט קיין פוילן,
וואוהין עס האט אים געבראכט רבי יעקב
פאלאק (בעל החילוקים) אין 16טן יאר־
הונדערט. א סך רבנים זענען געווען
קעגן דעם דאזיקן סארט לערנען, וואס איז
נישט להלכה (מהר״ל פון פראג, רבי
ישעיה הורוויץ אין של״ה מסכתא שבו־
עות און אנדערע). אבער אנדערע רב־
נים האבן יא געהאלטן דערפון, גלויבנ־
דיק, אז דערמיט שארפט מען דעם מח
פון תלמוד און מען מאכט דאס לערנען
אנציענדער. אין דער לעצטער צייט איז
דער פלפול געווען פארשפרייט מער אין
די ישיבות פון צענטראל פוילן (אסטראוו־
צע) און גאליציע, דאקעגן די ישיבות פון
ליטע זענען געווען קעגן פלפול און האבן
מער אנטוויקלט דעם סיסטעם פון טי־
פער סברה לויט דער הבנה און סובטע־
לער פאנאנדערטיילונג. — זע ריינעס
„הפלפול בספרות ישראל״ אין „כנסת
ישראל״ פון ראבינאוויטש חלק ג׳ און
„הפלפול״ אין „השלח״ באנד י״ט.

**פלשתים** נאמען פון אן אלט פאלק
אין דער צייט פון תנ״ך, וואס האט
באוואוינט דעם דרום־מערב־טייל פון
ארץ־ישראל ביים מיטלענדישן ים אומגע־
פער פון עזה ביז יפו. זיי האבן געהאט
5 הויפטשטעט: עזה, אשדוד, אשקלון, גת
און עקרון. אין זייער שפיץ זענען גע־
שטאנען הערשער מיטן טיטל „סרנים״
(שמואל א׳ ו׳); אבער ווי עס ווייזט אויס
האבן זיי טיילמאל אויך געהאט קעניגן,
מלכים, און דער טיטל פון קעניג זאל
האבן געווען אבימלך (בראשית כ׳ און
אנדערע ערטער „אבימלך״ דער מלך פון
גרר). לויט דער מיינונג פון טייל פאר־
שער זענען די פלשתים געווען א נישט־
סעמיטיש פאלק, און זיי זענען געקו־
מען קיין ארץ־ישראל פון איינער פון די
גריכישע אינזלען, מעגלעך, אז פון קרע־
טא; דאס זאל זיין דער זין פון פסוק אין
עמוס ט׳ „פלשתים מכפתור״. — מיט
די יידן זענען די פלשתים געקומען אין
באריונג באלד אין די ערשטע צייטן פון
דער יידישער געשיכטע. אין חומש
בראשית (סדרות וירא און תולדות)
ווערט דערציילט, ווי אברהם און יצחק
האבן געוואוינט צוזאמען מיט די פלש־
תים און דערנאך זיך צושיידט. אין ספר
שופטים געפינען מיר ווי די פלשתים
האבן מלחמה געהאלטן קעגן די יידן און
די סיפורים וועגן שמשון הגבור (קאפיט־
לען י״ג — ט״ז) זענען די שענסטע
יידישע העלדן־ספורים וועגן די דאזיקע
קאמפן. דער ספר שמואל איז אייגנט־
לעך די באשרייבונג ווי אזוי אונטער דעם
איינפלוס פון די דאזיקע מלחמות, איז
וועלכע די יידן האבן אין די ערשטע

ציימן געליטן שווערע מפלות, איז ביי
יידן אנטשטאנען די אינסטיטוציע פון
מלוכה, און שאול איז געווארן דער ער־
שטער מלך. אין איינער פון די מלחמות
קעגן די פלשתים האט דוד מנצח געווען
דעם פלשתים־העלד גלית. אין דער
שלאכט ביי הר גלבוע זענען אומגעקומען
שאול און זיינע זין. ערשט דוד המלך
איז געלונגען צו באזיגן די פלשתים, צו
וועלכע ער איז פריער געהאט אנטלאפן,
ראטעווענדיק זיך פון שאול. עס ווייזט
אויס, אז די פלשתים זענען דערנאך
פארשוואונדן געווארן אויסמישנדיק זיך
מיט די פעניצער. פון ווארט פלשתים
איז אנטשטאנען דער גריכיש־רוימישער
נאמען „פאלעסטינא" פאר ארץ־ישראל.

**פנים** דאס ווארט „פנים" האט אין
העברעאיש דעם טייטש פון „געזיכט"
(קמץ אונטער דער „פ") און פון „אינ־
ווייניק" (שוא אונטער דער „פ"); דער־
פון זענען פאראן אין יידיש פיל אויס־
דריקן מיטן ווארט פנים. — „פני
העיר" הייסן די אנגעזעענע פירער פון
דער שטאט, געוויינלעך, די חשובע בעלי
בתים, די כלי קודש, די מנהיגים פון דער
קהלה; „פנימיות" הייסט אין חסידות
די אינערלעכקייט פון מענטש, זיינע אי־
נערלעכסטע כוונות.

**פנקס** דאס ווארט „פנקס" איז פון
גריכישן „פינאקס", וואס איז דער
טייטש „אויפצייכענונגס־טאוול", אויפ־
צייכענונגס־בוך". דאס ווארט נוערט
ווערט באנוצט פיל אין דער משנה און
גמרא. אין דער משנה אבות ג' ווערט
געזאגט, אז וואס דער מענטש טוט ונערט
פארשריבן (אין הימל) אין א בוך, „הפנ־
קס פתוח". די משנה שבועות ז' האט
דעם אויסדרוק „חנוני על פנקסו" (דער
איינגנטימער פון א געשעפט אויף זיין
בוך). אין די יידישע קהלות פלעגן זיין
ביכער צו פארצייכענען וויכטיקע געשעע־
נישן און תקנות, און אזא בוך האט
געהייסן „דער פנקס". אזא פנקס האבן
אמאל געהאט די „וועדי ארבע אהצות"
פון פוילן און ליטע. — זע וועגן דעם די
זוכווערטער „ועד ארבע ארצות" און
„קהל".

**פסול** דער טייטש דערפון איז „רעלי־
גיעז נישט געברויכבאר". און דאס ווארט
ווערט פיל באנוצט אין דער משנה און
גמרא און אלע רעליגיעזע ספרים. ווען
איינע פון די ציצית ווערט אפגעריסן
ווערט דאס אנגערופן א „פסולע ציצה";
אויב אין א מזוזה, ספר תורה, תפילין
איז א ווארט נישט גוט געשריבן, ווערט
דאס אנגערופן „פסולע מזוזה, ספר תורה,
תפילין", און דער פאלקס־גלויבן איז, אז
ווען א הויז האט א פסולע מזוזה קאנען
דארט אריינקומען שדים. אין די חסי־
דישע קרייזן פלעגט מען רופן השכלה־
ביכער „טריפה־פסול".

**פסוק** דער תנ"ך איז צעטיילט אין טיילן,
יעדער טייל איז ווידער צעטיילט אין
טיילן און אזוי כסדר; דער קלענסטער
טייל, וואס אנטהאלט א זאץ, ווערט אנ־
גערופן פסוק. אין די געדרוקטע תנכן
ווערט דער סוף פון א פסוק באצייכנט
מיט צוויי פונקטן, איינער איבער דעם
אנדערן. אין דעם טראפ (זע זוכווארט
„טעמים") ווערט דאס לעצטע ווארט פון
פסוק באצייכנט מיט א „סוף פסוק". די
טיילונג פון תנ"ך אין פסוקים איז זייער
אן אלטע און ווערט דערמאנט אין פיל
ערטער. די גמרא מגילה כ"ב זאגט, אז
משה רבנו האט שוין איינגעטיילט דעם
חומש אין פסוקים. — אין פוילן פלעגט
מען רופן אויף יידיש דאס לערנען „נ"ך"
(נביאים און כתובים) „לערנען פסוק".

**פסח** נאמען פון יום־טוב וואס הויבט
זיך אן דעם 15טן טאג אין ניסן און

דויערט אין חוץ לארץ 8 טעג און אין ארץ־ישראל 7 טעג. אין חוץ לארץ זענען די ערשטע 2 טעג און די לעצטע 2 טעג (און אין ארץ־ישראל דער 1טער טאָג און דער לעצטער טאָג) פולשטענדיקער יום־טוב און מען טאָר נישט טוען אין זיי קיין מלאכות וואָס מען טאָר נישט טוען אין יום־טוב. די איבעריקע צווישן־טעג זענען חול המועד (וועגן די מנהגים און דינים פון יום־טוב און חול המועד זע זוכווערטער „יום־טוב" און „חול המועד"). דער 7טער טאָג הייסט אויך שביעי של פסח, און דאָס איז דער טאָג, אין וועלכן די יידן זענען אַריבערגעגאַנגען דעם געשפּאָלטענעם ים סוף ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים; דער 8טער טאָג, וועלכער איז יום־טוב נאָר אין חוץ לארץ, הייסט אחרון של פסח. לויט דעם דין טאָר מען אין פסח נישט עסן און אויך ניט באַזיצן קיין חמץ, און מען עסט מצות און נישט־חמצדיקע מאכלים. אין באַצוג צו חמץ איז מען זייער שטרענג, און חסידים זענען זיך נוהג נישט צו עסן אַפילו מצה אויב זי איז איינגעטונקען געוואָרן אין אַ פליסיקייט (געבראָקטס, שרויה); דאַקעגן אין אחרון של פסח איז מען שוין נישט אַזוי שטרענג. עס איז אויך איינגעפירט געוואָרן, אַז אויך אין ערב פסח פון לערך 9 אַזייגער אינדערפרי זאָל מען נישט עסן קיין חמץ. אַלע כלים, וואָס זענען חמצדיק, ווערן אָוועקגעשטעלט. די חמצדיקע זאַכן ווערן אַלע „פאַרקויפט" דורך אַ „שטר מכירה" ביים רב צו אַ נישט־ייד. זע וועגן דעם אַלעם אין די זוכווערטער „בדיקת חמץ", „חמץ", „מצה". די ערשטע 2 נעכט פון פסח (אין ארץ־ישראל נאָר איין נאַכט, די ערשטע) ריכט מען אָפּ דעם פייערלעכן „סדר", וועגן דעם זע אין זוכווערטער „הגדה של פסח" און „סדר". — אין חומש ווערט דער דאָזיקער יום־טוב אָנגערופן מיט עטלעכע נעמען:

1) „פסח" (שמות י"ב און אַנדערע ערטער) און עס ווערט אָנגעגעבן, אַז דער יום־טוב איז אַן אָנדענק צו דער באַפרייאונג פון יידן פון מצרים און אַז פאַר דער באַפרייאונג האָט גאָט שלאָגנדיק די בכורים פון די מצריים „איבערגעהיפּערט" („פסח") איבער די יידישע הייזער און זיי זענען ניצול געוואָרן (שמות י"ב); 2) חג המצות (ויקרא כ"ג) ווייל מען עסט אין אים מצות און עס ווערט אָנגעגעבן דער טעם פון מצות עסן, ווייל די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים אין איילעניש און זיי האָבן נישט באַוויזן צו „פאַרזויערן" זייער טייג און זיי האָבן געגעסן מצות (שבות י"ב). אין חומש געפינען מיר כסדר פאַרבונדן דעם יום־טוב פסח מיט די זכרונות פון יציאת מצרים, און אין אַלע פסח פייערונגען ווערט דער אָנדענק פון יציאת מצרים אונטערגעשטראָכן. אין די תפילות הייסט דער יום־טוב „זמן חרותנו", „די צייט פון אונדזער באַפרייאונג", ווען די יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון גלות מצרים. ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען האָט מען ערב פסח פאַרנאַכט געבראַכט דעם קרבן פסח. אַלע יידן זענען געווען מחויב צו קומען מיט זייערע פאַמיליעס קיין ירושלים און דאָרט האָט יעדע פאַמיליע אָדער עטלעכע פאַמיליעס צוזאַמען געבראַכט אַ שעפּסל אַלס קרבן, און דאָס פלייש פון שעפּסל, געבראָטן אויף פייער, האָט מען געגעסן יום־טוב ביינאַכט מיט געזאַנג, אָפּריכטנדיק דעם סדר. וועגן מקריב זיין דעם קרבן פסח ווערט געבראַכט עטלעכע מאָל אין חומש און אַנדערע ספרים פון תנ"ך (שמות י"ב און אַנדערע ערטער אין חומש, ווי אויך דברי הימים ב' ל' אין דער צייט פון חזקיה המלך, מלכים ב' כ"ג אין דער צייט פון יאשיהו המלך, עזרא ו' נאָכן גלות בבל). אויך פון די שפּעטערע צייטן פון צווייטן בית המקדש האָבן מיר פיל ספּורים אין

דער גמרא פסחים און אויך אין די ביכער פון פלאוויוס וועגן דעם צוזאמענקומען פון יידן פון פיל ערטער און לענדער קיין ירושלים מקריב צו זיין דעם קרבן פסח (פלאוויוס מלחמות בוך 6, וועגן דער צאל צונויפגעקומענע יידן). פסח איז געווען דער ערשטער און וויכטיקסטער פון די 3 רגלים (פסח, שבועות און סוכות) אין וועלכע יידן זענען זיך צונויפגעקומען קיין ירושלים. אויך היינטיקע צייטן איז א מנהג אין ירושלים צו קומען צו דער כותל המערבי ערב פסח בייטאג און אפצוריכטן די „הקרבה", וואס באשטייט אין זאגן די פסוקים און משניות וועגן קרבן פסח און אויך אנטשפרעכנדע תפילות.— טייל וויסנשאפטלעכע פארשער ווילן האבן, אז דער יום־טוב פסח האט א שייכות מיט פרילינג, און עס ווערט אנגעוויזן, אז אויך אין חומש (דברים ט"ז) ווערט דער יום־טוב פסח פארבונדן מיט „אביב", פרילינג, ווען די נאטור לעבט אויף פון דער ווינטער־צייט און אלץ אויף די פעלדער בליט. עס ווערט אנגעוויזן, אז אין חומש (ויקרא כ"ג) צוזאמען מיט דער פסח־פייערונג ווערט אויך באלד דערמאנט די פייערונג צו ברענגען אלס קרבן דעם ערשטן תבואה־שניט, עומר, און די יידישע טראדיציע פון דער משנה און גמרא פארבינדט דעם „במחרת השבת" שטארק מיט דעם יום־טוב פסח. — זע זוכווערטער „ספירה" און „עומר". — דאס מקריב זיין דעם קרבן פסח ווערט נאך היינט אויסגעפירט ביי עטלעכע יידישע פאלקס־אפצווייגונגען ווי די „שומרונים", וועלכע זענען מקריב דעם קרבן פסח אויפן בארג גריזים, און די „פאלאשן" אין אבעסיניע. זע זוכווערטער „פאלאשן", „שומרונים". — אין דער קריסטלעכער וועלט איז פון ווארט פסח געווארן „פאסכא", די באצייכענונג פון דעם פייערלעכן קריסטלעכן יום־טוב, וועלכער ווערט ביי זיי געפייערט נישט לויט די געוויינלעכע מאנאטן, נאר אין א געוויסער שייכות מיט דער פעסטשטעלונג פון יידישן פסח. — זע זוכווערטער „הגדה של פסח", „חול המועד", „חמץ", „מצה", „סדר". — זע „דאס יום־טוב בוך" פון שוים. — די דינים און מנהגים פון פסח זענען פאראן אין שלחן ערוך אורח חיים הלכות פסח.

**פסח שני** צווייטער פסח, דאס איז אין 14טן טאג אין אייר; אין חומש במדבר ט' ווערט געזאגט, אז די יידן, וואס זענען טמא אדער אין א ווייטן וועג און קאנען נישט ברענגען דעם קרבן פסח אין בית המקדש דעם 14טן טאג אין ניסן, דארפן אים ברענגען דעם 14טן טאג אין אייר. דעריבער ווערט אויך היינט דער דאזיקער טאג באטראכט אלס א פייערלעכער („יומא דפגרא"). אין ארץ־ישראל, אין טבריה, איז מען זיך נוהג צו גיין אין דעם טאג צום קבר פון רבי מאיר בעל הנס.

**פסחים** נאמען פון מסכתא אין משנה און גמרא אין סדר מועד, 10 פרקים אין דער משנה ווי אויך גמרא בבלי און ירושלמי און אויך תוספתא. באהאנדלט אלע דינים פון פסח, ווי חמץ און מצה, דאס מקריב זיין דעם קרבן פסח, דאס אפריכטן דעם סדר; אין ירושלמי הייסט זי „מסכתא פסח"; אין דער מסכתא זענען פאראן אויך וויכטיקע ידיעות וועגן דער פייערונג פון פסח אין ירושלים אין דער צייט פון בית המקדש.

**פסיקתא** נאמען פון מדרשים אויף פארשידענע פייערלעכע שבתים און ימים טובים. ראפאפארט איז דעם זוכווארט „אפטרתא" אין זיין „ערך מלין" האט באוויזן, אז דאס זענען געווען דרשות אויף די פייערלעכע שבתים און ימים

טובים, וואס האבן געהאט שוין אין די גאר ערשטע צייטן „הפטרות״, איידער מען האט איינגעפירט הפטרות פאר אלע שבתים פון א גאנץ יאר. עס זענען פאראן עטלעכע מדרשים מיטן דאזיקן נאמען: 1) „פסיקתא דרב כהנא״, וואס ווערן צוגעשריבן צום אמורא רב כהנא; די וויכטיקסטע אויסגאבע דערפון איז פון שלמה באבער (ליק 1868, דורך בער „מקיצי נרדמים״), וועלכער האט צוגעגעבן דערצו אן אנלייטונג און באמערקונגען. — 2) „פסיקתא זוטרתא״ (דאס איז סתם א מדרש, ניט קיין פסיקתא), באקאנט מער מיטן נאמען „לקח טוב״, פון רבי טוביה אליעזר (אין ענדע פון 11טן יארהונדערט); — 3) „פסיקתא רבתי״, פארפאסט אין יאר 845, און דער מחבר האט זיך באנוצט פיל מיט דער פסיקתא דרב כהנא. די בעסטע אויסגאבע איז פון מאיר איש שלום (ווין 1880).

**פסק דין** זע זוכווארט „דין״.

**פעניציע** לאנד אין דער צייט פון תנ״ך, אין צפון פון ארץ־ישראל ביים מיטלענדישן ים און ארום דעם לבנון, און אירע הויפטשטעט זענען געווען צור און צידון, און גאנץ אפט איז דאס לאנד געווען צעטיילט אין עטלעכע מלוכהלעך, און צור איז געווען די הויפטשטאט פון איינער און צידון פון דער צווייטער; די איינוואוינער, די פעניציער, זאלן זיין דאס זעלבע וואס די „כנעניים״ אין תנ״ך, הגם נישט שטענדיק איז עס אזוי, און זיי ווערן באצייכנט אלס „צידונים״. די פעניציער האבן גערעדט א שפראך, וואס איז זייער ענלעך צו העברעאיש, און מען קאן אפילו זאגן, אז עס איז העברעאיש נאר אין אן עלטער פארם. עס זענען געבליבן עטלעכע מצבות־אויפשריפטן, זענען זיי כמעט העברעאיש. זיי האבן געדינט צום אפגאט „בעל״ און האבן אויך געהאט א פרוי־געטין די „עשתורת״, וואס ווערן געבראכט אין תנ״ך פיל מאל. מיט יידן זענען זיי געקומען אפט אין בארירונג, און אחאב מלך ישראל האט זיך מיט זיי משדך געווען, און זיין ווייב איזבל, די פרינצעסין פון צידון, האט געפרואווט איינפירן אין ישראל דעם בעל־קולט, קעגן וואס אליהו הנביא האט געפירט דעם העפטיקן קאמף (מלכים א׳ י״ח). די פעניציער זענען געווען דרייסטע ים־רייזנדער און זיי האבן געגרינדעט זייערע קאלאניעס אויף די ווייטע ברעגעס פון מיטלענדישן ים, און די באדייטנדסטע פון זיי, קארטאגא (קרתא חדשא) אין צפון־אפריקע, איז געווען נאכער א בארימטע אימפעריע מיט אייגענע הערשער („שופטים״). א דאנק זיי זענען א סך העברעאישע ווערטער אריין אין די אייראפעאישע שפראכן און אויך דעם סעמיטישן אלף־בית האבן זיי אריינגעפירט קיין אייראפע. פאראן א מיינונג, אז פאקטיש זענען די פעניציער געווען יידן, ריכטיקער געזאגט, „העברעער״, וועלכע האבן געדינט צום בעל, און אז א סך יידן פון אייראפעאישע לענדער, באזונדערס די ספרדישע יידן אין שפאניע, האבן געשטאמט פון זיי. — זייערע הויפטשטעט צור און צידון (אויף וועמענס מפלה עס האבן נבואות געזאגט ישעיה כ״ג, יחזקאל כ״ז, כ״ח און אנדערע) זענען מיט דער צייט חרוב געווארן און די פעניציער זענען פארשוואונדן. היינט זענען צידון און צור אראבישע שטעטלעך פון עטלעכע טויזנט איינוואוינער; זיי געהערן צו סיריע.

**פעסימיזם און אפטימיזם** זע זוכווארט „גוט און שלעכט״.

**פערו** לאנד אין דרום־אמעריקע, ביים פאסיפישן אקעאן; לערך 7 מיליאן איינ־

וואוינער; יידן איצט ביי 6,000, אמייסטן געקומענע לעצטנס פון דייטשלאנד, זינט היטלער האט אין 1933 פארנומען די דייטשע רעגירונג; אין די עלטערע צייטן האבן געוואוינט שפאנישע יידן־אנוסים אין פערו זינט 1580, און פיל פון זיי זענען אומגעקומען דורך דער אינקוויזיציע.

**פערל, יוסף** (1773 — 1839 אין טארנאפאל, גאליציע); פון די ערשטע משכילים אין גאליציע, אויך באקאנט אלס רייכער מאן און כלל־טוער; געשטאנען אין פארבינדונג מיט די אנגעזעענע געלערנטע און שריפטשטעלער ווי קראכמאל, ראפאפארט, לעווינזאן און אנדערע; באקאנט דורך זיינע פאראדיעס אויף חסידישע סיפורים „מגלה טמירין" און „בוחן צדיק", אונטער פסעוודאנים „עובדיה בן פתחיה", וועלכע חסידים האבן געלייגט אין חרם און פארברענט; לעצטנס האט מען געפונען זיין ארכיוו, אין וועלכן עס זענען אויך פאראן פערלס בריוו געשריבן אין יידיש, ווי אויך א „מגלה טמירין" אין יידיש.

**פערסיע** (זינט 1935 הייסט דאס לאנד איראן); לאנד אין אזיע, הויפטשטאט טעהעראן; האט לערך 9 מיליאן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 40 טויזנט יידן. — אין דער געשיכטע פון יידן פארנעמט פערסיע א זייער גרויס ארט. אין 6טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג האט פערסיע (פרס אין תנ"ך) איינגענומען בבל און דער הערשער פון פערסיע כורש האט דערלויבט די פארטריבענע יידן פון בבל צוריקצוגיין קיין ארץ ישראל און אויפצובויען דעם בית המקדש. דער ספור וועגן דעם ווערט איבערגעגעבן אין די תנ"ך ספרים עזרא און נחמיה; איין סיפור פון תנ"ך „אסתר" איז אינגאנצן פארבונדן מיט פערסישע יידן; פון דעמאלט אן איז ארץ־ישראל געווען אונטער דער פערסישער הערשאפט ביז אלעקסאנדער מוקדון האט איינגענומען די פערסישע אימפעריע אין 4טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. אבער אויך ווייטער האט פערסיע געשפילט א גרויסע ראלע אין דער יידישער געשיכטע דערפאר וואס איבער טויזנט יאר איז בבל געווען פארבונדן מיט פערס'ע, צוערשט אונטער דער הערשאפט פון פערסישן (פארטער) קעניג און דערנאך פון אראביש־מאכמעדאנישן קאליף, און גרויסע יידישע ישובים זענען געווען אין בבל און אין פערסיע. דארט איז צוזאמענגעשטעלט געווארן דער תלמוד בבלי; דארט זענען געווען די גרויסע ישיבות פון די אמוראים און נאכער פון די רבנן סבוראי און דערנאך פון די גאונים (זע וועגן דעם אין די זוכווערטער „בבל", „גאונים"); דארט זענען אנטשטאנען פארשידענע יידישע סקטעס. די הויפט־ישובים אין אייגנטלעכער פערסיע זענען געווען אין איספאהאן און כאמאדן; אין 13טן יארהונדערט זענען די ישובים אין פערסיע חרוב געווארן דורך די שחיטות פון די מאנגאלן, וועלכע האבן איבערהויפט חרוב געמאכט פערסיע און בבל; אין די שפעטערע יארהונדערטער טרעפט מען יידן אין פערסיע, אבער אין זייער א קליינער צאל, און אויך זיי האבן געליטן שרעקלעכע גזרות שמד; זינט 1848 איז די לאגע פון די יידן אין פערסיע בעסער געווארן א דאנק די באמיאונגען פון דער „אליאנס", וועלכע האט אויך דערעפנט אין פערסיע שולן פאר יידישע קינדער. זינט 1921 זענען אפגעשאפט געווארן כמעט אלע באגרענעצונגען אויף יידן. דר גרעסטער טייל יידן געפינט זיך איז דער הויפטשטאט טעהעראן, כאמאדאן, טאבריז, איספאהאן, שעראז. — א זייער

גרויסע השפעה האָבן געהאַט אויף יידן די פאַרשידענע פּערסישע קולטורן, מיט וועלכע יידן זענען געקומען אין באַרירונג זינט דעם אָנהויב פון 2טן בית המקדש אין פאַרלויף פון איבער 15 הונדערט יאָר. פיל ווערטער פון דער אַלטער פּערסישער שפּראַך זענען פאַראַן אין דער גמרא (טייל ווערטער זענען אויך פאַראַן אין די שפּעטערע תנ״ך־ספרים דניאל, אסתר, עזרא און נחמיה), און דר. קאָהוט אין „ערוך השלם״ וויל באַווייזן אַז זייער אַ סך אומפאַרשטענדלעכע ווערטער פון דער גמרא זענען פון דער אַלט־פּערסישער שפּראַך. אויך פאַרשידענע גלויבונגען פון דער אַלט־פּערסישער רעליגיע פון דואַליסטישער געטלעכקייט (דעם גאָט פון גוטסקייט און ליכט ארמוזד און דעם גאָט פון שלעכט און פינצטערניש אהרימון) און די פאַרשידענע שדים (אַשמדאי און אַנדערע) האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף טייל יידישע פאָלקס־גלייבונגען, קעגן וועלכע אַ סך פון די יידישע חכמים האָבן געקעמפט. עס איז אויך צו באַמערקן, אַז די יידן אין פּערסיע אין מיטלאַלטער האָבן גערעדט אַן אייגענע יידישע שפּראַך, וואָס איר הויפּט־עלעמענט איז געווען פּערסיש, און אין דער שפּראַך איז פאַראַן אַן איבערזעצונג פון תנ״ך.

**פקח בן רמליהו** מלך אין ישראל אין די יאָרן 735—736 פאַר דער געווינלעכער צייטרעכענונג; איז געטויט געוואָרן דורך דעם לעצטן מלך ישראל הושע בן אלה.

**פקחיה בן מנחם** מלך אין ישראל אין די יאָרן 736 — 739; ער איז אומגעקומען דורך פקח בן רמליהו (מלכים ב׳ ט״ו).

**פקיעין** דאָרף אין גליל, אין דער געגנט פון צפת; אין פקיעין זענען פאַראַן 70 יידישע נפשות פּאַלאַכן, וועלכע רעדן אַראַביש, באַאַרבעטן ערד, און עס איז פאַראַן אַ טראַדיציע, אַז זייערע עלטערן זענען נישט פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל, און אַז דער דאָרטיקער יידישער ישוב עקזיסטירט פון די אַלטע צייטן; פאַראַן אויך אַן אַלטע שול און אַלטע מצבות; וועגן פקיעין זע „שאר ישוב״ פון בן צבי.

**פראג** הויפּטשטאָט פון דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער רעפּובליק, וועלכע איז איינגענומען געוואָרן דורך היטלער אין יאָר 1939; לערך 30 טויזנט יידן; געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע, געהערט צו די עלטסטע יידישע קהלות אין אייראָפּע; באַקאַנט איז די „אַלטנײַ״־שול, וועגן וועלכער די לעגענדע דערצעהלט, אַז זי איז געבויט געוואָרן פון די שטיינער פון בית המקדש; פאַראַן אויך די אַלטע פּוקס־שול, און דער אַלטער בית עולם, וועלכער זאָל שוין האָבן געווען אין 13טן יאָרהונדערט. פראג האָט געהאַט אין אַלע דורות באַרימטע רבנים און געלערנטע ווי רבי ליוואַ (מהר״ל פון פראג), רבי ישעיה הורוויץ (של״ה), רבי יום־טוב ליפּמאַן העליר („תוספות יום־טוב״), רבי דוד גאַנז (צמח דוד), רבי דוד אָפּענהיים, רבי יונתן אייבעשיץ, רבי יחזקאל לאַנדאַ (נודע ביהודה), רבי שלמה לייב ראַפּאַפּאָרט (שי״ר) און אַנדערע. ביז צום 18טן יאָרהונדערט האָבן די יידן געוואוינט אין פראג אין אַ געטאָ און האָבן געהאַט אויסצושטיין פיל רדיפות און גזרות, וועגן וועלכע עס ווערן דערציילט פיל לעגענדעס („די פּראַגער ספּורים״ פון קאָהן אין דייטש), און איינע פון זיי איז די לעגענדע פון גולם. — וועגן די אויפשריפטן פון פּראַגער בית עולם איז פאַראַן „גלעד״; „פּראַגער ספּורים״ פון קאָהן; טייגער „דאָס פּראַגער געטאָ״ (דייטש).

**פראַנק, יעקב** (1726 אין אַ שטעטל קאָראָלעווקא אין מזרח־גאַליציע — 1791 אין אָפענבאַך אין דייטשלאַנד אַלס באַראָן פאָן פראַנק); פאַלשער משיח, משומד, שעפער פון דער פראַנקיסטישער סעקטע און באַוועגונג. אַ געמיש פון יידנטום, קריסטנטום און אמונה אין שבתי צבי און פראַנק אַלס משיחים. יעקב פראַנק האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. אין יענער צייט איז אין מזרח־גאַליציע און פאָדאָליע, וועלכע האָבן זיך געגרענעצט מיט טערקיי, געווען שטאַרק פאַרשפרייט צווישן טייל יידן די אמונה אין שבתי צבי אַלס משיח, הגם שבתי צבי איז שוין געווען טויט איבער 50 יאָר. מען האָט די דאָזיקע מאמינים גערופן די „שעפסן" אָדער „שבתי צביניקעס"; מען האָט זיי שטאַרק גערודפט, אַזוי אַז פיל פון זיי האָבן געהאַלטן זייער אמונה אין געהיים, עוסק געווען אין קבלה און נישט געהאַלטן פון אַ ריי דינים פון דער גמרא און שולחן ערוך. זיי זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די שבתי־צבי־אָנהענגער (די דאָנמעס) אין טערקיי, באַזונדערס אין סאַלאָניקי. יעקב פראַנק, וועלכער האָט אַלס אינגל שוין אַרויסגעוויזן אַנטשלאָסנקייט און ריקזיכטלאָזיקייט און איז קיין גרויסער למדן נישט געווען, הגם ער איז אויך נישט געווען קיין עם הארץ, ווי טייל היסטאָריקער ווילן האָבן, — האָט יונגערהייט אַרויסגעוואַנדערט פון מזרח־גאַליציע קיין סאַלאָניקי, וואו ער איז געקומען אין פאַרבינדונג מיט די דאָרטיקע שבתי־צבי־אָנהענגער, וועלכע האָבן אין גרעסטן טייל אָנגענומען לפנים די מאַכמעדאַנישע רעליגיע. דאָרט האָט ער באַקומען די דערמוטיקונג, און ער האָט זיך דערקלערט אַלס משיח, פאַרטרעטער פון שבתי צבי. ווען ער איז צוריקגעקומען אין יאָר 1755 קיין מזרח־גאַליציע, האָבן זיך גלייך אַרום אים געזאַמלט די אַלע געהיימע שבתי־צבי־אָנהענגער, וועלכע זענען ביז איצט געווען גערודפט און האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן מיט דער אמונה. פראַנק האָט מיט זיין אַנטשלאָסנקייט גענומען אָפן דערקלערן די ביז איצט געהיימע אמונה, און איינגעאָרדנט אין אַ ריי שטעט (נאַדוואָרנא, פאָדהייץ, בויסק און אַנדערע) פאַרזאַמלונגען פון זייערע אָנהענגער. ווי עדות געבן איבער (אין „ספר השימוש" פון רבי יעקב עמדין), זענען אויף די פאַרזאַמלונגען פאָרגעקומען געשלעכטלעכע וואַקכאַנאַליעס צווישן זיינע חסידים און חסידותטעס, און פראַנק זאָל האָבן מבטל געמאַכט אַ סך מצוות און באַזונדערס מתיר געמאַכט זנות, דאָס לעבן געשלעכטלעך מיט פרעמדע פרויען, דערקלערנדיק, אַז דאָס איז גאָר אַ גרויסע מצוה לויט די סודות פון קבלה. פראַנק האָט אויך אָפן דערקלערט, אַז דער „תלמוד", די גמרא, איז נישט קיין הייליק ספר און אַז די דינים פון תלמוד פאַרפליכטן נישט, און אַז דאָס איינציקע הייליקע ספר איז דער זוהר. זיינע אָנהענגער האָבן זיך דעריבער אויך גערופן „זוהריסטן" און „אַנטי־תלמודיסטן". עס איז צו באַמערקן, אַז צווישן זיינע אָנהענגער זענען געווען טייל יידן לומדים, מקובלים, און אפילו דער רב פון נאַדוואָרנא רבי יהודה לייב קריסאַ, דער רב פון בויסק רבי נחמן, רבי אלישע שור (אַלטער מקובל, אַ גרויסער יחסן). יידן האָבן גענומען שטאַרק רודף זיין די פראַנקיסטן (אַזוי האָבן זיי זיך גערופן שפּעטער), אַריינגעלייגט זיי אין חרם, און עס איז געקומען צו קעגנזייטיקע געשלעגן און אָנפאַלן (סיון תקט"ז, 1756). — ווען דער דאָזיקער מחלוקה זענען געוואויר געוואָרן די קאַטוילישע גלחים. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די גלחים האָבן געצוואונגען

די ייִדן, אַז זיי זאָלן האָבן אַן עפנטלעכן ויכוח מיט די פֿראַנקיסטן, און דער ויכוח איז פֿאָרגעקומען עפנטלעך, אין דער קירכע אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק. פֿראַנק, וועלנדיק געווינען אויף זיין זייט די גלחים, האָט באַשולדיקט די ייִדן, אַז זיי נוצן קריסטלעך בלוט אין די מצות אויף פּסח, און ער האָט אויך דערקלערט, אַז ער און זיינע אָנהענגער גלויבן אין דער הייליקער דריי־אייניקייט, וואָס איז דער יסוד פֿון קריסטנטום. ער האָט אויך באַשולדיקט דעם תּלמוד, אַז ער זייעט שׂנאה פֿון ייִדן צו קריסטן. דער רעזולטאַט איז געווען אַז די גלחים האָבן פֿאַראָרדנט צו פֿאַרברענען די גמרא אין קאַמענעץ. די מחלוקה האָט זיך ווייטער געצויגן, און די פֿראַנקיסטן האָבן אויסגעפּועלט ביים לעמבערגער אַרצבישאָף לובינסקי, אַז עס זאָל נאָכאַמאָל פֿאָרקומען אַן עפנטלעכער ויכוח אין דער קירכע אין לעמבערג. דער ויכוח איז פֿאָרגעקומען אין חודש אב תּקי״ט (1759). פֿון די ייִדן זענען געווען רבי חיים כּהן ראַפּאָפּאָרט און רבי בער פֿון יאַזלאָוויץ; עס איז אויך פֿאַראַן אַ מיינונג (אַ נישט ריכטיקע), אַז אויך רבי ישׂראל בעל שם טוב איז געווען. דער כראָניקער פֿון יענער צייט בער באָלעכאָווער דערציילט וועגן זיך, אַז אויך ער איז געווען פֿון דער ייִדישער זייט. די פֿראַנקיסטן האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס זייערע טוענים פֿראַנק, לייב קריסאַ און שלמה שור. דאָ האָבן די פֿראַנקיסטן שוין דייטלעך דערקלערט, אַז זיי גלויבן אין ישו הנוצרי און אין צלם. נאָך דעם ויכוח האָבן אַ גרויסער טייל פֿראַנקיסטן, לויטן באַפֿעל פֿון פֿראַנק, זיך געשמדט, אָננעמענדיק קריסטלעכע נעמען. מען גלויבט, אַז עס האָבן זיך געשמדט לערך 1,000 ייִדן אין פֿאַרשיידענע שטעט. פֿון זיי שטאַמען אָנגעזעענע פּוילישע פֿאַמיליעס ווי וואָלאָווסקי, קרישינסקי, זאַלעסקי, מאַיעווסקי און אַנדערע. פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז דער גרעסטער פּוילישער דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש שטאַמט פֿון די פֿראַנקיסטן. פֿראַנק און זיין פֿרוי און זיין יונגע טאָכטער חוה האָבן זיך אויך געשמדט אין וואַרשע (פֿראַנק האָט באַקומען דעם נאָמען יוזעף) און דער פּוילישער קעניג אויגוסט דער דריטער איז געווען זיין טויף־פֿאָטער. — פֿראַנק האָט אָבער אויך נאָכן שמד געפֿירט אַ באַזונדער לעבן מיט זיין סעקטע אָנהענגער, האַלטנדיק זיך פֿאַר משיח. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מען האָט אים אַרעסטירט, און ער איז געזעסן אַ לענגערע צייט (13 יאָר) אין דער פֿעסטונג טשענסטאָכאָוו. נאָך דער באַפֿרייאונג איז ער אַוועק פֿון פּוילן, צוערשט קיין ווין, דערנאָך קיין ברין און דערנאָך אין אָפֿנבאַך, וואו ער האָט אָפּגעקויפֿט אַן אַלטן פּאַלאַץ און האָבנדיק באַקומען דעם טיטל באַראָן (פֿון עסטרייכישן קייסער), האָט ער געפֿירט אַ ברייט לעבן מיט דינערס און אַפֿילו מיט אַן אייגן מיליטער. זיינע אָנהענגער, סיי אין פּוילן, סיי די געהיימע שבתי־צבי־אָנהענגער אין פּראָג און אַנדערע שטעט (צווישן וועלכע עס האָט זיך געפֿונען דער זון פֿון רבי יונתן אייבעשיץ, באַראָן וואָלף פֿאָן אייבעשיץ), האָבן אים געשיקט געלט. נאָך זיין טויט האָט איבערגענומען די פֿירונג פֿון דער סעקטע זיין טאָכטער חוה (אַוואַטשאַ). אָבער נאָך פֿראַנקס טויט האָבן די אָנהענגער געשיקט ווייניקער געלט, און איבערהויפּט האָבן די אָנהענגער זיך ביסלעכווייז אַסימילירט און אויפֿגעהערט זיך צו פֿאַראינטערעסירן מיט דער גאַנצער באַוועגונג. דער סוף איז געווען אַז דער „הויף״ אין אָפֿנבאַך האָט באַנקראָטירט, און ווען חוה איז געשטאָרבן אין יאָר 1817 איז די באַוועגונג פֿאַרשוואונדן. געוויסע שפּורן פֿון איר זענען געווען צו באַמערקן צווישן

טייל פראנקיסטן פאמיליעס אין פוילן, פאלאקן, וועלכע האבן געהאט א געוויסע פראנקיסטישע טראדיציע, חתונה געהאט נאר מיט אייגענע, געהאט עפעס כתבים פון פראנק און זיינע תלמידים, געשריבן אין א שלעכטן פויליש, „תורות" אויף פסוקים געשריבן מיט רויטן טינט (דאס איז געווען א רמז אויף „אדום" און „דת אדום"). מען האט די „תורות" גערופן „ביבליא באלאמוטנא" און דאס זענען געווען מאדנע געדאנקען, משלים וועגן דער גרויסקייט פון פראנק און זיין רעליגיע. — וועגן דער פראנקיסטן באוועגונג זענען געשריבן געווארן פיל ביכער און אפהאנדלונגען. דאס וויכטיקסטע איז אין פויליש פון אלעקסאנדער קרויסהאר ‚פראנק אי פראנקישטשי', באארבייט גרינטלעך לויט די דערמאנטע כתבים און אנדערע דאקומענטן, און צום סוף צוגעגעבן א טייל פון פראנקס „תורות", „סלובקא"; א טייל פון דאזיקן ווערק האט נחום סאקאלאוו ארויסגעגעבן אין העברעאישער איבערזעצונג „פראנק ועדתו". א טייל פון די כתבים זעלבסט געפינען זיך אין דעם בערסאן־מוזעאום ביי דער יידישער קהלה אין ווארשע; וויכטיק איז אויך דאס בוך פון פראפעסאר גרעץ אין דייטש „פראנק אונד די פראנקיסטן"; וויכטיק איז די ארבעט פון פראפעסאר מ. באלאבאן אין העברעאיש „לתולדות התנועה הפרנקית" און אויך זיין ביבליאגראפיע איבער דער פראנקיסטן־באוועגונג, רובאשאוו „על תלי בית פרנק"; פון די אלטע העברעאישע דאקומענטן זענען וויכטיק דער „ספר השמוש" פון רבי יעקב עמדין און די „זכרונות" און „אמרי בינה" פון בער באלעכאווער; אין יידיש זענען פארעפנטלעכט אין די היסטארישע שריפטן פון „ייווא" די זכרונות פון פארגעס, וועלכער האט פארבראכט אין פראנקס פאלאץ אין אפנבאך שוין נאך פראנקס טויט.

**פראנקעל, זכריה** (1801 אין פראג — 1875 אין ברעסלא), געלערנטער אין חכמת ישראל, רב אין א ריי שטעט (טעפליץ, דרעזדען), האט געהערט צו די מעסיקע ליבעראלן אין יידנטום קעגן די צו שארפע רעפארמער און קעגן די צו שארפע ארטאדאקסן; געגרינדעט אין 1856 דעם בארימטן ראבינער־סעמינאר אין ברעסלוי, אין וועלכן ער איז געווען רעקטאר און וועלכער האט ארויסגעגעבן הונדערטער תלמידים; געגרינדעט און רעדאגירט די בארימטע „מאנאטסשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאפט דעס יודענטומס"; מחבר פון די צוויי פונדאמענטאלע ווערק אין חכמת ישראל „דרכי המשנה" (איבער דעם צוזאמענשטעל און רעדאקציע פון דער משנה, רשימות פון די תנאים) און „מבוא הירושלמי" (איבער דער רעדאקציע און צוזאמענשטעל פון ירושלמי). ער האט אין דייטש אויך געשריבן פיל אפהאנדלונגען, צווישן זיי איבער דער גריכישער תנ"ך־איבערזעצונג „סעפטואגינטא", דער געריכטלעכער עדות באווייז ביי יידן, איבער דעם איינפלוס פון די ארץ־ישראל תנ"ך־פרושים אויף דער העלעניסטיש־אלעקסאנדרישער פילאזאפיע און אנדערע. — וועגן אים איז פאראן אין העברעאיש די מאנאגראפיע פון שאול פינחס ראבינאוויטש „רבי זכריה פראנקל".

**פראנקפורט אם מאין** שטאט אין דייטשלאנד, לערך 600 טויזנט איינוואוינער, צווישן זיי זענען געווען אין יאר 1933 (איידער היטלער האט אנגעהויבן רודפן די דייטשע יידן) ביי 30 טויזנט יידן; איינע פון די אלטע יידישע ישובים אין אייראפע; באקאנט אלס יידישער ישוב פון 12טן יארהונדערט; אין מיטלאלטער האבן די יידן דארט געהאט

אויסצושטיין פיל פאַרפאָלגונגען, געטאָ־גזרות; אין אָנהויב 17טן יאָרהונדערט איז געווען אויף זיי דער אָנפאַל פון דעם המון מיט ווינץ פעטמילך אין דער שפּיץ און צוליבן ניצול ווערן פון אָנפאַל האָט מען געמאַכט „פּורים־פראַנקפורט״; אין 19טן יאָרהונדערט געווען דער זיץ־אָרט פון אָנגעזעענע יידישע פינאַנסיסטן, אינדוסטריעלער (צווישן זיי פון דער פראַנקפורטער „ראָטשילד״־הויז, און די ראָטשילד־פאַמיליע שטאַמט אויך פון פראַנקפורט), רעליגיעזע קאַמפן צווישן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמער; אין פראַנקפורט איז געגרינדעט געוואָרן די ניי־אָרטאָדאָקסישע באַוועגונג פון רבי שמשון רפאל הירש (זע „הירש״) וואָס איז נאָכער געפירט געוואָרן דורך זיין איידעם הרב שלמה ברויער און האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער יידישער וועלט מיט איר באַווייזן, אַז עס קאָן זיין אַ שטרענג אָרטאָדאָקסיש יידנטום וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו מאָדערנער בילדונג; מען האָט די פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסיע אויך גערופן „טרענונגס־אָרטאָדאָקסיע״, ווייל זי האָט זיך אָפּגעטיילט און נישט געוואָלט מישן מיט אַנדערע ליבעראַלע ריכטונגען אין יידנטום. פראַנקפורטער יידנטום האָט אין דער יידישער געשיכטע פאַרנומען אַ גרויס אָרט דורך אירע גרויסע פּערזענלעכקייטן; רבי ישעיה הורוויץ (של״ה), רבי אהרן שמואל קיידאַנאָווער (מהרש״ק), רבי נפתלי כהן („סמיכת חכמים״), רבי יעקב יהושע פאַלק („פני יהושע״), רבי נתן אַדלער (גרינדער פון אַ סאָרט חסידות, זע „אַדלער״), רבי פּינחס הורוויץ („הפלאה״), און אין דער נייער צייט דעם היסטאָריקער יאָסט, היידענהיים, די ראָטשילד־פאַמיליע, בערנע, גייגער, רבי שמשון רפאל הירש, ערליך, ראָזנצווייג, בובער. — זע הורוויץ, „די ראַבינען אין פראַנקפורט״ (דייטש).

**פראַנקרייך** לאַנד אין מערב־אייראָפּע, לערך 42 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי (פאַר דער מלחמה אין סעפּטעמבער 1939) לערך 240 טויזנט יידן. אין די אַלטע העברעאישע ספרים ווערט דאָס לאַנד אָנגערופן „צרפת״, און רבי דוד קמחי (רד״ק) אין זיין פירוש אויף דעם פּסוק אין עבדיה „וגלות החל הזה לבני ישראל אשר כנענים עד צרפת״ ברענגט די מיינונג, אַז צרפת מיינט מען פראַנקרייך. — עס ווערט אָנגענומען, אַז דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך איז גאָר אַלט, און שוין אין דער לעצטער צייט פון 2טן בית המקדש זענען געווען יידן אין פראַנקרייך, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן גאַליע און האָט געהערט צו רוים. לויט אַנדערע מיינונגען זאָלן יידן האָבן געגרינדעט די שטאָט מאַרסייל, און אַז דער נאָמען דערפון איז געווען „מסלה״. יערנפאַלס ווייסן מיר, אַז דער יידישער מלך ארכעלאוס (זון פון הורדוס) איז פאַרטריבן געוואָרן קיין גאַליע. אַ גרויסן יידישן ישוב טרעפן מיר אין 4טן יאָרהונדערט אין מאַרסייל, באָרדאָ, אַוויניאָן, נאַרבאָנאַ (אַלע אין דרום־פראַנקרייך). קעניג קאַרל דער גרויסער האָט פאַרשטאַרקט דעם יידישן ישוב אין פראַנקרייך, און עס ווערט דערציילט, אַז קאַרל האָט געבראַכט פון בבל אַ גרויסן למדן רבי מכיר און אים באַזעצט אין נאַרבאָנאַ און אים געמאַכט פאַר נשיא איבער די יידן. דער „ספר הקבלה״ פון ראב״ד דערציילט אַז קאַרל האָט אין יאָר 797 געשיקט צום קאַליף קיין באַגדאַד אַ דעלעגאַציע צווישן זיי איז געווען דער ייד יצחק. עס איז זיכער, אַז פון יענער צייט האָט זיך פאַרשטאַרקט דער לימוד התורה אין פראַנקרייך, אַזוי אַז פראַנקרייך איז געוואָרן מיט דער צייט אַ גייסטיקער צענטער פון יידנטום באַזונדערס אין די יאָרהונדערטער 10, 11, 12, און 13; צו די גרעסטע יידישע פּערזענ־

לעבקייטן געהערן רבנו גרשם מאור הגו־
לה, רבי שלמה יצחקי (רש״י), די בעלי
תוספות (רשב״ם, רבנו יעקב תם); דאס
איז געווען מייסטנס אין צפון־פראנק־
רייך; אין דרום־פראנקרייך, אין דער
פראווינץ „פראוואנס״, וואס איז גע־
שטאנען אונטער דער השפעה פון דעם
פילאזאפיש אויפגעקלערטן יידנטום אין
שכנותדיקן שפאניע, האט זיך אנטוויקלט
א פילאזאפירנדנס יידנטום, מליצים,
חוקרים, ווי רבי ידעיה הפניני און אנ־
דערע, און אויך אין דרום־פראנקרייך זע־
נען געווען ישיבות אין גערונא, פאסקער
(רבי זרחיה, רבי אברהם בן דוד ראב״ד
און אנדערע). דארט זענען אויך פאר־
געקומען קאמפן צווישן די קעגנער פון
פילאזאפיע (רבי שלמה פון מאנפעליע
און אנדערע) און די חוקרים. אין 1242
האט מען אין פאריז פארברענט די גמרא,
און רבי מאיר פון ראטנבערג האט גע־
שריבן דערויף די קינה „שאלי שרופה
באש״. אין 1306 (10 טעג אין אב
ה׳ אלפים ס״ו) איז פארגעקומען דער
גרוש אויף יידן פון פראנקרייך; דער־
נאך זענען זיי עטלעכע מאל דערלויבט
געווארן צוריקצוקומען, אבער אין יאר
1334 זענען זיי פארטריבן געווארן איינ־
גאנצן. — פון דעמאלט אן הערט מען
פון יידן אין פראנקרייך זייער ווייניק,
הגם עס איז זיכער, אז געוויסע יידן
האבן זיך יא באזעצט פון צייט צו צייט
אין פראנקרייך, באזונדערס אנוסים וואס
זענען אנטלאפן פון שפאניע און פארטו־
גאל נאך דעם גרוש שפאניע אין 1492.
עס איז אויך זיכער, אז א ריי אנגעזעענע
פראנצויזישע פערזענלעכקייטן אין 15טן
און 16טן יארהונדערטער („דער „נביא״
מיכאל נאסטראדאמוס, מאנטען און אנ־
דערע) האבן געשטאמט פון די דאזיקע
אנוסים. ווען עס איז אויסגעבראכן די
פראנצויזישע רעוואלוציע (אין סוף 18טן
יארהונדערט) זענען געווען געוויסע איינ־
צלנע יידישע קהלות אין פראנקרייך, און
אין פאריז זעלבסט האבן געוואוינט
אביסל יידן, מייסטנס אריבערגעקומענע
פון דער עלזאס־געגנט. און די רעוואַ־
לוציע האט אין 1791 דערקלערט די
גלייכבארעכטיקונג פון יידן. אין אלגע־
מיין האט די פראנצויזישע רעוואלוציע
מיט איר פראקלאמירונג פון יידישער
גלייכבארעכטיקונג געהאט א גרויסע
השפעה אויך אויף דער פארבעסערונג פון
יידישן מצב אין א ריי אנדערע לענדער
אין אייראפע. אין 1806 האט נאפאלע־
אן צונויפגערופן דעם בארימטן „סנהד־
רין״ (זע זוכווארט „סנהדרין״), וואס
האט געהאט נאר אן עפעקטיוון איינ־
פלוס. אין 19טן יארהונדערט האט די
יידישע באפעלקערונג אין פראנקרייך זיך
עטוואס פארגרעסערט, אבער נישט פיל,
יידן האבן אין דער דאזיקער צייט פאר־
נומען אין פראנקרייך הויכע שטעלונגען,
(קרעמיע, פילד און אנדערע). אבער ניט
קוקנדיק אויף דער קליינער צאל יידן
איז אויך אין פראנקרייך געווען צו בא־
מערקן אין סוף פון 19טן יארהונדערט
אן אנטיסעמיטישע באוועגונג, וואס האט
דערגרייכט איר העכסטן פינקט אין בא־
רימטן דרייפוס־פראצעס (זע „דריי־
פוס״), און אנגעזעענע פראנצויזישע
פערזענלעכקייטן (זאלא, קלעמאנסא און
אנדערע), זענען ארויסגעטרעטן קעגן
דעם אנטיסעמיטיזם. אין די ערשטע
צענדליקער יארן פון 20טן יארהונדערט
האבן איינגעוואנדערט קיין פאריז יידן
פון פוילן און רוסלאנד, און נאכער (זינט
דער ממשלה פון היטלער אין 1933) אויך
פון דייטשלאנד, אזוי אז די צאל יידן
האט זיך עטוואס פארגרעסערט. ביז
דעם פאלן פון דער פראנצויזישער רע־
פובליק אין יוני 1940 נאך דער מפלה
אין דער מלחמה, האבן יידן אין פראנק־
רייך נישט געוואוסט פון קיינע באגרע־
נעצונגען. יידן האבן פארנומען הויכע

אַמטן אין דער רעגירונג (לעאָן בלום איז געווען אַ געוויסע צייט פּרעמיער־מיניסטער), אין מיליטער, אין פינאַנץ־וועזן, ליטעראַטור. יז־שט די געשאַפענע דורך היטלער ווישי־רעגירונג פון מאַרשאַל פּעטען און לאַוואַל פירן איין רעכט־באַגרענעצונגען אויף יידן. — די אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן אין פראַנקרייך זענען אין דער לעצטער צייט געווען קרעמיע, באַראָן הירש, מייערבער, הלוי (קאָמפּאָזיטאָר), באַראָן עדמאָנד ראָטשילד, הרב צדוק הכהן, ראַשעל, ברידער ריינאַך, דערענבורג, פּראָפעסאָר הלוי, שרה בערנאַרד, דר. שלמה מונק, לעאָן בלום, אַנרי בערגסאָן. דאָס פראַנצויזישע יידנטום האָט געגעבן דעם וועלט־יידנטום וויכטיקע אינסטיטוציעס ווי „אַליאַנס איזרעאַליט" (כל ישראל חברים), ייק"א, און אין דער לעצטער צייט איז פּאַריז אויך געווען דער זיץ־אָרט פון נאַציאָנאַלע יידישע אינסטיטוציעס ווי „היצעם" (עמיגראַציע - געזעלשאַפט), „אָזע" (פאַר געזונטהייט), „אָרט", אויסגאַבע פון דער דובנאָוו־ענציקלאָפּעדיע. אין פראַנקרייך זענען לעצטנס דערשינען אויך יידישע צייטונגען („פּאַריזער היינט" און אַנדערע), און דער זשורנאַל „רעווי עטיד זשואיף" איז געווען איינער פון די בעסטע זשורנאַלן פאַר חכמת ישראל. — זע וועגן דער עלטערער יידישער געשיכטע אין פראַנקרייך אין גידעמאַנס „התורה והחיים"; פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָן זע גרעצעס געשיכטע דעם לעצטער באַנד און דובנאָווס נייעסטע יידישע געשיכטע. זע אויך די זוכווערטער פון איינצלנע יידישע פּערזענלעכקייטן אין פראַנקרייך און אויך „פּאַריז". — לעצטנס איז דערשינען אין יידיש פון ייוואָ אין ניו־יאָרק אַ וויכטיק זאַמלבוך איבער די יידן אין פראַנקרייך.

**פּראָצענט** אין חומש (שמות כ"ב, ויקרא כ"ה, דברים כ"ג) ווערט געזאָגט, אַז ווען מען באָרגט געלט אָדער עסנווארג צו אַ ייד טאָר מען ביי אים נישט נעמען פּראָצענט; אין דער משנה און גמרא בבא מציעא פּרק „איזה נשך" ווערן געבראַכט די דינים וועגן דעם וואָס עס הייסט פּראָצענט (רבית, נשך), און עס ווערט געזאָגט, אַז דער פאַרבאָט איז נישט נאָר אויף דעם מלוה נאָר אויך אויפן לוה (דעם וואָס נעמט דאָס געלט אויף באָרג) און אויך אויף די עדות. די גמרא בבא מציעא ס"א זאָגט, אַז דער פאַרבאָט צו באָרגן געלט אויף פּראָצענט איז אַזוי האַרב ווי רציחה, הרגענען אַ מענטש, און ווי כופר זיין אין גאָט. אין שפּעטערן מיטלאַלטער, ווען דער עניז געלט־באָרגן איז געוואָרן שטאַרק אַנטוויקלט, האָבן די רבנים געזוכט אַן עצה און האָבן איינגעפירט דעם „היתר עיסקא", דאָס הייסט, מען שרייבט אויף אַן אָפּמאַך, אַז דאָס געלט ווערט נישט געבאָרגט סתם, נאָר דער מלוה ווערט אַ שותף צום לוהס געשעפט און דעם פּראָצענט נעמט ער אַלס שותף. דער נוסח פון היתר עיסקא איז פאַראַן אין ספר „נחלת שבעה". שפּעטער האָט מען געשריבן נישט דעם גאַנצן נוסח נאָר בלויז די ווערטער „על פי היתר עיסקא".

**פּרדס** דאָס וואָרט פּרדס (שיר השירים ד', קהלת ב' און אַנדערע ערטער) באַדייט אַ גאָרטן; אין ארץ־ישראל רופט מען לעצטנס מיטן נאָמען פּרדס נאָר אַ פרוכטגאָרטן, אין וועלכן עס וואַקסן ציטרוס־פרוכטן, פּאָמעראַנצן, ציטרינען, גרייפּפרוכט. — אין דער גמרא חגיגה י"ד ווערט מיטן נאָמען פּרדס אָנגערופן אַ געהיימע פילאָזאָפישע לערע, און עס ווערט דאָרט געבראַכט די ברייתא אַז די תנאים, בן עזאי, בן זומא, אחר און רבי עקיבא, זענען „אַריין אין פּרדס" (נכ־

נסו לפרדס) און נאר רבי עקיבא איז ארויס בשלום. אין די קבלה ספרים ווערט טיילמאל די קבלה אויך אנגערופן חכמת הפרדס. מען באטראכט אויך דאס ווארט פרדס אלס ראשי־תבות פון „פשט, רמז, דרוש, סוד", די 4 מע־טאדן, לויט וועלכע מען קאן איינטייטשן די פסוקים און די מצוות פון דער תורה.

**פרה** מסכת אין סדר טהרות, 12 פר־קים משנה און 11 פרקים תוספתא (איז ווינער כתב יד 12 פרקים); גמרא איז נישטא; באהאנדלט די דינים פון פרה אדומה. אין פרק ג' ווערן איבערגעגעבן נעמען פון כהנים גדולים, וועלכע האבן געמאכט די פרה אדומה.

**פרה אדומה** (רויטע קו); אין חומש במדבר י"ט ווערט געזאגט, אז כדי צו רייניקן איינעם, וועלכער איז טמא גע־ווארן דורך א מת, זאל מען נעמען א רויטע קו, מיט וועלכער מען האט נישט געארבעט, און א כהן זאל איר שעכטן און פארברענען און דאס אש אויסמישן מיט קוואל־וואסער און שפריצן פון דעם וואסער אויף דעם טמא מענטש. די שפעטערע מפרשים האבן געפרואווט געבן טעמים פאר דער דאזיקער מצוה. רש"י ברענגט, אז דעריבער הויבט זיך אן די פרשה פון פרה מיט די ווערטער „זאת חקת התורה", כדי צו ווייזן, אז דאס איז א „חוקה", א געבאט אן א טעם. — אין איינעם פון די שבתים אין חודש אדר ווערט געלייענט די פרשה פון פרה אדומה און מען רופט דעם שבת „פרשת פרה".

**פרוג, שמעון שמואל** (1860 — 1916), באריהמטער רוסישער און יידי־שער דיכטער; זיינע דיכטערישע ווערק זענען באהויכט מיט ליבע צום יידישן פאלק, צו זיין היסטארישער פארגאנגענ־הייט, ליבע צו ציון. ער האט געשריבן אין רוסיש און אין יידיש. פיל פון זיי־נע לידער זענען געווארן פאלקסלידער. פרטים וועגן פרוג אין רייזנס „לעקסי־קאן".

**פרוזבול** זע „שמיטה".

**פרוי** די פרוי („אשה" אין העברעאיש, „נשים" אין מערצאל) פארנעמט אין דער יידישער רעליגיע און פאלקס־לעבן א באזונדער ארט. פון איין זייט ווערט דערקלערט, אז א גרויסער טייל פון די „מצוות שהזמן גמרא", וואס זענען גיל־טיק נאר אין א באשטימטער צייט, ווי תפילין (נאר בייטאג און אינדערוואכנס), ציצית (נאר בייטאג) וכדומה, זענען פרויען פטור זיי מקיים צו זיין (משנה קדושין פרק ג'); עס ווערט אויך געזאגט, אז מען דארף פרויען נישט לערנען קיין תורה, הגם טייל חכמים פון דער גמרא האבן געהאלטן, אז מען דארף פרויען יא לערנען (ירושלמי פאה א'); אויך איינע פון די ברכות אינדערפרי איז „שלא עשני אשה" (וואס מען איז נישט גע־בוירן געווארן קיין פרוי). די גמרא זאגט אויך „נשים דעתן קלה" (שבת ל"ג), פרויען זענען לייכטזיניק. פון דער צווייטער זייט ווערט אין תנ"ך, גמרא און אנדערע יידישע ספרים אנגעזאגט, אז מען זאל שעצן די פרויען. אין סוף משלי איז פאראן דאס קאפיטל „אשת חיל", אין וועלכער עס ווערט געזונגען א לויב־געזאנג פאר דער פרוי. די גמרא יבמות ס"ב זאגט, אז דער מאן זאל ליב האבן די פרוי ווי זיך און מכבד זיין איר מער ווי זיך זעלבסט. אין מגילה י"ד ווערט געזאגט „נשים רחמניות הן" (פרויען זענען בארמהארציק). פאר שלאגן א פרוי האט מען געלייגט אין חרם (תשובות מהר"ם מרוטענבערג). עס זענען אויך געשאפן געווארן פיל תקנות

לטובת דער פרוי. עס איז געווען אויך אין יידישן רעליגיעזן לעבן די טענדענץ אפצעטיילן פרויען פון פרעמדע מענער, כדי נישט צו דערפירן צו זנות. דעריבער האט מען שוין אין בית המקדש איינגעפירט א באזונדערן פלאץ פאר מענער און א באזונדערן פאר פרויען (עזרת נשים); דאס זעלבע איז אויך איינגעפירט אין די שולן. — זע גאלאמב „דאמענרעכט" (ווילנע 1890), ווייסבערג, „די פרויען־פראגע לויט דעם תלמוד" (קיעוו. 1890), צווייפל אין „סניגור".

**פרויד, זיגמונד** (1856 אין עסטרייך—1939 אין לאנדאן); בארימטער געלערנטער פסיכאלאג, שעפער פון דער פסיכא־אנאליזע, וואס האט אנטדעקט נייע וועגן צו פארשטיין די מאטיוון פון מענטשנס האנדלונגען און צו דער היילונג פון גייסטיקע קראנקהייטן. עס זענען פאראן מיינונגען, אז דאס וואס גראד א ייד האט געשאפן די פסיכא־אנאליזע איז נישט קיין צופעליקייט און, אז דאס איז אין שייכות מיט דעם ספעציפיש יידישן כאראקטער. טייל ווילן אויך געפינען אין טייל אלטע יידישע ספרים און אפילו אין חסידות געוויסע שפורן פון פסיכא־אנאליטישע לערעס, ווי די באאומרואיקונג פון מענטשנס נשמה דורך „אונטערדריקטע פארלאנגען" (דער גאנצער ענין פון „הרהורים רעים" אין די יידישע ספרי מוסר, און דער „הרהורי דעבירה קשים מעבירה"), דאס דערלייכטערן גייסטיקע אונטערדריקונגען דורך דערציילן זיי („וידוי", „דאגה בלב איש ישחנה" און דער טייטש דערויף פון דער גמרא „יסיחנה לאחרים") וכדומה. מיר ווילן זיך דא נישט אפשטעלן אויף דער אלגעמיינער באדייטונג פון פרויד פאר דער וויסנשאפטלעכער וועלט. פרויד איז ארויסגעטרעטן קלאר קעגן רעליגיע אי בערהויפט אין זיין „צוקונפט פון א גרוי־סער טוישונג" און ממילא האט ער נישט געהאט קיין פאזיטיווע שטעלונג אויך צו יידישער רעליגיע. פרויד האט אויך געשריבן א ווערק איבער משה רבנו, אין וועלכן ער וויל באווייזן, אז משה איז געווען א מצרי און אז די יידן האבן אים דערמארדעט אין דער מדבר. — פרויד האט זיין יידישע אפשטאמונג נישט נאר נית געפרואווט באהאלטן, נאר ער פלעגט אפט אונטערשטרייכן זיין יידישקייט און איז געווען אפילו א מיטגליד פון קוראטאריום פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים. — וועגן פרוידס „משה", זע בן יהודהס ארטיקלען אין „בצרון" (ניו־יארק, 1940).

**פרושים** נאמען פון דער גרויסער יידישער כתה אין ארץ־ישראל איז דער צייט פון דער 2טער העלפט פון 2טן בית־המקדש; די סעקטע האט אנערקענט די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה און אירע פירער זענען געווען די גרויסע יידישע חכמים פון דער משנה. פלאוויוס, וועלכער האט געלעבט ביים חורבן ירושלים, שרייבט אין עטלעכע ערטער פון זיינע ווערק („קדמוניות", „מלחמות", „אויטאביאגראפיע") וועגן די פרושים. ער זאגט (קדמוניות, בוך 13 קאפיטל 5 און אין אנדערע ערטער), אז ביי יידן זענען געווען 3 כתות, די צדוקים, וועלכע האבן נישט געגלויבט אין תורה שבעל פה (דאס הייסט אין דער גאנצער טראדיציע און דינים און אויסטייטשונגען, וואס זענען שפעטער אריין אין דער משנה און גמרא), די „איסיים" (די גאר פרומע אסקעטן (זע זוכווארט „איסיים") און די פרושים, און אז די פרושים גלויבן אין השארת הנפש (אומשטערבלעכקייט פון נשמה), אין שכר ועונש, און זיי האבן ליב איינער דעם צווייטן און ווילן נאר שלום. לויט דער מיינונג פון פלאוויוס זענען די פרושים געווען דער רוב פון

יידישן פאלק אין ארץ־ישראל, און אפילו די מאסן, וואס האבן נישט געהערט צו קיינער פון די דערמאנטע 3 באשטימטע פארטייען, האבן אויך סימפאטיזירט מיט די פרושים און זיי געשטיצט. די פרושים זענען געווען די אלע לומדים און חכמים, וואס ווערן געבראכט אין דער משנה, די „זוגות" פון פרקי־אבות, די בית שמאי און בית הלל, רבן יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים. עס ווערט אנגענומען, אז די פרושים זענען געווען אייגנטלעך די טרעגער פון דעם טראדיציאנעלן יידנטום, ווי מיר פארשטייען עס היינט אין דעם ארטאדאקסישן זין פון ווארט. לויט דער מיינונג פון טייל היסטאריקער (גרעץ, לעצטנס פינקלשטיין אין זיין גרויס בוך אין ענגליש „דהי פאריזיס") זענען די פרושים אויך געווען, אזוי צו זאגן, די דעמאקראטישע פארטיי און האבן פאליטיש און עקאנאמיש פארטרעטן די אינטערעסן פון די פאלקסמאסן קעגן די צדוקים, צו וועלכע עס האבן געהערט די רייכע שיכטן, די מיליטער־אנפירער, וועלכע האבן אונטערדריקט די פאלקס־מאסן. צווישן די פרושים און טייל פון די הערשער פון דער חשמונאים־דינאסטיע (יוחנן הורקנוס כהן גדול, זיין זון ינאי המלך, זיין אייניקל אריסטאבול) זענען פארגעקומען העפטיקע קאמפן, און די פירער פון די פרושים זענען דעריבער אפט שטארק פארפאלגט געווארן דורך די דאזיקע הערשער, צדוקים־אנהענגער. טייל פון די פרושים־פירער זענען אפילו אומגעקומען און טייל האבן געמוזט אויף א געוויסער צייט אנטלויפן פון לאנד (ברייתא אין קידושין ס"ו „מעשה בינאי המלך", און פלאוויוס אין „קדמוניות" בוך 18, וועגן דעם קאנפליקט צווישן יוחנן הורקנוס און די פרושים). — וועגן דעם ווארט פרושים זענען פאראן פארשידענע מיינונגען פון גייגער (אין זיין „אור־שריפט"), גרעץ, וויס (דור דור ודורשיו) און אנדערע. טייל מיינען, אז דאס האט א שייכות מיט דעם פסוק אין נחמיה י' וועגן די פרומע יידן וואס האבן זיך אפגעשיידט פון די ארומיקע צו גאטס תורה („וכל הנבדל") און אז פריער האבן זיי געהייסן „נבדלים", און דערנאך איז געווארן דערפון פרושים. דאס ווארט „פרושים" געפינען מיר אפט אין תלמוד (משנה און גמרא) ווי אין דער משנה ידים פרק ד' און אנדערע ערטער. דאס ווארט באווייזט זיך אויך אינם קריסטלעכן עוואנגעליום (ברית חדשה), אלס באצייכענונג פון אזעלכע, וואס האבן זיך געוואלט באווייזן פאר מענטשן מיט זייער פרומקייט און אין הארצן האבן זיי געדענקט אנדערש, אלזא, ווי צבועים. עס ווערט אויך אנגעוויזן, אז אויך אין דער ברייתא (סוטה כ"ב) ווערן טייל פרושים ווירקלעך באטראכט אין דאזיקן זין פון צבועים, און די ברייתא רעכנט אויס אזעלכע שלעכטע „פרושים", ווי „פרוש מה חובתי ואעשנה" וכדומה, און עס ווערט דארט געבראכט דאס ווארט פון ינאי המלך אז מען זאל נישט מורא האבן פאר די פרושים נאר פאר די צבועים. — וועגן דער ווירקונג פון די פרושים אויף דער גאנצער געשיכטע פון יידנטום און איר אנטוויקלונג, זענען פאראן פארשידענע מיינונגען צווישן די יידישע היסטאריקער זעלבסט. אזעלכע ווי הלוי (אין „דורות הראשונים"), וואס שטייען אינגאנצן אויפן באדן פון שטרענג־רעליגיעזן ארטאדאקסישן יידנטום, האלטן, אז די פרושים האבן אויפגעהאלטן דאס יידישע פאלק און די יידישע רעליגיע. קראכמאל („מורה נבוכי הזמן"), גרעץ, וויס, וועלכע זענען מעסיק, האלטן אויך פון די פרושים, אבער זיי האלטן אויך, אז די פרושים האבן אביסל איבערגעטריבן. די גאר עקסטרעמע רעפארמער (האלדהיים און אנדערע) זענען שארף

קעגן דער פּרושים-לערע. אינטערעסאַנט איז די שטעלונג פון אברהם גייגער, וועלכער אַלס רעפאָרמער באַהויפּטעט גאָר, אַז אין דער לערע פון די פּרושים ליגט די אידייע פון „רעפאָרם", פון צופּאַסן די רעליגיע צו דער צייט, פון נישט נאָר נעמען בלויז אַ „תורה שבכתב" איינמאָל פאַר אַלעמאָל, נאָר מאַכן ענדערונגען. אין אַלגעמיין איז אָנגענומען, ווי געזאָגט, אַז די פּרושים זענען געווען די טרעגער פון דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע, ווי זי ווערט פאַרשטאַנען ביז היינט. — וועגן די פּרושים זענען געשריבן געוואָרן פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען דורך יידישע און קריסטלעכע געלערנטע. פון די קריסטלעכע איז באַקאַנט וועלהויזן „פּאַריזעער און סאַדוצעער" (אין דייטש), שירער אין זיין „געשיכטע", הערפאָרד אין זיין ענגליש בוך „פּאַריזאַאיזם"; פון די יידישע זענען אַמוויכטיקסטן קראָכמאַל „מורה נבוכי הזמן", גייגער „אורשריפט" (דייטש), ווייס אין ערשטן באַנד פון „דור דור ודורשיו", גרעץ אין זיין געשיכטע אין דער 2טער העלפט פון בית שני; פינקלשטיין „דהי פּאַריזים" (אין ענגליש).

**פּרוש, פּרושים** נאָמען אין ליטע פאַר ישיבה-יונגעלייט, וועלכע האָבן נאָך דער חתונה פאַרלאָזט זייערע פרויען אויף אַ געוויסער צייט און אַוועק אין אַ ישיבה און זיך אַוועקגעזעצט לערנען. און טייל פון זיי זענען ווירקלעך געוואָרן שפּעטער גרויסע רבנים. די ישיבה אין סלאָבאָדקע, קאָוונע, האָט אויך געהייסן דער „כולל פון די פּרושים". — מיטן נאָמען „פּרושים" האָט מען אויך גערופן די גרופּע תלמידים פון ווילנער גאון מיט ר' ישראל שקלאָווער אין דער שפּיץ, וועלכע זענען אַוועק קיין ארץ-ישראל אין אָנהויב 19טן יאָרהונדערט.

**פּרחי אישתורי** זע „אישתורי הפּרחי".

**פּרט גדול** זע זוכוואָרט „צייטרעכענונג".

**פּרידמאַן, מאיר** זע „איש שלום".

**פּריה ורביה** (דאָס מערן זיך פון מענטשן, האָבן קינדער); אַזוי ווערט אָנגערופן די ערשטע מצוה פון די תרי"ג מצוות (די ערשטע פון די 613 מצוות פון דער תורה); דער אויסדרוק איז פון די ווערטער אין חומש בראשית א', וועלכע גאָט האָט געזאָגט צו אדם הראשון: „פּרו ורבו" (פּרוכפּערט און מערט אייך). אין דער משנה יבמות פּרק ו' איז פאַראַן די מחלוקה, אין וועלכער די בית שמאי זאָגן, אַז מען איז מקיים די מצוה נאָר ווען מען האָט 2 זין, און די בית הלל זאָגן, אַז אַ זון און אַ טאָכטער.

**פּרישמאַן, דוד** (1960 אין זגערזש ביי לאָדז אין פּוילן—1922 אין בערלין); העברעאישער און יידישער שריפטשטעלער, דיכטער, ליטעראַטור-קריטיקער, פעליעטאָניסט, איבערזעצער, איינער פון די ערשטע בויער פון דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. די יוגנט-יאָרן האָט פרישמאַן פאַרבראַכט אין לאָדז, וואָס איז געווען אַ האַלב-גערמאַניזירטע שטאָט און ער האָט אחוץ יידישע לימודים אויך דערוואָרבן קענטעניש פון דייטש און דייטשער ליטעראַטור. ער האָט שוין גאָר יונג געפּרוּווט איבערזעצן אין העברעאיש לידער פון היינע און שרייבן אייגענע לידער. אַ שטורם האָט אַרויסגערופן זיין ערשטע ליטעראַטור-קריטישע אָפּהאַנדלונג „תוהו ובוהו" (1883), אין וועלכער פרישמאַן איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער ניט-נאַטירלעכער מליצה-שרייבעריי און בט-

לנות פון א ריי דעמאָלטיקע אָנגעזעענע העברעאישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן (צעדערבוים פון „המליץ", סמאָלענסקין און אַנדערע). ער האָט פאַרלאַנגט דאָס איינפירן אייראָפּעאישן סטיל און נאַטירלעכקייט סיי אין דער שפּראַך סיי אין דער באַהאַנדלונג פון פּראָגן. פון דעמאָלט אָן האָט פרישמאַן פאַרעפנטלעכט לידער, פעליעטאָנען, איבערזעצונגען אין העברעאיש (שפּעטער אויך אין יידיש), און האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דער שאַפונג פון דער בויגזאַמקייט און נאַטירלעכן אויסדרוק אין דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך. ער האָט מיטגעאַרבייט אין די באַדייטנדסטע העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלן („הבוקר אור", „היום", „האסיף", „השלח", אליין רעדאַגירט „הדור", „רשפים", „הבוקר", „התקופה"), געשריבן וואָכן-פעליעטאָנען אין „היינט"; איבערזעצט „קין" פון בייראָן, „כה אמר סרתוסתרא" פון ניטשע („אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ") און אַנדערע; געשריבן דערציילונגען אין ביבלישן סטיל און אינהאַלט, „מכתבים על דבר הספרות", שירים, פעליעטאָנען איבער די אָנגעזעענסטע יידישע און נישט-יידישע פּערזענלעכקייטן. זיינע געזאַמלטע ווערק און בריוו זענען דערשינען אין העברעאיש (17 בענדער) און יידיש 7 בענדער. פון זיינע איבערזעצונגען זענען דערשינען: „ידעות הטבע" (פון בערנשטיין, דניאל דירונדא (פון עליאָט), „בירוניקה" (שומאַכער), „תולדות השלמת האדם" (פון ליפּערט), אַנדערסענס דערציילונגען, „דע פּראָפונדיס" פון ווײַלד, „תאים" („טאַאיס" פון פראַנס), די נאָרדזעע-לידער פון היינע, „קין", „זאַראַטוסטראַ" און אַנדערע. — זע פּרטים אין רייזנס „לעקסיקאָן".

**פּרכת** אין משכן איז געווען א פּרכת, געמאַכט פון פאַרשידענע, געהאַפטענע שטאָפן; דער פּרכת האָט אָפּגעטיילט צווישן דעם ערשטן צימער און קדש הקדשים (שמות ל"ה). מען רופט אויך אָן פּרכת דעם צודעק אויפן ארון הקודש אין שולן און בתי מדרשים. געוויינלעך איז דער פּרכת געמאַכט פון זייד-שטאָף, און איז אויסגעהאַפטן מיט א מגן דוד.

**פּרנס** דער פירער פון א יידישער קהלה אָדער קהלה-אינסטיטוציע הייסט „פּרנס"; דאָס וואָרט שטאַמט פון דער גריכישער שפּראַך „פּראָנאָס" וואָס איז דער טייטש „דער צוגרייטער פון שפּייז". דאָס וואָרט פּרנס ווערט געבראַכט פיל מאָל אין דער גמרא (ברכות נ"ה און אַנדערע ערטער). — זע „קהלה".

**פּרס** זע „פּערסיע".

**פּרענק** זע „ספרדים".

**פּרעשבורג** הויפּטשטאָט פון סלאָוואַקיע, לערך 12 טויזנט יידן (אויף אַן אַלגעמיינער צאָל 130 טויזנט איינוואוינער); אַלטער יידישער ישוב; אין 19טן יאָרהונדערט דאָרט געווען באַרימטע ישיבה געגרינדעט דורך רבי משה סופר („חתם סופר") און געפירט שפּעטער דורך זיינע קינדער. אין דער איצטיקער מלחמה, איז די יידישע קהלה כמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן.

**פּרעה** נאָמען אין תנ"ך פאַר די מלכים אין אַלט-מצרים; ווערט דערמאָנט אין תנ"ך פון אברהם אבינו אָן (בראַשית י"ב), דורך דער גאַנצער צייט פון תנ"ך ביז צום סוף אין ירמיה מ"ד. די עגיפּטן-פאָרשער דערקלערן אַז דאָס וואָרט איז „פּאַר-עאָ", וואָס איז דער טייטש „דאָס גרויסע הויז" און האָט געדינט אַלס באַצייכענונג פאַר דער הערשאַפט פון קעניג. — זע „עגיפּטן".

**פרעסע** מיטן נאמען „פרעסע" ווערן געוויינלעך פארשטאנען פעריאדישע שריפטלעכע אויסגאבן, וועלכע דערשיינען פון צייט צו צייט, און זיי געבן ידיעות, געוויינלעך וועגן פאליטישע געשעענישן, אנדערע פאסירונגען, נייעסן וועגן פארשידענע געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען, ארטיקלען. מען נעמט אן, אז די ערשטע יידישע פעריאדישע אויסגאבע, די ערשטע יידישע צייטונג אין דער יידישער שפראך, איז דערשינען אין אמסטערדאם אין יאר 1686, און איז דערשינען 2 מאל א וואך (דינסטיק און פרייטיק) און האט געהייסן „דינסטאגישי קורנטין" און „פרייטאגישי קורנטין"; דער ארויסגעבער איז געווען א גר, א געוויסער משה בן אברהם. נאכער איז געווען א לאנגע הפסקה, און ערשט אין לערך 1750 איז אין א דייטש שטעטל נויוויד דערשינען א יידישע צייטשריפט. אין 1771 האט אין דירנפורט אנגעהויבן דערשיינען א דייטש־יידישע צייטונג 2 מאל א וואך. פון דעמאלט אן זענען געמאכט געווארן פארשידענע פרואוון ארויסצוגעבן צייטונגען אין יידיש (מייסטנס אין א פארדייטשמערישט יידיש). אין 1823 האט אנגעהויבן אין ווארשע דערשיינען א וואכנצייטונג „דער באבאכטער אן דער ווייכסעל" (אויף פויליש און אויף דייטש־יידיש), וועלכע האט אויפגעהערט אין סעפטעמבער 1824. צו די ערשטע יידישע וואכנבלעטער וואס זענען דערשינען נארמאל האט געהערט (אין אדעס) דער „קול מבשר" אונטער דער רעדאקציע פון אלעקסאנדער צעדערבוים (רעדאקטאר פון „המליץ"); אין „קול מבשר" האבן זיך באטייליקט לינעצקי, מענדעלע מוכר ספרים און אנדערע, און דאס וואכנבלאט האט געהאלפן שאפן די יידישע צייטונגס־שפראך און האט אזוי ארום געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון דער יידישער פרעסע. פון דעמאלט אן האבן אנגעהויבן דערשיינען יידישע וואכנצייטונגען און אנדערע פעריאדישע אויסגאבן אויך אין אנדערע ערטער (פוילן, גאליציע, ענגלאנד, פאראייניקטע שטאטן פון צפון־אמעריקע). די ערשטע יידישע טאג־צייטונג האט אנגעהויבן דערשיינען אין אמעריקע, אין ניו־יארק, „די טעגלעכע גאזעטן" (אין יאר 1881); אין רוסלאנד און פוילן איז די ערשטע יידישע טאג־צייטונג געווען „דער פריינד" אין פעטערבורג (אין יאר 1903), פון דעמאלט אן איז די יידישע טעגלעכע פרעסע כסדר געשטיגן, און פאר דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914) איז די יידישע טאג־פרעסע אין פוילן און אין אמעריקע געשטאנען שוין אויף א זייער הויכער מדרגה („היינט", „מאמענט", „פריינט" „מארגן־זשורנאל", „פארווערטס", „יידישעס טאגענבלאט"), און אויך אין אנדערע לענדער, וואו די יידישע באפעלקערונג איז ניט געווען אזוי גרויס ווי אין פוילן און אמעריקע, זענען אנטשטאנען יידישע טאגצייטונגען. די יידישע פרעסע איז פאנאנדערגעוואקסן נאך גרעסער נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, 1918, באזונדערס אין פוילן, וואו עס זענען אנטשטאנען טאגצייטונגען און וואכנשריפטן ניט נאר אין דער רעזידענץ־שטאט ווארשע, נאר אויך אין פארשידענע גרעסערע פראווינץ־שטעט. דאס זעלבע האט זיך אויך אנטוויקלט די יידישע פרעסע אין רוסלאנד (די קאמוניסטישע צייטונגען „דער עמעס". „דער שטערן" און אנדערע), ליטע, לאטוויע, רומעניע, פראנקרייך („פאריזער היינט" און אנדערע), ענגלאנד („די צייט" און „פאסט"), עסטרייך („פאסט"), קאנאדע („קענעדער אדלער" מאנטרעאל און „יידישע צייטונג" טאראנטא), און אויך אין די דרום־ און צענטראל אמעריקאנער

לענדער, ווי אַרגענטינע (די גרויסע יידישע טאָגצייטונגען „יידישע צייטונג" און „די פּרעסע"), און פּראָווינץ פון טאָגצייטונגען און וואָכנשריפטן אין מעקסיקאָ, אורוגוואַי, בראַזיליע, קובאַ. די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע האָט, ניט קוקנדיק אויף די איינגעפירטע אימיגראַציע־באַגרענעצונגען אין 1923, אויך שטאַרק געוואַקסן אין די 15־10 יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה בעת וועלכער עס איז צוגעקומען די צייטונג „דער טאָג". די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע איז, בנוגע דער צאָל לעזער, אַ סך איבערגעשטיגן די יידישע פּרעסע אַפילו פון פּוילן. ערשט אין די לעצטע יאָרן איז צו באַמערקן אין אַמעריקע אַ געוויסע אָפּשוואַכונג און פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידישע טאָג־צייטונגען־לייענער אין אַמעריקע, אַזוי אַז טייל פּראָווינצער יידישע טאָג־צייטונגען האָבן זיך פאַרמאַכט. מיט דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין סעפּטעמבער 1939 איז פאָרגעקומען די גרעסטע קאַטאַסטראָפע אין וועזן פון דער יידישער פּרעסע אין אייראָפּע, און מיטן אויסנאַם פון סאָוועט־רוסלאַנד איז די גאַנצע יידישע פּרעסע אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט פאַרניכטעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מאַכט־אָרגאַנען; פיל יידישע זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער זענען אומגעקומען, די צייטונגס־אונטערנעמונגען חרוב געוואָרן, פאַרניכטעט. געבליבן איז נאָר די יידישע צייטונג „די צייט" אין לאָנדאָן און די אויבנדערמאָנטע יידישע פּרעסע אין אַמעריקע און טייל דרום־אַמעריקאַנער לענדער ווי אויך אין קאַנאַדע, וואו עס דערשיינען צוויי יידישע טאָג־צייטונגען „קענעדער אַדלער" אין מאָנטרעאַל און „יידישער זשורנאַל" אין טאָראָנטאָ, ווי אויך וואָכנשריפטן („דאָס וואָרט" אין וויניפּעג און אַנדערע). מען נעמט אָן, אַז די צאָל לעזער פון יידישע צייטונגען איצט באַטרעפט לערך אַ מיליאָן (איין צייטונג ווערט געלעזן דורך עטלעכע לעזער), אין דער צייט וואָס פאַר דער איצטיקער וועלט־מלחמה האָט די צאָל לעזער פון צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך דערגרייכט ביז 3 מיליאָן.

דאָס צווייטע אָרט נאָך דער פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך פאַרנעמט אין יידישן לעבן די פּרעסע אין דער העברעאישער שפּראַך, וועמענס ערשטע שפּורן מיר טרעפן שוין אין 18טן יאָרהונדערט (דער מאָנאַטלעכער „פּרי עץ חיים" תורה־זשורנאַל אין אַמסטערדאַם 1728, נאָכער „קהלת מוסר" אַרויסגעגעבן דורך משה מענדלסאָן אין 1750, גאָר שפּעטער דער „המאסף"). נאָכער זענען דערשינען פאַרשידענע מאָנאַטלעכע און וואָכן־זשורנאַלן (צו די באַרימטסטע געהערן דער „המגיד", „הכרמל", „החבצלת" אין ארץ־ישראל, „השחר", „השלח", און אַנדערע). די ערשטע העברעאישע טאָג־צייטונגען זענען געווען: „המליץ", „היום" און „הצפירה", „הצופה", „הזמן" אין רוסלאַנד און אין רוסיש־פּוילן, און „הצבי" אין ארץ־ישראל. די צאָל פון העברעאישע פּרעסע־אויסגאַבן איז זייער געשטיגן באַזונדערס נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה די גרויסע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל, וואו העברעאיש איז די דאָמינירנדיקע שפּראַך, אַזוי אַז די העברעאישע טאָג־פּרעסע אין ארץ־ישראל פאַרגרעסערט זיך כסדר, און איצט דערשיינען אין ארץ־ישראל די העברעאישע פּרימאַרגן־צייטונגען „הארץ", „דבר", „הבוקר", „הצופה" (עס איז אויך צו דערמאָנען דעם שוין ניט עקזיסטירנדן „דואר היום") אַחוץ די פיל וואָכנשריפטן און מאָנאַטשריפטן און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן.

אַחוץ יידישע צייטונגען אין יידיש און

העבּרעאיש זענען אויך דערשינען יידי־
שע פּעריאָדישע שריפטן. אין דער דריט־
גרעסטער יידישער שפּראַך שפּאַניאָליש;
און אַ זייער גרויסע און רייכע יידישע
פּרעסע איז דערשינען אין אַנדערע
שפּראַכן (און פּויליש די טאָג־צייטונגען
„נאַש פּשעגלאָנד" אין וואַרשע, „כווי־
ליאַ" אין לעמבּערג, „נאָווי דזיעננִיק"
אין קראָקע, אַחוץ צייטשריפטן; אין
דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש און
אַנדערע שפּראַכן פיל יידישע וואָכנ־
שריפטן און אַנדערע פּעריאָדישע אויס־
גאַבּן). אויסער דעם האָבּן יידישע זשור־
נאַליסטן און שריפטשטעלער אויך גע־
שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַלגע־
מיינער פּרעסע אין אַנדערע שפּראַכן, ווי
אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד פאַר דער
היטלער־הערשאַפט („די נייע פריייע
פּרעסע" אין ווין, „בּערלינער טאַגע־
בּלאַט", „פאָסישע צייטונג", פראַנק־
פורטער צייטונג" און אַנדערע), אין
אַמעריקע (די „ניו־יאָרק טיימז" און אַנ־
דערע), ווי אויך אין אַנדערע לענדער,
און אויך בּאַרימטע נייעס־אַגענטורן (ווי
די דייטשע „וואָלף" און אַנדערע) זענען
געווען געגרינדעט דורך יידן.

די בּיבּליאָגראַפיע איבּער דער געשיכ־
טע פון דער יידישער פּרעסע איז אַ ריי־
כע. וויכטיק איז די אויסגאַבּע פון
„ייוואָ", „זאַמלבּוך לכבוד דעם 250 יובל
פון דער יידישער פּרעסע", ניו־יאָרק
1937, אונטער דער רעדאַקציע פון דר.
יעקב שאַצקי בּיי דער מיטאַרבּעט פון אַ
ריי פאָרשער. אַן אויספירלעכע רשימה
פון בּיכער און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער
געשיכטע פון דער פּרעסע אין דער יידי־
שער שפּראַך און אויך אַ לענגערע אָפּ־
האַנדלונג איז פאַראַן אין דריטן בּאַנד
„יידן" פון דער אַלגעמיינער יידישער
ענציקלאָפּעדיע געשריבּן דורך דר. שאַצקי.
אַ רשימה פון העבּרעאישע צייטשריפטן
בּיז לערך 1910 איז פאַראַן אין „אוצר
ישראל", זוכוואָרט „עתונים". אין דער־
מאָנטן דריטן בּאַנד „יידן" איז פאַראַן
פון מ. קאָסאָווער אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג
איבּער דער געשיכטע פון דער העבּרעאי־
שער פּרעסע בּיי יידן און צום סוף אויך
אַ בּיבּליאָגראַפישע רשימה. אין זעלבּן
בּאַנד איז אויך פאַראַן פון וו. שולמאַן
אַן אָפּהאַנדלונג איבּער דער יידישער
פּרעסע אין אַנדערע שפּראַכן (איינ־
שליסנדיק אויך שפּאַניאָליש) און אַ רשי־
מה פון די וויכטיקסטע אויסגאַבּן.

**פּרץ, יצחק לייבּוש** (1852 אין זאַ־
מאָשטש — 1915 אין וואַרשע), יידישער
(און אויך העבּרעאישער) שריפטשטע־
לער, דיכטער, דראַמאַטורג. אין דער
יוגנט איז ער געווען אונטער דער השׂ־
פּעה פון דער אייראָפּעאישער השׂכּלה,
געווען פּריוואַט־אַדוואָקאַט; אין 1877
פאַרעפנטלעכט צוזאַמען מיט זיין שוואָ־
דעם מאַטעמאַטיקער גבריאל יהודה ליכ־
טענפעלד, אין העבּרעאיש, דעם „ספּו־
רים בשיר ושירים שונים", דערנאָך האָט
ער פאַרעפנטלעכט קלענערע זאַכן אין
העבּרעאישע זשורנאַלן; אין 1888 האָט
ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע זאַך אין
יידיש, די בּאַרימטע בּאַלאַדע „מאָניש",
אין וועלכער מען זעט פּרצעס נייגונג
צום פאָלקסטימלעכן; אין 1889 האָט ער
זיך בּאַזעצט אין וואַרשע, וואו ער האָט
אָנגענומען דעם אַמט אַלס לייטער פון
בּית־הקברות־אָפּטיילונג אין דער וואַר־
שעווער קהלה; אין וואַרשע האָט ער גע־
נומען פאַרבּרייטערן זיין ליטעראַרישע
טעטיקייט, אַרויסגעגעבּן די זאַמלונגען
אין יידיש „יידישע בּיבּליאָטעק", פאַר
עפנטלעכט אין העבּרעאיש לידער „העו־
גב" (אין סטיל פון היינע), דאָס זאַמל־
בּוך „החץ", „יום־טוב־בּלעטער", און זיך
בּאַטייליגט אין זייער פיל זשורנאַלן,
זאַמלבּיכער. פּרץ האָט דעמאָלט אויך
געשריבּן זיינע ערשטע חסידישע דערציי־

לונגען, נאכער די פאלקטימלעכע גע־שיכטן, פעליעטאנען אין „הצופה" („היחיד ברשות הרבים"), געגרינדעט דעם „הזמיר", אנגעשריבן זיין דראמע „די גאלדענע קייט", צוגעשטאנען (1905) צו דער סאציאליסטישער באוועגונג און געווען ארעסטירט 3 מאנאטן; אין 1908 אנטיילגענומען אין דער טשערנאוויצער קאנפערענץ, אויף וועלכער יידיש איז פראקלאמירט געווארן אלס די נאציאנאלע שפראך פון יידישן פאלק, און פון דעמאלט אן איז פרץ גע־ווען איינער פון די הויפטפירער פון דער באוועגונג פאר יידיש, שרייבנדיק אויך אין העברעאיש. — פרץ ווערט בא־טראכט אלס דער אנגעזעענסטער בויער פון דער נייער יידישער ליטעראטור, אין וועלכער ער האט אריינגעבראכט סיי דאס אייראפעאישע, סיי דאס יידיש פאלקסטימלעכע און מיסטישע פון דער יידישער לעגענדע („חסידישע דערציילונ־גען", „ביינאכט אויפן אלטן מארק", „די גאלדענע קייט" און אנדערע); ער האט אויך איבערדיכטעט „שיר השירים". „קהלת"; ער האט אויך געהאט פער־זענלעך די גרויסע ווירקונג אויף די אינ־גערע יידישע שריפטשטעלער און דיכ־טער און זיין הויז אין ווארשע איז גע־ווען דער בית ועד לחכמים פאר די יידי־שע שריפטשטעלער. ווען פרץ איז גע־שטארבן (פסח, דעם 3טן אפריל 1915) איז דער טרויער אין דער יידישער וועלט געווען זייער גרויס און אין זיין לויה האבן זיך באטייליגט 100 טויזנט מענטשן. אויף זיין קבר אין ווארשע האט מען אויפגעשטעלט א מאנומענט „אוהל פרץ". אויף זיין נאמען זענען אנגערופן געווארן יידישע פאלקס־שולן אין פיל לענדער; דער פאריין פון יידי־שע שריפטשטעלער און זשורנאליסטן אין ניו־יארק טראגט פרצעס נאמען. וועגן פרץ זענען געשריבן געווארן פיל אפהאנדלונגען, עס זענען פארעפנטלעכט געווארן זכרונות, בריוו, עס זענען ארויס־געגעבן געווארן זיינע געזאמלטע ווערק אין יידיש און העברעאיש; ווי אויך אי־בערזעצונגען אין אנדערע שפראכן; פרטים וועגן דעם אין רייזנס „לעקסי־קאן", וואס עס ווערט צום סוף געגעבן אן אויספירלעכע ביבליאגראפישע רשי־מה וועגן פרצן.

**פרק** זע „אבות".

**פרקי דרבי אליעזר** נאמען פון א ספר פון מדרשים־ווערטער און אגדות וועגן מעשה בראשית און טייל ספורים פון חומש; מען האט עס אויך גערופן „ברייתא דרבי אליעזר"; עס איז געווען אנגענומען, אז דער מחבר איז געווען דער תנא רבי אליעזר בן הורקנוס (אין 1טן יארהונדערט); לויט דער מיינונג פון צונץ און אנדערע געלערנטע איז עס גע־שאפן געווארן ערשט אין 9טן יארהונ־דערט און זיכער שוין אין דער צייט פון איסלאם; לויט אנדערע מיינונגען זענען אין די פרקי דרבי אליעזר יא פאראן גע־וויסע שטעלן פון גאר עלטערע צייטן, און עס איז אפילו פאראן א מיינונג, אז עס זענען דארט פאראן ווערטער, וואס שטא־מען פון פילאן פון אלעקסאנדריע (שטייט אין „פילון האלכסנדרוני"); אין פרקי דרבי אליעזר זענען אויך פאראן שפורן פון עלטערן יידישן מיסטיציזם. — זע די איינלייטונג פון רבי דוד לוריא צום פרקי דרבי אליעזר (ווארשע), צונץ אין „גאטעסדינסטליכע פארטרעגע", העלער אין ברעסלויער „מאנאטסשריפט" 1925.

**פרשה** מען פלעגט רופן די טיילן פון חומש, וואס מיר רופן געוויינלעך סדרה, מיטן נאמען „פרשה", אלזא נישט למשל „סדרה נח", נאר „פרשה נח"; היינט רופן מיר פרשה, נאר א טייל פון דער

סדרה; למשל די ערשטע פרשה, די צווייטע (שני) און אזוי כסדר. וועגן דער איינטיילונג פון סדרות און פרשיות זע זוכווארט „קריאת התורה". — די 4 שבתים אין חודש אדר, וועז מען לייענט די פרשיות שקלים, זכור, פרה און חודש הייסן די „ארבע פרשיות", און דער ערשטער שבת הייסט שבת פרשת שקלים, דער 2טער שבת פרשת זכור, דער 3טער שבת פרשת פרה און דער 4טער שבת פרשת החודש.—מיטן נאמען „פרשיות" הייסן אויך די פרשיות געשריבן אויף דעם פארמעט אין די תפילין.

**פרת** נאמען פון גרעסטן טייך אין פאר־דער־אזיע, אויף וועמענס ברעגעס עס איז געווען די אלטע אימפעריע בבל (איצט איראק); הייסט אין אנדערע שפראכן „אייפראט"; פארן אריינפאלן אין פערסישן ים־אויסגוס פארייניקט ער זיך מיטן צווייטן טייך חדקל (טיגרים); ווערט דערמאנט אין תנ"ך פיל מאל, שוין אין אנהויב חומש (בראשית ב') אלס איינער פון די טייכן וואס גייען ארוים פון גן־עדן; הייסט אויך אין חומש (בראשית ט"ו און אנדערע) „הנהר הגדול", דער גרויסער טייך; אין חומש ווערט אין טייל ערטער געזאגט, אז ארץ ישראל, דאס לאנד, וואס יידן וועלן האבן, וועט זיך ציען ביז דעם טייך פרת (בראשית ט"ו און אנדערע ערטער). אין דער גמרא בבלי ווערט ער געבראכט אין זייער פיל ערטער (ברכות נ"ט און אנדערע), ווייל אויף זיינע ברעגעס האבן זיך געפונען גרויסע יידישע ישובים אין בבל פון זמן התלמוד. די גמרא אין ברכות נ"ט זאגט, אז ווער עס זעט דעם טייך פרת דארף מאכן א ברכה „עושה מעשה בראשית".

**פשט** דערמיט ווערט פאצייכנט די מעטאדע צו לערנען תנ"ך און תלמוד איינפאך, לויט דער פשוטער באדייטונג פון ווארט און זאץ, די איינפאכע אויסטייטשונג; די גמרא (שבת ס"ג און אנדערע) זאגט, אז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו", דאס הייסט, אז הגם עס זענען פאראן דרשות אויף א פסוק, פונדעסטוועגן דארף מען זיך רעכענען קודם כל מיט דעם איינפאכן פשט פון פסוק. אין קעגנזאץ צו פשט זענען פאראן אנדערע מעטאדן פון אויסטייטשן פסוקים און מאמרים ווי רמז, דרוש, סוד, פלפול. — זע זוכווארט „פרדס".

**פשטל** פון ווארט „פשט" איז געווארן אין יידיש דאס ווארט „פשטל", וואס האט די באדייטונג פון פלפול. זע זוכווארט „פלפול".

**פשיטתא** נאמען פון א תנ"ך־איבערזעצונג (אויך צוגעגעבן די איבערזעצונג פון קריסטלעכן עוואנגעליום) אין דער אלט־סירישער שפראך; טייל געלערנטע האבן געהאלטן, אז די איבערזעצונג איז געמאכט געווארן דורך קריסטן, ווייל עס זענען פאראן דארט קריסטלעכע עלעמענטן; אין דער לעצטער צייט האט רבי חיים העלער („אונטערזוכונגען איבער דער פשיטתא", בערלין 1911) באוויזן, אז די איבערזעצונג האבן געמאכט יידן, און אז די קריסטן האבן דערנאך צוגעגעבן זייערע מיינונגען; די מיינונג פון העלער איז פריער ארויסגעזאגט געווארן דורך יוסף פערלעס, אבער העלער האט עס באוויזן אן שום צווייפל.

**פתח תקוה** נאמען פון דער עלטסטער און גרעסטער יידישער קאלאניע אין ארץ־ישראל; נישט ווייט פון תל־אביב; לערך 20 טויזנט איינוואוינער; 32 טויזנט דונאם; מען רופט איר „אם המושבות"; געגרינדעט 1878 דורך יואל משה סאלאמאן, יהושע שטאמפפער, דוד גוטמאן און אנדערע; באזיצט גרויסע יידישע

אינסטיטוציעס, שולן, ישיבה, אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, באַנקען; די ווירטשאַפט באַשטייט אַמייסטן פון פּרדסים.

**פּתחיה פון רעגענשבורג** יידישער רייזנדער אין 12טן יאָרהונדערט, באַקאַנט אויך אַלס „פּתחיה בן יעקב הלבן“, אויך „רבי פּתחיה בעל הסבובים“; ער האָט אָנגעהויבן זיין רייזע לערך דעם יאָר 1175 פון פּראַג און איז געפאָרן איבער פּוילן, קיעוו, אוקראַינע ביז קרים, פון דאָרט קיין פּערסיע, בבל, ארץ־ישראל און גריכנלאַנד; רבי יהודה החסיד האָט צונויפגענומען רבי פּתחיהס באַשרייבונגען פון דער רייזע און האָט זיי אַ נאָמען געגעבן „סבוב העולם“ (אין דער ערשטער דרוק־אויסגאַבע, פּראַג 1595 הייסט דאָס ספר „סבוב רבי פּתחיה“); עס ווייזט אויס, אַז די באַשרייבונגען זענען נישט פולקאָמע, און אַ סך פון די רשימות זענען פאַרלוירן געגאַנגען; די באַשרייבונגען אַנטהאַלטן וויכטיקע ידיעות וועגן לעבן פון יידן אין יענע לענדער און זענען איבערהויפּט אַ זייער וויכטיקער קוואַל פאַר געאָגראַפיע־פאָרשונגען אין מיטלאַלטער אין אַלגעמיין. זע די אויסגאַבע פון „סבוב רבי פּתחיה“ מיט איינלייטונג און באַמערקונגען, לאָנדאָן 1861.

**פּתם ורעמסס** נעמען פון שטעט („ערי מסכנות“), וואָס יידן האָבן געבויט אין מצרים (חומש שמות א'). אין יידיש ווערט עס באַנוצט אַלס באַצייכענונג פאַר אויפטוען עפּעס אויסערגעוויינלעך גרויסע זאַכן, און עס איז פאַראַן דער אויסדרוק „ער בויט פּתם ורעמסס“.

# צ

**צ (צדיק)** דאָס 18טע אות אין העברעאישן און יידישן אַלף־בית; אַלס ציפער 90; צום סוף פון וואָרט ווערט די צדיק געשריבן „ץ“, און ווערט גערופן „קרומע צדיק“.

**צאינה וראינה** נאָמען פון פּאָפּולערער באַאַרבעטונג פון טיילן פון חומש און הפטרות אין דער עטוואָס עלטערער יידישער שפּראַך; געלעזן געוואָרן מייסטנס דורך יידישע פרויען; אויך גערופן געוואָרן „טייטש חומש“. דער נאָמען „צאינה וראינה“ שטאַמט דערפון, וואָס אין אָנהויב פון ספר ווערט געבראַכט דער פסוק פון שיר השירים ג׳ „צאינה וראינה בנות ציון“ („גייט אַרויס און זעט, טעכטער פון ציון“). דער מחבר פון דער צאינה וראינה איז געווען רבי יעקב בן יצחק אשכנזי פון יאַנאָוו (געשטאָרבן נאָכן יאָר 1623). דער „צאינה וראינה“ איז נישט קיין איינפאַכע איבערזעצונג פון חומש און אויך אַנטהאַלט ער נישט דעם גאַנצן חומש; עס איז מער אַן איינטייטשונג פון טייל פרשיות פון חומש, דורכגעוועבט מיט ווערטער און ספּורים פון מדרש און פון שפּעטערדיקע מפרשים (מייסטנס פון רבנו בחיי), געשריבן פאָלקסטימלעך, פרום, מיט אינערלעכער הייליקייט. פרויען פלעגן עס לייענען יעדן שבת נאָכן עסן. ווען אַ יידישע טאָכטער האָט חתונה געהאַט פלעגט זי באַקומען אַלס מתנה אַ צאינה וראינה. דער צאינה וראינה איז איבערגעדרוקט געוואָרן פיל מאָל; מען פלעגט צוגעבן צו אים די איבערזעצונג פון תרגום שני אויף מגלת אסתר, סיפּורים און אגדות פון זהר, וועלכע זענען דערשינען אויך באַזונדער אַלס „טייטש־זוהר“, אויך באַקאַנט אַלס נחלת צבי (פון רבי צבי כאַטש); פון צאינה וראינה זענען אויך דערשינען איבערזעצונגען אין לאַטיין, פראַנצויזיש, דייטש. דער מחבר ר׳ יעקב אשכנזי האָט אויך פאַרפאַסט אַ צאינה וראינה מיטן נאָמען „ספר המגיד“ אויף נביאים וכתובים (געדרוקט אין פּראָג 1576), ווי אויך „מליץ יושר“ ווערטער אויף תורה אין יידיש, אַרויסגענומען פון שפּעטערע מפרשים. עס איז צו באַמערקן, אַז פאַר דער צאינה וראינה איז געווען אַ טייטש־חומש פון רבי יצחק הכהן פון פּראָג, אָבער דער צאינה וראינה איז אָנגענומען געוואָרן מער דורך די פרויען.

**צבי הירש קיידאַנאָווער** (געשטאָרבן 1713), זון פון רבי אהרן שמואל קיידאַנאָווער (זע „אהרן שמואל קיידאַנאָווער“); ער האָט אַרויסגעגעבן זיין פאָטערס ספרים („ברכת הזבח“ און אַנדערע). ער האָט אַליין מחבר געווען דאָס פּאָפּולערע פאָלקס־ספר „קב הישר“ (מיט יידישער איבערזעצונג), זאַמלונג פון מוסר־ווערטער, פאָלקס־מעשיות; דאָס ספר איז געווען זייער פאַרשפּרייט. לעצטנס האָט דובנאָוו נאָכגעוויזן, אַז דער „קב הישר“ איז גענומען געוואָרן פון אַ פריערדיקן מחבר. אין „קב הישר“ קאָן מען געפינען אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן דעם זיטלעכן לעבן, מנהגים, פאָלקס־גלויבונגען און אַפילו געזעלשאַפטלעך לעבן פון יידן אין פּוילן און ליטע אין 17טן יאָרהונדערט.

**צדוק**, זון פון אַחיטוב, כהן אין דער צייט פון דוד המלך (שמואל ב׳). ווען עס איז געווען דער קאַמף וועגן דער הערשאַפט צווישן דודס זין שלמה און אדניה, און אביתר; דער הויפּט־כהן, האָט גע־

האלטן מיט אדניה, איז צדוק געווען אן אנהענגער פון שלמה, וועלכער האט ווערנדיק מלך, באזייטיקט אביתרן און געמאכט צדוק פאר הויפט־כהן (מלכים א׳ ב׳). דער נאמען „כהן גדול״ ווערט נישט דערמאנט, אבער ווארשיינלעך האט זיך עס געהאנדלט וועגן דער כהונה גדולה. פון דברי הימים א׳ ה׳ איז צו זען, אז צדוק האט אפגעשטאמט פון אלעזר בן אהרן הכהן, דאקעגן אביתר האט אפגעשטאמט פון איתמר בן אהרן הכהן, און עס איז אזוי ארום אין שלמה המלכס צייט פארגעקומען די גרויסע ענדערונג אין דער כהונה גדולה, וועלכע איז איבערגעטראגן געווארן פון איין פאמיליע צו דער צווייטער. די כהנים פון דער צדוק־פאמיליע זענען געווען שפעטער גרויסע יחסנים, און דער נביא יחזקאל אין דער צייט פון גלות בבל רימט „הכהנים הלוים בני צדוק״ (יחזקאל י״ד). טייל געלערנטע פארבינדן די פאמיליע מיט דער שפעטערער סעקטע אין דער צייט פון בית שני „צדוקים״. — זע זוכווארט „צדוקים״.

## צדוק, רבי

**צדוק, רבי** תנא אין דער צייט פון חורבן פון 2טן בית המקדש; די גמרא גטין נ״ו דערציילט, אז ער האט געפאסט 40 יאר, כדי דאס בית המקדש זאל ניט חרוב ווערן, און ווען מען האט אים געהיילט, אז ער זאל צוריק קאנען עפעס עסן האט מען אים געגעבן די זאפט פון א פייג (דערפון דאס ווארט „גרוגרת דרבי צדוק״). אין דער משנה און גמרא ווערן געבראכט פון אים הלכות און אגדות (הגם לויט דער מיינונג פון טייל היסטאריקער זענען געווען 2 רבי צדוקס און א סך פון די הלכות און אגדות געהערן צו דעם שפעטערן). אין אבות ד׳ זאגט ער וועגן די לערעס פון דער תורה „אל תעשם עטרה להתגדל בהם ולא קרדום לחפור בהם״ (זאלסט נישט באנוצן זיך מיט דיין קענען לערנען כדי זיך גרויס צו מאכן און אויך נישט צו האבן דערפון פרנסה). — זע „תולדות תנאים ואמוראים״ פון היימאן.

## צדוק-הדין

**צדוק-הדין** נאמען פון א תפילה וואס מען זאגט, ווען מען ברענגט א מת אויפן בית־עלמין; מען הויבט אן מיט דעם פסוק פון חומש דברים ל״ב „הצור תמים פעלו״ (גאט איז גערעכט אין זיינע מעשים), און דער אויסדרוק „צדוק הדין״ איז דער טייטש די רעכטפארטיקונג פון אורטייל וואס גאט האט ארויסגעגעבן. דעם נוסח פון צדוק הדין געפינען מיר שוין אין דער גמרא עבודה זרה י״ח. רב עמרם גאון אין זיין סידור ברענגט דעם נוסח פון דער ברכה פון צדוק הדין. אין די פייערלעכע טעג ווען מען זאגט נישט קיין תחנון, זאגט מען אויך נישט קיין צדוק הדין.

## צדוקים

**צדוקים** (אין לשון יחיד „צדוקי״), נאמען פון דער יידישער סעקטע, וואס האט עקזיסטירט אין דער צייט פון 2טן בית המקדש אין ארץ־ישראל, און וועמענס איינפלוס אויף דעם גאנג פון דער יידישער געשיכטע און אפילו אויף די שפעטערע קאמפן אין יידנטום (דער אנטשטייאונג פון די קאראאימער, נייע רעפארם־באוועגונג) איז געווען זייער גרויס. די דאזיקע סעקטע האט אפיציעל (נישט אפיציעל זענען געווען ביי די צדוקים זעלבסט פארשידענע שטרעמונגען) געהאלטן נאר פון די מצוות און דינים און פארבאטן וואס זענען פאראן אין דער תורה שבכתב, אין חומש; דאקעגן האבן די צדוקים נישט געוואלט אנערקענען די תורה שבעל פה, די טראדיציאנעלע אויסטייטשונגען און צוגעגעבענע מצוות, וואס זענען דער יסוד פון דער משנה און וועלכע זענען שוין געווען אנגענומען דורך די „פרושים״ (זע

זוכוואָרט „פּרושים״) אין יענער צייט. צווישן די צדוקים און די פּרושים זענען צוליב דעם פאַרגעקומען גרויסע קאַמפן, וועלכע זענען טיילמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן (אין דער צייט פון אלכסנדר ינאי המלך און שפּעטער) אין בלוטיקע ברייִדער־מלחמות. וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די צדוקים און אויך זייער וועזן און אפילו וועגן דעם נאָמען זעלבסט, זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען. און עס זענען געשריבן געוואָרן וועגן דעם פיל אָפּהאַנדלונגען. אין אבות דרבי נתן ווערט דערציילט דער באַקאַנטער ספּור, אַז דער תנא אַנטיגנוס איש סוכו (געלעבט וואַרשיינלעך אַרום דעם 3טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האָט געהאַט צוויי תלמידים, צדוק און ביתוס, וועלכע האָבן געהערט פון זייער רבין די ווערטער (אין דער משנה אבות א׳), אַז מען דאַרף דינען גאָט נישט אויף צו באַקומען באַלוינונג, און זיי האָבן עס אויסגעטייטשט, אַז עס איז איבערהויפּט נישטאָ קיין „יענע וועלט״, און זיי האָבן געגרינדעט די סעקטע צדוקים וביתוסים. אויך פלאַוויוס אין „קדמוניות״ בוך 18 און „מלחמות״ בוך 2 זאָגט, אַז די צדוקים האָבן נישט געגלויבט אין שכר ועונש אויף יענער וועלט. פון דער צווייטער זייט איז אָבער שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי האָט געקאָנט זיין אַ יידישע רעליגיעזע סעקטע, וואָס האָט נישט געגלויבט אין יענער וועלט, וואָס דאָס איז דאָך דער יסוד פון רעליגיע בכלל. אין דער גמרא ווערן דערמאָנט די מחלוקות צווישן די צדוקים און די פּרושים מייסטנס וועגן פּרטים און אויסטייטשונגען פון מצוות, ווי למשל, אַז „ממחרת השבת״ (ווען מען דאַרף ברענגען דעם עומר) מיינט מען נישט צומאָרגנס פון יום־טוב פּסח, נאָר צומאָרגנס פון שבת (מנחות פרק י׳); אָדער אין ציוויל־רעכט ווי למשל וועגן עדים זוממין (חגיגה ט״ז) ירושה (מגילת תענית) וכדומה. פון פלאַוויוס און אויך פון דער דערמאָנטער שטעלע אין אבות דרבי נתן („שהיו משתמשים בכלי כסף וכלי זהב״) איז צו זען, אַז די צדוקים זענען באַשטאַנען מייסטנס פון די רייכע קלאַסן, מיליטער־פירער, די רייכע כהנים, אין קעגנזאַץ צו די פּרושים, וועלכע זענען געווען די פירער פון ברייטערע פאָלקס־שיכטן. לויט דער מיינונג פון אברהם גייגער (אין זיין „אורשריפט״) זענען די צדוקים אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די אָפּשטאַמענדע כהנים יחסנים פון די בני צדוק (זע „צדוק״), וועלכע זענען באַזייטיקט געוואָרן פון דער כהונה גדולה דורך דער חשמונאים־דינאַסטיע. אין דער גמרא ווערן די צדוקים דערמאָנט אין אַ סך ערטער (זע רשימה אין „ערוך השלם״ פון קאָהוט זוכוואָרט „צדק״). אין מגילת תענית ווערט דערציילט, אַז די צדוקים האָבן געהאַט אַן אייגענעם קאָדעקס, „ספר גזרתא״, לויט וועלכן זיי האָבן געמשפּט. אין דער לעצטער צייט האָט מען געפונען אין דער „גניזה״ (זע „גניזה״) אַ ספר „ברית דמשק״, וועמענס מחבר זאָל האָבן געווען אַ צדוקי (דאָס איז נישט זיכער). נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש זענען די צדוקים אַזוי ווי פאַרשוואונדן. אָבער עס זענען פאַראַן מיינונגען (גייגער, פּאָזנאַנסקי), אַז רעשטלעך פון די צדוקים האָבן עקזיסטירט אויך שפּעטער, און זיי האָבן געפירט דעם קאַמף קעגן דער תורה שבעל פה; טייל קאַראַאימער זאָגן, אַז די קאַראַאימישע סעקטע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 8טן יאָרהונדערט דורך ענן, איז אַ פאָרטזעצונג פון די צדוקים. לויט דער מיינונג פון גייגער (אין זיין „אורשריפט״) זענען שפּורן פון אַ סך צדוקישע הלכות פאַרבליבן אין מכילתא, ספרי, תרגום יונתן בן עוזיאל וכדומה. גייגער און אַ ריי אַנדערע רעפאָרמער

האבן געפרואווט צו באנוצן זיך דערמיט אין פראקטישן לעבן, אין קאמף פון דער רעפארם קעגן ארטאדאקסישן יידנטום. — וועגן די צדוקים זע קראכמאל ,,מורה נבוכי הזמן'', וויים ,,דור דור ודורשיו'', גייגער ,,אורשריפט'', הלוי ,,דורות הראשונים'' (ער האלט, אז דאס זענען געווען די מתיונים, די העלעניזירטע אסימילאטארן, וועלכע האבן געלייקנט אין יעדער רעליגיע איבערהויפט).

**צדיק** אין העבראיש ,,גערעכטער''; ווען דער תנ''ך רימט איינעם, אז ער איז ערלעך און טוט וואס גאט וויל, זאגט ער אויף אים, אז ער איז א ,,צדיק'' (בראשית ו' ,,נח איש צדיק'' און אנדערע ערטער). אין משלי י' ווערט געזאגט ,,זכר צדיק לברכה'' (דער אנדענק פון צדיק איז צו ברכה). אין תנ''ך זענען פאראן פיל פסוקים וועגן דער מעלה פון צדיק (משלי, תהלים און אנדערע). די פראגע פון ,,צדיק ורע לו רשע וטוב לו'' (פארוואס זעט מען, אז טייל צדיקים ליידן אין לעבן, און טייל רשעים גייט גוט) איז באהאנדלט געווארן פיל מאל אין תנ''ך (חבקוק, ירמיה, תהלים, קהלת), באזונדערס אין ספר איוב. שפעטער איז די פראגע באהאנדלט געווארי אין תלמוד און די שפעטערע יידישע ספרים, באזונדערס אין די רעליגיעזע פילאזאפישע ספרים אין מיטלאלטער (די גמרא ברכות ז', ,,מורה נבוכים'', ,,כוזרי'', ,,חובות הלבבות'' און אנדערע). אין אלגעמיין ווערט די פראגע אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט אויפגעקלערט לויט דער אנשויאונג, אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אז די באלוינונג און שטראף איז נאר אויף יענער וועלט, און אז אויף יענער וועלט וועלן די צדיקים באלוינט ווערן, און וועגן דער דאזיקער באלוינונג פון צדיקים ווערן געבראכט אין דער גמרא פיל מאמרים (פסחים קי''ט סנהדרין ק' און אנדערע ערטער). — וועגן די ל''ו צדיקים זע זוכווארט ,,ל''ו''. — אין דער קבלה און חסידות שפילט דער ,,צדיק'' א זייער גרויסע ראלע. עס ווערט אנגענומען, אז דער צדיק איז דער אדם העליון, וואס קאן מתקן זיין נשמות, און ער פירט מיט דער וועלט. לויט דער מיינונג פון טייל חסידישע שיטות איז איבער אלע צדיקים פאראן אין יעדן דור דער העכסטער צדיק, וועלכער ווערט אנגערופן דער ,,צדיק הדור'', און אלע זענען נכנע אונטער אים. — זע הורודצקי ,,החסידות והחסידים'' אין מבוא און אין 4טן טייל וועגן דער באדייטונג פון צדיק, באזונדערס ביי די בראסלאווער חסידים. — זע אויך זוכווארט ,,חסידות''.

**צדקה** אין תנ''ך האט ,,צדקה'' געהאט די באדייטונג פון א ריכטיקער גוטער טאט (דברים כ''ה ,,ולך תהיה צדקה'' און אנדערע ערטער). ערשט אין דער משנה און גמרא (אונטער דעם איינפלוס פון אראמעאישן, ווי מיר געפינען אין דניאל ד' ,,וחטיך בצדקה פרוק'') האט צדקה באקומען די באדייטונג פון געבן נדבות צו ארעמעלייט. אין אבות פרק ה' ווערן אויסגערעכנט 4 קאטעגאריעס מענטשן בנוגע צדקה געבן, נעמלעך, איינער וואס גיט אליין נאר ער איז נישט פאראינטערעסירט אז אנדערע זאלן אויך געבן, איינער וואס גיט און זעט אז אויך אנדערע זאלן געבן, איינער וואס זעט, אז אנדערע זאלן געבן נאר אליין גיט ער נישט, און איינער וואס גיט נישט און זעט נישט, אז אנדערע זאלן געבן. די גמרא אין בבא בתרא ט' זאגט, אז צדקה איז אזוי גרויס ווי אלע מצוות צוזאמען; צדקה איז א מצוה פון דער תורה; אין יעדער שטאט איז אמאל געווען א ,,קופה של צדקה'' (סנהדרין י''ז) און איבער זיי זענען געווען באשטימט ,,גבאי צדקה'' (בבא בתרא ח' און אנדערע). —

באזונדערס גרויס ווערט באטראכט דאס געבן צדקה בסתר, אז דער ארעמאן זאל נישט פארשעמט ווערן, און די גמרא כתובות ס״ז דערציילט וועגן מר עוקבא ווי ער האט געגעבן צדקה בסתר. אין שלחן ערוך יורה דעה זענען פאראן דינים וועגן דער מצוה צדקה, און איינער פון זיי איז, אז מען דארף געבן לפחות א צענטל פון די פארדינסטן. אין יידישן פאלקלאר ווערן דערציילט פיל מעשיות וועגן בעלי צדקה, וועלכע זענען צוליב זייער צדקה געבן געראטעוועט געווארן פון אומגליקן. — דער פסוק „וצדקה תציל ממות״ (משלי י״א) ווערט אויסגעטייטשט אין פאפולערן זין, אז געבן צדקה ראטעוועט פון טויט.

**צדקיהו** דער לעצטער מלך פון יידן, געקעניגט אין ירושלים ביז צום חורבן פון 1טן בית המקדש (597 — 586 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג), זון פון יאשיהו המלך; צוערשט האט צדקיהו געהייסן מתניה (מלכים ב׳ כ״ד). צדקיהו האט, קעגן די ווארענונגען פון ירמיהו הנביא, אנגעהויבן די מלחמה קעגן נבוכדנאצר מלך בבל, האפנדיק, אז מצרים וועט אים העלפן. פון ספר ירמיה י״ז—ל״ח איז צו זען, אז צדקיהו האט געהאט נישט קיין פעסטן כאראקטער און ער האט טיילמאל יא געגלויבט אין ירמיהו און טיילמאל נישט; יעדנפאלס האט ער געהאלפן ירמיהון און נישט געלאזט אים טויטן, ווי דאס האבן געוואלט די שרים. אין ספר ירמיה נ״ב ווערט דערציילט דער טראגישער סוף פון צדקיהו, ווי דער מלך בבל נאכן איינעמען ירושלים האט גענומען געפאנגען צדקיהון און זיינע קינדער. די קינדער האט ער געטויט פאר צדקיהו אין די אויגן און צדקיהו האט ער נאכער בלינד געמאכט און אים אוועקגעפירט אין קייטן קיין בבל, וואו ער איז געזעסן אין געפענגעניש ביזן טויט. — י. ל. גארדאן (יל״ג) האט געשריבן וועגן טראגישן סוף פון צדקיהו די פאעמע „צדקיהו בבית הפקודות״.

**צוואה** עס איז איינער פון די עלטסטע מנהגים ביי יידן, אז שוין ביים לעבן זאל מען מאכן א צוואה; דאס ווארט איז פון העברעאישן ווארט „צוה״, „אנזאגן״, און שטיצט זיך אויף די אויסדרוקן אין תנ״ך ביי אברהם אבינו „למען אשר יצוה את בניו״ (בראשית י״ח), ביי יעקב, „ויכל לצוות את בניו (בראשית מ״ט) און פיל אנדערע ערטער אין תנ״ך, וואו אנגעזעענע פערזאנען האבן פאר׳ן טויט אנגעזאגט וועגן וויכטיקע ענינים זייערע קינדער. אין דער משנה און גמרא בבא בתרא פרקים ח׳ און ט׳ ווערן געבראכט די דינים פון צוואות וועגן איבערגעלאזטע פארמעגנס, ווי מען זאל זיי איינטיילן. געוויינלעך פלעגן די צוואות באשטיין נישט נאר וועגן דער איינטיילונג פון איבערגעלאזטן פארמעגן, נאר אויך, און גאנץ אפט באזונדערס, פון אנווייזונגען און לערעס אין מוסר און פרומקייט און לעבנס־אויפירונג און הנהגות ישרות. וואס יידן האבן אנגעזאגט זייערע קינדער און אויך פאר פרעמדע מענטשן טיילמאל בעל פה און טיילמאל געשריבן. שוין אין דער גמרא געפינען מיר אזעלכע צוואות (פון רבי יהודה הנשיא אין כתובות ק״ג און אנדערע). פון מיטלאלטער און שפעטערע צייטן זענען געבליבן פיל צוואות פון גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע געהערן צו די פערל פון יידישן מוסר, ווי די צוואה פון רבנו אשר (רא״ש), פון זיין זון רבי יהודה, און אנדערע. א זאמלונג פון צוואות האט פארעפנטלעכט גידעמאן אין זיין „התורה והחיים״. א באזונדערס גרויסע זאמלונג פון צוואות, צוואות גאוני ישראל, האט פארעפנט־

לעבט אין העברעאיש מיט ענגלישער אי־
בערזעצונג און באמערקונגען ישראל
אבראהאמס אין 2 בענדער, און אין דער
איינלייטונג גיט אבראהאמס אויפקלע־
רונגען איבער דער קולטור־היסטאָרישער
באדייטונג פון די פּאַרעפּנטלעכטע
צוואות. טייל פון די צוואות (ווי „צוואות
רבי יהודה החסיד) אנטהאלטן דינים
וואס זענען אנגענומען געווארן ביי יידן.
— זע די איינלייטונג צו אבראהאמס
דערמאָנטער צוואות־זאמלונג.

**צוואת י״ב שבטים** נאמען פון
איינעם פון די ספרים אין די „כתובים
אחרונים״ פון דער צייט פון בית שני;
געבליבן אין דער גריכישער שפּראַך; אין
ספר ווערן איבערגעגעבן די צוואות, וואס
יעדער פון די י״ב שבטים, ראובן, שמעון
און אזוי כסדר, זאל האבן איבערגעלאזט
זייערע קינדער פאר׳ן טויט; זיי אנט־
האלטן דברי מוסר, מאמרים וואס ווערן
שפּעטער געבראכט אין אונדזערע מדר־
שים. צוליב דעם וואס אין טייל ערטער
זענען פאראן רמזים אויף קריסטנטום
האבן די געלערנטע געמיינט א לאנגע
צייט, אז דאס איז געשריבן געווארן דורך
איינעם פון די ערשטע קריסטן גאר שפּע־
טער. אבער דער געלערנטער משה גאס־
טער האט באוויזן, אז די אָריגינאַל־
שפּראַך איז געווען העברעאיש און אז
דער מחבר (אגב, נישט איין מחבר, נאר
עטלעכע מחברים) איז געווען א ייד, און
אז די קריסטלעכע שטעלן זענען שפּעטער
געווארן צוגעגעבן. א סך ווערטער פון
שפּעטערדיקע מדרשים געפינען זיך אין
די „צוואות״, ווי למשל „כל המרחם על
הבריות מרחמין עליו מן השמים (שבת
קנ״א) און אנדערע. פאראן א מיינונג,
אז טייל פון די צוואות איז געשריבן גע־
ווארן דורך איסיים. עס איז אויך זיכער,
אז די ערשטע קריסטן (פּאַוילוס, מתי)
האבן זיך באנוצט מיט די צוואות און
זיי ברענגען פון זיי א סך ווערטער, און
הויפּטזעכליך דאס ווארט, אז „ואהבת את
ה׳ אלהיך״ איז די ערשטע גרעסטע
מצוה, און „ואהבת לרעך כמוך״ איז די
צווייטע גרעסטע מצוה. — זע שטיין
„פילון האלכסנדרוני״, און כהנא־אויס־
גאבע „הספרים החיצונים״, וואו עס
ווערן געגעבן די צוואות אין העברעאישער
איבערזעצונג און אן איינלייטונג, אין
וועלכער עס ווערט באהאנדלט די פראגע
וועגן דער אנטשטייאונג און צוזאמענ־
שטעל פון ספר.

**צווייפעל, אליעזר צבי** (1815 —
1888), שריפטשטעלער; זיין הויפּט־
ווערק, וואס שטעלט אים אוועק אין דער
ערשטער ריי פון היסטאריקער און פאר־
שער, איז זיין „שלום על ישראל״ (3 בענ־
דער), אין וועלכן ער האט דער ערשטער
פון די משכילים געוואגט צו פארטיידיקן
חסידות, אנווייזנדיק אויף דער שיינקייט
און אינערלעכקייט פון דער חסידישער
באוועגונג, צונויפנעמענדיק פיל דברי
תורה פון אלטע חסידישע ספרים;
אונטער דעם איינפלוס פון צווייפעל איז
אנטשטאנען דער נעא־חסידיזם, די נייי־
חסידישע באוועגונג אין דער העברעאי־
שער און יידישער ליטעראטור (פרץ,
בערדיטשעווסקי, צייטלין, שטיינבערג,
האראדעצקי און אנדערע). זיין צווייט
וויכטיק ווערק איז דער „סניגור״, אן
אפּהאנדלונג איפער דעם תלמוד און זיין
שטעלונג צו פארשידענע לעבנס־דערשיי־
נונגען און געזעלשאפטלעכע פראגן. ער
האט אויך געשריבן אנדערע קלענערע
ספרים ווי אויך עטלעכע זאכן אין יידיש.

**צום גדליה** תענית דעם 3טן טאג אין
תשרי, צומארגנס נאך ראש השנה; זע
זוכווארט „גדליה בן אחיקם״.

**צונץ, יום־טוב ליפּמאַן, לעאָ־פּאָלד** (1794 — 1886 אין בערלין);

באדייטנדסטער געלערנטער פון חכמת ישראל אין 19טן יארהונדערט, איינער פון די שאפער פון דער יידישער וויסנשאפט אין איר מאדערנעם וויסנשאפטלעכן כאראקטער; געווען א געוויסע צייט פרעדיקער, לייטער פון דער קהלה־שולע אין בערלין; צוזאמען מיט היינע און גאנז געגרינדעט דעם ערשטן „פאראיין פיר וויסענשאפט אונד קולטור דעס יודענטומס". די ביכער פון צונץ זענען פונדאמענטאלע ווערק פון חכמת ישראל. — זיין הויפט־ווערק איז „די סינאגאגאלע פאעזיע פון מיטלאלטער", אין וועלכן ער גיט א גרינטלעכע פארשונג איבער די פיוטים און פיטנים פון די פארשידנסטע סדורים און מחזורים; דאס צווייטע וויכטיקע ווערק איז „גאטעסדינסטליכע פארטרעגע דער יודען" (איבערזעצט אין העברעאיש „ספר הדרשות"); דאס איז א גרינטלעכע און אויספירלעכע פארשונג איבער אלע מדרשים, און צונץ באווייזט, אז די מדרשים זענען זאמלונגען פון דרשות וואס זענען געווען איינגעפירט ביי יידן אין די שולן אין שבתים, ימים טובים און אנדערע פייערלעכע טעג. זייער וויכטיק זענען אויך זיינע ווערק „ריטוס" (איבער די פארשידענע מנהגים און נוסחאות פון דאוונען), „צור געשיכטע אונד ליטעראטור", „יידישע נעמען", „די יארציייטן פון יידישע גדולים" („מאנאטסטאגע"), „רש"י", „עטוואס איבער די רבנישע ליטעראטור", „צייט־טאוול איבער תנ"ך", „איבער די יידישע שבועה", „יידישע סטאטיסטיק" און אנדערע. ער האט אויך רעדאגירט „די צייטשריפט פיר וויסענשאפט דעס יודענטומס"; אין העברעאיש האט ער געשריבן נאר עטליכע מאמרים, צווישן זיי די הקדמה צו קראכמאלס „מורה נבוכי הזמן". ער האט אויך געשריבן איבער דער אנטשטייאונג פון דער יידישער שפראך. אין קאמף צווישן די רעפארמער און דער ארטאדאקסיע איז צונץ געווען קעגן דער עקסטרעמער רעפארם, און דאס האט געפירט צו א מחלוקה צווישן אים און גייגער. — זע רייזנס לעקסיקאן, זוכווארט „צונץ".

**צור** זע „פעניציע".

**צידון** זע „פעניציע".

**ציון** נאמען פון א בארג אין ירושלים (הר ציון), הויך לערך 770 מעטער איבער דעם ים־שפיגל, ציט זיך פון שער יפו ביז צום שער ציון; אמאל איז דארט געשטאנען די פעסטונג „מצודת ציון" פון די יבוסים, וואס איז איינגענומען געווארן דורך דוד המלך (שמואל ב' ה'); „ציון" איז געווארן אין תנ"ך און אויך אין דער גמרא און מדרש און אין די תפלות און אין דער העברעאישער פאעזיע אין מיטלאלטער, דער סימבאל פון ירושלים און ארץ־ישראל און די בענקשאפט פון יידישן פאלק צו גאולה („דרכי ציון", איכה א' און אנדערע תנ"ד־ערטער); די לידער פון רבי יהודה הלוי, באזעלט מיט בענקשאפט צו ארץ־ישראל, און צו גאולה, ווערן אנגערופן די „ציוניאדן", און דאס בארימטסטע פון זיי איז „ציון הלא תשאלי". אויך די נייע באוועגונגען אויפצובויען ארץ־ישראל איז באצייכנט געווארן מיט ציון („חבת ציון", „ציוניזם").

**ציוניזם** נאמען פון דער באוועגונג אויפצובויען ארץ־ישראל אלס נאציאנאלע היים פאר דעם יידישן פאלק און צו באזעצן דארט די מעגלעכסט גרעסטע צאל יידן. די בענקשאפט און דאס שטרעבן אויפצובויען א"י איז זייער אלט אין דער יידישער געשיכטע, אזוי אלט ווי ס'איז דער גלות. באלד נאכדעם ווי

רוים האט חרוב געמאכט ירושלים אין יאר
70 און פארניכטעט פולשטענדיק די יידי־
שע זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל
זענען שוין געווען ביי יידן שטרעמונגען
פון אזעלכע וואס האבן זיך נישט צו־
פרידנגעשטעלט מיט האפן אויף דער
וואונדערלעכער גאולה דורך א וואונדער־
משיח, וואס וועט קומען דורך ניסים,
נאר האבן געהאלטן, אז די יידן דארפן
אליין זיך באפרייען און ווערן צוריק די
הערשער פון לאנד. די דאזיקע שטרע־
מונגען האבן געפירט צו די אויפשטאנדן
פון בר כוכבא און אנדערע, און שפע־
טער אין דער לאנגער צייט פון גלות צו
די באוועגונגען פון די אזוי־גערופענע
„פאלשע משיחים" (די וויכטיקסטע דוד
אלרואי, דוד הראובני, שבתי צבי, זע זוכ־
ווארט „משיחים"), און צוליב די שרעק־
לעכע צרות, און אנטוישונגען וואס די
דאזיקע באוועגונגען האבן געבראכט, איז
ביי א גרויסן טייל יידן אנטשטאנען א
פארקערטער אנטשלוס, וואס האט זיך
אויסגעדריקט אין דעם „שלא ידחקו את
הקץ" (כתובות קי"א), נישט אונטער־
נעמען מער קיינע פראקטישע שריט, נאר
די האפענונגען אויסדריקען אין תפילות.
אבער גלייכצייטיק איז געווען שטענדיק
די בענקשאפט צו באזעצן זיך אין ארץ־
ישראל, און שטענדיק זענען געווען „עו־
לים" קיין ארץ־ישראל, און פון די גלות־
לענדער האט מען געשיקט געלט זיי
אויסצוהאלטן. ערשט אין דער נייער
צייט אין 18טן און 19טן יארהונדערט
(און אפילו פריער) האבן גרויסע פער־
זענלעכקייטן, יידישע און נישט יידישע
(נאפאלעאן, אליפאנט און אנדערע), זיך
ארומגעטראגן מיט פלענער צוריק צו בא־
זעצן יידן אין ארץ־ישראל און שאפן
פאר זיי דארט א יידישע אויטאנאמע
נאציאנאלע היים. אויך אין פיל יידישע
קרייזן זענען אין 19טן יארהונדערט
אנטשטאנען, אומאפהענגיק איינע פון די
אנדערע, באוועגונגען צו באזעצן יידן אין
ארץ־ישראל, באוועגונגען, וואס זענען
באקאנט מיט'ן נאמען „חבת ציון": אין
ענגלאנד, דייטשלאנד, רוסלאנד, עסט־
רייך און אנדערע לענדער, און זיי האבן
זיך פאריייניקט אין דער קאטאוויצער
אסיפה (זע זוכווארט „חובבי ציון"). —
דער אפיציעלער אויפטריט פון דער בא־
וועגונג, וואס מיר רופן „ציוניזם", האט
זיך אנגעהויבן מיט דער דערעפענונג פון
ציוניסטישן קאנגרעס אין באזל דעם
29טן אויגוסט 1897 דורך דר. טעאדאר
הערצל, דעם גרינדער פון דער אלוועלט־
לעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע. דר.
הערצל איז געקומען צום ציוניסטישן גע־
דאנק נישט אזוי ווייט פון די ראמאנ־
טיש־נאציאנאלע געפילס־מאטיוון פון
גאולה, נאר מער פון דער טיפער אנא־
ליזע פון דער יידישער לאגע אין די גלות־
לענדער און דעם אנטיסעמיטיזם, וועלכן
הערצל האט באטראכט (אין זיין „יודענ־
שטאט") אלס אומפארמיידלעך אזוי
לאנג ווי יידן וועלן נישט האבן אן איי־
גענע נאציאנאלע היים אין אן אייגן
לאנד. אויף דעם 1טן ציוניסטישן קאנ־
גרעס איז געלעגט געווארן דער יסוד
פארן אפיציעלן ציוניזם; עס איז אנגע־
נומען געווארן דער „באזעלער פרא־
גראם" וואס זאגט, אז „דער ציוניזם
שטרעבט צו שאפן אן עפנטלעך־רעכטלעך
געזיכערטע היים פארן יידישן פאלק אין
ארץ־ישראל". מיטגליד פון דער ארגא־
ניזאציע איז יעדער איד, וואס איז אלט
18 יאר, און וואס קויפט א שקל. דער
קאנגרעס ווערט צונויפגערופן יעדעס
2טע יאר און באשטייט פון דעלעגאטן
וועלכע ווערן דערוויילט דורך די שקלים־
קויפער, (איצט דערוויילן איין דעלעגאט
יעדע 3,000 שקלים קויפער, און אין ארץ־
ישראל יעדע 1,500). דער קאנגרעס
דערוויילט אן אקציאנס־קאמיטעט און אן
עקזעקוטיווע מיט א פרעזידענט (איצט

איז פּרעזידענט פּראָפעסאָר חיים ווייצ־
מאַן). אין די ערשטע צייטן (ביז אינ־
מיטן דער וועלט־מלחמה פון 1914 —
1918) האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־
ציע נישט געקאָנט אַנטוויקלען איר ריכ־
טיקע פּאָליטישע אַרבעט צוליב די פּאָלי־
טישע אומשטענדן אין דער וועלט. עס
זענען פאָרגעקומען חלוקי דעות און
קאַמפן אין דער אָרגאַניזאַציע זעלבסט;
צוערשט די שפּאַלטונג פון די טעריטאָ־
ריאַליסטן (מיט זאַנגוויל אין דער שפּיץ),
וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָנ־
נעמען אַן אַנדער לאַנד אַנשטאָט ארץ־
ישראל, ווייל אַלע האָפענונגען צו באַקו־
מען פון טערקיי (צו וועמען ארץ־ישראל
האָט דעמאָלט געהערט) דעם „טשאַר־
טער" צו באַזעצן יידן האָבן זיך אַרויס־
געוויזן אַלס אילוזיע. נאָכן טויט פון דר.
הערצל איז געווען דער קאַמף צווישן די
„פּראַקטישע" ציוניסטן און די „פּאָליטי־
שע". די „פּראַקטישע" מיט מנחם או־
סישקין אין דער שפּיץ האָבן געהאַלטן,
אַז מען דאַרף העלפן גרינדן קאָלאָניעס
אין ארץ־ישראל אפילו מען האָט נישט
קיין פּאָליטיש געזיכערטן טשאַרטער.
ערשט אין יאָהר 1917, ווען די ענגלישע
רעגירונג האָט דורך איהר אויסער־מי־
ניסטער, לאָרד באַלפור, געשיקט צום
יידישן פאָלק די באַרימטע „באַלפור דעק־
לאַראַציע" (זע זוכוואָרט „באַלפור"), אַז
זי וועט מיטהעלפן שאַפן פאַר דעם
יידישן פאָלק אַ נאַציאָנאַלע היים אין
ארץ־ישראל, איז דער ציוניזם געוואָרן
אָפיציעל אַנערקענט. שפּעטער איז דער
ציוניזם אַנערקענט געוואָרן דורך דעם
אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך אין סאַן רע־
מאָ (1920), און ארץ־ישראל איז געוואָרן
אַ מאַנדאַט־לאַנד מצד דעם פעלקער־בונד
אונטער דער פאַרוואַלטונג פון דער ברי־
טישער אימפּעריע אויפצובויען די נאַ־
ציאָנאַל־יידישע היים אין זין פון דער
באַלפור־דעקלאַראַציע. פון דעמאָלט האָט

זיך אויך אָנגעהויבן אויף אַ ברייטן שטח
און אין אַ גרויסן מאַסשטאַב די פאַר־
ווירקלעכונג פון ציוניזם, אַ גרויסע עליה
פון יידן, אויפבוי פון קאָלאָניעס, שטעט,
פאַבריקאַציע, לאַנדווירטשאַפט, שולן,
אוניווערסיטעט (וועגן דעם אַלעם זע אין
זוכוואָרט „ארץ־ישראל") און היינט גע־
פינען זיך אין ארץ־ישראל איבער אַ
האַלבן מיליאָן יידן, אַנשטאָט לערך 70
טויזנט, וואָס האָבן זיך געפונען אין
1918. גרויסע קאַמפן זענען פאָרגעקו־
מען און קומען נאָך איצט פאָר אַרום
דער באַלפור־דעקלאַראַציע סיי מצד ניט־
יידן, סיי מצד יידן. די נישט־יידן, די
אַראַבישע וועלט, באַקעמפט איבערהויפּט
די גאַנצע אידייע פון ציוניזם, און דאָס
האָט געפירט צו די שחיטות אין די יאָרן
1920־1921, נאָכער 1929, דערנאָך צו
די געשעענישן 1936 ביז 1939. די דאָ־
זיקע אַראַבישע באַקעמפער פון ציוניזם
האָבן אויך מיטהעלפער אין טייל ענגלי־
שע קרייזן; און פון צייט צו צייט קומען־
צו פון דער ענגלישער רעגירונג „פירו־
שים" צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע
(ווייס־בוך), וואָס באַגרענעצן די רעכט
פון אויפבוי פון אַ יידישער נאַציאָנאַ־
לער היים אין ארץ־ישראל. פון דער
צווייטער זייט זענען ווידער קעגן דעם
מינימום־ציוניזם פון דער באַלפור־דע־
קלאַראַציע די רעוויזיאָניסטן (זע זוכ־
וואָרט „רעוויזיאָניזם") מיט דעם (ניט־
לאַנג פאַרשטאָרבענעם) זאב זשאַבאָטינ־
סקי אין דער שפּיץ, וועלכע פאַרלאַנגען
אַ יידישע מלוכה אין ביידע זייטן ירדן,
אַ פאַרסירנדע קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק
יידישע 'אַרמיי. אין 1937 איז אויך
אַנטשטאַנען דורך טייל ענגלענדער (גע־
שטיצט דורך טייל פירנדע ציוניסטישע
קרייזן) דער פּלאַן וועגן טיילן ארץ־יש־
ראל („חלוקה") און שאַפן אין דעם טייל
ביים ים און אין עמק יזרעאל אַ יידישע
מלוכה. דערווייל איז אויסגעבראָכן די

צווייטע וועלט־מלחמה, אין סעפּטעמבער 1939, און איטאַליע און דייטשלאַנד (מוסאָליני און היטלער), וועלכע פירן די מלחמה קעגן ענגלאַנד און דער בריטישער אימפּעריע טרעטן אַרויס גאַר שאַרף קעגן ציוניזם און קעגן דעם גאַנצן יידישן אויפבוי און ישוב. — וועגן די דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל זע זוכוואָרט „ארץ־ישראל". דאָ וועלן מיר געבן וועגן דער אָפיציעלער לייטונג פון ציוניזם. זינט 1929 עקזיסטירט די יידישע אַגענץ, וועלכע באַשטייט פון אַ העלפט ציוניסטן און אַ העלפט נישט־ציוניסטן. דער אַגענץ־ראַט באַשטייט פון 224 מיטגלידער, דער אַדמיניסטראַטיווער ראַט פון 0ת מיטגלידער, און די עקזעקוטיווע פון 8 מיטגלידער, אַלץ העלפט ציוניסטן און אַ העלפט נישט־ציוניסטן; די ניט־ציוניסטן ווערן דערוויילט דורך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. פון די עקזעקוטיווע מיטגלידער געפינען זיך טייל אין לאָנדאָן (אָנצופירן מיט דער אָרטיקער פּאָליטישער אַרבעט) און דער גרעסטער טייל אין ירושלים; די ירושלימער מיטגלידער פירן אָן מיט דער הויפּט־ציוניסטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל (עליה, קאָלאָניזאַציע, אַרבעט, חנוך, וכדומה). די געלט־מיטלען ווערן געשאַפן דורך דעם „קרן היסוד" און „קרן קיימת" (זע זוכווערטער „קרן היסוד" און „קרן קיימת"). אין דער אַגענץ זענען פאַרטרעטן מצד די ציוניסטן די פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען „פועלי ציון", ראַדיקאַל, אַלגעמיינע, „מזרחי" (זינט 1935 זענען די רעוויזיאָניסטן אַרויס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער אַגענץ). די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אירע אָפּטיילונגען אין זייער פיל לענדער, פון וועלכע די שטאַרקסטע און איינפלוסרייכסטע איז די אָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. — זע די באַזונדערע זוכווערטער „אחד העם", „ארץ־ישראל", „באַלפור", „הסתדרות העובדים", „הערצל", „חובבי ציון", „עליה", „פועלי ציון", „קרן היסוד", „קרן קיימת". — וועגן ציוניזם זענען געשריבן געוואָרן פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען; פון סאָקאָלאָוו איז פאַראַן אין ענגליש אַ גרעסערע „געשיכטע פון ציוניזם"; ציטרון „לכסיקון ציוני"; דראַיאַנאָוו „כתבים לתולדות חבת ציון"; די באַריכטן פון די קאָנגרעסן אַנטהאַלטן זייער ווערטפולע מאַטעריאַלן.

**צייטרעכענונג** ביי יידן איז איינגעפירט צו רעכענען די יאָרן לויט דער טראַדיציאָנעלער אָנגענומענער צייט פון דער וועלט־שאַפונג, „לבריאת העולם"; דאָס הייסט אויך „ליצירה". עס ווערט אָנגענומען, אַז היינט (אין יאָר 1943 ביז חודש תשרי) איז דאָס יאָר ה' אלפים תש"ג ליצירה, דאָס 5,603טע יאָר זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. ווען מען שרייבט אַרויס אינגאַנצן „ה' תש"ג", רופט מען עס „לפרט גדול" (גרויסע באַצייכענונג); ווען מען שרייבט נאָר תש"ג, און מען לאָזט אַרויס די ה', רופט מען עס „לפרט קטן". ווען מען וויל וויסן דעם יידישן יאָר אין פאַרגלייך מיט דעם אַלגעמיין אָנגענומענעם יאָר (צו דער געבורט פון קריסטוס) איז גענוג צוצולייגן צום יידישן פרט קטן 1240 און מען באַקומט דאָס אַלגעמיינע יאָר. למשל צו תש"ג אַלזאָ 603 לייגט מען צו 1240 באַקומט מען 1943; פאַרקערט, ווען מען וויל באַקומען דאָס יידישע יאָר פון קריסטלעכן, נעמט מען אַראָפּ 1240 און מען באַקומט דאָס יידישע יאָר. אַן אויסנאָם זענען נאָר די מאָנאַטן פון יידישן ראש השנה ביז 1טן יאַנואַר, ווייל אין יידישן יאָר־רעכענונג איז עס שוין אַ ניי יאָר, און אין קריסטלעכן איז עס נאָך דאָס אַלטע יאָר; דאָס יידישע יאָר הויבט

זיך אַז ראש השנה (ראש חודש תשרי) און דאָס קריסטלעכע דעם 1טן יאַנואַר. — ווי אַ ריי געלערנטע, יידישע כראָנאָלאָגיע־פאָרשער, און באַזונדערס דער באַדייטנדסטער כראָנאָלאָגיע־פאָרשער, רבי חיים יחיאל באָרנשטיין, ווייזן אָן, איז די דאָזיקע צייטרעכענונג ביי יידן לבריאת העולם נישט געווען די איינציקע צייט־רעכענונג, און די אַמאָליקע צייטן זענען געווען ביי יידן פאַרשידענע מעטאָדן צו ציילן די צייט. פאַרשידענע „עראַס", אָדער ווי מען האָט עס גערופן אַמאָל „מנין שנים", ציילן די יאָרן, און אויך „תאריכים". אין דער משנה גטין פרק ח' ווערן דערמאָנט די צייטרעכענונג „לבנין הבית", „לחורבן הבית", „למלכות יון" (זינט דאָס בית המקדש איז געבויט געוואָרן, זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן די סיריש־גריכישע מלוכה); אין עבודה זרה ט' און י' ווערן שוין דערמאָנט „לבריאת עולם", „ליציאת מצרים" (זינט יידן זענען אַרויס פון מצרים, די דאָזיקע צייטרעכענונג איז פאַראַן שוין אין מלכים א' ו'), און די גמרא זאָגט, אַז „בגולה אין מונין אלא למלכי יונים בלבד", אַז אין בבל האָט מען געציילט נאָר לויט די „מלכי יונים". די דאָזיקע ציילונג „למלכי יונים" האָט מען גערופן שפּעטער „לשטרות", ווייל אַלע וועקסלען און דאָקומענטן האָט מען דאַטירט לויט דעם, און אין די דאָקומענטן פון די גאונים און אַנדערע ספרים ווערט דערמאָנט הויפּטזעכלעך די דאָזיקע צייטרעכענונג „לשטרות". דאָס 1טע יאָר לשטרות איז 312 יאָר פאַר דער געוויינלעכער קריסטלעכער צייטרעכענונג (די גרינדונג פון דער גריכישער סירישער אימפּעריע). ראַפּאָפּאָרט אין „ערך מלין", זוכוואָרט „אלכסנדר" ווייזט אָן, אַז אויך אין דעם „לשטרות" זענען געווען פאַרשידנקייטן, טייל האָבן גאָר גערעכנט פון 311, און אין די יידישע ספרים זענען צוליב דעם פאַראַן סתירות וועגן וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן. — זע ראַפּאָפּאָרט אין „ערך מלין" (זוכוואָרט „אלכסנדר") און בורנשטיין „תאריכי ישראל" אין זאַמלבוך „התקופה". — זע זוכווערטער „בית המקדש", „חרבן", „עזריה מן אדומים", וועגן איינער פון די וויכטיקע מחלוקות אין יידישער צייטרעכענונג.

**ציטלין, הלל** (1872 אין מאָהילעוו), בעת אויסברוך פון מלחמה 1939 געווען אין וואַרשע; העברעאישער און יידישער רעליגיעזער שריפטשטעלער, פּובליציסט, פאָרשער פון קבלה און חסידות, עסייאיסט; געשריבן „הטוב והרע" (איבער די פילאָזאָפישע שיטות פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם, היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג), „קדמות הזוהר" (צו באַווייזן, אַז דער זהר שטאַמט פון עלטערע צייטן, פאַרעפנטלעכט אין „התקופה"), „מתהומות הספק והיאוש" (איבער פילאָזאָפישן אַנטי־ראַציאָנאַליזם, אויך אין „התקופה")), החסידות, אלף בית פון יידנטום, „ר' נחמן מברצלב", „ברוך שפּינאָזה", „בריוועלעך צו דער יידישער יוגנט". אין אַפּריל 1943 זענען אָנגעקומען ידיעות פון פּוילן, אַז ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די היטלעריסטישע מערדער אין וואַרשע, אין געטאָ.

**צינבערג, ישראל** (געבוירן 1873), איצט אין רוסלאַנד; שטודירט כעמיע; זינט 1900 פאַרנומען מיט פאָרשונגען אין געשיכטע און ליטעראַטור; רעדאַקטאָר פון „יידישער וועלט" אין ווילנע, „פּערעזשיטאָע", „העבר"; באַקאַנט איז זיין הויפּט־ווערק אין יידיש, „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן", אין וועלכן ער גייט דורך די געשיכטע פון אַלע

שריפט־דערשיינונגען און גייסטיקע שטרעמונגען און באַוועגונגען אין יידישן לעבן פון 10טן יאָרהונדערט ביז דער נייער צייט. — זע ריינזנס „לעקסיקאָן". לעצטנס זענען געווען קלאַנגען, אַז ער איז געשטאָרבן.

**ציצית** אין חומש במדבר ט"ו ווערט אָנגעזאָגט די מצוה צו טראָגן ציצית (אַריינגעצויגענע פעדעם) אויף די עקן פון אַ מלבוש. רעליגיעזע יידן טראָגן דעריבער שטענדיק אַ טלית קטן, אין וועלכן עס זענען אַריינגעצויגן אין די 4 עקן ציצית. פרויען זענען פּטור פון ציצית, ווייל ביינאַכט דאַרף מען קיין ציצית נישט טראָגן, און עס איז דעריבער אַ „מצוות עשה שהזמן גרמא" (זע זוכוואָרט „פרויען"). צום דאַווענען אינדערפרי טוט מען אָן אַ טלית מיט ציצית; מען מאַכט די ברכה „להתעטף בציצית". גאָר אַמאָל איז אין די ציצית געווען אַ בלויער פאָדעם „תכלת" (חומש במדבר ט"ו), און די באַפאַרבונג אויף בלוי איז פאָרגעקומען דורך דעם בלוט פון אַ ווערעמל „חלזון". נאָר שפּעטער, אין דער לעצטער צייט פון די אמוראים, האָט מען דעם חלזון נישט געקראָגן, און מען האָט אָנגעהויבן טראָגן ציצית אָן דעם בלויען פאָדעם. דער ראַדזינער רבי, רבי גרשון העניך ליינער (זע „ליינער") האָט דערקלערט, אַז ער האָט יאָ געפונען דעם חלזון, און זיינע חסידים אין פּוילן טראָגן דעם בלויען פאָדעם. — אין דער גמרא ווערט די מצוה פון ציצית זייער הויך געהאַלטן, און די גמרא נדרים כ"ה זאָגט, אַז די מצוה פון ציצית איז אַזוי גרויס ווי אַלע אַנדערע מצוות צוזאַמען. אין די שפּעטערע יידישע פאָלקס־גלויבונגען איז געווען דער גלויבן, אַז ווען ביי איינעם איז אַ ציצה פּסול, קאָנען איבער אים האָבן שליטה שדים און דבוקים.—זע „טלית".

**צלם** דאָס וואָרט „צלם" איז אין העברעאיש דער טייטש „געשטאַלט" („בצלם אלהים", בראשית א'). דערפון איז געוואָרן אויך „צלם" אַלס באַצייכענונג פאַר בילדער פון אָפּגעטער (במדבר ל"ג „צלמי מסכתם", און אַנדערע ערטער פון תנ"ך). אין דער משנה עבודה זרה פרק „כל הצלמים" ווערט „צלם" שוין באַטראַכט אַלס אָפּגאָט; אין יידיש און שפּעטערן העברעאיש איז „צלם" געוואָרן די באַצייכענונג פאַר'ן קריסטלעכן „קרייץ" (צלב שתי וערב), און עס איז געוואָרן דערפון אויך דאָס צייטוואָרט „צלמ'ן זיך", דאָס הייסט מאַכן מיט דער האַנט דעם „קרייץ־ציכן".

**צלפחד** אין חומש (במדבר כ"ו) ווערט דערציילט וועגן איינעם צלפחד, וואָס איז געשטאָרבן אין מדבר נישט איבערלאָזנדיק קיין זון, נאָר טעכטער, די בנות צלפחד, און משה רבנו האָט איינגעאָרדנט די פראַגע וועגן זייער ירושה.

**צמצום** זע „קבלה".

**צניעות** געהאַלטן באַשיידן, אָפּגעשיידט פון נישט־שיינע זאַכן און מידות, באַזונדערס פון זנות; צניעות ווערט באַטראַכט אין די יידישע רעליגיעזע ספרים, אָנהויבנדיק פון תנ"ך (משלי י"א), תלמוד ביז די לעצטע ספרי מוסר, אַלס אַ זייער גוטע מידה; עס ווייזט אויס, אַז אין די אַלטע צייטן זענען אפילו געווען באַזונדערע גרופּן יידן מיטן נאָמען „צנועים" (משנה מעשר שני פרק ה' און אַנדערע ערטער), און טייל געלערנטע דענקען, אַז דאָס זענען די „איסיים" („עסנאי" פון וואָרט „צנעא"). איינע פון די מידות וואָס דער נביא מיכה ו' פאַרלאַנגט פון מענטש איז „הצנע לכת עם ה' אלהיך". — אין די מוסר ספרים

ווערט געוויינלעך דאָס וואָרט צניעות אָנגעווענדט אויף זיין אָפּגעשיידט פון יעדער זאַך, וואָס קאָן דערוועקן צו זנות. און יידישע פרויען ווערן געריהמט דורך זייער צנועות, און עס איז אויך דער טיטל פאַר אַ יידישער פרוי ,,האשה הצנועה".

**צעדערבוים, אלכסנדר** (1816 אין זאַמאָשטש — 1893 אין פּעטערבורג); רעדאַקטאָר פון ,,המליץ" (אונטערגעשריבן זיך אויך ,,ארז") און אויך פון ,,אידישעם פאָלקסבלאַט"; בלל טוער פון יידן אין רוסלאַנד;

**צענזור** די צענזור אויף ספרים, ספּעציעל אויף דעם תלמוד, איז איינגעפירט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל אין 16טן יאָרהונדערט, אונטער דעם איינפלוס פון די באַשולדיקונגען, אַז דער תלמוד און אַנדערע העברעאישע ספרים אַנטהאַלטן ווערטער קעגן קריסטנטום. מען האָט גערופן די צענזור ,,זקוק"; די צענזור אויף תלמוד איז דאָס ערשטע מאָל איינגעפירט געוואָרן אין יאָר 1578, ווען עס איז דערשינען דאָס ערשטע מאָל דער ,,צענזורירטער" תלמוד פון וועלכן עס זענען באַזייטיקט געוואָרן אַלע ערטער וועגן ישו הנוצרי, געענדערט דאָס וואָרט ,,גוי" אויף ,,כותי" וכדומה. אין 1596 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די צענזאָרן אַ ,,ספר הזקוק" מיט כללים פאַר צענזאָרן (דערשינען פון כתב יד אין ,,צייטשריפט פיר אידישער ביבליאָגראַפיע" 1862). אַ גרויסע באַדייטונג האָט אויך געהאַט די צענזור אין רוסלאַנד, באַזונדערס אין 19טן יאָרהונדערט אויף ווערק פון דער נייִ־העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, אַזוי, למשל, האָט ביאַליק געמוזט אַ נאָמען געבן זיין ,,בעיר ההרגה" (נאָכן קישענעווער פּאָגראָם) ,משא נמירוב". — זע רפאל נטע ראַבינאָוויטש ,,מאמר על הדפסת התלמוד", בערלינער, ,,צענזור אונד קאָנפיסקאַציאָן העברעאישען ביכער".

**צער בעלי חיים** אין דער גמרא און מדרש ווערן געבראַכט דינים און דברי מוסר וועגן צער בעלי חיים, וועגן נישט פּייניקן אַ לעבעדיק באַשעפעניש; שוין אין חומש דברים כ"ה איז פאַראַן דער פאַרבאָט פון ,,לא תחסום שור בדישו", מען טאָר נישט פאַרמאַכן דאָס מויל פון אַן אָקס, ווען ער דרעשט תבואה, נאָר מען זאָל אים לאָזן עסן פון דער תבואה, ווי אויך די מצוה פון ,,שלוח הקן", נישט נעמען די מוטער און די קינדער פון אַ פויגל־נעסט (דברים כ"ב). אין משלי י"ב ווערט געזאָגט ,יודע צדיק נפש בהמתו ורחמי רשעים אכזרי". אין דער גמרא בבא מציעא ל"ב ווערט געזאָגט, אַז ,,צער בעלי חיים איז מדאורייתא", דאָס הייסט, אַז שוין די תורה האָט פאַרבאָטן צו פּייניקן לעבעדיקע באַשעפענישן. אין דער אגדה און מדרש (בבא מציעא פ"ה, שמות רבה ל"א און אַנדערע ערטער) ווערן געבראַכט ספּורים וועגן דער מצוה פון דער בעלי חיים.

**צפורה** די טאָכטער פון יתרו כהן מדין, ווייב פון משה רבנו (שמות ב').

**צפורי** נאָמען פון אַלטער שטאָט אין ארץ־ישראל, אין גליל; די גמרא מגילה ו' זאָגט, אַז זי איז געבויט געוואָרן אויפן אָרט פון דער שטאָט קטרון (יהושע י"ט); ווערט דערמאָנט אין דער גמרא און אויך אין די ביכער פון פלאַוויוס; געפינט זיך אויף אַ באַרג; די גריכן און רוימער האָבן איר גערופן ,,דיא־צעזאַרעא"; אַ לענגערע צייט איז דאָרט געוועזן רבי יהודא הנשיא דער מסדר פון דער משנה, וועלכער איז דאָרט געשטאָרבן; דאָרט איז אַ געוויסע צייט

געווען אויך די סנהדרין; איצט איז עס אז אראביש דארף „סעפאריא'', נישט ווייט פון נצרת.

**צפניה** נאמען פון נביא און פון ספר נביאות פון זעלבן נביא, דאס 9טע ספר פון תרי עשר. באלד אין אנהויב פון ספר צפניה ווערט געזאגט אז ער איז געווען דער זון פון „כושי בן גדליה בן אמריה בן חזקיה'' אין דער צייט פון יאשיה מלך יהודה (אין 7טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג). דאס ספר אנטהאלט 3 פרקים, שטראף נבואות אויף יהודה פאר דער זינד פון געצנדינסט, ווי אויך אויף א ריי פעלקער, פלשתים, מואב, עמון, אשור און איר הויפטשטאט ננוה, אויף וועמענס מפלה ער זאגט נביאות. צום סוף פון ספר זענען פאראן נביאות וועגן דער גאולה פון יידישן פאלק און דעם קבוץ גליות. אין צפניה איז אויך פאראן אויסגעדריקט דער אוניווערסאלער משיח־געדאנק וועגן דער ברידערשאפט פון פעלקער „כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה, לקרוא כולם בשם ה' לעבדו שכם אחד''.

**צפת** הויפטשטאט אין גליל עליון, לערך 9,000 איינוואוינער, מייסטנס אראבער, צווישן זיי לערך 2,500 יידן. אין תנ''ך און גמרא ווערט די שטאט צפת נישט דערמאנט („צפת'' אין ספר שופטים א' איז געווען אין יהודה); לויט טייל מיינונגען זאל דאס האבן געווען די אלטע פעסטונג־שטאט יודפת. פלאוויוס דערמאנט א שטאט „סעף'' אין גליל, און טייל דענקען, אז דאס איז צפת. קלאר איז עס נישט. אין דער קינה „איכה ישבה חבצלת השרון'' (וואס איז באגרינדעט אויף אן אלטער ברייתא) ווערט יא דערמאנט צפת. אין די ערשטע מיטלאלטערלעכע זכרונות הייסט זי „סעפעט'', אדער „סעפעט''. א גרויסער יידישער ישוב האט זיך געשאפן נאכן גרוש שפאניע, אין 16טן יארהונדערט; אין צפת האבן זיך באזעצט די מקובלים מיט רבי יצחק לוריא (אר''י), און די לומדים מיט רבי יוסף קארו (מחבר פון שלחן ערוך); צפת איז געווארן א צענטער פון תורה און קבלה; פון דעמאלט אן איז צפת געווארן איינע פון די 4 הייליקע שטעט (ירושלים, חברון, טבריה, צפת). דער יידישער ישוב איז עטלעכע מאל חרוב געווארן צוליב אנפאלן פון דרוזן און צוליב ערדציטערנישן; אבער ער איז ווידער באנייט געווארן. נישט ווייט פון צפת געפינט זיך מירון מיט דעם קבר פון ר' שמעון בן יוחאי. אין צפת געפינען זיך אלטע קברים, און לויט דער טראדיציע זענען דארט פאראן קברים פון תנאים (רבי יהושע, ר' פינחס בן יאיר און אנדערע).

**צרופים** זע „קבלה''.

**צרעת** זע „מצורע''.

**צרפת** זע „פראנקרייך''.

# ק

**ק (קוף)** דאָס 19טע אות אין יידישן און העבֿרעאישן אַלף־בית; אַלס צאָל האָט עס די באַדייטונג פֿון 100.

**קאַהאַן, אבֿרהם (אַב.)**, געבוירן 1860 אין רוסלאַנד; שריפֿטשטעלער, רעדאַקטאָר און סאָציאַליסטישער אַרבעטער פֿירער אין אַמעריקע, און זינט 1903 דער שעף־רעדאַקטאָר פֿון דער גרעסטער יידישער טאָג־צייטונג „פֿאָרווערטס", וועלכע איז אונטער קאַהאַנס פֿירונג געוואָרן איינע פֿון די אָנגעזעענסטע יידישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע; אין 1925 און 1929 האָט קאַהאַן באַזוכט ארץ־ישראל און איז געוואָרן אַ סימפּאַטיקער פֿון דער יידישער אויפֿבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. — קאַהאַן איז איינער פֿון די אָנגעזעענסטע פֿירער אין דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און ער געהערט צו דער מעסיקער ריכטונג אין סאָציאַליזם און באַקעמפֿט שטאַרק דעם קאָמוניזם. — קאַהאַן האָט אין די צענדליקער יאָרן פֿון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט פֿאַרעפֿנטלעכט טויזנטער אַרטיקלען, פּאָליטישע, ליטעראַטור־קריטישע, באַאַרבעטונגען פֿון היסטאָרישע מאָמענטן, פֿעליעטאָנען, ווי אויך אַ ריי ביכער: „געשיכטע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן", „בלעטער פֿון מיין לעבן" (5 בענדער זכרונות) און אַנדערע ווערק.

**קאַהוט, חנוך יהודה (אַלעקסאַנדער)**, געבוירן 1842 אין אונגאַרן, געשטאָרבן 1894 אין ניו־יאָרק; רב, פֿאָרשער פֿון חכמת ישראל; זיין הויפּטווערק איז דער „ערוך השלם", פֿאַרפֿולקאָמטע אויסגאַבע פֿון ערוך מיט פֿיל אייגענע צוגאָבן, ווייסנשאַפֿטלעכע באַמערקונגען, גרויסער איינלייטונג, אין 8 בענדער, רייך באַאַרבעטע פּראָזעלאָגיע פֿון דער גאַנצער תּלמודישער ליטעראַטור (משנה, תוספתא, ספרי, ספרא, מכילתא, מדרשים). קאַהוט האָט אויך געשריבן אין דייטש אַן אַרבעט וועגן די מלאכים־נעמען ביי יידן.

**קאָהען, הערמאַן** (1842 — 1918 אין דייטשלאַנד), פֿילאָזאָף, פּראָפֿעסאָר אין מאַרבורג; באַגרינדער פֿון „נעאָ־קאַנטיאַניזם", געשאַפֿן די אַזוי־גערופֿענע „מאַרבורגער שולע" אין פֿילאָזאָפֿיע; קאָהען האָט אויך געשריבן אַ ריי ווערק און אָפּהאַנדלונגען וועגן יידנטום, און באַזונדערס וויכטיק איז זיין „רעליגיע פֿון פֿאַרנונפֿט פֿון יידנטום־קוואַלן"; פֿאַראַן פֿון אים „יידישע שריפֿטן", טייל פֿון זיי איבערזעצט אין העבֿרעאיש דורך וואָווי־סלאָווסקי.

**קאָוונע** זע „ליטע".

**קאַווקאַז** בערגיקע פּראָווינץ צווישן שוואַרצן ים און דעם קאַספּישן ים, יידן ביי 80 טויזנט; די קאַווקאַזער יידן גלייבן, אַז זיי שטאַמען פֿון די עשרת השבטים; לויט אַנדערע מיינונגען שטאַמען זיי פֿון די כוזרים. טייל פֿון די דאָרטיקע יידן האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, וואו מען רופֿט זיי די גרוזישע יידן. — זע כשדאַי, „שבֿטי יעקב ונצורי ישראל", טשאַרני, „ספֿר המסעות".

**קאָזאַקן** זע „ת"ח, גזרת".

**קאָזשעניצער מגיד** זע „ישראל, קאָזשעניצער מגיד".

**קאָלומבוס, קריסטאָף** (1451 — 1505); וועגן אַנטדעקער פֿון אַמעריקע, וועמענס אָפּשטאַמונג איז איינגעהילט

אין א שלייער פון געהיימעניש, זענען פאראן מיינונגען, אז ער האט אפגעשטאמט פון יידן, און אז זיינע עלטערן, אנוסים, האבן געהאט אויסגעוואנדערט פון שפאניע קיין איטאליע, און ערשט קאלומבוס איז צוריק קיין שפאניע; זיין אפשטאמונג זאל זיין פון דער יידישער פאמיליע „קאלאן" (קולון), וועלכע האט ארויסגעגעבן בארימטע רבנים. יעדנפאלס איז זיכער, אז אין זיין אונטערנעמונג האבן אים געהאלפן רבי אברהם זכותא און אויך אנוסים, און אויף זיין ערשטער אנטדעקונגס־רייזע זענען מיט אים מיטגעפארן אנוסים, צווישן זיי דער אנוס לואיס דע טארעס, וועלכער האט דער ערשטער באטראטן די נייע אנטדעקטע ערד. — זע קייזערלינגס „קאלומבוס". — זע זוכווערטער „זכותא אברהם", „אמעריקא".

## קאלישער, צבי הירש

(1795 — 1874 אין טארן, פרייסן), רב אין טארן (נישט נעמענדיק קיין געלט), תלמיד פון רבי עקיבא אייגער; דערוועקער צו ישוב ארץ־ישראל, געקומען וועגן דעם אין פארבינדונג מיט די יידישע נאטאבלען אין יענער צייט, קרעמיע, מאנטעפיארע און אנדערע, געגרינדעט אין פראנקפורט די געזעלשאפט „ישוב ארץ־ישראל"; דער ערשטער פרומער רב, וואס האט ארויסגעזאגט דעם געדאנק, אז יידן אליין מוזן מיט דער הילף פון די מלוכות באזעצן זיך אין ארץ־ישראל אויף קאלאניעס; ער האט אויך ארויסגעזאגט זיין מיינונג (אין „שלום ירושלים"), אז מען קאן היינט מקריב זיין אין ירושלים קרבנות. זיינע מיינונגען האבן געווירקט אויף העס, דעם מחבר פון „רוים און ירושלים". — זיין הויפט־ספר איז „אמונה ישרה", רעליגיעזע פילאזאפיע, און דער דריטער טייל פון ספר „דרישת ציון" איז געווידמעט דער אידייע פון ישוב ארץ־ישראל; ער האט אויך מחבר געווען הלכה־ספרים, „מאזנים למשפט" אויף חושן משפט, און אנדערע; ער האט אויך געשריבן אין „המגיד", „הלבנון". — זע ציטרונס „לכסיקון ציוני".

## קאלענדאר

דער יידישער קאלענדאר („לוח") איז דער יסוד פון דער יידישער רעליגיעזער צייט־פעסטשטעלונג; לויט אים ווערן רעגולירט די יידישע וואכן, חדשים, יארן, ימים־טובים און אנדערע פייערלעכע טעג (בר־מצוה, יארצייטן). מיר וועלן דא געבן וועגן דער דאזיקער צייט־פעסטשטעלונג. די יידן ציילן זייערע יארן זינט די וועלט איז באשאפן געווארן („לבריאת עולם", „ליצירה"). היינט האבן מיר ה' אלפים תש"ג, דאס הייסט, 5,703 יאר זינט דער וועלט־שאפונג (וועגן דער דאזיקער יארן־ציילונג זע זוכווארט „צייטרעכענונג"). דאס יידישע יאר, אויב עס איז א געוויינלעך יאר, באשטייט פון 12 לבנה־חדשים, און אויב אן עבור־יאר, פון 13 לבנה־חדשים. די חדשים זענען: תשרי, חשון, כסלו, טבת, שבט, אדר (אין אן עבור־יאר אויך א 2טן אדר, אדר שני), ניסן, אייר, סיון, תמוז, אב, אלול. דער חודש איז א לבנה־חודש, דאס הייסט, זינט עס באווייזט זיך די נייע לבנה ביז עס באווייזט זיך די קומענדע נייע לבנה; דאס באוויזן זיך פון דער נייער לבנה הייסט „מולד" (געבורט, די לבנה ווערט „געבוירן"). דער חודש דויערט, אלזא, פון איין מולד ביז דעם צווייטן מולד. אבער צוליב דעם וואס פון איין מולד ביז צום צווייטן מולד זענען נישט פאראן פולע טעג, עס איז 29 טעג און 12 שעה און 793 טיילן פון א שעה (די שעה ווערט געטיילט אין 1080 חלקים, טיילן), און מען קאן דאך נישט אנהויבן א נייעם חודש אין מיטן טאג אדער אין מיטן דער נאכט, האט מען איינגעארדנט, אז טייל חדשים האבן צו

30 טעג און טייל חדשים נאָר 29 טעג; די חדשים פון 30 טעג הייסן „מלא" (פול), די חדשים פון 29 טעג הייסן „חסר" (נישט פול). תשרי איז מלא, טבת חסר, שבט מלא, אדר חסר (אין פאַל פון אַן עבור־יאָר איז דער ערשטער אדר מלא און דער 2טער אדר חסר), ניסן מלא, אייר חסר, סיון מלא, תמוז חסר, אב מלא, אלול חסר. וואָס אָנבעלאַנגט די חדשים חשון און כסלו, זענען פאַראַן יאָרן, ווען די ביידע זענען מלא, און פאַראַן יאָרן ווען ביידע זענען חסר, און פאַראַן יאָרן ווען חשון איז חסר און כסלו איז מלא. ווען אַ חודש האָט 30 טעג, למשל תשרי האָט 30 טעג, האָט דער קומענדער חודש חשון 2 טעג ראש חודש, און דער ערשטער טאָג ראש־חודש איז אייגנטלעך נישט דער 1טער טאָג אין חשון, נאָר ער איז דער 30טער טאָג פון תשרי, אַז אויסנאַם זענען די 2 טעג ראש השנה, וועלכע געהערן ביידע צום חודש תשרי. דאָס דאָזיקע רעגולירן פון די 2 חדשים, חשון און כסלו, איז איינגעפירט געוואָרן צוליב דעם, וואָס מען מוז גאַנץ אָפט איבערוקן געוויסע ימים־טובים; למשל מען קאָן נישט דערלאָזן, אַז יום כפור זאָל אויספאַלן פרייטיק אָדער זונטיק; עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע סיבות דערצו. וואָס די חדשים חשון און כסלו זענען טיילמאָל מלא און טיילמאָל חסר. עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע כללים צו רעגולירן דאָס יאָר. אַזוי למשל רוקט מען טיילמאָל איבער ראש השנה און דאָס איבערוקן פון ראש השנה הייסט „דחייה" (אָפּלייגן אויף שפּעטער"), און עס זענען פאַראַן אין דער רעגולירונג פון יידישן קאַלענדאַר 4 סיבות, פאַר די דאָזיקע דחיות. וואָס אַמבאַלאַנגט דאָס רעגולירן די עבור־יאָרן, איז די גאַנצע יידישע צייט פון דער וועלט־שאַפונג אַן איינגעטיילט אין „מחזורים", יעדער מחזור האָט 19 יאָר,

און עס איז איינגעפירט, אַז עבור־יאָרן זענען די יאָרן „גו"ח אדז"ט" (דאָס 3טע יאָר פון מחזור, דאָס 6טע, 8טע, 11טע, 14טע, 17טע און 19טע). די עבור־יאָרן זענען איינגעפירט געוואָרן כדי אויסצוגלייכן דאָס לבנה־יאָר (12 לבנה־חדשים) וואָס האָט נאָר לערך 354 טעג, מיט דעם זון־יאָר, וואָס האָט לערך 365 טעג, כדי פסח זאָל קאָנען אויספאַלן אין פרילינג. — וועגן עבור־יאָר זע זוכוואָרט „עבור־יאָר". — די דאָזיקע לערע ווי אַזוי איינצואָרדענען דעם יידישן קאַלענדאַר, די חדשים פון מלא און חסר און די „דחיות", די עבור־יאָרן, ווערט אָנגערופן „קידוש החודש", און דער רמב"ם אין „משנה תורה" גיט גענוי און אויספירלעך די דאָזיקע לערע. — אין די אַמאָליקע צייטן האָבן יידן נישט געהאַט קיין פעסטגעשטעלטן לוח ווען עס זאָל זיין ראש חודש; יעדן חודש האָט דער נשיא און דער סנהדרין פעסטגעשטעלט אין ירושלים און שפּעטער אין אַנדערע ערטער אין ארץ־ישראל, ווען ראש חודש דאַרף זיין, אויפ'ן גרונט פון עדות, וואָס האָבן געזען די נייע לבנה. דאָס האָט געהייסן „על פי ראייה" (דורך זען). ערשט דער לעצטער נשיא אין ארץ־ישראל, הלל (אין די יאָרן 330 — 360) האָט פעסטגעשטעלט די כללים פון יידישן לוח, אַזוי, אַז פון דעמאָלט אָן איז אַלץ איינגעאָרדנט „על פי חשבון", לויט כללים פון אויסרעכענונגען. ווי עס האָבן באַוויזן די געלערנטע רבי חיים יחיאל באָרנשטיין (אין זיין „מחלוקת רב סעדיה גאון ובן מאיר") און אַנדערע, זענען אויך שפּעטער ביי יידן געווען פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם, ווי אַזוי דער לוח דאַרף ווערן פעסטגעשטעלט. — אין דעם יידישן לוח ווערן געוויינלעך אָנגעגעבן אויך אַנדערע פּרטים, ווי די סדרות פון דער וואָך, ימים־טובים, תעניתים, טיילמאָל אויך די דינים ומנהגים

פון שול, ווי ווען מען זאָגט תחנון וכדומה. — וועגן דער געשיכטע פון יידישן קאַלענדאַר זע די מאמרים פון באַרנשטיין אין די זאַמלביכער „התקופה"; וועגן דעם אופן ווי אַזוי דער קאַלענדאַר ווערט צונויפגעשטעלט זע רבי ישראל ליפשיץ אין זיין פּירוש אויף משניות „תפארת ישראל" און מבוא צום סדר מועד; מאַסלאַנסקים „מעשה הלוחות". — זע זוכווערטער „אדאם תקופה", „חודש", „עבור־יאָר", „צייטרעכענונג".

**קאַנאַדע** לאַנד אין צפון־אַמעריקע, דאָמיניאָן פון דער בריטישער אימפּעריע; אייגענע רעגירונג; אייגענעם פּאַרלאַמענט; אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לערך 12 מיליאָן וואוינען אין קאַנאַדע לערך 170 טויזנט יידן, דער גרעסטער טייל פון זיי אין מאָנטרעאַל (63 טויזנט), טאָראָנטאָ (57 טויזנט), וויניפּעג (17 טויזנט), אָטאַוואַ (4 טויזנט), האַמילטאָן (3,000), ווינדזאָר (3,000), קאַלגאַרי (1,500), האַליפאַקס (1,200), עדמאָנטאָן (1,200), רעדזשיינע (1,000), גלאַסבעי און סידני (1,500), און אויך אין אַנדערע קלענערע שטעט און קאָלאָניעס. די געשיכטע פון יידישן ישוב אין קאַנאַדע דאַטירט זיך פון מיט 18טן יאָרהונדערט, און אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט אין מזרח־קאַנאַדע זענען געווען איינצלנע יידישע איינוואוינער, צווישן זיי אברהם גראַדיס, וועלכער האָט אין יאָר 1748 געפירט אַ ביזנעס אין קוויבעק. אין יאָר 1759, ווען ענגלאַנד האָט איבערגענומען די הערשאַפט איבער קאַנאַדע, טרעפן מיר שוין מער יידן, אַמייסטן פון זיי פּאָרטוגעזישע (ספרדים), ווי האַרט, דייוויס, פאַנסעקאַ, פראַנקס און אַנדערע, און די ערשטע קהלה, אַ פּאָרטוגעזישע, „שארית ישראל", איז געגרינדעט געוואָרן אין מאָנטרעאַל אין יאָר 1768. די פראַגע וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין קאַנאַדע איז אויפגעשוואומען אין יאָר 1808, ווען דער דערוויילטער יידישער דעלעגאַט צום פּאַרלאַמענט יחזקאל האַרט האָט באַגעגנט אַ גרויסע אָפּאָזיציע (צוערשט צוליב דער שבועה־פאָרם, און דערנאָך בכלל) און דער פּאַרלאַמענט האָט דערקלערט זיין דערוויילונג אַלס ניט גילטיק. נאָך אַ גרויסן און לאַנג־דויערנדן פּאָליטישן קאַמף איז אין 1831 דערקלערט געוואָרן פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן. אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט איז דער יידישער ישוב אין קאַנאַדע בכלל געווען אַ זייער קליינער און אומבאַדייטנדער, הגם אַ געוויסע קליינע יידישע אימיגראַציע פון דייטשלאַנד און פּוילן איז יאָ געווען צו באַמערקן. ערשט נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (1882) און אויך נאָכער, צוליב די רדיפות אויף יידן אין מזרח־אייראָפּע, איז געוואַקסן די יידישע אימיגראַציע קיין קאַנאַדע, וועלכע איז געשטיגן באַדייטנדער אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט, דערנאָך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914 — 1918). און אויך שפּעטער; אַ געוויסע צאָל יידישע פּליטים זענען אָנגעקומען קיין קאַנאַדע אויך בעת דער היטלער־הערשאַפט אין דייטשלאַנד (פון 1933 אָן) און זינט דער וועלט־מלחמה (1939). אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם פאַקט, וואָס קאַנאַדע איז אַ זייער גרויס און ניט־באַזעצט לאַנד (גרעסער פון די פאַרייניקטע שטאַטן) איז ניט צו באַמערקן קיין גרויסע פאַרגרעסערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. די סיבה איז וואָס די שכנות'דיגע פאַרייניקטע שטאַטן מיט איר גרויסן יידישן ישוב האָט גיכער געצויגן דעם יידישן אימיגראַנטן־עלעמענט. ווי געזאָגט, קאָנצענטרירט זיך דער גאָר גרעסטער טייל פון יידן אין קאַנאַדע אין די גרויסע שטעט,

וואו זיי זענען באַשעפטיקט אַלס אַרבעט־
טער, סוחרים, פאַבריקאַנטן, פרייע פּראָ־
פעסיעס. אָבער אַ געוויסער טייל יידן
וואוינט אויך אויף קאָלאָניעס און באַ־
שעפטיקט זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. און
אַ טייל יידישע קאָלאָניעס זענען געגרינ־
דעט געוואָרן אין קאַנאַדע דורך „ייקאַ"
(אַמייסטן אין מערב־קאַנאַדע, די קאָלאָ־
ניעס הירש, זאַנענפעלד און אַנדערע).
דאָס קאַנאַדישע יידנטום, ביי איר קליי־
נער צאָל באַפעלקערונג, שטייט געזעל־
שאַפטלעך זייער הויך. קאַנאַדע האָט גוט
אַנטוויקלט יידישע שולן פון פאַרשידענע
ריכטונגען, ווי העברעאישע תלמוד תור־
רות, פּועלי־ציוניסטישע פאָלקס־שולן און
פּרץ־שולן (מיט יידיש אַלס לערנ־
שפּראַך), אַרבעטער־רינג שולן; לעצטנס
אויך ישיבות (אין מאָנטרעאָל און טאָ־
ראָנטאָ) פון אַריבערגעקומענע ישיבה־
בחורים, פּליטים פון פּוילן און ליטע.
די ציוניסטישע באַוועגונג אין קאַנאַדע
איז אַ זייער גרויסע, און קאַנאַדע שיקט
געלט קיין ארץ־ישראל פּראָפּאָרציאָנעל
מער ווי די פאַראייניקטע שטאַטן. דער
ציוניזם איז פאַרטרעטן דורך אַלע ריכ־
טונגען און גרופּן: אַלגעמיינע, הדסה,
מזרחי, פּועלי־ציון, וועלכע בילדן צוזאַ־
מען אַ פאַראייניקטן ציון־ראַט, פון וועלכן
דער פּרעזידענט איז איצט א. י. פרימאַן.
דער קאַנאַדישער ציוניזם האָט אין אויפ־
בוי פון ארץ־ישראל גענומען אַ גרויסן
אַנטייל (אויסגעלייזט דעם „עמק חפר",
האָלט אויס די אַגריקולטור־שולע פאַר
מיידלעך אין נהלל, און אַנדערע). דאָס
קאַנאַדישע יידנטום איז פאַראייניקט אין
אַ קאָנגרעס, וועלכער האָט אַ ברייט־פאַר־
צווייגטע טעטיקייט (פּרעזידענט ס.
בראָנפמאַן), און מיט וועלכן עס איז
פאַרבונדן דער פאַראייניקטער יידישער
קאָמיטעט פאַר יידישע מלחמה געליטע־
נע. עס זענען אויך פאַראַן לאָקאַלע פי־
לאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס (שפּיטאָלן,
בתי יתומים, מושב זקנים און אַנדערע,
אין טייל שטעט פאַראייניקט אין וועל־
פעירס). עס זענען אויך פאַראַן פעדע־
ראַציעס, ווי די פעדעראַציע פון פּוילי־
שע יידן, פון אוקראַינער יידן, רומעניש,
ליטוויש, ווי אויך פאַרשידענע לאַנדס
מאַנשאַפטן. דאָס רעליגיעזע יידנטום
איז פאַראייניקט אין קאָנגרעגיישאָנס,
קהלות (די בעסט אָרגאַניזירטע אין מאָנ־
טרעאָל), און דאָס קאַנאַדישע יידנטום
איז באַקאַנט מיט פּראָמינענטע רעליגיע־
זע פירער ווי דער יושב ראש פון ועד
הרבנים אין מאָנטרעאָל, הרב צבי הכהן
(פון די עלטסטע און חשובסטע רבנים
אין אַמעריקע), דר. ה. אַבראַמאָוויטש
(פון דער „שער השמים") און אַנדערע.
אויפ'ן געביט פון יידישער פּרעסע שטייט
אויך קאַנאַדע הויך. אין מאָנטרעאָל
דערשיינט די טאָג־צייטונג „קענעדער
אַדלער" (אונטער דער רעדאַקציע פון
ה. וואָלאָפסקי, ישראל ראַבינאָוויטש) ווי
אויך יידיש־ענגלישע וואָכנשריפטן; אין
טאָראָנטאָ „די יידישע צייטונג" (אונ־
טער דער רעדאַקציע פון ש. מ. שאַפּי־
ראָ); אין וויניפּעג צוויי מאָל אַ וואָך
„דאָס יידישע וואָרט" (אונטער דער פי־
רונג פון רעדאַקטאָר ש. זעלטשין), ווי
אויך אַ יידיש־ענגלישע וואָכנשריפט.
מאָנטרעאָל האָט אויך איינע פון די
בעסט־אָרגאַניזירטע יידישע ביבליאָטעקן.
איבער דער געשיכטע פון יידן אין קאַ־
נאַדע איז ביז איצט ווייניק געשריבן
געוואָרן. אין יידיש איז פאַראַן אַ זיי־
ער קורצע און פּאָפּולערע געשיכטע פון
יידן אין קאַנדע פון רייזנוויין; אין ענגליש
איז פאַראַן פון ראָזנבערג „קאַנאַדאַ'ס
דזשוס" (אויספירלעכע סטאַטיסטיק);
„דהי דזשו אין קאַנאַדע": די יידיש־
ענגלישע יאָרביכער רעדאַגירט פון וו.
גראָסמאַן; דאָס אַרטיקל פון יידיש־קאַ־
נאַדישן היסטאָריקער זאַק אין די „יוני־
ווערסאַל"; זאַק האָט אויך אין מאָנו־

סקריפּט אַן אויספירלעכע געשיכטע פון ייִדן אין קאַנאַדע.

**קאָנגרעס, ציוניסטישער** זע „ציוניזם".

**קאָנסטאַנטינאָפּאָל** זע זוכוואָרטער „ביזאַנציום" און „טערקיי".

**קאָנסערוואַטיסטן** דאָס וואָרט „קאָנסערוואַטיוו" הייסט אַנהענגער פון קאָנסערווירן ס'אַלטע, דאָס האַלטן זיך ביים ביז־איצטיקן, דאָס נישט אַנעמען קיין ענדערונגען; אין רעליגיעזע באַוועגונגען ווערן געוויינלעך אַנגערופן קאָנסערוואַטיסטן אַזעלכע, וואָס דערלאָזן נישט אין זייערע רעליגיעזע גלויבונגען, דינים, מנהגים, קיינע ענדערונגען, קיינע רעפאָרמען. אָבער אין אַמעריקע איז אין די לעצטע צענדליקער יאָרן איינגעפירט געוואָרן אין באַצוג צום ייִדישן רעליגיעזן לעבן דער באַגריף „קאָנסערוואַטיזם", וואָס דערלאָזט יאָ געוויסע ענדערונגען. עס איז שווער צו זאָגן קלאָר, וואָס מיינט ייִדישער קאָנסערוואַטיזם אין אַמעריקע. אין אַלגעמיין הייסט עס, אַז אין שול ביים דאַווענען ווערן אַנגעהאַלטן כמעט אַלע מנהגים פון אַן אָרטאָדאָקסישער שול, אָבער אין פּריוואַטן לעבן זענען טייל קאָנסערוואַטיסטן „פּראַקטישע רעפאָרמער", און אַ געוויסע צאָל מצוות און פאַרבאָטן זענען פאַר זיי נישט גילטיק. עס איז אויך אָפּהענגיק פון דער שטעלונג וואָס דער „קאָנסערוואַטיווער רב" פון דער באַטרעפנדער שול האָט אָנגענומען. — אַלס קאָנסערוואַטיווער רבנים־סעמינאַר ווערט געוויינלעך אין אַמעריקע באַטראַכט דער „ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר" (שעכטערס) אין ניו יאָרק.

**קאָנקאָרדאַנץ** לעקסיקאָנישער צוזאַמענשטעל פון ווערטער און פראַזן; די ערשטע קאָנקאָרדאַנץ פון תנ"ך איז העברעאיש (פון תנ"ך אין דער לאַטיינישער איבערזעצונג זענען דערשינען פריער קאָנקאָרדאַנצן) האָט מחבר געווען רבי יצחק נתן אין דרום־פראַנקרייך אין די יאָרן 1437—1445 און האָט אים אַ נאָמען געגעבן „מאיר נתיב", געדרוקט עטלעכע מאָל באַזונדער און אויך צוזאַמען מיטן תנ"ך; פאַראַן אין כתב יד אַ תנ"ך קאָנקאָרדאַנץ פון רבי אליהו בחור (זע „בחור"); אין די נייע צייטן זענען באַקאַנט די קאָנקאָרדאַנצן פון פירסט, מאַנדלקאָרן („היכל הקודש").

**קאַצענעלסאָן, יצחק** (1886), ביז דער מלחמה 1939 געווען אין לאָדז; העברעאישער דיכטער; מחבר פון „בגבולות ליטא", „הנביא", „דמדומים" (זאַמלונג לידער), איבערזעצט „דאָס בוך דער לידער" פון היינע; שרייבט אויך ייִדיש. — זע רייזנס „לעקסיקאָן".

**קאָצקער חסידות** זע „מנחם מענדל פון קאָצק".

**קאַראַאימער (קראים)** נאָמען פון מיטגלידער פון אַ ייִדישער סעקטע; אירע מיטגלידער האַלטן נאָר פון די מצוות, וואָס זענען פאַראַן אין תנ"ך (תורה שבכתב), דאַקעגן אַנערקענען זיי נישט די אַלע מצוות און פירושים צו מצוות, וואָס זענען פאַראַן נאָר אין תורה שבעל פה (משנה און גמרא). זיי רופן זיך „קראים", אויך „בני מקרא", „בעלי מקרא". פון וואָרט „קרא" („לייענען"), וואָס האָט באַצייכנט אויך דעם תנ"ך (מקרא). זיי האָבן זיך אויך גערופן „ענניים", ווייל דער גרינדער פון דער קאַראַאימער סעקטע איז געווען ענן בן דוד לערך דעם יאָר 767 אין בבל. — וועגן ענן זע זוכוואָרט „ענן". — ווי די קאַראַאימער געבן איבער האָט ענן זיי איבערגעלאָזט אַ כלל „חפּושי באוריתא

שפּיר" („זוכט גוט אין דער תורה"), און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך נישט פאַרלאָזן אויף די פּרושים און תקנות פון די „רבניים" (אַזוי ווערן בּיי זיי גערופן אַלע אַנדערע יידן). זיי האַלטן, אַז ענן האָט גאָרנישט מחדש געווען און אַז ער האָט געהאַט זיין יידישקייט בקבלה איש מפּי איש בּיז צו משה רבנו, און נאָר די רבניים האָבּן איינגעפירט ענדערונגען, וועלכע זענען נישט גילטיק. אָבּער בּיי די קאַראַאימישע גדולים זעלבּסט איז נישט געווען קיין בּאַשטימטע מיינונג וועגן דער גאַנצער מחלוקה מיט די רבניים. לויט טייל זייערע מיינונגען זענען זיי, די קראים, די פאַרזעצער, די ממשיכים, פון די אַלטע „צדוקים" פון דער צייט פון 2טן בּית המקדש (זע „צדוקים"); לויט אַן אַנדער מיינונג פון טייל זייערע גדולים זענען גאָר דער תנא שמאי און זיינע תלמידים (בּית שמאי) געווען קראים. דער אמת איז, אַז שוין פאַר ענן זענען געווען יידישע סעקטעס (אין דער גאַנצער צייט פון תלמוד און שפּעטער פון די גאונים) וואָס האָבּן נישט געהאַלטן פון דער תורה שבעל פּה, און מעגלעך, אַז געוויסע שפּורן פון צדוקים זענען בּאמת געבּליבּן. ענן האָט די אַלע סעקטעס און בּאַוועגונגען פאַראייניקט און געשאַפן די קראים־סעקטע. — ענן האָט געזען, אַז איינגאַנצן אָפּשאַפן די תורה שבעל פּה קאָן מען נישט, ווייל אַ סך מצוות ווערן אין חומש אַרויסגעזאָגט נישט גענוג דייטלעך, און מען דאַרף האָבּן צו זיי אַ פּירוש. ער האָט דעריבּער מחבר געווען פאַר זיין סעקטע אַן אייגענעם „ספר המצוות", און נאָך ענן האָבּן אַנדערע קאַראַאימישע גדולים מחבר געווען פּירושים צו מצוות און דינים, אַזוי אַז פאַקטיש האָבּן די קאַראַאימער יאָ אַ גאַנץ גרויסע אייגענע תורה שבעל פּה, וואָס זיי רופן „סבל הירושה" („די לאַסט פון ירושה"). די הויפּט־פּונקטן, אין וועלכע די קאַראַאימער אונטערשיידן זיך פון יידן בּאַשטייט אין דעם, וואָס שבת נישט נאָר צינדן זיי נישט אָן קיין ליכט, נאָר זיי בּרענען אויך נישט קיין ליכט פון ערב שבת; זייער לוח איז אַנדערש פון יידישן; זיי מאַכן שאַרפער די טומאה פון אַ נדה; האָבּן נישט מער ווי איין טאָג יום־טוב אין גלות; אַנערקענען נישט קיינע ימים־טובים פון נאָכן תנ"ך (חנוכה וכדומה), האָבּן אַנדערע דינים אין ציצית, אַנערקענען נישט קיין תפילין; געוויסע אַנדערע דינים אין טריפות און אין עריות (קרובהשאַפט בּיים הייראַטן). — דער פירוד צווישן די קאַראַאימער און די יידן איז געוואָרן מיט דער צייט אַ פולשטענדיקער (אין די יידישע ספרים ווערט געזאָגט „הקראים אינם מתאחים לעולם", דאָס הייסט די קראים, שפּיל־וואָרט פון „קרעים", צעריסענע, ווערן קיינמאָל נישט צוריק פאַרנייט). אין דער צייט פון רב סעדיה גאון, רמבּ"ם און אויך שפּעטער זענען פאָרגעקומען גרויסע מיינונגס־קאַמפן מיט די קראים. דער הויפּטצענטער פון די קראים איז געווען אַמאָל אין בּבל, פּערסיע, ירושלים, מצרים. אין די לעצטע הונדערטער יאָרן זענען זיי געווען מער אין קרים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין ליטע (גרעסטע געמיינדע אין טראָקי), וואָלין (לוצק), מזרח־גאַליציע (קוקוזאָוו, האַליטש), און זיי זענען שטאַרק געשטיצט געוואָרן דורך די רעגירונגען פון רוסלאַנד און פּוילן. היינט זענען זיי פאַראַן בּיי 15,000 נפשות, אַמייסטן אין קרים, מזרח־גאַליציע און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין ירושלים זענען זיי פאַראַן נאָר עטלעכע פאַמיליעס, און האָבּן זייערס אַן אַלטע שול. די גייסטיקע פירער פון די קראים הייסן „חכמים". זייער סדור איז אויף העבּרעאיש און די תפילות בּאַשטייען אַמייסטן פון פּסוקים פון תנ"ך. די אָנגעזעענסטע גדולים פון די קאַראַאימער

זענען געווען: ענן, זיין זון שאול, זיין אייניקל יאשיהו, בנימין נאהאווענדי, בן זוטא, יעקב קרקסני, סלמון בן ירוחם, יפת בן עלי, יהודה הדסי, אהרן בן אליהו ניקומודיאו, און אין די לעצטע צייטן יצחק פון טראָק (מחבר פון „חזוק אמונה"), מרדכי בן ניסן (מחבר פון „דוד מרדכי"), אברהם פירקאָוויטש (זע זוכוואָרט „פירקאָוויטש"). — צו די אנגעזעענסטע יידישע געלערנטע וואָס האָבן געפאָרשט די קאַראַאימישע באַוועגונג געהערן: שמחה פינסקער („לקוטי קדמוניות", אַ זייער וויכטיקער ספר פאַר דער קראים־פאָרשונג), אברהם אליהו האַרקאַווי־הרכבי, גאָטלאָבער („בקרת לתולדות הקראים"), פירסט „געשיכטע דעם קאַראַעערטומס", אברהם שמואל פאַזנאַנסקי (אין זיינע פיל מאמרים), מאַן אין „קאַראַאיטיקאַ" (ענגליש), און לעצטנס ראובן פאַהן אין זיין „ספר הקראים", אין וועלכן עס ווערן אויך געגעבן שילדערונגען פון קאַראַאימישן לעבן אין מזרח־גאַליציע אין דער לעצטער צייט.

**קאַראַבאַכאַל** נאָמען פון אַ פאַמיליע אַנוסים, קדושים, אומגעקומען אין מעקסיקאָ דורך דער אינקוויזיציע סוף 16טן יאָרהונדערט. דאַן לואיס דע קאַראַבאַכאַל האָט באַקומען פון שפּאַנישן קעניג דאָס רעכט צו גרינדן אין אַ מעקסיקאַ־פּראָווינץ נייע קאָלאָניעס, און דאַן לואיס איז באַשטימט געוואָרן אַלס גאָווערנאָר פון דער פּראָווינץ. ער האָט מיטגענומען מיט זיך 100 זעלנער און זיין משפחה, אַלע אַנוסים, און זיי האָבן אין מעקסיקאָ זיך אויפגעפירט אַלס יידן. אין 1590 האָט די אינקוויזיציע זיי אַרעסטירט, געפייניקט דאַן לואיסעס שוועסטער פראַנציסקאַ, וועלכע האָט אונטער די יסורים זיך מודה געווען און האָט אויסגעגעבן די גאַנצע פאַמיליע. רירנד זענען די בריוו פון דער תפיסה פון פראַנציסקאַס זון (אויך מיטן נאָמען לואיס) געשריבן צו זיין שוועסטער און מוטער. די פאַמיליע ווי אויך אַנדערע אַנוסים זענען אומגעקומען אויפן שטערהויפן. — זע די בריוו (איבערזעצט אין יידיש (אין 2טן בוך פון אַמעריקאַנער „ייוואָ"־אָפּטיילונג 1939.

**קאַראַן** זע „מאַכמער".

**קאַרו, יוסף** (געבוירן אין טאָלעדאָ אין שפּאַניע 1488 — נפטר געוואָרן אין צפת י"ג ניסן של"ה, 1575), אַנגעזעענסטער פּוסק ביי יידן אין די לעצטע 400 יאָר, באַקאַנט אויך מיטן טיטל „מרן" (אונדזער רבי) און אויך סתם „דער מחבר"; זיינע פונדאַמענטאַלע ספרים: „שלחן ערוך", „בית יוסף" אויף די טורים, „כסף משנה" אויפן רמב"ם. רבי יוסף קאַרו איז געבוירן געוואָרן אין שפּאַניע 4 יאָר פאַרן גרוש. אין יאָר 1492, ביים גרוש, איז זיין פאָטער אַוועק מיט אים צוערשט קיין פּאָרטוגאַל און פון דאָרט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט געוואוינט ביז לערך דעם יאָר 1518; פון דאָרט איז ער אַוועק קיין אַדריאַנאָפּאָל, און פון דאָרט קיין ניקאָפּאָל, און אין 1536 איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל און איז אָנגעקומען אין צפת אין חודש אלול רצ"ו (1536). ער האָט דאָ באַקומען סמיכה פון רבי יעקב בירב, געגרינדעט אַ ישיבה, און דאָ האָט ער מחבר געווען דעם גרעסטן טייל פון זיינע ספרים. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 87 יאָר. — זיין הויפּט־ספר איז דער „בית יוסף", פירוש און קריטישע באַמערקונגען צו די 4 טורים פון רבי יעקב בעל הטורים; פון „בית יוסף" האָט ער אַרויסגענומען די פסקי הלכה און מחבר געווען, אין אַ קורצער און אויטאָריטאַטיווער פאָרם, די 4 חלקים

„שלחן ערוך“, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן (מיט געוויסע הגהות דורך רבי משה איסערלים) דורך אַלע יידן אַלס דאָס דעצידירנדע הלכה־ספר; רבי יוסף קאַרו האָט אויך מחבר געווען דעם „כסף משנה“ אויפֿן משנה תורה פֿון רמב״ם; „שאלות ותשובות“, „בדק הבית“, „אבקת רוכל“ און אַנדערע. — וועגן „שלחן ערוך“ געפֿין מיר באַזונדער ביים זוכוואָרט שלחן ערוך“. — עס איז פֿאַראַן נאָך אַ ספר, וועגן וועלכן די טראַדיציע האַלט, אַז דער מחבר איז געווען רבי יוסף קאַרו. דאָס איז דער ספר „מגיד משרים“, וואָס באַשטייט פֿון פּירושים און סודות. עס ווערט דאָרט דערציילט, אַז יעדן פֿרייטיקצונאַכטס פֿלעגט קומען צו רבי יוסף קאַרו אַ „מגיד“ פֿון הימל. דער „מגיד“ איז געווען די „משנה“, און אים מגלה געווען סודות און אויך דערציילט אים נביאות. עס זענען אָבער פֿאַראַן טייל געלערנטע (צווישן זיי קאַסעל, דער אַרויסגעבער פֿון קורפּונטוס „קורא הדורות“, וואו רבי יוסף קאַרו ווערט אָנגערופֿן דער מחבר פֿון „מגיד משרים“), וואָס האַלטן, אַז דאָס ספר איז נישט געשריבן געוואָרן דורך רבי יוסף קאַרו, און אַז עס איז געפֿעלשט. — רבי יוסף קאַרו האָט באַאיינפֿלוסט נישט נאָר מיט זיינע ספרים נאָר אויך דורך זיינע תלמידים ווי רבי משה קורדובירו, רבי משה אַלשיך, רבי משה גלאַנטי, און צו זיינע פֿריינט האָבן געהערט דער קדוש רבי שלמה מולכו, רבי יצחק לוריא (אר״י), רבי שלמה אלקבץ און אַנדערע מקובלים. — זע פֿרידבערג, „תולדות רבנו יוסף קארו“, ראַזאַנעס, „דברי ימי ישראל בתוגרמה“, 2טן טייל.

## קאַרטאַגאַ

זע „פֿעניציע“.

## קאַרלינער חסידות

זע „אהרן קאַרלינער“.

## קבוץ, קבוצה

מיטן נאָמען „קבוצה“ („זאַמלונג“) ווערט אָנגערופֿן אין ארץ־ישראל די מאָדערנע אָרגאַניזירטעווירטשאַפֿט, באַזונדערס אין קאָלאָניעס, לאַנדווירטשאַפֿט, פֿון אַ גרופּע מענטשן, וועלכע אָרדענען איין זייער ווירטשאַפֿטלעך־עקאָנאָמיש לעבן בשותּפֿות, אין אַ געוויסער מאָס אַ קאָמונע. עס זענען פֿאַראַן: ־) „קבוצה גדולה“ (גרויסע קבוצה), אין וועלכער עס ווערן געטאָן די וויכטיקסטע אַרבעטן, וואָס זענען נויטיק, דורך די חברים פֿון דער קבוצה זעלבסט, אַלזאָ, די לאַנדווירטשאַפֿט, שוסטעריי סטאָלעריי, שניידעריי, שלאָסעריי וכדומה; 2) „קבוצה קטנה“ (קליינע קבוצה), פֿון אַ קלענערער צאָל מיטגלידער, אין וועלכער עס ווערן געטאָן נאָר באַשטימטע אַרבעטן, באַזונדערס לאַנדווירטשאַפֿט. דער גרעסטער טייל גרויסע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קבוצות געפֿינען זיך אין עמק יזרעאל, און צו זיי געהערט די באַקאַנטע קאָלאָניע „עין חרוד“ און אַנדערע. די קבוצות איבער'ן גאַנצן לאַנד זענען פֿאַראייניקט אין איין גרויסער אָרגאַניזאַציע „הקבוץ המאוחד“, וועלכע נעמט אַרום איבער 5,000 חברים, און פֿירט אָן נישט נאָר מיט די ווירטשאַפֿטלעך־פֿינאַנציעלע ענינים פֿון אירע חברים נאָר אויך מיט די גייסטיקע און דערציאונגס־ענינים; די פּרעסע פֿון דער אָרגאַניזאַציע באַשטייט פֿון „מבפנים“ (מאָנאַטלעך), „צרור מכתבים“ (איין מאָל אין 2 וואָכן, נאָר פֿאַר אינערלעכע אינפֿאָרמאַציע), „הקבוץ במספרים“ (סטאַטיסטיק).

## קבורה, קבר

מען נעמט אָן, אַז ביי יידן איז פֿון די גאָר עלטסטע ציטן אָן געווען איינגעפֿירט צו באַגראָבן די מתים, און נישט צו פֿאַרברענען זיי (ווי עס איז געווען דער מנהג ביי טייל אַנדערע פֿעלקער אין אַלטערטום). שוין אין חומש

בראשית ג' י"ט, וואו גאָט זאָגט צו אדם הראשון „ואל עפר תשוב" (און צו דער ערד וועסטו צוריקגיין), זעט מען די אָנ־דייטונג פון מנהג פון קבורה. אין תנ"ך געפינען מיר כסדר דערציילונגען וועגן קבורה, ווי ביי שרה אין דער מערת המכפלה (בראשית כ"ג), נאָכער אברהם, יצחק, קבורת רחל און אַזוי כסדר. אַ קללה איז געווען, אַז מען איז נישט גע־קומען צו קבורה (דברים כ"ח „והיתה נבלתך למאכל לכל עוף השמים" און אַנ־דערע ערטער). אין דברים כ"א ווערט געזאָגט, אַז אַפילו איינער וואָס איז פאַר־אורטיילט געוואָרן צו הענגען „קבור תקברנו ביום ההוא". אין קהלת ו' ווערט באַטראַכט אַלס שלעכטן סוף פון אַ מענטש „וגם קבורה לא היתה לו". דאָס קומען צו קבר ישראל איז פאַרעכנט גע־וואָרן אַלס זייער גרויס. — מיר וועלן דאָ געבן די מנהגים פון קבורה. ביי יידן איז איינגעפירט, אַז מיט דער קבו־רה באַשעפטיקט זיך די ספּעציעלע חברת קדישא (זע וועגן דעם זוכוואָרט „חברה קדישא"). באַלד ווי איינער שטאַרבט קומט מען פון דער חברה קדישא און מען נעמט דעם מת אַראָפּ פון בעט און מען לייגט אים אויף דער ערד מיט די פיס צו דער טיר, באַדעקט מיט אַ שוואַרצן צודעק און מען שטעלט אַוועק ברענענדע ליכט צוקאָפּנס. עס איז דער מנהג, אַז אויב די קבורה קומט פאַר צו־מאָרגנס, זיצן מענטשן אַ גאַנצע נאַכט אין צימער פון מת און זאָגן תהילים. טייל מאַכן די קבורה אין זעלבן טאָג פון טויט, טייל ערשט צומאָרגנס, אָדער אויפן דריטן טאָג, און וועגן דער פראַגע, צי מען מעג וואַרטן מיט דער קבורה 3 טעג זענען פאָרגעקומען מיינונגס־פאַרשידנ־קייטן צווישן פוסקים (שאלות ותשובות „חתם סופר"). פאַר דער קבורה ווערט געמאַכט די „טהרה" פון מת דורך וואַ־סער. נאָכער טוט מען אָן דעם מת תכ־ריכין (אַ מאַן אויך דעם טלית, אין וועלכן מען מאַכט פסול אַ ציצה, ווייל מתים זענען פטור פון ציצית), וואָס באַשטייען פון ווייסע לייוונטענע מלבושים, גענייט מיט גרויסע שטעך (טייל פלעגן זיך אָנ־גרייטן די תכריכין ביים לעבן, כדי טאָ־מער וועלן זיי שטאַרבן אָרעם זאָלן זיי נישט דאַרפן אָנקומען צו „פרעמדע תכ־ריכין"); נאָכער פירט מען אַוועק דעם מת אויפן בית עלמין (זע „בית עלמין"); דאָס אַוועקפירן קומט פאָר אויף אַ מיטה (אין גרויסע שטעט פירט מען אַוועק אויף אַ פור אָדער אויטאָמאָביל). ס'פירן דעם מת צום בית עלמין הייסט די לויה („באַ־גלייטן"). ס'גייען מיט די נאָנטע קרובים (פרוי, קינדער וכדומה, אין ארץ־ישראל גייען נים מיט) און פריינט, און די מצוה הלוית המת ווערט פאַרעכנט אַלס זייער גרויס. פאַר טייל מתים מאַכט מען הספּ־דים; אויפן בית עלמין איז צוגעגרייט דורך דעם קברן אַן אויסגעגראָבענער קבר, אין וועלכן מען לייגט אַרום פון אַלע זייטן מיט „קרשים", ברעטער (אין ארץ־ישראל שטיינער )און דאָרט לייגט מען אַריין דעם מת און מען פאַרשיט מיט ערד. די אבלים (קינדער, טיילמאָל ברידער) זאָגן דאָרט קדיש. ווען מען גייט צוריק פון דער לויה וואַשט מען זיך די הענט אין דרויסן איידער מען גייט אַריין אין הויז. — זע לערנער „חיי עולם" (בערלין 105, און פערלעס (אין דייטש) „די לייכענפייערליכקייט דעם נאָכביבלישען יודענטומס. — זע אויך זוכווערטער „אבל", „בית עלמין", „הספד", „חברה קדישא" „מצבה", „קדיש".

**קבלה** דאָס וואָרט „קבלה" איז דער טייטש „איבערנעמען", „טראַדיציע", און ווערט אין דער פאָרם באַנוצט אין מש־נה און גמרא צו באַצייכענען יעדע רעליגיעזע טראַדיציע (אבות א' „משה

קבל תורה מסיני"). אבער היינט איז אנגענומען מיט קבלה צו באצייכענען די גאנצע לערע פון מיסטיק ביי יידן, און מען דענקט, אז דעריבער האט מען עס אנגערופן „קבלה". ווייל אין די פריערדיקע צייטן האט מען די דאזיקע לערע באטראכט אלס „סוד", און מען האט איר נישט אויפגעשריבן, נאר „איבערגעגעבן" מינדלעך, איש מפי איש. עס איז ווירקלעך שווער צו זאגן, ווען עס האט זיך אנגעהויבן די לערע פון מיסטיק ביי יידן, ווייל דער באגריף מיסטיק איז נישט אזוי קלאר. עס זענען פאראן קאפיטלעך אין תנ"ך, פיל באגריפן, וואס זענען נישט פשוטע תורה, פשוטע מצוות, נאר זיי גייען אריין אין געביט פון מיסטיק, פון מיסטעריעזער באציאונג צווישן מענטש און גאט און דער העכערער וועלט פון הימל. די ערטער אין חומש וועגן מלאכים, וועגן גאטס נעמען („אהיה אשר אהיה", אין שמות ג'), די נבואות פון ישעיה ו' ווי ער האט געזען דעם הימל און די מלאכים, די נבואות פון יחזקאל א' ווי ער האט געזען גאטס מרכבה, און די נבואות פון דניאל און זיינע זעאונגען זענען געווים זאכן, וואס געהערן צו מיסטיק. יעדנפאלס, ווערט אנגענומען, אז אין דער צייט פון 2טן בית המקדש זענען שוין זיכער געווען געהיימע לערעס ביי יידן, באזונדערס ביי דער סעקטע פון די איסיים (זע „איסיים"), און די דאזיקע געהיימע לערעס האבן געזוכט אויסצעטייטשן די תורה און אירע מצוות נישט פשוט נאר לויט סודות און באזונדערע כוונות, און זיי האבן אויך אנטהאלטן לערעס וועגן מלאכים און די הייליקע שמות פון גאט און מעגלעך אויך געוויסע פילאזאפיש־מיסטישע לערעס וועגן דער שאפונג און וועזן פון דער וועלט. מען נעמט אן, אז די לערעס „מעשה בראשית" און „מעשה מרכבה", וואס ווערן דערמאנט אין דער משנה חגיגה פרק ב' זאלן זיך באציען אויף דער דאזיקער מיסטעריעזער לערע פון יידנטום. אין די כתובים אחרונים (ווי ספר „חנוך", ספר „היובלים" און אנדערע) געפינט מען אויך שפורן פון דער דאזיקער אלטער יידישער מיסטיק. אויך אין פיל ערטער אין גמרא טרעפן מיר שפורן פון מיסטישע לערעס. אין דער צייט פון די גאונים אין בבל (פון 7טן ביזן 11טן יארהונדערט) טרעפן מיר שוין דייטלעך א געהיימע יידישע רעליגיעזע לערע, לעבן דער עפנטלעכער ראציאנאלער (אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקן) רעליגיעזער לערע. מען טרעפט שוין אן אויף אזעלכע ספרים ווי ספר „יצירה", די מסכתות „היכלות" און אנדערע. אבער דאס, וואס מיר רופן היינט אן קבלה, ווערט אנטפלעקט ערשט אין 12טן יארהונדערט. מיר זאגן „אנטפלעקט", ווייל לויט דער מיינונג פון די מקובלים זעלבסט, איז די קבלה ערשט דעמאלט „נתגלה" געווארן פאר דער וועלט עפנטלעך, אבער עקזיסטירט האט זי שוין זינט די גאר עלטסטע צייטן, און לויט דער מיינונג פון די מקובלים איז דער הויפט־ספר פון קבלה, דער זוהר, נתחבר געווארן דורך דעם תנא רבי שמעון בן יוחאי (אין 2טן יארהונדערט) און אלע תנאים און אמוראים זענען געווען מקובלים. מיר וועלן דעריבער דא געבן וועגן דער לערע פון דער קבלה, פון זינט זי איז „אנטדעקט" געווארן, און אירע הויפט־ספרים און הויפט־פירער. די דאזיקע ערשטע מקובלים זענען געווען רבי אברהם אבולעפיא, רבי יצחק סגי נחור (זון פון רבי אברהם בן דוד, ראב"ד דעם צווייטן), רבי משה בן נחמן (רמב"ן) און זייערע תלמידים, אלע אין 13טן יארהונדערט אין שפאניע. עס איז אין יענער צייט אויך געווען א קבלה־באוועגונג אין דייטשלאנד פון די חסידי אשכנז (זע „חסידי אשכנז") ווי רבי

יהודה החסיד, רבי אלעזר רקח און אנ־דערע. שוין דעמאלט איז צו באמערקן די איינטיילונג פון קבלה אין „קבלה עיונית" (טעארעטישע קבלה), און „קב־לה מעשית" (פראקטישע קבלה). די קבלה עיונית האט זיך באשעפטיקט מיט טעארעטישע פראבלעמען וועגן מהות פון דער געטלעכקייט, דעם וועזן פון דער וועלט, די ווירקונג פון דער תורה און מצוות אין דער וועלט. די פראקטישע קבלה האט זיך באשעפטיקט מער מיט דער „פראקטישער" אנווענדונג, ווירקונג פון געהיימע געטלעכע כחות אין דער וועלט און לעבן, ווי דאס באווייזן נסים שלא כדרך הטבע מיט דער הילף פון הייליקע שמות וכדומה. די טעארעטישע קבלה איז געווען אנטוויקלט מער אין שפאניע, און די קבלה מעשית אין דייטשלאנד. וועגן די פארשידענע שיטות אין דער קבלה עיונית האבן זיך אנגע־הויבן באווייזן אנאנימע קלענערע ספ־רים. און די קרוין פון די אלע ספרים, דער ספר זהר, האט זיך באוויזן אין אנ־הויב 14טן יארהונדערט אין שפאניע דורך רבי משה די ליאון (וועגן דעם זהר און די פארשידענע מיינונגען וועגן זיין מחבר זע זוכווארט „זהר"). פון דע־מאלט אן האט די קבלה זיך אלץ מער פארשפרייט אין יידישן רעליגיעזן לעבן, גם די קבלה האט געהאט אויך פיל קעגנער. — די הויפט־שיטה פון דער באזיקער „קבלה עיונית" (מיר זאגן „הויפט־שיטה", ווייל באמת זענען גע־ווען א סך שיטות) איז געווען געצילט צו פארענטפערן די פראגע, וואס האט פון תמיד אן געמאטערט די מחות פון אלע דענקער, נעמלעך, ווי אזוי איז מעגלעך, אז פון דער געטלעכקייט, וועלכע איז רוחניות, א גייסטיקייט, און איז אומ־ענדלעך, זאל קאנען אנטשטיין אונדזער וועלט פון חומר, פון מאטעריעלע זאכן, וועלכע זענען ענדלעך. שוין א ריי אל־טע גריכישע פילאזאפן (די נעא־פלאטא־ניסטן) האבן געפרואווט דאס דערקלערן מיט דער מיינונג, אז די מאטעריעלע ענדלעכע וועלט איז ניט אנטשטאנען די־רעקט פון דער געטלעכקייט, נאר, אז צווישן דעם געטלעכן און דער מאטעריע־לער וועלט זענען געווען געוויסע צווישן־צושטאנדן, שטופן. לויט איין שיטה זע־נען דאס געווען די „אידייען" פון די זאכן פון דער מאטעריעלער וועלט, לויט אנדערע שיטות דער „לאגאס", דאס „געטלעכע ווארט" (זע זוכווארט „פי־לאן"). אין דער קבלה ווערט אנגענו־מען, אז פון דער געטלעכקייט, פון „אין סוף", פון דער אומענדלעכקייט, זענען אויסגעשטראלט, עמאנירט, „נאצל"־גע־ווארן „ספירות", געטלעכע עמאנאציעס, אויסשטראלונגען. די דאזיקע ספירות זענען צען, און ווערן באצייכנט מיט די נעמען „כתר, חכמה, בינה, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות". וועגן דעם ווארט ספירות איז פיל געשריבן געווארן און ביז איצט איז ניט קלאר, וואס דער טייטש דערפון איז. נאך מער מיינונגס־פארשידנקייטן איז פאראן וועגן דעם וועזן פון די ספירות, צי זענען דאס געטלעכע אייגנשאפטן, די תארים, די באצייכענונגען פון דער געטלעכקייט לויט דער ווירקונג אין דער וועלט, אדער דאס זענען באזונדערע וועזנס. די העכ־סטע ספירה איז „כתר" (קרוין) און פון איר איז עמאנירט געווארן די צווייטע ספירה „חכמה", און פון דער צווייטער די דריטע, און אזוי ביז דער צענטער „מלכות", וועלכע איז די נידעריקסטע ספירה, און פון איר איז אנטשטאנען די מאטעריעלע ענדלעכע וועלט. די „וועלט פון די ספירות" ווערט אין דער קבלה אנגערופן דער „עולם האצילות" (די וועלט פון אויסשטראלונג); פון איר איז אנטשטאנען דער עולם הבריאה, די געשאפענע וועלט, וועלכע האט אבער

נאכנישט געהאט קיין פארם; פון דעם עולם הבריאה איז אנטשטאנען דער „עולם היצירה“, די געפארעמטע וועלט, און פון דעם איז אנטשטאנען דער עולם העשיה, אונדזער איצטיקע איינגעארדנטע וועלט. די הויפט־אידייע פון די אלע טערמינען און ווערטער פון דער קבלה באשטייט אין דעם, אז אונדזער וועלט איז ניט א זאך, וואס איז מחוץ דער געטלעכקייט, נאר דאס איז א טייל פון דער געטלעכקייט, און אלץ וואס געשעט אין דער וועלט, אלץ וואס עקזיסטירט איז א טייל פון דער געטלעכקייט, נאר טייל פון די זאכן און דערשיינונגען זענען פון א נידעריקער געטלעכער מדרגה און טייל זענען פון א העכערער געטלעכער מדרגה. דער „פראקטישער“ רעזולטאט פון די דאזיקע לערעס איז, אז דער מענטש, וואס איז אויך א טייל פון דער געטלעכקייט, קאן זיך מתדבק זיין אין דער געטלעכקייט און די וועגן דערצו זענען דורך א לעבן פון קדושה, פון תורה און מצוות, דורך קאנטעמפלאציע, אריינטראכטן אין דער געטלעכקייט. פאר די פארשידענע מדרגות און פארמען פון דער געטלעכקייט און די געטלעכע ווירקונגען אין אונדזער מאטעריעלער וועלט האט די קבלה געשאפן אין אראמעאיש פיל טערמינען, ווי דוכרא ונוקבא“ (זכר און נקבה, אקטיווע און פאסיווע ווירקונגען), ניצוצות (פונקען, געטלעכע שפורן) און אזוי ווייטער. — ביז דעם 16טן יארהונדערט איז די קבלה געווען מער א טעארעטיש־פילאזאפישע; אין 16טן יארהונדערט האט רבי יצחק לוריא (דער אר״י) געשאפן אין צפת א ישיבה פון מקובלים, אין וועלכער ער האט געלערנט מיט זיינע תלמידים (באזונדערס מיט רבי חיים וויטאל) א נייע שיטה אין קבלה. לויט דער דאזיקער שיטה איז די אלגעמיינע אידייע פון קבלה וועגן דער געטלעכקייט אין דער וועלט פארברייטערט געווארן און עס איז מער אונטערגעשטראכן געווארן די שיטה פון „צמצום“, אז די געטלעכקייט, וועלכע איז געווען אומענדלעך, האט זיך מצמצם געווען, באגרענעצט, און עס איז אנטשטאנען דורך פיל השתלשלות (עשר ספירות, די 4 עולמות, אצילות, בריאה, יצירה, עשיה) אונדזער וועלט, אין וועלכער די געטלעכע ניצוצות, די שפורן פון געטלעכקייט, פאלן אראפ צו נידעריקע מדרגות ביז צו דער גאר נידעריקסטער מדרגה פון טומאה, און עס איז די אויפגאבע פון יעדן ייד „אויפצוהויבן“ (העלאה) די דאזיקע ניצוצות צו זייער געטלעכער קדושה. דאס דאזיקע ווערט דערגרייכט דורך תפילות מיט כוונות און יחודים (מצרף זיין פון די ווערטער און אותיות פון די תפילות געטלעכע שמות), דורך פאסטן און סיגופים וכדומה. דער אר״י האט אין זיין שיטה באזונדערס באטאנט דאס מתקן זיין די מענטשלעכע נשמות (זע זוכווארט „תיקון“), וועלכע זענען אייגנטלעך גלגולים פון פריערדיקע עקזיסטענצן, און ווייל זיי זענען פריער נפגם געווארן זענען זיי אראפגעקומען אויף דער וועלט, מען זאל זיי מתקן זיין. די קבלה פון אר״י איז מיט דער צייט פארוואנדלט געווארן אין א פולשטענדיקער קבלה מעשית. — פון דער קבלה זענען אנטשטאנען אין יידנטום א ריי באוועגונגען. די באקאנטע משיחישע באוועגונגען פון רבי שלמה מולכו, שבתי צבי און שפעטער פון יעקב פראנק פון איין זייט און פון חסידות פון דער צווייטער זייט. א ריי יידישע פערזענלעכקייטן, זעענדיק די ארויסטרעטונגען פון די שבתי צבי אנהענגער און באזונדערס פון יעקב פראנק, האבן פארבאטן דאס לערנען קבלה צו יונגע מענטשן. אין ארץ־ישראל זענען ביז דער לעצטער צייט געווען ישיבות (אין ירושלים און צפת) אין וועלכע מען האט

געלערנט שיעורים אין קבלה. — איבער דער קבלה זענען געשריבן געווארן פיל ספרים מסביר צו זיין די סובטעלע באגריפן פון דער שיטה; די פאפולערע דערקלערונגען דערצו זענען פאראן אין רבי משה חיים לוצאטוס „חוקר ומקובל״ און „קלח פתחי חכמה״ און רבי יוסף אירגאס „שומר אמונים״; פון די מאדערנע ווערק איבער קבלה און איר געשיכטע זענען וויכטיק פראנק „קבלה״ (געשריבן אין פראנצויזיש, איבערזעצט אויך אין ענגליש און העברעאיש), כהנא „תולדות המקובלים״, בערנפעלד (אין „דעת אלהים״). א ביבליאגראפיע פון קבלה איז דערשינען פון פראפעסאר פון קבלה אין דער ירושלימער העברעאישער אוניווערסיטעט, גרשון שלום, „ביבליאגראפיא קאבאליסטיקא״. — זע אויך די פארשידענע זוכווערטער פון די ספרים פון קבלה („זהר״, „יצירה״ און אנדערע), פערזענלעכקייטן („אבולעפיא, אברהם״, „לוריא, יצחק״, „דיליאון, משה״, „שמעון בן יוחאי״ און אנדערע).

**קבלת שבת** זע „שבת״.

**קבר, קבר ישראל** זע „קבורה״.

**קדוש, קדושים, קדושה** קדוש, העברעאיש ווארט, טייטש „הייליק״, קדושה הייליקייט. אין די יידישע רעליגיעזע באגריפן פארנעמט „הייליקייט״, קדושה, דאס דערהאבנסטע און העכסטע ארט. אין חומש י״ט זאגט גאט צו די יידן „קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלהיכם״, איר זאלט זיין הייליק, ווייל איך אייער גאט בין הייליק. גאט איז דער מקור פון הייליקייט, דערפון איז דער אויסדרוק „הקדוש ברוך הוא״ „קודשא בריך הוא״. — אין באגריף פון הייליקן זיך פון מענטשן גייט אריין דאס אפשיידן זיך פון אומריינע זאכן, פון אומריינע געדאנקען, און די גמרא יבמות כ׳ זאגט, אז „הייליקן זיך״ הייסט אפילו זיך אפזאגן פון געוויסע זאכן, וואס לויטן דין מעג מען זיי יא טאן („קדש עצמך במותר לך״). אין דער ברייתא פון רבי פינחס בן יאיר (אין טייל משניות סוף סוטה, עבודה זרה כ׳) ווערט געזאגט, אז קדושה פירט צו רוח הקודש. וועגן קדושה און די וועגן דערצו און דעם וועזן פון קדושה איז געשריבן געווארן א סך אין די פילאזאפישע ספרי מוסר און קבלה, ווי חובות הלבבות, ראשית חכמה, רבי חיים וויטאלס „שערי קדושה״ און אנדערע. — געוויסע זאכן און ערטער און מצוות און מענטשן זענען באצייכנט געווארן אלס הייליק. דאס יידישע פאלק ווערט אין שמות י״ט און אנדערע ערטער און חומש אנגערופן „הייליק פאלק״ („גוי קדוש״); אלישע הנביא ווערט אין מלכים ב׳ ד׳ אנגערופן „איש אלהים קדוש הוא״ (געטלעכער מאן, א הייליקער); אין דער גמרא ווערט רבי יהודה הנשיא, דער מסדר פון דער משנה, אנגערופן „רבנו הקדוש״ (שבת קי״ח). ארץ־ישראל הייסט הייליק, און די משנה (כלים א׳) רעכנט אוים 10 הייליקייטן, איינע העכער פון דער צווייטער; ארץ־ישראל, ירושלים, דער הר הבית, פארשידענע ערטער פון בית המקדש, און אלס הייליקסטע איז דער היכל; אין היכל איז געווען דאס גאר הייליקסטע ארט דער קדש הקדשים. קרבנות האבן געהייסן „קדשים״, און דער גאנצער סדר משניות, וואס באהאנדלט די ענינים פון קרבנות הייסט „קדשים״. שבת ווערט באטראכט אלס „הייליק״, און אין די עשרת הדברות (שמות כ׳) ווערט געזאגט „זכור את יום השבת לקדשו״ און „על כן ברך ה׳ את יום השבת ויקדשהו״, און דערפון שטאמט דאס „מאכן קדוש״. אין יידיש איז פאראן דער אויסדרוק „שבת קודש״. — מיטן נאמען „קדוש״

און „קדושים" האָט מען באַצייכנט ייִדן, וועלכע זענען אומגעקומען אויף „קדוש השם", דאָס הייסט, זיי האָבן זיך געלאָזט טויטן און נישט געוואָלט עובר זיין אויף דער יידישער רעליגיע. דער אויסדרוק „קידוש השם" געפינט זיך אין תלמוד פיל מאָל (סנהדרין ע"ד און אַנדערע). מען האָט דאָס באַטראַכט אַלס דעם דערהאָבענסטן אויסדרוק פון יידישקייט. טייל קדושים, ווען מען האָט זיי געפירט צום טויט, האָבן געזונגען עלינו, און געמאַכט אַ ברכה „על מצות קידוש השם", צום אָנדענק פון די דאָזיקע קדושים ווערט געזאָגט די תפילה אב הרחמים, און אין טייל קהילות אין דייטשלאַנד אין מיטלאַלטער זענען געווען „מעמאָר־ביכער" אין וועלכע עס זענען געווען פאַרצייכנטע די נעמען פון קדושים. אין דער לעצטער צייט האָט מען אָנגערופן קדוש יעדן ייִד, וועלכער איז אומגעקומען דורך מערדער אפילו נישט צוליב זיין יידישקייט. חסידים רופן זייערע רביים קדושים, וואָס האָט אַ יסוד אין די אויבן־געבראַכטע אויסדרוקן פון תנ"ך וועגן אלישע הנביא און אין דער גמרא וועגן רבי יהודה הנשיא.

**קדוש החודש** זע „חדש", „קאַלענדאַר"; מיטן נאָמען קדוש החודש ווערן אין רמב"ם אין ספר „משנה תורה" אָנגערופן די אויסרעכענונגען פעסטצושטעלן דעם יידישן קאַלענדאַר.

**קדוש השם** זע זוכווערטער „חלול השם", „יהרג ואל יעבור" און „קדוש, קדושים".

**קדוש לבנה** זע „לבנה".

**קדוש** זע „שבת".

**קדושה** ווען דער חזן דאַוונט די „הויכע שמונה עשרה" און קומט צו פאַר דער דריטער ברכה פון „האל הקדוש", זאָגט דער קהל צוזאַמען מיטן חזן קדושה; די קדושה באַשטייט פון איינפירונגס־ווערטער „נקדש את שמך בעולם", און דערנאָך קומען די פסוקים פון תנ"ך „קדוש, קדוש, קדוש" (ישעיה ו'), „ברוך ה' כבוד ממקומו" (יחזקאל ג') און „ימלוך ה' לעולם" (תהלים קמ"ו). אין דער קדושה פון מוסף ווערן צוגעגעבן אויך די פסוקים „שמע ישראל" (דברים ו') און „אני ה' אלהיכם" (במדבר ט"ו). ביי זאָגן „קדוש" איז דער מנהג אונטערצושפרינגען. דער מנהג צו זאָגן קדושה איז זייער אַן אַלטער, און ווערט שוין דערמאָנט אין תוספתא ברכות פרק א', ט' אין נאָמען פון תנא רבי יהודה; אין דער גמרא ווערט ער דערמאָנט עטלעכע מאָל (דורך דעם אמורא רבי יהושע בן לוי, ברכות כ"א, ר' אבון ירושלמי ברכות ה' און אַנדערע). עס זענען פאַראַן ענדערונגען אין נוסח פון אָנהויב און אויך אין דער מיט פון דער קדושה. דער נוסח אשכנז, וואָס ווערט היינט באַנוצט אין שולן פון „מתנגדים", איז אָנצוהויבן ביי שחרית מיט „נקדש" און אין מוסף „נעריצך ונקדישך"; אין נוסח ספרד, וואָס איז אָנגענומען היינט ביי חסידים, זאָגט מען ביי שחרית „נקדישך" און ביי מוסף „כתר" (דער דאָזיקער כתר־נוסח ווערט געבראַכט אין סדור פון רב עמרם גאון). וועגן די דאָזיקע נוסחאות פלעגן פאַרקומען שטאַרקע מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים. און דערפון שטאַמט דאָס וואָרט „אין וואָסער שול מען קומט אַזאַ קדושה זאָגט מען". אין דער גמרא (סוטה מ"ט) ווערט אָנגערופן דער „ובא לציון גואל" אויך „קדושא דסידרא", און מען האָט אויך גערופן דאָס זאָגן „קדוש, קדוש, קדוש" פאַר קריאת שמע אין דאַווענען „קדושה דמיושב". — זע עלבויגן „תולדות התפלה".

**קדושין** דאָס מקדש זיין אַ פרוי און זאָגן „הרי את מקודשת לי". — זע „חתונה".

**קדושין** נאָמען פון מסכתא משניות און גמרא אין סדר נשים, 4 פרקים משניות (תוספתא 5 פרקים), גמרא ירושלמי און בבלי; באַהאַנדלט די פראַגן פון מקדש זיין אַ פרוי.

**קדיש** מיטן נאָמען קדיש ווערט אָנגערופן די תפילה „יתגדל ויתקדש שמיה רבה" („זאָל ווערן געגרויסט און געהייליקט דער גרויסער נאָמען", דאָס הייסט פון גאָט), וועלכער איז געשריבן מייסטנס אין אַראַמעאיש. דער עיקר פון קדיש איז דער „יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא", וואָס איז איינגנטלעך די אַראַמעאישע איבערזעצונג פון פסוק אין תהלים קי"ג „יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם", אין דער גמרא (סוטה מ"ט) ווערט עס אָנגערופן „יהא שמיה רבא". דער מנהג איז, אַז קדיש ווערט געזאָגט נאָר בציבור, ווען עס זענען פאַראַן 10 יידן, און עס איז איינגעטיילט אין עטלעכע קדישים: 1)קדיש שלם פון חזן אין מיטן דאַווענען (גאַנצער קדיש), צו וועלכן עס ווערט צוגעגעבן אין דער מיט דער „תתקבל"; 2) „חצי קדיש" פון חזן ((האַלבער קדיש), ביז „דאַמירן בעלמא ואמרו אמן"; 3) „קדיש יתום", דער קדיש וואָס אַ יתום זאָגט אין די ערשטע 11 חדשים זינט דעם טויט פון זיין פאָטער, מוטער און אויך טיילמאָל אַנדערע נאָענטע קרובים, אויב זיי האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער, און אויך אין דעם „יאָרצייט"-טאָג (זע „יאָרצייט") פון פאָטער און מוטער; 4) „קדיש דרבנן", וואָס דער יתום זאָגט נאָך געוויסע שטעלן אין דאַווענען, וואו עס זענען פאַראַן אגדה פון דער גמרא, אָדער נאָך לערנען משניות, גמרא, מדרש; צום דאָזיקן קדיש ווערט צוגעגעבן דער „על ישראל ועל רבנן". עס זענען פאַראַן פאַרשידענע מנהגים, וועלכער יתום איז מער באַרעכטיגט צו זאָגן קדיש אויב עס זענען דאָ עטלעכע יתומים אין שול. מען טיילט איין יתומים אין שבעה, שלשים (אין די 30 טעג זינט פאָטער, מוטער איז געשטאָרבן) „יאָרצייט"; דעם יאָרצייט גיט מען געוויינלעך צו זאָגן אַליין דעם קדיש נאָך עלינו. — דעם נאָמען קדיש געפינען מיר צום ערשטן מאָל אין מסכתא סופרים פרק י'; אין זעלבן מסכתא סופרים י"ט געפינען מיר אויך דעם מנהג פון קדיש פאַר אבלים, אָבער עס ווערט דאָרט נישט אָנגעוויזן, אַז דער יתום זאָגט דעם קדיש. לויט דער מיינונג פון טייל היסטאָריקער זאָל דער מנהג, אַז יתומים זאָלן זאָגן קדיש, האָבן איינגעפירט געוואָרן ערשט אין דייטשלאַנד בעת די גרויסע שחיטות אויף יידן אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט. רבי יצחק ווינאַ (אין 13טן יאָרהונדערט) אין „אור זרוע" ברענגט, אַז דער מנהג דאָס נאָר יתומים זאָלן זאָגן קדיש, איז נישט אָנגענומען געוואָרן אין פראַנקרייך, און ער האַלט, אַז דער מנהג איז גאָר אַלט, און ער ברענגט די מעשה פון די אַלטע אגדה־ספורים, אַז דער תנא רבי עקיבא האָט געטראָפן אַ מענטש טראָגן אַ זייער שווערע משא, און דער מענטש האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ מת און ער קומט אָפּ אַ גרויסע שטראָף און אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ קליין אינגל, און אויב דאָס אינגל וועט זאָגן קדיש וועט ער, דער מת, ניצול ווערן פון דער שטראָף; רבי עקיבא האָט אויפגעזוכט דאָס אינגל און אים געלערנט צו זאָגן קדיש, און דער מת איז דערנאָך געקומען צו רבי עקיבא אין חלום און אים געזאָגט, אַז ער איז דורך דעם קדיש ניצול געוואָרן. קרויס אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן קדיש (אין „בצרון", ניו־יאָרק ת"ש) ברענגט

פאַרשידענע נוסחאות פון דעם דאַזיקן ספור אגדה. צום קדיש פלעגט מען טיילמאָל צוגעבן ווערטער, און אין תימן, אין דער צייט פון רמב"ם, האָט מען צוגעגעבן „ובחיי דרבנא משה בן מימון". — צום קדיש פון טייל פייערלעכע תפילות זענען פאַראַן באַזונדערע מעלאָדיעס (קדיש פאַר מוסף ראש השנה, יום־כפור, גשם, טל, פאַר נעילה, פאַר סליחות). — אין יידיש ווערט וועגן איינעם ביי וועמען עס ווערט געבוירן דער ערשטער זון געזאָגט, ער האָט געבוירן אַ קדיש. — וועגן „קדיש" זע ראַפּאַפּאָרט „ערך מלין" (זוכוואָרט „ברכות"), עלבויגן, „תולדות התפלה", קרויס, „קדיש" („בצרון", ניו־יאָרק ת"ש).

**קדר** נאָמען פון אַ בעדואינער־פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון תנ"ך אין דער געגנט פון אַראַבישן מדבר לעבן ארץ־ישראל; אַלס בעדואינער האָבן די קדרים געוואוינט אין די שוואַרצע געצעלטן, געמאַכט פון שעפסן־פעל, און דערפון איז פאַראַן אין שיר השירים א' דער אויסדרוק „כאוהלי קדר" אַלס באַצייכענונג פון שוואַרצקייט. אין חומש בראשית כ"ה ווערט קדר אָנגעגעבן אַלס איינער פון די זין פון ישמעאל; אין שפּעטערן מיטלאַלטער האָט מען אָנגערופן די טאַטערן „קדר" (סבוב דרבי פתחיה, יון מצולה פון האַנאָווער און אַנדערע).

**קדש הקדשים** זע „בית המקדש".

**קדשים** נאָמען פון 5טן סדר משניות, אַנטהאַלט 11 מסכתות: זבחים, מנחות, חולין, בכורות, ערכין, תמורה, כריתות, מעילה, תמיד, קנים, מדות; האָט תוספתא אַחוץ אויף תמיד, קנים און מדות; גמרא בבלי אַחוץ אויף קנים און מדות; ירושלמי איז נישטאָ; מען האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ כלומרשט געפונענע ירושלמי אויף קדשים, אָבער דאָס איז אַ פאַלסיפיקאַט; מען ווייסט נאָר, אַז עס איז געווען אַ ירושלמי אויף קדשים, (ווערט געבראַכט דורך טייל ראשונים), נאָר ער איז פאַרלוירן געגאַנגען. אין קדשים ווערן באַהאַנדלט מייסטנס פראַגן וועגן קרבנות, הייליקייטן פון בית המקדש.

**קהל, קהילה** דער טייטש פון העברעאישן „קהל" איז „זאַמלען", דערפון איז דער כלל ישראל, די גאַנצע זאַמלונג פון יידן, גערופן געוואָרן אין תנ"ך „קהל עדת ישראל" (שמות י"ב), „קהלת יעקב"; דערפון איז שפּעטער אין מיטלאַלטער און נייער צייט דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע פון יידן אין יעדער שטאָט „קהל" און „קהילה". אין מיטלאַלטער און אויך אין דער נייער צייט ביז לערך דעם 18טן יאָרהונדערט האָט די יידישע קהילה געהאַט ברייטע רעכט איבער אַלע אירע מיטגלידער. די קהילה איז געווען די אָפיציעלע פאָרשטייערשאַפט פון יידן אין באַצוג צו די רעגירונגען; די קהילה האָט אָפט אויך געהאַט די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען די שטייערן פון אירע מיטגלידער פאַר דער רעגירונג, און דאַדורך האָט זי אויך געהאַט דאָס רעכט צו באַשטימען און פאַנאַנדערצולייגן די שטייערן אויף יעדן מיטגליד. די קהילה האָט אויך געהאַט צו זאָרגן פאַר די רעליגיעזע און דערציערישע ענינים פון די שטאָט־יידן (גאַנץ אָפט אויך פון די יידישע קלענערע דערפערישובים אין דער אומגעגנט), ווי אויפנעמען אַ רב, אַ דיין, אויפבויען און אויפהאַלטן אַ שוחט, אַ בית מדרש, אַ מקוה, אויפנעמען אַ חזן, אַ שמש, איינאָרדענען אַ בית עלמין און אַ חברה קדישא, איינאָרדענען און אויפהאַלטן אַ תלמוד־תורה, צדקה־אַנשטאַלטן (בקור חו־

לים, גמילות־חסדים, הכנסת כלה וכדומה); אכטונג געבן אויף דער כשרות אנשטאלטן. טייל קהילות פלעגן אויך אכטונג געבן אויף דער רעליגיעזער אויפפירונג פון די יידן, און פלעגן באשטראפן פאר עובר זיין אויף עברות (דורך אריינלייגן אין חרם, אדער איינשליסן אין „קונע”, און אין שפאניע אין 13טן און 14טן יארהונדערט אפילו מיט טויטשטראף). די פירער פון דער קהילה מיטן נאמען „ראשי הקהל”, „טובים”, „אלופים”, „פרנסים” (אין פוילן פלעגט מען זיי רופן „דאזארעס”) פלעגן דערווילט ווערן יעדעס יאר דורך די בעליבתים פון דער שטאט; מייסטנס פלעגן די וואלן פארקומען אין חול המועד פסח אדער חול המועד סוכות. אין טייל שטעט פלעגט מען וויילן אויף יעדן חודש פרנסים, און מען האט זיי גערופן „פרנס חודש”. אין טייל לענדער פלעגן אלע קהילות פון לאנד זיין פאראייניקט אין איין צענטראלער ארגאניזאציע; בארימט זענען געווען די דאזיקע צענטראלע לאנדס־ארגאניזאציעס אין פוילן און ליטע מיטן נאמען „ועד ארבע ארצות” (זע זוכווארט „ועד ארבע ארצות”). די דאזיקע קהילות צוזאמען מיט דער צענטראלער ארגאניזאציע זענען געווען פאקטיש די אויטאנאמישע זעלבסטפארוואלטונג פון יידן אין פארשידענע לענדער. די קהילות פלעגן געפירט ווערן דורך די ראשי הקהל צוזאמען מיט א סעקרעטאר (סופר הקהילה), און וויכטיקע באשלוסן (תקנות) פלעגן פארשריבן ווערן אין פינקס, אין קהלה־בוך. די זיצונגען פון דער קהילה־פארוואלטונג פלעגן פארקומען אין „קהל־שטיבל”, וואס פלעגט געווינלעך זיין לעבן בית המדרש. אין גרעסערע קהילות פלעגט אויך זיין א באזונדערער „קהל־שמש”, וועלכער פלעגט אכטונג געבן אויף אויספירן די באשלוסן פון דער קהילה. אין דער לעצטער צייט איז אין גרעסטן טייל לענדער אפגעשאפט געווארן דאס אבליגאטארישע (דאס מוזן) געהערן צו דער קהילה, און די קהילות וואס עקזיסטירן זענען נאר פרייוויליגע, און ווער עס וויל געהערט צו דער קהילה. אין פוילן און טייל אנדערע לענדער זענען נאך ביז דער מלחמה 1939 געווען אבליגאטארישע קהילות, אבער די רעכט פון די קהילות זענען געווען זייער באגרענעצט. — די געשיכטע פון דעם גאנצן סיסטעם קהילות־ארגאניזאציע איז א זייער אלטע, אזוי אלט ווי דער יידישער גלות פון דער צייט פון ערשטן חורבן ירושלים, ווען א סך יידן זענען פארטריבן געווארן קיין בבל. אין דער צייט פון דער גמרא און שפעטער געפינען מיר אין בבל א ברייטער ארגאנירטן קהילות־סיסטעם מיט פולשטענדיקער אויטאנאמיע, מיט א לאנדס־מנהיג דעם ראש הגולה (ריש גלותא), און איינגעארדנטע דינים און מנהגים ווי אזוי צו פירן די קהילות ענינים (די משנה און גמרא מגילה פרק ד' און אויך אנדער ערטער). אויך אין מיטלאלטער געפינען מיר אין די שאלות ותשובות־ספרים פיל תקנות פון די קהילות. — זע זוכווערטער „אויטאנאמיע”, „ועד ארבע ארצות”. — ביכער וועגן פארשידענע קהילות־ארגאניזאציעס ביי יידן זענען פאראן אין א גרעסערער צאל; זע דובנאוו „פנקס ועד הקהלות במדינת ליטא” (בערלין תרפ"ה), דובנאוו „געשיכטע פון יידן אין דער נייער צייט”, „דורות אחרונים”; גידעמאן אין „התורה והחיים” (דריטן טייל העברעאישער איבערזעצונג, איבערזעצט אויך אין יידיש דורך שטיף), פינקלשטיין, „דזשואיש סעלפגאווערנמענט אין מידל איידזשעס” (ניו־יארק, 1924).

**קהלת** נאמען פון א ספר אין תנ"ך, אין כתובים, איינע פון חמש מגילות,

איינער פון די סובטעלסטע און גייסטרייכסטע פילאָזאָפישע ספרים. אין אָנהויב פון ספר ווערט געזאָגט, אַז דער מחבר איז געווען „קהלת בן דוד מלך בירושלים“. די טראַדיציע נעמט אָן, אַז דער מחבר איז געווען שלמה המלך דער זון פון דוד, וועלכער איז געווען דער איינציקער פון דודס קינדער מלך אין ירושלים. אין קהלת ז׳ איז פאַראַן דער אויסדרוק אין לשון נקבה „אמרה קהלת“, און צום סוף קהלת י״ב איז פאַראַן „אמר הקהלת“ און „בקש קהלת“, און דערפון איז צו זען, אַז די דאָזיקע פסוקים זענען געשריבן געוואָרן פון אַן אַנדערן אין נאָמען פון קהלת. עס ווייזט אויס, אַז שוין אין די אַלטע צייטן זענען וועגן ספר קהלת געווען ביי די יידישע חכמים מיינונגס־פאַרשידנקייטן; די גמרא אין בבא בתרא ט״ו זאָגט, אַז הגם שלמה איז דער מחבר פון קהלת איז אָבער דאָס ספר רעדאַגירט געוואָרן שפּעטער, אין דער צייט פון חזקיה המלך; טייל תנאים, באַזונדערס די בית שמאי (אין לעצטן יאָרהונדערט פון 2טן בית המקדש) האָבן נישט געהאַלטן קהלת אַלס אַ הייליק ספר (מגילה ז׳). אין שבת ל׳ ווערט געזאָגט, אַז מען האָט געוואָלט „גונז“ זיין (דאָס הייסט נישט אַריינעמען צווישן די הייליקע ספרים פון תנ״ך) דאָס ספר קהלת; אין פסיקתא דרב כהנא ווערט געזאָגט, אַז מען האָט געוואָלט גונז זיין קהלת, ווייל מען האָט געמיינט, אַז עס זענען דאָרט פאַראַן ווערטער „שמטים לצד מינות“. נאָר מען האָט פאַרענטפערט זיינע ווערטער. פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז דאָס דאָזיקע ספר האָט שוין ביי די יידישע חכמים פון משנה און גמרא אַרויסגערופן אַ געוויסע קריטישע באַציאונג סיי צוליב די סתירות אין די מיינונגען אין ספר זעלבסט, סיי אויך צוליב די דרייסטע פילאָזאָפישע מיינונגען, וואָס קלינגען טיילמאָל ווי אין קעגנזאַץ צו די אָנגענומענע יסודות פון דער יידישער אמונה, און וועלכע די חכמים האָבן זיך באַמיט צו פאַרענטפערן און אויפווייזן, אַז דאָס ספר האָט אַזוי נישט געמיינט. — אין דער נייער צייט האָט דאָס ספר קהלת געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון זייער פיל געלערנטע, יידן און נישט־יידן; באַזונדערס האָבן די געלערנטע זיך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע וועגן מחבר פון ספר. עס זענען געשריבן געוואָרן וועגן דעם פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען. טייל האַלטן, אַז דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן אין אַ גאָר שפּעטער צייט, אין דער מיט פון 2טן בית המקדש (לערך דעם 2טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) און דער מחבר זאָל האָבן געווען אונטער דעם איינפלוס פון די אַלט־גריכישע פילאָזאָפישע שיטות פון העראַקליט („פּאַנטא רעאי“, „אַלץ פליסט“), סטאָאיקער, סקעפּטיקער. לויט אַנדערע זאָל קהלת האָבן געווען דער יידישער הערשער אין עבר הירדן הורקנוס, אין דער צייט פון די חשמונאים; דאָס איז די מיינונג פון פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער, אין זיין „מחברו של ספר קהלת“ (השלח, באַנד 42); ראַפּאָפּאָרט וויל געפינען אין קהלת דעם אויסדרוק פון די מיינונגען פון די איסיים. אָבער אַ ריי באַדייטנדע געלערנטע האַלטן, אַז די פאַרשידענע באַווייזן, וואָס זאָלן פעסטשטעלן, אַז דער מחבר האָט געלעבט אין אַ סך שפּעטערער צייט פון שלמה המלך (געוויסע שפּראַך־אויסדרוקן אין סטיל זענען פון שפּעטערע צייטן, מער ענלעך צו דער שפּראַך פון דער משנה, טייל אויסדרוקן זאָלן אַפילו זיין איבערזעצט פון גריכיש), זענען נישט גענוגנט אומצעוואַרפן די טראַדיציע, אַז דער מחבר איז געווען שלמה המלך. גרויסע מיינונגס־פאַרשידנקייטן זענען אויך פאַראַן ביי די געלערנטע צוליב די סתירות, וואָס זענען

פאַראַן אין ספר זעלבסט. טייל געלערנטע (דר. שלמה רובין און אַנדערע) האַלטן אַז דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן דורך עטלעכע פּערזאָן, און יעדער שפּעטערער מחבר האָט צוגעגעבן באַמערקונגען צו די מיינונגען פון די פריערדיקע מחברים. יעדנפאַלס, קיין קלאָרע און זיכערע מיינונג וועגן דער אַנטשטייאונג פון קהלת געבן נישט די אַלע געלערנטע. — דאָס ספר קהלת ווערט באַטראַכט אַלס דער סובּטעלסטער אויסדרוק פון פּעסימיסטישער וועלט־אַנשויאונג. קהלת הויבט אָן מיט דער מיינונג פון „הבל הבלים, הכל הבל", אַלץ, וואָס דער מענטש טוט און באַמיט זיך, איז גאַרנישט (דער „וואַניטאַס וואַניטאַטים"), און דער דאָזיקער אויסדרוק גייט דורך ווי אַ לייט־מאָטיוו און גרונט־טאָן דורך דעם גאַנצן ספר, וואָס איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ צעגלידערונג און אַ מאָטיווירונג פון דער דאָזיקער גרונט־מיינונג. קהלת אַנאַליזירט אַלע זייטן פון מענטשנס לעבן, די פאַרגעניגנס און ליידן, די קערפּערלעכע און גייסטיקע, וויסן און רום און מאַטעריעלע באַציונגען און שטרעבונגען און ווייזט אויף, אַז ס'איז אַלץ נאַריש און גאַרנישט; דער מענטש מוז שטאַרבן און פאַרשווינדן און „בשכבר הימים הבאים הכל נשכח" (מיט דער צייט וועט אַלץ פאַרגעסן ווערן). קהלת באַטראַכט אויך די פראַגע פון אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה („ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל", „מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה", און „והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה"), די פראַגע פון גערעכטיקייט (יש צדיקים אשר מגיע אליהם כמעשה הרשעים"), און אויך פון דער באַגרענעצטקייט פון מענטשנס שכל צו פאַרשטיין די וועלט, און דערביי קומט ער צום שאַרפן אַגנאָסטיציזם („וגם אם יאמר החכם לדעת לא יוכל למצוא", קהלת ח'). הויפּטזעכלעך ווייזט ער אָן אויף דעם קורצן דויער פון מענטש אין פאַרגלייך מיט דער אייביקער עקזיסטענץ פון דער וועלט, דעם „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת", וואָס ער האָט אויסגעשטעלט באַלד אין אָנהויב פון ספר. אין קהלת זענען אויך פאַראַן אַפאָריזמען פון לעבנס־חכמה, וועגן דער באַציאונג צו פרויען, צום יאָגן זיך נאָך פאַרמעגן וכדומה. — דאָס ספר קהלת איז איבערזעצט געוואָרן אין יידיש עטלעכע מאָל לעצטנס דורך י. ל. פּרץ, הרב י. ל. זלאָטניק און אַנדערע. — זע די דערמאָנטע אָפּהאַנדלונגען פון קלויזנער „מחברו של ספר קהלת"; זלאָטניק, „קהלת", אין יידיש, מיט אַ זייער ברייטער איינלייטונג, אין וועלכער ער אַנאַליזירט די מיינונגען פון די באַדייטנדסטע געלערנטע און קומט צום באַשלוס, אַז שלמה המלך איז יאָ געווען דער מחבר; גיט אויך וועגן די יידישע איבערזעצונגען פון קהלת. — עס איז אַן אַלטער מנהג צו לייענען די מגילה פון קהלת שבת חול המועד סוכות.

**קהלת רבה** נאָמען פון אַ מדרש אויף קהלת. — זע זוכוואָרט „מדרשים".

**קהת** זון פון לוי, זון פון יעקב אבינו; פאָטער פון עמרם, דעם פאָטער פון משה רבנו (שמות ו'). די „בני קהת" זענען געווען חשוב צווישן די לויים אויך אין שפּעטערע צייטן (דברי הימים א' ט"ו).

**קובא** אינזל לעבן מיטל־אַמעריקע; הויפּטשטאָט האַוואַנאַ; לערך 4 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי בײַ 20 טויזנט יידן, מייסטנס אַנגעקומענע אין דער לעצטער צייט (זינט 1920); אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט האָבן דאָרט זיך באַזעצט אנוסים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, וועלכע האָבן אין געהיים אָפּגעהיט זייער יידישקייט; דעמאָלט האָט איבער־

קובא געהערשט שפאניע, וועלכע האט דארט איינגעפירט די אינקוויזיציע. פיל פון די אנוסים, אנגעזעענע סוחרים און קאלאניזאטארן, זענען געווארן ארעס־טירט און פארברענט אויפן שייטערהויפן פון דער אינקוויזיציע (דע לעאן, מענ־דעס, ראדרעגאס, פינעטא, דע סאלעס, נונעז, דע גראנאדרע און אנדערע). ערשט ווען קובא איז געווארן באפרייט פון שפאניע (אין 1898) האבן זיך יידן אנ־געהויבן באזעצן אויף דעם אינזל. היינט האט האוואנא אן אנגעזעענע יידישע קהילה, שולן, אינסטיטוציעס, תלמוד־תורה, און פון צייט צו צייט דערשיינען דארט אויך יידישע צייטשריפטן.

**קולון, יוסף („מהריק")** (1420 — 1480 אין פאדווא); רב אין ווענעציע; באלאן, מאנטוא, פאדווא; אנערקענטער פוסק אין דער יידישער וועלט; מחבר פון „שאלות ותשובות מהרי"ק".

**קונטרס** מיטן נאמען „קונטרס" (וואס זאל זיין, לויט דער מיינונג פון צונץ, דאס ווארט „קאמענטאריום", „פירוש"), ווערט אנגערופן אין תוספות דער פירוש פון רש"י (רבי שלמה יצחקי) אויף גמרא; דאס איז ווייל די פרושים צו גמרא פלעגן צירקולירן אין יענער צייט צווישן די ישיבה־בחורים אין העפטן, וועלכע מען האט גערופן קונטרס; אייגנטלעך זענען געווען אזעלכע קונטרסים אויך פון אנ־דערע מפרשי התלמוד פאר רש"י. — זע „שלמה יצחקי".

**קונסט** מיט דער געשיכטע פון קונסט ביי יידן אין אלע אירע פארמען און אויסדריקן, ארכיטעקטור, סקולפטור, מא־לעריי, צייכענונגען, האבן זיך לעצטנס באשעפטיקט א גאנצע ריי געלערנטע, סיי ארכעאלאגן סיי פאך־קינסטלער, ווי פרא־פעסאר סוקעניק פון ירושלים, פירער פון דער „חברה לחקירת עתיקות", רייפנ־בערג, רחל ווישניצער־בערנשטיין, קארל שווארץ און אנדערע; עס זענען אויך דערשינען די זשורנאלן אין העברעאיש און יידיש („רימון" און „מילגרוים") געווידמעט דער פארשונג פון יידישער קונסט. וועגן דער ארכיטעקטור ביי יידן אין די אלטע צייטן איז שווער צו זאגן א זיכערער מיינונג, צי דער יידישער הייזער־בוי איז באשטאנען פון ספעציעל יידישע פארמען אדער דאס זענען גע־ווען בשותפותדיקע פארמען פאר די פעל־קער פון ארץ־ישראל און די שכנותדיקע לענדער (די פעניצער און אנדערע). איין זאך איז זיכער, אז אין די שפורן פון יידישער קונסט אין יענע אלטע צייטן פון תנ"ך און אויך פון שפעטער, די גאנצע עפאכע, וואס יידן זענען געווען אין ארץ־ישראל ביז דעם חתימת תלמוד ירושלמי (אין 4טן יארהונדערט) קאן מען געפינען כמעט ווי גארנישט סקולפ־טור־בילדער פון מענטשן און אנדערע לע־בעדיקע באשעפענישן. מען געפינט אפילו זייער זעלטן אין חורבות פון אלטע שולן אין ארץ־ישראל א קאפ פון א לייב, אד־לער וכדומה; אבער דאס זענען זייער זעלטענע אויסנאמען. די סיבה דערפון איז דער פארבאט פון די עשרת הדברות (שמות כ') „לא תעשה לך פסל וכל תמונה", ניט צו מאכן קיין בילד, כדי אפצוהיטן יידן פון געצנדינעריי, וואס איז באשטאנען אין דינען צו פארהייליק־טע בילדער. אבער ניט געקוקט אויף דעם פארבאט זענען דאך פאראן געווי־סע שפורן פון יידישער אלטער קונסט אויף די פארשידענע געפונענע זאכן פון די אלטע צייטן אין ארץ־ישראל, און באַ־זונדערס זינט דאס יידישע ארץ־ישראל איז געקומען אין בארירונג מיט דער גריכישער וועלט (אין 4טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) דורך דער צייט פון בית שני ביז ווייט

אין דער צייט פון דער גמרא. באַזונדערס איז עס צו באַמערקן אין דער אַלט־יידישער צעראַמיק. אויך אין אַרכיטעקטאַראַלער אָרנאַמענטיק, געבוי־באַפּוצונגען פון אַלט־יידישע שולן, די מאָזאַאיק־בילדער, וואָס מען האָט לעצטנס אַנטדעקט (פון אַ געפונענעם פראַגמענט פון אַ ירושלמי אין עבודה זרה, פאַרעפנטלעכט דורך פּראָפעסאָר ל. גינזבורג, איז צו זען, אַז דער ארץ־ישראל אמורא ר' אבון האָט מתיר געמאַכט אין די שולן צו מאַכן מאָזאַאיק־בילדער, פּספסין). אין דער עפּאָכע פון מיטלאַלטער ביז דער נייער צייט האָט יידישע קונסט געפונען אַמשטאַרקסטן איר אויסדרוק אין אילומינירן, צוגעבן בילדער, צו פאַרשידענע כתבי יד, סיי פון חומשים, סיי פון הגדות צו פסח, סיי אַנדערע כתבי יד. באַזונדערס האָט געבליט די יידישע אילומינירונג פון כתבי יד אין שפּאַניע; עס איז אויך פאַראַן אַ מיינונג, אַז באַרימטע קונסט־בילדער אין שפּאַניע פון דער צייט פון פאַרן גירוש (1942) וועמענס קינסטלער זענען געבליבן אומבאַקאַנט, שטאַמען פון יידן. די מאָדערנע יידישע קונסט און די באַטייליקונג פון יידן אין מאָדערנער קונסט איבערהויפּט האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין 19טן יאָרהונדערט, פון ווען אָן יידן האָבן אַרויסגעגעבן גרויסע קינסטלער אין אַלע צווייגן: מאָלער, סקולפּטאָרן, ראַדירער. דער גרעסטער טייל פון די אָנגעזעענסטע מאָדערנע יידישע קינסטלער (פאַר דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אויפשוואונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ענדע 19טן יאָרהונדערט) האָט באַאַרבעט אַמייסטן ניט־יידישע טעמעס. ערשט מיט דעם אויפקום פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג איז אויך די טעמאַטיק פון אַ ריי אָנגעזעענע קינסטלער געוואָרן אַ יידישע, גאַנץ אָפט אַ פאָלקסטימלעכע, און האָט געגעבן דעם אויסדרוק צו יידיש לעבן און יידישן לעבנס־שטייגער און יידישן ראָמאַנטיזם און בענקשאַפט. מיר געבן דאָ נעמען פון טייל אָנגעזעענסטע יידישע קינסטלער: יוסף איזראַעלס, מאַקס ליבערמאַן, אַנטאָקאָלסקי, אורי לעסער, ליליען, מאַרק שאַגאַל, עפּשטיין, און אַנדערע. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט די יידישע מאָדערנע קונסט אין ארץ־ישראל, וואו נאָכן אַנטשטיין פון ציוניזם איז געשאַפן געוואָרן אין ירושלים די העברעאישע קונסט־שולע „בצלאל" דורך פּראָפעסאָר שאַץ. וועגן דער יידישער קונסט אין ארץ־ישראל און דער יידישער קונסט־זאַמלונג אין מוזעאום אין תל־אביב איז פאַראַן פון דר. קאַרל שוואַרץ אין העברעאיש „האמנות העברית החדשה". וועגן דער געשיכטע פון יידישער קונסט זע אויך די אַרבעט פון רחל ווישניצער־בערנשטיין אין 2טן באַנד „יידן" פון דער אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע.

**קוק, אברהם יצחק** (1865 אין לעטלאַנד — 1935, ג' אלול תרצ"ה אין ירושלים), רב, דענקער, חובב ציון, נאָנט צום „מזרחי", ערשטער רב הכולל פון די אשכנזים אין ארץ־ישראל, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן די רבנות הראָשית אין 1921; זינט 1904 געווען רב אין יפו; זינט 1919 רב אין ירושלים; זינט 1921 ראש הרבנים פון די אשכנזים אין גאַנץ ארץ־ישראל; גרינדער פון דער ישיבה „מרכז הרב"; מחבר פון פיל ספרים אין הלכה, קבלה, ארץ־ישראל־פראַגן, ענינים פון יידנטום, ווי „חבש פאר", „עקבי הצאן", „אורות", „אגרות ראיה", „אורות הקודש" (איבער רעליגיעזער פילאָזאָפיע).

**קורדובירו, משה** (1522 — 1570), מקובל אין צפת, באַקאַנט אַלס „רמ"ק";

איינער פון די באַדייטנדסטע טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון דער קבלה אין דער צייט פון דער גאָלדענער עפּאָכע פון קבלה אין צפת; געלערנט ביי זיין שוואָגער רבי שלמה אלקבץ (מחבר פון „לכה דוד"), נאָכער געלערנט קבלה צו אַ סך תלמידים; אַ געוויסע צייט האָט אויך רבי יצחק לוריא געלערנט ביי אים קבלה; געווען איינער פון די דריי (רבי יוסף קאָרו, רבי משה די טראַני) וואָס האָבן באַקומען סמיכה פון רבי יעקב בי רב (זע זוכוואָרט „סמיכה"). — זיין שיטה אין קבלה, וועלכע איז געווען מער אַ טעאָרעטיש־פילאָזאָפישע, באַזונדערס אין דער אויסברייטערונג פון דער לערע וועגן „צמצום", האָט דער רמ"ק איבערגעלאָזט אין זיינע ספרים: „פּרדס רמונים", „אלומה רבתי", „שעור קומה", „אור נערב" און אַנדערע; ער האָט אויך מחבר געווען „תומר דבורה" (אויף מוסר, געדרוקט געווען פיל מאָל) און „אור יקר" (אַ פירוש אויף זוהר, געבליבן אין כתב יד). — זע האַראָדעצקים „תורת רמ"ק" (אַ זייער אויספירלעכע און גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג איבער קורדוביראָס לערע).

**קורדיסטאַן** לאַנד אויף דער גרענעץ פון פּערסיע, טערקיי און איראַק; לויט טייל מיינונגען זענען די בערג פון קורדיסטאַן די „הרי אררט" פון חומש בראשית סדרה נח; עס וואוינען דאָרט ביי 5 טויזנט יידן, רעדן אַ שפּראַך געמישט מיט אַראַמעאיש (תרגום־לשון); די דאָרטיקע יידן האַלטן, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון די עשרת השבטים; יעדנפאַלס איז זיכער, אַז יידן וואוינען אין קורדיסטאַן שוין זינט גאָר אַלטע צייטן. — זע בנימין השני „מסעי ישראל", און כשדאי „שבטי יעקב ונצורי ישראל".

**קורח** זון פון יצהר, פון שבט לוי; אין חומש במדבר ט"ז ווערט דערציילט, אַז קורח צוזאַמען מיט אַנדערע יידן זענען אַרויסגעטרעטן קעגן משה רבנו און אהרן הכהן, און זיי האָבן געטענהט, אַז אויך זיי דאַרפן זיין כהנים און אַז אהרן און זיינע קינדער דאַרפן נישט זיין די איינציקע כהנים. דער חומש דערציילט, אַז אַלס שטראָף האָט די ערד זיך געעפנט און איינגעשלונגען קורח און זיינע אָנהענגער און זייער פאַרמעגן, און אַ פייער האָט פאַרברענט פון זיי 250 מענטשן. עס ווערט אין חומש דערציילט, אַז „בני קורח לא מתו", די קינדער פון קורח זענען געבליבן לעבן. שפּעטער אין דער יידישער געשיכטע פון דער תנ"ך־צייט זעען מיר אָפּשטאַמענדע פון קורח פאַרנעמען גרויסע שטעלעס אין דער יידישער פירערשאַפט. לויט אַ טראַדיציע אין גמרא מגילה י"ד, געשטיצט אויף דברי הימים א' ו', איז שמואל הנביא געווען פון קורחס אור־איייניקלעך. אין ספר תהילים געפינען מיר מזמורים פון בני קורח; אין דברי הימים א' ט' און אַנדערע קאַפּיטלעך, געפינען מיר די „קרחים" פאַרנעמען שטעלונגען אין בית המקדש אַלס לויים. אין דער גמרא פּסחים קי"ט ווערט געזאָגט, אַז קורח איז געווען זייער רייך און אַז ער האָט געפונען אַן אוצר, וואָס יוסף האָט באַהאַלטן אין מצרים. דערפון איז פאַראַן אין יידיש דער אויסדרוק „רייך ווי קורח", וואָס באַציט זיך אויף אַ קאַרגן, רייכן מאַן.

**קטורת** וויירויך, בשמים, וואָס מען האָט געברענט אין בית המקדש כדי עס זאָל דאָרט זיין „ריח ניחוח", שמעקנדיקער ריח. אין חומש שמות ל' ווערן אויסגערעכנט די אַלע בשמים („סמים" אין העברעאיש) פון וועלכע די קטורת ווערן געמאַכט. אין כריתות ו' ווערט געבראַכט די ברייתא ווי אַזוי די קטורת זענען געמאַכט געוואָרן אין בית המקדש.

די קטורת האָט מען געברענט 2 מאָל אין טאָג, אינדערפרי („קטורת של שחרית״) און פאַרנאַכט („קטורת של בין הערבים״). זייער פייערלעך איז געווען דאָס ברענען די קטורת אין יום־כפור דורכן כהן גדול אין קדש הקדשים. אין משנה און גמרא (יומא ל״ח) ווערט דערציילט, אַז אין דער צייט פון בית שני איז געווען אַ פאַמיליע „בית אבטינס״, וועלכע זענען געווען ספעציאַליסטן אין איינאָרדענען די קטורת. די גמרא יומא מ״ד רעכנט אויס די חטאים, אויף וועלכע די קטורת איז מכפּר. דער רמב״ם אין מורה נבוכים מיינט, אַז די קטורת האָט מען געברענט, ווייל אין בית המקדש האָט מען מקריב געווען קרבנות פון פלייש, און די קטורת האָבן געגעבן אַ גוטן ריח. — עס איז אַ מנהג צו זאָגן די פּרשה און די ברייתא פון קטורת ביי דאַווענען אינדערפרי. דער מנהג ווערט געבראַכט אין סדור רב עמרם גאון און אַנדערע עלטערע ספרים וועגן תפילות, ווי אויך אין זוהר פּרשת פּינחס.

**קטלנית** פון אַראַמעאישן וואָרט „קטל״, „שניידן״, „טויטן״; מיטן נאָמען קטלנית ווערט אָנגערופן אַ פרוי, וואָס האָט שוין חתונה געהאַט עטלעכע מאָל און די מענער זענען ביי איר געשטאָרבן. אַזאַ פרוי טאָר מער נישט חתונה האָבן; די משנה און גמרא (יבמות ס״ד) זאָגן, אַז לויט איין מיינונג הייסט אַ קטלנית ווען עס זענען ביי איר געשטאָרבן 3 מענער, לויט אַן אַנדערער מיינונג, אויך 2 מענער. די דינים וועגן קטלנית זענען פאַראַן אין שלחן ערוך אבן העזר סימן ל״ט.

**קיבוץ** זע „קבוץ״.

**קידוש** זע „קדוש״.

**קיטל** אַ לאַנג, ווייס העמד; גאָר פרומע ייִדן זענען זיך נוהג צו טראָגן אַ קיטל אויף אַלע מלבושים אין יום־כפור, פּסח צום סדר; די בעלי תפילות ראש השנה און יום כיפור, ווי אויך הושענא רבה און צו מוסף פון „טל״ און „גשם״; אויך דער בעל תוקע און בעל מקריא אום ראש השנה טראָגן דעם קיטל. מען פלעגט אויך אָנטאָן דעם קיטל אַ חתן צו דער חופּה. דער קיטל איז אויך אַ טייל פון די תכריכין וואָס מען טוט אָן אַ מת. גידעמאַן אין „התורה והחיים״, דריטן טייל, ברענגט, אַז אויך דער כלה פלעגט מען אָנטאָן אַ סאָרט קיטל צו דער חופּה.

**קימפּעטאָרין** אין העברעאיש „יולדת״; פרוי נאָכן געבוירן אַ קינד, אין די ערשטע טעג נאָכן געבורט. אין די ייִדישע פאָלקס־גלויבונגען איז אָנגענומען, אַז אַ קימפּעטאָרין דאַרף האָבן „שמירה״, מען דאַרף איר און דאָס קינד אָפּהיטן פאַר שדים און מזיקים. די קימפּעטאָרין טאָר דעריבער נישט בלייבן אַליין אין הויז; אין דעם צימער, וואו זי געפינט זיך, הענגט מען אויס געדרוקטע אָדער אָנגעשריבענע צעטעלעך מיט „שיר המעלות״ (קאַפּיטלעך תהלים קכ״א) און אויך נעמען פון מלאכים, פון אברהם יצחק ויעקב. אויב דאָס קינד איז אַ אינגל קומען קינדער פון דרדקי־חדר און זאָגן אין צימער קריאת שמע און דעם פּסוק „המלאך הגואל״ (בראשית מ״ח) און מען טיילט זיי דערפאַר נאַשוואַרג. — זע גידעמאַן „התורה והחיים״, דריטער טייל.

**קין** עלטסטער זון פון אדם און חוה. אין חומש בראשית ד׳ ווערט דערציילט, אַז קין האָט באַאַרבעט די ערד, און זיין ברודער הבל איז געווען אַ פאַסטוכער פון שעפּסן. ווען זיי האָבן געבראַכט קרבנות, האָט גאָט צוגענומען הבלס קרבן. דאָס האָט קינען פאַרדראָסן און ער האָט

איינמאָל אין פעלד געטויט זיין ברודער הבל. גאָט האָט אים באַשטראָפט, אַז ער זאָל זיין „נע ונד בארץ" (נישט געפינען קיין רו, נאָר כסדר וואַנדערן), און כדי מען זאָל אים נישט טויטן האָט גאָט געגעבן אויף קינס שטערן אַ צייכן. קין ווערט באַטראַכט אַלס סימבאָל פון ברודער־מערדער, און „קינס־צייכן" אַלס צייכן פון מאָרד. — טייל געלערנטע זעען אין דעם ספור די אָפּשפּיגלונג פון קאַמף וואָס איז פאָרגעקומען אַמאָל צווישן די נאָמאַדן, וואַנדערנדע בעדואינער, וועלכע האָבן נישט באַאַרבעט קיין ערד נאָר געהאָדעוועט פי, און באַזעצטע שבטים אויף ערד, לאַנדווירטן. — דער ספור פון קין און הבל האָט געדינט אַלס טעמע פאַר אַ ריי ליטעראַרישע און סקולפּטור־ און מאָלעריי־שאַפונגען; באַקאַנט איז דאָס ווערק פון בייראָן „קין" (איבערזעצט דורך פרישמאַן אין העברעאיש).

**קינדער** וועגן דער מצוה צו האָבן קינדער זע זוכוואָרט „פריה ורביה". — וועגן קינדער־דערציאונג זע זוכוואָרט „קינדער־דערציאונג". — דאָס יידישע קינדער־לעבן האָט געהאַט אין די טראַדיציאָנעלע היימען אין מזרח־אייראָפּעאישע לענדער אייגענע אַלטע מנהגים, וועלכע זענען ביז איצט נאָכנישט גרינטלעך אויסגעפאָרשט און געזאַמלט געוואָרן. געוויינלעך איז געווען דער מנהג, אַז קינדער פון 4 יאָר אָן האָבן אָנגעהויבן צו גיין לערנען אין חדר (גאַנץ אָפט נישט נאָר אינגלעך נאָר אויך מיידלעך). אין חדר האָבן די קינדער אַחוץ לערנען (זע זוכוואָרט „חדר") אויך געהאַט אַן אייגן געזעלשאַפטלעך קינדער־לעבן, מען האָט געשפּילט אין ניס, אין קנעפּלעך, געשאַפן אייגענע פּרימיטיווע לידעלעך, שפּאַסן, אָנגערופן זיך מיט צונעמען, דערציילט זיך מעשיות; פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, שבתים, ימים טובים, חול המועד איז מען געווען פריי פון לערנען, פלעגן די קינדער זיך טרעפן אויסערן חדר און פאַרברענגען אין אַ געוויסן סאָרט ספּאָרט־פאַרווײַלונגען, זיך שפּילן אין יאָגעלעך, באַהעלטענישן, פּאַלאַנט. וויכטיקע געשעענישן זענען געווען אין קינדער־לעבן דאָס אָנהויבן לערנען חומש און דאָס ווערן בר־מצוה. פון ווערן בר מצוה צו 13 יאָר האָט דאָס יידישע קינד זיך שוין מער נישט באַטראַכט אַלס קינד נאָר שוין אַלס אַ דערוואַקסענער מענטש, מיט דעם גאַנצן עול פון יידישקייט און פון שווערן לעבן. דורך דער דאָזיקער צייט פון אָנהויבן גיין אין חדר ביז בר־מצוה האָט דאָס יידישע קינד דורכגעמאַכט אַן אייגן לעבן מיט אייגענע מנהגים און אייגענעם לעבנס־שטייגער. אַ זאַמלונג (נישט קיין פולקאָמענע) פון דעם יידישן קינדער־לעבן־שטייגער, מנהגים, לידעלעך וכדומה איז פאַרעפנטלעכט געווען אין דער זאַמלונג „ביי אונדז יידן", וואַרשע 1923; אַ גרעסערע אַרבעט האָט פאַרעפנטלעכט אין פּויליש ליליענטאַל, „דזשצקאָ זשידאָווסקע"; אין ארץ־ישראל האָט פון יידישן קינדער־לעבן פאַרעפנטלעכט מייזעל דעם „ספר הילד"; שעכטער „דהי דזשואיש טשיילד" (אין זיינע „סטאַדיס").

**קינדער־דערציאונג** ביי יידן פאַרנעמט קינדער־דערציאונג אַ זייער גרויס אָרט שוין זינט גאָר אַלטע צייטן. אין חומש און אויך אין די אַנדערע תנ"ך־ספרים ווערט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער וויכטיקייט פון לערנען און דערציען קינדער. דער חומש דברים ו' זאָגט אַז „ולמדתם אותם את בניכם" (און איר זאָלט זיי, די מצוות פון דער תורה, לערנען אייערע קינדער). דער גאַנצער ספר משלי איז פול מיט ווערטער און אָנווייזונגען וועגן קינדער דערציאונג („חנוך

לנער על פי דרכו", משלי כ"ב, און אנדערע ווערטער). געוויינלעך איז די דערציאונג געווען אין די ערשטע קינדער־יארן אין די הענט פון די עלטערן; אבער שוין אין די אלטע צייטן פון דער יידישער געשיכטע זענען געווען שולן, בתי ספר, אין וועלכע קינדער האבן געלערנט. די גמרא בבא בתרא כ"א זאגט, אז שוין עזרא הסופר האט איינגעארדנט א קינדער־שולע אין ירושלים, און אז שפעטער האט דער כהן גדול יהושע בן גמלא איינגעארדנט קינדער־שולן מיט מלמדים אין יעדן ארט, און מען האט אנגענומען קינדער פון 6 יאר אן. אין 5טן פרק פון משנה אבות איז צו זען אז שוין ווען א קינד איז אלט געווארן 5 יאר האט מען מיט אים אנגעהויבן לערנען תנ"ך (בן חמש למקרא). אין דער גמרא געפינט מען שוין פיל ידיעות וועגן דער פארצווייגטער נעץ פון שולן פאר יידישע קינדער, אנהויבנדיק פון די סאמע נידעריקסטע, פון דרדקי־חדרים ביז די גרעסטע ישיבות. פרטים אין גמרא בבא בתרא כ"א און אנדערע ערטער. געוויינלעך זענען די שולן געווען נאר פאר אינגלעך; אבער אויך מיידלעך האבן באקומען א געוויסע עלעמענטארע רעליגיעזע דערציאונג. — וועגן קינדער־דערציאונג אין דער צייט פון מיטלאלטער ביז דער נייער צייט זע די זוכווערטער „חדר", „ישיבה", לימוד תורה". — אבער די דאזיקע דערציאונג איז געווען אמייסטן א רעליגיעזע, און האט זיך כמעט אויסשליסלעך אפגעגעבן מיט לערנען די קינדער נאר רעליגיעזע ענינים, הגם מיר געפינען, אז אין טייל אויסנאם פאלן האט מען געלערנט אויך וועלטלעכע לימודים (גטין נ"ח) און מיר ווייסן דאך פון פיל יידישע גדולים אין מיטלאלטער, וועלכע האבן געקענט אלגעמיינע וויסנשאפטן. ערשט אין דער נייער צייט איז דאס יידישע דערציאונגס וועזן געווארן צעטיילט אויף פארשידענע צווייגן און סיסטעמען. עס איז געבליבן ביי א סך דאס אמאליקע חדר און תלמוד תורה און ישיבה סיסטעם; אבער א גרויסער טייל פון די יידישע שולן איז געווארן סעקולאריזירט, פארוועלטלעכט, און אין זיי באשטייען די לימודים פון וועלטלעכע קעגנשטאנדן, און אויך ד' יידישע לימודים, ווי תנ"ך, העברעאיש, ליטעראטור, געשיכטע ווערן אויך באהאנדלט פון וועלטלעכן שטאנדפונקט. עס איז אויך פאראן אן אונטערשיד אין דער לערן־שפראך: יידיש, העברעאיש, לאנדשפראכן. דאס מאדערנע יידישע שולוועזן איז אזוי ארום געווארן זייער דיפערענצירט און אויך זייער פארצווייגט, און נעמט ארום אלע שטאפלען פון דער ציאונג, קינדערגארטנס, פאלקס־שולן, מיטלשולן, הויכשולן (העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, טעכניקום אין חיפה, אנדערע פריוואטע העברעאישע הויכשולן אין ארץ־ישראל, די געמישטע ישיבות־קאלעדזשעס אין אמעריקע), טעכנישע שולן, לאנדווירטשאפטלעכע שולן, לערער־סעמינארן און אנדערע. דאס מאדערנע יידישע דערציאונגס־וועזן נעמט ארום ניט נאר אינגלעך נאר אויך מיידלעך. די פראבלעמען פון יידישן דערציאונגס־וועזן זענען זייער שווערע און נאכניט געלעזטע און ארום זיי קומען פאר שארפע חלוקי דעות, סיי וועגן דער לערן־שפראך (די שולן מיט יידיש אלס לערן־שפראך, די העברעאישע שולן, די געמישטע פון העברעאיש אדער יידיש צוזאמען מיט די לאנד־שפראכן), און סיי וועגן דעם גייסט פון די שולן: אינגאנצן סעקולאריזירט, אן שפורן פון רעליגיעזער באאיינפלוסונג, אינגאנצן רעליגיעזע, און אויך געמישטע, און אויך אין די געמישטע זענען פאראן דיפערענצירונגען אין גראד פון דער רעליגיעזער באאיינפלוסונג. — איבער דער געשיכטע

פון יידישן דערציאונגס-וועזן זענען גע־
שריבן געוואָרן פיל ווערק, פון וועלכע
דאָס וויכטיקסטע זענען די ווערק פון
ש. אסף „מקורות לתולדות החנוך ביש־
ראל". וועגן דער נייער צייט זע די
אַרטיקלען איבער דעם יידישן און העב־
רעאישן שול-וועזן אין 3טן באַנד
„יידן".

**קינות** קלאָג-לידער; דער אויסדרוק
ווערט דערמאָנט אין תנ"ך (דברי הימים
ב' ל"ה). מיטן נאָמען „קינות" רופט
מען דאָס זאָגן תשעה באב בײנאַכט
„איכה" און טייל קלאָג-לידער און צו־
מאָרגנס די זאַמלונג פון קלאָג-לידער
אויף חורבן ירושלים און אויך אויף אַנ־
דערע שווערע אומגליקן, וואָס האָבן גע־
טראָפן דאָס יידישע פאָלק אין פיל מאָ־
מענטן פון דער געשיכטע. עס ווייזט
אויס, אַז דער מנהג פון זאָגן קינות (אַל־
זאָ נישט נאָר דעם איכה אַליין נאָר אויך
פאַרשידענע צוגאָבן), איז זייער אַן אַל־
טער, און אין ירושלמי שבת פרק ט"ו
ווערט דערציילט וועגן תנאים, וואָס
„פושטין במגילת קינות". די קינות
וואָס מיר האָבן זענען געשריבן געוואָרן
דורך פיטנים (זע „פיוט") פון די על־
טערע צייטן (7טן יאָרהונדערט) אָן.
זייער רירנד זענען די קינות פון רבי
יהודה הלוי „ציון הלא תשאלי", „שאלי
שרופה" פון רבנו מאיר פון רוטענבערג,
„ארזי הלבנון" (אויף די עשרה הרוגי
מלכות), „אז בהלוך ירמיהו" און אַנדע־
רע. טייל קינות זענען באַאַרבעט גע־
וואָרן אויפן גרונט פון פאַרלוירענגעגאַנ־
גענע ברייתות („איכה ישבה חבצלת
השרון"). די אַראַביש-רעדנדע יידן רופן
קינות „תמרור" (ביטערקייטן). — זע
עלבויגן „תולדות התפילה" און די קינות
אויסגאַבע פון זלמן כוכב טוב (ווין
1853). — זע זוכוואָרט „פיוט". אין
תלמוד ווערט דאָס ספר איכה אָנגערופן
„קינות".

**קיני** נאָמען פון אַ פאָלק אין ארץ-יש־
ראל איידער די יידן האָבן פאַרנומען דאָס
לאַנד (בראשית ט"ו). אין שופטים א'
ווערט קיני אָנגערופן דער „חותן משה",
שווער פון משה רבנו; אין דער ברכה
פון בלעם (במדבר כ"ד) ווערט דער־
מאָנט דער קיני און דאָס ווערט דאָרט
צונויפגעבונדן מיטן נאָמען „קין"; צי
דאָס האָט אַ שייכות מיט „קין" דעם זון
פון אדם, איז שווער צו זאָגן. די העלדין
יעל (שופטים ד'), וואָס האָט געהאָלפן
די יידן אין קאַמף קעגן סיסרא, איז גע־
ווען די פרוי פון חבר הקיני.

**קיסריה** אויך „קיסרין", „צעזערעא",
נאָמען פון שטאָט אין ארץ-ישראל גע־
בויט דורך הורדוס המלך (אויף דעם אָרט
פון אַן אַלט-פיניציִשער שטאָט „מגדל
שרשן", „סטראַטאָן") ביים מיטלענדישן
ים און הורדוס האָט איר אַ נאָמען גע־
געבן „צעזאַרעא" לכבוד דעם קייסער
אויגוסטוס. דאָרט איז געווען דער זיץ־
אָרט פון רוימישן פּראָקוראַטאָר, דעם
הערשער איבער ארץ-ישראל. אין יאָר
66 איז פאָרגעקומען דאָרט דער צוזאַ־
מענשטויס צווישן יידן און נישט-יידן,
וואָס איז געווען דער אָנהויב פון חורבן
ירושלים. אין דער צייט פון דער גמרא
זענען געווען אין קסרין אמוראים, ווי רבי
אבהו און אַנדערע; מען האָט זיי גערופן
„רבנן דקסרין". לויט איין מיינונג
(שאול ליבערמאַן) זאָל דאָרט האָבן נת־
חבר געוואָרן דער ירושלמי אויף די בבות.
היינט איז עס אַ קליין אַראַביש אָרט, און
מען זעט דאָרט שפּורן פון אַמאָליקן
גרויסן פּאָרט און געביידעס.

**קירוואַן** אַלטע שטאָט אין טוניס (צפון־
אַפריקע). אין 9טן און 10טן יאָרהונ־

דערט איז דאָרט געווען אַ גרויסער יידישער ישוב און אַ צענטער פון תורה לערנען; די יידישע חכמים זענען געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „חכמי קירואן"; דאָרט האָט זיך באַוויזן „אלדד הדני"; צו רבי יעקב בן נסים פון קירואן איז געשריבן געוואָרן דער באַרימטער בריוו פון רב שרירא גאון; מען האָט אין קירואן געפונען מצבות מיט אַלטע העברעאישע אויפשריפטן.

**קישון** טייך אין ארץ־ישראל, פליסט אַרויס צו מזרח פון עמק יזרעאל (ביי דזשענין) און פאַלט אַריין אין מיטלענדישן ים לעבן חיפה; ווערט דערמאָנט אין תנ"ך שופטים ה' אין דער מלחמה קעגן סיסרא, און מלכים א' י"ח אין קאַמף פון אליהו הנביא קעגן די נביאי הבעל. אין דער שירה פון דבורה (שופטים ו') ווערט ער אויך אָנגערופן „נחל קדומים"; אויף די ברעגעס פון טייכל זענען היינט פאַראַן יידישע קאָלאָניעס.

**קישענעוו** הויפּטשטאָט פון בעסאַראַביע; פאַר דער מלחמה 1939 לערך 5,000 יידן (אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון 200,000 איינוואוינער); האָט געהערט צו רוסלאַנד, נאָכער צו רומעניע; באַקאַנט אין דער וועלט דורך דעם פּאָגראָם אין יאָר 1903 („קישענעווער פּאָגראָם"), וועגן וועלכן ביאַליק האָט געשריבן זיין „משא נמירוב".

**קלויזנער, יוסף** (1874 אין ווילנער געגנט), איצט פּראָפעסאָר פון ניי־העברעאישער ליטעראַטור אין דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים; העברעאישער שריפטשטעלער און געלערנטער, לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון „השלח", אַקטיוו אויך אין פּאָליטישן לעבן אַלס עקסטרעמער ציוניסט־מאַקסימאַליסט (גענויגט צום רעוויזיאַניזם); געשריבן איבער 900 מאמרים און ווערק; זיינע הויפּט־ווערק זענען „היסטוריה ישראלית" (4 חלקים), „יהדות ואנושיות", „יוצרים ובונים" (אָפּהאַנדלונגען איבער גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן), „ישו הנוצרי" (גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, באַווייזט, אַז ישו הנוצרי געהערט צום יידישן פאָלק, אויך אָפּהאַנדלונג איבער דעם יידישן לעבן אין דער 2טער העלפט פון בית שני), „מישו ועד פולוס" „ההיסטוריה של הספרות העברית החדשה" (געשיכטע פון ניי־העברעאישע ליטעראַטור), „כשאומה נלחמת על חרותה" (איבער די פרייהייט־קאַמפן פון יידן), „הרעיון המשיחי בישראל" (געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דער משיח־אידייע), און פיל אַנדערע ווערק; צו זיין 60־יאָריקן יובילײַ (1934) איז דערשינען אין העברעאיש דער „ספר קלוזנר", אין וועלכן עס איז אויך פאַראַן אַן אויספירלעכע רשימה פון קלויזנערס ווערק און מאמרים.

**קלונימוס** נאָמען פון אַן אַלטער פאַמיליע חכמים, רבנים, מחברים פון פּיוטים, מיט וועמענס נאָמען עס איז פאַרבונדן די אַנטוויקלונג פון גייסטיקן יידישן לעבן אין איטאַליע און דייטשלאַנד אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער פון מיטלאַלטער. די פאַמיליע שטאַמט פון לוקא אין איטאַליע, און ווי עס דערציילט אַן אַלטע לעגענדע האָט דער קייזער קאַרל דער גרויסער, ענדע 8טן יאָרהונדערט, אַריבערגעבראַכט קיין דייטשלאַנד עטלעכע פון דער קלונימוס־פאַמיליע, כדי צו פאַרשפּרייטן אין דייטשלאַנד יידישע לומדות. באַקאַנט זענען פון דער פאַמיליע זייער פיל פּערזענלעכקייטן. די וויכטיקסטע פון זיי זענען: רבי קלונימוס בן משה (אין מיטן פון 10טן יאָרהונדערט, וואַרשיינלעך אין לוקא), מחבר פון פּיוטים און סליחות;

זיין זון רבי משולם הגדול, מחבר פון איבער 30 פיוטים; רבי קלונימוס בן משולם איז מאינץ לערך יאר 1000, וואַרשיינלעכער מחבר פון „ונתנה תוקף"; רבי קלונימוס איש רומי (אין ענדע 11טן יארהונדערט), מחבר פון פירושים אויף תנ"ך און גמרא, אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די קרייץ־פארער; פון דער פאמיליע שטאמען אויך אפ די פירער פון די חסידי אשכנז רבי שמואל און זיין זון רבי יהודה החסיד. — זע גידעמאן „התורה והחיים".

**קלונימוס בן קלונימוס** (1286 אין פראוואנס, דרום־פראנקרייך—געשטארבן נאכן יאר 1328), פילאזאף, איבערזעצער, פאראדיסט; געווען אין רוים; מחבר פון „אבן בוחן" (פילאזאפיש־עטישע ענינים); איבערזעצט פון אראביש דעם „אגרת בעלי חיים" (משלים און געשפרעכן פון פארשידענע באשעפענישן, אפאריזמען); ער האט אויך איבערגעזעצט אין כתב יד ספרים איבער מאטעמאטיק, אסטראנאמיע, מעדיצין; די גרעסטע באַדייטונג האט זיין „מסכת פורים", פאַראדיע אין סטיל פון דער משנה און גמרא וועגן דער מצוה צו טרינקען אום פורים, אנטהאלט פיל אנצוהערענישן אויף געשעענישן און מענטשן אין זיין צייט. דאס איז די ערשטע פאראדיע אויף דער גמרא, וועלכע איז אונדז באַקאנט; די מסכת פורים איז גדרוקט געווארן דאס ערשטע מאל ווענעציע 1552; פאראן א מיינונג, אז ער איז געווען א חבר פון עמנואל הרומי.

**קליידונג** עס איז אנצונעמען, אז שוין זינט גאנץ אלטע צייטן האבן יידן זיך אינטערעסירט מיט זייער ארט קליידונג פון אנדערע פעלקער, און האבן דעם דאזיקן אונטערשיד אין קליידונג באַטראכט אלס זייער וויכטיק, אלס א געוויסן טייל פון זייער רעליגיע. מיר געפינען אין צפניה א' „ועל כל הלובשים מלבוש נכרי" (און אויף אלע וואס טראגן פרעמדע קליידונג). פאראן א פאלקס־מדרש, וועלכער געפינט זיך ניט אין קיין מדרש, אז די יידן זענען ארויסגעלאזט געווארן פון מצרים אין זכות פון דעם, וואס זיי האבן נישט געענדערט זייערע מלבושים; נאר אין פסיקתא לקח טוב ווערט יא געזאגט, אז יידן האבן אין מצרים געהאט אייגענע קליידונג; פון דאזיקן מדרש איז צו זען, ווי עס איז באַטראכט געווארן די אייגנארטיקע יידישע קליידונג אלס וויכטיק פאר דער דערהאלטונג פון יידן צווישן פרעמדע פעלקער. ווי וויכטיק מען האט אכטונג געגעבן דערויף איז צו זען פון דער גמרא סנהדרין ע"ד, אז מען דארף אכטונג געבן אפילו אויף „ערקתא דמסאני" (די בענדלעך פון די שיך). דער רמב"ם אין משנה תורה (הלכות עכום וחוקותיהם) זאגט „לא ילבש במלבוש המיוחד להם". דאס זעלבע ווערט אויך געזאגט אין שלחן ערוך יורה דעה קע"ח. עס איז זיכער, אז יידן האבן אין אלגעמיין יא איבערגענומען געוויסע קליידונגס־פארמען פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האבן געוואוינט, נאר מיט דער צייט זענען געמאכט געווארן אין זיי ענדערונגען, אזוי אז עס איז אויסגעקומען, דאס די יידן האבן געהאט אן אייגנארטיקע קליידונג. אין די די לעצטע יארהונדערטער אין די לענדער פון מיטל־ און מזרח־אייראפע האבן גאר פרומע יידן שטארק מקפיד געווען אויף טראגן אייגענע יידישע, לאנגע מלבושים. טיילמאל פלעגן רעגירונגען אין מיטלאלטער ארויסגעבן גזירות, אז יידן מוזן דוקא טראגן צייכנס אויף די מלבושים וואס זאל זיי מאכן דערקענען אלס יידן, ווי א געלע לאטע, א מגן דוד (לעצטנס אויך די היטלער־רעגירונג אין די אקופירטע לענדער בעת דער מל־

חמה פון סעפטעמבער 1939); טיילמאל פלעגן רעגירונגען ארויסגעבן פאדערונגען, אז די יידן טארן נישט טראגן די אייגענע יידישע לאנגע מלבושים. אזוי האט געטאן די רוסישע רעגירונג פון צאר ניקאליי דעם 1טן אין די יארן 1840 — 1850. דאס טראגן קורצע אויבערמלבושים האבן חסידים אין פוילן גערופן „דייטש־געקליידט". פרומע יידן האבן געטראגן א לאנגע קאפאטע אדער סאקל, כאלאט (אין זומער), אויפן קאפ א יידיש קיילעכדיק היטל מיט א דאשעק; גאר פרומע יידן פלעגן אויך טראגן אונטער דעם היטל א יארמולקע (קאפל) פון סאמעט אדער זיידנס. אין שבת פלעגן חסידים טראגן אן אטלאסנע אדער זיידענע קאפאטע, און אויפן קאפ א היטל פון סאמעט אדער זיידנס, טיילמאל אויך א שטריימל. צו די יידישע מלבושים געהערט אויך דער טלית קטן, דער קיטל (זע „קיטל") ביי געוויסע געלעגנהייטן. חסידים האבן מקפיד געווען ניט צו טראגן קיין קראוואטן און געפרעסטע קעלנער ביים העמד. די רבנים האבן שטענדיק געטראגן זיידענע מלבושים און אויפן קאפ א קאפעלוש אדער שטיימל. די פרויען פלעגן אין אלגעמיין נישט טראגן מלבושים אנדערע פון די נישט יידישע פרויען. אבער אויך זיי האבן געהאט געוויסע באזונדערע הויז־קליידונג. פרומע פרויען האבן געטראגן אויפן קאפ קופקעס אדער שייטלען. אין די פריערדיקע צייטן האט מען אויך געטראגן באפוצטע שטערנטיכלעך. — וועגן יידישע קליידונג אין דער צייט פון תנ"ך און שפעטער זע רובינס ,גאון יהודה ווירושלים" (זייער ניט וויסנשאפטלעך), און די גרינטלעך וויסנשאפטלעכע ארבעט פון הערשבערג „ההלבשה העברית הקדומה".

**קליר, אלעזר** באדייטנדסטער פייטן, מחבר פון הונדערטער פיוטים, וועגן דער פראגע, ווען און אין וועלכן לאנד האט געלעבט רבי אלעזר הקליר, זענען געשריבן געווארן פיל אפהאנדלונגען, און עס זענען געווען וועגן אים פיל לעגענדעס. אין די פיוטים חתמעט ער זיך (אין די ערשטע בוכשטאבן פון די חרוזים) איין מאל „אני אלעזר ברבי יעקב קליר מקרית ספר". תוספות אין חגיגה י"ג זאגט די מיינונג, אז דאס איז געווען דער תנא אין ארץ ישראל רבי אלעזר ברבי שמעון (אין 2טן יארהונדערט); ראפאפארט אין זיין „תולדות" וויל באווייזן, אז דער קליר האט געוואוינט אין איטאליע צום סוף פון דער צייט פון די גאונים, אין 10טן יארהונדערט, אבער מען געפינט, אז גאונים, וועלכע האבן געלעבט א סך פריער (ווי רב נטרונאי גאון) ברענגען פיוטים פון קליר. ערשט לעצטנס האט מען דורך די אנטדעקטע כתבי יד אין דער „גניזה" (זע זוכווארט „גניזה") באוויזן, אז ער האט געלעבט אין ארץ־ישראל לערך אין 7טן אדער 8טן יארהונדערט און איז געווען א תלמיד פון פייטן ינאי. די פיוטים פון קליר זענען מייסטנס געבויט אויף אלטע מדרשים, (טייל פון די מדרשים זענען פארלוירן געגאנגען). די שפראך איז זייער א שווערע און גאנץ אפט קעגן די כללים פון דקדוק. רבי אברהם אבן עזרא (אין פירוש אויף קהלת „על כן יהיו דבריך מעטים") טרעט ארויס קעגן די פיוטים פון קליר. אבער זיי זענען אנגענומען געווארן ביי אלע יידן. — זע זוכווערטער „ינאי", ,מחזור", „פיוט". — וועגן קליר זע ראפאפארט „תולדות", היידנהיים אינם ,מבוא צו זיינע מחזורים, צונץ „סינאגאגאלע פאעזיע", לאנדסהוט „עמודי העבודה", דאווידזאן „אוצר השירה והפיוט".

**קללה** אין דער יידישער רעליגיע און אין די פאָלקס־גלויבונגען ווערט אָנגענומען, אז דאָס שעלטן איינעם האָט גאַנץ אָפט א ווירקונג. אין תנ"ך געפינען מיר פיל שטעלן מיט קללות, פון וועלכע אַמייסטן כאַראַקטעריסטיש איז דער ספור מיט בלעם, וועמען בלק מלך מואב האָט גערופן צו שעלטן די יידן (במדבר מ'). די קללות אין תנ"ך הויבן זיך אָן געוויינלעך מיטן וואָרט „ארור" (פאַרשאָלטן זאָל זיין), ווי אין חומש בראשית ג' „ארורה האדמה" און פיל אנדערע ערטער. ווען גאָט האָט געגעבן די יידן די תורה האָט ער זיי אויך געגעבן „ברכה וקללה" (דברים י"א), דאָס הייסט, אויב זיי וועלן מקיים זיין די תורה וועלן זיין געבענטשט, און אויב זיי וועלן עובר זיין אויף דער תורה וועלן זיי זיין פאַרשאָלטן. אין דער גמרא געפינען מיר, אז א מענטש זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט א וואָרט פון שעלטן, ווייל עס קאָן מקוים ווערן, דאָס הייסט „אל תפתח פה לשטן" (ברכות י"ט). — זע זוכוואָרט „ברכה".

**קליאַצקין, יעקב** (1882 אין פוילן), העברעאישער שריפטשטעלער, דענקער, ציוניסטישער טעאָרעטיקער, רעדאַקטאָר פון דער גרויסער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ" אין דייטש, פון די 2 בענדער „אשכול" אין העברעאיש, איבערזעצט אין העברעאיש שפינאָזאַ'ס עטיק („תורת המדות"), מחבר פון „תהומים", „קרעים", „ברוך שפינוזה", „הרמן כהן", „משנת הראשונים", „אוצר המונחים הפילוסופיים בעברית", און אנדערע ווערק.

**קמחי, דוד, רד"ק** (1160 נארבאנא — 1235); מפרש פון א ריי ספרים פון תנ"ך, איינער פון די באַדייטנדסטע מדקדקים אין מיטלאַלטער; זון פון רבי יוסף קמחי; מחבר פון „מכלול" (דקדוק), „ספר השרשים" (איינער פון די ערשטע לעקסיקאָנען פון תנ"ך); פון זיין פירוש אויף תנ"ך־ספרים האָט מען זייער געהאַלטן, און מען האָט אויף אים געזאָגט „אם אין קמח אין תורה" (אָן דעם פירוש פון קמחי קאָן מען נישט פאַרשטיין די תורה). ער האָט אויך געשריבן א פירוש אויף „אבות", „מלחמת חובה"; ער איז אַרויסגעטרעטן צו פאַרטיידיקן די פילאָזאָפישע ספרים פון רמב"ם קעגן די אַנטי־פילאָזאָפישע רבנים. אין זיין פירוש אויף תנ"ך באַמיט ער זיך צו דערקלערן פיל ניסים דורך דרך הטבע, די מעשה מרכבה פון יחזקאל איז ער מפרש לויט פילאָזאָפיע.

**קמחי, יוסף** (1105 — 1170), פאָטער פון רד"ק, אליין א באַקאַנטער מדקדק; מפרש פון תנ"ך, מחבר פון פיוטים; מחבר פון „ספר הזכרון", „ספר גלוי", „ספר המונה"; ער האָט איבערזעצט אויף העברעאיש דעם „חובות הלבבות"; זיין עלטערער זון איז געווען רבי משה קמחי (געשטאָרבן לערך 1190), מדקדק און מפרש התנ"ך (די פירושים אויף משלי, עזרא ונחמיה וואָס זענען געדרוקט אויפן נאָמען פון אבן עזרא, געהערן צו אים); ער האָט דער ערשטער זיך באַנוצט מיט „פקד" אין די צייטוואָרט־נייגונגען פון דקדוק.

**קמיע** א שטיקל פאַרמעט צי פּאַפּיר, אויף וועלכן עם זענען אָנגעשריבן הייליקע ווערטער, און דאָס דינט אלס סגולה צו פאַרשידענע זאַכן, קעגן קראַנקייט און אַנדערע אומגליקן. דאָס וואָרט „קמיע" ווערט געבראַכט אין דער משנה און גמרא (שבת קט"ו) און פון דאָרט איז צו זען אַז אויף די קמיעות זענען געווען אָנגעשריבן נעמען פון גאָט. דער יידישער פאָלקס־גלויבן אין קמיעות איז

זייער אַז אַלטער, און האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער צייט פון מיטלאַלטער ביז היינט. מוסטערן פון קמיעות זענען פאַראַן אין ספר רזיאל המלאך. עס זענען אויך פאַראַן באַזונדערע קמיעות־ספרים („ספר קמיעות", „נוסח קמיעות" און אַנדערע). די אָפּשטאַמונג פון וואָרט קמיע איז ניט באַקאַנט. — זע קאָהוטס ערוך השלם, זוכוואָרט „קמיע".

**קמצא, בר קמצא** נעמען פון 2 מענטשן אין ירושלים אין דער צייט פון חורבן בית שני; אין דער גמרא גטין נ"ה דערציילט דער אמורא רבי יוחנן, אַז צוליב דעם וואָס מען האָט באַליידיקט בר קמצא און מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון אַ סעודה צו וועלכער מען האָט אים איינגעלאַדן דורך אַ טעות אַנשטאַט קמצאן, איז בר קמצא אַוועק צום רוימישן קייסער און פאַרמסרט די יידן און דאָס האָט דערפירט צום חורבן ירושלים. טייל היסטאָריקער מיינען, אַז דאָס איז „קעמפּסעס דער זון פון קעמפּסעס", וועגן וועלכע פלאַוויוס אין זיין בוך „מלחמה", דערציילט, אַז ער איז געווען אַן אַנהענגער פון די רוימער.

**קנאה** די מידה פון קנאה ווערט באַטראַכט אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק אַלס איינע פון די ערגסטע מידות. שוין אין די עשרת הדברות (שמות כ') איז פאַראַן דער פאַרבאָט „לא תחמוד"; אויך אַנדערע תנ"ך־ספרים זענען קעגן קנאה (משלי י"ד „ורקב עצמות קנאה"). אין דער משנה אבות ד' ווערט געזאָגט, אַז קנאה איז איינע פון די זאַכן וואָס „מוציאין את האדם מן העולם" (ברענגען אום דעם מענטשן פון דער וועלט). די גמרא (בבא בתרא כ"ב) זאָגט, אַז אין איין זאַך איז קנאה יאָ גוט, „קנאת סופרים תרבה חכמה" (דאָס וואָס איין מלמד איז זיך מקנא אין צווייטן און וויל דורכדעם לערנען בעסער מיט זיינע תלמידים, פאַרשפּרייט דאָס מער חכמה).

**קנאים** אַזוי האָט מען גערופן די יידישע עקסטרעמע פּאַטריאָטן אין דער צייט פון דער מלחמה קעגן די רוימער ביים חורבן פון 2טן בית המקדש. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר מיט די רוימער נישט איינגיין אויף פּשרות, נאָר קעמפן פאַר פולשטענדיקער פרייהייט פון ארץ־ישראל. זייער נאָמען „קנאים" ווערט דערמאָנט אין אבות דרבי נתן פּרק ו'; דאָס וואָרט „קנאים" ווערט געבראַכט נאָך אין עטלעכע ערטער (סנהדרין פּ"א און אַנדערע) אָבער נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער מלחמה. אין גטין נ"ו ווערן זיי אָנגערופן „בריוני" און אויך „סיקריקין"; פלאַוויוס רופט זיי אַן „זעלאָטן" און אויך „סיקאַריער" און ער שרייבט וועגן זיי ווי וועגן אַ באַזונדערער יידישער סעקטע, לעבן די דריי אַנדערע סעקטעס פּרושים, צדוקים, איסיים (מלחמות בוך 2, קאַפּיטל 8; קדמוניות 18, קאַפּיטל ו'). ווי פלאַוויוס דערציילט איז די סעקטע געגרינדעט געוואָרן דורך יהודה הגלילי. — וועגן דער מלחמה זע „חורבן ירושלים". זע אויך „בריוני".

**קנדיא** זע „קרעטא".

**קנה** זע „הקנה".

**קנים** מסכתא משניות אין סדר קדשים, 3פּרקים. אָן תוספתא און גמרא; באַהאַנדלט דינים פון אויסמיש: פון נעסטן פון עופות־קרבנות („קן" אויף העברעיִש אַ „נעסט").

**קנס** (פון דער גריכישער „קסענסאָס" אין לאַטייניש „צענזוס", באַשטראָפן, שטראָף), אויסדרוק אין דער משנה און

גמרא (כתובות פרק ג׳ און אַנדערע), ווי אויך אין שלחן ערוך חושן משפט צו באַצייכענען די געלט־שטראָף וואָס מען לייגט אַרויף אויף איינעם. מען באַנוצט אויך דאָס וואָרט „קנסענען״ נישט דווקא אויף „געלט־שטראָף״ נאָר אויף יעדער שטראָף, וואָס בית דין אָדער קהל לייגט אַרויף אויף איינעם.

**קפיצת הדרך** איבערשפּרינגען דעם וועג; אין די פאַרשידענע יידישע ניסים־ספּורים איז פאַראַן איין סאָרט, וואָס מען באַצייכנט מיטן נאָמען „קפיצת־הדרך״־מעשיות. דאָס זענען מופתים פון צדיקים, וואָס האָבן באַוויזן אין אַ זייער קורצער צייט איבערצושפּרינגען לאַנגע שטרעקעס וועגן. אין דער גמרא סנהדרין צ״א הייסט עס „קפצה לו הארץ״; אין די חסידישע ספּורים ווערן דערציילט ניסים פון קפיצת הדרך וועגן רבי ישראל בעל שם טוב, רבי לייב שרהס און אַנדערע צדיקים.

**קפּריסין (ציפּערן)** אינזל אין מיטלענדישן ים, נישט ווייט פון ארץ־ישראל; לויט טייל מיינונגען זאָל דאָס זיין דער „אי כתים״ (ירמיה ב׳). אין דער גמרא ווערט דערמאָנט דער ווייַן פון קפּריסין „יין קפריסין״ (ברכות ל״ו). אין קפּריסין האָבן געלעבט יידן דורך דער גאַנצער צייט פון בית שני ביז איצט; אין דער לעצטער צייט זענען געווען עטלעכע פּרואוון צו באַזעצן יידן אויף לאַנד אין קפּריסין, און עס זענען דערמיט געווען פאַרבונדן טעריטאָריאַליסטישע פּלענער; געהערט צו ענגלאַנד; עס וואוינען לערך 400 יידן.

**קץ** דער טייטש פון וואָרט „קץ״ איז „דער סוף״, און געוויינלעך מיינט מען דערמיט „דער סוף פון גלות״, די צייט ווען משיח וועט קומען; דאָס שטאַמט פון דניאל י״ב („קץ הפלאות״, „עד עת קץ״). שוין אין דער צייט פון דער גמרא זענען געווען די „מחשבי קצין״ (סנהדרין צ״ז), וועלכע האָבן געפּרואווט אויסרעכענען, ווען משיח וועט קומען, און באַזונדערס האָבן די מפרשים פון פריען מיטלאַלטער (רב סעדיה גאון און אַנדערע) ביז דער נייער צייט (דער מלבי״ם און אויך שפּעטערע) געפּרואווט אויסרעכענען די צייט, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין אַ פאַרשלייערטער פאָרם אין דניאל י״ב. דאָס האָט געהייסן „מגלה זיין דעם קץ״. — זע זוכוואָרט „משיח״.

**קראים** זע „קאַראַאימער״.

**קראָכמאַל, נחמן, רנ״ק** (1785 אין בראָד — 1840, ראש חודש אב ת״ר אין טאַרנאָפּאָל), באַדייטנדסטער יידישער דענקער אין דער נייער צייט, פאָרשער פון וועזן פון יידנטום און יידישער געשיכטע, פאָטער פון דער טיפגזענדער, קריטישער חקירה אין חכמת ישראל, באַגרינדער פון דער מאָדערנער היסטאָריאָזאָפיע פון יידישן פאָלק און יידישער רעליגיע. קראָכמאַל איז געבוירן געוואָרן אין בראָד, און שיין אַלס אינגל האָט ער אַחוץ יידישע לימודים געלערנט אויך עטוואָס וועלטלעכע לימודים און אויך די דייטשע שפּראַך; נאָך זיין חתונה (צו 14 יאָר) קיין זשולקאָוו האָט ער זיך גענומען מיט דער גאַנצער התלהבות צו זעלבסטבילדונג. שטודירט מאַטעמאַטיק, פילאָזאָפיע, באַזונדערס קאַנט און שפּעטער העגעל, און ער האָט אויך, אונטער דעם איינפלוס פון ספר „מאור עינים״ פון רבי עזריה מן אדומים), גענומען פאַרטיפן זיך אין די פּראָבלעמען פון יידנטום און יידישער געשיכטע. צו זיינע חברים און געוויסער מאָס תלמידים האָבן געהערט דער זשולקאָווער רב ר׳ הירש חיות, רבי שלמה

ליב ראפאפארט (שי״ר), בלאך, לעווינזאן; ער פלעגט מיט זיי שמועסן און געבן אנווייזונגען אין גייסט פון יידישער השכלה און יידישער פארשונג; ער האט געהאט אויך פריינט משכילים פון די קאראימער (קעגן חשד, אז ער איז נוטה צו די קאראימער האט קראכמאל פארעפנטלעכט א דערקלערונג); אין זיינע לעצטע יארן האט ער זיך באזעצט אין בראד, וואו ער איז געשטארבן. פארן טויט האט ער געבעטן, אז מען זאל זיינע כתבים איבערגעבן צום רעדאגירן צו זיין פריינט דעם בארימטן געלערנטן, יום־טוב ליפמאן לעאפאלד צונץ. די כתבים האט צונץ ארויסגעגעבן אונטערן נאמען „מורה נבוכי הזמן״ (לויט טייל מיינונגען האט קראכמאל עס געהאט א נאמען געגעבן „תורת אמונה צרופה״), דאס הייסט „דער וועגווייזער פאר די בלאנדזשנדע אין דער איצטיקער צייט״: דאס ספר איז באטראכט געווארן דורך אנגעזעענע משכילים אלס א צווייטער מורה נבוכים (פון רמב״ם). דער „מורה נבוכי הזמן״, וועלכער איז איבערגעדרוקט געווארן 3 מאל, איז ווירקלעך געווארן דער קוואל פון חקירה און וויסן איבער דעם וועזן פון יידנטום פאר אלע ערנסטע יידישע דענקער און סתם אינטעליגענץ זינט דעמאלט ביז היינטיקער צייט. קראכמאל גיט דא — אחוץ זיינע קריטישע פארשונגען איבער מאמענטן פון יידישער געשיכטע, פון דער צייט פון בית שני, ביז ווייט אין מיטלאלטער, איבער דעם תנ״ך, כתובים אחרונים, דער יידיש־אלעקסאנדריאנישער פילאזאפיע, אגדה און הלכה, די מעסיקע תנ״ך־קריטיק פון אבן עזרא — אויך זיין אייגענע פילאזאפישע אנשויאונג איבער דער אנטוויקלונג פון יידישער געשיכטע אין גייסט פון דעמאלט פאפולערן העגעליאניזם, דער היסטאריאזאפיע פון דייטשן פילאזאף העגעל. דאס איז די באמיאונג פון קראכמאל צו געפינען אן ענטפער אויף דער פראגע, פארוואס איז גראד דאס יידישע פאלק, דאס איינציקע פון אלע אלטערטום־פעלקער, געבליבן עקזיסטירן אויף דער ארענע פון דער געשיכטע און איז נישט פארשוואונדן ווי די אלטע מעכטיקערע נאציעס, מצרים, אשור, בבל, פרס און אנדערע. ער נעמט אלס גרונט־געדאנק העגעלס מיינונג, אז א פאלק, פונקט ווי א יחיד, האט א צייט פון יוגנט אויפבלי, דערנאך די מענלעכע צייט פון די געזעצטע מיטעלע יארן, און דערנאך קומט די עלטער, און דערויף די פארשווינדונג, דער טויט. אבער קראכמאל האלט, אז דאס יידישע פאלק טיילט זיך אויס דערמיט, וואס נאך דער צייט פון עלטער, ווערט עס פלוצים ווידער באנייט און האט ווידער א יוגנט, ווידער מיטעלע יארן און ווידער עלטער, און דערנאך ווידער א יוגנט און אזוי כסדר. ער ווייזט אן ווי אין דער יידישער געשיכטע האבן זיך איבערגעחזרט די דאזיקע עפאכעס פון די „דריי צייטן״. ער נעמט די ווערטער פון חומש דעם „לא כצורנו צורם״, אז דער גייסט פון יידישן פאלק איז נישט גלייך צום גייסט פון יעדן אנדער פאלק, אז דאס יידישע פאלק האט דעם „ענין רוחני״ (דאס גייסטיקע וועזן, העגעלס „פאלקס־גייסט״) ניט צוגעבונדן צו קיין דערשיינונג, צו קיין באזונדערער גייסטיקער אייגנשאפט ווי די אמאליקע גריכן האבן געהאט שענקייט און חכמה וכדומה, נאר דער יידישער גייסט איז אבסאלוט, און דעריבער קאן ער זיך שטענדיק באנייען, און עס איז דער חוב פון יידישער משכילים מברר צו זיין און צו ווערן באוואוסט אין זיך פון דאזיקן גייסט (דאס איז אויך אין זין פון העגעלס שיטה וועגן דעם „אבסאלוט וואס קומט צום אייגענעם באוואוסטזיין״). קראכמאל איז זיין דא־

זיקע שיטה מסביר מיט פסוקים פון תנ״ך און ווערטער פון דער משנה און גמרא (די משנה אין אבות „חבה יתירה נודעת להם שניתנה להם כלי חמדה״, דאָס באַוואוסטזיין פון דעם אייגענעם גייסטיקן ווען, דעם „דבר המעמיד״). — קראָכמאַל פאַרנעמט אין דער פאָרשונג פון יידנטום אין דער נייער צייט דאָס אַנגעזעעןסטע אָרט, און זיין איינפלוס איז זייער גרויס אויף די שפּעטערע יידישע נאַציאָנאַלע דענקער (אחד העם און אַנדערע). — זע אין מבוא צו ראַווידאָוויטשעס אויסגאַבע פון „כל כתבי רנ״ק״.

## קראַנץ, יעקבֿ זע „יעקב קראַנץ״.

## קראָקע שטאָט אין פּוילן (הויפּטשטאָט פון מערב־גאַליציע). פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דער יידישער געשיכטע פון פּוילן, ווערט דערמאָנט אַלס יידישער ישוב אין אָנהויב 14טן יאָרהונדערט; געהאַט די באַרימטע רבנים רבי יעקב פּאָלאַק, רבי משה איסערלים (רמ״א), רבי ר׳ הערשל. רבי יואל סירקיש (ב״ח), רבי יום־טוב ליפּמאַן העלער („תוספת יום־טוב״), אין די שפּעטערע צייטן רבי בעריש מייזעלס, רבי שמעון סופר, רבי חיים נתן דעמביצער און אַנדערע; געהאַט פאַר דעם קריג 1939 לערך 60 טויזנט יידן. איצט האָט די היטלער־רעגירונג פון דאָרט פאַרטריבן דעם גרעסטן טייל יידן. — זע „עיר הצדק״ פון צונץ.

## קרבן, קרבנות דאָס וואָרט „קרבן״ איז פון וואָרט „קרב״, דערנענטערן זיך, צודערלאַנגען, און דערמיט האָט מען אָנגערופן דאָס ברענגען צו גאָט אַלס מתנה אַ בהמה, עוף, מעל, וויין, אייל. שוין אין אָנהויב חומש בראשית ד׳ ווערט דערציילט וועגן די קינדער פון אדם הראשון, קין און הבל, אַז זיי האָבן געבראַכט קרבנות (דאָרט הייסט דאָס „מנחה״) צו גאָט. שפּעטער געפינען מיר אין חומש ביי נח, אברהם, יצחק, יעקב, אַז זיי האָבן מקריב געווען קרבנות אויף אַ מזבח צו גאָט. ווען די יידן זענען אַריין קיין ארץ־ישראל האָבן זיי נישט געהאַט איין צענטראַל אָרט פאַר קרבנות, נאָר זיי האָבן מקריב געווען אויף במות, דאָס הייסט אויף הויכע ערטער, מייסטנס אויף אַ שטיין, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס הייליק. ווען שלמה המלך האָט געבויט דאָס בית המקדש אין ירושלים זענען געווען כסדר פיל באַמיאונגען, אַז מען זאָל ניט מקריב זיין קרבנות אויף באַזונדערע במות, נאָר אַלע זאָלן מוזן ברענגען די קרבנות אין בית המקדש, אַזוי ווי פון די ווערטער אין חומש דברים ט״ז „כי אם אל המקום אשר יבחר ה׳ אלהיך לשכן שמו שם״. אָבער פון די ספּורים אין ספר מלכים (באַזונדערס ב׳ י״ז) איז צו זען, אַז די יידן האָבן יאָ מקריב געווען אויף די באַזונדערע במות, און ערשט יאשיהו המלך (מלכים ב׳ כ״ג) האָט דאָס אָפּגעשאַפט. ערשט אין צייט פון 2טן בית המקדש איז דאָס מקריב זיין קרבנות פאַרגעקומען כמעט בלויז אין בית המקדש אין ירושלים (אויסנאַם דער „בית חניו״ אין מצרים, און די שומרונים אויפן הר גריזים אין שכם) און נאָר דורך די כהנים. — די קרבנות זענען געווען פאַרשידענע און זיי ווערן אויסגערעכנט מייסטנס אין ספר ויקרא; אין דער משנה ווערן זיי אויסגערעכנט אין די מסכתות זבחים און מנחות, און אין רמב״ם משנה תורה „הלכות מעשי הקרבנות״. די קרבנות האָט מען געבראַכט סיי אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק ישראל, יעדן טאָג דעם קרבן תמיד, ווי אויך שבת און יום־טוב דעם קרבן מוסף, און אַנדערע, און סיי יעדער ייד באַזונדער: קרבן פּסח, נדרים און נד־

בות, אדער אויב ער האט געטאן אן עבירה בשוגג; די דאזיקע עבירות־קרבנות זענען געווען פארשידענע: חטאות, עולה, אשם, טיילמאל א בהמה, טיילמאל פון מעל, אדער אן עוף. עס זענען געווען נאך אנדערע קרבנות, פון יחידים, ווי למשל, שלמים (יום־טוב האט עס געהייסן „חגיגה“), תודה, בכורים, וכדומה. — וועגן די אלע קרבנות זע אין דער הקדמה צום „תפארת ישראל“ אויף משניות סדר קדשים פון רבי ישראל ליפשיץ, וועלכער גיט דארט גענויע, סיסטעמאטיזירטע פרטים וועגן די אלע קרבנות. — עס איז צו באמערקן, אז די נביאים האבן שטענדיק אויסגעדריקט זייער מיינונג, אז גאט מיינט נישט אזוי קרבנות, נאר דאס גוטע הארץ פון מענטש, דאס טאן גוטע מעשים. אזוי איז אין ישעיה א', ירמיה ז', מיכה ו' („הירצה ה' באלפי אלים — כי אם עשות משפט“). דער רמב"ם אין „מורה נבוכים“ זאגט, אז דער טעם פון די קרבנות איז כדי אפצוגעוואוינען די יידן פון מקריב זיין קרבנות צו די אפגעטער; די מקובלים געפינען אייך אין די קרבנות סודות. — די גמרא ברענגט אין פיל ערטער מאמרים, אז היינט, ווען דאס בית המקדש איז חרוב, זענען די תפילות אנשטאט די קרבנות (תענית כ"ז, ברכות ל"ב און אנדערע ערטער).

**קרוב** נאנטער פאמיליע־מיטגליד; אין דער יידישער רעליגיע האט קרובהשאפט א גרויסע באדייטונג אין פיל הינזיכטן. ערשטנס ביים הייראטן; מיט טייל קרובים טאר מען נישט הייראטן, ווי א שוועסטער, א מומע, ווייבס מוטער, ווייבס שוועסטער ביים לעבן פון ווייב, ברודערס פרוי (געגט אדער אלמנה) וכדומה. צווייטנס וועגן עדות זאגן; א קרוב איז פסול עדות צו זאגן. דריטנס וועגן ירושה; אויב איינער שטארבט נעמען די ירושה די קרובים לויט א סדר, צוערשט גייען זין, דערנאך טעכטער, דערנאך ברידער און אזוי ווייטער.

**קרויס, שמואל** (געבוירן 1866 אין אונגארן), געלערנטער אין חכמת ישראל, לאנגיאריקער פראפעסאר אין ראבינער־סעמינאר אין ווין; מחבר פון „קדמוניות התלמוד“ (תלמודישע ארכעאלאגיע), „די גריכישע און לאטיינישע ווערטער אין תלמוד, מדרש און תרגום“, ווי אויך טייל אנדערע ווערק און אפהאנדלונגען, מייסטנס געשריבן אין דייטש.

**קרי וכתיב** („געלייענט“ און „געשריבן“). עס זענען פאראן ווערטער אין תנ"ך וואס ווערן געשריבן אנדערש ווי זיי ווערן געלעזן. די געשריבענע פארם הייסט „כתיב“ און די געלעזענע פארם הייסט „קרי“. די „מסורה“ (זע זוכווארט „מסורה“) האט פארצייכנט פיל אזעלכע „קרי וכתיב“; פאראן אפילו ווערטער וואס שטייען אינגאנצן נישט געשריבן און זיי ווערן געלעזן, און פארקערט, זיי שטייען געשריבן און ווערן איבערהויפט נישט געלעזן; די ערשטע הייסן „קריין ולא כתיבן“ און די צווייטע הייסן „כתיבן ולא קריין“; זיי ווערן געבראכט אין דער גמרא נדרים ל"ז, אז זיי זענען „הלכה למשה מסיני“, דאס הייסט, אז דאס איז איבערגעגעבן געווארן פון די עלטסטע צייטן אן. — די תנ"ך־קריטיקער ווילן ציען פון די דאזיקע „קרי וכתיב“ די מיינונג, אז עס זענען געווען פארשידענע טעקסטן פון די באטרעפנדע תנ"ך־שטעלן. — זע שמואל ראזנפעלד „משפחת סופרים“ אין חלון י"א וועגן די „קרי וכתיב“.

**קריאת התורה** (דאס לייענען אין ספר תורה). עס איז איינער פון די גאר אלטע מנהגים צו לייענען אין ספר תורה

בציבור אין געוויסע טעג ביים דאַווענען. היינט איז אָנגענומען צו לייענען מאָנטיק און דאָנערשטיק בלויז די ערשטע פּרשה פון דער וואָך־סדרה און מען רופט אויף נאָר דריי פּערזאָן צו עליות (כהן, לוי און ישראל). און שבת די גאַנצע סדרה פון דער וואָך און מען רופט אויף צו עליות 8 פּערזאָן (כהן, לוי, שלישי, רביעי, חמישי, שישי, שביעי (אחרון), מפטיר. מען לייענט אויך ביי מנחה (די ערשטע פּרשה פון דער קומענדער וואָך), אין ימים טובים (די ספּעציעל אָנגעווייזענע פּרשיות, און אויך אַ מפטיר), חול המועד, חנוכה, פּורים, תעניתים (די פּרשה ויחל). דער וואָס גייט אַרויף צום ספר צו דער עליה ווערט אויפגערופן מיט „יעמוד“, און ער מאַכט צוערשט אַ ברכה „אשר בחר בנו“, און דערנאָך, ווי מען האָט אָפּגעלייענט זיין טייל, מאַכט ער די ברכה „אשר נתן לנו“; דער בעל המפטיר זאָגט אויך די ברכות פון דער הפטרה און אויך די הפטרה (זע זוכוואָרט „הפטרה“). דאָס לייענען אין ספר קומט פאָר מיט אַ ספּעציעלער מעלאָדיע דורך אַ בעל־קורא (אַמאָליקע צייטן פלעגט יעדער אויפגערופענער צו דער עליה אַליין לייענען זיין פּרשה). עס איז אויך איינגעפירט צו מאַכן „מי שבירך“ פאַר דעם, וואָס האָט געהאַט די עליה און אויך טיילמאָל פאַר זיינע נאָענטער פאַמיליע און פריינט, און דער פון דער עליה איז דערביי מנדב נדבות אויף פאַרשידענע צוועקן. — אין דער גמרא בבא קמא פ״ב זענען פאַראַן עטלעכע מיינונגען וועגן דער פראַגע, ווען האָט מען איינגעפירט דאָס לייענען אין ספר תורה. לויט טייל שטאַמט עס פון דער צייט פון משה רבנו, לויט אַנדערע פון עזרא הסופר; עס איז זיכער, אַז די קריאת התורה איז אַן אַלטער מנהג, און ווערט דערמאָנט אַלס אַלטער מנהג ביי פלאַוויוס (אין זיין „קעגן אַפּיאָן“, וואו ער שרייבט, אַז דער מנהג צו לייענען שבת האָט איינגעפירט משה רבנו), פּילאָן. — עס איז אויך אַמאָל געווען אַן אונטערשיד אין לייענען די תורה צווישן די יידן פון בבל און ארץ־ישראל. אין בבל האָט מען געלייענט ווי מיר לייענען היינט, לויט דער היינטיקער איינטיילונג פון דעם חומש אין סדרות, אַלזאָ, בראשית, נח, לך און אַזוי כסדר, יעדע וואָך אַ גאַנצע סדרה, אַזוי, אַז אין פאַרלויף פון איין יאָר האָט מען דורכגעלייענט אַלע 5 חומשים, און סוף יאָר האָט מען געענדיקט די תורה. דאַקעגן אין ארץ־ישראל האָט מען איינגעטיילט די חומשים אין קלענערע פּרשיות, אַזוי, אַז מען האָט דורכגעלייענט אַלע 5 חומשים אין פאַרלויף פון 3 יאָר (מגילה כ״ט, „מסקי לדאורייתא בתלת שנין“); דער דאָזיקער ארץ־ישראל־מנהג איז נאָך געווען אין מצרים אין 12טן יאָרהונדערט (דערמאָנט אין „מסעות בנימין“). אַ טייל מדרשים זענען איינגעאָרדנט לויט דעם דאָזיקן סדר פון ארץ־ישראל. — נאָכן לייענען דעם ספר רופט מען אויף איינעם צו ‚הגבה“ (אויפצוהויבן דאָס ספר) און איינעם צו גלילה (איינצעוויקלען דאָס ספר). די תורה ווערט געלייענט נאָר פון אַ ספר געשריבן דורך אַ סופר אויף פאַרמעט (זע „ספר תורה“). די דינים פון לייענען געפינען זיך אין רמב״ם משנה תורה הלכות תפילה און שלחן ערוך אורח חיים רצ״ב און אַנדערע.

**קריאת שמע** (לייענען שמע). לויט דעם יידישן דין דאַרף מען זאָגן יעדן טאָג צוויי מאָל, אינדערפרי און ביינאַכט די פּרשיות ‚שמע ישראל“ (דברים ו׳), „והיה אם שמוע“ (דברים י״א) און די פּרשה פון ציצית „ויאמר ה׳ אל משה“ (במדבר ט״ו). דאָס דאָזיקע רופט מען „קריאת שמע“, און אין יידיש זאָגט מען

„לייענען קריאת שמע". אין די דאָזיקע פרשיות ווערט אויסגעדריקט, אַז גאָט איז איינער און אַז מען דאַרף לערנען און אָפּהיטן די תורה און מצוות און געדענקען יציאת מצרים. פּאַקטיש לייענען פרומע יידן קריאת שמע מער ווי 2 מאָל אין טאָג; באַלד אינדערפרי, נאָכער ביים דאַווענען שחרית, נאָכער ביי מעריב און אויך ביים גיין שלאָפן (קריאת שמע על המיטה, נאָר די ערשטע פּרשה). אין דער משנה תמיד פּרק ה' ווערט דערציילט, אַז מען האָט אין בית המקדש געזאָגט קריאת שמע. אין דער משנה ברכות פּרק א' ווערן געבראַכט די דינים ווען צו זאָגן קריאת שמע („קורין את שמע"). אין ברכות י"ג ווערט דאָס אויך אָנגערופן „קבלת עול מלכות שמים" (דאָס נעמען אויף זיך דעם עול פון דעם הימלישן קעניגרייך, דאָס הייסט פון גאָטס הערשאַפט). דעם פּסוק „שמע ישראל" זאָגט מען זייער הויך און מען האַלט צו די אויגן מיט דער האַנט און מען דריקט דאָס וואָרט „אחד"; דאָס האָט אַלס גרונט אין דער גמרא ברכות י"ג; קריאת שמע ווערט אויך געזאָגט אין טייל אַנדערע פאַלן, ווי למשל אין אַ סכנה, אַלס סגולה קעגן שלעכטע גייסטער (קינדער ביי אַ קימפּעטאָרין וכדומה). — וועגן „שמע ישראל", זע זוכוואָרט „שמע ישראל".

## קריג

זע „מלחמה".

## קרייץ־פּאָרער (נוסעי הצלב)

מיט דעם נאָמען האָט מען אָנגערופן די אַלע קריסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַן די באַוועגונגען פון ענדע 11טן יאָרהונדערט, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו גיין קיין ארץ־ישראל און דורך מלחמה קעגן די מאַכמעדאַנער צו באַפרייען דעם קבר פון ישו הנוצרי אין ירושלים און איבערהויפּט גאַנץ ארץ־ישראל פון די מאַכמעדאַנער. מען טיילט איין די דאָזיקע באַוועגונג אין עטלעכע צייטן, אין די ערשטע, צווייטע, דריטע און אַפילו פערטע און פינפטע. אין דער יידישער געשיכטע זענען די דאָזיקע „מסעי הצלב" (קרייץ־פאָרעריי) באַצייכנט אַלס די שרעקלעכסטע גזרות און שחיטות קעגן יידן. — די ערשטע קרייץ־פאָרער האָבן אָנגעהויבן זייער מאַרש אין צפון־פראַנקרייך אונטער דער פירונג פון גאָדפריד פון בוליאָן אין יאָר 1096, און לויט דער יידישער דאַטע ד' אלפים תתנ"ו; אַחוץ די אָרגאַניזירטע ריטער זענען אויך מיטגעגאַנגען מאַסן פון פאָלק, וועלכע זענען געוואָרן געהעצט, אַז איידער מען גייט אויף ארץ־ישראל זאָל מען פריער אויסשעכטן די „אינערלעכע שונאים פון קריסטוסן", די יידן. זיי זענען באַפאַלן אַלע שטעט אין צפון־פראַנקרייך, עלזאַס, מערב־דייטשלאַנד, אַזעלכע קהלות ווי שפּייער, וואָרמס (ווירמיזא), מאַינץ (מגנצא), קעלן און די אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין דער דאָזיקער געגנט. דעמאָלט איז פאָרגעקומען די שרעקלעכע שחיטה אויף יידן, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען גזרת תתנ"ו (פון יאָר תתנ"ו). די שחיטות האָבן אַרומגענומען כמעט אַלע שטעטלעך אין דער געגנט פון טייך רהיין. עס זענען געווען טייל פירשטן, בישאָפן, וועלכע האָבן געוואָלט די יידן ראַטעווען, אָבער דער אַנפאַלנדער המון האָט געקעמפט אויך קעגן די פעסטונגען פון די בישאָפן, וואו די יידן זענען געווען באַהאַלטן. דער גרעסטער טייל יידן האָט מקדש השם געווען, און נישט מסכים געווען צו שמדן זיך, אַזוי, אַז זיי זענען אַלע אומגעקומען. עס זענען געווען פאַלן ווען עלטערן, מורא האָבנדיק, אַז זייערע קליינע קינדער וועלן גענומען ווערן מיט צוואַנג צו שמד, האָבן אַליין געשאָכטן זייערע קינדער. עס זענען גע־

ווען עטלעכע פֿאַלן, ווען יידן האָבן זיך נוקם געווען. איינער פֿון זיי, אַ בחור, שמחה הכהן אין וואָרמס, האָט דערקלערט, אַז ער איז גרייט זיך צו שמדן, און ווען מען האָט אים גענומען אין דער קירכע האָט ער מיט אַ מעסער דערשטאָכן אַן אָנגעזעענעם פֿירער פֿון די נוסעי הצלב. אין טריער האָבן טייל יידן זיך יאָ געשמדט, נאָר שפּעטער זענען אַלע צוריק געוואָרן יידן. מען נעמט אָן, אַז אין די דאָזיקע שחיטות זענען אומגעקומען ביי 50 טויזנט יידן. עס זענען געשריבן געוואָרן קינות און סליחות צום אָנדענק פֿון די דאָזיקע קדושים פֿון גזרת תתנ״ו (די באַקאַנטע קינה „מי יתן ראשי מים״ און אַנדערע). עס זענען אויך געבליבן אויפֿגעצייכנטע רשימות, ווי דער „קונטרס גזרת תתנ״ו פֿון רבי אליעזר בר נתן (ראב״ן)״, „קונטרס וורמיזא״ און אַנדערע. ווען דער דעמאָלטיקער דייטשער קייזער היינריך דער 4טער, וועלכער האָט זיך געפֿונען דעמאָלט אין איטאַליע, איז צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד, האָט ער באַדויערט די שחיטות און ער האָט פֿאַראָרדנט, אַז אַלע יידן, וואָס האָבן זיך געשמדט, קאָנען צוריק ווערן יידן. — צו דער „גזרת תתנ״ו״ קאָן מען אויך צוגעבן די שרעקלעכע שחיטה וואָס די קרייץ־פֿאָרער האָבן געמאַכט אויף יידן אין ארץ־ישראל, באַזונדערס אין ירושלים אין יאָר תתנ״ט (1099); מען נעמט אָן, אַז עס זענען דעמאָלט געפֿאַלן איבער 20 טויזנט יידן; אין ירושלים האָבן די יידן זיך פֿאַרזאַמלט אין די שולן; די קרייץ־פֿאָרער האָבן אונטערגעצונדן די שולן און די יידן זענען פֿאַרברענט געוואָרן. — די צווייטע קרייץ־פֿאָרעריי איז פֿאָרגעקומען אין יאָר תתק״ו (1146) און אויך דעמאָלט זענען אומגעקומען פֿיל יידן. די דריטע איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1190 (תתק״נ) און אַמייסטן האָבן געליטן די יידן אין ענגלאַנד, און באַזונדערס די קהילה אין יאָרק, וואו די גאַנצע קהילה איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זייער רב רבי יום־טוב בן יצחק. שרעקלעך פֿאַר יידן איז אויך געווען די אַזוי־גערופֿענע „פּאַסטוכער־קרייץ־פֿאָרעריי״, „גזרת הרועים״ אין יאָר 1320, אין וועלכער עס זענען אומגעקומען יידן אין פֿראַנקרייך. — די קרייץ־פֿאָרעריי־שחיטות האָבן געהאַט דעם אומגעוויינלעכסטן איינפֿלוס אויפֿן יידישן לעבן. אָנגעזעענע קהילות זענען געוואָרן צושטערט; די יידן, וואָס זענען געבליבן, זענען געוואָרן אונטערוואָרפֿן אונטער דעם „שוץ״ פֿון קייזער און די פֿירשטן אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער; אָבער פֿאַקטיש זענען די יידן געוואָרן שוצלאָז דורך דער גאַנצער צייט פֿון מיטלאַלטער. דאָס יידישע לעבן אין דייטשלאַנד איז אינערלעך געוואָרן באַגרענעצטער. צפֿון־פֿראַנקרייך און מערב־דייטשלאַנד, וועלכע זענען דעמאָלט געווען דער צענטער פֿון יידנטום, זענען אַראָפּגעפֿאַלן אין באַדייטונג; יידן האָבן גענומען וואַנדערן פֿון דאָרט און זענען ביסלעכווייז אַוועק אין די סלאַווישע לענדער, באַזונדערס קיין פּוילן, און אַזוי אַרום איז דער צענטער פֿון יידנטום מיט דער צייט אויך איבערגעטראָגן געוואָרן אין די סלאַווישע לענדער. די שרעקלעכסטע ווירקונג האָבן די מסעי הצלב געהאַט אויף דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. ביז דעמאָלט האָט ארץ־ישראל געהאַט אַ באַדייטנדן יידישן ישוב, וואָס האָט עקזיסטירט אומאויפֿהערלעך פֿון די אַלטע צייטן אָן. די נוסעי הצלב האָבן דעם דאָזיקן ישוב פֿאַרניכטעט. — פֿון יענע צייטן שטאַמען פֿאַרשידענע מנהגים, דאָס איינפֿירן די תפֿילה „אב הרחמים״ פֿאַר די קדושים וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם און אַנדערע מנהגים. — וועגן די קרייץ־פֿאָרער־שחיטות אויף יידן

זענען געבליבן קליינע רשימות, כראניקעס אין העברעאיש. א גרינטלעכע אפהאנדלונג וועגן זיי גיט גרעץ אין דברי ימי ישראל חלק ד׳ צום סוף אין ציון ה׳ און אויך די באמערקונגען פון הארקאווי־הרכבי.

**קרים** האלב־אינזל אין דרום־רוסלאנד, אויפן ברעג פון שווארצן ים, לערך 800 טויזנט איינוואוינער, צווישן זיי לערך 50 טויזנט יידן; די יידן וואוינען דא זינט גאר אלטע צייטן, לויט איין טראדיציע זינט דעם חורבן בית ראשון; יעדנפאלס האבן מיר זיכערע ידיעות וועגן יידן אין קרים זינט דעם 5טן יארהונדערט. באזונדערס האט זיך פארגרעסערט דער יידישער ישוב אין קרים אין דער צייט פון דער הערשאפט פון די כוזרים איז קרים אין 7טן יארהונדערט, און שפעטער אין 8טן און 9טן יארהונדערטער, אזוי, אז די יידן אין קרים האבן געהאט די ווירקונג אויף די כוזרים, אז זיי זאלן זיך מגייר זיין. שפעטער געפינען מיר די יידן אין קרים צעטיילט אין דריי קלאסן: 1) די גאר אלטע קרימער יידן, די אזוי־גערופענע קרימער יידן, די אזוי־גערופענע „קרימטשאקעס’’’; 2) „קאראאימער’’;) 3) יידן וואס זענען געקומען פון די סלאווישע לענדער, אוקראינע, בולגאריע, פוילן און אנדערע. די דאזיקע איינטיילונג איז געווען ביז דער סאמע לעצטער צייט. די קרימטשאקעס, וועלכע רעדן א טאטערישע שפראך, זענען אייגנטלעך יידן, וואס האלטן אויך פון תורה שבעל פה (נישט קיין קאראימער), אבער זיי האבן אייגענע געוויסע מנהגים. קרים האט ארויסגעגעבן אנגעזעענע רבנים (רבי אברהם קרימי, רבי ברוך הקלעי און אנדערע). באקאנט זענען די אנטדעקונגען פון מצבות, וואס דער קאראאימער אברהם פירקאוויטש האט געפונען אין קרים (זע „פירקאוויטש’’). — אין דער צייט פון דער הערשאפט פון ראטנפארבאנד זענען געמאכט געווארן פרואוון צו שאפן אין קרים אן אויטאנאמען יידישן ישוב און באזעצן דארט יידן אויף ערד. עס זענען געגרינדעט געווארן יידישע קאלאניעס זינט דעם יאר 1924 („קאלינין־דארף’’ און אנדערע); עס זענען באזעצט געווארן אויף לאנד לערך 15,000 יידן. עס זענען אויך געגרינדעט געווארן יידישע שולן, ווירטשאפטלעכע קאמונע־ארגאניזאציעס. — זינט דער מלחמה פון היטלער קעגן רוסלאנד (1941) זענען די אלע ישובים פארניכטעט געווארן. — וועגן די יידן אין קרים אין די עלטערע צייטן זע דיינארדס „משא קרים’’.

**קריסטנטום** איבער ישו הנוצרי זע זוכווארט „ישו’’; מיר ווילן דא געבן איבער דער באציאונג פון קריסטנטום צום יידנטום. אונטער דעם איינפלוס פון די לענגערע פארשונגען פון אזעלכע יידישע געלערנטע ווי גרעץ (אין דער העברעאישער איבערזעצונג „דברי ימי ישראל’’ חלק ט׳ צום סוף), קלויזנער („ישו הנוצרי’’), קרויס און אנדערע, ווערט געוויינלעך אנגענומען, אז די ערשטע באוועגונגען (מיר זאגן „באוועגונגען’’, ווייל באמת זענען געווען א סך באוועגונגען אפט איינע אין סתירה צו דער צווייטער) פון קריסטנטום, אין 1טן און אויך אין 2טן יארהונדערט, זענען געווען אינגאנצן אין יידישן לאגער, און מען קאן זיי באטראכטן אלס סכיזמע, אלס אפנייגונג פון טראדיציאנעלן יידנטום. דער „עוואנגעליום’’ („ברית חדשה’’, נייער טעסטאמענט’’), איז געשריבן געווארן דורך פערזאנען, וואס זענען געבוירן געווארן יידן און האבן זיך באטראכט אלס יידן, נאר אלס אזעלכע וואס האבן אויך א צוגאב־גלויבן אין ישו הנוצרי. מיר

וועלן דעריבער באַטראַכטן צוערשט די פראַגעז אַרום דעם עוואַנגעליום. — דער עוואַנגעליום באַשטייט פון פיל טיילן. דעם באַדייטנדסטן אָרט פאַרנעמען די דערציילונגען וועגן ישוס געבורט און זיינע ניסים און זיין טויט און ווי ער האָט זיך צוריק באַוויזן צו די תלמידים, און אין די דערציילונגען זענען אויך איינגעפלאָכטן געוויסע לערעס, וואָס זאָלן שטאַמען פון ישו. די דאָזיקע ביכער זענען מתי, לוקאַס, מאַרקס און יוחנן (וועגן די דערציילונגען געבן מיר אין זוכוואָרט „ישו הנוצרי"). מען נעמט אָן, אַז די דערציילונגען זענען נישט געשריבן געוואָרן פריער ווי אין דעם 2טן יאָרהונדערט, און זיי זענען באַאַרבעט געוואָרן פון פריערדיקע לעגענדעס־זאַמלונגען, וועלכע זענען וואַרשיינלעך געשריבן געווען אין אַראַמעאיש (די עוואַנגעליומס האָבן מיר אין גריכיש). וואָס אַנבאַלאַנגט די לערעס, באַזונדערס די „דרשות פון באַרג" מיט זייערע מאָראַליש־עטישע אָנווייזונגען, זענען זיי זיכער גענומען געוואָרן פון דער יידישער איסיים־סעקטע און אויך פון סתם יידישע חכמים (דאָס נישט קעגנשטעלן זיך קיין גוואַלדטאַט, דאָס ליב האָבן אַפילו דעם שונא, די אידייען וועגן מלכות שמים, אַפילו די תפילה פון „אונזער פאָטער אין הימל"). דער צווייטער טייל פון די עוואַנגעליום־ביכער באַשעפטיקן זיך מיט די היסטאָרישע שילדערונגען פון די געשעענישן נאָך ישוס טויט, און דער איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין שאול פון תרשיש, וועלכער איז פון אַ שונא פון קריסטן געוואָרן אַליין אַ קריסט און דער באַדייטנדסטער אַפּאָסטאָל, געבנדיק זיך דעם נאָמען פּאַולוס; צו דעם טייל געהערן אויך די בריוו פון פּאַולוס (צו די „העברעער", און אַנדערע), אין וועלכע עס ווערט שוין אָנגעוויזן נישט אויף דעם אַזוי־גערופענעם „יידישן" כאַראַקטער פון דער נייער רעליגיע, נאָר פאַרקערט אויף דעם אַנטי־יידישן כאַראַקטער, דאָס אָפּשאַפן פון אַלע יידישע מצוות, דאָס אונטערשטרייכן אַז דער גלויבן אין ישו איז דער איינציקער עיקר פון אַלעם, די אַנטי־יידישע לערע וועגן ישוס געטלעכקייט. צום דריטן טייל געהערן די בריוו פון די אַנדערע אַפּאָסטאָלן (יעקב, פּעטרוס, יהודה, יוחנן) און אויך די אַפּאָקאַליפּסן פון יוחנן) און אויך די אַפּאָקאַליפּסע פון קריסטנטום האָבן די קריסטן זיך באַטראַכט אַלס יידן נאָר מיט דעם צוגאָב פון גלויבן אין ישו אַלס משיח אָדער אַלס גאָטס זון. זיי האָבן אויך מקיים געווען אַלע מצוות. ערשט פּאַולוס האָט אַריינגעבראַכט די גרויסע ענדערונג, דערקלערנדיק אַלע יידישע מצוות אַלס נישט מער גילטיק און גענומען פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום צווישן אַנדערע פעלקער. אַ לאַנגע צייט האָבן עקזיסטירט איינע לעבן דער צווייטער צוויי קריסטלעכע קירכן, איינע אַ „יידישע" און איינע אַ „היידנישע" (אַ נישט־יידישע); ערשט מיט דער צייט האָט די נישט־יידישע קירכע מנצח געווען. און עס איז פאָרגעקומען דער פולשטענדיקער אָפּריים, און דאָס קריסטנטום איז אינגאַנצן אָוועק פון יידנטום. — וועגן דער באַציאונג פון דער קריסטלעכער וועלט צו יידן איז שווער צו זאָגן אַ באַשטימטע מיינונג. אין אַלגעמיין איז די באַציאונג געווען אַ פיינטלעכע, און פיל שרעקלעכע גזרות און שחיטות אויף יידן אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט (אונטער די גאָטן אין שפּאַניע, קרייצפאַרער, אינקוויזיציע און גרוש שפּאַניע. די גזרות אין צאַרישן רוסלאַנד, און בכלל די פיל אַנדערע גזרות) זענען געווען אונטער דעם איינפלוס פון רעליגיעזער פאַרפאָלגונג מצד דעם קריסטנטום (מיר דערמאָנען דעריבער נישט אַנדערע שחי־

טות ווי גזרת ת"ח און אנדערע, וועלכע האבן געהאט אלס הויפט־מאטיוו נישט אזויפיל דעם מאטיוו פון רעליגיעזער פארפאלגונג). אבער גלייכצייטיק זענען אויך געווען ליכטיקע מאמענטן פון גר־טער באציאונג מצד קריסטלעכע הער־שער, פויפסטן, און ברייטערע קריסט־לעכע קרייזן, ווירקלעך פרומע קריסטלע־כע קרייזן, צו יידן (קראמוועל אין ענג־לאנד, די פארשידענע פויפסטן וכדומה). אין אלגעמיין קאן נאר געזאגט ווערן, אז דער גרעסטער טייל גזרות אויף יידן אין מיטלאלטער האבן געשטאמט פון די אפיציעלע גלחים־סינאדן. — וועגן דער פארהעלטעניש און אונטערשידן אין די עטישע לערעס פון יידנטום און קריסטנ־טום זענען געשריבן געווארן פיל אפ־האנדלונגען. אין העברעאיש איז באַ־קאנט אחד העמס „על שתי הסעיפים" (זע זוכווארט „אחד העם") ווי אויך די ארבעטן פון קלויזנער „ישו הנוצרי" און מישו ועד פולוס", ווי אויך ש. י. איש הורוויץ אין זיין „מאין ולאן" קעגן אחד העמס מיינונג.

**קריעה** (צעריסן). עס איז גאר אן אלטער מנהג, אז ווען ביי איינעם שטארבט א נאענטער קרוב זאל ער מאכן א ריס אין די קליידער אלס צייכן פון טרויער (זע זוכווארט „אבל"). עס איז איינגעפירט, אז מען רייסט קריעה אויף פאלגנדע קרובים: פאטער, מוטער, זון, טאכטער, ברידער, שוועסטער, פרוי; מען מאכט דעם ריס אין מלבוש אין דער הויך לעבן האלז; אויף עלטערן אין דער לינקער זייט, און אויף אנדערע קרו־בים אין דער רעכטער זייט. אין דער גמרא (מועד קטן כ"ו) ווערט געבראכט, אז מען דארף רייסן קריעה אויך ווען מען דערהערט שלעכטע בשורות וועגן יידן, ווען א ספר תורה ווערט פארברענט, ווען מען זעט ירושלים און אויך אנדע־רע שטעט פון לאנד יהודה ווען זיי זע־נען חרוב.

**קריעת ים סוף** (איבעררייסן, שפאלטן דעם ים סוף, דעם רויטן ים); דאס איז איינער פון די באדייטנדסטע ניסים, וועגן וועלכן דער חומש דערציילט, אז גאט האט געטאן צו העלפן די יידן. דער סיפור דערפון איז אין חומש שמות י"ד — ט"ו. עס ווערט דערציילט, אז ווען די יידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האט פרעה מלך מצרים צוזאמען מיט זיין גאנצן חייל זיי נאכגעיאגט; די יידן האבן זיך געפונען ביים ים־סוף. גאט האט גע־הייסן משה רבנו א נויג צו טאן מיט דער האנט אויפן ים, און דאס וואסער איז געווארן געשפאלטן, און די יידן זענען אריבער דעם ים אין דער טרוקעניש. ווען די מצריים זענען אריין אין ים, איז דאס וואסער צוריקגעקומען און די מצ־ריים זענען דערטרונקען געווארן. לכ־בוד דעם נס האט משה צוזאמען מיט די יידן געזונגען שירה. — וועגן קריעת ים־סוף האבן די מפרשים אין מיטלאלטער געשריבן פיל מיינונגען. רבי אברהם אבן עזרא אין דעם פירוש אויף חומש ברענגט די מיינונג פון חיוי הבלכי (זע „חיוי הבלכי"), אז משה רבנו האט גע־וואוסט די צייט ווען דאס וואסער פון ים טרעט אפ און ווען עס קומט צוריק (אפפלוס און צופלוס), און ער האט דורכגעפירט די יידן אין דער אפפלוס־צייט. דאס איז געווען די מיינונג פון טייל מפרשים ראציאנאליסטן, וועלכע האבן נישט געגלויבט אין ניסים קעגן די נאטור־געזעצן און האבן געפרואווט מס־ביר זיין די ניסים פון חומש לויט דרך הטבע. דער אבן עזרא שרייבט דערויף „ואלה דברי שגעון" און טרעט ארויס שארף קעגן דער מיינונג.

**קריה, קרית** דער טייטש פון העברע־אישן ווארט „קריה" איז א גרויסע

שטאָט (דברים ב׳ „לא היתה קריה״). טייל שטעט אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון תנ״ך, און לעצטנס אין דער נייער צייט (געגרינדעט ערשט איצט) ווערן אָנגערופן מיט קריה און נאָך אַ וואָרט: „קרית יערים״ (יהושע ט׳ און אַנדערע ערטער); „קרית ספר״ (יהושע י״ב און אַנדערע ערטער); קרית ארבע (חברון); אין דער לעצטער צייט זענען געגרינדעט געוואָרן: „קרית ביאליק״, „קרית חיים״, „קרית מוצקין״, „קרית עבודה״, „קרית ענבים״, „קרית שאול״.

**קרן היסוד** (פאָנד פון גרינדונג), די פינאַנץ־אינסטיטוציע פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער יידישער אַגענץ, געגרינדעט אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן 1920, כדי צו זאַמלען די פינאַנציעלע מיטלען, וואָס זאָלן העלפן דעם אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל. דער קרן היסוד ווערט צונויפגעזאַמלט יערלעך פון יידן אין אַלע לענדער אין דער פאָרם פון אַ יערלעכן אָפּצאָל, און די געזאַמלטע געלטער ווערן אויסגעגעבן לויט דעם בודזשעט, וואָס ווערט באַשטימט דורך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און אַדמיניסטראַטיווער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ. ביז 1940 האָט דער קרן היסוד אַריינגעבראַכט לערך 35 מיליאָן דאָלער. אַ דריטל דערפון איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע; די איבעריקע געלטער אויף שולן און אַנדערע דערציאונגס אַנשטאַלטן, געזונטהייט, עליה (אימיגראַציע), שטאָטישער קאָלאָניזאַציע, האַנדל, אינדוסטריע וכדומה. דאָס הויפּט־דירעקטאָריום פון קרן היסוד געפינט זיך איצט אין ירושלים. די הויפּט־דירעקטאָרן זענען איצט א. האַנטקע, לייב יפה און קורט בלומענפעלד. די שליחים פון קרן היסוד פאָרן אָפּט אַרום אין די גלות־לענדער און העלפן צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון ארץ־ישראל.

**קרן קיימת לישראל (קק״ל)** טייטש „אייביקער פאָנד פאַר יידן״; מען רופט אים בקיצור „קרן קיימת״. דאָס איז דער פאָנד אויף אויסצוקויפן אין ארץ־ישראל די ערד, און זי זאָל בלייבן אויף אייביק דאָס אייגנטום פון יידישן פאָלק; געגרינדעט 1902 אויפן 5טן ציוניסטישן קאָנגרעס אויפן גרונט פון פאָרשלאָג פון פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּירא אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס; דער קרן קימת האָט ביז 1940 אויסגעקויפט לערך 400,000 דונאַם, אויף וועלכע עס זענען געגרינדעט געוואָרן קאָלאָניעס, שטאָטישע אינסטיטוציעס, געפלאַנצט וועלדער („יער הרצל״ און אַנדערע). דער קרן קיימת זאַמלט די געלטער אין דער פאָרם פון ביישטייערונגען אין קופּסאָות (פּושקעס), איינמאָליקע נדבות, ירושות, איינשרייבונגען אין „גאָלדענעם בוך״, באַזאַרן וכדומה. דאָס הויפּט־דירעקטאָריום געפינט זיך אין ירושלים. דער הויפּט־דירעקטאָר איז זינט 1921 ביז זיין טויט אין 1941, געווען מנחם מענדל אוסישקין. איצט ווערט ער פאַרוואַלטעט דורך 3 פּערזאָן, הרב מאיר בערלין, דר. גראַנאָווסקי און בערל קאַצנעלסאָן.

**קרעטע**, אויך קאַנדיאַ, „קנדיה״ („כפתור״ און „כרתי״ פון תנ״ך); אינזל לעבן גריכנלאַנד אניפן מיטלענדישן ים; יידן האָבן דאָרט געוואוינט אין די גאָר אַלטע צייטן; אין שפּעטערן מיטלאַלטער געפינען מיר אין קרעטע גרעסערע יידישע קהלות, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס פאַרגרעסערט נאָכן גרוש שפּאַניע (1492); גרויסע רבנים און מחברים האָבן געשטאַמט פון קרעטע.

צווישן זיי די משפחות דילמידיגו, קפסאלי און אנדערע; דער באקאנטסטער פון זיי איז רבי יוסף שלמה הרופא דילמידיגו, באקאנט אלס „יש״ר מקנדיא״, מחבר פון „אילם״. היינט געפינען זיך לערך 600 יידן אויף אן אלגעמיינער צאל פון 400 טויזנט איינוואוינער.

**קרשקש חסדאי, בן יהודה** (לעז „קרעסקעס״); געבוירן לערך 1340 אין בארצעלאנא — געשטארבן אין סאראגאסא נאכן יאר 1410; בארימטער יידישער פילאזאף אין שפאניע, מחבר פון ספר „אור ה׳״ (אויך געהייסן „נר מצוות״); תלמיד פון ר״ן (רבנו נסים); רבי פון רבי יוסף אלבו (מחבר פון „עקרים״); זיין איינציקער זון איז אומגעקומען אין שפאניע אויף קידוש השם אין דער גרויסער שחיטה, יאר קנ״א (1391); געשריבן אויך א פאלעמישע אפהאנדלונג קעגן קריסטנטום „מאמר בבטול עיקרי הנצרות״. אין זיין ספר „אור ה׳״ טרעט ער ארויס שארף קעגן דער פילאזאפישער שיטה פון אריסטאטלס, אין וועלכער עס האט זיך געהאלטן דער רמב״ם אין „מורה נבוכים״; ער איז דער אנהענגער פון דער מיינונג, אז דער מענטש האט יא א פרייען ווילן און, אז דער מהות פון מענטש איז זיין רצון; ער דריקט אויס שטארק פאנטעאיסטישע מיינונגען און גלייכצייטיק טיפע רעליגיעזע אמונה; עס איז באוויזן געווארן, אז קרשקש האט געהאט א גרויסע השפעה אויף שפינאזא און ווארשיינלעך אויך אויף יהודה אברבנאל („דיאלאג וועגן ליבע״). קרשקש שטעלט פעסט 8 עקרים אין דער יידישער אמונה: 1) מציאות השם (עקזיסטענץ פון גאט); 2) ידיעת ה׳ (גאט ווייסט אלץ וואס דער מענטש טוט); 3) השגחת ה׳; 4) נבואה; 5) בחירה חפשית (מענטש האט א פרייען ווילן); 6) תורה תכלית המציאות (דער תכלית פון דער גאנצער וועלט איז די תורה); 7) השארת הנפש״ (די נשמה פון מענטש לעבט אייביק); 8) תחיית המתים. — זע „דעת אלהים״ פון דר. שמעון בערנפעלד.

**קשר** זע „תפילין״.

# ר

**ר (ריש)** דאס 20טע אות אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; אלס ציפער באדייט עס 200; דער „ר'' מיט אן איבערשטריך, ר', ווערט באנוצט אלס ראשי־תבות פון ווארט רבי און ווערט צוגעגעבן צום נאמען פון א פערזאן, למשל, „ר' אברהם''.

**ראב''ד** זע „אברהם בן דוד''.

**ראבינער, ראבי** זע זוכווארט „רב''.

**ראובן** עלטסטער זון פון יעקב אבינו און לאה (בראשית כ''ט); שטאמפאטער פון שבט ראובן; לויט דעם תנ''ך האט מען פון אים צוגענומען די בכורה און אוועקגעגעבן צו יוסף, ווייל ער, ראובן, האט „פארשוועכט דאס געלעגער פון זיין פאטער'' (בראשית מ''ט, דברי הימים א' ה'). דער שבט ראובן האט זיך באזעצט נישט אין אייגנטלעכן ארץ־ישראל נאר אין עבר הירדן, צפון פון טייך ארנון (במדבר ל'ב און יהושע י''ג); אין אלגעמיין באמערקט מען אין דער געשיכטע פון יידן אין דער צייט פון בית ראשון זייער ווייניק פון שבט ראובן.

**ראובני, דוד** זע „דוד הראובני''.

**ראזענהיים, יעקב** (געבוירן 1871 אין פראנקפורט אם מאין), איצט אין ניו־יארק; געוועזן פון די הויפט־פירער פון דער יידישער ארטאדאקסיע אין דייטשלאנד; גרינדער (און איצט פרעזידענט) פון „אגודת ישראל''.

**ראזנפעלד, מאריס** (1862 אין רוסלאנד — 1923 אין אמעריקע); יידישער סאציאליסטישער פעליעטאניסט און ארבעטער־דיכטער; זיינע לידער, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט ליריזם און טרויער איבער דעם גורל פון יידישן ארבעטער, זענען געווען זייער פאפולער; א זאמלונג פון זיינע שריפטן איז דערשינען אין 6 בענדער; פרטים אין רייזנס „לעקסיקאן''.

**ראזנצווייג, פראנץ** (1886 — 1929 אין דייטשלאנד); יידיש־דייטשער דענקער און טעאלאג, צוזאמען מיט מארטין בובער איבערזעצט אויף דייטש דעם תנ''ך, ווי אויך טייל לידער פון ר' יהודה הלוי; געשריבן אין דייטש „דער שטערן פון דער גאולה''; געהאט א גרויסע השפעה אויף דער יידיש־דייטשער יוגנט אין הינזיכט פון רעליגיעזיטעט.

**ראטשילד** יידישע רייכע פאמיליע; איר אפשטאמונג איז פון פראנקפורט אם מיין פון 17טן יארהונדערט, וואו די אור־עלטערן פון דער פאמיליע האבן געוואוינט אין א הויז מיט א „רויטער שילד''; די ראטשילד־פאמיליע האט ביז אין דעם ערשטן פערטל פון 20טן יארהונדערט פארנומען דאס העכסטע ארט אין דער אינטערנאציאנאלער פינאנס־וועלט. און די באנק־הייזער פון די ראטשילדס זענען געווען אין עסטרייך, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, איטאליע; ערשט מיט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם פאל פון פאריז 1940 איז דער פארמעגן פון די ראטשילדס שטארק פארקלענערט געווארן, און דער גרעסטער טייל פון די ראטשילדס האבן געמוזט אנטלויפן צוליב די היטלער־רדיפות. די ראטשילד־פאמיליע האט אויך פארנומען א גרויס ארט

אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכער און פילאַנטראָפּישער וועלט, גרינדנדיק פיל יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. באַזונדערס איז באַרימט געוואָרן אין דער יידישער וועלט די פאַמיליע דורך דעם באַראָן בנימין עדמונד ראָטשילד פון פאַריז, דעם „נדיב הידוע", דעם מיטהעלפער אינם אויפבוי פון ארץ־ישראל. —דער גרינדער פון דעם ראָטשילד־באַנק־הויז איז געווען מאיר אנשל (1743 — 1812), וועלכער האָט געגרינדעט די באַנק אין פראַנקפורט. ער האָט געהאַט 5 זין (מען האָט זיי גערופן די „5 פראַנקפורטער"), וועלכע האָבן נאָכער געגרינדעט אָפּטיילונגען פון דער באַנק אין עסטרייך, פראַנקרייך, איטאַליע און ענגלאַנד; זיי האָבן אָרגאַניזירט אינטערנאַציאָנאַלע הלוואות פאַר מלוכות, געבויט אייזנבאַנען, אָנטיילגענומען אויך אין פּאָליטישן לעבן (באַראָן לייאָנעל נאַטאַן האָט געהאָלפן ענגלאַנד דערווערבן דעם סועץ־קאַנאַל, געווען ערשטער יידישער דעפּוטאַט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, און צוליב אים האָט מען באַשאַפן אַ באַזונדערן נוסח פון פּאַרלאַמענט־שבועה). זיי האָבן אויך געווירקט אין קאַמף פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. — אויך זייערע קינדער און אייניקלעך האָבן אין אַלגעמיין זיך אינטערעסירט מיט יידישע אָנגעלעגנהייטן, געווען פּרעזידענטן פון יידישע קהילות (לאָנדאָן און אַנדערע), זיך אינטערעסירט מיט יידישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. אויפן נאָמען פון לאָרד לייאָנעל וואָלטער ראָטשילד (1868 — 1939) איז געשיקט געוואָרן די באַרימטע באַלפור־דעקלאַראַציע (זע „באַלפור"): לאָרד נתניאל ראָטשילד (1840 — 1915) האָט געקעמפט קעגן דער צאַרישער רוסישער רעגירונג צוליב די פּאָגראָמען אויף רוסישע יידן, מיטגעהאָלפן יידישער עמיגראַציע, געהאָלפן דער קהילות־פאַרייניקונג אין ענגלאַנד. שמעון וואָלף ווילהעלם ראָטשילד (1828 — 1905 אין פראַנקפורט) איז געווען באַקאַנט אַלס „דער פרומער", געווען אָרטאָדאָקסיש, זיך אויפגעפירט זייער פרום. — וועגן דעם וויכטיקסטן באַראָן בנימין עדמונד ראָטשילד געבן מיר באַזונדער. זע „בית רוטשילד" פון חרמוני".

## ראָטשילד, בנימין עדמונד, באַראָן

(1845 — 1934 אין פאַריז): יידישער פילאַנטראָפּ, דער פאָטער פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, גרינדער פון פיל קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, באַקאַנט אויך אַלס „הנדיב הידוע" אין דער צייט פון די חובבי ציון. ראָטשילד, וועלכער איז געווען דער אייגנטימער פון ראָטשילד־באַנק־הויז אין פאַריז, האָט זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט ארץ־ישראל אין יאָר 1882 אונטער דעם איינפלוס פון אויבער־ראַבינער צדוק כהן, רבי שמואל מאָליווער און אַנדערע פּערזענלעכקייטן. ער האָט (נישט וועלנדיק אַז מען זאָל פאַרעפנטלעכן זיין נאָמען, נאָר אַלס „נדיב הידוע"), איבערגענומען אונטער זיין שוץ די דעמאָלט עקזיסטירנדע קאָלאָניעס ראשון לציון, אַ טייל פון פתח תקוה און אַנדערע, געגרינדעט „זכרון יעקב" און אַנדערע קאָלאָניעס, געבויט די ווײַנקעלערס אין ראשון לציון און זכרון יעקב, נאָכער איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג פון אַלע זיינע אונטערנעמונגען אין ארץ־ישראל צו „פּיקא" (זע „פּיקא"), אויסגעקויפט ביי 400 טויזנט דונאַם ערד, געבויט די טחנות הגדולות אין חיפה, זיך באַטייליגט אין כמעט אַלע גרויסע אונטערנעמונגען אין ארץ־ישראל, געהאָלפן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1917) צום באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע; ראָטשילד האָט באַזוכט 7 מאָל ארץ־ישראל וואו ער פלעגט אויפגענומען ווערן מיטן גרעסטן כבוד אַלס יידישער פירשט; דאָס

לעצטע מאָל איז ער געווען אין יאָר 1925. אויף זיין נאָמען איז פאַראַן די קאָלאָניע „בנימינה“, די „שדרות רוטשילד“ אין תל-אביב. זיין זון דזשיימס (געבוירן 1878) איז אין ענגלאַנד, דעפּוטאַט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, אין דער ערשטער וועלט-מלחמה געווען אָפיציר אין יידישן לעגיאָן, פּרעזידענט פון „פּיקא“ און אַנדערע ארץ-ישראל-אינסטיטוציעס. — זע דרוק „באַראָן עדמונד ראָטשילד“ (אין יידיש).

**ראַפּאָפּאָרט, שלמה יהודה (שי"ר)** געבוירן 1790 אין לעמבערג, געשטאָרבן י"ט תשרי תרכ"ח, 1867, אין פּראַג; רב און פאָרשער, איינער פון די גרינדער פון דער מאָדערנער חכמת ישראל. ראַפּאָפּאָרט האָט שוין אַלס אינגל אַרויסגעוויזן אומגעוויינלעכע פעיִקייטן און גרויס לומדות. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון באַקאַנטן גאון רבי אריה לייב, מחבר פון „קצות החושן“ און ווען ראַפּאָפּאָרט איז אַלט געווען 21 יאָר האָט ער צוגעשריבן שאלות ותשובות אין הלכה צו זיין שווערס ספר „אבני מלואים“. אין יאָר 1829 האָט ער אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אין „בכורי העתים“ זיינע באַרימטע ביאָגראַפישע אָפּהאַנדלונגען „תולדות“; דאָס זענען געווען גרינטלעכע ביאָגראַפישע פאָרשונגען איבער דעם לעבן פון אַ ריי גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, וועמענס נעמען זענען געווען גוט באַקאַנט אין דער יידישער וועלט, אָבער מען האָט גאָרנישט געוואוסט וועגן זייער לעבן; דאָס זענען געווען רבי נתן, מחבר פון „ערוך“; רב סעדיה גאון, רבי אלעזר הקליר, רב האי גאון, רבנו נסים גאון, רבנו חננאל און אַנדערע; דאָ האָט ראַפּאָפּאָרט באַוויזן די אומגעוויינלעכע בקיאות און חריפות, און האָט ממש געעפנט בלעטער פון וויכטיקע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע. אין יאָר 1837 איז ראַפּאָפּאָרט געוואָרן רב אין טאַרנאָפּאָל, און פון דאָרט איז ער כסדר געווען אין שריפטלעכער קאָרעספּאָנדענץ מיט די אָנגעזעענסטע יידישע געלערנטע אין יענער צייט (לוצאַטאָ, צונץ און אַנדערע). ראַפּאָפּאָרט איז נאָך פון פריער געווען אין כסדרדיקער פאַרבינדונג מיט דעם גרויסן געלערנטן רבי נחמן קראָכמאַל, וועלכער האָט געהאַט אויף ראַפּאָפּאָרט אַ שטאַרקן איינפלוס. ראַפּאָפּאָרט האָט דערנאָך מחבר געווען אויך דעם „ערך מלין“, פאָרשונגען איבער היסטאָרישע און געאָגראַפישע און אויך אַנדערע מאָמענטן אין תלמוד, איינגעאָרדנט לויט אלף-בית; פאַרעפנטלעכט דאָס אות „אלף“, און פראַגמענטן פון אַנדערע בוכשטאַבן. אין יאָר 1840 איז ראַפּאָפּאָרט געוואָרן רב אין פּראַג, וואו ער האָט פאַרבראַכט שוין זיין גאַנץ לעבן. אַחוץ די דערמאָנטע ווערק האָט ראַפּאָפּאָרט אויך געשריבן „תורה אור“ (קעגן גייגערס „אורשריפט“), „תוכחה מגילה“ קעגן דער עקסטרעמער רעפאָרם, „נר מצוה“ קעגן חסידות (דער „נר מצוה“ און „תורה אור“ זענען אין ספר „נחלת יהודה“), „אגרות שי"ר“ (בריוו פון וויכטיקן וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט) און אויך פיל מאמרים אין צייטשריפטן. ראַפּאָפּאָרט האָט געוויזן דעם וועג, ווי אַזוי היסטאָריש-קריטיש צו פאָרשן די עפּאָכע פון תלמוד און פון די גאונים לויט די מעטאָדן פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. — זע בערנפעלד „תולדות שי"ר“.

**ראַ"ש** זע „אשר בן יחיאל“.

**ראש בית דין** זע „אב בית דין“ און „בית דין“.

**ראש הגולה** זע „ריש גלותא“.

**ראש הקהל** זע „קהל“.

**ראש השנה** (אנהויב פון יאר); מיט דעם דאזיקן נאמען רופט מען אן דעם ערשטן (און שפעטער האט מען אויך איינגעפירט דעם 2טן) טאג פון חודש תשרי. פון דאזיקן טאג הויבט מען אן צו ציילן דאס נייע יאר. אין תנ"ך־צייט איז געוויינלעך דער אנהויב פון יאר געווען נישט דער חודש תשרי נאר דער חודש ניסן, און דער חומש שמות י"ב זאגט וועגן דעם חודש אין וועלכן עס איז דער יום־טוב פסח (ניסן) „החדש הזה לכם ראש חדשים ראשון לחדשי השנה". דער נאמען ראש השנה פאר דעם יום־טוב פון ערשטן תשרי ווערט אין תנ"ך נישט דערמאנט; אין חומש (במד־בר כ"ט) הייסט ער „יום תרועה" (דער טאג פון בלאזן שופר"). דאס ווארט ראש השנה ווערט דערמאנט אין יחזקאל מ', אבער עס איז נישט קלאר וועלכן טאג דער נביא מיינט דערמיט. און די גמרא ערכין י"ב זאגט, אז דער נביא מיינט דערמיט גאר יום־כפור. אין דער משנה און גמרא מסכתא ראש השנה פרק א' ווערן געבראכט פארשידענע ראש השנהס פאר פארשידענע ענינים; למשל, דער ערשטער טאג אין ניסן איז געווען דער ראש השנה, פון וועלכן מען האט געציילט די יארן פון זינט איינער איז געווארן א מלך ביי יידן (דאס האט גע־האט א באדייטונג פאר שרייבן וועקסלען און דאקומענטן); דער 15טער טאג אין שבט (חמשה עשר בשבט) איז דער ראש השנה פאר בוימער (דאס האט א רעלי־גיעזע באדייטונג וועגן מעשר, ערלה וכדומה). מיר וועלן דא געבן וועגן דעם הויפט־ראש־השנה. — אין חומש ויקרא כ"ג און במדבר כ"ט ווערט געזאגט, אז דער 1טער טאג פון חודש השביעי, דאס הייסט פון תשרי, איז „זכרון תרועה" און „יום תרועה", דער טאג פון שאלונג, פון בלאזן. אין דער משנה און גמרא (ראש השנה ח', ט"ז און אנדערע ערטער) ווערט געזאגט, אז דאס איז דער טאג, ווען די מענטשן ווערן געמשפט אין הימל, דער „יום הדין". די גמרא ראש השנה י"א זאגט איין מיינונג, אז די וועלט איז באשאפן געווארן אין ראש השנה. אין בבא בתרא י' און אנדערע ווערט געזאגט, אז אין ראש השנה ווערט אין הימל באשטימט די פרנסה פון מענטש פאר א גאנץ יאר און אויך ווערט באשטימט וועלכעס יאר עס זאל זיין אין דער נאטור. דערפון שטאמט עס, וואס ראש השנה ווערט (אחוץ יום כפור) גע־רעכנט אלס דער פייערלעכסטער יום־טוב, וועלכער איז פארבונדן מיט פיל מנהגים און תפילות. שוין די ערשטע נאכט פון ראש השנה דאווענט מען מיט מער פייער־לעכקייט, די שמונה עשרה איז שטארק געענדערט, און אנטהאלט תפילות וועגן „יום הזכרון" און דעם „משפט" פון הימל. אין שול און ביים אהיימגיין פון דאווענען פון שול און אריינקומענדיק אין הויז ווינשט מען זיך „לשנה טובה תכתבו" (מען זאל פארשריבן ווערן אין הימל צו א גוט יאר). מען עסט ספע־ציעלע מאכלים, ווי א קאפ פון א פיש, און מען ווינשט זיך, אז מען זאל זיין א קאפ, א הערשער. דאס דאווענען אינ־דערפרי ראש השנה איז אויך פייערלעך. דער חזן טראגט א קיטל, און די מעלא־דיעס פון דאווענען זענען באזונדערס פייערלעכע. עס ווערן געזאגט פיל פיו־טים; דאס לייענען די ספר־תורה קומט פאר מיט א באזונדערן ניגון; מען בלאזט שופר, און דער העכסטער מאמענט פון די תפילות איז צו מוסף ביים „ונתנה תוקף", וואו עס ווערט געשילדערט ווי אין הימל ווערט געמשפט דער מענטש צום לעבן אדער צום טויט, צו רייכקייט אדער צו ארעמקייט. פארנאכט גייט מען צו א טייך און מען זאגט „תשליך",

תפילות, און דער מנהג איז אויסצושאקלען די קעשענעס, עס הייסט, מען ווארפט אריין אין וואסער די עבירות (זע זוכווארט „תשליך"). דאס זעלבע וואס אין ערשטן טאג ראש השנה קומט אויך פאר דעם 2טן טאג ראש השנה מיטן אויסנאם פון „תשליך", וואס איז נאר דעם ערשטן טאג. ראש השנה איז דער איינציקער יום־טוב, וועלכער ווערט אויך אין ארץ־ישראל געפייערט צוויי טעג. — די מנהגים און ספורי מעשיות און פאלקס־גלויבונגען וואס זענען פארבונדן מיט ראש השנה זע אין ענגונם „ימים נוראים". — זע זוכווערטער „אלול", „ימים נוראים", „מחזור", „סליחות", „עשרת ימי תשובה", „שופר", „תשליך".

**ראש השנה** נאמען פון מסכתא משניות אין סדר מועד, 4 פרקים, תוספתא 2 פרקים; האט גמרא ירושלמי און בבלי; באהאנדלט די דינים פון ראש השנה, שופר בלאזן, תפילות פון ראש השנה, און קידוש החודש.

**ראש חודש** (אנהויב פון חודש). דער ערשטער טאג פון חודש (אין טייל חדשים זענען פאראן 2 טעג ראש חודש, זע וועגן דעם אין די זוכווערטער „חודש" און „קאלענדאר") ווערט באטראכט אלס א פייערלעכער טאג אין דער יידישער רעליגיע. וועגן דעם ווי אזוי מען האט אמאל פעסטגעשטעלט ראש חודש און ווי אזוי מען טוט עס היינט זע זוכווערטער „חודש" און „קאלענדאר". דא וועלן מיר געבן וועגן ראש חודש אלס פייערלעכן טאג. שוין אין חומש במדבר כ"ח געפינען מיר די מצוה „ובראשי חדשיכם" מקריב צו זיין אין ראש חודש א באזונדערן קרבן (מוסף). אין די ספרי הנביאים („לא חדש ולא שבת" מלכים ב' ד' און אנדערע ערטער) ווערט „חדש" (דאס הייסט ראש חודש) און שבת געשטעלט צוזאמען. אין ראש חודש זאגט מען „יעלה ויבוא" ביים דאווענען און ביים בענטשן, מען לייענט אין ספר תורה און מען דאווענט מוסף. פרומע פרויען האבן א מנהג נישט צו טאן קיין ארבעט אין ראש חודש, ווי נייען וכדומה (דער מנהג איז אן אלטער; זע אין שלחן ערוך אורח חיים ת"ז אין פירוש פון ט"ז). דעם שבת פאר ראש חודש בענטשט מען ראש חודש, וואס באשטייט אין זאגן די תפילה „יהי רצון", אז מען זאל האבן א גוט לעבן און א לאנג לעבן און אזוי ווייטער. נאכער רופט מען אויס ווען ראש חודש וועט זיין און מען זאגט אויך די תפילה פון יחדשהו. — וועגן ערב ראש חודש זע „יום כפור קטן".

**ראש ישיבה** זע „ישיבה".

**ראשון, ראשונים** (ערשטער, ערשטע); מיטן ווארט „ראשון, ראשונים", באצייכנט מען די ערשטע רבנים, פוסקים, וועלכע האבן ארויסגעזאגט זייערע רעצידירנדע מיינונגען וועגן הלכות און האבן אויך מפרש געווען דעם תלמוד. אזעלכע ראשונים זענען די גאונים פון בבל, רש"י, רמב"ם, די בעלי תוספות, רמב"ן, רא"ש; מען קאן אנעמען, אז מיט ראשונים מיינט מען די רבנים וואס האבן געלעבט ביז לערך דעם 14טן יארהונדערט, הגם עס איז נישטא דערביי קיין באשטימטע כללים. — זע זוכווארט „אחרונים".

**ראשי פרקים** דערמיט רופט מען אז דאס שליסן א שידוך, ביי וועלכן מען שרייבט נאכניט קיינע פארמעלע תנאים, נאר „צייטווייליקע תנאים"; מען רופט עס „ראשי פרקים" („ערשטע פאראגראפן", ערשטע באדינגונגען פון דעם שידוך־אפמאך).

**ראשי תבות** (אַבּרעוויאַטורן, אָפּקיר־צונג פון ווערטער דורך געבן נאָר די ערשטע אותיות פון די ווערטער); שוין אין גאָר אַלטע צייטן האָט מען אין דער העבּרעאישער שפּראַך זיך באַנוצט מיט ראשי תבות; אויף די מטבעות פון די חשמונאים־הערשער (1טער און 2טער יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג), געפינט מען „שב״, „שג״ צו באַצייכענען דאָס 2טע יאָר, דאָס דריטע יאָר, וואָס איז די ראשי תבות פון שנה ב׳, שנה ג׳; אויף די זעלבע מטבעות געפינט מען „יש״ אנשטאָט „ישראל״. די גמרא ברענגט פאַרשידענע שטעלן פון ראשי תבות (יומא ל״ז און אַנדערע). באַזונדערס ווערט אין דער גמרא באַנוצט די ראשי תבות צו געדענקען הלכות (למשל „יעל קג״ם״ בבא מציעא כ״ב און אַנדערע ערטער). אויך אין קבלה־ספרים איז פיל באַנוצט געוואָרן ראשי תבות.

**ראשית הגז** (דאָס ערשטע וואָל וואָס מען שערט אָפּ פון שעפּסן); אין חומש דברים י״ח ווערט געזאָגט, אז די ערשטע וואָל, וואָס מען שערט אָפּ פון שעפּסן, דאַרף מען אָוועקגעבן דעם כהן; דאָס הייסט ראשית הגז („ראשית״ — „דער אָנהויב״, „גז״ — „אָפּשערן״); די משנה אין חולין פרק י״א ברענגט די דינים וויפל מען דאַרף געבן. די מצוה פון ראשית הגז איז גילטיק נאָר אין ארץ־ישראל; און נאָר ווען מען שערט אָפּ 5 שעפּסן.

**ראשית חכמה** זע „ווידאַש אליהו״.

**רב, רבנים, רבי, רביים** דאָס וואָרט „רב׳ איז דער טייטש אין העבּרעאיש דער עלטערער, עלטסטער („ורב יעבוד צעיר״, בראשית כ״ה, „רב טבחים״, „רבי מלך בבל״, ירמיה ל״ט); דערפון איז געוואָרן אין דער צייט פון דער משנה דער טיטל „רב״ פאַר דעם לערער פון תורה („עשה לך רב״, אבות א׳), און אין דער גמרא דער טיטל פאַר די אמוראים אין בבל „רב״ (ווי רב הונא, רב יהודה וכדומה), אין דער צייט וואָס אין ארץ־ישראל האָט מען די תנאים און אויך די אמוראים געגעבן דעם טיטל „רבי״; דערפון איז געוואָרן שפּעטער דער טיטל „רב״ פאַר דעם רעליגיעזן פירער פון דער יידישער קהילה, און אַזוי איז עס ביז היינט. אין מערצאָל ווערט באַנוצט דאָס וואָרט רבנים (פון אַראַמעאיש „רבנן״). פאַר רעליגיעזע פירער פון חסידים ווערט באַנוצט דער טיטל „רבי״, און אין מערצאָל „רביים״ (זע זוכוואָרט „חסידות״); די פרוי פון אַ רב אָדער פון אַ רבי הייסט „רעבעצין״ (מיטן טיטל רעבעצין ווערט אויך אָנגערופן דאָס ווייב פון אַ מלמד, און ביי די קינדער וואָס לערנען אין חדר הייסט אויך דער מלמד „רבי״). די מאָדערנע קהילות אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער פון מיטל און מזרח־אייראָפּע טיטולירן זייערע רעליגיעזע פירער מיטן נאָמען „ראַבּינער״; אין די ענגליש־רעדנדע לענדער (צווישן אַנדערע אויך אין אַמעריקע און קאַנאַדע) איז דער טיטל אַנגליזירט און עס ווערט באַנוצט „ראַביי״; אין די דאָזיקע ענגליש־רעדנדע לענדער ווערן די אַנדערע כלי קודש (שוחט, חזן) גערופן מיטן טיטל „רעווערענד״. — וועגן די פונקציעס און קוואַליפיקאַציעס פון רבנים אין עלטערע צייטן זע זוכווערטער „אב בית דין״, „סמיכה״. — עס איז אָנגענומען, אז דאָס רעכט צו ווערן אַ רב האָט נאָר דער, וועלכער האָט באַקומען „היתר הוראה״ (טייל רופן עס „סמיכה״), אָבער מען דאַרף עס נישט פאַרבייטן מיט דער ריכטיקער, דערמאָנטער „סמיכה״, אַזאַ

כתב פון אַ פריערדיקן רב, וועלכער גיט אַרויס די באַשטעטיקונג, אַז נאָכן עקזאַמינירן דעם בעל הוראה אין לערנען און פסקענען שאלות, הויפטזעכלעך אין ערשטן חלק יורה דעה (הלכות טריפות, מליחה, בשר בחלב, תערובות) געפינט ער איין, אַז דער בעל הוראה קאָן זיין רב און אין דער היתר הוראה ווערט באַנוצט דער נוסח פון „יורה יורה, ידין ידין". דאָס אויפנעמען אַ רב אין אַ קהלה קומט פאָר אין פאַרשידענע לענדער אויף פאַרשידענע אופנים. אין פוילן, רוסלאַנד, אונגאַרן און אַנדערע לענדער, איז געוויינלעך געווען נאָר איין רב אין אַ שטאָט; צום רב זענען געווען צוגעגעבן „דיינים", בעלי הוראה. טיילמאָל פלעגט די רעגירונג אין רוסלאַנד פאָדערן אַ „קאַזיאָנע" רב, וועלכער זאָל קאָנען גוט די לאַנדס־שפראַך. אין אַנדערע לענדער (אויך אין אַמעריקע) נעמען אויף די שולן, יעדע שול באַזונדער, איר רב. עס זענען אויך פאַראַן אונטערשידן אין די פליכטן פון די רבנים. אין מזרח־אייראָפע האָט דער רב באַדאַרפט פסקענען שאלות, דין־תורות, אָכטונג געבן אויף די רעליגיעזע ענינים פון דער קהילה, זאָגן דרשות צוויי מאָל אין יאָר, שבת הגדול און שבת תשובה, און ער איז געווען אויפגענומען אַלס רב אויף שטענדיק; די קהילה האָט אים נישט געקאָנט אָפזאָגן פון אַמט. אין אַמעריקע אין די שולן האָט דער רב מייסטנס די אויפגאַבע פון לערנען מיט די קלענערע קינדער (אָנפירן מיט דער תלמוד תורה), האַלטן דרשות כמעט יעדן שבת, און ווערט געוויינלעך אויפגענומען נאָר אויף עטלעכע יאָר, און נאָך דער צייט קאָן מען אים אָפזאָגן. עס דאַרף אויך אָנגעוויזן ווערן, אַז אין די מזרח־אייראָפעאישע לענדער איז דער כבוד פון רב געווען זייער גרויס, און ווער עס האָט באַליידיקט דעם רב פלעגט טיילמאָל אַריינגעלייגט ווערן אין חרם; דער רב איז געווען דער „מרא דאתרא"; דער „הערשער פון דעם אָרט". דאָס משדך זיין זיך מיט אַ רב איז געווען אַ גרויסע זכיה, און געוויינלעך פלעגט מען אויפנעמען אַלס רבנים גרויסע לומדים. — וואָס אַנבאַלאַנגט „ראַבינער" און „ראַביים", ווערט דער טיטל געוויינלעך געגעבן אַזעלכע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ ראַבינער סעמינאַר. די דאָזיקע אינסטיטוציע איז איינגעפירט געוואָרן צום ערשטן אין דייטשלאַנד אין 19טן יאָרהונדערט, און איז דערנאָך איינגעפירט געוואָרן אויך אין אַנדערע לענדער. די לערן־פראָגראַמען אין די ראַבינער־סעמינאַרן זענען פאַרשידן סיי אין דער הויך פון די לימודים סיי אויך אין גייסט. עס זענען פאַראַן עקסטרעם רעפאָרמירטע סעמינאַרן, האַלב־קאָנסערוואַטיווע, אָרטאָדאָקסישע. די באַרימטע סעמינאַרן אין דייטשלאַנד און עסטרייך זענען געווען דער ראַבינער סעמינאַר און ברעסלוי (די ערשטע פראָפעסאָרן ר' זכריה פראַנקל, גרעץ און אַנדערע), הויכשולע פאַר וויסנשאַפט פון יידנטום אין בערלין (גייגער, שטיינשניידער און אַנדערע), הילדעסהיימערס אָרטאָדאָקסישער סעמינאַר אין בערלין, פראָפעסאָר שוואַרצעס סעמינאַר אין ווין און אַנדערע. אין ענגלאַנד איז פאַראַן דער „דזשואיש קאָלעדזש", מיט וועלכן עס האָבן געהאַט אָנגעפירט אַבראַהאַמס, ביכלער. אין אַמעריקע זענען פאַראַן פון דער עקסטרעמער רעפאָרם דער „היברו יוניאָן קאָלעדזש" אין סינסינעטי, דער עקסטרעם רעפאָרמירטער סעמינאַר פון דר. סטיפען ווייז אין ניו־יאָרק, דער האַלב־קאָנסערוואַטיווער „דזשואיש טעאָלאָדזשיקל" סעמינאַר פון פאַרשטאָרבענעם פראָפעסאָר שעכטער אין ניו־יאָרק, אָרטאָדאָקסישער רבי יצחק אלחננס ישיבה און קאָלעדזש אין ניו־יאָרק, שטרענג אָר־

טאַדאָקסישע ישיבה „תורה ודעת" אין ניו־יאָרק, „בית המדרש לתורה" אין שיקאַגאָ. לויט דעם זעלבן פּראָגראַם זענען אויך איינגעטיילט די ראַבינער און ראַביים אין עקסטרעם רעפאָרמירטע, האַלב־רעפאָרם און האַלב־קאָנסערוואַטיוו, אָרטאָדאָקסיש און שטרענג אָרטאָדאָקסיש (זע זוכווערטער „אָרטאָדאָקסיע", „קאָנסערוואַטיזם", „רעפאָרם"). — אין טייל לענדער זענען אַמאָל געווען אויבער־רבנים, רב הכולל, דאָס הייסט אַ רב איבער דעם גאַנצן לאַנד; אין ענגלאַנד איז נאָך ביז איצט פאַראַן דער טיטל „טשיף ראַביי"; אין טערקיי איז געווען דער טיטל פון רב אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל „חכם באשי" איבער אַלע ספרדישע רבנים אין לאַנד; אין ארץ־ישראל איז פאַראַן די „רבנות הראשית" און די צוויי העכסטע רבנים פון ירושלים (איצט הרב דר. הערצאָג און הרב עוזיאל) זענען די העכסטע רבנים איבערן גאַנצן לאַנד. — זע זוכווערטער „אב בית דין", „בית דין", „דיין", „חסידות".

**רב** באַרימטסטער פון די אמוראים אין בבל; לויט דער מיינונג פון גרעץ איז רב געבוירן געוואָרן אין בבל לערך דעם יאָר ג' אלפים תתקל"ה (175) און איז געשטאָרבן לערך ד' אלפים ז' (247); לויט דער מיינונג פון אַנדערע היסטאָריקער זענען די דאָזיקע דאַטעס נישט ריכטיק; דער נאָמען פון רב איז געווען „אבא". מען האָט אים אויך גערופן „אבא אריכא" (חולין קל"ז); זיין פאָטער האָט געהייסן „איבו"; זיין פעטער איז געווען רבי חייא, און צוזאַמען מיט ר' חייא האָט רב פאַרלאָזט בבל און איז געקומען קיין ארץ־ישראל און געלערנט אין דער ישיבה פון רבי יהודה הנשיא (רבי) דעם מסדר פון דער משנה. ווי ווייט מען האָט געהאַלטן פון אים איז צו זען דערפון, וואָס מען האָט אים באַטראַכט אַלס אַ תנא („רב תנא הוא ופליג", כתובות ח' און אַנדערע ערטער). נאָכן טויט פון רבי איז רב אַוועק קיין בבל, (יאָר 219) און הגם אין בבל זענען שוין פון פריער געווען געוויסע ישיבות, אָבער דער למוד התורה איז דאָרט נישט געווען אַזוי פאַרשפּרייט און רב האָט געגרינדעט אין דער שטאָט סורא די גרויסע ישיבה, וועלכע האָט עקזיסטירט דערנאָך זייער לאַנג. רב קאָן באַטראַכט ווערן אַלס דער פאָטער פון דעם יידישן גייסטיקן תורה־צענטער אין בבל און אַלס דער שאַפער פון יסוד פון תלמוד בבלי. אין דער גמרא זענען פאַראַן זייער פיל זיינע הלכות (אָפט אין מיינונגס־פאַרשידנקייטן מיט זיין חבר שמואל). ער האָט אויסגעשטעלט פיל תלמידים, וועלכע ברענגען אין דער גמרא הלכות און אגדות אין זיין נאָמען. רב האָט אויך מתקן געווען נוסחאות פון תפילות; די תפילה וואָס מיר זאָגן היינט צו ראש חודש בענטשן („יהי רצון") שטאַמט פון אים (ברכות ט"ז); „מודים דרבנן", די תפילה „אתה זוכר" צו מוסף אין ראש־השנה שטאַמען פון רב (ירושלמי ראש השנה, פּרק א'). פון רב זענען פאַראַן פיל דברי אגדה; ער האָט געזאָגט דאָס באַקאַנטע וואָרט, אַז אַ מענטש זאָל לערנען תורה אפילו שלא לשמה, „שמתוך שלא לשמה בא לשמה" (סוטה כ"ב); „ווער עס האָט רחמנות אויף מענטשן איז אַ סימן, אַז ער שטאַמט אָפּ פון אברהם אבינו" (ביצה ל"ב); מען זאָל זיין פאָרזיכטיק נישט אָפּצונאַרן די אייגענע פרוי (בבא מציעא נ"ט); ער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן (יבמות ס"ג); פון אים איז פאַראַן דאָס וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט צו זיין תלמיד רב המנונא: „מענטשן זענען גלייך צו די גראָזן אין פעלד, די איינע שפּראָצן אויף, און די אַנדערע ווערן פאַרוועלקט" (ערובין נ"ד); ער האָט אויך עוסק געווען

אין „מעשה מרכבה" (חגיגה י"ב). — זע ראפאפארט, „ערך מלין" (זוכווארט „אנטונינוס"); זע היימאן „תולדות תנאים ואמוראים".

**רבא** (לערך 299 — לערך 352); באַרימטער אמורא אין בבל אין 4טן יאָרהונדערט, תלמיד פון רב נחמן און רב ששת, חבר פון אביי, און נאָכן טויט פון אביי ראש ישיבה אין פומבדיתא (נאָכער אין מחוזא); זיינע הלכות זענען פאַראַן פיל אין דער גמרא, און זיינע פלפולים מיט אביי האָט מען גערופן „הויות דאביי ורבא" (סוכה כ"ח). אין אַלע הלכות־מחלוקות צווישן רבא און אביי איז דער דין ווי רבא, אחוץ אין 6 הלכות יע"ל קג"ם (בבא מציעא כ"ב און אַנדערע ערטער). ער איז געווען זייער רייך (בבא קמא ל' און אַנדערע ערטער), און אויך אַ מקורב למלכות (תענית כ"ד). פון אים זענען פאַראַן די ווערטער: תכלית פון תורה איז תשובה און מעשים טובים (ברכות י"ז); האַלט ערלעך אייערע פרויען וועט איר רייך ווערן (בבא מציעא נ"ט). ער האָט אויך מחבר געווען די תפילה פון „אלהי, עד שלא נוצרתי איני כדאי" (ברכות י"ז); מען דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט געקאָנט שאַפן אַ לעבעדיקן מענטש (אַ סאָרט גולם, סנהדרין ס"ה). — זע היימאַן, „תולדות תנאים ואמוראים".

**רבה** אמורא אין בבל, געבוירן לערך 270, געשטאָרבן יונג, אין עלטער פון 40 יאָר (לויט טייל מיינונגען עטוואָס עלטער; זע ראש השנה י"ח); ער ווערט אויך גערופן רבה בר נחמני; ער איז געווען תלמיד פון רב הונא און רב יהודה; ראש ישיבה אין פומבדיתא; זיינע הלכות זענען פאַראַן צעשפּרייט אין דער גמרא; צוליב אַ מסירה האָט ער געמוזט אַנטלויפן און אויפן וועג איז ער געשטאָרבן; אין בבא מציעא פ"ו ווערט דערציילט דער וואונדערלעכער ספור וועגן זיין אַנטלויפן און ווי ער איז גערופן געוואָרן אין דער ישיבה אין הימל.

**רבה בר בר חנא** אמורא אין 3טן יאָרהונדערט, צוערשט אין בבל, דערנאָך אין ארץ־ישראל, און דערנאָך ווידער אין בבל; פון אים זענען פאַראַן די וואונדערלעכע מעשיות, וואָס ער דערציילט אין בבא בתרא ע"ג און אַנדערע ערטער פון דער גמרא ווי ער איז געפאָרן אויפן ים און געוואַנדערט אין דער מדבר און האָט געזען ריזיגע באַשעפענישן און אַנדערע וואונדער, וואָס טייל פון די רבנן האָבן געהאַלטן פאַר גוזמאות (בבא בתרא ע"ד); אויף די דאָזיקע אגדות פון רבה בר בר חנא זענען געשריבן געוואָרן פיל פרושים; טייל האַלטן זיי פאַר סודות פון קבלה; אַנדערע מיינען, אַז אין זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן געהיימע פּאָליטישע ידיעות (וואָלמאַן „מסתרי אגדה"); אין תענית ז' זאָגט ער, אַז דעריבער איז די תורה געגליכן געוואָרן צו פייער (הלא כה דברי כאש", ירמיה כ"ג), ווייל פּונקט ווי פייער צינדט זיך נישט אַן אַליין (מען מוז עס אַנצינדן) אַזוי מוז מען תורה אויך לערנען מיט אַנדערע.

**רבונו של עולם** (הערשער פון דער וועלט); איינער פון די נעמען מיט וועלכע מען באַצייכנט גאָט; אַ ריי תפילות און באַזונדערס תחינות הויבן זיך אַן מיט די ווערטער רבונו של עולם.

**רבותי** (מיינע לערער, מיינע הערן); טיטל אין ווענדונג צו אַנגעזעענע מענטשן; מיט דעם וואָרט הויבט מען אויך אָן נאָכן עסן צום בענטשן, „רבותי, מיר וועלן בענטשן".

**רבי** זע „יהודה הנשיא".

**רבי, רביים** זע „רב, רבנים, רבי, רביים".

**רבינא** עס זענען געווען צוויי אמור־אים אין בבל אין 5טן יארהונדערט. ביי־דע מיטן נאמען רבינא; רבינא דער ער־שטער איז געשטארבן לערך 420, און ער איז געווען דער חבר פון רב אשי, און ער האט צוזאמען מיט רב אשי מסדר געווען די גמרא בבלי (בבא מציעא פ"ו, „סוף הוראה"); זיינע הלכות און ויכוחים מיט רב אשי („אמר ליה רבינא לרב אשי") זענען פאראן פיל אין דער גמ־רא; דער צווייטער רבינא (זוטא) איז געווען א שוועסטער־זון פון ערשטן רבינא, געשטארבן לערך 474, חבר פון מר בר בר אשי; ראש ישיבה אין סורא; פאראן א מיינונג, אז דער „סוף הוראה" פון בבא מציעא פ"ו מיינט מען דעם 2טן רבינא. — א גרינטלעכע אפהאנדלונג איז פאראן אין „דורות הראשונים" פון הלוי.

**רבית** זע „פראצענט".

**רבנו** (אונדזער לערער); מיט דעם טיטל האט מען באצייכנט אין דער גמ־רא „משה רבנו", רבי יהודה הנשיא, דעם מסדר פון דער משנה („רבנו הק־דוש"); אויך שפעטער זענען געווען באַ־קאנט „רבנו גרשום", „רבנו תם". — זע ביי די זוכווערטער „משה", „יהודה הנ־שיא", „גרשום", „יעקב תם".

**רבנים** זע „רב, רבנים". — אין מי־טלאלטער האט מען אויך גערופן „רב־נים", „רבניים", די יידן וואס האלטן פון דער משנה און גמרא (תורה שבעל פה) אין קעגנזאץ צו די קאראאימער (קראים).

**רבנן** מיט דעם טיטל ווערן אין דער גמרא באצייכנט די תנאים און אמור־אים און בכלל די אלע יידישע גדולים פון די עלטסטע צייטן אן; דעריבער ווערן אויך די מצוות און דינים, וואס זענען אין דער תורה נישט פאראן און מען האט זיי מתקן געווען שפעטער, אנגערופן „מדרבנן", אין אונטערשיד פון „מדאו־רייתא", צו מצוות, וואס זענען פאראן דייטלעך אין דער תורה אדער זיי ווערן אפגעלערנט פון פסוקים אין דער תורה לויט געוויסע כללים.

**רבנן־קדיש** זע „קדיש".

**רבקה** ווייב פון יצחק אבינו, מוטער פון יעקב און עשו, שוועסטער פון לבן ארמי; דער ספור ווי רבקה האט חתונה געהאט מיט יצחק, געבוירן עשו און יעקב און ווי זי האט געהאלפן יעקבן צו באַ־קומען די ברכה פון זיין פאטער ווערט דערציילט אין חומש בראשית כ"ג — כ"ז; אין בראשית מ"ט ווערט דער־ציילט, אז רבקה איז געקומען צו קבורה אין דער מערת המכפלה; אין יידישן פאלק ווערט רבקה באטראכט אלס איי־נע פון 4 אמהות, די הייליקע מוטערס פון יידישן פאלק (שרה, רבקה, רחל, לאה).

**רגלים** זע „ימים טובים".

**רדב"ז** זע „אבי זמרא".

**רד"ק** זע „קמחי דוד".

**רובין, שלמה** (1823 — 1910 אין קראקע); העברעאישער געלערנטער און שריפטשטעלער, געשריבן פיל מאמרים און ספרים, איבער רעליגיעזע פראבלע־מען, באזונדערס איבער דער ענלעכקייט פון פארשידענע רעליגיעזע גלויבונגען ביי יידן און אנדערע פעלקער; איבער־זעצט אין העברעאיש די „עטיק" פון שפינאזא מיטן נאמען „חקר אלוה"; מח־בר פון „הגיוני שפינוזה", „מורה נבו־כים החדש", „דקדוק עברי קצר", „גאון

יהודה ווירושלים״ (איבער קליידונג ביי יידן אין דער צייט פון תנ״ך), און פיל אַנדערע ספרים.

**רוזאַנים** (לעז „ראָזאַנעס״), אַ יידיש־ספרדישע פאַמיליע. — 1) יהודה (1657 — 1727), רב און פוסק, חכם באשי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מחבר פון די ספרים „משנה למלך״ אויף „משנה תורה״ פון רמב״ם און „פרשת דרכים״ (דרשות) ווי אויך אַנדערע ספרים, וועלכע זענען געבליבן אין כתב יד. דער משנה למלך און פרשת דרכים זענען זייער פּאָפּולער אין דער לומדישער וועלט. — 2) שלמה אברהם (1862 — 1939 אין בולגאַריע), פאָרשער פון דער געשיכטע פון די ספּרדישע יידן אין טערקיי; מחבר פון „דברי ימי ישראל בתוגרמה״ (געשיכטע פון יידן אין טערקיי).

**רוח, רוח הקודש** דער טייטש פון וואָרט „רוח״ אין דער העברעאישער שפּראַך איז „ווינט״; אָבער „רוח״ ווערט אויך באַנוצט צום באַצייכענען: „גייסט״, נשמה, גייסטיקע באַשעפענישן, ווייל מען האָט אָנגענומען, אַז אויך דער ווינט איז אַ זאַך, וואָס האָט נישט קיין קערפּער און איז עטוואָס גייסטיקס. דער חומש בראשית ו׳ באַנוצט דעם אויסדרוק „רוח חיים״ צו באַצייכענען דאָס גייסטיקע וועזן אין מענטשן, וואָס מאַכט דעם מענטשן פאַר אַ לעבעדיק באַשעפעניש. קהלת י״ב זאָגט, אַז ווען דער מענטש שטאַרבט „והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה״ גייט די נשמה צוריק צו גאָט. מיר געפינען אויך אין פיל אַנדערע ערטער אין תנ״ך „רוח״ אַלס באַצייכענונג פאַרן מענטשנס נשמה, די גייסטיקע שטימונג (תהילים נ״א „זבחי אלהים רוח נשברה״, עס איז אַ קרבן פאַר גאָט אַ צעבראָכן גייסטיק געמיט). אין דער גמרא און מדרש ווערן מיטן וואָרט „רוח, רוחות״ באַצייכנט נשמות פון מתים, וואָס שוועבן אַרום איבער דער וועלט (ברכות י״ח „רוחות מספרות״). פון דער דאָזיקער באַדייטונג איז געוואָרן אויך רוח אַלס אין אַלגעמיין אַ גייסטיק וועזן, גייסטיקייט, און דערפון איז געוואָרן רוח הקודש, דער הייליקער גייסט, דער כוח פון געטלעכקייט, וואָס ווערט שוין דערמאָנט אין תנ״ך (תהילים נ״א „ורוח קדשך אל תקח ממנו״ און אַנדערע ערטער). אין דער גמרא און מדרש ווערט רוח הקודש באַצייכנט אַלס דער כח פון נבואה (סנהדרין י״א, „משמתו נביאים נסתלקה רוח הקודש״, עבודה זרה כ׳ „חסידות מביאה לידי רוח הקודש״ און אַנדערע). פונקט ווי עס ווערט באַנוצט רוח צו באַצייכענען הייליקע גייסטיקע וועזנס, אַזוי ווערט עס אויך באַנוצט פאַר שלעכטע גייסטיקע וועזנס, אַ סאָרט שדים, דבוקים. שוין אין תנ״ך געפינען מיר רוח רעה, רוח שקר (מלכים א׳ כ״ב, וואו דער „רוח שקר״ האָט אָפּגענאַרט דעם פאַלשן נביא). אין דער גמרא און מדרש און שפּעטערע ספרים געפינען מיר פיל וועגן „רוחין ושדין״ (ערובין י״ח און אַנדערע ערטער), רוח רעה. — אין דער קבלה ווערט שטאַרק אונטערגעשטראָכן דער אונטערשיד צווישן „נפש״, „רוח״, „נשמה״. די נשמה איז דער העכסטער און סובטעלסטער טייל פון מענטשנס גייסט; דער רוח איז דער מיטלסטער טייל; דער נפש איז דער נידעריקסטער טייל. די דאָזיקע איינטיילונג איז אויך פאַראַן ביי רב סעדיה גאון („אמונות ודעות״), רמב״ם („משנה תורה״ הלכות יסודי התורה ד׳) און אַנדערע יידישע פילאָזאָפן. — פון וואָרט „רוח״ איז געוואָרן אין העברעאיש דער אויסדרוק „רוחניות״ צו באַצייכענען גייסטיקייט, אין קעגנזאַץ צו „גשמיות״

(דאָס קערפּערלעכע). באַזונדערס ווערט דער אויסדרוק באַנוצט אין דער מאָדערנער יידיש־נאַציאָנאַלער היסטאָריאָזאָפיע (קראָכמאַל „עניין הרוחני", אחד העם „מרכז רוחני" און אַנדערע).

**רוטענבערג, מאיר** זע מאיר מרוטענבערג".

**רוטענבערג, פּינחס** (1879 אין רוסלאַנד — 1941 אין ארץ־ישראל); רוסישער רעוואָלוציאָנער, גענומען אַנטייל אין דער רוסישער רעוואָלוציע 1905, נאָכער ציוניסטישער פירער; זינט 1922 אין ארץ־ישראל; דורכגעפירט דעם פּלאַן אויפצושטעלן די עלעקטרישע סטאַציע אויפן ירדן און צוציען די קראַפט פון וואַסערפאַל פון ירדן; פּרעזידענט פון „ועד הלאומי" אַ געוויסע צייט.

**רוים** הויפּטשטאָט פון איטאַליע, לערך 1 מיליאָן און 200 טויזנט איינוואוינער, צווישן זיי לערך 10,000 יידן. מיט דעם נאָמען רוים זענען פאַרבונדן וויכטיקע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע. לויט דער מיינונג פון טייל היסטאָריקער האָבן יידן געוואוינט אין רוים שוין אין 2טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, ווען רוים האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די הערשנדע שטעלונג אין דער אַלטער צייט און עס האָט אָנגעהויבן זיך אויסצובילדן די רוימישע אימפּעריע. אין די חשמונאים־ספרים געפינען מיר, אַז רוים האָט דיפּלאָמאַטיש געהאָלפן יידן אין ארץ־ישראל זיך צו באַפרייען פון סירישן יאָך אין דער צייט פון די חשמונאים־מלחמות. נאָכער האָט רוים אין 1טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג פאַרקנעכטעט ארץ־ישראל, איינגענומען ירושלים עטלעכע מאָל, ביז זי האָט אין יאָר 70, אונטער דער מיליטערישער פירונג פון טיטוס, חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרברענט דאָס בית המקדש. אין יאָר 135 האָט רוים, בעת דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא, נאָכמער חרוב געמאַכט ארץ־ישראל. פון דעמאָלט אָן איז רוים געוואָרן דער סימבאָל פון דער שנאה צו יידן. עס איז צו באַמערקן, אַז די יידן אין דער שטאָט רוים זעלבסט האָבן אין אַלגעמיין גענאָסן פון געוויסע פרייהייטן, און הגם עס זענען געווען אין טייל צייטן פאַרפאָלגונגען, איז אָבער דער גורל פון די יידן אין רוים געווען פאַרהעלטנישמעסיק בעסער ווי אין אַנדערע לענדער. אין רוים איז אין דער צייט פון די תנאים געווען דער תנא רבי מתיא בן חרש. רוים האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע יידישע קהלה. אויך אין די שפּעטערע צייטן, אין מיטלאַלטער, ווען רוים איז געווען דער צענטער פון גרעסטן טייל פון דער קריסטלעכער וועלט און האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון פּויבסט, האָבן די יידן אין רוים געליטן ווייניקער ווי אין אַנדערע לענדער. אין 11טן יאָרהונדערט האָט דאָרט געלעבט רבי נתן דער מחבר פון „ערוך"; אין 12טן יאָרהונדערט זענען געווען באַקאַנט די „חכמי רומא"; אין 13טן יאָרהונדערט איז געווען דער דיכטער רבי עמנואל הרומי; אין אַלגעמיין איז פון מיטלאַלטער אָן די געשיכטע פון יידן אין רוים פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון יידן אין די פאַרשידענע איטאַליענישע פּראָווינצן בכלל, און וועגן דעם זע זוכוואָרט „איטאַליע". — זע אברהם בערלינער „דברי ימי היהודים ברומא".

**רומעניע** לאַנד אין דרום־אייראָפּע, ביים שוואַרצן ים, האָט ביז זומער יאָר 1940 געהאַט לערך 19 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 1 מיליאָן יידן;

אין 1940 האָט אונגאַרן צוגענומען
אַ גרויסן טייל פון טראַנסילוואַניע, אַזוי
אַז איצט האָט רומעניע לערך 800 טוי-
זנט יידן אויף אַן אַלגעמיינער צאָל באַ-
פעלקערונג פון 17 מיליאָן. די געשיכטע
פון יידן אין רומעניע איז זייער אַלט.
פאַראַן אַ מיינונג, אַז יידן האָבן גע-
וואוינט אין דאַציען (טראַנסילוואַניע)
אין 1טן יאָרהונדערט, ווען דאָס לאַנד
האָט געהערט צו דער רוימישער אימפּע-
ריע. אין 8טן יאָרהונדערט האָבן אין
רומעניע געהערשט די כוזרים, און פון
דעמאָלט אָן באַמערקט מען אין רומעניע
מערערע יידישע ישובים; ר' בנימין פון
טודעלאַ (אין זיין „מסעות בנימין") אין
12טן יאָרהונדערט האָט געפונען אין רו-
מעניע יידישע ישובים איבער וועלכע עס
האָבן געהערשט „נשיאים"; נאָכן גרוש
שפּאַניע (1942) האָבן זיך באַזעצט אין
טייל רומענישע פּראָווינצן (מאָלדאַוויע
און אַנדערע) ספרדישע יידן, באַזונדערס
אין די שטעט בוקאַרעשט און יאַסי; אין
די יאָרהונדערטער 16, 17 און 18 האָבן
איינגעוואַנדערט אין רומעניע יידן פון
פּוילן און אוקראַינע, און הגם עס זענען
פאַרגעקומען אויף רומענישע יידן אין די
דאָזיקע צייטן שווערע גזרות, בלוט-בל-
בולים, האָבן טייל קהילות זיך דאָך אַנט-
וויקלט. אין יאָר 1878 איז אויף דעם
קאָנגרעס פון די וועלט-מלוכות אין בער-
לין אָנגענומען געוואָרן אַ פּונקט וואָס
פאַרפליכטעט רומעניע צו געבן יידן
גלייכבאַרעכטיקונג, אָבער די רומענישע
רעגירונגען האָבן אין אַלגעמיין זיך באַ-
מיט צו פאַרקלענערן די רעכט פון די רו-
מענישע יידן. אין 1918, נאָך דער
1טער וועלט-מלחמה איז די צאָל פון יידן
אין רומעניע באַדייטנד פאַרגרעסערט גע-
וואָרן דורך פאַריניקן צו רומעניע זי-
בענבירגן, בעסעראַביע און בוקאָווינע.
אין 1940, בעת דער 2טער וועלט-מל-
חמה, זענען טייל פון די דאָזיקע פּראָ-
ווינצן צוריק אָפּגעריסן געוואָרן פון רו-
מעניע און די צאָל יידן אין לאַנד האָט
זיך באַדייטנד פאַרקלענערט. דער קורס
פון דער רומענישער רעגירונג איז אַן
אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישער, וועל-
כער האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט זינט
דער אַבדיקאַציע פון קעניג קאַרל אין
ענדע 1940, ווען די רעגירונג איז אַריינ-
געפאַלן אין די הענט פון דער אַנטיסע-
מיטישער פּאַרטיי „אייזערנע גוואַרדיע"
און די היטלער-פריינטלעכע עלעמענטן,
וועלכע האָבן אין יאַנואַר 1941 איינגע-
אָרדנט אַ שרעקלעכע שחיטה אויף יידן
אין בוקאַרעשט און אַנדערע רומענישע
שטעט. מען האָט מורא, אַז איבער אַ
פערטל מיליאָן יידן זענען אומגעקומען.
— רומעניע האָט אַרויסגעגעבן אַ גרע-
סערע צאָל אָנגעזעענע רבנים, יידישע גע-
לערנטע, שריפטשטעלער, עסקנים, צווישן
זיי רבי נתן נטע האַנאָווער (מחבר פון
„יון מצולה"), דר. משה גאַסטער, פּראָ-
פעסאָר זלמן שעכטער, דר. יעקב נאַכט
און אַנדערע. אין רומעניע איז געגרינ-
דעט געוואָרן דורך אַברהם גאָלדפאַדן, די
ערשטע מאָדערנע יידישע טעאַטער-
טרופּע. אויך אין דער אַלגעמיינער רו-
מענישער ליטעראַטור האָבן יידן פאַרנו-
מען אַ גרויס אָרט. די רומענישע יידן
האָבן פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דער
יידישער עמיגראַציע אין פאַרלויף פון
19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט. אַ
גרויסע צאָל רומענישע יידן האָבן זיך
באַזעצט אין די אַמעריקאַנער לענדער
(פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אַנ-
דערע), וואו עס זענען אַנטשטאַנען אָר-
גאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן פון רומע-
נישע יידן. אין 1882 איז פאַרגעקומען
אַ גרעסערע עמיגראַציע פון רומעניש-
יידישע ערד-אַרבעטער קיין ארץ-ישראל,
וואו זיי האָבן געשאַפן די קאָלאָניעס

„זכרון יעקב" און „ראש פינה", און אויך שפעטער האט רומעניע גענומען א גרויסן אנטייל אין דער ציוניסטישער באוועגונג און אין די „עליות" קיין ארץ־ישראל. גלייכצייטיק איז אויך פארגעקומען א שטארקע אסימילאציע־באוועגונג אין די רייכערע רומעניש־יידישע קרייזן און טייל פון זיי האבן זיך געשמדט. — איבער דער אלטער יידישער געשיכטע אין רומעניע זע „קורות היהודים ברומניא" פון פסאנטער (לעמבערג 1873); זע אויך דובנאוו, געשיכטע פון יידן אין דער נייעסטער צייט.

**רוסי** זע „אדומים", „עזריה דמן אדומים".

**רוסלאנד** (אין דער רוסישער שפראך „ראסיא", זינט 1922 אין דער אפיציעלער נאמען „סאיוז סאוויעטסקיך סאציאליסטיטשעסקיך רעספובליק", דאס הייסט „פארבאנד פון די סאציאליסטישע ראטן־רעפובליקן"), איינע פון די גרעסטע לענדער אין דער וועלט, צעשפרייט אין מזרח־ און צפון־אייראפע, צפון־ און מיטל־אזיע, האט ביי 190 מיליאן איינוואוינער, צווישן זיי ביי 4½ מיליאן יידן. ביז 1917 געווען א קייסערטום, די רעגירונג איז געווען אן אויטאקראטישע אין די הענט פון קייסער (צאר), און פון 1917 געווארן א סאציאליסטיש־קאמוניסטישע (באלשעוויסטישע). — די געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד איז פארבונדן מיט דער געשיכטע פון יידן אין די שכנות־לענדער, וועלכע זענען פון צייט צו צייט באזיגט געווארן דורך רוסלאנד און אפט געווארן א טייל פון רוסלאנד. דאס זענען די לענדער: כוזרים, קרים, אוקראינע, ליטע, פוילן, גאליציע און טייל פון רומעניע (בעסאראביע), פון וואנען יידן האבן אריינגעדרונגען אין אייגנטלעכן רוסלאנד שוין אין די עלטערע צייטן (מעגלעך, אז שוין אין 9טן יארהונדערט). וועגן דעם זע אין די זוכווערטער פון די דערמאנטע לענדער. עס זענען געווען צייטן אין 11טן און 12טן יארהונדערט, ווען אין רוסלאנד זענען פארגעקומען מאסן־באוועגונגען פון מגייר זיין זיך אונטערן איינפלוס פון די יידישע איינוואוינער. אין דער צייט פון דער טאטערישער הערשאפט איבער רוסלאנד (זינט דעם 13טן ביז דעם 15טן יארהונדערט) זענען כמעט נישט פאראן קיינע שפורן פון יידן אין אייגנטלעכן רוסלאנד. אין 15טן יארהונדערט איז ווידער צו באמערקן די באוועגונג פון יודאאיזירן זיך", אנעמען דורך טייל רוסן יידישע מנהגים. אונטער דער הערשאפט פון די ערשטע צארן פון דער ראמאנאוו־דינאסטיע (פון 16טן יארהונדערט אן) איז צו באמערקן מצד די צארן א שטארקע פיינטשאפט צו יידן, און נאר געציילטע יידן זענען אריינגעקומען אין רוסישע שטעט פון פוילן, אוקראינע און אנדערע לענדער. ערשט זינט די דאזיקע לענדער זענען פאראייניקט געווארן מיט רוסלאנד איז דאס אריינדרינגען פון יידן אין די אייגנטלעכע רוסישע געגענטן געווארן שטארקער, הגם די צארישע רעגירונגען האבן קעגן זיי ארויסגעגעבן פיל גזרות, און אין 1804 איז באשטימט געווארן פאר יידן דער „תחום המושב", די „טשערטא אסעדלאסטי", און נאר אין באשטימטע געגנטן האבן יידן געמעגט וואוינען, און אויסער דעם דאזיקן „תחום" האבן געמעגט וואוינען נאר געוויסע קאטעגאריעס יידן (מיט העכערע בילדונג, סוחרים פון 1טן קלאס, בעלי־מלאכות מיט געוויסע באשייניגונגען). די באציאונגען פון די שפעטערע צארן (אין 19טן יארהונדערט) צו יידן איז נישט געווען קיין פעסט־באשטימטע, קיין איינהייטלעכע. אין דער צייט פון אלעק־

סאַנדער דעם 1טן (1801 — 1825), וועלכער האט געפּרוּווט טיילמאָל זיך פאַרשטעלן אלס ליבעראַלער הערשער, איז די לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד גע־ווען עטוואָס בעסער. אבער שוין אין דער צייט פון צאַר ניקאָליי דעם 1טן (1825 — 1855) איז די לאַגע פון רו־סישע יידן געוואָרן זייער שלעכט; דער דאָזיקער צאַר האט זיך געשטעלט אלס אויפגאַבע אפּצושמדן יידן, און ער האט דאָס איינגעפירט די „קאַנטאָניסטן"־אינסטיטוציע, נעמלעך, מען האט צוגע־נומען מיט געוואַלט יידישע קליינע קינ־דער פון זייערע עלטערן, און מען האט זיי פאַרשיקט אין ווייטע רוסישע דער־פער און דאָרט זיי געהאָדעוועט אלס סאָלדאַטן. די דאָזיקע „קאַנטאָניסטן"־קינדער האט מען אָנגעטאָן די שרעקלעכ־סטע צרות, כדי זיי זאָלן זיך שמדן (זע וועגן דעם דאָס בוך פון לעווין „קאַנטאָ־ניסטן", און די דערציילונג פון יהודה שטיינבערג „בימים ההם" וועגן דעם מסירות נפש און קידוש השם פון א סך קינדער). דער דאָזיקער צאַר האט אויך געפּרוּווט אָנוואַרפן די רוסישע יידן א געוויסן סאָרט „רוסישע בילדונג" מיי־נענדיק, אַז דערמיט וועט ער די יידן רוסיפיצירן; משומדים האָבן דעריבער אין זיינע צייטן באַקומען זייער פיל רעכט און פּריווילעגיעס. ערשט אין דער צייט פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2טן (1855 — 1881) איז בטל געוואָרן די קאַנטאָניסטן־גזירה און די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד איז אויך אין אַלגעמיין געוואָרן אַביסל בעסער. אבער אין דער צייט פון זיין זון אַלעקסאַנדער דעם 3טן (1881 — 1894) איז די לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד געוואָרן גאָר שלעכט, און אין זיינע צייטן האט מען נאָכמער באַ־גרענעצט דעם דערמאָנטן „תחום המו־שב", און אין 1882 זענען איינגעפירט געוואָרן בכלל שטרענגע באַגרענעצונגען פאַר יידן (די טרויעריק־באַרימטע „מאַי־געזעצן"), און עס זענען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף יידן. דעמאָלט האט זיך אָנגעהויבן ביי די רוסישע יידן די גרוי־סע באַוועגונג פון עמיגראַציע, פון וועל־כע דער גרעסטער טייל איז געגאַנגען קיין אַמעריקע, און אַ טייל קיין אַרגענ־טינע, און אַ געוויסע צאָל אויך קיין ארץ־ישראל (די „חובבי ציון"־באַוועגונג, די „בילוצעס"). די לאַגע פון יידן אין רוס־לאַנד האט זיך פאַרערגערט אין דער צייט פון צאַר ניקאָליי דעם 2טן (1894 — 1917) און הגם אין זיין צייט האט רוס־לאַנד כלומרשט באַקומען אַ פּאַרלאַמענט, די דומע (נאָך דער רעוואָלוציע 1905), און מען האט געמיינט, אַז רוסלאַנד גייט אויפן וועג פון ליבעראַליזם, האט זיך דאָך די רעאַקציע פאַרשטאַרקט, און באַזונדערס קעגן יידן (די פּאָגראָמען אין 1905 און שפּעטער, דער בלוט־בלבול קעגן ביילים, 1913, און די פאַרשאַרפטע גזירות קעגן יידן בכלל). ערשט די רו־סישע רעוואָלוציע אין 1917 און נאָכער די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין זעלבן יאָר האָבן געבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד. די יידן האָבן באַקומען פול־שטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג און די סאָוועט־רעגירונג האט אַפילו איינגע־פירט געזעצן קעגן אַנטיסעמיטיזם, גע־געבן יידן דאָס רעכט צו גרינדן אייגענע שולן מיט יידיש אַלס לערן־שפּראַך, גע־גרינדעט יידישע אויטאָנאָמע געגנטן אין קרים, די געפּלאַנטע יידישע רעפּובליק אין בירא בידזשאַן. אבער דאָס רוסישע יידנטום האט פאַרלוירן פיל פון זיין פריי־ערדיקער באַדייטונג. ערשטנס, ווייל דער גרעסטער טייל יידן איז ניט גע־בליבן מער אין רוסלאַנד (פּוילן, ליטע, באַלטישע לענדער, בעסאַראַביע) און אַנ־

שטאַט דעם רוסישן יידנטום האָט פֿאַר־
נומען דאָס גרעסטע אָרט אין מזרח־אייִ־
ראָפּע דאָס יידנטום אין פּוילן. צוויי־
טנס, די שרעקלעכע שחיטות אויף יידן
אין אוקראַינע (1919 — 1920), וועלכע
האָבן שטאַרק אָפּגעשוואַכט דאָס רוסישע
יידנטום. דריטנס, דער קורס פֿון דער
סאָוועט־רעגירונג און דער יידישער סעק
ציע (יעווסעקציע) קעגן העברעאיש און
ציוניזם און קעגן דער פֿלעגונג פֿון רע־
ליגיע און בכלל קעגן יעדער פֿאַרבינדונג
פֿון די רוסישע יידן מיטן וועלט־יידנטום.
אין איצטיקן מאָמענט (1943) איז שווער
צו זאָגן עפּעס קלאָרס וועגן יידנטום
אין רוסלאַנד, ווייל פֿון איין זייט זענען
זייער גרויסע טיילן פֿון רוסישן יידנטום
אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, אויסגע־
מאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטי־
שע חיילות, וועלכע האָבן פֿאַרנומען די
דאָזיקע טיילן פֿון רוסלאַנד אין דער מל־
חמה 1941 — 1942. פֿון דער צוויי־
טער זייט זענען זייער אַ סך פּוילישע
יידן (מען דענקט, אַז איבער אַ האַלבן
מיליאָן) אַנטלאָפֿן אין ווייטן רוסלאַנד
(אין סיביר, קאַזאַקסטאַן און אַנדערע
ערטער). אין דער איצטיקער מלחמה
איז פֿאַרגעקומען אַ געוויסע דערנעהענ־
טערונג צווישן די יידן אין רוסלאַנד און
דעם וועלט־יידנטום.

דאָס רוסישע יידנטום האָט אין 19טן
יאָרהונדערט ביז דער ערשטער וועלט־
מלחמה (1914 — 1918) אַריינגענומען
אין זיך די באַדייטנדסטע טיילן פֿון
יידישן פֿאָלק, סיי אין צאָל, סיי אין
גייסטיקער קוואַליטעט. דאָס רוסישע
יידנטום האָט ביז דעמאָלט אַריינגענו־
מען דעם גרעסטן טייל פֿון פּוילישן יידנ־
טום, ליטע, באַלטישע לענדער, ווייסרוס־
לאַנד, אוקראַינע און דאָס אייגנטלעכע
רוסלאַנד, און האָט געציילט ביי 7 מי־
ליאָן נפשות. דאָס רוסישע יידנטום האָט
געשאַפֿן כמעט אַלע נייע באַוועגונגען ביי
יידן, סיי רעליגיעזע, סיי וועלטלעכע:
די אַנגעזעענסטע רבנים און לומדים,
ישיבות; די גאַנצע חסידישע באַוועגונג,
רבּיים פֿון אַלע שיטות, השכלה (וועל־
כע איז אַנטשטאַנען אין דייטשלאַנד,
אָבער איר הויפּט־קאַמף איז פֿאָרגעקו־
מען אין רוסלאַנד), יידיש־סאָציאַליסטי־
שע באַוועגונגען, ציוניזם און אַלע זיינע
ריכטונגען (חבת ציון, אַרבעטער ציוניזם,
דער גייסטיקער ציוניזם פֿון אחד העם,
רעליגיעזער ציוניזם פֿון מזרחי), פֿאָלקס־
פּאַרטיי־ריכטונג. דאָס רוסישע יידנטום
האָט אַנטוויקלט די שטאַרקסטע און
גייסטרייכסטע העברעאישע און יידישע
פּרעסע, העברעאישע און יידישע ליטע־
ראַטור, טעאַטער, קונסט, און איז בכלל
געווען דער טאָן־געבער אין גייסטיקן,
געזעלשאַפֿטלעכן און פּאָליטישן לעבן פֿון
יידישן פֿאָלק (זע וועגן דעם ביי די אַנט־
שפּרעכנדע זוכווערטער ווי „ליטעראַ־
טור", „פּרעסע", „חסידות", און אַנ־
דערע). וועגן דער געשיכטע פֿון יידן
אין רוסלאַנד זענען געשריבן געוואָרן פֿיל
ווערק. זע דובנאָוו, די געשיכטע פֿון
יידן אין פּוילן און רוסלאַנד (ענגלישע
איבערזעצונג); לעשטשינסקי, יידן אין
סאָוועט־רוסלאַנד. — זע זוכווערטער
„אוקראַינע", „ליטע", „פּוילן".

**רופא** זע „מעדיציין".

**רופין, אַרטור, שמעון** (געבוירן
1876 אין דייטשלאַנד — 1942 אין
ארץ־ישראל), זינט 1908 אין ארץ־ישר־
אל, ציוניסטישער פֿירער, טעאָרעטיקער
און פּראַקטישער דורכפֿירער פֿון קאָלאָ־
ניזאַציע אין ארץ־ישראל, געלערנטער
פֿאָרשער פֿון יידישער דעמאָגראַפֿיע און
עקאָנאָמיע; פֿאַרנומען הויכע אַמטן אין
דער ציוניסטישער באַוועגונג; מחבר פֿון

„די יידן אין דער קעגנוואַרט", „יידישע סאָציאָלאָגיע" און אַנדערע ווערק.

**רוצח** זע „רציחה".

**רוקח** פאַמיליע־נאָמען פון דער באַקאַנטער רביים־דינאַסטיע אין בעלז (גאַליציע). — דער גרינדער איז געווען רבי שלום רוקח (תקנ"ט — תרט"ו) תלמיד פון רבי יעקב יצחק, דער „רבי פון לובּלין"; ער האָט איינגעפירט דאָס „בעלזער חסידות", איינגעפירט דעם ענין פון „יושבים", דאָס הייסט חסידים, וואָס זענען אָפּגעזעסן שטענדיק ביים רבין אין הויף און עוסק געווען אין לערנען און חסידות בקביעות און האָבן געלעבט דערפון, וואָס דער רבי האָט זיי אויסגעהאַלטן מיט עסן און הלבשה. וועגן רבי שלום איז פאַראַן א ספר „דובר שלום". — זיין זון איז געווען רבי יהושע (תקפ"ה — תרנ"ד), וועלכער האָט געשפּילט אויך א גרויסע ראָלע אין פּאָליטישן יידישן לעבן אין גאַליציע, געפירט א שאַרפן קאַמף קעגן השכלה, געגרינדעט די אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציע „מחזיקי הדת". — זיין זון איז געווען רבי ישכר דוב (תרט"ו—תרפ"ז), וועלכער האָט ממשיך געווען דעם דרך פון זיין פאָטער און געהאַט א שטאַרקן איינפלוס אין געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן, געקעמפט קעגן ציוניזם און אפילו קעגן דער „אגודת ישראל", האַלטנדיק, אַז זיי פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן. — דער איצטיקער בעלזער רבי ר' אהרן (געבוירן תרמ"ב) איז אין דער מלחמה־צייט (1940) אַריבער קיין לעמבערג.

**רות** נאָמען פון ספר אין תנ"ך און אויך פון דער פרוי וועמענס סיפור עס ווערט אין ספר באַשריבן. — דער ספר „רות", וואָס ווערט אויך גערופן „מגילת רות", געהערט צו דעם טייל „כתובים" אין תנ"ך, אַנטהאַלט 4 קאַפּיטלעך. דער סיפור איז פון דער צייט אין ארץ־ישראל, ווען עס האָבן געהערשט ביי יידן די „שופטים" (זע זוכוואָרט „שופטים"). עס איז דעמאָלט געווען א הונגער אין לאַנד יהודה, און איינער, אלימלך פון בית לחם, האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד צוזאַמען מיט זיין ווייב נעמי און זיינע צוויי זין מחלון און כליון, און האָט זיך באַזעצט אין לאַנד מואב. די זין האָבן דאָרט חתונה געהאַט מיט מואבישע מיידלעך, ערפה און רות. אלימלך און די צוויי זין זענען געשטאָרבן, און נעמי, הערנדיק, אַז אין ארץ־ישראל האָט דער הונגער אויפגעהערט, איז מיט אירע צוויי שניר געגאַנגען צוריק צו איר לאַנד. אויפן וועג האָט נעמי צוגערעדט די שניר, אַז זיי זאָלן צוריקגיין קיין מואב. ערפה האָט איר געפאָלגט, אָבער רות האָט זיך צוגעבונדן צו איר און איז צוזאַמען מיט איר געקומען אין בית לחם. דאָ האָט מיט רות געהייראַט איר מאַנ'ס א קרוב, א לאַנדווירט פון בית לחם, בועז, און פון זייערם אור־אייניקל איז געבוירן געוואָרן דוד המלך. — דער סיפור איז איינע פון די שענסטע אידיליעס אין דער וועלט־ליטעראַטור, די באַשרייבונג פון דאָרפישן לעבן. די אַרבעט אין פעלד איז זומער, מנהגים פון אַמאָליקן איינפאַכן לעבן. רירנדע שילדערונגען פון דער צוגעבונדנקייט און טרייקייט פון א צניעותדיק מיידל. לויט דער גמרא אין בבא בתרא י"ד האָט שמואל הנביא געשריבן דעם ספר רות. — עס איז א מנהג צו לייענען מגילת רות דעם 2טן טאָג שבועות; דער מנהג איז גאָר אַן אַלטער און ווערט געבראַכט אין מסכת סופרים י"ד (דאָרט ווערט געזאָגט צו לייענען „במוצאי יום־טוב ראשון של עצרת"). עס ווערן אָנגעגעבן דערצו עטלעכע טעמים. ערשטנס, ווייל לויט איין טראַדיציע איז דוד המלך געשטאָרבן אין שבו־

עות, צווייטנס, ווייל דער ספור איז פאַר־
געקומען ווי עס ווערט געזאָגט אין דער
צייט פון „קציר חטים“, און דאָס איז
שבועות־צייט. — וועגן „מדרש רות“
זע זוכוואָרט „מדרש“. — רות האָט גע־
דינט אַלס טעמע פאַר פיל ליטעראַרישע
און קינסטלערישע ווערק.

**רזיאל** נאָמען פון אַ מלאך; ווערט דער־
מאָנט דאָס ערשטע מאָל אין דעם אַפּאַ־
קריפן ספר „חנוך“ (אין דער סלאַווישער
נוסחא); ווערט נאָכער דערמאָנט אין
תרגום קהלת י', כ', אַז רזיאל המלאך
רופט אויס יעדן טאָג אויפן באַרג חורב,
נאָכער געפינען מיר רזיאל אין די מיסטי־
שע ספרים. עס האָבן זיך באַוויזן שוין
אין דער צייט פון די גאונים קבלה־ספ־
רים, וועגן וועלכע עס ווערט אָנגעגעבן
אַז זייער מחבר איז רזיאל המלאך, וועל־
כער האָט דעם ספר איבערגעגעבן צו
אדם הראשון. דער מפרש התנ"ך רבי
אברהם אבן עזרא אויף שמות י"ד
ברענגט פון „ספר רזיאל“ ווערטער,
וועלכע געפינען זיך נישט אין „ספר
רזיאל“ וועלכן מיר האָבן. דאָס „ספר
רזיאל“ וואָס מיר האָבן באַשטייט פון
קבלה־ווערטער, סגולות, נוסחאות פון
קמיעות, און ווערט באַטראַכט אַלס זייער
היילִיק, און טייל גלויבן, אַז האַלטן דאָס
ספר אין שטוב איז אַ סגולה קעגן שריפה
און אַנדערע אומגליקס־געפאַרן.

**רחב הזונה** אין ספר יהושע ב' ווערט
דערציילט, אַז ווען יהושע און די יידן
זענען געגאַנגען איינעמען די שטאָט
יריחו איז דאָרט געווען אַ פרוי רחב הזו־
נה, וועלכע האָט געהאָלפן די צוויי יידי־
שע מרגלים, וועלכע זענען געקומען אויס־
שפּירן די שטאָט; דערפאַר האָבן די יידן
געראַטעוועט איר און איר פאַמיליע. —
וועגן וואָרט „זונה“ זענען פאַראַן עט־
לעכע טייטשן; טייל מיינען, אַז דאָס איז
פון העברעאישן וואָרט „זון“, „שפּייזן“,
און רחב איז געווען די אייגנטימערין
פון אַן אכסניה, וואו דורכרייזנדע האָבן
באַקומען צו עסן. טייל טייטשן „זונה“,
אויסגעלאַסענע פרוי.

**רחבעם** זון פון שלמה המלך, געקע־
ניגט איבער יהודה 933 — 917 פאַר
דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. אין
ספר מלכים י"א ווערט דערציילט, אַז
נאָך שלמהס טויט זענען געקומען די
עלטסטע פון די יידן צו רחבעם, אַז ער
זאָל פאַרלייכטערן די שטייערן, אָבער ער
האָט לויט דער עצה פון זיינע יונגע
פריינט נישט געוואָלט דערפילן די פאָ־
דערונג, און דעמאָלט האָבן די 10 שבטים
זיך אָפּגעריסן און געגרינדעט די מלכות
ישראל מיט דער הויפּטשטאָט אין שכם
און דערקלערט אַלס זייער מלך ירבעם.
רחבעם איז געבליבן מלך אין יהודה מיט
ירושלים אַלס די הויפּטשטאָט. אין מלכים
א' ווערט דערציילט, אַז אין זיין צייט
האָט ששק מלך מצרים מלחמה געהאַלטן
קעגן רחבעם און באַרויבט דאָס בית
המקדש.

**רחובות** נאָמען פון איינער פון די
עלטסטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל,
האָט לערך 8,000 איינוואוינער און פאַר־
נעמט אַ שטח פון לערך 15 טויזנט דו־
נאַם; געגרינדעט 1890 דורך דער חברה
„מנוחה ונחלה“ אין וואַרשע. דאָרט גע־
פינט זיך דער בעמישער אינסטיטוט ווי
אויך דער אַגריקולטור־עקספּערימענטן־
אַנשטאַלט פון דער יידישער אַגענץ.

**רחל** נאָמען פון איינער פון די היי־
ליקע 4 אמהות, ווייב פון יעקב אבינו,
טאָכטער פון לבן, מוטער פון די צוויי
שבטים יוסף און בנימין. דער סיפּור
וועגן רחל ווערט געבראַכט אין חומש
בראשית אין די סדרות ויצא און וישלח.

עס ווערט דארט דערציילט, אז רחל, די טאכטער פון לבן, איז געווען א שיינע, און ווען יעקב איז אנגעקומען אין לאנד פון לבן און דערזען רחל האט ער איר ליב באקומען, און ער האט אפגעמאכט מיט לבן צו דינען אים 7 יאר און דער־פאר צו באקומען רחל פאר א ווייב. לבן האט צוערשט אפגענארט יעקבן און אים געגעבן זיין עלטערע טאכטער לאה, נאר שפעטער האט ער אים אויך געגעבן רחלן. רחל האט געבוירן צוויי קינדער, יוסף און בנימין; ביים געבוירן בנימינען איז זי געשטארבן אויפן וועג צו אפרת, און יעקב האט אויף איר קבר געשטעלט א מצבה, און דער חומש זאגט, אז די דא־זיקע „מצבת קבורת רחל" שטייט „ביז היינטיקן טאג" (בראשית ל"ה) ביי בית לחם. — רחל איז געווארן פארהייליקט אלס די מוטער פון יידישן פאלק וואס בעט אין הימל פאר אירע קינדער. דאס ווערט געבראכט צום אויסדרוק אין די ווערטער פון ספר ירמיה ל"א „קול ברמה נשמה נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה", און אויך שפעטער אין גמרא און מדרש (איכה רבתי א') ווערן געבראכט די ספורי אגדה, ווי רחל האט געוויינט אין הימל ווען מען האט די יידן געטריבן אין גלות אריין. אין חדר ווען דער מלמד פלעגט לערנען מיט די קינדער דעם פסוק אין בראשית מ"ח „ואני בבאי מפדן ארם מתה עלי רחל", פלעגט ער צוזינגען מיט א רירנדער מע־לאדיע די ווערטער פון רש"י וועגן רחל ווי זי וויינט אויף אירע קינדער, און דאס האט נאכמער פארשפרייט די ספורי אגדה וועגן רחל. — דער טראדיציאנע־לער „קבר רחל" ווערט געוויזן אויפן וועג פון ירושלים קיין חברון, צו דרום פון ירושלים, נישט ווייט פון דער שטאט בית לחם. שוין אין די גאר אלטע צייטן פלעגט מען קומען מתפלל זיין צום דא־זיקן קבר. אין ספר שמואל א' י"ב ווערט דערמאנט די „קבורת רחל". אין די ספרים און ביכער מיט באשרייבונגען פון ארץ־ישראל אין מיטלאלטער (אין העברעאיש, אראביש) ווערט דער קבר רחל דערמאנט. טייל פארשער האלטן, אז דער קבר רחל איז געווען ביי רמה אין לאנד אפרים (דערפון איז דער „קול ברמה נשמע"), אבער די טראדיציע איז אז דער קבר רחל איז ביי בית לחם. דער מנהג איז צו קומען צום קבר רחל יעדן ערב ראש חודש, ווי אויך חודש אלול און עשרת ימי התשובה. מען קומט דארט פון פיל לענדער מתפלל זיין. אויפן קבר שטייט אן איינזאמע געביידע פון צוויי צימערן, ביים וועג צווישן די פעל־דער, און דער קבר געפינט זיך אין צווייטן צימער. די געביידע איז אויפ־געשטעלט געווארן אין יאר 1866 דורך משה מאנטעפיארע. דאס בילד פון קבר רחל איז געווען אויסגענייט און אויסגע־שטריקט אויף די „מזרח"־בילדער וואס האבן געהאנגען אין רעליגיעזע יידישע הייזער.

**רחמים, רחמנות** די מידה פון רח־מים, פון רחמנות, ווערט צוגעשריבן צו גאט, דעם „אל רחום" (שמות ל"ד און אנדערע ערטער פון תנ"ך). — וועגן די צוויי מידות „מידת הדין ומידת הרח־מים" זע ביי די זוכווערטער „דין" און „מידות". — צוליב דעם ווערט גאט אויך אנגערופן „הרחמן" (אין בענטשן נאכן עסן) און אויך אין אראמעאישן „רחמנא". דאס ווארט רחמים באדייט דעריבער אויך תפילה (די גמרא ברכות נ"ה „שלשה צריכים רחמים", און אויך אין יידישן פאלקס־אויסדרוק וועגן א שווערן קראנקן „ער דארף האבן רח־מים"). — אין דער יידישער רעליגיע ווערט געלערנט דעם מענטשן צו האבן די מידה פון רחמנות און ער דארף זיך

אין דעם גלייכן צו גאט. די גמרא אין יבמות ע״ט זאגט, אז איינער פון ד׳ סימנים פון יידן איז, אז זיי זענען „רח־מנים״ („שלשה סימנין באומה זו רחמ־נים, ביישנים וגומלי חסדים״). — אין דער יידישער מיסטיק, וואס ווערט שוין געבראכט אין מדרש (בראשית רבה י״ב) ווערט אנגעוויזן, אז פון די צוויי שמות פון גאט איז „הויה״ די מידה פון רח־מים און „אלהים״ די מידה פון דין.

**רחמנא ליצלן** (גאט זאל אונדז באַ־שערעמען), אויסדרוק, וואס מען זאגט ווען מען דערמאנט אן אומגליק און מען ווינטשט זיך דעריבער, אז מען זאל אויסגעהיטן ווערן דערפון.

**רח״ש (רעבאַש)** געלט, וואס מחו־תנים געבן דעם רב פאר מסדר קידושין זיין די חתן־כלה. פון דעם געלט פלעגט דער רב אראפגעבן א טייל דעם חזן און דעם שמש, און דערפון זאל זיין דער נאמען רח״ש (רב, חזן, שמש). אין פארשידענע קהלות זענען געווען תק־נות וויפיל מען דארף געבן רחש; מיי־סטנס איז עס געווען א געוויסער פּראַ־צענט פון נדן, וואס דער חתן פלעגט באקומען.

**ריאָ דע זשאַנייראָ** זע „בראַזיליע״.

**ריב״ש** זע „יצחק בן ששת״.

**ריגע** זע „לאַטוויע״.

**רידבז, יעקב דוד** (1845 — 1916), רב און למדן, געבוירן אין רוסלאנד, גע־ווען רב אין סלוצק, נאכער אין שיקאגא און די לעצטע יארן אין צפת; מחבר פון פירוש אויפן ירושלמי, געדרוקט צו־זאמען מיטן ירושלמי („חידושי רידבז״ און „תוספות רידבז״), ווי אויך שאלות ותשובות און דרוש־ספרים.

**רייזען** — 1) אברהם (1876 אין ליטע), זינט 1914 אין ניו־יארק; שריפטשטע־לער, נאוועליסט און דיכטער, יידישיסט, געווען אקטיוו טעטיק אין „בונד״; זאמ־לונגען פון זיינע שריפטן זענען דערשי־נען אין 24 בענדער. פרטים אין „לעק־סיקאן״ פון רייזען״. — 2) זלמן (גע־בוירן 1887 אין ליטע), ברודער פון אברהם; יידישער געלערנטער, פארשער פון דער געשיכטע פון דער יידישער לי־טעראטור און פרעסע; א לענגערע צייט אויך רעדאקטאר פון „טאג״ אין ווילנע; איינער פון די פירער פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט״ („ייוואָ״); מחבר פון פיל אפהאנדלונגען איבער עטלעכע יידישע ווערק; זיין הויפט־ווערק איז דער „לעקסיקאן פון יידישער ליטע־ראטור און פרעסע״ אין 4 בענדער (ביז 1926). אין וועלכע רייזען גיט אין אלף־בית־סדר די רשימה און ביבליאגראפיע פון שריפטשטעלער און זשורנאליסטן, וועלכע האבן געשריבן אין יידיש אדער וועגן יידיש; אין 1914 האט רייזין ארויסגעגעבן א קלענערן „לעקסיקאן״ אין איין באנד, אין וועלכן עס זענען אויך געווען פארצייכנט די שרייבער אין אלט־יידיש. רייזען האט אויך מחבר געווען „פון מענדלסאָן ביז מענדעלע״, איבער דער עלטערער יידישער ליטעראטור.

**רייזנדע** זע „געאגראפיע״.

**רייכטום** זע „עשירות״.

**רייכלין, יאָהאַן** (1455 — 1522), קריסטלעכער דייטשער געלערנטער הו־מאניסט, וועלכער האט פיל געהאלפן צו פארשפרייטן די באוועגונג פון הומאניזם אין דער נייער צייט; געלערנטער אין העברעאיש און תלמודישער ליטעראטור ווי אויך אין קבלה, געשריבן העברעאיש, אונטערשרייבנדיק זיך „יוחנן רוחלין״; תלמיד פון רבי יעקב ספורנו; מחבר אין

לאטיין פון ,שפורן פון העברעאיש'' (איבער דקדוק); ער איז ארויסגעטרעטן שארף קעגן דעם משומד פעפערקארן, וועלכער האט מיט זיינע מסירות דערפירט צו דער גזירה צו פארברענען דעם תלמוד; א דאנק רייכלינס פארטיידיקונג אין זיין ,,אויגענשפיגעל'' איז דער תלמוד ניצול געווארן. רייכלין איז איינע פון די שענסטע פערזענלעכקייטן אין דער קריסטלעכער וועלט אין דער נייער צייט.

**ריינעס, יצחק יעקב** (1839 — 1915, י"ח תמוז תרע"ה); רב אין דער שטאט לידע, למדן און עסקן, גרינדער פון דער רעליגיעזער ציוניסטישער פארטיי ,,מזרחי'' (1902), גרינדער פון דער ,,לידער ישיבה'' צו לערנען תורה און אלגעמיינע בילדונג; מחבר פון ספרים ,,חותם תכנית'', ,,אורים גדולים'', ,,שערי אורה'', ,,נאד של דמעות'', ,,אור חדש על ציון''; הרב ריינעס האט געהאט א גרויסע השפעה אויף דעם ארייןפירן דעם ציוניזם אין די רעליגיעזע קרייזן.

**רייפמאן, יעקב** (1818 — 1895, כ"ה תשרי תרנ"ו), אין שעברעשין אין פוילן, געלערנטער פון חכמת ישראל. מחבר פון ,,שדה ארם'' (איבער תרגום אונקלוס), ,ארבעה חדשים'' (איבער ספר בן סירא, ספר חסידים,, סדר תפלה און שאלתות), ,,מנחת זכרון'' (קריטישע באמערקונגען צו דער תלמודישער מעטאדאלאגיע), און פיל. פיל אנדערע.

**ריי"ף** זע ,,יצחק אלפסי''.

**ריש גלותא** אויך גערופן ,,ראש הגולה'' (העכסטער פון יידישן ישוב אין גלות), טיטל פאר דעם העכסטן יידישן פירער אין בבל אין דער אלטער צייט, לערך פון אנהויב בית שני (6טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) ביז נישט לאנג פארן סוף פון דער תקופת הגאונים (10טער יארהונדערט). די יידן אין בבל, וועלכע האבן געהאט א ברייט אנטוויקלטע אויטאנאמיע און געפירט א יידיש געזעלשאפטלעך, רעליגיעז און קולטור־לעבן, האבן געהאט פון די הערשער איבער בבל דאס רעכט צו האבן אן אייגענע פארוואלטונג מיט אן אייגענעם פרינץ אין דער שפיץ. דער דאזיקער יידישער פרינץ האט געטראגן דעם טיטל ,,ריש גלותא'' אדער ,,ראש הגולה''. ער האט אפגעשטאמט פון מלכות בית דוד, פון דער דינאסטיע פון דוד המלך, וועלכע איז פארטריבן געווארן ביים חורבן פון 1טן בית המקדש קיין בבל. אין דער גמרא חולין צ"ב איז דער ,ראש הגולה'' העכער פון ,,נשיא' אין ארץ־ישראל. לויט אן אלטער רשימה אין ,,סדר עולם זוטא'' (זע ,,סדר עולם'') איז זרובבל בן שאלתיאל (זע ,,זרובבל'') געווען דער ערשטער ריש גלותא. לויט דער מיינונג פון טייל היסטאריקער (צונץ, גרעץ און אנדערע) איז דער אמט פון ריש גלותא געשאפן געווארן ערשט אין 2טן יארהונדערט, אין דער צייט פון חתימת המשנה. די דאזיקע פראגע איז ביז איצט נישט געלעזט, און פון די פארשידענע ערטער אין דער גמרא איז צו זען, אז שוין אין דער צייט פון דער גמרא איז דער אמט פון ריש גלותא יא געווען גאר אלט (,,לא יסור שבט מיהודה אלו ראשי גליות שבבבל'', סנהדרין ה' און אנדערע שטעלן). ווי הויך געשעצט דער ריש גלותא איז געווען איז צו זען, אז אין ,,סדר עולם זוטא'' (פרק ט') ווערט ער אנגערופן ,,מלכא'', ,,דער יידישער קעניג''. דער ריש גלותא האט געהאט דאס רעכט צו באשטימען ריכטער און דיינים איבער יידן, אפצונעמען ביי זיי שטייערן, פירן די גאנצע יידישע פארוואלטונג פון די פראווינצן, וואו יידן האבן

געוואוינט. ער איז אין קעניגלעכן הויף געווען פארעכנט צו די חשובסטע פרינצן. זיין צייכן איז געווען א זיידענער, מיט גאלד געהאפטענער גארטל, מיטן נאמען „קמרא" (הוריות י"ג). ער האט געוואוינט אין א שיינעם פאלאץ, געהאט קנעכט, געפארן אין א באגילדעטער קארעטע „גוהרקא דדהבא" (גטין ל"א) געהאט אן אייגענע מיליטערישע וואך. זיינע באפעלן פלעגט ער חתמענע מיט א שטעמפל מיט דעם צייכן פון א פליג (דאס איז געווען אין די שפעטערע צייטן, און וועגן דער אנטשטייאונג דערפון איז פאראן די לעגענדע וועגן בוסתנאי, זע „בוסתנאי"). די הערשער פון בבל (שפעטער די קאליפן פון באגדאד) האבן אפגעגעבן פאר דעם ראש הגולה לאנדגיטער, פון וואנען ער האט געצויגן איינקונפטן. דאס דערוויילן א ראש הגולה (וואס פלעגט כמעט כסדר איבערגיין בירושה פון פאטער צו זון) איז פארגעקומען מיט פייערלעכער צערעמאניע; דאס האט געמוזט פארקומען מיט דער הסכמה פון די צוויי „גאונים", די ראשי ישיבות פון סורא און פומבדיתא (זע „גאונים"). מען האט דעם ניי־דערוויילטן ראש הגולה געפירט מיט גרויס פאראד קיין סורא, וואו עס איז געווען די רעזידענץ פון ראש הגולה, און שבת האט מען אים דערלאנגט א ספר תורה, און אלע פארזאמלטע האבן אויסגערופן, „יחי אדוננו הנשיא, הוא נשיאנו הוא ראש הגולה גלות ישראל". לכבוד דעם ראש הגולה האט מען מתקן געווען די תפילה פון „יקום פורקן" (ראשי גלותא). אין דער לעצטער צייט איז געווען די רעזידענץ פון ראש הגולה אין באגדאד. — די ראשי הגולה זענען גאנץ אפט געווען תקיפים, און געפירט זייער הערשאפט קעגן די אינטערעסן פון דער יידישער באפעלקערונג, אזוי אז טיילמאל פלעגן זיין מחלוקות צווישן די גאונים און די ראשי הגולה. אזא מחלוקה איז געווען אין דער צייט פון ענן (זע „ענן"), וואס האט דערפירט צו דער אנטשטייאונג פון די „קאראאימער" סעקטע, און אויך אין דער צייט פון רב סעדיה גאון. דער לעצטער ראש הגולה איז געווען א איינגער בחור יהודה אין דער צייט פון רב סעדיה גאון, אין דער צווייטער העלפט פון 10טן יארהונדערט. מען ווייסט וועגן אים זייער ווייניק. עס איז נאר באקאנט, אז די מוסולמאנער האבן אים דערמארדעט, און די יידן אין בבל זעלבסט האבן באשלאסן אפצושאפן דעם אמט. — וועגן דער הערשאפט פון די ראשי הגולה אין דער צייט פון דער גמרא איז פאראן זייער פיל אין פארשידענע ערטער אין דער גמרא (סנהדרין ח', גטין ז' און אנדערע). וועגן דער צייט פון די גאונים איז פאראן די „אגרת דרב שרירא גאון", אין דער רשימה פון רבי נתן הבבלי געדרוקט צום סוף פון ספר „יוחסין", אין סדר עולם זוטא (רשימה פון ראשי הגולה פון זרובבל אן) און אנדערע. — זע וויים „דור דור ודורשיו", חלק ד'. — זע זוכווערטער „אויטאנאמיע", „בבל", „גאונים".

**ריש, לקיש** (קיצור פון „רבי שמעון בן לקיש); אמורא אין ארץ־ישראל אין 3טן דור פון אמוראים, תלמיד און שוואגער פון רבי יוחנן. אין דער גמרא גטין מ"ז ווערט דערציילט, אז ער איז געווען א גרויסער גיבור און ער האט זיך געהאט פארקויפט צו די „לודאי", צו גלאדיאטארן; אין בבא מציעא פ"ד ווערט דערציילט, אז רבי יוחנן האט אים מחזיר בתשובה געווען און אים געגעבן זיין שוועסטער פאר א ווייב און געלערנט מיט אים ביז ער איז געווארן דער גרויסער אמורא ריש לקיש. ווי ווייט מען האט אים שפעטער געשעצט

איז צו זען פון דער גמרא יומא ט׳, אַז ווער עס האָט גערעדט מיט ריש לקיש אין גאַס איז געווען שטאַרק באַגלויבט, אַז מען האָט אים געטרויט געלט אָן עדות. פון ריש לקיש זענען געבליבן אין דער גמרא פיל הלכות און אגדות. ער האָט געזאָגט וועגן די, וואָס שטראָפן אַנדערע „קשוט עצמך תחילה ואחר כך קשוט אחרים", צוערשט זע צו זיין אַליין גוט און דעמאָלט קאָנסטו שטראָפן אַנדערע (בבא מציעא ק"ז); „די תורה האַלט זיך נאָר ביי דעם וואָס ברענגט זיך אום פאַר איר" (שבת פ"ג); ער האָט געזאָגט, אַז די נעמען פון מלאכים און חדשים האָבן יידן מיטגעבראַכט פון בבל (ירושלמי ראש השנה).

**רכב, רכבים** זע „יהונדב בן רכב".

**רכילות** זע „לשון הרע".

**רלב"ג** זע „לוי בן גרשון".

**רמ"א** זע „משה איסערלים".

**רמב"ם** זע „משה בן מימון".

**רמב"ן** זע „משה בן נחמן".

**רמז** (אָנדייטונג, אָנווייזונג), אין די פרושים צו דער תורה און צו די מצוות ווערט אָנגענומען, אַז אחוץ דער פשוטער איינטייטשונג פון די ווערטער און דעם איינפאַכן זין פון די מצוות זענען אויך פאַראַן אַנדערע, טיפערע באַדייטונגען. עס ווערט געזאָגט, אַז מען קאָן איינטייטשן יעדעם וואָרט אויף 4 מעטאָדן: „פרדס", וואָס זאָל זיין די ראשי תבות פון „פשט, רמז, דרוש, סוד". מיטן וואָרט „רמז" מיינט מען געוויינלעך ניט די מיסטישע איינטייטשונגען, נאָר די „אַלעגאָרישע", דאָס מרמז זיין אויף אַן אַנדערער זאַך. שוין אין דער גמרא געפינען מיר דעם אויסדרוק „רמז" אין זין פון „אָפּלערנען"; למשל אין סנהדרין מ"ו „רמז לקבורה מן התורה מניז, תלמוד לומר כי קבור תקברנו", דאָס הייסט, אַז פון די ווערטער „כי קבור תקברנו" לערנט מען אָפּ, אַז די תורה הייסט קובר זיין אַ מת. איבער רמז איז זין פון „אַלעגאָריע" זע זוכוואָרט „אַלעגאָריע") געפינט מען ערשט אין די שפּעטערע ספרים. רבי משה איסערלים (דער רמ"א) אין זיין ספר „תורת העולה" ברענגט פיל רמזים וועגן בית המקדש און די קרבנות. אין טייל קבלה ספרים ווערט דאָס וואָרט „רמז, רמזים" באַנוצט אויך פאַר קבלה־געדאַנקען. — זע „אַלעגאָריע", „סוד".

**רמ"ח אברים** לויט דער מיינונג פון דער גמרא (מכות כ"ג) האָט דער קערפּער פון אַ מאַן „רמ"ח אברים", 248 גלידער, און פון אַ פרוי 252 גלידער (בכורות מ"ה). אין יידיש איז פאַראַן דער אויסדרוק „מיט אַלע רמ"ח אברים", דאָס הייסט, מיטן גאַנצן קערפּער.

**רעגן** זע „גשם".

**רעוויזיאָניסטן** נאָמען פון אַ עקסטרעם פּאַטריאָטישער פּאַרטיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז אַרויסגעטרעטן אין יאָר 1935 פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איר גרינדער און פירער איז געווען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי (זע „זשאַבאָטינסקי"). זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1925. איר פּראָגראַם איז צו „רעווידירן" די מעסיקע פּאָליטישע טאַקטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַרלאַנגען צו שאַפן אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל פון ביידע זייטן ירדן און די שאַפונג זאָל פאַרקומען מיט שאַרפע מעטאָדן, ווי אַמשנעלסטן, ווי אויך שאַפן יידיש מיליטער. די רעוויזיאָניסטן זענען אין שאַרפסטן קאַמף באַזונדערס קעגן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן

אין ציוניזם, קעגן פועלי ציון, הסתדרות העובדים הכלליים. זיי האבן דעריבער באשאפן אן אייגענע „הסתדרות העובדים הלאומיים". צו די רעוויזיאניסטן געהערן אויך „ביתר", „ברית ישורון" (פון רעליגיעזע עלעמנטן); זיי האבן אויך זייער אייגענעם פאנד „קרן תל חי". עס זענען געווען אפטע פארהאנדלונגען מיט די רעוויזיאניסטן, אז זיי זאלן צוריק זיך אנשליסן אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די הויפט־פירער פון דער פארטיי, נאך זשאבאטינסקיס טויט, זענען: אורי זשאבאטינסקי, פראפעסאר קולישער, פאן ווייזעל, און די עקסטרעמע רעוויזיאניסטישע שריפטשטעלער און ווארט־פירער אבא אחימאיר, אורי צבי גרינבערג. — די רעוויזיאניסטן האבן אחוץ זייער פאליטישן פראגראם אויך א פראגראם אין סאציאלע פראגן. אין וועלכע זיי זענען קעגן סטרייקן און פאר אנטשיידן אלע סכסוכים צווישן ארבעטער און באלעבאטים דורך צוואנגס־שידס־געריכט. אויך פאדערן זיי א שטרענגערע דיסציפלין אין נאציאנאלע ענינים.

**רעיא מהימנא** זע „זוהר".

**רעכט** די יידישע געזעצן, סיי אין ציוויל־רעכט (אייגנטום־טענות), סיי מאן־און פרוי־רעכט (קידושין, גטין), סיי קרימינעלע רעכט (מארדן וכדומה), זענען א טייל פון דער יידישער רעליגיע און טראגן א רעליגיעזן כאראקטער. אין חומש הייסט רעכט „משפט, משפטים", אין דער משנה און גמרא און שפעטערע ספרים הייסט עס „דינים". דער שולחן ערוך איז די הויפט־זאמלונג פון יידישע רעכט און זיי געפינען זיך: ציוויל־רעכט אין חלק „חושן משפט" און מאן־און־פרוי־רעכט אין חלק „אבן העזר". קרימינעלע רעכט איז אין שולחן ערוך נישטא, ווייל דער שולחן ערוך ברענגט נאר די דינים, לויט וועלכע דאס יידישע לעבן ווערט געפירט היינטיקע צייטן; דאקעגן דער רמב"ם אין משנה תורה ברענגט יא די דינים פון קרימינעלע רעכט. — וועגן דער יידישער רעכט זענען געשריבן געווארן פיל וויסנשאפטלעכע ביכער, אמייסטן אין דייטש; אין ענגליש איז פאראן מעלצינערס בוך איבער ציווילער און קרימינעלער רעכט אין תלמוד; לעצטנס זענען דערשינען אין ארץ־ישראל אין העבראיש ספרים איבער די יידישע רעכט פון צורי, דיקשטיין.—זע „דין, דיינים".

**רעליגיע** אין יידנטום איז די רעליגיע געווען דער הויפט־יסוד פון גאנצן פאלקס־וועזן אין דער יידישער געשיכטע, יעדנפאלס פון נאכן חורבן בית־ראשון. ערשט אין דער נייערער צייט זענען אויפגעקומען וועלטלעכע יידישע באוועגונגען, וועלכע טיילן אפ רעליגיע פון יידישן פאלקסטום. — וועגן די יסודות פון דער יידישער רעליגיע זענען פאראן פיל מיינונגען. געוויינלעך איז אנגענומען, אז די הויפט־יסודות זענען די באקאנטע דרייצן עקרים (זע זוכווארט „עיקרים"), אבער עס איז קלאר, אז די יידישע רעליגיע איז ניט בלויז א דאגמאטישע, נאר זי נעמט ארום ברייטע לעבנס־שטחים, מען קאן זאגן, אז דאס גאנצע יידישע לעבן. אין העבראישן איז נישט פאראן קיין איין ווארט, וואס זאל איבערגעבן דעם גאנצן זין פון ווארט רעליגיע. געוויינלעך איז געווארן באנוצט דערצו דאס ווארט „אמונה"; די פראקטישע זייט פון דער רעליגיע איז באצייכנט געווארן מיטן ווארט „דת". — זע „אמונה", „דת", „יידנטום", „מצוות", „עקרים".

**רעמסס** נאמען פון עטלעכע מלכים אין אלטן מצרים; אין חומש (שמות א')

ווערט מיט „רעמסס" אָנגערופן איינע פון די שטעט (פיתום ורעמסס) וואָס די יידן האָבן געבויט פאַר פרעה.

**רעפאָרם** נאָמען פון דער באַוועגונג צווישן יידן, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט און וואָס איר פראָגראַם איז צו רעפאָרמירן, אַריינברענגען „ענדערונגען", „אויסבעסערונגען" אין די יידישע רעליגיעזע דינים, מצוות און מנהגים און זיי צופאַסן צו „דעם גייסט פון דער צייט", ווי די רעפאָרמער האָבן זיך אָפט אויסגעדריקט. די רעפאָרם האָט געטראָגן אַ טאָפלטן כאַראַקטער. פון איין זייט האָט די רעפאָרם זיך באַמיט „לייכטער" צו מאַכן די יידישע רעליגיע, אָפּצושאַפן און ענדערן אַ טייל דינים און מצוות, ווייל זיי זענען, לויט דער מיינונג פון די רעפאָרמער, „צו־שווער" מקיים צו זיין אין דער היינטיקער צייט און אויך ווייל די רעפאָרמער האַלטן, אַז די דאָזיקע מצוות און דינים זענען נישט קיין „נויטיקער טייל" פון דער יידישער רעליגיע. פון דער צווייטער זייט האָט די רעפאָרם געטראָגן אויך אַן אַסימילאַטאָרישן, אַנטי־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וועלנדיק אָפּשאַפן פיל מצוות און דינים און מנהגים און יידישע רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען, וועלכע טיילן אָפּ דעם ייד פון נישט־ייד און מאַכן אַזוי אַרום שווער דאָס אַסימילירן זיך מיט דער נישט־יידישער סביבה. די ערשטע רעפאָרמער אין דייטשלאַנד האָבן געפרוּווט ענדערן נאָר געוויסע מנהגים און דינים, ווי דאַוונען די גרעסטע טייל תפילות אין דייטש אַנשטאָט אין העברעאיש, איינפירן אין דער שול דעם אָרגל, אָפּשאַפן געוויסע תפילות. שפעטער, באַזונדערס זינט אין שפיץ פון דער רעפאָרם־באַוועגונג האָבן זיך געשטעלט דער באַרימטער געלערנטער אברהם גייגער (אין ברעסלוי) און שמואל העלדהיים אין בערלין. אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט, זענען פאַרגעקומען אין בראַונשווייג, פראַנקפורט, ברעסלוי (1844 — 1846) צוזאַמענפאָרן פון רעפאָרם־ראַבינער, און די רעפאָרם איז געוואָרן וואָס אַמאָל שאַרפער. טייל פון די רעפאָרמער האָבן אָפּגעשאַפט די דינים פון כשר און טריפה, איבערגערוקט שבת אויף זונטיק, מתיר געמאַכט געמישטע חתונות מיט קריסטן. אַנדערע זענען געגאַנגען נישט אַזוי ווייט (מעסיקע רעפאָרם), אָבער אויך זיי האָבן אָפּגעשאַפט אַ סך דינים און מצוות, ווי תפילין, צווייטן טאָג יום־טוב, וכדומה. כמעט אַלע האָבן רעפאָרמירט דעם סידור, אויסגעמעקט פון די תפילות יעדע שפור פון צוריקער קיין ארץ־ישראל, ציון, פון האָפענונג אויף דער גאולה דורך משיח. פון דייטשלאַנד האָט די רעפאָרם זיך צעשפרייט אויך אין אַ ריי אַנדערע לענדער, אַמייסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע, וואו די הויפט־סעמינאַרן פאַר רעפאָרם־ראַביים זענען אין סינסינעטי (היברו יוניאַן קאָלעדזש) און ניו־יאָרק (די שולע פון דר. סטיפען ווייז). צווישן דער רעפאָרם און דער אָרטאָדאָקסיע, די טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע יידן, איז פאַרגעקומען און קומט פאַר אַ שאַרפער קאַמף, און אַמייסטן איז דער קאַמף געווען אין דייטשלאַנד, אונגאַרן אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. — איבער דער געשיכטע פון דער רעפאָרם־באַוועגונג ביי יידן זע אין העברעאיש בערנפעלד: „הריפורמציון הדתית" און „דור תהפוכות".

**רפאל** נאָמען פון אַ מלאך, וואָס איז ממונה אויף היילן קראַנקע, ווערט דער־

מאַנט אין די „כתובים אחרונים", גמרא און מדרשים. אין די כתובים אחרונים ווערט רפאל דערמאַנט אין ספר טוביה. אין דער גמרא און מדרשים ווערט ער דערמאַנט פיל מאָל (יומא ל"ז און אַנדערע).

**רציחה** מאָרד, רציחה, איז אין דער יידישער רעליגיע פאַרעכנט אַלס איינע פון די שווערסטע פאַרברעכנס, און איינע פון די עשרת הדברות (שמות כ') איז „לא תרצח" (זאָלסט נישט מאָרדן). פאַר מאָרד קומט טויט-שטראָף („מכה איש ומת מות יומת", שמות כ"א). מאָרד, שפיכת דמים, איז איינע פון די דריי פאַרברעכנס, וואָס „יהרג ואל יעבור", דאָס הייסט, אויב מען הייסט איינעם דערמאָרדן אַ צווייטן מענטש, און אויב ער וועט עס ניט טאָן וועט מען אים טויטן, זאָל ער זיך לאָזן טויטן און נישט באַגיין קיין מאָרד (סנהדרין ע"ד).

**רקח** זע „אלעזר בן יהודה".

**רשב"א** זע „שלמה בן אדרת".

**רשב"ם** זע „שמואל בן מאיר".

**רש"י** זע „שלמה יצחקי".

**רשע** זע „זינד".

# ש

**ש (שין)** דאס 21סטע אות אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; אלס ציפער איז די „ש'' 300. די שין האט צוויי קלאנגען, א ווייכן „ש'', און א הארטערן ווי א „ס''. אין העברעאישן ווערט די ווייכע „ש'' באצייכנט מיט א פינטעלע אין דער הויך אין דער רעכטער זייט, און די הארטע „ש'' (סין) באצייכנט מיט א פינטעלע אין דער הויך אין דער לינקער זייט.

**שאגאל, מארק** (געבוירן 1887 אין רוסלאנד); בארימטער יידישער מאלער, עקספרעסיאניסט, קאלאריסט; געצייכנט פיל פון דעם יידישן לעבענס־שטייגער אין קליינעם שטעטל אין א מיסטישער באהויבונג; באקאנט זענען זיינע בילדער „אויף די דעכער פון וויטעבסק'', „דער גרינער ייד'' און אנדערע.

**שאול המלך** דער ערשטער מלך ביי יידן (1030 — 1010 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג), זון פון קיש, פון שבט בנימין. אין ספר שמואל א' ווערט דערציילט דער סיפור ווי אזוי שאול איז געווארן מלך און ווי אזוי ער האט געפירט זיין הערשאפט און די פאסירונגען פון זיין לעבן און זיין טראגישער העלדן־טויט אין דער מלחמה קעגן די פלשתים. עס ווערט דערציילט, אז די פירער פון פאלק ישראל האבן פארלאנגט פון שמואל הנביא, אז ער זאל אויסוויילן פאר דעם פאלק א מלך, און הגם שמואל איז געווען קעגן דעם, האט ער לויט דעם באפעל פון גאט אויסגעוויילט און געזאלבט שאול, וועלכער איז געקומען צו אים פרעגן וועגן די פארלוירענע אייזלען פון זיין פאטער. עס ווייזט אויס פון די ספורים, אז שאול האט געהערט שפעטער צו די „בני הנביאים''. שאול האט זיך ארויסגעוויזן אלס פייאיקער מיליטער־פירער, באזיגנדיק עמון און עמלק. נאכער האט שאול צונויפגענומען פיל יידישע קעמפער צו דער מלחמה קעגן דעם גרעסטן שונא פון יידישן פאלק אין יענער צייט, די פלשתים, וועלכע האבן שטארק געדריקט די יידן. דורך דער גאנצער צייט פון שאולס הערשאפט זענען פארגעקומען די דאזיקע מלחמות מיט די פלשתים. פון ספר שמואל ווייזט אויס, אז שוין באלד אין אנהויב פון דער דאזיקער הערשאפט איז פארגעקומען א שארפער סכסוך צווישן שמואל הנביא און שאול, דערפאר וואס שאול האט זיך ארויסגעוויזן צו־ווייכהארציק און האט געוואלט לאזן לעבן דעם געפאנגענעם קעניג פון עמלק אגג, און אויך דערפאר וואס שאול האט מקריב געווען אליין א קרבן נישט ווארטנדיק אויף שמואל. דער נביא שמואל האט דעמאלט דערקלערט, אז די מלוכה וועט אריבערגיין פון שאולס הויז צו אן אנדערן. דאס ספר שמואל דערציילט, ווי אזוי דער יונגער דוד האט זיך ארויסגעוויזן אלס העלד, טויטנדיק דעם ריז פון די פלשתים גלית, און ער איז דערפאר געווארן שאולס איידעם, און ווי אזוי שאול האט באמערקט, אז דוד איז באשטימט געווארן צו ווערן מלך און ער האט דודן פארפאלגט. אין שארפע, דראמאטישע ווערטער שילדערט דאס ספר שמואל דעם טראגיזם פון שאולס לעבן ביז צום סוף, ווען עס איז פארגעקומען די גרויסע שלאכט צווישן יידן און די פלשתים ביים בארג גלבוע. פאר דער שלאכט האט שאול באזוכט אין עין דור די בעלת אוב, די כשופמאכעריו, וועלכע האט „ארויפגעבראכט'' דעם

שויז־דעמאָלט פאַרשטאַרבענעם שמואל הנביא, און שאול האָט געהערט פון אים די ווערטער, אַז שאול וועט אין דער מלחמה פאַלן טויט. אין דער שלאַכט ביי גלבוע זענען אומגעקומען שאול צוזאַמען מיט זיינע זין יונתן און נאָך צוויי זין. נאָך זיין טויט האָט איין זון איש בושת נאָך געפירט אַ קורצע צייט די מלוכה, אָבער אויך ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, און דוד איז געוואָרן מלך. — פון תנ"ך, ספר שמואל, איז צו זען, אַז עס זענען געווען צוויי אָפּשאַצונגען וועגן שאול: איינע אַ פּאָזיטיווע, וועלכע האָט באַטראַכט שאול אַלס דעם גרויסן יידישן העלד, דעם שעפער פון דער יידישער מלוכה און פאַראייניקער פון יידישן פאָלק, און איינע אַ נעגאַטיווע, וועלכע האָט געהאַט אַ שייכות מיט זיין פאַרפאָלגן דוד. אויך אין דער גמרא און מדרש זענען פאַראַן די דאָזיקע צוויי מיינונגען. — דאָס טראַגישע לעבן פון שאול האָט געדינט אַלס טעמע פאַר פאַרשידענע יידישע פורים־שפּילן ("שאול", "גלית" און אַנדערע), דיכטונגען (י. ל. גאָרדאָן, טשערניכאָווסקי, ווי אויך נישט־יידישע) און אין מאַלעריי "רעמבראַנדט, איזראַעלס).

**שאול פון תרשיש** באַרימטער קריסטלעכער אַפּאָסטאָל פּאַולוס (לערך 10 — 64), געבוירן אין טאַרסאָס אין קליין אַזיע, געלערנט אין ירושלים ביים תנא רבן גמליאל הזקן, און נאָכער גע וואָרן אַ קריסט און האָט פּאַקטיש אַריינגעפירט דאָס קריסטנטום אין דער ניט־יידישער וועלט. ער האָט דער ערשטער פון די קריסטן דערקלערט, אַז די מצוות המעשיות פון דער תורה זענען ניט מער גילטיק. לויט די קריסטלעכע ספורים איז ער אומגעקומען אין רוים. אין עוואַנגעליום זענען פאַראַן בריוו, וואָס די קריסטן האַלטן, אַז שאול האָט זיי מחבר געווען. — וועגן אים איז פאַראַן קלויזנער "מישו ועד פּולוס".

**שאלה, שאלות ותשובות** אין העברעאיש איז "שאלה" דער טייטש אַ "פראַגע" און "תשובה" אַ "ענטפער". מיטן וואָרט שאלה ווערט באַצייכנט געוויינלעך דאָס פרעגן דעם דין וועגן אַ נישט־קלאָרן פאַל; מען זאָגט "פרעגן אַ שאלה ביים רב". — מיטן נאָמען "שאַלות ותשובות" ווערן באַצייכנט די ספרים פון רבנים, אין וועלכע עס זענען פאַראַן זאַמלונגען פון שאלות וועגן רעליגיעזע הלכה־זאַכן. וואָס מען האָט געפרעגט ביי די רבנים, און די תשובות, וואָס די רבנים האָבן געענטפערט. די ערשטע זאַמלונגען פון אַזעלכע שאלות ותשובות שטאַמען פון דער צייט פון די גאונים (זע זוכוואָרט "גאונים") פון לערך דעם 8טן יאָרהונדערט אָן. און די דאָזיקע תשובות הגאונים געבן אונדז פיל היסטאָרישן מאַטעריאַל צו קענען לערנען דאָס יידישע לעבן אין יענער צייט. נאָכער האָבן צונויפגעשטעלט שאלות ותשובות ספרים די אָנגעזעענסטע מחברים און רבנים פון אַלע צייטן אין די פאַרשידנסטע לענדער. מיר האָבן די שאלות ותשובות פון רש"י, רמב"ם, ראש, רשב"א, רבי יוסף קארו, רמ"א, מהרש"ל ביז דער נייערער צייט, ווי נודע ביהודה (פון רבי יחזקאל לאַנדע), חתם סופר (רבי משה סופר) און פיל אַנדערע. אין די דאָזיקע שאלות ותשובות ספרים זענען פאַראַן זייער פיל פאַקטן, פון וועלכע מען קאָן באַקומען בילדער פון יידישן לעבן אין די פאַרשידנסטע צייטן און פאַרשידענע לענדער. ביז איצט זענען די דאָזיקע שאלות ־ ותשובות ־ מאַטעריאַלן נאָכנישט געזאַמלט געוואָרן סיסטעמאַטיש, אָבער אין טייל וויסנשאַפטלעכע

ווערק זענען געוויסע שאלות ותשובות־
מאַטעריאַלן געוואָרן אויסגענוצט. צווישן
אַנדערע האָט אויסגענוצט די מאַטעריאַלן
פון די שאלות ותשובות פון רמ"א, ב"ח,
און אַנדערע בן ציון כ"ץ אין זיין „לקורות
היהודים בפולין, רוסיא וליטא". אין
די „היסטאָרישע שריפטן" פון „ייוואָ"
זענען אויך אין טייל אַרבעטן אויסגענוצט
געוואָרן געוויסע שאלות ותשובות מאַטע־
ריאַלן. קיין פולשטענדיקע רשימה פון
שאלות־ותשובות ספרים האָבן מיר נאָכ־
נישט. טייל זענען פאַרצייכנט אין
„אוצר הספרים" פון בן יעקב, „קהלת
משה" פון ווינער און אַנדערע ביבליאָ־
גראַפישע ווערק איבער העבראַאיקא;
דר. זכריה פראַנקל האָט אין דייטש פאַר־
עפנטלעכט זיין „פּלאַן פון אַ געשיכטע
פון דער שאלות־ותשובות ליטעראַטור
נאָך דער צייט פון תלמוד" (ברעסלוי
1865).

**שאַפּיראַ, צבי הירש, הערמאַן** (1840 — 1898), מאַטעמאַטיקער; פּי־
רער פון חובבי ציון, דעלעגאַט צום ער־
שטן ציוניסטישן קאָנגרעס, פאַרגעלייגט
דעם פּלאַן פון קרן קיימת לישראל;
אַרויסגעגעבן אין דייטשער איבערזעצונג
דאָס אַלטע העבּרעאישע ספר וועגן מאַ־
טעמאַטיק „משנת המדות".

**שאָר (שור)** נאָמען פון אַ יידישער
פאַמיליע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן
גרויסע פערזענלעכקייטן. — 1) אפרים
זלמן (געשטאָרבן 1634). רב אין בריסק
און לובלין, מחבר פון ספר „תבואות
שור"; — 2) יהושע העשל (1814 —
1895), משכיל און פאַרשער פון חכמת
ישראל אין גאַליציע, רייכער מאַן, רע־
דאַקטאָר פון קריטיש־משכילישן זשור־
נאַל „החלוץ" דערשינען מיט הפסקות
פון 1852 ביז 1889), אין וועלכן עס
ווערן אַנאַליזירט שאַרף קריטיש פּראָ־
בלעמען וועגן תלמוד.

**שבא** נאָמען פון לאַנד און פאָלק אין
דער צייט פון תנ"ך; וואַרשיינלעך אין
דרום־אַראַביע; ווערט דערמאָנט אין
תנ"ך עטלעכע מאָל. באַקאַנט איז דער
סיפּור אין מלכים א' י' וועגן דער „מלכה
פון שבא", וועלכע איז געקומען קיין
ירושלים צו באַזוכן שלמה המלך און אים
פרעגן רעטענישן און קענען לערנען זיין
חכמה און זיין רייכטום. — אין אַבּע־
סיניע און אַפריקע איז פאַרשפּרייט די
לעגענדע, אַז די מלכה שבא איז געווען
אַ קעניגין פון אַבּעסיניע און אַז שלמה
המלך האָט מיט איר געלעבט און פון
דער דאָזיקער באַציאונג איז געבוירן גע־
וואָרן אַ זון, דער גרינדער פון דער אַבּע־
סינישער קעניגלעכער דינאַסטיע. —
לויט טייל מיינונגען איז שבא געווען
אין היינטיקן תימן. און מען זאָל לעצטנס
האָבן אויפגעגראָבן די חורבות פון דער
הויפּטשטאָט פון שבא.

**שבועה** אין תנ"ך ווערט מיטן וואָרט
„שבועה" באַצייכנט אַ פייערלעכע דער־
קלערונג, אַ צוזאָג, אַ פאַרזיכערונג. מיר
געפינען אין חומש, אַז גאָט האָט גע־
שוואוירן צו מאַכן פון יצחק און זיינע
קינדער אַ גרויס פאָלק (בראשית כ"ב),
צו געבן די יידן ארץ־ישראל וכדומה. מיר
געפינען שבועות פון איינצלנע מענטשן,
פון אברהם אבינו („אנכי אשבע", בראַ־
שית כ"א) און פון אַנדערע. אין תנ"ך
האָבן די שבועות אַ זייער גרויסע באַדייַ־
טונג אין די באַציאונגען פון מענטש צו
מענטש און פון מענטש צו גאָט. אין
במדבר ל' זענען פאַראַן די פאַרשריפטן
וועגן שבועות (זע זוכוואָרט „נדר", „נד־
רים"), און עס ווערט געזאָגט, אַז מען
טאָר נישט ברעכן קיין שבועה. אין דער

משנה און גמרא פון „שבועות" זענען
פאראן די דינים פון פארשידענע שבועות.

**שבועות, מסכתא** נאמען פון א
מסכתא אין סדר נזיקין, האט 8 פרקים
משנה און גמרא ירושלמי און בבלי; תו־
ספתא 6 פרקים; באהאנדלט די דינים
פון שווערן; די ערשטע צוויי פרקים בא־
האנדלען אויך פראגן וועגן טומאה וטה־
רה.

**שבועות** נאמען פון איינעם פון די
„שלש רגלים", פון די דריי יידישע ימים־
טובים, פסח, שבועות, סוכות. דער יום־
טוב איז דעם 6טן טאג אין סיון (דאס
איז אין ארץ־ישראל, אין חוץ לארץ איז
דער יום־טוב אויך צומארגנס, דעם 7טן
טאג אין סיון). דער נאמען „חג שבועות"
איז פאראן אין חומש (דברים ט"ז) און
איז דער טייטש דער יום־טוב פון די
„וואכנס", ווייל ווי דער חומש זאגט
אין ויקרא כ"ג דארף מען אפציילן 7
וואכן (49 טעג) פון 1טן טאג עומר
„ממחרת השבת", „פון צומארגנס פון
שבת", און דער 50טער טאג איז יום־
טוב שבועות. אין חומש ווערט אבער
ניט געזאגט קלאר, וואס מען מיינט
„ממחרת השבת", נאר די יידישע טרא־
דיציע דערקלערט, אז דאס מיינט מען
נישט פון „צומארגנס פון שבת", פון
זונטיק, נאר מען מיינט פון „צומארגנס
פון פסח" (מנחות ס"ה). דאס איז איי־
נער פון די הויפט־פונקטן, אין וועלכן
די פרושים, די טראדיציאנעלע יידן, וואס
האלטן פון תורה שבעל פה, אונטערשיידן
זיך פון אנדערע יידישע סעקטעס, ווי
צדוקים, שומרונים, קאראימער, וועלכע
האלטן, אז ממחר השבת מיינט מען
פון זונטיק, און דעריבער פאלט ביי זיי
שבועות שטענדיק אוים אין זונטיק (דער־
פון איז אויך ביי די קריסטן דער „פינג־
סטין" אין זונטיק). אין חומש הייסט
דער יום־טוב אויך „חג הקציר" (שמות
כ"ג), דאס הייסט דער יום־טוב פון
שניידן תבואה, יום הביכורים (במדבר
כ"ח), דאס הייסט דער טאג פון דער
ערשטע־צייטיקער תבואה. אין דער מש־
נה און גמרא הייסט ער אויך „עצרת",
און כדי אים אונטערצושיידן פון שמיני
עצרת ווערט ער טיילמאל אנגערופן „עצ־
רת של פסח". — אין בית המקדש איז
דער יום־טוב געפייערט געווארן מיט אנ־
הויבן ברענגען ביכורים און אויך מיט
ברענגען אחוץ די יום־טוב קרבנות אויך
צוויי ברויט פון נייער תבואה (שתי הל־
חם). — אין דאוועגען ווערט ער אויך
אנגערופן „זמן מתן תורתנו", ווייל לויט
דער יידישער טראדיציע (שבת פ"ו) איז
אין ערשטן טאג שבועות געגעבן געווארן
צו די יידן די תורה אויפן בארג סיני.
מען לייענט דעריבער די תורה פון חו־
מש שמות די פרשה פון קבלת התורה
און עשרת הדברות. עס איז אויך א
מנהג צו זאגן אקדמות (זע „אקדמות")
און מגילת רות. ווייל לויט א טראדיציע
איז דוד המלך געשטארבן אום שבועות,
און דער יחוס פון דוד המלך ווערט דער־
ציילט אין רות. די נאכט צום ערשטן
טאג שבועות איז מען נוהג אויף צו זיין
און צו זאגן תיקון ליל שבועות, קיצור
פון תנ"ך, משנה, גמרא און זוהר. טייל
פרומע יידן זאגן גאנץ תהילים אין
שבועות (ווייל תהלים איז דער ספר פון
דוד המלך). — עס איז איינער פון די
אלטע מנהגים צו עסן אום שבועות מיל־
כיקע מאכלים, ווי אויך אויסצירן די
וואוינונגען און די שולן מיט גרינס.
חסידים זענען זיך נוהג צו פארן אויף
שבועות צו די רביים. — זע זוכווערטער
„ביכורים", „יום־טוב", „ספירה".

**שבזי, שלום** בארימטער דיכטער
צווישן די יידן אין תימן אין 17טן יאר־

הונדערט, געשריבן ביי 5,000 שירים און פיוטים אין העברעאיש און אַראַ־ביש און אין ביידע שפּראַכן געמישט; אויך געווען אַ גרויסער מקובל; מען דער־ציילט וועגן אים די לעגענדע, אַז ער פלעגט יעדן פרייטיק קומען דורך אַ שם קיין ירושלים; לויט טייל מיינונגען האָט ער אין אָנהויב געגלויבט אין שבתי צבי; אויף זיין נאָמען איז פאַראַן אַ גאַס אין תל־אביב. — וועגן אים שרייבט אבן ספיר אין זיינע „מסעות״.

**שבט** דער 5טער חודש אין יידישן קאַ־לענדאַר, ווען מען רעכנט תשרי דעם 1טן חודש, און דער 11טער ווען מען רעכנט ניסן דעם 1טן חודש; ווערט דער־מאָנט אין תנ״ך (זכריה א׳); האָט 30 טעג; דעם 15טן טאָג אין שבט, חמשה עשר, איז דער יום־טוב פון בוימער (זע „חמשה עשר בשבט״).

**שבט, שבטים** דאָס וואָרט שבט איז דער טייטש אין העברעאיש „שטעקן״, ווי „מטה״; און ווייל די העכסטע פירער פון אַ גרופּע מענטשן, פון אַ פאַרצווייג־טער משפּחה און אַפילו פון אַ קעניגרייך האָבן געטראָגן אַ שטעקן אַלס צייכן פון הערשאַפט (ישעיה י״ד, „שבט משלים״ און אַנדערע ערטער), האָט מען אַזאַ גרו־פּע פון משפּחות, וואָס האָבן געהאַט איין אָפּשטאַמונג גערופן „שבט״, אין לשון רבים „שבטים״; מען געפינט טייל־מאָל אויך אַנשטאָט „שבט, שבטים״, „מטה, מטות״ (במדבר, סדרה „מטות״ און אַנדערע ערטער אין חומש). לויט דער טראַדיציע פון תנ״ך האָט אָפּגע־שטאַמט דאָס יידישע פאָלק אין די אַל־טע צייטן פון 12 שבטים און יעדער שבט האָט אָפּגעשטאַמט פון איינעם פון יעקב אבינוס זין: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולון, דן, נפתלי, גד, אשר, יוסף און בנימין. דער שבט יוסף איז צו־שפּאַלטן געוואָרן אין צוויי שבטים: אפרים און מנשה. אָבער צוליב דעם וואָס דער שבט לוי האָט ביים צעטיילן ארץ־ישראל, ווען יעדער שבט האָט גע־קראָגן זיין חלק לאַנד, נישט באַקומען קיין באַזונדערן חלק לאַנד, נאָר איז גע־ווען צעוואָרפן איבער אַלע שבטים, איז ווידער אויסגעקומען, אַז ארץ־ישראל איז געווען איינגעטיילט צו 12 שבטים. וועגן די שבטים זענען פאַראַן צוויי באַזונדערע ברכות, איינע פון יעקב אבינו (צום סוף חומש בראשית) און איינע פון משה רבנו (צום סוף חומש דברים). — עס ווייזט אויס, אַז אין דער ערשטער צייט, ווען יידן האָבן באַזעצט ארץ־ישראל, זענען די שבטים געווען באַזונדערע פאָלקס־טיילן, און האָבן נישט געהאַט איין הער־שער איבער זיך. פון ספר שופטים איז צו זען אַז עס איז געווען צווישן די שב־טים אַליין מחלוקות (די מלחמה צווישן אפרים און מנשה אין דער צייט פון יפתח און אַנדערע). ערשט שאול המלך און נאָכער דוד און שלמה האָבן די שבטים פאַראייניקט, און עס איז געשאַפן געוואָרן אין גאַנץ ארץ־ישראל איין מלוכה. נאָך שלמהס טויט האָט די הערשאַפט זיך צושפּאַלטן, און די 10 צפון שבטים האָבן זיך אָפּגעריסן און געשאַפן די באַזונדערע מלוכה פון ישראל (אָדער אפרים) מיט דער הויפּטשטאָט צוערשט אין שכם, נאָ־כער אין שומרון; אין דער צווייטער מלו־כה יהודה, מיט דער הויפּטשטאָט אין ירושלים זענען געבליבן נאָר די שבטים יהודה און בנימין און טיילן פון שבט לוי (לויט טייל פאָרשער אויך דער שבט שמעון). נאָכדעם ווי דאָס מלכות יש־ראל איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך אשור און דער גרעסטער טייל איינוואוינער זענען פאַרטריבן געוואָרן זענען די 10 שבטים ווי פאַרשוואונדן געוואָרן, און עס איז איינער פון די מערקווירדיקסטע

פראבלעמען אין דער יידישער געשיכטע, וואס איז געווארן מיט די 10 שבטים, די עשרת השבטים. לויט דער טראדיציע שטאמען אפ די היינטיקע יידן פון מלכות יהודה, פון די צוויי שבטים יהודה און בנימין ווי אויך פון טיילן פון שבט לוי. — זע זוכווערטער „עשרת השבטים", „צוואות השבטים", ווי אויך ביי די זוכווערטער פון די שבטים־נעמען ווי „ראובן", „שמעון" און אזוי ווייטער.

**שביעי של פסח** זע „פסח".

**שביעית** נאמען פון א מסכתא אין סדר זרעים, 10 פרקים משניות, אויף וועלכע עס איז פאראן גמרא נאר ירושלמי, ניט קיין בבלי; תוספתא 8 פרקים; באהאנדלט אלע דינים וועגן שמיטה פון ערד, וועגן שענקען די חובות אין שמיטה און פרוזבול. — זע „שמיטה".

**שבע ברכות** (7 ברכות); דאס זענען די 7 ברכות וואס מ'זאגט ביי דער חופה און ביים בענטשן מיט מנין נאכן עסן אין דעם הויז פון חתן־כלה אין די 7 טעג נאך דער חתונה. דערפון איז דער נאמען פון שבע ברכות, אויך נאמען פון 7 טעג נאך דער חתונה. — זע „חתונה".

**שבעה** (זיבן); מען רופט אן מיטן ווארט שבעה די 7 טעג, ווען דער אבל דארף טרויערן נאך זיין נאענטן קרוב א מת. מען דריקט זיך אויך אויס „זיצן שבעה", ווייל דער אבל זיצט דעמאלט ניט אויף א שטול, נאר אויף דער ערד אדער אויף א נידעריק בענקעלע. — זע זוכווארט „אבל".

**שבעה עשר בתמוז** (17טער טאג אין תמוז), תענית; אין ירמיה ל"ט ווערט דערציילט, אז דעם 9טן טאג אין תמוז, „הבקעה העיר", איז ירושלים באזיגט געווארן דורך דעם חיל פון נבוכדנאצר מלך בבל, און ווארשיינלעך איז דער טאג געווארן דער תענית, וואס ווערט דערמאנט אין זכריה ח' אלס „צום הרביעי" (דער תענית פון 4טן חודש, תמוז איז דער 4טער חודש ווען מען נעמט ניסן אלס 1טן חודש). אבער די טראדיציע האט שפעטער אריבערגעטראגן דעם תענית אויף שבעה עשר בתמוז. אין דער משנה סוף תענית ווערט געזאגט, אז דעם דאזיקן טאג זענען פארגעקומען 5 זאכן: די לוחות זענען צעבראכן געווארן נאכדעם ווי די יידן האבן געמאכט דאס עגל, עס איז אפגעשאפט געווארן דער קרבן תמיד אין דער צייט פון אנטיוכוס, אפוסטומוס האט פארברענט די ספר תורה, אריינגעשטעלט און אפגאט אין היכל און ירושלים איז איינגענומען געווארן אין דער צייט פון חורבן בית שני דורך טיטוס. די דריי וואכן פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב ווערן פארעכנט אלס טרויער־וואכן, מען מאכט ניט אין זיי קיין שמחות, מען טוט ניט אן קיין ניי קלייד וכדומה. די דריי וואכן ווערן אויך אנגערופן „בין המצרים" (צווישן די גרענעצן, פון פסוק אין איכה א' „כל רודפיה השיגוה בין המצרים"). — זע „דריי וואכן".

**שבת** (רו־טאג, פון ווארט „שבת", „רוען"); נאמען פון 7טן טאג אין דער וואך, רעליגיעזער רו־טאג פאר יידן. אין דעם דאזיקן טאג, וועלכער הויבט זיך אן פון זון־אונטערגאנג פרייטיק פארנאכט, און ענדיקט זיך מיטן באווייזן זיך פון די שטערנס שבת־צונאכטס, טאר דער ייד ניט טאן קיין מלאכה, און וועגן דעם וואס הייסט מלאכה זענען פאראן פיל דינים און הלכות אין דער משנה און גמרא שבת און אין די שפעטערע ספרים, אין „משנה תורה" פון רמב"ם, אין שלחן ערוך חלק „אורח חיים" און די מפרשים צום שלחן ערוך. עס זענען פאראן טייל מלאכות, וואס ווערן באטראכט, אז שוין

אין דער תורה ווערט געזאָגט, אַז מען טאָר זיי נישט טאָן, און זיי זענען פאַרבאָטן צו טאָן „מדאורייתא", און עס זענען פאַראַן אַרבעטן, וואָס זענען פאַרבאָטן געוואָרן שפּעטער דורך די „רבנן", „מדרבנן". עס איז געוויינלעך אָנגענומען, אַז נישט נאָר טאָר מען ניט טאָן קיינע דייטלעכע מלאכות, נאָר אויך טאָר מען ניט האַנדלען, האַלטן אָפן געשעפטן, פאָרן, האַלטן געלט, אָנרירן געלט, שרייבן, טראָגן אַרויס אַ זאַך פון הויז אינדרויסן, אָדער אַריינטראָגן פון דרויסן אין שטוב, אָדער טראָגן אַ זאַך 4 איילן אינדרויסן (זע זוכוואָרט „עירוב"). — דער שבת, וואָס איז איינער פון די הויפּט־יסודות פון דער יידישער רעליגיע, פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין חומש און אויך אין אַנדערע ספרים פון תנ"ך. באַלד אין אָנהויב חומש (בראשית ב') ווערט געזאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין 6 טעג און גערוט דעם 7טן טאָג „און גאָט האָט געבענטשט דעם 7טן טאָג און אים געמאַכט פאַר הייליק" (ויקדש אותו). אין די עשרת הדברות (שמות כ') איז פאַראַן דער געבאָט „זכור את יום השבת לקדשו" געדענק צו הייליקן דעם טאָג שבת, 6 טעג זאָל מען אַרבעטן און דער 7טער טאָג זאָל זיין צו גאָט, נישט טאָן קיין מלאכה, אויך ניט דער קנעכט און די אַרבעט־בהמות. אין שמות ל"א ווערט געזאָגט „מחלליה מות יומת", ווער עס פאַרשוועכט דעם שבת זאָל געטויט ווערן. אין שמות ל"א ווערט אויך געזאָגט, אַז דער שבת איז דער צייכן און דער „אייביקער בונד" צווישן גאָט און יידישן פאָלק („אות", „ברית עולם"). אין במדבר ט"ו ווערט דערציילט, ווי די יידן אין דער מדבר האָבן געטויט איינעם וואָס האָט געקליבן האָלץ (מקושש עצים) אין שבת. אין שבת האָט מען מקריב געווען אין משכן און בית המקדש דעם באַזונדערן קרבן מוסף (מבדבר כ"ח). — אויך אין די אַנדערע ספרים פון תנ"ך געפינט מען פיל שטעלן וועגן שבת. אין שבת פלעגט מען באַזוכן דעם נביא (מלכים ב' ד"); אין שבת פלעגט מען קומען באַזוכן דעם בית המקדש (סוף ישעיה „והיה — מדי שבת בשבתו" און אַנדערע ערטער). ירמיהו הנביא (ירמיה י"ז) שטראָפט די יידן וועגן שבת. אין נחמיה י' און י"ג זענען פאַראַן תקנות פון נחמיה אָפּצוהיטן דעם שבת. אויך אין די שפּעטערע יידישע ספרים פון דער צייט פון בית שני, ווי ספר חשמונאים, פלאַוויוס, ווערט דערציילט ווי שטרענג יידן האָבן געהיטן שבת. אין דער משנה, גמרא, מדרשים און שפּעטערע ספרים פאַרנעמט שבת דאָס העכסטע אָרט אין דער יידישער רעליגיע, און דער שבת איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ באַזונדער הייליק באַשעפעניש, „שבת קודש", און דאָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז לויט איין טראַדיציע האָט „שבת קודש" געשריבן אַ בריוו צו רבי אברהם אבן עזרא, און דער בריוו טראָגט דעם נאָמען „אגרת השבת". — דער שבת איז באַטראַכט געוואָרן דורך יידן ניט נאָר אַלס „רו־טאָג", נאָר אַלס „הייליקער טאָג", ווייל שוין אין חומש איז די דערמאָנטע פסוקים ווערט אָנגעוויזן אויף דער הייליקייט פון שבת. די יידן האָבן פון תמיד אָן אויפגענומען דעם שבת מיט דער גרעסטער פייערלעכקייט, ווי אין עסן, קליידונג, און דאַווענען, זינגען זמירות, און בכלל האָט דער שבת געענדערט אויף דעם טאָג דאָס גאַנצע לעבן. יידישע מנהגים וואָס האָבן אַ שייכות מיט שבת זענען זייער פיל, און האָבן זיך אויך געענדערט אין פאַרשידענע צייטן און פאַרשידענע לענדער. מיר ווילן דאָ געבן די הויפּט־מנהגים. שוין אין מיטן דער וואָך האָט

דער ייִד זיך באַמיט צו שאַפֿן זיך געלט אויף איינצוקויפֿן מאכלים אויף שבת. דאָנערשטאָג בײַנאַכט זענען די ייִדישע פֿרויען אויף־געווען און געקנעטן טייג אויף צו באַקן חלות אויף שבת. דאָנערשטיק און פֿרײַטיק האָט מען אײַנגעקויפֿט אויף שבת פֿלייש און פֿיש. עס איז שוין פֿון לאַנג געווען דער מנהג בײַ ייִדן צו עסן פֿיש אין שבת (זע זוכוואָרט „פֿיש"), וואָס האָט געהאַט אַ מיסטישן זין. צו די נויטיקע זאַכן אויף שבת האָט געהערט אויך ווײַן צו מאַכן קידוש. פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט זענען די מענער געגאַנגען אין מקוה אָדער אין טײַך זיך טובֿל זײַן לכּבֿוד שבת און איבערטאָן וועש און אַנדערע מלבושים. טייל פֿרומע ייִדן פֿלעגן אָנטאָן לכּבֿוד שבת אַן אַטלאַסנע אָדער זײַדענע קאַפּאָטע, אַ ספּעציעל זײַדן אָדער סאַמעטן היטל, און טייל אַ שטרײַמל. פֿאַרנאַכט האָט יעדער פֿרוי געבראַכט צום בעקער אַ טאָפּ טשאָלנט, אין וועלכן עס איז אויך געווען אַ באַזונדער שאַרבן מיט קוגל, אויף אַרויסצונעמען עס צוזאַמענגעם אינדערפֿרי נאָכן דאַווענען. איידער די זון איז אונטערגעגאַנגען, זענען די מענער אַוועק אין שול דאַווענען און די פֿרוי איז שטוב האָט געצונדן ליכט (געבענטשט ליכט, זע „ליכט"). אין שול האָט מען פֿרײַטיק־צונאַכטס געדאַוונט אַ שבתדיקן מעריבֿ, צו וועלכן מען האָט צוגעגעבן (אין דער צײַט פֿון מקובל רבי יצחק לוריא, אר"י הקדוש, אין צפֿת, אין 16טן יאָרהונדערט) די מזמורים פֿון תּהלים לכו נרננה און דעם פּיוט „לכה דודי". דאָס האָט געהייסן „מקבל שבת זײַן", אויפֿנעמען די „מלכּה שבת". טייל פֿלעגן פֿריער זאָגן שיר השירים. צום סוף פֿון דאַווענען איז געווען דער מנהג אַז דער חזן האָט געמאַכט קידוש אין שול. נאָכן דאַווענען האָט מען זיך געוווּנטשן „גוט שבת!", און מען איז געגאַנגען אַהיים. אַרײַנקומענדיק אין דער אויפֿגערוימטער שטוב, וווּ עס האָבן געברענט די ליכט און דער טיש איז געווען געגרייט, האָט מען זיך געוווּנטשן גוט־שבת, און געזאָגט „שלום עליכם". נאָכער האָט מען געמאַכט קידוש אויף ווײַן און זיך געוואַשן און געזעצט זיך צו דער סעודה, וועלכע איז געוויינלעך באַשטאַנען פֿון חלות (צו „המוציא"־מאַכן זענען געווען צוויי חלות, „לחם משנה", און בײַ טייל חסידישע רביים 12 חלות) פֿון ווייצנמעל, פֿיש, בראָנפֿן, לאָקשן מיט יויך, פֿלייש און צימעס פֿון מייערן אָדער פֿלוימען. צומאָרגנס נאָכן שבתדיקן דאַווענען, האָט מען געגעסן די צווייטע סעודה (די ערשטע איז געווען די סעודה פֿרײַטיק־צונאַכטס), וועלכע איז באַשטאַנען פֿון קידוש מאַכן, געוויינלעך אויף בראָנפֿן, פֿיש, בראָנפֿן, ציבעלעס מיט שמאַלץ, טשאָלנט, קוגל פֿון מעל און שמאַלץ, פֿלייש און צימעס. נאָכן עסן פֿלעגט מען זיך לייגן שלאָפֿן, און מען האָט עס באַטראַכט אַלס אַ מצווה פֿון „עונג שבת", פֿון פֿאַרברענגען דעם שבת אין פֿאַרגעניגן („שנה בשבת תענוג"). נאָכן אויפֿשטיין פֿון שלאָף האָט מען געגעסן עפּעס פֿרוכטן, „שבת־אויבסטן", און אויב אין זומער, האָט מען געלערנט פּרק, און אויב ווינטער האָט מען געזאָגט „ברכי נפשי", און מען איז געגאַנגען אין בית המדרש דאַווענען די שבתדיקע מנחה. בײַ דער דריטער סעודה, שלש סעודות („שאַלעשידעס"), וואָס איז באַשטאַנען פֿון חלה און פֿיש אָדער הערינג. טייל, אַמייסטן חסידים, פֿלעגן עסן די שלש־סעודות צוזאַמען אין שטיבל אָדער אין בית המדרש. נאָך שלש־סעודות, ווען עס איז שוין געוואָרן פֿינסטער, האָבן זיך באַוויזן שטערנס אויפֿן הימל, האָט מען אָנ־

געצונדן ליכט, געדאַוונט דעם וואָכעדיקן מעריב, געמאַכט ,הבדלה", געזונגען די פּיוטים פון הבדלה. שפּעטער אין דער נאַכט זענען טייל נזהר געווען צו עסן מלוה מלכה (זע „מלוה מלכה"). צו די דריי סעודות, פרייטיקצונאַכטס, שבת אינדערפרי און שלש סעודות, האָט מען צווישן איין מאכל און דעם צווייטן געזונגען זמירות, וואָס זענען נתחבר געוואָרן דורך פאַרשידענע פּייטנים (אבן גבירול, רבי אברהם אבן עזרא און שפּעטערע מחברים). חסידישע יידן פלעגן שבת לערנען זוהר פון דער סדרה פון דער וואָך; גאַנץ אָפט פלעגט שבת בייטאָג אין בית המדרש אַ דרשן האַלטן אַ דרשה פאַרן עולם. עס פלעגן אויך זיין חברות צו לערנען שבת בציבור חומש, מדרש, משניות. עס איז אויך געווען די מצוה מעביר צו זיין די סדרה פון חומש צוויי מאָל דעם פּסוק און איין מאָל דעם תרגום. — וועגן דער אַנטשטייאונג פון שבת, פון רוען איין טאָג אין דער וואָך, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן אויך דורך פיל אַנדערע פעלקער, אַריבערטראָגנדיק אים אויף אַן אַנדערן טאָג, — זענען געשריבן געוואָרן פיל וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, און טייל אַנטי־יידישע געלערנטע האָבן געוואָלט האָבן די מיינונג, אַז שוין אין אַלטן בבל איז געווען אַ סאָרט „שבת", הגם ווי עס איז באַוויזן געוואָרן האָט ער ניט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון הייליקייט. — צוזאַמען מיט שבת איז אויך פאַרבונדן די אגדה וועגן טייך סמבטיון, וועלכער וואַרפט שטיינער אַ גאַנצע וואָך און רוט אום שבת. אין ארץ ישראל איז לעצטנס איינגעפירט געווארן די אינסטיטוציע פון עונג שבת. מען פאַרזאַמלט זיך בציבור און מען זינגט זמירות, מען האַלט פאָרלעזונגען; דער ,עונג שבת' איז אויך איבערגעטראָגן געוואָרן אין טייל אַנדערע לענדער. טייל עקסטרעמע רעפאָרם־ראַבינערס האָבן איבערגעטראָגן דעם שבת אויף זונטיק. עס זענען פאַראַן טייל קריסטלעכע סעקטעס וואָס היטן אָפּ שבת. — ספרים און ביכער וועגן שבת זענען פאַראַן זייער פיל, עס זענען אויך פאַראַן פיל ליטעראַרישע דערציילונגען און דיכטונגען וועגן שבת (באַרימט איז היינעס „די פּרינצעסין שבת") און די שבת־באַשרייבונגען ביי מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, שלום עליכם, אַש און אַנדערע, געבן שילדערונגען פון שבת־לעבן און שבת־שטימונגען. אין תל־אביב איז דערשינען אַ זאַמלונג ,ספר השבת" (רעדאַגירט פון דר. יעקב נאַכט) אין וועלכן עס זענען געזאַמלט מנהגים „זמירות", „ליכט בענטשן", „לכה דודי", „מלוה מלכה", „סמבטיון", „עירוב""", „קידוש", „קריאת התורה", „שלש סעודות'..

**שבת** עס זענען פאַראַן ספּעציעלע שבתים אין יאָר וועלכע טראָגן באַזונדערע נעמען. — 1) „שבת בראשית", דאָס איז דער ערשטער שבת נאָך שמחת תורה ווען מען לייענט די סדרה פון בראשית. אין טייל לענדער זאָגט מען דעמאָלט באַזונדערע פּיוטים און מען מאַכט אַ שמחה ווי אין שמחת תורה.—2) „שבת הגדול", דער שבת פאַר פּסח. מען מאַכט דעמאָלט אַ קוגל פון מצה־מעל, און מען זאָגט פאַרנאַכט, אַנשטאַט „ברכי נפשי", די הגדה פון „עבדים היינו" ביז „לכפּר על כל עוונותינו". די רבנים פלעגן האַלטן דרשות דעם שבת. מען זאָגט ביים דאַווענען פּיוטים און מען לייענט אַ ספּעציעלע הפטרה. וועגן נאָמען „הגדול" זענען פאַראַן פיל טעמים, פון וועלכע איין טעם איז ווייל אין דער הפטרה ווערט געזאָגט וועגן „יום ה' הגדול והנורא". די טעמים ווערן געבראַכט

אין „אבודרהם'' און אנדערע ספרים. — 3) „שבת חזון'', דער שבת פאר תשעה באב, וועלכער איז שטענדיק דער שבת פון סדרה דברים און מען לייענט די הפ־טרה „חזון ישעיהו''. דער שבת איז א טרויער־טאג, מען טוט ניט אן קיין שבת־דיקע מלבושים און „לכה דודי'' ווערט געזאגט מיט דער טרויער־מעלאדיע פון „אלי ציון''. — 4) „שבת חנוכה'', דער שבת פון חנוכה; אין טייל קהילות זאגט מען באזונדערע פיוטים, און פון רבי אב־רהם אבן עזרא איז פאראן א זמר צום דאזיקן שבת. — 5) „שבת מברכים'', דער שבת וועז מען בענטשט ראש חודש. — 6) „שבת נחמו'', דער שבת נאך תשעה באב, שטענדיק ווען מען לייענט די סדרה „ואתחנן'' און מען זאגט די הפטרה „נחמו, נחמו עמי'' (טרייסט, טרייסט, מיין פאלק), און דער שבת איז דער אויסדרוק פון טרייסט נאך די טרוי־ער־טעג. מייסטנס אויפרופנס פון חת־נים פלעגן פארקומען שבת נחמו. — 7) „שבת שובה'', דער שבת צווישן ראש השנה און יום כיפור, פון עשרת ימי התשובה; מען לייענט די הפטרה פון „שובה ישראל''. די רבנים פלעגן האלטן דרשות דעם שבת. — 8) „שבת שירה'', דער שבת אין ווינטער, אין חודש שבט, ווען מען לייענט די סדרה בשלח, וואו עס איז פאראן די שירה „אז ישיר''. עס איז געווען א מנהג צו ווארפן דעם דאזיקן שבת קאשע פאר פייגעלעך.

**שבת, מסכתא** מסכתא אין סדר מועד, האט 24 פרקים משניות און גמרא בבלי און ירושלמי; תוספתא נאך 18 פר־קים; באהאנדלט די דינים וועגן שבת.

**שבתי כהן (ש''ך)** געבוירן אין ווילנע 1621 — געשטארבן אין האלעשוי אין מערן א' אדר ראשון תכ''ב, 1662), רב און פוסק, באקאנט אלס דער „ש''ך''; געווען דיין אין ווילנע, און איז אין דער צייט פון די מלחמות צווישן פוילן און כמעלניצקי אנטלאפן פון דארט אין יאר 1655 און איז געווארן רב אין דרעזניץ און העלישוי. זיין פירוש און באמער־קונגען „שפתי כהן'' (ש''ך) אויף די חלקים יורה דעה און חושן משפט פון שולחן ערוך זענען אנגענומען צווישן אלע רבנים. ער האט אויך באשריבן די גזירת ת''ח פון כמעלניצקי אין „מגי־לת עפה''; ער האט אויך מחבר געווען שאלות ותשובות „גבורות אנשים'' און אנדערע ספרים ווי אויך סליחות כ' סיון צו גזרת ת''ח. ער איז געווען באפריינ־דעט מיטן קריסטלעכן געלערנטן מאגי־סטער, וואלענטין ווידריך, מיט וועמען ער האט זיך איבערגעשריבן בריוו אין העברעאיש. — וועגן ש''כס איבערלע־בונגען אין גזרת ת''ח איז פאראן די פא־פאלערע דערציילונג פון דר. לעמאן אי־בערזעצט אין יידיש „דעם קעניגס איי־דעם''.

**שבתי צבי** (1926 אין סמירנא, אין טערקיי — 1675, יום כיפור, תל''ו, אין דולצינעא, אין אלבאניע); בארימטסטער פאלשער משיח, שעפער פון א גרויסער באוועגונג, וועלכער האט אויפגעטרייסלט דאס יידנטום און האט געהאט א גרויסע השפעה אויך א לאנגע צייט שפעטער, גרינדער פון דער רעליגיעזער סעקטע שבתי־צביניקעס, פון וועלכער שפורן זע־נען פאראן נאך ביז היינטיקן טאג אין סאלאניקי, קאנסטאנטינאפאל און טייל אנדערע שטעט, אין דער „דענמעכ''־סעקטע. — וועגן דער יוגנט פון שבתי־צבי און זיינע שפעטערע טעטיקייטן זע־נען פארשפרייט געווען פארשידענע לע־גענדעס, סיי פון זיינע אנהענגער און סיי פון זיינע קעגנער. שבתי־צבים פאטער, מרדכי צבי, איז געווען א האנדלס־אגענט

אין סמירנע פאר אן ענגלישער פירמע און איז, ווייזט אויס, געווען א פארמעגלעכער מאן. ער האט דעריבער געהאט די מעגלעכקייט צו געבן זיין זון שבתי צבי א גוטע דערציאונג, ביי גוטע מלמדים, און אזוי ווי שבתי צבי האט געהאט אומגעוויינלעכע פייאיקייטן האט ער שוין אלס אינגל ארויסגעוויזן גרויס לומדות. מען דערציילט, אז ער איז אויך געווען זייער א שיינער, הגם פון דעם בילד, וואס מיר האבן, זעט מען עס נישט. ער האט פארמאגט אן אימפאנירנדע און היפנאטיזירנדע קראפט, ער האט געקאנט באצויבערן מענטשן. ווייזט אויס, אז ער איז שוין אין דער יוגנט געווען א פאנטאזיאר און האט זיך ארומגעטראגן מיט גרויסע אידייען, און אזוי ווי דערמאלט זענען געווען, ניט נאר צווישן יידן, נאר אויך צווישן קריסטן, באזונדערס צווישן ענגלענדער, מיט וועלכע זיין פאטער האט זיך געקענט, פארשפרייט מיינונגען און גלויבונגען, אז אט־אט קומט דער יידישער משיח, האט שבתי צבי זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק אז ער וועט זיין דער משיח. ער האט גענומען לערנען קבלה, גלויבנדיק, אז מיט דער הילף פון הייליקע שמות וועט ער קאנען ברענגען די גאולה. אפט פלעגט ער אויך האבן התבודדות, ביים ים, אדער ביי זיך אין צימער; אפט פלעגט ער צונויפזאמלען זיינע חברים און פלעגט פאר זיי דערציילן זיינע געהיימע זאכן, צווישן אנדערע, האט ער אין זייער קעגנווארט ארויסגעזאגט דעם שם „הויה" בפירוש, ווי ער שטייט געשריבן, א זאך, וואס איז דערלויבט געווען נאר אין בית המקדש. זיין פאטער האט אים חתונה געמאכט צו 18 יאר מיט דער טאכטער פון א רייכן מאן אין סמירנע, נאר שבתי צבי האט זיך צו איר ניט צוגערירט און נאך א קורצער צייט האט ער זי געגט. ענדלעך האט ער איז א געוויסן טאג דערקלערט פאר זיינע חברים־תלמידים, אז ער איז משיח. ווען דאס איז פארגעקומען, איז נישט באקאנט. מען גלויבט אז דאס איז געווען נאכן יאר 1648 (ת"ח), אונטער דעם איינפלוס פון די טרויעריקע ידיעות פון פוילן און אוקראינע וועגן די שרעקלעכע שחיטות, אויף יידן, ווען די משיח־שטימונג איז געווארן ביי יידן גאר שטארק און מען אט געזען אין די אלע צרות די חבלי משיח, די ליידן, וואס דארפן קומען פאר משיחן. אין סמירנע האבן טייל רבנים און בעלי בתים געהאלטן מיט שבתי צבי, אבער אנדערע זענען געווען שטארק דערשראקן, מורא האבנדיק, אז די טערקישע רעגירונג וועט זיך דערוויסן דערפון. מען האט דעריבער שבתי צבי געלייגט אין חרם און אים גענומען רודפן, אזוי אז שבתי צבי איז פון דארט אנטלאפן. — פון דערמאלט אן הויבן זיך אן די וואנדערונגען פון שבתי צבי אלס משיח; אין דער צייט פון די וואנדערונגען האט ער כסדר באקומען נייע אנהענגער, גלויביקע אין אים אלס משיח, און ער האט אזוי ארום אנגעצונדן די האפענונג פון נאענטער גאולה אין די הערצער פון הונדערטער טויזנטער יידן. ער האט באזוכט די גרעסטע יידישע קהילות אין טערקיי; ווידער געקומען קיין סמירנע, נאכער אין ירושלים, דערנאך אין קאהיר אין עגיפטן און דערנאך ווידער אין ירושלים. אויפן וועג האט ער זיך דערווארבן גאר שארפע אנהענגער, נתן פון עזה (העזתי), וועלכער איז געווארן זיין נביא און האט נביאות געזאגט וועגן זיין משיח־מיסיע; אברהם היכיני, א גרויסער מקובל, שמואל פרימו, א גרויסער למדן, וועלכער איז געווארן שבתי צבים סעקרעטאר (סופר); דעם גרויסן גביר און טערקישן שר אין קאהיר רפאל טשעלעבי (פינאנצ־

דירעקטאָר), וועלכער האָט באַזאָרגט
שבתי צבי ירום הודו. אויך פיל רבנים
האָט שבתי צבי חתונה געהאַט מיט אַ
מיידל שרה, אַ יתומה פון אוקראַינע,
וועמענס עלטערן זענען אומגעקומען אין
גזרת ת"ח, און וועגן וועמען מען האָט
דערציילט לעגענדעס, גוטע און שלעכטע.
דער רום פון שבתי צבי איז כסדר גע־
וואַקסן; אומעטום האָט מען אים אויפ־
גענומען מיט קעניגלעכן כבוד. פיל יונ־
געלייט און מיידלעך זענען געוואָרן נבי־
אים און נביאות און געהאַלטן פייערדיקע
דרשות און נבואות וועגן מלך המשיח
שבתי צבי ירום הודו. אויך פיל רבנים
האָבן אָנגעהויבן אין אים גלויבן, צווישן
זיי דער רב פון סמירנע רבי חיים בנב־
נשתי, מחבר פון „כנסת הגדולה" און
אַנדערע. די בשורה וועגן משיח האָט
זיך שנעל פאַרשפּרייט אין נאָענטע און
ווייטע קהילות, אַזש ביז פּוילן, דייטש־
לאַנד, איטאַליע, אַפריקע (אַלזשיר און
טוניס). שמואל פּרימי האָט פאַנאַנדער־
געשיקט בריוו, אַז תשעה באב ווערט
פאַרוואַנדלט פון אַ תענית אין אַ יום־
טוב, ווייל דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן
שבתי צבי ירום הודו. אויך פיל רבנים
האָט מען דעם באַפעל ווירקלעך גע־
פאָלגט, און מען האָט אין תשעה באב
געגעסן בציבור, געדאַווענט ווי אין יום־
טוב, געלייענט די הפטרה „כה אמר ה'
מצא חן במדבר". אומעטום האָט מען גע־
מאַכט „הנותן תשועה" פאַר דעם מלך
המשיח שבתי צבי, און אויב עס זענען
געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געפּרוּווט
אַרויסטרעטן קעגן, האָט מען זיי געדראָט
מיט טויט, אַלס „מורדים במלכות".
אַזוי איז געווען אין ענדע יאָר תכ"ה און
אָנהויב תכ"ו. די שמחה איז אומעטום
געווען זייער גרויס. — ענדלעך האָט
שבתי צבי, וועלכער האָט אַליין אָנגע־
הויבן אַלץ מער גלויבן אין זיך אַלס
משיח, בפרט אַז אברהם היכיני האָט
אים געוויזן אַ כתב יד אויף פּאַרמעט,
וואָס ער האָט געפונען אין אַ הייל, אין
וועלכן עס ווערט בפירוש דערמאָנט, אַז
שבתי צבי וועט ברענגען די גאולה, באַ־
שלאָסן צו פאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל
צום סולטאַן און אים אַראָפּזעצן פון טראָן
מיט דער הילף פון שמות פון קבלה, און
איבערנעמען די מלוכה איבער דער וועלט
און פירן אַלע יידן קיין ארץ־ישראל. עס
איז ביז איצט נישט אויפגעקלערט, ווי
אַזוי שבתי צבי און זיינע תלמידים און
חברים האָבן איבערהויפּט געקאָנט גלויבן
אַזאַ זאַך, בפרט ווען מען נעמט אין באַ־
טראַכט, אַז צווישן זיי זענען געווען
פּראַקטישע וועלט־מענטשן, גאַנץ קלוגע
קעפּ. אין פעברואַר 1666 איז שבתי צבי
מיט אַ טייל זיינע תלמידים אָנגעקומען
אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער סולטאַן
איז דעמאָלט ניט געווען אין שטאָט.
דער גרויס־וויזיר האָט באַפוילן, אַז מען
זאָל דעם יידישן משיח אַרעסטירן. מען
האָט אים גלייך אַרעסטירט, אָבער אָנ־
שטאָט אים צו האַלטן כסדר אין אַ גע־
וויינלעכן געפענגעניש, האָבן די טערקי־
שע באַמטע גענומען שוחד און אים
אַריינגעזעצט אין דער פעסטונג אַבידאָס
ביי די דאַרדאַנעלן, און די שבתי־צבי־
אָנהענגער האָבן די פעסטונג אַ נאָמען
געגעבן „מגדל עוז". דאָ האָט שבתי
צבי געהאַט געוויסע פרייהייט, מען האָט
צו אים אַריינגעלאָזט זיינע חסידים, און
דאָ האָט שבתי צבי ווייטער פאַרגעזעצט
זיין מיסיע אַלס יידישער מלך און משיח.
ערב פסח האָט ער דאָרט מקריב געווען
דעם קרבן פסח. ער האָט פון דאָרט גע־
שיקט בריוו צו די קהילות מיט מאַני־
פעסטן. ער האָט באַפוילן אויך אָפּצו־
שאַפן דעם תענית שבעה עשר בתמוז.
עס זענען געקומען צו אים פון אומע־
טום יידישע דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן

זיך פאר אים געבוקט. אין די ווייטערע קהילות האבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז שבתי צבי האט אראפגעזעצט דעם סולטאן פון טראן און אז דער סולטאן גייט אים נאך ווי א הונט. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דער אלטער גאון פון פוילן רבי דוד הלוי, מחבר פון ט״ז, האט געשיקט צו אים אלס דעלעגאציע זיין זון און זיין איידעם, און שבתי צבי האט אים אפגעענטפערט א בריוו. אויך פון האמבורג און אמסטערדאם זענען אנגעקומען אונטערטעניקייט־בריוו, אויף וועלכע עס זענען געווען אונטערגעשריבן אפילו פיל געלערנטע יידן (רבי בנימין מוספיא און אנדערע). די בארימטע יידישע מעמוארן־שרייבערין גליקעל פון האמעלן שרייבט אין אירע „זכרונות״, ווי א סך יידן אין דייטשלאנד (צווישן זיי אויך איר שווער) האבן אלץ פארקויפט און געפארן צו די פארט־שטעט כדי צו זיין די ערשטע צו פארן קיין ירושלים. עס זענען, אמת, געווען אויך אזעלכע יידן, וועלכע האבן נישט געגלויבט, ווי דער מקובל נחמיה כהן פון פוילן, וועלכער איז געקומען צו שבתי צבי און געהאט מיט אים א געשפרעך און ארויסגייענדיק פון אים האט ער ערקלערט, אז ער איז א פאלשער משיח, און ער האט פארמסרט שבתי צבי פאר דער טערקישער רעגירונג. אויך טייל איטאליענישע רבנים זענען קעגן אים ארויסגעטרעטן. אבער זייער צאל איז געווען זייער א קליינע, און די גרויסע מערהייט זענען געווארן „מאמינים״ (אזוי האבן זיך גערופן די שבתי־צבי־אנהענגער). — אבער דעמאלט איז פארגעקומען דער גרויסער איבערברוך. דער סולטאן איז געקומען צוריק קיין קאנסטאנטינאפאל און האט באפוילן צוברענגען פאר זיך שבתי צבי (דעם 16טן סעפטעמבער 1666) און האט אים געגעבן דעם אויסוואל, אדער טויט־שטראף און אויך שטראפן פאר זיינע אנהענגער, אדער זיך שמדן און ווערן א מאכמעדאנער. ביים סולטאן איז דעמאלט געווען א דאקטאר מאיאט זאדי, א געוועזענער ייד, איצט א מאכמעדאנער, וועלכער האט שבתי צבין צוגערעדט אנצונעמען דעם פארשלאג צו שמדן זיך. שבתי צבי האט אראפגענומען דאס מאכמעדאנישע היטל פון איינעם פון די אנוועזנדע און זיך אנגעטאן און אנגענומען די מאכמעדאנישע רעליגיע, א נאמען געבנדיק זיך מאכמעד (ער פלעגט זיך שפעטער אונטערשרייבן מאמיט, און ער האט עס געטייטשט „מאמת״, דער וואס מאכט די רעליגיע פון איינציקן גאט פאר אמת). דער סולטאן האט אים געגעבן דעם טיטל „עפענדי״ און אים געמאכט פאר זיינם א באאמטן. די ידיעה וועגן שבתי צבים שמד (מיט אים האט זיך אויך געשמדט זיין ווייב שרה) האט ארויסגערופן א שטורם אין אלע יידישע קהילות. פיל מאמינים האבן נישט געוואלט גלויבן, אז עס איז אמת די ידיעה. טייל פון די מאמינים, פעסטשטעלנדיק אז עס איז אמת, האבן זיך אויך געשמדט, אנעמענדיק די מאכמעדאנישע אמונה; אמייסטן האבן עס געטאן די אנהענגער אין סאלאניקי. אנדערע האבן עס אויסגעטייטשט, אז שבתי צבי האט דאס ניט געטאן, נאר א שד האט זיך פארשטעלט אין זיין געשטאלט און דאס געטאן. גאר אנדערע, די גרויסע אידעאלאגן, ווי נתן העזתי, אברהם מיכאל קארדוזו און אנדערע, האבן אויסגעפונען רמזים אין זוהר און אנדערע קבלה ספרים, אז עס איז פאראן אין דעם א גרויסער סוד, ארויסצונעמען די הייליקע פונקען (ניצוצות קדושות) פון דער טומאה. דער גרעסטער טייל יידן אבער האט זיך אפגעקערט פון דער שבתי־צבי־אמונה, וועלכע

האָט אָבער שפּעטער געטליעט נישט נאָר צווישן די אָפענע געשמדטע אָנהענגער, וועלכע האָבן געשאַפן די „דענמע"־סעקטע און זענען געווען כלפּי חוץ מאָכ־מעדאַנער און צווישן זיך געהאַלטן פון שבתי צבי, נאָר אויך צווישן פיל יידן, רבנים, מקובלים. אויך נאָכדעם ווי שבתי איז געשטאָרבן (30טן סעפּטעמבער 1675, יום כפור תל"ו) אין דולצינעא, אין אַלבאַניע (דאָרט איז זיין קבר), האָבן פיל יידן אין געהיים געהאַלטן, אַז ער לעבט ווייטער און אַז ער איז משיח און, אַז ער איז אַוועק צו די עשרת השב־טים און בני משה אויף יענער זייט פון טייך סמבטיון און אַז ער וועט צוריק־קומען ברענגען די גאולה. — די שבתי־צבי־אמונה האָט אָנגענומען שפּעטער מער דעם כאַראַקטער פון אַ באַזונדער רעליגיע, אַ געהיימע, פאַרבאָרגענע, פאַר־מישט מיט מיסטיציזם און לעגענדע, ווי פון אַ משיח־באַוועגונג. פון איין זייט זענען געווען די דענמעס, די אָפענע מאָכ־מעדאַנער און באַהאַלטענע שבתי־צבי־אָנהענגער. פון דער אַנדערער זייט זע־נען געווען יידישע מקובלים, וועלכע האָבן ווייטער געוועבט די לעגענדע פון שבתי צבי, געשריבן געהיימע קמיעות מיט זיין נאָמען, כתבים מיט רמזים וועגן זיין משיח־מיסיע, און טיילמאָל, זענען אויפגעקומען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דערקלערט אַלס די משיח־פאַרטרעטער פון שבתי צבי. דער שטורמדיקסטער צווישן זיי איז געווען יעקב פראַנק (זע „פראַנק"). אין די קרייזן פון די יידישע קהילות זענען דורכ־דעם אויסגעבראָכן שאַרפע מחלוקות. מען האָט די געהיימע שבתי־צבי־אָנהענ־גער שאַרף גערודפט. טיילמאָל האָט מען דערוועקט דעם חשד אויך קעגן אָנגע־זעענע גאונים און רבנים, אַז זיי זענען געהיימע מאמינים, צווישן אַנדערע אויך קעגן רבי יונתן אייבעשיץ (זע „אייבע־שיץ"). גאָר שטאַרק איז געווען די מח־לוקה צווישן נחמיה חיון („חיון") און רבי צבי אַשכנזי. דער אמת איז, אַז אין די כתבים און ספרים פון טייל מקו־בלים זענען ווירקלעך געפונען געוואָרן רמזים אויף שבתי צבי, וואָס ווייזט, אַז די דאָזיקע מחברים זענען געווען גע־היימע מאמינים. פאַראַן אַ מיינונג, אַז די שבתי־צבי־באַוועגונג, וועלכע איז גע־ווען פאַרשפּרייט אויך אין דרום־דייטש־לאַנד און אין בעמען (פּראַג), האָט פיל מיטגעווירקט צו דער פאַרשפּרייטונג פון השכלה און רעפאָרם. אין יידישע קרייזן איז יעדער שפּור פון דער שבתי־צבי אמונה פאַרשווינדן געוואָרן לערך דעם אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט. אָבער שפּורן זענען געבליבן אין דער „דענ־מעס"־סעקטע ווי אַ געוויסע צייט אויך צווישן די פראַנקיסטן. — די ליטעראַ־טור וועגן דער שבתי־צבי־באַוועגונג איז אַ זייער גרויסע. גרעץ אין זיין יידישער געשיכטע (אין העברעאישער איבערזע־צונג „דברי ימי ישראל" פון שפ"ר חלק ח' צום סוף אין די נאָטן) ברענגט אַ רייכע ביבליאָגראַפיע, וועלכע איז אָבער אויך ניט פולקאָם. די ערשטע ברייטע־טערע קוואַלן זענען דער „קיצור ציצית נובל צבי" פון רבי יעקב ששפּורטס און דער „תורת הקנאות" פון רבי יעקב עמ־דין, וועלכער ברענגט פאַרשידענע נוסח־אות וועגן דער באַוועגונג, צווישן זיי אויך פונם מאמין דעם מקובל און משולח רבי אברהם קונקי; פון די מאָדערנע זע־נען וויכטיק דוד כהנאס „תולדות המ־קובלים והשבתאים" (כאָטש זייער טענ־דענציעז), „עניני שבתי צבי" פון פריי־מאַן (זאַמלונג פון כתבי יד), ווי אויך די פאַרשידענע אַרבעטן פון ג. שלום אין די אויסגאַבן פון „תרביץ" און אַנדערע. ביז איצט איז נאָכניט צונויפגעזאַמלט

געווארן דאס גאנצע אפילו געדרוקטע מאטעריאל, וואס איז פאנאנדערגעווארפן איבער פארשידענע וויסנשאפטלעכע זשורנאלן (ברעסלויער „מאנאטס־שריפט", „דזשואיש קווארטערלי", „רעווי", רשומות כרך ו' און אנדערע). — זע אויך די זוכווערטער פון די איינצלנע פערזענלעכקייטן וואס האבן געהאט א שייכות צו דער באוועגונג, ווי „חיון", „נתן העזתי", „פראנק" און אנדערע. — וועגן דער באוועגונג זענען אויך געשריבן געווארן דערציילונגען, דראמעס פון זשולאווסקי, וואסערמאן, זאנגוויל, אין העברעאיש אויך פון ביסטריצקי.

**שדי** איינער פון די נעמען פון גאט אין תנ"ך; אין חומש שמות ו' ווערט געזאגט אז מיטן נאמען שדי האט גאט זיך באוויזן צו אברהם, יצחק און יעקב. עס איז נישט קלאר די באדייטונג פון דאזיקן ווארט. דער מדרש טייטשט „שאמר לעולמו די", אז ביים באשאפן די וועלט האט גאט געזאגט צו דער וועלט: „גענוג".

**שד, שדים** דאס ווארט שד אין לשון רבים „שדים" אלס באצייכענונג פאר אפגעטער איז פאראן אין תנ"ך (דברים ל"ב „יזבחו לשדים לא אלוה", תהלים ק"ו „ויזבחו את בניהם ואת בנותיהם לשדים"). טייל מפרשים (גמרא גטין ס"ח) דענקען, אז אויך דער אויסדרוק אין קהלת ב' „שדה ושדות" זאל מיינען „שדים", הגם דאס ווארט איז ניט קלאר. אין דער גמרא און מדרש און שפעטערע ספרים ווי אויך אין דער יידישער פאלקס־שפראך ווערט מיט שדים באצייכנט „נישט־ריינע רוחות", גייסטיקע ווזנס, וואס ווילן שאדן ברענגען די מענטשן. זיי האבן געהאט אין דער גמרא פארשידענע נעמען: מזיקין, מלאכי חבלה, רוחות רעות, רוחין, שידא ושידין, שעירים (אויך אין תנ"ך). די גמרא אין חגיגה ט"ז זאגט, אז די שדים זענען אין 3 זאכן ווי מלאכים, נעמלעך, זיי האבן פליגל, פליען פון איין עק וועלט צום צווייטן עק וועלט און הערן וואס וועט זיין אין דער צוקונפט, — און אין 3 זאכן זענען זיי ווי מענטשן, זיי עסן און טרינקען, ווערן געבוירן ווי מענטשן און שטארבן ווי מענטשן. אין דער גמרא זענען פאראן פיל ווערטער וועגן שדים. די שפעטערדיקע יידישע חכמים פון מיטלאלטער זענען געווען צעטיילט אין דעם גלויבן אין שדים. דער רמב"ם האט אין דער עקזיסטענץ פון שדים ניט געגלויבט. אנדערע חכמים האבן יא געגלויבט. אין די פאלקס־גלויבונגען איז די אמונה אין שדים זייער איינגעווארצלט, און שוין זינט די עלטערע צייטן איז פאראן דער גלויבן וועגן שדים, וואס האבן חתונה געהאט מיט מענטשן און געהאט מיט זיי קינדער (טייל פון די דאזיקע ספורים זענען פאראן אין ספר „קב הישר" און טייל אפילו אין אלטע ספורים פון דער צייט פון די גאונים). — וועגן דעם קעניג פון די שדים זע זוכווארט „אשמדי"; זע אויך „אבערגלויבן", „רוח".

**שדכן** דער הייראט־פארמיטלער. ביי יידן איז געווען איינגעפירט, אז שידוכים זענען געשלאסן געווארן מיט דער הילף פון שדכנים, וועלכע פלעגן באקומען דערפאר א געוויסן פראצענט פון נדן. דאס ווארט „שדוכי", „משדכין" איז שוין פאראן אין תוספתא און גמרא (תוספתא שבת י"ז, קדושין י"ב). דאס ווארט שדכן טרעפן מיר אין די ספרים פון מיטלאלטער, אין וועלכע עס ווערן געבראכט די מנהגים וועגן שדכנות־געלט („אור זרוע" פון רבי יצחק ווינא, „מרדכי" סוף בבא קמא און אנדערע). אין

דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער־פּיעסן ווערן געבראַכט בילדער פון שדכנים( אין מאַפּוס „עיט צבוע", דיקס „דער שדכן", שלום עליכמס „מנחם מענדל" און פאַרשידענע לייכטע יידישע קאָמעדיעס).

**שהחינו** (וואָס האָט אונדז געלאָזט לעבן), דאָס איז די ברכה, וואָס מען מאַכט ביים אַנקומען פון אַ יום־טוב, ביים טאָן אַ זעלטענע מצוה, ווען מען עסט אַ נייע פּרוכט, וכדומה דערפרייענדע געשעענישן, וואָס טרעפן זיך ניט אָפט. די דינים פון שהחינו ווערן געבראַכט אין דער משנה ברכות לעצטן פּרק „הרואה", ווי אויך אין רמב"ם משנה תורה הלכות ברכות פּרק י' און שולחן ערוך אורח חיים רכ"ה). די ברכה האָט געהאַט פאַרשידענע נוסחאות. דער היינטיקער נוסח איז „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה".

**שהכול** די ברכה צו גאָט „שהכול נהיה בדברו" (וואָס אַלץ איז געשען דורך זיין וואָרט), וואָס מען מאַכט ביים טרינקען וואַסער און אַנדערע געטראַנקען אַחוץ וויין. אין דעם יידישן פאָלקס־ווערטל ווערט מיטן וואָרט „מאַכן אַ שהכול" אויך באַצייכנט טרינקען בראַנפן.

**שובבים ת"ת** די ראשי תבות פון די נעמען פון די ווינטער־סדרות פון חומש „שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפּטים, תרומה, תצוה". גאָר פרומע יידן פלעגן זיך נוהג זיין צו פאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק פון די דאָזיקע סדרות; טייל פלעגן פאַסטן נאָר אין אַ עיבור־יאָר; אַנדערע פלעגן פאַסטן נאָר „שובבים" און ניט „ת"ת". רבי ישעיה הורוויץ אין של"ה (תורה שבכתב, ספר שמות) ברענגט פאַרשידענע טעמים פאַר די דאָזיקע תעניתים, ווי אַז איז די ראשי תבות איז פאַראַן דער אויסדרוק פון תשובה און תפילה, און אויך אַנדערע טעמים. פאַראַן באַזונדערע סליחות צו די דאָזיקע תעניתים.

**שול** זע „בית המדרש".

**שול־פירן** אין יידיש ווערט מיטן וואָרט „שול־פירן" אָנגערופן דער שבת, ווען איינער וואָס האָט געבוירן אַ טאָכטער, גיט אַ נאָמען דעם קינד ביים אויפגערופן ווערן צו דער ספר־תורה און מען מאַכט דעם שבת אַ קידוש פאַר די געסט. מען רופט אויך אָן שול־פירן דאָס פירן די כלה אין שול אַריין דעם שבת פון די שבע ברכות.

**שוואַרץ** — 1) י. י. שוואַרץ (געבוירן אין רוסלאַנד), איצט אין אַמעריקע, דיכטער אין יידיש; איבערזעצער און איבערדיכטער פון העברעאישן ליד פון די משוררי ספרד (רבי שלמה אבן גבירול, רבי משה אבן עזרא, רבי יהודה הלוי). פּרטים אין רייזנס לעקסיקאָן". — יוסף (1804 אין בייערן—1865 אין ירושלים), באַרימטער פאָרשער פון ארץ־ישראל, מחבר פון „דברי יהוסף" אין 4 חלקים, פון וועלכע דאָס באַרימטסטע איז דער „תבואות הארץ" וועגן ארץ־ישראל־געאָגראַפיע (איבערזעצט אין דייטש און ענגליש).

**שוויגן** שויז אין תנ"ך זענען פאַראַן לויב־ווערטער וועגן שוויגן; „גם אויל מחריש חכם יחשב", ווען אַ נאַר שוויגט ווערט ער פאַררעכנט פאַר אַ קלוגן (משלי י"ז). אין תלמוד ווערט שוויגן פאַררעכנט אַלס אַ זייער גוטע מידה און רבי עקיבא זאָגט, „סייג לחכמה שתיקה" (אבות ג'). אין די שפּעטערע צייטן זענען געווען גאָר פרומע יידן, וועלכע האָבן באַטראַכט אַלס אַן עבירה יעדעס איבעריקע וואָרט, און אין די חסידישע

הויפּן פון רביים פלעגן זיין „יושבים״, שטענדיקע זיצערס ביים רבין. וועלכע מען האָט גערופן די „שותקים״, שווייגערס, ווייל זיי האָבן איבערהויפּט געגנמען אויף זיך ניט צו רעדן קיין וואָרט.

**שווייץ** לאַנד אין מיטל־אייראָפּע, פעדעראַציע פון עטלעכע פּראָווינצן; אויף איבער 4 מיליאָן איינוואוינער זענען פאַראַן לערך 25 טויזנט יידן, אַמייסטן אין ציריך, באַזל, בערן; דער יידישער ישוב שטאַמט פון פריען מיטלאַלטער; אין אַלגעמיין האָבן יידן אין דער שווייץ גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר די יידישע שחיטה איז פאַרבאָטן; אין דער שווייץ פלעגן קומען שטודירן (אין די יאָרן פאַר דער וועלט־מלחמה 1914) סטודענטן פון רוסלאַנד, וואו העכערע שטודיום איז פאַר יידישער יוגנט געווען באַגרענעצט; אין דער שווייץ, אין באַזל, איז פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, און שפּעטער אויך אַנדערע ציוניסטישע קאָנגרעסן.

**שוועדן** לאַנד אין צפון־אייראָפּע, סקאַנדינאַווישן האַלב־אינזל, הויפּטשטאָט שטאָקהאָלם; לערך 6 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 10 טויזנט יידן, מייסטנס אין שטאָקהאָלם. דער יידישער ישוב איז לערך יונג, פון 18טן יאָרהונדערט.

**שוחד** אין דער יידישער רעליגיע איז דער פאַרבאָט זייער שטרענג פאַר אַ דיין צו נעמען שוחד (חומש שמות כ״ג, „ושחד לא תקח״); אין פאַרשידענע ספרים פון תנ״ך ווערט שוחד באַטראַכט אַלס איינער פון די גרעסטע פאַרברעכנס און די נביאים, פאַדערנדיק גערעכטיקייט, טרעטן שאַרף אַרויס קעגן שוחד (מיכה ג., ישעיה א׳ און אַנדערע ערטער). אין דער גמרא כתובות ק״ה ווערט געזאָגט, אַז שוחד מיינט מען ניט נאָר געלט־געבן נאָר אַפילו יעדע מינדסטע טובה וואָס דער דיין באַקומט.

**שוחט** זע „שחיטה״.

**שולחן ערוך** (אָנגעגרייטער טיש), נאָמען פון ספר, זאַמלונג פון הלכות און דינים, וואָס איז געוואָרן דער אויטאָריטעט אין יידישן רעליגיעזן לעבן און לויט דעם דאָזיקן ספר פּסקענען די רבנים אַלע רעליגיעזע שאלות. דער מחבר פון ספר איז געווען רבי יוסף קארו (זע זוכוואָרט „קארו, יוסף״). דאָס ספר באַשטייט פון 4 חלקים: 1) „אורח חיים״, באַהאַנדלט אַלע דינים און הלכות פון דאַווענען, ציצית, תפילין, ברכות, שבת, ימים טובים, תעניתים; 2) „יורה דעה״, באַהאַנדלט די דינים פון שחיטה, טרפות, זאַלצן פלייש, בשר בחלב, נידה, אבלות און אַ ריי אַנדערע הלכות; 3) „אבן העזר״, דינים און הלכות פון קידושין, גטין, און אַנדערע יורידישע פראַגן צווישן מאַן און פרוי; 4) „חושן משפט״, דינים און הלכות פון געלט־תביעות, עדות, דיינים וכדומה. צום שולחן ערוך זענען צוגעגעבן געוואָרן „באַמערקונגען״, „הגהות״ פון רבי משה איסערלים, רמ״א (זע „איסערלים, משה״), וועלכער האָט אין זיי אָנגעוויזן אויף די מנהגים אין די מזרח־ און מיטל־אייראָפּעאישע לענדער (אשכנז ופולין). אויף דעם „שולחן ערוך״ זענען געשריבן געוואָרן פיל פּירושים, פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען דער „טורי זהב״, (ט״ז) פון רבי דוד הלוי, „שפתי כהן (ש״ך), פון רבי שבתי כהן, „מגן אברהם״ (אויף אורח חיים) פון רבי אברהם אבא גאָמבינער, „פרי מגדים״ פון רבי יוסף תאומים און אַנדערע פירושים. פון „שלחן ערוך״ זענען געמאַכט געוואָרן קיצורים, פון וועלכע אַמפּאָפּולערסטן זענען „חיי אדם״ (אורח חיים), „חכמת אדם״ (יורה דעה),

„קיצור שולחן ערוך". דער שולחן ערוך איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין ארץ־ישראל אין כפר ביריא אין גליל עליון, אין יאָר 1555 (שט"ו) און נאָכער איז ער געדרוקט געוואָרן פיל מאָל. — פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ (רב צעיר) האָט פאַרעפנטלעכט אין „השלח") בענדער 4, 5, 6 און 9) אָפּ־האַנדלונגען וועגן דער אַנטשטייאונג פון שולחן ערוך; זע אויך האַראָדעצקי, „לקו־רות הרבנות".

**שולמית** דער נאָמען פון דער העלדין אין ספר שיר השירים, וועלכע זינגט די שירים צו שלמה און צו וועמען עס ווערן געזונגען שירים („שובי, שובי השול־מי", ז'). — דער נאָמען שולמית האָט געדינט פאַר העלדינס פון מאָדערנע פּאָעמעס און דראַמעס (גאָלדפאַדנס אָפּע־רעטע ,שולמית" און אַנדערע).

**שולמאַן, קלמן** (1819 — 1899), העברעאישער שריפטשטעלער און השכ־לה־פאַרשפּרייטער אין ווילנע; איבער־זעצט אין העברעאיש ווערק פון פלאַ־וויוס, באַארבעט אַ וועלט־געשיכטע („דברי ימי עולם"), ראָמאַנען („מסתרי פּאַריז" און אַנדערע), ווי אויך ארץ־ישר־ראל־באַשרייבונגען („הליכות קדם", „שבילי ארץ הקודש") און אַנדערע ווערק.

**שו"ם** ראשי תבות פון די נעמען פון די דריי שטעט אין דייטשלאַנד „שפּייער, וואָרמס און מאַינץ", וועלכע זענען אין 13טן יאָרהונדערט געווען דער צענטער פון יידישן לעבן און די תקנות וואָס זע־נען אין די שטעט אָנגענומען געוואָרן הייסן „תקנות שו"ם".

**שומרון** די הויפּטשטאָט פון מלכות ישראל אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש, געבויט דורך מלך עמרי (מל־כים א' ט"ז); אין דער צייט פון בית שני איז די שטאָט געווען דער צענטער פון די ,שומרונים" (זע „שומרונים"). הורדוס המלך האָט די שטאָט איבערגע־בויט און איר אַ נאָמען געגעבן „סע־באַסטע" (ווערט דערמאָנט אין דער מש־נה ערכין, „אחד המקדיש בפרדסות סבסטי"), נאָכער איז זי ביסלעכווייז חרוב געוואָרן. היינט זענען פאַראַן נאָר חורבות לעבן דעם דאָרף סעבאַסטע אין ארץ־ישראל ניט ווייט פון שכם, מען האָט דאָרט לעצטנס געמאַכט אויסגראַבונגען און געפונען שפּורן פון די אַלטע יידי־שע מלכים־פּאַלאַצן, העברעאישע אויפ־שריפטן אויף שאַרבנס און אַנדערע אַל־טערטימלעכקייטן.

**שומרונים** נאָמען איצט פון אַ קליי־נער רעליגיעזער גרופּע, וואָס וואוינט אין ארץ־ישראל, כמעט אַלע אין דער שטאָט שכם. די צאָל נפשות איז לערך 180 (פון זיי זענען אין שכם ביי 160); די דאָ־זיקע סעקטע האַלט אַלס הייליק נאָר דעם חומש און דעם ספר יהושע (אין זייער אייגענעם נוסח); דאָקעגן די אַלע אַנ־דערע ספרים פון תנ"ך אַנערקענען זיי נישט. זיי היטן די מצוות פון חומש פּונקט ווי יידן, נאָר מיט געוויסע ניט זייער גרויסע ענדערונגען; אַלס די הייל־ליקע שטאָט האַלטן זיי ניט ירושלים, נאָר שכם, און באַזונדערס דעם באַרג גריי־זים, הר־גריזים (אָדער ווי זיי שרייבן דאָס וואָרט צוזאַמען „הרגרזים"), וועל־כער געפינט זיך אין שכם. זיי זענען ביז היינט מקריב יעדן ערב פסח דעם קרבן פסח אויפן באַרג גרזים וואוהין זיי קו־מען מיט זייערע פאַמיליעס און מיט זיי־ער כהן גדול, וועלכער האָט אַ יחוס־מגילה, אַז ער שטאַמט פון אהרן הכהן. זייער שפּראַך איז אַראַביש אָבער לעצ־טנס מישן זיי זיך אויס מיט יידן און

לערנען זיך צו רעדן העברעאיש. זייערע אַלטע ספר תורה איז געשריבן אין העברעאיש אָבער ניט מיט אונדזער שריפט נאָר מיט דעם אַלטן העברעאישן אַלף־בית. און אין נוסח פון חומש זענען פאַראַן ביי זיי קליינע ענדערונגען. וועלכע זענען דער עיקר צו ווייזן, אַז דער באַרג גריזים איז דער הייליקער באַרג, אויף וועלכן עס דאַרף שטיין דאָס בית־המקדש. זיי האָבן אויך טייל אַנדערע ספרים, אַמייסטן כראָנאָלאָגישע פאַרצייכענונגען פון זייער געשיכטע. די שומרונים באַטראַכטן זיך אַלס די אמתע יידן פון חומש, און זיי האַלטן, אַז די אַנדערע יידן האָבן „געפעלשט" דעם חומש און מאַכנדיק ירושלים אַלס דאָס אָרט פון בית המקדש זענען די אַנדערע יידן באַגאַנגען אַ פאַרברעך. זיי גלויבן אויך, אַז עס וועט קומען משיח „השהב", און דעמאָלט וועלן אַלע פעלקער דערזען, אַז די שומרונישע אמונה איז די ריכטיקע. — פון וואַנען די שומרונים שטאַמען אָפּ איז נישט קלאָר. אין ספר מלכים ב' י"ז ווערט דערציילט, אַז נאָכדעם ווי דער מלך אשור האָט פאַרטריבן די עשרת השבטים האָט ער אויף זייער אָרט אין ארץ־ישראל באַזעצט פרעמדע פעלקער, צווישן זיי אַ פאָלק פון כות, געצנדינער, וועלכע האָבן צוליב מורא אָנגענומען אויך געוויסע יידישע רעליגיעזע מנהגים. דאָס זאָלן זיין די שומרונים, זיי האָבן דעריבער געהייסן אין דער משנה און גמרא „כותים". אין דער צייט פון בית שני האָבן זיי געהאַט זייער בית המקדש אויפן באַרג גריזים, און צווישן זיי און יידן זענען געווען אָפטע קאַמפן. שפּעטער האָבן אויך זיי דורכגעמאַכט שווערע גזרות און שחיטות, אַזוי אַז די אַמאָליקע גרויסע צאָל שומרונים איז געוואָרן כסדר קלענער. אין דער צייט פון מיטלאַלטער זענען געווען פיל שומרונים־פאַמיליעס אויך אין אַנדערע ערטער אין ארץ־ישראל, ווי אויך אין מצרים און סיריע. אָבער זייער צאָל האָט זיך כסדר פאַרקלענערט, אַזוי, אַז היינט זענען זיי קוים 180 נפשות, די קלענסטע רעליגיעזע סעקטע אויף דער וועלט. לויט דער מיינונג פון טייל פאָרשער זענען די שומרונים מייסטנס איבערגעבליבענע פון די עשרת השבטים, פון מלכות אפרים. און מיט זיי האָבן זיך צונויפגעמישט עלעמענטן פון אַנדערע פעלקער. — די שטעלונג פון די חכמי התלמוד צו די שומרונים (כותים) איז געווען אַ פאַרשידענע. טייל האָבן זיי באַטראַכט אַלס יידן („כותים גרי אמת הן", „כותי כישראל לכל דבר", ירושלמי דמאי א'), און טייל האָבן זיי באַטראַכט אַלס גויים, וועגן דער באַציאונג צווישן יידן און כותים איז פאַראַן אַ באַזונדערע מסכת כותים. — וועגן די שומרונים זענען געשריבן געוואָרן פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען; רפאל קירכהיים איז זיין אויסגאַבע „שבע מסכתות קטנות" האָט צו דער מסכתא כותים צוגעגעבן אַן איינלייטונג „כרמי שומרון", אין וועלכער ער גיט וועגן די שומרונים; לעצטנס האָט י. בן צבי אַרויסגעגעבן זיין „ספר השומרונים" אויפן גרונט פון פערזענלעכע אויספאָרשונגען ביי די שומרונים־פאַמיליעס אין שכם און די פאַרשידענע דאָקומענטן אין כתב־יד און טראַדיציעס.

**שונא** זע „שנאה".

**שופט, שופטים** (ריכטער); נאָמען פון די העלדן און אויך פון ספר אין תנ"ך; אין ספר שופטים, ווערט דערציילט, אַז נאָך דעם ווי יהושע בן נון איז געשטאָרבן, און יידן האָבן גענומען ליידן פון אָנפאַלן דורך די שכנים פרעמדע פעלקער, פלעגן אויפשטיין ביי יידן

שופטים, הערשער, וועלכע האָבן געפירט מלחמות קעגן די פעלקער־שונאים און געראַטעוועט די יידן. די דאָזיקע שופ־טים פלעגן מייסטנס הערשן ניט איבער אַלע יידן, נאָר איבער טייל שבטים, און זייער הערשאַפט איז ניט איבערגעגאַנגען בירושה צו זייערע קינדער. די דאָזיקע עפּאָכע ווערט אין דער יידישער געשיכ־טע אָנגערופן די „תקופת השופטים”, און עס איז שווער געניי פעסטצושטעלן ווי לאַנג זי האָט זיך געצויגן; אומגעפער האָט זי אַרומגענומען דעם 12טן און 11טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלע־כער צייטרעכענונג. לויט דעם ספר שופטים זענען ביי יידן געווען 13 שופ־טים: עתניאל בן קנז, אהוד בן גרא, שמגר בן ענת, ברק בן אבינועם, גדעון בן יואש, אבימלך בן גדעון, תולע בן פואה, יאיר הגלעדי, יפתח הגלעדי, אבצן, אילון, עבדון און שמשון הגבור. עס איז צו באַמערקן, אַז דעם טיטל „שופט” אַלס הערשער האָבן אויך געהאַט די אַלטע פעניציער אין קאַרטאַגע. — דאָס ספר „שופטים” האָט 19 קאַפּיטלעך און דער־ציילט די סיפּורים וועגן די שופטים און זייערע העלדישע טאַטן. אַנטהאַלט אויך די באַרימטע העלדן־שירה פון דבורה הנביאה. אין ספר זענען אויך פאַראַן דראַמאַטישע ספּורים וועגן קאַמפן צווישן יידישע שבטים זעלבסט (אין דער צייט פון יפתח, נאָכער פלגש בגבעה און דעם קאַמף קעגן שבט בנימין, דער עפּיזאָד פון פסל מיכה) און די איינצלנע העלדן־סיפּורים וועגן שמשון הגבור. לויט דער מיינונג פון דער גמרא (בבא בתרא י”ד) האָט שמואל הנביא געשריבן דעם ספר שופטים.

**שופר** דאָס בלאָזן שופר איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס פייערלעכער מאָמענט אין יידישן לעבן, סיי אַלס צייכן פון מלחמה קעגן שונא, סיי אַלס צייכן פון אַנדערע אומגליקן. סיי אַלס צייכן פון שמחה און יום־טוב. אין יהושע ו' ווערט דערציילט דער סיפּור ווי יידן האָבן איינגענומען יריחו ביי דער שאַלונג פון שופר. אין חומש שמות י”ט ווערט דערציילט, אַז ביים געבן די תורה אויפן באַרג סיני האָט מען געהערט דאָס שופר בלאָזן. וועגן בלאָזן שופר אין ראש השנה און חודש אלול זע „ראש השנה” און „אלול”. — עס איז ביי יידן אָנגענומען, אַז איי־דער משיח וועט קומען וועט מען הערן בלאָזן שופר, דאָס הייסט „שופר של משיח” (זע זוכוואָרט „משיח”), און איינס פון די וואונטשן ביי יידן איז צו „דערלעבן צו הערן דעם „שופר של משיח”. דאָס שטאַמט פון פסוק ישעיה כ”ז „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול”; דאָס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אין דער תפלה שמונה עשרה „תקע בשופר גדול לחרותנו”.

**שור** זע „שאר”.

**שור הבר** (ווילדער אָקס); אין דער משנה אין כלאים ווערט וועגן שור הבר גערעדט ווי וועגן אַ נאַטירלעך באַשעפע־ניש; אין די יידישע גלויבונגען וועגן די צייטן פון משיח (און לויט טייל פון עולם הבא) איז פאַראַן דער גלויבן וועגן אַ סעודה, וואָס די צדיקים וועלן האָבן און וואָס וועט באַשטיין פון שור הבר, לויתן און יין המשומר. דער רמב”ם אין פירוש המשניות צום לעצטן פרק אין סנהדרין פּאַסט אויף די אַלע זאַכן אַלס משל פאַר גייסטיקע פאַרגעניגנס. — אין מדרש ויקרא רבה י”ג ווערט דער שור הבר אָנגערופן „בהמות”. אין דעם באַ־קאַנטן פיוט אקדמות צו שבועות הייסט ער „תור טור רמותא”. — זע זוכווער־טער „יין המשומר” און „לויתן”.

**שושנה** נאָמען פון אַ ספר אין די „כתובים אחרונים" (זע „כתובים אחרונים"), פון וועלכן עס איז געבליבן נאָר דער טעקסט אין גריכיש. דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן, וואַרשיינלעך אין העברעאיש, דעם 2טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. עס ווערט דאָרט דערציילט דער סיפור פון דער שיינער פרוי שושנה אין בבל, וועלכע צוויי זקנים האָבן אַנגערעדט צו זנות, און ווען זי האָט זיי ענטזאָגט האָבן זיי איר באַשולדיקט, אַז זי האָט מזנה געווען מיט אַ פרעמדן מאַן, און די ריכטער האָבן איר געזאָלט פאַראורטיילן צום טויט, אָבער דער חכם דניאל האָט איר געראַטעוועט, אויפווייזנדיק דורך אויספרעגן די צוויי זקנים, אַז זיי האָבן פאַלש עדות געזאָגט. — דער סיפור פון שושנה האָט געדינט אַלס טעמע פאַר פיל קונסט־מאָלער, רובינס, רעמבראַנדט, בעקלין, קאָקאָשקאַ און אַנדערע.

**שחיטה** לויט דער יידישער רעליגיע מעג מען עסן דאָס פלייש פון אַ בהמה און עוף נאָר ווען די בהמה און עוף זענען פריער געשאָכטן געוואָרן לויט די באַשטימטע דינים פון שחיטה. דאָס שעכטן קומט פאָר מיט אַ חלף, דאָס הייסט אַ לאַנגער מעסער, וועלכער מוז זיין אַזוי דין אָנגעשטעלט, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין פגימה. די בהמה און עוף ווערן געשאָכטן דורך איינשניידן טיף אין דעם האַלדז, אָבער ניט איבערשניידן דעם גאַנצן האַלדז. די דינים פון שחיטה זענען זייער פאַרצווייגט, און דעריבער איז איינגעפירט, אַז דאָס שעכטן קומט פאָר נאָר דורך אַ ספעציעל באַשטימטער פערזאָן, דעם שוחט, וועלכער האָט פריער געלערנט די אַלע דינים און קען אָנשטעלן אַ חלף און ווייסט אויך דערנאָך בודק צו זיין ביי דער בהמה די ריאה, די לונגען, צי זיי זענען געזונט לויט די אַנטשפּרעכנדע דינים. דעריבער הייסט דער שוחט אויך „שוחט ובודק" (שו"ב). דער שוחט מאַכט אַ ברכה ביים שעכטן. — די דינים פון שחיטה ווערן אין דער תורה ניט דערמאָנט, נאָר מען לערנט עס אָפּ פון פאַרשידענע פסוקים (גמרא חולין כ"ח). די דינים פון שחיטה געפינען זיך אין דער משנה און גמרא חולין, און זיי זענען צונויפגעזאַמלט אין שולחן ערוך חלק יורה דעה הלכות שחיטה. — קעגן דער יידישער שחיטה זענען פאָרגעקומען פיל קאַמפן מצד אַלע אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען, און עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן, צווישן אַנדערע, אויך דער מאָטיוו פון „צער בעל חיים", אַז די בהמה ליידט דורך דער דאָזיקער מעטאָדע מער ווי דורך אַנדערע מעטאָדן פון קוילענען. וועגן דער דאָזיקער פראַגע און בכלל וועגן שחיטה אַלס מעטאָדע פון קוילענען בהמות און געזונטער מאַכן דאָס פלייש צום עסן דורך אַרויסלאָזן דאָס בלוט, זענען געשריבן געוואָרן פיל אָפּהאַנדלונגען. צווישן די פאַרטיידיקונג־ביכער געפינט זיך די אַרבעט פון דר. יצחק דעמבאָ (אין רוסיש, העברעאיש און אַנדערע שפּראַכן). אין טייל לענדער (שווייץ, פינלאַנד, לעצטנס אויך דייטשלאַנד און טייל אַנדערע לענדער) האָט מען די יידישע שחיטה פאַרבאָטן. — די מעטאָדע פון יידישער שחיטה איז אָנגענומען אויך דורך די מאַכמעדאַנער. — דער שוחט איז אין יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע געווען נאָכן רב די אָנגעזעענסטע רעליגיעזע פערזאָן אין שטאָט. דער שוחט האָט באַדאַרפן צוערשט באַקומען קבלה פון אַ רב, אַז ער קען זיין אַ שוחט. דער שוחט פלעגט דאַרפן ווייזן דעם רב פון צייט צו צייט דעם חלף, צי ער קען ריכטיק אים אָנשטעלן.

**שחרית** דאָס דאַוונען אינדערפֿרי („שחר”. אין העברעאיש „פֿרימאָרגן”). אין שבת און יום־טוב און אַנדערע פֿייערלעכע טעג טיילט מען אָפּ „שחרית” פֿון „מוסף” דורך לייענען די ספֿר־תּורה. — זע זוכוואָרט „דאַוונען”.

**שטיבל** נאָמען פֿון אָרט וואו חסידים דאַוונען. מען האָט עס גערופֿן „חסידים־שטיבל”, און מען פֿלעגט עס אויך רופֿן לויט דעם נאָמען פֿון דער שטאָט פֿון רבי, צו וועמען די חסידים פֿלעגן פֿאָרן: „גערער שטיבל”, „קאָצקער שטיבל” און אַזוי ווייטער.

**שטיבעל פֿאַרלאַג** פֿאַרלאַג אַרויסצוגעבן העברעאישע ביכער, געגרינדעט אין מאָסקווע 1918, דורך דעם נדבן און ליטעראַטור־ליבהאָבער, אברהם יוסף שטיבעל; דער פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן די זאַמלונגען „התקופֿה”, „מקלט”, איבערזעצונגען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור און אָריגינעלע העברעאישע ביכער.

**שטיינבערג, יהודה** (1863 — 1908) העברעאישער שריפֿטשטעלער אין רומעניע און רוסלאַנד, אַריינגעפֿירט אין דער ליטעראַטור די פֿאָלקס־מאָטיוון פֿון חסידות, קינדער־לעבן, לעגענדעס פֿאַר קינדער.

**שטיינשניידער, משה** (1816 — 1907 אין בערלין); באַרימטער געלערנטער אין ביבליאָגראַפֿיע פֿון העבראַיקאַ און יודאַיקאַ, וועמענס ווערק זענען פֿונדאַמענטאַל אין חכמת ישראל; אין דער יוגנט האָט שטיינשניידער שטודירט יידישע לימודים און אויך אַלגעמיינע וויסנשאַפֿטן, באַזונדערס סעמיטישע שפּראַכן; אין 1844 האָט ער צוזאַמען מיט דוד קאַסעל געפּרוּווט צונויפֿשטעלן אַ פּראָגראַם פֿון אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע; ער האָט אין יענער צייט אויך געחלומט וועגן שאַפֿן אַ יידישער מלוכה, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן אַ שאַרפֿער קעגנער פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און פֿון ציוניזם; שטיינשניידער האָט זיינע ווערק געשריבן מייסטנס אין דייטש; זיינע הויפּט ווערק זענען דער „קאַטאַלאָג באָדלעיאַנאַ” פֿון דער העבראַיקאַ און יודאַיקאַ אָפּטיילונג אין דער אָקספֿאָרד־ביבליאָטעק; „די העברעאישע איבערזעצונגען אין מיטלאַלטער און די יידן אַלס דאָלמעטשער”, אין דאָזיקן ווערק האָט שטיינשניידער מיט גרויס חריפֿות און בקיאות באַוויזן, אַז די יידן זענען געווען די איבערטראָגער פֿון דער וויסנשאַפֿט פֿון דער אַלטער קלאַסישער וועלט אַריבער אין מיטלאַלטער און ממילא אויך קיין אייראָפּע פֿאַר דער נייער צייט; אומגעוויינלעך וויכטיק זענען אויך זיין „אַראַבישע ליטעראַטור פֿון די יידן”, „די מאַטעמאַטיק אין דער יידישער ליטעראַטור”, „געשיכטס ליטעראַטור”, „די יידישע ליטעראַטור” (איבערזעצט אין העברעאיש „ספֿרות ישראל”), אויך זיין ביבליאָגראַפֿישער זשורנאַל „המזכיר”, ווי אויך פֿיל אַנדערע ווערק און מאמרים; שטיינשניידער האָט אויפֿגעדעקט פֿאַר דער וועלט די גרויסע באַדייטונג פֿון דער פֿילזייטיקייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין פֿריערן און שפּעטערן מיטלאַלטער (אין מעדיצין, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, געאָגראַפֿיע, געשיכטע, פֿילאָזאָפֿיע און אַנדערע) און איר ראָלע אין דער אַלגעמיינער קולטור־געשיכטע. אַ רשימה פֿון זיינע אַרבעטן (ניט פֿולשטענדיק) איז דערשינען אין שטיינשניידערס יוביליי־בוך צו זיין 80־יאָריקן געבורטס־טאָג. — זע אויך רייזנס לעקסיקאָן אין זוכוואָרט „שטיינשניידער”.

**שטן** נאָמען פֿון העכסטן שלעכטן מלאך

אין הימל, וועלכער וויל דעם מענטש שלעכטס טאָן און פאַרפירן אים צו זינד און נאָכער באַשולדיקן דעם מענטש אין הימל, אַז ער איז זינדיק; ווערט דערמאָנט עטלעכע מאָל אין תנ"ך, אין זכריה ג' („יגער בך השטן") און באַזונדערס אין ספר איוב א', ווי דער שטן קומט אין הימל און רעדט שלעכטס אויף איוב און גאָט גיט אים רשות צו פייניקן איוב און אויסצופּרואוון אים צי ער וועט זינדיקן קעגן גאָט. אין דער גמרא, מדרש און שפּעטערע יידישע ספרים ווערט וועגן שטן געבראַכט פיל דברי אגדה און סיפּורים. דער אמורא ריש לקיש זאָגט אין בבא בתרא ט"ז „הוא שטן, הוא מלאך המות, הוא יצר הרע" (דער שטן איז אויך דער מלאך המות און אויך דער יצר הרע). אין קידושין פ"א און אַנדערע ערטער ווערן געבראַכט דערציילונגען, ווי דער שטן האָט זיך באַוויזן אין געשטאַלט פון אַ מענטשן און איז געקומען צו צדיקים און געפּרואווט זיי אָנרעדן צו עבירות. דער אויסדרוק „אל תפתח פה לשטן" (מען זאָל נישט זאָגן אַ שלעכט וואָרט, דערמאָנען אַז אומגליק, כדי ניט צו געבן אַז אויסרייד דעם שטן) געפינט זיך אין ברכות י"ט. אין יומא כ' ווערט געזאָגט, אַז „השטן" באַטרעפט 364, דאָס הייסט, אַז פון די 365 (שס"ה) טעג אין יאָר האָט דער שטן דאָס רעכט מקטרג צו זיין אין הימל נאָר 364 טעג פון יאָר, און ניט אין טאָג יום כיפּור. אין ראש השנה ט"ז ווערט געזאָגט, אַז מען בלאָזט שופר, כדי „לערבב את השטן" (צעמישן דעם שטן). אין די שפּעטערע יידישע סיפּורים שפּילט דער שטן די ראָלע פון בעל הבית איבער דעם גיהנום און ער ווערט אידענטיפיצירט מיט דעם ס"ם, אָדער סמאל.

**שטראַשון** — 1) מתתיהו (1817 — 1885 אין ווילנע), זון פון רבי שמואל; נדבן, משכיל און ביבליאָגראַף, פאַרעפנטלעכט באַמערקונגען איבער יידישער געשיכטע אין „קריה אמונה" פון פין, אין פאַרשידענע העבראַיִשע זשורנאַלן („פּרחי צפון", „כרם חמד" און אַנדערע); געהאַט אַ רייכע ביבליאָטעק, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן די עפנטלעכע „שטראַשון ביבליאָטעק" אין ווילנע. — 2) שמואל (1794 — 1872), פאָטער פון מתתיהו, למדן, ראש ישיבה און מחבר אין ווילנע; אָנגעפירט מיט אַ ישיבה; גענויגט צו השכלה; זיינע באַמערקונגען צו גמרא זענען געדרוקט אין דער ווילנער גרויסער אויסגאַבע פון ראַם־ש"ס מיטן נאָמען „הגהות הרש"ש"; ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט הגהות צו מדרשים.

**שטרויס** אָנגעזעענע יידישע פאַמיליע אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אַרויסגעגעבן פּאָליטישע פירער, פילאַנטראָפּן. — 1) אָסקאַר, אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי, טעטיק לטובת יידן, גרינדער פון דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט פאַר פאָרשן יידישע געשיכטע אין אַמעריקע, אויטאָר פון ביכער אין ענגליש (איבער דער קאָנסטיטוציע, איבער ראַדזשער, וויליאַמס און אַנדערע). — 2) נאַטאַן (1848 — 1930), ברודער פון אָסקאַר, פילאַנטראָפּ, געשאַפן די מילך־פּונקטן פאַר קינדער אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. באַזוכט פיל מאָל ארץ־ישראל, וואו ער האָט געשאַפן פיל נוצלעכע אינסטיטוציעס און באַזונדערס די „בתי הבריאות" (געזונטהייטס־צענטער) אין ירושלים און תל־אביב; אויף זיין נאָמען איז די קאָלאָניע „נתניה" אין ארץ־ישראל ביים ים.

**שטריימל** אין פּוילן, גאַליציע און אוקראַינע איז עס געווען דער הוט, וואָס רבנים און רביים (און אויך חסידים אין

שבת און יום־טוב) האבן געטראגן אויפן קאפ; געמאכט פון האריקע פעל; באַקאנט איז די נאוועלע פון י. ל. פרץ „דאס שטריימל", און וועלכער דאס שטריימל איז דער סימבאל פון רבנות.

**שייטל** נאמען פון א קאפ־צודעק פאר פרויען, געמאכט פון פרעמדע האר; פרומע פארהייראטע יידישע פרויען טראגן שייטלען, ווייל לויט טייל אויסטייטשונגען פון דער משנה אין כתובות פרק ז' „וראשה פרועה" און די דערקלערונגען אין דער גמרא כתובות ע"ב און אנדערע גמרא־ווערטער, איז ניט צנועות'דיק פאר א פארהייראטע פרוי צו גיין מיט די אייגענע האר פון קאפ אפגעדעקט.

**שיילאק** נאמען פון דעם יידישן העלד אין שעקספירס טראגי־קאמעדיע „שיילאק", א יידישער פראצענטניק אין ווענעציע, וועלכער האט געבארגט געלט צו א קריסט מיט דעם תנאי, אז אויב ער וועט נישט באצאלן דעם חוב דארף ער געבן שיילאקן א פונט פלייש פון זיין קערפער. וועגן שיילאק־ווערק זענען געשריבן געווארן פיל אפהאנדלונגען. היינע ווייזט אן, אז שעקספיר האט געוואלט ווייזן אין דער פיעסע די אומגערעכטיקייט־באציאונג צום ייד. אין דער אנטיסעמיטישער באלייכטונג איז שיילאק דער טיפ פון א יידישן ריקזיכטלאזן סוחר און פראצענטניק; שיילאק האט געדינט אלס אנטיסעמיטישע באצייכענונג פאר יעדן ייד איבערהויפט.

**שיכרות** זע „וויין", „נזיר".

**שילה** אלטע שטאט אין ארץ־ישראל, אין אפרים (יהושע י"ח); דארט האט יהושע אוועקגעשטעלט דעם משכן, וועלכער איז געווען דער רעליגיעזער צענטער, און וועלכן מען האט מקריב געווען קרבנות, דער „בית המקדש" פארן יידישן פאלק, א לאנגע צייט ביז דער צייט פון שמואל הנביא (שמואל א' ג'). די עפאכע איז באקאנט אלס די עפאכע פון „משכן שילה". היינט איז עס באקאנט אלס „חירבת סיילון", וואו מען האט געפונען א סך אלטערטימלעכקייטן אין די אויסגראבונגען.

**שיף, מאיר (מהר"ם)** געבוירן 1608 — געשטארבן 1644; למדן אין דייטשלאנד, רב און ראש ישיבה אין פולדא; מחבר פון חידושים אויף ש"ס מיטן נאמען „מהר"ם שי"ף", וועלכע זענען געשריבן אין א קורצן שווערן סטיל, און דאס פארשטיין א „שווערן מהר"ם שיף" האט זיך גערעכנט צווישן ישיבה בחורים אלס א גרויסע זאך.

**שיקאגא** שטאט אין די פאריינקטע שטאטן, גרעסטע נאך ניו־יארק; אויף לערך 4 מיליאן איינוואוינער געפינען זיך לערך 350 טויזנט יידן; באזיצט רייכע יידישע אינסטיטוציעס, שולן, שולעס, יידישע טעגלעכע צייטונגען, וועכנטלעכע יידיש־ענגליש צייטונגען; זע „פאריינקטע שטאטן".

**שיר** דאס ווארט „שיר" אין העברעיש איז „ליד", „געזאנג"; דערפון איז דער אנהויב פון טייל קאפיטלעך תהלים מיטן ווארט שיר („מזמור שיר ליום השבת", „שיר המעלות" און אנדערע).— וועגן ספר „שיר השירים" זע „שיר השירים". — פון מיטלאלטער האבן מיר די פילאזאפיש־מיסטישע דיכטונגען „שיר היחוד" און „שיר הכבוד". — וועגן „שיר המעלות" אין דער שטוב פון קימפעטארינס, זע „קימפעטאריין".

**שיר השירים** („דאס ליד פון לידער", „דאס געזאנג פון געזאנגען"), נאמען פון ספר אין תנ"ך; אלס מחבר ווערט באטראכט שלמה המלך („שיר השירים

אשר לשלמה״); איינע פון די 5 מגילות; 8 קאַפּיטלעך; אַנטהאַלט לידער וועגן ליבע פון אַ יונג שיין מיידל, שולמית, צו אַ פּאַסטוך, און אויך לידער וועגן דער ליבע פון אַ מיידל צו שלמה המלך; די אויסדריקן זענען זייער שאַרפע, פּאַטעטישע. און גלייכצייטיק אידילישע, באַשרייבונגען פון דער נאַטור, פון פרילינג („עת הזמיר הגיע״ און אַנדערע). עס איז דאָס שענסטע ליבע־געזאַנג אין דער וועלט־ליטעראַטור. לויטן פּירוש פון דער יידישער טראַדיציע איז דאָס אַן אַלעגאָריע אויף דער ליבע פון יידישן פאָלק, פון דער כנסת ישראל צו גאָט, און אין די ווערטער פון שיר השירים ווערן איינגעטייטשט די באַדייטנדע מאָמענטן פון דער אַלטער יידישער געשיכטע. דער תנא רבי עקיבא זאָגט אין משנה ידים ג׳, אַז שיר השירים איז קודש קדשים, אין דער צייט וואָס אַנדערע ספרים אין תנ״ך זענען נאָר קודש. די גמרא אין סנהדרין ק״א זאָגט, אַז ווער עס לייענט אַ פּסוק אין שיר השירים אַלס „געזאַנג פון לצים״ ברענגט אַן אומגליק אויף דער וועלט. — די מגילה פון שיר השירים ווערט געזאָגט פּסח צום סדר ביינאַכט נאָך דער הגדה און שבת חול המועד פּסח; טייל זאָגן עס אויך יעדן פרייטיק פאַרנאַכט. — אויף שיר השירים זענען פאַראַן צוויי מדרשים: „שיר השירים רבה״, וואָס הייסט אויך „מדרש חזית״ (ווייל ער הויבט זיך אָן מיטן פּסוק „חזית איש מהיר במלאכתו״), און „שיר השירים זוטא״. — שיר השירים פּלעגט געלערנט ווערן אין חדר פון מלמד מיט די תלמידים יעדן פאַר פּסח, און דאָס לערנען איז פאַרגעקומען מיט אַ באַזונדערער מעלאָדיע, איינגעטייטשט יעדן פּסוק לויטן רמז פון פּירוש רש״י.

**שירה** זע „יום״, „לוויים״.

**שירה, פּרק** נאָמען פון אַן אַלטער ברייתא מיטן נאָמען „פּרק שירה״, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט. אַז אַלע באַשעפענישן זאָגן „שירה״, געזאַנג און לויב, פאַר גאָט יעדן טאָג: די הימלען, די ערד, די שטערן, יעדעס לעבעדיק באַשעפעניש (בהמות, חיות, פייגל און אַזוי ווייטער), יעדעס געוויקס, יעדער בוים, פאַר יעדער באַשעפעניש ווערט געבראַכט אַ באַזונדער פּסוק פון שירה, וועלכער האָט אַ שייכות צום באַשעפעניש. אין אָנהויב פון דער ברייתא ווערט געבראַכט פון תנא רבי אליעזר וועגן דער גרויסקייט פון דער מצוה צו זאָגן דעם פּרק שירה יעדן טאָג. פון טייל ערטער אין דער גמרא (חולין ס״ד און אַנדערע) איז צו זען, אַז זיי האָבן דעמאָלט שוין געהאַט אַ טראַדיציע פון פּרק שירה. זיכער איז, אַז שוין אין 9טן יאָרהונדערט איז דער פּרק שירה געווען באַקאַנט (ווערט געבראַכט און קריטיקירט אין די ווערק פון קאַראַאימישן חכם סלמון בן ירוחם אין ענדע 9טן יאָרהונדערט). די מקובלים און באַזונדערס רבי יצחק לוריא (אר״י הקדוש), האָבן שטאַרק געלויבט דעם פּרק שירה. עס זענען אויך געשריבן געוואָרן אויף אים פיל פּירושים.

**שיריים** (איבערגעבליבענע) דער מנהג ביי חסידים איז, אַז ווען זיי זיצן ביי דער סעודה ביים טיש ביים רבין, „כאַפּן״ זיי שיריים פון דעם וואָס דער רבי עסט; דער רבי עסט נאָר עפּעס פון טעלער און דאָס איבעריקע ווערט געגעסן דורך די חסידים. עס ווערט באַטראַכט ווי דער רבי איז דער כהן, וואָס איז מקריב דאָס עסן, די „מנחה״ און דאָס איבעריקע (פּונקט ווי ביי אַ מנחה איז פאַראַן דער „קומץ״, וואָס מען איז מקריב, און די „שיריים״, וואָס מען עסט) ווערט געגעסן. דאָס וואָרט דאַרף ריכטיק גע־

לעזן ווערן „שיירים“ („שעיאַרים“), נאָר עס איז געוואָרן דערפון „שיריים“.

**ש"ך** זע „שבית כהן“.

**שכינה** דאָס וואָרט „שכינה“ שטאַמט פון העברעאישן וואָרט „שכן“. רוען אין אַן אָרט, וואוינען, און האָט אַ שייכות צום פסוק אין שמות י"ט, אין וועלכן גאָט זאָגט צו משה, אַז די יידן זאָלן מאַכן פאַר גאָט אַ הייליק אָרט (מקדש) „ושכנתי בתוכם“, „און איך וועל רוען צווישן זיי“, זיין צווישן זיי. דערפון איז דאָס וואָרט שכינה געוואָרן דער באַגריף פאַר דער געטלעכקייט, וועלכע וואוינט אין דער וועלט; אין דער גמרא ווערט שכינה באַנוצט אַנשטאָט געטלעכקייט (סוכה ה' און אַנדערע ערטער). אָבער טיילמאָל איז דער איינדרוק, אַז מיטן וואָרט שכינה האָט מען ניט געמיינט די געטלעכקייט זעלבסט נאָר דעם אָפּגלאַנץ פון דער געטלעכקייט, די התגלות פון געטלעכן גייסט, אויך רוח הקודש (גמרא שבת ל' „אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה של מצוה און אַנדערע ערטער). עס איז אויך פאַראַן דער אויסדרוק „קבלת פני השכינה“ (שבת קכ"ז און אַנדערע ערטער). עס ווייזט אויס, אַז אין די אַלע אויסדרוקן זענען פאַראַן מאָמענטן פון דער אַלטער יידישער פילאָזאָפישער מיסטיק, וואָס האָט געהאַט איר דייטלעכן אויסדרוק אין דער יידיש-פילאָזאָפישער שולע אין אַלעקסאַנדריע (זע „פילאָן“) און שפּעטער אין דער קבלה וועגן דער געטלעכער עמאַנאַציע, אויסשטראַלונג. אין טייל מיסטישע סיפורים איז פאַראַן, ווי די שכינה האָט זיך באַוויזן צו צדיקים אין געשטאַלט פון אַ פרוי, און וועגן דעם תלמיד פון רבי יצחק לוריא (אר"י) רבי אברהם הלוי ווערט דערציילט, אַז ער האָט געזען די שכינה ביי דער כותל המערבי אין געשטאַלט פון אַ פרוי, איינגעהילט אין שוואַרץ. — עס איז אויך פאַראַן דער אויסדרוק אין דער גמרא און די תפילות „תחת כנפי השכינה“ (אונטער די פליגל פון דער שכינה“). אין יידיש זאָגט מען אויף אַ צדיק „די שכינה רוט אויף אים“, וואָס איז די איבערזעצונג פון גמראַ-אויסדרוק „השכינה שורה“.

**שכם** אַלטע שטאָט אין ארץ-ישראל, אין שומרון; היינט באַוואוינט דורך אַראַבער און אַ קליינער עדה שומרונים; ציילט איבער 17,000 איינוואוינער (צווישן זיי 160 שומרונים), וועלכע זענען שאַרף קעגן דעם יידישן ישוב אין ארץ-ישראל. לעבן דער שטאָט זענען פאַראַן די בערג הר גרזים און הר עיבל. — די שטאָט שכם ווערט דערמאָנט אין תנ"ך פיל מאָל (בראשית ל"ג און אַנדערע ספרי תנ"ך), און דאָרט איז געווען סיי דער רעליגיעזער, סיי דער פּאָליטישער צענטער פון אפרים. אין שכם איז אין דער צייט פון די שופטים פאָרגעקומען דער ערשטער פרואוו איינצופירן אַ מלוכה ביי יידן (שופטים ט', דער סיפור פון אבימלך). אין שכם האָט ירבעם בן נבט אָפּגעטיילט און געשאַפן דאָס מלכות ישראל (נאָך שלמה המלכס טויט, מלכים א' י"ב). די שומרונים האַלטן, אַז שכם און דער הר גרזים איז געווען דאָס ריכטיקע אָרט פאַר דעם בית המקדש. די ארץ-ישראל-אַרכעאָלאָגיע האָט באַוויזן, אַז דאָס אָרט פון דער אַלטער שכם איז געווען לעבן דעם איצטיקן שכם, וואו עס געפינט זיך דאָס אַראַבישע דאָרף „באַלאַטא“. — זע זוכווערטער „אבימלך“, „אפרים“, „שומרונים“.

**שכר ועונש** (באַלוינונג און באַשטראָפונג). עס איז איינער פון די הויפּט-יסודות פון דער יידישער רעלי-

גיע. אַז פאַר גוטע מעשים וועט מען ווערן באַלוינט און פאַר שלעכטע מעשים וועט מען ווערן באַשטראָפט. דער רמב״ם רעכנט דאָס אַלס איינעם פון די 13 עקרים פון דער יידישער אמונה. שוין אין תנ״ך געפינען מיר אין פיל ערטער דעם דאָזיקן באַגריף וועגן שכר ועונש; אין די פרשיות פון דער תוכחה אין ויקרא כ״ו און דברים כ״ח ווערט געזאָגט צו די יידן, אַז אויב זיי וועלן פאָלגן די געטלעכע געבאָטן וועלן זיי ווערן באַלוינט, און אויב זיי וועלן זיי ניט פאָלגן וועלן זיי ווערן באַשטראָפט; דאָס זעלבע איז אויך פאַראַן אין אַלע ספרי נביאים. די פראַגע איז, צי מיינט מען די דאָזיקע „באַלוינונג און באַשטראָפונג״ אויף דער וועלט (ווי עס זעט אויס פון דער תוכחה) אָדער גאָר אויף יענער וועלט, נאָכן טויט פונם מענטשן. דייטלעך איז אין תנ״ך נישט פאַראַן וועגן יענער וועלט, אָבער די יידישע רעליגיעזע טראַדיציע ווייזט אָן אויף אַ סך פסוקים, פון וועלכער מען לערנט אַרויס, אַז די באַלוינונג און באַשטראָפונג וועט זיין נאָר אויף יענער וועלט, און דערמיט ווערט פאַרענטפערט געוויינלעך די באַרימטע מאַטערנדע פראַגע וועגן „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו״ (פאַרוואָס זעט מען, אַז גאַנץ אָפט איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט), וואָס איז פאַראַן שוין אין תנ״ך (איוב, חבקוק, ירמיהו, תהלים). די גמרא קדושין ל״ט זאָגט דעריבער „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא״ (דער שכר ווערט ניט געגעבן אויף דער וועלט). וועגן דעם שכר ועונש אויף יענער וועלט זענען געשאַפן געוואָרן די באַגריפן פון גן עדן (דאָס אָרט פון באַלוינונג) און גיהנום (דאָס אָרט פון באַשטראָפונג). — די משנה אין פרק אבות א׳ ברענגט, אַז אַנטיגנוס איש סוכו (וועלכער האָט געלעבט אין דער מיט פון דער צייט פון 2טן בית המקדש) האָט געלערנט, אַז מען זאָל דינען גאָט ניט ווי קנעכט, כדי צו באַקומען שכר, נאָר ווי אַזעלכע, וואָס דינען ניט אויף צו באַקומען שכר. דאָס איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון דינען גאָט, „מאהבה״, און האָט געהאַט די גרויסע השפעה אויף דעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט (חסידות). אין אבות דרבי נתן ווערט דערציילט אַז אַנטיגנוס האָט געהאַט 2 תלמידים, צדוק און ביתוס, וועלכע האָבן פון זייער רבים ווערטער פאַרשטעלונג, אַז עס איז איבערהויפּט ניטאָ קיין שכר ועונש, קיין יענע וועלט, און זיי האָבן באַשאַפן די סעקטעס צדוקים און ביתוסים. אויך לויט דער מיינונג פון פלאַוויוס האָבן די צדוקים ניט געגלויבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה (השארת הנפש) און ממילא אויך ניט אין שכר ועונש אויף יענער וועלט. אין פרקי אבות זענען פיל ווערטער פון די תנאים געווידמעט צום פעסטשטעלן די אמונה אין שכר ועונש. — זע זוכווערטער „אומשטערבלעכקייט פון נשמה״, „גיהנום״, „גן עדן״, „עולם הבא״, „צדוקים״.

**של** אין העבראיש „פון״; דערפון ווערן אָנגערופן די תפילין פון דער האַנט „של יד״, און די תפילין פון קאָפּ „של ראש״.

**שלוח** נאָמען פון אַ וואַסער־בעקן אַמאָל אין אַלט־ירושלים, וועלכער האָט באַקומען געצויגן דאָס וואַסער פון קוואַל גיחון דורך אַ אונטערערדישן טונעל, וועלכער איז דערצו ספּעציעל געגראָבן געוואָרן אין דער צייט פון חזקיה מלך יהודה. דער טונעל האָט געהייסן „ניקבה״ („נקב״, לעכערן, בויערן). אין יאָר 1880 האָט מען געפונען אַ שטיין מיט אַן אַלט־

העברעאישן אויפשריפט וועגן גראָבן די דאָזיקע ניקבה, און דער שטיין איז באַ־קאַנט אַלס דער „שלוח־שטיין". ישעיהו הנביא פאַרגלייכט דאָס מלכות בית דוד צו די וואַסערן פון שלוח, וועלכע פליסן פּאַמעלעך (ישעיה ח׳ „מי השלוח ההול־כים לאַט לאַט).

**שלוח הקן** (אַוועקשיקן די פייגעל־נעסט); אין חומש דברים כ״ב ווערט געזאָגט, אַז אויב מען געפינט אַ נעסט מיט פייגעל, „שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך", טאָר מען ניט צונעמען די מוטער מיט די קינדער, נאָר די מו־טער מוז מען אַוועקשיקן און צונעמען נאָר די קינדער. דאָס איז די מצוה פון שלוח הקן, וועגן וועלכער עס איז פאַראַן אַ פּרק אין משניות און גמרא מסכתא חולין („שלוח הקן").

**שלום, שלום עליכם** אין תנ״ך און נאָכער אין אַלע יידישע רעליגיעזע ספ־רים ווערט „שלום". פרידן, באַצייכנט אַלס הויפּט־יסוד פון דער יידישער עטיק. הלל הזקן לערנט, אַז מען זאָל זיין „אוהב שלום ורודף שלום" (אבות א׳). אין משנה פאה א׳ ווערט „הבאת שלום בין אדם לחברו" (דאָס מאַכן שלום צווישן איין מענטש און דעם צווייטן) פאַררעכנט אַלס איינע פון די גרעסטע מצוות. אין דער משנה און גמרא גטין נ״ט ווערן געבראַכט אַ סך זאַכן וואָס מען דאַרף טאָן „מפני דרכי שלום", כדי עס זאָל זיין שלום. דער תנא רבן שמעון בן גמ־ליאל (אבות א׳) זאָגט, אַז איינע פון די דריי זאַכן, אויף וועלכע די וועלט שטייט, איז שלום. דער אידעאַל פון שלום צווישן פעלקער איז פאַראַן אין די באַ־קאַנטע קאַפּיטלער פון מיכה ד׳ און ישעיה ב׳, אַז די פעלקער וועלן איבער־שמידן זייערע שווערדן אין אַקעראייזנס, „ולא ישאו גוי אל גוי חרב" (און קיין פאָלק וועט ניט אויפהויבן קעגן צווייטן פאָלק די שווערד). — עס איז געווען אַן אַלטער מנהג אין די צייטן פון תנ״ך און שפּעטער ביי יידן צו באַגריסן זיך מיטן וואָרט שלום (שמואל א׳ כ״ח און אַנדערע ערטער, משנה אבות ד׳ „הוה מקדים בשלום כל אדם" און פיל אַנדערע ערטער אין גמרא). אויך אין דער נייער צייט אין ארץ־ישראל באַגריסט מען זיך מיטן וואָרט „שלום". — ווען איינער קומט צו פאָרן, גיט מען אים „שלום עליכם". מיט די ווערטער „שלום עלי־כם" הויבט זיך אָן אַ באַגריסונג פריי־טיק־צונאַכטס פאַר קידוש אין שטוב צו די צוויי מלאכים, וואָס קומען באַגלייטן דעם ייד פון שול אַהיים. צום דאָזיקן זמר איז לעצטנס צוגעפּאַסט געוואָרן אַ באַזונדערע מעלאָדיע, וועלכע מען זינגט אין די „עונג שבת"־פייערונגען.

**שלום עליכם** (1859, כ״ו אדר תר״עט אין פּערעיאַסלאַוו, אין אוקראַינע — 1916, י׳ אייר תרע״ו אין ניו־יאָרק), פּסעוודאָנים פון שלום ראַבינאָוויטש; באַרימטער יידישער שריפטשטעלער; איינער פון די שעפער פון דער מאָדער־נער יידישער ליטעראַטור; פון 1881 ביז 1883 איז שלום עליכם געווען קאַזיאָנער ראַבינער אין לובני; נאָכער ביז 1904 געווען תבואה־סוחר און אויך בערזע־אַגענט אין קיעוו און אָדעס; געהאַט געלט און פאַרלוירן; נאָכער האָט ער געוואוינט אין פאַרשידענע לענדער. עסטרייך, שווייץ, אַמעריקע, ווידער אין רוסלאַנד, נאָכער אין איטאַליע, דייטשלאַנד, שווייץ (וואו ער האָט געוואוינט אין קור־ערטער צוליב זיין שווינדזוכט־קראַנקייט) און זינט 1914 אין ניו־יאָרק, וואו ער איז געשטאָרבן. — שלום עליכם האָט אָנגע־הויבן שרייבן אין העברעאיש (פון 1881

אן מאמרים און דערציילונגען אין „המליץ", „הצפירה"). אין 1883 האט ער פארעפנטלעכט זיין ערשטע קליינע דערציילונג אין יידיש. פון דעמאלט אן האט ער כסדר ארויסגעגעבן (אין זשורנאלן און אין בוך־פארם) גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, ראמאנען, קינדער־דערציילונגען; באשריבן מיט ליבשאפט און הומאר דאס יידישע לעבן אין קלענערע און גרעסערע שטעט און פאראייביקט אין דער ליטעראטור דעם גאנצן יידישן לעבנס־שטייגער אין אלע פארמען. זיין קלארע און פאפולערע פאלקסשפראך, זיין אייגנטימלעכער און פאלקסטימלעכער יידישער וויץ און הומאר האבן אים דערווארבן די גרעסטע פאפולאריטעט אין די ברייטסטע יידישע לעזער־קרייזן. פון זיינע גרעסערע ראמאנען זענען באקאנט „סטעמפעניו". „יאסעלע סאלאוויי", „בלאנדזשענדע שטערן" (פון אקטיארן־לעבן), „בלוטיקער שפאס", „מבול". „סענדער בלאנק" און די שילדערונגען פון טיפן אין „טוביה דער מילכיקער", „כתרילעווקע", „מנחם מענדל", „מאטל פייסי דעם חזנס" און די זייער פיל קלענערע דערציילונגען, וועלכע שילדערן דאס יידישע לעבן אום שבת און יום־טוב און אינדערוואכנס. און די לירישע קינדער־דערציילונגען. שלום עליכם האט געשילדערט נית דעם אויסערגעוויינלעכן טיפ, נאר דעם פשוטן ייד מיט זיין גאנצן חן און ליבלעכקייט און הומאר ביז טרערן. שלום עליכם האט פארעפנטלעכט אויך זיין אויטאביאגראפיע אין דעם ווערק „פונם יאריד". אין די ערשטע צייטן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האט שלום עליכם אויך ארויסגעגעבן „די יידישע פאלקס ביבליאטעג". שלום עליכם איז אויך באקאנט געווען מיטן נאמען דאס „אייניקל" פון יידישער ליטעראטור, אין קעגנזאץ צו מענדעלע מוכר ספרים אלס „זיידע". — שלום עליכם האט אויך געשריבן קאמעדיעס, אריגינעלע און איבערגעמאכטע פון זיינע אייגענע דערציילונגען („שווער צו זיין א ייד", „עמד", „דער אוצר" און אנדערע). — די געזאמלטע ווערק פון שלום עליכם זענען דערשינען אין יידיש אין 28 בענדער. אין העברעאיש זענען א גרויסער טייל פון די ווערק איבערזעצט געווארן דורך זיין איידעם י. ד. בערקאוויטש. — איבער שלום עליכם זענען געשריבן געווארן פיל ביכער און אפהאנדלונגען, פארעפנטלעכט געווארן זיינע בריוו. פרטים און א גרעסערער ביבליאגראפיע אין רייזנס „לעקסיקאן".

**שלומציון, אלכסנדרה** יידישע קעניגין אין ארץ־ישראל (געקעניגט 76—66 פאר דער געוויינלעכער ציטערכענונג), אלמנה פון קעניג אלכסנדר ינאי; אין איר צייט האבן די פרושים איבערגענומען די מאכט אין לאנד קעגן די צדוקים; זי זאל האבן געווען די שוועסטער פון תנא שמעון בן שטח; ווערט דערמאנט אלס גרויסע צדקת אין די ווערק פון פלאוויוס און אין תלמודישע קוואלן (תענית כ"ג און אנדערע). אין איר צייט איז די כהונה גדולה אפגעטיילט געווארן פון דער פערזאן פון קעניג; זי איז געווען די מוטער פון די צוויי ברידער הורקנוס און אריסטובלוס, וועלכע האבן געפירט צווישן זיך שווערע קאמפן.

**שלח מנות** זע „פורים".

**שלחן ערוך** זע „שולחן ערוך".

**שליח צבור (ש"ץ)** זע „חזן".

**שליט"א** זע „רבי, רביים".

**שלמה** מלך איבער גאנץ ארץ־ישראל, באקאנט אלס „שלמה המלך"; געקעניגט

לערך 970 — 933 פאַר דער געוויינלעכער ציַיטרעכענונג; בויער פון ערשטן בית המקדש; לויט דער טראַדיציע מחבר פון די תנ״ך־ספרים שיר השירים. משלי און קהלת און אויך פון טייל קאַפּיטלעך תהלים; לויט דעם תנ״ך (מלכים א ה) דער קליגסטער פון אַלע מענטשן, מחבר פון אַ סך משלים און פון אַ סך שירים. דער סיפור וועגן שלמה המלכס לעבן און הערשאַפט ווערט דערציילט אין ספר מלכים א קאַפּיטלעך א׳ — י״א, און דברי הימים ב׳ קאַפּיטלעך א׳—ט׳. שלמה איז געווען איינער פון די אינגערע זין פון דוד המלך פון זיין ווייב בת שבע. אין ירושלים, אין דודס הויף־קרייזן, זענען געווען צוויי פּאַרטייען, פון וועלכע איינע האָט געהאַלטן, אַז קעניג דאַרף ווערן דער עלטערער זון פון דוד, אדניה בן חגית, אָבער געזיגט האָט די פּאַרטיי פון צדוק הכהן און נתן הנביא, וועלכע האָט געהאַלטן מיט שלמה המלך. נאָכדעם ווי שלמה האָט איבערגענומען די מלוכה האָט ער געלאָזט טויטן עטלעכע פון זיינע הויפּט־קעגנער, זיין ברודער אדניה, יואב. ער האָט אָרגאַניזירט גאַנץ ארץ־ישראל אין פּראָווינצן, באַשטימט הערשער אין יעדער פּראָווינץ, געבויט שטעט און פעסטונגען, אַנטוויקלט דעם האַנדל פון ארץ־ישראל מיט ווייטע לענדער. און דער תנ״ך דערציילט, אַז ער האָט שטאַרק באַרייכערט דאָס לאַנד און פאַרברייטערט זיינע גרענעצן, און די יידן זענען געווען אין שלום און וואוילשטאַנד, „איש תחת גפנו ותחת תאנתו״, יעדער האָט געפירט אַ גוט לעבן. די גרעסטע טאַט פון שלמה המלך איז געווען, וואָס ער האָט געבויט דאָס ערשטע בית המקדש אין ירושלים, און האָט אַזוי אַרום געשאַפן אין ירושלים דעם צענטער פאַר דעם רעליגיעזן יידישן לעבן, און הגם פיל יידן האָבן דורך דער גאַנצער צייט פון 1טן בית המקדש געפּראַוועט האָבן זייערע אייגענע פּראָווינציעלע הייליקע ערטער פאַר קרבנות (די במות און אַנדערע), אָבער ירושלים און דאָס בית המקדש איז מיט דער צייט ווירקלעך געוואָרן דער רעליגיעזער יידישער צענטער. וועגן שלמה המלך דערציילט דער תנ״ך, אַז ער איז געווען זייער קלוג און אַז די חכמה האָט ער זיך אויסגעבעטן ביי גאָט און אַז פון אומעטום איז מען געקומען הערן זיין קלוגשאַפט (די מעשה מיט די 2 פרויען און קינד); צווישן די נייגעריקע אָנקומענדע איז אויך געווען די מלכה פון שבא. גלייכצייטיק דערציילט דער תנ״ך (אין די דערמאָנטע ספרים מלכים און דברי הימים), אַז שלמה האָט געפירט אַגרויס לוקסוס־לעבן, געבויט טייערע פּאַלאַצן, געהאַט 1,000 פרויען, דעם גרעסטן טייל ניט־יידישע. דער תנ״ך טאַדלט שלמה המלך דערפאַר, און דערציילט, אַז דערפאַר האָט אים גאָט געשטראָפט, און דער נביא אחיה השילוני האָט איינעם פון שלמהס שונאים, ירבעם בן נבט, געהייסן אָפּרייסן אַ טייל פון ארץ־ישראל, אָבער ערשט נאָך שלמהס טויט, און שאַפן אַ באַזונדערע מלוכה. יעדנפאַלס פון מלכים א׳ י״ב, פון געשפּרעך צווישן די יידישע פאָרשטייער און שלמהס זון רחבעם נאָך שלמהס טויט, איז צו זען, אַז דאָס פאָלק האָט שטאַרק געליטן פון די גרויסע שטייערן וואָס שלמה האָט אַרויפגעלייגט, און אַז דאָס האָט געפירט צו דער שפּאַלטונג פון ארץ־ישראל אין צוויי מלוכות, יהודה און אפרים. שלמהן איז פאַרשפּאַרט געווען איבערצולעבן אַזאַ ברוך, וועלכער איז פאָרגעקומען ערשט נאָך זיין טויט. שלמה איז געשטאָרבן און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין די קברי מלכי בית דוד אין ירושלים, און ערשט אין דער צייט פון זיין זון

רחבעם איז פארגעקומען די שפאלטונג. — וועגן די ספרים: שיר השירים, משלי און קהלת, וועלכע די טראדיציע האלט שלמה המלך אלס זייער מחבר, געבן מיר ביי די באטרעפנדע זוכווערטער, ווי „משלי״, „קהלת״, „שיר השירים״. אין די צייטן פון בית שני האט מען צוגעשריבן צו שלמה אלס מחבר אויך א ספר „חכמת שלמה״, וואס איז געבליבן אין גריכיש, צווישן די „כתובים אחרונים״. זע זוכווארט „חכמת שלמה״. מען האט אים אויך צוגעשריבן „מזמורי שלמה״. — אין די ספורי אגדה, וועלכע זענען פאנאנדערגעווארפן געווארן איבער דער גמרא, מדרשים, און אויך שפעטערע ספרים (תרגום שני צו מגילת אסתר און אנדערע), ווערן דערציילט פיל ספורים און לעגענדעס וועגן שלמה המלך, זיין חכמה, זיין שטול („כסא שלמה״), זיין פארשטיין די שפראך פון חיות און עופות און ביימער און גראזן, זיין הערשן איבער מלאכים און שדים, און באזונדערס דער סיפור ווי אשמדאי, דער מלך פון די שדים, האט זיך פארשטעלט אלס שלמה המלך און ער האט געקעניגט אין ירושלים, און ווי שלמה האט ארומגעוואנדערט אלס געוויינלעכער מענטש און געשריגן „אני שלמה״ („איך בין שלמה״) אבער קיינער האט אים ניט געגלויבט. לויט איין סיפור איז ער שפעטער ווידער געווארן מלך (גטין ס״ח). טייל פון די דאזיקע ספורים זענען איבערגענומען געווארן אויך דורך אנדערע פעלקער, באזונדערס אין דער מאכמעדאנישער וועלט, און שפעטער אין דער קריסטלעכער וועלט אין די לעגענדעס־זאמלונגען, „שלמה און מארקאלף״ (די אשמדאי־סיפורים). אין דער גמרא זענען פאראן טייל תקנות (וואשן די הענט צום עסן, עירובין און אנדערע) וועגן וועלכע עס ווערט געזאגט, אז שלמה האט זיי מתקן געווען (עירובין כ״א און אנדערע ערטער). אין ירושלים אונטער דעם אמאר־מעטשעט אויפן פלאץ פון בית המקדש זענען פאראן היילן, וועלכע מען רופט „שלמהס שטאלן״. אויפן וועג פון ירושלים קיין חברון זענען פאראן וואסער־בעקנס, וועלכע מען רופט „ברכות שלמה״. — זע די זוכווערטער „אשמדאי״, „בית המקדש״, „חכמת שלמה״, „משלי״, „קהלת״, „שבא״ און „שיר השירים״.

## שלמה ב׳רבי אברהם אדרת, רשב״א

(1235 — 1310 אין בארצעלאנא, שפאניע); בארימטער פוסק, באקאנט אלס דער רשב״א (רבי שלמה בן אברהם); מחבר פון שאלות ותשובות און חידושים אויף פיל מסכתות פון גמרא; ווערט פארעכנט אלס איינער פון די „ראשונים״; תלמיד פון רבנו יונה פון גירונדי; געווען אנערקענט אלס דער רב הכולל פון שפאניע און אנערקענטער אויטאריטעט אין דער גאנצער יידישער וועלט. אין זיינע תשובות איז ער ארויסגעטרעטן קעגן לערנען אין דער יוגנט פילאזאפיע און קעגן מפרש זיין די תורה אין אלעגארישן זין; באקאנט איז דער בריוו, וועלכן רבי ידעיה הפניני האט געשריבן צום רשב״א צו פארטיידיקן די פילאזאפישע ספרים פון רמב״ם; דער רשב״א האט מחבר געווען, אחוץ די שאלות ותשובות און חידושים, אויך תורת הבית („הארוך״ און „הקצר״) איסור והיתר, עבודת הקודש אויף הלכות שבת, פארטיידיקונגס־בריוו קעגן די באשולדיקונגען פון קריסטלעכע גלחים און מוסולמענער אויפן יידנטום. דער רשב״א האט אויך געפירט א גרויסע ישיבה און זיינע תלמידים זענען געווען רבנו בחיי (דער מפרש פון תורה), רבי יום־טוב (ריטב״א), רבי יצחק דמן עכו

און אנדערע. דער רשב״א האט געפירט א שארפן קאמף קעגן דעם מקובל רבי אברהם אבולעפיא.

**שלמה אלקביץ, הלוי** מקובל און פיטן אין 16טן יארהונדערט, צוערשט אין סאלאניקי און אדריאנאפאל, נאכער אין צפת; שוואגער פון רבי משה קורדובירו; מחבר פון ספרים; באזונדערס באקאנט דורך זיין פיוט „לכה דודי״, וואס מען זאגט צו קבלת שבת.

**שלמה ברבי יצחק, רש״י** (געבוירן לויט טייל מיינונגען 1040 אין טרוא, טרויש אין פראנקרייך — נפטר געווארן כ״ה תמוז תתס״ה 1105), דער בארימטסטער יידישער מפרש פון חומש און אנדערע ספרים פון תנ״ך און פון דער גמרא, באקאנט מיטן נאמען רש״י (רבנו שלמה יצחקי). וועגן יאר ווען רש״י איז געבוירן געווארן זענען פאראן חלוקי דעות, טייל מיינען, אז פריער פון 1040. רש״ים פאטער רבי יצחק איז געווען א למדן, און רש״י ברענגט פון זיין נאמען א פירוש אין עבודה זרה ע״ה. דער הויפט־רבי פון רש״י איז געווען רבי יעקב בר יקר, אבער ער האט אויך געלערנט אין אנדערע ישיבות פון לאטארינגען (חכמי לותיר), וואו ער האט צונויפגעזאמלט פארשידענע „קונטרסים״, אין וועלכע די ישיבה־בחורים האבן געהאט פארשריבן פארשידענע טייטשן פון דער גמרא. רש״י דערציילט אין ספר הפרדס, ווי ער האט געלערנט תורה ניט האבנדיק קיין ברויט צו עסן. נאכער האט רש״י זיך באזעצט אין זיין שטאט טרוא און באלד איז ער בארימט געווארן אלס מפרש פון דער גמרא און עס האבן אנגעהויבן שטראמען צו אים פיל תלמידים. רש״י האט זיך באמיט נאכצוקאנטראלירן די אלע פשטים פון די קונטרסים און ער אליין האט אויסגעקליבן די בעסטע פון זיי און האט אויך צוגעגעבן זיינע אייגענע פשטים, און זיי אלע רעדאגירט און אויפגעשריבן אין א מייסטערהאפטער, קלארער, קורצער שפראך, און אזוי ארום איז אנטשטאנען דער פירוש רש״י אויף גמרא, וואס איז געווארן דער יסוד פון לערנען גמרא ביז אויף היינטיקן טאג. צוליב דעם באנוצן זיך מיט די קונטרסים ווערט גאנץ אפט אויך רש״ים פירוש אנגערופן דורך די בעלי תוספות „פירוש הקונטרס״. רש״י האט אויך געשריבן א פירוש אויף חומש, וואס ווערט ביז היינט געלערנט דורך יונג און אלט, חומש מיט רש״י; ער האט אויך געשריבן פירושים אויף טייל אנדערע ספרים פון תנ״ך. פון רש״י זענען אויך פאראן דער „ספר הפרדס״ אויף דינים און תשובות, „ספר האורה״, „סידור״, שאלות ותשובות, סליחות און ווארשיינלעך שטאמט אויך א גרויסער טייל פון „מחזור וויטרי״ (פון זיין תלמיד רבי שמחה וויטרי) פון רש״י. רש״י האט קיין זין ניט געהאט, נאר דריי טעכטער, און פון זיי האט ער געהאט בארימטע אייניקלעך, די ערשטע בעלי תוספות, רבי שמואל בן מאיר (רשב״ם), רבנו יעקב תם און אנדערע. די לעצטע יארן פון רש״י זענען געווען פארוואלקנט דורך די שרעקלעכע גזרות פון תתנ״ו, קרייץ־פארער, נוסעי הצלב (זע „קרייץ־פארער״), וועלכע האבן אויסגעשאכטן פיל יידישע קהלות. די לעגענדע דערציילט, אז רש״י האט פארגעזאגט דעם פירער פון די קרייץ־פארער גאדפריד פון בויאן, אז ער וועט האבן א מפלה, אז ער וועט צוריקומען קיין פראנקרייך מיט 3 ריטער, און אז אזוי איז געשען. אבער דאס איז נאר א לעגענדע. מען דערציילט אויך וועגן רשי״ס מוטער, אז ווען זי איז געווען שוואנגער מיט רש״י איז זי פארביי־געגאנגען א שמאל געסל

און א פור איז דורכגעפארן און איר גע־
דראט צו טויטן, און איר איז געשען א
נס, אז די וואנט פון דער זייט גאס איז
געווארן איינגעבויגן און די מוטער איז
דארט אריין. א צווייטע לעגענדע דער־
ציילט וועגן רש"ים פאטער, אז ער האט
געהאט צו פארקויפן א בריליאנט און
ווען גלחים האבן אים געוואלט קויפן
פאר א צלם, האט ער דעם בריליאנט
אריינגעווארפן אין טייך, און דערפאר
האט ער זוכה געווען צו אזא זון. —
רש"ים פירוש איז געווארן אזוי אנגע־
נומען בכל תפוצות ישראל, אז מען האט
רש"ין גערופן „פרשנדתא" (דער פרשן
פון דת), און זיין פירוש אויף חומש איז
ווארשיינלעך געווען דאס ערשטע העברע־
אישע ספר וואס איז געווארן געדרוקט
(אין יאר 1475, רל"ה). רש"י באנוצט
אין זיין פירוש געוויסע ספרים פון דק־
דוק, זעצט איבער פיל ווערטער אין אלט־
פראנצויזיש און טיילמאל אין דייטש,
וואס הייסט ביי אים „בלעז" (וועגן דעם
איז פאראן דאס בוך פון דארמשטעטער,
וועלכער האט אויפן גרונט פון רש"ים
פראנצויזישע ווערטער געפארשט די
אנטוויקלונג פון פראנצויזיש), און פון
פיל ווערטער איז צו זען, אז רש"י איז
אויך געווען באקאנט מיט מעדיצין. ווי
ווייט רש"י איז געווען אנגענומען קאן
מען זען דערפון, וואס מען רופט אים
„רש"י הקדוש", און פיל פירושים זענען
געשריבן געווארן אויף דעם פירוש רש"י
אויף חומש („מזרחי", „שפתי חכמים"
און אנדערע). עס זענען פאראן טייל
פירושים וועלכע מען שרייבט צו צו
רש"י, אבער באמת שטאמען זיי ניט
פון רש"י. רבי ישעיה הורוויץ אין
של"ה שרייבט, אז רש"י האט מחבר
געווען זיין פירוש מיט רוח הקודש און
מען דארף דעריבער מדקדק זיין אין יעדן
ווארט זיינם. — וועגן רש"י זענען גע־
שריבן געווארן פיל וויסנשאפטלעכע אפ־
האנדלונגען. אין העברעאיש איז די
בעסטע ארבעט פון א. מ. ליפשיץ,
„רש"י.

## שלש סעודות (שאלעשידעס)

זע זוכווארט „שבת".

## שלש עשרה מידות זע „מידות".

## שלשים (שלושים) זע „אבל".

**שם, שמות הקדושים** אין העברע־
איש איז „שם", „נאמען", אין לשון
רבים „שמות", נעמען. מען באנוצט
דאס ווארט שם צו באצייכענען דעם נא־
מען פון גאט, און שמות הקדושים, די
הייליקע נעמען פון גאט. „שם הויה"
הייסט דער נאמען „יהוה" פון גאט; מען
באנוצט דערצו אויך דעם אויסדרוק „שם
המפורש". אין דער יידישער מיסטיק און
קבלה ווערן די נעמען פון גאט באטראכט
אלס זייער הייליקע און עס איז פא־
ראן דער גלויבן, אז דער, וואס באנוצט
זיך מיט זיי ריכטיק, קאן באווייזן וואונ־
דער (מעגלעך, אז דערפון איז דער נא־
מען „בעל שם"). אזעלכע נעמען פון
גאט זענען פאראן פיל. אחוץ די נעמען
אין נ"ך ווי „יהוה", אלהים, שדי און
אנדערע, ווערט אין דער גמרא קידושין
ע"א דערמאנט א שם פון 42 (מ"ב)
אותיות. אין די קבלה ספרים איז אויך
פאראן שם בן ע"ב (72) אותיות. — זע
די זוכווערטער „אלהים", „דין",
„יהוה", „מידות", „רחמים", „שדי".

**שם** דער עלטסטער זון פון נחס דריי זין
שם, חם, יפת (חומש בראשית ה'). לויט
א טראדיציע אין דער גמרא סנהדרין
ס"ט איז שם געווען דער איינגסטער,
נאר ווייל ער איז געווען דער חשובסטער
האט אים דער חומש געשטעלט צוערשט.
אין דער גמרא און מדרש ווערט שם
פארגעשטעלט אלס א זייער פרומער מאן,

וואס איז געזעסן און געלערנט און געהאט אן אייגענעם „בית המדרש“, וואו מען האט געלערנט תורה („ בית המדרש של שם ועבר“, מכות כ״ג און אנדערע ערטער). — אין חומש בראשית י׳ ווערן אויסגערעכנט די קינדער פון שם און יפת און די נעמען פון די פעלקער וואס האבן אפגעשטאמט פון זיי. פון שם שטאמען אפ די יידן און אויך די פעלקער, וואס ווערן באצייכנט אלס „סעמיטן“ )פון ווארט „שם“, „סעם“), אלזא, די פארשידענע אראבישע שבטים און אנדערע. די וויסנשאפט באצייכנט אלס סעמיטן די פעלקער, וואס האבן גערעדט די סעמיטישע שפראכן, וועלכע זענען זייער ענלעך צו זיך (אלט־פעניציש, העברעאיש, אראמיש, אראביש און די פארוואנדטע שפראכן), און דעריבער ווערן פארעכנט אלס סעמיטן אויך די אלטע כנעניים, הגם דער חומש אין בראשי רעכנט כנען אלס זון פון חם. פון ווארט „סעמיטן“ שטאמט אויך דאס ווארט „אנטיסעמיטיזם“, וואס איז אבער א באצייכענונג כמעט נאר פון שנאה צו יידן. — אין דער וויסנשאפט פון סעמיטאלאגיע אונטערשיידט מען צוויי צווייגן פון סעמיטישע שפראכן: נארד־סעמיטיש (העברעאיש, בבליש, אשוריש. פעניציש, אראמיש) און זיד־סעמיטיש (אראביש און אלט־אבעסיניש). די פראגע, צי געהערן אלע היינטיקע יידן צו דער סעמיטישער ראסע איז ביז איצט ניט פארענטפערט געווארן. זע זוכווארט „אנטראפאלאגיע“, „יידן“.

## שם המפורש, שם הויה זע „שם, שמות“.

## שם טוב אבן פאלקיירא (1225—נאך 1290 אין שפאניע, פון פאלקערא);

פילאזאף אין מיטלאלטער, באמיט אויסצוגלייכן פילאזאפיע און רעליגיע; מחבר פון: 1) „ספר הויכוח“, א ויכוח צווישן א חכם (פילאזאף) און א חסיד (קעגנער פון פילאזפיע) אויפצעווייזן, אז רעליגיע און פילאזאפיע קאנען גיין צוזאמען; 2) „צרי היגון“ (באלזאם קעגן זארג), א פערל פון עטישער ליטעראטור, טרייסט, אויפצואווייזן דעם מענטש, אז זיינע זארגן זענען נאר אילוזיעס; 3) „המבקש“, מוסר און חקירות“; 4) „ספר הנפש“ איבער דער נשמה; 5) „מורה המורה“, פירוש צום „מורה נבוכים“; 6) „ספר המעלות“, איבער די מידות פון מענטש.

## שמאי הזקן

תנא פון דער משנה, ווערט דערמאנט צוזאמען מיט הלל (ביידע אין דעם 1טן יארהונדערט פאר געוויינלעכער צייטרעכענונג), אין דער משנה אבות א׳ ווערט ער גערעכנט אלס איינער פון די „זוגות“ (זע „זוגות“), הלל און שמאי, און לויט דער משנה אין חגיגה ב׳ איז ער געווען אב בית דין אין סנהדרין אין ירושלים, אין וועלכן הלל איז געווען נשיא. ער איז געווען (ווי די משנה אבות א׳ זאגט) א תלמיד פון שמעיה ואבטליון; ער האט געהאט אן אייגענע ישיבה און תלמידים, זיי האט מען גערופן די „בית שמאי“ און זיי זענען געווען אין פיל הלכות אין מחלוקה מיט די „בית הלל“, און מייסטנס זענען די בית שמאי געווען די מחמירים (זע זוכווארט „הלל“). אין דער גמרא שבת ל״א ווערט שמאי באצייכנט אלס „קפדן“ (אין קעגנזאץ צו הלל אלס נוח לבריות). אבער פון זיינע ווערטער איז צו זען, אז ער האט געהייסן ערלעך האלטן מענטשן; אין אבות א׳ זאגט ער „עשה תורתך קבע, אמור מעט ועשה הרבה והוה מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות“ (לערנען תורה בקביעות, רעד ווייניק און טו א סך, און נעם אויף יעדן

מענטשן מיט א שיין פנים). פלאוויוס דערציילט, אז שמאי האט געשטראפט די סנהדרין, וועלכע האבן געהנפעט הורדוסן בעת זיין משפט פאר טויטן די קנאים אין גליל. וועגן דער דאזיקער שטעלע פון פלאוויוס, אין וועלכער עס ווערט דערמאנט דאס ווארט „סאמעאס“, זענען געשריבן געווארן פיל אפהאנדלונגען, צי דאס מיינט ‚שמאי‘ אדער „שמעיה“.—זע היימאן „תולדות תנאים ואמוראים“ זוכווארט ‚הלל‘ און ‚שמאי‘. — זע זוכווארט „הלל“.

**שמד** זע „משומד“.

**שמואל** נאמען פון נביא און פון ספר שמואל, אין וועלכן עס ווערן באשריבן די ספורים וועגן שמואל הנביא (אין שמואל א׳). — שמואל איז געווען איינער פון די ערשטע נביאים ביי יידן און האט געלעבט אין דעם 11טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער ציימרעכענונג. אין ספר שמואל ווערט דערציילט, אז זיין פאטער האט געהייסן אלקנה (אין דברי הימים א׳ ו׳ ווערט צוגעגעבן, אז ער איז געווען א לוי, און לויט דער טראדיציע האט ער געשטאמט פון קורח), און זיין מוטער חנה, וועלכע האט אים געבוירן נאך יארן ניט האבן קיין קינדער, און זי האט אים מקדיש געווען צו זיין א נזיר און צו דינען אין גאטס משכן אין שילה ביי עלי הכהן. נאכן טויט פון עלי איז שמואל געווארן דער פירער און שופט ביי יידן, און פון זיין שטאט רמה פלעגט ער באזוכן די שטעט אין ארץ־ישראל פון דן ביז באר שבע (שמואל א׳ ג׳ און ז׳) און משפטן די יידן. זיינע צוויי זין, יואל און אביה, זענען ניט געגאנגען אין זיינע וועגן, און דאס פאלק וואס איז געווען אונטערדריקט דורך די פלשתים, האט פארלאנגט פון שמואל, אז ער זאל זיי באשטימען א מלך. שמואל האט געשטראפט דאס פאלק און איז געווען קעגן איינפירן די מלוכה, אנווייזנדיק אז דער מלך וועט זיי פארקנעכטן (שמואל א׳ ח׳), אבער ער האט נאכגעגעבן זייער פארלאנגט און געמאכט אלס ערשטן יידישן מלך שאול. נאכער זענען פארגעקומען קאנפליקטן צווישן שמואל און שאול און ווי דאס ספר שמואל א׳ דערציילט האט שמואל דערנאך געזאלבט אלס מלך דוד. שמואל איז געשטארבן פאר שאול און אלע יידן האבן אים באוויינט און געבראכט צו קבורה אין רמה (שמואל א׳ כ״ה). צום סוף ספר שמואל א׳ ווערט דערציילט ווי שאול האט פאר דער טראגישער שלאכט ביים בארג גלבוע ארויפגעבראכט דעם גייסט פון שמואל דורך א בעלת אוב און דער גייסט פון שמואל האט אים פארויסגעזאגט זיין טראגישן טויט (זע זוכווארט „שאול“). — דער נאמען פון שמואל הנביא איז געווען ביי יידן זייער געערט ווי משה רבנו און אהרן הכהן און אין תהלים צ״ט ווערן זיי דריי דערמאנט צוזאמען („משה ואה־ן בכהניו ישמואל בקוראי שמו“). אין ארץ־ישראל, ניט ווייט פון ירושלים, איז פאראן אן אלטער הייליקער קבר. וועלכן די אראבער רופן „נעבי סעמוויל“. און די יידישע טראדיציע האלט, אז דאס איז דער קבר פון שמואל הנביא, און זינט מיטלאלטער פלעגט מען קומען צו דעם קבר מתפלל זיין.

דאס ספר שמואל איז צעטיילט אין צוויי, „שמואל א׳“ און „שמואל ב׳“ (אין דער צייט פון דער גמרא איז עס געווען איין ספר). שמואל א׳ האט 31 קאפיטלעך און דערציילט די ספורים וועגן שמואלס וואונדערלעכער געבורט; די שירה פון זיין מוטער חנה; די הערשאפט פון עלי הכהן; די פארלוירענע מלחמה פון יידן קעגן די פלשתים און

דעם טויט פון עלי און דאָס געפאַנגענע נעמען פון גאָטס ארון; די הערשאַפט פון שמואל; דאָס זאַלבן פון שאול אַלס מלך; די מלחמות פון שאול; דער ערשטער אויפשטייג פון דוד און זיין באַזיגן גלית; דאָס רודפן דוד דורך שאול; דאָס אַנטלויפן פון דוד; די טראַגישע מלחמה ביי גלבוע פון שאול קעגן די פלשתים און דאָס פאַלן פון שאול און זיין זון יונתן אויפן שלאַכטפעלד. שמואל ב׳ האָט 24 קאַפּיטלען און הויבט זיך אָן מיט דער קינה פון דוד אויפן טויט פון שאול און יונתן און דאָס באַשטימען פון שאול אַלס מלך איבער יהודה אין חברון; די הערשאַפט פון שאולס זון איש בושת איבער ישראל; די שטרייטיקייטן צווישן יהודה און ישראל; דער טראַגישער טויט פון אבנר און איש בושת און דאָס פאַרשפּרייטן פון דודס קעניגרייך איבער גאַנץ ישראל; די מלחמות פון דוד און זיינע נצחונות; די אינערלעכע טראַגישע פּאַסירונגען פון דודס לעבן (אמנון און תמר, דער אויפשטאַנד פון זיין זון אבשלום), פאַרשידענע אויפשטאַנדן קעגן דוד; דאָס איינעמען דורך דוד ציון. — לויט דער גמרא בבא בתרא י״ד האָט שמואל געשריבן די ספרים שופטים, רות און זיין ספר שמואל ביז דעם סיפור, ווי שמואל איז געשטאָרבן, און פון דאָרט ביזן סוף האָבן געשריבן גד החוזה און נתן הנביא. די תנ״ך־קריטיק ווייזט אויך אָן, אַז דאָס צווייטע ספר שמואל איז געשריבן געוואָרן ניט דורך דער זעלבער פּערזאָן, וואָס האָט געשריבן דאָס ערשטע ספר; לויט טייל מיינונגען איז עס געווען אַ טייל פון די „דברי הימים למלכי יהודה״, וואָס ווערן דערמאָנט אין ספר מלכים. — צום ספר שמואל איז פאַראַן אַ מדרש באַקאַנט מיטן נאָמען „אגדת שמואל״, ווערט דערמאָנט צוערשט אין רש״י (שמואל א׳ כ׳ און אַנדערע ערטער) ווי אויך אין רש״ים ספר „הפרדס״ מיטן נאָמען „מדרש עת לעשות לה׳״. לויט דער מיינונג פון שלמה באָבער איז דער מדרש נתחבר געוואָרן אין ארץ־ישראל אין דער גאונים־עפּאָכע. — וועגן „שמואל־בוך״ זע זוכוואָרט „ליטעראַטור״.

**שמואל הכהן** (לערך 174 — 254), אמורא אין בבל, וועמענס ווערטער אין הלכה און אגדה זענען פאַראַן אין גאַנץ ש״ס, און ווערט אָפט דערמאָנט מיט זיין עלטערן חבר רב, מיט וועמען ער האָט אָפט חלוקי דעות אין פאַרשידענע הלכות און אגדה־ווערטער. שמואל איז אויך געווען אַ דאָקטאָר און אַסטראָנאָם (דעריבער האָט ער אויך געהייסן „ירחינאה״, פון וואָרט „ירח״, „לבנה״) און ער האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז ער איז באַקאַנט אין די וועגן פון הימל ווי אין די וועגן פון זיין שטאָט נהרדעא (ברכות נ״ח). אין זיין יוגנט האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל און געהיילט רבי יהודה הנשיא (רבי), אָבער קיין סמיכה און דעם טיטל רבי האָט ער פון אים ניט באַקומען („שמואל ירחינאה חכים יתקרי ורבי לא יתקרי״, בבא מציעא פ״ה). נאָכער איז ער צוריק קיין בבל, און איז געוואָרן „דיין הגולה״ (סנהדרין י״ז) און נאָכער ראש ישיבה אין נהרדעא. די הלכות פון שמואל אין דער גמרא זענען אַ סך, און ווערן געבראַכט אָדער אין זיין אייגענעם נאָמען אָדער אין נאָמען פון טייל פון זיינע תלמידים (ווי „אמר רב הונא אמר שמואל״. „אמר רב יהודה אמר שמואל״ און אַזוי ווייטער). מען האָט געהאַלטן, אַז אומעטום וואו שמואל איז מחולק מיט רב אין דיני ממונות איז די הלכה ווי שמואל (בכורות מ״ט). ער האָט געשיקט צו רבי יוחנן קיין ארץ ישר־

ראל דעם קאלענדאר־רעכענונג אויף 60 יאר (חולין צ״ה). פון אים זענען פאראן פיל רפואה־פארשריפטן, וועלכע שטימען גאנץ אפט מיט די מאדערנע מעדיצין־מיינונגען. צו זיינע ווערטער געהערן: „דינא דמלכותא דינא״, גטין י׳ (דאס געזעץ פון מלכות איז א געזעץ), מען טאר ניט גנבענען די מיינונג פון מענטשן (חולין צ״ד), „מען טאר זיך ניט ארויסנעמען פון כלל״ (שבת מ״ט). „אלץ דארף געטאן ווערן לשם שמים״ (קידושין פ״ב) און פיל אנדערע. ער האט אויך מתקן געווען וויכטיקע תקנות. זיין פאטער איז אנגערופן געווארן נאך אים „אבוה דשמואל״. ער האט אויך מתקן געווען תפילות, צווישן אנדערע די תפילה קצרה „הביננו״ (ברכות כ״ט). — צו שמואל ווערט צוגעשריבן די „תקופת שמואל״ (אז דאס זון־יאר האט גענוי 365 טעג און 6 שעה) און א ספרל איבער קאלענדאר און אסטראנאמיע „ברייתא דשמואל״, וועלכע שטאמט זיכער ערשט פון 8טן יארהונדערט. — וועגן שמואל זע ווייס „דור דור ודורשיו״ חלק ג׳ און היימאן „תולדות תנאים ואמוראים״, זוכווארט „שמואל״.

**שמואל אידעלס (מהרש״א)** זע „אידעלס, שמואל״.

**שמואל בן מאיר, רשב״ם** (לערך 1089 — לערך 1174); אייניקל (טאכטערס זון) פון רבי שלמה יצחקי (רש״י), מחבר פון פירושים אויף חומש און טייל ספרים פון תנ״ך, ווי אויך אויף א ריי מסכתות אין דער גמרא; געהערט צו די אנגעזעענסטע מפרשים, און צוזאמען מיט זיין ברודער, רבנו יעקב תם, האט ער געהערט צו די ערשטע בעלי־תוספות. אין זיין פירוש אויף חומש ווייזט ארויס דער רשב״ם די נייגונג איינצוטייטשן די פסוקים לויט פשט, נישט לויטן דרש פון די מדרשים און דברי אגדה. — וועגן די דאטעס פון רשב״מס געבורט און טויט זענען פאראן פארשידענע מיינונגען.

**שמואל הנגיד** (געבוירן אין שפאניע אין קארדדאווא 998 — געשטארבן אין גראנאדא 1055). באקאנט אויך אלס רבנו שמואל בן יוסף אבן נגדילה; בארימטער למדן, מחבר פון כללים אויף דער גמרא, העברעאישער דיכטער, מדקדק פאליטישער פירער און שטאטסמאן; תלמיד פון רבנו חנוך און אין דקדוק פון רבי יהודה אבן חיוג, געקענט פיל שפראכן (אראביש, לאטיין, בערבעריש), און דאדורך זיך באקאנט מיטן גרויס־וויזיר פון אראבישן קאליף אין גראנאדא, און געווארן זיין סעקרעטאר, און נאך זיין טויט איז ער געווארן פאקטיש דער אויסערן־מיניסטער פון קאליף; ער איז אויך באשטימט געווארן אלס „נגיד״, העכסטער פירער פון די יידן אין גראנאדע. רבנו שמואל האט מחבר געווען זיין בארימטן „מבוא התלמוד״, אין וועלכן ער האט אין א וויסנשאפטלעכער פארם פעסטגעשטעלט די כללים פון משנה און גמרא; אבער אמייסטן איז ער בארימט געווארן דורך זיינע העברעאישע לידער, וועלכע ער האט געשריבן אויף די פארשידנסטע טעמעס איבער ליבע, וויין, פרייליכקייט פון לעבן, איבער מלחמות, וועלכע ער שילדערט אין שטארקע עפישע בילדער. ער האט אויך געשריבן ספרים איבער דקדוק, און פארטיידיקט רבי יהודה אבן חיוג קעגן רבי יונה אבן גנאח. רבנו שמואל הנגיד האט אויך געשטיצט מיט געלט בארימטע לומדים און דיכטער, צווישן אנדערע רבי שלמה אבן גבירול; ער האט אויך אוועקגעזעצט שרייבער, איבערצושרייבן גמרות און פאנאדערגע־

שיקט זיי בחינם אין ישיבות אין שפּאַניע, מצרים, ירושלים, וואוהין ער האָט אויך געשיקט גרעסערע געלט־סומעס. פון רבנו שמואל איז געבליבן, אחוץ דער דערמאָנטער „מבוא התלמוד״, אויך אַ זאַמלונג לידער, „דיוואן״, וועלכע איז דערשינען דאָס ערשטע מאָל 1935 דורך ששון אין לאָנדאָן. — זיין זון יוסף הנגיד איז אומגעקומען דורך זיינע שונאים אַראַבער, וועלכע האָבן דערמאָרדנדיק אים, נאָכער געמאַכט אַ שחיטה צווישן יידן.

**שמונה עשרה** (אַכצן) נאָמען פון דער זאַמלונג פון ברכות, וואָס מען זאָגט יעדן טאָג דריי מאָל (צו שחרית, מנחה און מעריב), און שבת און יום־טוב און אַ ריי אַנדערע טעג 4 מאָל (אויך צו מוסף). די זאַמלונג הייסט „שמונה עשרה״, ווייל זי האָט געהאַט 18 ברכות; גאָר אַמאָל האָט זי געהאַט נאָר 17 ברכות און עס האָבן געפעלט די ברכות „ולמלשינים״ און „את צמח דוד״; נאָר אין יבנה אין דער צייט פון רבן גמליאל הנשיא האָט מען צוגעגעבן די 18טע ברכה „ולמלשינים״ (ברכת המינים), און שפּעטער, אין בבל, האָט מען צוגעגעבן „את צמח״. אין שבת און יום־טוב זאָגט מען נאָר 7 ברכות (די ערשטע 3 און די לעצטע 3 און אינדערמיט גיט מען צו די ברכה פון שבת אָדער יום־טוב, „מקדש השבת״ אָדער „מקדש ישראל והזמנים״). — די תפלה־זאַמלונג שמונה עשרה איז זייער אַן אַלטע. און אין דער משנה און גמרא האָט זי געהייסן סתם „תפילה״ (דאַווענען), ווייל דאָס איז געווען דער עיקר פון דאַווענען. אין דער גמרא מגילה י״ז ווערט געזאָגט, אַז די 120 זקנים און צווישן זיי אַ סך נביאים, און מען מיינט דערמיט די אנשי כנסת הגדולה (זע „כנסת הגדולה״), וועלכע האָבן געלעבט אינעם אָנהויב צייט פון 2טן בית המקדש, האָבן מחבר געווען די שמונה עשרה. עס איז זיכער אַז אין דער שפּעטערער צייט פון 2טן בית המקדש זענען אַ גרויסער טייל פון די ברכות פון שמונה עשרה שוין געווען, נאָר אין די ברכות זענען פאָרגעקומען ענדערונגען סיי אין אינהאַלט, סיי אין נוסח. אין איין ברייתא (מגילה י״ז) ווערט געזאָגט, אַז אין דער צייט פון רבן גמליאל אין יבנה האָט מען מסדר געווען די שמונה עשרה, און עס ווייזט אויס, אַז דעמאָלט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער פעסטער נוסח. עס איז למשל באַוויזן געוואָרן אַז שוין אין אַלטן ספר בן סירא זענען פאַראַן שפּורן פון טייל שמונה עשרה תפילות ווי די תפילה „מקבץ נדחי ישראל״, „בינה ירושלים״, און עס ווייזט אויס, אַז זאָגאָר די דאָזיקע תפילות (וועגן אויפבויען ירושלים, קיבוץ גליות) זענען זייער אַלטע. — גאָר אַמאָל פלעגט די שמונה עשרה זאָגן נאָר דער חזן אַליין, הויך, און אַלע האָבן צוגעהערט. נאָר שפּעטער האָט מען מתקן געווען, אַז יעדער דאַווענער זאָגט פאַר זיך די שמונה עשרה שטילערהייט, בלחש, און נאָכער זאָגט דער חזן הויך. די שמונה עשרה ווערט געזאָגט שטייענדיק און דעריבער הייסט זי (אין מסכתא סופרים ט״ז) אויך „עמידה״ (פון „עמד״ — „שטיין״). — די ערשטע דריי ברכות (מגן אברהם, מחייה המתים און „האל הקדוש״) הייסן „אבות״, גבורות און קדושות. די דריי לעצטע ברכות (רצה, ועל כולם און שים שלום) הייסן עבודה, הודאה און שלום. און די מיטלסטע זענען תפילות. אין דער גמרא מגילה י״ז און י״ח ווערן דערקלערט די אַלע תפילות. — אין מיטן און אויך צום סוף פון שמונה עשרה זענען צוגעגעבן געוואָרן שטעלן, ווי קדושה (זע „קדושה״) ווען

מען דאַווענט בציבור, „אתה חוננתנו“ שבת־צונאַכטס, „עננו“ אין תעניתים, „נחם“ אין תשעה באב, „מודים דרבנן“, יעלה ויבוא“ ראש חודש און ימים טו־בים, „על הניסים“ חנוכה און פורים, ברכת כהנים, און צום סוף נצור. וועגן דער אַנטשטייאונג און געשיכטע פון שמונה עשרה זע עלבוגן „תולדות התפ־לה והעבודה בישראל“. — זע זוכוואָרט „דאַווענען“.

**שמות** מיטן נאָמען „שמות“ רופט מען אָן אין יידיש בלעטער פון אַלטע ספרים, און עס איז געווען דער מנהג אָוועקצו־טראָגן די שמות יעדן פאַר פסח פון הויז אין בית המדרש אָדער אין שול, און פון דאָרט פלעגט מען זיי אָוועק־טראָגן אויפן בית הקברות און זיי קובר זיין. אין טייל מזרח לענדער פלעגט זיין אַ ספּעציעל אָרט צו דערהאַלטן די שמות; מען האָט עס גערופן „גניזה“. — זע זוכוואָרט „גניזה“.

**שמות, ספר** נאָמען פון צווייטן חומש, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווער־טער „ואלה שמות בני ישראל“; אַנט־האַלט 11 סדרות (שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפטים, תרומה, תצוה, כי תשא, ויקהל, פקודי), באַשטייט פון 40 קאַפּיטלעך; עס ווערט אין חומש שמות דערציילט דער ספּור ווי די מצ־ריים האָבן געפּייניקט די יידן, נאָכער יציאת מצרים, דאָס געבן די תורה אויפן באַרג סיני, פאַרשידענע געזעצן, דאָס מאַכן דעם משכן, די מעשה פון עגל. אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן הייסט שמות „עקסאָדוס“ (דער אַרויסגאַנג, דאָס אַרויסגיין פון מצרים). — וועגן מדרש שמות רבה זע זוכוואָרט „מדרש“.

**שמות הקדושים** זע „שם, שמות“.

**שמחה** איז דער יידישער שפּראַך האָט דאָס וואָרט שמחה. וואָס איז דאָס העב־רעאישע וואָרט פאַר פרייד, די באַדײַ־טונג פון אַ סעודה, און באַזונדערס פאַר אַ סעודה פון אַ מצוה, למשל, אַ חתונה, תנאים, ברית, און עס איז פאַראַן דער אויסדרוק „ער מאַכט אַ שמחה“. — אין דער יידישער רעליגיע האָט דער באַגריף שמחה אַלס באַצייכענונג פאַר דער יידיש־רעליגיעזער אָפּטימיסטישער וועלט־אָנ־שויאונג אַ גרויסע באַדייטונג. אין תנ״ך ווערט שמחה באַצייכנט אַלס די מתנה פאַר גוטע מענטשן (תהלים צ״ז „ולישרי לב שמחה“); אין דער גמרא ברכות ל״א איז פאַראַן דער אויסדרוק „שמחה של מצוה“. אין חסידות איז איינער פון די הויפּט־יסודות צו זיין בשמחה, ניט אַריינפאַלן אין עצבות.

**שמחה פון וויטרי** זע „וויטרי“.

**שמחה בונם פון פשיסכע** (נפטר געוואָרן 1827, י״ב אלול תקפ״ז), באַ־רימטער חסידישער רבי אין פּוילן, באַ־קאַנט אַלס דער „רבי ר׳ בונם“. ער איז געווען צוערשט אַן אַפּטייקער, נאָכער אַן אַנגעשטעלטער ביי דער וואַרשעווער רייכער פאַמיליע בערקע און זיין פרוי, טע־מערל זאַנענבערג־בערגסאָן, געפירט מס־חרים מיט אויסלאַנד, געקענט שפּראַכן; געפאָרן צוערשט צו רבי יעקב יצחק דעם רבי פון לובלין, אָפּגעריסן זיך פון אים און געוואָרן אַ תלמיד מובהק פון רבי יעקב יצחק דעם „ייד“ פון פשיסכע, און נאָך זיין פטירה אין אָנהויב תקע״ה גע־וואָרן רבי. ער איז געווען אַן עמקן אין חסידות און צו אים האָבן זיך געצויגן די לומדים אין פּוילן. זיין זון ר׳ אברהם משה איז געווען נאָך אים רבי אַנדער־האַלבן יאָר; זיינע תלמידים זענען געווען די גרויסע רביים אין פּוילן רבי מנחם מענדל פון קאָצק, רבי יצחק פון וואָרקע, רבי יצחק מאיר פון גער און אַנדערע.

פון אים איז פאראן דאס ספר קול שמחה. פרטים וועגן אים אין ספר „שמחת יש־ראל״.

**שמחות** זע „אבל רבתי״.

**שמחת בית השואבה** זע „ניסוך המים״.

**שמחת תורה** (די פרייד פון דער תורה); דער 9טער טאג פון סוכות (אין ארץ־ישראל דער 8טער טאג, אין שמיני עצרת), דעמאלט ענדיקט מען לייענען די תורה, און מען הויבט אן די ערשטע פר־שה פון חומש בראשית. ביינאכט און צומארגנס אינדערפרי ביים דאווענען מאכט מען אין שול „הקפות״. מען גייט ארום מיט די ספרי תורות ארום דער בימה אין שול מיט געזאנג און טענץ; צו די הקפות קומען אויך פרויען אין דער מענער שול און קושן די ספרי תורות; די קינדער טראגן פענער מיט אנגעצונ־דענע ליכטלעך. פאר די הקפות זאגט מען „אתה הראית לדעת״ מיט א באזונ־דערע מעלאדיע, און מיט דעם זאגן אתה הראית איז מען מכבד אן אדם חשוב. צו דער תורה רופט מען אויף אלע אין שול, און אפילו קינדער צו כל הנערים. דער וואס באקומט די לעצטע עליה הייסט „חתן תורה״, און דער וואס באקומט די עליה פון דער פרשה בראשית הייסט „חתן בראשית״. אין שמחת תורה איז מען זיך משמח, מען גייט ארום איבער די הייזער און מען פראוועט בשותפותדי־קע סעודות. בילדער וועגן הוליען אין שמ־חת תורה איז פאראן אין שלום עליכמס „מע הוליעט״.—דער נאמען שמחת תורה איז ניט פאראן ניט אין דער גמרא און ניט אין דער צייט פון די גאונים. אין דער גמרא מגילה ל״א הייסט דער טאג „יום־טוב האחרון של חג״. אין שולחן ערוך חלק אורח חיים תרס״ט זענען פא־ראן די מנהגים פון שמחת תורה. — זע „סוכות״ און „קריאת התורה״ (וועגן ענדיקן די תורה אמאל אין ארץ־ישראל יעדע 3 יאר).

**שמיטה** נאמען פון יעדן 7טן יאר, ווען מען האט אין ארץ־ישראל אין די אלטע צייטן ניט געטארט באארבעטן די פעלדער; דאס יאר האט געהייסן אין חומש (ויקרא כ״ה) „שבת שבתון״, די העכסטע רו. אין חומש דברים ט״ו הייסט דאס יאר „שנת השבע, שנת השמטה״, דאס 7טע יאר, דאס יאר פון שמיטה, און עס ווערט דארט געזאגט, אז אויב מען האט געבארגט איינעם געלט פאר דעם דאזיקן יאר. ווען עס קומט דאס שמיטה־יאר ווערט דער חוב גע־שאנקען און מען טאר אים מער ניט מאנען (פון ווארט „שמט״, „אוועקנע־מען״). — די דינים וועגן שמיטה פון פעלדער־רו (אין דער משנה און גמרא הייסט שמיטה „שביעית״) זענען פאראן אין דער מסכתא „שביעית״. — הלל הז־קן (זע „הלל״) האט מתקן געווען, אז כדי מען זאל ניט מורא האבן צו בארגן איינער דעם צווייטן געלט, זאל מען פאר דעם שמיטה יאר שרייבן א „פרוזבול״, אזא דערקלערונג, אז מען גיט איבער די חובות צו בית דין, און מען מעג דאן יא מאנען די חובות נאכן שמיטה יאר (ער־כין כ״ח). וועגן דער פראגע, צי אויך היינטיקע צייטן זענען נוהג אין ארץ־ישראל די דינים פון שמיטה, אז מען זאל ניט טארן בארבעטן די פעלדער און גערטנער, וואס האט א גרויסע באדיי־טונג פאר די יידישע קאלאניסטן, זענען פאראן מיינונגס־פארשידנקייטן צווישן רבנים, און דער גרעסטער טייל רבנים זענען מתיר, און טייל זענען מתיר דורך א „שטר מכירה״ („פארקויפן די פעל־דער״ צו א ניט־ייד). — וועגן חשבון,

וועלכעם יאר איז שמיטה, זענען פאראן מיינונגס-פארשידנקייטן צווישן רש"י (עבודה זרה ט') און דעם רמב"ם. היינט איז אנגענומען, אז מען טיילט איין אין 7 די יארן זינט בריאת העולם, ווי עס איז אנגענומען אין דעם יידישן קאלענדאר, און יעדעס 7טע יאר איז שמיטה. למשל דאס נאענטע שמיטה-יאר וועט זיין אין יאר ה' אלפים תש"ה. — זע „זוכווארט ,יובל".

**שמיני עצרת** נאמען פון 8טן טאג אין סוכות (כ"ב תשרי); איז א באזונדערער יום-טוב; אין חומש ויקרא כ"ג, במדבר כ"ט הייסט עס ביום השמיני „עצרת היא", „עצרת תהיה לכם"; צוליב דעם וואס ער איז שוין א באזונדערער יום-טוב איז די פראגע צי דארף מען זיצן אין סוכה; חסידים זענען זיך נוהג ביינאכט ניט צו זיצן אין סוכה, נאר בייטאג יא צו זיין אין סוכה (דער מנהג שטאמט פון אלטע צייטן. זע גמרא סוכה מ"ז). ביים דאווענען אין מוסף זאגט מען „גשם". טייל זענען זיך נוהג אין שמיני עצרת צו לייענען „קהלת". חסידים זענען זיך נוהג ביינאכט צו שמיני עצרת איינצוארדענען אין שול „הקפות".

**שמיר** נאמען פון א זייער הארטן טייערן שטיין (יחזקאל ג' „כשמיר חזק מצור"); אין דער משנה אבות ה' ווערט געזאגט, אז דער „שמיר" איז באשאפן געווארן אין ששת ימי בראשית ערב שבת בין השמשות; אין דער אגדה פון דער גמרא איז שמיר א ווערעמל, וואס קאן איבערשניידן די שטארקסטע שטיינער, און ווייל דעם בית המקדש פון שלמה המלך האט מען געבויט, ניט באנוצנדיק קיין אייזן צום שפאלטן די שטיינער (מלכים א' ו', „כל כלי ברזל לא נשמע"), האט שלמה המלך זיך באנוצט מיטן שמיר, וואס אשמדאי דער מלך פון די שדים האט אים געבראכט (גטין ס"ח). אין סוטה מ"ח ווערט געזאגט, אז זינט חורבן בית המקדש איז פארשוואונדן דער שמיר.

**שמע ישראל** דאס איז דער פסוק אין חומש דברים ו', „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד" („הער צו ישראל, גאט, אונדזער גאט, איז איין גאט"), און ווערט באטראכט אלס דער העכסטער אויסדריק פון דער יידישער אמונה, פון אחדות השם, פון גלויבן אין איין גאט. — ווענן „קריאת שמע" זע זוכווארט „קריאת שמע". — מיט דעם ווארט „שמע ישראל" באקענען זיך יידן איינער צום צווייטן. עס איז אנגענומען, אז א ייד פארן שטארבן, אויב ער איז בכח, זאלן זיינע לעצטע ווערטער זיין דער פסוק „שמע ישראל"; דאס שטאמט פון ברכות ס"א, אז רבי עקיבאס נשמה איז אויסגעגאנגען מיט „אחד".

**שמעון** צווייטער זון פון יעקב אבינו פון לאה (בראשית כ"ט); צוזאמען מיט זיין ברודער לוי האט ער נקמה גענומען אין די שכם-איינוואוינער פאר פארפירן זייער שוועסטער דינה (בראשית ל"ד); שטאם-פאטער פון שבט שמעון. דאס לאנד פון שבט שמעון איז געווען אין דרום פון ארץ-ישראל לעבן שבט יהודה, און עס איז פאראן א מיינונג, אז שבט שמעון איז ביסלעכווייז אויסגעמישט געווארן מיט שבט יהודה. דאס לעצטע מאל ווערט שבט שמעון דערמאנט אין דברי הימים ב' ל"ד אין דער צייט פון חזקיה המלך. אין דער ברכה פון יעקב אבינו (בראשית מ"ט) זענען שמעון און לוי געשאלטן געווארן, אז זיי וועלן פארשפרייט ווערן אין יידישן פאלק, און לויט א דבר אגדה שטאמען פון שמעון ולוי די סופרים און מלמדים. אין דער ברכה

פון משה (דברים ל״ג) ווערט דער שבט שמעון אינגאנצן ניט דערמאנט.

**שמעון בר גיורא** זע „בר גיורא״.

**שמעון בן גמליאל, רבן** — 1) דער ערשטער; תנא און נשיא פון סנהדרין אין דער צייט פון חורבן בית שני, זון פון רבן גמליאל הזקן; אין דער צייט פון דער מלחמה קעגן די רוימער איז ער געווען אויף דעם צד, וואס האט געהאלטן אז מ׳דארף יא פירן די מלחמה און פלאוויוס אין זיין „אויטאביאגראפיע״ דערציילט, אז רבן שמעון בן גמליאל איז געווען קעגן פלאוויוסן צוליב זיין נייגונג צו די רוימער; ווי עס ווערט דערציילט אין מסכתא שמחות (אבל רבתי) פרק ח׳ איז רבן שמעון אומגעקומען אויף קידוש השם; ער ווערט דעריבער פארעכנט פאר דעם ערשטן פון די „עשרה הרוגי מלכות״ (זע „עשרה הרוגי מלכות״), און מען רופט אים דעריבער אויך רבן שמעון בן גמליאל הנהרג. טייל היסטאריקער מיינען, אז דער סיפור וועגן דער דערמארדונג פון רבן שמעון בן גמליאל איז ניט באגרינדעט (זע הלוי אין „דורות הראשונים״). פון אים איז פאראן דאס ווארט, אז מען קאן ניט ארויפלייגן אויף א ציבור א גזירה, וואס דער רוב פון ציבור קאן ניט אויספירן (תוספתא סנהדרין ב׳). אין אבות א׳ איז פאראן פון אים דאס ווארט „כל ימי גדלתי בין החכמים ולא מצאתי לגוף טוב מן השתיקה״ (איך האב מיך מיין גאנץ לעבן דערצויגן צווישן חכמים און האב געפונען, אז דאס בעסטע פארן קערפער איז שווייגן), און „לא המדרש עיקר אלא המעשה״ (ניט דאס דרשנען איז דער עיקר נאר דאס טאן). — 2) רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער; תנא און נשיא אין 3טן דור פון תנאים, זון פון רבן גמליאל דיבנה, פאטער פון רבי יהודה הנשיא (רבי) דעם מסדר פון דער משנה. וועגן אים איז ניט קלאר, ווען ער איז געבוירן געווארן. טייל דענקען, אז אין דער צייט פון בר־כוכבא־אויפשטאנד איז ער געווען א קינד און די מיינונג שטיצט זיך אויף דער גמרא גטין נ״ח. יעדנפאלס נאכדעם ווי עס איז געווארן שטילער אין ארץ־ישראל איז ער געווארן נשיא; ער האט געקענט הכמת יונית, גריכישע וויסנשאפט (בבא קמא פ״ג); ער באקלאגט זיך אויף די צרות וואס יידן לײדן (שבת י״ג); ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער עניוות (בבא מציעא פ״ד); פון אים זענען פאראן פיל הלכות, ווי אויך דברי אגדה; אין אבות א׳ זאגט ער: אויף דריי זאכן שטייט די וועלט, אויף אמת, דין און שלום; אין משנה סוף תענית דערציילט ער אז אין די אלטע צייטן האבן די יידישע טעכטער אין חמשה עשר באב און יום כיפור זיך אנגעטאן אין ווייסע קליידער און ארוים אין די גערטנער; ער האלט שטארק אז מען דארף זיך צופאסן צום מנהג (בבא מציעא פרק ז׳ און אנדערע ערטער). — זע היימאן, „תולדות תנאים ואמוראים״, זוכווארט „שמעון בן גמליאל״.

**שמעון החשמונאי** זון פון מתתיהו, ברודער פון יהודה המכבי, דער לעצטער פון די חשמונאים־ברידער, וועלכער האט געהערשט איבער די יידן; ער האט אינגאנצן באפרייט די יידן פון דער סירישער הערשאפט (142 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) און האט באקומען דעם טיטל נשיא פון די יידן, זייענדיק אויך כהן גדול; ער איז געווען דער פאטער פון דער שפעטערער חשמונאים־דינאסטיע; זיין זון איז געווען יוחנן הורקנוס כהן גדול; ער איז אומגעקומען דורך זיין איידעם תלמי אין יאר 135 פאר דער

גוויינלעכער צייטרעכענונג. די באַשרייבונג וועגן אים איז פאַראַן אין ספר חשמונאים א'. — זע זוכוואָרט „חשמונאים''.

**שמעון בן יוחאי** תנא אין ארץ־ישראל, אין דער מיט פון 2טן יאָרהונדערט; תלמיד פון רבי עקיבא; ווערט אָנגערופן אין דער משנה סתם „רבי שמעון''. אין דער גמרא שבת ל''ג ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט שלעכט קעגן די רוימער, וועלכע האָבן דעמאָלט אונטערדריקט די יידן אין ארץ־ישראל (באַלד נאָך דעם בר כוכבא אויפשטאַנד), און די רוימער האָבן אים געוואָלט טויטן; ער האָט דעריבער זיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט זיין זון אלעזר אין אַ הייל און דאָרט זענען זיי געזעסן 13 יאָר און געשפּייזט זיך פון אַ באָקסן־בוים און וואַסער; ערשט נאָך 13 יאָר איז אליהו הנביא געקומען צו זיי און געזאָגט, אַז אַז זיי קאָנען שוין ארויס. ער האָט זיך באַזעצט אין מירון ביי צפת און דאָרט געהאַט אַ ישיבה; ער איז אויך געווען צוזאַמען מיט רבי אלעזר בן יוסי אין רוים משתדל זיין זיך אָפּצושאַפן גזרות אויף יידן (מעילה י''ז). עס ווערט דערציילט וועגן אים ניסים. ער האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער געהערט צו די געציילטע „בני עליה'' (סוכה מ''ה). הלכות און דברי אגדה זענען פאַראַן פון אים אין משנה און גמרא זייער פיל. ער האָט געפּרוּווט דערקלערן דורך פשט דעם טעם פון מצוות („טעמא דקרא'') און דערפון ארויסגעלערנט הלכות (בבא מציעא קט''ו). אין סנהדרין פ''ו ווערט געזאָגט, אַז ער האָט מחבר געווען דעם „ספרי'', אָבער דאָס איז ניט דער ספרי וועלכן מיר האָבן; ער האָט אויך מחבר געווען אַ „מכילתא דרבי שמעון בן יוחאי'' (די פראַגמענטן צונויפגעקליבן דורך דוד האָפּמאַן). אין אבות ד' זאָגט ער, אַז כתר שם טוב (גוטער נאָמען) שטייט העכער פון אַלעם. — זיין קבר איז, לויט דער יידישער טראַדיציע, אין מירון, לעבן דער שטאָט צפת אין ארץ־ישראל, און יעדן ל''ג בעומר, דער יאָרצייט פון רבי שמעון („הילולא''), קומט מען אין די טויזנטער און מען צינדט אָן די הדלקה. וועגן דעם זע „ל''ג בעומר''. — וועגן רבי שמעון בן יוחאי, וועלכער איז, לויט דער טראַדיציע פון דער קבלה, דער מחבר פון ספר „זוהר'', זע זוכוואָרט „זוהר''. — צו רבי שמעון בן יוחאי האָט מען צוגעשריבן, אַז ער האָט מחבר געווען אויך אַ ריי אַנדערע ספרים ווי „נסתרות דרבי שמעון בן יוחאי'' און אַנדערע. — זע היימאַן „תולדות תנאים ואמוראים''.

**שמעון הצדיק** כהן גדול אין דער צייט פון 2טן בית המקדש; עס זענען געווען צוויי כהנים גדולים מיטן דאָזיקן נאָמען, און עס איז שווער צו זאָגן וועמען עס מיינען די אַלע ערטער אין דער משנה און גמרא וועגן שמעון הצדיק; דער ערשטער איז געווען דער זון פון חוניו און געלעבט לערך דעם 4טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, און וועגן אים ווערט דערציילט דער סיפור (יומא ס''ט), אַז אַלעקסאַנדער מוקדון איינעמענדיק ארץ־ישראל האָט אים שטאַרק מכבד געווען; דער צווייטער האָט געלעבט לערך 200 יאָר פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, און טייל היסטאָריקער דענקען, אַז ער ווערט דאָס דערמאָנט אין ספר בן סירא מיט פיל שבחים; ער ווערט דערמאָנט אויך אין פלאוויוס קדמוניות בוך 12, קאַפּיטל 2, און אין ספר חשמונאים ב'. — די משנה אבות א' זאָגט, אַז שמעון הצדיק איז געווען פון די „שיור־

כנסת הגדולה" (זע זוכוואָרט „כנסת הג־
דולה") און בּרענגט פון אים דאָס וואָרט
„על שלושה דברים העולם עומד, על
התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים"
(אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט, אויף
תורה, אויף עבודה און אויף גמילות חס־
דים). אין יומא ל"ט ווערט דערציילט,
אַז ער איז געווען כהן גדול 40 יאָר און
אַז אין זיין צייט זענען פאָרגעקומען אין
בית המקדש ניסים. — זע היימאַן „תול־
דות תנאים ואמוראים".

**שמעון קירא** פּוסק אין בבל אין 9טן
יאָרהונדערט; לויט טייל מיינונגען האָט
ער מחבר געווען דעם „הלכות גדולות";
זע זוכוואָרט „הלכות גדולות".

**שמעון בן שטח** תנא אין דער צייט
פון צווייטן בית המקדש, איינער פון די
זוגות (זע „זוגות"), וואָס זענען לויט
דער טראַדיציע געשטאַנען אין שפּיץ פון
די סנהדרין; לויט איין מיינונג איז ער
געווען נשיא פון סנהדרין; זיין שוועסטער
איז געווען שלומציון המלכה, דאָס ווייב
פון אלכסנדר ינאי המלך; ער איז געווען
פירער פון די פּרושים; ינאי האָט אים
געוואָלט הרגענען און ער איז אַנטלאָפן
און נאָכער צוריקגעקומען; זיין חבר איז
געווען יהודה בן טבאי (ביידע ווערן גע־
בראַכט אַלס „זוג" אין אבות א') און
זיינע רביים זענען געווען יהושע בן
פּרחיה און נתאי הארבלי, און זיינע תל־
מידים שמעיה און אבטליון; ער האָט
מתקן געווען דעם נוסח פון דער כתובה
(תוספתא כתובות י"ב); ער האָט אויך
אָרגאַניזירט שולן פאַר קינדער; ער האָט
באַזיגט די צדוקים (מגילת תענית,
קדושין ס"ו); זיין זון איז אומגעקומען
צוליב אַ פאַלש עדות זאָגן (ירושלמי
סנהדרין ו'). — זע היימאַן „תולדות
תנאים ואמוראים", זוכוואָרט „שמעון בן
שטח".

**שמעונוביץ, דוד** (1886 אין רוס־
לאַנד), זינט 1921 אין ארץ־ישראל; הע־
בּרעאישער דיכטער; מחבר פון אידיליעס
פון מאָדערנעם ארץ־ישראל־לעבן („יובל
העגלונים", „לקט" און אַנדערע), אי־
בערזעצט היינע, פּושקין, לערמאַנטאָוו;
פאַרעפנטלעכט געזאַמלטע שריפטן אין
4 בענדער.

**שמעיה** נשיא פון סנהדרין, אין דער
צייט פון בית שני, איינער פון די
„זוגות" (זע „זוגות"). ווערט געבּראַכט
צוזאַמען מיט זיין חבר אבטליון („שמעיה
ואבטליון"), רבי פון הלל און שמאי;
לויט אַן אגדה האָט ער געשטאַמט פון
גרים; לויט דער מיינונג פון טייל היסטאָ־
ריקער איז ער דער „סאַמעאַס" אין דעם
סיפור פון פלאַוויוס (קדמוניות בוך 14),
וועלכער האָט פאַרגעוואָרפן די סנהדרין,
פאַרוואָס זיי האָבן געחנפעט הורדוסן.
אין אבות א' זאָגט ער „אהב את המלאכה
ושנא את הרבנות (האָב ליב אַרבעט, און
האָב פיינט הערשאַפט).

**„שמרון, שמרונים"** זע „שומרון".

**שמריה בן אלחנן** ראש ישיבה אין
מצרים אין 10טן יאָרהונדערט, איינער
פון די אַזוי־גערופענע „ארבעה שבויים",
4 געפאַנגענע גרויסע לומדים, וועגן וועל־
כע עס ווערט דערציילט (דורך רבי אבֿ־
רהם אבן דאוד, ראב"ד דעם 1טן אין
זיין „ספר הקבלה") די באַרימטע לעגענ־
דע, אַז זיי זענען געפאָרן פון באַרי אין
איטאַליע אויף אַ שיף און זענען געפאַנ־
גען געוואָרן דורך אַן אַראַבישן אַדמיראַל,
וועלכער האָט זיי פאַרקויפט רבי משה
און זיין זון רבי חנוך קיין שפּאַניע, רבי
חושיאל קיין קירואַן, און רבי שמריה
בן אלחנן קיין מצרים, און אַ דאַנק זיי
איז פאַרשפּרייט געוואָרן דאָס לערנען
תורה אין די דאָזיקע לענדער. אָבער

לויט די לעצטנס געפונענע דאקומענטן אין דער גניזה (זע ,גניזה") ווייזט זיך ארויס, אז דער סיפור איז א לעגענדע. רבי שמריה האט אין דער יוגנט געלערנט אין דער ישיבה פון בבל אין פומבדיתא, ביי רב שרירא גאון.

**שמש** טיטל פון באדינער אין שול אין בית המדרש ווי אויך דער באדינער פון רב און פון קהל איבערהויפט. דער טיטל איז פון העבראישן ווארט „שמש" ,באדינער", און הגם ער ווערט שוין דערמאנט אין דער גמרא (ברכות נ"ב) אין באצוג צו איינעם וואס באדינט ביי א סעודה, געפינט מען דעם טיטל אלס קהל־ און בית המדרש־באדינער ערשט שפעטער. די אויפגאבע פון שמש איז געווען צו דערפילן אלע באדינונגען פון בית המדרש און שול, קלאפן אין שול אריין (דער דאזיקער מנהג איז פאראן שוין אין דער גמרא ירושלמי ביצה ה'), אויסרופן אלע עפנטלעכע מעלדונגען, רופן בעלי דינים צו דין תורה (בית דין שמש), איינלאדן בעלי־בתים צו א סעודת מצוה (ברית, חתונה וכדומה); צום שמש פלעגט אין די גרעסערע שטעט זיין אן אונטער־שמש. אין די פינקסים איז פאראן דער טיטל „שמש דמתא". דער שמש פלעגט אחוץ שכירות אויך באקומען א טייל פון רח"ש (זע „רח"ש") ביי א חתונה. — מיטן ווארט שמש רופט מען אויך דאס באזונדערע ליכטל ביים צינדן חנוכה ליכט.

**שמשון** אויך ,שמשון הגבור", דער בארימטסטער יידישער העלד פון תנ"ך, שופט (זע זוכווארט „שופט"), דאס הייסט הערשער און רעטער פון יידן, אין 12טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, און אין ספר שופטים ווערט ער געבראכט אלס דער לעצטער פון די שופטים. דער ספר שופטים (קאפיטלער י"ג — ט"ז) דערציילט די עפישע און וואונדערלעכע סיפורים וועגן שמשון און זיינע העלדישע טאטן. ער האט געשטאמט פון שבט דן פון דער שטאט צרעה (היינט א קליין אראביש דארף אויף דער ליניע יפו־ירושלים, הרטוב); זיין פאטער האט געהייסן מנוח; זיין מוטער אן עקרה, איז אנגעזאגט געווארן דורך א מלאך, אז זי וועט געבוירן א זון, וועלכער וועט העלפן די יידן און אז ער זאל זיין א נזיר, ניט לאזן זיך אפשערן די האר. ווען שמשון איז אויפגעוואקסן האט ער ארויסגעוויזן אומגעווייגלעכע גבורות. ער האט געקעמפט קעגן די שונאים פון זיין פאלק, די פלשתים, און פיל פון זיי געטויט. ער האט זיך פארליבט אין טעכטער פון פלשתים, און איינע פון זיי, דלילה, האט ביי אים אויסגענארט, אז דער סוד פון זיין גבורה ליגט אין די האר, און ווען זי האט אים בעתן שלאף אפגעשוירן די האר האבן די פלשתים אים גענומען געפאנגען, אויסגעשטאכן די אויגן און אים פארשקלאפט צו שווערער ארבעט. ווען די פלשתים זענען געווען איינמאל פארזאמלט אין א גרויסער געביידע האט שמשון מיטן געשריי „תמות נפשי עם פלשתים". „לאמיך שטארבן צוזאמען מיט די פלשתים", אומגעווארפן מיט זיין כוח די געביידע און צוזאמען מיט אים זענען אומגעקומען טויזנטער פלשתים. די יידן האבן אים קובר געווען צווישן צרעה און אשתאל; די צייט וואס ער האט געהערשט איבער יידן איז געווען 20 יאר. — וועגן דעם סיפור פון שמשון זענען פאראן פיל היסטארישע הקירות און השערות. טייל ווילן זען אין דעם אן ענלעכקייט מיט העלדן־סיפורים, ביי אנדערע פעלקער, און ווילן אויך געפינען א רמז אין נאמען ,שמשון" צו דער זון („שמש"). די גרעסטע מא־

לער האבן געצייכנט בילדער אויף דער טעמע פון שמשון (רעמבראנדט, רובענס, ליבערמאן). הענדל האט געשריבן אן אראטאריע אויף דעם סיפור פון שמשון. פאראן די אפערע „שמשון און דלילה". שריפטשטעלער האבן געשריבן דערויף פאעמעס, דערציילונגען. פון וולאדימיר זשאבאטינסקי איז פאראן די דערציילונג „שמשון הנזיר".

**שנאה** אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק ווערט שנאה באטראכט אלס א זייער שלעכטע מידה. די משנה אבות פרק ב' זאגט, אז „שנאת הבריות" דאס פיינט האבן מענטשן, מיזאנטראפיע, איז איינע פון די זאכן, וואס ברענגען אום דעם מענטש. אין יומא ט' ווערט געזאגט אז „שנאת חינם" איז איינע פון די גרעסטע עבירות. דער קעגנזאץ פון שנאה איז אהבה. — זע זוכווארט „אהבה".

**שני וחמישי** זע „בה"ב".

**שניאור זלמן בן ברוך, שניאורסאן** (געבוירן אין לאזשנע, אין רוסלאנד 1747 — נפטר געווארן כ"ד טבת תקע"ג, 1813), בארימטער חסידישער רבי, באקאנט אלס דער רב פון „לאדי". גרינדער פון „חב"ד"־חסידות, פאטער פון דער רביאישער דינאסטיע „שניאורסאן" פון ליובאוויטש. שוין אין זיין יוגנט איז רבי שניאור זלמן געווען בארימט מיט זיין קענטעניש אין לערנען און אויך זייער פרי האט ער זיך גענומען צו קבלה. ער איז אויך מיטגעריסן געווארן מיט דעם שטראם פון חסידות, וואס האט זיך אנגעהויבן צעשפרייטן אונטער דער פירונג פון רבי ר' בער, דעם מגיד פון מעזריטש, צו וועמען רבי שניאור זלמן האט אנגעהויבן צו פארן און איז געווארן זיין תלמיד מובהק. נאך דער פטירה פון מגיד איז רבי שניאור זלמן געווארן א תלמיד פון רבי מענדל פון וויטעבסק, און נאכדעם ווי רבי מענדל איז אוועקגעפארן קיין ארץ־ישראל, האט רבי שניאור זלמן אנגעהויבן אליין פירן אן עולם חסידים אין דער שטאט ליאזשנע (מאהילעווער געגנט). צווישן זיינע חסידים און די מתנגדים זענען פארגעקומען גרויסע מחלוקות, און די חרם־אויסרופן, וועלכע רבי אליהו, דער ווילנער גאון, האט פארעפנטלעכט קעגן חסידות, זענען געווען אמייסטנס געווענדט קעגן אים. די מתנגדים האבן אים פארמסרט פאר דער רוסישער רעגירונג און ער איז צוויי מאל ארעסטירט געווען, איינמאל 1796, און ער איז באפרייט געווארן י"ט כסלו תקנ"ז (צוליב וואס דער טאג איז א יום־טוב ביי די ליובאוויטשער חסידים) און איינמאל אין 1800, ווען ער איז געזעסן לערך 3 מאנאטן און איז באפרייט געווארן. ווען עס איז אויסגעבראכן די מלחמה פון נאפאלעאן קעגן רוסלאנד אין 1812 האט ער אויפגעפאדערט זיינע חסידים, אז זיי זאלן שטיצן רוסלאנד, און ווען נאפאלעאנס מיליטער איז אריין טיף אין רוסלאנד, איז רבי שניאורסאן אנטלאפן און אויפן וועג איז ער נפטר געווארן לעבן קורסק און איז געקומען צו קבורה אין דער שטאט האדיאץ ביי פאלטאווא. — רבי שניאור זלמן האט געשאפן דאס פילאזאפישע חסידות וואס איז באקאנט מיטן נאמען „חב"ד" (ראשי תבות פון „חכמה, בינה, דעת") און וועמענס הויפט־יסודות זענען פאראן אין זיין ספר „תניא". די גרונט־אידייע איז די פילאזאפישע אנשויאונג פון קבלה און חסידות פון „לית אתר פנוי מיניה", אז אין אלעם און אלץ איז פאראן די געטלעכקייט. נאר רבי שניאור זלמן האט דאס אנטוויקלט ברייטער און טיפער, און אין דער צייט וואס אנדערע

חסידות־באוועגונגען האבן אויפגעהערט
זיך צו באשעפטיקן מיט דער פילאזאפי־
שער זייט פון חסידות, האט חב"ד גע־
לייגט פיל מער אכט דערויף. רבי שני־
אור זלמן האט אויך מחבר געווען אן
אייגענעם שולחן ערוך מיט הלכות. —
פון רבי שניאור זלמן שטאמט אפ די
רביים־דינאסטיע שניאורסאן, וועלכע
האט זיך באזעצט אין ליובאוויטש, און
אירע חסידים זענען באקאנט אלס ליו־
באוויטשער חסידים. די רביים זענען גע־
ווען — 1) דוב בער (1773 — 1827)
באקאנט מיטן נאמען „דער מיטעלער
רבי"; ער האט מחבר געווען „אמרי
בינה" און „קונטרס ההתפעלות". ווי
אויך אנדערע ספרים; — 2) מנחם מענדל
(1789 — 1866), אן איידעם פון רבי
בער; בארימטער למדן און מקובל, מחבר
פון „צמח צדק"; ער איז געווען אין
1847 מיטגליד פון רבנים־קאמיטעט אין
פעטערבורג צו פארבעסערן די יידישע
דערציאונג.—זיין אייניקל איז געווען רבי
שלום בער, גרינדער פון דער ליובאווי־
טשער ישיבה. דער איצטיקער ליובא־
וויטשער רבי, ר' יוסף יצחק, איז געווען
ארעסטירט אין רוסלאנד דורך דער סא־
וועטן־רעגירונג און איז באפרייט גע־
ווארן, געוואוינט אין ריגע, ווארשע, אט־
וואצק, באזוכט ארץ־ישראל; אין יאר
1940, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה,
האט ער זיך באזעצט אין אמעריקע, וואו
ער פירט א גרויסע טעטיקייט פאר חיזוק
הדת, אויסהאלטן ישיבות, פדיון שבויים
(ברענגען תלמידי חכמים פון די איירא־
פעאישע לענדער). — וועגן רבי שניאור
זלמן און חב"ד־חסידות זע טייטלבוים,
„הרב מלאדי ומפלגת חב"ד", און בוניז
„משנת חב"ד".

**שניאור, זאלקינד זלמן**, געבוירן
1887 אין שקלאוו, געוואוינט אין אדעס,
ווארשע, פאריז, ארץ־ישראל, איצט אין
ניו־יארק; העברעאישער און יידישער
דיכטער און שריפטשטעלער; געשריבן
לירישע פאעמעס, אמייסטן אין העברע־
איש; אין יידיש געשריבן „נח פאנדרע",
„דער רבי און דער קייסער" און אנדע־
רע. פרטים זע רייזענס „לעקסיקאן".

**ש"ס** זע „תלמוד".

**שעטנז** זע „כלאים".

**שעיר לעזאזל** זע „יום כיפור" און
„עזאזל".

**שעכטער, זלמן** (1850 אין רומעניע
— 1915 אין ניו־יארק), געלערנטער אין
חכמת ישראל, דירעקטאר און פראפעסאר
פון יידיש־טעאלאגישן ראבינער־סעמינאר
אין ניו־יארק זינט 1902; רעדאגירט די
תלמודישע זוכווערטער אין דער „דזשו־
איש ענציקלאפעדיע"; בארימט געווארן
באזונדערס דורך פארעפנטלעכן די מא־
טעריאלן פון די כתבי יד, וואס ער האט
געבראכט פון דער „גניזה" (זע זוכ־
ווארט „גניזה") אין קהיר. ער האט
ארויסגעגעבן מיט אייגענע איינלייטונגען
אבות דרבי נתן, צוואות פון רבי יהודה
און רבי יעקב דעם ראשם קינדער, דעם
געפונענעם העברעאישן כתב יד פון ספר
בן סירא, דעם געפונענעם „ברית דמשק"
(וואס זאל זיין א דאקומענט פון די צדו־
קים); ער האט געשריבן אין ענגליש
„סטודיעס איבער יודאאיזם"; פארעפנט־
לעכט „סעדיאנא" (דאקומענטן איבער
רב סעדיה גאון), די מלחמות פון די
כוזרים (כתב יד) און אנדערע. דער
טעאלאגישער סעמינאר ווערט געוויינלעך
אויך גערופן „שעכטער־סעמינאר". שעכ־
טער איז אויך געווען איינער פון די
גרינדער און רעדאקטארן פון דעם חכמת
ישראל זשורנאל „דזשואיש קוואטערלי
רעוויו".

**שער** אויף העברעאיש איז „שער" א „טויער", אין מערצאל „שערים" און אין נסמך „שערי"; דערפון זענען פאראן די אויסדריקן „שערי רחמים" („די טויערן פון רחמים" אין הימל), „שערי שמים" (די טויערן פון הימל); דערפון הייסט דאס פארדערשטע בלאט פון א ספר דאס „שער בלאט" און עס איז גאנץ אפט באצירט ווי א טויער.

**שפאניאליש** שפראך געמישט פון אלט-שפאניש מיט העברעאישע ווערטער (ווי אויך טייל ווערטער פון אראביש, טערקיש, גריכיש און אנדערע שפראכן), ווערט גערעדט דורך ספרדישע יידן אין די לענדער, וועלכע האבן געהערט אמאל צו טערקיי (טערקיי, בולגאריע, רומעניע, גריכנלאנד, אויך דורך ספרדים אין ארץ-ישראל). מען רופט זי אויך „לאדינא" (פון ווארט „לאטינו", לאטיין") און אויך „דזשודיזמו" (יידיש). אין שפאניאליש זענען דערשינען צייטונגען, ביכער, וועלטלעכע און רעליגיעזע, איבערזעצונגען פון תנ"ך, סידור, פרקי אבות, טיילן פון שולחן ערוך, חובות הלבבות און אנדערע ספרים. — זע ראזאנעס אין „דברי ימי ישראל בתוגרמה", 1טער חלק צום סוף אין דער נאטע 10.

**שפאניע** לאנד אין סוף פון מערב-אייראפע, אויף דעם פירענעאישן האלב-אינזל, פארנעמט אויך עטלעכע אינזלען אויפן מיטלענדישן ים און אטלאנטיק, האט איצט לערך 23 מיליאן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 5,000 יידן.

די געשיכטע פון יידן אין שפאניע פארנעמט איינעם פון די אנגעזעענסטע ערטער אין דער יידישער געשיכטע אין דער צייט פון מיטלאלטער. אין דער מיטלאלטערלעכער העברעאישער שפראך האט שפאניע געהייסן „ספרד". און עס איז געווען די מיינונג פון טייל יידישע מפרשים און היסטאריקער אין יענער צייט, אז דער פסוק אין תנ"ך אין עבדיה „וגלות ירושלים אשר בספרד" (און די פארטריבענע פון ירושלים וואס זענען אין ספרד) האט געמיינט שפאניע; דאס דאזיקע ווארט ספרד אין תנ"ך איז איבערזעצט געווארן „איספמיא" אויך דורך דער אלט-סירישער איבערזעצונג פשיטתא און דורך דעם תרגום יונתן. לויט דער דאזיקער מיינונג זענען יידן געווען אין שפאניע שוין אין דער צייט פון סוף פון 1טן בית המקדש, אלזא אין 7טען יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. לויט אן אנדערער מיינונג, האבן יידן דארט געוואוינט שוין אין דער צייט פון שלמה המלך. יעדנפאלס איז זיכער, אז אין 1טן יארהונדערט פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, צום סוף פון 2טן בית המקדש, האבן יידן געוואוינט אין שפאניע, און אז אין טייל ערטער אין דער גמרא, אין וועלכע עס ווערט געבראכט „אספמיא" מיינט מען דערמיט שפאניע. דער נאמען „ספרד" איז ווארשיינלעך געגעבן געווארן שפעטער; דערפון האבן די יידן פון שפאניע געהייסן „ספרדים" (זע זוכווארט „ספרד, ספרדים"). פאראן א מיינונג, אז א געוויסער טייל פון די יידן אין שפאניע אין יענע עלטערע צייטן האבן אפגעשטאמט ניט פון יידן אין ארץ-ישראל, נאר פון די פעניציער פון קארטאגע (זע „פעניציע"), וועלכע האבן גערעדט א שפראך ענלעך צו העברעאיש; זיכער איז ניט די דאזיקע מיינונג. — אין די ערשטע צייטן האבן יידן אין שפאניע געפירט א רואיק, זיכער לעבן; זיי האבן זיך פארנומען מיט ערד-ארבעט, מסחר, טייל פון זיי האבן פארנומען הויכע אמטן, זענען געווען ריכטער. אזוי איז געווען אויך אין דער צייט ווען די גאטישע פעלקער האבן איינגענומען

שפּאַניע. ערשט אין 6טן יאָרהונדערט,
ווען די קאַטוילישע רעליגיע האָט זיך
פאַרשטאַרקט אין לאַנד און די גלחים
האָבן באַקומען אַ גרויסן איינפלוס, איז
די יידישע לאַגע אין שפּאַניע געוואָרן
ערגער. מען האָט איינגעפירט קעגן זיי
ביסלעכווייז באַגרענעצונגען, וועלכע זע־
נען וואָס אַמאָל געוואָרן שטאַרקער, אַזוי
ווייט, אַז אין אָנהויב 7טן יאָרהונדערט
האָט דער שפּאַנישער קעניג סיסיבוט
גוזר געווען, אַז די יידן מוזן זיך שמדן.
פיל יידן האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד; טייל
האָבן זיך געשמדט, כדי צו פאַרבלייבן
אין לאַנד, אָבער אין געהיים זענען זיי
ווייטער פאַרבליבן יידן, דאָס זענען גע־
ווען די ערשטע אנוסים אין שפּאַניע.
דעריבער ווען עס איז פאָרגעקומען
אין יאָר 711 דאָס גרויסע געשעעניש,
ווען די אַראַבישע חיילות, נאָך דער
אַנטשטייאונג פון דער מאַכמעדאַנישער
רעליגיע, האָבן איבער אַפריקע אַריינ־
מאַרשירט קיין שפּאַניע, האָבן די גע־
היימע יידן, און אויך טייל אָפענע יידן,
וועלכע זענען דערווייל אַריינגעקומען אין
לאַנד, געהאָלפן די אַראַבישע אַרמייען,
וועלכע האָבן איינגענומען שפּאַניע און
געמאַכט דאָרט אַ סוף צו דער הערשאַפט
פון די קריסטלעכע מלכים. און עס האָט
זיך אָנגעהויבן פאַר שפּאַניע און פאַר
די דאָרטיקע יידן אַ נייע עפּאָכע, וועל־
כע איז באַרימט אַלס „די אַראַבישע צייט
אין שפּאַניע".

די אַראַבישע הערשער אין שפּאַניע,
באַזונדערס די קאַליפן אין קאָרדאָווע
(קורדובה, קורטובה), האָבן זיך אין אַל־
געמיין אויסגעצייכנט מיט גרויסער טאָ־
לעראַנץ צו אַנדערע רעליגיעס; זיי האָבן
דערפירט צו אַ גרויסער עקאָנאָמישער
אויפלעבונג פון לאַנד, פאַרבינדונגען אין
האַנדל און קולטור מיט די ווייטע לענדער
פון די אַראַבישע דעראָבערונגען ווי גאַנץ
צפון־אַפריקע (אויך עגיפּטן), ארץ־ישר־
אל, סיריע, בבל, פּערסיע. די אַראַבישע
קולטור, פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט (מעדי־
צין, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, אַ גע־
וויסער סאָרט כעמיע, לאַנדווירטשאַפט)
האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה, און די
יידן אין שפּאַניע האָבן שנעל זיך צוגע־
פּאַסט צו דער דאָזיקער נייער לאַגע, אָנ־
טיילגענומען אין אַלגעמיינעם לעבן פון
לאַנד, אין דער ווירטשאַפט, אין פּאָלי־
טישן און קולטורעלן לעבן, איבערגענו־
מען אַראַביש אַלס אומגאַנגס־שפּראַך. די
יידן אין שפּאַניע האָבן געגרינדעט באַ־
זונדערע ישיבות צו לערנען תלמוד (ביז
דעמאָלט זענען זיי אָפּהענגיק געווען פון
די ישיבות אין בבל), און דער ערשטער
אָנגעזעענסטער ראש ישיבה אין קאָרדאָ־
ווע איז געווען רבי משה בן חנוך, איי־
נער פון די „4 געפאַנגענע" אין דער באַ־
רימטער לעגענדע (זע „משה בן חנוך").
שפּאַניע איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ גרוי־
סער נייער יידישער צענטער סיי אין
לערנען, סיי וועלטלעכע וויסנשאַפטן,
סיי אין פּאָליטישן איינפלוס. די הויפּט־
שטעט פון שפּאַניע ווי קאָרדאָווע, סע־
וויל, טאָלעדאָ, מאַלאַגאַ, סאַראַגאָסאַ און
אַנדערע, זענען געוואָרן צענטערס פון
יידנטום, באַרימט איבער דער גאַנצער
דעמאָלטיקער יידישער וועלט. יידן האָבן
אויך געשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָ־
לע אין די הויפן פון די קאַליפן, און טייל
יידן זענען געווען מיניסטאָרן (רבי חסדאי
אבן שפּרוט, רבי שמואל הנגיד און פיל
אַנדערע). די דאָזיקע עפּאָכע איז באַ־
קאַנט אַלס די „גאָלדענע עפּאָכע"
(„תקופת הזהב") פון שפּאַנישע יידן,
וועלכע האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן סיי
גרויסע לומדים, סיי גרויסע דיכטער און
מפרשים פון תנ"ך, ווי רבי יוסף אבן
מיגאַש, רבי בחיי אבן פּקודה, רבי שלמה
אבן גבירול, רבי יונה אבן גנאח, רבי

משה אבן עזרא, רבי משה אבן גיקטיליא, רבי יהודה הלוי, רבי אברהם אבן עזרא און פיל אנדערע. די יידישע געלערנטע האבן אין גרעסטן טייל געשריבן ארא־ביש, און טייל זייערע ווערק זענען אי־בערזעצט געווארן אין העברעאיש. אין 12טן יארהונדערט האט זיך אנגעהויבן צו פארערגערן די לאגע פון די שפאנישע יידן. טיילווייז איז עס פארגעקומען צוליב דעם, וואס פון צפון־שפאניע האבן די איבערגעבליבענע קריסטלעכע שפא־נישע פעלקערלעך, וועלכע זענען נאך גע־בליבן אין די בערג אונטער דער פירונג פון זייערע פירשטן, אנגעהויבן צוריק איינעמען דאס אראבישע שפאניע, און דאס האט אויך ארויסגערופן א קעגן־קאמף פון בערבערישע מאכמעדאנישע פאנאטישע שבטים פון אפריקע, וועלכע זענען פון דער צווייטער זייט געקומען איינעמען שפאניע. די דאזיקע קאמפן האבן אזוי געדויערט איבער 300 יאר. ביסלעכווייז האבן די קריסטן געזיגט. צוערשט איז געגרינדעט געווארן די קריסטלעכע מלוכה קאסטיליע מיט טא־לעדא אלס די הויפטשטאט. עס זענען אויך אנטשטאנען די קריסטלעכע פיר־שטנטימער אין די פראווינצן לעאן, ארא־גאניע (מיט דער הויפטשטאט אין באר־צעלאנא) און אנדערע. ס'איז ריכטיק, אז די שפאנישע יידן האבן געוואוסט ביס־לעכווייז זיך צוצופאסן צו דער נייער לאגע, און פונקט ווי זיי זענען פריער געווען די טרעגער פון דער אראבישער קולטור און וויסנשאפט און פאליטיק און פינאנסן אין אראבישן שפאניע, אזוי זע־נען זיי שנעל געווארן די קולטור־טרעגער און ווירטשאפטלעכע אויפלעבער פון קריסטלעכן שפאניע. די שפאנישע קריסטלעכע מלכים פון קאסטיליע, ארא־גאניע און אנדערע, האבן גאנץ אפט גע האלפן די יידן, וויסנדיק, אז זיי זענען א ברכה פארן לאנד. אבער די קריסט־לעכע גלחים האבן כסדר געהעצט קעגן יידן, און אויך די קריסטלעכע מאסן און זייערע פירער האבן זיך שטארק מתקנא געווען אין די יידן, וועלכע האבן מיט זייערע פייאיקייטן זיך דערווארבן הויכע שטעלונגען אין אלע געביטן פון לעבן, אין דער ווירטשאפט, קולטור. פון 12טן יארהונדערט אן איז דאס יידישע לעבן אין שפאניע, — כאטש עס איז געווען נאך גענוג פעסט און איינגעווארצלט, — געווען א כסדרדיקער וועקסל פון גוטע און שלעכטע צייטן, פון גזרות און אפ־שאפן גזרות. יידן האבן פארנומען הוי־כע אמטן אין די קעניגלעכע הויפן (די פאמיליעס אבולעפיא, בנבנשתי, וואקאר און אנדערע); יידן האבן געהאט אייגענע גרויסע אויטאנאמיע מיט געריכטן, און אפילו געהאט דאס רעכט ארויסצוגעבן טויט־אורטיילן. אבער גאנץ אפט פלעגן איינגעפירט ווערן גזרות אויף יידן. די בארימטע יידישע לומדים און מפרשים אין יענע צייטן זענען געווען רבי משה בן נחמן (רמב"ן), רבי שלמה בן אדרת (רשב"א), די קמחים, רבי אשר (רא"ש), רבי ניסים (ר"ן) און פיל אנדערע. גלייכ־צייטיק האט אין שפאניע דעמאלט זיך אנגעהויבן צו אנטוויקלען דער לימוד פון קבלה, פון יענער מיסטישער לערע, וואס האט געהאט אזא גרויסן איינפלוס אויף דעם אינערלעכן יידישן לעבן (רבי אב־רהם אבולעפיא, רבי משה בן נחמן, רבי משה דע ליאון און אנדערע).

דאס יאר 1391 (קנ"א) איז געווען דער ווענדעפונקט אין לעבן פון יידישן שפאניע צום שלעכטן, און פון דעמאלט אן איז עס געגאנגען בארג אראפ ביז עס האט דערפירט צו דער קאטאסטראפע פון גרוש שפאניע. אין דאזיקן יאר, דעם 6טן יוני 1391, איז א המון אונ־טער דער העצע פון גלחים, באפאלן פיל

יידישע קהלות אין שפאניע (סעווילא, בארצעלאנא, קארדאווא און פיל, פיל אנדערע) און האבן אויסגעשאכטן צענדליקער טויזנטער יידן, און צו ראטעווען זיך פון זייערע הענט איז געווען איין עצה, זיך צו שמדן. צווישן די אומגעקומענע זענען געווען אייניקלעך פון רבי אשר (רא״ש), דער זון פון גרויסן פילאזאף רבי חסדאי קרשקש און אנדערע. א סך יידן זענען ניט בייגעשטאנען דעם נסיון און זיך געשמדט, און פון דעמאלט אן האט זיך אנגעהויבן אין שפאניע (א לאנגע צייט פאר דעם גרוש) די עפאכע פון אנוסים, פון אזעלכע, וועלכע זענען אין געהיים געבליבן יידן און עפנטלעך געלעבט אלס קריסטן. די שחיטות אויף יידן האבן זיך אפגעשטעלט, אבער די אנוסים האבן געמוזט בלייבן קריסטן. און עס האט זיך אנגעהויבן קעגן יידן א נייע באשולדיקונג, נעמלעך, אז זיי העלפן די אנוסים צו האלטן אין געהיים דאס יידנטום (אין א געוויסער מאס איז עס געווען אמת). דאס גאנצע יארהונדערט פון 1391 ביז צום סוף פון 15טן יארהונדערט איז געווען דערפאר איין גרויסע קייט מיט צרות פאר די יידן אין שפאניע, עס איז, אמת, געווען נאך א זייער שטארק יידנטום, ווירטשאפטלעך איינגעווארצלט אין לאנד, פארנומען פעסטע פאזיציעס אין לאנדווירטשאפט, מלאכות, האנדל, קולטור (פון די אנגעזעענסטע יידן אין יענער צייט רבי חסדאי קרשקש, רבי יצחק בן ששת, רבי יוסף אלבו, אברבנאלס און אנדערע). אבער מצד די גלחים און אויך מצד דער רעגירונג זענען געווען שרעקלעכע גזרות און בלבולים (אויך בלוט־בלבולים), און הגם טייל אנוסים־פאמיליעס, וועלכע האבן זיך אסימילירט מיט דעם שפאנישן אדל און זענען געווארן די גרעסטע פירער אין לאנד, מיניסטארן, קארדינאלן, גענעראלן, האבן טיילמאל געפרואווט שיצן די יידן, אבער די שנאה צו יידן האט זיך כסדר פארשטארקט, מען האט אויף יידן ארויפגעצוואונגען צו האבן ויכוחים מיט גלחים וועגן רעליגיע, איינגעשלאסן יידן אין געטאס, אפטע אנפאלן. נאכער איז איינגעפירט געווארן די אינקוויזיציע (1480) קעגן די אנוסים און דאס האט ווידער פארערגערט די יידישע לאגע, ביז די קאטאסטראפע איז פארגעקומען אין יאר 1492 (רנ״ב, „מזר״ה״) אונטער דער הערשאפט פון דעם פאנאטישן קעניגלעכן פאר פערדינאנד און איזאבעלא, וועלכע האבן אלס „מתנה צו גאט״ פאר איינעמען דאס לעצטע אראביש שטיקל לאנד אין שפאניע, גראנאדע, ארויסגעגעבן דעם 31טן מערץ 1492 דעם דעקרעט ארויסצעטרייבן אלע יידן פון שפאניע אין פארלויף פון 3 מאנאטן. עס האבן ניט געהאלפן די געבעטן פון יידישן פינאנץ־מיניסטער דון יצחק אברבנאל און פון אויבער רב דון אברהם שניאור (א פערזענלעכער פריינט פון קעניגלעכן פאר). דער הויפט־אינקוויזיטאר פון שפאניע, דער גלח טארקוועמאדע, האט געפרעסט אויף דעם קעניגלעכן הויף, אז מען זאל דורכפירן די גזירה. דער לעצטער טאג איז אויסגעפאלן פונקט אין תשעה באב. פיל יידן זענען נאך פריער אנטלאפן פון שפאניע, טייל האבן זיך געשמדט, כדי אויסצומיידן די גזירה; אבער דער גרעסטער טייל איז ארויס פון שפאניע ערשט אין די לעצטע טעג. עס איז ניט קלאר וויפל יידן זענען אוועק פון שפאניע. דון יצחק אברבנאל, וועלכער באשרייבט (אין אנהויב צום פירוש אויפן ספר מלכים און אויך אין אנדערע ערטער פון זיינע ספרים) דעם גירוש, אין וועלכן ער איז געווען דער ראש הגולים, זאגט, אז עס האט ארומגענומען א 300 טויזנט יידן. א גרויסער טייל

האט זיך געפּרואווט ראַטעווען קיין פּאָרטוגאַל, פון וואַנען זיי זענען באַלד דערנאָך פאַרטריבן געוואָרן. א סך זענען אומגעקומען אין וועג. א גרויסער טייל האט זיך געראַטעוועט קיין איטאַליע. די מערהייט האט זיך געראַטעוועט קיין מאַראָקאָ, פאַרשידענע טערקישע פּראָווינצן, ארץ־ישראל, און אַנדערע קהלות פון „ספרדים" איבער דער וועלט. דער גרוש שפּאַניע איז געווען דער גרעסטער קלאַפּ פאַר דעם יידישן פאָלק זינט חורבן בית שני און דעם בר כוכבא־אויפשטאַנד; ער האט פאַרניכטעט א זייער גרויסן טייל, און דעם שטאַרקסטן טייל, פון יידישן פאָלק. די געשיכטע פון יידן אין שפּאַניע האט זינט דעם יאָר 1492 זיך פאַרענדיקט. און עס האט זיך אָנגעהויבן דאָרט א טרויעריקע געשיכטע פון אנוסים. ערשט אין די לעצטע יאָרן (ענדע פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט) האָבן זיך באַזעצט א קליינע צאָל יידן אין שפּאַניע. — זע די זוכווערטער „אברבנאל", „אויטאָדאַפע", „אינקוויזיציע", „אנוסים", „ספרדים" און אויך פון די נעמען פון אַלע גרויסע יידישע לומדים און דענקער וועלכע זענען געווען אין שפּאַניע. — די ליטעראַטור איבער דער געשיכטע פון יידן אין שפּאַניע איז זייער א גרויסע. עס זענען געבליבן ווערטפולע כראָניקאַלישע פאַרצייכענונגען ווי דער „שבט יהודה", „עמק הבכא" און אַנדערע; גרעץ אין זיין „דברי ימי ישראל" (העברעאישע איבערזעצונג פון שפּ"ר) צום סוף אין די נאָטן פון די חלקים 5, 6 און 7, באַאַרבעט ביבליאָגראַפיש א גרויסן טייל פון די דאָקומענטן. א רייכער קוואַל פון מאַטעריאַל זענען אויך די שאלות ותשובות ספרים פון די שפּאַנישע רבנים און לומדים, באַזונדערס פון רשב"א, רא"ש, ריב"ש און אַנדערע; זע אויך ראַבינאָוויטש „מוצאי גולה". אויך אין אַנדערע שפּראַכן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן וויכטיקע ביכער איבער דער יידישער געשיכטע פון שפּאַניע, באַגרינדעט אויף דאָקומענטן, וואָס מען האט אַנטדעקט אין שפּאַנישע אַרכיוון; זע יצחק בער אין זאַמלבוך „דביר", צווייטער באַנד (בערלין תרפ"ג) אין זיין מאמר „ספרים ומקורות חדשים לתולדות היהודים בספרד".

**שפוך חמתך** (גיס אויס דיין צאָרן): פּסוקים, וועלכע מען זאָגט פּסח ביינאַכט ביים סדר נאָך דער סעודה פאַרן בענטשן, און מען עפנט דערביי די טיר פון הויז כדי איינצולאָדן, ווי די פאָלקס־טראַדיציע זאָגט, אליהו הנביא. דער אינהאַלט פון די פּסוקים איז א תפילה, אַז גאָט זאָל זיך נוקם זיין אין פעלקער, וועלכע פייניקן די יידן.

## שפּינאָזאַ, ברוך (בענעדיקט)

געבוירן אין אַמסטערדאַם, 24טן נאָוועמבער 1632 — געשטאָרבן אין האַאַג 21טן פעברואַר 1677; באַרימטסטער יידישער פילאָזאָף אין דער נייער צייט, באַגרינדער פון מאָדערנעם פּאַנטעאיזם, שפּעטער פון דער מאָדערנער תנ"ך־קריטיק. שפּינאָזאַס עלטערן זענען געווען אנוסים, וועלכע זענען אַנטלאָפן אין פרייען האָלאַנד און דאָרט געוואָרן יידן; זיין פאָטער מיכאל ד'אספּינאָזאַ איז געווען איינער פון די פירער פון דער ספרדישער קהילה אין אַמסטערדאַם. שפּינאָזאַ האט אין דער יוגנט געלערנט אין דער אַמסטערדאַמער ישיבה „עץ חיים", וואו די לערער זענען געווען רבי יצחק אבוהב, רבי שאול מורטירא, רבי מנשה בן ישראל און אַנדערע; דאָ האט שפּינאָזאַ געלערנט תנ"ך, תלמוד, און האט אויך זיך באַקענט מיט יידישע חקירה־ספרים ווי די פירושים פון רבי אברהם אבן

עזרא, „מורה נבוכים“ פון רמב״ם, „מלחמות ה׳“ פון רלב״ג, „אור ה׳“ פון קרשקש און אַנדערע; ער האָט אויך זיך באַקענט מיט דער טעאָרעטישער קבלה („קבלה עיונית“), וועלכע האָט געהאַט פיל אַנהענגער אין די אינטעליגענטע ספרדישע קרייזן און איינער פון זיי, רבי אברהם הכהן אירירי, האָט געשריבן וועגן איר אַ ספר אין שפּאַניש, וואָס איז נאָכער איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש מיטן נאָמען „שער השמים“. דער יונגער שפּינאָזאַ האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן דורשט אויך צו אַלגעמיינעם וויסן און ער האָט אָנגעהויבן שטודירן לאַטיין (וואָס איז דעמאָלט געווען די שפּראַך פון וויסנשאַפטלעכע ביכער), גריכיש, מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפט און איבערהויפּט אַלגעמיינע פילאָזאָפיע, ווערנדיק באַאיינפלוסט פון דער שיטה פון פראַנצויזישן פילאָזאָף דעקאַרט. שפּינאָזאַ מיט זיין פעסטן כאַראַקטער האָט אָן מורא גענומען אָפן דערציילן צווישן זיינע חברים זיינע נייע אַנשויאונגען, וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן און פאָרמירט נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע, און זיינע אַנשויאונגען זענען געווען קעגן די יסודות פון דער יידישער רעליגיע. אין דער ספרדישער קהילה אין אַמסטערדאַם זענען שוין פריער געווען טייל פריידענקער, און דער אָנגעזעענסטער צווישן זיי איז געווען אַ קרוב פון שפּינאָזאַ, אוריאל אַקאָסטאַ (זע „אַקאָסטאַ“), און די רבנים און אַנדערע קהלה־פירער האָבן מורא געהאַט, אַז שפּינאָזאַ וועט נאָכמער פאַרשטאַרקן די דאָזיקע באַוועגונג פון אַפּיקורסות. זיי האָבן דעריבער געפּרוּווט ווירקן אויף שפּינאָזאַ, אַז ער זאָל אויפהערן פאַרשפּרייטן זיינע געדאַנקען, און ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערפילן די דאָזיקע פאָדערונג און האָט אויך עפנטלעך עובר געווען אויף די יידישע דינים און מצוות, האָבן אים די רבנים ו׳ אב תט״ז (1656) געלייגט אין חרם. ער האָט פאַרלאָזט אַמסטערדאַם און פון דעמאָלט אָן האָט ער איבערהויפּט ניט געהאַט מער צו טאָן מיט יידן און האָט פאַרקערט כסדר אין קרייזן פון קריסטן. ער האָט צוערשט זיך באַזעצט אין אַ דאָרף לעבן אַמסטערדאַם און זיך דערנערט פון די קליינע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט געהאַט פון שלייפן גלעזער. נאָכער האָט ער זיך באַזעצט און אַנדערע ערטער, צום סוף אין האַאַג, וואו ער איז געשטאָרבן יונגערהייט פון שווינדזוכט. אין דער צייט זינט ער האָט פאַרלאָזט אַמסטערדאַם האָט ער אָנגעשריבן (כמעט אַלע אין לאַטיין) זיינע ווערק (טייל פאַרעפנטלעכט ניט אין זיין נאָמען, טייל פאַרעפנטלעכט ערשט נאָך זיין טויט), וועלכע האָבן אים דערוואָרבן שוין ביי זיין לעבן אַ רום אין דער וועלט, און דורך זיי האָט שפּינאָזאַ זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזעענע באַדייטונג אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע און מענטשלעכן דענקען צווישן די גרעסטע גייסטער פון דער מענטשהייט. — דאָס ערשטע באַדייטנדע ווערק, וואָס שפּינאָזאַ האָט פאַרעפנטלעכט ניט מיט זיין נאָמען (1670) און וואָס האָט אַרויסגערופן קעגן אים דעם גרעסטן שטורעם, איז געווען זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט“, אין וועלכן ער האָט דער ערשטער סיסטעמאַטיזירט און אַוועקגעשטעלט די מאָדערנע תנ״ך־קריטיק און דערביי דריקט ער זיך אוים אין שאַרפע ווערטער קעגן דער יידישער רעליגיע, לויבנדיק אין אַ געוויסער מאָס דאָס קריסטנטום. אויך די פרומע רעליגיעזע קריסטלעכע וועלט איז געוואָרן אויפגעבראַכט קעגן שפּינאָזאַ צוליב דער פרייער מעטאָדע אין וועלכער ער האָט

באהאנדלט דעם תנ"ך, האַלטנדיק, אַז תורת משה איז ניט געגעבן געוואָרן פון גאָט און אַז ניט משה רבנו האָט געשריבן אַלע ספרים. ער האָט מיט אַ געוויסער צייט פריער אויך פאַרעפנטלעכט אַ ווערק איבער דער פילאָזאָפיע פון דעקאַרט. דעם גרעסטן רום האָט שפינאַזא זיך דערוואָרבן דורך זיין ווערק (פאַרעפנטלעכט נאָך זיין טויט) „עטיק", אין וועלכן ער האָט געפּרואווט אין אַ פאָרם פון לערעס און באַווייזן, פעסטשטעלן זיין פילאָזאָפישע און עטישע שיטה. דער גרונט־פּרינציפּ פון זיין שיטה איז פּאַנטעאיזם, אַז נאַטור און גאָט איז די זעלבע זאַך און אַז די איינצל־דערשיינונגען פון דער נאַטור זיינען נאָר איינצל־פאָרמען („מאָדי") פון דער אַל־איינהייט, און אַז מיר פאַסן אויף די אַל־איינהייט אונטער צוויי תארים, אַטריבוטן, צייט און שטח. שפינאַזא איז אין זיין שיטה שטרענג דעטערמיניסטיש; אַלץ איז באַשטימט פון פאָרויס, קיין זאַך קאָן ניט געענדערט ווערן, נאָר מוז געשען אַזוי ווי זי געשעט, און לויט זיין שיטה איז דעריבער קיין אָרט ניטאָ פאַר די אַלע אויפפאַסונגען פון רעליגיע אין זין פון געטלעכער השגחה, תפילה, שכר ועונש. אויך וואָס אַנבאַלאַנגט השארת הנפש, דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, איז כאָטש שפינאַזא מאַכט אין איין אָרט דעם איינדרוק פון גלויבן אין השארת הנפש, אפילו אין פּערזענלעכן זין, איז ער אָבער אין אַנדערע ערטער, אין קאָנסעקווענץ פון זיין גאַנצער שיטה, פולשטענדיק קעגן דעם גלויבן אין דער פּערזענלעכער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. שפינאַזא האָט רעליגיעזע מאָמענטן אין זיין שיטה, און באַזונדערס, אין זיין באַרימטער אויפפאַסונג וועגן דער ליבע צו דער געטלעכקייט („די אינטעלעקטועלע ליבע צו דער געטלעכקייט").

אָבער אין אַלגעמיין איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז שפינאַזאָס שיטה איז אַנטי־רעליגיעז אין דעם זין, ווי רעליגיע ווערט פאַרשטאַנען אין פּראַקטישן לעבן, אַלס יסוד פאַר עטיק און מאָראַל, פאַר דעם גלויבן אין לעבן נאָכן טויט, אין געטלעכער השגחה, און באַלוינונג און שטראָף. וועגן שפינאַזאָס שיטה זיינען געשריבן געוואָרן פיל ווערק און עס זיינען פאַראַן שפינאַזא־געזעלשאַפטן, וועלכע גיבן אַרויס זאַמלביכער און איינצלנע ווערק וועגן שפינאַזא. איינע פון די הויפּט־פראַגן אין באַצוג צו דער טעמע „שפינאַזא און יידנטום" איז, ווי ווייט איז שפינאַזא געווען באַאיינפלוסט פון פון יידישע דענקער. אויך וועגן דעם זיינען געשריבן געוואָרן פיל אָפּהאַנדלונגען. עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז שפינאַזא האָט פיל גענומען פון „מורה נבוכים" פון רמב"ם, פון רלב"ג און הויפּטזעכלעך פון אור ה' פון קרשקש, און וואָרשיינלעך אויך פון דער קבלה עיונית (דעם עצם געדאַנק פון דער אידענטיטעט פון געטלעכקייט און נאַטור, נאָר אין אַ מער פּאַנטעאיסטישער פאָרם). — דער איינפלוס פון שפינאַזא אין דער אינערלעכער גייסטיקער געשיכטע פון יידנטום איז ניט געווען באַזונדערס גרויס. ביז דער השכלה־צייט איז אין דער יידישער גייסטיקער וועלט דער נאָמען שפינאַזא און זיין שיטה כמעט ניט געווען באַקאַנט. ערשט אין דער השכלה־צייט איז אויך אין דער יידישער וועלט דערוועקט געוואָרן דער אינטערעס צו שפינאַזא; משה מענדלסאָן איז געווען שאַרף קעגן שפינאַזא, האַלטנדיק זיין שיטה פאַר אַ שאַרף אַטעאיסטישע און אַנטי־עטישע; דר. שלמה רובין, אברהם קראַכמאַל און אַנדערע זיינען געווען אַנהענגער פון שפּינאַזא און רובין האָט אין 1885 איבערזעצט די „עטיק" אין העברעאיש מיטן

נאָמען „חקר אלה״; אין דער לעצטער צייט האָט דר. יעקב קלאַצקין אויך איבערזעצט די „עטיק״ אין העברעאיש; אין העברעאיש איז פאַראַן (צווישן אַנדערע) פון נחום סאָקאָלאָוו אַן אויספירלעך ווערק איבער ברוך שפינאָזאַ, אין וועלכן עס ווערט אויך געגעבן די ספרדישע סביבה אין וועלכער שפינאָזא האָט געלעבט; אין יידיש איז פאַראַן אַ גרעסער זאַמל־ווערק איבער שפינאָזא פון דר. יעקב שאַצקי. — וועגן שפינאָזא זענען אויך געשריבן געוואָרן דערציילונגען, צווישן אַנדערע אויך בערטאָלד אויערבאַך, „ברוך שפינאָזא״, און זאַנגוויל אין די „טרוימער פון געטאָ״.

**שפראַכן** דאָס יידישע פאָלק האָט אין דער לאַנגער צייט פון דער געשיכטע און אין פאַרשידענע לענדער געהאַט פאַרשידענע „יידישע שפראַכן״ (אחוץ וואָס פיל יידן האָבן זיך באַנוצט מיט שפראַכן פון אַנדערע פעלקער). די ערשטע יידישע שפראַך איז געווען העברעאיש, נאָכער אַראַמעאיש, אַ געוויסע צייט אויך יידיש־גריכיש, יידיש־אַראַביש, יידיש־איטאַליעניש, יידיש־שפּאַניש, יידיש־פערסיש, יידיש־סלאַוויש, און די פאַרשפרייטסטע פון זיי יידיש־גערמאַניש, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „יידיש״. וועגן דעם זע זוכווערטער „העברעאיש״, „אַראַביש״, „אַראַמעאיש״, „יידיש״, „שפּאַניאָליש״.

**שפרוט (שאַפרוט) אבן, חסדאי הנשיא** (לערך 915 — 970 אָדער 990); באַרימטער יידישער מיניסטער, דאָקטאָר און פילאַנטראָפ אין שפּאַניע אין קאָרדאָוואַ. געפירט די דיפלאָמאַטישע ענינים פון די אַראַבישע קאַליפן און דערמיט פיל געהאָלפן דעם לאַנד; ער האָט זיך פיל באַמיט דורך זיינע דיפלאָמאַטישע באַציאונגען צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע אויך אין אַנדערע לענדער; ער האָט געשטיצט יידישע געלערנטע (צווישן זיי די מדקדקים מנחם בן סרוק, דונש בן לברט און אַנדערע), געגרינדעט און אויסגעהאַלטן ישיבות; ער איז אויך באַקאַנט דורך זיין בריוו וואָס ער האָט געשיקט צום יידישן מלך יוסף פון די כוזרים און וואָס איז דער הויפט־יסוד פאַר דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון די כוזרים (זע „כוזרים״).

**שפריכווערטער** ביי יידן זענען געווען זאַמלונגען פון שפריכווערטער שוין אין די גאָר אַלטע צייטן. אין העברעאיש איז אַ „שפריכוואָרט״ באַצייכנט געוואָרן מיט דעם וואָרט „משל״, און דערפון איז די עלטסטע זאַמלונג שפריכווערטער אָנגערופן געוואָרן „משלי״ (זע זוכוואָרט „משלי״). שפריכווערטער זענען פאַראַן ניט נאָר אין משלי נאָר אויך אין אַנדערע תנ״ך־ספרים (ישעיה, ירמיה, יחזקאל, תהלים, תרי עשר, קהלת און אַנדערע). עס איז זיכער אַז אויך אין ספר בן סירא זענען פאַראַן פאָלקס־שפריכווערטער; אין דער תלמודישער ליטעראַטור געפינען מיר פיל שפריכווערטער, און טייל פון זיי זענען באַצייכנט געוואָרן מיט׳ן נאָמען „היינו דאמרי אינשי״ (אַזוי זאָגן מענטשן), און אַ זאַמלונג פון די דאָזיקע ווערטער געפינען זיך אין בבא קמא צ״ב. די דאָזיקע שפריכווערטער פון תנ״ך און תלמוד אַנטהאַלטן ניט נאָר דברי מוסר נאָר אויך פראַקטישע לעבנס חכמה, און זיי טראָגן דעם כאַראַקטער פון פאָלקסשאַפונגען, פאָלקלאָר. אויך שפעטער אין מיטלאַלטער זענען אַנטשטאַנען אין פאָלק שפריכווערטער, פון וועלכע פיל זענען צעוואָרפן איבער די פאַרשידענע דידאַקטישע מוסר־ספרים. אין דער נייער צייט האָט זיך באַשעפטיקט מיט זאַמלען

שפּריכווערטער אין דער יידישער שפּראַך איגנאַצי בערנשטיין, וועמענס גרויס ווערק „יידישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן" (פאַרעפנטלעכט 1908) איז פונדאַמענטאַל און באַשטייט פון אַ זאַמלונג פון קרוב 4,000 שפּריכווערטער מיט באַמערקונגען און דערקלערונגען און איינלייטונג. — זאַמלונגען פון תלמודישע שפּריכווערטער זענען דערשינען אַ סך, און די אויספירלעכסטע פון זיי איז הייימאַנס „אוצר דברי חכמים ופתגמיהם".

**ש"ץ** ראשי תבות פון „שליח ציבור" און איז באַנוצט געוואָרן אַלס טיטל פאַר אַ חזן; מיטן ראשי תבות „ש"ץ" האָט מען אויך באַצייכנט שבתי צבי, און זיין באַוועגונג האָט געהייסן „שצ"יות".

**שקל** נאָמען פון אַלטער מטבע. ווערט דערמאָנט שוין אין די ערשטע צייטן פון תנ"ך, ביי אברהם אבינו (בראשית כ"ג); די דאָזיקע מטבעות זענען געווען גאָלדענע („שקלי זהב", דברי הימים א' כ"א) און זילבערנע, און וואַרשיינלעך זענען די קלענערע מטבעות, דער „מחצית השקל" (אויך געהייסן בקע, שמות ל'), דער „שלישית השקל" (נחמיה י') און דער „רבע שקל כסף" (שמואל א' ט') געווען פון זילבער (ביים רבע שקל שטייט בפירוש „כסף"). וועגן „מחצית השקל" אָפּצאָל פאַר דעם בית המקדש דורך יעדן ייד זע „מחצית השקל". וועגן די געפונענע שקל־מטבעות פון דער צייט פון בית שני זע „מטבע, מטבעות". — אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז איינגעפירט, אַז יעדער מיטגליד צאָלט יערלעך דעם אָפּצאָל אַ „שקל" (אַ האַלבן דאָלער), און נאָר דער שקל־צאָלער האָט דאָס רעכט צו וויילן צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

**שקלים** מסכתא אין סדר מועד, 8 פּרקים משניות, תוספתא 3 פּרקים; האָט נאָר גמרא ירושלמי און ניט בבלי; באַהאַנדלט די דינים פון שקלים וואָס מען האָט געצאָלט פאַרן בית המקדש און אויך פאַרשידענע אַנדערע דינים וועגן דער פאַרוואַלטונג פון בית המקדש.

**שקר** אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק ווערט שקר, זאָגן ליגן (אין קעגנזאַץ צו דער גוטער מידה פון „אמת"), באַטראַכט אַלס איינע פון די שלעכטע מידות, פון וועלכע דער מענטש דאַרף זיך דערווייטערן. דער חומש שמות כ"ג זאָגט אַז „מדבר שקר תרחק" (פון זאָגן ליגן זאָלסטו זיך דערווייטערן). אויך אין די אַנדערע ספרים פון תנ"ך ווערט געטאַדלט דער שקר; דאָס זעלבע ווערט אויך אין תלמוד און שפּעטערע ספרי מוסר אָנגעוויזן אויף די פליכט ניט צו זאָגן קיין ליגן; נאָר אין פאַל ווען דאָס קאָן שטערן דעם שלום פון מענטשן, מוז מען ניט זאָגן דעם אמת (יבמות ס"ה). — זע זוכוואָרט „אמת".

**שר, שרים** אין העברעאיש „הערשער", אָנגעזעענער פירער, אַ מאַן וואָס פאַרנעמט אַ הויכן אַמט; ווען משה רבנו האָט איינגעפירט די פאַרוואַלטונג פון די יידן האָט ער באַשטימט איבער זיי „שרי אלפים" (עלטסטע איבער טויזנטער), שרי מאות (עלטסטע איבער הונדערטער) און אַזוי ווייטער (שמות י"ח); די מלאכים אין הימל, וואָס זענען ממונה איבער די פעלקער אויף דער ערד, הייסן אין יידישן פאָלקס־גלויבן „שרים", און לויט דעם דאָזיקן גלויבן האָט יעדעס פאָלק זיין שר אין הימל; דער שר פון יידן אין הימל איז, לויט דעם דאָזיקן גלויבן, מיכאל המלאך, וועלכער הייסט (דניאל י"ב) „השר הגדול".

**שרה** דאָס ווייב פון אברהם אבינו; געהייסן צוערשט „שרי" און דערנאָך האָט גאָט געהייסן ענדערן איר נאָמען

אויף „שרה'' (בראשית י''ז); אין חומש בראשית קאַפּיטלעך י''א — כ''ג ווערן דערציילט די סיפּורים וועגן לעבן פון אברהם און שרה, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין קינדער און ערשט אויף דער עלטער האָט זי געבוירן יצחקן; אין בראשית כ''ג ווערט דערציילט ווי שרה איז געשטאָרבן אין עלטער פון 127 יאָר און איז געקורמען צו קבורה אין דער מערת המכפלה. — איז די ערשטע פון די 4 אמהות פון יידישן פאָלק (שרה, רבקה, רחל, לאה), און אין תלמוד און מדרשים ווערט דער ציילט וועגן דער צדקות פון שרה (מדרש תנחומא פרשת חיי שרה, און אַנדערע ערטער).

**שרון** נאָמען פון פלאַכלאנד וואָס ציט זיך אין ארץ־ישראל ביים ברעג פון מיטלענדישן ים צווישן יפו און חיפה; ווערט דערמאָנט אין תנ''ך (יהושע י''ב, ישעיה ל''ה, שיר השירים ב'), אין דעם עמק השרון זענען פאַראַן די גרעסטע יידישע קאָלאָניעס פון פּרדסים.

**שרח בת אשר** זע „סרח בת אשר''.

**שרירא גאון, רב** (לערד 900 — 1001), באַרימטער גאון אין בבל אין דער ישיבה פון פומבדיתא, פאָטער פון רב האי גאון; געשטאַמט פון ה־ויסן יחוס, וועלכער האָט זיך געצויגן, לויט דער טראַדיציע, ביז דוד המלך; ראש ישיבה אין פומבדיתא זינט 968; אַנערקענטער רעליגיעזער יידישער פירער, געענטפערט פיל תשובות אויף שאלות פון יידישע קיבוצים אין פאַרשידענע לענדער, מצרים, שפּאַניע, איטאַליע און מזרח־לענדער. אין „ספר הקבלה'' פון רבי אברהם אבן דאוד (ראב''ד דער ערשטער) ווערט דערציילט, אַז מען האָט אויפגעהאַנגען רב שרירא גאון אויף איין האַנט ווען ער איז אַלט געווען 100 יאָר; אָבער פון אַנדערע קוואַלן ווערט ניט באַשטעטיקט די דאָזיקע ידיעה וועגן קדושים־טויט פון שרירא; עס איז נאָר באַקאַנט, אַז ער און זיין זון רב האי זענען געווען אַ געוויסע צייט אָבעסטירט. — אַחוץ דורך זיינע תשובות און פּירושים (אין וועלכע ער ווייזט אַרויס די ראַציאָנאַליסטישע אויפאַסונג צו דערקלערן די וואונדערלעכע סיפּורים פון מדרש און אגדה דורך דרך הטבע און דרך משל), איז רב שרירא באַרימט דורך זיין בריוו „אגרת דרב שרירא גאון'', וועלכן ער האָט געשריבן צו יידישע חכמים אין קיירואַן (צפון־אַפריקע) אויף זייער פראַגע פון „כיצד נכתבה המשנה'' (ווי אַזוי איז געשריבן געוואָרן די משנה). אין דאָזיקן בריוו גיט רב שרירא געניע כראָניקאַלע ידעות וועגן תנאים, אַמוראים, ראשי הגולה, רבנן סבוראי און גאונים ווי אויך וועגן דער אַנטשטייאונג פון משנה, תלמוד, דאַטעס וועגן די יידישע פירער פון די צייטן פון דער משנה ביז זיין צייט. מען דענקט, אַז דער „בריוו'' איז געשריבן געוואָרן לערד 988. די באַדייטונג פון דער „אגרת'' פאַר דער פאָרשונג פון יידישער געשיכטע אין דער צייט פון תלמוד און שפּעטער אין בבל איז אומגעוויינלעך גרויס; די „אגרת'' איז פאַראַן אין צוויי נוסחאות; מען רופט זיי „די שפּאַנישע, ווייל זי ווערט געבראַכט ביי די חכמי ספרד, און די „פראַנצויזישע'' פון די חכמי צרפת, און איינער פון די הויפּט־אונטערשידן איז זיי איז וועגן דער פראַגע, צי רבי יהודה הנשיא האָט ביים מסדר זיין די משנה זי געהייסן אויפשרייבן, אָדער זי איז געבליבן בעל פה, און מען האָט זי אויפגעשריבן ערשט שפּעטער אין דער צייט פון די רבנן סבוראי. איין נוסחא (די שפּאַנישע) איז, אַז מען האָט זי יאָ אויפגעשריבן, די אַנדערע, די פראַנצויזישע, איז, אַז ניט. פון דער אגרת רב שרירא

גאון זענען פאראן עטלעכע אויסגאבן דורך פארשידענע געלערנטע פון פארשידענע כתבי־יד. איינע פון די ערשטע אויסגאבן איז צום סוף פון „ספר יוחסין" פון רבי אברהם זכותא; בער גאלדבערג האט ארויסגעגעבן די „אגרת" לויט א כתב־יד (מאינץ 1873); די בעסטע אויסגאבע איז פון ב. לעווין, אין וועלכער עס זענען געגעבן ביידע נוסחאות, ווי אויך אן איינלייטונג.

**שש, ששים, ששת** אין העבעראיש איז „שש" זעקס; ששי, דער זעקסטער; ששים, זעכציק; ששת, זעקס אין א נסמך צו נאך א ווארט; די דאזיקע ווערטער ווערן באנוצט אין פיל אויסדרוקן. „ששים רבוא" (600 טויזנט) וואס ווערט אנגעגעבן אלס צאל פון יידן, וועלכע זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים; „ששת ימי בראשית", די 6 טעג אין וועלכע גאט האט באשאפן די וועלט; „ששי" צו באצייכענען די 6טע עליה שבת ביים אויפרופן צו דער ספר תורה, און זי ווערט באטראכט אלס די חשובסטע עליה און ווערט געוויינלעך געגעבן דעם רב.

**ששפורטש (סאספארטאס), יעקב** (1610 אין מאראקא—1698 אין אמסטערדאם). רב און מקובל, מחבר פון שאלות ותשובות „אהל יעקב"; שארפער קעמפער קעגן שבתי צבי און זיינע אנהענגער; זיין ווערק „ציצת נובל צבי", פון וועלכן עס איז געווען געדרוקט דער „קיצור ציצת נובל צבי", איז איינער פון די וויכטיקסטע קוואלן פאר דער געשיכטע פון שבתי צבי באוועגונג; ער האט אויך מחבר געווען „תולדות יעקב" (אויפצייכענונגען פון פסוקים פון תנ"ך וואס ווערן געבראכט אין ירושלמי) און אנדערע ספרים.

**שת** נאמען פון 3טן זון פון אדם הראשון לויט דעם סיפור פון חומש בראשית ד'; צוליב דעם וואס לויט דעם סיפור אין חומש שטאמט פון אים נח, וועלכער איז אליין ניצול געווארן פון מבול, הייסט עס אז לויט דער טראדיציע פון חומש שטאמען אפ פון שת אלע מענטשן. — וואס פאר א שייכות עס האבן די „בני שת" פון בלעמס שירה (במדבר כ"ד) מיט דעם שת איז ניט קלאר.

**שתדלן** טיטל פאר יידישע כלל־טוער אין מיטלאלטער ביז דעם 19טן יארהונדערט, וועלכע פלעגן זיך משתדל זיין ביי די רעגירונגען, מלכים, פירשטן, לטובת זייערע יידישע ברידער. געוויינלעך פלעגן די שתדלנים באשטיין פון יידישע גביהים, וועלכע האבן געפירט געשעפטן אין די הויפן פון די פירשטן און האבן דאדורך געהאט צו זיי א פערזענלעכן צוטריט. די דאזיקע שתדלנים זענען באטראכט געווארן אלס זייער נוצלעכע און וויכטיקע יידן און וועגן זיי זענען פאראן דינים אין שולחן ערוך חושן משפט; אין די אמאליקע דייטשע לענדער האבן די שתדלנים געהאט אפט אפיציעלע טיטלען ווי „הויף־יידן", „רעזידענטן" וכדומה. צו די בארימטסטע שתדלנים האט געהערט רבי יאזעלמאן פון ראסהיים (זע „יאזעלמאן").

# ת

**ת (תיו)** דאָס 22סטע אות אין העברע־אישן און יידישן אלף־בית; אלס ציפער האָט עס די באַדייטונג פון 400; דער „ת'' קומט טיילמאָל מיט אַ פּינטעלע (דגש) אינעווייניק און טיילמאָל אָן אַ פּינטעלע; אין דער אשכנזישער אויס־שפּראַך פון העברעאיש ווערט די „ת' אָן אַ פּינטעלע ארויסגערעדט ווי אַ סמך; אין דער ספרדישער אויסשפּראַך ווערן ביידע אַרויסגערעדט גלייך ווי אַ טית.

**תאומים, יוסף** (1727 אין לעמבערג — 1792 אין פראַנקפורט אַם אָדער); באַרימטער פוסק; מחבר פון ספר „פּרי מגדים'' אויף די חלקים פון שולחן ערוך אורח חיים און יורה דעה, וועלכער איז אָנגענומען ביי אַלע רבנים; ער האָט אויך מחבר געווען אַנדערע ספרים.

**תבה** זע „מבול'', „נח''.

**תבון אבן** באַרימטע פאַמיליע אין שפּאַניע און דרום־פראַנקרייך אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט, ארויסגעגעבן גרויסע פערזענלעכקייטן, באַקאַנט אַלס איבערזעצער פון אַ סך וויכטיקע ספרים פון אַראַביש אין העברעאיש. — 1) יהו־דה בן שאול אבן תבון (1120 אין גראַ־נאַדאַ, שפּאַניע — געשטאָרבן נאָכן יאָר 1190), געווען דאָקטאָר אין דרום־פראַנק־רייך אין לונעל, איבערזעצט פון אַראַביש אין העברעאיש דאָס פילאָזאָפישע עטישע ספר פון רבי בחיי אבן פקודה „חובות הלבבות'', דעם „תיקון הנפש'' פון רבי שלמה אבן גבירול, דעם „הכוזרי'' פון רבי יהודה הלוי, „אמונות ודעות'' פון רב סעדיה גאון, די ספרים „הרקמה'' און „ספר השרשים'' פון רבי יונה אבן גנאח; פון אים איז געבליבן די באַרימ־טע „צוואה'', פאַרעפנטלעכט אין די צוואות־זאַמלונג פון אייבראַהאַמס. — 2) משה (1240 — 1283) דאָקטאָר און איבערזעצער אין דרום־פראַנקרייך (זון פון ר' שמואל אבן תבון); איבערזעצט פון אַראַביש דעם רמב''מס „פּירוש המשניות'', „ספר המצוות'', „מלות ההגיון'' און אַנדערע ספרים; ער האָט אַליין אויך מחבר געווען ספרים איבער תנ''ך און אגדות; 4) שמואל אבן תבון (1150 — 1230 אין דרום־פראַנקרייך), זון פון דערמאָנטן רבי יהודה בן שאול, דאָקטאָר, פילאָזאָף, איבערזעצער; באַ־קאַנט דורך איבערזעצן דעם רמב''מס „מורה נבוכים'' פון אַראַביש אין העברע־איש מיט דער הסכמה פון רמב''ם; ער האָט אויך איבערזעצט די „שמונה פּר־קים'' און „מאמר תחיית המתים'' פון רמב''ם; ער האָט אויך מחבר געווען ספרים איבער פילאָזאָפיע.

**תהלים** נאָמען פון ספר אין תנ''ך, אין „כתובים'', וואָס ווערט פאַרעכנט אַלס דאָס הייליקסטע תנ''ך־ספר נאָך די חומשים; דאָס וואָרט תהלים שטאַמט פון וואָרט „הלל'', לויבן, דערפון „תהלה'', אַ לויב, און אין מערצאָל „תה־לות'', און עס איז אויך געוואָרן אין מער־צאָל דאָס וואָרט תהלים; אין תלמוד הייסט ער „ספר תהלים'', און טיילמאָל אויך „תילים'', און „תילי'' אין נסמך (פּסחים קי''ז, „תילי דבי רב חנן''). דאָס ספר תהלים אַנטהאַלט 150 קאַפּיטלער (מזמורים), הגם אין ירושלמי שבת פרק ט''ז און מסכתא סופרים ט''ז ווערט אָנגעגעבן „קמ''ז (147) מזמורים'', און עס ווייזט אויס, אַז טייל קאַפּיטלער, וועלכע זענען אין תהלים צעטיילט, זענען געווען אַמאָל איין קאַפּיטל („אשרי ולמה

רגשו חדא פרשתא היא", ברכות ט'). דאס ספר תהילים איז אויך איינגעטיילט אין 5 ספרים, און אין 5 „חומשים" און פון דער גמרא קידושין ל"ג („שני חומשין שניתי לו בספר תהלים") איז צו זען אז די דאזיקע איינטיילונג איז א זייער אלטע. שפעטער האט מען אויך איינגעטיילט דעם תהלים צו זאגן יעדן טאג א ‚יום" תהלים, אזוי, אז מען זאל אין פארלויף פון דער וואך קאנען אויסזאגן גאנץ תהלים. — זע זוכווארט „יום". — די מזמורים אין תהלים זענען פון פארשידענעם אינהאלט, און די גמרא פסחים קי"ז האט שוין באמערקט, אז פון די מזמורים זענען פאראן טייל, וואס זענען תפילות, טייל לויב־געזאנגען צו גאט, אנדערע דידאקטישע דברי מוסר און אנווייזונגען, אז דער מענטש דארף גיין אין גוטן וועג. דאס ערשטע קאפיטל תהלים, דער „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים", אין וועלכן עס ווערט אנגעוויזן, אז וואויל איז דעם מענטש וואס גייט ניט אין די וועגן פון די רשעים און אז דער סוף פון רשע איז א שלעכטער, און דער סוף פון צדיק איז א גוטער, איז אייגנטלעך דער לייט־מאטיוו פאר דעם גאנצן ספר תהלים. די תפלות פון תהלים, דאס אויסטענהען זיך פון איינצלנעם מענטש מיט גאט, דאס אויסגיסן דאס הארץ און אויסדריקן די האפענונג און בטחון אין דער געטלעכער הילף, איז דער גרונט־שטריך פון תהלים. די מזמורים ווערן באצייכנט אין אנהויב מיט פארשידענע נעמען ווי „מזמור", „תפלה", „תהלה", „שגיון" און אנדערע, און גאנץ אפט הויבט זיך אן דער מזמור מיט דעם ווארט „למנצח' וואס ווערט געטייטשט „צום דיריגענט", צו דעם וואס האט אנגעפירט מיט די זינגערס, וועלכע האבן דאס קאפיטל תהלים געזונגען. פון דעם איז צו זען, אז אין תהלים געפינען מיר אויך א זאמלונג פון געזאנג־ווערטער, וועלכע זענען געזונגען געווארן ביי פארשידענע פייערלעכקייטן (דערויף ווייזן אן אויך די אנהויבן פון טייל מזמורים „חנוכת הבית", „ליום השבת" און אנדערע). אין דער משנה סוכה פרק ד' און אנדערע ערטער ווערט געזאגט, אז די לויים האבן געזונגען די מזמורים פון תהלים אין בית המקדש (אנדייטונג אין דברי הימים ב' ז' „בהלל דוד"). אין דער משנה סוף תמיד ווערן אויסגערעכנט די מזמורים (דער היינטיקער „יום", וואס איז ניט דער דערמאנטער „יום"), וואס די לויים האבן געזונגען אין בית המקדש יעדן טאג. די דאזיקע מזמורים זענען זיכער אויך באגלייט געווארן מיט מוזיק אויף מוזיקאלישע אינסטרומענטן (די „כלי שיר" פון דברי הימים), ווי „על השמינית", א מוזיקאלישער אינסטרומענט וואס האט ווארשיינלעך געהאט 8 סטרונעס און אנדערע. — ווער איז דער מחבר פון ספר תהלים? געוויינלעך איז אנגענומען געווארן דורך דער טראדיציע, אז דוד המלך האט מחבר געווען דעם גרעסטן טייל פון די מזמורים, און אחוץ אים האבן אויך מחבר געווען מזמורים ידותון, אסף, די בני קרח און אנדערע, וועמענס נעמען ווערן דערמאנט אין אנהויב פון טייל קאפיטלעך. אויף איין קאפיטל ווערט אנגעגעבן דער נאמען פון משה („תפלה למשה", קאפיטל צ'): אויף 2 קאפיטלעך שלמה. דער תנא רבי מאיר אין פסחים קי"ז זאגט, אז דוד האט מחבר געווען אלע קאפיטלעך. דאס קאפיטל י"ח אין תהלים פון דוד איז פאראן אויך אין שמואל ב' כ"ב פון דוד, וועלכער ווערט אין שמואל ב' כ"ג אויך אנגערופן „נעים זמירות ישראל". טייל מפרשים, ווי רבי אברהם אבן עזרא אין זיין הקדמה, רבי משה גיקטלייא (געבראכט אין פירוש פון

אבן עזרא), רבי דוד קמחי (רד״ק) און אנדערע, האלטן, אז טייל קאפיטלעך תהלים זענען געשריבן געווארן א סך שפעטער פון דוד המלך, און טייל אפילו נאכן חורבן פון 1טן בית המקדש, ווי למשל דאס קאפיטל קל״ז „על נהרות בבל שם ישבנו״, וואס פון אינהאלט איז צו זען, אז דאס איז געשריבן געווארן נאכדעם ווי די יידן זענען פארטריבן געווארן אין גלות בבל ביים חורבן פון 1טן בית המקדש. וועגן א סך קאפיטלעך פון תהלים זענען דעריבער פאראן פארשידענע מיינונגען בנוגע דער פראגע, ווען זיי זענען פארפאסט געווארן. — דאס ספר תהלים מיט דער פארשידנקייט פון אינהאלט פון זיינע מזמורים, די אינערלעכסטע השתפכות הנפש פון זיינע תפילות („תפלה לעני כי יעטוף״, „ממעמקים קראתיך ה׳״), די פרייד און לויבגעזאנג צו גאט („לכו נרננה״, „הודו לה׳ כי טוב״, „הללויה״), דער בטחון און פעסטע אמונה אין דער געטלעכקייט („ה׳ רועי לא אחסר״), די בענקשאפט צו גאט („צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי״), דאס באזינגען די דערהאבנקייט פון דער געטלעכער נאטור („השמים מספרים כבוד אל״, „כי אראה שמיך״, „ברכי נפשי״), דאס אויסגיסן דעם צער איבער דער אונגערעכטיקייט אין דער וועלט („למה ה׳ תעמוד מרחוק״, „אל נקמות״), דאס אלץ האט געמאכט דעם ספר תהלים פאר דעם העכסטן אויסדרוק פון דער מענטשלעכער תפילה און הימן צו דער געטלעכקייט. דער ספר תהלים איז דעריבער געווארן דאס תפילה־ספר פון פיל פעלקער. ביי יידן איז דער ספר תהלים אזוי חשוב, אז פיל מזמורים זענען אריינגענומען געווארן אין דאווענען יעדן טאג און אויך ביי פארשידענע געלעגנהייטן; אינדערפרי ווערן געזאגט אין דאווענען די „פסוקי דזמרא״ („יהי כבוד״, „אשרי״ און ווייטער); דעם „יום״; פרייטיקצונאכטס די קאפיטלעך פון לכו נרננה; יום־טוב, ראש השנה, חנוכה „הלל״; אבער אחוץ די דאזיקע געוויינלעכע תפילות, זאגט מען ביי יידן סתם תהלים צי ביי אן אונגליק־פאל, ביי א קראנקען, א גזירה, אדער ווען איינער שטארבט, צי אין פאל פון שמחה, פון א פרייד צוליב א נס, ווען מען איז ניצול געווארן פון אן אומגליק. גאר פרומע יידן זאגן א גרויסן יום תהלים יעדן טאג און זענען מסיים דאס ספר תהלים יעדע וואך. אין די יידישע שטעט זענען געווען די „חברה תהלים״, יידן וואס פלעגן בציבור אויסזאגן תהלים. דער פארזאגער האט געזאגט איין פסוק און דער עולם האט נאכגעזאגט דעם צווייטן פסוק. דאס זאגן איז געווען מיט א באזונדערער רירנדער מעלאדיע, „תהלים־מעלאדיע״. אין די סידורים זענען פאראן א „יהי רצון״ צו זאגן פאר דעם זאגן תהלים און א „יהי רצון״ אויף נאכן זאגן תהלים. דאס זאגן תהלים איז געשילדערט געווארן אויך אין דער יידישער ליטעראטור (שלום אשם „תהלים־ייד״, אנסקי איז „דיבוק״ און אנדערע). צום תהלים זענען אויך געשאפן מוזיקאלישע ווערק דורך בארימטע קאמפאזיטארן (באך, מענדלסאן און אנדערע). דאס ספר תהלים איז איבערזעצט געווארן אין זייער פיל שפראכן, און פיל מאל אויך אין יידיש. הונדערטער פירושים און מאדערנע קאמענטארן און פארשונגען צום תהלים זענען געשריבן געווארן אין פארשידענע צייטן. זע אין דער איינלייטונג פון ש. ל. גארדאן צום ספר תהלים און זיין ביאור. — צום ספר תהלים איז פאראן א מדרש; מען רופט אים מדרש תהלים און אויך „שוחר טוב״ ווייל ער הויבט זיך אן מיטן פסוק „שוחר טוב יבקש רצון״ (משלי י״א). אין ירושלמי

כלאים ט׳ ווערט דערמאנט א „ספר תהלים אגדה״; אין מדרש בראשית רבה ל״ג ווערט דערמאנט „אגדת תהלים״; זע אין דער אויסגאבע פון מדרש שוחר טוב דורך שלמה באבער און אין דער איינלייטונג צו איר.

**תוכחה** (שטראף); נאמען פון די צוויי פרשיות אין חומש ויקרא כ״ו, סדרה בחוקותי, און דברים כ״ח סדרה כי תבוא, אין וועלכע משה רבנו שטראפט די יידן און זאגט זיי אן, אז אויב זיי וועלן ניט היטן די מצוות פון גאט וועלן קומען אויף זיי די שרעקלעכסטע קללות און אומגליקן. אין דער משנה מגילה פרק ג׳ ווערן די תוכחות אנגערופן קללות; דער ירושלמי מגילה אויף דער דאזיקער משנה אז ביים לייענען אין ספר טאר מען ניט מאכן קיין הפסקה אינמיטן דער תוכחה, זאגט, אז מען דארף אנהויבן און ענדיקן בדבר טוב, מיט עטלעכע גוטע ווערטער פון פרייער און דערנאך. דער מנהג איז צו לייענען די תוכחה מיט א נידעריקער שטימע און שנעל. אין טייל קהלות איז מען זיך נוהג, אז דער בעל קורא ווערט אויפגערופן צו דער עליה פון דער תוכחה.

**תוספות** („צוגאב״, פון ווארט „מוסיף״, צוגעבן); נאמען פון זאמלונגען פון קשיות און תירוצים אויף גמרא בבלי, אמייסטן צוגאב־באמערקונגען צום פירוש פון רש״י; די תוספות זענען, אין גרעסטן טייל גמרא־אויסגאבן, געדרוקט צוזאמען מיט דער גמרא, רש״י אין דער רעכטער זייט און די תוספות אין דער לינקער זייט. די „בעלי תוספות״, די גרויסע יידישע לומדים, וועמענס קשיות און תירוצים זענען געזאמלט געווארן אין די תוספות, האבן געלעבט אין 12טן און 13טן יארהונדערט (און אויך עטוואס שפעטער). די ערשטע בעלי תוספות האבן געוואוינט אין צפון־מזרח פון פראנקרייך און זיי זענען געווען די איידעמס פון רש״י, רבי מאיר פון רומרוג (הר״ם), רבי יהודה ברבי נתן (ריב״ן) און באזונדערס רש״יס אייניקלעך, און דער באדייטנדסטער פון זיי רבי יעקב תם (רבנו תם). אין יענער צייט זענען אויך געווען בעלי תוספות אין מערב דייטשלאנד, און דער אנגעזעענסטער פון זיי איז געווען רבי יצחק ברבי אשר (ריב״א). אין תוספות ווערן געבראכט פיל נעמען פון די בעלי תוספות, זייערע קשיות און תירוצים. תוספות־זאמלונגען זענען געווען פארשידענע, ווי „תוספות ישנים״, „תוספות שאנץ״ און אנדערע; דער גרעסטער טייל פון דער תוספות־זאמלונג, וואס איז געדרוקט צוזאמען מיט די גמרות, געהערט צו די אזוי־גערופענע „תוספות טוך״, ווייל דער הויפט מסדר פון זיי איז געווען רבי אליעזר פון טוך. דער הויפטשטריך פון די בעלי תוספות איז זייער פארטיפן זיך אין דער סברא פון ענין. זייערע קשיות און תירוצים צייכענען זיך אויס מיט לאגיק און קלארקייט. פון די תוספות זענען ארויסגענומען געווארן הלכות און געזאמלט אין „פסקי תוספות״, וועלכע זענען געוויינלעך געדרוקט אין אנהויב אדער צום סוף פון די גמרות. — זע וויים, „דור דור ודורשיו״, חלק ד׳.

**תוספת יום-טוב** זע „העלער, יום־טוב״.

**תוספתא** (צוגאב), זאמלונג פון הלכות און ווערטער פון תנאים, ווערט באטראכט אלס „צוגאב״ צו דער משנה, און דערפון איז דער נאמען תוספתא. אין דער גמרא סנהדרין פ״ו ווערט געזאגט אז „סתם תוספתא רבי נחמיה״ און טייל דענקען דערפון, אז דער מסדר פון דער תוספתא איז געווען דער תנא

רבי נחמיה; אָבער די תוספתא אַנטהאַלט הלכות פון תנאים וועלכע האָבן געלעבט נאָך רבי נחמיהן; לויט אַנדערע מיינונגען איז די תוספתא געזאַמלט געוואָרן דורך די ערשטע אמוראים רבי חייא און רבי הושעיא רבה; פאַראַן אויך אַ מיינונג, אַז די תוספתא איז ענטגילטיק צונויפגעשטעלט געוואָרן גאָר שפּעטער, אין דער צייט פון די רבנן סבוראי. די תוספתא איז אויף גאַנץ משניות מיטן אויסנאַם פון די מסכתות אבות, קנים, מידות און תמיד; טייל מסכתות טראָגן אין דער תוספתא אַנדערע נעמען, ווי למשל „יומא" הייסט „יום הכיפורים". אויך די צאָל פּרקים פון דער תוספתא שטימען ניט טיילמאָל מיט דער צאָל אין דער משנה. דער תוספתא־פאַרשער צוקערמאַנדעל מיינט, אַז צוערשט איז געווען די תוספתא, און אַז אונדזער משנה איז אַ „קיצור" געמאַכט פון דער תוספתא. — אויף דער תוספתא זענען פאַראַן פאַרשידענע פירושים. — זע וויים, „דור דור ודורשיו" חלק ב'; זע צוקערמאַנדעלס תוספתא־אויסגאַבע לויט אַ דריי כתבי יד.

**תורה** דאָס וואָרט „תורה" שטאַמט פון העברעאישן „הורה", לערנען, אָנווייזן, און „תורה" הייסט דעריבער „לערע", זאַמלונג פון „לערעס", פון אָנווייזונגען. דאָס וואָרט „תורה" האָט אין יידנטום פיל באַדייטונגען. — 1) „תורה", אויך „תורת משה", הייסן די 5 חומשים (בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים) אין באַצוג צו די אַנדערע ספרים פון תנ"ך די נביאים און כתובים. וועגן די חומשים זע זוכוואָרט „חומשים", און וועגן תורה אַלס טייל פון תנ"ך זע זוכוואָרט „תנ"ך". — 2) „תורה" הייסט אויך די ספר תורה; וועגן דעם זע זוכוואָרט „ספר תורה"; וועגן לייענען ספר תורה זע „קריאת התורה". —

3) „תורה" אין ברייטסטן זין הייסט דאָס רעליגיעזע לערנען איבערהויפּט, און נעמט אַרום ניט נאָר חומש נאָר איבערהויפּט אַלץ, וואָס גייט אַריין אין רעליגיעזן לערנען פון יידנטום. אין דעם זין דאַרף פאַרשטאַנען ווערן דאָס וואָרט תורה אויך אין פיל ערטער אין תנ"ך. אין דער משנה און גמרא און שפּעטערע ספרים ווערט תורה אָמייסטן באַנוצט אין דאָזיקן ברייטערן זין. ווען שמעון הצדיק אין אבות א' זאָגט, אַז איינער פון די דריי יסודות פון דער וועלט איז תורה, מיינט ער דאָס רעליגיעזע לערנען איבערהויפּט. ווען די משנה און גמרא באַנוצן דאָס וואָרט „תלמוד תורה", לערנען תורה", מיינען זיי דעם רעליגיעזן לימוד בכלל. עס ווערט געמאַכט דער אונטערשיד צווישן „תורה שבכתב" וואָס מיינט גאַנץ תנ"ך איבערהויפּט (וואָס איז געווען געשריבן), און תורה שבעל פה, משנה און גמרא, וואָס מען האָט אין די ערשטע צייטן ניט געטאָרט אויפשרייבן נאָר לערנען אויסנווייניק (גטין ס'). אָבער ביידע האָבן געהייסן תורה. דאָס לערנען תורה, דאָס הייסט דער רעליגיעזער לימוד איבערהויפּט, איז דאָס העכסטע אין יידנטום (פאה א' „תלמוד תורה כנגד כולם"). אויך אין פיל אַנדערע ערטער אין דער משנה און גמרא (באַזונדערס אין דער ברייתא פון „קנין תורה", וואָס איז דער צוגאָב זעקסטער פּרק אין אבות) ווערט געריימט די מעלה פון עוסק זיין אין תורה, לערנען; אויך אין יידיש: תורה איז די בעסטע סחורה. פון וואָרט תורה שטאַמען פיל באַגריפן וועלכע זענען צוזאַמענגעזעצט פון וואָרט תורה און נאָך אַ וואָרט ווי „תלמוד תורה" (דאָס אָרט, וואו מען לערנט מיט קינדער), „בן תורה" (איינער וואָס קען לערנען), „דברי תורה" (הלכות וואָס זענען פאַראַן אָדער ווערן אָפּגעלערנט פון

חומש) אין קעגנזאַץ צו דברי סופרים (זע זוכוואָרט „סופרים״), שמחת תורה און אַנדערע. אין דער חסידישער וועלט רופט מען „תורה״ די ווערטער וואָס דער רבי זאָגט ביים טיש, און עס הייסט „דער רבי זאָגט תורה״. — דער מדרש בראַשית רבה א׳ זאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט לויט דער תורה און אַז די תורה האָט עקזיסטירט פאַר דער וועלט־שאַפונג. — די תורה ווערט אָנגערופן „די הייליקע תורה״, „תורה הקדושה״. איינער פון די דרייצן עקרים פון דער יידישער אמונה איז „תורה מן השמים״, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן פון גאָט אין הימל, און די משנה אין סנהדרין פרק חלק זאָגט, אַז ווער עס זאָגט „אין תורה מן השמים״ (די תורה איז ניט געגעבן געוואָרן פון הימל, נאָר מענטשן האָבן איר מחבר געווען) האָט ניט קיין חלק לעולם הבא. — זע זוכווערטער „חומש״, „לערנען״, „קריאַת התורה״, „ספר תורה״, „תנ״ך״

**תורה שבכתב, תורה שבעל פה** זע זוכוואָרט „תורה״; וועגן „תורה שבעל פה״ זע זוכווערטער „הלכה״, „משנה״, „תלמוד״.

**תורת כהנים** מיט דעם נאָמען ווערט אָנגערופן אין תלמוד דער ספר ויקרא ווייל דאָרט ווערן געגעבן די דינים פון די כהנים; דער מדרש פון תנאים, זאַמלונג פון הלכות אויף ויקרא, ווערט אויך אָנגערופן „תורת כהנים״, און אויך „ספרא״. — זע זוכווערטער „ויקרא״ און „ספרא״.

**ת״ח, גזרת** מיטן דאָזיקן נאָמען זענען באַקאַנט אין דער געשיכטע די שרעקלעכע שחיטות אויף יידן וועלכע זענען אויסגעבראָכן אין יאָר 1648 (לויט דעם יידישן קאַלענדאַר ה אלפים ת״ח, און דערפון איז דער נאָמען „גזרת ת״ח״) און האָבן זיך געצויגן עטלעכע יאָר און האָבן אַרומגענומען אוקראַינע, פּאָדאָליע, מזרח־גאַלציע, אַ גרויסן טייל פון מזרח־פּוילן און האָבן אַפילו דערגרייכט אין צפון ביז ווילנע. די דאָזיע געשעענישן זענען אויך באַקאַנט מיטן נאָמען „כמעלניצקים מלחמות״, „קאָזאַקן־בונטן״; מען רופט זיי אויך „גזרת ת״ח ות״ט״. וועגן די דאָזיקע געשעענישן זענען געשריבן געוואָרן פיל ביכער אויפן גרונט פון פאַרשידענע דאָקומענטן און דאָס וויכטיקסטע פון זיי איז דאָס ספר „יון מצולה״ פון רבי נתן נטע האַנאָווער (זע זוכוואָרט „האַנאָווער״), וועלכער האָט אַליין איבערגעלעבט די שחיטות און האָט אין אַ קלאָרער פאָרם איבערגעגעבן כראָניקאַליש די פּאַסירונגען. אויפן שטח פון מזרח פוילן, מזרח־גאַליציע, אוקראַינע, האָבן אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט געוואוינט אַ גרעסערע צאָל יידן אין פאַרשידענע שטעט און דערפער, פאַרנעמענדיק זיך מיט האַנדל, מלאכה, אַרענדירן לאַנד־גיטער; און אין די דאָזיקע יידישע ישובים האָט געבליט אַ רייך יידיש לעבן פון תורה און געזעלשאַפטלעכקייט. די גרויסע ניט־יידישע באַפעלקערונג פון די דאָזיקע פּראָווינצן איז באַשטאַנען פון פּראַוואָסלאַווע אוקראַאינער, וועלכע האָבן גערעדט אוקראַאיניש און געהאַלטן פון דער פּראַוואָסלאַווער, גריכיש־אָרטאָדאָקסישער רעליגיע. פון זיי זענען באַשטאַנען די מאַסן פּויערים אין די דערפער און אויך טייל איינוואוינער פון די שטעט. אָבער די גרויסע לאַנד־באַזיצער, די פּריצים, זענען געווען אַמייסטן פּאָליאַקן, קאַטאָליקן, און די פּראָווינצן האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון פּוילן. די פּוילישע פּריצים און הויכע באַמטע זענען זיך באַגאַנגען מיט זייערע אוקראַאינישע פּויערים אַמייסטן ניט גוט, און דעריבער פלעגן אויסברעכן זייער

אַפּט בונטן פֿון די אוקראַינער, וועלכע זענען אָנגעפֿירט געוואָרן דורך אַ געוויסן שיכט אוקראַינער, וועלכע מען האָט גערופֿן „קאָזאַקן“; דאָס זינען געווען האַלבֿפֿרייע שבטים און אויך אַנטלאָפֿענע איינצלנע אוקראַינישע פירער, וועלכע פלעגן פֿאַרברענגען זייער צייט אויף די אינזלען אויפֿן טייך דניעפּער, באַזונדערס אויף דער אינזל „סיטש“. די פּוילישע פּריצים און רעגירונג פלעגן טייל פֿון די קאָזאַקן אַריינציען אין זייער אייגן מיליטערישן דינסט און זיי דערפֿאַר געבן געוויסע פּריווילעגיעס. אָבער אָפּט זענען די דאָזיקע פּריווילעגיעס ניט גענוג געווען און די קאָזאַקן פלעגן צושטיין צו די אוקראַינער־בונטן, אָנפֿירנדיק מיט זיי. די קאָזאַקישע פירער פלעגן טענהן, אַז ניט נאָר ווערט דאָס אוקראַינישע פֿאָלק אונטערדריקט דורך די פּוילישע פּריצים נאָר אויך דורך די יידן, וועלכע דינען ביי די פּריצים, אַרענדירן ביי זיי די לאַנד־גיטער וכדומה. דעריבער ווען עס פלעגן אויסברעכן די בונטן זענען באַפֿאַלן געוואָרן ניט נאָר פּאָליאַקן נאָר אויך יידן. — אַזעלכע בונטן זענען אויסגעבראָכן עטלעכע אין אָנהייב 17טן יאָרהונדערט, אָבער זיי זענען אַלע אונטערדריקט געוואָרן. ערשט אין יאָר 1648 איז אויסגעבראָכן דער בונט אונטער דער פירונג פֿון פּייאַקן און מיליטעריש־געשולטן באָהדאַן כמעלניצקי, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די קאָזאַקן לויט אַ פֿעסטן סיסטעם און ער האָט אויך באַוויזן צו פֿאַרבינדן זיך מיטן הערשער (כאַן) פֿון די טאַטאַרן אין קרים, וועלכער האָט אים געגעבן זיין שטאַרקע מיליטערישע הילף. די ערשטע פּוילישע אַרמייען, וועלכע זענען געגאַנגען קעגן כמעלניצקי און די טאַטאַרן, האָבן געליטן אַ שרעקלעכע מפּלה (מאַי 1648) און דאָס פֿייער פֿון בונט האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער גאַנץ אוקראַינע, פּאָדאָליע; די קאָזאַקן האָבן זיך געוואָרפֿן ניט נאָר אויף די פּאָליאַקן נאָר אויך אויף די יידן, און עס זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן אין הונדערטער שטעט איבער אַ פֿערטל מיליאָן יידן, מענער, אַלטע לייט, פֿרויען, קינדער. די קאָזאַקן האָבן זיי אָנגעטאָן — ווי דער דערמאָנטער „יון מצולה“ שרייבט — מיתות משונות. עס זענען חרוב געוואָרן אַזעלכע גרויסע קהלות ווי נעמיראָוו, טולטשין, פּאָלאָנאַ, זאַסלאַוו, אָסטראָ, באַר, קרעמענעץ און הונדערטער אַנדערע. די יידן זענען אומגעקומען אויף קידוש השם; די קאָזאַקן פלעגן זיי פֿאָרלייגן זיך צו שמדן און צו ראַטעווען זייער לעבן, אָבער נאָר איינצלנע יידן זענען ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון, און דער גאָר גרעסטער טייל האָט זיך ניט געשמדט און איז אומגעקומען. אין טייל ערטער האָבן די פּאָליאַקן פֿאַראַטן די יידן, מיינענדיק דערמיט זיך אויסצוקויפֿן פֿון די קאָזאַקן, אָבער די קאָזאַקן האָבן נאָכער אויך די פּאָליאַקן פֿאַרניכטעט. אין טייל ערטער האָבן יידן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן געקעמפֿט קעגן די קאָזאַקן. די דאָזיקע שחיטות פֿון גזרת ת״ח, וועלכע האָבן זיך געצויגן מיט הפסקות איבער 10 יאָר און האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אויך אויף ווייסרוסלאַנד ביז ווילנע, ווי אויך די שפּעטערע שחיטות אויף יידן אין פּוילן זעלבסט צוליב דער מלחמה צווישן פּוילן און שוועדן (1658), האָבן כמעט ווי פֿאַרניכטעט דאָס אוקראַיניש־פּוילישע יידנטום און מען נעמט אָן, אַז איבער 300 קהלות זענען חרוב געוואָרן; עס זענען רואינירט געוואָרן און עס זענען אומגעקומען (אויך פֿון הונגער און קראַנקייטן) ביי אַ האַלבן מיליאָן יידן. אַ סך יידן זענען גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט דורך די טאַטאַרן און פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין די טערקישע

לענדער און זענען דארט אויסגעליייזט געווארן דורך די טערקישע יידן. א סך האבן אויסגעוואנדערט אין אנדערע אייראפעאישע לענדער, צווישן זיי פיל רבינים און מחברים. פון דעמאלט אן איז דאס פויליש־אוקראינישע יידנטום, די יידן וואס זענען פארבליבן נאך די שחיטות, געווארן שרעקלעך פאראָרעמט, גייסטיק און עקאנאמיש. — וועגן דער גזרת ת״ח זענען געבליבן א ריי ספרים פון יענע צייטן; דאס וויכטיקסטע איז דער דערמאנטער „יון מצולה" פון האנאווער; וויכטיק זענען אויך פון ר׳ מאיר שעברעשין „צוק העתים" און שמואל פייביש „טיט היון", וועלכע געבן רשימות פון די חרוב־געווארענע קהלות; פון רבי שבתי כהן (ש״ך) איז פאראן די „מגילת עיפה"; גורלאנד איז זיין „לקורות הגזרות בישראל" האט געזאמלט נאך אנדערע דאקומענטן; אין יידיש איז פאראן דר. וויינרייכס „שטורעמווינטן", שאצקים „גזרת ת״ח", היסטארישע שריפטן פון „ייוואו". איבער דער גזרת ת״ח זענען געשריבן געווארן אויך דערציילונגען (צווישן אנדערע איז פאראן אין יידיש שלום אשם „קידוש השם"). — זע זוכווערטער „אוקראינע", „האנאווער".

**תחיית המתים** (דאס אויפשטיין צום לעבן פון טויטע); דאס איז איינער פון די 13 עקרים פון דער יידישער אמונה, אז עס וועט קומען א צייט, ווען די פארשטארבענע וועלן צוריק לעבעדיק ווערן. אויפשטיין תחיית המתים. מען דארף אונטערשיידן דעם דאזיקן גלויבן פון גלויבן אין „השארת הנפש", פון „אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה". מיט השארת הנפש מיינט מען, אז די נשמה פון מענטש לעבט נאכן טויט, הגם דער גוף, דער קערפער, איז טויט. אבער מיט תחיית המתים מיינט מען, אז דער קערפער פון מענטש וועט צוריק ווערן לעבעדיק. דער דאזיקער גלויבן ווערט אויסגעדריקט ניט נאר אין די 13 עקרים, וואס מען זאגט יעדן טאג, נאר אויך אין דאווענען אין דער שמונה עשרה, וואו די צווייטע ברכה איז „מחייה המתים", און אויך אין אדון עולם און „יגדל". וועגן דער פראגע ווען וועט פארקומען די תחיית המתים זענען פאראן פארשידענע מיינונגען ביי די יידישע חוקרים אין מיטלאלטער. געווינלעך איז אנגענומען, אז תחיית המתים וועט פארקומען ווען משיח וועט קומען, און אז דעמאלט וועלן שוין אלע לעבן אייביק. די משנה סוף סוטה זאגט, אז תחיית המתים וועט פארקומען דורך אליהו הנביא. די אמונה אין תחיית המתים איז ביי יידן זייער אלט. די משנה אין סנהדרין פרק חלק רעכנט אויס צווישן די, וואס וועלן ניט האבן קיין חלק לעולם הבא, אויך די דאזיקע וואס האלטן „אין תחיית המתים מן התורה", אז אין דער תורה איז ניט פאראן די אמונה אין תחיית המתים. די גמרא ברענגט פסוקים פון חומש אפצולערנען תחיית המתים. עס איז זיכער אז אין דניאל י״ב ,ורבים מישיני ארמת עפר יקיצו" ווערט דער גלויבן אין תחיית המתים אויסגעדריקט. עס איז אויך זיכער, אז עס זענען געווען אין די תנ״ך־צייטן אזעלכע וואס האבן געלייקנט אין תחיית המתים (די פסוקים אין איוב ז׳ און י״ד „כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה" און אנדערע). די גמרא אין בבא בתרא ט״ז זאגט דערויף „מכאן שכפר איוב בתחיית המתים" (איוב האט ניט געגלויבט אין תחיית המתים). די צדוקים אין דער צייט פון בית שני האבן ניט געגלויבט אין תחיית המתים און אין דער גמרא סנהדרין צ׳ זענען פאראן ויכוחים פון תנאים מיט די אומגלויביקע. אין מיטלאלטער זענען געשריבן געווארן

פיל מאמרים וועגן תחיית המתים דורך די באדייטנדסטע דענקער (רב סעדיה גאון אין „אמונות ודעות“, דער רמב"ם אין זיין בארימטן „מאמר תחיית המתים“ און אנדערע). דער מפרש המשנה רבי ישראל ליפשיץ מחבר פון תפארת ישראל אויף משניות (אין דער 1טער העלפט פון 19טן יארהונדערט) האט צום סוף פון זיין פירוש אויף סדר נזיקין פארעפנטלעכט דעם מאמר „אור החיים“ צו באווייזן, אז דער גלויבן אין תחיית המתים איז ניט קעגן מאדערנער וויסנשאפט — זע זוכווערטער „אומשטערבלעכקייט פון נשמה“, „משיח“, „עולם הבא“, „עקרים“.

**תחינות** דאס ווארט „תחינה“, מערצאל תחינות, איז דער טייטש „בעטן“, און געפינט זיך עטלעכע מאל אין תנ"ך, ווי „כל התפלה וכל תחנה“ (מלכים א' ח') און אנדערע ערטער. עס איז אנגענומען אנצורופן מיטן נאמען „תחינות“ די זאמלונגען פון ספעציעלע תפילות, געשריבן אין יידיש פאר פרויען, באשטימט פאר פארשידענע געלעגנהייטן, ווי פאר ליכט בענטשן און אזוי ווייטער. צווישן די צונויפשטעלער פון די תחינות זענען געווען אויך פרויען. די באקאנטסטע פון די תחינות איז די „שס־תחינה“; אויף טייל תחינות איז אנגעגעבן, אז דער מחבר איז געווען „שרה בת טובים“. זע רייזענס ערשטן „לעקסיקאן“, פון יאר 1914, אין וועלכן עס זענען אויך פארצייכנט מחברים און מחברות פון תחינות. — די ערשטע תחינות־זאמלונג אין יידיש־טייטש איז געדרוקט געווארן אין באזל 1609 מיטן נאמען „תחינות ובקשות“. טייל תחינות־זאמלונגען זענען איבערזעצט געווארן אין אנדערע שפראכן, דייטש, ענגליש („מעדיטיישן און דהי הארט“, ניו־יארק 1900, פון עני ליוויי).

**תחנון** (בעטן); דאס ווארט „תחנונים“ אין זין פון מתפלל זיין צו גאט איז פאראן אין תנ"ך (דניאל ט' „תפלה ותחנונים“), און מען רופט אן מיטן נאמען „תחנון“ די געבעט־תפלות, וואס מען זאגט נאך שמונה עשרה, און וועלכע באשטייען פון פסוקים פון תנ"ך און תפלות פון פארשידענע צייטן. ביים זאגן „רחום וחנון“ לאזט מען אראפ דאס פנים אויף דער האנט, און גאר אמאל פלעגט מען דערביי פאלן כורעים; די דאזיקע תפילה ווערט דעריבער אנגערופן אין די פוסקים „נפילת אפיים“. תחנון ווערט געזאגט ביי שחרית און מנחה (געווען אמאל א מנהג צו זאגן אויך ביי מעריב), און נאר אינדערוואכנס (מאנטיק און דאנערשטיק ווערט געזאגט „ויהי רחום“, זע זוכווארט „ויהי רחום“); אין שבת, יום־טוב און האלבע ימים־טובים און סתם א שמחה של מצוה (ברית וכדומה) און אויך געוויסע טעג אין יאר ווערט תחנון ניט געזאגט. חסידים זאגן איבערהויפט ניט קיין תחנון. — זע עלבאגן „תולדות התפלה והעבודה בישראל“ (אין העברעאישער איבערזעצונג, קאפיטל 10).

**תימן** אראביש לאנד אין דרום־מערב פון אראבישן האלב־אינזל, לערך 3 מיליאן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 90,000 יידן. לויט איין טראדיציע געפינען זיך די יידן אין תימן פון דער צייט פון גלות בבל; יעדנפאלס איז דער יידישער ישוב א זייער אלטער. אין 5טן יארהונדערט זאל אין תימן האבן געווען א יידישע מלוכה; נאכער ווערן דערמאנט מלחמות צווישן די יידן אין תימן און מאכמעד (אין 7טן יארהונדערט). אין די העברעאישע ספרים ווערן דאס ערשטע מאל דערמאנט די תימנער יידן אין דעם בארימטן בריוו פון רמב"ם „אגרת תימן“, געשריבן צו די יידן אין תימן וועגן א פאלשן משיח. די יידן אין תימן

האבן כסדר געליטן אונטער דער אַראַ־
בישער הערשאַפט, שחיטות, גזירות
שמד, די נידעריקסטע בעגרענעצונגען,
און ביז היינט זענען זייערע ליידן שרעק־
לעך. זינט 1883 האָט זיך אָנגעהויבן
אַ גרויסע עמיגראַציע פון תימנישע יידן
קיין ארץ־ישראל, וואו זיי געפינען זיך
היינט אין אַ גרעסערער צאָל אין די
שטעט און קאָלאָניעס. דער ערשטער,
וואָס האָט באַשריבן די תימנישע יידן און
זייער לעבן און מנהגים, איז געווען יעקב
אבן ספיר, אין זיין רייזע־באַשרייבונג
„אבן ספיר". די תימנער יידן האָבן
אַרויסגעגעבן גרויסע לומדים, מקובלים
און דיכטער, צווישן זיי זענען די אָנגע־
זעענסטע רבי שלום שבזי און ר' שלום
שרעבי. עס זענען ביי זיי דערהאַלטן
געוואָרן כתבי יד פון אַלטע ספרים און
מדרשים. זיי רעדן אַראַביש, אָבער אין
ארץ־ישראל גייען זיי איבער צו העברע־
איש. אין דינים פסקענען זיי ווי דער
רמב"ם, האַלטן ניט פון חרם דרבנו
גרשום און האָבן אָפט חתונה מיט מע־
רערע פרויען. אין געוואוקס זענען זיי
מייסטנס נידעריקע, דאַרע. זייער אויס־
שפּראַך איז אַ באַזונדערע (דריקן אויס
די „צדיק" ווי אַ „סמך"). — זע אבן
ספירס „מסעות".

**תיקון (תקון)** דער טייטש „פאַ־
ריכטן"; אָנגענומענער טערמין אין דער
קבלה פאַר „אויסבעסערן די נשמה",
וועלכע איז געוואָרן „נפגם", קאַליע. אין
חסידישע קרייזן איז אָנגענומען אין יאָר־
צייט צו טרינקען משקה פאַר דער נשמה
פון פאַרשטאָרבענעם, און מען רופט דאָס
„תיקון". — מיטן וואָרט „תיקון" רופט
מען אויך דאָס זאָגן תפלות און אויס־
צוגן פון תנ"ך, תלמוד, זוהר אין גע־
וויסע צייטן. וועגן „תיקון חצות" זע
זוכוואָרט „חצות"; וועגן „תיקון ליל
הושענא רבה" און „תיקון ליל שבועות"
זע „הושענא רבה" און „שבועות".

**תיקוני זוהר** זע „זוהר".

**תכלת** זע „ציצית".

**תכריכין** די קליידונג פון אַ פאַר־
שטאָרבענעם; דאָס וואָרט איז פאַראַן אין
משנה און גמרא (משנה מעשר שני ה'
און אַנדערע), און איז פון וואָרט „כרך",
„איינוויקלען". לויט אַלטע תקנות (גמ־
רע מועד קטן כ"ז, און אויך אין אַנ־
דערע ערטער) דאַרפן תכריכין זיין נאָר
פון ווייסע לייוונט. — וועגן די מנהגים
פון תכריכין זע זוכוואָרט „קבורה".

**תל** „בערגל" אין העברעאיש, און אין
אַראַביש איז עס אַ באַשטאַנד־טייל פון
נעמען פון אַ סך ערטער (אויך אין תנ"ך
איז פאַראַן אין ספר יחזקאל „תל
אביב"). דערפון זענען פאַראַן אין ארץ־
ישראל אין אַראַביש נעמען פון ערטער
מיט „תל"; אַ ריי יידישע קאָלאָניעס
אין ארץ־ישראל זענען אָנגערופן געוואָרן
מיט „תל", ווי „תל חי", „תל יוסף",
„תל מונד". — זע „תל אביב" און „תל
חי".

**תל אביב** די באַרימטע יידישע שטאָט
אין ארץ־ישראל, אויפן מיטלענדישן ים,
לעבן דער אַלטער יפו, צו צפון, ביים
טייכל „ירקון"; געגרינדעט אין 1909
דורך אַ גרופּע יידן פון יפו; איצט
(1942) ביי 200,000 איינוואוינער,
כמעט בלויז יידן; פאַרוואַלטעט דורך אַ
יידישער עיריה (שטאָטראַט און שטאָט־
פאַרוואַלטונג), אייגענעם פּאָרט (זינט
1936), רייכע אינדוסטריע־ און האַנדלס־
און פינאַנס־צענטער, באַנען, פאַבריקן;
איבער 200 העברעאישע שולן (קינדער־
גאַרטנס, פאָלקס־שולן גימנאַזיע, טעכני־
שע קורסן), פיל קולטור־אַנשטאַלטן, צענ־
דליקער שולן און בתי מדרשים, ישיבות

און תלמוד־תורות, טעגלעכע צייטונגען („דבר", „הארץ", „הבוקר", „הצופה"). מוזעאום, העברעאישע טעאטערס („הבימה", „אהל", „מטאטא"); איבער 400 גאסן; אויטאבוס־קאמוניקאציע אין דער שטאט און מיט אנדערע שטעט; אפיציעל אנערקענט שבת אלס רו־טאג און אלע געשעפטן און פאבריקן און ביוראס זענען אום שבת געשלאסן; צענטער פון מאדערנעם יידישן לעבן אין ארץ־ישראל; מאדערנע הייזער און אנשטאלטן, שפיטאלן און אנדערע געזונטהייטס־אינסטיטוציעס; צענטער פון דער יידישער ארבעטערשאפט; שטאטישער בודזשעט ביי 650 טויזנט פונט א יאר; יידישער שטאט־פרעזידענט און שטאט־פארוואלטונג. דער שטאלץ פון די יידן אין דער וועלט און באזונדערס פון ארץ־ישראל־יידנטום. דער נאמען תל־אביב (פאראן אין ספר יחזקאל) איז געגעבן געווארן צו דער שטאט לויט דעם נאמען פון נחום סאקאלאווס העברעאישער איבערזעצונג פון דר הערצלס פאנטאסטישן ראמאן וועגן אויפבוי פון ארץ־ישראל „אלטניילאנד", „תל אביב". — ידיעות וועגן תל־אביב איז צו געפינען אין „ידיעות תל אביב, וואס די „עיריה" גיט ארויס יעדן מאנאט.

**תל־חי** נאמען פון א קבוצה־קאלאניע אין צפון־ארץ־ישראל (זינט 1926 פאראייניקט מיט כפר גלעדי), לערך 60 נפשות; באקאנט דורך דער פארטיידיקונג אין 1920 דורך יוסף טרומפעלדאר און זיינע חברים קעגן אראבישן אנפאל, אין וועלכן טרומפעלדאר און אייניקע חברים זענען אומגעקומען מיט א העלדן־טויט; דערלעבן איז פאראן דער מאנומענט פאר די אומגעקומענע; אין יארצייט י"א אדר קומט מען קיין תל־חי פון גאנצן לאנד. — „קרן תל חי" (תל־חי פאנד) הייסט דער פאנד געגרינדעט דורך די רעוויזיאניסטן־ציוניסטן אין 1929 פאר קאלאניזאציע, ארבעטער־הילף, הכשרה און אנדערע טעטיקייטן. זע „רעוויזיאניסטן".

**תלמוד** מיטן נאמען תלמוד רופט מען אן די גמרא (בבלי און ירושלמי); דאס ווארט תלמוד איז דער טייטש „לערנען", און טייל באצייכענען דערמיט די גאנצע תלמודישע ליטעראטור, אלזא, אויך די משנה, תוספתא, די תנאים־מדרשים (מכילתא, ספרא, ספרי), מדרשים. דער דאזיקער ברייטער באגריף פון „תלמוד" איז פאראן טיילמאל אויך אין דער גמרא.

אבער אין גרעסטן טייל ערטער פון ברייתות און גמרא איז פאראן דייטלער דער אונטערשיד צווישן „משנה" און „תלמוד" (למשל, „ביד משה, זה תלמוד, יכול אפילו משנה, תלמוד לומר ולהורות", כריתות י"ג און אנדערע ערטער). מיר זעען דערפון, אז שוין אין די עלטע צייטן האט מען מיט „תלמוד" פארשטאנען דאס לערנען דעם פירוש צו דער משנה, דעם פשט און די באווייזן און די אויפקלערונגען פון די הלכות, דאס אייגנטלעכע, וואס מיר רופן גמרא (וועגן משנה זע זובווארט „משנה"). — די גמרא באשטייט פון „תלמוד ירושלמי", וועלכער איז צונויפגעשטעלט געווארן אין ארץ־ישראל (און דעריבער הייסט ער ירושלמי, פון ירושלים, הגם ער איז ניט צונויפגעשטעלט געווארן אין ירושלים), און „תלמוד בבלי", וועלכער איז צונויפגעשטעלט געווארן אין בבל. ביידע דאזיקע גמרות האבן בשותפותדיקע אייגנשאפטן; זיי באשטייען פון אויפקלערונגען פון די הלכות אין דער משנה, זאמלונגען פון איינצלנע הלכות פון שפעטערדיקע חכמים, „אמוראים" (זע זובווארט „אמורא"), וועלכע האבן געלעבט נאך דער צייט פון דער משנה. אבער די גמרא באשטייט ניט נאר פון הלכות און אויפקלערונגען, נאר אויך פון „שקלא

וטריאס'', פון די ויכוחים און מיינונגס־פארשידנקייטן פון די אמוראים, און פון קשיות און תירוצים און פון ווידער־אפ־פרעגונגען און ווידער־פארענטפערונגען ביז די הלכה ווערט פעסטגעשטעלט. טיילמאל ווערט אין דער גמרא ניט דער־מאנט, ווער עס פרעגט און ווער עס ענט־פערט, נאר עס איז דער „סתם פון דער גמרא'', „מען האט געפרעגט'' (איבעיא להו'' „ורמינהו''), און טיילמאל ווערט אויך ניט דערגרייכט קיין ענטגילטיקע אויפקלערונג פון דער הלכה, וועלכע בלייבט ניט אנטשידן. די גמרא באַ־שטייט ניט נאר פון הלכות און שקלא וטריאס פון הלכות, נאר אויך פון אגדה, פון זאמלונגען פון דברי מוסר, עטישע ווערטער, פירושים אויף פסוקים פון תנ''ך, היסטארישע פארצייכענונגען, פאלקס־גלויבונגען, רפואות, משלים, סיפורי־מעשיות (זע זוכווארט „אגדה''). דער תלמוד איז אזוי ארום געווארן דער יסוד פון רעליגיעזן יידישן לעבן און פון פארמירונג פון יידישע גלויבונגען און מידות און כאראקטער אין פארלויף פון 1,500 יאר, ווייל במעט אלע יידישע רע־ליגיעזע ספרים, וואס זענען געשריבן גע־ווארן שפעטער, האבן גענומען אלס זייער יסוד דעם תלמוד און האבן קאנטראלירט זייערע אייגענע מיינונגען אויך לויט דעם צי זיי זענען אין הסכם מיט דעם תל־מוד. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס צום תלמוד זענען געשריבן געווארן פיל פירושים און אויך פאר־שונגס־ספרים און אויך ביכער און אפ־האנדלונגען. צוליב דער וויכטיקייט פון תלמוד האבן פיל שונאי־ישר־אל געפרואווט אנפאלן אויפן תלמוד, וועלנדיק דערמיט אנגרייפן דעם פונדא־מענט פון פרום־רעליגיעזן, טראדיציא־נעלן יידנטום. — דער תלמוד, אדער ווי מען רופט אים אויך „גמרא'' (פון ארא־מעאישן ווארט „גמר'', „לערנען''), און אויך ש''ס (ראשי תבות פון „ששה סדרים'', ווייל די משנה אויף וועלכער דער תלמוד איז געבויט באשטייט פון 6 סדרים, זע „משנה''), באשטייט, ווי געזאגט, פון צוויי באזונדערע גמרות, פון ירושלמי און בבלי. מיר וועלן דא דער־קלערן יעדע פון די גמרות באזונדער.

דער תלמוד ירושלמי (אויך גערופן „גמרא דארץ ישראל''), איז פאראן נאר אויף משניות פון 4 סדרים (דער דערשי־נענער ירושלמי אויף קדשים איז א פאל־סיפיקאט), פון זרעים, מועד, נשים, נזי־קין און עטלעכע פרקים פון מסכתא נידה. אויך אויף טייל מסכתות פון די דער־מאנטע 4 סדרים פעלט די גמרא ירו־שלמי צו טייל פרקים. דער ירושלמי באשטייט מייסטנס פון ווערטער פון די אמוראים, וואס האבן געלעבט אין ארץ־ישראל, הגם עס זענען פאראן אויך אין ירושלמי וואס האבן געלעבט אין בבל, אבער ניט פיל. דער ירושלמי איז אלזא די זאמלונג פון די ווערטער און שקלא וטריאס פון די ישיבות אין ארץ־ישראל נאך דער צייט פון דער משנה, פון דער ענדע פון 2טן יארהונדערט, ביז דער ענ־דע פון 4טן יארהונדערט. די דאזיקע ישיבות זענען געווען אמייסטן אין די שטעט טבריה, צפורי און קסריו, עס איז פאראן א מיינונג, אז דער ערשטער וואס האט געפרואווט צונויפשטעלן דעם תל־מוד ירושלמי, דאס הייסט צונויפנעמען און רעדאגירן די אלע ווערטער פון די ישיבות, איז געווען דער אמורא רבי יוחנן, דער ראש ישיבה אין טבריה אין 3טן יארהונדערט, און די שפעטערדיקע אמוראים האבן כסדר צוגעגעבן צו דעם הויפט־יסוד פון תלמוד וואס רבי יוחנן האט צונויפגעשטעלט. לויט דער מיינונג פון פראפעסאר הרב שאול ליבערמאן איז דער ירושלמי אויף טייל מסכ־

תות (למשל אויף די בבות) צונויפגעשטעלט געוואָרן אין דער שטאָט קסרין. דער ירושלמי איז אַלגעמיין באַשטייט פון קורצע זאַצן, ניט־לאַנגע ויכוחים, און די שפראַך איז אַ סיריש־אַראַמעאישע, מיט שטאַרקע צומישונגען פון העברעאיש. דער תלמוד ירושלמי האָט אויף דעם יידישן לומדישן לעבן ניט געהאַט קיין גרויסן איינפלוס. אין דער צייט פון דער גאונים־עפּאָכע אין בבל (זע „גאונים") האָט מען דעם ירושלמי ווייניק געקענט, און עס זענען אויך שפּעטער געווען גרויסע מפרשים, וועלכע האָבן דעם תלמוד ירושלמי אַפילו ניט געזען. זיי בּרענגען פון אים נאָר אַזעלכע ווערטער, וועלכע זיי האָבן געפונען אין אַנדערע ספרים. דאָס ערשטע מאָל איז דער ירושלמי געדרוקט געוואָרן אין ווענעציע 1504, און די איינטיילונג איז ניט לויט דפים, נאָר לויט פּרקים פון משניות. צום ירושלמי זענען געשריבן געוואָר: אַ ריי פּירושים, פון וועלכע די פּאָרשפּרייטסטע זענען „פּני משה" פון רבי משה מרגליות און „קרבן עדה" פון רבי דוד פון דסוי. דער געלערנטער בער ראַטנער האָט אַרויסגעגעבן טיילן פון ירושלמי לויט פאַרשידענע הגהות פון כתבי יד. אין דער לעצטער צייט האָבן געשריבן וויסנשאַפטלעכע פּירושים אויפן ירושלמי די פּראָפעסאָרן לוי גינזבורג פון ניו־יאָרק און שאול ליבערמאַן פון ירושלים. אַ אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג איבער דער אַנטשטייאונג פון ירושלמי און זיין צוזאַמענשטעל איז פאַראַן אין זכריה פראַנקלס „מבוא הירושלמי".

דעם גרעסטן און פונדאַמענטאַלן איינפלוס אויף דעם יידישן רעליגיעזן לעבן האָט געהאַט דער „תלמוד בבלי", אָדער ווי מען רופט אים סתם די ,גמרא". דער תלמוד בבלי הייסט „בבלי", ווייל ער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין בבל, און כאָטש ער אַנטהאַלט אויך די מיינונגען פון די אמוראים פון ארץ־ישראל, איז אָבער דער עיקר פון אים צונויפגעשטעלט פון די מיינונגען פון די אמוראים אין בבל און פון די בבלישע ישיבות. דער תלמוד בבלי איז געשריבן אין אַ בבליש־אַראַמעאישער שפּראַך אָבער מיט אַ זייער גרויסן צומיש פון העברעאישע ווערטער און פון זאַצן אין דעם משנה־העברעאיש. דער תלמוד בבלי איז פאַראַן אויף פאָלגנדע משניות: אויף זרעים, בלויז אויף מסכת ברכות; אויף אַלע מסכתות פון מועד, אַחוץ שקלים; אויף אַלע מסכתות פון נשים; אויף אַלע מסכתות פון נזיקין אַחוץ אבות און עדיות; אויף אַלע מסכתות פון קדשים אַחוץ קנים און מידות; אויף טהרות נאָר אויף דער מסכתא נידה, בסך הכל אויף 37 מסכתות (טייל געבן אַז 36, ניט רעכענענדיק „תמיד", און געבן דערויף דעם סימן הליכות עולם ל"ו, און ל"ו איז 36). — עס איז זיכער, אַז דער תלמוד בבלי איז ניט צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט געוואָרן אין איין צייט, דורך איין גרופּע חכמים אמוראים, נאָר ער איז ביסלעכווייז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, און יעדער שפּעטערער דור האָט צוגעגעבן זיינע מיינונגען, אַריינגעשטעלט אין טעקסט זיינע הלכות און זיינע קשיות און תירוצים, ביז מען האָט אים ענטגילטיק צונויפגעשטעלט (לויט איין מיינונג אין יאָר תתי"א לשטרות, דאָס הייסט לערך דעם יאָר 500) און נאָך דער ענטגילטיקער צונויפשטעלונג האָט מען אַ געוויסע צייט צוגעגעבן טיילן, ביז ער איז אינגאַנצן געשלאָסן געוואָרן. עס איז פאַראַן אַ סברא, אַז שוין די ערשטע אמוראים פון בבל פון די ישיבות אין סורא און נהרדעא, רב און שמואל (אין ענדע פון 2טן יאָרהונדערט), האָבן אָנגעהויבן צונויפ־

שטעלן דעם תלמוד בבלי, וועלכע איז כסדר פארגרעסערט געווארן אין די שפעטערע דורות, ביז ער איז ענטגילטיק רעדאגירט געווארן (סידור התלמוד) דורך דעם אמורא רב אשי (זע „זוכווארט „אשי״) און זיין חבר רבינא אין 5טן יארהונדערט, און אויך שפעטער האט מען אריינגעגעבן אין אים באמערקונגען און דערקלערונגען דורך די שפעטסטע אמוראים און די ערשטע רבנן סבוראי (זע זוכווארט „סבוראי״), וועלכע האבן דעם תלמוד בבלי געשלאסן (חתימת התלמוד) לערך אין אנהויב פון 6טן יארהונדערט. דער תלמוד בבלי איז, אזוי ארום, די זאמלונג פון מיינונגען, סיי אין הלכות סיי פון דברי אגדה, פון זייער פיל אמוראים, וועלכע האבן געלעבט אין בבל און ארץ־ישראל אין דער צייט פון זינט די משנה איז געווארן געשלאסן (ענדע 2טן יארהונדערט) ביז דעם אנהויב פון 6טן יארהונדערט. וועגן דעם אינהאלט און באגריף פון „הלכה״ און „אגדה״ געבן מיר ביי די באטרעפנדע זוכווערטער, „אגדה״ און „הלכה״. דער תלמוד בבלי איז אנערקענט געווארן אין אלגעמיין אלס דער וועגווייזער פון יידישן רעליגיעזן לעבן, און די שפעטערע ספרים באמיען זיך מייסטנס מלקט צו זיין די דינים פון תלמוד אדער ארויסצולערנען פון אים אזעלכע דינים, וואס זענען אין אים בפירוש ניט פאראן און מען דארף זיי ארויסלערנען דורך סברות. דער תלמוד בבלי איז געווארן געדרוקט דאס ערשטע מאל אינגאנצן אין ווענעציע אין דער דרוקעריי פון קריסט דניאל באמבערג אין די יארן ר״פ־רפ״ב (1520 — 1522), און אין דער דאזיקער אויסגאבע האט מען דאס ערשטע מאל איינגעטיילט די גמרא אין דפים און עמודים, ווי מיר האבן זיי היינט אין די געדרוקטע גמרות, און מען האט דעמאלט אויך ארומגעשטעלט דעם פירוש פון רש״י און תוספות. לויט יענער אויסגאבע זענען היינט געדרוקט די גמרות. פון דעמאלט אן איז דער תלמוד בבלי געדרוקט געווארן פיל מאל, מיט צוגאבן פון פארשידענע פירושים. דער תלמוד בבלי איז שטארק פארפאלגט געווארן פון דער צענזור, וועלכע האט ארויסגעווארפן פון אים פיל שטעלן, מייסטנס אין שייכות צו דער קריסטלעכער רעליגיע און ישו הנוצרי (זע „צענזור״). דער תלמוד בבלי איז אויך פיל מאל פארברענט געווארן לויט דער גזירה פון רעגירונגען, סיי ווען ער איז געווען אין כתב יד, סיי שפעטער אין געדרוקטע אויסגאבן. אויף איינער פון די דאזיקע גזרות האט רבנו מאיר פון ראטענבערג (זע „מאיר פון ראטענבערג״) מחבר געווען זיין בארימטע קינה „שאלי שרופה באש״. ארום דעם תלמוד בבלי זענען פארגעקומען פיל ויכוחים צווישן שונאים פון תלמוד און די אנהענגער. — אויפן תלמוד בבלי זענען געשריבן געווארן זייער פיל פירושים פון דער צייט פון די גאונים אן ביז דער לעצטער צייט. דער פארשפרייטסטער פירוש איז פון רש״י (זע „שלמה יצחקי״) און די צוגאב־קשיות און תירוצים פון די בעלי תוספות. טויזנטער ספרים מיט חידושים זענען געשריבן געווארן אויפן תלמוד בבלי. מען האט אים אויך איבערזעצט אין א ריי שפראכן (רוסיש, דייטש, ענגליש און אנדערע, נישט קאמפלעט). זינט דער אנטשטייאונג פון דער חכמת ישראל־פארשונג לויט די נייע וויסנשאפטלעכע קריטישע מעטאדן זענען געשריבן געווארן פיל ביכער און אפהאנדלונגען וועגן תלמוד בבלי. רפאל נטע ראבינאוויטש האט ארויסגעגעבן זיין „מאמר על הדפסת התלמוד״ און באזונדערס זיין וויכטיק ווערק „דקדוקי סופרים״ פעסטצו־

שטעלן די ריכטיקע נוסחאות פון תלמוד בבלי לויט פארשידענע כתבי יד און הויכטזעכליך לויט דעם מינכענער כתב יד. „איינלייטונגען צום תלמוד", פעסט־צושטעלן די כללים און מעטאדן און צו־זאמענשטעלונג, זענען געשריבן געווארן זייער פיל זינט רבי שמואל הנגידס „מבוא התלמוד" ביז אין דער לעצטער צייט דורך דעם קריסטלעכן דייטשן גע־לערנטן הערמאן שטראק, „איינלייטונג צום תלמוד" (איבערזעצט אויך אין הע־בראיש און ענגליש). וויכטיקע אפ־האנדלונגען וועגן דער רעדאקציע און אפשלוס פון תלמוד און די אמוראים פון תלמוד בבלי קאן מען געפינען אין וויים „דור דור ודורשיו" חלק ב', הלוי, „דורות הראשונים" (שטארק ארטאדאקסיש, גרינטלעכע קריטיק פון קעגנערישע מיי־נונגען); גרעץ, „דברי ימי ישראל" (הע־בראישע איבערזעצונג פון שפ"ר); און פאפולער אויך אין היימאנס „תולדות תנאים ואמוראים" (אויך אין דער הקד־דמה). — זע זוכווערטער: „אגדה", „אמוראים", „אשי", „הלכה", „סבו־ראי".

**תלמוד תורה** דער אויסדרוק „תל־מוד תורה" באדייט „לערנען תורה" (וועגן דעם זע זוכווערטער: „לערנען" און „תורה"). מיטן ווארט „תלמוד תורה" ווערן אויך באצייכנט עפנטלעכע חדרים פון יידישע קהלות אין וועלכע מען פלעגט געוויינלעך לערנען די קינ־דער מייסטנס אומזיסט. וועגן דעם זע זוכווארט „חדר".

**תלמיד חכם** איינער וואס קען לער־נען, אין קעגנזאץ צו „עם הארץ". דער אויסדרוק „תלמיד חכם" (אין מערצאל „תלמידי חכמים") איז פאראן אפט אין תלמוד, וואו עס ווערט געזאגט, אז מען דארף מכבד זיין א תלמיד חכם, מע דארף זיך משדך זיין מיט אים. די משנה סוף קנים זאגט, אז תלמידי חכמים וואס עלטער זיי ווערן, ווערט זייער גע־דאנק קלארער. א תלמיד חכם דארף זיך היטן ניט צו האבן קיין פלעק אויף זיינע קליידער. אין אלגעמיין איז ביי יידן א תלמיד חכם זייער געשעצט געווארן אויך ביז אין די לעצטע צייטן. — זע „עם הארץ".

**תם, יעקב, רבנו** זע „יעקב תם".

**תמוז** 10טער חודש אין יידישן קאלענ־דאר ווען מען רעכנט דעם אנהויב יאר פון תשרי, און דער 4טער חודש ווען מען רעכנט פון ניסן; האט 29 טעג. אין דער גמרא ווערט ער פארעכנט אלס דער הייסטער חודש אין יאר („חמרא אפילו בתקופת תמוז קרירא ליה", שבת נ"ג). אין 17טן טאג אין תמוז הויבן זיך אן די טרויער־טעג, די 3 וואכן. — זע „שבעה עשר בתמוז". — אין ספר יחז־קאל ח' ווערט דערמאנט אן אפגאט תמוז, וועלכן פרויען פלעגן באוויינען („הנשים מבכות את התמוז"); דאס איז געווען דער אפגאט פון אלטן בבל „דומוזו", וועלכער איז ממונה אויף דעם פרילינג, דעם וואקסן פון תבואה און אויף דער פרוכטבארקייט פון פרויען, און לויט דער אמונה פון די בבליים (וועלכער איז אויך איבערגעגאנגען צו די אלטע איינוואוי־נער פון סיריע און האט אויך געפונען אן אפקלאנג אין דער מיטרא־רעליגיע און אין דער גריכישער מיטאלאגיע) איז תמוז יעדן מאנאט תמוז אומגעקומען און איז אויפגעשטאנען תחיית המתים אין פרילינג; אין מאנאט תמוז פלעגט מען דעריבער אויף אים טרויערן.

**תמורה, מדרש** אלט ספרל, שטאמט ווארשיינלעך פון 12טן יארהונדערט, אבער אנטהאלט פראגמענטן פון פיל

פריערדיקע צייטן; עס ווערט אנגעגעבן, אז די מחברים זענען די תנאים רבי ישמעאל און רבי עקיבא; אין דעם ספרל ווערט אנגעוויזן, אז אין דער וועלט איז פאראן דער פאראלעלער דואליזם, דאס הייסט, אז יעדע זאך האט איר קעגנזאץ, אחוץ גאט: טויט און לעבן, ארעם און רייך, שלעכט און גוט, נאכט און טאג; דער באגריף פון קעגנזאץ ווערט אויסגעדריקט אין ווארט „תמורה".

**תמורה, מסכתא** מסכתא משניות אין סדר קדשים, 7 פרקים, תוספתא 4 פרקים, גמרא בבלי (ניט ירושלמי); באהאנדלט די דינים פון תמורה אין קרבנות, געשטיצט אויפן פסוק אין חומש ויקרא כ"ז, אז איינער איז מנדר א בהמה פאר א קרבן טאר ער איר ניט אויסטוישן אויף אן אנדערער („ולא ימיר אותו").

**תמיד** מיטן ווארט תמיד האט-מען אנגערופן דעם קרבן, א שעפסל, וואס מען האט מקריב געווען יעדן טאג צוויי מאל אין בית המקדש, איין שעפסל אינדערפרי און איין שעפסל פארנאכט („תמיד של שחר" און „תמיד של בין הערביים). אין חומש שמות כ"ט ווערט דער קרבן אנגערופן „עולת תמיד" (פון ווארט „תמיד", שטענדיק, יעדן טאג).

**תמיד, מסכתא** מסכתא משניות אין סדר קדשים, 7 פרקים, גמרא בבלי נאר אויף עטלעכע פרקים; ניטא קיין תוספתא און קיין ירושלמי; אנטהאלט די באשרייבונג פון בית המקדש, די עבודה פון די כהנים און לויים און ווי אזוי מען האט מקריב געווען דעם קרבן תמיד; אין די אלטע כתבי יד הייסט זי „עולת התמיד"; די גמרא זאל האבן צוזאמענגעשטעלט געווארן אין דער צייט פון די „סבוראים".

**תמר** — 1) נאמען פון דער שנור פון יהודה, יעקבס זון; אין בראשית ל"ח ווערט דערציילט ווי זי האט צוערשט חתונה געהאט מיט ער און נאכער אונן, יהודהס זין, וועלכע זענען געשטארבן, און ווען יהודה האט איר ניט געוואלט געבן פאר א מאן דעם 3טן זון, האט זי זיך פארשטעלט פאר אן אויסגעלאסענער פרוי און געלעבט מיט יהודה און געהאט מיט אים צוויי זין פרץ און זרח; פון פרץ האט אפגעשטאמט די משפחה פון דוד המלך. — 2) תמר, נאמען פון דער טאכטער פון דוד המלך, די שוועסטער פון אבשלום, פארגוואלדיקט געווארן דורך איר ברודער אמנון, וועלכער איז שפעטער אומגעקומען דורך די הענט פון אבשלום. — זע „אמנון".

**תנא, תנאים** דאס ווארט „תנא" איז אראמעאיש און איז אין דער טייטש „לערנער", „לערער". מיט דעם טיטל תנא, מערצאל „תנאים", (אין קעגנזאץ צו „אמורא", זע „אמורא"), ווערן באצייכנט די יידישע חכמים, וואס זייערע הלכות און ווערטער זענען צונויפגעזאמלט אין דער משנה און אויך ברייתות און תוספתא און מדרשי תנאים (מכילתא, ספרא, ספרי) און וועלכע האבן געלעבט כמעט אלע אין ארץ-ישראל זינט דער צייט פון 2טן בית המקדש ביז דעם מסדר פון דער משנה רבי יהודה הנשיא, „רבי", אין דער 2טער העלפט פון 2טן יארהונדערט. טייל נעמען אריין אין דער עפאכע פון די תנאים אפילו די ערשטע חכמים פון דער צייט פון בית שני, דאס הייסט פון שמעון הצדיק אן, וועלכער ווערט דערמאנט אין דער משנה אבות א' אלס דער לעצטער פון דער כנסת הגדולה; אין אזא פאל נעמט ארום די תנאים-עפאכע פון 3טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג

ביז ענדע 2טן יאָרהונדערט נאָך דער געווינלעכער צייטרעכענונג. דער רמב״ם אין דער הקדמה צום פירוש המשניות זרעים נעמט אָן די דאָזיקע מיינונג. אין די ערשטע צייטן האָבן די תנאים ניט געהאַט קיין טיטל, מען האָט זיי גערופן סתם מיטן נאָמען, ווי הלל, שמאי; שפּעטער האָט מען זיי גערופן „רבן“, (באַזונדערס די נשיאים פון הללס פאַמיליע) און נאָכער האָבן זיי געהאַט דעם טיטל „רבי“ ווי „רבי עקיבא“ און אַנדערע. דער טיטל „רבי“ איז שפּעטער געבליבן אויך ביי די אמוראים פון ארץ־ישראל (זע זוכוואָרט „רבי“). אויך שפּעטער אין דער צייט פון די אמוראים האָט מען גערופן „תנא“ דעם חכם, וואָס פלעגט פאַרלייענען אין די ישיבות די משניות און מימרות וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק; מען האָט אַזעלכן גערופן „תנא דמתניתא“. — אַ רשימה פון תנאים איז פאַראַן אין „תולדות תנאים ואמוראים“ פון היימאַן.

**תנא דבי אליהו** אַ מדרש־ספר, ווערט איינגעטיילט אין 2 טיילן, דער ערשטער ווערט גערופן „סדר אליהו רבא“, און דער צווייטער „סדר אליהו זוטא“; דער נאָמען פון סדר אליהו רבא און זוטא איז פאַראַן אין דער גמרא כתובות ק״ו און עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז אליהו הנביא האָט די ביידע ספרים געלערנט מיט דעם אמורא רב ענן. אָבער עס איז זיכער, אַז דער „תנא דבי אליהו“ וואָס מיר האָבן היינט, שטאַמט ניט פון דער צייט פון דער גמרא, און ער איז נתחבר געוואָרן, לויט דער מיינונג פון טייל געלערנטע, אין איטאַליע אין סוף פון 10טן יאָרהונדערט. די שפּראַך איז אַן אגדה־העברעאיש און דער אינהאַלט זענען דרשות וועגן דער וויכטיקייט פון לימוד התורה, אַפּהיטן מצוות אפילו מדרבנן (קלינגט ווי אַ ויכוח קעגן די קאַראַ־אימער) און אַנדערע רעליגיעזע פליכטן. — די גרינטלעכסטע אויסגאַבע איז פון ווינער געלערנטן מאיר איש שלום־פרידמאַן מיט זיין פירוש מאיר עין און מיט אַן אויספירלעכע וויסנשאַפטלעכער איינלייטונג.

**תנאים** עס איז אַן אַלטער יידישער מנהג, אַז דאָס שליסן אַ שידוך צווישן אַ בחור און אַ מיידל קומט פאָר דורך שרייבן „תנאים“ (פון וואָרט „תנאי“, „באַדינגונג“), דאָס הייסט אַלזאָ, אַ שריפטלעכער דאָקומענט, אין וועלכן עס ווערן אויסגערעכנט די תנאים, די באַדינגונגען, לויט וועלכע דער שידוך איז געוואָרן געשלאָסן, ווי נדן, קעסט, מלבושים, און אַנדערע באַדינגונגען. די תנאים ווערן אונטערגעשריבן דורך חתן און כלה, און עלטערן („העומד מצד החתן“ און „העומד מצד הכלה“). ביים שרייבן תנאים ברעכט מען טעלער און מען ווינטשט זיך מזל־טוב, און מען מאַכט געוויינלעך אַ סעודה. פון דעמאָלט אָן הייסט דאָס יונגע פּאַר „חתן און כלה“, ביז דער חתונה. די תנאים זענען געשריבן אין אַנהויב מיט מליצות און ברכות („המגיד מראשית אחרית“ און אַזוי ווייטער). — זע זוכוואָרט „חתונה“.

**תנחומא בר אבא** אמורא אין ארץ־ישראל אין 4טן יאָרהונדערט, דרשן, מתוכח געווען אין רעליגיעזע ענינים מיט ניט־יידן (סנהדרין ל״ט), בעל מופת (דאָרט אין סנהדרין, מדרש בראשית רבה ל״ג און אַנדערע ערטער). פאַראַן פון אים פיל ווערטער און מדרשים („אמר ר' תנחומא“); לויט איין טראַדיציע איז ער דער מחבר פון מדרש תנחומא.

**תנחומא, מדרש** זע זוכוואָרט „מדרש“.

**תנ״ך** מיטן דאַזיקן נאָמען באַצייכנט מען די הייליקסטע ספרים־זאַמלונג פֿון יידישן פֿאָלק; תנ״ך איז די ראשי תבות פֿון „תורה, נביאים, כתובים״, ווייל די דאַזיקע ספרים־זאַמלונג ווערט איינגעטיילט אין די דאַזיקע 3 טיילן: 1) תורה, וועלכע נעמט אַרום די 5 חומשים, בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים; 2) נביאים, וועלכע נעמען אַרום יהושע, שופטים, שמואל, מלכים, ישעיה, ירמיה, יחזקאל און די 12 קלענערע נביאים (תרי עשר) הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה און מלאכי; 3) כתובים, וועלכע נעמען אַרום די ספרים תהלים, איוב, משלי, דניאל, עזרא און נחמיה (איין ספר), דברי הימים און די 5 מגילות, דאָס זענען רות, איכה, קהלת, שיר השירים און אסתר. די דערמאָנטע אָרדענונג פֿון די ספרים אין די אָפּטיילונגען נביאים און כתובים, איז ניט אָנגענומען אין אַלע טראַדיציאָנעלע קוואַלן; אין דער גמרא בבא בתרא י״ד ווערט געגעבן אַן אַנדערע אָרדענונג (ירמיה און יחזקאל פֿאַר ישעיה און אַנדערע ענדערונגען אין דער אָרדענונג). צוזאַמען זענען פֿאַראַן אין תנ״ך 24 ספרים, (רעכענענדיק תרי עשר פֿאַר איין ספר), און דערפֿון איז אויך דער נאָמען „עשרים וארבעה״ (24). און די דאַזיקע צאָל ווערט דערמאָנט אין מדרש במדבר רבה ט״ו („ספרים כ״ד״). אויך די איינטיילונג פֿון תנ״ך אין „תורה, נביאים, כתובים״ ווערט דערמאָנט אין דער גמרא פֿיל מאָל (שבת פ״ח „אורייתא תליתאי״ און אַנדערע ערטער). אין דער משנה ווערט תנ״ך אויך אָנגערופֿן „כתבי הקודש״, „הייליקע שריפֿטן״ (משנה שבת פרק ט״ז „כל כתבי הקודש״); אין טייל ערטער אין דער משנה און גמרא הייסן זיי „מקרא״ פֿון וואָרט „קרא״, לייענען, ווייל נאָר די ספרים זענען געווען „געשריבן״ און מען האָט זיי געלייענט (אבות ה׳ „בן חמש למקרא״, „ווען אַ קינד ווערט אַלט 5 יאָר זאָל מען עס אָנהייבן לערנען תנ״ך, „מקרא״ איז דאָרט אין קעגנזאַץ צו „משנה״). אין דער ניט־יידישער וועלט ווערט דער תנ״ך אָנגערופֿן „ביבל״ (אין גריכישן „בוך״), און נעמט אַרום אין דער קריסטלעכער וועלט ניט נאָר דעם תנ״ך נאָר אויך די קריסטלעכע עוואַנגעליע; אין דער ניט־יידישער וועלט הייסט עס אויך „די הייליקע ביבל״, „די הייליקע שריפֿט״, און אויך „דאָס בוך פֿון ביכער״.

דער תנ״ך איז געשריבן אין העברעאיש, און נאָר איינצלנע פסוקים אין בראשית, ירמיהו און עטלעכע קאַפּיטלען אין דניאל און עזרא זענען געשריבן אין אַראַמעאיש. די העברעאישע שפּראַך אין תנ״ך איז ניט אין אַלע ספרים די זעלבע. אין קהלת איז דער העברעאיש מער ענלעך צו דער משנה־שפּראַך אין די פֿאָרמען און ווערטער־אויסדרוקן.

דער תנ״ך הייבט זיך אָן מיט דעם חומש בראשית, אין וועלכן עס ווערט אין אַנהויב דערציילט ווי גאָט האָט באַשאַפֿן הימל און ערד און אַלע באַשעפֿענישן, צווישן זיי אויך דעם ערשטן מענטש (אדם הראשון), און פֿון דעמאָלט אָן גייען די סיפּורים צוערשט וועגן דער געשיכטע פֿון מענטשן איבערהויפּט און דערנאָך פֿון די ערשטע פּאַטערס פֿון יידישן פֿאָלק, אברהם יצחק ויעקב, די פּאַסירונגען פֿון יידישן פֿאָלק, דער גלות מצרים, יציאת מצרים דורך משה רבנו, דאָס נעמען די תורה אויפֿן באַרג סיני, די וואַנדערונגען אין מדבר, די מצוות און חוקים, די שטראָף־רייד פֿון משה רבנו צו יידן, און דער ערשטער טייל פֿון תנ״ך, די תורה, ענדיקט זיך מיטן טויט פֿון משה איידער די יידן זענען אַריין קיין ארץ־

ישראל. דער צווייטער טייל, די נביאים, נעמען ארום די יידישע געשיכטע זינט יהושע האט אריינגעפירט די יידן קיין ארץ־ישראל ביז צום חורבן פון ערשטן בית המקדש (אין די היסטארישע ספרים, יהושע, שופטים, שמואל, מלכים) און די נביאות פון די נביאים. דער דריטער טייל, כתובים, נעמט ארום פארשידנארטיקע ספרים, היסטארישע (דברי הימים, עזרא ונחמיה) ביז נאכן אויפבוי פון 2טן בית המקדש, תפילות, מזמורים, קלאג־לידער, לידער (תהלים, שיר השירים, איכה), שפריכווערטער, לעבנס־חכמה, פילאזאפישע באטראכטונגען (משלי, קהלת, איוב), היסטארישע דערציילונגען (רות, אסתר, דניאל). דער תנ״ך נעמט ארום אלזא די יידישע טראדיציע וועגן פאסירונגען פון דער וועלט־שאפונג ביז א קורצער צייט נאך דעם אויפבוי פון 2טן בית המקדש (דעם 5טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג).

וועגן אינהאלט פון די איינצלנע ספרים און אפטיילונגען פון תנ״ך געבן מיר ביי די אנטשפרעכנדע זוכווערטער: „נביאים״, „כתובים״, „חומש״, „בראשית״, „שמות״ און אזוי ווייטער ביי די נעמען פון יעדן ספר פון תנ״ך. דא וועלן מיר געבן וועגן דער באדייטונג און איינפלוס פון תנ״ך אויפן יידישן פאלק. דאס קאן אויסגעדריקט ווערן אין איין זאץ: דער תנ״ך איז דער יסוד פון גאנצן וועזן פון יידישן פאלק און פון יידנטום. אין תנ״ך זענען פאראן די יסודות פון דער יידישער רעליגיע, פון די יידישע רעליגיעזע געזעצן, די אידעאלן פון יידישער געשיכטע, די טריאומפן און לײדן פון יידישן פאלק, די העכסטע אויסדרוקן פון יידישער דיכטונג און דענקען, פון יידישער נבואה און תפילה־התלהבות, פון דבקות אין גאט און זעלבסטאפערונג פאר אמונה, קלוגע לעבנס־דערפארונג און פילאזאפישע באטראכטונגען.

דער תנ״ך איז אין דער יידישער רעליגיעזער טראדיציע דאס געטלעכע ספר, יעדעס ווארט איז הייליק, און מען טאר אין די ספרים ניט ענדערן אפילו איין בוכשטאב, און עס ווערט אנגענומען, אז ער איז אזוי געגעבן געווארן ווי מיר האבן אים היינט אין נוסח פון דער מסורה (זע זוכווארט „מסורה״). אלע רעליגיעזע ספרים וואס זענען פארפאסט געווארן נאכן תנ״ך, אנהייבנדיק פון משנה און תלמוד דורך דער צייט פון טויזנטער יארן ביז דער נייער צייט זענען נאר א „אפלערנונג״ פון תנ״ך, געשטיצט אויף דעם יסוד פון תנ״ך. דאס איז דער גלויבן פון יעדן טראדיציאנעל־רעליגיעזן ייד. דער תנ״ך איז הייליק ניט נאר ביי יידן, נאר אויך אין דער קריסטלעכער און מאכמעדאנישער וועלט; אין דער קריסטלעכער וועלט מער ווי ביי די מאכמעדאנער. אין דער קריסטלעכער וועלט איז דער תנ״ך א טייל פון דער „הייליקער ביבל״ און ווערט אנגערופן „דאס אלטע טעסטאמענט״, די „ברית ישנה״. דער תנ״ך איז איבערזעצט געווארן אין הונדערטער שפראכן, א טייל דורך יידן, גריכישע „סעפטואגינטא״, די „תרגומים״ אין אראמעאיש, אנדערע איבערזעצונגען אין אראביש, פערסיש, אייראפעאישע שפראכן, פיל מאל אין יידיש, (לעצטנס דורך יהואש), און זייער פיל דורך ניט־יידן. צום תנ״ך זענען געשריבן געווארן פירושים און פארשונגען און אפהאנדלונגען אין די צענדליקער טויזנטער ביכער, און מיט עקסעגעזע (פירושים) און בכלל תנ״ך־פארשונג (געשיכטע, ארכעאלאגיע, פילאלאגיע וכדומה) האבן זיך באשעפטיקט הונדערטער טויזנטער געלערנטע פארשער יידן און ניט־יידן, אנהייבנדיק פון די עלטסטע צייטן פון אנהויב 2טן בית

המקדש ביז דער נייעסטער צייט. — דער תנ"ך איז אין די ערשטע צייטן גע־שריבן געוואָרן אין כתבי יד, און זינט דער דערפינדונג פון דרוקעריי איז דער תנ"ך געדרוקט געוואָרן אין צענדליקער טויזנטער אויסגאַבן אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן.

עס זענען פאַראַן צוויי שיטות אין לערנען דעם תנ"ך, סיי אין דערקלערן די איינצלנע ווערטער און פּסוקים (די איינטיילונג אין קאַפּיטלעך איז אַ זייער שפּעטערע), סיי אין פאָרשן די היסטאָ־רישע סיפּורים פון די איינצלנע ספרים, סיי אין פאָרשן דעם טעקסט און סיי אין פאָרשן די אויטאָרשאַפט (ווער דער מחבר איז) פון יעדן ספר און פּסוק, און סיי אויך אין פעסטשטעלן די צייט ווען דער תנ"ך איז געשלאָסן געוואָרן. איין שיטה איז די רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע, וועלכע זאָגט, אַז „תורה מן השמים", אַז דער חומש איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני פון הימל דורך גאָט און אַז משה רבנו האָט געשריבן דעם גאַנצן חומש מיטן אויסנאַם פון די לעצטע פּסו־קים סוף דברים פון „וימת משה" (און משה איז געשטאָרבן) אָן. די דאָזיקע רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע שיטה האַלט, אַז די סיפּורים וואָס ווערן דערציילט אין די ספרים פון תנ"ך זענען אמת און די דאַטעס וועגן זיי זענען אַלע ריכטיק און אַז די נבואות פון די ספרי הנביאים זענען געזאָגט געוואָרן פון די נביאים, וועגן וועלכע די טראַדיציע האַלט, אַז זיי זענען די מחברים פון די נבואות, ווי למשל, אַז דער ספר ישעיה איז געזאָגט געוואָרן אינגאַנצן דורך ישעיהו הנביא, ירמיה דורך ירמיהו הנביא און אַזוי כסדר, און אַז די ווערטער און פּסוקים פון תנ"ך, אַזוי ווי זיי זענען צוזאַמענ־געשטעלט אין אונדזער היינטיקן תנ"ך, זענען ריכטיק געשריבן און ריכטיק צו־נויפגעשטעלט און קיינע גרייזן זענען אין זיי אין פאַרלויף פון דער צייט ניט אַריינ־געפאַלן. דאָס איז די שיטה פון אַלע אָרטאָדאָקסישע פרום־רעליגיעזע יידן, וועלכע האַלטן, אַז דער תנ"ך איז גע־שלאָסן געוואָרן דורך די אנשי כנסת הגדולה (זע „כנסת הגדולה") לערך דעם 4טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג.

די צווייטע שיטה ווערט אָנגערופן „ביבל־קריטיק", „תנ"ך־קריטיק". מיטן וואָרט „קריטיק" מיינט מען דאָ ניט „קריטיקירן", „אַרויסטרעטן קעגן", „אָנווייזן חסרונות", נאָר מען מיינט דערמיט „דעם קריטישן אַנאַליז", די פרייע פאָרשונג, דאָס באַטראַכטן די תנ"ך־ספרים ווי מען באַטראַכט ניט־רע־ליגיעזע וועלטלעכע ביכער, געשריבן דורך מענטשן אין די אַלטע צייטן, און מען פאָרשט זיי ווי מען פאָרשט אַלטע דאָקומענטן. וועגן אַזעלכע אַל־טע דאָקומענטן שטעלט מען טיילמאָל פעסט, אַז די צייט פון דער אַנט־שטייאונג פון אַזאַ דאָקומענט איז אַן אַנדערע, ווי זי ווערט געוויינלעך אָנגע־געבן, אַז דער מחבר איז גאָר אַן אַנדע־רער, אַז אין טעקסט זענען אַריינגעפאַלן גרייזן אָדער עס זענען געמאַכט געוואָרן בכוונה ענדערונגען. מיט דער זעלבער באַציאונג און מעטאָדע באַציען זיך די תנ"ך־קריטיקער צו די ספרים פון תנ"ך. אויך אין דער תנ"ך־קריטיק זענען פאַ־ראַן פאַרשידענע שטופן. טייל פון די דאָזיקע פאָרשער זענען מסכים נאָר אויף גאָר לייכטער קריטיק, ווי אַז אַ וואָרט צי אַ פּסוק איז פאַרגרייזט (דאָס הייסט טעקסט־קריטיק), אָדער געוויסע קאַפּיט־לעך פון אַ ספר זענען געשריבן געוואָרן דורך אַן אַנדערן מחבר (די דאָזיקע קרי־טיק קאָן מען געפינען אפילו ביי רעלי־גיעז־טראַדיציאָנעלע מפרשים, ווי אין

רבי אברהם אבן עזראס פירושים צו תהלים. אז געוויסע קאפיטלעך זינען געשריבן געווארן אין דער צייט פון גלות בבל וכדומה). עס איז פאראן א שארפערע שטופע פון תנ״ד־קריטיק, וועלכע צעגלידערט אפילו די חומשים און פרוּווט ארויסזאגן מיינונגען, אז טיילן פון חומש שטאמען פון אנדערע, שפעטערע קוואלן. עס איז זיכער, אז קריטישע פארשונגען פון תנ״ד זענען שוין געווען אין די עלטערע צייטן און אין די פירושים פון אבן עזרא ווערן געבראכט טייל אלטע מיינונגען פון תנ״ד־קריטיקער („חיוי הבלכי, יצחק המהביל און אנדערע). דער פאטער פון דער מאדערנער תנ״ד־קריטיק איז ברוך שפינאזא אין זיין ווערק „טעאלאגיש־פאליטישער טראקטאט״ און פון דעמאלט אן זענען אנטשטאנען מערערע שולן פון תנ״ד־קריטיק, און די בשותפותדיקע אייגנשאפט פון זיי אלע באשטייט אין דער מיינונג, אז דער תנ״ד איז אפגעשלאסן געווארן זייער שפעט, לערך דעם 1טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, און אז די חומשים שטאמען פון פארשידענע צייטן (וועגן דער פעסטשטעלונגען פון די צייטן זענען פאראן מיינונגס־פארשידנקייטן) און אז אין די טעקסטן פון תנ״ד זענען אריינגעפאלן טעותים. וועגן דער געשיכטע פון דער תנ״ד־קריטיק זע סאלאווייטשיק, „תולדות בקורת המקרא״: זע אויך קיטעלס תנ״ד־וויסנשאפט (אין יידישער איבערזעצונג פון ש. ראזנפלד און אויך אין העברעאישער איבערזעצונג). קעגן פיל פון די תנ״ד־קריטישע מיינונגען זענען ארויסגעטרעטן א ריי רעליגיעז־טראדיציאנעלע געלערנטע (ווי דוד האפמאן און אנדערע), וועלכע האבן אנגעוויזן אויף גרונט־פעלערן פון די דאזיקע מיינונגען.

דער תנ״ד האט ניט נאר געהאט דעם אומגעוויינלעכסטן איינפלוס אויף דער אויסבילדונג פון רעליגיעזע און עטישע מיינונגען און כאראקטער פון די ניט־יידישע פעלקער אין אייראפע און אמעריקע, נאר האט אויך באיינפלוסט אלע געביטן פון לעבן און באזונדערס די ליטעראטור און קונסט. די תנ״ד־איבערזעצונגען (די ענגלישע, לוטערס דייטשע און אנדערע) האבן באאיינפלוסט די שפראכן, אין וועלכע זיי זענען געמאכט געווארן. אויף טעמעס פון תנ״ד זענען געשריבן געווארן בארימטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור און עס זענען אנטשטאנען בארימטע ווערק אין מאלעריי און סקולפטור.

ביכער איבער דעם תנ״ד זענען פאראן א גרויסע צאל. אין העברעאיש איז פאראן דאס אויספירלעכע ווערק פון שמעון בערנפעלד „מבוא לכתבי הקודש״; אין רעליגיעז־טראדיציאנעלן גייסט ווערט באהאנדלט דער תנ״ד אין יעבץ „תולדות ישראל״ חלק א׳; אן ענציקלאפעדיש ווערטערבוך איבער די נעמען אין תנ״ד איז פאראן אין העברעאיש דער „אוצר השמות״ פון ראזנבערג. — זע די זוכווערטער פון די נעמען פון די תנ״ד־ספרים („חומש״, „תורה״, „נביאים״, „כתובים״, „יהושע״, „שופטים״ און אזוי ווייטער). איבער יידישע אלטע מפרשים פון תנ״ד זע דוד דרוקס „מפרשים״.

**תנצב״ה** אויפשריפט נאך דעם נאמען פון א פארשטארבענעם, מייסטנס אויף מצבות; ראשי תבות פון „תהא נפשו צרורה בצרור החיים״ (זיין נשמה זאל זיין באהאלטן אין בינטל פון לעבן); געשטיצט אויף דעם פסוק אין שמואל א׳ כ״ה.

**תענית** (פון ווארט „עינוי״, פייניקונג), טאג פון פאסטן; געוויינלעך ווערט

איז תנ״ך אנגערופן דער פאסט־טאג „צום״ (שמואל ב׳ י״ב „ויצם דוד צום״ און אנדערע ערטער), נאר אין עזרא ט׳ איז פאראן „קמתי מתעניתי״; אין דער משנה און גמרא און אויך שפעטער ווערט באנוצט מייסטנס דאס ווארט תענית. עס זענען פאראן פעסטע תענית־טעג: „צום גדליה״, „יום כפור״, „עשרה בטבת״, „תענית אסתר״, „שבעה עשר בתמוז״ און „תשעה באב״. אחוץ דעם זענען צוגעגעבן געווארן אין טייל קהלות אויך כ׳ סיון ווי אויך דורך טייל פרומע יידן בה״ב נאך ימים טובים און „שובבים ת״ת (זע זוכווערטער „בה״ב״ און „שובבים ת״ת). מען איז אויך טיילמאל גוזר אויפן ציבור תענית צוליב אן אומגליק אויף כלל ישראל. די אלע תענית־טעג זענען „תענית ציבור׳, דאס הייסט אלע פאסטן דעם זעלבן טאג. עס איז אויך פאראן „תענית יחיד״, וואס איין מענטש פאסט באזונדער אין א געוויסן טאג, ווי צוליב א שלעכטן חלום וואס ער האט געהאט („תענית חלום״) אדער סתם צוליב א נדר צו פאסטן. גאר גרויסע צדיקים און חסידים זענען געווען באקאנט אלס פאסטערס, הגם אין פיל ערטער אין תלמוד („כל היושב בתענית נקרא חוטא״, נדרים י׳) זענען פאראן מיינונגען קעגן פאסטן ווען מען מוז ניט. אין תענית ווערט געזאגט סליחות און מען זאגט עננו (אחוץ יום כפור און תשעה באב) און מען לייענט אין ספר תורה (די פרשה „ויחל״, אחוץ יום כיפור). דאס פאסטן קומט געוויינלעך פאר פון אינדערפרי ביז ביינאכט, מען עסט ניט און מען טרינקט ניט; אן אויסנאם זענען יום כיפור און תשעה באב, אין וועלכע דער תענית איז א גאנצן מעת לעת, פון אוונט צו אוונט. — וועגן די באזונדערע תעניתים זע די אנטשפרעכנדע זוכווערטער, ווי „יום כיפור״, „תשעה באב״ און אנדערע.

**תענית אסתר** דער 13טער טאג אין אדר; תענית צום אנדענקען פון פאסטן פון אסתר המלכה. — זע „אסתר״ און „פורים״.

**תענית חלום** זע „חלום״.

**תענית, מגילת** זע „מגילת תענית״.

**תענית, מסכתא** משניות אין סדר מועד, 4 פרקים, גמרא ירושלמי און בבלי; תוספתא 3 פרקים; באהאנדלט די דינים פון תענית־טעג, גוזר תענית זיין צוליבן אויפהאלטן זיך פון רעגן און צוליב אנדערע אומגליקן; אנטהאלט זכרונות פון אלטע צייטן, און אין דער גמרא סיפורים פון פארשידענע יידישע חכמים.

**תפילה** זע „דאווענען״, „סידור״.

**תפילין** שווארצע לעדערנע קעסטעלעך, ביי וועלכע עס הענגען נאך שווארצע לעדערנע רימענס (רצועות); די דאזיקע תפילין טוט מען אן צום דאווענען אינדערפרי, איינס אויף דער לינקער האנט (תפילין של יד), און מען וויקלט ארום די האנט מיט דער נאכהענגענדער רצועה, און איינס אויפן קאפ (תפילין של ראש). אין די קעסטעלעך איז פאראן אריינגעלייגט פארמעט, אויף וועלכן עס זענען אנגעשריבן דורך א סופר 4 פרשיות (ארבע פרשיות) פון חומש: קדש לי (שמות י״ג), והיה כי יביאך (שמות י״א), שמע (דברים ו׳), והיה אם שמוע (דברים י״א). ביים לייגן תפילין מאכט מען די ברכות „להניח תפילין״ אויפן של יד, און „על מצות תפילין״ אויפן של ראש. אין שבת און ימים טובים (און ביי חסידים אויך אין חול המועד), ווי אויך תשעה באב פאר 12 בייטאג, לייגט מען ניט קיין תפילין. ביינאכט לייגט מען ניט קיין תפילין. פרויען לייגן ניט קיין תפילין. מען הויבט אן צו לייגן תפילין א חודש איי־

דער מען ווערט אַלט 13 יאָר (בר מצוה). וועגן דער באַדייטונג פון וואָרט תּפילין זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען. וואַרשיינלעך איז עס פון וואָרט תּפלה, דאַוונען. און אין דער משנה מגילה איז פאַראַן דערפון איינצאָל־פאָרם „תּפילה" („העושה תּפילתו עגולה"). לויט דער יידישער טראַדיציע־דערקלערונג שטאַמט אָפּ די מצוה פון תפילין־לייגן פון די פּסוקים, וואָס זענען פאַראַן אין די דערמאָנטע 4 פּרשיות, און איינער פון זיי איז „וקשרתם לאות על ידך והיו לטטפת בין עיניך" (און איר זאָלט זיי צובינדן אַלס צייכן אויף אייער האַנט און זיי וועלן זיי טטפת צווישן אייערע אויגן) און לויט דער טראַדיציע פון תורה שבעל פּה מיינט מען דאָס די תפילין, הגם דאָס וואָרט תפילין און אויך ניט די דינים דערפון זענען ניט דערמאָנט בפּירוש אין חומש. די גמרא (מנחות ל"ה) זאָגט דעריבער וועגן געוויסע דינים פון תפילין, אַז זיי זענען „הלכה למשה מסיני", דאָס הייסט, אַז כאָטש זיי זענען ניט פאַראַן בפּירוש אין דער תורה זענען זיי געגעבן געוואָר, צו משה רבנו אויפן באַרג סיני. די תפילין ווערן באַטראַכט אַלס א הייליקער חפץ און די מצוה פון לייגן תפילין ווערט אין דער גמרא זייער באַרימט, און אין איין אָרט זאָגט די גמרא, אַז אויך גאָט לייגט תפילין (ברכות ו'). אין דעם סדר ווי אַזוי די דערמאָנטע 4 פּרשיות דאַרפן ווערן געשריבן, וועלכע פריער און וועלכע שפּעטער, איז פאַראַן א מיינונגס־פאַרשידנקייט צווישן רש"י און רבנו יעקב תם (זע „שלמה יצחקי" און „יעקב תם") און דעריבער לייגן באַזונדערס פרומע יידן צוויי פּאָר תפילין, רש"יס און רבנו תמס. סתם תפילין מיינט מען די תפילין לויט רש"יס מיינונג. די תפילין, צוליב זייער הייליקייט, האַלט מען אין א תפילין בייטעלע, וואָס איז געמאַכט אָפט פון סאַמעט און איז אויסגעהאַפטן מיט א מגן דוד.

**תקופה** (פון וואָרט „הקף", „אַרומרינגלען", באַדייט א געוויסע צייט־עפּאָכע, „תקופת השנה" אין שמות ל"ד). אין יידישן קאַלענדאַר ווערט דאָס יאָר איינגעטיילט אין 4 תקופות: 1) תקופת ניסן, ווען די לענג פון טאָג און נאַכט זענען גלייך; און די תקופה פאַלט אויס לערך דעם 21טן מערץ; 2) תקופת תמוז, ווען דער טאָג איז אַמלענגסטן (לערך 21טן יוני); 3) תקופת תשרי (לערך 23טן סעפּטעמבער) ווען טאָג און נאַכט זענען ווידער גלייך, און 4) תקופת טבת (לערך 21טן דעצעמבער) ווען די נאַכט איז אַמלענגסטן. מיט די תקופות, וועלכע פאַלן אויס ניט פעסט לויט די יידישע חדשים נאָר לויט די ניט־יידישע חדשים (זון־יאָר), זענען פאַרבונדן געוויסע רעליגיעזע דינים און מנהגים, ווי למשל דאָס אָנהויבן זאָגן אין דאַוונען „טל ומטר", דאָס ניט טרינקען וואַסער אין דער תקופה (געבראַכט אין ספר „אבודרהם") און אַנדערע מנהגים. — מיטן וואָרט תקופה ווערט אויך באַצייכנט אין דער יידישער קאַלענדאַר־לערע (קידוש החודש) די לענג פון זון־יאָר, און עס זענען פאַראַן צוויי מיינונגען: איינע ווערט אָנגערופן „תקופת שמואל" (לענג 365 טעג מיט 6 שעה) און איינע ווערט אָנגערופן תקופת רב אדא (365 טעג מיט 5 שעה און 5 מיט 7 אַכצענטל מינוט). זע זוכוואָרט „אדאם תקופה".

**תקיעות** מיטן נאָמען תקיעות ווערט אָנגערופן דאָס בלאָזן שופר אין אַלגעמיין, הגם דאָס בלאָזן ווערט איינגעטיילט אין 3 פאָרמען: תקיעה, שברים, תרועה. — זע „אלול", „ראש השנה".

**תקיעת כף** (אַריינשטעקן די האַנט), די פאָרם פון א פייערלעכן צוזאָג, דאָס

באשטעטיקן דורך געבן די האנט אלס צייכן, אז מען וועט דערפילן דעם צוזאג; דער אויסדרוק איז פאראן אין משלי ו׳ „תקעת לזר כפך״; תקיעת כף ווערט פארעכנט שיער אזוי פייערלעך ווי א שבועה (שולחן ערוך יורה דעה רל״ט). וועגן תקיעת כף זענען פאראן פיל פאלקס־מעשיות, ווי מענטשן זענען שווער באשטראפט געווארן פאר ניט האלטן א תקיעת כף.

**תקנה, תקנות** איינפירונגען, באשלוסן, וואס זענען אנגענומען געווארן דורך גרויסע יידישע פירער, רבנים, קהלות, פאר דער אויפהאלטונג פון דער רעליגיע, פאר דער טובה פון יידישן כלל. אין דער גמרא ברכות מ״ח און אנדערע ערטער ווערט געזאגט, אז שוין משה רבנו האט איינגעפירט רעליגיעזע תקנות (בענטשן נאכן עסן, די ברכה פון „הזן״, לייענען אין דער ספר תורה וכדומה); די גמרא אין פיל ערטער ברענגט תקנות, וואס זענען איינגעפירט געווארן דורך גרויסע יידישע פירער אין פארשידענע צייטן, וועגן טייל פון זיי ווערט ניט דערמאנט, ווער עס האט זיי איינגעפירט, נאר מען רופט זיי „תקנת חכמים״. פיל תקנות ווערן צוגעשריבן צו עזרא הסופר (בבא קמא פ״ב), צו די אנשי כנסת הגדולה און שפעטערע חכמים. אין גטין פרקים ד׳ און ה׳ ווערן געבראכט תקנות „מפני תקון עולם״ און „מפני דרכי שלום״ (מען זאל לאזן א ניט־יידישן ארעמאן נעמען לקט, שכחה און פאה, ניט אויסלייזן געפאנגענע פאר מער ווי זייער ווערט איז, כדי מען זאל ניט געבן די שונאים חשק צו נעמען געפאנגען יידן, וכדומה). אויך פון נאך דער צייט פון דער גמרא זענען פאראן די פארשידענע תקנות הגאונים. תקנות דרבנו גרשום (ניט נעמען מער ווי איין פרוי, ניט גטן קעגן דעם ווילן פון דער פרוי וכדומה), די תקנות פון פארשידענע שטעט (תקנות שו״ם און אנדערע). דער ועד ארבע ארצות (זע זוכווארט „ועד ארבע ארצות״) האט איינגעפירט פיל תקנות, וועלכע זענען פארעפנטלעכט געווארן אין די פינקסים. איינצלנע קהלות האבן איינגעפירט תקנות („תקנות הקהל״). אין שולחן ערוך יורה דעה רכ״ה (באזונדערס אין פירוש „בית יוסף״ פון רבי יוסף קארו צום טור) ווערט אנגעוויזן, אז יעדער איינצלנער ייד מוז פאלגן די תקנות פון קהל, ווייל זיי זענען אזוי שטארק ווי א דין. — זע „קהל, קהלה״.

**תרבות** („קולטור״, אין מאדערנעם העברעאיש), נאמען פון געזעלשאפט צו פארשפרייטן העברעאישע שפראך און שולן, אנטשטאנען אין אוקראינע 1917, געפירט גרויסע ארבעט פאר העברעאיש און העברעאישע שולן אין פוילן, ליטע, רומעניע, בולגאריע ביז די נאצי־דייטשן האבן פארנומען די דאזיקע לענדער אין דער מלחמה פון 1939. אין פוילן האט תרבות געהאט איבער 500 העברעאישע שולן. א געוויסע טעטיקייט פירט תרבות אויך אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און ארגענטינע.

**תרגום** דאס ווארט „תרגום״ איז אראמעאיש און איז דער טייטש „איבערזעצונג פון איין שפראך אין דער צווייטער״. מיר געפינען אין עזרא ד׳ „ומתורגם ארמית״. מיט „תרגום״ געוויינלעך מיינט מען די איבערזעצונג פון תנ״ך אין דער אראמעאישער שפראך (דערפון הייסט אין יידיש די אראמעאישע שפראך „תרגום־לשון״). אין דער צייט זינט דעם 5טן יארהונדערט פאר דער געוויינליכער צייטרעכענונג ביז דעם 7טן יארהונדערט נאך דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, אלזא איבער 1000 יאר, האבן יידן אין ארץ־ישראל, בבל, און אנ־

דערע שכנות־לענדער גערעדט אראמעאיש (זע זוכווארט „אראמעאיש״) און עס איז געווען נויטיק פאר זיי אן איבערזעצונג אין אראמעאיש פון חומש און טייל אנדערע ספרים פון תנ״ך. עס איז זיכער, אז אזעלכע תרגומים זענען געמאכט געווארן שוין גאר אין די אלטע צייטן, אבער זיי זענען געווען נאר טיילווייזע, ניט פון גאנצן חומש און ניט פון אלע תנ״ך ספרים. צום סוף פון צווייטן בית המקדש זענען שוין געווען מערערע תרגומים אויף פארשידענע תנ״ך־ספרים, און די יידישע חכמים זענען מייסטנס געווען קעגן דעם, וואס מען שרייבט־אויף די תרגומים, די ארמעאישע איבערזעצונגען, ווייל זיי האבן מורא געהאט, אז מען וועט דערפון מאכן אן עיקר און מען וועט מיינען, אז זיי זענען אזוי הייליק ווי דער תנ״ך זעלבסט, וועלכער איז געווען דאס איינציקע הייליקע ספר וואס איז געווען אויפגעשריבן (תורה שבכתב). די גמרא שבת קט״ז דערציילט ווי דער תנא רבן גמליאל הזקן (אין 1טן יארהונדערט) האט געהייסן באהאלטן (גונז זיין) און ניט לאזן פארשפרייטן א געשריבענעם תרגום פון איוב. אבער ביסלעכווייז האט מען דעם תרגום מתיר געמאכט אויך אויפצושרייבן. און וואס אנבאלאנגט לערנען תנ״ך מיט א תרגום איז עס געווארן א מצוה („שנים מקרא ואחד תרגום״, ברכות ח׳, „מפורש זה תרגום״, מגילה ג׳). די גמרא אין מגילה ג׳ דערציילט, אז דעם תרגום אויף חומש האט געמאכט אונקלוס הגר און פון נביאים יונתן בן עוזיאל. אין קידושין מ״ט ווערט דער תרגום אונקלס אנגערופן „תרגום דידן״, „אונדזער תרגום״. וועגן דער פראגע ווער איז געווען אונקלוס דער גר און וואס פארא שייכות האט ער מיט עקילס דעם גר, וועגן וועלכן דער ירושלמי ברענגט, אז ער האט איבערזעצט חומש, זע זוכווארט „אונקלס״. די געלערנטע פארשער נעמען אן, אז אונקלוס און עקילס איז איין און די זעלבע פערזאן, און אז ער האט איבערזעצט חומש ניט אין אראמעאיש נאר אין גריכיש און אז פון זיין איבערזעצונג איז געמאכט געווארן אין בבל אונדזער „תרגום אונקלוס״. וואס אנבאלאנגט אונדזער „תרגום יונתן בן עוזיאל״ און „תרגום ירושלמי״ זענען זיי זיכער נתחבר געווארן שפעטער, און לויט דער מיינונג פון ראפאפארט (אין „ערך מלין״ זוכווארט „אפטרתא״) איז דער תרגום ירושלמי געווען אמייסטן דרשות צו די פרשיות אין חומש, וועלכע מען האט געלייענט אין יום־טוב און באזונדערס פייערלעכע שבתים און אנדערע פייערלעכע טעג, און אויך צו די הפטרות פון די דאזיקע פייערלעכע טעג. דער תרגום אונקלוס איז א גענויע איבערזעצונג פון טעקסט, אבער מיט געוויסע דערקלערונגען, באזונדערס צו דערקלערן די אויסדרוקן וועגן גאט אין זין פון באזייטיקן דעם איינדרוק, אז גאט האט מענטשלעכע אייגנשאפטן. דאס האט שוין באמערקט די גמרא קידושין מ״ט, אז דער תרגום זעצט איבער דעם פסוק „ויראו את אלהי ישראל״ (און זיי האבן געזען גאט) מיט די ווערטער „וחזו ית יקר אלהא דישראל״, זיי האבן געזען די הערלעכקייט פון גאט. אזוי טוט דער תרגום אין פיל ערטער. אנשטאט „גאט״ באנוצט דער תרגום „מימרא דה׳ ״, „גאטס ווארט״, און דאס איז זיכער אונטער דעם איינפלוס פון דער יידישע העלעניסטישער פילאזאפיע פון אלעקסאנדריע (זע „פילאן״) וועגן „לאגאס״, וועגן גאטס ווארט. עס זענען פאראן אין תרגום נאך אנדערע ענדערונגען, וואס האבן דעם ציל בעסער צו דערקלערן דעם פסוק. דער תרגום אונקלוס איז נאר אויף חומש. וואס אנבא־

לאנגט דעם תרגום אויף נביאים וכתובים איז פאראן א מיינונג, אז דאס איז דער „תרגום דרב יוסף" (פון אמורא רב יוסף) וואס ווערט דערמאנט אין דער גמרא (מגילה ג' און אנדערע ערטער). אין דער צייט פון די גאונים זענען געווען צוויי תרגומים און מען האט זיי גערופן „תרגום בבלי" און „תרגום ירושלמי". — ביים מעביר סדרה זיין איז מען זיך נוהג צו זאגן צוויי מאל דעם פסוק פון חומש און דערנאך איינמאל די איבערזעצונג פון דעם זעלבן פסוק אין תרגום אונקלוס אין זין פון דער דערמאנטער גמרא „לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור שנים מקרא ואחד תרגום" (ברכות ח'). — וועגן תרגום זענען געשריבן פיל אפהאנדלונגען. די וויכטיקסטע פון זיי זענען ר' נתן אדלערס „נתינה לגר" (באמערקונגען און איינלייטונג), רייפמאן „שדה ארם" און „מאמר דרכי התרגומים", שד"ל, „אוהב גר". א גרינטלעך ווערטערבוך פון תרגומים זענען פאראן לעווים אין דייטש, ערוך השלם פון קאהוט אין העברעאיש און יאסטראווס אין ענגליש.

**תרגום שני** א תרגום (זע זוכווארט „תרגום") און מדרש, דורכגעפלאכטן מיט סיפורי-מעשיות, אין ארמעאיש, צו מגילת אסתר; די געלערנטע ווייזן אז, אז דער תרגום איז ניט אנטשטאנען מיט אמאל און אז טיילן פון אים זענען ווארשיינלעך געשריבן געווארן אין 8טן יארהונדערט, און געוויסע טיילן אזוי שפעט ווי אין 12טן יארהונדערט; אנטהאלט אגדות וועגן שלמה המלך, זיין שטול, זיין קאמף מיטן אשמדאי, דער מלכה שבא, אגדות וועגן אחשורוש, המן, מרדכי און אסתר. א טייל פון די אגדות שטאמען פון אראבישע קוואלן. צום תרגום שני זענען פאראן שפעטערע איבערזעצונגען אין העברעאיש („פתשגן הכתב"), יידיש; מען האט אים אויך איבערזעצט אין אנדערע שפראכן.

**תרומה** (אויפהויבן); מיט דעם ווארט ווערט אנגערופן אין תנ"ך יעדע נדבה, וואס מען גיט פאר רעליגיעזע צוועקן („ויקחו לי תרומה", שמות כ"ה), און די דערקלערונג דערפון איז, ווייל ווען מען נעמט די זאך „הויבט מען זי אויף", מען „הויבט זי ארויס" פון די אנדערע זאכן („ותרומת ידכם", דברים י"ב). שפעטער האט מען אנגערופן תרומה דעם טייל תבואה וואס מען האט געגעבן אין ארץ-ישראל (און אין טייל שכנות-לענדער) די כהנים. איידער מען האט אראפגענומען די תרומה האט מען די תבואה ניט געטארט עסן, און מען האט אזא תבואה גערופן „טבל". די תרומה האט געמעגט עסן נאר א כהן און זיין פאמיליע, ווי פרוי, זין, ניט-פארהייראטע טעכטער, און אויך זיינע קנעכט. א לוי אדער א ישראל האט תרומה ניט געטארט עסן. וועגן דער פראגע וויפל האט מען געדארפט געבן תרומה, זענען געווען פארשידענע מיינונגען; לויט איין מיינונג א פערציקסטל, אבער אויב מען האט געגעבן ווינציקער האט מען אויך יוצא געווען (משנה תרומות). אויך דער לוי האט געדארפן פון מעשר (זע „מעשר") וואס ער האט באקומען, געבן א צענטל דערפון צום כהן, און דאס האט געהייסן „תרומת מעשר". די דינים וועגן תרומה זענען פאראן אין משנה „תרומות".

**תרומות** (הייסט אויך „תרומה גדולה"), משניות אין סדר זרעים; אנטהאלט 11 פרקים; גמרא נאר ירושלמי, תוספתא 9 פרקים; באהאנדלט די דינים וועגן תרומה.

**תרח** פאטער פון אברהם אבינו, געוואוינט צוערשט אין אור כשדים, געגאנ-

גען קיין ארץ כנען צוזאמען מיט זיינע קינדער, אויפן וועג זיך באזעצט אין חרן און איז דארט געשטארבן (בראשית י"א). אין יהושע כ"ד ווערט געזאגט וועגן תרח „ויעבדו אלהים אחרים", אז ער איז געווען א געצנדינער. אין תנא דבי אליהו (רבא, פרק ה') ווערט דערציילט דער סיפור אגדה, אז תרח האט געהאנדלט מיט געצן-בילדער און אברהם האט זיי צעבראכן. אין בבא בתרא ט"ז ווערט געזאגט, אז תרח האט צום סוף תשובה געטאן. אין במדבר ל"ג ווערט אנגערופן „תרח" איין ארט, אין וועלכן די יידן האבן גערוט, גייענדיק פון מצרים אין מדבר.

**תרי עשר** (צוועלף, אין אראמעאיש), נאמען פון זאמלונג פון 12 קלענערע ספרים פון נביאים: הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה און מלאכי. לויט דעם סדר פון תנ"ך אין בבא בתרא י"ד איז תרי עשר (אין דער גמרא הייסט עס „שנים עשר") צום סוף פון די ספרי הנביאים. די דאזיקע נביאים-זאמלונג ווערט דערמאנט שוין אין ספר בן סירא (מ"ט). וועגן יעדן פון די ספרים זע אין די באטרעפנדע זוכווערטער („הושע" און אזוי ווייטער).

**תרי"ג מצוות** זע „מצוה, מצוות".

**תרפים** נאמען פאר טייל אפגעטער אין תנ"ך; אין בראשית ל"א ווערט דערציילט, אז ווען יעקב אבינו איז אנטלאפן פון זיין שווער לבן, „ותגנב רחל את התרפים אשר לאביה", האט רחל, יעקבס ווייב, צוגעגנבעט די תרפים, וואס האבן געהערט צו איר פאטער. אויך אין אנדערע ערטער פון תנ"ך געפינען מיר אפט דערמאנט די תרפים, ביי וועלכע מען פלעגט פרעגן זיך אויף עצות („שאל בתרפים", יחזקאל כ"א); יאשיהו המלך האט זיי געלאזט פארניכטן (מלכים ב' כ"ג). אין „ספר הישר" אויף פרשת ויצא און אויך אין פריערדיקע מדרשים ווערט דערציילט, אז די תרפים זענען באשטאנען פון אן אפגעהאקטן קאפ פון אן עלטסטן זון (בכור) און אונטער דער צונג זענען געווען ארונטערגעלייגט פארשידענע כשפים-שמות, און וועגן וואס מען האט דעם קאפ געפרעגט האט ער געענטפערט. די באדייטונג פון ווארט „תרפים" איז ניט קלאר.

**תרשיש** לאנד ביים ים, ווערט דערמאנט אפט אין תנ"ך, און די שיפן וואס פלעגן גיין אהין זענען, ווייזט אויס, געווען גרויסע און דערפון איז דער אויסדרוק „אניות תרשיש" אלס באצייכענונג פאר גרויסע שיפן (ישעיה ב'). פון תרשיש פלעגט מען ברענגען זילבער, אייזן, אנדערע מעטאלן (יחזקאל כ"ג און אנדערע ערטער). אין מלכים א', י', ווערט דערציילט, אז שלמה המלך האט געהאט „אני תרשיש", „תרשיש-שיף", וואס פלעגט אים ברענגען איינמאל אין 3 יאר גאלד, זילבער, העלפאנטן, מאלפעס און פאפוגייען. קיין תרשיש האט געוואלט אנטלויפן מיט א שיף יונה הנביא (יונה א'). די אלטע גריכישע תנ"ד-איבערזעצונג „סעפטואגינטא" זעצט איבער אין טייל ערטער אין תנ"ך תרשיש מיט „קארטאגא", די בארימטע פעניצישע שטאט אין צפון-אפריקע.

**תשבי** זע „אליהו הנביא".

**תשובה** (צוריקער), דאס חרטה האבן אויף זינד, דאס באשליסן ביי זיך מער ניט צו זינדיקן, דאס צוריקקערן צום גוטן וועג; דער אויסדרוק איז געשטיצט אויף א ריי פסוקים אין חומש און אנדערע תנ"ך-ספרים: „ושבת עד ה' אלקיך", „און דו וועסט צוריקקערן צו גאט, דיין גאט" (דברים ל'), „יעזוב רשע דרכו ואיש

און מחשבותיו וישוב אל ה׳ וירחמהו״, „זאל פארלאזן דער רשע זיין וועג און דער שלעכטסטראכטנדער מענטש זיינע געדאנקען און זאל ער צוריקקערן צו גאט און ער וועט רחמנות האבן אויף אים״ (ישעיה נ״ה), און אנדערע ערטער. דאס ווארט „תשובה״ אין דאזיקן זין פון חרטה האבן אויף זינד איז פאראן אין דער משנה און גמרא און שפעטערע ספרים זייער פיל און איז איינער פון די הויפט־יסודות אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט. עס איז די אויפפאסונג, אז דער מענטש, ווי זינדיק ער זאל ניט זיין, איז בכח דורך אויפריכטיקער חרטה און באשלוס צוריקקערן צום גוטן וועג אפצומעקן אלע שלעכטע מעשים, וואס ער האט געטאן, און ווערן ריין. די דאזיקע אידייע פון תשובה, וועלכע איז אויסגעדריקט אין חומש און די ספרי הנביאים און אויך שפעטער אין פילאזאפישער אויפפאסונג אין די ווערק פון פילאן (זע זוכווארט „פילאן״, זע די ארבעט פון שטיין „פילון אלכסנדרוני״), ווערט אין דער משנה און גמרא דערפירט צו דער העכסטער מדרגה פון רעליגיעזער איבערלעבונג. די משנה אין אבות ד׳ זאגט, אז „תשובה ומעשים טובים כתרים בפני הפורענות״. דער ירושלמי מכות ב׳ זאגט, אז גאט האט אויף דער פראגע, וואס זאל געשען מיט א זינדיקן מענטש, געענטפערט, זאל דער זינדיקער טאן תשובה. די גמרא ברכות ל״ד זאגט „במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים עומדים״ (דארט וואו בעלי תשובה שטייען קאנען צדיקים גמורים ניט שטיין), דאס הייסט, אז דער בעל תשובה, שטייט העכער פון א צדיק. וועגן דער פראגע וואס הייסט „תשובה טאן״, צי איז גענוג דאס אויסדריקן חרטה, אדער מען דארף זיך אליין אנטאן געוויסע פייניקונגען, זענען פאראן פארשידענע מיינונגען אין די רעליגיעזע ספרים. דער רמב״ם אין משנה תורה הלכות תשובה ב׳ זאגט, אז עס איז גענוג דאס חרטה האבן אויף די זינד און באשליסן מער ניט צו זינדיקן. דעם זעלבן געדאנק פירט אויך דורך דער רבנו בחיי אבן פקודה אין „חובות הלבבות״ (שער התשובה). טייל מקובלים מיינען, אז צו דער תשובה דארפן אויך זיין סיגופים, קערפערלעכע פייניקונגען. ווי פאסטן, קאלערן דעם קערפער ווינטער אין שניי (גלגול שלג), שלאפן אויף דער ערד, וואנדערן (אפריכטן גלות). פאראן אויך דער באגריף פון „תשובת המשקל״, דאס הייסט, אז דעם בעל תשובה זאל זיך טרעפן די געלעגנהייט ווידער צו באגיין די זעלבע זינד אין זעלבן ארט און ער זאל גובר זיין אויף זיין ווילן און ער זאל ניט זינדיקן (געשטיצט אויף דער גמרא יומא פ״ו). ספרים און מאמרים וועגן תשובה זענען פאראן א סך: די דערמאנטע ספרים פון רמב״ם און „חובות הלבבות״, רבנו יונה גירונדים „שערי תשובה״ און „אגרת התשובה״, די הלכות תשובה אין רבי אליעזר גרמיזאס „רקח״, אין של״ה פון רבי ישעיה הורוויץ, אין „ראשית חכמה״ פון רבי אליהו די ווידאש, אין „שבט מוסר״ פון רבי אליהו הכהן. עס זענען אויך פאראן פאלקס־סיפורים וועגן בעלי־תשובה, וועלכע האבן זיך געפייניקט און האבן דערפאר דערגרייכט הויכע מדרגות. וועגן „עשרת ימי התשובה״ זע זוכווארט „עשרת ימי התשובה״.

**תשובה, תשובות** מיטן נאמען תשובות ווערן באצייכנט די שאלות ותשובות־ספרים. — זע זוכווארט „שאלות ותשובות״.

**תשליך** (ארייננווארפן); דער מנהג צו גיין דעם ערשטן טאג ראש השנה פאר־

נאכט צו א וואסער (טייך, ים, אדער לויפנדן קוואל) און זאגן תפילות, אין וועלכע עס איז אויך פאראן דער פסוק פון מיכה ז׳ „ותשליך במצולות ים כל חטאתם״ (און זאלסט אריינווארפן אין די טיפעניש פון ים אלע זייערע זינד). ביים זאגן דעם דאזיקן פסוק איז מען זיך נוהג צו שאקלען די עקן פון טלית קטן, אדער אויסשאקלען די קעשענעס, און דער פאלקס־גלויבן איז, אז דערמיט ווארפט מען אריין אין וואסער די עבירות. דער מנהג ווערט ניט דערמאנט אין דער גמרא און אויך ניט אין די ערשטע פוסקים־ספרים און שולחן ערוך. ער ווערט דערמאנט אין דעם „מנהגים״ פון רבי יעקב הלוי מולין (מהרי״ל), אין רבי משה איסערלים (רמ״א) „תורת העולה״. טייל מיינען צו געפינען דערצו א רמז אין פלאוויוס „קדמוניות״ בוך 14. אין מאראקא איז געווען א מנהג צו גיין צו תשליך שביעי של פסח; דער דאזיקער מנהג איז אויך פאראן ביי די אנוסים אין פארטוגאל (סלושץ אין „רשומות״ באנד 5 און 6). ווען דער ערשטער טאג ראש השנה פאלט אויס אום שבת איז דער מנהג צו געהן צו תשליך דעם 2טן טאג ראש השנה.

**תשעה באב** (ניין טעג אין אב); דער גרעסטער תענית (אחוץ יום כיפור) און טרויער־טאג ביי יידן, אין 9טן טאג אין חודש אב, צום אנדענק פון חורבן פון בית המקדש; דער תענית ווערט שוין דערמאנט אין זכריה ה׳ („צום החמישי״), דער תענית אין 5טן חודש, דאס הייסט אב, ווען מען רעכנט ניסן אלס דעם ערשטן חודש פון יאר. די משנה אין תענית ד׳ זאגט, אז אין תשעה באב זענען געשען עטלעכע טרויעריקע פאסירונגען פאר יידן: עס איז אין דער צייט פון משה רבנו אין מדבר נגזר געווארן אויף דעם דור המדבר ניט אריינצוגיין אין ארץ־ישראל; עס זענען חרוב געווארן דאס ערשטע בית המקדש און דאס צווייטע בית המקדש; עס איז חרוב געווארן די פעסטונג ביתר אין דער צייט פון בר כוכבא אויפשטאנד; און עס איז פאראקערט געווארן די שטאט (ווארשיינלעך מיינט מען דערמיט ירושלים). אויך אין דער שפעטערדיקער יידישער געשיכטע איז צו פארצייכענען, אז אין תשעה באב (יאר רנ״ב) איז פארגעקומען דער גירוש פון שפאניע. אין תשעה באב זענען איינגעפירט פיל דינים און מנהגים פון טרויער. שוין דריי וואכן פאר תשעה באב און באזונדערס אין די 9 טעג זענען איינגעפירט געוויסע טרויער־מנהגים (זע זוכווערטער „דריי וואכן״ און „ניין טעג״). דעם 8טן טאג אין אב פארנאכט פארפאסט מען מיט א סעודה המפסקת און ווען עס ווערט אוונט טוט מען אויס די שיך און מען גייט אין זאקן און עס הויבט זיך אן דער תענית, וועלכער דויערט א גאנצן מעת־לעת ביז צומארגנס אין אוונט. מען פארזאמלט זיך אין אוונט אין שול און מען לייענט „איכה״ (זע זוכווארט „איכה״) און מען זאגט א טייל קינות (זע זוכווארט „קינות״). מען זיצט ניט נארמאל אויף די בענק, נאר נידעריק, נאענט צו דער ערד, אזוי אין שול, און אזוי אין שטוב, אלס סימן פון אבלות. פון ארון קודש אין שול ווערט אראפגענומען דער פרוכת און אין שול ווערן געברענט נאר עטלעכע ליכטלעך. צומארגנס אינדערפרי פארזאמלט מען זיך ווידער אין די שולן, מען לייגט ניט קיין תפילין (ערשט נאך 12 בייטאג לייגט מען תפילין), און נאכן דאווענען זאגט מען די ווייטערע קינות ביז צום סוף פון די קינות. עס איז דער מנהג תשעה באב בייטאג צו גיין אויף די בית עלמינם (דער מנהג, וועלכער ווערט געבראכט אין די „מנהגים״ פון רבי יעקב

מולין, מהרי״ל, שטיצט זיך אויף דעם מדרש און קינה פון „אז בהלוך ירמיהו״). ערשט בייגאכט עסט מען די סעודה נאכן תענית. אין ירושלים איז דער מנהג תשעה באב צו גיין צו דער כותל המערבי. עס זענען פאראן אויך פארשידענע לאקאלע מנהגים אין תשעה באב. אין טייל ערטער ווארפן קינדער שטעכיקע וואלד־בערעלעך אויף די מתפללים אין די שולן. יעקב אבן ספיר (אין „אבן ספיר״) דערציילט, אז אין תימן טוט מען אן די ספר תורה אין א שווארצן מענטעלע און מען לייגט ארויף אויף איר אש און דער חזן, טראגנדיק די ספר תורה, רופט אויס, „ספרי תורה כי חוללה תפארתך״. אין פיל יידישע קהלות איז דער מנהג, אז די פרויען פארזאמלען זיך אין די הייזער פון איינער פון זיי, א מלומדת, אלע זעצן זיך אויף נידעריקע בענקעלעך און די מלומדת דערציילט פאר זיי פון טייטש־חומש מגילת איכה די טרויעריקע סיפורים פון חורבן ירושלים. אויב תשעה באב פאלט אויס אום שבת לייגט מען אים אפ אויף זונטיק, און דאס הייסט א „נדחה״. תשעה באב איז געווארן דער אויסדרוק פאר טרויער, און ווען מען וויל זאגן, אז עס איז געווען א גרויסער טרויער, זאגט מען „עס איז געווען תשעה באב״. — זע זוכווערטער „איכה״, „בר כוכבא״, **„חרבן ירושלים״, „קינות״.**

**תשרי** נאמען פון 1טן חודש אין יידישן לוח ווען מען רעכנט תשרי אלס ערשטן חודש, און דער 7טער חודש אויב מען רעכנט ניסן אלס 1טן חודש; האט 30 טעג; אין תנ״ך הייסט ער „ירח האיתנים״ (מלכים א׳ ח׳). דער חודש תשרי איז די פייערלעכסטע צייט אין יאר; די ערשטע 2 טעג זענען ראש השנה; דער 3טער טאג איז צום גדליה; די ערשטע 10 טעג זענען די עשרת ימי התשובה, דער 10טער טאג איז יום כיפור, פון 15טן ביזן 23טן טאג איז סוכות, הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה; לויט דער גמרא ראש השנה י׳ איז אין תשרי באשאפן געווארן די וועלט; לויט איין מיינונג אין גמרא ראש השנה זענען אין תשרי געבוירן געווארן די אבות; דער נאמען תשרי (פונקט ווי די נעמען פון אלע יידישע חדשים) שטאמט פון בבל.

**תתנ״ו, גזרת** זע זוכווארט „קרייץ־פארער״; דאס ווארט תתנ״ו באצייכנט דאס יאר ד׳ אלפים תתנ״ו, אין דער אלגעמיינער צייטרעכענונג איז עס 1096.

# אויסבעסערונגען פון פעלערן און גרייזן

צוליב פארשידענע טעכנישע סיבות און אויך אנדערע אורזאכן, און באזונ־דערס דערפאר, וואס די מאטעריאלן פון דער יידישער פאלקס־ענציקלאפעדיע זענען פריער באארבעט געווארן פיל ברייטער און דערנאך זענען זיי געווארן שטארק פאר־קירצט, זענען אריינגעפאלן פיל גרייזן און פעלערן, און טייל פון זיי ווערן דא אויס־געבעסערט.

אין ערשטן באנד עמוד 3 ווערט געבראכט אז לויט דער גמרא איז דער טיטל אב בית דין געווען שוין אין דער צייט פון דור המדבר. באמת ווערט אין דער גמרא געזאגט, אז ערשט שפעטער, אין דער צייט פון שאול וינתן.

עמוד 302 ווערט אנגעגעבן וועגן אלעזר בן חרסום די גמרא יומא ל״ב; עס דארף זיין ל״ט און ל״ה.

עמוד 306 ווערט אנגעגעבן גמרא שבת ל״א; עס דארף זיין ל״ג.

עמוד 315, דארף זיין, אנשטאט עירובין ג׳, כתובות ח׳.

עמוד 282 דארף אנשטאט נדרים ע״ד זיין ס״ד.

עמוד 458 שורה 21 דארף זיין, אנשטאט „פאראן נאר איין גאט״, „פאראן נאר איין גאט״.

עמוד 495 ווערט פעלערהאפט אנגעגעבן וועגן ווארט „בית עלמין״ אין דער גמרא ברכות און סנהדרין. דארט דארף אויך, אנשטאט סנהדרין ו׳, זיין מגלה כ״ט.

עמוד 511 דארפן ארויספאלן די ווערטער „שבת י״א״.

עמוד 575 דארף אנשטאט „זשיטאמיר״ זיין רוסלאנד.

עמוד 580 דארף אנשטאט סנהדרין י״ג זיין ב״ו.

עמוד 595 דארף זיין סנהדרין ס״ג און חולין ק״ה.

עמוד 745 דארף אנשטאט מגלה י׳ זיין מגלה י״ח.

עמוד 659 דארף אנשטאט „מגלה״ זיין „חגיגה״.

עמוד 691 דארף אנשטאט ברכות י״ז זיין בבא מציעא פ״ו.

עמוד 730 פעלט, אז לויט דער גמרא שבת קכ״ז ווערט די משנה אזוי געטייטשט.

עמוד 745 דארף אנשטאט מגלה זיין מגלה י״ח.

עמוד 777 דארף אנשטאט שבת קי״ט זיין ק״ט, און דער בסירוגין איז פון שפעטערע פוסקים.

עמוד 882 די צווייטע שורה פון „חלוקה״ איז אריינגעקומען דורך א טעות און עס דארף זיין „ווערט באצייכנט אין די לעצטע עט״.

עמוד 935 אין אנהויב שורה 28 דארף אנשטאט „תבואה״ זיין דאס ווארט „תרומה״.

אויך אין 2טן באנד זענען אריינגעפאלן פעלערן (למשל אין זוכווארט „פינקל-שטיין״ דארף אנשטאט „ספרי זוטא״ זיין „ספרי דברים״).

עם זענען אויך פאראן א ריי אנדערע דרוק-פעלערן.